The original text is in the public domain and was not copyrighted. However, this etext is the property of Artists For Israel International and all rights are reserved. Permission is granted to make private copies. However, for other permissions, contact the etext owner AFII P.O. Box 2056 NY NY 10163 U.S.A.

# די גוטע בשורה לויט מתי

## 1

1 דאָס בוך פונם שטאַמבוים פון ישוע המשיחן, דעם
2 זון פון דוד, דעם זון פון אברהם· אברהם האָט
געבוירן יצחקן, און יצחק האָט געבוירן יעקבן, און
3 יעקב האָט געבוירן יהודהן און זיינע ברידער· און
יהודה האָט געבוירן פרצן און זרחן פון תמר· און
פרץ האָט געבוירן חצרון, און חצרון האָט געבוירן
4 רם· און רם האָט געבוירן עמינדבן, און עמינדב
האָט געבוירן נחשון, און נחשון האָט געבוירן שלמון,
5 און שלמון האָט געבוירן בועזן פון רחב, און בועז
האָט געבוירן עובדן פון רות, און עובד האָט געבוירן
6 ישי, און ישי האָט געבוירן דוד המלך·
און דוד האָט געבוירן שלמהן פון אוריהס ווייב,
7 און שלמה האָט געבוירן רחבעם, און רחבעם האָט
8 געבוירן אביה, און אביה האָט געבוירן אסא, און
אסא האָט געבוירן יהושפטן, און יהושפט האָט
9 געבוירן יורם, און יורם האָט געבוירן עזיהו, און
עזיהו האָט געבוירן יותם, און יותם האָט געבוירן
10 אחזן, און אחז האָט געבוירן יחזקיהן, און יחזקיהו
האָט געבוירן מנשהן, און מנשה האָט געבוירן אמון,
11 און אמון האָט געבוירן יאשיהו, און יאשיהו האָט
געבוירן יכניהו און זיינע ברידער, צו דער צייט
פונם גלות בבל·

12 און נאָך דער פאַרטרייבונג קיין בבל האָט יכניהו
געבוירן שאלתיאלן, און שאלתיאל האָט געבוירן
13 זרובבלען, און זרובבל האָט געבוירן אביהודן, און
אביהוד האָט געבוירן אליקים, און אליקים האָט
14 געבוירן עזורן, און עזור האָט געבוירן צדוקן,
און צדוק האָט געבוירן יכין, און יכין האָט געבוירן

15 אליהודן, און אליהוד האָט געבוירן אלעזרן, און
אלעזר האָט געבוירן מתן, און מתן האָט געבוירן
16 יעקבן, און יעקב האָט געבוירן יוספן, דעם מאַן פון
מרים, פון וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן ישוע,
וואָס ווערט גערופן משיח·
17 און אַזוי זענען אַלע דורות פון אברהם ביז דוד
פערצן דורות; און פון דוד ביז צום גלות בבל פערצן
דורות; און פונם גלות בבל ביז צו דעם משיח פערצן
דורות·
18 און די געבורט פון ישוע המשיחן איז פאָרגעקומען
אויף אַזאַ אופן: ווען זיין מוטער מרים איז געווען
פאַרקנסט צו יוספן, איידער זיי זענען זיך צוזאַמענגע־
קומען, איז זי געפונען געוואָרן מעוברת פונם רוח
19 הקודש· יוסף, איר מאַן, איז אָבער געווען אַ צדיק,
און האָט איר נישט געוואָלט אָנטון קיין חרפּה, האָט
ער בדעה געהאַט, שטילערהייט מיט איר זיך פאַנאַנ־
20 דערצוגיין· און טראַכטנדיק אַזוי וועגן דעם, זע,
אַ מלאך פון דעם האַר (ג־ט) האָט זיך באַוויזן צו אים
אין אַ חלום, אַזוי צו זאָגן: יוסף בן דוד, פאָרכט דיך
נישט צו נעמען מרים, דיין ווייב; וואָרום דאָס, וואָס
איז אין איר געשאַפן געוואָרן, איז פונם רוח הקודש·
21 און זי וועט געבוירן אַ זון, און דו זאָלסט רופן זיין
נאָמען ישוע; וואָרום ער וועט ראַטעווען זיין פאָלק
22 פון זייערע זינד· און דאָס אַלץ איז געשען,
כדי עס זאָל דערפילט ווערן, וואָס עס איז געזאָגט
געוואָרן פון דעם האַר (ג־ט) דורך דעם נביא, אַזוי
צו זאָגן:

23 זע די עלמה וועט פאַרגיין אין טראָגן,
און געבוירן אַ זון,
און מען וועט רופן זיין נאָמען עמנואל,

(ישעיהו ז י״ד·)

וואָס דער טייטש דערפון איז: ג־ט מיט אונז·
24 און ווען יוסף איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער
געטון, ווי דער מלאך פון דעם האַר (ג־ט) האָט אים
באַפוילן, און ער האָט גענומען צו זיך זיין ווייב;
25 און האָט זיך מיט איר נישט באַהאָפטן, ביז זי האָט
געבוירן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען
ישוע·

## קאַפּיטל צוויי

1 און ווען ישוע איז געבוירן געוואָרן אין בית לחם
יהודה, אין די טעג פון קעניג הורדוס, זע,
שטערנזעער פונם מזרח זענען אָנגעקומען קיין
2 ירושלים, און האָבן געזאָגט: וואו איז ער, וואָס
איז געבוירן געוואָרן, דער מלך פון די יידן?
וואָרום מיר האָבן געזען זיין שטערן אויפן מזרח,
3 און זענען געקומען, זיך צו בוקן צו אים· און ווי
דער קעניג הורדוס האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך
4 דערשראָקן און גאַנץ ירושלים מיט אים· און
איינזאַמלענדיק אַלע הויפט־כהנים און סופרים
פונם פאָלק, האָט ער זיי געפרעגט, וואו דער משיח
5 דאַרף געבוירן ווערן· און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
אין בית לחם יהודה; וואָרום אַזוי איז געשריבן
געוואָרן דורך דעם נביא·

6 און דו בית לחם, לאַנד יהודה,
ביסט בשום אופן נישט דאָס קלענסטע
צווישן די פרינצן פון יהודה;
וואָרום פון דיר וועט אַרויסקומען אַ מושל,
וואָס וועט פיטערן מיין פאָלק ישראל! (מיכה ה׳ ב׳)

7 דערנאָך האָט הורדוס שטילערהייט גערופן די
שטערנזעער, און גרינטלעך אויסגעפאָרשט ביי זיי
8 די צייט, ווען דער שטערן האָט זיך באַוויזן· און ער

האָט זיי געשיקט קיין בית לחם, און געזאָגט: גייט
און פאָרשט נאָך גענוי וועגן דעם קינד; און ווען
איר וועט עס געפינען, דערציילט מיר, כדי איך
9 זאָל אויך קומען און מיך בוקן צו אים· און זיי,
האָבנדיק געהערט דעם קעניג, האָבן זיך געווענדט
אויף זייער וועג; און זע, דער שטערן, וועלכן
זיי האָבן געזען אויפן מזרח, איז געגאַנגען פאַר
זיי, ביז ער איז געקומען און זיך געשטעלט איבער
10 דעם אָרט, וואו דאָס קינד איז געוועןֹ· און זעענדיק
דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפריידט מיט אַ זער
11 גרויסער שמחה· און זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז
און האָבן געזען דאָס קינד מיט מרים, זיין
מוטער; און זענען אַנידערגעפאַלן און האָבן זיך
געבוקט צו אים; און האָבן אויפגעעפנט זייערע
אוצרות און אים געבראַכט מתנות, גאָלד און וויירויך
12 און מירע· און ווערנדיק געוואָרנט אין אַ חלום, זיך
נישט אומצוקערן צו הורדוסן, זענען זיי אַוועק
אויף אַן אַנדערן וועג אין זייער אייגן לאַנד אַריין·
13 און נאָך זייער אַוועקגיין, זע, אַ מלאך פון דעם
האַר (ג-ט) באַווייזט זיך צו יוספן אין אַ חלום,
אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף און נעם דאָס קינד און
זיין מוטער, און אַנטלויף קיין מצרים, און זיי דאָרטן,
ביז איך וועל דיר זאָגן; וואָרום הורדוס וועט זוכן
14 דאָס קינד, כדי עס אומצוברענגען· און ער איז
אויפגעשטאַנען און האָט גענומען דאָס קינד און
זיין מוטער ביינאַכט, און איז אַוועק קיין מצרים·
15 און איז דאָרט געוועןֹ ביז הורדוס איז געשטאָרבן,
כדי עס זאָל דערפילט ווערן, וואָס עס איז געזאָגט
געוואָרן פון דעם האַר דורך דעם נביא, אַזוי צו זאָגן:
פון מצרים האב איך גערופן מיין זון· (הושע יא א׳·)
16 דעמלט האָט הורדוס געזען, אַז ער איז געוואָרן

אָפּגעשפּאָט פון די שטערנזעער, איז ער געוואָרן
שרעקלעך צאָרנדיק, און האָט געשיקט, און געלאָזט
טייטן אַלע יינגלעך, וואָס זענען געווען אין בית
לחם און אין אַלע אירע געגנטן, פון צוויי יאָר און
יונגער, לויט דער צייט, וואָס ער האָט גענוי
17 אויסגעפונען פון די שטערנזעער. דעמלט איז
דערפילט געוואָרן, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן
דורך ירמיהו הנביא, אַזוי צו זאָגן:
18 אַ קול איז געהערט געוואָרן אין רמה,
אַ געוויין און ביטער באַקלאָגן,
רחל באַוויינט אירע קינדער;
און וויל נישט געטרייסט ווערן,
ווייל זיי זענען מער נישט פאַראַן. (ירמיהו לא ל׳ טו׳)
19 ווען אָבער הורדוס איז שוין געווען טויט, זע, אַ
מלאך פון דעם האַר (ג־ט) באַווייזט זיך אין אַ חלום
20 צו יוספן אין מצרים, און זאָגט: שטיי אויף און נעם
דאָס קינד און זיין מוטער, און גיי קיין ארץ ישראל;
וואָרום עס זענען שוין געשטאָרבן די, וואָס האָבן
21 געזוכט דאָס לעבן פון דעם קינד. און ער איז
אויפגעשטאַנען און האָט גענומען דאָס קינד און זיין
22 מוטער, און איז געקומען קיין ארץ ישראל. נאָר
הערנדיק, אַז אַרכעלאַוס קעניגט איבער יהודה
אויפן אָרט פון זיין פאָטער הורדוס, האָט ער זיך
געפאָרכטן דאָרט אַהינצוגיין; און נאָך דעם ווי ער
איז געוואָרנט געוואָרן אין אַ חלום, איז ער אַוועק
23 אין די מקומות פון גליל, און איז געקומען און האָט
געוואוינט אין אַ שטאָט, וואָס מען רופט זי נצרת,
כדי עס זאָל דערפילט ווערן, וואָס עס איז געזאָגט
געוואָרן דורך די נביאים, אַז ער וועט גערופן ווערן
נצרי. (ישעיהו יא׳, א׳)

## קאַפּיטל דריי

1 אין יענע טעג קומט יוחנן המטביל, און רופט אויס
2 אין דער מדבר פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: טוט
תשובה; וואָרום דאָס מלכות השמים האָט זיך
3 דערנענטערט. וואָרום דאָס איז ער, פון וועמען
עס איז גערעדט געוואָרן דורך ישעיה הנביא, אַזוי
צו זאָגן:

אַ קול פון איינעם, וואָס רופט אויס אין דער
מדבר:
מאַכט גרייט דעם וועג פון דעם האַר (ג-ט),
מאַכט גלייך זיינע שטעגן! (ישעיהו מ׳ ג׳.)

4 און יוחנן אַליין האָט געהאַט אַ מלבוש פון קעמלהאָר,
און אַ לעדערנעם גאַרטל ארום זיינע לענדן; און זיין
שפּייז איז געווען היישעריקן און ווילדער האָניק.
5 דעמלט איז צו אים אַרויסגעגאַנגען ירושלים, און
6 גאַנץ יהודה, און די גאַנצע אומגעגנט פון ירדן; און
האָבן זיך געלאָזט טובל זיין פון אים אין דעם טייך
7 ירדן, מתודה זייענדיק זיך אויף זייערע זינד. ווען
אָבער ער האָט געזעען אַ סך פון די פּרושים און
פון די צדוקים קומען צו דער טבילה, האָט ער צו
זיי געזאָגט: איר שלאַנגענקינדער, ווער האָט אייך
געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איר זאָלט אַנטלויפן פון
8 דעם קומענדיקן גרימצאָרן? ברענגט דעריבער
9 פרוכט, וואָס איז ראוי בײַ תשובה! און זאָל אייך
נישט קומען אויף די געדאַנקען צו זאָגן: מיר האָבן
אברהם ווי אונזער פאָטער; וואָרום איך זאָג אייך,
אַז ג-ט איז בכח פון די דאָזיקע שטיינער אויפצו-
10 שטעלן קינדער צו אברהמען. און די האַק ליגט
שוין בײַם שורש פון די ביימער; דעריבער יעדער
בוים, וואָס ברענגט נישט קיין גוטע פּירות, ווערט

11 אָפּגעהאַקט, און געוואָרפֿן אין פֿייער אַריין. איך
טובֿל אייך מיט וואַסער צו תשובה; אָבער דער,
וואָס קומט נאָך מיר, איז שטאַרקער פֿון מיר, וואָס
איך בין נישט ווערט צו טראָגן זיינע שיך; ער וועט
אייך טובֿל זיין מיט דעם רוח הקודש און מיט פֿייער.
12 זיין ווינטשויפֿל איז אין זיין האַנט, און ער וועט
גוט אויסרייניקן זיין דרעשעריי; און ער וועט
איינזאַמלען זיין ווייץ אין שייער אַריין, אָבער די
פּלעווע וועט ער פֿאַרברענען אין פֿייער, וואָס לעשט
זיך נישט אויס.
13 דעמלט קומט ישוע פֿון גליל צום ירדן צו יוחנן,
14 כּדי געטובֿלט צו ווערן פֿון אים. ער אָבער האָט
עס אים פֿאַרווערט, זאָגנדיק: איך האָב בייטיק פֿון
דיר געטובֿלט צו ווערן, און דו קומסט צו מיר?
15 נאָר ישוע האָט ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט: לאָז
עס איצט צו; וואָרום אַזוי געשיקט זיך פֿאַר אונדז
מקיים צו זיין יעדע גערעכטיקייט. דעמלט האָט
16 ער אים געלאָזט. ווי ישוע איז געטובֿלט געוואָרן,
איז ער באַלד אַרויסגעשטיגן פֿון וואַסער;
און זע, די הימלען האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט, און ער
האָט געזען ג־טס גייסט אַראָפּנידערן ווי אַ טויב,
17 און קומען אויף אים; און זע, אַ קול פֿון הימל האָט
געזאָגט: דאָס איז מיין געליבטער זון, אין וועמען
איך האָב אַ וווילגעפֿעלן!

## 4 קאַפּיטל פֿיר

1 דעמלט איז ישוע געפֿירט געוואָרן פֿון דעם
גייסט אין דער מדבר אַריין, כּדי דער שטן זאָל
2 אים אויספּרוּוון. און פֿאַסטנדיק פֿערציק טעג און
פֿערציק נעכט, איז ער דערנאָך הונגעריק געוואָרן.

3 און דער אויספרואווער איז צוגעקומען און האָט צו
אים געזאָגט: אויב דו ביסט דער בן אלקים, זאָג,
4 אַז די דאָזיקע שטיינער זאָלן ווערן ברויט! ער
אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: עס שטייט
געשריבן:

נישט פון ברויט אַליין זאָל דער מענטש לעבן,
נאָר פון יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון
ג-טס מויל. (דברים ח׳ ג׳.)

5 דעמלט נעמט אים דער שטן אין דער הייליקער
שטאָט אַריין; און האָט אים געשטעלט אויפן שפּיץ
6 פון בית המקדש, און זאָגט צו אים: אויב דו ביסט
דער בן אלקים, וואַרף דיך אַראָפּ; וואָרום עס שטייט
געשריבן:

זיינע מלאכים וועט ער באַפעלן וועגן דיר,
און אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן,
טאָמער וועסטו דיר אָנשטויסן דיין פוס אין אַ
שטיין. (תהלים צא יא׳.)

7 האָט ישוע צו אים געזאָגט: עס שטייט אויך
געשריבן: דו זאָלסט נישט אויספרואוון דעם האַר,
8 דיין ג-ט. נאָכאַמאָל נעמט אים דער שטן מיט
אויף אַ זער הויכן באַרג, און ווייזט אים אַלע
קעניגרייכן פון דער וועלט, און זייער הערלעכקייט;
9 און זאָגט צו אים: אַלע די דאָזיקע וועל איך דיר
געבן, אויב דו וועסט אַנידערפאַלן און זיך בוקן צו
10 מיר. דעמלט זאָגט ישוע צו אים: אַוועק, דו
שטן! וואָרום עס שטייט געשריבן: צום האַר, דיין
ג-ט, זאָלסטו זיך בוקן און נאָר אים אַליין זאָלסטו
11 דינען! דעמלט פאַרלאָזט אים דער שטן; און זע,
מלאכים זענען געקומען און האָבן אים באַדינט.

12 און ווען ער האָט געהערט, אַז יוחנן איז איינגעזעצט
13 געוואָרן, איז ער אַוועק קיין גליל; און האָט פאַרלאָזט

נצרת, און איז געקומען און האָט געוואוינט אין כפר
נחום, וואָס ליגט ביים ים, אין די געביטן פון זבולון
14 און נפתלי; כדי עס זאָל דערפילט ווערן, וואָס עס
איז געזאָגט געוואָרן דורך ישעיהו הנביא, אַזוי צו
זאָגן:

15 לאַנד פון זבולון און לאַנד פון נפתלי.
ביים וועג פונם ים, פון יענער זייט ירדן,
גליל פון די פעלקער,
16 דאָס פאָלק, וואָס איז געזעסן אין דער פינסטער,
האָט געזעען אַ גרויס ליכט,
און צו די, וואָס זענען געזעסן אין אַ לאַנד און
אין שאָטן פון טויט,
פאַר זיי האָט אַ ליכט אויפגעשיינט.

(ישעיהו ט׳ א״ב.)

17 פון דעמלט אָן האָט ישוע אָנגעהויבן אויסצורופן,
און צו זאָגן: טוט תשובה; וואָרום דאָס מלכות
השמים האָט זיך דערנענטערט!
18 און ווי ער איז אַרומגעגאַנגען ביים ים פון גליל,
האָט ער געזעען צוויי ברידער, שמעון, וואָס מען
רופט אים פעטרוס, און אַנדריי זיין ברודער, וואַרפן
אַ נעץ אין ים אַריין; וואָרום זיי זענען געווען
19 פישערלייט. און ער זאָגט צו זיי: קומט, פאָלגט
מיר נאָך, און איך וועל אייך מאַכן פאַר פישערס
20 פון מענטשן! און זיי האָבן גלייך פאַרלאָזן די
21 נעצן, און האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און ווען ער איז
פון דאָרטן ווייטערגעגאַנגען, האָט ער געזעען אַנדערע
צוויי ברידער, יעקב בן זבדי, און יוחנן זיין ברודער,
אין דעם שיפל מיט זייער פאָטער זבדי, פאַרריכטנדיק
22 זייערע נעצן; און ער האָט זיי גערופן. און זיי האָבן
גלייך פאַרלאָזן דאָס שיפל און דעם פאָטער זייערן,
און האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

23 און ער איז אַרומגעגאַנגען אין גאַנץ גליל, לער־
נענדיק אין זייערע שולן, און אויסרופנדיק די גוטע
בשורה פונם מלכות, און היילנדיק אַלע קראַנקהייטן
24 און שלאַפקייטן צווישן דעם פאלק. און זיין שם
האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאַנץ סיריען; און מען האָט
געבּרענגט צו אים אַלע קראַנקע, וואָס זענען געווען
געפּלאָגט מיט פאַרשיידענע מחלות און יסורים,
באַזעסענע מיט בייזע גייסטער, און חולי־נופל, און
25 פאַראַליטיקער; און ער האָט זיי געהיילט. און עס
האָבּן אים נאָכגעפאָלגט גרויסע המונים מענטשן
פון גליל און דעקאַפּאָליס און ירושלים און יהודה
און פון עבר הירדן.

## קאַפּיטל פינף

5

1 און זעענדיק די המונים מענטשן, איז ער אַרויפ־
געגאַנגען אויף דעם באַרג; און ווען ער האָט
זיך אַנידערגעזעצט זענען זיינע תלמידים געקומען
2 צו אים. און ער האָט אויפגעעפנט זיין מויל און
זיי געלערנט, זאָגנדיק:

3 וואויל איז די אָרומע אין גייסט; ווייל זייערס
איז דאָס מלכות השמים.

4 וואויל איז די טרויערנדיקע; ווייל זיי וועלן
געטרייסט ווערן.

5 וואויל איז די, וואָס האַלטן זיך קליין; ווייל זיי וועלן
ירשענען די ערד.

6 וואויל איז די, וואָס הונגערן און דורשטן נאָך
גערעכטיקייט; ווייל זיי וועלן געזעטיקט ווערן.

7 וואויל איז די בעלי־רחמים; ווייל זיי וועלן
דערלאַנגען באַרמהאַרציקייט.

8 וואויל איז די, וואָס זענען ריין אין האַרצן; ווייל זיי
וועלן זעען ג־ט.
9 וואויל איז די, וואָס מאַכן שלום; ווייל זיי וועלן
גערופן ווערן ג־טס קינדער.
10 וואויל איז די, וואָס ווערן פאַרפאָלגט צוליבֿ
גערעכטיקייט; ווייל דאָס מלכות השמים איז זייערס.
11 וואויל איז אייך, ווען מען טוט אייך אָן בזיונות,
און מען פאַרפאָלגט אייך, און מען רעדט אויס
12 פאַלש אַלדאָס בייז אויף אייך, צוליבֿ מיר. פריידט
זיך, און זייט זיך זער משמח, ווייל אייער שכר איז
גרויס אין הימל; וואָרום אַט אַזוי האָט מען פאַרפאָלגט
די נביאים, וואָס זענען געוועזן פאַר אייך.
13 איר זענט דאָס זאַלץ פון דער ערד; אויבֿ אָבֿער
דאָס זאַלץ זאָל פאַרלירן זיין טעם, מיט וואָס וועט
עס געזאַלצן ווערן? עס טויג מער צו גאָרנישט,
אַחוץ אַרויסגעוואָרפן און פון לייטן געטרעטן צו
ווערן. איר זענט דאָס ליכט פון דער וועלט. אַ
שטאָט, וואָס ליגט אויף אַ באַרג, קען נישט בלייבן
15 פאַרבאָרגן. מען צינדט אויך נישט אָן אַ ליכט,
און שטעלט עס אונטער דעם מאָסשעפל, נאָר אויף
דעם לייכטער; און עס לויכט אַלעמען אין הויז.
16 אַט אַזוי זאָל אייער ליכט שיינען פאַר מענטשן,
כדי זיי זאָלן זעען אייערע מעשים טובים, און
אָפּגעבן אַ לויב צו אייער פאָטער, וואָס איז אין
הימל.

17 איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך בין געקומען צו
צעשטערן די תורה אָדער די נביאים; איך בין נישט
18 געקומען צו צעשטערן, נאָר ממלא צו זיין. וואָרום
באמת זאָג איך אייך, ביז דער הימל און די ערד
וועלן פאַרגיין, וועט קיין איין יוד, אָדער אַ קוצי
של יוד פון דער תורה נישט בטל ווערן, ביז אַלץ

19 איז געשעען· דעריבער ווער עס וועט צעשטערן
איינע פון די דאָזיקע קלענסטע מצוות, און וועט
אַט אַזוי לערנען די מענטשן, דער וועט הייסן
קלענסטער אין דעם מלכות השמים; ווער אָבער
עס וועט זיי טון און לערנען, דער וועט הייסן
20 גרויס אינם מלכות השמים· וואָרום איך זאָג
אייך, אַז אויב אייער צדקות וועט נישט איבער־
שטייגן די צדקות פון די סופרים און די פרושים,
וועט איר בשום אופן נישט אַרייַנגיין אינם מלכות
השמים·

21 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן
צו די קדמונים: דו זאָלסט נישט טייטן; ווער אָבער
22 עס טייט, איז חייב צום משפט· איך אָבער זאָג
אייך, אַז יעדער איינער, וואָס איז צאָרנדיק אויף
זיין ברודער, וועט זיין חייב צום משפט; און ווער
עס וועט זאָגן רקא צו זיין ברודער, וועט זיין חייב
צום סנהדרין; און ווער עס וועט זאָגן, דו נאַר,
23 וועט זיין חייב צום פייער פון גיהנום· דעריבער
ווען דו ברענגסט דיין קרבן צו דעם מזבח, און
דאָרטן דערמאָנסטו דיך, אַז דיין ברודער האָט
24 עפּעס קעגן דיר, זאָלסטו דאָרטן איבערלאָזן דיין
קרבן פאַר דעם מזבח, און גיי קודם כל אַהין, רעד
זיך דורך מיט דיין ברודער, און דאַן קום און זיי
25 מקריב דיין קרבן· ווער מושווה מיט דיין קעגנער
געשווינט, בשעת דו ביסט נאָך מיט אים אויפן
וועג; טאָמער וועט דיין קעגנער דיך איבערגעבן
צום שופט, און דער שופט צום שוטר, און דו וועסט
26 געוואָרפן ווערן אין תפיסה אַריין· באמת זאָג איך
דיר, דו וועסט פון דאָרטן בשום אופן נישט אַרויס־
קומען, ביז דו באַצאָלסט נישט די לעצטע פּרוטה!
27 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן:

28 זאָלסט נישט נואפן! איך אָבער זאָג אייך, אַז יעדער
איינער, וואָס קוקט אויף אַ פרוי, זי צו גלוסטן,
29 האָט שוין געגנואפט מיט איר אין זיין הארצן· און
אויב דיין רעכט אויג פאַרפירט דיך צום שטרויכלען,
נעם עס אַרויס, און וואַרף עס אַוועק פון דיר;
וואָרום עס לוינט זיך דיר, אַז איינס פון דיינע
אברים זאָל פאַרלוירן גיין, און נישט דיין גאַנצער
30 גוף זאָל געוואָרפן ווערן אין גיהנום אַריין· און
אויב דיין רעכטע האַנט פאַרפירט דיך צום שטרויכ־
לען, האַק זי אָפּ, און וואַרף זי אַוועק פון דיר;
וואָרום עס לוינט זיך דיר, אַז איינס פון דיינע אברים
זאָל פאַרלוירן גיין, און נישט דיין גאַנצער גוף זאָל
31 גיין אין גיהנום אַריין· און עס איז געזאָגט געוואָרן:
ווער עס שיידט זיך פון זיין ווייב, זאָל ער איר
32 געבן אַ גט· איך אָבער זאָג אייך, אַז יעדער איינער,
וואָס שיידט זיך פון זיין ווייב, אַחוץ צוליב אַ פאַל
פון זנות, מאַכט ער זי מזנה צו זיין· און ווער עס
33 האָט חתונה מיט אַ גרושה, דער איז מזנה· ווידער
האָט איר געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן צו
די קדמונים: זאָלסט נישט שווערן פאַלש, זאָלסט
אָבער אָפּצאָלן דיינע שבועות צום האַר (ג־ט)·
34 איך אָבער זאָג אייך, שווערט לגמרי נישט; נישט
35 ביים הימל, ווייל עס איז גאָטס כסא הכבוד· נישט
ביי דער ערד, ווייל זי איז אַ פיסבענקעלע פאַר
זיינע פיס; נישט ביי ירושלים, ווייל דאָס איז די
36 שטאָט פון דעם גרויסן מלך· זאָלסט אויך נישט
שווערן ביי דיין קאָפּ, ווייל דו קענסט נישט קיין
37 איינציקע האָר ווייס אָדער שוואַרץ מאַכן· נאָר
זאָל אייער וואָרט זיין: יאָ, יאָ; ניין, ניין! און וואָס
איז מער ווי די דאָזיקע איז פונם בייזן·

38 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן:

39 אַן אויג פֿאַר אַן אויג, און אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן; איך
אָבער זאָג אייך: איר זאָלט זיך נישט אַנטקייגנשטעלן
דעם בייזן; נאָר ווען עמיצער פּאַטשט דיך אויף
דיין רעכטער באַק, נייג אים אויך די אַנדערע צו.
40 און דעם, וואָס וויל זיך משפּטן מיט דיר און אַוועקנעמען
41 דיין העמד, לאָז אים אויך דעם אייבער־בגד. און
ווער עס צווינגט דיך צו גיין אַ מייל, גיי מיט אים
42 צוויי. גיב צו דעם, וואָס בעט ביי דיר, און פֿון דעם,
וואָס וויל ביי דיר באָרגן, דריי דיך נישט אַוועק.
43 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן:
דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, און האַסן דיין
44 שונא; איך אָבער זאָג אייך: האָט ליב אייערע
שונאים, און זייט מתפּלל פֿאַר די, וואָס פֿאַרפֿאָלגן
45 אייך; כּדי איר זאָלט זיין קינדער פֿון אייער פֿאָטער,
וואָס איז אין הימל. ווייל ער לאָזט זיין זון שיינען
אויף בייזע און אויף גוטע, און לאָזט רעגענען
46 אויף צדיקים און אויף רשעים. וואָרום אויב איר
וועט ליב האָבן די, וואָס האָבן אייך ליב, וואָס פֿאַר
אַ שכר האָט איר? צי טון דען די שטייער־אויפֿמאָנער
47 נישט דאָס זעלביקע? און אויב איר גיט אָפּ שלום
נאָר אייערע ברידער אַליין, וואָס טוט איר דאָ מער?
צי טון דען די גוים נישט אויך דאָס זעלביקע?
48 דעריבער זאָלט איר זיין פֿאָלקאָם, ווי אייער הימ־
לישער פֿאָטער איז פֿאָלקאָם!

## קאַפּיטל זעקס

1 גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט נישט טון אייער צדקה
פֿאַר לייטן, כּדי פֿון זיי געזען צו ווערן; און
אויב נישט, האָט איר נישט קיין שכר ביי אייער
פֿאָטער, וואָס איז אין הימל.

2 דעריבער ווען דו טוסט אַ גמילות חסד, לאָז נישט
אויסטראָמפייטערן פאַר דיר, ווי די צבועקעס טון
אין די שולן און אויף די גאַסן, כדי געלויבט צו
ווערן פון לייטן. באמת זאָג איך אייך, זיי האָבן שוין
3 זייער שכר. דו אָבער ווען דו טוסט אַ גמילות חסד
זאָל דיין לינקע האַנט נישט וויסן, וואָס די רעכטע
טוט, כדי דיין גמילות־חסדים זאָל בלייבן פאַרבאָרגן;
4 און דיין פאָטער, וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש,
וועט דיר פאַרגעלטן.

5 און ווען איר טוט תפילה, זאָלט איר נישט זיין
ווי די צבועקעס, ווייל זיי האָבן ליב תפילה צו
טון ווען זיי שטייען אין די שולן און אויף די עקן
פון די גאַסן, כדי זיך צו באַווייזן פאַר מענטשן.
באמת זאָג איך אייך, זיי האָבן שוין זייער שכר.
6 דו אָבער, ווען דו טוסט תפילה, גיי אַריין אין דיין
חדרל, און פאַרשליס די טיר, און זיי מתפלל צו
דיין פאָטער, וואָס איז פאַרבאָרגן, און דיין פאָטער,
וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש, וועט דיר פאַרגעלטן.
7 און תפילה־טוענדיק, זאָלט איר נישט פלאַפלען
ווי די גוים; וואָרום זיי מיינען, אַז דורך אַ סך
ווערטער זייערע, וועלן זיי דערהערט ווערן.
8 דעריבער זייט נישט גלייך ווי זיי! וואָרום גאָט,
אייער פאָטער, ווייסט וואָס איר באַדאַרפט, איידער
9 איר בעט אים. דעריבער זאָלט איר אַזוי תפילה
טון:

אונזער פאָטער, וואָס דו ביסט אין הימל,
געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען.
10 זאָל דיין מלכות קומען.
זאָל דיין רצון געשעען,
ווי אין הימל, אַזוי אויך אויף דער ערד.
11 אונזער טעגלעך ברויט גיב אונז היינט.

12 און פֿאַרגיב אונז אונזערע חובות,
ווי אויך מיר האָבן פֿאַרגעבן די, וואָס זענען
אונז שולדיק.
13 און ברענג אונז נישט צו קיין נסיון,
נאָר זיי אונז מציל פֿון שלעכטס.
(וואָרום דיין איז דאָס מלכות,
און די מאַכט, און די הערלעכקייט,
אויף אייביק! אמן.)
14 וואָרום אויב איר פֿאַרגיט די מענטשן זייערע
פֿעלערן, וועט אייער הימלישער פֿאָטער אייך אויך
15 פֿאַרגעבן. ווען אָבער איר פֿאַרגיט די מענטשן
נישט, וועט אייער פֿאָטער אייך אויך נישט פֿאַרגעבן
אייערע עבירות.
16 און ווען איר פֿאַסט, זאָלט איר נישט זיין ווי די
צבועקעס, מיט אַ זויער פּנים; וואָרום זיי פֿאַרפֿינס־
טערן זייערע פּנימער, כדי זיך צו באַווייזן פֿאַר
מענטשן, אַז זיי פֿאַסטן. באמת זאָג איך אייך, זיי
17 האָבן שוין זייער שכר. דו אָבער, ווען דו פֿאַסט,
זאַלב דיר דעם קאָפּ מיט אייל, און וואַש דיר אָפּ
18 דאָס פּנים; כדי זאָלסט נישט געזען ווערן פֿון
מענטשן, אַז דו פֿאַסט, נאָר פֿאַר דיין פֿאָטער, וואָס
איז פֿאַרבאָרגן; און דיין פֿאָטער, וואָס זעט אין
פֿאַרבאָרגעניש, וועט דיר פֿאַרגעלטן.
19 זאַמלט אייך נישט איין קיין אוצרות אויף דער
ערד, וואו מילב און זשאַווער פֿאַרדאַרבן, און וואו
20 גנבים גראָבן אונטער און גנבענען אַוועק. נאָר
זאַמלט אייך איין אוצרות אין הימל, וואו נישט די
מילב נישט דער זשאַווער פֿאַרדאַרבן, און וואו
גנבים גראָבן נישט אונטער און גנבענען נישט
21 אַוועק. וואָרום וואו דיין אוצר איז, דאָרט וועט אויך
22 דיין האַרץ זיין. דאָס ליכט פֿון דעם גוף איז דאָס

אויג. אויב דעריבער דיין אויג איז געזונט, וועט
23 דיין גאַנצער גוף זיין ליכטיק. ווען אָבער דיין
אויג איז בייז, וועט דיין גאַנצער גוף זיין פינסטער.
דעריבער אויב דאָס ליכט, וואָס איז אין דיר, איז
24 פינסטער, ווי גרויס איז די חשכה! קיינער קען
נישט דינען צוויי האַרן; וואָרום אָדער ער וועט
דעם איינעם פיינט האָבן, און ליב האָבן דעם
אַנדערן, אָדער ער וועט זיך האַלטן ביי איינעם,
און דעם אַנדערן פאַראַכטן. איר קענט נישט דינען
25 ג־ט און ממון. דערפאַר זאָג איך אייך: זאָרגט נישט
פאַר אייער לעבן, וואָס איר זאָלט עסן, אדער וואָס
איר זאָלט טרינקען; און אויך נישט פאַר אייער
גוף, וואָס איר זאָלט אָנטון. צי איז דען נישט דאָס
לעבן מער ווי די שפּייז, און דער גוף מער ווי די
26 קליידונג? קוקט אויף די פייגל פון הימל, אַז זיי
זייען נישט, און שניידן נישט, און זאַמלען אויך
נישט אין שייערס אַריין; און אייער הימלישער
פאָטער שפּייזט זיי. צי זענט איר דען נישט פיל
27 מער ווערט ווי זיי? און ווער פון אייך זאָרגנדיק,
28 קען צולייגן אַן אייל צו זיין געוואוקס? און פאַרוואָס
זאָרגט איר זיך וועגן אַ מלבוש? לערנט זיך אַראָפּ
פון די ליליעס פון פעלד, ווי זיי וואַקסן; זיי אַרבעטן
29 נישט און שפּינען נישט; איך זאָג אייך אָבער, אַז
שלמה מיט זיין גאַנצער פראַכט איז נישט געווען
30 אַזוי אָנגעטון, ווי איינע פון די דאָזיקע. און אויב
ג־ט קליידט אַזוי אָן דאָס גראָז פון פעלד, וואָס
היינט איז עס דאָ, און צומאָרגנס ווערט עס געוואָרפן
אין אויוון אַריין, וועט ער דען נישט פיל מער אייך
31 (קליידן), איר קליינגלויביקע? דעריבער זאָלט איר
נישט זאָרגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס וועלן מיר עסן,
אָדער וואָס וועלן מיר טרינקען, אָדער מיט וואָס

23 וועלן מיר זיך קליידן? וואָרום די גוים זוכן דאָס
אַלץ; יאָ, אייער הימלישער פאָטער ווייסט, אַז איר
33 בּויטיקט זיך אין דעם אַלעם. זוכט אָבער צום
אַלעמערשטן זיין מלכות, און זיין גערעכטיקייט;
34 און דאָס אַלץ וועט אייך צוגעגעבן ווערן. זאָרגט
זשע נישט אויף מאָרגן; וואָרום דער מאָרגנדיקער
טאָג וועט זאָרגן פאַר זיך אַליין. דער טאָג האָט
גענוג זיין אייגן בּייז.

## 7 קאַפּיטל זיבן

1 משפּט נישט, כדי איר זאָלט נישט געמשפּט ווערן.
2 וואָרום מיט וואָס פאַר אַ משפּט איר אורטיילט,
וועט איר געמשפּט ווערן, און מיט וועלכער מאָס
3 איר מעסט, וועט אייך געמאָסטן ווערן. און וואָס
זעסטו דאס שפּענדל אין דיין בּרודערס אויג,
אָבער דעם קלאָץ, וואָס איז אין דיין אויג, באַמערק־
4 סטו נישט? אָדער וויאַזוי קענסטו זאָגן צו דיין
בּרודער: לאָז מיך אַרויסנעמען דאָס שפּענדל פון
דיין אויג; און זע, דער קלאָץ איז אין דיין אויג?
5 דו צבֿועק, וואַרף צום ערשט אַרויס דעם קלאָץ
פון דיין אויג; און דעמלט וועסטו זען קלאָר אַרויס־
צונעמען דאָס שפּענדל פון דיין בּרודערס אויג.
6 גיט נישט דאָס הייליקע צו די הינט, און וואַרפט
נישט אייערע פּערל פאַר די חזירים, טאָמער וועלן
זיי זיי צעטרעטן מיט זייערע פיס, און אומקערנדיק
זיך אייך צערייסן.
7 בּעט, און עס וועט אייך געגעבן ווערן; זוכט, און
איר וועט געפינען; קלאַפּט אָן, און עס וועט אייך
8 אויפגעמאַכט ווערן! וואָרום יעדער, וואָס בּעט,
באַקומט; און דער, וואָס זוכט, געפינט; און דעם,

9 וואָס קלאַפּט אָן, וועט אויפגעמאַכט ווערן. אָדער
וועלכער מענטש צווישן אייך איז עס, וואָס, אויב
זיין זון זאָל אים בעטן ברויט, וועט ער אים געבן
10 אַ שטיין? אָדער אויב ער זאָל בעטן אַ פיש, וועט
11 ער דען אים געבן אַ שלאַנג? אויב דעריבער איר,
זייענדיק שלעכט, ווייסט צו געבן גוטע גאָב צו
אייערע קינדער, וויפל מער וועט אייער פאָטער,
וואָס איז אין הימל, געבן גוטס צו די, וואָס בעטן
12 אים? דעריבער אַלץ, וואָס איר ווילט, אַז די מענטשן
זאָלן אייך טון, טוט אויך אַזוי פאַר זיי; וואָרום דאָס
דאָזיקע איז די תורה און די נביאים.

13 גייט אַריין דורך דעם ענגן טויער; ווייל גערוים
איז דאָס טויער, און אויסגעברייטערט דער וועג,
וואָס פירט צו פאַרדאַרבונג, און אַ סך זענען עס,
14 וואָס גייען אַריין דורך דעם דאָזיקן. ווי ענג איז
אָבער דאָס טויער, און שמאָל דער וועג, וואָס פירט
צום לעבן, און ווייניק זענען די, וואָס געפינען אים.

15 היט זיך פאַר די פאַלשע נביאים, וואָס קומען צו
אייך אין קליידער פון שאָף, אינעווייניק אָבער
16 זענען זיי פאַרציקנדיקע וועלף. פון זייערע פירות
זאָלט איר זיי דערקענען. צי קלויבט מען דען
וויינטרויבן פון דערנער, אָדער פייגן פון שטעכל-
17 קעס? אַזוי אָ גיט יעדער גוטער בוים אַרויס גוטע
פירות; דער פאַרפוילטער בוים אָבער גיט אַרויס
18 שלעכטע פירות. אַ גוטער בוים קען נישט ברענגען
קיין שלעכטע פירות, און אַ פאַרפוילטער בוים
19 נישט ברענגען קיין גוטע פירות. יעדער בוים,
וואָס גיט נישט אַרויס קיין גוטע פירות, ווערט
20 אָפּגעהאַקט, און געוואָרפן אין פייער אַריין. דעריבער
21 זאָלט איר זיי דערקענען פון זייערע פירות. נישט
יעדער איינער, וואָס זאָגט צו מיר, האַר, האַר,

וועט אַרייַנגיין אין מלכות השמים, נאָר דער, וואָס
טוט דעם רצון פון מיין פאָטער, וואָס איז אין הימל.
22 אַסך וועלן זאָגן צו מיר אין יענעם טאָג: האַר, האַר,
צי האָבן מיר דען נישט אין דיין נאָמען נבֿואות־
געזאָגט, און אין דיין נאָמען אַרויסגעטריבן בייזע
גייסטער, און אין דיין נאָמען געטון אַ סך וואונדער?
23 און דעמלט וועל איך מודה זיין פאַר זיי: איך האָב
אייך קיינמאָל נישט געקענט; אַוועק פון מיר, איר,
24 וואָס טוט רשעות. דעריבער יעדער איינער, וואָס
הערט די דאָזיקע ווערטער מיינע, און טוט זיי,
וועט זיין געגליכן צו אַ מאַן אַ חכם, וואָס האָט
25 געבויט זיין הויז אויף דעם פעלזן. און דער
פּלאַצרעגן איז געפאַלן, און די וואַסער־שטראָמען
זענען געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און
האָבן אָנגעגריפן יענץ הויז; און עס איז נישט
איינגעפאַלן; וואָרום עס איז געווען געגרינדעט
26 אויף דעם פעלזן. און יעדער איינער, וואָס הערט
די דאָזיקע ווערטער מיינע, און טוט זיי נישט,
וועט זיין געגליכן צו אַ מאַן אַ נאַר, וואָס האָט
27 געבויט זיין הויז אויפן זאַמד. און דער פּלאַצרעגן
איז געפאַלן, און די וואַסער־שטראָמען זענען
געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און האָבן
געשטויסן אויף יענעם הויז; און עס איז איינגעפאַלן,
און דער צואַמענברוך דערפון איז געווען גרויס.
28 און עס איז געשען, ווען ישוע האָט געענדיקט
די דאָזיקע ווערטער, האָבן די המונים מענטשן
29 געשטוינט איבער זיין לערנונג. וואָרום ער האָט זיי
געלערנט ווי איינער, וואָס האָט מאַכט, און נישט
ווי זייערע סופרים.

## קאַפּיטל אַכט

1 און ווען ער איז אַראָפּגעשטיגן פון באַרג, האָבן
אים נאָכגעפאָלגט גרויסע המונים מענטשן.
2 און זע, אַ מצורעדיקער איז געקומען און איז
אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און האָט געזאָגט: האַר,
3 אויב דו ווילסט, קענסטו מיך ריין מאַכן. און ער
האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, און האָט אים
אָנגערירט, אַזוי צו זאָגן: איך וויל; זיי גערייניקט!
און גלייך איז ער ריין געוואָרן פון זיין צרעת.
4 און ישוע זאָגט צו אים: היט דיך, אַז דו זאָלסט עס
קיינעם נישט אויסזאָגן; נאָר גיי, ווייז דיך צום כהן,
און זיי מקריב דאָס קרבן, וואָס משה האָט געבאָטן,
פאַר אַן עדות צו זיי!

5 און ווי ער איז אַריינגעקומען קיין כפר נחום, איז
געקומען צו אים אַן אָפיציר, און האָט אים געבעטן,
6 און געזאָגט: האַר, מיין משרת ליגט פּאַראַליזשירט
7 אין הויז, און האָט שרעקלעכע יסורים. און ער
8 זאָגט צו אים: איך וועל קומען און אים היילן. דער
אָפיציר אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: האַר, איך
בין נישט ווערט, אַז דו זאָלסט אַריינקומען אונטער
מיין דאַך, נאָר זאָג בלויז אַ וואָרט, און מיין משרת
9 וועט געהיילט ווערן. וואָרום אויך איך בין אַ
מענטש, וואָס שטייט אונטער דער ממשלה, האָבנדיק
אונטער מיר זעלנער, און איך זאָג צו דעם: גיי!
און ער גייט; און צו אַן אַנדערן: קום אַהער! און
ער קומט; און צו מיין קנעכט: טו דאָס! און ער טוט
10 עס. און ווי ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך
געוואונדערט, און האָט געזאָגט צו די, וואָס האָבן
נאָכגעפאָלגט: באמת זאָג איך אייך, ביי קיינעם אין

11 ישראל האָב איך אַזאַ אמונה נישט געפונען. און
איך זאָג אייך: אַ סך וועלן קומען פון מזרח און פון
מערב, און וועלן זיך אַנידערזעצן מיט אברהם,
און מיט יצחקן, און מיט יעקבן, אין דעם מלכות
12 השמים. די קינדער אָבער פון דעם מלכות וועלן
אַרויסגעוואָרפן ווערן אין דער פינסטערניש אינ־
דרויסן; דאָרטן וועט זיין דאָס קלאָגן און דאָס קריצן
13 מיט די ציין. און ישוע האָט געזאָגט צו דעם אָפיציר:
גיי, זאָל דיר געשעען אַזוי, ווי דו האָסט געגלויבט!
און דער משרת איז געהיילט געוואָרן אין יענער
שעה.

14 און ווען ישוע איז געקומען צו פּעטרוסן אין הויז
אַריין, האָט ער געזען זיין שוויגער ליגן קראַנק
15 אויף אַ קדחת. און ער האָט אָנגערירט איר האַנט,
און דאָס פיבער האָט זי פאַרלאָזן; און זי איז
16 אויפגעשטאַנען, און האָט אים באַדינט. און ווען
עס איז געוואָרן אָוונט, האָט מען געבראַכט צו
אים אַ סך באַזעסענע מיט בייזע גייסטער, און ער
האָט אַרויסגעטריבן די גייסטער מיט אַ וואָרט, און
17 אַלע קראַנקע געהיילט; כדי עס זאָל דערפילט
ווערן, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך ישעיה
הנביא, אַזוי צו זאָגן: ער אַליין האָט אַוועקגענומען
אונזערע קראַנקייטן, און געטראָגן די לאַסט פון
אונזערע ווייטאָקן. (ישעיהו נג, ד.)

18 און אַז ישוע האָט געזען אַ המון מענטשן אַרום
זיך, האָט ער באַפוילן אַוועקצופאָרן אויף דער
19 אַנדערער זייט ים. און אַ סופר איז געקומען, און
האָט צו אים געזאָגט: רבי, איך וועל דיר נאָכפאָלגן,
20 וואו דו וועסט נאָר גיין. און ישוע זאָגט צו אים:
די פוקסן האָבן היילן, און די פייגל פון הימל—נעסטן;
דער בן־אדם אָבער האָט נישט, וואו דעם קאָפּ

21 אַנידערצולייגן. און אַן אַנדערער פון די תלמידים
האָט צו אים געזאָגט: האַר, גיב מיר רשות קודם
כל אַוועקצוגיין און קובר צו־זיין מיין פאָטער.
22 ישוע אָבער זאָגט צו אים: פאָלג דו מיר נאָך; און
לאָז די מתים קובר זיין זייערע מתים.
23 און ער איז איינגעשטיגן אין דעם שיפל, און
24 זיינע תלמידים האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און זע,
עס איז געוואָרן אַ גרויסער שטורמווינט אויפן
ים, אַז דאָס שיפל איז אַזש באַדעקט געוואָרן פון די
25 כוואַליעס; ער אָבער איז געשלאָפן. און זיי זענען
געקומען צו אים, און האָבן אים אויפגעוועקט,
אַזוי צו זאָגן: האַר, ראַטעווע; מיר קומען אום!
26 און ער זאָגט צו זיי: וואָס זענט איר אַזוי אָנגעשראָקן,
איר קליינגלויביקע? דאַן איז ער אויפגעשטאַנען,
און האָט אָנגעשריגן די ווינטן און דעם ים; און
27 עס איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט. און די
מענטשן האָבן זיך געוואונדערט, און האָבן געזאָגט:
וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַן, אַז סאַי די ווינטן סאַי
דער ים געהאָרכן אים?
28 און ווען ער איז געקומען אויף יענער זייט ים
אין דעם לאַנד פון די גדריים, זענען אים אַנטקעגנ־
געלאָפן צוויי באַזעסענע, וואָס זענען אַרויס־
געקומען אויס די קברים, זער געפערלעכע, אַז
קיינער האָט נישט געקענט פאַרבייגיין דורך יענעם
29 וועג. און זע, זיי האָבן אַ געשריי געטון, אַזוי צו
זאָגן: וואָס האָבן מיר מיט דיר, דו בן אלקים?
ביסטו אַהערגעקומען אונדז פייניקן פאַר דער צייט?
30 און פונדערווייטנס פון זיי האָט זיך געפאַשעט אַ
31 גרויסע סטאַדע חזירים. און די בייזע גייסטער
האָבן אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו טרייבסט
אונדז אַרויס, שיק אונדז אַריין אין דער סטאַדע חזירים!

32 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט! און זיי
זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען אַוועק אין די
חזירים אַריין; און זע, די גאַנצע סטאַדע האָט זיך
אַ ריס אַראָפּ געטון פון דער משופּעדיקייט אין ים
אַריין, און זענען אומגעקומען אין די וואַסערן.
33 די פּאַסטוכער אָבער זענען אַנטלאָפן, און זענען
אַריין אין שטאָט, און האָבן אַלץ דערציילט,
און וואָס (עס האָט פּאַסירט) מיט די באַזעסענע.
34 און זע, די גאַנצע שטאָט איז אַרויסגעגאַנגען
אַנטקעגן ישוען; און דער זעענדיק אים, האָבן
זיי אים געבעטן, אַז ער זאָל אַוועקגיין פון זייער
גבול.

## קאַפּיטל ניין 9

1 און ער איז איינגעשטיגן אין אַ שיפל, און איז
אַריבערגעפאָרן, און געקומען אין זיין אייגענער
2 שטאָט אַריין. און זע, מען האָט געברענגט צו
אים אַ פּאַראַליזשירטן, וואָס איז געלעגן אויף אַ
בעט. און ווי ישוע האָט געזען זייער אמונה, האָט
ער געזאָגט צום פּאַראַליזשירטן: זיי געטרייסט,
מיין קינד, דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן
3 געוואָרן! און זע, אייניקע פון די סופרים האָבן זיך
4 געטראַכט: דער דאָזיקער לעסטערט. און זעענדיק
זייערע געדאַנקען, האָט ישוע געזאָגט: פאַרוואָס
5 טראַכט איר בייז אין אייערע הערצער? וואָרום
וואָס איז לייכטער, צו זאָגן: דיינע זינד זענען דיר
פאַרגעבן געוואָרן; אָדער צו זאָגן: שטיי אויף און
6 גיי? נאָר כדי איר זאָלט וויסן, אַז דער בן אדם
האָט רשות אויף דער ערד מוחל צו זיין זינד,—
זאָגט ער דעמלט צו דעם פּאַראַליזשירטן—שטיי
7 אויף, נעם דיין בעט און גיי אַהיים! און ער איז

8 אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק אַהיים. און ווען
די המונים מענטשן האָבן דאָס געזעען, האָבן זיי
זיך געפאָרכטן, און האָבן אָפּגעגעבן כבוד צו ג־ט,
וואָס האָט געגעבן אַזאַ רשות צו מענטשן.
9 און ווען ישוע איז פון דאָרטן ווייטער געגאַנגען,
האָט ער געזעען אַ מענטשן זיצן ביים הויז פון
שטייער, ער האָט געהייסן מתתיהו. און ער זאָגט
צו אים: פאָלג מיר נאָך! און ער איז אויפגעשטאַנען,
און האָט אים נאָכגעפאָלגט.
10 און עס איז געשעען, בשעת ער איז געזעסן אין
הויז צום טיש, זע, אַ סך שטייער־אויפמאָנער און
חוטאים זענען געקומען און האָבן זיך אַנידערגעזעצט
11 צוזאַמען מיט ישוען און מיט זיינע תלמידים. און
ווען די פרושים האָבן עס געזעען, האָבן זיי געזאָגט
צו זיינע תלמידים: פאַרוואָס עסט אייער רבי מיט
12 די שטייער־אויפמאָנער און חוטאים? ווען אָבער ער
האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: די געזונטע
דאַרפן נישט האָבן קיין רופא, נאָר די קראַנקע.
13 גייט און לערנט וואָס דאָס איז: איך וויל באַרמהער־
ציקייט, און נישט קיין קרבן. (הושע ו׳, ו׳) וואָרום איך
בין נישט געקומען רופן צדיקים, נאָר חוטאים.
14 דעמלט קומען צו אים יוחנן׳ס תלמידים, און
זאָגן: פאַרוואָס פאַסטן מיר און די פרושים אָפט־
15 מאָל, דיינע תלמידים אָבער פאַסטן נישט? און
ישוע האָט צו זיי געזאָגט: צי קענען דען די אונ־
טערפירערס טרויערן, בשעת דער חתן איז מיט זיי?
עס וועלן אָבער קומען טעג, ווען דער חתן וועט
פון זיי אַוועקגענומען ווערן, און דעמלט וועלן זיי
16 פאַסטן. און קיינער לייגט נישט קיין לאַטע פון
נישט־געוואַלקעוועטן טוך אויף אַן אַלטן בגד;
וואָרום די לאַטע רייסט אָפּ פון דעם קלייד, און

17 עס ווערט אַן ערגערער ריס. מען גיסט אויך נישט
אַריין קיין בייעם וויין אין אַלטע לאָגלען, טאָמער
פּלאַצן די לאָגלען, און דער וויין גיסט זיך אויס,
און די לאָגלען ווערן פאַרדאָרבן; נאָר מען גיסט
אַריין בייעם וויין אין נייע לאָגלען, און ביידע האַלטן
זיך.
18 בעת ער האָט דאָס צו זיי גערעדט, זע, אַ שר איז
געקומען, און איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און
האָט געזאָגט: מיין טאָכטער איז נאָר וואָס געשטאָרבן;
נאָר קום און לייג דיין האַנט אויף איר, און זי וועט
19 לעבן. און ישוע איז אויפגעשטאַנען, און האָט אים
20 נאָכגעפאָלגט מיט זיינע תלמידים. און זע, אַ
פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ בלוט־גאַנג צוועלף יאָר
לאַנג, איז צוגעקומען פון הינטן, און האָט אָנגערירט
21 די זוים פון זיין מלבוש. וואָרום זי האָט צו זיך
געזאָגט: אויב איך וועל נאָר אָנרירן זיין מלבוש, וועל
22 איך געהאָלפן ווערן. און ישוע האָט זיך אויסגעדרייט
און זעענדיק זי, האָט ער געזאָגט; זיי געטרייסט,
מיין טאָכטער, דיין אמונה האָט דיך געראַטעוועט!
און די פרוי איז געזונט געוואָרן פון יענער שעה
23 אָן. און ווען ישוע איז אַריינגעקומען אין הויז פון
דעם שר, און האָט געזען די פלייטשפילער, און
24 דאָס געטומל פון דעם המון, האָט ער געזאָגט: גייט
אַוועק! וואָרום דאָס מיידעלע איז נישט געשטאָרבן,
זי שלאָפט נאָר. און זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט
25 פון אים. ווען אָבער דער עולם איז דערווייטערט
געוואָרן, איז ער אַריינגעגאַנגען, און האָט זי
אָנגענומען ביי דער האַנט; און דאָס מיידעלע האָט
26 זיך אויפגעהויבן. און דער דאָזיקער שם האָט זיך
פאַרשפרייט איבער יענעם גאַנצן לאַנד.
27 און ווען ישוע איז פונדאַנען ווייטער געגאַנגען,

האָבן אים נאָכגעפאָלגט צוויי בלינדע מענטשן,
וואָס האָבן געשריגן און געזאָגט: דערבאַרם דיך
28 אויף אונז, בן דוד! און ווען ער איז אַריינגעקומען
אין הויז, זענען די בלינדע צוגעקומען צו אים.
און ישוע זאָגט צו זיי: גלויבט איר, אַז איך קען
29 טון דאָס דאָזיקע? זאָגן זיי צו אים: יאָ, האַר!
האָט ער דעמלט אָנגערירט זייערע אויגן, און
געזאָגט: לויט אייער אמונה, אַזוי זאָל עס אייך
30 געשעען! און זייערע אויגן זענען אויפגעעפנט
געוואָרן. און ישוע האָט זיי שטרענג געוואָרנט,
אַזוי צו זאָגן: היט אייך, אַז קיינער זאָל זיך נישט
31 דערוויסן דערפון. זיי אָבער זענען אַרויסגעגאַנגען,
און האָבן אים באַקאַנט געמאַכט איבער יענעם
גאַנצן לאַנד.

32 און ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, זע, מען האָט
געבראַכט צו אים אַ שטומען, באַזעסן מיט אַ בייזן
33 גייסט. און נאָך דעם ווי דער בייזער גייסט איז
אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָט דער שטומער גערעדט.
און די המונים מענטשן האָבן געשטוינט, און געזאָגט:
נאָך קיינמאָל איז אַזעלכעס נישט געזען געוואָרן
34 אין ישראל! די פּרושים אָבער האָבן געזאָגט: דורך
דעם שר פון די בייזע גייסטער טרייבט ער אַרויס
די בייזע גייסטער!

35 און ישוע איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע שטעט
און דערפער, לערנענדיק אין זייערע שולן, און
אויסרופנדיק די גוטע בשורה פון דעם מלכות,
און היילנדיק יעדע מחלה און יעדע שלאַפקייט. און
36 ווען ער האָט געזען די מאַסן מענטשן, האָט ער
אויף זיי גרויס רחמנות געהאַט, ווייל זיי זענען
געווען פאַרשמאַכט און פאַרוואָרלאָזט, ווי שאָף,
37 וואָס האָבן נישט קיין פאַסטוך. דעמלט זאָגט ער

צו זיינע תלמידים: דער שניט איז גרויס, נאָר די
38 אַרבעטער ־ ווייניק· בעט זשע דעם האַר פון
דעם שניט, אַז ער זאָל אַרויסשיקן אַרבעטער צו
זיין שניט!

## קאַפּיטל צען

1 און ער האָט גערופן צו זיך זיינע צוועלף תלמידים,
און האָט זיי געגעבן מאַכט איבער אומריינע
גייסטער, זיי ארויסצוטרייבן, און צו היילן יעדע
קראַנקייט און און יעדע שלאַפקייט·
2 און אָט די דאָזיקע זענען די נעמען פון די צוועלף
שליחים: דער ערשטער שמעון, וואָס מען האָט אים
גערופן פעטרוס, און זיין ברודער אַנדריי; יעקב
3 בן זבדי, און זיין ברודער יוחנן; פיליפוס און
בר־תלמי; תומא און מתתיהו דער שטייערראויפ־
4 מאָנער; יעקב בן חלפי און תדי; שמעון הקנאי און
יהודה איש קריות, וואָס האָט אים אויך פאַרראַטן·
5 די דאָזיקע צוועלף האָט ישוע געשיקט, און האָט
זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן:
אויף קיין וועג פון די גוים זאָלט איר נישט גיין,
און אין קיין שטאָט פון די שומרונים זאָלט איר
6 נישט אַריינגיין; נאָר גייט ליבער צו די פאַרלוירענע
7 שעפעלעך פון דעם הויז ישראל· גייט, רופט אויס
8 און זאָגט: דאָס מלכות השמים איז נאָנט! היילט
די קראַנקע, וועקט אויף די טויטע, ריייניקט די
קרעציקע, טרייבט אַרויס די בייזע גייסטער!
אומזיסט האָט איר באַקומען, אומזיסט זאָלט איר
9 געבן! נעמט נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער,
10 נישט קיין קופער אין אייערע גאַרטלען; נישט קיין
זאַק אויפן וועג, נישט קיין צוויי העמדער, נישט
קיין שיך, נישט קיין שטאָק; וואָרום דער אַרבעטער

11 איז ווערט זיין שפייז. און אין וועלכער שטאָט
אָדער דאָרף איר קומט אַריין, פאָרשט אויס ווער
עס האָט די ווערדע אין איר; און דאָרטן זאָלט
12 איר איינשטיין ביז איר גייט אַוועק. און אַרייַנקו־
מענדיק אין דעם הויז, זאָלט איר עס באַגריסן.
13 און אויב דאָס הויז איז ראוי זאָל אייער שלום
קומען דערויף, אויב אָבער עס איז נישט ראוי
14 זאָל אייער שלום זיך אומקערן צו אייך. און ווער
עס וועט אייך נישט אויפנעמען, און נישט הערן
אייערע ווערטער, זאָלט איר אַרויסגיין פון יענעם
הויז אָדער יענער שטאָט און אָפּשאָקלען דעם
15 שטויב פון אייערע פיס! באמת זאָג איך אייך; עס
וועט זיין גרינגער פאַר דעם לאַנד פון סדום און
עמורה אינם טאָג פון משפט, ווי פאַר יענער שטאָט.
16 זע, איך שיק אייך ווי שאָף צווישן וועלף.
זייט זשע קלוג ווי די שלאַנגען, און אָן פאַלשקייט
17 ווי די טויבן. היט זיך אָבער פאַר די מענטשן!
וואָרום זיי וועלן אייך איבערגעבן צום סנהדרין,
און אין זייערע שולן וועלן זיי אייך שמייסן מיט
18 ריטער; אַפילו פאַר מושלים און מלכים וועט מען
אייך פירן צוליב מיר, פאַר אַן עדות צו זיי און צו
19 די גוים. ווען זיי וועלן אייך אָבער איבערגעבן,
זאָלט איר נישט זאָרגן, וויאַזוי אָדער וואָס איר
האָט צו רעדן; וואָרום עס וועט אייך געגעבן ווערן
20 אין יענער שעה, וואָס איר זאָלט רעדן; וואָרום
נישט איר זענט עס, וואָס רעדן, נאָר דער גייסט
פון אייער פאָטער איז עס, וואָס רעדט דורך
21 אייך. און אַ ברודער וועט איבערגעבן אַ ברודער
צום טויט, און אַ פאָטער זיין קינד, און קינדער
וועלן אויפשטיין קעגן די עלטערן און וועלן
22 זיי טייטן. און איר וועט זיין געהאַסט פון אַלע־

מען צוליב מיין נאָמען· ווער אָבער עס וועט
אויסהאַלטן ביז צום סוף, דער וועט געראַטעוועט
23 ווערן· און ווען זיי פאַרפאָלגן אייך אין דער דאָזיקער
שטאָט, אַנטלויפט אין דער אַנדערער אַריין· וואָרום
באמת זאָג איך אייך: איר וועט נישט אַדורכגיין
די שטעט פון ישראל, ביז דער בן־אדם וועט קומען·
24 אַ תלמיד איז נישט איבער זיין רבין, און אַ קנעכט
25 נישט איבער זיין האַר· עס איז גענוג פאַר דעם
תלמיד, אַז ער זאל זיין ווי זיין רבי, און דער קנעכט
ווי זיין האַר· אויב דעם בעל הבית האָט מען גערופן
26 בעל זבול, וויפל מער זיינע בני־בית! דעריבער
זאָלט איר זיך נישט פאָרכטן פאַר זיי! וואָרום עס
איז נישטאָ קיין באַהאַלטענע זאַך, וואָס וועט נישט
אַנטפּלעקט ווערן; און קיין פאַרבאָרגענע זאַך,
27 וואָס וועט נישט באַקאַנט ווערן· וואָס איך זאָג
אייך אין דער פינסטער, דאָס זאָלט איר רעדן
אינם ליכט, און וואָס עס ווערט אייך געשעפּטשעט
אין אויער אַריין, דאָס זאָלט איר אויסרופן אויף
28 די דעכער· און פאָרכט זיך נישט פאַר די, וואָס
טייטן דעם גוף, אָבער האָבן נישט קיין קראַפט צו
טייטן די נשמה; אַמער זאָלט איר זיך פאָרכטן פאַר
דעם, וואָס איז בכח צו פאַרדאַרבן סאַי די נשמה
29 סאַי דעם גוף אין גיהנום· פאַרקויפט מען דען
נישט צוויי פייגעלעך פאַר איין פרוטה? און דאָך
פאַלט נישט קיין איינס פון זיי צו דער ערד אָן אייער
30 פאָטער· ביי אייך אָבער זענען אַפילו די האָר פון
31 קאָפּ אַלע געציילט· דעריבער זאָלט איר נישט מורא
האָבן; איר זענט ווערט מער ווי אַ סך פייגעלעך·
32 ווער זשע עס וועט מיך מתודה זיין פאַר די
מענטשן, וועל איך דעם אויך מתודה זיין פאַר מיין
33 פאָטער, וואָס איז אין הימל· ווער אָבער עס וועט

מיך פאַרלייקענען פאַר די מענטשן, וועל איך דעם
אויך פאַרלייקענען פאַר מײַן פּאָטער, וואָס איז
אין הימל.

34 איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך בין געקומען, כּדי
צו ברענגען שלום אויף דער ערד. איך בין נישט
35 געקומען ברענגען שלום, נאָר אַ שווערד. וואָרום
איך בין געקומען אָפּצושיידן אַ מענטשן פון זיין
פּאָטער, און אַ טאָכטער פון איר מוטער, און אַ
36 שנור פון איר שוויגער, און אַ מענטשנס שונאים
37 וועלן זיין זיינע אייגענע בני־בית. ווער עס האָט
ליב פּאָטער אָדער מוטער מער ווי מיך, דער איז
מיך נישט ווערט; און ווער עס האָט ליב זון אָדער
טאָכטער מער ווי מיך, דער איז מיך נישט ווערט.
38 און ווער עס נעמט נישט זיין בוים (שמאל [illegible]) און פאָלגט
39 מיר נאָך, איז מיך נישט ווערט. ווער עס געפינט
זיין לעבן, דער וועט עס פאַרלירן; און ווער עס
פאַרלירט זיין לעבן פאַר מײַנעטוועגן, דער וועט
עס געפינען.

40 דער, וואָס נעמט אייך אויף, נעמט מיך אויף;
און דער, וואָס נעמט מיך אויף, נעמט אויף דעם,
41 וואָס האָט מיך געשיקט. דער, וואָס נעמט אויף
אַ נביא אין דעם נאָמען פון אַ נביא, וועט באַקומען
דעם שכר פון אַ נביא; און דער, וואָס נעמט אויף
אַ צדיק לשם צדיק, וועט ער באַקומען דעם שכר
42 פון אַ צדיק. און דער, וואָס וועט געבן צו טרינקען
איינעם פון די דאָזיקע קליינע בלויז אַ טעפּעלע
קאַלט וואַסער לשם תּלמיד, באמת זאָג איך אייך:
ער וועט בשום אופן נישט פאַרלירן זיין שכר!

# קאָפּיטל עלף

1 און עס איז געשעען, ווען ישוע האָט געענדיקט
באַפעלן זיינע צוועלף תלמידים, איז ער פון
דאָרטן אַוועק צו לערנען און אויסצורופן אין זייערע
שטעט.
2 ווען אָבער יוחנן האָט געהערט אין תפיסה די
מעשים פון דעם משיח, האָט ער געשיקט דורך
3 זיינע תלמידים. און געזאָגט צו אים: ביסטו דער,
וואָס זאָל קומען, אָדער האָבן מיר צו וואַרטן אויף
4 אַן אַנדערן? און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט
צו זיי: גייט און דערציילט יוחנן וואָס איר הערט
5 און זעט: בלינדע זעען, און לאָמע גייען אַרום,
מצורעדיקע ווערן גערייניקט, און טויבע הערן,
און טויטע שטייען אויף, און צו אָרעמע לייט
6 ווערט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. און וואויל איז
7 דעם, וואָס וועט נישט שטרויכלען אין מיר! און
בשעת די דאָזיקע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ישוע
אָנגעהויבן צו זאָגן צו די המונים מענטשן וועגן
יוחנן: וואָס זענט איר אַרויסגעגאַנגען אין דער
מדבר אַריין זעען? אַ שטעקל געשאָקלט פון ווינט?
8 נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנגען זעען? אַ
מענטשן אָנגעטון אין פיינע מלבושים? זע, די וואָס
טראָגן פיינע מלבושים, זענען אין די הייזער פון
9 די מלכים! נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנ־
גען? צו זעען אַ נביא? יאָ, איך זאָג אייך, און מער
10 ווי אַ נביא. דאָס איז ער, וועגן וועמען עס שטייט
געשריבן:

זע, איך שיק מיין שליח פאַר דיין פנים,
ער וועט צוגרייטן דיין וועג פאַר דיר. (מלאכי ג, א.)

11 באמת זאָג איך אייך, עס איז נישט אויפגעשטאַנען

צווישן די ילודי־אשה קיין גרעסערער ווי יוחנן
המטביל. דאָך איז דער קלענסטער אין דעם
מלכות־השמים גרעסער ווי ער. אָבער פון די 12
טעג פון יוחנן המטביל ביז איצט ליידט דאָס מלכות־
השמים געוואַלד, און די, וואָס טון געוואַלד רייסן
עס צו זיך. וואָרום אַלע נביאים און די תורה האָבן 13
נבואות געזאָגט ביז יוחנן. און אויב איר ווילט עס 14
אָננעמען, איז ער אליהו, וואָס דאַרף קומען. ווער 15
עס האָט אויערן, דער זאָל הערן! צו וועמען אָבער 16
זאָל איך פאַרגלייכן דאָס דאָזיקע דור? עס איז
גלייך צו קינדער, וואָס זיצן אויף די מאַרקן און
רופן צו זייערע חברים, און זאָגן: מיר האָבן געשפּילט 17
פאַר אייך אויף פייפלעך, און איר האָט נישט
געטאַנצט; מיר האָבן געזונגען קלאָגלידער, און
איר האָט נישט געוויינט! וואָרום יוחנן איז געקומען, 18
האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, און מען
זאָגט: ער האָט אַ בייזן גייסט! דער בן־אדם איז 19
געקומען, עסט און טרינקט יאָ; און מען זאָגט: זע,
אַ מענטש אַ זולל וסובא, אַ פריינט פון שטייער־
אויפמאָנער און חוטאים! און דאָך איז די חכמה
גערעכטפערטיקט פון אירע מעשים.

דעמלט האָט ער אָנגעהויבן צו מוסרן די שטעט, 20
אין וועלכע דאָס רוב פון זיינע וואונדער זענען
געשען, ווייל זיי האָבן נישט תשובה געטון. ווי 21
צו דיר, כורזין! ווי צו דיר, בית־צידה! ווייל
אויב אין צור און צידון וואָלטן געשען די
וואונדער, וואָס זענען געשען ביי אייך, וואָלטן
זיי שוין לאַנג צוריק געהאַט תשובה געטון אין זאַק
און אין אַש. דאָך זאָג איך אייך, עס וועט זיין 22
גרינגער פאַר צור און צידון אין טאָג פון משפט,
ווי פאַר אייך! און דו, כפר נחום, ביז צום הימל 23

וועסטו זיין דערהייכט? ביז צו שאול תחתיה וועסטו
אַראָפּנידערן· ווייל אויב אין סדום וואָלטן געשעען
די וואונדער, וואָס זענען געשעען אין דיר, וואָלט
24 זי שטיין געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג! דאָך זאָג
איך אייך, אַז עס וועט זיין גרינגער פאַר דעם
לאַנד פון סדום אינם טאָג פון משפט, ווי פאַר דיר!
25 אין יענער צייט האָט ישוע ענטפערנדיק געזאָגט:
איך לויב דיך, פאָטער, האַר פון הימל און ערד, אַז
דו האָסט פאַרבאָרגן די דאָזיקע זאַכן פון די
חכמים און נבונים, און זיי אַנטפּלעקט צו קליינע
26 קינדער! יאָ, פאָטער, ווייל אַזוי איז עס געווען
27 וואוילגעפעלן פאַר דיר· אַלץ איז מיר איבערגעגעבן
געוואָרן פון מיין פאָטער, און קיינער קען נישט דעם
זון אַ חוץ דער פאָטער; און קיינער קען נישט דעם
פאָטער אַ חוץ דער זון, און וועמען דער זון וויל אים
28 מגלה־זיין· קומט צו מיר אַלע, וואָס האָרעווען שווער
און זענען באַלאַסטעט, און איך וועל אייך געבן רו·
29 נעמט מיין יאָך אויף זיך, און לערנט פון מיר;
ווייל איך בין אַן ענו און פון אַ נידריק געמיט,
און איר וועט געפינען מנוחה פאַר אייערע נשמות·
30 וואָרום מיין יאָך איז אַנגענעם, און מיין לאַסט איז
גרינג!

## קאַפּיטל צוועלף

1 אין יענער צייט איז ישוע אַ שבת געגאַנגען דורך
די קאָרנפעלדער; זיינע תלמידים אָבער האָט
געהונגערט, און זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּצורייסן
2 זאַנגען, און צו עסן· און ווען די פרושים האָבן עס
געזען, האָבן זיי געזאָגט צו אים: זע, דיינע תלמידים
3 טון, וואָס מען טאָר שבת נישט טון! ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: צי האָט איר נישט געלייענט, וואָס

דוד האָט געטון, ווען עס האָט אים געהונגערט און די,
4 וואָס זענען געווען מיט אים? ווי ער איז אַריינגע־
גאַנגען אין ג-טס הויז, און זיי האָבן געגעסן דאָס לחם־
הפּנים, וואָס עס איז נישט געווען מותר פאַר אים
צו עסן, נישט פאַר די, וואָס זענען געווען מיט אים,
5 אַ חוץ בלויז פאַר די כהנים? אָדער האָט איר נישט
געלייענט אין דער תורה, אַז אַלע שבת זענען די
כהנים מחלל שבת אין בית המקדש, און פאַרזינדיקן
6 זיך דאָך נישט? איך זאָג אייך אָבער, אַז דאָ איז דאָ
7 איינער, וואָס איז גרעסער ווי דאָס בית־המקדש! און
אויב איר וואָלט געוואוסט, וואָס עס הייסט: איך
באַגער באַרמהערציקייט, און נישט קיין קרבן, וואָלט
איר נישט פאַרמשפּט די אומשולדיקע. (הושע ו, ו.)
8 וואָרום דער בן־אדם איז האַר איבער דעם שבת.
9 און ער איז אַוועק פון דאָרטן, און איז געגאַנגען
10 אין זייער שול אַריין. און זע, דאָרט איז געווען
אַ מענטש מיט אַ פאַרדאַרטער האַנט. און זיי האָבן
אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: מעג מען שבת היילן?
11 כדי זיי זאָלן קענען אים באַשולדיקן. ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: וועלכער איז דער מענטש
צווישן אייך, וואָס וועט האָבן איין שאָף, און אויב
די דאָזיקע וועט שבת אַריינפאַלן אין אַ גרוב, וועט
12 ער זי דען נישט אָנכאַפּן, און אַרויסשלעפּן? און
וויפל איז אַ מענטש מער ווערט ווי אַ שאָף! דעריבער
13 מעג מען שבת טון גוטס. דעמלט זאָגט ער צו דעם
מענטשן: שטרעק אויס דיין האַנט! און ער האָט
זי אויסגעשטרעקט; און זי איז ווידער געוואָרן
14 געזונט ווי די אַנדערע. די פּרושים אָבער זענען
אַרויסגעגאַנגען, און האָבן זיך באַראָטן קעגן אים,
15 וויאַזוי זיי זאָלן אים אומברענגען. ישוע האָט זיך
אָבער דערפון דערוואוסט, און איז אַוועק פונדאַנען;

און אַ סך האָבן אים נאָכגעפאָלגט, און ער האָט זיי
16 אַלע געהיילט, און זיי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי
17 זאָלן אים נישט מפרסם זיין, כדי עס זאָל דערפילט
ווערן, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך ישעיהו
הנביא, אַזוי צו זאָגן:

18 זע, מיין קנעכט, וועמען איך האָב אויסדערוויילט;
מיין געליבטער, אין וועמען מיין נפש האָט אַ
וואוילגעפעלן;
איך וועל געבן מיין גייסט אויף אים,
און ער וועט דערקלערן משפט צו די פעלקער.
19 ער וועט זיך נישט צאַנקען, און וועט אויך נישט
שרייען;
און קיינער וועט נישט הערן זיין קול אויף די גאַסן.
20 אַ צעשפּאָלטן שטעקל וועט ער נישט צעברעכן,
און טליענדיקן פלאַקס וועט ער נישט אויסלעשן,
ביז ער וועט אויספירן משפט צום זיג.
21 און אויף זיין נאָמען וועלן די גוים האָפן.
(ישעיהו מב, א־ד.)

22 דעמלט האָט מען צו אים געבראַכט אַ באַזעסענעם
מיט אַ בייזן גייסט, בלינד און שטום, און ער האָט
אים געהיילט, אַז דער שטומער האָט סײַ גערעדט
23 סײַ געזעען. און די אַלע המונים מענטשן האָבן
געשטוינט, און געזאָגט: איז ער נישט אפשר דער
24 בן דוד? ווען די פרושים אָבער האָבן עס געהערט,
האָבן זיי געזאָגט: ער טרייבט נישט אַרויס קיין
בייזע גייסטער, אַ חוץ דורך דעם בעל זבול, דעם
25 שר פון די בייזע גייסטער! און וויסנדיק זייערע
געדאַנקען, האָט ער צו זיי געזאָגט: יעדע מלוכה,
וואָס איז נישט אייניק מיט זיך אַליין, ווערט
פאַרוויסט; און יעדע שטאָט אָדער הויז, וואָס איז
נישט אייניק מיט זיך אַליין, וועט נישט בלייבן

שטיין· און אויב דער שטן טרייבט אַרויס דעם שטן, 26
איז ער בישט אייניק מיט זיך אַליין; וויאַזוי זשע
וועט זיין קעניגרייך האָבן אַ קיום? און אויב איך 27
טרייב אַרויס בייזע גייסטער דורך דעם בעל זבול,
דורך וועמען טרייבן אייערע קינדער זיי אַרויס?
דערפאַר וועלן זיי זיין אייערע שופטים· אויב 28
אָבער איך טרייב אַרויס די בייזע גייסטער דורך דעם
גייסט פון ג־ט, אַזוי איז שוין ג־טס קעניגרייך
געקומען צו אייך· אָדער ווי אַזוי קען עמיצער 29
אַריינגיין אין דעם הויז פון דעם גיבור, און
אַוועקרויבן זיינע זאַכן, אויב ער וועט בישט קודם
כל בינדן דעם גיבור? און דעמלט וועט ער אויסרויבן
זיין הויז· ווער עס איז בישט מיט מיר, דער איז 30
קעגן מיר; און דער, וואָס זאַמלט בישט איין מיט
מיר, צעשפרייט· דערפאַר זאָג איך אייך: יעדע 31
זינד און לעסטערונג וועט די מענטשן פאַרגעבן
ווערן; באָר די לעסטערונג פון דעם גייסט וועט
בישט פאַרגעבן ווערן· און אויב עס וועט ווער 32
זאָגן אַ וואָרט קעגן דעם בן־אדם, וועט עס אים
פאַרגעבן ווערן; באָר ווער עס וועט רעדן קעגן
דעם רוח־הקודש, וועט עס אים בישט פאַרגעבן
ווערן, בישט אין דער דאָזיקער וועלט, בישט
לעולם הבא· אָדער מאַכט דעם בוים גוט, און 33
זיין פרוכט גוט; אָדער מאַכט דעם בוים שלעכט,
און זיין פרוכט שלעכט! וואָרום פון די פירות
דערקענט מען דעם בוים· איר שלאַנגענקינדער, 34
וויאַזוי קענט איר רעדן גוטס, זייענדיק (אַליין)
בייז? וואָרום פון דער שפע פון דעם האַרץ, רעדט
דאָך דאָס מויל· דער גוטער מענטש ברענגט אַרויס 35
גוטע זאַכן פון זיין גוטן אוצר, און דער בייזער
מענטש ברענגט אַרויס בייז פון זיין בייזן אוצר·

36 איך זאָג אייך אָבער, אַז יעדעס פּוסטע וואָרט,
וואָס מענטשן וועלן רעדן, וועלן זיי מוזן אָפּגעבן
37 אַ חשבון דערפון אינם יום הדין. וואָרום פון דיינע
ווערטער וועסטו גערעכטפערטיקט ווערן, און פון
דיינע ווערטער וועסטו פאַרמשפּט ווערן.
38 דעמלט האָבן אים אייניקע פון די סופרים און
פּרושים געענטפערט, אַזוי צו זאָגן: רבי, מיר ווילן
39 זעען אַ צייכן פון דיר! ער אָבער האָט ענטפערנדיק
צו זיי געזאָגט: אַ בייז און נואפדיק דור באַגערט
אַ צייכן; און קיין צייכן וועט אים נישט געגעבן
40 ווערן אַ חוץ דאָס צייכן פון יונה הנביא. וואָרום
אַזוי ווי יונה איז געווען דריי טעג און דריי נעכט
אין די געדערעם פון דעם ריזנפיש, אַזוי וועט דער
בן־אדם זיין דריי טעג און דריי נעכט אין דעם
41 האַרץ פון דער ערד. די לייט פון נינוה וועלן
אויפשטיין אין דעם משפט מיט דעם דאָזיקן דור,
און וועלן עס פאַראורטיילן; ווייל זיי האָבן תשובה
געטון אויף יונהס רוף; און זע, אַ גרעסערער ווי
42 יונה איז דאָ דאָ. די מלכה פון תימן וועט אויפשטיין
אין דעם משפט מיט דעם דאָזיקן דור, און וועט עס
פאַראורטיילן; ווייל זי איז געקומען פון עק וועלט
צו הערן שלמהס חכמה; און זע, אַ גרעסערער ווי
43 שלמה איז דאָ דאָ. ווען אָבער דער אומריינער
גייסט גייט אַרויס פון דעם מענטשן, גייט ער איבער
ערטער, וואו עס איז קיין וואַסער נישטאָ, זוכנדיק
44 מנוחה, און געפינט נישט. זאָגט ער דעמלט: איך
וועל מיך אומקערן אין מיין הויז אַריין, פונוואַנען
איך בין אַרויסגעגאַנגען; און ווען ער קומט,
געפינט ער עס ליידיק, אויסגעקערט, און אויסגע־
45 צירט. דאַן גייט ער, און נעמט מיט זיך זיבן אַנדערע
גייסטער, ערגערע ווי ער אַליין, און זיי גייען

אַריין און וואוינען דאָרט; און דער סוף פון יענעם
מענטשן ווערט ערגער ווי דער אָנהויב. אַט אַזוי
וועט עס זיין מיט דעם דאָזיקן בּייזן דור.
46 און בּשעת ער האָט נאָך גערעדט צו די המונים
מענטשן, זע, זיין מוטער און זיינע בּרידער זענען
געשטאַנען אינדרויסן, און האָבּן בּאַגערט צו רעדן
47 מיט אים. און עמיצער האָט צו אים געזאָגט: זע,
דיין מוטער און דיינע בּרידער שטייען אינדרויסן,
48 און ווילן רעדן מיט דיר. ער אָבּער האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צו דעם, וואָס האָט עס אים געזאָגט: ווער
איז מיין מוטער, און ווער זענען מיינע בּרידער?
49 און האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף זיינע
תלמידים, און געזאָגט: זע, מיין מוטער און
50 מיינע בּרידער! וואָרום ווער עס וועט טון דעם
רצון פון מיין פאָטער, וואָס איז אין הימל, דער
זעלבּיקער איז מיין בּרודער, און שוועסטער, און
מוטער!

## קאַפּיטל דרייצן

1 אין יענעם טאָג איז ישוע אַרויסגעגאַנגען פון
הויז, און האָט זיך אַנידערגעזעצט בּיים ים.
2 און גרויסע המונים מענטשן האָבּן זיך פאַרזאַמלט
צו אים, אַז ער איז איינגעשטיגן אין אַ שיפל, און
האָט זיך אַנידערגעזעצט; און די גאַנצע מאַסע
3 מענטשן איז געשטאַנען בּיים בּרעג. און ער האָט
גערעדט צו זיי אַ סך זאַכן מיט משלים, אַזוי צו
זאָגן: זע, דער זייער איז אַרויסגעגאַנגען צו זייען;
4 און בּשעת ער האָט געזייט, איז אַבּיסל (פון דער
זריעה) געפאַלן בּיים וועג, און די פייגל זענען
5 געקומען און האָבּן עס איינגעשלונגען. אַן אַנדער
בּיסל איז געפאַלן אויף שטיינּיקע ערטער, וואו

עס האָט נישט געהאַט קיין סך ערד; און עס האָט
באַלד אַרויסגעשפּראָצט, דערפאַר וואָס עס האָט
6 נישט געהאַט קיין טיפע ערד; ווען אָבער די זון
איז אויפגעגאַנגען, איז עס פאַרוועלקט געוואָרן,
און צוליב דעם וואָס עס האָט נישט געהאַט קיין
7 וואָרצל, איז עס פאַרדאַרט געוואָרן. און אַן אַנדער
ביסל איז געפאַלן צווישן די דערנער; און די דערנער
8 זענען אויפגעוואַקסן, און האָבן עס דערשטיקט. אַן
אַנדער ביסל איז אָבער געפאַלן אויף דער גוטער
ערד, און עס האָט געבּרענגט פרוכט, איינס הונדערט-
פאַכיק, איינס זעכציקפאַכיק, און איינס דרייסיק-
9 פאַכיק. ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן!
10 און די תלמידים זענען צוגעקומען, און האָבן
געזאָגט צו אים: פאַרוואָס רעדסטו צו זיי אין
11 משלים? און ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: ווייל
צו אייך איז געגעבן געוואָרן צו וויסן די סודות פון
דעם מלכות השמים, צו יענע אָבער איז עס נישט
12 געגעבן געוואָרן. וואָרום ווער עס האָט, דעם וועט
געגעבן ווערן, און ער וועט האָבן אַ שפע; ווער
אָבער עס האָט נישט, פון דעם וועט אויך אַוועק-
13 גענומען ווערן, וואָס ער האָט יאָ. דערפאַר רעד
איך צו זיי אין משלים; ווייל זיי קוקן און זעען
דאָך נישט, און הערן און הערן דאָך נישט, און
14 פאַרשטייען אויך נישט. און אויף זיי ווערט דערפילט
ישעיהוס נבואה, וואָס זאָגט:

מיט די אויערן וועט איר הערן, און נישט
פאַרשטיין,
און קוקנדיק וועט איר קוקן, און דאָך נישט
זעען!
15 וואָרום פעט געוואָרן איז דאָס האַרץ פון דעם
דאָזיקן פאָלק,

און מיט די אויערן הערן זיי שווער,
און זייערע אויגן האָבן זיי צוגעמאַכט;
טאָמער וואָלטן זיי געזעען מיט די אויגן,
און מיט די אויערן געהערט,
און מיטן האַרצן פאַרשטאַנען,
און זיך אומגעקערט,
און איך וואָלט זיי געהיילט. (ישעיהו ו, ט־י.)

16 אָבער וואויל איז אייערע אויגן, ווייל זיי זעען;
17 און אייערע אויערן, ווייל זיי הערן. וואָרום באמת
זאָג איך אייך, אַז אַ סך נביאים און צדיקים האָבן
געגאַרט צו זעען, וואָס איר זעט, און האָבן עס נישט
געזעען; און צו הערן, וואָס איר הערט, און האָבן
18 עס נישט געהערט. דעריבער זאָלט איר הערן דאָס
19 משל פון דעם זייער. ווען עמיצער הערט דאָס
וואָרט פון דעם מלכות, און פאַרשטייט עס נישט,
קומט דער נישט־גוטער און רייסט אויס דאָס,
וואָס איז געזייט געוואָרן אין זיין האַרצן. דאָס
20 איז דער, וואָס איז געזייט געוואָרן ביים וועג. און
דער, וואָס איז געזייט געוואָרן אויף שטייניקע
ערטער, דאָס איז דער, וואָס הערט דאָס וואָרט,
21 און נעמט עס גלייך אויף מיט שמחה; ער האָט
אָבער נישט קיין שורש אין זיך, נאָר איז לפי־שעה.
און קומט אַ צרה אָדער רדיפה צוליב דעם וואָרט,
22 שטרויכלט ער באַלד. און דער, וואָס איז געזייט
צווישן די דערנער, דאָס איז דער, וואָס הערט דאָס
וואָרט, און די זאָרג פון דער וועלט, און די
פאַרפירערישקייט פון עשירות דערשטיקט דאָס
23 וואָרט, און עס בלייבט אָן פּירות. דער אָבער,
וואָס איז געזייט אויף דער גוטער ערד, דאָס איז
דער וואָס הערט דאָס וואָרט, און פאַרשטייט עס;
ער ברענגט שוין יאָ פּירות, און איינער ברענגט

הונדערטפּאַכיק, און איינער זעכציקפּאַכיק, און
איינער דרייסיק.
24 אַן אַנדער משל האָט ער פֿאַר זיי פֿאָרגעלייגט,
אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות השמים איז גלייך צו
אַ מענטשן, וואָס האָט געזייט גוטן זאָמען אין
25 זיין פֿעלד. און בשעת די לייט זענען געשלאָפֿן,
איז געקומען זיין שונא און האָט פֿאַרזייט אומ־
26 קרויט צווישן דעם ווייץ, און איז אַוועקגעגאַנגען.
און ווען דאָס גראָז האָט אויפֿגעשפּראָצט, און
געבראַנגט פּרוכט, האָט זיך דעמלט אויך דאָס
27 אומקרויט באַוויזן. און די קנעכט פֿון דעם בעל־
הבית זענען צוגעגאַנגען און האָבן געזאָגט צו אים:
האַר, צי האָסטו דען נישט געזייט גוטע זריעה אין
דיין פֿעלד? פֿונוואַנען זשע האָט עס אומקרויט?
28 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: דאָס האָט אַ מענטש,
אַ שונא, געטון! זאָגן די קנעכט צו אים: צי ווילסטו
זשע אַז מיר זאָלן גיין און עס אויסרייסן? זאָגט
29 ער: ניין, טאָמער, אויסרייסנדיק דאָס אומקרויט,
וועט איר צוגלייך דערמיט אויך אויסוואָרצלען
30 דעם ווייץ. לאָזט ביידע וואַקסן צוזאַמען ביז צום
שניט, און אין דער צייט פֿון שניט וועל איך זאָגן
צו די שניטער: רייסט צום ערשט אויס דאָס אומק־
רויט, און בינדט עס אין בינטלעך, כדי מען זאָל
עס פֿאַרברענען; דעם ווייץ אָבער זאַמלט איין אין
מיין שייער אַריין.
31 אַן אַנדער משל האָט ער פֿאַר זיי פֿאָרגעלייגט,
אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות־השמים איז גלייך צו אַ
זענעפֿט־קערנדל, וואָס אַ מענטש האָט גענומען,
32 און געזייט אין זיין פֿעלד. דאָס איז דאָס קלענסטע
פֿון אַלע זריעות; נאָר ווען עס וואַקסט אויף, איז
עס גרעסער ווי אַלע קרייטעכצער, און עס ווערט

אַ בוים, אַז די פֿייגל פֿון הימל קומען און מאַכן זיך
נעסטן אין זײַנע צווײַגן.
33 אַן אַנדער משל האָט ער צו זיי געזאָגט: דאָס
מלכות־השמים איז גלײַך צו זויערטייג, וואָס אַ פֿרוי
האָט גענומען, און באַהאַלטן אין דריי מאָס זעמל־
מעל, ביז עס וועט אײַנגאַנצן אַדורכגעזויערט ווערן.
34 דאָס אַלץ האָט ישוע גערעדט צו די המונים
מענטשן אין משלים; און אָן אַ משל האָט ער צו
35 זיי גאָרנישט גערעדט, כּדי עס זאָל דערפֿילט
ווערן, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם נביא,
אַזוי צו זאָגן:
איך וועל אויפֿעפֿענען מײַן מויל אין משלים;
איך וועל אַרויסרעדן רעטעניש‍ן פֿון פֿאַרצײַטנס.
(תהלים עח, ב.)

36 דעמלט האָט ער אַוועקגעשיקט די המונים מענטשן,
און איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז. און זײַנע תּלמידים
זענען געקומען צו אים, און האָבן געזאָגט: באַשייד
אונדז דאָס משל פֿון דעם אומקרויט פֿון פֿעלד.
37 און ער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט: דער, וואָס זייט
38 דעם גוטן זאָמען, איז דער בן־אדם; און דאָס פֿעלד
איז די וועלט; און דער גוטער זאָמען, דאָס זענען
די קינדער פֿון דעם מלכות; דאָס אומקרויט אָבער
39 זענען די קינדער פֿון דעם בישט־גוטן; און דער
שונא, וואָס האָט עס געזייט, איז דער שטן; און
דער שניט איז דער קץ פֿון דער וועלט; און די
40 שניטער זענען מלאכים. דעריבער ווי מען
רײַסט אויס דאָס אומקרויט און מען פֿאַרברענט
עס אין פֿײַער, וועט עס אויך אַזוי זײַן בײַם קץ
41 פֿון דער וועלט. דער בן־אדם וועט אַרויסשיקן
זײַנע מלאכים, און זיי וועלן אײַנזאַמלען פֿון זײַן
מלכות אַלע מכשולים און די, וואָס טון רשעות,

42 און וועלן זיי וואַרפן אין דעם אויוון פון פייער
אַריין; דאָרטן וועט זיין דאָס קלאָגן און קריצן מיט
43 די ציין. דעמלט וועלן די צדיקים לויכטן ווי די
זון אין דעם קעניגרייך פון זייער פאָטער. ווער
עס האָט אויערן, דער זאָל הערן.
44 דאָס מלכות־השמים איז גלייך צו אַ פאַרבאָרגענעם
אוצר אין אַ פעלד; וואָס אַ מענטש האָט געפונען,
און פאַרבאָרגן; און פאַר פרייד גייט ער און פאַר־
קויפט אַלץ, וואָס ער האָט, און קויפט יענץ פעלד.
45 ווידער איז דאָס מלכות־השמים גלייך צו אַ
46 סוחר, וואָס זוכט שיינע פערל. און ווען ער האָט
געפונען איינע, אַ זער טייערע פערל, איז ער
געגאַנגען און פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט,
און האָט זי געקויפט.
47 ווידער איז דאָס מלכות־השמים גלייך צו אַ נעץ,
וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ים אַריין, און
48 וואָס פאַנגט פון אַלע מינים. וואָס, ווען זי איז
געוואָרן פול, האָט מען זי אַרויסגעצויגן אויפן
ברעג, און מען האָט זיך אַנידערגעזעצט, און
געזאַמלט די גוטע מינים אין געפעסן אַריין, די
49 שלעכטע אָבער האָט מען אַוועקגעוואָרפן. אָט אַזוי
וועט עס זיין ביים קץ פון דער וועלט. די מלאכים
וועלן אַרויסגיין, און וועלן אָפּשיידן די רשעים פון
50 צווישן די צדיקים. און זיי וואַרפן אין דעם אויוון
פון פייער אַריין. דאָרטן וועט זיין דאָס קלאָגן און
קריצן מיט די ציין.
51 האָט איר דאָס אַלץ פאַרשטאַנען? זאָגן זיי צו
52 אים: יאָ! און ער האָט צו זיי געזאָגט: דערפאַר
איז יעדער איינער סופר, וואָס איז געלערנט צום
מלכות־השמים, גלייך צו אַ מענטשן אַ בעל־הבית,
וואָס ברענגט אַרויס פון זיין אוצר נייע און אַלטע זאַכן.

53 און עס איז געשעען, ווען ישוע האָט געענדיקט
54 די דאָזיקע משלים, איז ער פון דאָרטן אַוועק. און
איז געקומען אין זיין לאנד אַריין, און האָט זיי
געלערנט אין זייער שול, אַז זיי האָבן געשטוינט
און געזאָגט: פונוואַנען האָט ער די דאָזיקע חכמה,
55 און די וואונדער? איז ער דען נישט דעם סטאָליערס
זון? הייסט דען נישט זיין מוטער מרים און זיינע
ברידער יעקב און יוסף און שמעון און יהודה?
56 און זענען דען נישט אַלע זיינע שוועסטער ביי
אונז? פונוואַנען זשע קומט צו אים דאָס אַלץ?
57 און זיי זענען נכשל געוואָרן אין אים. ישוע אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: קיין נביא איז נישט אָן כבוד,
אַ חוץ אין זיין פאָטערלאַנד, און אין זיין אייגן
58 הויז! און ער האָט דאָרטן נישט געטון קיין סך
וואונדער צוליב זייער אומגלויבן.

## קאַפּיטל פערצן 14

1 אין יענער צייט האָט הורדוס דער טעטראַרך
2 געהערט פון ישועס שם, און האָט געזאָגט צו
זיינע דינער: דאָס איז יוחנן המטביל; ער איז
אויפגעשטאַנען פון די טויטע; און דערפאַר ווירקן
3 אַזוי די כוחות אין אים. וואָרום הורדוס האָט
דעם יוחנן געפאַנגען גענומען, און אים געבונדן,
און איינגעזעצט אין תפיסה, צוליב הורודיה, דאָס
4 ווייב פון זיין ברודער פיליפוס. וואָרום יוחנן האָט
5 צו אים געזאָגט: דו טאָרסט זי נישט האָבן. און ער
האָט אים געוואָלט טייטן, און האָט זיך געפאָרכטן
פאַר דעם המון, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ
6 נביא. נאָר ווען מען האָט געפייערט הורדוסנס
געבוירנטאָג, האָט הורודיהס טאָכטער געטאַנצט

7 פאַר די געסט און איז הורדוסן וואוילגעפעלן. דערפאַר
האָט ער צוגעזאָגט מיט אַ שבועה, איר צו געבן,
8 וואָס זי וועט פאַרלאַנגען. און ווייל זי איז געווען
פון פריער אָנגערעדט פון איר מוטער, האָט זי
געזאָגט: גיב מיר דאָ אויף אַ טעלער יוחנן המטבילס
9 קאָפּ. און דער קעניג איז טרויעריק געוואָרן; נאָר
צוליב די שבועות און די געסט, האָט ער באַפוילן
10 עס זאָל געגעבן ווערן. און ער האָט געשיקט, און
11 געלאָזט יוחנן אָפּהאַקן דעם קאָפּ אין תפיסה. און
זיין קאָפּ איז געברענגט געוואָרן אויף אַ טעלער,
און געגעבן געוואָרן דעם מיידל, און זי האָט אים
12 געברענגט צו איר מוטער. און זיינע תלמידים
זענען געקומען, און האָבן גענומען דעם גוף, און
אים קובר געווען; און זענען געגאַנגען און האָבן
עס דערציילט ישוען.

13 און ווי ישוע האָט דאָס געהערט, איז ער פון
דאָרטן אַוועק אין אַ שיפל, אויף אַ מדבריותדיק
אָרט איינער אַליין. און ווען די המונים מענטשן
האָבן עס געהערט, האָבן זיי אים נאָכגעפאָלגט צופוס
14 פון די שטעט. און ער איז אַרויסגעקומען, און
האָט געזען אַ גרויסן המון מענטשן, און זיך
דערבאַרעמט אויף זיי און געהיילט זייערע קראַנקע.
15 און אַקעגן אָוונט זענען די תלמידים געקומען צו
אים, און האָבן געזאָגט; דאָס איז אַ וויסט אָרט,
און די שעה איז שוין פאַרביי; לאָז דעריבער אָפּ די
מאַסן מענטשן, כדי זיי זאָלן גיין אין די דערפער
16 אַריין, און זיך קויפן שפייז. ישוע אָבער האָט צו
זיי געזאָגט: זיי האָבן נישט נייטיק אַוועקצוגיין;
17 גיט איר זיי צו עסן! זאָגן זיי צו אים: מיר האָבן
דאָ גאָרנישט אַ חוץ פינף לעבלעך ברויט, און צוויי
18 פיש. און ער האָט געזאָגט: ברענגט זיי אַהער צו

19 מיר. און ער האָט באַפוילן די המונים מענטשן
זיך אַנידערצוזעצן אויפן גראָז; און האָט גענומען די
פינף לעבלעך ברויט, און די צוויי פיש, האָט
אַרויפגעבליקט צום הימל און געמאַכט אַ ברכה,
און האָט צעבראָכן און געגעבן די תלמידים די
20 ברויטן, און די תלמידים צו די מאַסן מענטשן. און
אַלע האָבן געגעסן, און זענען זאַט געוואָרן, און
זיי האָבן אויפגעהויבן, וואָס איז איבערגעבליבן
21 פון די ברעקלעך, צוועלף קערב פולי. און די, וואָס
האָבן געגעסן, זענען געווען אַן ערך פינף טויזנט
מענער, אַ חוץ פרויען און קינדער.

22 און ער האָט גלייך געצוואונגען די תלמידים
איינצושטייגן אין דעם שיפל, און אַריבערצופאָרן
פאַר אים אויף יענער זייט ים, ביז ער וועט אָפּלאָזן
23 די המונים מענטשן. און ווען ער האָט געהאַט
אַוועקגעשיקט די מאַסן, איז ער אַרויפגעגאַנגען
אויפן באַרג, כדי אַליין תפילה־צו־טון; און ווען עס
איז געוואָרן אָוונט, איז ער דאָרטן געווען איינער
24 אַליין. דאָס שיפל אָבער איז שוין געווען אַ סך
מיילן פון דער יבשה, האַרט געשטויסן פון די
כוואַליעס; וואָרום דער ווינט איז געווען אַנטקעגן.
25 און אין דעם פערטן משמר פון דער נאַכט איז ער
26 געקומען צו זיי, גייענדיק אויפן ים. און ווי די
תלמידים האָבן אים דערזעען אַרומגיין אויפן ים,
האָבן זיי זיך דערשראָקן, און געזאָגט: עס איז אַ
27 געשפּעגסט! און האָבן געשריגן אויס מורא. ישוע
אָבער האָט גלייך צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן:
זייט געטרייסט! איך בין עס; האָט נישט קיין מורא!
28 פּעטרוס אָבער האָט ענטפערנדיק צו אים געזאָגט:
האַר, אויב דו ביסט עס, הייס מיך קומען צו דיר
29 אויפן וואַסער! און ער האָט געזאָגט: קום! און

פּעטרוס איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיפל, און איז
געגאַנגען אויפן וואַסער, און געקומען צו ישוען.
30 און ווי ער האָט געזעען דעם שטאַרקן ווינט, האָט
ער זיך דערשראָקן, און אָנהויבנדיק זיך צו טרענקען,
האָט ער אַ געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: האַר,
31 ראַטעווע מיך! און ישוע האָט גלייך אויסגעשטרעקט
זיין האַנט, האָט אים אָנגעכאַפּט, און זאָגט צו אים:
דו קליינגלויביקער, פאַרוואָס האָסטו געצווייפלט?
32 און ווען זיי זענען איינגעשטיגן אין שיפל, האָט
33 דער ווינט אויפגעהערט. און די, וואָס זענען געווען
אין שיפל, האָבן זיך געבוקט צו אים, און געזאָגט:
דו ביסט באמת ג־טס זון!
34 און זיי זענען אַריבערגעפאָרן, און זענען געקומען
35 צום לאַנד. און ווי די לייט פון יענעם אָרט האָבן
אים דערקענט, האָבן זיי געשיקט אין יענער גאַנצער
געגנט אַרום, און געבראַכט צו אים אַלע קראַנקע;
36 און האָבן אים געבעטן, אַז זיי זאָלן בלויז אָנרירן
די זוים פון זיין מלבוש; און אַלע, וואָס האָבן
אָנגערירט, זענען גאַנץ געזונט געוואָרן.

## קאַפּיטל פיפצן

1 דעמלט קומען צו ישוען פרושים און סופרים פון
2 ירושלים, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זענען דיינע
תלמידים עובר אויף דער מסורה פון די זקנים?
וואָרום זיי וואַשן זיך ניט די הענט, ווען זיי עסן
3 ברויט. ער אָבער האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט:
פאַרוואָס זענט איר אויך עובר ג־טס געבאָט צוליב
4 אייער מסורה? וואָרום ג־ט האָט געזאָגט: דו זאָלסט
אָפּגעבן כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער! און: ווער
עס פלוכט פאָטער אָדער מוטער, דער זאָל געטייט

5 ווערן און איר זאָגט: ווער עס וועט זאָגן צום
פאָטער אָדער צו דער מוטער: דאָס איז אַ קרבן,
6 וואָס דו וואָלסט פון מיר געקענט נהנה זיין, דער
איז מער נישט מחויב אָפּצוגעבן כבוד זיין פאָטער
אָדער זיין מוטער. און איר האָט אָפּגעשאַפט ג-טס
7 וואָרט דורך אייער מסורה. איר צבועקעס! וואויל
האָט ישעיה אויף אייך נבואות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:
8 דאָס דאָזיקע פאָלק גיט מיר אָפּ כבוד מיט
די ליפּן;
אָבער זייער האַרץ איז ווייט פון מיר.
9 אומזיסט איז זייער יראה פאַר מיר,
ווייל זיי לערנען ווי מצוות מענטשלעכע לערעס,
(ישעיהו, כט, יג.)

10 און ער האָט גערופן צו זיך דעם המון מענטשן,
11 און צו זיי געזאָגט: הערט, און פאַרשטייט! נישט
דאָס, וואָס גייט אַריין אין מויל, מאַכט דעם מענטשן
טמא; נאָר דאָס, וואָס קומט אַרויס פון מויל,
12 דאָס דאָזיקע מאַכט טמא דעם מענטשן. דעמלט
זענען די תלמידים געקומען, און געזאָגט צו אים:
ווייסט, אַז די פּרושים האָבן געשטרויכלט הערנדיק
13 דאָס וואָרט? ער אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
יעדע פלאַנץ, וואָס מיין הימלישער פאָטער האָט
14 נישט געפלאַנצט, וועט אויסגעוואָרצלט ווערן. לאָזט
זיי גיין! זיי זענען בלינדע פירער פון בלינדע. און
ווען אַ בלינדער פירט אַ בלינדן, וועלן ביידע
15 אַריינפאַלן אין גרוב אַריין. און פּעטרוס האָט
ענטפערנדיק געזאָגט צו אים: לייג אונז אויס דאָס
16 משל! ער אָבער האָט געזאָגט: זענט איר אויך נאָך
17 אָן פאַרשטאַנד? צי זעט איר דען נישט איין, אַז
אַלץ, וואָס גייט אַריין אין מויל, בידערט אַראָפּ אין
בויך, און ווערט אַרויסגעוואָרפן אין בית־הכסא

18 אַריין? די זאַכן אָבער וואָס קומען אַרויס פון מויל
קומען אויסן האַרצן אַרויס; און זיי מאַכן דעם מענטשן
19 טמא. וואָרום פון האַרצן קומען אַרויס בייזע
מחשבות, מערדערייען, ניאופים, זנות, גניבות, פאַלש
20 עדות־זאָגן, לעסטערונגען. די דאָזיקע זאַכן זענען
עס, וואָס זענען מטמא דעם מענטשן; אָבער צו עסן מיט
אומגעוואַשענע הענט מאַכט דעם מענטשן נישט טמא.
21 און ישוע איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן, און
22 איז אַוועק אין די געגנטן פון צור און צידון. און
זע, אַ כנענישע פרוי איז אַרויסגעקומען פון יענע
גרענעצן, און האָט געשריגן, אַזוי צו זאָגן: האַר,
בן דוד, דערבאַרעם דיך אויף מיר! מיין טאָכטער
23 ווערט ביטער געפּלאָגט פון אַ בייזן גייסט! ער
אָבער האָט איר נישט געענטפערט קיין וואָרט. און
זיינע תלמידים זענען צוגעגאַנגען און האָבן אים
געבעטן, אַזוי צו זאָגן: שיק זי אַוועק; ווייל זי שרייט
24 אונז נאָך! ער אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
איך בין נישט געשיקט געוואָרן אַ חוץ צו די
25 פאַרלוירענע שעפעלעך פון דעם הויז ישראל. זי
איז אָבער געקומען, און אַנידערגעפאַלן פאַר
26 אים, און געזאָגט: האַר, העלף מיר! און ער האָט
ענטפערנדיק געזאָגט: עס איז נישט שיין אַוועקצו־
נעמען דאָס ברויט פון די קינדער און עס צו וואַרפן
27 פאַר די הינטלעך! און זי האָט געזאָגט: יאָ, האַר;
וואָרום אַפילו די הינטלעך עסן פון די ברעקלעך,
28 וואָס פאַלן אַראָפּ פון זייערע האַרנס טיש. דעמלט
האָט ישוע ענטפערנדיק צו איר געזאָגט: אשה,
דיין אמונה איז גרויס; זאָל דיר געשעען אַזוי ווי דו
ווילסט! און איר טאָכטער איז געהיילט געוואָרן פון
יענער שעה אָן.
29 און ישוע איז אַוועק פון דאָרטן, און איז געקומען

צום ים פון גליל; און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן
30 באַרג, און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט· און עס זענען
געקומען צו אים גרויסע המונים מענטשן, וואָס
האָבן געהאַט מיט זיך לאָמע, בלינדע, שטומע,
קאַליקעס, און אַ סך אַנדערע; און האָבן זיי אַנידער־
געוואָרפן פאַר זיינע פיס, און ער האָט זיי געהיילט;
31 אַז דער המון האָט זיך געוואונדערט, זעענדיק, אַז
די שטומע רעדן, די קאַליקעס זענען געזונט, און די
לאָמע גייען אַרום, און די בלינדע זעען; און זיי האָבן
אָפּגעגעבן אַ שבח צו דעם ג־ט פון ישראל·
32 און ישוע האָט צו זיך גערופן זיינע תלמידים, און
געזאָגט: איך בין אינערלעך גערירט איבער דעם
המון מענטשן, ווייל זיי זענען שוין דריי טעג מיט
מיר און האָבן נישט וואָס צו עסן; און איך וויל נישט
זיי אַוועקשיקן פאַסטנדיק, טאָמער וועלן זיי אויסגיין
33 אויפן וועג· און די תלמידים זאָגן צו אים: פונוואַנען
זאָלן מיר נעמען אין דער מדבר אַזויפיל ברויט,
34 אַזש צו זעטיקן אַזאַ מאַסע מענטשן? און ישוע זאָגט
צו זיי: וויפל לעבלעך ברויט האָט איר? און זיי האָבן
35 געזאָגט: זיבן, און אייניקע קליינע פישלעך· און ער
האָט באַפוילן דעם המון זיך אַנידערצוזעצן אויף
36 דער ערד; און גענומען די זיבן לעבלעך ברויט און
די פיש; האָט געמאַכט אַ ברכה און זיי צובראָכן,
און געגעבן צו די תלמידים, און די תלמידים צו די
37 מאַסן מענטשן· און אַלע האָבן געגעסן, און זענען
זאַט געוואָרן; און וואָס איז איבערגעבליבן פון די
ברעקלעך האָט מען אויפגעהויבן, זיבן גרויסע קערב·
38 און די, וואָס האָבן געגעסן, זענען געווען פיר טויזנט
39 מענער, אַ חוץ פרויען און קינדער· און ער האָט
אַוועקגעשיקט די המונים, און איז איינגעשטיגן אין
שיפל, און געקומען צו די גרענעצן פון מגדון·

## קאַפּיטל זעכצן 16

1 און די פּרושים און צדוקים זענען געקומען, כדי
אים אויסצופּרוּוון, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז ער
2 זאָל זיי ווייזן אַן אות מן השמים· ער אָבער האָט
ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: אין אָוונט זאָגט איר:
עס וועט זיין שיין וועטער, וואָרום דער הימל רויטלט
3 זיך; און אינדערפרי: היינט וועט זיין שטורמדיק,
וואָרום דער הימל רויטלט זיך און איז טריב· דאָס
אויסזעען פון הימל פאַרשטייט איר אונטערצושיידן;
נאָר די צייכנס פון דער צייט קענט איר נישט!
4 אַ בייז און נואפדיק דור פאַרלאַנגט אַ צייכן; און
קיין צייכן וועט אים נישט געגעבן ווערן, אַ חוץ דאָס
צייכן פון יונה· און ער האָט זיי איבערגעלאָזט, און
איז אַוועקגעגאַנגען·
5 און די תלמידים זענען אַריבערגעקומען אויף
יענער זייט ים און האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען
6 ברויט· און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: גיט אַכטונג
און היט זיך פאַרן זויערטייג פון די פרושים און
7 צדוקים· און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן זיך,
און געזאָגט: דאָס איז ווייל מיר האָבן נישט מיטגענו־
8 מען קיין ברויט· און ווען ישוע האָט זיך דערוואוסט,
האָט ער געזאָגט: אָ, איר קליינגלויביקע, וואָס רעדט
איר צווישן זיך, ווייל איר האָט נישט קיין ברויט?
9 פאַרשטייט איר נאָך נישט, און געדענקט איר נישט
די פינף ברויט פון די פינף טויזנט, און וויפל קערב
10 איר האָט אויפגעהויבן? אויך נישט די זיבן ברויט
פאַר די פיר טויזנט, און וויפל גרויסע קערב איר
11 האָט אויפגעהויבן? ווי קומט עס, וואָס איר פאַרשטייט
נישט, אַז איך האָב נישט גערעדט צו אייך פון
ברויט? היט אייך אָבער פאַרן זויערטייג פון די

12 פרושים און צדוקים· דעמלט האָבן זיי איינגעזעען
אַז ער האָט נישט געזאָגט, זיי זאָלן זיך היטן פאַרן
זויערטייג פון ברויט, נאָר פאַר דעם פּלפּול פון די
פרושים און צדוקים·

13 און ווען ישוע איז געקומען אין די געגנטן פון
קסריה פון פיליפוס, האָט ער געפרעגט זיינע
תלמידים, אַזוי צו זאָגן: ווער, זאָגן די מענטשן, אַז
14 דער בן־אדם איז? און זיי האָבן געזאָגט: אייניקע
(זאָגן) יוחנן המטביל; אַנדערע אָבער, אליהו; נאָך
15 אַנדערע ירמיהו, אָדער איינער פון די נביאים· זאָגט
16 ער צו זיי: און ווער, זאָגט איר, אַז איך בין? האָט
שמעון פעטרוס ענטפערנדיק געזאָגט: דו ביסט דער
17 משיח, דער זון פון דעם לעבעדיקן ג־ט! און ישוע
האָט ענטפערנדיק צו אים געזאָגט: אַז וואויל
איז דיר, שמעון בר־יונה; ווייל בשר ודם האָט עס
דיר נישט אַנטפּלעקט, נאָר מיין פאָטער, וואָס איז
18 אין הימל! און איך זאָג דיר אויך: דו ביסט פעטרוס,
און אויף דעם דאָזיקן פעלזן וועל איך בויען מיין
קהלה; און די טויערן פון שאול תחתיה וועלן זי נישט
19 בייקומען· און דיר וועל איך געבן די שליסלען פון
דעם מלכות השמים; און וואָס דו וועסט אסרן אויף
דער ערד, דאָס וועט זיין אָסור אין הימל; און וואָס
דו וועסט מתיר זיין אויף דער ערד, דאָס וועט זיין
20 מותר אין הימל· דעמלט האָט ער געבאָטן זיינע
תלמידים, דאָס זיי זאָלן קיינעם נישט אויסזאָגן, אַז
ער איז דער משיח·

21 פון דעמלט אָן האָט ישוע המשיח אָנגעהויבן צו
ווייזן זיינע תלמידים, אַז ער מוז גיין קיין ירושלים,
און ליידן אַ סך פון די זקנים און הויפּט־כהנים און
סופרים, און געטייט ווערן, און דעם דריטן טאָג
22 אויפשטיין· און פעטרוס האָט אים גענומען אויף אַ

זייט, און האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף אים, אַזוי
צו זאָגן: שוין דיך, האַר! דאָס דאַזיקע זאָל דיר בישט
23 געשעען! ער אָבער האָט זיך אויסגעדרייט און
געזאָגט צו פּעטרוסן: אַוועק פון מיר, שטן, דו ביסט אַ
מכשול פאַר מיר; ווייל דו האָסט בישט אין זינען
דאָס, וואָס געהערט צו ג־ט, נאָר דאָס, וואָס געהערט
24 צו מענטשן! דעמלט האָט ישוע געזאָגט צו זיינע
תלמידים: אויב עמיצער וויל מיר נאָכגיין, זאָל ער
זיך אַליין פאַרלייקענען, און נעמען זיין בוים(שבואל הלט) און
25 מיר נאָכפאָלגן! וואָרום ווער עס וויל מציל זיין זיין
לעבן, דער וועט עס פאַרלירן; ווער אָבער עס
פאַרלירט זיין לעבן צוליב מיר, דער וועט עס
26 געפינען. וואָרום וואָס וועט עס העלפן אַ מענטשן,
אויב ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן
זיין לעבן? אָדער וואָס קען אַ מענטש געבן אויסצולייזן
27 זיין לעבן? וואָרום דער בן־אדם וועט קומען אין
דער הערלעכקייט פון זיין פאָטער מיט זיינע
מלאכים; און דעמלט וועט ער פאַרגעלטן יעדן
28 איינעם לויט זיינע מעשים. באמת זאָג איך אייך,
אַז אייניקע פון די, וואָס שטייען דאָ, וועלן בישט
פאַרזוכן דעם טעם פון טויט, ביז זיי וועלן זען
דעם בן־אדם קומען אין זיין מלכות.

## קאַפּיטל זיבעצן

17

1 און אין זעקס טעג אַרום נעמט ישוע מיט זיך
פּעטרוסן, און יעקבן, און זיין ברודער יוחנן,
און פירט זיי אַליין אַרויף אויף אַ הויכן באַרג.
2 און ער איז פאַרענדערט געוואָרן פאַר זיי, און זיין
פּנים האָט געלויכטן ווי די זון, און זיינע מלבושים
3 זענען געוואָרן ווייס ווי דאָס ליכט. און זע, משה

און אליהו האָבן זיך באַוויזן צו זיי, רעדנדיק מיט
4 אים. און פּעטרוס האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו
ישוען: האַר, עס איז גוט פאַר אונז דאָ צו זיין!
אויב דו ווילסט, וועל איך דאָ מאַכן דריי געצעלטן;
איינס פאַר דיר, און איינס פאַר משהן, און איינס
5 פאַר אליהו. און בשעת ער האָט נאָך גערעדט, זע,
אַ ליכטיקער וואָלקן האָט זיי באַשאָטנט; און זע,
אַ קול אויס דעם וואָלקן האָט געזאָגט: דאָס איז
מיין געליבטער זון, אין וועמען איך האָב אַ וואויל־
6 געפעלן; אים זאָלט איר הערן! און ווי די תלמידים
האָבן עס געהערט, זענען זיי אַנידערגעפאַלן אויף
7 זייערע פּנימער, און האָבן זיך זער געפאָרכטן. און
ישוע איז צוגעגאַנגען און האָט זיי אָנגערירט און
8 געזאָגט: שטייט אויף, און האָט נישט קיין מורא! און
ווען זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, האָבן זיי
קיינעם נישט געזען, אַ חוץ ישוען אַליין.

9 און בשעת זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג,
האָט ישוע זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זאָגט קיינעם
נישט פון דער זעאונג, ביז דער בן־אדם איז אויפ־
10 געשטאַנען פון די טויטע. און די תלמידים האָבן
אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: און פאַרוואָס זאָגן די
11 סופרים, אַז אליהו דאַרף צום ערשט קומען? ער
אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: אליהו קומט טאַקע,
12 און וועט אַלץ צוריקשטעלן; נאָר איך זאָג אייך,
אַז אליהו איז שוין געקומען, און זיי האָבן אים נישט
דערקענט, נאָר געמאַכט מיט אים, וואָס זיי האָבן
געוואָלט. אָט אַזוי וועט אויך דער בן־אדם האָבן צו
13 ליידן פון זיי. דעמלט האָבן די תלמידים פאַרשטאַנען,
אַז ער האָט גערעדט צו זיי וועגן יוחנן המטביל.

14 און ווען זיי זענען געקומען צו דעם המון־עם,
איז געקומען צו אים אַ מענטש, וואָס איז אַנידער־

15 געפאַלן פאַר אים אויף די קני, און געזאָגט: האַר,
דערבאַרם דיך אויף מיין זון; ווייל ער איז אַ
חולה־נופל, און ליידט שווער; וואָרום אָפטמאָל
פאַלט ער אין פייער אַריין, און אָפטמאָל אין וואַסער
16 אַריין. און איך האָב אים געברענגט צו דיינע
תלמידים, און זיי האָבן אים נישט געקענט אויסהיילן.
17 און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט: אָ אומגלויביק
און פאַרקרומט דור! ווילאַנג זאָל איך זיין בײַ אייך?
ווילאַנג זאָל איך אייך דערטראָגן? ברענגט אים
18 אַהער צו מיר! און ישוע האָט אָנגעשריגן אויף אים,
און דער בייזער גייסט איז פון אים אַרויס, און דאָס
19 ייִנגל איז געזונט געוואָרן פון יענער שעה אָן. דעמלט
זענען די תלמידים צוגעגאַנגען צו ישוען, ווען זיי
זענען געווען מיט אים אַליין, און האָבן געזאָגט:
פאַרוואָס זענען מיר נישט געווען ביכולת אים
20 אַרויסצוטרייבן? און ער זאָגט צו זיי: צוליב אייער
קלייניגלויביקייט! וואָרום באמת זאָג איך אייך: אויב
איר וואָלט געהאַט אמונה ווי אַ זענעפט־קערנדל,
וואָלט איר געזאָגט צו דעם דאָזיקן באַרג: הויב דיך
אויף פונדאַנען דאָרטן אַהין! און ער וואָלט זיך
אויפגעהויבן, און קיין זאַך וואָלט נישט געווען
21 אוממעגלעך פאַר אייך. (דער דאָזיקער מין אָבער
גייט נישט אַרויס אַ חוץ דורך תפילה און פאַסטן.)

22 און בשעת זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין גליל, האָט
ישוע צו זיי געזאָגט: דער בן־אדם וועט איבערגעגעבן
23 ווערן אין הענט פון מענטשן; און זיי וועלן אים
טייטן, און דעם דריטן טאָג וועט ער אויפשטיין. און
זיי זענען געוואָרן זער באַטריבט.

24 און ווען זיי זענען געקומען קיין כפר־נחום, זענען
די איינגעמער פון דעם האַלבן שקל צוגעקומען צו
פעטרוסן, און געזאָגט: אייער רבי צאָלט נישט דעם

25 האַלבן שקל? זאָגט ער: יאָ! און ווען ער איז אַריינ־
געקומען אין הויז, איז ישוע אים אַנטקעגנגעקומען,
זאָגנדיק: וואָס מיינסטו, שמעון? די מלכים פון דער
ערד, פון וועמען נעמען זיי שטייערן אָדער צינזן?
26 פון זייערע קינדער, אָדער פון פרעמדע? און ווען
ער האָט געזאָגט: פון פרעמדע, האָט ישוע צו אים
27 געזאָגט: אַזוי זענען די קינדער פריי! נאָר כדי מיר
זאָלן נישט זיין קיין מכשול פאַר זיי, גיי צום ים,
און וואַרף אַריין אַ ווענדטקע, און נעם דעם ערשטן
פיש, וואָס וועט אַרויפקומען; און ווען דו וועסט
אויפעפענען זיין מויל, וועסטו געפינען אַ זילבערנע
מטבע (אַ סטאַטער); נעם זי, און גיב זי פאַר מיר
און פאַר דיר.

## קאַפּיטל אכצן

1 אין יענער שעה זענען די תלמידים געקומען צו
ישוען, און געזאָגט: ווער איז אינדעראמתן דער
2 גרעסטער אין דעם מלכות השמים? און ער האָט
גערופן צו זיך אַ קינד, און האָט עס געשטעלט אין
3 זייער מיט, און געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: אויב
איר וועט זיך נישט אומקערן, און ווערן ווי די
קינדער, וועט איר בשום אופן נישט אַריינגיין אין
4 דעם מלכות השמים! דעריבער ווער עס וועט זיך
אַליין דערנידעריקן ווי דאָס דאָזיקע קינד, דער איז
5 דער גרעסטער אין מלכות השמים. און ווער עס
וועט אויפנעמען איין קינד אַזעלכעס אין מיין נאָמען,
6 דער נעמט מיך אויף. ווער אָבער עס וועט פאַרפירן
צום שטרויכלען איינס פון די דאָזיקע קליינע, וואָס
גלייבן אין מיר, איז בעסער פאַר אים וואָלט עס
געווען, אַז אַ גרויסער מילשטיין וואָלט אָנגעהאָנגען
געוואָרן אויף זיין האַלז, און ער וואָלט דערטרונקען

7 גערוואָרן אין דער טיפֿעניש פֿון ים. וויי צו דער
וועלט מחמת די מכשולים! וואָרום שטרויכלונגען
מוזן קומען; נאָר וויי איז צו דעם מענטשן, דורך
8 וועמען דאָס מכשול קומט! און אויב דײַן האַנט
אָדער דײַן פֿוס פֿאַרפֿירט דיך צום שטרויכלען,
האַק אים אָפּ, און וואַרף אים אַוועק פֿון דיר! עס איז
בעסער פֿאַר דיר אַרײַנצוגיין אין דעם לעבן לאָם
אָדער הינקענדיק, ווי צו האָבן בײדע הענט אָדער
בײדע פֿיס און געוואָרפֿן צו ווערן אין דעם אייביקן
9 פֿייער אַרײַן. און אויב דײַן אויג פֿאַרפֿירט דיך צום
שטרויכלען, רײַס עס אַרויס און וואַרף עס אַוועק פֿון
דיר! עס איז בעסער פֿאַר דיר אַרײַנצוגיין אין דעם
לעבן מיט איין אויג, ווי צו האָבן צוויי אויגן און
געוואָרפֿן צו ווערן אין דעם גיהנום פֿון פֿייער.
10 גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט נישט מבזה־זײַן קיין
איינס פֿון די דאָזיקע קליינע! וואָרום איך זאָג אײַך,
אַז זייערע מלאכים אין הימל זעען תמיד דאָס פּנים
11 פֿון מײַן פֿאָטער, וואָס איז אין הימל. (וואָרום דער
בן־אדם איז געקומען, כדי צו ראַטעווען דאָס, וואָס
12 איז פֿאַרלוירן געגאַנגען.) וואָס מיינט איר? ווען אַ
געוויסער מאַן האָט הונדערט שאָף, און איינע פֿון
זיי וועט פֿאַרבלאָנדזשען, צי וועט ער דען נישט
איבערלאָזן די ניין און ניינציק אויף די בערג, און
13 גיין זוכן די פֿאַרבלאָנדזשעטע? און ווען עס טרעפֿט
זיך, אַז ער געפֿינט זי, באמת זאָג איך אײַך, ער פֿריידט
זיך מער מיט איר, ווי מיט די ניין און ניינציק, וואָס
14 זענען נישט פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. אָט אַזוי
איז עס אויך נישט דער רצון פֿאַר אײַער פֿאָטער,
וואָס איז אין הימל, אַז איינס פֿון די דאָזיקע קליינע
זאָל פֿאַרלוירן גיין.
15 ווען דײַן ברודער וועט זינדיקן (קעגן דיר), זאָלסטו

גיין, און אים זאָגן מוסר בלויז צווישן דיר און אים
אַליין. וועט ער דיך הערן, האָסטו געוואונען דיין
16 ברודער. אויב אָבער ער וועט נישט הערן, זאָלסטו
נעמען מיט דיר נאָך איינעם אָדער צוויי, כדי פון
דעם מויל פון צוויי עדות אָדער דריי זאָל יעדע זאַך
17 פעסטגעשטעלט ווערן. און אויב ער וועט זיי נישט
הערן, זאָג עס צו דער קהלה. ווען אָבער ער וויל די
קהלה אויך נישט הערן, זאָל ער זיין פאַר דיר אַזוי־
18 ווי דער גוי און דער שטייעראויפמאָנער. באמת זאָג
איך אייך, וואָס איר וועט אַסרן אויף דער ערד, דאָס
וועט זיין אָסור אין הימל, און וואָס איר וועט מתיר
זיין אויף דער ערד, דאָס וועט זיין מותר אין הימל.
19 ווייטער זאָג איך אייך, אויב צוויי פון אייך וועלן
מסכים זיין אויף דער ערד וואָס שייך וועלכע עס
איז זאַך, אויף וואָס זיי ווילן בעטן, וועט עס זיי
געטון ווערן פון מיין פאָטער, וואָס איז אין הימל.
20 וואָרום וואו צוויי אָדער דריי זענען פאַרזאַמלט אין
מיין נאָמען, דאָרט בין איך צווישן זיי.

21 דעמלט איז פעטרוס צוגעגאַנגען צו אים, און
געזאָגט: האַר, וויפל מאָל, ווען מיין ברודער זינדיקט
קעגן מיר, דאַרף איך אים מוחל זיין? צי ביז צום
22 זיבעטן מאָל? זאָגט ישוע צו אים: איך זאָג דיר
נישט, ביז צום זיבעטן מאָל; נאָר, ביז צום זיבנציקסטן
23 מאָל זיבעטן מאָל! דערפאַר איז דאָס מלכות־השמים
געגליכן צו אַ מלך, וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַ חשבון
24 מיט זיינע קנעכט. און ווי ער האָט אָנגעהויבן צו
רעכענען, האָט מען געברענגט פאַר אים איינעם,
וועלכער איז שולדיק געווען צען טויזנט טאַלאַנטן.
25 און ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, האָט
זיין האַר באַפוילן, אַז מען זאָל אים פאַרקויפן מיט
זיין ווייב און קינדער און אַלץ, וואָס ער האָט,

26 און עס זאָל באַצאָלט ווערן. דאַן איז דער קנעכט
אַנידערגעפאַלן און האָט זיך געבוקט צו אים, אַזוי
צו זאָגן: האָב געדולד מיט מיר, און איך וועל דיר
27 אַלץ באַצאָלן! און דער האַר פון יענעם קנעכט האָט
זיך דערבאַרמט אויף אים, און האָט אים געלאָזט
28 גיין, און אים מוחל געווען דעם חוב. ווען אָבער
יענער קנעכט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געפונען
איינעם פון זיינע מיטקנעכט, וואָס איז אים שולדיק
געווען הונדערט דינרים; און ער האָט אים אָנגעכאַפּט,
און האָט אים געוואָרגן, און געזאָגט: באַצאָל, וואָס
29 דו ביסט שולדיק! דאַן איז זיין מיטקנעכט אַנידערגע־
פאַלן פאַר זיינע פיס, און האָט אים געבעטן, אַזוי
צו זאָגן: האָב געדולד מיט מיר, און איך וועל דיר
30 באַצאָלן! ער אָבער האָט נישט געוואָלט, נאָר איז
אָוועקגעגאַנגען און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין
תפיסה, ביז ער וועט האָבן באַצאָלט, וואָס ער איז
31 שולדיק געווען. דעריבער ווען זיינע מיטקנעכט
האָבן געזעען, וואָס דאָ איז געשעען, האָבן זיי זיך
שטאַרק מצער געווען, און זענען געקומען און
דערציילט זייער האַר אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט.
32 דעמלט האָט זיין האַר אים גערופן צו זיך, און זאָגט
צו אים: דו געמיינער קנעכט! יענעם גאַנצן חוב
האָב איך דיר פאַרגעבן, ווייל דו האָסט מיך געבעטן;
33 האָסטו דען נישט אויך געדאַרפט רחמנות האָבן אויף
דיין מיטקנעכט, ווי איך האָב אויף דיר רחמנות
34 געהאַט? און זיין האַר איז צאָרנדיק געוואָרן, און
האָט אים איבערגעגעבן צו די פּייניקער, ביז ער וועט
35 באַצאָלן אַלץ, וואָס ער איז אים שולדיק. פּונקט
אַזוי וועט אויך מיין הימלישער פאָטער טון צו אייך,
ווען איר וועט נישט מוחל זיין יעדער איינער דעם
ברודער זיינעם פון אייערע הערצער.

# קאַפּיטל נײַנצן

1 און עס איז געשעען, ווען ישוע האָט געענדיקט
די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן
און איז אַוועק פון גליל, און איז געקומען אין דעם
2 גבול פון יהודה, אויף יענער זייט ירדן. און גרויסע
המונים מענטשן האָבן אים נאָכגעפאָלגט, און ער
האָט זיי דאָרט געהיילט.

3 און פרושים זענען געקומען צו אים, האָבן אים
אויסגעפרואווט, און געזאָגט: צי מעג מען זיך גטן
4 מיטן ווייב צוליב יעדער סבה? ער אָבער האָט
ענטפערנדיק געזאָגט: האָט איר דען נישט געלייענט,
אַז דער בורא האָט אין אָנהויב זיי באַשאַפן זכר
5 און נקבה, און געזאָגט: דערפאַר וועט אַ מענטש
פאַרלאָזן דעם פאָטער און די מוטער, און זיך באַ־
העפטן מיט זיין ווייב; און די צוויי וועלן ווערן איין
6 פלייש? אַזוי זענען זיי שוין מער נישט קיין צוויי,
נאָר איין פלייש. דעריבער וואָס ג־ט האָט מזווג
7 געווען, דאָס זאָל קיין מענטש נישט צעשיידן. זאָגן
זיי צו אים: און פאַרוואָס האָט משה געבאָטן איר צו
8 געבן אַ גט, און די אַוועקצושיקן? זאָגט ער צו זיי:
משה האָט אייך דערלויבט צו גטן אייערע ווייבער,
מחמת דער האַרטקייט פון אייער האַרץ; פון אָנהויב
9 איז עס אָבער נישט אַזוי געווען. און איך זאָג אייך:
ווער עס גט זיך מיט זיין ווייב, אַ חוץ צוליב זנות,
און האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, דער איז מזנה;
און ווער עס האָט חתונה מיט אַ גרושה, דער
10 איז מזנה. זאָגן די תלמידים צו אים: אויב די זאַך
איז אַזוי צווישן מאַן און ווייב, טויג נישט חתונה־
11 צו־האָבן. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: נישט
אַלע קענען מקבל זיין דאָס דאָזיקע וואָרט, נאָר זיי,

12 וועמען עס איז געגעבן געוואָרן· וואָרום עס זענען
פאַראַן סריסים, וואָס זענען אַזוי געבוירן געוואָרן
פון זייער מוטערס לייב; און עס זענען פאַראַן
סריסים, וואָס זענען מסרס געוואָרן פון מענטשן;
און עס זענען פאַראַן סריסים, וואָס האָבן זיך אַליין
מסרס געווען צוליב דעם מלכות השמים· ווער עס
קען עס מקבל זיין, דער זאָל עס מקבל זיין!
13 דעמלט האָט מען געברענגט קינדער צו אים, אַז
ער זאָל אַרויפֿלייגן די הענט אויף זיי, און זאָגן אַ
תפילה; די תלמידים אָבער האָבן אָנגעשריגן אויף
14 זיי· ישוע אָבער האָט געזאָגט: לאָזט די קינדער
קומען צו מיר, און שטערט זיי נישט; וואָרום צו
15 אַזעלכע געהערט דאָס מלכות־השמים· און ער
האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף זיי, און איז
אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן·
16 און זע, איינער איז געקומען צו אים, און
געזאָגט: רבי, וואָס פאַר אַ גוטס זאָל איך טון, כדי איך
17 זאָל האָבן אייביק לעבן? און ער האָט צו אים געזאָגט:
וואָס פרעגסטו מיך וועגן דעם גוטן? נאָר איינער
איז דער גוטער! אויב אָבער דו ווילסט אַרײַנגיין
18 אין דעם לעבן, האַלט די מצוות! זאָגט ער צו אים:
וועלכע? און ישוע האָט געזאָגט: זאָלסט נישט טייטן,
זאָלסט נישט נואפן, זאָלסט נישט גנבענען, זאָלסט
19 נישט זאָגן פאַלש־עדות, זאָלסט אָפּגעבן כבוד דעם
פאָטער און די מוטער, און: דו זאָלסט ליב האָבן
20 דיין חבר ווי דיך אַליין! זאָגט צו אים דער בחור:
דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעהיטן; וואָס פעלט מיר
21 נאָך? האָט ישוע צו אים געזאָגט: אויב דו ווילסט
זיין שלימותדיק, גיי, פאַרקויף דיין רכוש, און גיב
עס צו אָרעמעלייט, און דו וועסט האָבן אַן אוצר
22 אין הימל; און קום, פאָלג מיר נאָך· ווי אָבער דער

בחור האָט געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, איז ער
אַוועקגעגאַנגען אַ טרויעריקער; וואָרום ער האָט
געהאַט אַ גרויס פֿאַרמעגן.
23 און ישוע האָט געזאָגט צו זײַנע תלמידים: באמת
זאָג איך אײַך: עס איז שווער פֿאַר אַן עושר אַרײַנצו־
24 גיין אין דעם מלכות־השמים. און ווידער זאָג איך
אײַך: אַ קעמל קען לײַכטער אַרײַנגיין דורך דעם
לאָך פֿון אַ נאָדל, ווי אַ רײַכער אין דעם קעניגרײַך
25 פֿון ג־ט! און ווען די תלמידים האָבן דאָס געהערט,
זענען זיי שטאַרק נשתומם געוואָרן, און האָבן
26 געזאָגט: ווער זשע קען דערלייזט ווערן? און ישוע
האָט אויף זיי געקוקט און געזאָגט צו זיי: בײַ
מענטשן איז דאָס דאָזיקע אוממעגלעך; בײַ ג־ט
27 אָבער איז אַלץ מעגלעך. דעמלט האָט פּעטרוס
ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט: זע, מיר האָבן אַלץ
פֿאַרלאָזן, און דיר נאָכגעפֿאָלגט; וואָס וועלן מיר
28 האָבן דערפֿאַר? און ישוע האָט צו זיי געזאָגט:
באמת זאָג איך אײַך, אַז איר, וואָס האָבן מיר נאָכ־
געפֿאָלגט, וועט אין דער נײַער וועלט, ווען דער
בן־אדם וועט זיצן אויף זײַן כסא הכבוד, אויך זיצן
אויף צוועלף טראָנען און משפּטן די צוועלף שבטים
29 פֿון ישראל. און יעדער איינער, וואָס האָט פֿאַרלאָזט
הײַזער אָדער ברידער אָדער שוועסטער אָדער
פֿאָטער אָדער מוטער אָדער קינדער אָדער פֿעלדער
צוליב מײַן נאָמען, וועט אַ סך מאָל מער באַקומען,
30 און ירשענען דאָס אייביקע לעבן. נאָר אַ סך ערשטע
וועלן זײַן לעצטע, און לעצטע—ערשטע.

## קאַפּיטל צוואַנציק

1 וואָרום דאָס מלכות־השמים איז גלייך צו אַ מענטשן,
אַ בעל־הבית, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען זער פרי
2 צו דינגען אַרבעטער פאַר זיין ווייַנגאָרטן. און נאָך
דעם ווי ער האָט מסכים געווען מיט די אַרבעטער
פאַר אַ דינר דעם טאָג, האָט ער זיי געשיקט אין
3 זיין ווייַנגאָרטן אַריין. און ער איז אַרויסגעגאַנגען
אַרום דער דריטער שעה, און האָט געזען אַנדערע
4 שטיין אויפן מאַרק ליידיק; און האָט צו יענע געזאָגט:
גייט איר אויך אין ווייַנגאָרטן אַריין, און וואָס איז
5 רעכט, וועל איך אייך געבן! און זיי זענען געגאַנגען.
און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אַרום דער
זעקסטער און נייַנטער שעה, און האָט דאָס זעלביקע
6 געטון. און אַרום דער עלפטער שעה איז ער
אַרויסגעגאַנגען, און האָט געפונען אַנדערע שטיין
און זאָגט צו זיי: וואָס שטייט איר דאָ ליידיק דעם
7 גאַנצן טאָג? זאָגן זיי צו אים: ווייל קיינער האָט
אונז נישט געדונגען: זאָגט ער צו זיי: גייט איר
8 אויך אין ווייַנגאָרטן אַריין. און ווען עס איז געוואָרן
אָוונט, זאָגט דער האַר פון דעם ווייַנגאָרטן צו זיין
אַפּוטרופּוס: רוף די אַרבעטער, און צאָל אויס דעם
לוין, אָנהויבנדיק פון די לעצטע ביז צו די ערשטע.
9 און עס זענען געקומען די, וואָס זענען געדונגען
געוואָרן אַרום דער עלפטער שעה, און האָבן
10 באַקומען יעדער איין דינר. און ווען די ערשטע
זענען געקומען, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן
באַקומען מער; און זיי אַליין האָבן אויך באַקומען
11 יעדער איין דינר. און ווען זיי האָבן עס גענומען,
12 האָבן זיי געמורמלט אויף דעם בעל־הבית, אַזוי צו
זאָגן: די דאָזיקע לעצטע האָבן געאַרבעט נאָר איין

שעה, און דו האָסט זיי גלייך געשטעלט מיט אונז,
וואָס האָבן דערטראָגן די לאַסט און היץ פון דעם
13 טאָג. ער אָבער האָט ענטפערנדיק צו איינעם פון
זיי געזאָגט: מיין פריינט, איך טו דיר נישט קיין
עוולה. האָסטו דען נישט איינגעשטימט מיט מיר
14 פאַר איין דינר? נעם דאָס דייניקע, און גיי; איך
וויל אָבער געבן דעם דאָזיקן לעצטן אַזויפיל וויפל
15 דיר. טאָר איך דען נישט טון מיט מיין אייגנס,
וואָס איך וויל? אָדער איז דיין אויג שלעכט, ווייל
16 איך בין גוט? אַט אַזוי וועלן די לעצטע זיין ערשטע,
און די ערשטע—לעצטע.

17 און ווען ישוע האָט געהאַלטן ביים אַרויפגיין קיין
ירושלים, האָט ער גענומען די צוועלף אַליין אויף
אַ זייט, און אויפן וועג צו זיי געזאָגט: זע,
18 מיר גייען אַרויף קיין ירושלים; און דער בן־אדם
וועט איבערגעגעבן ווערן צו די הויפט־כהנים און
סופרים; און זיי וועלן אים פאַרמשפטן צום טויט,
19 און אים איבערגעבן צו די גוים צו פאַרשפאָטן, און
שמייסן, און קרייציקן, און דעם דריטן טאָג וועט
ער אויפשטיין.

20 דעמלט איז צוגעקומען צו אים די מוטער פון
זבדיס קינדער מיט אירע זין, האָט זיך געבוקט, און
21 עפעס פאַרלאַנגט פון אים. און ער האָט צו איר
געזאָגט: וואָס באַגערסטו? זאָגט זי צו אים: זאָג,
אַז די דאָזיקע ביידע זין מיינע זאָלן זיצן איינער
אויף דיין רעכטער זייט, און איינער אויף דיין
22 לינקער זייט אין דיין מלכות. ישוע האָט אָבער
ענטפערנדיק געזאָגט: איר ווייסט נישט, וואָס איר
בעט! צי קענט איר דען טרינקען דעם כוס, וואָס איך
23 גיי טרינקען? זאָגן זיי צו אים: מיר קענען! זאָגט ער
צו זיי: מיין כוס וועט איר טאַקע טרינקען; נאָר צו

זיצן אויף מיין רעכטער זייט, און אויף מיין
לינקער זייט, איז נישט מיין זאַך צו געבן; עס
איז נאָר פאַר די, פאַר וועמען עס איז צוגעגרייט
24 געוואָרן פון מיין פאָטער· און ווען די צען האָבן
דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן אין כעס אויף די
25 צוויי ברידער· און ישוע האָט זיי צוגערופן, און
געזאָגט: איר ווייסט, אַז די שרים פון די גוים הערשן
איבער זיי, און די גרויסע לייט טון איבער זיי
26 געוועלטיקן· אַזוי זאָל עס נישט זיין צווישן אייך,
נאָר ווער צווישן אייך עס וועט וועלן זיין גרויס,
27 דער זאָל זיין אייער משרת; און ווער עס וויל צווישן
28 אייך זיין אַ ראש, דער זאָל זיין אייער קנעכט· גלייך
ווי דער בן־אדם איז נישט געקומען באַדינט צו
ווערן, נאָר צו דינען, און צו געבן זיין לעבן ווי אַן
אויסלייזונג פאַר אַ סך·
29 און בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון יריחו,
האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ גרויסער המון מענטשן·
30 און זע, צוויי בלינדע זענען געזעסן ביים וועג;
ווי זיי האָבן געהערט, אַז ישוע גייט פאַרביי, האָבן
זיי אַ געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: האַר, בן־דוד,
31 דערבאַרם דיך אויף אונז! דער המון אָבער האָט
געשריגן אויף זיי, אַז זיי זאָלן שווייגן· און זיי האָבן
נאָך מער געשריגן, אַזוי צו זאָגן: האַר, בן־דוד,
32 דערבאַרם דיך אויף אונז! און ישוע האָט זיך
אָפּגעשטעלט, און זיי גערופן, און געזאָגט: וואָס
33 ווילט איר, אַז איך זאָל טון פאַר אייך? זאָגן זיי צו
34 אים: אַז אונזערע אויגן זאָלן געעפנט ווערן! און
ישוע האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי, און אָנגערירט
זייערע אויגן, און פלוצלונג זענען זיי זעענדיק
געוואָרן, און האָבן אים נאָכגעפאָלגט·

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

1 און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו ירושלים,
און זענען געקומען קיין בית־פגי, ביים הר־
הזיתים, האָט ישוע דעמלט געשיקט צוויי פון זיינע
2 תלמידים, און געזאָגט צו זיי: גייט אַריין אין דעם
דאָרף, וואָס ליגט אַנטקייגנאיבער אייך, און תיכף
וועט איר געפינען אַן אייזל אָנגעבונדן, און אַ יונג־
אייזעלע ביי איר, בינדט זיי אויף, און ברענגט
3 זיי צו מיר. און אויב עמיצער וועט אייך
עפּעס זאָגן, זאָלט איר זאָגן: דער האַר דאַרף
4 זיי האָבן; און ער וועט זיי גלייך שיקן. און דאָס
דאָזיקע איז געשעען, כדי עס זאָל דערפילט ווערן,
וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם נביא, אַזוי
צו זאָגן:

5 זאָגט דער טאָכטער פון ציון:
זע, דיין מלך קומט צו דיר,
אַן ענו, און רייטנדיק אויף אַן אייזל,
און אויף אַן אייזעלע, דאָס יונגע פון אַן אייזל.
(ישעיהו סב, יא; זכריהו ט, ט.)

6 און די תלמידים זענען געגאַנגען, און האָבן געטון
7 ווי ישוע האָט זיי באַפוילן, און האָבן געבראַכט
דאָס אייזל מיט דעם אייזעלע, און אויף זיי אַרויפ־
געלייגט די מלבושים; און ער האָט זיך אַרויפגעזעצט
8 אויף זיי. און דאָס רוב פון דעם המון האָבן
אויסגעשפּרייט זייערע מלבושים אויפן וועג; און
אַנדערע האָבן אָפּגעבראָכן צווייגן פון די
ביימער, און זיי פאַנאַנדערגעלייגט אויפן וועג.
9 און די המונים, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס פאָר

אים, און וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, האָבן געשריגן,
אַזוי צו זאָגן:
הושענא לבן דוד!
געלויבט זאָל זיין דער, וואָס קומט אין דעם
נאָמען פון דעם האַר
הושענא במרומים! (תהלים קיח, כה, כו.)
10 און ווען ער איז אַריינגעגאַנגען קיין ירושלים, איז די
גאַנצע שטאָט אויפגערודערט געוואָרן, און געזאָגט:
11 ווער איז דאָס דער דאָזיקער? די המונים אָבער האָבן
געזאָגט דאָס איז דער נביא ישוע פון נצרת, אין גליל.
12 און ישוע איז אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש, און
האָט אַרויסגעטריבן אַלע וואָס האָבן פאַרקויפט און
געקויפט אין בית־המקדש, און איבערגעקערט די טישן
פון די געלטבייטער, און די בענק פון די, וואָס האָבן
13 פאַרקויפט טויבן; און זאָגט צו זיי: עס שטייט גע־
שריבן: מיין הויז וועט גערופן ווערן אַ בית־תפילה!
(ישעיהו נו, ז. ירמיהו ז, יא.) איר אָבער האָט עס געמאַכט
14 פאַר אַ הייל פון גזלנים. און עס זענען געקומען צו
אים בלינדע און לאָמע אין בית־המקדש, און ער
15 האָט זיי געהיילט. ווי אָבער די הויפּט־כהנים און
די סופרים האָבן געזעען די וואונדער, וואָס ער
האָט געטון, און די קינדער שרייען אין בית־המקדש
און זאָגן: הושענא לבן־דוד, זענען זיי צאָרנדיק
16 געוואָרן, און האָבן צו אים געזאָגט: דו הערסט, וואָס
זיי זאָגן? און ישוע זאָגט צו זיי: יאָ! צי האָט איר
קיינמאָל נישט געלייענט: אויס דעם מויל פון קינדער
און זייג־קינדער האָסטו צוגעגרייט לויב? (תהלים ח, ג.)
17 און האָט זיי פאַרלאָזט, און איז אַרויסגעגאַנגען
אויסער דער שטאָט קיין בית־היני, און דאָרטן
איבערגענעכטיקט.
18 און אינדערפרי, אומקערנדיק זיך אין שטאָט

19 אַריין, איז ער הונגעריק געוואָרן. און האָט
דערזעען אַן איינציקן פייגנבוים ביים וועג, און איז
צוגעגאַנגען צו אים, און האָט גאָרנישט געפונען
אויף אים אַ חוץ בלעטער אַליין; און ער זאָגט צו
אים: עס זאָל מער נישט וואַקסן אויף דיר קיין
פּירות ביז אויף אייביק! און דער פייגנבוים איז
20 באַלד פאַרדאַרט געוואָרן. און ווען די תּלמידים
האָבן עס געזעען, האָבן זיי זיך געוואונדערט, און
געזאָגט: ווי איז דער פייגנבוים אַזוי פּלוצלונג
21 פאַרטרוקנט געוואָרן? ישוע אָבער האָט ענטפערנדיק
צו זיי געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: ווען איר זאָלט
האָבן אמונה, און נישט צווייפלען, וועט איר טון
נישט נאָר דאָס מיט דעם פייגנבוים, נאָר אַפילו
אויב איר וועט זאָגן צו דעם דאָזיקן באַרג: הייב דיך
אויף און וואַרף דיך אין ים אַריין, וועט עס געשעען.
22 און אַלץ, וואָס איר וועט בעטן אין תּפילה, אויב איר
וועט גלייבן, וועט איר עס באַקומען.

23 און ווען ער איז געקומען אין בית־המקדש אַריין,
זענען די הויפּט־כּהנים און די זקנים פון דעם פאָלק
צוגעגאַנגען צו אים, בשעת ער האָט געלערנט, און
האָבן געזאָגט: מיט וואָס פאַר אַ רשות טוסטו די
דאָזיקע זאַכן? און ווער האָט דיר געגעבן דעם דאָזיקן
24 רשות? און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט:
איך וועל אייך אויך פרעגן איין זאַך, וואָס אויב
איר וועט מיר זאָגן, וועל איך אייך אויך זאָגן מיט
25 וואָס פאַר אַ רשות איך טו די דאָזיקע זאַכן. יוחנן׳ס
טבילה פון וואַנען איז געוועזן? פון הימל אָדער פון
מענטשן? און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן
זיך, אַזוי צו זאָגן: וועלן מיר זאָגן: פון הימל, וועט
ער זאָגן צו אונז: טאָ פאַרוואָס האָט איר אים נישט
26 געגלייבט? וועלן מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן,

מוזן מיר מורא האָבן פאַר דעם המון; וואָרום
27 אַלע האַלטן יוחנן פאַר אַ נביא. און זיי האָבן
ענטפערנדיק געזאָגט צו ישוען: מיר ווייסן נישט!
האָט ער אויך צו זיי געזאָגט, זאָג איך אייך אויך
נישט, מיט וואָס פאַר אַ רשות איך טו די דאָזיקע
28 זאַכן. וואָס אָבער מיינט איר? אַ מענטש האָט געהאַט
צוויי קינדער; און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם
ערשטן, און געזאָגט: מיין קינד, גיי אַרבעט היינט
29 אין וויינגאָרטן. און ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
30 אָט בין איך, האַר! און איז נישט געגאַנגען! און ער
איז צוגעגאַנגען צו דעם צווייטן און האָט געזאָגט
דאָס זעלביקע. דער אָבער האָט געזאָגט: איך וויל
נישט! דערנאָך האָט ער חרטה געהאַט, און איז
31 געגאַנגען. ווער פון די ביידע האָט געטון דעם
פאָטערס רצון? זאָגן זיי: דער לעצטער. זאָגט ישוע
צו זיי: באמת זאָג איך אייך, אַז די שטייער-
אויפמאָנער און די זונות גייען אַריין פאָרויס פאַר
32 אייך אין דעם קעניגרייך פון ג-ט. וואָרום יוחנן
איז געקומען צו אייך אויף דעם וועג פון גערעכטיקייט
און איר האָט נישט געגלויבט אין אים. די שטייער-
אויפמאָנער אָבער און די זונות האָבן אים יאָ גע-
גלויבט, און איר, הגם איר האָט עס געזעען, האָט אַפילו
שפּעטער נישט חרטה געהאַט, כדי אים צו גלויבן.
33 הערט אַן אַנדער משל: עס איז געווען אַ מענטש,
אַ בעל-הבית, וואָס האָט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן,
און האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ צוים, און
געגראָבן אַ קעלטער אין אים, און געבויט אַ טורם,
און האָט אים פאַרדונגען צו גערטנער, און איז
34 אַוועקגעפאָרן. און ווען עס האָט זיך דערנענטערט
די צייט פון פירות, האָט ער געשיקט זיינע קנעכט
35 צו די גערטנער אָפּצונעמען זיינע פרוכטן. און די

גערטנער האָבן גענומען זיינע קנעכט, און איינעם
געשלאָגן, און אַן אַנדערן געטייט, און אַ דריטן
געשטייניקט. ער האָט ווידער געשיקט אַנדערע 36
קנעכט, מער ווי די ערשטע; און זיי האָבן מיט זיי
געטון דאָס זעלביקע. דערנאָך האָט ער געשיקט צו 37
זיי זיין זון, און האָט געזאָגט: זיי וועלן זיך שעמען
פאַר מיין זון. די גערטנער אָבער, ווי זיי האָבן אים 38
דערזעען, האָבן געזאָגט צווישן זיך: דאָס איז דער
יורש; קומט, לאָמיר אים טייטן, און צונעמען זיין
ירושה. און האָבן אים גענומען, און אַרויסגע־ 39
וואָרפן אינדרויסן פון וויינגאָרטן, און געטייט. ווען 40
דעריבער דער האַר פון דעם וויינגאָרטן וועט קומען,
וואָס זשע וועט ער טון צו יענע גערטנער? זאָגן זיי 41
צו אים: ער וועט די רשעים אומברענגען אויף אַ
שרעקלעכן אופן, און דעם וויינגאָרטן פאַרדינגען צו
אַנדערע גערטנער, וואָס וועלן אים אָפּגעבן די
פירות אין זייערע זמנים. זאָגט ישוע צו זיי: האָט 42
איר קיינמאָל נישט געלייענט אין די כתובים:

דער שטיין, וואָס די בוימייסטערס האָבן
פאַרוואָרפן,
איז געוואָרן צום הויפּט פונם ווינקל.
פונם האַר (ג־ט) איז דאָס געשען,
און עס איז אַ וואונדער אין אונזערע אויגן?

(תהלים קיח, כב, כג.)

דערפאַר זאָג איך אייך: דאָס קעניגרייך פון ג־ט 43
וועט אַוועקגענומען ווערן פון אייך, און געגעבן
ווערן צו אַ פאָלק, וואָס ברענגט זיינע פירות. (און 44
ווער עס פאַלט אויף דעם דאָזיקן שטיין, דער וועט
צעשמעטערט ווערן; אויף וועמען אָבער ער וועט
פאַלן, וועט ער אים צעמאָלן.) און ווען די הויפּט־ 45
כהנים און די פרושים האָבן געהערט זיינע משלים,

46 האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז ער רעדט וועגן זיי. און
האָבן געזוכט אים צו כאַפּן, און האָבן זיך געפֿאָרכטן
פֿאַר די המונים מענטשן, ווייל מען האָט אים געהאַלטן
פֿאַר אַ נביא.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

1 און ישוע האָט ענטפֿערנדיק ווידער צו זיי
2 גערעדט אין משלים, אַזוי צו זאָגן: דאָס מלכות־
השמים איז געגליכן צו אַ מענטשלעכן קעניג, וואָס
3 האָט געמאַכט אַ חתונהמאָלצייט פֿאַר זיין זון, און
געשיקט זיינע קנעכט רופֿן די פֿאַרבעטענע צו דער
4 חתונה; און זיי האָבן נישט געוואָלט קומען. האָט
ער נאָכאַמאָל געשיקט אַנדערע קנעכט, אַזוי צו זאָגן:
זאָגט די פֿאַרבעטענע: זע, איך האָב צוגעגרייט
מיין סעודה; מיינע אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער
זענען שוין געשחטן, און אַלץ איז פֿאַרטיק; קומט
5 אויף דער חתונה! זיי אָבער האָבן זיך דערפֿון
גאָרנישט געמאַכט, נאָר זענען געגאַנגען, איינער
אין זיין פֿעלד אַריין, און אַן אַנדערער צו זיין מסחר;
6 און די איבריקע האָבן געכאַפּט זיינע קנעכט, זיי
7 מיאוס־באַהאַנדלט און געטייט. און דער קעניג איז
צאָרנדיק געוואָרן; און האָט געשיקט זיינע חיילות,
און אומגעבערענגט יענע רוצחים, און זייער שטאָט
8 פֿאַרברענט. דאַן זאָגט ער צו זיינע קנעכט: די
חתונה איז גרייט, די פֿאַרבעטענע אָבער זענען עס
9 נישט ווערט געווען. גייט זשע אַהין אויף די גאַסן,
וואו די וועגן שיידן זיך, און וויפֿל איר וועט
געפֿינען, זאָלט איר פֿאַרבעטן אויף דער חתונה.
10 און יענע קנעכט זענען אַרויסגעגאַנגען אויף די
גאַסן, און האָבן איינגעזאַמלט אַלע, וועמען זיי האָבן

געפונען, סאַי שלעכטע סאַי גוטע, און דער חתונה־
11 זאַל איז פול געוואָרן מיט געסט. נאָר ווען דער
קעניג איז אַריינגעקומען זען די געסט, האָט ער
דערזען דאָרטן אַ מענטשן, וואָס איז נישט געווען
12 אָנגעטון אין אַ חתונה־מלבוש; און ער זאָגט צו אים:
פריינט, וויאַזוי ביסטו אַריינגעקומען אַהער, נישט
האָבנדיק קיין חתונה־מלבוש? און ער איז געבליבן
13 שטום. דעמלט האָט דער קעניג געזאָגט צו די
באַדינער: בינדט אים הענט און פיס, און וואַרפט
אים אַרויס אין דער אויסערסטער פינסטערניש! דאָרט
14 וועט זיין דאָס קלאָגן און קריצן מיט די ציין. וואָרום
אַ סך זענען גערופן, ווייניקע אָבער אויסדערוויילט.
15 דעמלט זענען די פרושים געגאַנגען, און האָבן
זיך געהאַלטן אַן עצה, וויאַזוי זיי זאָלן אים פאַנגען
16 מיט אַ וואָרט. און זיי שיקן צו אים זייערע תלמידים
מיט הורדוסנס לייט, אַזוי צו זאָגן: רבי, מיר ווייסן,
אַז דו ביסט וואָרהאַפטיק, און אַז דו לערנסט באמת
דעם וועג פון ג־ט, און פרעגסט נישט נאָך קיינעם;
וואָרום דו ביסט נישט נושא־פנים קיין מענטשן.
17 זאָג זשע אונז, וואָס מיינסטו: מעג מען געבן דעם
18 קיסר מס, אָדער נישט? ישוע האָט אָבער פאַרשטאַ־
נען זייער בייזוויליקייט, און האָט געזאָגט: וואָס
19 פרואווט איר מיך אויס, צבועקעס? ווייזט מיר די
מטבע פון מס! און זיי האָבן אים געברענגט אַ דינר.
20 און ער זאָגט צו זיי: וועמעס איז דאָס בילד און
21 די אויפשריפט? זאָגן זיי: דעם קיסרס. זאָגט ער
דעמלט צו זיי: גיט זשע אָפּ דעם קיסר, וואָס איז
דעם קיסרס; און צו ג־ט, וואָס עס געהערט צו
22 ג־ט! און ווען זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי
זיך געוואונדערט, האָבן אים פאַרלאָזט, און זענען
אַוועקגעגאַנגען.

23 אין יענעם טאָג זענען געקומען צו אים צדוקים,
וואָס זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין תחית־המתים, און
24 האָבן אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: רבי, משה האָט
געזאָגט: ווען עמיצער וועט שטאַרבן, נישט האָבנדיק
קיין קינדער, זאָל זיין ברודער מיבם־זיין זיין ווייב,
25 און אויפשטעלן זאָמען צו זיין ברודער. און ביי
אונדז זענען געווען זיבן ברידער. און דער ערשטער
האָט חתונה־געהאַט און איז געשטאָרבן, און ווייל ער
האָט נישט געהאַט קיין זאָמען, האָט ער איבערגעלאָזט
26 זיין ווייב צו זיין ברודער. דעסגלייכן אויך דער
אַנדערער און דער דריטער, ביז צום זיבעטן.
27 צולעצט, נאָך אַלע, איז די פרוי געשטאָרבן.
28 דעריבער, ביי תחית־המתים, וועמעס ווייב פון די
זיבן וועט זי זיין? וואָרום אַלע האָבן זי דאָך געהאַט.
29 ישוע אָבער האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: איר
בלאָנדזשעט, ווייל איר קענט נישט די כתבי־
(הקודש), און אויך נישט די קראַפט פון ג־ט.
30 וואָרום ביי תחית־המתים נישט מען האָט חתונה,
נישט מען מאַכט חתונה, נאָר מען איז ווי מלאָכים אין
31 הימל. און וואָס שייך תחית־המתים, האָט איר דען
נישט געלייענט, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן צו
32 אייך פון ג־ט, אַזוי צו זאָגן: איך בין דער ג־ט פון
אברהם, און דער ג־ט פון יצחק, און דער ג־ט פון
יעקב? ער איז נישט דער ג־ט פון טויטע, נאָר פון
33 לעבעדיקע. און ווי די המונים מענטשן האָבן דאָס
געהערט, האָבן זיי געשטוינט איבער זיין תורה.
34 און ווען די פרושים האָבן געהערט, אַז ער האָט
די צדוקים פאַרשטאָפּט דאָס מויל, האָבן זיי זיך
35 פאַרזאַמלט; און איינער פון זיי, אַ תלמיד חכם,
36 האָט אים אויסגעפּרוּווט און געפרעגט: רבי, וועלכע
37 מצווה איז די גרעסטע אין דער תורה? און ער

האָט צו אים געזאָגט: דו זאָלסט ליב האָבן דעם האַר
דיין ג־ט פון דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער
נשמה, און מיט דיין גאַנצן פאַרשטאַנד. (דברים ו׳ ה׳.)
38 דאָס איז די גרעסטע און די ערשטע מצווה. אַן
39 אַנדערע, וואָס איז גלייך צו דער, איז: דו זאָלסט
ליב האָבן דיין חבר, ווי דיך אַליין. (ויקרא יט׳ יח׳.)
40 אויף די דאָזיקע צוויי מצוות הענגט די גאַנצע תורה,
און די נביאים.
41 און בשעת די פּרושים האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט
42 ישוע זיי געשטעלט אַ קשיא, אַזוי צו זאָגן: וואָס דענקט
איר וועגן דעם משיח? וועמעס זון איז ער? זאָגן זיי צו
43 אים דודס. זאָגט ער צו זיי: וויאַזוי זשע רופט אים
דוד דורך דעם רוח (הקודש) האַר, ווען ער זאָגט:
44 דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זעץ דיך אויף מיין רעכטער זייט,
ביז איך וועל לייגן דיינע פיינט
ווי אַ פוסבענקעלע פאַר דיינע פיס? (תהלים קי׳ א׳.)
45 און ווען דוד רופט אים האַר, וויאַזוי זשע איז ער
46 זיין זון? און קיינער האָט אים נישט געקענט ענטפערן
קיין וואָרט. און עס האָט זיך שוין קיינער אויך
מער נישט אונטערגעשטעלט פון יענעם טאָג אָן אים
עפּעס צו פרעגן.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק 23

1 דעמלט האָט ישוע גערעדט צו די המונים מענטשן
2 און צו זיינע תלמידים, אַזוי צו זאָגן: די סופרים
און די פּרושים האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף משהס
3 שטול. דעריבער אַלץ, וואָס זיי וועלן אייך זאָגן,
זאָלט איר טון און אָפּהיטן; טוט אָבער נישט לויט
זייערע מעשים; וואָרום זיי זאָגן, און טון נישט.

4 זיי בינדן שווערע לאַסטן און לייגן זיי אויף מענטשנס
שולטערן; אַליין אָבער ווילן זיי די דאָזיקע אַפֿילו
5 מיט דעם פֿינגער נישט אָנרירן. און אַלע זייערע
מעשים טון זיי, כדי פֿון לייטן געזעען צו ווערן.
וואָרום זיי מאַכן ברייט זייערע תּפֿילין, און לאַנג די
6 ציצית, און האָבן ליב דאָס אָרט אויבנאָן אויף
7 סעודות, און די ערשטע ערטער אין שול, און דאָס
שלום־אָפּגעבן אויף די מערק, און פֿון לייטן גערופֿן
8 צו ווערן רבי! איר אָבער זאָלט זיך נישט רופֿן רבי,
וואָרום איינער איז אייער רבי, און איר אַלע זענט
9 ברידער. און רופֿט נישט קיינעם אויף דער ערד
אייער פֿאָטער; וואָרום איינער איז אייער פֿאָטער,
10 וואָס איז אין הימל. איר זאָלט זיך אויך נישט רופֿן
מדריכים; ווייל איינער איז אייער מדריך, דער
11 משיח. דער גרעסטער צווישן אייך זאָל זיין אייער
12 משרת. און ווער עס וועט זיך אַליין דערהייכן,
דער וועט דערנידריקט ווערן; און ווער עס וועט
זיך אַליין דערנידריקן, דער וועט דערהייכט ווערן.
13 וויי איז אָבער צו אייך, סופֿרים און פּרושים,
צבועקעס! אַז איר פֿאַרשליסט דאָס מלכות־השמים
פֿאַר די מענטשן. וואָרום איר גייט נישט אַריין, און
די אַריינקומענדיקע לאָזט איר נישט אַריינגיין.
14 (וויי איז צו אייך, סופֿרים און פּרושים, צבועקעס!
אַז איר שלינגט איין די הייזער פֿון די אלמנות,
און פֿאַר אַן אויסרייד דאַוונט איר לאַנג. דערפֿאַר
וועט איר באַקומען אַ האַרבער משפּט.)
15 וויי איז צו אייך, סופֿרים און פּרושים, צבועקעס!
אַז איר פֿאָרט אַרום איבער ים און יבשה, כדי צו
מאַכן אַ גר; און ווען ער ווערט עס שוין, מאַכט
איר אים פֿאַר אַ בן־גיהנום טאָפּלט מער ווי איר
זענט אַליין.

16 ווײַ איז צו אײַך, בלינדע מנהיגים, וואָס זאָגן:
ווער עס שווערט בײַם היכל, איז עס גאָרנישט;
אָבער ווער עס שווערט בײַם גאָלד פון היכל, דער
17 איז חייב. איר נאַראָנים און בלינדע; וואָרום וואָס
איז גרעסער, דאָס גאָלד אָדער דער היכל, וואָס
18 הייליקט דאָס גאָלד? און: ווער עס שווערט בײַם
מזבח, דאָס איז גאָרנישט; ווער אָבער עס שווערט
בײַם קרבן, וואָס ליגט דערויף, דער איז חייב.
19 איר בלינדע! וואָרום וואָס איז גרעסער, דאָס קרבן
20 אָדער דער מזבח, וואָס הייליקט דאָס קרבן? דעריבער
ווער עס שווערט בײַם מזבח, דער שווערט בײַ אים
21 און בײַ אַלעם, וואָס איז אויף אים. און ווער עס
שווערט בײַם היכל, דער שווערט בײַ אים, און בײַ
22 דעם, וואָס וואוינט דרינען. און ווער עס שווערט
בײַם הימל, דער שווערט בײַ ג־טס כסא־הכבוד
און בײַ דעם, וואָס זיצט דערויף.
23 ווײַ איז צו אײַך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר גיט אָפּ מעשר פון דער מיענטע און דעם
דיל און דעם קימל, און פאַרנאַכלעסיקט די שווערערע
זאַכן פון דער תורה: דאָס משפט און דעם חסד און
די אמונה! די דאָזיקע זאַכן האָט איר געדאַרפט טון,
24 און יענע נישט פאַרנאַכלעסיקן. איר בלינדע פירער,
וואָס זײַען דורך די מוק, און שלינגען אַראָפּ דאָס
קעמל.
25 ווײַ איז צו אײַך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר מאַכט ריין דאָס אויסנווייניקסטע פון דעם
בעכער און דער שיסל, פון אינעווייניק אָבער
זענען זיי פול מיט גזילה און נישט־אײַנגעהאַלטנקייט.
26 דו בלינדער פרוש, רייניק קודם־כל דאָס אינעוויי־
ניקסטע פון דעם בעכער, כדי אויך דאָס אויסנוויי־
ניקסטע זאָל ווערן ריין.

27 ווי איז צו אייך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר זענט גלייך צו געקאַלעכטע קברים, וואָס
פון אויסנווייניק זעען זיי אויס שיין, פון אינעווייניק
אָבער זענען זיי פול מיט ביינער פון מתים, און
28 יעדער אומריינקייט. אַט אַזוי ווייזט איר זיך ארויס
פון דרויסן ווי צדיקים פאַר די מענטשן, פון אינע־
ווייניק אָבער זענט איר פול מיט צביעות און רשעות.
29 ווי איז צו אייך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר בויט אויף די קברים פון די נביאים, און
30 באַצירט די מצבות פון די צדיקים, און זאָגט: אויב
מיר וואָלטן געלעבט אין די טעג פון אונזערע
עלטערן, וואָלטן מיר זיך נישט באַטייליקט מיט
31 זיי אין דעם בלוט פון די נביאים. אַזוי זענט איר
עדות צו זיך אַליין, אַז איר זענט קינדער פון די
32 נביאים־מערדער. און איר מאַכט פול די מאָס פון
33 אייערע עלטערן! איר שלאַנגען! גזע פון עקדעסן!
וויאַזוי וועט איר אַנטרינען פון דעם משפט פון
34 גיהנום? דערפאַר, זע, איך שיק צו אייך נביאים
און חכמים, און סופרים; אַ טייל פון זיי וועט איר
טייטן און קרייציקן; און אַ טייל פון זיי וועט איר
שלאָגן מיט ריטער אין אייערע שולן, און פאַרפאָלגן
35 פון שטאָט צו שטאָט; כדי עס זאָל קומען אויף אייך
דאָס גאַנצע רעכטפערטיקע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן
געוואָרן אויף דער ערד, פון דעם בלוט פון הבל
דעם צדיק ביז צום בלוט פון זכריה בן ברכיה,
וועמען איר האָט געהרגעט צווישן דעם היכל און
36 דעם מזבח. באמת זאָג איך אייך, דאָס אַלץ וועט
קומען אויף דעם דאָזיקן דור.
37 ירושלים, ירושלים, וואָס ברענגסט אום די נביאים,
און שטייניקסט די, וואָס זענען געשיקט צו דיר!
וויפל מאָל האָב איך געוואָלט איינזאַמלען דיינע

קינדער, ווי אַ הון זאַמלט איין אירע עופהלעך אונטער
די פליגל, און איר האָט נישט געוואָלט. זע, אייער 38
הויז וועט אייך איבערגעלאָזט ווערן פאַרוויסט.
וואָרום איך זאָג אייך: פון איצט אָן וועט איר מיך 39
מער נישט זעען, ביז איר וועט זאָגן:
ברוך הבא בשם יהוה!

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

24

און ישוע איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־המקדש, 1
און איז אַוועקגעגאַנגען; און זיינע תלמידים
זענען צוגעגאַנגען צו אים, כדי אים צו ווייזן די
בנינים פון בית המקדש. ער אָבער האָט ענטפערנדיק 2
צו זיי געזאָגט: איר זעט דאָס אַלץ? באמת זאָג איך
אייך, עס וועט דאָ נישט איבערגעלאָזט ווערן אַ שטיין
אויף אַ שטיין, וואָס וועט נישט אַנידערגעריסן
ווערן!
און ווען ער איז געזעסן אויפן הר־הזיתים, זענען 3
זיינע תלמידים צוגעקומען צו אים, בשעת זיי זענען
געווען אַליין, און האָבן געזאָגט: זאָג אונז, ווען
וועט דאָס געשעען, און וואָס וועט זיין דאָס אות
פון דיין קומען, און פון דעם קץ פון דער וועלט?
און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: זעט, 4
אַז קיינער זאָל אייך נישט פאַרפירן! וואָרום אַ סך 5
וועלן קומען אין מיין נאָמען, אַזוי צו זאָגן: איך בין
דער משיח; און פאַרפירן אַ סך. און איר וועט הערן 6
פון מלחמות און שמועות פון מלחמות; גיט אַכטונג,
דערשרעקט זיך נישט; וואָרום דאָס מוז געשעען,
נאָר עס איז נאָך נישט דער קץ. וואָרום אַ פאָלק 7
וועט זיך אויפהויבן קעגן אַ פאָלק, און אַ מלוכה
קעגן אַ מלוכה; און עס וועלן זיין הונגער־נויטן און

8 ערד־ציטערנישן אויף פאַרשיידענע ערטער· דאָס
9 אַלץ אָבער איז דער אָנהויב פון די ווייען· דעמלט
וועט מען אייך איבערגעבן צו באַדריקונג, און מען
וועט אייך טייטן; און איר וועט זיין געהאַסט פון
10 אַלע פעלקער צוליב מיין נאָמען· און דעמלט וועלן
אַ סך שטרויכלען, און פאַררעטן איינס דאָס אַנדערע,
11 און זיך האַסן איינס דאָס אַנדערע· און עס וועלן
אויפשטיין פיל פאַלשע נביאים, און פאַרפירן אַ סך·
12 און דורך דעם וואָס אומגערעכטיקייט וועט זיך
פאַרפילפאַכן, וועט די ליבע פון אַ סך זיך אָפּקילן·
13 ווער אָבער עס האַלט אויס ביז צום סוף, דער וועט
14 געראַטעוועט ווערן· און די דאָזיקע גוטע בשורה
פון דעם מלכות וועט אויסגערופן ווערן אין דער
גאַנצער באַוואוינטער וועלט, ווי אַן עדות צו אַלע
פעלקער, און דעמלט וועט קומען דער קץ·
15 דעריבער ווען איר זעט די אומווירדיקייט פון
דער פאַרוויסטונג, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך
דניאל הנביא, שטיין אויף דעם מקום־קדוש—זאָל
16 דער לייענער פאַרשטיין!—, (דניאל יב׳ יא׳) דעמלט זאָלן
17 די, וואָס זענען אין יהודה, אַנטלויפן צו די בערג;
דער, וואָס איז אויפן דאַך, זאָל נישט אַראָפּגיין
18 נעמען עפּעס פון זיין הויז; און דער, וואָס איז אין
פעלד, זאָל זיך נישט אומקערן צוריק, צו נעמען זיין
19 בגד· אָבער ווי איז צו די מעוברתדיקע און צו די
20 אָנזויגערינס אין יענע טעג! און טוט תפילה, אַז
אייער אַנטרינונג זאָל נישט געשעען אין ווינטער, און
12 נישט שבת· וואָרום עס וועט דעמלט זיין אַ גרויסע
צרה, וואָס אירסגלייכן איז נישט געווען פונם אָנהויב
פון דער וועלט ביז אַצונד, און וועט אויך מער נישט
22 זיין· און אויב יענע טעג וואָלטן נישט פאַרקירצט
געוואָרן, וואָלט קיין שום בשר (ודם) נישט ניצול

געוואָרן; נאָר צוליב די אויסדערוויילטע וועלן יענע
23 טעג יאָ פאַרקירצט ווערן. ווען עמיצער וועט אייך
דעמלט זאָגן: זע, דאָ איז דער משיח, אָדער: דאָ!
24 זאָלט איר עס נישט גלויבן. וואָרום עס וועלן אויפ־
שטיין פאַלשע משיחים, און פאַלשע נביאים, און וועלן
געבן גרויסע אותות און מופתים, אַזש צו פאַרפירן,
25 אויב מעגלעך, אַפילו די אויסדערוויילטע. זע,
26 איך האָב עס אייך פאָרויסגעזאָגט. ווען זשע זיי וועלן
אייך זאָגן: זע, ער איז אין דער מדבר; זאָלט איר
נישט אַרויסגיין; זע, (בחדרי) חדרים; גלויבט עס
27 נישט. וואָרום אַזויווי דער בליץ קומט אַרויס פון
מזרח, און שיינט ביז מערב, אַזוי וועט זיין דאָס קומען
28 פון דעם בן־אדם. נאָר וואו דער טויטער קערפער
איז דאָרט וועלן זיך פאַרזאַמלען די אָדלערס.

29 און באַלד נאָך דער צרה פון יענע טעג, וועט די
זון פאַרפינסטערט ווערן, און די לבנה וועט נישט
געבן איר ליכט, און די שטערן וועלן פאַלן פון
הימל, און די כוחות פון הימל וועלן דערשיטערט
30 ווערן. און דעמלט וועט זיך באַווייזן דאָס צייכן
פון דעם בן־אדם אין הימל, און דעמלט וועלן אַלע
משפחות פון דער ערד קלאָגן, און וועלן זעען
דעם בן־אדם קומען אויף די וואָלקנס פון הימל מיט
31 גרויס מאַכט און הערלעכקייט. (דניאל ז, יג, יד.) און
ער וועט שיקן זיינע מלאָכים מיט אַ גרויסן שופר,
און זיי וועלן איינזאַמלען זיינע אויסדערוויילטע פון
די פיר ווינטן, פון איין עק הימל ביז צום אַנדערן עק
הימל.

32 און פון דעם פייגנבוים לערנט זיך דאָס משל:
ווען זיין צווייג ווערט שוין זאַפטיק, און ברענגט
אַרויס בלעטער, ווייסט איר, אַז זומער איז נאָענט.
33 אַזוי אויך איר, ווען איר זעט דאָס אַלץ, זאָלט וויסן,

34 אַז עס איז נאָנט בײַ דער טיר. באמת זאָג איך אײַך,
דאָס דאָזיקע דור וועט נישט פאַרגײן, ביז דאָס אַלץ
35 וועט געשעען; דער הימל און די ערד וועלן פאַרגײן,
מײַנע ווערטער אָבער וועלן בשום אופן נישט פאַרגײן.
36 נאָר וואָס שײך יענעם טאָג און שעה ווייסט קײנער
נישט, אַפילו נישט די מלאָכים אין הימל, אויך דער
37 זון נישט, אַ חוץ דער פאָטער אַלײן. וואָרום אַזוי ווי
עס איז געווען אין נח'ס טעג, אַזוי וועט עס זײַן בײַ
38 דעם קומען פון דעם בן־אדם. וואָרום ווי אין יענע
טעג פאַרן מבול האָבן זײ געגעסן און געטרונקען,
חתונה־געהאַט און חתונה־געמאַכט, ביז צו דעם
39 טאָג, ווען נח איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער תיבה, און
האָבן גאָרנישט געוואוסט ביז דאָס מבול איז געקומען,
און אַלעמען אַוועקגעטראָגן; אַזוי וועט אויך זײַן
40 בײַם קומען פון דעם בן־אדם. דעמלט וועלן צוויי
זײַן אין פעלד; אײנער ווערט מיטגענומען, און
41 אײנער איבערגעלאָזט. צוויי פרויען וועלן מאָלן
אויף דער מיל; אײנע ווערט מיטגענומען, און אײנע
42 איבערגעלאָזט. דעריבער וואַכט, ווײַל איר ווייסט
43 נישט, וועלכן טאָג אײַער האַר קומט. דאָס אָבער
זאָלט איר וויסן, אַז אויב דער בעל־הבית וואָלט
געוואוסט אין וועלכן משמר דער גנב קומט, וואָלט
ער געהאַלטן וואַך, און נישט דערלאָזט אונטערגראָבן
44 זײַן הויז. דערפאַר זאָלט איר אויך זײַן גרייט!
ווײַל דער בן־אדם קומט אין אַ שעה, ווען איר מײנט
45 נישט. ווער זשע איז דער געטרײַער און קלוגער
קנעכט, וועמען דער האַר האָט געזעצט איבער זײַן
הויזגעזינט, אַז ער זאָל זײ געבן די שפּײַז אין
46 דער ריכטיקער צײַט? וואויל איז יענעם קנעכט,
וואָס, ווען זײַן האַר קומט, געפינט ער אים אַזוי טון.
47 באמת זאָג איך אײַך, ער וועט אים זעצן איבער

48 אַלע זיינע גיטער. אויב אָבער יענער שלעכטער
קנעכט וועט זאָגן אין זיין האַרצן: מיין האַר זוימט
49 זיך; און וועט אָנהויבן צו שלאָגן זיינע מיטקנעכט,
50 און עסן און טרינקען מיט די שכורים; אַזוי וועט
דער האַר פון יענעם קנעכט קומען אין אַ טאָג, ווען ער
ריכט זיך נישט, און אין אַ שעה, וואָס ער ווייסט
51 נישט, און וועט אים צעשניידן אויף שטיקער, און
לייגן זיין חלק מיט די צבועקעס. דאָרטן וועט זיין
דאָס קלאָגן און קריצן מיט די ציין.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

1 דעמלט וועט דאָס מלכות־השמים זיין געגליכן
צו צען יונגפרויען, וואָס האָבן גענומען זייערע
לאָמפּן, און זענען אַנטקייגנגעגאַנגען דעם חתן.
2 און פינף פון זיי זענען געווען נאַרישע, און פינף
3 קלוגע. וואָרום די נאַרישע האָבן גענומען די לאָמפּן,
4 און נישט מיטגענומען מיט זיך קיין אייל. די קלוגע
אָבער האָבן גענומען אייל אין זייערע געפעסן,
5 צוזאַמען מיט זייערע לאָמפּן. און בשעת דער חתן
האָט זיך געזוימט, האָבן אַלע געדרעמלט און זענען
6 איינגעשלאָפן. אָרום האַלבער נאַכט אָבער איז
געוואָרן אַ געשריי: זע, דער חתן קומט! גייט אים
7 אַנטקייגן! דעמלט האָבן זיך יענע אַלע יונגפרויען
אויפגעכאַפּט, און האָבן געברענגט אין אָרדנונג
8 זייערע לאָמפּן. און די נאַרישע האָבן געזאָגט צו
די קלוגע: גיט אונז פון אייער אייל; ווייל אונזערע
9 לאָמפּן לעשן זיך אויס. און די קלוגע האָבן געענט־
פערט, און געזאָגט: פאַר קיין פאַל נישט! טאָמער
וועט נישט סטאַיען פאַר אונז און פאַר אייך! גייט
10 ליבער צו די הענדלער, און קויפט זיך. און בשעת

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען קויפֿן, איז דער חתן
געקומען; און די, וואָס זענען געווען גרייט, זענען
אַרייַנגעגאַנגען מיט אים אויף דער חתונה, און די
11 טיר איז פֿאַרשלאָסן געוואָרן. און שפּעטער קומען
אויך די איבעריקע יונגפֿרויען, און זאָגן: האַר, האַר,
12 עפֿן אונדז אויף! ער אָבער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט:
13 באמת זאָג איך אייַך, איך קען אייַך נישט! וואַכט
זשע; ווייל איר ווייסט נישט דעם טאָג, און אויך
נישט די שעה.
14 ווארום גלייך ווי אַ מענטש פֿאָרן אַוועקפֿאָרן,
האָט צונויפֿגערופֿן זייַנע קנעכט, און זיי איבערגעגע־
15 געבן זייַנע גיטער; און איינעם האָט ער געגעבן
פֿינף טאַלאַנטן, דעם אַנדערן צוויי, און דעם דריטן
איינעם; יעדן לויט זייַן אייגענעם כח; און איז באַלד
16 אַוועקגעפֿאָרן. און דער, וואָס האָט באַקומען די
פֿינף טאַלאַנטן, איז געגאַנגען און האָט געהאַנדלט
17 מיט זיי, און פֿאַרדינט אַנדערע פֿינף. דעסגלייכן
דער, וואָס האָט באַקומען די צוויי טאַלאַנטן, האָט
18 פֿאַרדינט אַנדערע צוויי. דער אָבער, וואָס האָט
באַקומען דעם איינעם, איז געגאַנגען און האָט
געגראָבן אין דער ערד, און פֿאַרבאָרגן זייַן האַרס
19 געלט. און נאָך אַ לאַנגער צייַט קומט דער האַר פֿון
20 יענע קנעכט, און מאַכט אַ חשבון מיט זיי. און עס
איז געקומען דער, וואָס האָט באַקומען די פֿינף
טאַלאַנטן, און האָט געבראַכט אַנדערע פֿינף
טאַלאַנטן, און געזאָגט: האַר, דו האָסט מיר איבער־
געגעבן פֿינף טאַלאַנטן; זע, איך האָב פֿאַרדינט
21 אַנדערע פֿינף טאַלאַנטן. האָט זייַן האַר געזאָגט צו
אים: וואויל! דו גוטער און געטרייער קנעכט! ביסט
געווען געטריי איבער ווייניק, איך וועל דיך זעצן
22 איבער אַ סך; גיי אַרייַן צו דייַן האַרס שמחה! איז

געקומען אויך דער, וואָס האָט באַקומען די צוויי
טאַלאַנטן און האָט געזאָגט: האַר, דו האָסט מיר
איבערגעגעבן צוויי טאַלאַנטן; זע, איך האָב פאַר־
23 דינט אַנדערע צוויי טאַלאַנטן. האָט זיין האַר צו אים
געזאָגט: וואויל! דו גוטער און געטרייער קנעכט!
ביסט געווען געטריי איבער ווייניק, איך וועל דיך
זעצן איבער אַ סך; גיי אַריין צו דיין האַרס שמחה!
24 און עס איז געקומען אויך דער, וואָס האָט באַקומען
דעם איינעם טאַלאַנט, און האָט געזאָגט: האַר, איך
קען דיך, אַז דו ביסט אַ האַרטער מענטש; דו
שניידסט, וואו דו האָסט נישט געזייט, און זאַמלסט,
25 וואו דו האָסט נישט צעשפּרייט; און ווייל איך האָב
מורא געהאַט, בין איך געגאַנגען און האָב פאַרבאָרגן
דיין טאַלאַנט אין דער ערד. אָט האָסטו דאָס דייניקע!
26 און זיין האַר האָט ענטפערנדיק צו אים געזאָגט:
דו בייזער און פוילער קנעכט! האָסט געוואוסט,
אַז איך שנייד, וואו איך האָב נישט געזייט און זאַמל,
27 וואו איך האָב נישט צעשפּרייט; האָסטו דעריבער
געדאַרפט איינלייגן מיין געלט ביי די באַנקירן,
און ביי מיין קומען וואָלט איך אָפּגענומען דאָס
28 מייניקע מיט פּראָצענט. נעמט זשע פון אים
אַוועק דעם טאַלאַנט, און גיט אים דעם, וואָס האָט
29 די צען טאַלאַנטן! וואָרום יעדן איינעם, וואָס האָט,
וועט געגעבן ווערן, און ער וועט האָבן אַ שפע;
פון דעם אָבער, וואָס האָט נישט, וועט פון אים
אַוועקגענומען ווערן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט יאָ.
30 און דעם אומנוצלעכן קנעכט וואַרפט אַרויס אין
דער אויסערסטער פינסטערניש. דאָרטן וועט זיין
דאָס קלאָגן און קריצן מיט די ציין.

31 ווען אָבער דער בן־אדם וועט קומען אין זיין
הערלעכקייט, און אַלע מלאָכים מיט אים, וועט ער

32 דעמלט זיצן אויף זיין כסא־הכבוד; און פאַר אים
וועלן איינגעזאַמלט ווערן אַלע פעלקער, און ער
וועט זיי אָפּשיידן איינס פונם אַנדערן, אַזוי ווי אַ
33 פּאַסטוך שיידט אָפּ די שאָף פון די ציגן. און וועט
שטעלן די שאָף אויף זיין רעכטער זייט, די ציגן
34 אָבער אויף דער לינקער זייט. דאַן וועט דער קעניג
זאָגן צו די אויף זיין רעכטער זייט: קומט אַהער,
איר געבענטשטע פון מיין פאָטער, ירשנט דאָס
מלכות, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אייערטוועגן
35 זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן! וואָרום איך
בין געווען הונגעריק, און איר האָט מיר געגעבן צו
עסן; איך בין געווען דורשטיק, און איר האָט מיר
געגעבן צו טרינקען; איך בין געווען אַן אורח, און
36 איר האָט מיך אַריינגענומען; אַ באַקעטער, און איר
האָט מיך באַקליידט; איך בין געווען קראַנק, און איר
האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר; איך בין געזעסן
37 אין תפיסה, און איר זענט געקומען צו מיר. דעמלט
וועלן די צדיקים אים ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: האַר,
ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, און האָבן דיך
געשפּייזט, אָדער דורשטיק און האָבן דיר געגעבן
38 צו טרינקען? ווען האָבן מיר דיך געזען אַן אורח
און דיך אַריינגענומען, אָדער באַקעט און האָבן דיך
39 באַקליידט? ווען האָבן מיר דיך געזען אַ קראַנקן
40 אָדער אין תפיסה און זענען געקומען צו דיר? און
דער קעניג וועט ענטפערנדיק זאָגן צו זיי: באמת
זאָג איך אייך, אויף וויפל איר האָט עס געטון צו
איינעם פון די דאָזיקע מיינע ברידער, די קלענסטע,
41 האָט איר עס געטון צו מיר! דעמלט וועט ער אויך
זאָגן צו די אויף דער לינקער זייט: גייט אַוועק
פון מיר, איר פאַרשאָלטענע, אין דעם אייביקן פייער
אַריין, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן טייוול

42 און זײַנע מלאָכים! וואָרום איך בין געווען הונגעריק,
און איר האָט מיר נישט געגעבן צו עסן; איך בין
געווען דורשטיק, און איר האט מיר נישט געגעבן
43 צו טרינקען; אַן אורח בין איך געווען, און איר האָט
מיך נישט אַרײַנגענומען; נאַקעט, און איר האָט מיך
נישט באַקליידט; קראַנק און אין תפיסה, און איר
44 האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. דאַן וועלן
אויך זיי ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: האַר, ווען האָבן
מיר דיך געזען הונגעריק אָדער דורשטיק אָדער
אַן אורח אָדער נאַקעט אָדער קראַנק אָדער אין
45 תפיסה, און האָבן דיך נישט באַדינט? דעמלט וועט
ער זיי ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: אויף וויפל איר
האָט עס נישט געטון צו איינעם פון די דאָזיקע
קלענסטע, האָט איר עס אויך נישט געטון צו מיר!
46 און די דאָזיקע וועלן אַוועקגיין צו אייביקער שטראָף;
די צדיקים אָבער—צום אייביקן לעבן.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

26

1 און עס איז געשען, ווען ישוע האָט געענדיקט
אַלע די דאָזיקע ווערטער, האָט ער געזאָגט צו
2 זײַנע תלמידים: איר ווייסט, אַז אין צוויי טעג אַרום
איז פסח, און דער בן־אדם ווערט איבערגעגעבן
3 געקרייציקט צו ווערן. דעמלט האָבן זיך פאַרזאַמלט
די הויפּט־כהנים, און די זקנים פון פאָלק, אין דעם
הויף פון דעם כהן־גדול, וואָס האָט געהייסן קיפא;
4 און זיי האָבן זיך באַראָטן, כדי צו כאַפּן ישוען מיט
5 כיטרעקייט, און אים צו טייטן. נאָר, האָבן זיי געזאָגט:
נישט יום־טוב, כדי עס זאָל נישט ווערן קיין מהומה
צווישן דעם פאָלק.
6 און בשעת ישוע איז געווען אין בית־היני אין

7 שמעון דעם מצורעדיקנס הויז, איז צוגעקומען צו
אים אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַן אַלאַבאַסטער
פלאַש מיט זער טייערן זאַלבאייל, און דעם האָט זי
אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ, ווען ער איז געזעסן
8 צום טיש. ווי אָבער די תלמידים האָבן עס געזען,
זענען זיי געוואָרן בייז, און געזאָגט: צו וואָס דער
9 דאָזיקער שאָדן? וואָרום דאָס דאָזיקע האָט מען
געקענט טייער פאַרקויפן, און עס געבן צו אָרעמעלייט.
10 נאָר ישוע האָט עס באַמערקט, און האָט צו זיי
געזאָגט: וואָס פאַרשאַפט איר עגמת־נפש דער פרוי?
11 זי האָט דאָך מיר געטון אַ טובה! וואָרום די אָרעמע־
לייט האָט איר תמיד ביי אייך, מיך אָבער האָט
12 איר נישט אַלעמאָל! וואָרום אויסגיסנדיק דעם
דאָזיקן זאַלבאייל אויף מיין גוף, האָט זי עס געטון
13 צו מיין קבורה. באמת זאָג איך אייך: וואו נאָר די
דאָזיקע גוטע בשורה וועט אויסגערופן ווערן אין
דער גאַנצער וועלט, וועט מען אויך זאָגן, וואָס זי
האָט געטון, איר לזכרון!
14 דעמלט איז געגאַנגען איינער פון די צוועלף,
וואָס האָט געהייסן יהודה איש קריות, צו די הויפּט־
15 כהנים, און האָט געזאָגט: וואָס ווילט איר מיר געבן,
ווען איך וועל אים איבערגעבן צו אייך? און זיי
האָבן אים אָפּגעוואויגן דרייסיק שטיק זילבער.
16 און פון דעמלט אָן האָט ער געזוכט אַ גוטע געלעגנ־
הייט, כדי ער זאָל אים פאַרראַטן.
17 און דעם ערשטן טאָג פון חג המצות זענען די
תלמידים צוגעגאַנגען צו ישוען, אַזוי צו זאָגן: וואו
ווילסטו זאָלן מיר צוגרייטן פאַר דיר צו עסן דאָס
18 קרבן פסח? און ער האָט געזאָגט: גייט אין דער
שטאָט אַריין צו דעם און דעם, און זאָגט צו אים:
דער רבי זאָגט: מיין צייט איז נאָנט; ביי דיר וויל

19 איך מאַכן פּסח מיט מײַנע תּלמידים· און די תּלמידים
האָבן געטון, ווי ישוע האָט זיי באַפוילן; און צוגע־
20 גרייט דאָס קרבן־פּסח· און ווען עס איז געוואָרן
אָוונט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט צום טיש מיט
21 די צוועלף תּלמידים· און בשעת זיי האָבן געגעסן,
האָט ער געזאָגט: באמת זאָג איך אײַך, אַז איינער
22 פון אײַך וועט מיך פאַרראַטן! און זיי זענען געוואָרן
זער טרויעריק, און האָבן אָנגעהויבן, איינער נאָכן
23 אַנדערן, צו זאָגן צו אים: האַר, בין איך דאָס? און
ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: דער, וואָס טונקט
אײַן די האַנט מיט מיר אין דער קערה, דער דאָזיקער
24 וועט מיך פאַרראַטן· דער בן־אדם גייט טאַקע לויט
ווי עס שטייט געשריבן וועגן אים; וויי איז אָבער
צו יענעם מענטשן, דורך וועמען דער בן־אדם ווערט
פאַרראַטן! עס וואָלט געווען גוט פאַר יענעם מענטשן,
25 אויב ער וואָלט גאָרנישט געבוירן געוואָרן· און
יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט ענטפערנדיק
געזאָגט: רבי, בין איך דאָס? זאָגט ער צו אים: דו
26 האָסט עס געזאָגט! און בשעת זיי האָבן געגעסן,
האָט ישוע גענומען ברויט, און האָט געמאַכט אַ
ברכה, האָט עס צעבראָכן, און געגעבן צו די תּלמידים,
27 און געזאָגט: נעמט, עסט! דאָס איז מײַן גוף· און ער
האָט גענומען אַ כּוס, געמאַכט אַ ברכה, און געגעבן
28 צו זיי, זאָגנדיק: טרינקט אַלע דערפון! וואָרום
דאָס איז מײַן בלוט פון דעם נײַעם בונד, וואָס
ווערט פאַרגאָסן פאַר פילע צו דער פאַרגעבונג
29 פון זינד· איך זאָג אײַך אָבער, איך וועל מער
ניט טרינקען פון איצט אָן פון דער פּרוכט פונעם
ווייַנשטאָק, ביז צו יענעם טאָג, ווען איך וועל
דאָס טרינקען מיט אײַך נײַ אין דעם קעניגרייך
פון מײַן פאָטער·

30 און זיי האָבן אָפּגעזונגען הלל, און זענען אַרויס־
געגאַנגען צום הר הזיתים·
31 דעמלט זאָגט ישוע צו זיי: איר אַלע וועט גע־
שטרויכלט ווערן אין מיר אין דער דאָזיקער נאַכט;
וואָרום עס שטייט געשריבן: איך וועל שלאָגן דעם
פּאַסטוך, און די שאָף פֿון דער סטאַדע וועלן צע־
32 שפּרייט ווערן· (זכריהו יג, ז) נאָר נאָך מיין אויפֿשטיין,
33 וועל איך פֿאָרויסגיין פֿאַר אייך קיין גליל· פּעטרוס
אָבער האָט ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט: אַפֿילו ווען
אַלע וועלן געשטרויכלט ווערן אין דיר, וועל איך
34 מיך קיינמאָל נישט שטרויכלען! האָט ישוע צו אים
געזאָגט: באמת זאָג איך דיר, אַז אין דער דאָזיקער
נאַכט, איידער אַ האָן וועט אַ קריי טון, וועסטו
35 מיך דריי מאָל פֿאַרלייקענען! זאָגט פּעטרוס צו אים:
און אויב איך זאָל מוזן שטאַרבן מיט דיר, וועל איך
דיך בשום אופן נישט פֿאַרלייקענען! דעסגלייכן
האָבן אויך אַלע תּלמידים געזאָגט·
36 דאַן גייט ישוע מיט זיי אויף אַן אָרט, וואָס הייסט
גת־שמני, און זאָגט צו די תּלמידים: זעצט זיך דאָ
אַנידער, ביז איך וועל אַהינגיין דאָרטן און תּפֿילה־
37 טון· און ער האָט מיטגענומען פּעטרוסן און זבדיס
ביידע זין, און האָט אָנגעהויבן צו טרויערן און צו
38 זיין באַטריבט· דעמלט זאָגט ער צו זיי: מיין נפֿש
איז טיף באַטריבט, ביז צום טויט! בלייבט דאָ, און
39 וואַכט מיט מיר! און איז געגאַנגען אַביסל פֿאָרויס,
און איז אַנידערגעפֿאַלן אויף זיין פּנים, האָט תּפֿילה־
געטון און געזאָגט: מיין פֿאָטער אויב עס איז
מעגלעך, זאָל אַוועקגיין פֿון מיר דער דאָזיקער
40 בעכער; דאָך נישט ווי איך וויל, נאָר ווי דו! און
ער גייט צו צו די תּלמידים, און געפֿינט זיי שלאָפֿן,
און זאָגט צו פּעטרוסן: אַזוי, איר האָט נישט געקענט

41 וואַכן מיט מיר איין שעה? האַלט וואַך און טוט
תפילה, כדי איר זאָלט נישט קומען צו קיין נסיון! דער
גייסט איז טאַקע ווילּיק, דאָס פלייש אָבער איז שוואַך.
42 ווידער איז ער צום צווייטן מאָל אַוועקגעגאַנגען, און
האָט תפילה־געטון, אַזוי צו זאָגן: מיין פּאָטער, אויב
דאָס דאָזיקע קען נישט פאַרבייגיין, אַ חוץ איך זאָל עס
43 טרינקען, זאָל דיין רצון געשעען! און ער איז געקומען
און האָט זיי ווידער געפונען שלאָפן; וואָרום זייערע
44 אויגן זענען געווען שווער. און ער האָט זיי איבערגע־
לאָזט, איז ווידער אַוועקגעגאַנגען, און תפילה־געטון
צום דריטן מאָל, זאָגנדיק באָכאַמאָל די זעלביקע
45 ווערטער. דאַן גייט ער צו צו די תלמידים, און זאָגט
צו זיי: איר שלאָפט נאָך אַלץ, און רוט? זע, די שעה
האָט זיך דערנעענטערט, און דער בן־אדם ווערט
46 פאַרראַטן אין די הענט פון חוטאים! שטייט אויף,
לאָמיר גיין! זע, דער וואָס פאַרראַט מיך איז נאָנט!
47 און בשעת ער האָט נאָך גערעדט, זע, יהודה,
איינער פון די צוועלף, איז געקומען און מיט אים אַ
גרויסער המון מיט שווערדן און שטאַנגען, פון די
48 הויפּט־כהנים און זקנים פון פאָלק. דער אָבער,
וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט זיי געגעבן אַ צייכן,
און געזאָגט: וועמען איך וועל געבן אַ קוש, דער
49 איז עס, כאַפּט אים! און גלייך איז ער צוגעגאַנגען
צו ישוען, און געזאָגט: שלום, רבי! און האָט אים
50 געקושט. ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט: פריינט,
צו וואָס ביסטו געקומען? דעמלט זענען זיי צוגע־
גאַנגען און האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויף ישוען,
51 און אים גענומען. און זע, איינער פון די, וואָס
זענען געווען מיט ישוען, האָט אויסגעשטרעקט די
האַנט, און אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און האָט
געשלאָגן דעם כהן־גדולס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט

52 אַן אויער. דעמלט זאָגט ישוע צו אים: קער אום
דיין שווערד אויף איר אָרט! וואָרום אַלע, וואָס
נעמען אַ שווערד, וועלן אומקומען מיט דער שווערד.
53 אָדער אפשר מיינסטו, אַז איך קען נישט בעטן מיין
פאָטער, און ער וועט מיר אַפילו איצט געבן מער
54 ווי צוועלף מחנות מלאָכים? און וויאַזוי זשע וואָלטן
די כתבי (הקודש) געקענט דערפילט ווערן, אַז
אָט אַזוי מוז עס געשעען? אין יענער שעה האָט ישוע
55 געזאָגט צו די המונים מענטשן: ווי אַקעגן אַ גזלן
זענט איר אַרויסגעקומען מיט שווערדן און שטאַנגען,
מיך צו כאַפּן. טאָג אויס טאָג איין בין איך געזעסן
אין בית־המקדש און געלערנט, און איר האָט מיך נישט
56 גענומען. דאָס אַלץ אָבער איז געשעען, כדי די שריפטן
פון די נביאים זאָלן דערפילט ווערן.—דעמלט האָבן
אַלע תלמידים אים פאַרלאָזט, און זענען אַנטלאָפן.
57 און די, וואָס האָבן גענומען ישוען, האָבן אים
אַוועקגעפירט צו קיפא, דעם כהן־גדול, וואו די
סופרים און די זקנים זענען געווען פאַרזאַמלט.
58 און פעטרוס האָט אים נאָכגעפאָלגט פונדערווייטנס
ביז צום הויף פון כהן־גדול, און איז אַריינגעגאַנגען
אינעווייניק, און זיך אַנידערגעזעצט מיט די שוטרים,
59 צו זען דעם סוף. און די הויפּט־כהנים און דאָס
גאַנצע סנהדרין האָבן געזוכט אַ פאַלש־עדות־זאָגן
60 קעגן ישוען, כדי זיי זאָלן אים קענען טייטן; און
האָבן נישט געפונען, הגם אַ סך פאַלשע עדות זענען
61 געקומען. צולעצט אָבער זענען געקומען צוויי, און
האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער האָט געזאָגט: איך בין
בכח צו צעשטערן דעם היכל פון ג־ט, און אים
62 אויפצובויען אין דריי טאָג. און דער כהן־גדול
האָט זיך אויפגעשטעלט, און געזאָגט צו אים: דו
ענטפערסט גאָרנישט? וואָס איז דאָס, וואָס זיי זאָגן

63 עדות קעגן דיר? ישוע אָבער האָט געשוויגן. און
דער כהן־גדול האָט געזאָגט צו אים: איך באַשווער
דיך ביי דעם לעבעדיקן ג־ט, אַז דו זאָלסט אונז זאָגן,
צי דו ביסט דער משיח, דער בן־אלקים! זאָגט ישוע
64 צו אים: דו האָסט עס געזאָגט! דאָך זאָג איך אייך:
פון איצט אָן וועט איר זעען דעם בן־אדם זיצן אויף
דער רעכטער זייט פון דער גבורה, און קומען אויף
די וואָלקנס פון הימל! (תהלים קי, א; דניאל ז, יג־יד.)
65 דעמלט האָט דער כהן־גדול צעריסן זיינע קליידער,
זאָגנדיק: ער האָט געלעסטערט; וואָס דאַרפן מיר נאָך
האָבן עדות? זע, איר האָט איצט געהערט די לעס־
66 טערונג. וואָס מיינט איר? און זיי האָבן ענטפערנדיק
67 געזאָגט: ער איז חייב מיתה. דאַן האָבן זיי אים
געשפּיגן אין פּנים אַריין און האָבן אים געשלאָגן
מיט די פויסטן; אַנדערע האָבן אים געגעבן פּעטש,
68 און געזאָגט: משיח, זאָג נבואות צו אונז! ווער איז
עס, וואָס האָט דיך געשלאָגן?
69 און פּעטרוס איז געזעסן אינדרויסן אויפן הויף.
און אַ דינסטמויד איז צוגעקומען צו אים, און האָט
געזאָגט: אויך דו ביסט געווען מיט ישוע הגלילי!
70 ער אָבער האָט עס געלייקנט פאַר אַלעמען, אַזוי צו
71 זאָגן: איך ווייס נישט, וואָס דו זאָגסט! און איז
אַרויסגעגאַנגען צום פאָדערהויז, און אַן אַנדערע
האָט אים דערזעען, און זאָגט צו די מענטשן דאָרטן:
72 דער דאָזיקער איז געווען מיט ישוע הנוצרי! און
נאָכאַמאָל האָט ער עס געלייקנט מיט אַ שבועה:
73 איך קען נישט דעם מענטשן! און נאָך אַ קליינער
ווײַלע זענען צוגעקומען די, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען, און האָבן געזאָגט צו פּעטרוסן: עס איז
אמת, אויך דו ביסט איינער פון זיי; וואָרום אַפילו
74 דיין אַרט רעדן פאַרראַט דיך. דעמלט האָט ער

אַנגעהויבן צו שעלטן און שווערן: איך קען נישט
דעם מענטשן! און גלייך האָט אַ האָן געקרייט.
75 און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט דאָס וואָרט פון
ישוע, וואָס ער האָט אים געהאַט געזאָגט: איידער
אַ האָן וועט אַ קריי טון, וועסטו מיך דריי מאָל
פאַרלייקענען. און ער איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן,
און האָט ביטער געוויינט.

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

27

1 און צומאָרגנס אינדערפרי האָבן אַלע הויפּט־
כהנים און זקנים פון פאָלק אָנגענומען אַ באַשלוס
2 קעגן ישוען, כדי אים צו טייטן; און האָבן אים
געבונדן, און אַוועקגעפירט, און איבערגעגעבן צו
פּילאַטוסן, דעם גובערנאַטאָר.
3 דעמלט אַז יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט
געזען, דאָס ער איז פאַרמשפּט געוואָרן, האָט ער
חרטה געהאַט, און אומגעקערט די דרייסיק שטיק
4 זילבער צו די הויפּט־כהנים און זקנים, אַזוי צו
זאָגן: איך האָב געזינדיקט, פאַרראַטנדיק אומשולדיק
בלוט! זיי אָבער האָבן געזאָגט: וואָס גייט דאָס אונז
5 אָן? זאָרג דו וועגן דעם! און ער האָט אַ וואָרף
געטון די זילבער־שטיק אין היכל אַריין, און איז
אַוועק; און איז געגאַנגען און האָט זיך אויפגע־
6 האָנגען. און די הויפּט־כהנים האָבן גענומען די
זילבער־שטיק, און געזאָגט: מען טאָר זיי נישט
אַריינלייגן אין דעם אוצר הקרבנות, ווייל עס איז
7 בלוט־געלט. און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַראַטן,
האָבן זיי דערמיט געקויפט דעם טעפּערס פעלד,
8 אַ קבורה פאַר די גרים. דערפאַר הייסט יענץ פעלד
9 דאָס בלוט־פעלד ביז צום היינטיקן טאָג. דעמלט

איז דערפילט געוואָרן, וואָס עס איז געוואָרן געזאָגט
דורך ירמיהו הנביא, אַזוי צו זאָגן: און זיי האָבן
גענומען די דרייסיק שטיק זילבער, דעם ווערט פון
דעם געשעצטן, וועמען זיי האָבן געשאַצט, פון די
10 קינדער ישראל; און האָבן זיי געגעבן פאַר דעם
טעפּערס פעלד, לויט ווי דער האַר האָט מיר געבאָטן.
11 און ישוע איז געשטעלט געוואָרן פאַר דעם
גובערנאַטאָר, און דער גובערנאַטאָר האָט אים
געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: צי ביסט דו דער קעניג
פון די יידן? און ישוע האָט געזאָגט: דו זאָגסט עס!
12 און ווען ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן דורך די
הויפּט־כהנים און זקנים, האָט ער גאָרנישט געענט־
13 פערט. דעמלט זאָגט פּילאַטוס צו אים: דו הערסט
14 נישט, וואָס זיי זאָגן אַלץ אויס קעגן דיר? און ער
האָט אים נישט געענטפערט, אַפילו נישט אויף
איין איינציק וואָרט, אַזוי, אַז דער גובערנאַטאָר
15 האָט זיך זער געוואונדערט. און אויף יעדן יום־טוב
איז דער גובערנאַטאָר געוועזן געוואוינט צו באַפרייען
פאַר דעם פאָלק איין געפאַנגענעם, וועמען זיי האָבן
16 געוואָלט. און זיי האָבן דעמלט געהאַט אַ גוט באַקאַנטן
17 געפאַנגענעם, וואָס האָט געהייסן בר־אַבאָ. דעריבער
ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט פּילאַטוס צו זיי
געזאָגט: וועמען ווילט איר, אַז איך זאָל אייך
באַפרייען, בר־אַבאָן אָדער ישוען, וואָס מען רופט
18 אים משיח? וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז צוליב
19 קנאה האָבן זיי אים איבערגעגעבן. און בשעת ער
איז געזעסן אויף דעם כסא־המשפט, האָט זיין ווייב
צו אים געשיקט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט גאָרנישט
האָבן צו טון מיט דעם דאָזיקן צדיק; וואָרום איך
20 האָב היינט אַ סך געליטן אין אַ חלום דורך אים! די
הויפּט־כהנים אָבער און די זקנים האָבן איבער־

גערעדט די המונים מענטשן, אַז זיי זאָלן פאַרלאַנגען
21 בר־אַבאָן, ישוען אָבער צו לאָזן אומברענגען. און
דער גובערנאַטאָר האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט:
וועלכן פון די ביידע ווילט איר, אַז איך זאָל אייך
22 באַפרייען? און זיי האָבן געזאָגט: בר־אַבאָן! זאָגט
פילאַטוס צו זיי: און וואָס זאָל איך טון מיט ישוען,
וואָס מען רופט אים משיח? זאָגן אַלע: ער זאָל
23 געקרייציקט ווערן! און ער האָט געזאָגט: וואָס פאַר
אַ בייז האָט ער דען געטון? זיי אָבער האָבן נאָך
מער געשריגן, אַזוי צו זאָגן: ער זאָל געקרייציקט
24 ווערן! און ווען פילאַטוס האָט געזעען, אַז ער
פועלט גאָרנישט, נאָר אַז עס ווערט אַ גרעסערע
מהומה, האָט ער גענומען וואַסער און זיך אָפגעוואַשן
די הענט פאַר דעם המון מענטשן, און געזאָגט: איך
בין אומשולדיק וואָס שייך דעם דאָזיקן צדיקס
25 בלוט; איר זעט. און דער גאַנצער עולם האָט
ענטפערנדיק געזאָגט: זיין בלוט אויף אונז, און
26 אויף אונזערע קינדער! דאַן האָט ער זיי באַפרייט
בר־אַבאָן; ישוען אָבער האָט ער געלאָזט שמייסן
און אים איבערגעגעבן, אַז ער זאָל געקרייציקט ווערן.
27 דערנאָך האָבן דעם גובערנאַטאָרס זעלנער גענומען
ישוען אין פרעטאָריום אַריין, און האָבן פאַרזאַמלט
28 אַרום אים די גאַנצע אָפטיילונג. און זיי האָבן
אים אויסגעטון, און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ
29 פורפור מאַנטל. און געפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער
און זי אַרויפגעזעצט אויף זיין קאָפ, און האָבן אים
געגעבן אַ רוט אין זיין רעכטער האַנט; האָבן געבויגן
די קני פאַר אים, און אָפגעשפאָט פון אים, אַזוי צו
30 זאָגן: שלום צו דיר, קעניג פון די יידן! און האָבן
געשפיגן אויף אים, און גענומען די רוט און אים גע־
31 שלאָגן אויפן קאָפ. און ווען זיי האָבן געהאַט אָפגעשפאָט

פון אים, האָבן זיי אים אויסגעטון דעם מאַנטל, און
אים אָנגעטון זיינע אייגענע מלבושים, און האָבן
אים אַוועקגעפירט צום קרייציקן.
32 און ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי
געפונען אַ מענטשן, אַ קירענער, מיט דעם נאָמען
שמעון; דעם דאָזיקן האָבן זיי געצוואונגען, אַז ער
33 זאָל טראָגן זיין בוים(שמואל יד:ט). און זענען געקומען צו אַן
אָרט, וואָס הייסט גלגלתא, דאָס באַטייט אַן אָרט
34 פון אַ שאַרבן, און האָבן אים געגעבן צו טרינקען
ווייַן געמישט מיט גאַל; און ער האָט עס טועם
35 געווען און נישט געוואָלט טרינקען. און נאָך דעם
ווי זיי האָבן אים געקרייציקט, האָבן זיי זיך צעטיילט
36 זיינע מלבושים, וואַרפנדיק גורל, און האָבן זיך
37 אַנידערגעזעצט און אים דאָרט באַוואַכט. און זיי האָבן
געזעצט איבער זיין קאָפּ זיין באַשולדיקונג, געשריבן:
38 דאָס איז ישוע דער קעניג פון די יידן. צו דער
צייט ווערן מיט אים געקרייציקט צוויי גזלנים,
איינער פון דער רעכטער זייט, און איינער פון דער
39 לינקער זייט. און די פאַרבייגייער האָבן אים געלעס־
40 טערט, שאָקלענדיק מיט זייערע קעפּ, און זאָגנדיק:
דו, וואָס צעשטערסט דעם היכל, און בויסט אים
אויף אין דריי טאָג, ראַטעווע דיך אַליין! אויב דו
41 ביסט דער בן־אלקים, קום אַראָפּ פון בוים(שמואל יד:ט)! דעס־
גלייכן האָבן אויך די הויפּט־כהנים מיט די סופרים
42 און זקנים אָפּגעשפּאָט פון אים, און געזאָגט: אַנדערע
האָט ער געהאָלפן, זיך אַליין קען ער נישט העלפן.
ער איז דער מלך פון ישראל; זאָל ער איצט
אַראָפּקומען פון בוים(שמואל יד:ט) און מיר וועלן גלויבן אין
43 אים! ער האָט געהאַט בטחון אויף ג־ט; זאָל ער אים
איצט מציל זיין, אויב ער וויל אים. ער האָט דאָך
44 געזאָגט: איך בין דער בן־אלקים! און דאָס זעלביקע

האָבן אויך די גזלנים, וואָס זענען געקריי־ציקט געוואָרן
מיט אים, אים פאַרגעוואָרפן.
45 און פון דער זעקסטער שעה אָן איז געוואָרן אַ
פינסטערניש איבערן גאַנצן לאַנד ביז דער נײַנטער
46 שעה. און אַרום דער נײַנטער שעה האָט ישוע אַ
געשריי געטון מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן: אלי
אלי למה שבקתני! דאָס באַטייט: ג־ט מײַנער, ג־ט
47 מײַנער, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? און ווען
אייניקע פון די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן
עס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: ער רופט אליהון!
48 און באַלד איז איינער פון זיי געלאָפן, און גענומען
אַ שוואָם, און זי אָנגעפילט מיט עסיק, און אַרויפ־
געטון אויף אַ שטעקן, און האָט אים געגעבן צו
49 טרינקען. די איבריקע אָבער האָבן געזאָגט: וואַרט,
50 לאָמיר זען, צי אליהו קומט אים ראַטעווען. און
ישוע האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון מיט אַ הויך
51 קול, און האָט אָפּגעגעבן זײַן גייסט. און זע, דאָס
פרוכת פון היכל האָט זיך צעריסן אין צווייען פון
אויבן ביז אַראָפּ; און די ערד האָט געציטערט; און
52 די פעלזן האָבן זיך געשפּאָלטן; און די קברים האָבן
זיך געעפנט; און אַ סך לײַבער פון די אײַנגע־
53 שלאָפענע קדושים זענען אויפגעשטאַנען; און זענען
אַרויס פון די קברים נאָך זײַן תחית־המתים און
זענען אַרײַנגעקומען אין דער הייליקער שטאָט
54 אַרײַן און האָבן זיך באַוויזן צו אַ סך. און דער
אָפיציר און די מיט אים, וואָס האָבן באַוואַכט ישוען,
ווען זיי האָבן געזען די ערד־ציטערניש, און וואָס
עס איז געשען, האָבן זיך זער געפאָרכטן, און
געזאָגט: ער איז באמת געווען דער בן־אלקים!
55 און דאָרט זענען געווען אַ סך פרויען, וואָס האָבן
זיך צוגעקוקט פונדערווײַטנס, וועלכע האָבן נאָכ־

56 געפּאָלגט ישוען פון גליל, באַדינענדיק אים; צווישן
זיי איז געווען מרים פון מגדלה, און מרים, די מוטער
פון יעקב און יוסי, און די מוטער פון זבדיס קינדער.
57 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, איז געקומען אַ
רייכער מאַן פון הרמתים, זיין נאָמען איז געווען
יוסף, וואָס איז אַליין אויך געווען ישועס אַ תלמיד.
58 דער דאָזיקער איז געגאַנגען צו פּילאַטוסן, און האָט
באַגערט ישועס קערפּער. דעמלט האָט פּילאַטוס
59 באַפוילן, אַז עס זאָל אים געגעבן ווערן. און יוסף
האָט גענומען דעם קערפּער, און אים איינגעוויקלט
60 אין אַ ריין ליילעך, און האָט אים אַריינגעלייגט
אין זיין נייעם קבר, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט
אין דעם פעלזן, און האָט אַרויפגעוועלגערט אַ
גרויסן שטיין אויף דער טיר פון קבר, און איז
61 אַוועקגעגאַנגען. עס איז אָבער דאָרטן געווען מרים
פון מגדלה, און די אַנדערע מרים, וועלכע האָבן
זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגנאיבער דעם קבר.
62 און צומאָרגנס, וואָס איז נאָך ערב שבת, האָבן
די הויפּט־כהנים און די פּרושים זיך פאַרזאַמלט
63 ביי פּילאַטוסן, און האָבן געזאָגט: האַר, מיר דער־
מאָנען זיך, אַז יענער פאַרפירער האָט געזאָגט, בשעת
ער האָט נאָך געלעבט: אין דריי טעג אַרום וועל
64 איך אויפשטיין. באַפעל זשע, אַז דאָס קבר זאָל
געהאַלטן ווערן זיכער ביז צום דריטן טאָג, טאָמער
וועלן די תלמידים קומען און אים אַוועקגנבענען,
און זאָגן דעם פאָלק: ער איז אויפגעשטאַנען פון די
טויטע; און דער לעצטער באַטרוג וועט זיין ערגער
65 פונם ערשטן. האָט פּילאַטוס צו זיי געזאָגט: איר זאָלט
האָבן אַ וואַך! גייט און מאַכט זיכער ווי איר פאַר־
66 שטייט. און זיי זענען געגאַנגען, און האָבן פאַרזיכערט
דאָס קבר מיט דער וואַך, און פאַרחתמעט דעם שטיין.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

28

1 און נאָך מוצאי שבת, ווען עס האָט אָנגעהויבן
טאָגן דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, איז
געקומען מרים פון מגדלה און די אַנדערע מרים
2 צו זעען דאָס קבר. און זע, עס איז געוואָרן אַ
גרויסע ערד־ציטערניש; וואָרום אַ מלאך פון דעם
האַר (ג-ט) איז אַראָפּגעקומען פון הימל, און איז
צוגעגאַנגען און האָט אַוועקגעקייקלט דעם שטיין,
3 און זיך אַנידערגעזעצט אויף אים. און זיין געשטאַלט
איז געווען ווי דער בליץ, און זיין קלייד ווייס ווי
4 שניי; און פון מורא פאַר אים האָבן די היטער
5 געציטערט, און זענען געוואָרן ווי מתים. און דער
מלאך האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו די פרויען:
האָט נישט קיין מורא! וואָרום איך ווייס, אַז איר
6 זוכט ישוען דעם געקרייציקטן. ער איז דאָ נישטאָ;
וואָרום ער איז אויפגעשטאַנען, לויט ווי ער האָט
געזאָגט. קומט אַהער, און זעט דאָס אָרט, וואו דער
7 האַר איז געלעגן. און גייט גיך, און זאָגט זיינע
תלמידים, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע:
און זע, ער גייט פאָרויס פאַר אייך קיין גליל;
דאָרטן וועט איר אים זעען. זע, איך האָב עס אייך
8 געזאָגט. און זיי זענען איילנדיק אַוועק פון קבר מיט
מורא און גרויסער שמחה, און זענען געלאָפן עס
9 אָנצוזאָגן צו זיינע תלמידים. און זע, ישוע איז זיי
אַנטקעגן געקומען, און געזאָגט: שלום! און זיי זענען
צוגעגאַנגען און האָבן אים אָנגענומען ביי די פיס,
10 און זיך געבוקט צו אים. דאַן זאָגט ישוע צו זיי: האָט
נישט קיין מורא! גייט און זאָגט מיינע ברידער, אַז זיי
זאָלן גיין קיין גליל, און דאָרטן וועלן זיי מיך זעען.

11 און בשעת זיי זענען געגאַנגען, זע, אייניקע פון
דער וואַך זענען געקומען אין דער שטאָט אַריין,
און דערציילט די הויפּט־כהנים אַלץ, וואָס איז
12 געשען. און זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט די
זקנים, און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן אַן
13 עצה, האָבן זיי געגעבן די זעלנער געלט גענוג, און
געזאָגט: איר זאָלט זאָגן: זיינע תלמידים זענען
געקומען ביינאַכט, און האָבן אים אַוועקגעגנבעט,
14 ווען מיר זענען געשלאָפן. און אויב דאָס דאָזיקע
וועט קומען צום גובערנאַטאָרס אויערן, וועלן מיר
אים איבעררעדן און מאַכן, אַז איר זאָלט נישט האָבן
15 קיין זאָרגן. און זיי האָבן גענומען דאָס געלט, און
געטון ווי זיי זענען געלערנט געוואָרן. און די
דאָזיקע רייד האָבן זיך פאַרשפּרייט ביי יידן ביז
צום היינטיקן טאָג.
16 די עלף תלמידים אָבער זענען געגאַנגען קיין
גליל צו דעם באַרג, וואוהין ישוע האָט זיי
17 באַשטימט. און ווען זיי האָבן אים געזען, האָבן
זיי זיך געבוקט; אַ טייל אָבער האָבן געצווייפלט.
18 און ישוע איז צוגעגאַנגען און האָט מיט זיי גערעדט,
אַזוי צו זאָגן: עס איז מיר געגעבן געוואָרן יעדע
19 מאַכט אין הימל און אויף דער ערד. גייט דעריבער
און מאַכט אַלע פעלקער פאַר תלמידים, און זייט
זיי טובל אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער און דעם
20 זון און דעם רוח־הקודש, און לערנט זיי האַלטן
אַלץ, וואָס איך האָב אייך געבאָטן. און זע, איך
בין מיט אייך אַלע טעג, ביז צום קץ פון דער וועלט.
אמן.

# די גוטע בשורה לויט מאַרקוס

1 דאָס איז דער אָנהויב פון דער בשורה טובה
2 פון ישוע המשיח, דעם בן אלקים. לויט ווי עס
שטייט געשריבן אין ישעיהו הנביא:
זע, איך שיק מיין שליח פאַר דיין פּנים,
ער וועט צוגרייטן דיין וועג; (מלאכי ג, א.)
3 אַ קול פון איינעם, וואָס רופט אויס אין דער מדבר:
מאַכט פערטיק דעם האַרס וועג,
גלייכט אויס זיינע שטעגן! (ישעיהו מ, ג.)
4 יוחנן איז געקומען, וואָס האָט טובל געווען אין
דער מדבר, אויסרופנדיק אַ טבילה פון תשובה צו
5 דער פאַרגעבונג פון זינד. און עס איז אַרויסגע־
גאַנגען צו אים דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, און אַלע
לייט פון ירושלים; און זענען געטובלט געוואָרן
פון אים אין דעם טייך ירדן, און האָבן זיך מתוודה
6 געווען אויף זייערע זינד. און דער יוחנן איז געווען
אָנגעטון אין קעמל־האָר, און אַ לעדערנער גאַרטל
אַרום זיינע לענדן, און האָט געגעסן היישרעקן
7 און ווילדן האָניק. און ער האָט אויסגערופן, אַזוי צו
זאָגן: עס קומט נאָך מיר דער, וואָס איז שטאַרקער
פון מיר; וואָס איך בין נישט ווערט זיך איינצובייגן
8 און אויפצובינדן דאָס שנירל פון זיינע שיך. איך
האָב אייך טובל־געווען מיט וואַסער, ער אָבער
וועט אייך טובל־זיין מיט דעם רוח־הקודש.
9 און עס איז געשען, אין יענע טעג איז ישוע
געקומען פון נצרת אין גליל, און איז געטובלט
10 געוואָרן פון יוחנן איבעם ירדן. און גלייך ווי ער
איז אַרויסגעשטיגן אויס דעם וואַסער, האָט ער
געזען דעם הימל געשפּאָלטן, און דעם גייסט ווי
11 אַ טויב אַראָפּשוועבן אויף אים; און עס איז געקומען

אַ קול אויס דעם הימל: דו ביסט מיין געליבטער
זון, אין דיר האָב איך אַ וואוילגעפעלן!
12 און גלייך טרייבט אים דער גייסט אין דער מדבר
13 אַריין. און ער איז געווען אין דער מדבר פערציק טעג,
ווערנדיק אויסגעפּרואווט פונם שטן; און איז געווען
מיט די ווילדע חיות; און די מלאָכים האָבן אים באַדינט.
14 און נאָך דעם ווי יוחנן איז איבערגעגעבן געוואָרן,
איז ישוע געקומען קיין גליל, און האָט אויסגערופן
15 די בשורה טובה פון ג-ט, און געזאָגט: די צייט איז
שוין דערפילט, און דאָס קעניגרייך פון ג-ט האָט זיך
דערנענטערט; טוט תשובה, און גלויבט אין דער
גוטער בשורה!
16 און פאַרבייגייענדיק ביים ים פון גליל, האָט ער
געזעען שמעונען און אַנדריי שמעונס ברודער
וואַרפן אַ נעץ אין ים אַריין; וואָרום זיי זענען געווען
17 פישערלייט. און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: קומט,
פאָלגט מיר נאָך, און איך וועל אייך מאַכן צו ווערן
18 פישערס פון מענטשן! און גלייך האָבן זיי פאַרלאָזט
19 די נעצן און האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און גייענדיק
אַביסל ווייטער, האָט ער געזעען יעקב בן זבדי
און יוחנן זיין ברודער, אויך זיי זענען געווען איבם
20 שיפל פאַרריכטנדיק די נעצן. און גלייך האָט ער זיי
גערופן; און זיי האָבן פאַרלאָזט זייער פאָטער זבדי
אין דעם שיפל צוזאַמען מיט די טאָג-לוינער, און
זענען אַוועק נאָך אים.
21 און זיי זענען געגאַנגען קיין כפר-נחום; און גלייך
שבת איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער שול און האָט
22 געלערנט. און מען האָט געשטוינט איבער זיין
תורה; וואָרום ער האָט זיי געלערנט ווי אייגער,
23 וואָס האָט מאַכט, און נישט ווי די סופרים. און
גראָד איז אין זייער שול געווען אַ מענטש מיט אַן

אומרייגעם גייסט; און ער האָט אַ געשריי געטון,
24 אַזוי צו זאָגן: וואָס האָבן מיר מיט דיר, ישוע פון
נצרת? דו ביסט געקומען אונז צו פאַרדאַרבן! איך
25 ווייס ווער דו ביסט: דער קדוש אלקים. און ישוע
האָט אויף אים אָנגעשריגן, אַזוי צו זאָגן: שווייג,
26 און גיי אַרויס פון אים! און דער אומרייגער
גייסט האָט אים אַ ריס געטון, האָט געשריגן מיט
27 אַ הויך קול און איז פון אים אַרויס. און אַלע זענען
אַזוי דערשטוינט געוואָרן, אַז זיי האָבן דאָס
איבערגעפרעגט צווישן זיך, אַזוי צו זאָגן: וואָס
איז דאָס דאָזיקע? אַ נייע לערנונג מיט מאַכט! אַפילו
די אומריינע גייסטער באַפעלט ער, און זיי געהאָרכן
28 אים. און גלייך האָט זיך זיין שם פאַרשפרייט
אומעטום אין דער גאַנצער געגנט אַרום גליל.

29 און גלייך ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פון דער
שול, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אינם הויז פון שמעון
30 און אַנדריי, צוזאַמען מיט יעקבן און יוחנן. שמעונס
שוויגער אָבער איז געלעגן קראַנק מיט אַ פיבער;
31 און זיי האָבן אים תיכף געזאָגט וועגן איר. און ער
איז צוגעגאַנגען און האָט זי אָנגענומען ביי דער
האַנט, און זי אויפגעשטעלט; און דאָס פיבער איז
פון איר אַוועק, און זי האָט זיי באַדינט.

32 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, ווען די זון איז
אונטערגעגאַנגען, האָט מען געבראַכט צו טראָגן
צו אים אַלע קראַנקע, און באַזעסענע מיט בייזע
33 גייסטער. און די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענ־
34 געקומען ביי דער טיר. און ער האָט געהיילט אַ סך,
וואָס האָבן געהאַט פאַרשיידענע קראַנקהייטן, און
פיל בייזע גייסטער האָט ער אַרויסגעטריבן; און
האָט די בייזע גייסטער נישט געלאָזט רעדן, ווייל
זיי האָבן אים געקענט.

35 און אינדערפרי, בשעת עס איז נאָך געווען זער
טונקל, איז ער אויפגעשטאַנען, איז אַרויסגעגאַנגען
און איז אַוועק אויף אַ וויסט אָרט, און האָט דאָרט
36 תּפילה־געטון. און שמעון און די, וואָס זענען
37 געווען בײַ אים, האָבן נאָכגעאײַלט נאָך אים; און
האָבן אים געפונען, און זאָגן צו אים: אַלע זוכן
38 דיך! און ער זאָגט צו זיי: לאָמיר גיין ערגעץ
אַנדערשוואו אין די שכנותדיקע שטעטלעך אַרײַן,
כּדי איך זאָל אויך דאָרטן דרשענען; וואָרום דערצו
39 בין איך געקומען. און ער איז געגאַנגען און האָט
אויסגערופן אין זייערע שולן אין גאַנץ גליל און
האָט אַרויסגעטריבן די בייזע גייסטער.
40 און אַן אויסזעציקער איז געקומען צו אים, האָט
אים געבעטן, און איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים אויף
די קני און געזאָגט צו אים: אויב דו ווילסט,
41 קענסטו מיך ריין מאַכן! און ער האָט זיך דערבאַ־
רעמט, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט אים
אָנגערירט און זאָגט צו אים: איך וויל; זײַ ריין!
42 און גלײַך איז די צרעת פון אים אַוועק, און ער איז
43 געוואָרן ריין. און ער האָט שאַרף צו אים גערעדט,
44 האָט אים תּיכּף אַוועקגעשיקט, און זאָגט צו אים:
גיב אַכטונג, זאָלסט קיינעם גאָרנישט זאָגן; נאָר
גיי ווײַז דיך דעם כּהן, און ברענג אַ קרבּן פאַר דײַן
ריייניקונג, וואָס משה האָט געבאָטן, פאַר אַן עדות
45 צו זיי! (ויקרא יד א־לב.) ער אָבער איז אַרויסגע־
גאַנגען, און האָט אָנגעהויבן אַ סך דערפון צו דער־
ציילן, און צו פאַרשפּרייטן די זאַך, אַז ער האָט
שוין מער נישט געקענט אָפן אַרײַנגיין אין אַ שטאָט,
נאָר איז געווען אינדרויסן אין מדבּריותדיקע ערטער;
און מען איז געקומען צו אים פון אומעטום.

## קאַפּיטל צוויי

1 און אין אייניקע טעג אַרום איז ער ווידער געגאַנ־
גען קיין כפר נחום; און מען האָט געהערט,
2 אַז ער איז אינעם הויז. און אַ סך לייט האָבן זיך
פאַרזאַמלט, אַזוי אַז עס איז שוין מער נישט געווען
קיין אָרט, אַפילו נישט ביי דער טיר; און ער האָט
3 צו זיי גערעדט דאָס וואָרט. און אייניקע זענען
געקומען, ברענגענדיק צו אים אַ פּאַראַליזשירטן,
4 וואָס איז געטראָגן געוואָרן פון פיר. און נישט
קענענדיק אים צוברענגען צו אים צוליב דעם המון
מענטשן, האָבן זיי אַראָפּגעריסן דעם דאַך וואו ער
איז געווען, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אַדורכגע־
בראָכן, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס בעט, אויף
5 וועלכן דער פּאַראַליזשירטער איז געלעגן. און ווי
ישוע האָט געזעען זייער גלויבן, זאָגט ער צום
פּאַראַליטיקער: קינד, דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן
6 געוואָרן! עס זענען אָבער דאָרט געזעסן אייניקע
פון די סופרים, וואָס האָבן באַטראַכט אין זייערע
7 הערצער, פאַרוואָס רעדט ער אַזוי? ער לעסטערט
דאָך! ווער קען מוחל זיין זינד אַחוץ באַר ג־ט אַליין?
8 און גלייך דערוויסנדיק זיך אין זיין גייסט, אַז זיי
האָבן אַזוי געטראַכט, זאָגט ער צו זיי: פאַרוואָס
טראַכט איר די דאָזיקע זאַכן אין אייערע הערצער?
9 וואָס איז לייכטער: צו זאָגן צום פּאַראַליזשירטן:
דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן; אָדער
10 צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דיין בעט און גיי? כדי
אָבער איר זאָלט וויסן, אַז דער בן־אדם האָט
רשות מוחל־צו־זיין זינד אויף דער ערד,—זאָגט
11 ער צום פּאַראַליזשירטן: דיר זאָג איך: שטיי אויף,

נעם דיין בעט און גיי אַהיים! און ער איז אויפ־
12 געשטאַנען, און האָט באַלד גענומען דאָס בעט און
איז אַרויסגעגאַנגען פאַר אַלעמען, אַזוי אַז אַלע
זענען געווען אויסער זיך פון דערשטוינונג, און
האָבן געלויבט ג־ט, אַזוי צו זאָגן: נאָך קיינמאָל
האָבן מיר אַזעלכעס נישט געזעען!
און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צום ברעג
13 ים, און דער גאַנצער המון מענטשן איז געקומען
צו אים, און ער האָט זיי געלערנט. און פאַרביי־
14 גייענדיק האָט ער געזעען לוי בן חלפי זיצן אינם
שטייער־אַמט, און ער זאָגט צו אים: פאָלג מיר
נאָך! און ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אים
נאָכגעפאָלגט. און עס איז געשעען, בשעת ער
15 (ישוע) איז געזעסן אין זיין (לויס) הויז צום טיש,
און אַ סך שטייער־אויפמאָנער און חוטאים האָבן זיך
אַנידערגעזעצט מיט ישוען און מיט זיינע תלמידים;
וואָרום עס זענען געווען אַ סך, און זיי האָבן אים
נאָכגעפאָלגט. און די סופרים פון די פרושים האָבן
16 געזעען, אַז ער עסט צוזאַמען מיט חוטאים און מיט
שטייער־אויפמאָנער, האָבן זיי געזאָגט צו די
תלמידים זיינע: פאַרוואָס עסט ער צוזאַמען מיט
די שטייער־אויפמאָנער און חוטאים? און ווען
17 ישוע האָט דאָס געהערט, זאָגט ער צו זיי: די
געזונטע האָבן נישט נייטיק קיין רופא, נאָר די,
וואָס זענען קראַנק: איך בין נישט געקומען רופן
צדיקים, נאָר חוטאים.
און יוחנן׳ס תלמידים און די פרושים פלעגן
18 פאַסטן; און זיי קומען און זאָגן צו אים: פאַרוואָס
פאַסטן יוחנן׳ס תלמידים און די תלמידים פון די
פרושים, און דיינע תלמידים פאַסטן נישט? און
19 ישוע האָט צו זיי געזאָגט: צי קענען דען די געסט

אויף דער חתונה פאַסטן בשעת דער חתן איז
מיט זיי? כל־זמן זיי האָבן דעם חתן מיט זיך,
20 קענען זיי נישט פאַסטן. עס וועלן אָבער קומען
טעג, ווען דער חתן וועט פון זיי אַוועקגענומען
ווערן, און דעמלט וועלן זיי פאַסטן אין יענעם טאָג.
21 קיינער לייגט נישט קיין לאַטע פון אומגעוואַלקעוועטן
טוך אויף אַן אַלטן בגד; טאָמער רייסט די נייע
לאַטע אָפּ פונם אַלטן, און דער ריס ווערט ערגער.
22 און קיינער גיסט נישט אַריין קיין נייעם ווייַן
אין אַלטע לאָגלען; טאָמער צעשפּאַלט דער ווייַן
די לאָגלען, און סאַי דער ווייַן און סאַי די לאָגלען
ווערן פאַרלוירן; נאָר נייער ווייַן געהערט אין נייע
לאָגלען אַריין.
23 און עס איז געשען, אַז אַ שבת איז ער געגאַנגען
דורך די קאָרנפעלדער, און זייַנע תלמידים האָבן
24 אָנגעהויבן אויפן וועג אָפּצורייסן די זאַנגען. און די
פרושים האָבן געזאָגט צו אים: זע, פאַרוואָס טון
25 זיי שבת וואָס מען טאָר נישט? און ער זאָגט צו זיי:
צי האָט איר קיינמאָל נישט געלייענט, וואָס דוד
האָט געטון, ווען ער איז געווען אין נויט, און איז
געווען הונגעריק, ער אַליין און די לייט מיט אים?
26 ווי ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין ג־טס הויז (משכן),
ווען אביתר איז געווען כהן־גדול, און האָט געגעסן
דאָס לחם־הפּנים, וואָס קיינער טאָר נישט עסן
אַחוץ די כהנים, און האָט עס אויך געגעבן צו די,
וואָס זענען געווען מיט אים? (א שמואל כא א־ו.)
27 און ער האָט צו זיי געזאָגט: דער שבת איז באַשאַפן
געוואָרן צוליב דעם מענטשן, און נישט דער מענטש
28 צוליב דעם שבת. דערפאַר איז דער בן־אדם אויך
האַר איבער דעם שבת.

## קאַפּיטל דריי

1 און ער איז ווידער אַרייַנגעגאַנגען אין שול;
און עס איז דאָרטן געווען אַ מענטש, וואָס האָט
2 געהאַט אַ פאַרדאַרטע האַנט. און זיי האָבן געלויערט
אויף אים, צי ער וועט אים שבת היילן, כדי זיי
3 זאָלן אים אָנקלאָגן. און ער זאָגט צו דעם מענטשן,
וואָס האָט געהאַט די פאַרדאַרטע האַנט: שטיי אויף
4 און שטעל דיך אין דער מיטן! און זאָגט צו זיי:
צי מעג מען שבת טון גוטס, אָדער טון שלעכטס?
ראַטעווען אַ נפש, אָדער טייטן? זיי אָבער האָבן
5 געשוויגן. און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף זיי
מיט צאָרן, זער באַטריבט איבער דער שטיינ־
האַרטקייט פון זייער האַרץ, און זאָגט צו דעם
מענטשן: שטרעק אויס די האַנט! און ער האָט זי
אויסגעשטרעקט; און זיין האַנט איז ווידער געזונט
6 געוואָרן. און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען,
און האָבן זיך גלייך באַראָטן מיט הורדוסנס לייט
קעגן אים, וויאַזוי זיי זאָלן אים אומברענגען.

7 און ישוע איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים
צום ים, און אַ גרויסער עולם מענטשן פון גליל האָט
8 נאָכגעפאָלגט; און פון יהודה, און פון ירושלים,
און פון אדום, און פון עבר הירדן, און פון אַרום
צור און צידון, אַ גרויסע מאַסע מענטשן, הערנדיק
די מעשים, וואָס ער טוט, זענען זיי געקומען צו אים.
9 און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז אַ קליין
שיפל זאָל זיין גרייט פאַר אים מחמת דעם המון,
כדי מען זאָל זיך נישט דרענגען אויף אים; וואָרום
10 ער האָט אַ סך געהיילט, אַזוי אַז אַלע, וואָס האָבן
געהאַט אַ פּלאָג, זענען געפאַלן אויף אים, כדי אים

11 אַנצורירן. און די אומרײנע גײסטער, װען זײ
האָבן אים געזען, זענען אַנידערגעפאַלן פאַר אים,
און האָבן געשריגן, אַזױ צו זאָגן: דו ביסט דער
12 בן־אלקים! און ער האָט זײ שטרענג באַפױלן, אַז
זײ זאָלן אים נישט מגלה זײן.
13 און ער איז אַרױפגעשטיגן אױף דעם באַרג, און
האָט גערופן צו זיך די, װעלכע ער האָט געװאָלט;
14 און זײ זענען געקומען צו אים. און ער האָט
באַשטימט צװעלף, אַז זײ זאָלן זײן מיט אים, און
15 כדי ער זאָל זײ אַװעקשיקן צו דרשענען, און צו
16 האָבן רשות אַרױסצוטרײבן בײזע גײסטער. און
האָט באַשטימט אָט די צװעלף: שמעונען האָט ער
17 צוגעזעצט דעם נאָמען פּעטרוס; און יעקב בן זבדי,
און יוחנן, יעקבס ברודער, און זײ האָט ער צוגעזעצט
דעם נאָמען בני רגוש, דאָס הײסט זין פון דונער;
18 און אַנדרײ, און פיליפּוס, און בר תלמי, און מתי,
און תומא, און יעקב בן חלפי, און תדי, און שמעון
19 הקנאי, און יהודה איש קריות, װעלכער האָט אים
אױך פאַרראַטן.
20 און ער איז אַרײנגעגאַנגען אין אַ הױז. און עס איז
זיך װידער צוזאַמענגעקומען אַ המון־מענטשן, אַזױ
21 אַז זײ האָבן אַפילו נישט געקענט עסן ברױט. און
װי זײנע קרובים האָבן דאָס געהערט, זענען זײ אַרױס־
געגאַנגען אים כאַפּן, װאָרום זײ האָבן געזאָגט:
22 ער איז אַראָפּ פון זינען. און די סופרים, װאָס
זענען אַראָפּגעקומען פון ירושלים, האָבן געזאָגט:
ער האָט דעם בעל זבול; און דורך דעם שר פון
די בײזע גײסטער טרײבט ער אַרױס די בײזע
23 גײסטער. און ער האָט זײ גערופן צו זיך, און
גערעדט צו זײ מיט משלים: װיאַזױ קען דער שטן
24 אַרױסטרײבן דעם שטן? און אױב אַ מלוכה איז

צעטיילט קעגן זיך אַליין, קען יענע מלוכה נישט
25 האָבן קיין קיום. און אויב אַ הויז איז צעטיילט
קעגן זיך אַליין, וועט יענץ הויז נישט קענען בלייבן
26 שטיין. און אויב דער שטן שטייט אויף קעגן זיך
אַליין, און איז צעטיילט, קען ער נישט האָבן קיין
27 קיום, נאָר האָט דעם סוף. קיינער קען נישט אַרייַנ־
גיין אין דעם הויז פון דעם גיבור און ביי אים
צורויבן די זאַכן, אויב ער וועט נישט קודם כל
בינדן דעם גיבור; און דעמלט וועט ער אויסרויבן
28 זיין הויז. באמת זאָג איך אייך: אַלע זינד וועלן
פאַרגעבן ווערן צו די מענטשנקינדער, און די
29 לעסטערונגען, וויפל זיי וועלן לעסטערן; ווער
אָבער עס וועט לעסטערן דעם רוח הקודש, דער
האָט נישט קיין פאַרגעבונג אויף אייביק, נאָר איז
30 חייב אַן אייביקע זינד. ווייל זיי האָבן געזאָגט,
אַז ער האָט אַן אומריינעם גייסט.

31 און זיין מוטער און זיינע ברידער זענען געקומען,
און שטייענדיק אינדרויסן האָבן זיי געשיקט צו אים,
32 אים צו רופן. און עס איז געזעסן אַרום אים אַ המון
מענטשן; און מען האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין
מוטער און דיינע ברידער און דיינע שוועסטער
33 זענען אינדרויסן און זוכן דיך. און ער האָט
ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: ווער איז מיין מוטער
34 און מיינע ברידער? און האָט זיך אַרומגעקוקט
אויף די, וואָס זענען געזעסן ארום אים אין אַ קרייז,
און האָט געזאָגט: זע, מיין מוטער און מיינע
35 ברידער! וואָרום ווער עס וועט טון ג־טס רצון,
דער דאָזיקער איז מיין ברודער, און שוועסטער,
און מוטער.

## קאַפּיטל פיר

1 און ווידער האָט ער אָנגעהויבּן צו לערנען בּיים
ים; און עס האָט זיך פאַרזאַמלט בּיי אים אַ זער
גרויסער המון מענטשן, אַזוי אַז ער איז איינגעשטיגן
איך אַ שיפל, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן
ים; און דער גאַנצער המון מענטשן איז געווען
2 בּיים ים אויף דער יבשה. און ער האָט זיי געלערנט
אַ סך זאַכן מיט משלים, און האָט צו זיי געזאָגט אין
3 זיין תורה: הערט זיך צו: זע, דער זייער איז
4 אַרויסגעגאַנגען צו פאַרזייען. און עס איז געשעען,
בּשעת דעם זייען זענען אייניקע (זאָמען) געפאַלן
בּיים וועג, און די פייגל זענען געקומען און האָבּן
5 זיי אויפגעגעסן. און אַנדערע זענען געפאַלן אויף
דעם שטייניקן בּאָדן, וואו זיי האָבּן נישט געהאַט
קיין סך ערד; און האָבּן גלייך אויפגעשפּראָצט צוליבּן
6 נישט האָבּן קיין טיפקייט פון ערד; און ווען די זון איז
אויפגעגאַנגען, זענען זיי פאַרוועלקט געוואָרן, און
ווייל זיי האָבּן נישט געהאַט קיין וואָרצל, זענען זיי
7 פאַרדאַרט געוואָרן. און אַנדערע זענען געפאַלן
צווישן די דערנער, און די דערנער זענען אויפ־
געוואַקסן און האָבּן זיי דערשטיקט, און זיי האָבּן
8 נישט געגעבּן קיין פרוכט. און אַנדערע זענען
געפאַלן אויף דער גוטער ערד, און האָבּן יאָ געגעבּן
פרוכט, וואָס האָט אויפגעשפּראָצט און איז געוואַקסן;
און האָבּן געבּרענגט איינס—דרייסיקפאַכיק, און
איינס זעכציקפאַכיק, און איינס—הונדערטפאַכיק. און
9 ער האָט געזאָגט: ווער עס האָט אויערן צום הערן,
דער זאָל הערן!

10 און ווען ער איז געווען אַליין, האָבן די, וואָס
זענען געווען מיט אים, צוזאַמען מיט די צוועלף
11 אים געפרעגט וועגן די משלים. און ער האָט צו
זיי געזאָגט: אייך איז געגעבן געוואָרן דער סוד פון
דעם קעניגרייך פון ג־ט; צו יענע אָבער אינדרויסן
12 ווערט אַלץ געטון אין משלים; כדי

קוקנדיק זאָלן זיי קוקן און נישט זען,
און הערנדיק זאָלן זיי הערן און נישט באַנעמען;
טאָמער וועלן זיי תשובה־טון און עס וועט זיי
פאַרגעבן ווערן. (ישעיהו ו, ט־י.)

13 און זאָגט צו זיי: איר פאַרשטייט נישט דאָס
דאָזיקע משל, און וויאַזוי וועט איר פאַרשטיין
14 אַלע משלים? דער זייער פאַרזייט דאָס וואָרט.
15 און דאָס זענען די ביים וועג, וואו דאָס וואָרט איז
געזייעט געוואָרן; און ווען זיי האָבן עס געהערט,
קומט גלייך דער שטן, און נעמט אַוועק דאָס וואָרט,
16 וואָס איז געזייעט געוואָרן אין זיי. און אויך אַזוי
די, וואָס זענען געזייעט אויף דעם שטייניקן באָדן,
וואָס, ווען זיי האָבן געהערט דאָס וואָרט, נעמען
17 עס גלייך אָן מיט שמחה; און האָבן נישט קיין וואָרצל
אין זיך, נאָר זענען בלויז אויף אַ געוויסע צייט;
קומט אָבער אַ צרה אָדער רדיפה צוליב דעם וואָרט,
18 שטרויכלען זיי באַלד. און אַנדערע זענען די, וואָס
זענען געזייעט צווישן דערנער; זיי זענען עס וואָס
19 האָבן געהערט דאָס וואָרט; און די זאָרגן פון דער
וועלט און די פאַרפירערישקייט פון רייכטום, און
די תאוות נאָך אַנדערע זאַכן דרינגען אַריין און
דערשטיקן דאָס וואָרט, און עס בלייבט אָן פירות.
20 און יענע זענען עס וואָס זענען געזייעט געוואָרן
אויף דער גוטער ערד; וואָס הערן דאָס וואָרט, און
נעמען עס אָן, און ברענגען פרוכט, איינער דרייסיק־

פאַכיק, און איינער זעכציקפאַכיק, און איינער
הונדערפאַכיק.
21 און ער האָט צו זיי געזאָגט: צי קומט דען דאָס
ליכט, כדי געשטעלט צו ווערן אונטער אַ מאָסשעפל,
אָדער אונטערן בעט? ניין, נאָר כדי עס זאָל געשטעלט
22 ווערן אויף דעם לייכטער. וואָרום קיין זאַך איז
נישט פאַרבאָרגן, אַ חוץ כדי אַנטפּלעקט צו ווערן;
און קיין זאַך איז נישט פאַרהוילן געוואָרן, וואָס
23 וועט נישט מפורסם ווערן. אויב עמיצער האָט
24 אויערן צום הערן, זאָל ער הערן! און ער האָט
צו זיי געזאָגט: גיט אַכטונג, וואָס איר הערט!
מיט וואָס פאַר אַ מאָס איר מעסט, וועט אייך גע־
מאָסטן ווערן, און עס וועט אייך נאָך צוגעגעבן ווערן
25 אַ צולאָג. וואָרום ווער עס האָט, דעם וועט געגעבן
ווערן; און ווער עס האָט נישט, פון דעם וועט
אַוועקגענומען ווערן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט יאָ.
26 און ער האָט געזאָגט: אַזוי אָ איז דאָס קעניגרייך
פון ג־ט, ווי אַ מענטש וואָלט געוואָרפן דעם
27 זאָמען אויף דער ערד, און לייגט זיך שלאָפן
און שטייט אויף, ביינאַכט און בייטאָג, און דער
זאָמען שפּראָצט אַרויס און וואַקסט אויף, אָן זיין
28 וויסן וויאַזוי. פון זיך אַליין ברענגט די ערד אַרויס
פירות; צום ערשט דאָס גראָז, דערנאָך די זאַנג,
29 נאָך דעם פולן ווייץ אין דער זאַנג. ווען אָבער די
פרוכט דערלאָזט עס, שיקט ער גלייך דעם סערפּ
אַהין, ווייל די שניט־צייט איז שוין אָנגעקומען.
30 און ער האָט געזאָגט: וויאַזוי זאָלן מיר פאַר־
גלייכן דאָס קעניגרייך פון ג־ט, אָדער אין וואָס
31 פאַר אַ משל זאָלן מיר עס לייגן? עס איז ווי אַ
זענעפט־קערנדל, וואָס, ווען עס איז פאַרזייט אין
דער ערד, הגם עס איז דאָס קלענסטע פון אַלע

32 זריעות, דאָך ווען עס איז פאַרזייט, וואַקסט עס
אויף און ווערט גרעסער ווי אַלע גאָרטן־געוויקסן,
און גיט אַרויס גרויסע צווייגן, אַז אונטער זיין
שאָטן קענען די פייגל פון הימל וואוינען.
33 און מיט אַ סך אַזעלכע משלים האָט ער צו זיי
גערעדט דאָס וואָרט, לויט ווי זיי זענען געווען
34 בכח צו הערן; און אָן אַ משל האָט ער צו זיי נישט
גערעדט; און איז ער געווען מיט זיינע תלמידים
אַליין, האָט ער זיי אַלץ אויסגעלייגט.
35 און יענעם טאָג, ווען עס איז געוואָרן אָוונט,
האָט ער צו זיי געזאָגט: לאָמיר אַריבערפאָרן אויף
36 דער אַנדערער זייט ים. און זיי האָבן געלאָזט
דעם המון מענטשן גיין, און האָבן אים מיטגענומען,
אַזוי ווי ער איז געווען, אינם שיפל; און נאָך
37 אַנדערע שיפלעך זענען געווען מיט אים. און עס
הויבט זיך אויף אַ גרויסער שטורמווינט, און די
כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן אויפן שיפל, אַזוי אַז
דאָס שיפל האָט זיך שוין געהאַט כמעט אָנגעפילט.
38 און ער אַליין איז געווען אין דעם הינטערן טייל,
שלאָפנדיק אויף דעם קישן; און זיי וועקן אים אויף
און זאָגן צו אים: רבי, עס אַרט דיך גאָרנישט,
39 אַז מיר קומען אום? און ער איז אויפגעשטאַנען,
האָט אָנגעשריגן דעם ווינט און געזאָגט צום ים:
שוויג, זיי שטיל! און דער ווינט האָט אויפ־
געהערט, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט.
40 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס זענט איר אַזוי
שרעקעוודיק? ווי, איר האָט נאָך אַלץ נישט קיין
41 גלויבן? און זיי האָבן זיך געפאָרכטן מיט אַ גרויסער
פורכט, און האָבן געזאָגט איינס צום אַנדערן:
ווער איז ער דאָך, אַז סאַי דער ווינט סאַי דער ים
געהאָרכן אים?

## קאַפּיטל פינף

1 און זיי זענען געקומען אויף דער אַנדערער זייט
2 ים, אין דעם לאַנד פון די גערַאַסענער. און ווען
ער איז אַרויסגעשטיגן אויס דעם שיפל, איז אים
גלייך אַנטקעגנגעקומען פון די קברים אַרויס אַ
3 מענטש מיט אַן אומריינעם גייסט, וואָס האָט געהאַט
זיין וואוינונג אין די קברים, און קיינער האָט אים
שוין מער נישט געקענט בינדן, אַפילו נישט מיט
4 קיין קייט; ווייל אַ סך מאָל האָט מען אים געבונדן
מיט פּענטעס און מיט קייטן, און ער האָט די קייטן
צעריסן און די פּענטעס צעריבן, און קיינער האָט
5 אים נישט געקענט בייקומען. און תמיד, טאָג און
נאַכט, איז ער געווען צווישן די קברים און אויף
די בערג, שרייענדיק און שלאָגנדיק זיך מיט
6 שטיינער. און ווי ער האָט דערזען ישוען פונדער־
ווייטנס, איז ער געלאָפן און האָט זיך געבוקט פאַר
7 אים; און האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול,
און געזאָגט: וואָס האָב איך מיט דיר, ישוע, דו
זון פון ג־ט, דעם אויבערשטן? איך באַשווער דיך
8 ביי ג־ט, דו זאָלסט מיך נישט פּייניקן! וואָרום
ער האָט צו אים געזאָגט: דו אומריינער גייסט,
9 גיי אַרויס פון דעם מענטשן! און ער האָט אים
געפרעגט: וואָס פאַר אַ נאָמען האָסטו? און ער
האָט צו אים געזאָגט: מיין נאָמען איז לעגיאָן, ווייל
10 מיר זענען אַ סך. און ער האָט אים פיל געבעטן,
אַז ער זאָל זיי נישט אַרויסשיקן פון דעם לאַנד.
11 און דאָרט ביים באַרג האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע
12 סטאַדע חזירים. און זיי האָבן אים געבעטן, אַזוי
צו זאָגן: שיק אונדז צו די חזירים, כדי מיר זאָלן

13 אַריינגיין אין זיי! און ער האָט זיי געגעבן רשות.
און די אומריינע גייסטער זענען אַרויסגעגאַנגען,
און זענען אַריין אין די חזירים; און די סטאַדע האָט
זיך אַ ריס געטון פון דעם אַראָפּהענגענדיקן פעלזן
אין ים אַריין, אַן ערך צוויי טויזנט, און זענען דער־
14 שטיקט געוואָרן אין ים. און די וואָס האָבן זיי געפּאַשעט
זענען אַנטלאָפן, און האָבן עס דערציילט אין דער
שטאָט, און אויפן לאַנד. און מען איז געקומען
15 זען וואָס עס איז פאָרגעקומען. און זיי קומען צו
ישוען, און זען דעם באַזעסענעם, וואָס האָט
געהאַט דעם לעגיאָן, זיצן אָנגעטון און ביים קלאָרן
16 פאַרשטאַנד; און זיי האָבן זיך געפאָרכטן. און די,
וואָס האָבן עס געזען, האָבן זיי דערציילט וויאַזוי
עס איז געשען מיט דעם באַזעסענעם, און וועגן
17 די חזירים. און זיי האָבן אָנגעהויבן אים צו בעטן,
18 אַז ער זאָל אַוועקגיין פון זייערע גרענעצן. און
ווען ער איז איינגעשטיגן אין דעם שיפל, האָט אים
דער, וואָס איז געווען באַזעסן געבעטן, אַז ער זאָל
19 מיט אים בלייבן. און ער האָט אים נישט געלאָזט,
נאָר זאָגט צו אים: גיי אַהיים צו די דייניקע, און
דערצייל זיי וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן דער האַר
האָט דיר געטון, און ווי ער האָט זיך אויף דיר
20 מרחם־געווען! און ער איז אַוועקגעגאַנגען, און
האָט אָנגעהויבן אויסצורופן אין דעקאַפּאָליס אַלץ,
וואָס ישוע האָט פאַר אים געטון; און אַלע האָבן
זיך געוואונדערט.

21 און ווען ישוע האָט זיך ווידער אַריבערגעשיפט
אינעם שיפל אויף יענער זייט, האָט זיך ביי אים
פאַרזאַמלט אַ גרויסער המון מענטשן; און ער איז
22 געווען ביים ים. און עס קומט איינער פון די גבאים
פון דער שול, יאיר האָט ער געהייסן, און זעענדיק

23 אים, פאַלט ער אַנידער פאַר זיינע פיס, און בעט
אים זער פיל, אַזוי צו זאָגן: מיין טעכטערל האַלט
ביי יציאַת נשמה; קום לייג אַרויף דיינע הענט אויף
איר, כדי זי זאָל געראַטעוועט ווערן, און לעבן!
24 און ער איז געגאַנגען מיט אים, און אַ גרויסער
המון מענטשן האָט אים נאָכגעפאָלגט, און אים
געשטופט.
25 און אַ פרוי, וואָס האָט געליטן פון אַ בלוט־פלוס
26 צוועלף יאָר לאַנג, און האָט זער פיל געליטן פון אַ
סך דאָקטוירים, און אויסגעגעבן אַלץ וואָס זי
האָט געהאַט, און עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן,
27 נאָר עס איז איר נאָך ערגער געוואָרן, האָבנדיק
געהערט וועגן ישוען, איז זי געקומען צווישן דעם
המון מענטשן פון הינטן, און האָט אָנגערירט זיין
28 מלבוש. וואָרום זי האָט זיך געטראַכט: אויב איך
וועל אָנרירן בלויז זיינע מלבושים, וועל איך
29 געהאָלפן ווערן! און גלייך האָט זיך פאַרטרוקנט
דער קוואַל פון איר בלוט; און זי האָט געפילט אין
איר קערפער, אַז זי איז געהיילט געוואָרן פון דער
30 פלאָג. און ישוע, גלייך ווי ער האָט דערפילט אין
זיך אַז די קראַפט איז פון אים אַרויסגעגאַנגען, האָט
זיך אויסגעדרייט צווישן דעם המון מענטשן, און
געזאָגט: ווער האָט אָנגערירט מיינע מלבו־
31 שים? און זיינע תלמידים האָבן צו אים געזאָגט:
דו זעסט דער המון שטופט דיך, און זאָגסטו: ווער
32 האָט מיך אָנגערירט? און ער האָט זיך אַרומ־
געקוקט צו זען זי, וואָס האָט דאָס דאָזיקע געטון.
33 די פרוי אָבער, פאָרכטנדיק זיך און ציטערנדיק,
ווייל זי האָט געוואוסט וואָס עס איז מיט איר געשען,
איז געקומען און איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און
34 האָט אים געזאָגט דעם גאַנצן אמת. און ער האָט

צו איר געזאָגט: טאָכטער, דיין גלויבן האָט דיר
געהאָלפן; גיי לשלום, און זיי געזונט פון דיין
פּלאָג!
35 בשעת ער האָט נאָך גערעדט, קומט מען פון דעם
גבאי׳ס הויז, אַזוי צו זאָגן: דיין טאָכטער איז
36 געשטאָרבן; וואָס באַמיסטו נאָך דעם רבין? ישוע
אָבער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם
וואָרט וואָס איז גערעדט געוואָרן, נאָר האָט געזאָגט
37 צום גבאי: פאָרכט דיך נישט, גלויב נאָר! און
האָט קיינעם נישט געלאָזט מיטגיין, אַ חוץ
פּעטרוסן, און יעקבן, און יוחנן יעקבס ברודער.
38 און זיי קומען צו דעם גבאיס הויז; און ער זעט אַ
39 געטומל, און מען וויינט און קלאָגט זער פיל. און
אַריינגייענדיק זאָגט ער צו זיי: וואָס טומלט איר
און וויינט? דאָס קינד איז דאָך נישט געשטאָרבן,
40 עס שלאָפט נאָר. און זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט
פון אים. ער אָבער, נאָך דעם ווי ער האָט אַלע
אַרויסגעטריבן, נעמט ער דעם פאָטער פון דעם
קינד און די מוטער, און די וואָס זענען געווען מיט
אים, און גייט אַריין וואו דאָס קינד איז געווען.
41 און ער האָט אָנגענומען דאָס קינד ביי דער האַנט,
און האָט צו איר געזאָגט: טליתא קומי! וואָס
פאַרטייטשט איז דאָס: מיידעלע (איך זאָג דיר)
42 שטיי אויף! און דאָס מיידעלע איז גלייך אויפ־
געשטאַנען, און איז אַרומגעגאַנגען; וואָרום זי איז
שוין אַלט געווען צוועלף יאָר. און זיי זענען תיכף
דערשטוינט געוואָרן מיט אַ גרויסער דערשטוינונג.
43 און ער האָט זיי זער אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל
זיך דערפון נישט דערוויסן; און האָט געהייסן מען
זאָל איר געבן צו עסן.

## 6 קאַפּיטל זעקס

1 און ער איז פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען, און איז
געקומען אין זיין פאָטערשטאָט אַריין; און
2 זיינע תלמידים האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און ווען
עס איז געקומען שבת, האָט ער אָנגעהויבן צו
לערנען אין דער שול; און אַ סך, ווען זיי האָבן
אים געהערט, האָבן געשטוינט, און געזאָגט: פונוואַ־
נען קומט צו אים אַזעלכעס? און וואָס איז
דאָס פאַר אַ חכמה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן?
און אַזעלכע וואונדער געשעען דורך זיינע הענט!
3 צי איז ער דען נישט דער סטאָליער, מרימס זון,
דער ברודער פון יעקב און יוסי און יהודה און
שמעון? און צי זענען דען נישט זיינע שוועסטער
דאָ ביי אונז? און זיי האָבן געשטרויכלט אין אים.
4 און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: קיין נביא איז נישט
אָן כבוד אַ חוץ אין זיין פאָטערלאַנד און צווישן
5 זיינע קרובים און אין זיין אייגן הויז. און ער
האָט דאָרטן נישט געקענט טון קיין וואונדער,
אויסער וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף
6 אייניקע שלאַפע, און זיי געהיילט. און ער האָט
זיך געוואונדערט איבער זייער אומגלויבן.

און ער איז אַרומגעגאַנגען אין די אַרומיקע
דערפער און האָט געלערנט.

7 און ער האָט גערופן צו זיך די צוועלף, און
האָט אָנגעהויבן זיי אַרויסצושיקן צווייענווייז, און
זיי געגעבן מאַכט איבער די אומריינע גייסטער;
8 און ער האָט זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן נישט מיט־
נעמען קיין זאַך אויפן וועג, נאָר בלויז אַ שטעקן—
נישט קיין ברויט, נישט קיין טייסטער, נישט קיין

געלט אין גאַרטל; נאָר סאַנדאַלן זאָלן זיי זיך 9
אונטערבינדן, און נישט אָנטון קיין צוויי העמדער.
און האָט צו זיי געזאָגט: וואו נאָר איר וועט 10
אַריינגיין אין אַ הויז, זאָלט איר דאָרט בלייבן ביז
איר וועט אַוועקגיין פון יענעם אָרט. און וועלכעס 11
אָרט עס וועט אייך נישט אויפנעמען, און מען וועט
אייך נישט וועלן הערן, זאָלט איר ביים אַוועקגיין פון
דאָרטן אָפּשאָקלען דעם שטויב פון אונטער אייערע
פיס, ווי אַן עדות צו זיי. און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, 12
און האָבן אויסגערופן, אַז מען זאָל תשובה־טון, און 13
האָבן אַרויסגעטריבן אַ סך בייזע גייסטער, און
געזאַלבט אַ סך שלאַפע מיט אייל, און זיי געהיילט.
און דער קעניג הורדוס האָט געהערט וועגן דעם, 14
(וואָרום זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן) און האָט
געזאָגט: יוחנן המטביל איז אויפגעשטאַנען פון
די טויטע, און דערפאַר ווירקן די כוחות אין אים!
אַנדערע אָבער האָבן געזאָגט, אַז ער איז אליהו. 15
און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ נביא ווי
איינער פון די נביאים. און ווען הורדוס האָט דאָס 16
געהערט, האָט ער געזאָגט: יוחנן, וועמען איך
האָב אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, ער איז ווידער אויפ־
געשטאַנען. וואָרום הורדוס אַליין האָט געשיקט 17
און געלאָזט כאַפּן יוחנן, און האָט אים געבונדן
אין תפיסה צוליב הורודיה, דאָס ווייב פון פיליפּוס
זיין ברודער, ווייל ער האָט מיט איר חתונה־געהאַט.
וואָרום יוחנן האָט געזאָגט צו הורדוסן: דו טאָרסט 18
נישט האָבן דיין ברודערס ווייב! און הורודיה 19
האָט אים פיינט געקריגן, און אים געוואָלט
טייטן, און האָט נישט געקענט; ווייל הורדוס האָט 20
זיך געפאָרכטן פאַר יוחנן, ווייסנדיק אַז ער איז אַן
איש צדיק וקדוש; און האָט אים געשיצט. און

וועֶן ער האָט אים געהערט, איז ער געווען אין
גרויס פאַרלעגנהייט, און דאָך האָט ער אים גערן
21 געהערט. און ווען עס איז געקומען אַ געלעגנהייט־
לעכער טאָג, בשעת הורדוס האָט אויף זיין
געבוירנטאָג געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע גרויסע
לייט, און די הויכע אָפיצירן, און די חשובסטע
22 מענטשן פון גליל, איז די טאָכטער פון הורודיה
אַליין אַריינגעקומען און האָט געטאַנצט, און זי
איז וואוילגעפעלן הורדוסן און זיינע געסט. און
דער קעניג האָט געזאָגט צום מיידל: בעט פון
מיר וואָס דו ווילסט נאָר, און איך וועל עס דיר
23 געבן! און ער האָט איר צוגעשוואוירן: וואָס
דו וועסט בעטן, וועל איך דיר געבן, ביז אַ העלפט
24 פון מיין קעניגרייך. און זי איז אַרויסגעגאַנגען,
און האָט געזאָגט צו איר מוטער: וואָס זאָל איך
בעטן? און זי האָט געזאָגט: יוחנן המטבילס
25 קאָפּ! און זי איז תיכף אַריינגעגאַנגען גיך צום
קעניג, און האָט אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: איך
פאַרלאַנג, אַז דו זאָלסט מיר איצט געבן יוחנן
26 המטבילס קאָפּ אויף אַ טעלער! און דער קעניג
איז טרויעריק געוואָרן, נאָר צוליב די שבועות און
27 די געסט האָט ער איר בישט געוואָלט אָפּזאָגן. און
דער קעניג האָט גלייך געשיקט אַ לייבוואַכמאַן,
און האָט אים באַפוילן צו ברענגען זיין קאָפּ; און
ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט אים אָפּגעהאַקט
28 דעם קאָפּ אין תפיסה, און געבראַכט זיין קאָפּ
אויף אַ טעלער, און האָט אים געגעבן דעם מיידל;
און דאָס מיידל האָט אים געגעבן צו איר מוטער.
29 און ווען זיינע תלמידים האָבן עס געהערט, זענען
זיי געקומען און האָבן גענומען זיין קערפּער, און
אים געלייגט אין אַ קבר אַריין.

30 און די שליחים האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי ישוען;
און אים דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון,
31 און וואָס זיי האָבן געלערנט. און ער האָט צו זיי
געזאָגט: קומט איר אַליין אויף אַן איינזאַם אָרט,
און רוט זיך אַביסל אָפּ! וואָרום אַ סך זענען געקומען
און געגאַנגען, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין
32 צייט צו עסן. און זיי זענען אַוועק אינם שיפל צו
33 אַן איינזאַם אָרט אַליין. און מען האָט זיי געזען
אַוועקפאָרן, און אַ סך האָבן זיי דערקענט, און
זענען אַהינגעקומען צולויפן צופוס פון אַלע שטעט
34 פאָרויס פאַר זיי. און ווען ישוע איז אויסגעשטיגן,
האָט ער געזען אַ גרויסן עולם מענטשן, און
האָט געהאַט אויף זיי גרויס רחמנות, ווייל זיי
זענען געווען ווי שאָף, וואָס האָבן נישט קיין פאַסטוך;
35 און ער האָט אָנגעהויבן זיי אַ סך צו לערנען. און
ווען עס איז שוין געוואָרן אַ שפּעטע שעה, זענען
זיינע תלמידים צוגעקומען צו אים, און האָבן געזאָגט:
דאָס איז אַ מדבריותדיק אָרט, און די שעה איז
36 שוין שפּעט; לאָז זיי אָפּ, כדי זיי זאָלן גיין אין
דער אַרומיקער געגנט און דערפער, און זיך קויפן
37 עפּעס צו עסן. ער אָבער האָט ענטפערנדיק צו
זיי געזאָגט: גיט איר זיי צו עסן! און זיי האָבן
צו אים געזאָגט: זאָלן מיר גיין איינקויפן ברויט
פאַר צוויי הונדערט דינרים, און זיי געבן צו עסן?
38 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: וויפל ברויט האָט
איר? גייט און זעט. און דערוויסנדיק זיך, האָבן
39 זיי געזאָגט: פינף, און צוויי פיש. און ער האָט
זיי באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך אַנידערזעצן חברותאַ־
40 ווייז אויפן גרינעם גראָז. און זיי האָבן זיך אַנידער־
געזעצט אין שורות, צו הונדערט, און צו פיפציק.
41 און ער האָט גענומען די פינף ברויט און די צוויי

פיש, האָט אַרויפגעבליקט צום הימל, און געמאַכט
אַ ברכה, און צעבראָכן די ברויטן; און האָט זיי
געגעבן צו די תלמידים, כדי זיי זאָלן עס לייגן פאַר
זיי; אויך די צוויי פיש האָט ער אויסגעטיילט צווישן
42 אַלע. און אַלע האָבן געגעסן און זענען זאַט געוואָרן.
43 און זיי האָבן אויפגעהויבן פון די ברעקלעך צוועלף
44 קערב פול, און פון די פיש. און די, וואָס האָבן געגעסן
די ברויטן, זענען געווען פינף טויזנט מאַן.
45 און גלייך האָט ער געצוואונגען זיינע תלמידים
איינצושטייגן אין דעם שיפל, און אַריבערצופאָרן
פאָרויס אויף דער אַנדערער זייט קיין בית צידה,
46 ביז ער וועט אָפּלאָזן דעם המון מענטשן. און נאָך
דעם ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט זיי, איז ער
47 אַוועקגעגאַנגען צום באַרג תפילה־צו־טון. און ווען
עס איז געוואָרן אָוונט, איז דאָס שיפל געווען אינמיטן
48 ים, און ער אַליין אויף דער יבשה. און זעענדיק
ווי זיי פּייניקן זיך מיטן רודערן, וואָרום דער ווינט
איז געווען אַקעגן זיי, איז ער געקומען צו זיי,
אַרום דעם פערטן משמר פון דער נאַכט, גייענדיק
אויפן ים, און האָט זיי געוואָלט פאַרבייגיין;
49 נאָר ווי זיי האָבן אים געזעען אַרומגיין אויפן ים,
האָבן זיי געמיינט, אַז עס איז אַ געשפּענסט, און
50 האָבן אַ געשריי געטון; וואָרום אַלע האָבן אים
געזעען, און האָבן זיך דערשראָקן. ער אָבער האָט
תיכף גערעדט מיט זיי, און צו זיי געזאָגט:
זייט געטרייסט; איך בין עס; שרעקט זיך נישט!
51 און ער איז איינגעשטיגן צו זיי אינעם שיפל, און
דער ווינט האָט זיך באַרואיקט. און זיי זענען אין
זיך זער דערשטוינט געוואָרן, איבער יעדער מאָס;
52 וואָרום זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען בנוגע די ברויטן,
מחמת זייער האַרץ איז געווען האַרט (ווי שטיין).

53 און אַריבערשיפֿנדיק זיך צום לאַנד, זענען זיי
54 געקומען קיין גניסר, און האָבן פֿאַראַנקערט. און
ווען זיי זענען אויסגעשטיגן פֿון שיפֿל, האָט מען
55 אים גלייך דערקענט, און מען איז אַרומגעלאָפֿן
אין יעדער גאַנצער געגנט, און מען האָט אָנגעהויבן
אַרומצוטראָגן די קראַנקע אויף די בעטן, וואו מען
56 האָט געהערט, אַז ער געפֿינט זיך. און וואו נאָר
ער איז אַריינגעגאַנגען, אין דערפֿער, אָדער אין
שטעט, אָדער אויפֿן לאַנד, האָט מען געלייגט די
קראַנקע אויף די מערק, און מען האָט אים געבעטן,
אַז זיי זאָלן נאָר אָנרירן די זוים פֿון זיין מלבוש;
און אַלע, וואָס האָבן אים אָנגערירט, זענען געהאָלפֿן
געוואָרן.

## 7 קאַפּיטל זיבן

1 און עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט צו אים די פּרושים,
און אייניקע פֿון די סופֿרים, וואָס זענען געקומען
2 פֿון ירושלים; און זיי האָבן געזען, אַז אייניקע פֿון
זיינע תּלמידים עסן ברויט מיט טמא הענט, דאָס
3 הייסט אומגעוואַשן; וואָרום די פּרושים און אַלע
יידן, אויב זיי וואַשן זיך נישט די הענט ביז צום
עלנבויגן, עסן זיי נישט, ווייל זיי האַלטן די מסורה
4 פֿון די זקנים; און ווען זיי קומען פֿון מאַרק, עסן
זיי נישט, אָן זיך צו וואַשן; און אַ סך אַנדערע
זאַכן זענען פֿאַראַן, וואָס זיי האָבן איבערגענומען
צו האַלטן, טבֿילות פֿון טרינק־געפֿעסן, און טעפּ,
5 און קופּערנע כּלים. און די פּרושים און די סופֿרים
האָבן אים געפֿרעגט: פֿאַרוואָס פֿירן זיך דיינע
תּלמידים נישט אויף לויט דער מסורה פֿון די
6 זקנים, נאָר עסן ברויט מיט טמא הענט? ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: וואויל האָט ישעיהו גבֿואות־

געזאָגט וועגן אייך, צבועקעס, ווי עס שטייט
געשריבן:

דאָס דאָזיקע פאָלק גיט מיר אָפּ כבוד מיט די
ליפּן,
אָבער זייער האַרץ איז ווייט פון מיר.
7 און אומזיסט דינען זיי מיך,
ווייל זיי לערנען מצוות, וואָס זענען געבאָטן
פון מענטשן. (ישעיהו כט, יג.)

8 איר פאַרלאָזט ג־טס געבאָט, און האַלט די מסורה
9 פון מענטשן. און האָט צו זיי געזאָגט: פיין
מאַכט איר בטל ג־טס געבאָט, כדי איר זאָלט
10 האַלטן אייער מסורה. וואָרום משה האָט געזאָגט:
דו זאָלסט אָפּגעבן כבוד דיין פאָטער און דיין
מוטער, און דער, וואָס פלוכט פאָטער אָדער מוטער,
זאָל געטייט ווערן. (שמות כ, יב; כא, יז.) איר אָבער
11 זאָגט: אויב אַ מענטש וועט זאָגן צום פאָטער
אָדער צו דער מוטער: קרבן, דאָס הייסט אַ
מתנה צו גאָט, זאָל זיין דאָס וואָס דו דאַרפסט
12 פון מיר נהנה־זיין; לאָזט איר אים שוין גאָרנישט
מער טון פאַר דעם פאָטער אָדער פאַר דער מוטער;
13 איר מאַכט צונישט ג־טס וואָרט דורך אייער
מסורה, וועלכע איר האָט איבערגעגעבן; און אַ
14 סך אַזעלכע זאַכן טוט איר. און האָט ווידער
גערופן דעם עולם מענטשן צו זיך, און צו זיי
געזאָגט: הערט מיך אַלע צו, און פאַרשטייט! עס
15 איז נישטאָ קיין זאַך פון דרויסן פון דעם מענטשן,
וואָס אַריינגייענדיק אין אים קען אים טמא־מאַכן;
נאָר דאָס וואָס קומט אַרויס אויס דעם מענטשן
16 איז עס, וואָס איז מטמא דעם מענטשן. אויב עמיצער
17 האָט אויערן צום הערן, זאָל ער הערן! און ווען
ער איז פונם המון מענטשן אַריינגעקומען אין הויז

אַריין, האָבן זײַנע תּלמידים אים געפֿרעגט װעגן
18 דעם משל. און ער זאָגט צו זײ, אַזױ, אױך זענט
איר אָן פֿאַרשטאַנד? צי פֿאַרשטײט איר דען ניט,
אַז אַלץ, װאָס גײט אַרײַן אין דעם מענטשן פֿונדרױסן,
19 קען אים ניט טמא־מאַכן? װײַל עס גײט ניט אַרײַן
אין האַרצן, נאָר אין בױך, און עס גײט אַרױס
אין בית־הכּסא אַרײַן. אַזױ אַרום האָט ער דער־
20 קלערט אַלע שפּײַזן רײן. און האָט געזאָגט:
װאָס עס קומט אַרױס פֿון דעם מענטשן, דאָס איז
21 דעם מענטשן מטמא. װאָרום פֿון אינעװײניק, אױס
דעם האַרצן פֿון די מענטשן, קומען אַרױס די בײזע
22 מחשבֿות, זנות, גנבֿות, רציחות, ניאופֿים, געלט־
גײציקײט, שלעכטסקײטן, כיטרעקײט, פֿאַרשײטקײט,
אַ שלעכט אױג, חילול־השם, גאװה, אומבאַקימערטע
23 נאַרישקײט; אַלע די דאָזיקע בײזע זאַכן קומען
אַרױס פֿון אינעװײניק, און מאַכן דעם מענטשן
טמא.

24 און ער האָט זיך אױפֿגעהױבן, און איז פֿון דאָרטן
אַװעק צו די גרענעצן פֿון צור און צידון. און װען
ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ הױז, האָט ער געװאָלט,
אַז קײנער זאָל עס ניט װיסן; און האָט ניט
25 געקענט בלײַבן פֿאַרבאָרגן. נאָר תּיכּף האָט אַ פֿרױ
װעגן אים געהערט, װאָס איר טעכטערל האָט געהאַט
אַן אומרײנעם גײסט, און זי איז געקומען און איז
26 אַנידערגעפֿאַלן צו זײַנע פֿיס. די פֿרױ איז אָבער
געװען אַ גריכין, אַ סיראָ־פֿעניצערין לױטן אָפּשטאַם,
און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרױסטרײַבן
27 דעם בײזן גײסט פֿון איר טאָכטער. און ער האָט
צו איר געזאָגט: לאָז צוערשט די קינדער זאַט
װערן; װאָרום עס איז ניט שײן צו נעמען דאָס
ברױט פֿון די קינדער און עס װאַרפֿן פֿאַר די הינט־

28 לעך! זי אָבער האָט געענטפערט און זאָגט צו
אים: יאָ, האַר; אַפילו די הינטלעך אונטערן טיש
29 עסן פון די ברעקלעך פון די קינדער! און ער
האָט געזאָגט צו איר: צוליב דעם דאָזיקן וואָרט
גיי דיר: דער בייזער גייסט איז שוין אַרויס פון
30 דיין טאָכטער. און זי איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך
אַהיים, און האָט געפונען דאָס קינד ליגן אויפן
בעט, און דער בייזער גייסט איז שוין געווען
אַרויסגעגאַנגען.
31 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן
פון צור, און איז געגאַנגען דורך צידון צום ים פון
גליל, אינמיטן פון די גרענעצן פון די צען שטעט.
32 און מען האָט געברענגט צו טראָגן צו אים איינעם,
וואָס איז געווען טויב און האָט געשטאַמלט; און
מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אויף
33 אים די האַנט. און ער האָט אים אַוועקגענומען פון
דעם המון מענטשן אויף אַ זייט, האָט אַריינגעלייגט
זיינע פינגער אין זיינע אויערן אַריין, און האָט
34 אויסגעשפיגן און אָנגערירט זיין צונג; און אַרויפ־
בליקנדיק צום הימל, האָט ער געגעבן אַ זיפץ, און
זאָגט צו אים: אפתח! דאָס הייסט מאַך דיך אויף!
35 און זיינע אויערן האָבן זיך אויפגעעפנט, און גלייך
האָט זיך דאָס באַנד פון זיין צונג לויז געמאַכט, און
36 ער האָט ריכטיג גערעדט. און ער האָט זיי באַפוילן
אַז זיי זאָלן עס קיינעם נישט זאָגן; אָבער וואָס מער
ער האָט זיי באַפוילן, אַלץ מער האָבן זיי עס פאַר־
37 שפרייט. און זיי זענען געווען אויסער זיך פון
שטוינען, און האָבן געזאָגט: ער האָט אַלץ וואויל
געטון; אַפילו די טויבע מאַכט ער הערן, און די
שטומע רעדן!

## קאַפּיטל אַכט

1 אין יענע טעג, ווען עס איז ווידער געווען אַ
גרויסע מאַסע מענטשן, און זיי האָבן נישט
געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער גערופן צו זיך די
2 תלמידים, און זאָגט צו זיי: עס טוט מיר לייד אויף
דער מאַסע מענטשן, ווייל שוין דריי טעג זענען זיי
ביי מיר געבליבן, און האָבן נישט וואָס צו עסן;
3 און אויב איך זאָל זיי לאָזן גיין אַהיים פאַסטנדיק,
וועלן זיי פאַרשמאַכטן אונטערוועגנס; ווייל אַ טייל
4 זענען געקומען פון ווייט. און זיינע תלמידים
האָבן אים געענטפערט: פונוואַנען וועט מען דאָ
אין דער מדבר קענען זעטיקן די דאָזיקע מיט
5 ברויט? און ער האָט זיי געפרעגט: וויפל ברויטן
6 האָט איר? האָבן זיי געזאָגט: זיבן. און ער האָט
באַפוילן דעם המון מענטשן זיך אַנידערצוזעצן
אויף דער ערד; און האָט גענומען די זיבן ברויטן,
געמאַכט אַ ברכה, האָט זיי צעבראָכן, און געגעבן
צו זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן זיי אויסטיילן; און
זיי האָבן זיי צעטיילט (צווישן) דער מאַסע מענטשן.
7 און זיי האָבן געהאַט אייניקע קליינע פישלעך; און
ווען ער האָט געמאַכט אַ ברכה, האָט ער געהייסן
8 מען זאָל אויך די דאָזיקע צעטיילן. און זיי האָבן
געגעסן, און זענען זאַט געוואָרן; און האָבן אויפ־
געהויבן, פון די איבערגעבליבענע ברעקלעך,
9 זיבן קערב. און עס זענען געווען אַן ערך פיר
10 טויזנט; און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט. און גלייך
איז ער איינגעשטיגן אין דעם שיפל צוזאַמען מיט
זיינע תלמידים, און איז געקומען אין די געגנטן פון
דלמנותא.

11 און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן
אָנגעהויבן האַלטן וויכּוחים מיט אים, זוכנדיק פון
אים אַ צייכן פון הימל, כדי אים אויסצופּרואוון.
12 און ער האָט טיף געזיפצט אין זיין גייסט, און
געזאָגט: וואָס זוכט דאָס דאָזיקע דור אַ צייכן?
באמת זאָג איך אייך: קיין צייכן וועט נישט געגעבן
13 ווערן דעם דאָזיקן דור. און האָט זיי פאַרלאָזט,
און איז ווידער איינגעשטיגן אין דעם שיפל, און
איז אַריבערגעפאָרן אויף דער אַנדערער זייט.
14 און זיי האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען ברויט; און אַ
חוץ איין לעבל האָבן זיי נישט געהאַט מער מיט
15 זיך אינעם שיפל. און ער האָט זיי געוואָרנט, אַזוי
צו זאָגן: גיט אַכטונג, היט זיך פאַרן זויערטייג
פון די פּרושים און פאַרן זויערטייג פון הורדוסן!
16 און זיי האָבן עס איבערגערעדט איינער מיט דעם
אַנדערן: דאָס איז ווייל מיר האָבן נישט קיין ברויט.
17 און ישוע האָט עס באַמערקט, און צו זיי געזאָגט:
פאַרוואָס האָט איר (אַזעלכע) מחשבות, ווייל איר
האָט נישט קיין ברויט? צי פאַרשטייט איר נאָך
אַלץ נישט און זענט נישט משיג? איז אייער האַרץ
18 נאָך אַלץ פאַרהאַרטעוועט? איר האָט אויגן און
זעט נישט, און אויערן און הערט נישט? און צי
19 געדענקט איר נישט, ווען איך האָב צעבראָכן די
פינף ברויטן פאַר די פינף טויזנט, וויפל קערב
פול מיט ברעקלעך איר האָט אויפגעקליבן? זאָגן
20 זיי צו אים: צוועלף! און ווען די זיבן (ברויטן)
פאַר די פיר טויזנט, וויפל גרויסע קערב פול מיט
ברעקלעך איר האָט אויפגעקליבן? און זיי זאָגן:
21 זיבן! און ער האָט צו זיי געזאָגט: צי זענט איר נאָך
אַלץ נישט משיג?
22 און זיי זענען געקומען קיין בית צידה. און מען

האָט געבראַכט צו אים אַ בלינדן, און אים
23 געבעטן, אַז ער זאָל אים אָנרירן. און ער האָט
אָנגענומען דעם בלינדן ביי דער האַנט, און אים
אַרויסגעפירט אויסער דעם דאָרף; האָט אים אַרויפ־
געשפיגן אויף די אויגן, און אַרויפגעלייגט די
הענט אויף אים, און אים געפרעגט, צי ער זעט
24 עפּעס. און ער האָט אַ בליק געטון און געזאָגט: איך
זע די מענטשן; אַז ווי בוימער זע איך זיי אַרומגיין!
25 נאָך דעם האָט ער ווידער אַרויפגעלייגט די הענט
אויף זיינע אויגן; און ער האָט שאַרף געקוקט, און
איז געהיילט געוואָרן, און האָט אַלץ געזען קלאָר
26 אַפילו פונדערווייטנס. און ער האָט אים אַוועק־
געשיקט אַהיים, און געזאָגט: אין דעם דאָרף
זאָלסטו אַפילו נישט אַריינגיין!
27 און ישוע איז אַרויסגעגאַנגען, און זיינע תלמידים,
אין די דערפער אַריין פון קסריה פון פיליפּוס;
און אונטערוועגנס האָט ער געפרעגט זיינע תלמידים,
זאָגנדיק צו זיי: ווער זאָגן די מענטשן, אַז איך
28 בין? און זיי האָבן אים געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:
יוחנן המטביל; און אַנדערע, אליהו; אַנדערע אָבער,
29 אַז איינער פון די נביאים. און ער האָט זיי
געפרעגט: איר אָבער, ווער זאָגט איר, אַז איך
בין? ענטפערנדיק זאָגט פּעטרוס צו אים: דו
30 ביסט דער משיח! און ער האָט זיי שטרענג
אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן קיינעם נישט אויסזאָגן וועגן
31 אים. און האָט זיי אָנגעהויבן צו לערנען, אַז
דער בן־אדם מוז ליידן אַ סך, און פאַרוואָרפן
ווערן פון די זקנים, און פון די הויפּטכהנים, און
פון די סופרים, און געטייט ווערן, און אין דריי טעג
32 אַרום ווידער אויפשטיין. און ער האָט דאָס וואָרט
גערעדט אָפן, נישט פאַרהוילן. און פּעטרוס האָט

אים גענומען אויף אַ זייט, און אָנגעהויבּ
33 אָנצושרייען אויף אים. ער אָבער האָט זיך אויס־
געדרייט, און געקוקט אויף זיינע תלמידים, און
האָט אָנגעשריגן אויף פּעטרוסן, און זאָגט: אַוועק,
הינטער מיר, שטן! ווייל דו האָסט נישט אין
זינען דאָס, וואָס איז שייך ג־ט, נאָר דאָס, וואָס
34 איז שייך מענטשן! און האָט צוגערופן צו זיך
דעם המון מענטשן צוזאַמען מיט זיינע תלמידים,
און צו זיי געזאָגט: אויבּ עמיצער וויל מיר
נאָכגיין, זאָל ער זיך אַליין פאַרלייקענען, און זאָל
35 ער נעמען זיין בוים און מיר נאָכפאָלגן. וואָרום
ווער עס וויל ראַטעווען זיין נפש, וועט עס פאַרלירן;
ווער אָבער עס וועט פאַרלירן זיין לעבן צוליבּ מיר
און דער גוטער בשורה, דער וועט עס אָפּראַטעווען.
36 וואָרום וואָס לוינט זיך אַ מענטשן צו געווינען די
37 גאַנצע וועלט, און צו פאַרלירן זיין נפש? וואָרום
וואָס פאַר אַן אויסלייז־געלט זאָל אַ מענטש געבן
38 פאַר זיין נפש? וואָרום ווער עס וועט זיך שעמען
מיט מיר און מיט מיינע ווערטער אין דעם דאָזיקן
בּואפדיקן און זינדיקן דור, וועט דער בן־אדם
זיך אויך שעמען מיט אים, ווען ער וועט קומען אין
דער הערלעכקייט פון זיין פאָטער מיט די הייליקע
מלאכים.

## קאַפּיטל ניין

1 און ער האָט צו זיי געזאָגט: באמת זאָג איך אייך,
עס זענען פאַראַן אייניקע, וואָס שטייען דאָ,
וועלכע וועלן נישט פאַרזוכן דעם טעם פון טויט,
ביז זיי וועלן זען דאָס קעניגרייך פון ג־ט געקומען
מיט מאַכט.
2 און אין זעקס טעג אַרום נעמט ישוע מיט זיך

פעטרוסן, און יעקבן, און יוחנן, און פירט זיי אַרויף
אויף אַ הויכן באַרג איינע אַליין; און ער האָט זיך
3 פאַרענדערט פאַר זיי; און זיינע קליידער זענען
געוואָרן גלאַנצנדיק, זער ווייס, ווי קיין וואַלקער
4 אויף דער ערד קען נישט אַזוי ווייס מאַכן. און
אליהו (הנביא) האָט זיך צו זיי באַוויזן צוזאַמען
מיט משה (רבנו), און זיי האָבן גערעדט מיט ישוען.
5 און ענטפערנדיק זאָגט פעטרוס צו ישוען: רבי,
עס איז גוט פאַר אונז דאָ צו זיין; און לאָמיר מאַכן
דריי געצעלטן: פאַר דיר איינס, און פאַר משהן
6 איינס, און פאַר אליהו איינס; וואָרום ער האָט
נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל ענטפערן; וואָרום
7 זיי האָבן זיך זער געפאָרכטן. און אַ וואָלקן איז
געקומען און האָט זיי באַשאָטנט; און אויס דעם
וואָלקן איז געקומען אַ קול: דער דאָזיקער איז
8 מיין געליבטער זון, אים זאָלט איר הערן! און
פלוצלונג, אַרומקוקנדיק זיך, האָבן זיי מער קיינעם
נישט געזען, אַ חוץ ישוען אַליין מיט זיי.
9 און ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פונם באַרג,
האָט ער זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן קיינעם נישט
דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען, אַ חוץ ווען דער
בן־אדם וועט זיין אויפגעשטאַנען פון די טויטע.
10 און זיי האָבן באַהאַלטן דאָס וואָרט, און האָבן זיך
געפרעגט איינס דאָס אַנדערע, וואָס עס באַטייט
11 דאָס אויפשטיין פון די טויטע. און האָבן אים
געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: די סופרים זאָגן, אַז
12 אליהו מוז קומען צום ערשט. (מלאכי ד׳, ה׳־ו׳.) און
ער האָט צו זיי געזאָגט: אליהו קומט טאַקע צום
ערשט, און שטעלט אַלץ צוריק; און וויאַזוי שטייט
געשריבן וועגן דעם בן־אדם אַז ער וועט אַ סך
ליידן און צונישט געמאַכט ווערן? (ישעיהו נג׳, ג׳.)

13 איך זאָג אייך אָבער, אַז אליהו איז אויך שוין
געקומען, און זיי האָבן מיט אים געטון, וואָס זיי
האָבן געוואָלט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן וועגן
אים.
14 און קומענדיק צו די תּלמידים, האָבן זיי געזעען
אַ גרויסן המון מענטשן אַרום זיי, און סופרים
15 האַלטן מיט זיי אַ וויכוח. און גלייך ווי דער המון
מענטשן האָבן אים דערזעען, זענען זיי דערשטוינט
געוואָרן, און זענען אים אַקעגנגעלאָפן און
16 אים אָפּגעגעבן שלום. און ער האָט זיי געפרעגט:
17 איבער וואָס האַלט איר מיט זיי אַ וויכוח? און
איינער אויס דעם המון האָט אים געענטפערט:
רבי, איך האָב געבּרענגט צו דיר מיין זון, וועלכער
18 האָט אַ שטומען גייסט; און וואו נאָר ער כאַפּט אים
אָן, רייסט ער אים, און ער שוימט פאַרן מויל, און
קריצט מיט די ציין, און ווערט פאַרדאַרט; און איך
האָב שוין געזאָגט דיינע תּלמידים, אַז זיי זאָלן אים
19 אַרויסטרייבן; און זיי האָבן נישט געקאָנט. ער
אָבער ענטפערנדיק זאָגט צו זיי: אָ, אומגלויביק
דור! ווילאַנג זאָל איך נאָך זיין מיט אייך? ביז ווען
זאָל איך אייך דערטראָגן? ברענגט אים אַהער צו
20 מיר! און זיי האָבן אים געבּרענגט צו אים; און ווי
ער האָט אים דערזעען, האָט דער גייסט אים גלייך
אַ ריס געטון; און ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער
ערד, האָט זיך געוואַלגערט, שוימענדיק פאַרן מויל.
21 און ער האָט געפרעגט זיין פאָטער: ווילאַנג איז
שוין זינט דאָס דאָזיקע איז געשעען צו אים? און
22 ער האָט געזאָגט: פון קינדווייז אָן; און אָפטמאָל
האָט ער אים געוואָרפן אין פייער אַריין און אין
וואַסער אַריין, כדי ער זאָל אים אומברענגען; נאָר
אויב דו ביסט עפּעס בכח, העלף אונז, און דערבאַרם

23 דיך אויף אונז! ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט:
אויב דו ביסט בכח! אַלץ איז מעגלעך פאַר דעם,
24 וואָס גלויבט. גלייך האָט דער פאָטער פון דעם
יינגל אַ געשריי געטון, און געזאָגט: איך גלויב;
25 העלף מיין אומגלויבן! און ווי ישוע האָט געזעען,
אַז אַ המון מענטשן לויפט זיך צונויף, האָט
ער אָנגעשריגן דעם אומריינעם גייסט, זאָגנדיק
צו אים: דו שטומער און טויבער גייסט, איך
באַפעל דיר: גיי פון אים אַרויס, און זאָלסט מער
26 נישט אַריינגיין אין אים! און ער האָט אַ געשריי
געטון, און האָט אים זער פיל געריסן, און איז
אַרויסגעגאַנגען; און ער איז געוואָרן ווי טויט, אַז
27 אַ רבים האָבן געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן! ישוע
אָבער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און
אים אויפגעהויבן; און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.
28 און ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אינם הויז,
האָבן זיינע תלמידים, גאַנץ אַליין, אים געפרעגט:
פאַרוואָס זענען מיר נישט געווען בכח אים
29 אַרויסצוטרייבן? און ער האָט צו זיי געזאָגט:
דער דאָזיקער מין (בייזע גייסטער) קען בשום
אופן נישט אַרויסגיין, אַ חוץ דורך תפילה און
תעניתים.
30 און זיי זענען פון דאָרטן אַוועק, און זענען
געגאַנגען דורך גליל; און ער האָט נישט געוואָלט,
31 אַז עמיצער זאָל עס וויסן. וואָרום ער האָט געלערנט
זיינע תלמידים, און צו זיי געזאָגט: דער בן־אדם
וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון
מענטשן, און זיי וועלן אים טייטן; און זייענדיק
געטייט, וועט ער אין דריי טעג אַרום ווידער
32 אויפשטיין. זיי אָבער האָבן נישט פאַרשטאַנען
דאָס וואָרט, און האָבן זיך געפאָרכטן אים צו פרעגן.

33 און זיי זענען געקומען קיין כפר נחום; און
זייענדיק אינם הויז, האָט ער זיי געפרעגט: וועגן
וואָס האָט איר זיך מתווכח געווען אויפן וועג?
34 זיי אָבער האָבן געשוויגן; ווייל אונטערוועגנס האָבן
זיי געהאַלטן אַ וויכוח איינער מיטן אַנדערן, ווער עס
35 איז דער גרעסטער. און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט,
און האָט גערופן די צוועלף; און זאָגט צו זיי: אויב
איינער וויל זיין דער ערשטער, זאָל ער זיין דער
36 לעצטער פון אַלע, און אַלעמענס משרת. און
האָט גענומען אַ קינד, און עס אַנידערגעשטעלט
אין זייער מיט; און ער האָט עס גענומען אויף
37 זיינע אָרעמס, און צו זיי געזאָגט: ווער עס וועט
אויפנעמען איינס פון אַזעלכע קינדער אין מיין
נאָמען, דער נעמט מיך אויף; און ווער עס נעמט
מיך אויף, דער נעמט נישט אויף מיך, נאָר דעם,
וואָס האָט מיך געשיקט.
38 יוחנן האָט צו אים געזאָגט: רבי, מיר האָבן
געזעען איינעם אַרויסטרייבן בייזע גייסטער אין
דיין נאָמען; און מיר האָבן עס אים פאַרווערט,
39 ווייל ער פאָלגט אונז נישט נאָך. ישוע אָבער האָט
געזאָגט: איר זאָלט אים נישט פאַרווערן! ווייל עס
איז נישט פאַראַן קיין מענטש, וועלכער וועט טון אַ
וואונדער אין מיין נאָמען, און וואָס וועט גיך קענען
40 רעדן שלעכטס אויף מיר. וואָרום ווער עס איז
41 נישט קעגן אונז, דער איז פאַר אונז. וואָרום ווער
עס וועט אייך געבן צו טרינקען אַ טעפּעלע וואַסער,
פון מיינעטוועגן, ווייל איר געהערט צום משיח, באמת
זאָג איך אייך, דער וועט בשום אופן נישט פאַרלירן
42 זיין שכר. און ווער עס וועט פאַרפירן צום שטרויכ־
לען איינעם פון די דאָזיקע קליינע, וואָס גלויבן,
וואָלט עס געווען פיל בעסער פאַר אים אויב אַ

גרויסער מילשטיין וואָלט געלייגט געוואָרן אויף
זיין האַלז, און ער וואָלט געוואָרפן געוואָרן אין
43 ים אַריין. און אויב דיין האַנט פאַרפירט דיך צום
שטרויכלען, האַק זי אָפּ! עס איז בעסער פאַר דיר
אַריינצוגיין אין לעבן אַריין אַ קאַליקע, ווי צו
האָבן דיינע ביידע הענט און צו גיין אין גיהנום
אַריין—אין דעם פייער, וואָס לעשט זיך נישט אויס,
44 וואו זייער וואָרם שטאַרבט נישט, און דאָס פייער
45 ווערט נישט פאַרלאָשן. (ישעיהו סו, כד.) און אויב
דיין פוס פאַרפירט דיך צום שטרויכלען, האַק
אים אָפּ! עס איז בעסער פאַר דיר אַריינצוגיין אין
לעבן לאָם, ווי צו האָבן דיינע ביידע פיס און
46 אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין גיהנום, וואו זייער
וואָרעם שטאַרבט נישט, און דאָס פייער ווערט נישט
47 פאַרלאָשן. און אויב דיין אויג פאַרפירט דיך צום
שטרויכלען, נעם עס אַרויס! עס איז בעסער פאַר
דיר אַריינצוגיין אין ג-טס קעניגרייך מיט איין
אויג, ווי צו האָבן צוויי אויגן און געוואָרפן צו
48 ווערן אין גיהנום אַריין, וואו זייער וואָרעם שטאַרבט
נישט, און דאָס פייער ווערט נישט פאַרלאָשן.
49 וואָרום יעדער איינער מוז געזאַלצן ווערן מיט
50 פייער. דאָס זאַלץ איז גוט; אויב אָבער דאָס זאַלץ
ווערט אומגעזאַלצן, מיט וואָס וועט איר עס ווירצן?
האָט זאַלץ אין זיך, און לעבט בשלום איינער מיט
דעם אַנדערן.

## קאַפּיטל צען

1 און ער איז אויפגעשטאַנען פון דאָרטן, און איז
געקומען צו די גרענעצן פון יהודה און פון עבר
הירדן; און ווידער האָבן המונים מענטשן זיך
פאַרזאַמלט בײַ אים; און ווי געוויינטלעך, האָט ער

2 זיי ווידער געלערנט· און פּרושים זענען צוגעקומען
צו אים, און האָבן אים געפרעגט, אויב אַ מאַן מעג
3 זיך גטן מיטן ווייב; אויספּרואווונדיק אים· ער
אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו זיי: וואָס האָט
4 אייך משה געבאָטן? און זיי האָבן געזאָגט: משה
האָט דערלויבט (איר) צו שרייבן אַ ספר כריתות
5 (גט) און זי אַוועקצושיקן· (דברים כד, א·) ישוע
אָבער האָט צו זיי געזאָגט: צוליב דער פאַר־
האַרטעוועטקייט פון אייער האַרץ האָט ער אייך
6 אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע געבאָט; פון אָנהויב פון
דער באַשאַפונג אָבער האָט ג־ט זיי באַשאַפן
7 זכר און נקבה· (בראשית א, כז·) דערפאַר וועט אַ
מענטש פאַרלאָזן זיין פאָטער און די מוטער, און
זיך באַהעפטן מיט זיין ווייב, און די צוויי וועלן
8 זיין איין פליש; (בראשית ב, כד·) אַזוי זענען זיי
9 מער נישט צוויי, נאָר איין פליש· דעריבער וואָס
ג־ט האָט מזווג־געווען, דאָס זאָל קיין מענטש נישט
10 צעשיידן! און אינם הויז האָבן די תלמידים אים
11 ווידער געפרעגט וועגן דער דאָזיקער זאַך· און
ער האָט צו זיי געזאָגט: ווער עס גט זיך מיט זיין
ווייב, און האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, איז ער
12 מזנה קעגן איר; און אויב זי גט זיך מיט איר מאַן,
און האָט חתונה מיט אַן אַנדערן, טוט זי זנות·
13 און מען האָט צו אים געברענגט קליינע קינדער,
כדי ער זאָל זיי אָנרירן; די תלמידים אָבער האָבן
14 אָנגעשריגן אויף זיי· און ווי ישוע האָט דאָס געזען,
האָט עס אים פאַרדראָסן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
לאָזט די קליינע קינדער קומען צו מיר; פאַרווערט
עס זיי נישט; וואָרום פאַר זייערסגלייכן איז דאָס
15 קעניגרייך פון ג־ט! באמת זאָג איך אייך: ווער
עס וועט נישט אויפנעמען דאָס קעניגרייך פון ג־ט

ווי אַ קליין קינד, דער וועט בשום אופן נישט
אַרייַנגיין דערין! און האָט זיי גענומען אויף זייַנע 16
אָרעמס, און געבענטשט, אַרויפלייגנדיק די הענט
אויף זיי.

און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג, איז 17
אים איינער אַקעגנגעלאָפן, און איז אַנידערגעפאַלן
פאַר אים אויף די קני, און האָט אים געפרעגט:
רבי גוטער, וואָס זאָל איך טון, כדי איך זאָל
ירשענען אייביק לעבן? און ישוע האָט צו אים 18
געזאָגט: וואָס רופסטו מיך גוטער? קיינער איז
נישט גוט, אַ חוץ ג-ט אַליין! די געבאָטן קענסטו: 19
דו זאָלסט נישט מאָרדן! דו זאָלסט נישט נואפן!
דו זאָלסט נישט גנבענען! דו זאָלסט נישט פאַלש־
עדות זאָגן! דו זאָלסט נישט באַטריגן! דו זאָלסט
אָפּגעבן כבוד דייַן פאָטער און דייַן מוטער!
(שמות כ, יב־טז.) און ער האָט צו אים געזאָגט: 20
רבי, אַלע די דאָזיקע האָב איך אָפּגעהיטן פון
מייַן יוגנט אָן. און ישוע האָט אויף אים אַ בליק 21
געטון און אים ליב געקריגן, און געזאָגט צו
אים: איין זאַך פעלט דיר; גיי, פאַרקויף אַלץ,
וואָס דו האָסט, און גיב עס צו די אָרומעלייט, און
דו וועסט האָבן אַן אוצר אין הימל; און קום, און
פאָלג מיר נאָך! ער אָבער איז אומעטיק געוואָרן 22
איבער דעם וואָרט, און איז אַוועקגעגאַנגען
אַ טרויעריקער, וואָרום ער האָט געהאַט אַ גרויס
פאַרמעגן.

און ישוע האָט זיך אַרומגעקוקט, און זאָגט צו 23
זייַנע תלמידים: אָ, ווי שווער עס איז פאַר די,
וואָס האָבן עשירות אַרייַנצוקומען אין דעם
קעניגרייך פון ג-ט! און די תלמידים זענען 24
דערשטוינט געוואָרן איבער זייַנע ווערטער. ישוע

אָבער ווידער ענטפערנדיק האָט צו זיי געזאָגט:
קינדער, אָ, ווי שווער עס איז פאַר די, וואָס האָבן
בטחון אויף געלט, אַריינצוגיין אין דעם קעניגרייך
25 פון ג־ט! עס איז לייכטער פאַר אַ קעמל אַדורכ־
צוגיין דורך דעם לאָך פון אַ נאָדל, ווי פאַר אַ
רייכן מאַן אַריינצוקומען אין דעם קעניגרייך פון ג־ט.
26 און זיי זענען נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, און
האָבן צו זיך גערעדט: און ווער זשע קען דערלייזט
27 ווערן? ישוע האָט אַ קוק געטון אויף זיי און זאָגט:
ביי מענטשן איז עס אוממעגלעך, נאָר נישט ביי
28 ג־ט; וואָרום אַלץ איז מעגלעך ביי ג־ט. פּעטרוס
האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו אים: זע, מיר האָבן
29 אַלץ פאַרלאָזן, און האָבן דיר נאָכגעפאָלגט! האָט
ישוע געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: עס איז נישט
פאַראַן קיינער, וועלכער האָט פאַרלאָזט הויז, אָדער
ברידער, אָדער שוועסטער, אָדער מוטער, אָדער
פאָטער, אָדער קינדער, אָדער פעלדער, צוליב
30 מיר, און צוליב דער בשורה טובה, וועלכער וועט
נישט באַקומען הונדערט מאָל אַזויפיל איצט אין
דער דאָזיקער צייט, הייזער, און ברידער, און
שוועסטער, און מוטערס, און קינדער, און פעלדער,
מיט פאַרפאָלגונגען; און אין דער קומענדיקער
31 וועלט אייביק לעבן. אָבער אַ סך ערשטע וועלן
זיין לעצטע; און די לעצטע ערשטע.

32 און זיי זענען געווען אויפן וועג, אַרויפגייענדיק
קיין ירושלים; און ישוע איז געגאַנגען פאָרויס פאַר
זיי; און זיי האָבן געשטוינט; און די, וואָס האָבן
נאָכגעפאָלגט, האָבן זיך געפאָרכטן. און ער האָט
ווידער גענומען די צוועלף צו זיך, און האָט אָנגע־
הויבן צו רעדן צו זיי וועגן די זאַכן, וואָס וועלן קומען
33 אויף אים: זע, גייען מיר אַרויף קיין ירושלים,

און דער בן־אדם וועט איבערגעגעבן ווערן צו די
הויפּט־כהנים און די סופרים; און זיי וועלן אים
פאַרמשפּטן צום טויט, און אים איבערגעבן צו
34 די גוים; און זיי וועלן אָפּשפּאָטן פון אים, און
שפּייען אויף אים, און וועלן אים שמייסן, און טייטן;
און אין דריי טעג אַרום וועט ער ווידער אויפשטיין.
35 און יעקב און יוחנן, זבדיס זין, זענען צוגעגאַנגען
צו אים, און האָבן צו אים געזאָגט: רבי, מיר
פאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט פאַר אונז טון, וואָס מיר
36 וועלן דיך בעטן! און ער האָט צו זיי געזאָגט:
וואָס פאַרלאַנגט איר, אַז איך זאָל טון פאַר
37 אייערטוועגן? און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
גיב אונז, אַז מיר זאָלן זיצן, איינער אויף דיין
רעכטער זייט, און איינער אויף דיין לינקער זייט,
38 אין דיין הערלעכקייט! ישוע אָבער האָט צו זיי גע־
זאָגט: איר ווייסט נישט וואָס איר בעט! צי קענט איר
דען טרינקען דעם בעכער, וואָס איך טרינק? אָדער
געטובלט ווערן מיט דער טבילה, מיט וועלכער
39 איך ווער געטובלט? און זיי האָבן געזאָגט צו אים:
מיר קענען! ישוע אָבער האָט צו זיי געזאָגט: דעם
בעכער, וואָס איך טרינק, וועט איר טרינקען; און מיט
דער טבילה, מיט וועלכער איך ווער געטובלט, וועט
40 איר געטובלט ווערן; נאָר צו זיצן אויף מיין רעכטער
זייט אָדער לינקער זייט איז נישט מיינס צו געבן,
נאָר (עס איז פאַר די) פאַר וועמען עס איז צוגעגרייט
41 געוואָרן. און ווען די צען האָבן עס געהערט, האָבן
זיי אָנגעהויבן צו ווערן אין כעס אויף יעקבן און
42 יוחנן. און ישוע האָט זיי גערופן צו זיך, און זאָגט
צו זיי: איר ווייסט, אַז די, וואָס געלטן צו הערשן
איבער די פעלקער, אונטערדריקן זיי; און זייערע
43 גדולים געוועלטיקן איבער זיי. ביי אייך אָבער איז

עס נישט אַזוי; נאָר ווער עס וועט וועלן ווערן אַ גדול
44 צווישן אייך, וועט ער זיין אייער משרת; און ווער
עס וועט וועלן זיין צווישן אייך דער ערשטער,
45 וועט ער זיין אַלעמענס קנעכט· וואָרום אַפילו
דער בן־אדם איז נישט געקומען באַדינט צו
ווערן, נאָר צו דינען, און צו געבן זיין לעבן ווי אַן
אויסלייז פאַר פילע·

46 און זיי קומען קיין יריחו· און ווען ער איז
אַרויסגעגאַנגען פון יריחו, מיט זיינע תלמידים און
אַן אָנגעזעענעם המון מענטשן, איז טימיס זון,
ברטימי, אַ בלינדער בעטלער, געזעסן ביים וועג·
47 און הערנדיק, אַז עס איז ישוע הנוצרי, האָט ער
אָנגעהויבן צו שרייען, און זאָגן: בן דוד, ישוע,
48 האָב רחמנות אויף מיר! און אַ סך האָבן אָנגעשריגן
אויף אים, כדי ער זאָל שווייגן; ער אָבער האָט נאָך
פיל מער געשריגן: בן דוד, האָב רחמנות אויף
49 מיר! און ישוע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און געזאָגט:
רופט אים· און זיי רופן דעם בלינדן, און זאָגן
צו אים: זיי געטרייסט; שטיי אויף, ער רופט דיך!
50 און ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין מלבוש, און זיך
אויפגעשטעלט אויף די פיס, און איז געקומען
51 צו ישוען· און ישוע האָט ענטפערנדיק צו אים
געזאָגט: וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל דיר טון?
און דער בלינדער האָט צו אים געזאָגט: רבוני,
52 אַז איך זאָל זעעוודיק ווערן! און ישוע האָט צו
אים געזאָגט: גיי; דיין גלויבן האָט דיר געהאָלפן!
און תיכף איז ער זעעוודיק געוואָרן, און האָט אים
נאָכגעפאָלגט אויפן וועג· (ישעיהו מב׳ ו׳ז׳)

## קאַפּיטל עלף

1 און ווען זיי דערנענטערן זיך צו ירושלים, צו
בית־פּגי און בית־היני, ביים הר הזיתים, שיקט
2 ער צוויי פון זיינע תלמידים, און זאָגט צו זיי:
גייט אין דעם דאָרף אַריין, וואָס איז אַנטקעגנ־
איבער אייך; און גלייך ווי איר וועט אַריינקומען
אַהין, וועט איר געפינען אַ יונג אייזעלע אָנגעבונדן,
אויף וועלכן קיין מענטש איז נאָך קיינמאָל נישט
3 געזעסן; בינדט עס אָפּ, און ברענגט עס. און אויב
עמיצער וועט צו אייך זאָגן: פאַרוואָס טוט איר
דאָס? זאָלט איר זאָגן: דער האַר האָט עס נייטיק,
4 און שיקט עס באַלד צוריק אַהער. און זיי זענען
אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געפונען אַ יונג אייזעלע
אָנגעבונדן ביי אַ טיר אינדרויסן ביים שייד־וועג;
5 און זיי בינדן עס אָפּ. און אייניקע, וואָס זענען
דאָרטן געשטאַנען, האָבן צו זיי געזאָגט: וואָס טוט
6 איר, אָפּבינדנדיק דאָס אייזעלע? און זיי האָבן
צו זיי געזאָגט אַזוי ווי ישוע האָט באַפוילן; און זיי
7 האָבן זיי געלאָזט. און זיי ברענגען דאָס יונגע אייזעלע
צו ישוען, און לייגן אַרויף דערויף זייערע מלבושים;
8 און ער האָט זיך דערויף אַרויפגעזעצט. און אַ סך
האָבן אויסגעשפּרייט זייערע מלבושים אויפן וועג;
און אַנדערע האָבן אויסגעשפּרייט צווייגן, וואָס
9 זיי האָבן אָפּגעשניטן אויף די פעלדער. און די,
וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס, און די, וואָס זענען
נאָכגעגאַנגען, האָבן געשריגן: הושענא! געלויבט
איז דער, וואָס קומט אינם נאָמען פון דעם האַר!
10 (ברוך הבא בשם יהוה) געבענטשט איז דאָס מלכות
פון אונזער פאָטער דוד, וואָס קומט! הושענא
במרומים! (תהלים קיח, כו.)

11 און ער איז אַריינגעגאַנגען קיין ירושלים אין
בּית המקדש אַריין; און נאָך דעם ווי ער האָט זיך
אויף אַלעם אַרומגעקוקט, ווייל עס איז שוין געווען
אַ שפּעטע אָוונט שעה, איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין
בּית־היני צוזאַמען מיט די צוועלף.
12 און צומאָרגנס, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון
13 בּית־היני, איז ער געוואָרן הונגעריק. און דער־
זעענדיק פונדערווייטנס אַ פייגנבּוים, וואָס האָט
געהאַט בּלעטער, איז ער אַהינגעגאַנגען, אפשר וועט
ער עפּעס געפינען אויף אים; און ווען ער איז
צוגעקומען צו אים, האָט ער גאָרנישט געפונען אַ
חוץ בּלעטער; וואָרום עס איז נישט געווען דער
14 זמן פון פייגן. און ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט
צו אים: עס זאָל מער בּיז אויף אייבּיק קיינער
נישט עסן פון דיר קיין פרי! און זיינע תּלמידים
האָבּן עס געהערט.
15 און זיי קומען קיין ירושלים. און ער איז אַריינ־
געגאַנגען אין בּית המקדש, און האָט אָנגעהויבּן
אַרויסצוטרייבּן די, וואָס האָבּן פאַרקויפט און
געקויפט אין בּית המקדש, און איבּערגעקערט די
טישן פון די געלט־וועקסלער, און די בּענק פון די
16 פאַרקויפער פון טויבּן. און ער האָט נישט דערלאָזט,
אַז עמיצער זאָל אַדורכטראָגן אַ כּלי דורך דעם
17 בּית המקדש. און ער האָט זיי געלערנט, און האָט
צו זיי געזאָגט: צי שטייט דען נישט געשריבּן:
מיין הויז זאָל גערופן ווערן אַ בּית־תּפילה פאַר
אַלע פעלקער? (ישעיהו נו, ז.) איר אָבּער האָט
עס געמאַכט פאַר אַ רויבּער־הייל! (ירמיהו ז, יא.)
18 און די הויפּטכּהנים און די סופרים האָבּן עס געהערט,
און זיי האָבּן געזוכט וויאַזוי אים אומצוברענגען;
וואָרום זיי האָבּן מורא געהאַט פאַר אים, ווייל דער

גאַנצער המון מענטשן האָט געשטוינט איבער זיין
לערנונג·
19 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, איז ער
אַרויסגעגאַנגען אויסער דער שטאָט·
20 און ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אינדערפרי,
האָבן זיי געזעען דעם פייגנבוים פאַרטרוקנט ביז
21 צו די וואָרצלען· און פעטרוס האָט זיך דערמאָנט
און זאָגט צו אים: רבי, זע, דער פייגנבוים, וועלכן
דו האָסט פאַרפלוכט, איז פאַרדאַרט געוואָרן!
22 און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: האָט
23 אמונה אין ג־ט! באמת זאָג איך אייך: ווער עס
וועט זאָגן צום דאָזיקן באַרג: הייב דיך אויף און
וואַרף דיך אין ים אַריין! און וועט נישט זיין
מסופק אין זיין האַרצן, נאָר וועט גלויבן, אַז וואָס
ער זאָגט וועט געשעען, וועט עס (אַזוי) זיין פאַר
24 אים· דערפאַר זאָג איך אייך: אַלץ, אויף וואָס איר
וועט תפילה טון און בעטן, גלויבט, אַז איר האָט עס
25 באַקומען, און עס וועט (אַזוי) זיין צו אייך· און
ווען איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט און זענט מתפלל,
זאָלט איר מוחל זיין, אויב איר האָט עפּעס קעגן
וועמען; כדי אויך אייער פאָטער אין הימל זאָל
26 אייך מוחל זיין אייערע עבירות· אויב אָבער איר
וועט נישט מוחל זיין, וועט אייער פאָטער אין הימל
אייך אויך נישט פאַרגעבן אייערע עבירות·
27 און זיי קומען ווידער קיין ירושלים· און בשעת
ער איז אַרומגעגאַנגען אין בית המקדש, קומען
צו אים די הויפּט־כהנים, און די סופרים, און די
28 זקנים; און זאָגן צו אים: מיט וואָס פאַר אַ
רשות טוסטו די דאָזיקע זאַכן? אָדער ווער האָט
דיר געגעבן דעם דאָזיקן רשות, כדי דו זאָלסט טון
29 די דאָזיקע זאַכן? און ישוע האָט צו זיי געזאָגט:

איך וועל אייך פרעגן איין קשיא, און ענטפערט
מיר, און איך וועל אייך זאָגן, מיט וועלכן רשות
30 איך טו די דאָזיקע זאַכן. צי איז די טבילה פון
יוחנן געווען מן השמים, אָדער פון מענטשן? ענטפערט
31 מיר! און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן זיך,
אַזוי צו זאָגן: ווען מיר זאָגן: מן השמים,
וועט ער זאָגן: טאָ פאַרוואָס האָט איר אים נישט
32 געגלויבט? ווען מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן?—
האָבן זיי מורא געהאָט פאַרן המון; וואָרום אַלע
האָבן געהאַלטן, אַז יוחנן איז ווירקלעך געווען אַ
33 נביא. און ענטפערנדיק זאָגן זיי צו ישוען: מיר
ווייסן נישט! און ישוע זאָגט צו זיי: זאָג איך
אייך אויך נישט, מיט וואָס פאַר אַ רשות איך טו
די דאָזיקע זאַכן!

## קאַפּיטל צוועלף

12

1 און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי אין
משלים. אַ מענטש האָט געפלאַנצט אַ ווייַנ־
גאָרטן, און אים אַרומגעריגלט מיט אַ פּלויט,
און האָט געגראָבן אַ קעלטער, און געבויט אַ
טורם, און האָט אים פאַרדונגען צו גערטנער, און
2 איז אַוועקגעפאָרן. און צו דער רעכטער צייט האָט
ער געשיקט אַ קנעכט צו די גערטנער, אַז ער זאָל
באַקומען פון די גערטנער פון דער פרוכט פונם
3 ווייַנגאָרטן. און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן
אים געשלאָגן, און אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט.
4 און ער האָט ווידער צו זיי געשיקט אַן אַנדערן
קנעכט; און יענעם האָבן זיי צעשלאָגן דעם קאָפּ,
5 און אָנגעטון חרפּות. נאָך אַן אַנדערן האָט ער
געשיקט; און יענעם האָבן זיי געטייט; און אַ סך

אַנדערע; אַ טייל פון זיי האָבן זיי געשלאָגן, און אַ
6 טייל—געהרגעט. נאָך איינעם האָט ער געהאַט,
אַ געליבטן זון; אים האָט ער געשיקט צו לעצט צו
זיי, אַזוי צו זאָגן: זיי וועלן זיך שעמען פאַר מיין
7 זון! יענע גערטנער אָבער האָבן צווישן זיך
געזאָגט: דאָס איז דער יורש; קומט, לאָמיר אים
8 טייטן, און די ירושה וועט זיין אונזער! און זיי
האָבן גענומען, און אים געטייט, און האָבן אים
9 אַרויסגעוואָרפן פון ווייַנגאָרטן. נו, וואָס וועט דער
האַר פון דעם ווייַנגאָרטן טון? ער וועט קומען און
אומברענגען די גערטנער, און דעם ווייַנגאָרטן
10 וועט ער געבן צו אַנדערע. צי האָט איר דען נישט
געלייענט דעם דאָזיקן פסוק:

דער שטיין, וועלכן די בוימייסטערס האָבן
פאַרוואָרפן,
דער איז געוואָרן צום הויפּט פונם ווינקל;
11 פונם האַר (גאָט) איז דאָס געשעען,
און עס איז אַ וואונדער אין אונזערע אויגן?
(תהלים קיח, כב, כג.)

12 און זיי האָבן געזוכט אים צו כאַפּן; און האָבן מורא
געהאַט פאַר דעם המון מענטשן; וואָרום מען
האָט געוואוסט, אַז ער האָט געזאָגט דאָס משל אויף
זיי; און זיי האָבן אים פאַרלאָזט, און זענען אַוועק־
געגאַנגען.

13 און זיי שיקן צו אים אייניקע פון די פּרושים
און פון הורדוס לייט, כדי זיי זאָלן אים פאַנגען
14 מיט אַ וואָרט. און ווען זיי זענען געקומען, זאָגן
זיי צו אים: רבי, מיר ווייסן, אַז דו ביסט וואָר־
האַפטיק, און פרעגסט נישט אויף קיינעם; וואָרום
דו קוקסט נישט אויפן פּנים פון מענטשן, נאָר אויף
אַן אמת לערנסטו דעם וועג פון ג־ט. צי מעג מען

געבן מס צום קיסר, אָדער נישט? זאָלן מיר געבן
15 אָדער נישט געבן? ער האָט אָבער געוואוסט פון
זייער צביעות, און האָט צו זיי געזאָגט: וואָס
פּרוּווט איר מיך אויס? ברענגט מיר אַ דינר, כּדי
16 איך זאָל אים באַקוקן. און זיי האָבן געבּרענגט.
און ער זאָגט צו זיי: וועמעס איז דאָס דאָזיקע בילד
און די אויפשריפט? און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
17 דעם קיסרס! און ישוע האָט צו זיי געזאָגט:
גיט זשע אָפּ דעם קיסר דאָס, וואָס איז דעם קיסרס,
און צו ג־ט דאָס, וואָס איז ג־טס! און זיי האָבן
זיך געוואונדערט אויף אים.
18 און עס קומען צו אים צדוקים, וועלכע זאָגן,
אַז עס איז נישטאָ קיין תּחית המתים; און האָבן
19 אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: רבי, משה האָט
אונדז געשריבן, אַז אויב עמיצנס ברודער וועט
שטאַרבן, און איבערלאָזן אַ ווייב, און נישט
איבערלאָזן קיין קינד, אַזוי זאָל זיין ברודער נעמען
די פרוי, און אויפשטעלן זאָמען צו זיין ברודער.
20 (דברים כה, ה.) עס זענען געווען זיבן ברידער.
און דער ערשטער האָט גענומען אַ ווייב, און איז
געשטאָרבן און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זאָמען;
21 און דער צווייטער האָט זי גענומען, און איז גע־
שטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין זאָמען; און דער
22 דריטער אויך אַזוי; און די זיבן האָבן נישט איבער־
געלאָזט קיין זאָמען. צו לעצט נאָך אַלע איז אויך
23 די פרוי געשטאָרבן. אין דער תּחית המתים, ווען
זיי וועלן אויפשטיין, וועמעס ווייב פון זיי וועט זי
זיין? וואָרום אַלע זיבן האָבן זי דאָך געהאַט פאַר אַ
24 ווייב. האָט ישוע צו זיי געזאָגט: צי בלאָנדזשעט
איר דען נישט דערפאַר, ווייל איר קענט נישט די
כּתבֿי (הקודש), און אויך נישט די קראַפט פון ג־ט?

25 וואָרום ווען זיי וועלן אויפשטיין פון די טויטע,
וועלן זיי נישט חתונה־האָבן, נישט מען וועט זיי
חתונה־מאַכן; נאָר זיי זענען ווי די מלאכים אין הימל.
26 און וואָס שייך די טויטע, אַז זיי וועלן אויפשטיין,
צי האָט איר דען נישט געלייענט אין דעם ספר
(תורת) משה, ביים סנה, ווי ג־ט האָט צו אים גערעדט,
אַזוי צו זאָגן: איך בין דער ג־ט פון אברהם, און
דער ג־ט פון יצחק, און דער ג־ט פון יעקב?
27 (שמות ג, ו.) ער איז נישט דער ג־ט פון די טויטע,
נאָר פון די לעבעדיקע: איר בלאָנדזשעט זער פיל.
28 און עס איז צוגעקומען איינער פון די סופרים,
האָבנדיק זיך צוגעהערט צו זייער וויכוח, ווייל ער
האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיי וואויל געענטפערט,
האָט ער אים געפרעגט: וועלכעס איז דאָס ערשטע
29 געבאָט פון אַלע? ישוע האָט געענטפערט: דאָס
ערשטע איז: שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד;
30 און דו זאָלסט ליב האָבן דעם האַר דיין ג־ט מיט
דיין גאַנץ האַרץ, און מיט דיין גאַנץ נפש, און מיט
דיין גאַנצן פאַרשטאַנד, און מיט דיין גאַנצער
31 קראַפט. (דברים ו, ד ה.) דאָס צווייטע (געבאָט) איז:
דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין.
(ויקרא יט, יח.) קיין אַנדער געבאָט גרעסער ווי די
32 דאָזיקע איז נישט פאַראַן. און דער סופר האָט
צו אים געזאָגט: וואויל, רבי! דו האָסט וואָר־
האַפטיק געזאָגט, אַז ג־ט איז איינער; און עס איז
33 נישט פאַראַן קיין אַנדערער אַ חוץ אים; און אים
ליב צו האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, און מיטן גאַנצן
פאַרשטאַנד, און מיט דער גאַנצער קראַפט, און
ליב צו האָבן דעם חבר ווי זיך אַליין, איז אַ סך
34 מער ווי אַלע עולות און זבחים. און ישוע האָט
געזען, אַז ער האָט פאַרנונפטיק געענטפערט,

האָט ער צו אים געזאָגט: דו ביסט נישט ווייט
פון דעם קעניגרייך פון ג־ט! און קיינער האָט
מער נישט זיך אונטערגעשטעלט אים צו שטעלן
קשיות·
35 און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט, בשעת ער
האָט געלערנט אינם בית המקדש: וויאַזוי זאָגן
36 די סופרים, אַז דער משיח איז דודס זון? דוד
(המלך) אַליין האָט דאָך געזאָגט דורך דעם רוח
הקודש:

דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זעץ דיך אויף מיין רעכטער זייט,
ביז איך וועל לייגן דיינע פיינט ווי אַ פוסבענ־
קעלע
פאַר דיינע פיס! (תהלים קי, א·)

37 דוד אַליין רופט אים האַר, און פונוואַנען איז ער
זיין זון? און דער גרויסער עולם מענטשן האָט זיך
גערן צוגעהערט צו אים·
38 און אין זיין לערנונג האָט ער געזאָגט: היט זיך
פאַר די סופרים, וואָס האָבן ליב אַרומצוגיין אין
טליתים, און אַז מען זאָל זיי אָפּגעבן שלום אויף
39 די מערק, און די הויפּט זיץ־ערטער אין די שולן,
40 און ערטער אויבנאָן אויף די סעודות; זיי וואָס
שלינגען איין די הייזער פון אלמנות, און דאַווענען
כלומרשט לאַנג; זיי וועלן באַקומען אַ גרעסער
משפּט·
41 און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקייגנאיבער
דעם אוצר־קאַסטן, און זיך צוגעקוקט ווי דער
המון מענטשן וואַרפט אַריין געלט אין דעם אוצר־
42 קאַסטן אַריין; און אַ סך רייכע לייט האָבן אַריינ־
געוואָרפן פיל· און עס איז געקומען אַן אָרומע
אַלמנה, און האָט אַריינגעוואָרפן צוויי פּרוטות,

דאָס איז איין קוואַדראַנס, (די קלענסטע רוימישע
מטבע.) און ער האָט צוגערופן זיינע תלמידים, 43
און צו זיי געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: די
דאָזיקע אָרעמע אַלמנה האָט מער אַריינגעוואָרפן
ווי אַלע, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אין דעם אוצר־
קאַסטן אַריין; וואָרום אַלע האָבן אַריינגעוואָרפן 44
פון זייער שפע; זי אָבער האָט פון איר נויט אַריינ־
געוואָרפן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט—איר גאַנצע
חיונה.

## קאַפּיטל דרייצן

13

און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם בית המקדש, 1
זאָגט איינער פון זיינע תלמידים צו אים: רבי,
זע, וואָס פאַר אַ שטיינער און וואָסערע בנינים!
און ישוע האָט צו אים געזאָגט: דו זעסט די דאָזיקע 2
געוואַלדיקע בנינים? עס וועט נישט איבערגעלאָזט
ווערן קיין שטיין אויף אַ שטיין, וואָס וועט נישט
צעבראָכן ווערן!
און בעת ער איז געזעסן אויפן הר הזיתים, אַנטקעגנ־ 3
איבער דעם בית המקדש, האָבן פעטרוס און יעקב
און יוחנן און אַנדריי אים געפרעגט, ווען זיי זענען
געווען אַליין: זאָג אונדז, ווען וועט דאָס זיין? און 4
וואָס איז דאָס צייכן, ווען דאָס אַלץ דאַרף דערפילט
ווערן? און ישוע האָט אָנגעהויבן זאָגן צו זיי: גיט 5
אַכטונג, אַז קיינער זאָל אייך נישט פאַרפירן. אַ 6
סך וועלן קומען אין מיין נאָמען, און זאָגן: איך בין
עס, און וועלן אַ סך פאַרפירן. און ווען איר וועט 7
הערן וועגן מלחמות און שמועות פון מלחמות, זאָלט
איר זיך נישט דערשרעקן; דאָס מוז געשען; נאָר
עס איז נאָך נישט דער סוף. וואָרום אַ פאָלק וועט 8
אויפשטיין קעגן אַ פאָלק, און מלוכה קעגן מלוכה;

עס וועלן זיין ערדציטערנישן דאָ און דאָרטן; עס
וועלן זיין הונגערנויטן; די דאָזיקע זענען דער
אָנהויב פון די ווייען.
9 איר אָבער גיט אַכטונג אויף זיך אַליין! מען
וועט אייך איבערגעבן צום סנהדרין; און מען וועט
אייך געבן מלקות אין די שולן; און איר וועט
געשטעלט ווערן פאַר גובערנאַטאָרן און מלכים
10 צוליב מיר, פאַר אַן עדות צו זיי. און צווישן אַלע
פעלקער מוז צום ערשט די גוטע בשורה אָנגעזאָגט
11 ווערן. און ווען מען וועט אייך פירן און איבערגעבן,
זאָלט איר זיך נישט מאַכן קיין זאָרגן פאָרויס,
וואָס איר זאָלט רעדן, נאָר וואָס עס וועט אייך
געגעבן ווערן אין יענער שעה, דאָס רעדט. וואָרום
נישט איר זענט עס, וואָס רעדן, נאָר דער רוח
12 הקודש. און אַ ברודער וועט איבערגעבן אַ ברודער
צום טויט, און אַ פאָטער אַ קינד; און קינדער וועלן
אויפשטיין קעגן עלטערן, און וועלן זיי טייטן.
13 און איר וועט זיין פאַרהאַסט פון אַלעמען צוליב
מיין נאָמען; ווער אָבער עס וועט אויסהאַלטן ביז
צום סוף, דער וועט געראַטעוועט ווערן.
14 און ווען איר וועט זעען די אומווירדיקייט פון
דער פאַרוויסטונג שטיין וואו עס דאַרף נישט,—
זאָל דער לייענער פאַרשטיין (דניאל יב, יא)—דעמלט
זאָלן די, וואָס זענען אין יהודה, אַנטלויפן צו די
15 בערג; ווער עס איז אויפן דאַך, דער זאָל נישט
אַראָפּגיין, און נישט אַריינגיין, עפּעס נעמען פון
16 זיין הויז אַרויס; און ווער עס איז אין פעלד,
זאָל זיך נישט אומקערן צוריק צו נעמען זיין מלבוש.
17 אָבער וויי איז צו די טראָגעדיקע און אָנזויגערינס
18 אין יענע טעג! זייט אָבער מתפלל, אַז עס זאָל נישט
19 געשעען אין ווינטער. וואָרום יענע טעג וועלן

זיין אַ צרה, אַזאַ וואָס אירסגלייכן איז נישט געשעען
זינט דעם אָנהויב פון דער באַשאַפונג, וואָס ג-ט
האָט באַשאַפן, ביז אַצונד, און עס וועט מער נישט
20 זיין. און אויב דער האַר וואָלט נישט פאַרקירצט
די טעג, וואָלט קיין בשר (ודם) נישט געראַטעוועט
געוואָרן; נאָר צוליב די אויסדערוויילטע, וועמען
ער האָט אויסדערווילט, האָט ער פאַרקירצט די
21 טעג. (דניאל יב, א.) און אויב עמיצער וועט אייך
דעמלט זאָגן: זע דאָ איז דער משיח! זע,
22 דאָרטן!, זאָלט איר עס נישט גלויבן; וואָרום עס
וועלן אויפשטיין פאַלשע משיחים און פאַלשע
נביאים, און וועלן טון נסים און וואונדער, כדי צו
23 פאַרפירן, אויב מעגלעך, די אויסדערוויילטע. איר
אָבער גיט אַכטונג; זע, איך האָב אייך אַלץ
פאָרויס אָנגעזאָגט!

24 נאָר אין יענע טעג, נאָך יענער צרה, וועט די זון
פאַרפינסטערט ווערן, און די לבנה וועט נישט געבן
25 איר ליכט, (ישעיהו יג, י.) און די שטערן וועלן פאַלן
פון הימל, און די קרעפטן אין הימל וועלן דערשיטערט
26 ווערן. (ישעיהו לד, ד.) און דעמלט וועט מען זעען
דעם בן־אדם קומען אין די וואָלקנס מיט גרויס
מאַכט און הערלעכקייט. (דניאל ז, יג, יד.) און דעמלט
27 וועט ער שיקן די מלאָכים, און איינזאַמלען זיינע
אויסדערוויילטע פון די פיר ווינטן, פון עק ערד
ביז עק הימל.

28 און לערנט דאָס משל פון דעם פייגנבוים; ווען
זיין צווייג איז שוין זאַפטיק, און ברענגט אַרויס
די בלעטער, ווייסט איר, אַז זומער איז נאָענט.
29 אַזוי אויך איר, ווען איר וועט זעען די דאָזיקע
זאַכן געשעען, זאָלט איר וויסן, אַז עס איז נאָענט
30 ביי די טירן. באמת זאָג איך אייך: דאָס דאָזיקע

דור וועט נישט פאַרגיין, ביז אַלע די דאָזיקע זאַכן
31 וועלן געשעען. דער הימל און די ערד וועלן פאַרגיין,
32 אָבער מײנע ווערטער וועלן נישט פאַרגיין. נאָר
וועגן יענעם טאָג אָדער שעה ווייסט קיינער נישט,
נישט אַפילו די מלאָכים אין הימל, נישט דער זון,
33 אַ חוץ דער פאָטער. גיט אַכטונג, שלאָפט נישט
און טוט תפילה! וואָרום איר ווייסט נישט ווען די
34 צייט איז. ווי אַ מענטש, אַוועקפאָרנדיק, האָט
פאַרלאָזן זיין הויז, און געגעבן מאַכט צו זיינע
קנעכט, יעדן איינעם זיין אַרבעט, און דעם טיר־
וועכטער האָט ער באַפוילן, אַז ער זאָל וואַכן.
35 דעריבער וואַכט, וואָרום איר ווייסט נישט ווען
דער בעל הבית קומט, צי אין אָוונט, אָדער אינמיטן
דער נאַכט, אָדער ווען דער האָן קרייעט, אָדער
36 אין דער פרי; טאָמער וועט ער פלוצלונג קומען,
37 און אייך געפינען שלאָפנדיקע. און וואָס איך זאָג
אייך, זאָג איך אַלעמען: וואַכט!

## קאַפּיטל פערצן

1 און אין צוויי טעג אַרום איז געווען פסח און חג
המצות; און די הויפּט־כהנים און סופרים האָבן
געזוכט וויאַזוי אים צו כאַפּן מיט כיטרעקייט, און
2 אים צו טייטן. וואָרום זיי האָבן געזאָגט: נישט
יום טוב, טאָמער וועט ווערן אַ מהומה צווישן
פאָלק!
3 און בשעת ער איז געווען אין בית־היני אין דעם
הויז פון שמעון דעם מצורע, זיצנדיק ביים טיש,
איז געקומען אַ פרוי מיט אַן אַלאַבאַסטער פלאַש
פול מיט עכטער קאָסטבאַרער נאַרד־זאַלב; און
זי האָט צעבראָכן די אַלאַבאַסטער פלאַש, און אויס־

4 געלעערט אויף זיין קאָפּ. עס זענען אָבער געווען
אייניקע, וואָס זענען געוואָרן צאָרנדיק צווישן
זיך, (אַזוי צו זאָגן:) צו וואָס איז די דאָזיקע
פאַרשווענדונג פון דעם זאַלבאייל געמאַכט געוואָרן?
5 וואָרום מען האָט געקענט פאַרקויפן דעם דאָזיקן
זאַלבאייל פאַר מער ווי דריי הונדערט דינרים, און
עס געבן צו די אָרומעלייט. און זיי האָבן זיך
6 אָנגעבייזערט אויף איר. ישוע אָבער האָט געזאָגט:
לאָזט זי צורו! וואָס פאַרשאַפט איר איר עגמת
7 נפש? זי האָט מיר געטון אַ גוטע זאַך. וואָרום די
אָרומעלייט האָט איר תמיד ביי זיך, און ווען איר
ווילט, קענט איר זיי טון גוטס; מיך אָבער האָט איר
8 נישט תמיד. וואָס זי האָט געקענט, דאָס האָט זי
געטון; זי האָט פאָרויס געזאַלבט מיין גוף צו דער
9 קבורה. און באמת זאָג איך אייך: וואו גאָר די
גוטע בשורה וועט אָנגעזאָגט ווערן אין דער גאַנצער
וועלט, וועט אויך דערציילט ווערן, וואָס זי האָט
געטון, לזכר פון איר.

10 און יהודה איש קריות, איינער פון די צוועלף,
איז אַוועקגעגאַנגען צו די הויפּט־כהנים, כדי אים
11 איבערצוגעבן צו זיי. און ווען זיי האָבן עס געהערט,
האָבן זיי זיך געפריידט, און אים צוגעזאָגט צו
געבן געלט. און ער האָט געזוכט אַ גינסטיקע
געלעגנהייט, אים צו פאַרראַטן.

12 און דעם ערשטן טאָג פון חג המצות, ווען מען
האָט געשחטן דאָס קרבן פסח, זאָגן צו אים זיינע
תלמידים: וואו ווילסטו, זאָלן מיר גיין און צוגרייטן,
13 כדי דו זאָלסט עסן דאָס קרבן פסח? און ער שיקט
צוויי פון זיינע תלמידים, און זאָגט צו זיי: גייט
אין דער שטאָט אַריין, און עס וועט אייך באַגעגענען
אַ מענטש, טראָגנדיק אַ קרוג מיט וואַסער; אים

14 זאָלט איר נאָכפאָלגן; און וואו נאָר ער וועט אַריינ־
גיין, זאָלט איר זאָגן צום בעל הבית: דער רבי
זאָגט: וואו איז מיין גאַסט־שטוב, אין וועלכער איך
15 זאָל עסן דאָס קרבן פסח מיט מיינע תלמידים? און
ער וועט אייך ווייזן אַ גרויסע אויבערע שטוב,
אויסגעשטאַט מיט הסב־בעטן, פערטיק; און דאָרטן
16 זאָלט איר צוגרייטן פאַר אונז. און די תלמידים
זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען געקומען אין דער
שטאָט אַריין, און האָבן געפונען אַזוי ווי ער האָט
זיי געזאָגט; און זיי האָבן צוגעגרייט דאָס קרבן
פסח.
17 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, קומט ער מיט
18 די צוועלף. און בשעת זיי האָבן זיך אָנגעלענט
און געגעסן, האָט ישוע געזאָגט: באמת זאָג איך
אייך: איינער פון אייך וועט מיך פאַרראַטן, דער,
19 וואָס עסט מיט מיר! (תהלים מא, ט.) האָבן זיי
אָנגעהויבן טרויעריק צו ווערן, און צו זאָגן צו
אים איינער נאָכן אַנדערן: דאָך נישט איך?
20 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: איינער פון די
צוועלף, דער, וואָס טונקט איין מיט מיר אין דער
21 קערה. דער בן־אדם גייט טאַקע לויט ווי עס
שטייט געשריבן וועגן אים; ווי איז אָבער צו יענעם
מענטשן, דורך וועמען דער בן־אדם ווערט
פאַרראַטן! עס וואָלט געווען גוט פאַר יענעם מענטשן,
אויב ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן!
22 און בשעת זיי האָבן געגעסן, האָט ער גענומען
ברויט, געמאַכט אַ ברכה, האָט עס צעבראָכן, און
געגעבן צו זיי, און געזאָגט: נעמט; דאָס דאָזיקע
23 איז מיין גוף. און ער האָט גענומען אַ כוס,
האָט געמאַכט אַ ברכה, און געגעבן צו זיי; און
24 זיי האָבן אַלע געטרונקען דערפון. און ער האָט

צו זיי געזאָגט: דאָס דאָזיקע איז מיין בלוט פון
דעם נייעם בונד, וואָס ווערט פאַרגאָסן פאַר פילע.
25 באמת זאָג איך אייך: איך וועל נישט מער טרינקען
פון דער פרוכט פונם וויינשטאָק, ביז צו יענעם
טאָג, ווען איך וועל עס טרינקען ניי אין דעם קעניג־
רייך פון ג־ט.
26 און ווען זיי האָבן אָפּגעזונגען הלל, זענען זיי
אַרויסגעגאַנגען צום הר הזיתים.
27 און ישוע זאָגט צו זיי: אַלע וועט איר גע־
שטרויכלט ווערן; ווייל עס שטייט געשריבן: איך
וועל שלאָגן דעם פּאַסטוך, און די שאָף וועלן
28 צעשפּרייט ווערן. (זכריהו יג, ז.) באַר נאָך מיין
אויפשטיין, וועל איך אייך פאָרויסגיין קיין גליל.
29 פּעטרוס אָבער האָט צו אים געזאָגט: אַפילו אויב
אַלע וועלן געשטרויכלט ווערן, וועל איך דאָך
30 נישט. און ישוע זאָגט צו אים: באמת זאָג איך
דיר: היינט, אין דער דאָזיקער נאַכט, איידער דער
האָן וועט צווײמאָל קרייען, וועסטו מיך דריימאָל
31 פאַרלייקענען! ער אָבער האָט נאָך אייפעריקער
גערעדט: אויב איך זאָל מוזן שטאַרבן צוזאַמען
מיט דיר, וועל איך דיך בשום אופן נישט פאַרליי־
קענען. און דעסגלייכן האָבן אויך אַלע געזאָגט.
32 און זיי קומען צו אַ הויף, וואָס האָט געהייסן
גת־שמני; און ער זאָגט צו זיינע תלמידים: זעצט
זיך דאָ אַנידער, ביז איך וועל האָבן תפילה געטון.
33 און ער נעמט פּעטרוסן מיט זיך און יעקבן און
יוחנן, און האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און פלאַטערן.
34 און ער זאָגט צו זיי: מיין נפש איז זער באַטריבט,
35 ביז צום טויט; בלייבט דאָ, און וואַכט! און ער
איז געגאַנגען אַביסל ווייטער, און איז אַנידער־
געפאַלן אויף דער ערד, און האָט תפילה־געטון,

אַז, אויב מעגלעך, די שעה זאָל אים פאַראיבערגיין·
36 און האָט געזאָגט: אַבאָ, פאָטער, אַלץ איז מעגלעך
פאַר דיר; נעם פון מיר אַוועק דעם דאָזיקן
בעכער! דאָך נישט וואָס איך וויל, נאָר וואָס דו
37 ווילסט· און ער קומט, און געפינט זיי שלאָפן,
און זאָגט צו פעטרוסן: שמעון, דו שלאָפסט? ביסט
נישט אימשטאַנד געווען איין שעה וואַך צו בלייבן?
38 וואַכט און טוט תפילה, כדי איר זאָלט נישט קומען
צו קיין נסיון; דער גייסט איז טאַקע וויליק, דאָס
39 פלייש איז אָבער שוואַך! און ער איז ווידער
אַוועקגעגאַנגען, און תפילה געטון, זאָגנדיק די
40 זעלביקע ווערטער· און ווען ער איז צוריקגעקומען,
האָט ער זיי ווידער געפונען שלאָפן, וואָרום זייערע
אויגן זענען געווען שווער; און זיי האָבן נישט
41 געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן· און ער קומט
צום דריטן מאָל, און זאָגט צו זיי: שלאָפט ווייטער,
און רוט זיך אויס! עס איז גענוג; עס איז געקומען
די שעה; זע, דער בן־אדם ווערט איבערגעגעבן
42 צו חוטאים אין די הענט אַריין· שטייט אויף, לאָמיר
גיין; זע, מיין פאַררעטער איז שוין נאָענט!
43 און גלייך, בשעת ער האָט נאָך גערעדט, קומט
יהודה, איינער פון די צוועלף, און מיט אים אַ המון
מיט שווערדן און שטאַנגען, פון די הויפּט־כהנים
44 און סופרים און זקנים· און זיין פאַררעטער האָט
זיי געגעבן אַ צייכן, אַזוי צו זאָגן: וועמען איך
וועל אַ קוש טון, דער איז עס; נעמט אים, און פירט
45 אים אָפּ זיכער· און ווען ער איז געקומען, איז
ער גלייך צוגעגאַנגען צו אים, און זאָגט: רבי!
46 און האָט אים געקושט· און זיי האָבן אַרויפגעלייגט
די הענט אויף אים, און האָבן אים געפאַנגען גענומען·
47 איינער אָבער פון די, וואָס זענען געשטאַנען דערביי,

האָט אַרויסגעצויגן די שווערד, און געשלאָגן דעם
כהן גדולס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט אַן אויער.
48 און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: ווי קעגן
אַ רויבער זענט איר אַרויסגעקומען מיט שווערדן
49 און שטאַנגען מיך צו כאַפּן. טאָג אויס טאָג
איין בין איך געווען ביי אייך אינעם בית המקדש
און געלערנט, און איר האָט מיך נישט געפאַנגען
גענומען; נאָר (עס איז) כדי די כתבי (הקודש) זאָלן
50 דערפילט ווערן. און אַלע האָבן אים פאַרלאָזן,
און זענען אַנטלאָפן.

51 און אַ יינגל איז אים נאָכגעגאַנגען, איינגעהילט
אין אַ ליילעך אויפן בלויזן לייב, און זיי כאַפּן אים;
52 ער אָבער האָט איבערגעלאָזט דאָס ליילעך, און
איז אַנטלאָפן אַ נאַקעטער.

53 און זיי האָבן אַוועקגעפירט ישוען צום כהן גדול;
און עס האָבן זיך ביי אים פאַרזאַמלט אַלע הויפּט־
54 כהנים און די זקנים און די סופרים. און פּעטרוס
האָט אים נאָכגעפאָלגט פונדערווייטנס, ביז אינע־
ווייניק אַריין אין דעם הויף פון דעם כהן גדול; און
איז געזעסן מיט די משרתים און האָט זיך געוואַרעמט
55 ביים פייער. און די הויפּט־כהנים און דאָס גאַנצע
סנהדרין האָבן געזוכט אַן עדות־זאָגן קעגן ישוען,
56 כדי אים צו טייטן; און האָבן נישט געפונען. וואָרום
אַ סך האָבן פאַלש עדות־געזאָגט קעגן אים, און
זייערע עדות האָבן נישט איבעראיינגעשטימט.
57 און אייניקע זענען אויפגעשטאַנען, און האָבן פאַלש
58 עדות־געזאָגט קעגן אים, אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן
אים געהערט זאָגן: איך וועל צעשטערן דעם דאָזיקן
היכל, וואָס איז מיט הענט געמאַכט געוואָרן, און
אין דריי טעג וועל איך אויפבויען אַן אַנדערן,
59 וואָס איז נישט געמאַכט מיט הענט. און אַפילו

אַזוי האָט זייער עדות־זאָגן נישט איבעראייג־
60 געשטימט. און דער כהן גדול האָט זיך אויפ־
געשטעלט אין דער מיט, און געפרעגט ישוען,
אַזוי צו זאָגן: דו ענטפערסט גאָרנישט אויף דעם,
61 וואָס די דאָזיקע זאָגן עדות קעגן דיר? און ער
האָט געשוויגן, און גאָרנישט געענטפערט. דער
כהן גדול האָט אים ווידער געפרעגט, און זאָגט צו
אים: ביסטו דער משיח, דער זון פון הקדוש ברוך
62 הוא? און ישוע האָט געזאָגט: איך בין; און איר וועט
זעען דעם בן־אדם זיצן אויף דער רעכטער זייט
פון דער גבורה, און קומען מיט די וואָלקנס פון
63 הימל. (תהלים קי, א; דניאל ז, יג.) און דער כהן גדול
האָט צעריסן זיינע קליידער, און זאָגט: וואָס דאַרפן
64 מיר נאָך האָבן עדות? איר האָט דאָך געהערט
די לעסטערונג. וואָס איז אייער מיינונג? און
אַלע האָבן אים פאַרמשפּט, אַז ער איז חייב מיתה.
65 און אייניקע האָבן אָנגעהויבן צו שפּייען אויף אים,
און צו באַדעקן אים דאָס פּנים, און צו שלאָגן אים
מיט די פויסטן, און צו זאָגן צו אים: זאָג נבואה!
אויך די משרתים האָבן אים עמפּאַנגען מיט פּעטש.
(ישעיהו נ, ו.)

66 און בשעת פּעטרוס איז געווען אונטן אין הויף,
67 קומט איינע פון דעם כהן גדולס דינסטמוידן; און
ווי זי האָט דערזעען פּעטרוסן זיך וואַרעמען, האָט
זי אויף אים אַ קוק געטון, און זאָגט: אויך דו ביסט
68 געווען מיט דעם נוצרי, דעם ישוע! ער אָבער
האָט געלייקנט, אַזוי צו זאָגן: נישט איך ווייס,
נישט איך פאַרשטיי וואָס דו זאָגסט. און ער איז
אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן צום פאָדערהויז; און אַ האָן
69 האָט געקרייט. און די דינסטמויד האָט אים געזעען,
און האָט ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן צו די, וואָס

זענען דאָרט געשטאַנען: דער דאָזיקער איז איינער
70 פון זיי! ער אָבער האָט נאָכאַמאָל געלייקנט· און
אַביסל שפּעטער האָבן די, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען, ווידער געזאָגט צו פּעטרוסן: דו ביסט
זיכער איינער פון זיי; ווארום דו ביסט אויך אַ
71 גלילי· און ער האָט אָנגעהויבן צו פלוכן, און צו
שווערן: איך קען נישט דעם דאָזיקן מענטשן,
72 פון וועמען איר רעדט! און באַלד האָט אַ האָן
צום צווייטן מאל געקרייט· און פּעטרוס האָט זיך
דערמאָנט דאָס וואָרט, ווי ישוע האָט צו אים געזאָגט:
איידער אַ האָן וועט צווייִמאָל קרייען, וועסטו
מיך דרייִמאָל פאַרלייקענען· און ער האָט עס זיך
גענומען צום האַרצן, און זיך צעוויינט·

## קאַפּיטל פינפצן 15

1 און באַלד אינדערפרי האָבן זיך די הויפּט־כהנים
באַראָטן מיט די זקנים און סופרים, און דאָס
גאַנצע סנהדרין—האָבן געבונדן ישוען, און אים
אַוועקגעפירט, און איבערגעגעבן צו פּילאַטוסן·
2 (ישעיהו נג, ח·) און פּילאַטוס האָט אים געפרעגט:
צי ביסט דו דער קעניג פון די יידן? און ער האָט
ענטפערנדיק צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עס!
3 און די הויפּט־כהנים האָבן געבערענגט אַ סך באַשול־
4 דיקונגען קעגן אים· און פּילאַטוס האָט אים ווידער
געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: דו ענטפערסט גאָרנישט?
זע, וויפל באַשולדיקונגען זיי מאַכן קעגן דיר!
5 ישוע אָבער האָט מער גאָרנישט געענטפערט; אַזוי
אַז פּילאַטוס האָט זיך געוואונדערט· (ישעיהו נג, ז·)
6 און אויף יעדן יום טוב פלעגט ער זיי באַפרייען
7 איין געפאַנגענעם, וועמען זיי האָבן באַגערט· און

עס איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופן
בר־אַבאָ, געבונדן צוזאַמען מיט די אויפשטענדער,
וועלכע האָבן אָפּגעטון אַ רציחה בשעת אַן אויפשטאַנד.
8 און דער המון איז אַרויפגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן
צו פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל טון, ווי געוויינלעך
9 פאַר זיי. און פּילאַטוס האָט זיי געענטפערט, אַזוי
צו זאָגן: צי ווילט איר, אַז איך זאָל אייך באַפרייען
10 דעם קעניג פון די יידן? וואָרום ער האָט געוואוסט,
אַז די הויפּט־כהנים האָבן אים איבערגעגעבן מחמת
11 קנאה. די הויפּט־כהנים אָבער האָבן אונטערגעהעצט
דעם המון, אַז ער זאָל זיי ליבער באַפרייען בר־
12 אַבאָן. און פּילאַטוס האָט ווידער ענטפערנדיק
צו זיי געזאָגט: וואָס זשע זאָל איך טון מיט
13 אים, וועמען איר רופט קעניג פון די יידן? און
זיי האָבן נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון: קרייציק
14 אים! און פּילאַטוס האָט צו זיי געזאָגט: וואָס
פאַר אַ שלעכטס האָט ער דען געטון? זיי אָבער
15 האָבן נאָך מער געשריגן: קרייציק אים! און
וויל פּילאַטוס האָט געוואָלט טון די געפעליקייט
דעם המון, האָט ער פאַר זיי באַפרייט בר־אַבאָן,
און האָט איבערגעגעבן ישוען, נאָך דעם ווי ער
האָט אים געלאָזט שמייסן, געקרייציקט צו ווערן.
(ישעיהו נג, ה.)

16 און די זעלנער האָבן אים אַוועקגעפירט אינעווייניק
אין הויף אַריין, דאָס איז דאָס פּרעטאָריום; און
17 רופן צונויף די גאַנצע ראָטע. און זיי קליידן אים
אָן אין פּורפּור, און טון אים אָן אַ קרוין, וואָס
18 זיי האָבן געפלאָכטן פון דערנער; און האָבן אָנגעהויבן
אים צו באַגריסן: שלום, קעניג פון די יידן!
19 און זיי האָבן אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן
קאָפּ, און געשפּיגן אויף אים, און האָבן געבויגן

די קניען און זיך געבוקט צו אים. (ישעיהו נ׳ ו׳)
20 און נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעשפּאָט פון אים,
האָבן זיי אים אויסגעטון דאָס פּורפּור, און אים
אָנגעטון זיינע מלבושים. און זיי פירן אים אַרויס,
כדי אים צו קרייציקן.

21 און זיי צווינגען אַ פאַרבייגייער, אַ געוויסן שמעון
פון קוריני, קומענדיק פון פעלד, דעם פאָטער פון
אַלעקסאַנדער און רופוס, אַז ער זאָל טראָגן זיין
22 בוים (שמואל ב יח׳ ט), און זיי ברענגען אים צו דעם אָרט גלגלתא,
וואָס דער טייטש דערפון איז: דאָס אָרט פון אַ
23 שאַרבן. און זיי האָבן אים געגעבן ווײַן געמישט
מיט מירע, וואָס ער האָט אָבער נישט אָנגענומען.
24 און זיי קרייציקן אים, און צעטיילן צווישן זיך
זיינע מלבושים, וואַרפנדיק גורל אויף זיי, וואָס
25 ווער זאָל נעמען. און עס איז געווען די דריטע
שעה, און זיי האָבן אים געקרייציקט. (תהלים כב׳
26 יד־טז׳ יח׳) און דער כתב פון זיין באַשולדיקונג
איז געווען אויפגעשריבן: דער קעניג פון די יידן.
27 און צוזאַמען מיט אים קרייציקן זיי צוויי רויבער;
איינעם אויף זיין רעכטער זייט, און איינעם אויף
28 זיין לינקער זייט. און עס איז מקוים געוואָרן דער
פסוק, וואָס זאָגט:

און מיט פושעים איז ער פאַררעכנט געוואָרן.
(ישעיהו נג׳ יב׳)

29 און די פאַרבייגייער האָבן אים געלעסטערט,
שאָקלענדיק זייערע קעפּ, און זאָגנדיק: האַ! דו,
וואָס צעשטערסט דעם היכל, און בויסט אים אויף
30 אין דריי טעג, ראַטעווע דיך אַליין, און קום אַראָפּ
31 פונם בוים (שמואל ב יח׳ ט)! אַזוי האָבן אויך די הויפּט־כהנים
אָפּגעשפּאָט צווישן זיך צוזאַמען מיט די סופרים,
און געזאָגט: אַנדערע האָט ער געהאָלפן, זיך

32 אַליין קען ער נישט העלפֿן· דער משיח, דער קעניג
פון ישראל! זאָל ער איצט אַראָפּשטייגן פון
בוים(שמואל [illegible]), כדי מיר זאָלן זעען און גלויבן! אויך די,
וואָס זענען געקרייציקט געוואָרן מיט אים, האָבן
אים מבזה געווען·
33 און ווען די זעקסטע שעה איז געקומען, איז
געוואָרן אַ חשכה איבערן גאַנצן לאַנד ביז דער
34 ניינטער שעה· און אין דער ניינטער שעה האָט
ישוע אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול: אלהי
אלהי למה שבקתני? פאַרטייטשט הייסט עס: ג־ט
מיינער, ג־ט מיינער, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?
35 (תהלים כב, א·) און אייניקע פון די, וואָס זענען
געשטאַנען דערבײַ, האָבן עס געהערט, און האָבן
36 געזאָגט: זע, ער רופט אליהון· און איינער איז
געלאָפן, און האָט אָנגעפילט אַ שוואָם מיט עסיק,
און זי אַרויפגעזעצט אויף אַ שטעקן, און אים
געגעבן צו טרינקען, (תהלים סט, כב·) אַזוי צו
זאָגן: לאָזט; מיר וועלן זעען אויב אליהו וועט
37 קומען, כדי אים אַראָפּצונעמען! ישוע אָבער
האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך געשריי, און אָפּגעגע־
38 געבן דעם גייסט· און דאָס פרוכת פון היכל האָט
39 זיך צעריסן אין צווייען, פון אויבן ביז אַראָפּ· און
ווי דער אָפיציר, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקייגנ־
איבער אים, האָט געזעען, אַז ער האָט אָט אַזוי
אָפּגעגעבן דעם גייסט, האָט ער געזאָגט: דער
דאָזיקער מענטש איז באמת געווען ג־טס זון!
40 און עס זענען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן זיך
צוגעקוקט פונדערווייטנס, צווישן זיי מרים פון
מגדלה, און מרים, די מוטער פון יעקב הקטן און
41 פון יוסי, און שלומית; וועלכע האָבן אים נאָכגעגע־
פאָלגט, ווען ער איז נאָך געווען אין גליל, און

האָבן אים באַדינט; און אַ סך אַנדערע פרויען, וואָס
זענען אַרויפגעגאַנגען מיט אים קיין ירושלים.
42 און ווען עס איז שוין געוואָרן אָוונט, ווייל עס
איז געווען ערב שבת, דאָס הייסט אַ טאָג פאַר שבת,
43 איז געקומען יוסף הרמתי, אַן אָנגעזעענער יועץ,
וואָס האָט אַליין אויך געהאָפט אויף גאָטס קעניגרייך,
און האָט זיך אונטערגעשטעלט אַריינצוגיין צו
44 פילאַטוסן, און געבעטן ישועס גוף. פילאַטוס
אָבער האָט זיך געוואונדערט, אַז ער איז שוין
געשטאָרבן; און האָט גערופן צו זיך דעם אָפיציר,
און אים געפרעגט, צי ער איז שוין לאַנג טויט.
45 און דערוויסנדיק זיך פונם אָפיציר, האָט ער יוספן
46 געשענקט דעם גוף. און ער האָט געקויפט אַ ליילעך,
האָט אים אַראָפּגענומען, און אים איינגעוויקלט
אין דעם ליילעך, און אַריינגעלייגט אין אַ קבר,
וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פעלזן; און
האָט אַרויפגעקייקלט אַ שטיין אויף דעם אַריינגאַנג
47 צום קבר. (ישעיהו נג, ט.) און מרים פון מגדלה
און מרים, יוסיס מוטער, האָבן געזען וואו ער איז
געלייגט געוואָרן.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און ווען עס איז געוואָרן אויס שבת, האָבן מרים
פון מגדלה, און מרים, די מוטער פון יעקבֿ,
און שלומית געקויפט געווירצן, כדי זיי זאָלן
2 אַהינגיין אים צו זאַלבן. און זער פרי דעם ערשטן
טאָג פון דער וואָך, קומען זיי צום קבר, ווען די
3 זון איז אויפגעגאַנגען. און האָבן געזאָגט איינע
צו דער אַנדערער: ווער וועט אַראָפּקייקלען פאַר
אונדז דעם שטיין פון דעם אַריינגאַנג צום קבר?

4 און ווי זיי האָבן אַ בליק געטון, זעען זיי, אַז דער
שטיין איז אַוועקגעקייקלט; וואָרום ער איז געווען
5 זער גרויס. און ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין
קבר אַריין, האָבן זיי געזעען אַ בחור זיצן אויף
דער רעכטער זייט, אָנגעטון אין אַ ווייס קלייד,
6 און זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. און ער
זאָגט צו זיי: שרעקט זיך נישט! איר זוכט ישוען
פון נצרת, דעם געקרייציקטן; ער איז אויפגעשטאַנען;
ער איז דאָ נישטאָ; אָט איז דאָס אָרט, וואו מען
7 האָט אים געלייגט! (תהלים טז, י.) נאָר גייט, זאָגט
זיינע תלמידים און פעטרוסן, אַז ער גייט פאָרויס
פאַר אייך קיין גליל; דאָרט וועט איר אים זעען,
8 לויט ווי ער האָט אייך געזאָגט. און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען, און זענען אַנטלאָפן פון קבר;
וואָרום עס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ ציטעריניש און
זיי זענען געווען אויסער זיך; און זיי האָבן
קיינעם גאָרנישט געזאָגט; ווייל זיי האָבן מורא
געהאַט.

9 און ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי
דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, האָט ער זיך צום
ערשט באַוויזן צו מרים פון מגדלה, פון וועמען ער
10 האָט אַרויסגעטריבן זיבן בייזע גייסטער. זי איז
געגאַנגען און האָט עס דערציילט צו די, וואָס זענען
געווען מיט אים, וואָס האָבן געטרויערט און געוויינט.
11 און ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער לעבט און איז
פון איר געזעען געוואָרן, האָבן זיי עס נישט געגלויבט.
12 נאָך דעם האָט ער זיך באַוויזן אין אַן אַנדער
געשטאַלט צו צוויי פון זיי, בשעת זיי זענען געגאַנגען
13 אין פעלד אַריין. און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און
האָבן עס דערציילט צו די איבריקע; אָבער אויך
יענע האָבן זיי נישט געגלויבט.

14 דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו די עלף אַליין,
בשעת זיי זענען געזעסן ביים טיש, און האָט זיי
פאָרגעוואָרפן זייער אומגלויבן און האַרטקייט פון
האַרצן, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט די, וואָס
15 האָבן אים געזעען אַן אויפגעשטאַנענעם. און ער
האָט צו זיי געזאָגט: גייט אין דער גאַנצער וועלט,
זאָגט אָן די גוטע בשורה צו דער גאַנצער באַשאַפונג.
16 ווער עס גלויבט און לאָזט זיך טובל זיין, דער וועט
געראַטעוועט ווערן; ווער אָבער עס וועט נישט
17 גלויבן, דער וועט פאַרמשפּט ווערן. און די דאָזיקע
צייכנס וועלן באַגלייטן די, וואָס גלויבן יאָ: אין מיין
נאָמען וועלן זיי אַרויסטרייבן בייזע גייסטער; זיי
18 וועלן רעדן מיט נייע לשונות; מיט די הענט וועלן
זיי אויפהויבן שלאַנגען, און אויב זיי וועלן טרינקען
סם, וועט עס זיי בשום אופן נישט פאַרשאַדטן; אויף
קראַנקע וועלן זיי אַרויפלייגן די הענט, און זיי
וועלן געזונט ווערן.
19 און אַזוי, נאָך דעם ווי דער האַר ישוע האָט צו
זיי גערעדט, איז ער אַרויפגענומען געוואָרן אין
הימל אַריין, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף
20 ג־טס רעכטער זייט. (תהלים ק׳, א׳) און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אויסגערופן (די גוטע
בשורה) אומעטום, און דער האַר האָט מיטגעווירקט
מיט זיי, באַשטעטיקנדיק דאָס וואָרט דורך די
צייכנס, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. אמן.

# די גוטע בשורה לויט לוקאַס

1 ווייל אַ סך האָבן אונטערגענומען צוזאַמענצושטעלן
אַ געשיכטע פון די פאַקטן, וואָס זענען פאַר־
2 געקומען צווישן אונדז, אַזוי ווי עס האָבן זיי אונדז
איבערגעגעבן די, וואָס האָבן זיי אַליין געזען פון
אָנהויב אָן און זענען געווען דינער פונם וואָרט,
3 איז עס מיר אויך וואוילגעפעלן, האָבנדיק אַלץ
גרינטלעך אויסגעפאָרשט אויפסניי, צו שרייבן צו
4 דיר לויט אַ סדר, אָ, באַבעלער טעאָפילוס, כדי
דו זאָלסט זיך דערוויסן די זיכערקייט פון די
זאַכן, וועלכע דו ביסט געלערנט געוואָרן.
5 עס איז געווען אין די טעג פון הורדוס, קעניג
פון יהודה, אַ געוויסער כהן, וואָס האָט געהייסן
זכריה, פון דעם משמר פון אַביה; און ער האָט
געהאַט אַ ווייב פון די טעכטער פון אהרן, און זי
6 האָט געהייסן אלישבע. און ביידע זענען זיי געווען
צדיקים פאַר גאָט, און האָבן געוואַנדלט אין אַלע
מצוות און חוקים פון דעם האַר (ג־ט) אָן אַ פעלער.
7 און זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינד, ווייל אלישבע
איז געווען אַן עקרה, און ביידע האָבן שוין געהאַט
דערגרייכט אַ טיפע עלטער.
8 און עס איז געשען, בשעת ער האָט אָפּגעריכט
די עבודה פאַר ג־ט לויט דעם סדר פון זיין משמר,
9 איז אויסגעפאַלן דער גורל, לויט דעם מנהג פון
דער כהונה, אַז ער זאָל אַריינגיין רויכערן קטורת
10 אינם היכל פון דעם האַר (ג־ט), און דער גאַנצער
המון עם האָט מתפלל געווען אינדרויסן אין דער
11 שעה פון קטורת. און אַ מלאך פון דעם האַר (ג־ט)
האָט זיך באַוויזן צו אים, שטייענדיק אויף דער

12 רעכטער זייט פונם מזבח הקטורת. און זכריה האָט
אים געזעען, און האָט זיך דערשראָקן, און אַ מורא
13 איז געפאַלן אויף אים. דער מלאך אָבער האָט צו
אים געזאָגט: פאָרכט דיך נישט, זכריה; ווייל דיין
תפילה איז דערהערט געוואָרן, און אלישבע, דיין
ווייב, וועט דיר געבוירן אַ זון, און דו זאָלסט רופן
14 זיין נאָמען יוחנן. און ער וועט זיין פאַר דיר אַ
פרייד און אַ שמחה, און אַ סך וועלן זיך פרייען
15 איבער זיין געבורט. וואָרום ער וועט זיין גרויס
פאַר דעם האַר (ג־ט), און וויין און שאַרפע געטראַנ־
קען וועט ער נישט טרינקען, און שוין פון זיין
מוטערס לייב אָן וועט ער זיין פול מיט דעם רוח
16 הקודש. און אַ סך פון די קינדער ישראל וועט ער
17 צוריקפירן צום האַר, דעם ג־ט זייערן. און ער
וועט פאָרויסגיין פאַר אים אינם גייסט און אין דער
מאַכט פון אליהו, צוריק צו קערן די הערצער פון
די פאָטערס צו די קינדער און די ווידערשפעניקע—
צו דער פאַרשטאַנדיקייט פון צדיקים, צו שאַפן אַ
צוגעגרייט פאָלק פאַר דעם האַר (ג־ט). (מלאכי ד,
18 ה־ו; ישעיהו מ, ג.) און זכריה האָט געזאָגט צו דעם
מלאך: לויט וואָס וועל איך דאָס דאָזיקע דער־
קענען? וואָרום איך בין אַ זקן און מיין ווייב
19 איז אויך שוין אין אירע עלטערע יאָרן. און דער
מלאך האָט ענטפערנדיק צו אים געזאָגט: איך
בין גבריאל, (דניאל ח, טז; ט, כא.) וואָס שטייט פאַר
ג־ט, און בין געשיקט געוואָרן צו רעדן צו דיר
און דיר אָנצוזאָגן די גוטע בשורה פון די דאָזיקע
20 זאַכן. און זע, דו וועסט זיין שטום און נישט
קענען רעדן ביז צום טאָג ווען די דאָזיקע זאַכן
וועלן געשעען, ווייל דו האָסט נישט געגלויבט
מיינע ווערטער, וועלכע וועלן דערפילט ווערן

21 אין זייער צייט. און דאָס פאָלק האָט געוואַרט
אויף זכריהן, און האָט זיך געוואונדערט וואָס ער
22 זוימט זיך אינעם היכל. און ווען ער איז אַרויס־
געקומען האָט ער נישט געקענט רעדן צו זיי; און
זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזען אַ חזיון
אינעם היכל; און ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט
23 זיי דורך צייכנס, און איז פאַרבליבן שטום. און
עס איז געשען, ווען די טעג פון זיין אָפּריכטן די
עבודה זענען דערפילט געוואָרן, איז ער אַהיים
געגאַנגען.
24 און נאָך די דאָזיקע טעג איז אלישבע, זיין ווייב,
טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט זיך פאַרבאָרגן
25 פינף חדשים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט דער האַר
(ג־ט) מיר געטון אין די טעג ווען ער האָט אויף־
מיר געקוקט אַוועקצונעמען מיין חרפּה צווישן
מענטשן.
26 און אין דעם זעקסטן חודש איז דער מלאך גבריאל
געשיקט געוואָרן פון ג־ט קיין גליל אין אַ שטאָט
27 אַריין וואָס האָט געהייסן נצרת, צו אַ יונגפרוי וואָס
איז געווען פאַרקנסט צו אַ מאַן מיט דעם נאָמען
יוסף, אויס דעם בית דוד; און די יונגפרוי האָט
28 געהייסן מרים. און אַריינקומענדיק צו איר האָט ער
געזאָגט: שלום דיר, דו מיט גנאָד־באַשענקטע,
29 דער האַר (ג־ט) איז מיט דיר. זי האָט זיך אָבער
דערשראָקן איבער דעם וואָרט, און האָט זיך גע־
טראַכט, וואָס זאָל די דאָזיקע באַגריסונג באַטייטן?
30 און דער מלאך האָט צו איר געזאָגט: פאָרכט דיך
נישט, מרים; וואָרום דו האָסט געפונען חן ביי
31 ג־ט. און זע, דו וועסט מעוברת ווערן און
געבוירן אַ זון, און דו זאָלסט רופן זיין נאָמען ישוע.
32 ער וועט זיין גרויס, און וועט גערופן ווערן זון

פון דעם אויבערשטן; און דער האַר ג-ט וועט אים
33 געבן דעם טראָן פון זיין פאָטער דוד; און ער וועט
קעניגן איבער דעם הויז פון יעקב אויף אייביק,
און זיין מלכות וועט נישט האָבן קיין סוף. (ישעיהו
34 ט, ו-ז.) און מרים האָט געזאָגט צום מלאך:
וויאַזוי וועט דאָס דאָזיקע זיין, איך קען דאָך נישט
35 קיין מאַן? און דער מלאך האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צו איר: דער רוח הקודש וועט קומען
איבער דיר, און דעם אויבערשטנס גבורה וועט
דיך באַשאָטן; דערפאַר וועט דאָס געבוירענע (קינד)
אויך גערופן ווערן הייליק, בן אלקים. (ישעיהו ז, יד.)
36 און זע, אלישבע, די קרובה דיינע, אויך זי
איז טראָגעדיק מיט אַ זון אויף איר עלטער, און
זי, וועמען מען האָט גערופן עקרה, איז שוין אין
37 זעקסטן חודש; ווייל קיין זאַך איז נישט אוממעגלעך
38 פאַר ג-ט. און מרים האָט געזאָגט: זע, איך בין
די דינסטמויד פון דעם האַר (ג-ט); זאָל מיר
געשעען לויט דיין וואָרט. און דער מלאך איז
אַוועקגעגאַנגען פון איר.

39 און מרים איז אויפגעשטאַנען אין די דאָזיקע
טעג און איז אייליק אַוועקגעגאַנגען צום באַרגלאַנד,
40 צו אַ שטאָט אין יהודה; און איז אַריינגעגאַנגען
אין זכריהס הויז און האָט אָפּגעגעבן שלום
41 אלישבען. און עס איז געשעען, ווי אלישבע האָט
געהערט מרימס באַגריסונג, האָט דאָס קינד אַ
שפּרונג געטון אין איר לייב; און אלישבע איז פול
42 געוואָרן מיט דעם רוח הקודש, און האָט
אויפגעהויבן איר קול מיט אַ הויך געשריי, און
געזאָגט: געבענטשט ביסטו צווישן פרויען, און
43 געבענטשט איז די פרוכט פון דיין לייב. און
פאַרוואָס איז דאָס דאָזיקע מיר געשעען, אַז די

44 מוטער פון מיין האַר זאָל קומען צו מיר? וואָרום
זע, ווי דאָס קול פון דיין באַגריסונג איז געקומען
אין מיינע אויערן אַריין, האָט דאָס קינד אַ שפּרונג
45 געטון מיט שמחה אין מיין לייב. און אַז וואויל
איז איר וואָס האָט געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַ
דערפילונג צו דעם, וואָס איז איר געזאָגט געוואָרן
46 פונם האַר (ג־ט). און מרים האָט געזאָגט:
עס טוט דערהייכן מיין זעל דעם האַר,
47 און עס פריידט זיך מיין גייסט אין ג־ט, מיין
דערלייזער,
48 ווייל ער האָט געבליקט אויף דער נידריקייט
פון זיין דינסטמויד;
וואָרום זע, פון איצט אָן וועלן מיך בענטשן
אַלע דורות,
49 ווייל גרויסע זאַכן האָט מיר געטון דער
מעכטיקער,
און הייליק איז זיין נאָמען;
50 און זיין באַרמהערציקייט איז פון דור צו
דור
צו די, וואָס פאָרכטן זיך פאַר אים.
51 מאַכט האָט ער באַוויזן מיט זיין אָרעם,
צעשפּרייט האָט ער די שטאָלצע אין דער
מחשבה פון זייער האַרץ.
52 פון טראָנען האָט ער אַראָפּגעזעצט מעכטיקע,
און נידריקע האָט ער דערהייכט;
53 הונגריקע האָט ער אָנגעפילט מיט אַלעם גוטן,
און רייכע אָוועקגעשיקט מיט גאָרנישט.
54 געהאָלפן האָט ער זיין קנעכט ישראל,
געדענקענדיק זיין רחמנות.
55 אַזוי ווי ער האָט גערעדט צו אונזערע אָבות,
צו אברהם און זיין זאָמען אויף אייביק.

56 און מרים איז געבליבן ביי איר אַן ערך דריי
חדשים, און האָט זיך אומגעקערט אַהיים.
57 פאַר אלישבען אָבער האָט זיך דערפילט די צייט
58 פון איר קימפעט, און זי האָט געבוירן אַ זון. און
אירע שכנים און קרובים האָבן געהערט, אַז דער
האַר (ג־ט) האָט איר אַרויסגעוויזן גרויס חסד, און
59 האָבן זיך געפריידט מיט איר. און עס איז געשען,
דעם אַכטן טאָג איז מען געקומען מל זיין דאָס
קינד, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין
60 פאָטער זכריה. און זיין מוטער האָט ענטפערנדיק
61 געזאָגט: ניין; נאָר ער זאָל הייסן יוחנן. און זיי
האָבן צו איר געזאָגט: אין דיין משפחה איז דאָך
נישטאָ קיינער, וואָס האָט דעם דאָזיקן נאָמען!
62 און זיי האָבן געוואונקען צו זיין פאָטער, ווי וואָלט
63 ער געוואָלט אים אַ נאָמען געבן. און ער האָט
געבעטן אַ שרייב־טעוועלע און האָט אויפגעשריבן,
אַזוי צו זאָגן: זיין נאָמען איז יוחנן! און אַלע
64 האָבן זיך געוואונדערט. און אין אַן אויגנבליק
האָבן זיך זיין מויל און צונג געעפנט; און ער האָט
65 גערעדט, לויבנדיק ג־ט. און אַ מורא איז געקומען
אויף אַלע זייערע שכנים, און אין דעם גאַנצן
באַרגלאַנד פון יהודה האָט מען גערעדט פון אַלע
66 די דאָזיקע זאַכן. און אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט,
האָבן עס זיך גענומען צום האַרצן, אַזוי צו זאָגן:
וואָס וועט דאָס דאָזיקע קינד זיין? וואָרום אויך
די האַנט פון דעם האַר (ג־ט) איז געווען מיט אים.
67 און זכריה, זיין פאָטער, איז פול געוואָרן מיט
דעם רוח הקודש און האָט נבואות געזאָגט, אַזוי צו
זאָגן:
68 געלויבט זאָל זיין דער האַר, דער ג־ט פון
ישראל,

ווייל ער האָט השגחה געהאַט און געשאַפן אַ
ישועה פאַר זיין פאָלק,
69 און אויפגעשטעלט אַ האָרן פון גאולה פאַר
אונזערטוועגן
אין דעם הויז פון דוד זיין קנעכט,
70 לויט ווי ער האָט גערעדט דורך דעם מויל פון
זיינע הייליקע נביאים,
פון אייביק אָן,
71 אַ רעטונג פון אונזערע שונאים און אויס דער
האַנט
פון אַלע, וואָס האַסן אונז;
72 צו טון חסד מיט אונזערע אָבות,
און צו געדענקען זיין הייליקן בונד;
73 די שבועה, וואָס ער האָט געשוואוירן צו אונזער
פאָטער אברהם;
74 אונז צו געבן, זייענדיק באַפרייט אויס דער
האַנט פון אונזערע שונאים,
מיר זאָלן אים דינען אָן מורא,
75 אין קדושה און גערעכטיקייט פאַר אים
אַלע אונזערע טעג.
76 און דו, קינד, וועסט גערופן ווערן נביא פון
דעם אויבערשטן,
וואָרום דו וועסט גיין פאָרויס פאַר דעם האַר
צוצוגרייטן זיינע וועגן, (ישעיהו מ, ג.)
77 כדי צו געבן זיין פאָלק דערקענטעניש פון דער
הילף
אין פאַרגעבונג פון זייערע זינד,
78 דורך דער הערצלעכער דערבאַרמונג פון אונזער
ג-ט,
דורך וועלכן אַ זונאויפגאַנג פון אויבן וועט
קומען צו אונז,

79 זיי צו געבן ליכט וואָס זיצן אין פינסטערניש
און אין שאָטן פון טויט,
צו פירן אונזערע פיס אינם וועג פון שלום.
80 און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז שטאַרק
געוואָרן אינם גייסט און איז געווען אין מדבריות
ביז צום טאָג פון זיין באַווייזן זיך צו ישראל.

## קאַפּיטל צוויי

1 און עס איז געשעען אין יענע טעג, אַ דעקרעט
איז אַרויסגעגאַנגען פון קיסר אויגוסטוס, אַז די
2 גאַנצע וועלט זאָל זיך רעגיסטרירן. דאָס איז די
ערשטע רעגיסטרירונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן
בשעת קירעניוס איז געווען גובערנאַטאָר פון סיריען.
3 און אַלע זענען געגאַנגען זיך רעגיסטרירן, יעדער
4 אייגער אין זיין אייגענער שטאָט אַריין. און יוסף
איז אויך אַרויפגעגאַנגען פון גליל, אויס דער
שטאָט נצרת, קיין יהודה, אין דער שטאָט פון דוד,
וועלכע הייסט בית לחם, ווייל ער איז געווען פון
5 דעם הויז און משפחה פון דוד (המלך); אַז ער זאָל
זיך לאָזן רעגיסטרירן צוזאַמען מיט מרים, וואָס איז
געווען פאַרקנסט צו אים, און איז געווען מעוברת.
6 און עס איז געשעען, בשעת זיי זענען דאָרט געווען,
דאָס די טעג פון איר קימפּעט זענען דערפילט
7 געוואָרן, און זי האָט געבוירן איר זון, דעם בכור,
און האָט אים איינגעוויקלט אין ווינדעלעך און
אַרייגעלייגט אין אַ מולטער, צוליב דעם וואָס
עס איז נישט געווען קיין אָרט פאַר זיי אין דער
אכסניה.
8 און אין דער זעלביקער געגנט זענען געווען
פאַסטוכער, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויפן

פעלד און געהאַלטן וואַך איבער זייער סטאַדע
9 ביינאַכט. און אַ מלאך פונם האַר (ג־ט) האָט זיך
אָוועקגעשטעלט ביי זיי און דער כבוד פון האַר
(ג־ט) האָט זיי אַרומגעלויכטן, און זיי האָבן זיך
10 געפאָרכטן מיט אַ גרויסער פורכט. און דער מלאך
האָט צו זיי געזאָגט: פאָרכט זיך נישט! וואָרום
זע, איך זאָג אייך אָן אַ גוטע בשורה פון גרויסער
11 פרייד, וועלכע איז פאַרן גאַנצן פאָלק; אַז אייך
איז היינט געבוירן געוואָרן אַ גואל, וועלכער איז
משיח, דער האַר, אין דער שטאָט פון דודי. (מיכה
12 ה, ב.) און דאָס דאָזיקע איז פאַר אייך אַ צייכן:
איר וועט געפינען אַ קליין קינד איינגעוויקלט אין
13 ווינדלען און ליגנדיק אין אַ מולטער. און פלוצלונג
איז געווען אינאיינעם מיט דעם מלאך אַ מחנה פון
הימלישע הערשאַרן וואָס האָבן געלויבט ג־ט און
געזאָגט:

14 כבוד צו ג־ט אין די הויכקייטן,
און אויף דער ערד שלום צווישן מענטשן
אין וועמען ער האָט אַ וואוילגעפעלן!

15 און עס איז געשען, ווי די מלאָכים זענען פון
זיי אַוועק אין הימל אַריין, האָבן די פאַסטוכער
געזאָגט איינער צום אַנדערן: לאָמיר איצט גיין
קיין בית לחם, און זען די דאָזיקע זאַך,
וואָס איז געשען, וועלכע דער האַר (ג־ט) האָט
16 אונדז צו וויסן געטון. און זיי זענען געגאַנגען
איילנדיק און האָבן געפונען מרים און יוספן, און
17 דאָס קליינע קינד ליגנדיק אין דער מולטער. און
ווען זיי האָבן עס געזען האָבן זיי באַקאַנט געמאַכט
דאָס וואָרט, וואָס איז צו זיי גערעדט געוואָרן וועגן
18 דעם דאָזיקן קינד. און אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט,
האָבן זיך געוואונדערט איבער דעם, וואָס איז

19 געזאָגט געוואָרן פון די פּאַסטוכער. מרים אָבער
האָט אָפּגעהיטן אַלע די דאָזיקע רייד און האָט
20 נאָכגעטראַכט איבער זיי אין איר האַרץ. און די
פּאַסטוכער האָבן זיך אומגעקערט אָפּגעבנדיק כבוד
צו ג־ט און לויבנדיק אים פאַר אַלעם, וואָס זיי
האָבן געהערט און געזען, אַזוי ווי עס איז צו זיי
גערעדט געוואָרן.
21 און ווען אַכט טעג זענען דערפילט געוואָרן, אַז
מען זאָל אים מל זיין, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן
ישוע, ווי ער איז גערופן געוואָרן פון דעם מלאך
איידער ער איז געשאַפן געוואָרן אינם מוטערלייב.
22 און ווען די טעג זענען דערפילט געוואָרן פון
זייער רייניקונג לויט תורת משה, האָבן זיי אים
אַרויפגעבראַכט קיין ירושלים, כדי אים אַוועק־
צושטעלן פאַר דעם האַר (ג־ט) (ויקרא יב, א־ח.)
23 אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה פון
דעם האַר (ג־ט): יעדער זכר, וואָס עפנט די
מוטערטראַכט, זאָל גערופן ווערן הייליק צום האַר
24 (ג־ט); (שמות יג, א־ב.) און צו ברענגען אַ קרבן
לויט ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער תורה
פונם האַר (ג־ט): אַ פּאָר טערקל־טויבן אָדער
צוויי יונגע טויבן.
25 און זע, עס איז געווען אַ מענטש אין ירושלים,
וועלכער האָט געהייסן שמעון, און דער דאָזיקער
איז געווען אַן איש צדיק און אַ גאָטספאָרכטיקער
מענטש, און האָט געהאָפט אויף דער נחמה פון
ישראל; און דער רוח הקודש האָט גערוט אויף אים.
26 און עס איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דעם
רוח הקודש, אַז ער וועט נישט זעען דעם טויט
איידער ער וועט זעען דעם משיח פון דעם האַר
27 גאָט. און ער איז געקומען דורך דעם גייסט אין

בית המקדש אַריין; און בשעת די עלטערן האָבן
אַריינגעברענגט דאָס קינד ישוע, כדי צו טון מיט
28 אים לויט דעם מנהג פון דער תורה, האָט ער (שמעון)
עס גענומען אויף זיינע אָרעמס און געלויבט ג-ט
און געזאָגט:

29 איצט, אָ, האַר, לאָזטו דיין קנעכט גיין,
לויט דיין וואָרט, בשלום,
30 ווייל געזעען האָבן מיינע אויגן דיין רעטונג,
31 וואָס דו האָסט צוגעגרייט פאַר אַלע פעלקער,
32 אַ ליכט צו דער באַלויכטונג פון די גוים
און אַ הערלעכקייט פאַר דיין פאָלק ישראל.
(ישעיהו מב, ו.)

33 און זיין פאָטער און מוטער האָבן זיך געוואונדערט
איבער דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אים;
34 און שמעון האָט זיי געבענטשט און געזאָגט צו
מרים, זיין מוטער: זע, ער איז באַשטימט צום
פאַלן און אויפשטיין פון אַ סך אין ישראל, און אַלס
אַ צייכן, וואָס וועט ווידערגעשפּראָכן ווערן:
35 (ישעיהו ח, יד-טו.) און אויך דיין אייגענער זעל
וועט אַדורכדרינגען אַ שווערד; כדי די מחשבות
פון אַ סך הערצער זאָלן אַנטפּלעקט ווערן.
36 און עס איז געווען אַ נביאה, חנה בת פנואל, פונם
שבט אָשר. זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַ זער
טיפע עלטער, האָבנדיק געלעבט מיט אַ מאַן זיבן
37 יאָר פון איר יונגפרוישאַפט אָן, און איז געווען
אַן אלמנה ביז צו פיר און אַכציק יאָר, וואָס האָט
נישט פאַרלאָזט דאָס בית המקדש, און האָט געדינט
ג-ט מיט תעניתים און תפילות ביי טאָג און ביי נאַכט.
38 אויך זי איז געקומען אין דער זעלביקער שעה, האָט
געלויבט גאָט, און גערעדט וועגן אים צו אַלע,
וואָס האָבן געהאָפט אויף דער אויסלייזונג פון

39 ירושלים. און ווי זיי האָבן אַלץ מקיים געווען לויט
דער תורה פונם האַר (ג־ט), האָבן זיי זיך אומ־
געקערט קיין גליל, אין זייער אייגענער שטאָט
נצרת.

40 און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז געוואָרן
שטאַרק, ווערנדיק פול מיט חכמה, און ג־טס חן
איז געווען אויף אים.

41 און זיינע עלטערן פלעגן עולה רגל זיין יעדעס
42 יאָר קיין ירושלים אויף יום טוב פסח. און ווען ער
איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר זענען זיי אַרויפ־
43 געגאַנגען לויט דעם מנהג פונם יום טוב; און ווען
די טעג האָבן זיך געענדיקט און זיי האָבן זיך
אומגעקערט (אַהיים), איז דאָס יינגל ישוע איבערגע־
בליבן אין ירושלים, און זיינע עלטערן האָבן עס
44 נישט געוואוסט; נאָר מיינענדיק, אַז ער איז מיט
די עולי רגל, זענען זיי געגאַנגען אַ טאָג רייזע און
האָבן אים געזוכט צווישן די קרובים און באַקאַנטע.
45 און (אַזוי־ווי) זיי האָבן אים נישט געפונען, האָבן
זיי זיך אומגעקערט קיין ירושלים און אים
46 געזוכט. און עס איז געשען, אין דריי טעג אַרום
האָבן זיי אים געפונען אין בית המקדש זיצנדיק
אין דער מיט צווישן די תנאים, און ער האָט זיך
47 צוגעהערט צו זיי און זיי געשטעלט קשיות; און
אַלע, וואָס האָבן אים געהערט, האָבן געשטוינט
48 איבער זיין שכל און זיינע תשובות. און ווען
זיי האָבן אים דערזען, זענען זיי געוואָרן אויסער
זיך, און זיין מוטער האָט צו אים געזאָגט: קינד,
פאַרוואָס האָסטו אונז אַזוי געטון? זע, דיין פאָטער
49 און איך האָבן דיך געזוכט מיט אַנגסט. און ער
האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר מיך
געזוכט? צי האָט איר דען נישט געוואוסט, אַז איך

50 מוז זײַן אין מײַן פֿאָטערס הויז? און זיי האָבן
נישט משיג געווען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט צו
51 זיי גערעדט. און ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט זיי
און איז געקומען קיין נצרת און געווען אונטערטעניק
צו זיי; און די מוטער זײַנע האָט אָפּגעהיטן די אַלע
ווערטער אין איר האַרץ.
52 און ישוע איז געוואַקסן אין דער חכמה און אין
קערפּערלעכן־געשטאַלט, און אין חן בײַ ג־ט און
בײַ לײַטן.

## קאַפּיטל דרײַ

3

1 און אין דעם פֿיפֿצענטן יאָר פֿון דער הערשאַפֿט
פֿון קיסר טיבעריוס, בעת פּאָנטיוס פּילאַטוס
איז געווען גובערנאַטאָר פֿון יהודה, און הורדוס
איז געווען טעטראַרך פֿון גליל, און פֿיליפּוס, זײַן
ברודער, איז געווען טעטראַרך פֿון איטורעאַ און
פֿון דער געגנט טראַכאָניטיס, און ליזיאַנוס איז
2 געווען טעטראַרך פֿון אַבילענע, ווען חנן און קיפֿאָ
זענען געווען כהנים גדולים, איז ג־טס וואָרט
3 געקומען צו יוחנן בן זכריה אין דער מדבר. און
ער איז געקומען אין דער גאַנצער אומגעגנט פֿון
ירדן און האָט אויסגערופֿן אַ טבֿילה פֿון תּשובֿה צו
4 דער פֿאַרגעבונג פֿון זינד, אַזוי ווי עס שטייט
געשריבן אינעם ספֿר פֿון די ווערטער פֿון ישעיה
הנביא:

אַ קול פֿון אײנעם וואָס שרײַט אין דער מדבר:
גרייט צו דעם וועג פֿון דעם האַר (ג־ט),
מאַכט גלײַך זײַנע שטעגן.
5 יעדער טאָל זאָל אָנגעפֿילט ווערן
און יעדער באַרג און יעדעס בערגל זאָלן
דערנידעריקט ווערן,

און די קרומע (ערטער) זאָלן אויסגעגלייכט ווערן
און די נישט־גלייכע—צו גלאַטע וועגן;
6 און זאָל יעדער בשר (ודם) זעען די ישועה פון
ג־ט. (ישעיהו מ׳, ג־ה׳)

7 און ער האָט געזאָגט צו די המונים מענטשן,
וואָס זענען אַרויסגעקומען געטובלט צו ווערן פון
אים: איר עקדעסן־שטאַם, ווער האָט אייך געגעבן
צו פאַרשטיין צו אַנטלויפן פון דעם קומענדיקן
8 צאָרן? ברענגט דעריבער פירות, (וואָס זענען
ווירדיק פון תשובה, און הויבט נישט אָן זיך איינצור־
רעדן: מיר האָבן אברהם אַלס אונזער פאָטער;
וואָרום איך זאָג אייך, אַז ג־ט איז בכח אויס די
דאָזיקע שטיינער אויפצושטעלן קינדער צו אַב־
9 רהמען. און די האַק ליגט אויך שוין ביים וואָרצל
פון די ביימער; דעריבער יעדער איינער בוים,
וואָס ברענגט נישט קיין גוטע פירות, ווערט
10 אָפּגעהאַקט און געוואָרפן אין פייער אַריין. און
די מאַסן מענטשן האָבן אים געפרעגט, אַזוי זאָגן:
11 וואָס זשע זאָלן מיר טון? און ער האָט
ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: ווער עס האָט צוויי
העמדער, דער זאָל זיך טיילן מיט דעם, וואָס האָט
גאָרנישט; און דער, וואָס האָט שפייז, זאָל אויך
12 אַזוי טון! און אויך שטייער־אויפמאָנער זענען
געקומען צו לאָזן זיך טובל־זיין און האָבן
13 געזאָגט צו אים: רבי, וואָס זאָלן מיר טון? האָט
ער צו זיי געזאָגט: פאָדערט נישט מער ווי עס
14 איז אייך באַשטימט געוואָרן! און אויך זעלנער
האָבן אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: און מיר, וואָס
זאָלן מיר טון? און ער האָט צו זיי געזאָגט:
באַדריקט קיינעם נישט, ברענגט נישט קיין מסירות
אויף קיינעם, און באַגענוגט אייך מיט אייער געהאַלט.

15 און אַזוי ווי דאָס פאָלק איז געווען אין דערוואַרטונג,
און אַלע האָבן זיך געפרעגט אין זייערע הערצער
וועגן יוחנן, צי איז ער אַליין נישט אפשר דער
16 משיח, האָט יוחנן געענטפערט זאָגנדיק צו אַלעמען:
איך טובל אייך טאַקע מיט וואַסער, עס קומט
אָבער אַ שטאַרקערער פון מיר; וועמען איך בין
נישט ווערט אויפצובינדן דאָס שנירל פון זיינע
שיך; ער וועט אייך טובל זיין מיט דעם רוח הקודש
17 און מיט פייער; זיין ווינטשויפל איז אין זיין האַנט,
אויסצורייניקן זיין דרעשערייי און איינצוזאַמלען דעם
ווייץ אין שייער אַריין, די פּלעווע אָבער וועט ער
פאַרברענען מיט פייער, וואָס לעשט זיך נישט אויס.
18 און נאָך מיט אַ סך אַנדערע אַזהרות האָט ער
19 אָנגעזאָגט די גוטע בשורה צום פאָלק. הורדוס
אָבער, דער טעטראַרך, ווערנדיק געמוסרט פון אים
וועגן הורודיה, זיין ברודערס ווייב, און וועגן אַלע
20 מעשים־רעים, וואָס הורדוס האָט געטון, האָט ער
צו דעם אַלעם צוגעלייגט אויך דאָס דאָזיקע, וואָס
ער האָט יוחנן פאַרשלאָסן אין געפענקעניש.
21 און עס איז געשען, בשעת דאָס גאַנצע פאָלק
האָט זיך געלאָזט טובל זיין און ישוע איז אויך
געטובלט געוואָרן און האָט תפילה געטון, האָט זיך
22 דער הימל געעפנט, און דער רוח הקודש איז
אַראָפּגעקומען אויף אים אין אַ קערפּערלעך געשטאַלט,
ווי אַ טויב; און עס איז געקומען אַ קול פון הימל:
דו ביסט מיין געליבטער זון, אין דיר האָב איך
אַ וואוילגעפעלן!
23 און ישוע אַליין איז אַלט געווען ביי דרייסיק יאָר
ווען ער האָט אָנגעהויבן (זיין עבודה); און איז
געווען, ווי מען האָט געמיינט, דער זון פון יוסף
24 בן עלי, בן מתת, בן לוי, בן מלכי, בן ינאי, בן יוסף,

25 בן מתתיהו, בן אָמוץ, בן נחום, בן חסלי, בן נגי,
26 בן מחת, בן מתתיהו, בן שמעי, בן יוסף, בן יודה,
27 בן יוחנן, בן רישא, בן זרובבל, בן שאלתיאל, בן נרי,
28 בן מלכי, בן אדי, בן קוסם, בן אלמודם, בן ער,
29 בן ישוע, בן אליעזר, בן יורים, בן מתת, בן לוי,
30 בן שמעון, בן יהודה, בן יוסף, בן יונם, בן אליקים,
31 בן מליא, בן מינא, בן מתתה, בן נתן, בן דוד,
32 בן ישי, בן עובד, בן בועז, בן שלמון, בן נחשון,
33 בן עמינדב, בן אַרם, בן חצרון, בן פּרץ, בן יהודה,
34 בן יעקב, בן יצחק, בן אברהם, בן תרח, בן נחור,
35 בן שרוג, בן רעו, בן פּלג, בן עבר, בן שלח,
36 בן קינן, בן אַרפּכשד, בן שם, בן נח, בן למך,
37 בן מתושלח, בן חנוך, בן ירד, בן מהללאל, בן קינן,
38 בן אנוש, בן שת, בן אָדם, בן אלקים.

## קאַפּיטל פיר

1 און ישוע, פול מיט דעם רוח הקודש, האָט זיך
אומגעקערט פונם ירדן, און איז געפירט געוואָרן
פון דעם גייסט אין דער מדבר פערציק טעג לאַנג
2 און איז אויסגעפּרואווט געוואָרן פון שטן. און
ער האָט גאָרנישט געגעסן אין יענע טעג; און ווען
זיי האָבן זיך געענדיקט איז ער הונגעריק געוואָרן.
3 און דער שטן האָט צו אים געזאָגט: אויב דו ביסט
דער בן אלקים, זאָג צו דעם דאָזיקן שטיין, אַז ער
4 זאָל ווערן ברויט! און ישוע האָט אים געענטפערט:
עס שטייט געשריבן:

נישט מיט ברויט אַליין וועט דער מענטש לעבן!
(דברים ח, ג.)

5 האָט ער אים אַרויפגעפירט אויף אַ הויכן באַרג
און אים געוויזן אַלע קעניגרייכן פון דער וועלט אין

6 אַן אויגנבליק. און דער שטן האָט צו אים געזאָגט:
דיר וועל איך געבן די דאָזיקע גאַנצע מאַכט און
זייער הערלעכקייט; ווייל זי איז מיר איבערגעגעבן
געוואָרן, און איך גיב זי, צו וועמען איך וויל.
7 דעריבער אויב דו וועסט זיך בוקן פאַר מיר, וועט
8 אַלץ זיין דיין. און ישוע האָט ענטפערנדיק צו
אים געזאָגט: עס שטייט געשריבן:
9 צום האַר דיין ג־ט זאָלסטו זיך בוקן, און נאָר
אים אַליין זאָלסטו דינען. (דברים י, כ.)
ער אָבער האָט אים אַוועקגעפירט קיין ירושלים און
אים געשטעלט אויפן שפּיץ טורם פון בית המקדש,
און געזאָגט צו אים: אויב דו ביסט דער בן אלקים,
10 וואַרף דיך פונדאַנען אַראָפּ; וואָרום עס שטייט
געשריבן:
זיינע מלאָכים וועט ער באַפעלן וועגן דיר, דיך
11 אָפּצוהיטן;
אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן, אַז דו זאָלסט
דיר נישט צעקלאַפּן דיין פוס אין אַ שטיין.
(תהלים צא, יא־יב.)
12 און ישוע האָט אים ענטפערנדיק געזאָגט: עס
איז געזאָגט געוואָרן:
דו זאָלסט נישט אויספּרואוון דעם האַר דיין ג־ט.
(דברים ו, טז.)
13 און ווען דער שטן האָט געענדיקט אַלע אויספּרו־
וואונגען איז ער אַוועק פון אים ביז אויף אַ צייט.
14 און ישוע האָט זיך אומגעקערט אין דער קראַפט
פונם גייסט קיין גליל; און אַ קלאַנג איז אַרויסגע־
גאַנגען וועגן אים אין דער גאַנצער אומגעגנט.
15 און ער האָט געלערנט אין זייערע שולן, און אַלע
האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד.
16 און ער איז געקומען קיין נצרת, וואו ער איז

דערצויגן געוואָרן; און לויט זיין געוואוינהייט איז
ער שבת אַריינגעגאַנגען אין שול און האָט זיך
17 אויפגעשטעלט צו לייענען. און מען האָט אים
געגעבן דאָס ספר פון דעם נביא ישעיה. און אויפעפ־
נענדיק דאָס בוך האָט ער געפונען דאָס אָרט, וואו
עס איז געווען געשריבן:

18 דער גייסט פונם האַר (ג־ט) איז אויף מיר,
ווייל ער האָט מיך געזאַלבט,
כדי אָנצוזאָגן אַ גוטע בשורה צו אָרומעלייט;
ער האָט מיך געשיקט אויסצורופן באַפרייאונג
צו געפאַנגענע,
און צו בלינדע—ווידער צו קענען זען,
די אונטערגעדריקטע אַרויסצושיקן פריי,
19 אויסצורופן אַ שנת־רצון פון דעם האַר (ג־ט).
(ישעיהו סא, א־ב.)

20 און ער האָט צונויפגעוויקלט דאָס ספר, האָט עס
אַוועקגעגעבן דעם חזן און זיך אַנידערגעזעצט; און
אַלעמענס אויגן אין שול זענען געווען געצייגט מיט
21 שפּאַנונג אויף אים. און ער האָט אָנגעהויבן צו
זאָגן צו זיי: היינט איז די דאָזיקע שריפט מקוים
22 געוואָרן אין אייערע אויערן. און אַלע האָבן עדות
געזאָגט אויף אים און האָבן זיך געוואונדערט איבער
די ליבלעכע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען
פון זיין מויל; און האָבן געזאָגט: צי איז דען דאָס
23 נישט יוספס זון? און ער האָט צו זיי געזאָגט:
זיכער וועט איר מיר זאָגן דאָס דאָזיקע שפּריכ־
וואָרט: רופא, הייל דיך אַליין! אַלץ, וואָס מיר
האָבן געהערט, אַז עס איז געשעען אין כפר נחום,
24 טו אויך דאָ אין דיין פאָטערשטאָט! ער אָבער
האָט געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: קיין נביא איז
25 נישט אָנגענומען אין זיין פאָטערשטאָט. אויף אַן

אמת זאָג איך אייך: אַ סך אלמנות זענען געווען אין
ישראל אין די טעג פון אליהו (הנביא), ווען דער
הימל איז געווען פאַרשלאָסן אויף דריי יאָר און
זעקס חדשים, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער
26 הונגער איבערן גאַנצן לאַנד; און צו קיין איינער
פון זיי איז אליהו נישט געשיקט געוואָרן, אַ חוץ
קיין צרפת אין צידון צו אַ פרוי אַן אַלמנה. (א מל־
27 כים יז.) און אַ סך מצורעים זענען געווען אין
ישראל אין דער צייט פונם נביא אלישע; און קיין
איינער פון זיי איז נישט גערייניקט געוואָרן, אַ
28 חוץ נעמן דער סיריער. (ב מלכים ה.) און אַלע
אין שול זענען פול געוואָרן מיט צאָרן, הערנדיק
29 די דאָזיקע זאַכן; און האָבן זיך אויפגעהויבן און
אים אַרויסגעוואָרפן אויסער דער שטאָט, און
אים אַוועקגעפירט ביז צום שפּיץ פון דעם באַרג,
אויף וועלכן זייער שטאָט איז געווען געבויט,
30 כדי אים אַראָפּצושטירצן. ער אָבער, אַדורכ־
גייענדיק דורך זייער מיט, איז זיך אַוועק אויף זיין
וועג.
31 און ער איז אַראָפּגעגאַנגען קיין כפר נחום, אַ שטאָט
אין גליל; און אין די שבתים פלעגט ער זיי לערנען;
32 און מען פלעגט שטוינען איבער זיין תורה, ווייל
33 זיין וואָרט איז געווען מיט מאַכט. און אין דער
שול איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַן
אומריינעם בייזן גייסט, און ער האָט אַ געשריי
34 געטון מיט אַ הויך קול: ווי, וואָס האָבן מיר מיט
דיר, ישוע הנוצרי? ביסטו געקומען אונדז צו
פאַרטיליקן? איך ווייס ווער דו ביסט—דער קדוש
35 אלקים (הייליקער פון ג־ט). און ישוע האָט אויף
אים אָנגעשריגן, אַזוי צו זאָגן: שווייג און גיי אַרויס
פון אים! און דער בייזער גייסט האָט אים אַ וואָרף

געטון ביז אין דער מיט, איז אַרויס פון אים און האָט
36 אים גאָרנישט געשעדיקט. און אויף אַלעמען איז
אָנגעפאַלן אַ מורא, און זיי האָבן גערעדט איינער
מיטן אַנדערן, אַזוי צו זאָגן: וואָס פאַר אַ וואָרט
איז דאָס, אַז מיט מאַכט און מיט כח באַפעלט ער די
37 אומריינע גייסטער, און זיי גייען אַרויס! און דער
קלאַנג וועגן אים האָט זיך פאַרשפּרייט אויף יעדן
אָרט אין דער געגנט אַרום.

38 און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַרויסגע־
גאַנגען פון שול אין שמעונס הויז אַריין. שמעונס
שוויגער אָבער האָט געליטן פון אַ שטאַרק פיבער,
39 און זיי האָבן אים געבעטן פאַר אירעטוועגן. און ער
האָט זיך אַנידערגעשטעלט איבער איר און האָט
אָנגעשריגן דאָס פיבער, און עס האָט זי פאַרלאָזט;
און אין אַן אויגנבליק איז זי אויפגעשטאַנען און
האָט זיי באַדינט.

40 און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבן אַלע,
וואָס האָבן געהאַט קראַנקע מיט פאַרשיידענע
שלאַפקייטן, זיי געבראַכט צו אים; און ער האָט
אַרויפגעלייגט די הענט אויף יעדן איינעם פון זיי
41 און זיי געהיילט. און עס זענען אויך אַרויס־
געגאַנגען בייזע גייסטער פון פילע, שרייענדיק
און זאָגנדיק: דו ביסט דער בן אלקים! און ער
האָט אָנגעשריגן אויף זיי און האָט זיי נישט געלאָזט
רעדן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז דער
משיח.

42 און ווען עס איז געוואָרן טאָג איז ער אַרויס־
געגאַנגען און איז געקומען צו אַן איינזאַם אָרט;
און די המונים מענטשן האָבן אים אויפגעזוכט
און זענען געקומען צו אים, און האָבן אים צוריק־
43 געהאַלטן, אַז ער זאָל נישט אַוועק פון זיי. ער אָבער

האָט צו זיי געזאָגט: אויך אין די אַנדערע שטעט
מוז איך אָנזאָגן די גוטע בשורה פון דעם
קעניגרייך פון ג־ט; ווייל דערצו בין איך געשיקט
געוואָרן·
44 און ער פלעגט דרשענען אין די שולן פון יהודה·

## קאַפּיטל פינף

1 5 און עס איז געשען, בעת דער המון מענטשן
האָט זיך געדרענגט צו אים, כדי צו הערן ג־טס
וואָרט, און ער איז געשטאַנען בײַם ים גניסר;
2 האָט ער געזען צוויי שיפלעך ליגן בײַם ים־ברעג,
און די פישער זענען אויסגעשטיגן פון זיי און האָבן
3 געוואַשן די נעצן· איז ער אײַנגעשטיגן אין איינס
פון די שיפלעך, וועלכעס האָט געהערט שמעונען,
און האָט אים געבעטן אַוועקצופאָרן אַביסל פון
דער יבשה; און האָט זיך אַנידערגעזעצט און
געלערנט די המונים מענטשן אויס דעם שיפל
4 אַרויס· און ווען ער האָט אויפגעהערט צו רעדן,
האָט ער געזאָגט צו שמעונען: פאָר אַריבער צו
דער טיפעניש און לאָזט אַראָפּ אײַערע נעצן צום
5 פאַנג! און ענטפערנדיק האָט שמעון געזאָגט:
האַר, דורך דער גאַנצער נאַכט האָבן מיר געפּראַ־
צעוועט, און גאָרנישט געכאַפּט; נאָר אויף דײַן
6 וואָרט וועל איך אַראָפּלאָזן די נעצן· און ווען
זיי האָבן דאָס דאָזיקע געטון, האָבן זיי געכאַפּט
אַ גרויסע מענגע פיש; זייערע נעצן אָבער האָבן
7 זיך צעריסן· און זיי האָבן געמאַכט צייכנס צו
זייערע חברים אין דעם אַנדערן שיפל, אַז זיי זאָלן
קומען זיי העלפן; און זיי זענען געקומען און
האָבן אָנגעפילט בײדע שיפלעך ביז צום זינקען·

8 און זעענדיק דאָס, איז שמעון פּעטרוס אַנידערגעפאַלן
אויף די קני פאַר ישוען, זאָגנדיק: האַר, גיי אַוועק
פון מיר, ווייל איך בין אַ זינדיקער מענטש!
9 וואָרום עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעק און אַלע,
וואָס זענען געווען מיט אים איבער דעם פישפאַנג,
10 וואָס זיי האָבן געפאַנגען, און אויך אַזוי יעקבן און
יוחנן, זבדיס זין, וואָס זענען געווען שמעונס חברים.
און ישוע האָט געזאָגט צו שמעונען: האָב נישט קיין
מורא; פון איצט אָן וועסטו פאַנגען מענטשן.
11 און ברענגענדיק די שיפלעך צו דער יבשה, האָבן
זיי אַלץ פאַרלאָזט און אים נאָכגעפאָלגט.

12 און עס איז געשען, בעת ער איז געווען אין
איינער פון די שטעט, זע, עס איז געווען אַ מאַן
פול צרעת; און ווי ער האָט געזעען ישוען, איז
ער אַנידערגעפאַלן אויפן פנים, האָט אים געבעטן
און געזאָגט: האַר, אויב דו זאָלסט וועלן, קענסטו
13 מיך מאַכן ריין! און ער האָט אויסגעשטרעקט די
האַנט, האָט אים אָנגערירט און געזאָגט: איך
וויל, זיי ריין! און גלייך איז די צרעת פון אים
14 אַוועק. און ער האָט אים באַפוילן, עס קיינעמען
נישט אויסצוזאָגן, נאָר גיי, ווייז דיך צום כהן, און
זיי מקריב פאַר דיין ריייניקונג, אַזוי ווי משה האָט
געבאָטן, פאַר אַן עדות צו זיי! (ויקרא יד, א־לב.)
15 אָבער דער באַריכט וועגן אים האָט זיך נאָכמער
פאַרשפּרייט, און גרויסע מאַסן מענטשן זענען זיך
צוזאַמענגעקומען, אים צו הערן און געהיילט צו
16 ווערן פון זייערע שלאַפקייטן. נאָר ער האָט זיך
צוריקגעצויגן אין די מדבריות אַריין און תפילה
געטון.

17 און עס איז געשען אין איינעם פון די טעג,
בשעת ער האָט געלערנט, און עס זענען דערביי

געזעסן פּרושים און לומדים פון דער תורה, וואָס
זענען געקומען אויס יעדן דאָרף פון גליל און יהודה
און ירושלים; און די גבורה פון דעם האַר (ג־ט)
18 איז געווען מיט אים צו היילן. און זע, מענער
האָבן געטראָגן אויף אַ בעט אַ מענטשן, וועלכער
איז געווען פּאַראַליזשירט; און האָבן געזוכט
19 אים אַריינצוברענגען, און צו לייגן פאַר אים. און
נישט געפינענדיק (קיין מעגלעכקייט) וויאַזוי זיי
זאָלן אים אַריינברענגען צוליב דעם המון מענטשן,
זענען זיי אַרויפגעשטיגן אויפן דאַך, און האָבן אים
אַראָפּגעלאָזט דורך די שינדלען מיט דעם בעטל
20 אין דער מיט פאַר ישוען. און ווען ישוע האָט
געזען זייער אמונה, האָט ער געזאָגט: מענטש,
21 דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן! און די
סופרים און די פּרושים האָבן אָנגעהויבן נאָכצו־
טראַכטן, אַזוי צו זאָגן: ווער איז ער דאָס, וואָס רעדט
אַרויס לעסטערונגען? ווער קען דאָס מוחל זיין זינד,
22 אַ חוץ ג־ט אַליין? ישוע האָט אָבער איינגעזען
זייערע מחשבות, און האָט ענטפערנדיק געזאָגט
צו זיי: פאַרוואָס טראַכט איר נאָך אין אייערע
23 הערצער? וואָס איז לייכטער, צו זאָגן: דיינע זינד
זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן, אָדער צו זאָגן: שטיי
24 אויף און גיי? נאָר כדי איר זאָלט וויסן, אַז דער
בן־אדם האָט רשות אויף דער ערד מוחל צו
זיין זינד,—האָט ער געזאָגט צום פּאַראַליטיקער—
דיר זאָג איך, שטיי אויף און נעם דיין בעטל און
25 גיי אַהיים! און אין אַן אויגנבליק איז ער אויפ־
געשטאַנען פאַר זיי, האָט גענומען דאָס (בעטל)
אויף וועלכן ער איז געלעגן, און איז אַוועק אַהיים
26 לויבנדיק ג־ט. און אַ דערשטוינונג האָט אַלעמען
אָנגעכאַפּט, און זיי האָבן געלויבט ג־ט; און זענען

אָנגעפילט געוואָרן מיט מורא און האָבן געזאָגט:
אומגלויבלעכע זאַכן האָבן מיר היינט געזעען!
27 און נאָך דעם איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט
געזעען אַ שטייער־אויפמאָנער, מיט דעם נאָמען
לוי, זיצן ביים שטייער־אַמט, און האָט צו אים
28 געזאָגט: פאָלג מיר נאָך! און ער האָט אַלץ
פאַרלאָזט, איז אויפגעשטאַנען און האָט אים
29 נאָכגעפאָלגט. און לוי האָט פאַר אים געמאַכט אַ
גרויס מאָלצייט אין זיין הויז, און עס איז געווען
אַ גרויסער עולם שטייער־אויפמאָנער און אַנדערע,
30 וואָס זענען געזעסן מיט זיי (ביים טיש). און די
פּרושים און זייערע סופרים האָבן געמורמלט צו
די תלמידים זיינע, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס עסט
איר און טרינקט מיט שטייער־אויפמאָנער און
31 זינדער? און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו
זיי: נישט די געזונטע נויטיקן זיך אין אַ רופא,
32 נאָר די קראַנקע; איך בין נישט געקומען רופן צדיקים,
33 נאָר חוטאים צו תשובה! זיי אָבער האָבן געזאָגט
צו אים: יוחנן׳ס תלמידים פאַסטן אָפט און טון
תפילה, אַזוי טון אויך די תלמידים פון די פּרושים;
34 דיינע אָבער עסן און טרינקען. האָט ישוע צו זיי
געזאָגט: צי קענט איר דען מאַכן פאַסטן די חתונה־
35 לייט בשעת דער חתן איז מיט זיי? עס וועלן אָבער
קומען טעג, ווען דער חתן וועט אַוועקגענומען ווערן
פון זיי; דעמלט וועלן זיי פאַסטן אין יענע טעג.
36 און האָט אויך געזאָגט אַ משל צו זיי: קיינער
שניידט נישט אָפּ קיין לאַטע פון אַ נייעם בגד און
לייגט זי אויף אַן אַלטן בגד; ווייל אויב יאָ, איז
סאַי ער שניידט אָפּ דאָס נייע, סאַי די לאַטע פונם
37 נייעם פּאַסט נישט דעם אַלטן. עס גיסט אויך
קיינער נישט אַריין קיין נייעם ווין אין אַלטע

לאָגלען; ווייל אויב יאָ, צערייסט דער נייער וויין
די לאָגלען, און ווערט אַליין אויסגעגאָסן און די
38 לאָגלען גייען פאַרלוירן; נאָר נייעם וויין מוז מען
39 אַריינגיסן אין נייע לאָגלען. און קיינער, וואָס האָט
געטרונקען אַלטן, וויל נייעם; וואָרום ער זאָגט:
דער אַלטער איז גוט!

## קאַפּיטל זעקס

6

1 און עס איז געשעען, אַ שבתדיקן טאָג איז ער
אַדורכגעגאַנגען דורך די קאָרנפעלדער; און
זיינע תלמידים האָבן אָפּגעפליקט זאַנגען, האָבן
2 זיי צעריבן מיט די הענט און געגעסן. אייניקע
אָבער פון די פרושים האָבן געזאָגט: פאַרוואָס
טוט איר דאָס, וואָס מען טאָר שבת נישט טון?
3 און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: צי האָט
איר דען נישט געלייענט דאָס דאָזיקע, וואָס דוד
(המלך) האָט געטון, ווען ער איז הונגעריק געוואָרן
4 און די (לייט), וואָס זענען געווען מיט אים? ווי
ער איז אַריינגעגאַנגען אין ג־טס הויז, און האָט
גענומען דאָס לחם הפנים און עס געגעסן, און
האָט אויך געגעבן צו די (לייט), וואָס זענען געווען
מיט אים; וואָס קיינער האָט נישט געטאָרט עסן אַ
5 חוץ די כהנים אַליין? (א שמואל כא, ג־ד.) און ער
האָט צו זיי געזאָגט: דער בן־אדם איז האַר פונם
שבת.
6 און עס איז געשעען אַן אַנדערן שבת, אַז ער איז
אַריינגעגאַנגען אין אַ שול און האָט געלערנט; און
דאָרט איז געווען אַ מענטש, וועמעס רעכטע האַנט
7 איז געווען פאַרדאַרט. און די סופרים און די
פרושים האָבן גוט אַכטונג געגעבן אויף אים, אויב

ער וועט שבת היילן, כדי זיי זאָלן געפינען עפּעס
איס אָנצוקלאָגן. ער אָבער האָט געקענט זייערע 8
געדאַנקען; און האָט געזאָגט צום מאַן, מיט
דער פאַרדאַרטער האַנט: הויב דיך אויף און
שטעל דיך אין דער מיט! און ער איז אויפגע־
שטאַנען און זיך געשטעלט. און ישוע האָט צו 9
זיי געזאָגט: איך וועל אייך פרעגן: צי מעג מען
שבת טון גוטס אָדער טון שלעכטס, ראַטעווען אַ
נפש, אָדער אומברענגען? און אַרומקוקנדיק 10
זיך אויף זיי אַלע, האָט ער געזאָגט צו אים: שטרעק
אויס דיין האַנט! און ער האָט עס געטון, און זיין
האַנט איז ווידער געזונט געוואָרן. זיי אָבער זענען 11
פול געוואָרן מיט גרימצאָרן; און האָבן איבערגע־
רעדט איינער מיטן אַנדערן, וואָס מען זאָל טון צו
ישוען.

און עס איז געשען אין די דאָזיקע טעג, אַז ער 12
איז אַרויסגעגאַנגען צום באַרג תפילה צו טון;
און האָט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אין געבעט
צו ג־ט. און ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָט ער 13
גערופן צו זיך זיינע תלמידים און אויסדער־
ווײלט פון זיי צוועלף, וועלכע ער האָט אויך אַ
נאָמען געגעבן שליחים: שמעונען, וועמען ער האָט 14
אויך אַ נאָמען געגעבן פּעטרוס, און אַנדריי זיין
ברודער, און יעקבן און יוחנן, און פיליפּוסן און
בר תלמי, און מתתיהו און תומאָ, און יעקב בן חלפי 15
און שמעונען, וואָס מען האָט אים גערופן קנאי,
און יהודה בן יעקב, און יהודה איש קריות, וואָס 16
איז געוואָרן דער פאַררעטער. און איז מיט זיי 17
אַראָפּגעשטיגן און האָט זיך געשטעלט אויף אַ פלאַך
אָרט, און אַ גרויסע מאַסע פון זיינע תלמידים און
אַ גרויסער המון עם פון גאַנץ יהודה און ירושלים

און פון דער געגנט בײַם ים פון צור און צידון,
18 וועלכע זענען געקומען אים הערן און צו ווערן
געהיילט פון זייערע שלאַפקייטן; און די, וואָס
זענען געוווען געפּלאָגט פון אומריינע גייסטער,
19 זענען געהיילט געוואָרן. און דער גאַנצער המון
מענטשן האָט געזוכט אים אָנצורירן, ווייל עס איז
אַרויסגעגאַנגען פון אים אַ כח און האָט אַלעמען
געהיילט.

20 און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף זיינע
תלמידים, און געזאָגט:

וואויל איז אייך, אָרומע לייט, ווייל דאָס קעניג־
רייך פון ג־ט איז אייערס!

21 וואויל איז אייך, וואָס הונגערן איצט, ווייל
איר וועט געזעטיקט ווערן!

וואויל איז אייך, וואָס וויינען איצט, ווייל איר
וועט לאַכן!

22 וואויל איז אייך, ווען די מענטשן וועלן אייך
האָסן, און ווען זיי וועלן

אייך אַרויסשטויסן און באַליידיקן און אַרויסוואַרפן
אייער נאָמען ווי עפּעס בייז, צוליב דעם בן־אדם.
23 פריידט זיך אין יענעם טאָג און טאַנצט, וואָרום
זע, גרויס איז אייער שכר אין הימל; וואָרום
אַזוי־אָ האָבן זייערע עלטערן געטון צו די נביאים.
24 אָבער וויי צו אייך, די רייכע! ווייל איר האָט שוין
25 באַקומען אייער נחמה. וויי צו אייך, די וואָס זענען
איצט זאַט, ווייל איר וועט הונגערן. וויי צו אייך,
וואָס לאַכן איצט! ווייל איר וועט טרויערן און
26 וויינען. וויי צו אייך, ווען אַלע מענטשן וועלן
רעדן וואויל וועגן אייך, וואָרום אַט אַזוי האָבן
זייערע עלטערן געטון צו די פאַלשע נביאים.

27 צו אייך אָבער, וואָס הערן, זאָג איך: האָט ליב

אייערע שונאים, טוט גוטס צו די, וואָס האַסן אייך;
28 בענטשט די, וואָס פֿלוכן אייך, טוט תּפֿילה פֿאַר
29 די, וואָס באַליידיקן אייך. דעם, וואָס שלאָגט דיך
אויף דער באַק, גיב אויך די אַנדערע; און פֿון דעם,
וואָס נעמט ביי דיר אַוועק דעם מאַנטל, האַלט אויך
30 דאָס העמד נישט צוריק. גיב יעדן, וואָס בעט דיך;
און פֿון דעם, וואָס נעמט דאָס דייניקע פֿון דיר
31 אַוועק, פֿאָדער עס נישט צוריק. און אַזוי ווי איר
ווילט, אַז די מענטשן זאָלן טון צו אייך, זאָלט איר
32 אויך אַזוי טון צו זיי. און אויב איר האָט ליב די,
וואָס ליבן אייך, וואָס פֿאַר אַ חסד איז דאָס ביי אייך?
וואָרום אַפֿילו די חוטאים האָבן ליב די, וואָס האָבן
33 זיי ליב. וואָרום אויב איר טוט גוטס צו די, וואָס
טון אייך גוטס, וואָס פֿאַר אַ חסד איז דאָס ביי
34 אייך? די חוטאים טון דאָך דאָס זעלביקע. און אויב
איר זאָלט לייען צו די, פֿון וועמען איר האָפֿט צוריק
צו באַקומען, וואָס פֿאַר אַ חסד איז דאָס ביי אייך?
אַפֿילו חוטאים לייען צו חוטאים, כּדי דאָס גלייכע
35 אָפּצונעמען. איר אָבער זאָלט ליב האָבן אייערע
שונאים, און טוט גוטס, און לייט, אָן צו האָפֿן אויף
עפּעס צוריק; און גרויס וועט זיין אייער שׂכר,
און איר וועט זיין דעם אויבערשטנס קינדער; ווייל
ער איז גוט צו די אומדאַנקבאַרע און שלעכטע.
36 זייט באַרמהערציק, אַזוי ווי אייער פֿאָטער איז
37 באַרמהערציק. און משפּט נישט, כּדי איר זאָלט נישט
געמשפּט ווערן; און פֿאַראורטיילט נישט און איר
וועט נישט פֿאַראורטיילט ווערן; זייט מוחל, און
38 עס וועט אייך פֿאַרגעבן ווערן; גיט, און עס וועט
אייך געגעבן ווערן; אַ מאָס אַ גוטע, אַ געדריקטע,
אַ צוגעשאָקלטע, אַ שפּעדיקע וועט מען אייך געבן
אין אייער שויס אַריין. וואָרום מיט וואָס פֿאַר אַ

מאָס איר וועט מעסטן, וועט אייך אַנטקייגן געמאָסטן
ווערן.

39 און ער האָט אויך געזאָגט אַ משל צו זיי: צי
קען דער אַ בלינדער פירן אַ בלינדן? וועלן זיי
40 דען נישט ביידע אַריינפאַלן אין אַ גרוב? דער
תלמיד איז נישט איבער דעם רבין; ווען אָבער
פאַרפאָלקאָמט, וועט יעדער זיין ווי דער רבי זיינער.
41 און פאַרוואָס זעסטו דאָס שפּענדל, וואָס איז אין
דיין ברודערס אויג, און באַמערקסט נישט דעם
42 קלאָץ אין דיין אייגן אויג? וויאַזוי קענסטו זאָגן
צום ברודער דיינעם: ברודער, לאָז מיך אַרויסנעמען
דאָס שפּענדל, וואָס איז אין דיין אויג; בעת אַליין
זעסטו נישט דעם קלאָץ אין דיין אויג? דו צבועק,
נעם צום ערשט אַרויס דעם קלאָץ פון דיין אויג,
און דעמלט וועסטו זעען קלאָר אַרויסצונעמען דאָס
43 שפּענדל, וואָס איז אין דיין ברודערס אויג. וואָרום
עס איז נישטאָ קיין גוטער בוים, וואָס ברענגט
שלעכטע פרוכט; און ווידער אויך נישט קיין
44 שלעכטער בוים, וואָס ברענגט גוטע פרוכט. וואָרום
יעדער בוים ווערט דערקענט פון זיינע אייגענע
פירות; וואָרום פון דערנער קלויבט מען נישט קיין
פייגן, און פון אַ דאָרנבוש שניידט מען נישט קיין
45 וויינטרויבן. דער גוטער מענטש ברענגט אַרויס
דאָס גוטע פון דעם גוטן אוצר פון זיין האַרץ, און
דער שלעכטער ברענגט אַרויס שלעכטס פון דעם
שלעכטן (אוצר); וואָרום פון דעם, מיט וועלכן דאָס
האַרץ פליסט איבער, רעדט דאָס מויל זיינס.

46 און פאַרוואָס רופט איר מיך, האַר, האַר, און
47 טוט נישט וואָס איך זאָג? יעדער איינער וואָס
קומט צו מיר און הערט מיינע רייד און טוט זיי,
וועל איך אייך ווייזן צו וועמען ער איז גלייך;

48 ער איז גלייך צו אַ מענטשן, וואָס בויענדיק אַ
הויז, האָט געגראָבן און איז אַראָפּגעגאַנגען טיף
און געלייגט דעם פונדאַמענט אויף דעם פעלזן;
און ווען עס איז געקומען אַ פאַרפלייצונג, האָט
דער שטראָם זיך געוואָרפן אַקייגן יענעם הויז
און עס נישט געקענט דערשיטערן; צוליב דעם
49 וואָס עס איז געווען גוט געבויט. דער אָבער וואָס
הערט און טוט נישט, איז גלייך צו אַ מענטשן,
וואָס האָט געבויט אויף דער ערד אַ הויז אָן אַ
פונדאַמענט; אַקייגן וועלכן דער שטראָם האָט זיך
געוואָרפן און עס איז באַלד איינגעפאַלן, און דער
צוזאַמענברוך פון יענעם הויז איז געווען גרויס.

## קאַפּיטל זיבן

7

1 נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט די אַלע רייד
זיינע אין די אויערן פון דעם פאָלק, איז ער
אַריינגעגאַנגען קיין כפר נחום.
2 און אַ געוויסן אָפיצירס אַ קנעכט, וועלכער איז
געווען ביי אים טייער געשעצט, איז געלעגן קראַנק
3 און געהאַלטן ביים שטאַרבן. און הערנדיק וועגן
ישוען, האָט ער געשיקט צו אים זקנים פון די
יידן אים צו בעטן, אַז ער זאָל קומען היילן דעם
4 קנעכט זיינעם. און ווען זיי זענען געקומען צו
ישוען, האָבן זיי אים זער געבעטן, אַזוי צו זאָגן:
ער איז ווערט, אַז דו זאָלסט טון דאָס דאָזיקע פאַר
5 אים; וואָרום ער האָט ליב אונזער פאָלק, און די
6 שול האָט ער אַליין אונז געבויט. איז ישוע געגאַנ־
גען מיט זיי. און ווען זיי זענען שוין נישט געווען
ווייט פון דעם הויז, האָט דער אָפיציר געשיקט
פריינט, אַזוי צו זאָגן צו אים: האַר, באַמי דיך

נישט; וואָרום איך בין נישט ווערט, אַז דו זאָלסט
7 אַריינקומען אונטער מיין דאַך; צוליב דעם האָב איך
מיך אַליין נישט געהאַלטן פאַר ראוי צו קומען צו
8 דיר. נאָר זאָג אַ וואָרט, און מיין קנעכט וועט געזונט
ווערן! וואָרום אויך איך בין אַ מענטש, וואָס איז
געשטעלט אונטער מאַכט, און האָב אונטער מיר
זעלנער, און איך זאָג צו דעם דאָזיקן: גיי! און ער
גייט; און צו אַן אַנדערן: קום! און ער קומט; און
9 צו דעם קנעכט מיינעם: טו דאָס! און ער טוט עס.
און ווען ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך
געוואונדערט איבער אים, און האָט זיך אויסגעדרייט
און געזאָגט צו דעם המון מענטשן, וואָס האָט אים
נאָכגעפאָלגט: איך זאָג אייך, נישט אַפילו אין
10 ישׂראל האָב איך געפונען אַט אַזאַ אמונה! און
ווען די שליחים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן
זיי געפונען דעם קנעכט געזונט.
11 און עס איז געשען, אויף צומאָרגנס איז ער
אַוועקגעגאַנגען אין אַ שטאָט אַריין, וואָס האָט
געהייסן נעין, און זיינע תלמידים זענען מיטגע־
12 גאַנגען, און אַ גרויסער המון מענטשן. און ווי ער
האָט זיך דערנענטערט צום טויער פון דער שטאָט,
זע, מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ מת, אַן איינציקן
זון ביי דער מוטער זיינער, און זי איז געווען אַן
אַלמנה; און אַן אָנגעזעענער עולם פון דער שטאָט איז
13 געווען מיט איר. און זעענדיק זי, האָט דער האַר
זיך דערבאַרעמט איבער איר, און צו איר געזאָגט:
14 קלאָג נישט! און איז צוגעגאַנגען און האָט
אָנגערירט דעם אָרון; און די נושאים האָבן זיך
אָפּגעשטעלט. און ער האָט געזאָגט: יונגערמאַן,
15 איך זאָג דיר, שטיי אויף! און דער טויטער האָט
זיך אויפגעזעצט און האָט אָנגעהויבן צו רעדן.

און ער האָט אים געגעבן צו זיין מוטער. און
16 אַלעמען האָט אָנגעכאַפּט אַ מורא; און זיי האָבן
געלויבט ג-ט, אַזוי צו זאָגן: אַ גרויסער נביא איז
אויפגעשטאַנען צווישן אונז, און ג-ט האָט זיך
17 אומגעקוקט אויף זיין פאָלק. און די דאָזיקע
געשיכטע וועגן אים האָט זיך פאַרברייטערט אין
גאַנץ יהודה און אין דער גאַנצער געגנט אַרום.
18 און יוחנן'ס תלמידים האָבן אים דערציילט וועגן
19 אַלעם דעם דאָזיקן. און רופנדיק צו זיך צוויי
פון זיינע תלמידים, האָט יוחנן זיי געשיקט צו
דעם האַר, אַזוי צו זאָגן: צי ביסטו דער, וואָס
דאַרף קומען, אָדער זאָלן מיר וואַרטן אויף אַן
20 אַנדערן? און ווען די מענער זענען געקומען צו
אים, האָבן זיי געזאָגט: יוחנן המטביל האָט אונז
געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: צי ביסטו דער,
וואָס דאַרף קומען, אָדער זאָלן מיר וואַרטן אויף
21 אַן אַנדערן? און אין יענער שעה האָט ער אַ סך
געהיילט פון קראַנקייטן און פון פּלאָג און פון בייזע
גייסטער; און אַ סך בלינדע האָט ער געשענקט די
22 ראיה. און ער האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט:
גייט און דערציילט יוחנן וואָס איר האָט געזען
און געהערט: בלינדע ווערן זעענדיק, לאָמע גייען
אַרום, מצורעים ווערן גערייניקט, און טויבע הערן,
טויטע שטייען אויף, צו אָרעמעלייט ווערט אָנגע־
זאָגט די גוטע בשורה. (ישעיהו לה, ה-ו; סא, א.) און
23 געבענטשט איז דער, וועלכער וועט נישט שטרויכלען
אין מיר.
24 און ווען יוחנן'ס שליחים זענען אַוועקגעגאַנגען,
האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן צו די מאַסן מענטשן
וועגן יוחנן: וואָס זענט איר אַרויסגעגאַנגען אין
דער מדבר אַריין צו זען? אַ טראָסטשינע געשאָקלט

25 פּונעם ווינט? נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען? אַ מענטשן געקליידט אין טייערע מלבושים? זע, די וואָס טראָגן פּרעכטיקע קליידער און לעבן אין תּענוגים, געפינען זיך אין קעניגלעכע
26 שלעסער. נאָר וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען? אַ נביא? יאָ, איך זאָג אייך, און מער ווי אַ
27 נביא. ער איז עס, וועגן וועמען עס שטייט געשריבן:

זע, איך שיק מיין מלאך פאַר דיין פּנים,
וועלכער וועט צוגרייטן דיין וועג פאַר דיר.

(מלאכי ג, א.)

28 איך זאָג אייך, צווישן די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון פרויען, איז נישט פאַראַן קיין גרעסערער פון יוחנן; דאָך איז דער קלענסטער אינעם קעניגרייך
29 פון ג־ט גרעסער ווי ער. און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס האָט אים געהערט, און די שטייער־אויפמאָנער האָבן גערעכטפערטיקט ג־ט, לאָזנדיק זיך טובל זיין
30 מיט דער טבילה פון יוחנן. די פּרושים אָבער און די חכמים האָבן אָפּגעוואָרפן די עצה פון ג־ט פון זיך, ווייל זיי האָבן זיך נישט געלאָזט טובל זיין פון
31 אים. צו וועמען זשע זאָל איך פאַרגלייכן די מענטשן פון דעם דאָזיקן דור, און צו וועמען זענען
32 זיי גלייך? זיי זענען גלייך צו קינדער, וואָס זיצן אויפן מאַרק, און רופן איינס צום אַנדערן און זאָגן: מיר האָבן געשפּילט פאַר אייך, און איר האָט נישט געטאַנצט; מיר האָבן געקלאָגט, און איר האָט
33 נישט געוויינט. וואָרום יוחנן איז געקומען און האָט נישט געגעסן קיין ברויט און נישט געטרונקען קיין ווייַן; און איר זאָגט: ער האָט אַ בייזן גייסט!
34 דער בן־אדם איז געקומען, עסט און טרינקט יאָ; און איר זאָגט: זע, אַ מענטש אַ זולל וסובא, אַ פריינט פון שטייער־אויפמאָנער און חוטאים!

35 און דאָך איז די חכמה גערעכטפערטיקט אין אַלע
אירע קינדער·
36 און איינער פון די פּרושים האָט אים פאַרבעטן,
צו עסן מיט אים· און ער איז אַריינגעגאַנגען אין
דעם פּרושס הויז, און האָט זיך געזעצט צום טיש·
37 און זע, אין דער שטאָט איז געווען אַ געוויסע
זינדיקע פרוי; און דערווּסנדיק זיך, אַז ער זיצט
צום טיש אין דעם פּרושס הויז, האָט זי געבּרענגט
38 אַן אַלאַבאַסטער פלאַש מיט מירע־אייל, און האָט
זיך געשטעלט פון הינטן בּיי זיינע פיס, און האָט
אָנגעהויבּן צו בּאַנעצן זיינע פיס מיט אירע טרערן,
און זיי אָפּגעווישט מיט די האָר פון איר קאָפּ,
און האָט געקושט זיינע פיס און זיי געזאַלבּט
39 מיט דער מירע· אָבּער זעענדיק דאָס, האָט דער
פּרוש, וואָס האָט אים איינגעלאַדן, צו זיך אַליין
גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויבּ ער וואָלט געווען אַ
נביא, וואָלט ער געוואוסט ווער און וואָס פאַר אַ
סאָרט פרוי זי איז, וואָס רירט אים אָן, אַז זי איז
40 אַ זינדיקע· און ענטפערנדיק, האָט ישוע צו אים
געזאָגט: שמעון, איך האָבּ דיר עפּעס צו זאָגן·
41 און ער האָט געזאָגט: רבּי, זאָג! אַ געוויסער
מלווה האָט געהאַט צוויי בּעלי חובות; איינער איז
אים שולדיק געווען פינף הונדערט דינרים, דער
42 אַנדערער נאָר פיפציק· און ווייל זיי האָבּן נישט
געהאַט צו בּאַצאָלן, האָט ער זיי בּיידן געשענקט·
דעריבּער ווער פון זיי וועט אים מער ליבּ האָבּן?
43 שמעון האָט ענטפערנדיק געזאָגט: איך נעם אָן,
אַז דער, וועמען ער האָט דאָס מערסטע געשענקט·
און ער האָט צו אים געזאָגט: דו האָסט ריכטיק
44 געמשפּט! און אויסדרייענדיק זיך צו דער פרוי,
האָט ער געזאָגט צו שמעונען: דו זעסט די דאָזיקע

פרוי? איך בין אַרייַנגעקומען אין דייַן הויז, קייַן
וואַסער פאַר מייַנע פיס האָסטו מיר נישט געגעבן; זי
אָבער האָט מיר באַנעצט די פיס מיט אירע טרערן,
45 און זיי אָפּגעווישט מיר אירע האָר. קייַן קוש האָסטו
מיר נישט געגעבן; אָבער זי, זינט איך בין אַרייַנגע־
קומען, האָט נישט אויפגעהערט צו קושן מייַנע פיס.
46 מיט אייל מייַן קאָפּ האָסטו נישט געזאַלבט; זי אָבער
47 האָט געזאַלבט מייַנע פיס מיט מירע. צוליב וועלכן
איך זאָג דיר, אירע זינד, די פילע, זענען איר
פאַרגעבן געוואָרן; ווייַל זי האָט אַ סך ליב געהאַט;
וועמען אָבער ווייניק ווערט פאַרגעבן, דער ליבט
48 ווייניק. און ער האָט צו איר געזאָגט: דייַנע זינד
49 זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן! און די מיטזיצנדיקע
האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן צווישן זיך: ווער איז
דאָס דער דאָזיקער, וואָס איז אַפילו מוחל זינד?
50 ער אָבער האָט געזאָגט צו דער פרוי: דייַן גלויבן
האָט דיך געראַטעוועט, גיי לשלום!

## קאַפּיטל אַכט

8

1 און עס איז געשען נאָך דעם, אַז ער איז געגאַנ־
גען איבער שטאָט און דאָרף, האָט געדרשנט
און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פון דעם קעניגרייַך
2 פון ג־ט, און די צוועלף מיט אים, און אייניקע
פרויען, וואָס זענען געהיילט געוואָרן פון בייזע
גייסטער און פון שלאַפקייטן: מרים, וועמען מען
האָט גערופן מגדלית, וואָס פון איר זענען אַרויס
3 זיבן בייזע גייסטער, און יוחנה, דאָס ווייב פון
כוזא, אַ פאַרוואַלטער ביי הורדוסן, און שושנה און
אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אים געדינט מיט זייער
האָב און גוטס.

4 און ווען אַ גרויסער המון מענטשן איז זיך
צוזאַמענגעקומען, און זיי זענען געקומען צו אים
פון אַלע שטעט, האָט ער געזאָגט אין אַ משל:
5 עס איז אַרויסגעגאַנגען דער זייער צו פאַרזייען
זיין זאָמען; און בשעת ער האָט געזייט, איז עפּעס
(פון דער זריעה) געפאַלן ביים וועג און איז צעטרעטן
געוואָרן, און די פייגל פון הימל האָבן עס אויפ־
6 געפרעסן. און אַן אַנדער ביסל איז געפאַלן אויף דעם
פעלזן; און ווען עס האָט אויפגעשפּראָצט, איז עס
פאַרדאַרט געוואָרן, צוליב דעם וואָס עס האָט נישט
7 געהאַט קיין פייכטקייט. און אַן אַנדער ביסל איז
געפאַלן אינמיטן פון די דערנער; און די דערנער
8 זענען מיטאויפגעוואַקסן און האָבן עס דערשטיקט.
און אַן אַנדער ביסל איז געפאַלן אויף דער גוטער
ערד און האָט אויפגעשפּראָצט און געבראַכט פרוכט
הונדערטפאַכיק. און ווען ער האָט דאָס געזאָגט,
האָט ער אויסגערופן: ווער עס האָט אויערן צום
הערן, דער זאָל הערן!
9 און די תלמידים זיינע האָבן אים געפרעגט, וואָס
10 דאָס משל זאָל באַטייטן. און ער האָט געזאָגט:
אייך איז עס געגעבן געוואָרן צו וויסן די סודות
פון דעם קעניגרייך פון ג־ט; צו די איבריקע אָבער
אין משלים, כדי קוקנדיק זאָלן זיי נישט זעען,
11 און הערנדיק זאָלן זיי נישט פאַרשטיין. און דאָס
איז דאָס משל: דער זאָמען דאָס איז ג־טס וואָרט.
12 די ביים וועג זענען עס, וואָס הערן, דערנאָך קומט
דער שטן און נעמט אַוועק דאָס וואָרט פון זייער האַרץ,
כדי זיי זאָלן נישט גלויבן און נישט געראַטעוועט
13 ווערן. און די אויף דעם פעלזן, דאָס זענען זיי,
וואָס ווען זיי הערן, נעמען זיי אָן דאָס וואָרט מיט
פרייד, זיי האָבן אָבער נישט קיין וואָרצל; די גלויבן

(נאָר) אויף אַ געוויסע צייט, און אין אַ צייט פון
14 נסיון פאַלן זיי אָפּ. און דאָס וואָס איז געפאַלן
צווישן די דערנער, זיי זענען עס, וואָס הערן; און
אַוועקגייענדיק ווערן זיי דערשטיקט פון די דאגות
און עשירות און תענוגים פון דעם לעבן, און
15 ברענגען נישט קיין פּירות צו רייפקייט. דאָס אָבער
אויף דער גוטער ערד, זיי זענען עס, וואָס האָבן
געהערט דאָס וואָרט, האָבן עס באַהאַלטן אין אַ
לויטער און גוט האַרץ און ברענגען פרוכט מיט
סבלנות.
16 און קיינער, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, פאַר־
דעקט עס נישט מיט קיין כלי, אָדער שטעלט עס
אונטער אַ בעט; נאָר שטעלט עס אויף אַ לייכטער,
כדי די, וואָס קומען אַריין, זאָלן זען דאָס ליכט.
17 וואָרום עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרבאָרגענע
זאַך, וואָס וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן; עס געפינט
זיך אויך נישט קיין באַהאַלטענע זאַך, וואָס וועט
נישט באַקאַנט געמאַכט ווערן און קומען צו התגלות.
18 דעריבער גיט אַכטונג וויאַזוי איר הערט; וואָרום
יעדער איינער, וואָס האָט, אים וועט געגעבן ווערן;
און יעדער איינער, וואָס האָט נישט, פון אים וועט
אַוועקגענומען ווערן אַפילו דאָס, וואָס ער מיינט,
אַז ער האָט.
19 און זיין מוטער און זיינע ברידער זענען געקומען
צו אים, און האָבן נישט געקענט אים דערגרייכן
20 מחמת דעם המון מענטשן. און מען האָט אים
געזאָגט: דיין מוטער און די ברידער דיינע שטייען
21 אינדרויסן און ווילן דיך זען. ער אָבער האָט
ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: מיין מוטער און
מיינע ברידער זענען די דאָזיקע, וואָס הערן ג־טס
וואָרט און טון עס!

22 און עס איז געשעען אין איינעם פון די טעג, אַז
ער איז איינגעשטיגן אין אַ שיפל מיט זיינע תלמידים;
און האָט צו זיי געזאָגט: לאָמיר אַריבערפאָרן
אויף דער אַנדערער זייט ים; און זיי האָבן זיך
23 אַוועקגעשיפט. בעת אָבער זיי זענען געפאָרן, איז
ער איינגעשלאָפן; און אַ שטורעמווינט האָט אַראָפּגעני־
דערט אויפן ים, און דאָס שיפל האָט זיך אָנגע־
פילט (מיט וואַסער), און זיי זענען געווען אין
24 סכנה. און זיי זענען צוגעקומען, האָבן אים אויפ־
געוועקט, אַזוי צו זאָגן: האַר, האַר, מיר זענען
פאַרלוירן! ער אָבער איז אויפגעשטאַנען, האָט
אָנגעשריגן דעם ווינט און די שטורמדיקע כוואַליעס
וואַסער; און זיי האָבן זיך געלייגט, און עס איז
25 געוואָרן שטיל. און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואו
איז אייער אמונה? זיי אָבער האָבן זיך גע־
פאָרכטן און געוואונדערט, און געזאָגט איינער צום
אַנדערן: ווער איז ער דאָך, ווייל סאַי די ווינטן
באַפעלט ער סאַי דאָס וואַסער, און זיי געהאָרכן
אים?

26 און זיי האָבן זיך אַהינגעשיפט צום לאַנד פון די
27 גרגשים, וואָס איז אַנטקייגנאיבער גליל. און ווען
ער איז ארויסגעקומען אויף דער יבשה, איז אים
אויס דער שטאָט אַנטקייגנגעקומען אַ מאַן, וואָס האָט
געהאַט בייזע גייסטער; און שוין אַ לאַנגע צייט
ווי ער האָט נישט געטראָגן קיין מלבוש, אויך האָט
ער נישט געוואוינט אין קיין הויז, נאָר אין די
28 קברים. און דערזעענדיק ישוען, האָט ער אַ געשריי
געטון, איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים און האָט
געזאָגט מיט אַ הויך קול: וואָס האָב איך מיט דיר,
ישוע, דו זון פון ג־ט דעם אויבערשטן? איך בעט דיך,
29 אַז דו זאָלסט מיך נישט פייניקן! וואָרום ער האָט

באַפוילן דעם אומריינעם גייסט אַרויסצוגיין פון
דעם מענטשן; ווייל אַ סך מאָל האָט ער אים שוין
געכאַפט, און מען האָט אים געבונדן מיט קייטן
און פענטעס און געהאַלטן אונטער שמירה; און ער
פלעגט צערייסן דאָס, מיט וועלכן ער איז געווען
געבונדן און איז געטריבן געוואָרן פון דעם בייזן
30 גייסט אין די מדבריות אַריין. און ישוע האָט אים
געפרעגט: וואָס איז דער נאָמען דיינער? און ער
האָט געזאָגט: לעגיאָן! ווייל אַ סך בייזע גייסטער
31 זענען אַריין אין אים. און זיי האָבן אים געבעטן,
אַז ער זאָל זיי נישט באַפעלן צו גיין אין תהום
32 אַריין. און דאָרטן איז געווען אַ גרויסע סטאַדע
חזירים פאַשענדיק זיך אויפן באַרג. און זיי האָבן
אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי דערלויבן אַריינצוגיין
33 אין זיי. און ער האָט עס זיי דערלויבט. און די
בייזע גייסטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם
מענטשן און זענען אַריין אין די חזירים; און די
סטאַדע האָט זיך אַ ריס אַראָפ געטון פון דעם
משופעדיקן פעלזן אין ים אַריין און איז דערטרונקען
34 געוואָרן. ווי אָבער די פאַסטוכער האָבן געזעען,
וואָס עס האָט געטראָפן, זענען זיי אַנטלאָפן און האָבן
עס דערציילט אין דער שטאָט און אין די דערפער.
35 און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען זעען, וואָס עס האָט
פאַסירט און זענען געקומען צו ישוען, און האָבן
געפונען דעם מענטשן, פון וועמען די בייזע גייסטער
זענען אַרויס, אָנגעקליידט און ביי די קלאָרע
געדאַנקען און ער איז געזעסן ביי ישועס פיס; און
36 זיי האָבן זיך געפאָרכטן. די אָבער, וואָס האָבן
עס געזעען, האָבן צו זיי דערציילט, וויאַזוי דער
37 באַזעסענער איז געהאָלפן געוואָרן. און די גאַנצע
מאַסע מענטשן פון דער אומגעגנט פון די גרגשים

האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אַוועקגיין פון זיי;
ווייל עס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ גרויסע מורא.
און ער איז איינגעשטיגן אין אַ שיפל און האָט זיך
38 אומגעקערט צוריק. דער מאַן אָבער, פון וועמען
די בייזע גייסטער זענען אַרויס, האָט אים געבעטן,
אַז ער זאָל בלייבן מיט אים; ער אָבער האָט אים
39 אַוועקגעשיקט, אַזוי צו זאָגן: קער דיך אום אַהיים
און דערצייל, וואָס ג־ט האָט דיר געטון. און ער
איז אַוועקגעגאַנגען און האָט באַקאַנט געמאַכט
איבער דער גאַנצער שטאָט אַלץ, וואָס ישוע האָט
פאַר אים געטון.

40 און ווען ישוע האָט זיך אומגעקערט, האָט דער
המון מענטשן אים אויפגענומען, וואָרום אַלע האָבן
41 געוואַרט אויף אים. און זע, עס איז געקומען אַ
מאַן מיטן נאָמען יאיר, אַ גבאי פון דער שול איז
ער געווען; און איז אַנידערגעפאַלן פאַר ישועס פיס
און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַריינגיין אין
42 זיין הויז. ווייל ער האָט געהאַט אַן איין איינציקע
טאָכטער קנאַפּע צוועלף יאָר אַלט, און זי האָט
געהאַלטן ביים שטאַרבן. און בשעת ער איז אַהינ־
געגאַנגען האָבן די המונים מענטשן זיך געדרענגט
אַרום אים.

43 און אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ בלוט־פלוס
שוין צוועלף יאָר לאַנג, וועלכע האָט אויסגעגעבן
איר גאַנץ פאַרמעגן אויף רופאים, און האָט פון
44 קיינעם נישט געקענט געהיילט ווערן, איז געקומען
פון הינטן, האָט אָנגערירט די זוים פון זיין מלבוש,
און פלוצלונג האָט דער פלוס פון איר בלוט זיך
45 אָפּגעשטעלט. און ישוע האָט געזאָגט: ווער האָט
מיך אָנגערירט? און ווען אַלע האָבן געלייקנט,
האָט פעטרוס געזאָגט: האַר, די המונים דרענגען

46 זיך אַרום דיר און שטויסן דיך דאָך. ישוע אָבער
האָט געזאָגט: עמיצער האָט מיך אָנגערירט; וואָרום
איך ווייס, אַז אַ כח איז פון מיר אַרויסגעגאַנגען!
47 און ווי די פרוי האָט געזעען, אַז עס איז נישט
געבֿליבן פאַרהוילן, איז זי ציטערנדיק געקומען
און אַנידערגעפאַלן פאַר אים און האָט דערציילט
פאַרן גאַנצן פאָלק, צוליב וועלכער סבה זי האָט אים
אָנגערירט, און וויאַזוי זי איז פּלוצלונג געהיילט
48 געוואָרן. און ער האָט צו איר געזאָגט: טאָכטער,
דער גלויבן דײַנער האָט דיר געהאָלפן; גיי לשלום!
49 בשעת ער האָט נאָך גערעדט, איז עמיצער געקומען
פון דעם גבֿאיס הויז, אַזוי צו זאָגן: דײַן טאָכטער
איז שוין געשטאָרבֿן; באַמי מער נישט דעם רבֿין.
50 און אַז ישוע האָט עס געהערט, האָט ער געענטפערט
צו אים: האָבֿ נישט קיין מורא; גלויבֿ נאָר און זי
51 וועט געראַטעוועט ווערן! און ווען ער איז אַרײַנגע־
קומען אין הויז, האָט ער קיינעם נישט אַרײַנגעלאָזט
מיט אים אַ חוץ פּעטרוסן און יוחנן און יעקבֿן און
52 דעם פאָטער פון דעם קינד און די מוטער. און אַלע
האָבֿן געוויינט און געקלאָגט איבֿער איר; ער אָבער
האָט געזאָגט: וויינט נישט, זי איז נישט געשטאָרבֿן,
53 זי שלאָפט נאָר. און זיי האָבֿן זיך אויסגעלאַכט
פון אים, ווייל זיי האָבֿן געוואוסט, אַז זי איז יאָ
54 געשטאָרבֿן. ער אָבער האָט זי אָנגענומען בײַ דער
האַנט און האָט גערופן, אַזוי צו זאָגן: קינד, שטיי
55 אויף! און איר גייסט האָט זיך אומגעקערט, און
אין אַן אויגנבֿליק איז זי אויפגעשטאַנען; און ער
56 האָט באַפוילן, מען זאָל איר געבֿן צו עסן. און אירע
עלטערן זענען דערשטוינט געוואָרן; ער אָבער
האָט זיי אָנגעזאָגט, קיינעם נישט צו זאָגן, וואָס
עס איז געשעען.

## קאַפּיטל ניין

1 און ער האָט צוזאַמענגערופן די צוועלף, און
האָט זיי געגעבן כח און שליטה איבער אַלע בייזע
2 גייסטער און צו היילן קראַנקייטן. און האָט זיי
געשיקט אויסצורופן דאָס קעניגרייך פון ג-ט און
3 געזונט צו מאַכן די שלאַפע. און האָט צו זיי
געזאָגט: נעמט גאָרנישט מיט אויפן וועג—נישט
קיין שטעקן, נישט קיין בייטל, נישט קיין ברויט,
נישט קיין געלט, איר זאָלט אויך נישט האָבן קיין
4 צוויי העמדער. און אין וועלכן נישט איז הויז איר
וועט אַריינקומען, בלייבט דאָרטן, און פון דאָרטן
5 זאָלט איר גיין ווייטער. און וואו מען וועט אייך
נישט אויפנעמען, אַרויסגייענדיק פון יענער שטאָט,
זאָלט איר אָפשאָקלען דעם שטויב פון אייערע פיס
6 פאַר אַן עדות קעגן זיי. און זיי זענען אַוועק, און
זענען געגאַנגען איבער די דערפער, האָבן אָנגעזאָגט
די גוטע בשורה און געהיילט אומעטום.
7 און הורדוס דער טעטראַרך האָט געהערט אַלץ,
וואָס עס איז געשען; און האָט זיך באַאומרואיקט,
צוליב דעם וואָס אייניקע האָבן געזאָגט, אַז יוחנן
8 איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע; אייניקע אָבער
(האָבן געזאָגט), אַז אליהו האָט זיך באַוויזן; און
אַנדערע—אַז איינער פון די אַלטע נביאים איז
9 אויפגעשטאַנען. הורדוס אָבער האָט געזאָגט: דעם
יוחנן האָב איך אָפגעהאַקט דעם קאָפ; ווער אָבער
איז דער דאָזיקער, וועגן וועלכן איך הער אַזעלכע
זאַכן? און ער האָט פאַרלאַנגט אים צו זען.
10 און ווען די שליחים האָבן זיך אומגעקערט, האָבן
זיי אים דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון. און

ער האָט זיי גענומען צו זיך און איז אַוועק אין אַ
11 שטאָט אַריין, וואָס האָט געהייסן בית צידה. די
המונים אָבער האָבן זיך דערוואוסט, און האָבן אים
נאָכגעפאָלגט, און ער האָט זיי אויפגענומען, און
גערעדט צו זיי וועגן דעם קעניגרייך פון ג״ט,
און די, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ רפואה,
12 האָט ער געהיילט. דער טאָג אָבער האָט זיך שוין
אָנגעהויבן צו נייגן; און די צוועלף זענען צוגעקומען,
און האָבן געזאָגט צו אים: לאָז אָפּ דעם עולם
מענטשן, כדי זיי זאָלן אַוועקגיין אין די אַרומיקע
דערפער און פעלדער איבערצונעכטיקן און צו
געפינען שפּייז; ווייל מיר זענען דאָ אויף אַן איינזאַם
13 אָרט. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: גיט איר
זיי צו עסן! האָבן זיי געזאָגט: מיר האָבן נישט
מער ווי פינף ברויטן און צוויי פיש; סיידן מיר
זאָלן גיין איינקויפן שפּייז פאַר דעם דאָזיקן גאַנצן
14 פאָלק. ווארום עס זענען געווען קנאַפּע פינף
טויזנט מענער. ער אָבער האָט געזאָגט צו זיינע
תלמידים: מאַכט זיי זיך אַנידערזעצן אין חברו־
15 תות, מער ווייניקער צו פופציק. און זיי האָבן
16 אַזוי געטון און האָבן אַלעמען אויסגעזעצט. און
ער האָט גענומען די פינף ברויטן און די צוויי פיש,
האָט אַרויפגעבליקט צום הימל, געמאַכט אַ ברכה
און האָט זיי צעבראָכן און געגעבן צו די תלמידים
17 צו לייגן פאַר דעם המון מענטשן. און זיי האָבן
געגעסן און זענען אַלע זאַט געוואָרן; און מען האָט
אויפגעהויבן, פון די ברעקלעך, וואָס זענען איבער־
געבליבן, צוועלף קערב (פול).

18 און עס איז געשעען בשעת ער האָט תפילה געטון
איינער אַליין, און די תלמידים זענען געווען מיט
אים, האָט ער זיי געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: ווער,

19 זאָגן די לייט, אַז איך בין? און זיי האָבן ענטפערנ־
דיק געזאָגט: יוחנן המטביל; אַנדערע אָבער (זאָגן)
אליהו; און אַנדערע, אַז איינער פון די אַלטע
20 נביאים איז אויפגעשטאַנען. האָט ער צו זיי געזאָגט:
און ווער, זאָגט איר, אַז איך בין? פּעטרוס האָט
21 ענטפערנדיק געזאָגט: דער משיח פון ג־ט! און
ער האָט זיי שטרענג פאַרבאָטן, דאָס דאָזיקע עמיצן
22 אויסצוזאָגן, און האָט געזאָגט: דער בן־אדם מוז
אַ סך ליידן און פאַרוואָרפן ווערן פון די זקנים
און הויפּטכהנים און סופרים און געטייט ווערן און
23 דעם דריטן טאָג אויפשטיין. און ער האָט צו
אַלעמען געזאָגט: ווער עס וויל מיר נאָכגיין, דער
זאָל זיך אַליין פאַרלייקענען און נעמען זיין בוים(שמואל ב יח:ט)
אויף זיך טאָג אויס טאָג איין און מיר נאָכפאָלגן.
24 וואָרום ווער עס וויל ראַטעווען זיין נפש, דער וועט
עס פאַרלירן; ווער אָבער עס וועט פאַרלירן זיין
נפש פאַר מיינעטוועגן, דער וועט עס ראַטעווען.
25 וואָרום וואָס לוינט עס אַ מענטשן, אַז ער זאָל
געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן אָדער
26 שעדיקן זיך אַליין? וואָרום ווער עס שעמט זיך
מיט מיר און מיט די ווערטער מיינע, מיט דעם
דאָזיקן וועט דער בן־אדם זיך שעמען, ווען ער
וועט קומען אין זיין הערלעכקייט און (אין דער
הערלעכקייט) פון דעם פאָטער און פון די הייליקע
27 מלאכים. און באמת זאָג איך אייך: אייניקע פון די,
וואָס שטייען דאָ, וועלן נישט פאַרזוכן דעם טעם
פון טויט, ביז זיי וועלן זעען דאָס קעניגרייך פון
ג־ט.

28 און עס איז געשעען אַן ערך אַכט טאָג נאָך די
דאָזיקע רייד, אַז ער האָט גענומען פּעטרוסן און
יוחנן און יעקבן און איז אַרויפגעשטיגן אויפן באַרג

29 תפילה צו טון· און בעת ער האָט מתפלל געווען,
האָט דאָס געשטאַלט פון זיין פּנים זיך פאַרענדערט
און זיינע קליידער זענען געוואָרן גלאַנצנדיק ווייס·
30 און זע, צוויי מענער האָבן גערעדט מיט אים,
31 וועלכע זענען געווען משה און אליהו; זיי האָבן
זיך באַוויזן אין הערלעכקייט און האָבן גערעדט וועגן
זיין פּטירה, וואָס ער האָט געזאָלט ממלא זיין אין
32 ירושלים· פּעטרוס אָבער און די, וואָס זענען געווען
מיט אים, זענען פאַרזונקען אין אַ שווערן שלאָף; און
אויפכאַפּנדיק זיך, האָבן זיי געזען זיין הערלעכ־
קייט און די צוויי מענער, וואָס זענען געשטאַנען
33 מיט אים· און עס איז געשען, ווען זיי זענען
אַוועקגעגאַנגען פון אים, האָט פּעטרוס געזאָגט צו
ישוען: האַר, עס איז גוט פאַר אונז דאָ צו זיין;
און לאָמיר מאַכן דריי סוכות: איינע פאַר דיר, איינע
פאַר משהן און איינע פאַר אליהו, נישט ווייסנדיק,
34 וואָס ער רעדט· און בשעת ער האָט גערעדט, איז
געקומען אַ וואָלקן און האָט זיי באַשאָטנט; און זיי
האָבן מורא געקריגן ווי זיי זענען אַריינגעקומען
35 אין דעם וואָלקן אַריין· און עס איז אַרויסגעקומען
אַ קול פון דעם וואָלקן, אַזוי צו זאָגן: דער
דאָזיקער איז מיין זון, דער אויסדערווײלטער,
36 אים זאָלט איר הערן! און בשעת דאָס קול איז
געהערט געוואָרן, האָט ישוע זיך געפונען איינער
אַליין· און זיי האָבן געשוויגן און אין יענע טעג
האָבן זיי קיינעם גאָרנישט דערציילט פון דעם,
וואָס זיי האָבן געזעען·

37 און עס איז געשען צומאָרגנס, ווען זיי זענען
אַראָפּגעשטיגן פונם באַרג, איז אים אַנטקייגן געק־
38 ומען אַ גרויסער המון מענטשן· און זע, אַ מאַן
פון דער מאַסע מענטשן האָט אַ געשריי געטון,

אַזוי צו זאָגן: רבי, איך בעט דיך, קוק דיך אום
39 אויף מיין זון, מחמת ער איז מיין בן־יחיד; און
זע, אַ גייסט כאַפּט אים אָן, און פּלוצלונג שרייט
ער און רייסט אים, אַז ער שוימט פאַרן מויל, און
40 גייט קוים אַוועק פון אים און צעשלאָגט אים. און
איך האָב שוין געבעטן דיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן
אים אַרויסטרייבן, און זיי זענען נישט געווען
41 ביכולת. און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
אָ אומגלויביק און פאַרקרומט דור! ביז ווען וועל
איך זיין ביי אייך און אייך סובל זיין! ברענג
42 אַהער דעם זון דיינעם! און בעת ער איז נאָך
געווען אויפן וועג צו אים, האָט דער בייזער
גייסט אים אַ ריס געטון און געמאַטערט. ישוע
אָבער האָט אָנגעשריגן אויף דעם אומריינעם גייסט,
און געהיילט דאָס יינגל און אים אָפּגעגעבן צו
43 זיין פאָטער. און אַלע זענען דערשטוינט געוואָרן
איבער ג־טס געוואַלטיקער מאַכט.

און בשעת אַלע האָבן זיך געוואונדערט איבער
אַלעם, וואָס ער האָט געטון, האָט ער געזאָגט צו
44 זיינע תלמידים: לאָזט די דאָזיקע ווערטער אַריינ־
דרינגען אין אייערע אויערן אַריין: וואָרום דער
בן־אדם וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט
45 פון מענטשן. זיי אָבער האָבן נישט פאַרשטאַנען
דאָס דאָזיקע וואָרט און עס איז געווען פאַרהוילן
פון זיי, כדי זיי זאָלן נישט וויסן די באַטייטונג
דערפון; און זיי האָבן מורא געהאַט אים צו פרעגן
וועגן דעם דאָזיקן וואָרט.

46 און עס איז זיי אויפגעגאַנגען אַ געדאַנק: ווער
47 פון זיי עס זאָל זיין דער גרעסטער. און ווען ישוע
האָט געזעען די מחשבה פון זייער האַרץ, האָט ער
גענומען אַ קינד און עס געשטעלט לעבן זיך,

48 און האָט צו זיי געזאָגט: ווער עס וועט אויפנעמען
דאָס דאָזיקע קינד אין מיין נאָמען, דער נעמט מיך
אויף; און ווער עס וועט מיך אויפנעמען, דער
נעמט אויף דעם, וואָס האָט מיך געשיקט; וואָרום
ווער עס איז דער קלענסטער צווישן אייך אַלע,
דער דאָזיקער איז גרויס!
49 און יוחנן האָט ענטפערנדיק געזאָגט: האַר, מיר
האָבן געזעען איינעם, וואָס האָט אין דיין נאָמען
אַרויסגעטריבן בייזע גייסטער, און מיר האָבן עס
אים פאַרווערט, ווייל ער פאָלגט נישט נאָך מיט
50 אונז. ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט: איר
זאָלט נישט פאַרווערן! וואָרום ווער עס איז נישט
קעגן אייך, דער איז פאַר אייך.
51 און עס איז געשעען, ווען די טעג זענען דערפילט
געוואָרן, אַז ער זאָל אַרויפגענומען ווערן, האָט ער
פעסט אַנטשלאָסן געווענדט זיין פנים צו גיין
52 קיין ירושלים, און געשיקט שליחים פאָרויס
פאַר זיך; און זיי זענען אַוועק און זענען אַריינ־
געגאַנגען אין אַ דאָרף פון די שומרונים, כדי
53 צוצוגרייטן פאַר אים. און מען האָט אים נישט
אויפגענומען, ווייל זיין פנים איז געווען געווענדט
54 צו גיין קיין ירושלים. און זעענדיק דאָס, האָבן די
תלמידים, יעקב און יוחנן, געזאָגט: האַר, צי
ווילסטו, אַז מיר זאָלן זאָגן, עס זאָל אַראָפּקומען
פייער פון הימל און זיי פאַרברענען? (ב מלכים א׳)
55 ער אָבער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעשריגן
56 אויף זיי; און זיי זענען געגאַנגען אין אַן אַנדער
דאָרף אַריין.
57 און בשעת זיי זענען געגאַנגען אויפן וועג, האָט
עמיצער געזאָגט צו אים: איך וועל דיר נאָכפאָלגן
58 וואוהין דו וועסט נאָר גיין. און ישוע האָט צו

אים געזאָגט: די פוקסן האָבן היילן און די פייגל
פון הימל—נעסטן; דער בן־אדם אָבער האָט
59 נישט וואו דעם קאָפּ אַניִדערצולייגן. און צו אַן
אַנדערן האָט ער געזאָגט: פאָלג מיר נאָך! דער
אָבער האָט געזאָגט: דערלויב מיר צום ערשט
אַוועקצוגיין און קובר צו זיין דעם פאָטער מיינעם.
60 האָט ער צו אים געזאָגט: לאָז די טויטע באַגראָבן
זייערע טויטע; דו אָבער גיי, און זאָג אָן דאָס
61 קעניגרייך פון ג־ט! און נאָך אַן אַנדערער האָט
געזאָגט: איך וועל דיר נאָכפאָלגן, האַר, נאָר
דערלויב מיר קודם כל זיך צו געזעגענען מיט
62 די, וואָס זענען אין מיין הויז. ישוע אָבער האָט
צו אים געזאָגט: קיינער, וואָס לייגט די האַנט אויפן
אַקעראייזן און בליקט אויף דעם, וואָס איז הינטער
זיך, טויג נישט פאַר דעם קעניגרייך פון ג־ט!

## קאַפּיטל צען

10

1 און נאָך דעם האָט דער האַר באַצייכנט נאָך
זיבציק אַנדערע און זיי געשיקט זאַלבעצווייי
פאָרויס פאַר זיך אין יעדער שטאָט און אָרט,
2 וואוהין ער אַליין האָט געזאָלט קומען. און
האָט צו זיי געזאָגט: דער שניט איז גרויס, די
אַרבעטער אָבער זענען ווייניק; בעט זשע דעם
האַר פונעם שניט, אַז ער זאָל שיקן אַרבעטער צו
3 זיין שניט! גייט! זע, איך שיק אייך ווי שאָף
4 צווישן וועלף. טראָגט נישט קיין בייטל, נישט
קיין טאַש, נישט קיין שיך; און גיט קיינעם נישט
5 אָפּ שלום אויפן וועג. וואו אָבער איר וועט אַריינ־
קומען אין אַ הויז, זאָלט איר צום ערשט זאָגן:
6 שלום צו דעם דאָזיקן הויז! און אויב דאָרטן איז

דאָ אַ בּן שלום, וועט אייער פרידן רוען אויף אים;
אויב אָבער נישט, וועט ער זיך אומקערן צו אייך.
7 און אין דעם זעלביקן הויז זאָלט איר בּלייבּן, עסט
און טרינקט וואָס זיי האָבּן; וואָרום דער אַרבּעטער
איז ווערט זיין לוין. גייט נישט פון הויז צו הויז.
8 און אין וועלכער עס איז שטאָט איר קומט אַריין,
און זיי נעמען אייך אויף, זאָלט איר עסן וואָס מען
9 לייגט פאַר אייך אַנידער; און איר זאָלט היילן די
קראַנקע אין דער זעלביקער (שטאָט), און זאָגט צו
זיי: דאָס קעניגרייך פון ג־ט האָט זיך דערנענטערט
10 צו אייך! וואו אָבער איר וועט אַריינקומען אין אַ
שטאָט, און זיי וועלן אייך נישט אויפנעמען, זאָלט
11 איר אַרויסגיין אויף אירע גאַסן און זאָגן: אַפילו
דעם שטויב, וואָס האָט זיך פון אייער שטאָט באַהעפט
צו אונזערע פיס, ווישן מיר אָפּ קעגן אייך; דאָך זאָלט
איר וויסן זיין דאָס דאָזיקע, אַז דאָס קעניגרייך
12 פון ג־ט האָט זיך דערנענטערט. איך זאָג אייך,
אַז פאַר סדום וועט עס זיין דערטרעגלעכער אין
13 יענעם טאָג ווי פאַר יענער שטאָט. ווי איז צו
דיר, כורזין! ווי איז צו דיר, בית צידה! ווייל אויב
אין צור און צידון וואָלטן געשעען די וואונדער,
וואָס זענען געשעען אין אייך, וואָלטן זיי שוין לאַנג
14 געזעסן אין זאַק און אין אַש און תשובה געטון. דאָך
וועט פאַר צור און צידון זיין דערטרעגלעכער אינם
15 משפט, ווי פאַר אייך. און דו כפר נחום, בּיז צום
הימל וועסטו זיין דערהויכט? בּיז צום שאול־תחתיה
16 וועסטו אַראָפּנידערן! ווער עס הערט אייך, דער
הערט מיך, און ווער עס פאַרוואַרפט אייך, דער
פאַרוואַרפט מיך; ווער אָבער עס פאַרוואַרפט מיך,
דער פאַרוואַרפט אים, וואָס האָט מיך געשיקט.
17 און די זיבּעציק האָבּן זיך אומגעקערט מיט פרייד,

אַזוי צו זאָגן: האַר, אַפילו די בייזע גייסטער זענען
18 אונטערטעניק צו אונז אין דיין נאָמען! ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: איך האָב געזעען דעם שטן
19 פאַלן, ווי אַ בליץ פון הימל. זע, איך האָב אייך
געגעבן די מאַכט צו טרעטן אויף שלאַנגען און
עקדעסן און איבער יעדער גבורה פון דעם שונא;
20 און עס וועט אייך גאָרנישט שאַדטן. דאָך זאָלט איר
זיך נישט פרייען מיט דעם דאָזיקן, וואָס די גייסטער
זענען אייך אונטערטעניק; נאָר פריידט זיך, ווייל
אייערע נעמען זענען איינגעשריבן אין הימל!
21 און אין דער זעלביקער שעה האָט ער זיך געפריידט
אינם רוח הקודש און געזאָגט: איך לויב דיך,
פאָטער, האַר פון הימל און ערד, ווייל דו האָסט
פאַרהוילן די דאָזיקע זאַכן פון די חכמים און נבונים,
און האָסט זיי אַנטפּלעקט צו קליינע קינדער; יאָ,
פאָטער, ווייל אַזוי איז עס געווען וואוילגעפעליק
22 פאַר דיר. אַלץ איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון
מיין פאָטער; און קיינער ווייסט נישט, ווער דער
זון איז, אַ חוץ דער פאָטער; און ווער דער פאָטער
איז, (ווייסט קיינער נישט) אַ חוץ דער זון, און
דער, צו וועמען דער זון וויל עס אַנטפּלעקן.
23 און אויסדרייענדיק זיך צו די תלמידים האָט ער
געזאָגט צו זיי אַליין: געבענטשט זענען די אויגן,
24 וועלכע זעען, וואָס איר זעט; וואָרום איך זאָג
אייך, אַז אַ סך נביאים און מלכים האָבן באַגערט
צו זעען, וואָס איר זעט, און האָבן עס נישט געזעען;
און צו הערן, וואָס איר הערט, און האָבן עס נישט
געהערט.
25 און זע, אַ געוויסער בעל תורה האָט זיך
אויפגעשטעלט און אים אויסגעפּרואווט, אַזוי צו
זאָגן: רבי, וואָס זאָל איך טון, כדי צו ירשענען

26 אייביק לעבן? און ער האָט צו אים געזאָגט: וואָס
שטייט געשריבן אין דער תורה? וויאַזוי לייענסטו?
27 האָט ער ענטפערנדיק געזאָגט: דו זאָלסט ליב
האָבן דעם האַר, דיין ג־ט, מיטן גאַנצן האַרצן דיינעם
און מיט דיין גאַנץ נפש און מיט דיין גאַנצער קראַפט
און מיט דיין גאַנצן פאַרשטאַנד, און דיין חבר ווי
28 דיך אַליין! (דברים ו, ה; ויקרא יט, יח.) האָט ער צו
אים געזאָגט: דו האָסט ריכטיק געענטפערט; טו
29 דאָס דאָזיקע, און דו וועסט לעבן. ער אָבער,
ווילנדיק זיך אַליין גערעכטפערטיקן, האָט געזאָגט
30 צו ישוען: און ווער איז מיין חבר? האָט ישוע
ענטפערנדיק געזאָגט: אַ געוויסער מענטש איז
אַראָפּגעגאַנגען פון ירושלים קיין יריחו און איז
אַריינגעפאַלן צווישן גזלנים; און זיי האָבן אים
אויסגעטון און אים באַלייגט מיט בלוטיקע שלעק
און זענען אַוועקגעגאַנגען איבערלאָזנדיק אים אַ
31 האַלב טויטן. און מעשה צופאַל איז אַ כהן אַראָפּגע־
גאַנגען אויף יענעם וועג; און ווי ער האָט אים
דערזעען, איז ער אַריבער אויף דער אַנדערער
32 זייט און אַוועקגעגאַנגען. און אויך אַזוי אַ לוי,
קומענדיק צו דעם אָרט און זעענדיק אים, איז
אַריבער אויף דער אַנדערער זייט און אַוועקגע־
33 גאַנגען. אַ געוויסער שומרוני אָבער, אונטערוועגנס,
איז אַהינגעקומען צו אים, און ווי ער האָט אים
34 דערזעען, האָט ער זיך דערבאַרעמט און איז
צוגעגאַנגען און האָט אים פאַרבונדן די וואונדן
זיינע און אַרויפגעגאָסן אייל און וויין; און
אים אַרויפגעזעצט אויף זיין אייגענער בהמה און
אַוועקגעפירט אין אַן אכסניה אַריין און אים
35 געפלעגט. און צומאָרגנס האָט ער אַרויסגענ־
בומען צוויי דינרים און זיי געגעבן דעם בעל־אכסניה

און געזאָגט: קוק דיך אום אויף אים! און וואָס דו
וועסט אויסגעבן מער, וועל איך דיר באַצאָלן ווען
36 איך וועל מיך אומקערן. ווער פון די דאָזיקע דריי,
מיינסטו, איז געווען אַ חבר צו אים, וואָס איז
37 אַריינגעפאַלן צווישן די גזלנים? און ער האָט
געזאָגט: דער, וואָס האָט געטון חסד מיט אים!
און ישוע האָט צו אים געזאָגט: גיי, און טו אויך
אַזוי!

38 און בשעת זיי זענען ווייטער געגאַנגען, איז ער
אַריינגעקומען אין אַ געוויס דאָרף; און אַ פרוי
מיט דעם נאָמען מרתא האָט אים אויפגענומען
39 אין איר הויז אַריין. און זי האָט געהאַט אַ שוועס־
טער, וואָס האָט געהייסן מרים, וועלכע האָט זיך
אויך אַנידערגעזעצט ביי דעם האַרס פיס און זיך
40 צוגעהערט צו זיין וואָרט. מרתא אָבער האָט זיך
זער געפּאָרעט איבער אַ סך באַדינען; און זי איז
צוגעקומען און געזאָגט: האַר, עס קימערט דיך
נישט וואָס מיין שוועסטער האָט מיך איבערגעלאָזט
איינע אַליין צו באַדינען? זאָג זשע איר, אַז
41 זי זאָל מיר צוהעלפן. און דער האַר האָט איר
ענטפערנדיק געזאָגט: מרתא, מרתא, דו זאָרגסט
42 דיך און קימערסט דיך וועגן אַ סך זאַכן; אָבער נאָר
עפּעס, איין זאַך איז נייטיק; און מרים האָט אויס־
דערוויילט דעם גוטן חלק, וואָס וועט פון איר נישט
אַוועקגענומען ווערן!

## קאַפּיטל עלף

1 און עס איז געשעען, בשעת ער האָט מתפלל געווען
אויף אַ געוויס אָרט; און אַז ער האָט אויפגעהערט,
האָט איינער פון די תלמידים זיינע געזאָגט צו אים:
האַר, לערן אונדז תפילה צו טון, אַזוי ווי יוחנן
2 האָט אויך געלערנט זיינע תלמידים! און ער האָט
צו זיי געזאָגט: ווען איר טוט תפילה, זאָלט איר,
זאָגן: פאָטער, געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען.
3 זאָל דיין מלכות קומען. גיב אונדז יעדן טאָג אונדזער
4 טעגלעך ברויט! און פאַרגיב אונדז אונדזערע זינד,
וואָרום מיר אַליין זענען אויך מוחל יעדן איינעם,
וואָס איז אונדז שולדיק. און ברענג אונדז נישט צו
קיין נסיון.
5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ווער פון אייך
וועט האָבן אַ פריינט, און ער וועט גיין צו אים אין
מיטן דער נאַכט און זאָגן צו אים: פריינט, ליי מיר
6 דריי לעבלעך ברויט, ווייל אַ פריינט מיינער איז
געקומען פון אונטערוועגנס צו מיר, און איך האָב
7 נישט וואָס אַנידערצולייגן פאַר אים; און יענער
אינעווייניק ענטפערנדיק וועט זאָגן: זיי מיך נישט
מטריח; די טיר איז שוין צוגעשלאָסן, און מיינע
קינדער זענען מיט מיר אין בעט; איך קען נישט
8 אויפשטיין און דיר געבן! איך זאָג אייך: אויב ער
וועט נישט אויפשטיין און אים געבן, מחמת ער איז
זיין פריינט, דאָך צוליב זיין עזות־פנימדיקייט וועט
ער אויפשטיין און אים געבן, אַזויפיל וויפל ער
9 באַדאַרף. און איך זאָג אייך: בעט, און עס וועט אייך
געגעבן ווערן, זוכט, און איר וועט געפינען; קלאַפט
10 אָן, און עס וועט אייך אויפגעמאַכט ווערן! וואָרום

יעדער איינער, וואָס בעט, באַקומט; און ווער עס
זוכט, געפינט; און דעם, וואָס קלאַפּט אָן, וועט
11 אויפגעמאַכט ווערן. און וועמען פון אייך, וואָס איז
אַ פאָטער, דער זון וועט בעטן ברויט, צי וועט ער
אים דען געבן אַ שטיין? אָדער פיש, צי וועט ער
12 דען אים געבן אַ שלאַנג אָנשטאָט פיש? אָדער אויב
ער וועט בעטן אַן איי, צי וועט ער דען אים געבן
13 אַן עקדעס? דעריבער, אויב איר, זייענדיק שלעכט,
ווייסט צו געבן גוטע גאָב צו אייערע קינדער, על
אחת כמה וכמה וועט דער פאָטער פון הימל געבן
דעם רוח הקודש צו די, וואָס בעטן אים!
14 און ער האָט אַרויסגעטריבן אַ בייזן גייסט, וואָס
איז געווען שטום. און עס איז געשעען, ווען דער
בייזער גייסט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער
שטומער גערעדט; און די מאַסן האָבן געשטוינט.
15 אייניקע אָבער פון זיי האָבן געזאָגט: דורך דעם
בעל זבול, דעם שר פון די בייזע גייסטער, טרייבט
16 ער אַרויס די בייזע גייסטער. און אַנדערע, אויס־
פּרואוונדיק אים, האָבן פון אים פאַרלאַנגט אַ צייכן
17 פון הימל. ער אָבער, ווייל ער האָט געוואוסט פון
זייערע געדאַנקען, האָט צו זיי געזאָגט: יעדע
מלוכה, וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, ווערט
18 פאַרוויסט; און אַ הויז פאַלט אויף אַ הויז. און
אַפילו דער שטן, אויב ער איז צעטיילט קעגן זיך
אַליין, וויאַזוי וועט זיין קעניגרייך האָבן אַ קיום?
ווייל איר זאָגט, דורך דעם בעל זבול טרייב איך
19 אַרויס די בייזע גייסטער. און אויב איך טרייב
אַרויס די בייזע גייסטער דורך דעם בעל זבול,
דורך וועמען טרייבן אייערע קינדער זיי אַרויס?
20 דערפאַר וועלן זיי זיין אייערע שופטים. אויב
אָבער איך טרייב אַרויס די בייזע גייסטער מיט

דעם פינגער פון ג־ט, אַזוי איז דאָס קעניגרייך
21 פון ג־ט שוין געקומען צו אייך! ווען דער גבור,
פעליק באַוואָפנט, באַוואַכט זיין הויף, בלייבט זיין
22 פאַרמעגן אין פרידן; ווען אָבער אַ שטאַרקערער
פון אים קומט און באַזיגט אים, וועט ער אַוועק־
נעמען זיינע כלי זין, אויף וועלכע ער האָט זיך
23 פאַרלאָזט, און וועט צעטיילן זיין רויב. ווער עס
איז נישט מיט מיר, דער איז קעגן מיר; און ווער
עס זאַמלט נישט איין מיט מיר, דער צעשפּרייט.
24 ווען דער אומריינער גייסט גייט אַרויס פון דעם
מענטשן, גייט ער אַדורך איבער ערטער, וואו
עס איז קיין וואַסער נישטאָ, זוכנדיק מנוחה; און
ווייל ער געפינט נישט, זאָגט ער: איך וועל מיך
אומקערן צו דעם הויז מיינעם, פון וואַנען איך בין
25 אַרויס. און ער קומט און געפינט עס אויסגעקערט
26 און אויסגעצירט. דעמלט גייט ער און נעמט מיט
זיבן אַנדערע ערגערע גייסטער ווי ער איז אַליין,
און זיי גייען אַריין און וואוינען דאָרטן, און דער
סוף פון יענעם מענטשן ווערט ערגער ווי דער
אָנהויב.

27 און עס איז געשען, בשעת ער האָט דאָס גערעדט,
האָט אַ געוויסע פרוי פון דעם המון מענטשן
אויפגעהויבן איר קול און געזאָגט צו אים: אַז
וואויל איז דעם מוטערלייב, וואָס האָט דיך געטראָגן,
28 און די בריסט, וועלכע דו האָסט געזויגן! ער
אָבער האָט געזאָגט: יאָ, וואויל איז די, וואָס הערן
ג־טס וואָרט, און היטן עס אָפּ!

29 ווי אָבער מאַסן מענטשן האָבן אַהערגעשטראָמט
צו אים, האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן: דאָס דאָזיקע
דור איז אַ בייז דור! עס פאַרלאַנגט אַ צייכן; און
קיין צייכן וועט אים נישט געגעבן ווערן אַ חוץ

30 דאָס צייכן פון יונה. וואָרום אַזוי ווי יונה איז
געוואָרן אַ צייכן פאַר די אַנשי נינוה, אַזוי
וועט דער בן־אדם זיין פאַר דעם דאָזיקן דור.
31 (יונה א׳ יז׳) די מלכה פון תימן וועט אויפשטיין
אינם משפט מיט די לייט פון דעם דאָזיקן דור און
וועט זיי פאַראורטיילן; ווייל זי איז געקומען פון די
עקן פון דער ערד, צו הערן שלמהס חכמה און
זע, דאָ געפינט זיך אַ גרעסערער ווי שלמה!
32 (א מלכים י׳ א׳־יג׳) מענער פון נינוה וועלן אויפשטיין
אינם משפט מיט דעם דאָזיקן דור און וועלן עס
פאַראורטיילן; ווייל זיי האָבן תשובה געטון אויף
יונהס רוף; און זע, דאָ געפינט זיך אַ גרעסערער
ווי יונה. (יונה ג׳)

33 קיינער צינדט נישט אָן קיין ליכט און שטעלט
עס אויף אַ פאַרבאָרגן אָרט, אויך נישט אונטער אַ
מאָסשעפל, נאָר אויף אַ לייכטער, כדי די, וואָס
34 קומען אַריין, זאָלן זעען דעם העלן שיין. דאָס
ליכט פון דעם קערפּער איז דאָס אויג דיינס. ווען
דיין אויג איז געזונט, איז אויך דיין גאַנצער
קערפּער ליכטיק; אויב אָבער עס איז שלעכט,
35 איז אויך דער גאַנצער גוף דיינער חושך. גיב זשע
אַכטונג, אַז דאָס ליכט אין דיר זאָל נישט זיין
36 קיין פינסטערניש! אויב דעריבער דיין גאַנצער
קערפּער איז ליכטיק, אַז ער האָט נישט קיין פינס־
טערן חלק, וועט ער זיין אינגאַנצן ליכטיק, ווי
ווען דאָס ליכט באַשטראַלט דיך מיט זיין שיין.

37 און בשעת ער האָט גערעדט, האָט אַ פּרוש אים
פאַרבעטן, אַז ער זאָל עסן ביי אים. און ער איז
38 אַריינגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט צום טיש. און
דער פּרוש האָט זיך געוואונדערט, זעענדיק, אַז ער
האָט זיך נישט צו ערשט געוואַשן פאַרן עסן.

39 און דער האַר האָט געזאָגט צו אים: איצט מאַכט
איר, פּרושים, ריין דעם בעכער און די שיסל פון
אויסנווייניק, דאָס אינעווייניקסטע אָבער אין אייך
40 איז פול מיט גזילה און רשעות. נאַראָנים וואָס
איר זענט! צי האָט דען נישט דער, וואָס האָט
געמאַכט דאָס אויסנווייניקסטע, אויך געמאַכט דאָס
41 אינעווייניקסטע? גיט נאָר צדקה פון דעם, וואָס
איז דרינען, און זע, אַלץ איז ריין פאַר אייך!
42 נאָר וויי איז צו אייך, ווייל איר גיט אָפּ מעשר פון
מיענטע און רוטע און פון יעדן גרינצייג, און זענט
עובר אויף דעם משפט און דער ליבע פון גאָט;
די דאָזיקע האָט איר געדאַרפט טון און יענע אויך
43 נישט אויסלאָזן. וויי איז צו אייך פּרושים, ווייל איר
האָט ליב צו זיצן אויבנאָן אין שול און אַז מען זאָל
44 אייך אָפּגעבן שלום אויף די מערק. וויי איז צו אייך,
אַז איר זענט ווי קברים, וואָס מען דערקענט נישט;
און די מענטשן, וואָס גייען אַרום אויף זיי, ווייסן
עס נישט!
45 און איינער פון די חכמים האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צו אים: רבי, ווען דו זאָגסט די דאָזיקע
46 זאַכן, באַליידיקסטו אונדז אויך! ער אָבער האָט
געזאָגט: וויי איז אויך צו אייך, חכמי התורה;
ווייל איר באַלאָדנט די מענטשן מיט שווערע משאות,
וואָס מען קען זיי קוים דערטראָגן, און איר אַליין
רירט אַפילו נישט אָן די לאַסטן מיט איינעם פון
47 אייערע פינגער. וויי איז צו אייך, ווייל איר בויט די
קברים פון די נביאים, וואָס אייערע פאָטערס האָבן
48 זיי געהרגעט. אָט אַזוי־אָ זענט איר עדות און איר
האָט אַ וואוילגעפעלן אין די מעשים פון די פאָטערס
אייערע; ווייל זיי האָבן זיי געטייט, איר אָבער
49 בויט די קברים. צוליב דעם האָט אויך די חכמה

פון ג־ט געזאָגט: איך וועל שיקן צו זיי נביאים
און שליחים, און אַ טייל פון זיי וועלן זיי אומ־
50 ברענגען און רודפן; כדי דאָס בלוט פון אַלע נביאים,
וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן זינט דער וועלט־
באַשאַפונג, זאָל געפאָדערט ווערן פון דעם דאָזיקן
51 דור, פון דעם בלוט פון הבל ביז צום בלוט פון
זכריה, וואָס איז אומגעקומען צווישן דעם מזבח
און דעם בית (המקדש); יאָ, איך זאָג אייך, עס
52 וועט געפאָדערט ווערן פון דעם דאָזיקן דור· וויי
צו אייך, חכמי התורה, ווייל איר האָט אַוועקגענומען
דעם שליסל פון וויסן; אַליין זענט איר נישט אַריינ־
געגאַנגען, און די, וואָס האָבן געוואָלט אַריינגיין,
האָט איר פאַרווערט!
53 און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן, האָבן
די סופרים און די פרושים אָנגעהויבן צוצושטיין
צו אים און אים צו שטעלן קשיות איבער מערערע
זאַכן מיט פאַרביטערונג; לויערנדיק אויף אים, צו
כאַפּן עפּעס פון זיין מויל·

## קאַפּיטל צוועלף

1 דערווייל האָט זיך פאַרזאַמלט אַ המון פון
טויזנטער מענטשן, אַזוי אַז זיי האָבן זיך
געטרעטן איינס דאָס אַנדערע, האָט ער אָנגעהויבן
צום ערשט צו זאָגן צו זיינע תלמידים: היט זיך
פאַר דעם זויערטייג פון די פרושים, וועלכעס איז
2 צביעות· און עס איז נישטאָ קיין באַהאַלטענע זאַך,
וואָס וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן, און קיין פאַרבאָר־
גענע זאַך, וואָס וועט נישט באַקאַנט געמאַכט ווערן·
3 דערפאַר, אַלץ וואָס איר האָט גערעדט אין דער
פינסטערניש, וועט געהערט ווערן אין דער ליכטי־

קייט; און וואָס איר האָט געזאָגט אויפֿן אויער
בחדרי חדרים, דאָס וועט אויסגערופֿן ווערן אויף די
4 דעכער. איך זאָג אייך אָבער, מיינע פֿריינט: האָט
נישט קיין מורא פֿאַר די, וואָס טייטן דעם גוף און נאָך
5 דעם זענען נישט ביכולת עפּעס מער צו טון. איך
וועל אייך אָבער ווייזן פֿאַר וועמען איר זאָלט
מורא האָבן: האָט מורא פֿאַר אים, וואָס נאָכן טייטן,
האָט ער די מאַכט אַריינצוּוואַרפֿן אין גיהנום
אַריין; יאָ, איך זאָג אייך, פֿאַר דעם דאָזיקן זאָלט
6 איר מורא האָבן! צי פֿאַרקויפֿט מען דען נישט
פֿינף פֿייגעלעך פֿאַר צוויי איסרים? און קיין איינס
7 פֿון זיי איז נישט פֿאַרגעסן פֿאַר ג־ט. נאָר אַפֿילו
די האָר פֿון אייער קאָפּ זענען אַלע געציילט. האָט
נישט קיין מורא! איר זענט ווערט מער ווי אַ סך
8 פֿייגעלעך. איך זאָג אייך אָבער: יעדער איינער,
וואָס וועט זיך באַקענען צו מיר פֿאַר מענטשן,
וועט אויך דער בן־אדם זיך באַקענען צו אים
9 פֿאַר די מלאָכים פֿון ג־ט; דער אָבער, וואָס פֿאַר־
לייקנט מיך פֿאַר מענטשן, וועט פֿאַרלייקנט ווערן
10 פֿאַר די מלאָכים פֿון ג־ט. און יעדער איינער,
וואָס וועט זאָגן אַ וואָרט אַקעגן דעם בן־אדם
וועט עס אים פֿאַרגעבן ווערן; ווער אָבער עס
לעסטערט דעם רוח הקודש, דעם וועט נישט
11 פֿאַרגעבן ווערן. און ווען מען פֿירט אייך פֿאַר די
שולן און פֿאַר די פֿירשטן און פֿאַר די געוועלטיקער,
זאָלט איר נישט זאָרגן, וויאַזוי אָדער מיט וואָס
איר זאָלט זיך פֿאַרטיידיקן אָדער וואָס איר זאָלט
12 זאָגן; וואָרום דער רוח הקודש וועט אייך לערנען
אין דער זעלביקער שעה, וואָס איר דאַרפֿט זאָגן.
13 און עמיצער אויס דעם המון מענטשן האָט צו
אים געזאָגט: רבי, זאָג דעם ברודער מיינעם,

אַז ער זאָל זיך טיילן מיט מיר מיט דער ירושה!
14 ער אָבער האָט צו אים געזאָגט: מענטש, ווער
האָט מיך באַשטימט פאַר אַ שופט אָדער צעטיילער
15 איבער אייך? ער האָט אָבער צו זיי געזאָגט:
גיט אַכטונג און היט זיך פאַר יעדער געלטגייציקייט!
ווייל דאָס לעבן פון אַ מענטשן באַשטייט נישט
16 אין דער שפע פון זיין פאַרמעגן· און האָט זיי
געזאָגט אַ משל, אַזוי צו זאָגן: אַ געוויסן עשירס
17 לאַנד האָט אַריינגעבּרענגט אַ גוטן שניט; און ער
האָט זיך מישב געווען, זאָגנדיק: וואָס זאָל איך
טון, אַז איך האָב נישט וואו איינצוזאַמלען מיינע
18 פּירות? און האָט געזאָגט: דאָס דאָזיקע וועל
איך טון: איך וועל צעשטערן מיינע שפּייכלערס
און בּויען גרעסערע און וועל דאָרטן איינזאַמלען
19 די גאַנצע תבואה און די גיטער מיינע; און איך וועל
זאָגן צו מיין זעל: נשמה מיינע, האָסט אַ סך
גוטע זאַכן ליגן אויף פיל יאָרן; האָב מנוחה, עס,
20 טרינק און לאָז דיר וואוילגיין! ג־ט אָבער האָט
צו אים געזאָגט: דו נאַר, אין דער דאָזיקער נאַכט
וועט דיין זעל פון דיר געפאָדערט ווערן; און פאַר
וועמען וועט עס זיין, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט?
21 אָט אַזוי גייט עס דעם, וואָס זאַמלט אוצרות פאַר זיך
און איז נישט רייך אין ג־ט·
22 און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: צוליב
דעם זאָג איך אייך: זאָרגט נישט פאַר אייער לעבן,
וואָס איר וועט עסן; אויך נישט פאַר אייער גוף,
23 וואָס איר וועט זיך אָנקליידן· וואָרום דאָס לעבן
איז מער ווי די שפּייז און דער קערפּער—ווי דאָס
24 מלבּוש· באַטראַכט די ראָבן! אַז נישט זיי זייען,
נישט זיי שניידן, זיי האָבן נישט קיין קאַמער, נישט
קיין שייער, און ג־ט דערנערט זיי דאָך; וויפל מער

25 זענט איר ווערט ווי די פֿייגל? און ווער פֿון אייך
מיט זיין זאָרגן קען צולייגן אַן אייל צו זיין געוואוקס?
26 דעריבער, אויב איר זענט נישט אַפילו בכוח צו טון
דאָס קלענסטע, וואָס זאָרגט איר זיך פֿאַר די איבעריקע
27 זאַכן? באַטראַכט די ליליעס! ווי נישט זיי שפּינען,
נישט זיי וועבן; און איך זאָג אייך, אַפילו שלמה
אין זיין גאַנצער פּראַכט איז נישט געווען אָנגעקליידט
28 ווי איינע פֿון די דאָזיקע. און אויב ג-ט קליידט
אַזוי דאָס גראָז אויפֿן פֿעלד, וואָס היינט איז עס
און צומאָרגנס ווערט עס געוואָרפֿן אין אויוון
29 אַריין, וויפֿל מער אייך, איר קליינגלויביקע! און
פֿרעגט נישט נאָך וואָס איר וועט עסן און וואָס איר
30 וועט טרינקען און רעגט זיך נישט אויף. וואָרום
צו די אַלע זאַכן שטרעבן די אומות העולם;
אייער פֿאָטער אָבער ווייסט, אַז איר דאַרפֿט
31 די דאָזיקע זאַכן. נאָר זוכט זיין קעניגרייך און דאָס
32 וועט אייך צוגעגעבן ווערן. האָב נישט קיין מורא,
דו קליינע סטאַדע; ווייל עס איז וואוילגעפֿעלן
דעם פֿאָטער אייערן, אייך צו געבן דאָס קעניגרייך!
33 פֿאַרקויפֿט אייער האָב און גיט צדקה; מאַכט זיך
בייטלען, וואָס ווערן נישט אַלט; אַן אוצר, וואָס
לאָזט זיך נישט אויס, אין הימל, וואו קיין גנב
דערנענטערט זיך נישט און קיין מילב צעשטערט
34 אויך נישט. וואָרום וואו אייער אוצר איז, דאָרט
וועט אויך אייער האַרץ זיין.
35 זאָלן אייערע לענדן זיין אָנגעגורט און אייערע
36 ליכט ברענען; און זייט גלייך צו מענטשן, וואָס
וואַרטן אויף זייער האַר, ווען ער וועט זיך
אומקערן פֿון דער חתונה, כדי ווען ער קומט און
37 קלאַפּט אָן, זאָלן זיי אים גלייך אויפֿעפֿענען. וואויל
איז יענע קנעכט, וועלכע ווען דער האַר קומט

געפינט ער זיי וואַכנדיקע; באמת זאָג איך אייך,
ער וועט זיך אַרומגאַרטלען און זיי אַנידערזעצן
38 צום טיש און צוגיין און זיי באַדינען. און אויב
ער וועט קומען אינם צווייטן אָדער דריטן משמר
פון דער נאַכט און וועט זיי אַזוי געפינען, איז
39 וואויל יענע קנעכט. נאָר דאָס דאַזיקע זאָלט איר
וויסן זיין, אַז אויב דער בעל הבית וואָלט געוואוסט
אין וועלכער שעה דער גנב קומט, וואָלט ער נישט
דערלאָזט מען זאָל איינברעכן אין זיין הויז.
40 און איר זאָלט זיין גרייט, ווייל דער בן־אדם
קומט אין אַ שעה, וואָס איר שטעלט זיך נישט
פאָר.
41 און פעטרוס האָט געזאָגט: האַר, צי זאָגסטו
דאָס דאַזיקע משל צו אונז אָדער אויך צו אַלעמען?
42 און דער האַר האָט געזאָגט: ווער זשע איז דער
געטרייער און פאַרשטאַנדיקער הויז־פאַרוואַלטער,
וועלכן דער האַר וועט באַשטימען איבער זיין
הויז־געזינד, אַז ער זאָל זיי געבן די מאָס שפּייז
43 צו דער רעכטער צייט? וואויל איז יענעם
קנעכט, וואָס ווען דער האַר זיינער קומט, געפינט
44 ער אים אַזוי טון. באמת זאָג איך אייך, אַז ער וועט
45 אים באַשטימען איבער אַלע זיינע גיטער. אויב
אָבער יענער קנעכט וועט זאָגן אין זיין האַרצן:
מיין האַר זוימט זיך צו קומען; און וועט
אָנהויבן צו שלאָגן די קנעכט און די דינסטן, אויך
46 צו עסן און טרינקען און זיך אָנצושכורן, וועט
דער האַר פון יענעם קנעכט קומען אין אַ טאָג,
ווען ער דערוואַרט עס נישט און אין אַ שעה, וואָס
ער ווייסט נישט; און וועט אים צעשניידן אין
צווייען און וועט לייגן זיין חלק מיט די ווידער־
47 שפּעניקע. יענער קנעכט אָבער, וואָס האָט געוואוסט

זיין האַרס רצון און האָט נישט צוגעגרייט, אָדער
געטון לויט זיין ווילן, וועט ליידן אַ סך שלעק;
48 אָבער דער, וואָס האָט נישט געוואוסט, און האָט
געטון דאָס, פאַר וועלכן ער איז חייב שלעק, וועט
ווייניק געשלאָגן ווערן. און יעדען איינעם, וועמען
אַ סך איז געגעבן געוואָרן, וועט אַ סך געפאָדערט
ווערן פון אים; און וועמען מען האָט אַ סך אָנפאַר־
טרויט, וועט מען מער פאַרלאַנגען פון אים.
49 איך בין געקומען, צו וואַרפן אַ פייער אויף דער
ערד; און וואָס וויל איך, אויב עס האָט זיך שוין
50 אָנגעצונדן? איך אָבער האָב אַ טבילה געטובלט צו
ווערן, און ווי עס טוט מיר באַנג, ביז זי וועט
51 פאַרענדיקט ווערן! איר מיינט, אַז איך בין געקומען
געבן שלום אויף דער ערד? ניין! איך זאָג אייך,
52 נאָר פיל מער אַ מחלוקה; וואָרום פון איצט אָן וועלן
זיין פינף אין איין הויז צעטיילט: דריי קעגן צוויי,
53 און צוויי קעגן דריי. עס וועלן זיין צעטיילט פאָטער
קעגן זון און זון קעגן פאָטער; מוטער קעגן טאָכטער
און טאָכטער קעגן דער מוטער; שוויגער קעגן איר
שנור און שנור קעגן דער שוויגער.
54 און ער האָט אויך געזאָגט צו די המונים מענטשן:
ווען איר זעט אַ וואָלקן אויפגיין אין מערב, זאָגט
איר גלייך: עס קומט אַ רעגן; און אַזוי געשעט עס.
55 און ווען עס בלאָזט אַ דרום־ווינט, זאָגט איר: עס
56 וועט זיין אַ היץ; און עס געשעט. איר צבועקעס,
דאָס אויסזעען פון דער ערד און פון דעם הימל
ווייסט איר אויסצופאָרשן; און ווי איז עס וואָס
57 איר פאָרשט נישט די דאָזיקע צייט? און פאַרוואָס
משפט איר נישט פון זיך אַליין, וואָס איז גערעכט?
58 וואָרום ווען דו גייסט מיט דיין קעגנער פאַרן שר,
גיב דיך די מי אויפן וועג, אַז דו זאָלסט פטור

ווערן פון אים (מיט גוטנס); טאָמער וועט ער דיך
אַוועקשלעפּן צום שופט, און דער שופט וועט דיך
איבערגעבן צום שוטר, און דער שוטר וועט דיך
59 אַרייַנוואַרפן אין תפיסה אַרייַן. איך זאָג דיר, דו
וועסט בשום אופן פון דאָרטן נישט אַרויס, ביז דו
וועסט נישט האָבן באַצאָלט די לעצטע פּרוטה!

## קאַפּיטל דרייצן

13

1 און אין דער דאָזיקער צייט זענען אייניקע
געקומען און האָבן אים דערציילט וועגן די
גלילים, וועמעס בלוט פּילאַטוס האָט אויסגעמישט
2 מיט זייערע קרבנות. און ער האָט ענטפערנדיק
צו זיי געזאָגט: איר מיינט (אפשר), אַז די דאָזיקע
גלילים זענען געווען גרעסערע חוטאים ווי אַלע
לייט פון גליל, ווייל זיי האָבן אַזעלכעס געליטן?
3 ניין, זאָג איך אייך; נאָר אויב איר וועט נישט
תשובה טון, וועט איר אַלע אומקומען אויף אַזאַ
4 אופן. אָדער יענע אַכצן, אויף וועלכע דער טורם
איז אייַנגעפאַלן אין שילוח און האָט זיי געטייט,
מיינט איר (אפשר), אַז זיי זענען געווען חייב מער
ווי אַלע מענטשן, וואָס וואוינען אין ירושלים?
5 ניין, זאָג איך אייך; נאָר אויב איר וועט נישט
תשובה טון, וועט איר אַלע אויך אַזוי אומקומען!
6 און ער האָט געזאָגט דאָס דאָזיקע משל: אַ
געוויסער מאַן האָט געהאַט אַ פייגנבוים, וואָס איז
געווען געפלאַנצט אין זיין ווייַנגאָרטן; און ער איז
געקומען און האָט געזוכט פּירות אויף אים, און
7 האָט נישט געפונען. און ער האָט געזאָגט צום
ווייַנגערטנער: זע, איך קום שוין דריי יאָר און
זוך פּירות אויף דעם דאָזיקן פייגנבוים און געפין

נישט· האַק אים אָפּ! פאַרוואָס זאָל ער נאָך
8 אומנוצלעך מאַכן די ערד? ער אָבער האָט ענט־
פערנדיק געזאָגט צו אים: האַר, לאָז אים נאָך דאָס
דאָזיקע יאָר, ביז איך וועל אים אַרומגראָבן און
9 באַמיסטיקן, אפשר וועט ער אויף להבא ברענגען
פרוכט; און אויב נישט, וועסטו אים אָפּהאַקן!
10 און ער האָט געלערנט אין איינער פון די שולן אַ
11 שבתדיקן טאָג· און זע, דאָרט איז געווען אַ פרוי,
וואָס האָט געהאַט אַ גייסט פון קראַנקהייט אַכצן
יאָר לאַנג, און זי איז געווען צוזאַמענגעקרימט און
12 האָט זיך נישט געקענט אויפשטעלן גלייך· און ווי
ישוע האָט זי דערזעען, האָט ער זי צוגערופן און
צו איר געזאָגט: פרוי, דו ביסט באַפרייט פון דיין
13 קראַנקהייט! און האָט אַרויפגעלייגט אויף איר
די הענט, און אין אַן אויגנבליק איז זי אויפ־
14 געריכט געוואָרן און האָט געלויבט ג־ט· און דער
גבאַי פון דער שול, בייזערנדיק זיך צוליב דעם,
וואָס ישוע האָט געהיילט אום שבת, האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צום עולם־מענטשן: עס זענען פאַראַן
זעקס טעג, אין וועלכע מען זאָל אַרבעטן; קומט
זשע אין די דאָזיקע און לאָזט זיך היילן און
15 נישט אין טאָג פון שבת! אָבער דער האַר האָט
אים געענטפערט און געזאָגט: צבועקעס, צי
בינדט דען נישט יעדער איינער פון אייך אויף
אום שבת דעם אָקס זיינעם אָדער דאָס אייזל פון
דער קאָריטע און פירט עס אַוועק אָנצוטרינקען?
16 און זי, וואָס איז אַ בת אברהם, וועמען דער שטן
האָט געבונדן, זע, אַכצן יאָר לאַנג, האָט זי דען
נישט געזאָלט אויפגעבונדן ווערן פון דער דאָזיקער
17 געבונדנקייט אין דעם טאָג פון שבת? און ווען ער
האָט דאָס געזאָגט, זענען אַלע זיינע קעגנער פאַר־

שעמט געוואָרן; און דער גאַנצער עולם־מענטשן
האָט זיך געפריידט איבער אַלע וואונדערלעכע
מעשים, וואָס זענען געשעען דורך אים.
18 דעריבער האָט ער געזאָגט: צו וואָס איז דאָס
קעניגרייך פון ג־ט גלייך? און צו וואָס זאָל איך
19 עס פאַרגלייכן? עס איז גלייך צו אַ זענעפט־קערנדל,
וואָס אַ מענטש האָט גענומען און אַריינגעוואָרפן
אין זיין גאָרטן אַריין. און עס איז אויפגעוואַקסן
און איז געוואָרן אַ בוים, און די פייגל פון הימל
20 האָבן זיך גענעסט אין זיינע צווייגן. און ווידער האָט
ער געזאָגט: צו וואָס זאָל איך פאַרגלייכן דאָס
21 קעניגרייך פון ג־ט? עס איז גלייך צו זויערטייג,
וואָס אַ פרוי האָט אַריינגעטון אין דריי מאָס זעמל־
מעל, ביז דאָס גאַנצע וועט זויער ווערן.
22 און ער איז געגאַנגען איבער שטעט און דערפער
לערנענדיק און מאַכנדיק די נסיעה קיין ירושלים.
23 און עמיצער האָט צו אים געזאָגט: האַר, זענען
עס ווייניקע, וואָס ווערן דערלייזט? ער אָבער
24 האָט צו זיי געזאָגט: שטרעבט אַריינצוגיין דורך
דעם ענגן טויער, ווייל אַ סך, זאָג איך אייך, וועלן
25 זוכן אַריינצוגיין און וועלן נישט קענען. ווען
איינמאָל דער בעל־הבית האָט זיך אויפגעהויבן
און פאַרשלאָסן די טיר, און איר וועט אָנהויבן
צו שטיין אינדרויסן און קלאַפן אין דער טיר
און זאָגן: האַר, עפן אונז אויף! און ער וועט
ענטפערנדיק זאָגן צו אייך: איך קען אייך נישט,
26 פונוואַנען איר זענט! דעמלט וועט איר אָנהויבן
צו זאָגן: מיר האָבן געגעסן פאַר דיר און געטרונקען,
27 און אויף אונזערע גאַסן האָסטו געלערנט! און ער
וועט ענטפערן: איך זאָג אייך, איך קען אייך נישט,
פונוואַנען איר זענט; אַוועק פון מיר איר אַלע,

28 וואָס טוט אומגערעכטיקייט! דאָרט וועט זיין
דאָס קלאָגן און קריצן מיט די ציין, ווען איר וועט
זעען אברהמן און יצחקן און יעקבן און אַלע נביאים
אין דעם קעניגרייך פון ג־ט, אייך אַליין אָבער
29 אַרויסגעוואָרפן אינדרויסן! און זיי וועלן קומען
פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום, און וועלן
זיך אַנידערזעצן אין דעם קעניגרייך פון ג־ט.
30 און זע, עס זענען דאָ לעצטע, וואָס וועלן זיין די
ערשטע; און עס געפינען זיך ערשטע, וואָס וועלן
זיין די לעצטע.
31 אין דער זעלביקער שעה זענען צוגעקומען אייניקע
פרושים און האָבן געזאָגט צו אים: גיי אַרויס און
גיי אַוועק פונדאַנען, ווייל הורדוס וויל דיך טייטן!
32 און ער האָט געזאָגט צו זיי: גייט און זאָגט דעם
דאָזיקן פוקס: זע, איך טרייב אַרויס בייזע גייסטער
און איך טו רפואות היינט און מאָרגן, און דעם
33 דריטן טאָג קום איך צום סוף. דאָך מוז איך היינט
און מאָרגן און איבערמאָרגן וואַנדערן, ווייל עס
געשיקט זיך נישט, אַז אַ נביא זאָל אומקומען מחוץ
34 לירושלים. אָ ירושלים, ירושלים, וואָס טייט די
נביאים און שטייניקט די, וואָס זענען געשיקט צו
איר! וויפל מאָל האָב איך שוין געוואָלט איינזאַמלען
דיינע קינדער, ווי אַ הון אירע עופהלעך אונטער
35 די פליגל, און איר האָט נישט געוואָלט! אָט ווערט
אייך איבערגעלאָזט אייער הויז וויסט; איך זאָג
אייך אָבער, איר וועט מיך מער נישט זעען, ביז
עס וועט קומען דער טאָג, ווען איר וועט זאָגן:
ברוך הבא בשם ה׳! (געבענטשט איז דער,
וואָס קומט אין נאָמען פון האַר ג־ט). (תהלים קיח, כו.)

## קאַפּיטל פערצן

און עס איז געשעען, ווען ער איז אַ שבת 1
אַריינגעגאַנגען אינם הויז פון איינעם פון די
הויפּט־פּרושים, כדי צו עסן ברויט, און זיי האָבן
געלויערט אויף אים. און זע, אַ מענטש, אַ וואַסער־ 2
זיכטיקער, איז געווען פאַר אים. און ישוע האָט 3
ענטפערנדיק געזאָגט צו די חכמי התורה און פּרושים,
אַזוי צו זאָגן: צי מעג מען שבת היילן אָדער נישט?
זיי אָבער האָבן געשוויגן. און ער האָט אים גענומען 4
און געהיילט און האָט אים אַוועקגעשיקט. און 5
האָט צו זיי געזאָגט: ווער פון אייך, וועמעס אַ זון
אָדער אַן אָקס איז אַריינגעפאַלן אין אַ ברונעם, און
וועט ער דען אים נישט גלייך אַרויסשלעפּן אינם
טאָג פון שבת? און זיי האָבן אים נישט געקענט 6
ענטפערן דערויף.

און ער האָט געזאָגט אַ משל צו די געסט, ווען 7
ער האָט באַמערקט, ווי זיי האָבן זיך אויסגעקליבן
די ערטער אויבנאָן; און האָט געזאָגט צו זיי:
ווען דו ווערסט פון עמיצן פאַרבעטן אויף אַ 8
חתונה, זעץ דיך נישט אַנידער אויף דעם ערשטן
אָרט אויבנאָן; טאָמער וועט אַ חשובערער פון דיר
זיין פאַרבעטן פון אים, און דער, וואָס האָט דיך 9
און אים איינגעלאַדן, וועט קומען און זאָגן צו דיר:
גיב אים דאָס אָרט! און דעמלט וועסטו אָנהייבן
מיט חרפה צו פאַרנעמען דאָס לעצטע אָרט. נאָר 10
ווען דו ווערסט פאַרבעטן, גיי און זעץ דיך אויף
דעם לעצטן אָרט, כדי ווען דער, וואָס האָט דיך
פאַרבעטן, וועט קומען, זאָל ער זאָגן צו דיר: פריינט
רוק דיך אַרויף העכער! דעמלט וועסטו האָבן

כבוד פאַר אַלע, וואָס זיצן ביים טיש מיט דיר.
11 ווייל יעדער איינער, וואָס דערהייכט זיך אַליין, וועט דערנידעריקט ווערן, און ווער עס דערנידעריקט זיך אַליין, דער וועט דערהייכט ווערן.
12 ער האָט אָבער אויך געזאָגט צו דעם, וואָס האָט אים פאַרבעטן: ווען דו מאַכסט אַ מיטאָג אָדער אַן אָוונט־מאָלצייט, לאַד נישט איין דיינע פריינט, נישט דיינע ברידער, נישט דיינע קרובים, נישט קיין רייכע שכנים, טאָמער וועלן זיי אויך דיך ווידער איינלאַדן און עס וועט ווערן פאַר דיר אַ
13 פאַרגעלטונג. נאָר ווען דו מאַכסט אַ שמחה, לאַד
14 איין אָרומעלייט, קאַליקעס, לאָמע, בלינדע, און דו וועסט זיין געבענטשט; ווייל זיי האָבן נישט וואָס דיר צו פאַרגעלטן; וואָרום עס וועט דיר פאַרגאָלטן ווערן אין דער אויפשטייאונג פון די צדיקים.
15 און הערנדיק דאָס, האָט איינער פון די מיטזיצנ־דיקע געזאָגט צו אים: וואויל איז דעם, וואָס
16 עסט ברויט אין דעם קעניגרייך פון ג־ט! ער אָבער האָט צו אים געזאָגט: אַ געוויסער מענטש האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און פילע
17 פאַרבעטן; און האָט געשיקט זיין קנעכט אין דער שעה פון דער סעודה, צו זאָגן צו די פאַרבע־
18 טענע: קומט, ווייל אַלץ איז שוין גרייט! און אַלע ווי איינער האָבן אָנגעהויבן זיך צו אַנטשול־דיקן. דער ערשטער האָט צו אים געזאָגט: איך האָב געקויפט אַ פעלד און בין געצוואונגען, אַרויס־צוגיין עס צו באַזעען; איך בעט דיך, זיי מיר מוחל!
19 און אַן אַנדערער האָט געזאָגט: איך האָב געקויפט פינף יאָך אָקסן, און איך גיי זיי אויספּרובירן; איך
20 בעט דיך, זיי מיר מוחל! נאָך אַן אַנדערער האָט געזאָגט: איך האָב גענומען אַ ווייב, און צוליב

דעם קען איך נישט קומען! און ווען דער קנעכט 21
איז צוריקגעקומען, האָט ער דאָס דערציילט דעם
האַר זיינעם. דעמלט איז דער בעל־הבית צאָרנדיק
געוואָרן, און האָט געזאָגט צו זיין קנעכט: גיי גיך
אַרויס אויף די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט,
און ברענג אַהער די אָרומעלייט און קאַליקעס און
בלינדע און לאָמע! און דער קנעכט האָט געזאָגט: 22
האַר, עס איז געשעען, ווי דו האָסט באַפוילן, און
עס איז נאָך דאָ אָרט! און דער האַר האָט געזאָגט 23
צו דעם קנעכט: גיי אַרויס אויף די וועגן און פלויטן
און צווינג זיי אַריינצוקומען, כדי מיין הויז זאָל
ווערן פול! וואָרום איך זאָג אייך, אַז קיין איינער 24
פון יענע מענער, וואָס זענען פאַרבעטן געוואָרן,
וועט נישט טועם זיין פון מיין סעודה.

און עס זענען מיטגעגאַנגען מיט אים גרויסע 25
מאַסן מענטשן, און ער האָט זיך אומגעווענדט,
און צו זיי געזאָגט: אויב עמיצער קומט צו מיר 26
און האָסט נישט זיין פאָטער און מוטער און דאָס
ווייב און די קינדער און די ברידער און די שוועס־
טער, און דערצו אויך זיין אייגן לעבן, קען ער נישט
זיין מיין תלמיד. ווער עס טראָגט נישט זיין בוים(שמואל ב יח:ט) 27
און גייט מיר נאָך, דער קען נישט זיין מיין תלמיד.
וואָרום ווער פון אייך, ווען ער ווילט בויען אַ טורם, 28
וועט זיך נישט קודם כל אַנידערזעצן און באַרע־
כענען די קאָסטן, צי ער האָט צו פאַרענדיקן? כדי 29
טאָמער, ווען ער וועט האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט
און נישט קענענדיק פאַרענדיקן, ווען אַלע, וואָס
זעען עס, אָנהויבן צו שפּאָטן פון אים, אַזוי צו 30
זאָגן: דער דאָזיקער מענטש האָט אָנגעהויבן
בויען, און נישט געקענט פאַרענדיקן! אָדער 31
וועלכער קעניג, וואָס גייט אַרויס מלחמה האַלטן

מיט אַן אַנדערן קעניג, זעצט זיך נישט קודם כּל
אַנידער צו באַראָטן, צי עס איז מעגלעך, מיט צען
טויזנט צו באַגעגענען דעם, וואָס קומט קעגן אים
32 מיט צוואָנציק טויזנט? אויב אָבער נישט, שיקט
ער שליחים צו אים בשעת יענער איז נאָך ווייט,
33 און בעט שלום. דעריבער אויך אַזוי יעדער איינער
פון אייך, וואָס וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון אַלעם,
34 וואָס ער האָט, קען נישט זיין מיין תּלמיד. דאָס
זאַלץ איז טאַקע גוט; אויב אָבער אויך דאָס זאַלץ
זאָל פאַרלירן זיין טעם, מיט וואָס וועט מען עס
35 ווירצן? עס טויג מער נישט פאַר דער ערד, נישט
פאַר דעם מיסט־הויפן; מען וואַרפט עס אַרויס.
ווער עס האָט אויערן צו הערן, דער זאָל הערן!

## קאַפּיטל פיפצן

1 און עס האָבן זיך דערנענטערט צו אים אַלע
שטייער־אויפמאָנער און חוטאים, כּדי אים צו
2 הערן. און די פּרושים און סופרים האָבן געמורמלט,
אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער נעמט אויף חוטאים
און עסט מיט זיי!
3 און ער האָט געזאָגט צו זיי דאָס דאָזיקע משל,
4 אַזוי צו זאָגן: וועלכער מענטש פון אייך, האָבנדיק
הונדערט שאָף און פאַרלירנדיק איינע פון זיי,
לאָזט נישט איבער די ניין און ניינציק אין דער
מדבר און גייט נאָך דער פאַרלוירענער, ביז ער
5 געפינט זי? און ווען ער האָט זי געפונען, לייגט
6 ער זי אויף זיינע שולטער מיט שמחה; און קומענדיק
אַהיים, רופט ער צונויף זיינע פריינט און די שכנים,
און זאָגט צו זיי: פריידט זיך מיט מיר, ווייל איך
האָב געפונען מיין שאָף, וואָס איז פאַרלוירן

7 געגאַנגען. איך זאָג אייך, אַט אַזוי וועט זיין אַ
שמחה אין הימל איבער איין חוטא, וואָס טוט
תשובה, מער ווי איבער ניין און נײַנציק צדיקים,
וואָס דאַרפן נישט קיין תשובה.

8 אָדער וועלכע פרוי, וואָס האָט צען דראַכמעס,
ווען זי פאַרלירט איין דראַכמע, צינדט נישט אָן
אַ ליכט, און קערט אויס דאָס הויז, און זוכט מיט
9 פלייס, ביז זי געפינט זי? און ווען זי האָט געפונען,
רופט זי צונויף אירע פריינדינס און שכנות, און
זאָגט: פריידט זיך מיט מיר; ווייל איך האָב
געפונען די דראַכמע, וואָס איך האָב פאַרלוירן!
10 אַט אַזוי, זאָג איך אייך, ווערט אַ שמחה פאַר די
מלאכים פון ג-ט איבער איין חוטא, וואָס טוט
תשובה.

11 און ער האָט געזאָגט: אַ געוויסער מענטש האָט
12 געהאַט צוויי זין. און דער יונגערער פון זיי האָט
געזאָגט צום פאָטער: פאָטער, גיב מיר דעם חלק
פאַרמעגן, וואָס פאַלט מיר צו! און ער האָט זיי
13 צעטיילט דאָס האָב און גוטס. און אין ווייניקע טעג
אַרום האָט דער יונגערער זון אַלץ צונויפגעזאַמלט,
און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווייט לאַנד אַריין;
און דאָרט פאַרשווענדט זיין פאַרמעגן אין אַן אויס־
14 געלאַסן לעבן. און ווען ער האָט שוין געהאַט אַלץ
פאַרבראַכט, איז געוואָרן אַ שטאַרקער הונגער
איבער יענעם גאַנצן לאַנד; און ער האָט אָנגעהויבן
15 צו ליידן נויט. און ער איז געגאַנגען און האָט זיך
באַהאָפטן צו איינעם פון די בירגער פון יענעם
לאַנד; און ער האָט אים געשיקט אין זיינע פעלדער
16 אַריין צו פאַשען חזירים. און ער האָט געגאַרט
אָנצופילן זיין בויך מיט די שויטן, וואָס די חזירים
האָבן געפרעסן; און קיינער האָט עס אים נישט

17 געגעבן. ווען אָבער ער איז געקומען צו זיך, האָט
ער געזאָגט: אָ, וויפל לוין־אַרבעטער פון מיין
פאָטער האָבן ברויט בשפע, און איך גיי דאָ אויס
18 פאַר הונגער! איך וועל אויפשטיין און גיין צו דעם
פאָטער מיינעם, און וועל זאָגן צו אים, פאָטער,
איך האָב געזינדיקט קעגן הימל און פאַר דיר;
19 איך בין מער נישט ווערט גערופן צו ווערן דיין
זון; מאַך מיך ווי איינעם פון דיינע לוין־אַרבעטער.
20 און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק צו זיין
פאָטער. בשעת אָבער ער איז נאָך געווען ווייט,
האָט דער פאָטער זיינער אים געזעען און האָט זיך
דערבאַרעמט, און איז געלאָפן, און אים געפאַלן
21 אויף זיין האַלז, און האָט אים זער געקושט. און
דער זון האָט צו אים געזאָגט: פאָטער, איך האָב
געזינדיקט קעגן הימל און פאַר דיר, איך בין מער
22 נישט ווערט גערופן צו ווערן דיין זון. דער פאָטער
אָבער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: ברענגט
געשווינד אַרויס דאָס בעסטע מלבוש און קליידט
אים אָן; און גיט אים אַ רינג אויף זיין האַנט, און
23 שיך אויף די פיס; און ברענגט דאָס געשטאָפטע קאַלב,
שחט עס, און לאָמיר עסן און זיך לאָזן וואוילגיין;
24 ווייל דער דאָזיקער זון מיינער איז געווען טויט.
און איז ווידער לעבעדיק געוואָרן; ער איז געווען
פאַרלוירן, און איז געפונען געוואָרן. און זיי האָבן
25 אָנגעהויבן זיך משמח צו זיין. אָבער זיין עלטערער
זון איז געווען אין פעלד; און ווען ער איז געקומען
און זיך דערנענטערט צום הויז, האָט ער
26 געהערט מוזיק און טאַנץ. און ער האָט צוגערופן
איינעם פון די קנעכט, און האָט געפרעגט וואָס
27 דאָס זאָל באַטייטן. און ער האָט אים געזאָגט: דיין
ברודער איז געקומען; און דיין פאָטער האָט געשחטן

דאָס געשטאָפּטע קאַלב, ווייל ער האָט אים צוריק
28 באַקומען אַ געזונטן. און ער איז צאָרנדיק געוואָרן,
און האָט נישט געוואָלט אַריינגיין; זיין פאָטער
אָבער איז אַרויסגעקומען און האָט אים געבעטן.
29 ער אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט צום פאָטער:
אָט שוין אַזוי פיל יאָרן דין איך דיך, און האָב
נאָך קיינמאָל נישט עובר געווען אויף דיינס אַ
געבאָט; און מיר האָסטו נאָך קיינמאָל נישט געגעבן
קיין ציגנבאָק, כדי איך זאָל מיך משמח זיין מיט
30 מיינע פריינט; ווען אָבער דער דאָזיקער זון דיינער
איז געקומען, וועלכער האָט פאַרצערט דיין האָב
און גוטס מיט זונות, האָסטו געשחטן פאַר זיינעט־
31 וועגן דאָס געשטאָפּטע קאַלב! האָט ער צו אים
געזאָגט: מיין קינד, דו ביסט תמיד מיט מיר, און
32 אַלץ, וואָס איז מיין, איז דיין. מען האָט זיך אָבער
געדאַרפט לאָזן וואוילגיין און משמח זיין; ווייל דער
דאָזיקער ברודער דיינער איז געווען טויט, און
איז לעבעדיק געוואָרן; און ער איז געווען פאַרלוירן
און איז ווידער געפונען געוואָרן!

## קאַפּיטל זעכצן

16

1 און ער האָט אויך געזאָגט צו די תלמידים: עס
איז געווען אַ געוויסער רייכער מענטש, וואָס האָט
געהאַט אַ פאַרוואַלטער; און דער דאָזיקער איז
פאַר אים אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז ער פאַרשווענדט
2 אים זיין פאַרמעגן. און ער האָט אים גערופן און
געזאָגט צו אים: וואָס איז דאָס וואָס איך הער וועגן
דיר? גיב אָפּ אַ חשבון פון דיין פאַרוואַלטונג; וואָרום
3 דו קענסט לענגער נישט זיין פאַרוואַלטער! און
דער פאַרוואַלטער האָט צו זיך געזאָגט: וואָס

זאָל איך טון, אַז מיין האַר נעמט אַוועק פון מיר
די פאַרוואַלטונג? גראָבן קען איך נישט; בעטלען
4 שעם איך מיך. איך ווייס, וואָס איך וועל טון, כדי
ווען איך וועל אָפּגעשאַפט ווערן פון דער פאַרוואַל־
טונג, זאָלן זיי מיך אויפנעמען אין זייערע הייזער
5 אַריין. און ער האָט גערופן צו זיך יעדן איינעם
פון זיין האַרס בעלי־חובות, און האָט געזאָגט
צו' דעם ערשטן: וויפל ביסטו שולדיק דעם האַר
6 מיינעם? האָט ער געזאָגט: הונדערט טונען אייל.
און ער האָט צו אים געזאָגט: נעם דיין שטר און
7 זעץ דיך אַנידער און שרייב גיך פופציק. דערנאָך
האָט ער געזאָגט צו אַן אַנדערן: און וויפל ביסטו
שולדיק? האָט דער געזאָגט: הונדערט צענטנער
ווייץ. זאָגט ער צו אים: נעם דיין שטר און שרייב
8 אַכציק. און דער האַר האָט געלויבט דעם אומ־
גערעכטן פאַרוואַלטער, ווייל ער האָט קלוג געטון;
מחמת די קינדער פון דער דאָזיקער וועלט זענען
קליגער אין זייער דור ווי די קינדער פון דעם ליכט.
9 און איך זאָג אייך: מאַכט אייך פריינט מיט דעם
ממון פון אומגערעכטיקייט, כדי ווען עס וועט
אויסגיין, זאָלן זיי אייך אויפנעמען אין די אייביקע
10 וואוינונגען אַריין. ווער עס איז געטריי אינם קלענסטן,
דער איז אויך געטריי אין אַ סך; און ווער עס איז
אומגערעכט אינם קלענסטן, דער איז אויך אומ־
11 גערעכט אין אַ סך. דעריבער אויב איר זענט נישט
געווען געטריי אין דעם אומגערעכטן ממון, ווער
12 וועט אייך אָנפאַרטרויען דאָס אמתע? און אויב איר
זענט נישט געווען געטריי מיט יענעמס, ווער וועט
13 אייך געבן אייער אייגנס? קיין קנעכט קען נישט
דינען צוויי האַרן; וואָרום אָדער ער וועט דעם
איינעם פיינט האָבן און דעם אַנדערן ליב האָבן,

אָדער ער וועט זיך באַהעפטן צו איינעם און דעם
אַנדערן מבזה זיין. איר קענט נישט דינען ג־ט און
ממון!
14 און דאָס אַלץ האָבן די פּרושים געהערט, וואָס
זענען געווען געלט־ליבהאָבער, און האָבן אָפּגע־
15 שפּאָט פון אים. און ער האָט צו זיי געזאָגט:
איר זענט עס, וואָס גערעכטפערטיקן זיך פאַר
מענטשן, ג־ט אָבער קען אייערע הערצער; ווייל
דאָס וואָס איז הויך ביי מענטשן, איז אַן אומוויר־
16 דיקייט פאַר ג־ט. די תורה און די נביאים זענען
געווען ביז יוחנן; פון דעמלט אָן ווערט אָנגעזאָגט
די גוטע בשורה פון דעם קעניגרייך פון ג־ט, און
יעדער איינער דרינגט אַריין דערין מיט געוואַלד.
17 עס איז אָבער לייכטער, אַז דער הימל און די ערד
זאָלן פאַרגיין, ווי איין נקודה פון דער תורה זאָל
18 פאַלן. יעדער איינער, וואָס גט זיך מיט זיין ווייב
און האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, איז מזנה; און
ווער עס האָט חתונה מיט אַ פרוי, וואָס איז געגט
פון איר מאַן, דער איז מזנה.
19 עס איז געווען אַ רייכער מענטש, וואָס האָט זיך
געקליידט אין פּורפּור און אין טייערע לייוונט, און
האָט געלעבט טאָג איין טאָג אויס אין תענוגים
20 און וואוילטאָג; און אַ געוויסער אָרעמאַן מיטן
נאָמען אלעזר איז געלעגן פאַר זיין טיר פול מיט
21 געשווירן, און האָט געגאַרט זיך צו זעטיקן
פון דעם, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם רייכנס
טיש; נאָר עס זענען נאָך אַפילו געקומען די הינט
22 און האָבן געלעקט זיינע געשווירן. און עס איז
געשען, דער אביון איז געשטאָרבן, און איז
אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון די מלאכים אין אברהמס
שויס אַריין. און דער עושר איז אויך געשטאָרבן

23 און איז באַגראָבן געוואָרן. און אין שאול־תחתיה האָט
ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, זייענדיק אין יסורים,
און זעט אברהמען פונדערווייטנס און אלעזרן אין
24 זיין שויס. און ער האָט אַ געשריי געטון און
געזאָגט: פאָטער אברהם, דערבאַרם דיך אויף מיר
און שיק אלעזרן, אַז ער זאָל איינטונקען זיין שפּיץ
פינגער אין וואַסער און מיר קילן מיין צונג; מחמת
25 איך לייד פיין אין דעם דאָזיקן פלאַם! אברהם אָבער
האָט געזאָגט: קינד, געדענק, אַז דו האָסט באַקומען
דיין גוטס ביי דיין לעבן, און אלעזר אויך אַזוי דאָס
בייזע; איצט ווערט ער דאָ געטרייסט, דו אָבער
26 ווערסט געפייניקט. און צו דעם אַלעם איז צווישן
אונדז און אייך פעסטגעלייגט אַ גרויסער תהום, אַז
די, וואָס וואָלטן געוואָלט אַריבערגיין פונדאַנען
צו אייך, זאָלן עס נישט קענען, אויך זאָל מען נישט
27 אַריבערקומען פון דאָרטן צו אונדז. האָט ער געזאָגט:
איך בעט דיך דעריבער, פאָטער, אַז דו זאָלסט
28 אים שיקן אין דעם הויז פון מיין פאָטער; וואָרום
איך האָב פינף ברידער; כדי ער זאָל זיי וואָרענען,
אַז זיי זאָלן אויך נישט קומען צו דעם דאָזיקן אָרט
29 פון פיין! אברהם אָבער זאָגט: זיי האָבן (תורת)
30 משה און די נביאים; זאָלן זיי זיי הערן. און ער האָט
געזאָגט: ניין, פאָטער אברהם, נאָר אויב עמיצער
פון די טויטע זאָל קומען צו זיי, וועלן זיי תשובה
31 טון! ער אָבער האָט געזאָגט צו אים: אויב זיי
וועלן נישט הערן משהן און די נביאים, וועלן זיי
זיך אויך נישט לאָזן איבערצייגן, אויב עמיצער
וועט אויפשטיין פון די טויטע.

## קאַפּיטל זיבעצן

יז

1 און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: עס
איז אומפאַרמיידלעך, אַז מכשולים זאָלן נישט
קומען; ווי איז אָבער צו דעם, דורך וועמען זיי קומען!
2 עס וואָלט געווען בעסער פאַר אים, אויב אַ מילשטיין
וואָלט געלייגט געוואָרן אַרום זיין האַלז, און ער
וואָלט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין, ווי אַז
ער זאָל פאַרפירן צום שטרויכלען איינעם פון די
3 דאָזיקע קליינע. גיט אַכטונג אויף זיך אַליין! ווען
דער ברודער דיינער זינדיקט, זאָלסטו אים
זאָגן מוסר; און אויב ער האָט חרטה, זאָלסטו
4 אים מוחל זיין. און ווען ער זאָל זינדיקן זיבן מאָל
אין טאָג קעגן דיר, און זיבן מאָל זיך אומקערן צו
דיר, אַזוי צו זאָגן: איך האָב חרטה; זאָלסטו אים
פאַרגעבן.
5 און די שליחים האָבן געזאָגט צו דעם האַר:
6 פאַרמער אונז דעם גלויבן! און דער האַר האָט
געזאָגט: אויב איר וואָלט געהאַט אמונה ווי אַ
זענעפט־קערנדל, וואָלט איר געזאָגט צו דעם
דאָזיקן פייגנבוים: וואָרצל דיך אויס און פאַרפלאַנץ
7 דיך אינעם ים; און ער וואָלט אייך געהאָרכט. ווער
אָבער פון אייך, וואָס האָט אַ קנעכט אַקערן אָדער
פאַשען, וועט זאָגן צו אים, ווען ער קומט אַריין
8 פונעם פעלד: גיי זעץ דיך תיכף צום טיש? צי
וועט ער דען נישט זאָגן צו אים: גרייט מיר צו
עפעס אָוונט עסן, און גאַרטל דיך אַרום, און באַדין
מיך, ביז איך וועל אָפעסן און אָפטרינקען; און
9 דערנאָך וועסטו עסן און טרינקען? צי דאַנקט ער
דען דעם קנעכט ווייל ער האָט געטון, וואָס עס איז

10 אים באַפוילן געוואָרן? און אַזוי אויך איר, ווען
איר וועט האָבן געטון אַלץ, וואָס איז אייך באַפוילן
געוואָרן, זאָלט איר זאָגן: מיר זענען אומנוצלעכע
קנעכט; מיר האָבן געטון וואָס עס איז געווען אונדזער
חוב!

11 און עס איז געשען, אויף דער נסיעה קיין ירושלים,
אַז ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך דער מיט פון
12 שומרון און גליל. און בשעת ער איז אַריינגעקומען
אין אַ געוויס דאָרף אַריין, האָבן אים באַגעגנט
צען מצורעים, וועלכע זענען געשטאַנען פונדער־
13 ווייטנס; און האָבן אויפגעהויבן זייער קול,
אַזוי צו זאָגן: ישוע, האַר, האָב רחמנות אויף
14 אונדז! און ווי ער האָט זיי דערזען, האָט ער צו
זיי געזאָגט: גייט, ווייזט זיך צו די כהנים! און
עס איז געשען, בשעת זיי זענען אַוועקגעגאַנגען,
15 זענען זיי ריין געוואָרן. איינער אָבער פון זיי,
זעענדיק אַז ער איז געהיילט געוואָרן, האָט זיך
אומגעקערט און געלויבט ג־ט מיט אַ הויך
16 קול, און איז אַנידערגעפאַלן אויפן פנים פאַר זיינע
פיס, און האָט אים געדאַנקט; און ער איז געווען
17 אַ שומרוני. און ישוע האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
צי זענען דען נישט די צען ריין געוואָרן? וואו
18 אָבער זענען די ניין? צי האָט זיך נישט געפונען
קיינער, וואָס האָט זיך אומגעקערט אָפּצוגעבן כבוד
19 צו ג־ט, אַ חוץ דער דאָזיקער נכרי? און ער האָט
געזאָגט צו אים: שטיי אויף און גיי; דיין אמונה
האָט דיך געראַטעוועט!

20 און ווען ער איז געפרעגט געוואָרן פון די פרושים,
ווען דאָס קעניגרייך פון ג־ט קומט, האָט ער זיי
געענטפערט און געזאָגט: דאָס קעניגרייך קומט
21 נישט אויף אַ באַשיינפערלעכן אופן; מען וועט נישט

זאָגן: זע, דאָ איז עס, אָדער דאָרטן! ווארום זע, דאָס
קעניגרייך פון ג־ט איז אינעווייניק אין אייך.
22 צו די תלמידים אָבער האָט ער געזאָגט: עס
וועלן קומען טעג, ווען איר וועט באַגערן צו זעען
איינעם פון די טעג פון דעם בן־אדם, און איר
23 וועט נישט זעען. און מען וועט זאָגן צו אייך:
זע, דאָרטן! זע, דאָ! גייט נישט אַהין, און לויפט
24 זיי נישט נאָך. ווארום פונקט אַזוי ווי דער בליץ,
ווען ער בליצט אויף, לויכט ער פון עק הימל ביז
עק הימל, אַזוי וועט דער בן־אדם זיין אין דעם
25 טאָג זיינעם. קודם כל מוז ער אָבער אַ סך ליידן
26 און פאַרוואָרפן ווערן פון דעם דאָזיקן דור. און
אַזוי ווי עס איז צוגעגאַנגען אין די טעג פון נח,
אַזוי וועט אויך זיין אין די טעג פון דעם בן־אדם:
27 מען האָט געגעסן, מען האָט געטרונקען, מען האָט
חתונה־געהאַט, מען האָט חתונה־געמאַכט, ביז צו
דעם טאָג, ווען נח איז אַריינגעגאַנגען אין דער
תיבה, און דאָס מבול איז געקומען, און האָט
28 אַלעמען פאַרטיליגט. (בראשית ו.) פונקט ווי עס
איז צוגעגאַנגען אין די טעג פון לוט: מען האָט
געגעסן, מען האָט געטרונקען, מען האָט געקויפט,
מען האָט פאַרקויפט, מען האָט געפלאַנצט,
29 מען האָט געבויט; אין דעם טאָג אָבער, ווען לוט
איז אַרויסגעגאַנגען פון סדום, האָט עס גערעגנט
מיט פייער און שוועבל פון הימל, און עס האָט
30 אַלעמען פאַרטיליגט. (בראשית יט, כד־כו.) אויף דעם
זעלביקן אופן וועט עס זיין אין דעם טאָג,
31 ווען דער בן־אדם וועט אַנטפּלעקט ווערן. אין
יענעם טאָג, וועער עס וועט זיין אויפן דאַך, און די
כלים זיינע אין הויז, זאָל ער נישט אַראָפּגיין
זיי נעמען; און אויך אַזוי, וועער עס וועט זיין אין

32 פעלד, דער זאָל זיך נישט אומקערן צוריק. געדענקט
33 לוטס ווייב! ווער עס וועט זוכן צו דערהאַלטן זיין
לעבן, דער וועט עס פאַרלירן, און ווער עס וועט
עס פאַרלירן, דער וועט עס לעבעדיק דערהאַלטן.
34 איך זאָג אייך, אין דער זעלביקער נאַכט וועלן
צוויי זיין אין איין בעט, דער איינער וועט אַוועק־
גענומען ווערן, און דער אַנדערער וועט איבער־
35 געלאָזט ווערן. צוויי (פרויען) וועלן מאָלן צוזאַמען;
די איינע וועט אַוועקגענומען ווערן, די אַנדערע
36 אָבער וועט איבערגעלאָזט ווערן. צוויי וועלן זיין
אין פעלד; איינער וועט אַוועקגענומען ווערן, און
37 דער אַנדערער וועט איבערגעלאָזט ווערן. און
ענטפערנדיק זאָגן זיי צו אים: וואו, האַר? און
ער האָט צו זיי געזאָגט: וואו דאָס פגר איז, דאָרטן
וועלן זיך אויך די אָדלערס פאַרזאַמלען.

## קאַפיטל אַכצן

18

1 און ער האָט געזאָגט אַ משל צו זיי, אַז זיי דאַרפן
תמיד תפילה טון, און נישט מיד ווערן, אַזוי
2 צו זאָגן: אין אַ געוויסער שטאָט איז געווען אַ
שופט, וואָס האָט זיך נישט געפאָרכטן פאַר ג־ט
3 און נישט געשוינט קיין מענטשן. און עס איז געווען
אַ געוויסע אלמנה אין יענער שטאָט; און זי איז
געקומען צו אים און האָט געזאָגט: פאַרשאַף מיר
4 גערעכטיקייט קעגן מיין שונא! און אַ לאַנגע צייט
האָט ער נישט געוואָלט; דערנאָך אָבער האָט ער
געזאָגט צו זיך אַליין: הגם איך האָב נישט מורא
5 פאַר ג־ט און שוין נישט קיין מענטשן, דאָך,
ווייל די דאָזיקע אלמנה מאַכט מיר מי, וועל איך
איר פאַרשאַפן גערעכטיקייט, כדי זי זאָל נישט

סוף כל סוף קומען מיך שלאָגן אין פּנים אַריין.
6 און דער האַר האָט געזאָגט: הערט, וואָס דער
7 אומגערעכטער שופט זאָגט! און צי וועט דען ג-ט
נישט שאַפן גערעכטיקייט פאַר זיינע אויסדערוויילטע,
וואָס רופן צו אים טאָג און נאַכט, אַפילו ווען ער
8 איז געדולדיק מיט זיי? איך זאָג אייך, ער וועט זיי
אינגיכן פאַרשאַפן גערעכטיקייט! דאָך ווען דער
בן־אדם וועט קומען, צי וועט ער דען געפינען די
אמונה אויף דער ערד?
9 און ער האָט געזאָגט דאָס דאָזיקע משל אויך צו
אייניקע, וואָס זענען געווען איבערצייגט וועגן זיך
אַליין, אַז זיי זענען צדיקים און די איבעריקע האָבן
10 זיי מבטל געמאַכט: צוויי מענטשן זענען אַרויף־
געגאַנגען אין בית המקדש אַריין תפילה־טון,
איינער אַ פּרוש, דער אַנדערער אַ שטייער־אויפ־
11 מאָנער. דער פּרוש האָט זיך אַוועקגעשטעלט און
אַזוי מתפּלל געווען צו זיך אַליין: אָ, ג-ט,
איך דאַנק דיר, וואָס איך בין נישט אַזוי ווי די
איבעריקע מענטשן, גזלנים, רשעים, נואפים, אָדער
12 אַפילו ווי דער דאָזיקער שטייער־אויפמאָנער. איך
פאַסט צוויי מאָל אין דער וואָך; איך גיב מעשר
13 פון אַלעם, וואָס איך דערווערב. און דער שטייער־
אויפמאָנער איז געשטאַנען פונדערווייטנס, האָט
אַפילו נישט געוואָלט אויפהייבן די אויגן צום הימל,
נאָר האָט זיך געשלאָגן אויף זיין ברוסט, אַזוי צו
14 זאָגן: אָ, ג-ט, זיי מיר מוחל, דעם חוטא! איך
זאָג אייך, דער דאָזיקער איז אַראָפּגעגאַנגען אַהיים
מער גערעכטפאַרטיקט ווי יענער. ווייל ידער
איינער, וואָס דערהייבט זיך אַליין, וועט דערני־
דעריקט ווערן; און ווער עס דערנידעריקט זיך
אַליין, דער וועט דערהייבט ווערן.

15 און מען האָט אויך געברענגט קליינע קינדער
צו אים, אַז ער זאָל זיי אָנרירן; די תלמידים אָבער
16 זעענדיק דאָס, האָבן אָנגעשריגן אויף זיי. ישוע
אָבער האָט זיי צוגערופן, זאָגנדיק: לאָזט די
קינדער קומען צו מיר, און פאַרווערט עס זיי נישט;
וואָרום פון אַזעלכע איז דאָס קעניגרייך פון ג־ט.
17 באמת זאָג איך אייך: ווער עס וועט נישט אָננעמען
דאָס קעניגרייך פון ג־ט ווי אַ קינד, דער וועט
בשום אופן נישט אַריינקומען דערין.
18 און אַ געוויסער שר האָט אים געפרעגט, אַזוי
צו זאָגן: רבי גוטער, וואָס זאָל איך טון, כדי איך
19 זאָל ירשענען אייביק לעבן? און ישוע האָט צו
אים געזאָגט: פאַרוואָס רופסטו מיך גוטער? קיינער
20 איז נישט גוט, אַ חוץ איינער—ג־ט. די געבאָטן
קענסטו דאָך: זאָלסט נישט נואפן; זאָלסט נישט
מאָרדן; זאָלסט נישט גנבענען; זאָלסט נישט פאַלש
עדות־זאָגן; זאָלסט אָפּגעבן כבוד דעם פאָטער
21 דיינעם און די מוטער. (שמות כ, יב־טז.) און ער
האָט געזאָגט: דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעהיטן פון
22 יונגווייז אָן. ווי אָבער ישוע האָט דאָס געהערט,
האָט ער געזאָגט צו אים: נאָך איין זאַך פעלט דיר:
פאַרקויף אַלץ, וואָס דו האָסט און צעטייל עס צו
אָרומעלייט, און דו וועסט האָבן אַן אוצר אין הימל;
23 און קום, פאָלג מיר נאָך! ווי נאָר ער האָט דאָס
געהערט, איז ער געוואָרן זער טרויעריק; וואָרום
24 ער איז געווען זער רייך. און ישוע האָט אויף
אים געקוקט און געזאָגט: אָ, ווי שווער עס איז
פאַר די, וואָס האָבן פאַרמעגנס, אַריינצוקומען אין
25 ג־טס קעניגרייך אַריין! וואָרום עס איז לייכטער
פאַר אַ קעמל אַריינצוגיין דורך דעם לאָך פון אַ
נאָדל, ווי פאַר אַן עושר אַריינצוגיין אין דעם קעניג־

רייך פון גאָט. האָבן די צוהערער געזאָגט: טאָ ווער 26
זשע קען דערלייזט ווערן? ער אָבער האָט געזאָגט: 27
דאָס, וואָס איז ביי מענטשן אוממעגלעך, איז יאָ
מעגלעך ביי ג־ט. און פּעטרוס האָט געזאָגט: זע, 28
מיר האָבן איבערגעלאָזט אונזער אייגנס און האָבן
דיר נאָכגעפאָלגט. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: 29
באמת זאָג איך אייך: עס איז נישט פאַראַן אַזעלכער,
וואָס האָט פאַרלאָזט אַ הויז, אָדער אַ פרוי, אָדער
ברידער, אָדער עלטערן, אָדער קינדער, צוליב
דעם קעניגרייך פון גאָט, וואָס וועט נישט באַקומען 30
כפלי כפלים אין דער דאָזיקער צייט, און אויף עולם
הבא אייביק לעבן.

און ער האָט גענומען די צוועלף צו זיך און האָט 31
צו זיי געזאָגט: זע, מיר גייען אַרויף קיין ירושלים,
און עס וועט דערפילט ווערן אַלץ, וואָס איז געשריבן
געוואָרן דורך די נביאים וועגן דעם בן־אדם.
(ישעיהו נג, א־יב.) וואָרום ער וועט איבערגעגעבן 32
ווערן צו די גוים, און וועט אָפּגעשפּאָט, און
באַליידיקט, און באַשפּיגן ווערן; (ישעיהו נ, ו.) און 33
זיי וועלן אים געבן שלעק און אים טייטן, און
דעם דריטן טאָג וועט ער ווידער אויפשטיין.
(תהלים טז, י.) און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען 34
קיין זאַך פון די דאָזיקע, און דאָס דאָזיקע וואָרט
איז געווען פאַרהוילן פון זיי, און זיי האָבן נישט
געוואוסט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן.

און עס איז געשען, בשעת ער האָט זיך דערנענ־ 35
טערט קיין יריחו, איז איינער אַ בלינדער געזעסן
ביים וועג און געבעטלט. און היות ער האָט 36
געהערט אַ המון מענטשן פאַרבייגיין, האָט ער זיך
געפרעגט, וואָס עס איז. און מען האָט אים געזאָגט, 37
אַז ישוע הנוצרי גייט פאַרביי. און ער האָט אַ 38

געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: ישוע בן דוד, האָב
39 רחמנות אויף מיר! און די, וואָס זענען געגאַנגען
פאָרויס, האָבן אָנגעשריגן אויף אים, אַז ער זאָל
שווייגן; ער אָבער האָט נאָך פיל מער געשריגן:
40 בן דוד, האָב רחמנות אויף מיר! און ישוע
האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַפוילן מען זאָל אים
ברענגען צו אים. און ווי ער האָט זיך דערנענטערט,
41 האָט ער אים געפרעגט: וואָס ווילסטו איך זאָל טון
פאַר דיר? און ער האָט געזאָגט: האַר, אַז איך
42 זאָל ווערן זעענדיק! און ישוע האָט צו אים געזאָגט:
ווער זעענדיק! דיין גלויבן האָט דיר געהאָלפן!
43 און תיכף ומיד איז ער זעענדיק געוואָרן, און האָט
אים נאָכגעפאָלגט, לויבנדיק ג־ט; און דאָס גאַנצע
פאָלק, וואָס האָט דאָס געזעען, האָט אָפּגעגעבן אַ
שבח צו ג־ט.

## 19 קאַפּיטל ניינצן

1 און ער איז אַריינגעקומען און איז אַדורכגעגאַנגען
2 דורך יריחו. און זע, אַ מאַן, וואָס מען האָט
אים גערופן מיט דעם נאָמען זכי, און ער איז
געווען אַ ראש שטייער־אויפמאָנער, און אַן עושר;
3 און האָט באַגערט צו זעען ישוען, ווער ער
איז, און האָט נישט געקענט מחמת דעם המון
מענטשן, ווייל ער איז געווען קליין פון געוואוקס.
4 און ער איז געלאָפן פאָרויס, און האָט אַרויפגעקלע־
טערט אויף אַ פייגנבוים, כדי אים צו זעען;
5 ווייל ער האָט דאָרטן געזאָלט פאַרבייגיין. און ווי
ישוע איז געקומען צו דעם אָרט, האָט ער אַרויפ־
געבליקט און געזאָגט צו אים: זכי, קום געשווינט
אַראָפּ; וואָרום היינט מוז איך איינשטיין ביי דיר
6 אין הויז! און ער איז גיך אַראָפּגעשטיגן, און

7 האָט אים אויפגענומען מיט פרייד. און זעענדיק
דאָס, האָבן אַלע געמורמלט, אַזוי צו זאָגן: ביי אַן
איש חוטא איז ער אַריינגעגאַנגען זיך אויפצו־
8 האַלטן! זכי אָבער האָט זיך אַנידערגעשטעלט און
געזאָגט צום האַר: זע, די העלפט פון מיין פאַרמעגן,
האַר, גיב איך צו די אָרומעלייט, און אויב איך האָב
ביי עמיצן עפּעס אַרויסגעפּרעסט, גיב איך אים
9 אָפּ פיר מאָל אַזויפיל. ישוע האָט אָבער צו אים
געזאָגט: היינט איז אַ ישועה געקומען אויף דעם
דאָזיקן הויז, ווייל אַפילו ער איז אַ בן־אברהם;
10 וואָרום דער בן־אדם איז געקומען צו זוכן און
צו ראַטעווען דאָס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען.
11 און ווען זיי האָבן דאָס געהערט, האָט ער ווידער
געזאָגט אַ משל, צוליב דעם וואָס ער איז געווען
נאָענט צו ירושלים, און זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס
12 קעניגרייך פון ג־ט מוז באַלד דערשיינען. ער האָט
דעריבער געזאָגט: אַ געוויסער איידלמאַן איז
אַוועק אין אַ ווייט לאַנד אַריין, צו נעמען פאַר זיך
13 אַ מלכות, און זיך אומצוקערן. און ער האָט גערופן
צען קנעכט זיינע, און זיי געגעבן צען מנים, און
געזאָגט צו זיי: האַנדלט, ביז איך קום צוריק.
14 זיינע בירגער אָבער האָבן אים געהאַסט, און האָבן
געשיקט שליחים נאָך אים, אַזוי צו זאָגן: מיר ווילן
נישט, אַז דער דאָזיקער זאָל קעניגן איבער אונז!
15 און עס איז געשען, ווען ער איז צוריקגעקומען,
נאָך דעם ווי ער האָט גענומען דאָס מלכות, האָט
ער געהייסן רופן די דאָזיקע קנעכט זיינע צו זיך, צו
וועלכע ער האָט געגעבן דאָס געלט, כדי ער זאָל
16 וויסן ווער עס האָט וואָס איינגעהאַנדלט. און דער
ערשטער איז געקומען, און האָט געזאָגט: האַר,
17 דיין מנה האָט אַריינגעבראַכט צען מנים! און ער

האָט צו אים געזאָגט: וואויל, דו גוטער קנעכט!
ווייל דו ביסט געווען געטריי איבער ווייניק, זאָלסטו
18 האָבן מאַכט איבער צען שטעט! און דער צווייטער
איז געקומען, און האָט געזאָגט: דיין מנה, האַר,
19 האָט דערוואָרבן פינף מנים! און ער האָט געזאָגט
אויך צו דעם דאָזיקן: און דו זאָלסט זיין איבער
20 פינף שטעט! און אַן אַנדערער איז געקומען, און
האָט געזאָגט: האַר, אָט איז דיין מנה, וואָס איך
21 האָב געהאַט באַהאַלטן אין אַ טיכל! וואָרום איך
האָב מיך געפאָרכטן פאַר דיר, ווייל דו ביסט אַ
שטרענגער מענטש; דו נעמסט, וואָס דו האָסט נישט
אַנידערגעלייגט, און שניידסט דאָס, וואָס דו האָסט
22 נישט פאַרזייט. זאָגט ער צו אים: אויס דיין אייגן
מויל וועל איך דיך משפטן, דו געמיינער קנעכט!
דו האָסט געוואוסט, אַז איך בין אַ שטרענגער
מענטש, איך נעם, וואָס איך האָב נישט אַנידער־
געלייגט, און שנייד, וואָס איך האָב נישט פאַרזייט;
23 און פאַרוואָס האָסטו נישט אַריינגעגעבן מיין געלט
אין אַ באַנק, און איך וואָלט עס ביי מיין צוריק־קער
24 אויפגעמאָנט מיט צינזן? און ער האָט געזאָגט צו
די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום: נעמט אַוועק
פון אים די מנה, און גיט זי צו דעם, וואָס
25 האָט די צען מנים! און זיי האָבן געזאָגט צו
אים: האַר, ער האָט דאָך שוין צען מנים.
26 איך זאָג אייך, אַז יעדן איינעם, וואָס האָט, וועט
געגעבן ווערן; פון דעם אָבער, וואָס האָט נישט,
וועט אַפילו אַוועקגענומען ווערן דאָס, וואָס ער
27 האָט. יאָ, דאָך די דאָזיקע שונאים מיינע, וואָס
האָבן נישט געוואָלט, אַז איך זאָל קעניגן
איבער זיי, ברענגט אַהער, און דערהרגעט זיי פאַר
מיר!

28 און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער אַוועק
פאָרויס, און איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים.
29 און עס איז געשען, ווען ער האָט זיך דערנעענטערט
קיין בית פּגי און בית היני ביים באַרג, וואָס האָט
געהייסן הר הזיתים, האָט ער געשיקט צוויי פון
30 די תלמידים, און געזאָגט: גייט אַריין אין דעם
דאָרף אַנטקעגנאיבער; און ווען איר וועט דאָרט
אַריינקומען, וועט איר געפינען אַ יונג אייזל
אָנגעבונדן, אויף וועלכן קיין מענטש איז נאָך
קיינמאָל נישט געזעסן; בינדט עס אויף און ברענגט
31 עס צו פירן. און אויב עמיצער וועט אייך פרעגן:
פאַרוואָס בינדט איר עס אויף? זאָלט איר אַזוי
32 זאָגן: דער האַר דאַרף עס האָבן! און די שליחים
זענען אַהינגעגאַנגען, און האָבן געפונען אַזוי ווי
33 ער האָט זיי געזאָגט. און ווען זיי האָבן אויפגעבונדן
דאָס יונגע אייזל, האָבן זיינע בעלי בתים געזאָגט צו
זיי: פאַרוואָס בינדט איר אויף דאָס אייזל?
34 און זיי האָבן געזאָגט: דער האַר דאַרף עס האָבן!
35 און זיי האָבן עס געברענגט צו ישוען, און האָבן
אַרויפגעוואָרפן זייערע מלבושים אויף דעם אייזל,
און אַרויפגעזעצט ישוען דערויף. (זכריהו ט, ט.)
36 און בשעת ער איז געגאַנגען, האָבן זיי אויס־
37 געשפּרייט זייערע קליידער אויפן וועג. און ווען
ער האָט זיך שוין דערנעענטערט צום אַראָפּגאַנג
פון דעם הר הזיתים, האָט די גאַנצע מאַסע תלמידים
אָנגעהויבן פריידיק צו לויבן ג־ט מיט אַ הויך קול
38 פאַר אַלע גבורות, וואָס זיי האָבן געזעען, און האָבן
געזאָגט:

געבענטשט איז דער קעניג,
וואָס קומט אינם נאָמען פון דעם האַר (ג־ט);
שלום אין הימל, און כבוד אין די הויכקייטן!

39 און אייניקע פון די פּרושים אויס דעם המון מענטשן
האָבן געזאָגט צו אים: רבי, שריי אָן אויף דיינע
40 תלמידים! און ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
איך זאָג אייך: אויב די דאָזיקע שווייגן, וועלן די
שטיינער שרייען!

41 און ווי ער איז צוגעקומען נענטער און האָט
געזען די שטאָט, האָט ער זיך צעוויינט איבער איר,
42 אַזוי צו זאָגן, אָ, ווען אויך דו וואָלסט געוואוסט
אין דעם דאָזיקן טאָג דאָס, וואָס האָט אַ שייכות
צו דיין שלום! איצט אָבער איז עס פאַרהוילן פון
43 דיינע אויגן. עס וועלן קומען טעג אויף דיר, און
דיינע שונאים וועלן וואַרפן אַ וואַל אַרום דיר, און
וועלן דיך אַרומרינגלען, און באַלאַגערן פון אַלע
44 זייטן; און וועלן דיך מאַכן מיט דער ערד צוגלייך,
און דיינע קינדער אין דיר; און וועלן נישט
איבערלאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין אין דיר, דערפאַר
וואָס דו האָסט נישט דערקענט די צייט פון דיין
באַזוכט ווערן!

45 און ער איז אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש,
און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן די הענדלער,
46 זאָגנדיק צו זיי: עס שטייט געשריבן: מיין הויז
וועט זיין אַ הויז פון תפילה; איר אָבער האָט דערפון
געמאַכט אַ הייל פון רויבער! (ישעיהו נו, ז; ירמיהו
ז, יא.)

47 און ער האָט געלערנט טאָג-טעגלעך אין דעם בית
המקדש; די הויפּטכהנים אָבער און די סופרים און
די ראָשים פונם פאָלק האָבן געזוכט אים אומצו־
48 ברענגען. און האָבן נישט געפונען, וואָס זיי זאָלן
טון; וואָרום דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך צוגעהערט
צו אים מיט גרויסער ערנסטקייט.

## קאַפּיטל צוואַנציק

20

1 און עס איז געשען, אין איינעם פון די טעג,
בשעת ער האָט געלערנט דאָס פאָלק אין בית
המקדש, און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, זענען די
הויפּט־כהנים און די סופרים און די זקנים צוגעטרעטן
2 און האָבן געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: זאָג
אונדז, מיט וועמעס רשות טוסטו די דאָזיקע זאַכן?
אָדער ווער איז עס, וואָס האָט דיר געגעבן דעם
3 דעם דאָזיקן רשות? ער אָבער האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צו זיי: איך וועל אייך אויך פרעגן אַ
4 שאלה! און זאָגט מיר: די טבילה פון יוחנן איז
5 געווען פון הימל אָדער פון מענטשן? און זיי האָבן
עס איבערגעלייגט צווישן זיך, אַזוי צו זאָגן:
וועלן מיר זאָגן: פון הימל, וועט ער זאָגן: טאָ
6 פאַרוואָס האָט איר אים נישט געגלויבט? וועלן
מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן, וועט דאָס גאַנצע
פאָלק אונדז שטייניקן, וואָרום עס איז בטוח, אַז
7 יוחנן איז געווען אַ נביא. און זיי האָבן געענט־
8 פערט, אַז זיי ווייסן נישט פונוואַנען. און ישוע
האָט צו זיי געזאָגט: זאָג איך אייך אויך נישט מיט
וועמעס רשות איך טו די דאָזיקע זאַכן.

9 און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן צום פאָלק דאָס
דאָזיקע משל: אַ מענטש האָט געפלאַנצט אַ ווייַנ־
גאָרטן, און אים פאַרדונגען צו גערטנער, און
10 איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ לאַנגער צייט. און צום
זמן האָט ער געשיקט אַ קנעכט צו די גערטנער,
אַז זיי זאָלן אים געבן פון דער פרוכט פון דעם
ווייַנגאָרטן; די גערטנער אָבער האָבן אים געשלאָגן,
11 און אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט. און ער האָט

געמערט צו שיקן אַן אַנדערן קנעכט; זיי אָבער
האָבן אויך יענעם געשלאָגן און אָנגעטון אים
12 בזיונות, און אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט. און ער
האָט מוסיף געווען צו שיקן אַ דריטן; אָבער אויך
דעם דאָזיקן האָבן זיי בלוטיק צעשלאָגן און אַרויס־
13 געוואָרפֿן. און דער האַר פֿון דעם ווייַנגאָרטן האָט
געזאָגט: וואָס זאָל איך טון? איך וועל שיקן מיין
14 געליבטן זון; אפשר וועלן זיי אים שוינען. נאָר
ווי די גערטנער האָבן אים דערזעען, האָבן זיי זיך
איבערגעלייגט אייגער מיטן אַנדערן, און געזאָגט:
דער דאָזיקער איז דער יורש; לאָמיר אים טייטן;
15 כדי די ירושה זאָל ווערן אונזער. און זיי האָבן אים
אַרויסגעוואָרפֿן אויסער דעם ווייַנגאָרטן, און אים
דערהרגעט. וואָס זשע וועט דער האַר פֿון
16 דעם ווייַנגאָרטן טון צו זיי? ער וועט קומען
און אומברענגען די דאָזיקע גערטנער, און דעם
ווייַנגאָרטן געבן צו אַנדערע. און ווען זיי האָבן
17 דאָס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: חלילה! ער
אָבער האָט אויף זיי געקוקט, און געזאָגט: וואָס
דען איז דאָס דאָזיקע, וואָס שטייט געשריבן:

אַ שטיין, וועלכן די בוימייסטערס האָבן פֿאַר־
וואָרפֿן,
דער דאָזיקער איז געוואָרן צום הויפּט פֿונעם
ווינקל? (תהלים קיח, כב.)

18 יעדער איינער, וואָס פֿאַלט אויף יענעם שטיין,
וועט צעשמעטערט ווערן; אויף וועמען אָבער ער
וועט פֿאַלן, וועט ער אים צעמאָלן. (ישעיהו ח, יד־טו;
דניאל ב, לד־לה.)

19 און די סופֿרים און די הויפּט־כהנים האָבן געזוכט
צו לייגן די הענט אויף אים אין דער זעלביקער
שעה; און האָבן מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿאָלק;

װאָרום זיי האָבן אײַנגעזען, אַז ער האָט געזאָגט
20 דאָס דאָזיקע משל אויף זיי. און זיי האָבן געלויערט
אויף אים, און געשיקט שפּיאָנען, װאָס האָבן זיך
פֿאַרשטעלט פֿאַר צדיקים, כּדי אים צו פֿאַנגען
מיט אַ װאָרט, אַז זיי זאָלן אים איבערגעבן צו דער
ממשלה און דער מאַכט פֿון דעם גובערנאַטאָר.
21 און זיי האָבן אים געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן: רבי,
מיר װייסן, אַז דו רעדסט און לערנסט ריכטיק,
און ביסט נישט נושא פּנים, נאָר לערנסט אויף
22 אַן אמת דעם װעג פֿון ג־ט. מעגן מיר געבן שטייער
23 צום קיסר, אָדער נישט? ער אָבער האָט פֿאַר־
שטאַנען זייער כּיטרעקייט, און האָט צו זיי געזאָגט:
24 װייזט מיר אַ דינר. װעמעס בילד און אויפֿשריפֿט
25 האָט ער? און זיי האָבן געזאָגט: דעם קיסרס. און
ער האָט צו זיי געזאָגט: דעריבער גיט אָפּ
דעם קיסר דאָס, װאָס איז דעם קיסרס, און צו
26 ג־ט דאָס, װאָס איז ג־טס! און זיי האָבן אים נישט
געקענט פֿאַנגען מיט קיין װאָרט פֿאַר דעם פֿאָלק;
און האָבן זיך געװוּנדערט אויף זיין ענטפֿער, און
האָבן געשװיגן.

27 און עס זענען צוגעקומען צו אים אייניקע פֿון
די צדוקים, װעלכע זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין
28 תּחית המתים; און האָבן אים געפֿרעגט, אַזוי צו
זאָגן: רבי, משה האָט אונדז געשריבן: אויב עמיצנס
ברודער װעט שטאַרבן, האָבנדיק אַ װייב, און איז
אָן אַ קינד, זאָל זיין ברודער נעמען די פֿרוי, און
אויפֿשטעלן זאָמען צו זיין ברודער. (דברים כה, ה־ו.)
29 אָט זענען געװען זיבן ברידער; און דער ערשטער
30 האָט גענומען אַ װייב, און איז געשטאָרבן אָן קינדער;
31 און דער צװייטער; און דער דריטער האָט זי
גענומען; און אַזוי אַ האָבן אויך די זיבן נישט

32 איבערגעלאָזט קיין קינדער, און זענען געשטאָרבן.
33 צום סוף איז אויך די פרוי געשטאָרבן. וועמעס
ווייב פון זיי וועט דעריבער די פרוי זיין נאָך תחית
המתים? וואָרום די זיבן האָבן זי געהאַט פאַר אַ
34 ווייב. און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: די קינדער
פון דער דאָזיקער וועלט האָבן חתונה, און ווערן
35 חתונה־געמאַכט; די אָבער, וואָס זענען זוכה צו
דערגרייכן יענע וועלט און תחית המתים, האָבן
נישט חתונה, און ווערן נישט חתונה־געמאַכט;
36 וואָרום זיי קענען מער נישט שטאַרבן; וואָרום זיי
זענען גלייך צו די מלאכים; און זענען ג־טס
37 קינדער, זייענדיק קינדער פון תחית־המתים. און אַז
די טויטע שטייען אויף, האָט אויך משה מרמז
געווען ביים סנה, ווען ער רופט דעם האַר דעם
ג־ט פון אברהם און דעם ג־ט פון יצחק און דעם
38 ג־ט פון יעקב. (שמות ג׳, ו׳) ער אָבער איז דער
ג־ט, נישט פון טויטע, נאָר פון לעבעדיקע; וואָרום
39 אַלע לעבן פאַר אים. און אייניקע פון די סופרים
האָבן ענטפערנדיק געזאָגט: רבי, דו האָסט וואויל
40 געזאָגט! וואָרום זיי האָבן זיך מער נישט אונטער־
געשטעלט, אים עפּעס צו פרעגן.
41 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: ווי אַזוי זאָגט
42 מען, אַז דער משיח איז דודס זון? דוד אַליין זאָגט
דאָך אינעם ספר תהלים:

דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זעץ דיך אויף מיין רעכטער זייט,
43 ביז איך וועל אַנידערלייגן דיינע פיינט פאַר
אַ פוסבענקעלע צו דיינע פיס. (תהלים ק״י, א׳)

44 דוד רופט אים דעריבער האַר; און וויאַזוי זשע איז
ער זיין זון?
45 און בעת דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך צוגעהערט,

46 האָט ער געזאָגט צו די תּלמידים: היט זיך פֿאַר
די סופֿרים, וואָס ווילן אַרומגיין אין טליתים, און
האָבן ליב מען זאָל זיי אָפּגעבן שלום אויף די מערק,
און די ערשטע ערטער אין שול, און פּלעצער
47 אויבנאָן אויף סעודות; זיי פֿאַרצערן די הייזער
פֿון אַלמנות, און פֿאַר אַן אויסרייד דאַווענען זיי
לאַנג; זיי וועלן באַקומען אַ האַרבער משפּט·

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

21

1 און אַ בליק טוענדיק, האָט ער געזען ווי
די עשירים וואַרפֿן אַריין זייערע נדבות אין
2 דער שאַצקאַמער· און האָט געזען אַ געוויסע
נויטבאַדערפֿטיקע אַלמנה אַריינוואַרפֿן דאָרטן צווי
3 פּרוטות· און ער האָט געזאָגט: באמת זאָג איך
אייך: די דאָזיקע אָרעמע אַלמנה האָט אַריינגעוואָרפֿן
4 מער ווי אַלע; וואָרום אַלע די דאָזיקע האָבן אַריינ־
געוואָרפֿן צו די נדבות פֿון זייער עודף; זי אָבער
האָט פֿון איר נויט אַריינגעוואָרפֿן אַלץ, וואָס זי
האָט געהאַט צום לעבן·

5 און ווען אייניקע האָבן געזאָגט וועגן דעם בית
המקדש, אַז עס איז באַצירט מיט הערלעכע שטיינער
6 און מיט מתּנות, האָט ער געזאָגט: די דאָזיקע זאַכן,
וואָס איר זעט, עס וועלן קומען טעג, אין וועלכע
עס וועט דאָ נישט איבערגעלאָזט ווערן אַ שטיין
אויף אַ שטיין, וואָס וועט נישט אַנידערגעריסן
7 ווערן! האָבן זיי אים געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן:
רבי, און ווען וועט דאָס זיין? און וואָס איז דער
8 סימן ווען דאָס דאַרף געשעען? און ער האָט
געזאָגט: גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט נישט פֿאַרפֿירט
ווערן: וואָרום אַ סך וועלן קומען אין מיין נאָמען,

און זאָגן: איך בין עס און די צייט איז נאָענט!
9 איר זאָלט זיי נישט נאָכגיין! ווען אָבער איר וועט
הערן פון מלחמות און מהומות, זאָלט איר זיך נישט
שרעקן, וואָרום דאָס מוז קודם כל געשעען; נאָר
דער קץ איז נישט באַלד.
10 דעמלט האָט ער געזאָגט צו זיי: אַ פאָלק וועט
אויפשטיין קעגן אַ פאָלק, און אַ מלוכה קעגן אַ
11 מלוכה; עס וועלן זיין געוואַלדיקע ערד־ציטערנישן,
און דאָ און דאָרטן הונגער און מגפות; און שרעק־
לעכע זאַכן און גרויסע צייכנס פון הימל וועלן זיין.
12 פאַר דעם אַלעם אָבער וועלן זיי לייגן אויף אייך
זייערע הענט, און אייך פאַרפאָלגן, און וועלן אייך
איבערגעבן צו די שולן און תפיסות און אייך פירן
13 פאַר מלכים און מושלים צוליב מיין נאָמען. דאָס
14 וועט אויספאַלן פאַר אייך צום עדות־זאָגן. נעמט
זשע עס אייך צום האַרצן, נישט צו זאָרגן
15 פאָרויס, וויאַזוי זיך צו פאַרטיידיקן; וואָרום איך
וועל אייך געבן אַ מויל און חכמה, וואָס אַלע
אייערע קעגנער וועלן זיך נישט קענען אַנטקעגנ־
16 שטעלן אָדער ווידערשפּרעכן. איר וועט אָבער
איבערגעגעבן ווערן אַפילו פון עלטערן, און ברידער,
און קרובים, און פריינט; און אַ טייל פון אייך וועלן
17 זיי טייטן. און איר וועט זיין געהאַסט פון אַלעמען
18 צוליב מיין נאָמען. און קיין האָר פון אייער קאָפּ
19 וועט נישט פאַרלוירן ווערן. דורך אייער סבלנות
וועט איר געווינען אייערע לעבנס!
20 און ווען איר וועט זעען ירושלים באַלאַגערט
מיט חיילות, זאָלט איר דעמלט וויסן, אַז איר פאַרוויס־
21 טונג האָט זיך דערנענטערט. דעמלט זאָלן די, וואָס
זענען אין (לאַנד) יהודה, אַנטלויפן צו די בערג;
און די, וואָס זענען אין איר מיט, זאָלן אויסוואַנדערן;

און די, וואָס זענען אויפֿן לאַנד, זאָלן נישט אַרײַנגײן
22 אין איר. ווײַל זיי זענען טעג פֿון נקמה, כּדי עס זאָל
23 דערפֿילט ווערן אַלץ, וואָס שטייט געשריבן. ווײ
איז צו די טראָגעדיקע פֿרויען און אָנזויגערינס אין
יענע טעג! וואָרום עס וועט זײַן אַ גרויסע נויט
איבערן לאַנד און אַ צאָרן איבער דעם דאָזיקן
24 פֿאָלק. און זיי וועלן פֿאַלן פֿון דער שאַרף פֿון דער
שווערד, און געפֿאַנגען געפֿירט ווערן צווישן אַלע
פֿעלקער; און ירושלים וועט צעטרעטן ווערן פֿון
גוים, ביז די צײַטן פֿון די גוים וועלן דערפֿילט ווערן.
25 און עס וועלן זײַן סימנים אין דער זון און לבנה
און שטערנס; און אויף דער ערד אַנגסט אויף
פֿעלקער; און זיי וועלן נישט וויסן קיין עצה זיך צו
געבן, מחמת דעם ברויזן פֿון ים און די כוואַליעס;
26 און מענטשן וועלן אויסגײן פֿאַר מורא און דערוואַר־
טונג פֿון דעם, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט;
וואָרום די כּוחות פֿון הימל וועלן דערשיטערט
27 ווערן. און דעמלט וועלן זיי זען דעם בן־אדם
קומען אויף אַ וואָלקן מיט מאַכט און פֿיל הערלעכ־
28 קייט. (דניאל ז, יג־יד) ווען אָבער די דאָזיקע זאַכן
הייבן אָן געשען, זאָלט איר זיך אויפֿריכטן און
אויפֿהייבן אײַערע קעפּ, ווײַל אײַער גאולה
דערנענטערט זיך.
29 און ער האָט זיי געזאָגט אַ משל: קוקט אויף
30 דעם פֿײַגנבוים און אויף אַלע ביימער; ווען זיי
שפּראָצן שוין, זעט איר עס און ווייסט פֿון זיך
31 אַליין, אַז דער זומער איז נאָנט. אַזוי אויך איר,
ווען איר וועט זען די דאָזיקע זאַכן געשען,
זאָלט איר וויסן, אַז דאָס קעניגרייך פֿון ג־ט איז
32 נאָנט. באמת זאָג איך אײַך: דאָס דאָזיקע דור וועט
33 נישט פֿאַרגײן, ביז אַלץ וועט האָבן געשען. דער

הימל און די ערד וועלן פאַרגיין, אָבער מיינע
ווערטער וועלן בשום אופן נישט פאַרגיין.
34 נאָר היטן זאָלט איר זיך, אַז אייערע הערצער
זאָלן נישט שווער ווערן מיט פרעסן און זויפן, און
מיט דאגות פאַרן לעבן, און אַז יענער טאָג זאָל
35 נישט פּלוצלונג קומען אויף אייך; וואָרום ווי אַ
נעץ וועט ער קומען איבער אַלע, וואָס וואוינען
36 אויפן פנים פון דער גאַנצער ערד. דעריבער וואַכט
אין יעדער צייט, און טוט תפילה, אַז איר זאָלט
זוכה זיין צו אַנטרינען די דאָזיקע אַלע זאַכן,
וואָס דאַרפן געשעען, און צו שטיין פאַר דעם
בן־אדם!
37 און בייטאָג איז ער געווען אינם בית המקדש און
האָט געלערנט, און ביינאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען
און האָט איבערגענעכטיקט אויפן באַרג, וואָס מען
38 האָט אים גערופן הר הזיתים. און דאָס גאַנצע
פאָלק איז געקומען צו אים אינדערפרי אין בית
המקדש אַריין, כדי אים צו הערן.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

22

1 און עס איז שוין געווען נאָענט פאַר דעם חג המצות,
2 וואָס מען רופט פסח. און די הויפּט־כהנים און
די סופרים האָבן געזוכט אויף וואָס פאַר אַן אופן
אים אומצוברענגען; וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט
פאַרן פאָלק.
3 און דער שטן איז אַריינגעגאַנגען אין יהודהן,
וואָס מען האָט אים גערופן איש קריות, זייענדיק
4 פון דער צאָל פון די צוועלף. און ער איז אַוועק־
געגאַנגען, און זיך אָפּגערעדט מיט די הויפּט־
כהנים און הויפּטלייט, אויף וואָס פאַר אַן אופן

5 ער זאָל אים איבערגעבן צו זיי· און זיי האָבן זיך
דערפריידט, און האָבן אָפּגעמאַכט אים צו געבן
6 געלט· און ער האָט (עס) צוגעזאָגט, און געזוכט אַ
געלעגנהייט אים איבערצוגעבן צו זיי אָן אַ
צוזאַמענגעלויף·

7 און עס איז געקומען דער יום המצות, אין וועלכן
8 מען דאַרף מקריב זיין דאָס (קרבן) פּסח· און ער
האָט אַוועקגעשיקט פּעטרוסן און יוחנן, זאָגנדיק,
גייט און גרייט צו פאַר אונזערטוועגן דאָס (קרבן)
9 פּסח, כדי מיר זאָלן עס עסן! און זיי האָבן צו אים
געזאָגט: וואו ווילסטו, אַז מיר זאָלן עס צוגרייטן?
10 האָט ער צו זיי געזאָגט: זע, ווען איר וועט אַריינ־
קומען אין דער שטאָט, וועט אייך אַנטקייגנ־
קומען אַ מענטש טראָגנדיק אַ קרוג מיט וואַסער;
אים זאָלט איר נאָכפאָלגן אין דעם הויז, אין וועלכן
11 ער גייט אַריין· און זאָגט דעם בעל הבית פון דעם
הויז: דער רבי לאָזט דיר זאָגן: וואו איז דאָס
גאַסט־צימער, וואו איך וועל עסן דאָס (קרבן)
12 פּסח מיט מיינע תלמידים? און יענער וועט אייך
ווייזן אַ גרויסע אויבערשטוב אויסגעשטאַט מיט
13 הסב־בעטן; דאָרטן זאָלט איר עס צוגרייטן· און זיי
זענען אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געפונען אַזוי ווי
ער האָט זיי געזאָגט; און האָבן צוגעגרייט דאָס
(קרבן) פּסח·

14 און ווען די שעה איז געקומען, האָט ער זיך
15 אַנידערגעזעצט, און די שליחים מיט אים· און
האָט צו זיי געזאָגט: מיט אַ באַגער האָב איך
באַגערט צו עסן דאָס דאָזיקע (קרבן) פּסח מיט אייך,
16 איידער איך גיי ליידן; וואָרום איך זאָג אייך: איך
וועל עס מער נישט עסן, ביז עס וועט דערפילט
17 ווערן אין דעם קעניגרייך פון ג־ט· און נעמענדיק

אַ בעכער, האָט ער געמאַכט אַ ברכה און געזאָגט:
נעמט דעם דאָזיקן, און צעטיילט אים צווישן זיך.
18 וואָרום איך זאָג אייך: איך וועל פון איצט אָן מער
נישט טרינקען פון דער פרוכט פון דעם ווייַנשטאָק,
19 ביז דאָס קעניגרייַך פון ג־ט וועט קומען. און ער
האָט גענומען ברויט, געמאַכט אַ ברכה, און האָט
עס צעבראָכן און געגעבן צו זיי, אַזוי צו זאָגן:
דאָס דאָזיקע איז מייַן גוף, וואָס ווערט געגעבן
פאַר אייך; דאָס דאָזיקע זאָלט איר טון לזכרון פון
20 מיר! דעסגלייַכן אויך דעם בעכער נאָך דער
סעודה, זאָגנדיק: דער דאָזיקער בעכער איז דער
נייַער בונד אין מייַן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן פאַר
21 אייך. דאָך זע, די האַנט פון דעם, וואָס פאַרראַט
22 מיך, איז מיט מיר אויפן טיש. יאָ, דער בן־אדם
גייט טאַקע, לויט ווי עס איז באַשטימט געוואָרן;
נאָר ווי איז צו יענעם מענטשן, דורך וועמען ער
23 ווערט פאַרראַטן! און זיי האָבן אָנגעהויבן צו
פרעגן אײנס דאָס אַנדערע, ווער פון זיי דאָס קען
זייַן, וואָס וועט דאָס דאָזיקע טון.
24 און עס איז אויך געקומען צו אַ מחלוקה צווישן
זיי, ווער פון זיי זאָל געהאַלטן ווערן פאַר דעם
25 גרעסטן. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: די מלכים
פון די פעלקער הערשן איבער זיי, און זייערע
26 מושלים רופט מען וואוילטעטער. איר אָבער
נישט אַזוי; נאָר דער גרעסטער צווישן אייך
זאָל זייַן ווי דער יונגסטער; און דער מנהיג ווי
27 דער משרת. וואָרום ווער איז גרעסער, דער
וואָס זיצט בייַם טיש, צי דער וואָס באַדינט?
איז עס דען נישט דער, וואָס זיצט? איך אָבער בין
28 אין אייַער מיט ווי דער משרת. איר אָבער זענט
עס, וואָס זענען פאַרבליבן מיט מיר אין די נסיונות

29 מיינע; און איך באַשטים פאַר אייך אַ מלכות, אַזוי
30 ווי מיין פאָטער האָט פאַר מיר באַשטימט, כדי איר
זאָלט עסן און טרינקען אויף מיין טיש אין מיין
קעניגרייך; און זיצן אויף טראָנען און משפטן די
31 צוועלף שבטים פון ישראל. שמעון, שמעון, זע,
דער שטן האָט זיך אויסגעבעטן, אייך צו דרעשן
32 ווי ווייץ; איך אָבער האָב מתפלל געווען פאַר דיר,
אַז דיין אמונה זאָל זיך נישט אויסלאָזן; און דו,
ווען דו וועסט האָבן תשובה געטון, שטאַרק דיינע
33 ברידער! ער אָבער האָט צו אים געזאָגט: האַר,
מיט דיר בין איך גרייט צו גיין סײַ אין תפיסה
34 אַריין און סײַ צום טויט! ער אָבער האָט געזאָגט:
איך זאָג דיר, פעטרוס, נישט וועט היינט דער האָן
קרייען, ביז דו האָסט דריי מאָל געלייקנט מיך צו
קענען!

35 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ווען איך האָב אייך
אַרויסגעשיקט אָן אַ געלטבייטל, און טייסטער,
און שיך, האָט אייך עפּעס געפעלט? און זיי האָבן
36 געזאָגט: קיין זאַך נישט! האָט ער צו זיי געזאָגט:
נאָר איצט ווער עס האָט אַ געלטבייטל, זאָל ער
אים נעמען, און אויך אַזוי דעם טייסטער; און ווער
עס האָט גאָרנישט, דער זאָל פאַרקויפן זיין מלבוש,
37 און קויפן אַ שווערד. וואָרום איך זאָג אייך, אַז
דאָס, וואָס שטייט געשריבן, מוז דערפילט ווערן
אין מיר: און מיט פושעים איז ער פאַררעכנט
געוואָרן; (ישעיהו נג, יב.) ווייל דאָס, וואָס איז שייך
38 מיר, האָט (איצט) אַ סוף. און זיי האָבן געזאָגט:
האַר, זע, דאָ זענען דאָ צוויי שווערדן! ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: עס איז גענוג!

39 און ער איז אַרויסגעגאַנגען, און איז אַוועק, ווי
עס איז געווען זיין געוואוינהייט, צום הר הזיתים;

און די תלמידים האָבן אים אויך נאָכגעפאָלגט.
40 און קומענדיק צו דעם אָרט, האָט ער צו זיי
געזאָגט: טוט תפילה, אַז איר זאָלט נישט אַרייַנ־
41 קומען אין קיין נסיון! און אַליין האָט ער זיך פון
זיי דערווייטערט (אַ שטח) אַזויווי אַ שטיינוואורף;
און האָט אַנידערגעקניט און תפילה געטון, אַזוי
42 צו זאָגן: פאָטער, אויב דו ווילסט, נעם אַוועק
פון מיר דעם דאָזיקן בעכער! דאָך נישט מיין, נאָר
43 דיין רצון זאָל געשעען! און עס האָט זיך צו אים
באַוויזן אַ מלאך פון הימל, און אים געשטאַרקט.
44 און אַ טויט־אַנגסט איז אויף אים געקומען, און
ער האָט העפטיקער תפילה־געטון; און זיין שווייס
איז געוואָרן ווי בלוטסטראָפּן, וואָס זענען אַראָפּ־
45 געפאַלן אויף דער ערד. און ווען ער איז אויפגע־
שטאַנען נאָך דער תפילה און איז געקומען צו די
תלמידים, האָט ער זיי געפונען שלאָפן פאַר צער.
46 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס שלאָפט איר?
שטייט אויף און טוט תפילה, אַז איר זאָלט נישט
אַרייַנקומען אין קיין נסיון!
47 בשעת ער האָט נאָך גערעדט, זע, עס איז געקומען
אַ המון מענטשן און דער מיט דעם נאָמען יהודה,
איינער פון די צוועלף, איז געגאַנגען פאָרויס פאַר
זיי און האָט גענענט צו ישוען, כדי אים אַ קוש צו טון,
48 ישוע אָבער האָט צו אים געזאָגט: יהודה, מיט אַ
49 קוש פאַרראַטסטו דעם בן־אדם? און ווי די, וואָס
זענען געווען אַרום אים, האָבן געזען וואָס דאָ
גייט ווערן, האָבן זיי געזאָגט: האַר, צי זאָלן
50 מיר שלאָגן מיט דער שווערד? און איינער
פון זיי האָט געשלאָגן דעם כהן גדולס קנעכט
51 און אים אָפּגעהאַקט זיין רעכט אויער. ישוע
אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: לאָזט געמאַכט!

און האָט אָנגערירט זיין אויער, און אים
52 געהיילט. און ישוע האָט געזאָגט צו די הויפּט־
כהנים, און הויפּטלייט פון בית המקדש, און זקנים,
וועלכע זענען געקומען קעגן אים: ווי קעגן אַ
רויבער זענט איר אַרויסגעקומען מיט שווערדן
53 און מיט שטאַנגען! ווען איך בין געווען טאָג
אויס טאָג איין מיט אייך אינם בית המקדש, האָט
איר נישט אויסגעשטרעקט די הענט קעגן מיר;
נאָר די דאָזיקע איז אייער שעה, און די מאַכט
פון דער פינסטערניש.

54 און זיי האָבן אים געכאַפּט, און אים אַוועק־
געפירט, און אַריינגעבּרענגט אין כהן גדולס הויז
אַריין. פּעטרוס אָבער האָט נאָכגעפאָלגט פונדער־
55 ווייטנס. און ווען זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פייער
אינמיטן הויף, און זיך אַנידערגעזעצט צוזאַמען,
56 האָט פּעטרוס זיך אַנידערגעזעצט צווישן זיי. אַ
דינסטמיידל אָבער האָט אים געזען זיצן ביים
פייער, האָט זי זיך גוט איינגעקוקט אויף אים און
געזאָגט: אויך דער דאָזיקער איז געווען מיט אים!
57 און ער האָט עס אָפּגעלייקנט, אַזוי צו זאָגן: אשה,
58 איך קען אים נישט! און אַביסל שפּעטער האָט
אים אַן אַנדערער דערזען, און געזאָגט: דו ביסט
אויך פון זיי! פּעטרוס אָבער האָט געזאָגט: מענטש,
59 איך בין עס נישט! און נאָך אַ פאַרלויף פון אַן ערך
איין שעה, האָט אַן אַנדערער באַשטימט־פאַרזיכערט,
אַזוי צו זאָגן: אויף אַן אמת אויך דער דאָזיקער
איז געווען מיט אים; וואָרום ער איז אויך אַ גלילי!
60 פּעטרוס אָבער האָט געזאָגט: מענטש, איך ווייס
נישט, וואָס דו זאָגסט! און אין אַן אויגנבליק,
בשעת ער האָט נאָך גערעדט, האָט דער האָן געקרייט.
61 און דער האַר האָט זיך אויסגעדרייט, און אַ

בליק געטון אויף פּעטרוסן. און פּעטרוס האָט זיך
דערמאָנט דאָס וואָרט פון דעם האַר, ווי ער האָט
צו אים געזאָגט: איידער דער האָן וועט הײַנט
קרייען, וועסטו מיך דרײַ מאָל פאַרלייקענען.
62 און ער איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, און האָט
זיך ביטער צעוויינט.
63 און די מענער, וואָס האָבן אים (ישוען) באַוואַכט,
64 האָבן אָפּגעשפּאָט פון אים, און אים געשלאָגן. און
זיי האָבן אים אַרומגעהילט (דאָס פּנים), און אים
געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: זאָג נבֿואות, ווער עס איז,
65 וואָס האָט דיך געשלאָגן? און אַ סך אַנדערע
לעסטערונגען האָבן זיי געזאָגט קעגן אים.
66 און ווי עס איז געוואָרן טאָג, זענען זיך צוזאַמענ־
געקומען די זקנים פון פאָלק, די הויפּט־כהנים און
סופרים, און האָבן אים אַוועקגעפירט צו זייער
67 סנהדרין, און געזאָגט: אויב דו ביסט דער משיח,
זאָג עס אונז! ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: אויב
איך זאָל עס אײַך זאָגן, וועט איר נישט גלויבן;
68 און אויב איך וועל פרעגן, וועט איר נישט ענטפערן.
69 פון איצט אָן אָבער וועט דער בן־אדם זיצן אויף
דער רעכטער זײַט פון ג־טס מאַכט. (תהלים קי, א.)
70 האָבן זיי אַלע געזאָגט: צי ביסטו דען דער בן
אלקים? און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָגט
71 עס, ווײַל איך בין עס! זיי אָבער האָבן געזאָגט:
וואָס דאַרפן מיר נאָך אַן עדות־זאָגן? וואָרום מיר
אַליין האָבן עס געהערט פון זײַן מויל.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

1 און זייער גאַנצע עדה איז אויפגעשטאַנען, און
2 אים אַוועקגעפירט צו פּילאַטוסן. און זיי האָבן
אָנגעהויבן אים צו באַשולדיקן, אַזוי צו זאָגן: דעם
דאָזיקן האָבן מיר געפונען פאַרפירן אונזער
פאָלק, און ער פאַרווערט צו צאָלן שטייערן צום
קיסר; ער זאָגט אויך, אַז ער איז דער מלך
3 המשיח. און פּילאַטוס האָט אים געפרעגט, אַזוי
צו זאָגן: דו ביסט דער קעניג פון די יידן? און ער
האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו אים: דו זאָגסט עס!
4 האָט פּילאַטוס געזאָגט צו די הויפּט־כהנים און צו
די המונים מענטשן: איך געפין נישט קיין שום
5 שולד אין דעם דאָזיקן מענטשן! זיי אָבער האָבן
זיך געהאַלטן דערביי, און געזאָגט: ער העצט
אויף דאָס פאָלק, לערנט איבערן גאַנצן (לאַנד)
יהודה, און אָנהויבנדיק פון גליל אַזש ביז אַהער!
6 און ווי פּילאַטוס האָט דאָס געהערט, האָט ער
7 געפרעגט, צי דער מענטש איז אַ גלילי. און דערוויסנ־
דיק זיך, אַז ער איז פון הורדוסנס ממשלה, האָט
ער אים אַוועקגעשיקט צו הורדוסן, וועלכער איז
אַליין אויך געווען אין ירושלים אין די דאָזיקע
טעג.

8 און הורדוס האָט זיך זער געפריידט, זעענדיק
ישועַן; וואָרום שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער האָט
אים גערן געוואָלט זעען, צוליב דעם וואָס ער
האָט געהערט וועגן אים, און האָט געהאָפט צו
9 זעען עפּעס אַן אות געטון פון אים. און ער האָט
אים געשטעלט אַ סך קשיות; ער אָבער האָט אים
10 גאָרנישט געענטפערט. און די הויפּט־כהנים און די

סופֿרים זענען געשטאַנען און האָבן אים אייפֿריק
11 אָנגעקלאָגט. און הורדוס מיט זיינע זעלנער האָבן
אים פֿאַראַכט און אָפּגעשפּאָט פֿון אים, און אָנטוענדיק
אים אין אַ פּראַכטפֿול מלבוש, האָט ער אים
12 צוריקגעשיקט צו פּילאַטוסן. (ישעיהו נג, ז־ח.) און
הורדוס און פּילאַטוס זענען געוואָרן פֿריינט
איינער מיטן אַנדערן אין דעם זעלביקן טאָג;
וואָרום פֿריער האָט געהערשט אַ שנאה צווישן
זיי.
13 און פּילאַטוס האָט צוזאַמענגערופֿן די הויפּט־
14 כהנים און די שרים און דאָס פֿאָלק. און צו
זיי געזאָגט: איר האָט אַהערגעבראַנגט דעם דאָזיקן
מענטשן פֿאַר מיר, ווי אַ פֿאָלקספֿאַרפֿירער; און
זע, איך האָב אים אויסגעפֿאָרשט פֿאַר אייך, און
האָב ניט געפֿונען אין דעם דאָזיקן מענטשן קיין
שום שולד, וואָס שייך דעם, וואָס איר קלאָגט אים
15 אָן; ניין, אַפֿילו הורדוס אויך ניט; וואָרום ער האָט
אים צוריקגעשיקט צו אונדז; און זע, ער האָט גאָר־
16 ניט געטון, פֿאַרוואָס ער זאָל זיין חייב מיתה. איך
וועל אים דעריבער לאָזן געבן שלעק, און אָפּלאָזן.
17 און ער האָט געמוזט אָפּלאָזן פֿאַר זיי איינעם אויף
18 יום טוב. און דער גאַנצער המון האָט געשריגן,
אַזוי צו זאָגן: אַוועק מיט דעם דאָזיקן, און באַפֿריי
19 אונדז בר־אַבאָן! וועלכער איז אַריינגעוואָרפֿן
געוואָרן אין געפֿענקעניש אַריין צוליב אַן אויפֿשטאַנד,
וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער שטאָט, און צוליב
20 אַ מערדעריי. און ווידער האָט פּילאַטוס אויס־
21 גערופֿן צו זיי, וועלנדיק אָפּלאָזן ישוען; זיי אָבער
האָבן געשריגן, אַזוי צו זאָגן: קרייציק, קרייציק
22 אים! און צום דריטן מאָל האָט ער צו זיי
געזאָגט: וואָס פֿאַר אַ בייז האָט ער דען געטון?

איך האָב נישט געפונען קיין שום טויט שולד
אין אים; איך וועל אים דעריבער לאָזן געבן שלעק
23 און באַפרייען. זיי אָבער האָבן אָנגעהאַלטן מיט
הויכע קולות, פאָדערנדיק, אַז ער זאָל געקרייציקט
ווערן. און די געשרייען זייערע האָבן גובר
24 געווען. און פּילאַטוס האָט געמשפּט, אַז זייער
25 פאָדערונג זאָל געשען. און האָט באַפרייט דעם,
וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין געפענג־
קעניש אַריין צוליב אַן אויפשטאַנד און מערדעריי,
וועמען זיי האָבן באַגערט; ישוען אָבער האָט ער
איבערגעגעבן צו זייער ווילן.
26 און ווי זיי האָבן אים אַוועקגעפירט, האָבן זיי
געכאַפּט אַ געוויסן שמעון פון צירענע, קומענדיק
פונם פעלד, און האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים דעם
בוים (שמואל [illegible]) אַז ער זאָל אים טראָגן נאָך ישוען.
27 און עס האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ גרויסער המון־עם
און פרויען, וואָס האָבן אים באַקלאָגט און באַוויינט.
28 ישוע אָבער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי און געזאָגט:
טעכטער פון ירושלים, וויינט נישט איבער מיר;
נאָר וויינט ליבער איבער זיך אַליין, און איבער
29 אייערע קינדער! ווייל זע, עס קומען טעג, אין
וועלכע מען וועט זאָגן: וואויל איז די עקרות, און די
לייבער, וואָס האָבן נישט געבוירן, און די בריסטן,
30 וואָס האָבן נישט געגעבן צו זויגן! דעמלט וועט מען
אָנהויבן צו זאָגן צו די בערג: פאַלט אויף אונדז!
31 און צו די בערגלעך: דעקט אונדז צו! ווייל אויב
מען טוט דאָס צום גרינעם האָלץ, וואָס וועט שוין
געשען צום פאַרדאַרטן?
32 און צוויי אַנדערע, פאַרברעכער, זענען געפירט
געוואָרן צוזאַמען מיט אים געטייט צו ווערן.
33 און ווען זיי זענען געקומען צו דעם אָרט, וואָס מען

רופט עס גלגלתא, האָבן זיי אים דאָרט געקרייציקט,
און די פאַרברעכער, דעם אויף דער רעכטער זייט
און דעם אויף דער לינקער זייט. (ישעיהו נג, יב.)
34 ישוע אָבער האָט געזאָגט: פאָטער, פאַרגיב זיי,
וואָרום זיי ווייסן נישט, וואָס זיי טון! זיי אָבער
האָבן זיך צעטיילט זיינע קליידער און געוואָרפן
35 גורל. (תהלים כב, יח.) און דאָס פאָלק איז געשטאַנען
און האָט עס צוגעזעען. און אויך די שרים האָבן
אָפּגעשפּאָט פון אים, אַזוי צו זאָגן: אַנדערע האָט
ער געהאָלפן; זאָל ער זיך אַליין העלפן, אויב ער
איז דער משיח, דער אויסדערוויילטער פון ג-ט!
36 און אויך די זעלנער האָבן אים פאַרשפּאָט, צוקו־
מענדיק צו אים, און ברענגענדיק עסיק פאַר אים.
37 (תהלים סט, כא.) און האָבן געזאָגט: אויב דו ביסט
דער קעניג פון די יידן, ראַטעווע דיך אַליין!
38 און איבער אים איז אויך געווען אַן אויפשריפט:
דאָס איז דער קעניג פון די יידן.
39 איינער אָבער פון די פאַרברעכער, וואָס זענען
געהענגט געוואָרן, האָט אים געלעסטערט, אַזוי צו
זאָגן: צי ביסטו דען נישט דער משיח? ראַטעווע זשע
40 דיך אַליין און אונז! נאָר דער אַנדערער האָט
ענטפערנדיק אָנגעשריגן אויף אים, און געזאָגט:
דו האָסט אויך נישט קיין מורא פאַר ג-ט, ביסט
41 דאָך אין דעם זעלביקן משפט! מיר טאַקע מיט
רעכט; וואָרום מיר האָבן באַקומען דאָס, וואָס
אונזערע מעשים זענען ווערט געווען; ער אָבער
42 האָט דאָך נישט געטון קיין שום עוולה! און
האָט געזאָגט: ישוע, געדענק מיך, ווען דו קומסט
43 אין דיין מלכות אַריין! און ער האָט צו אים
געזאָגט: באמת זאָג איך דיר: היינט וועסטו זיין
מיט מיר אין גן עדן!

44 און עס איז שוין געווען אַרום דער זעקסטער
שעה, און אַ פינסטערניש איז געקומען איבערן
45 גאַנצן לאַנד ביז דער ניינטער שעה. און די זון
איז פאַרפינסטערט געוואָרן, און דאָס פרוכת פון
היכל האָט זיך צעריסן אין צווייען אין דער מיט.
46 און ישוע האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך
קול, און געזאָגט: פאָטער, אין דיינע הענט גיב
איך איבער מיין גייסט! און דאָס זאָגנדיק, האָט
47 ער אויסגעהויכט זיין אָטעם. (תהלים לא, ה.) ווי־
אָבער דער אָפיציר האָט געזעען, וואָס עס
איז געשעען, האָט ער אָפּגעגעבן כבוד צו ג־ט,
אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער מענטש איז
48 באמת געווען אַ צדיק! און אַלע המונים
מענטשן, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען צו דער
דאָזיקער זעאונג, זעענדיק די זאַכן, וואָס זענען
געשעען, האָבן זיך געשלאָגן אויף דער ברוסט און
49 זיך אומגעקערט. עס זענען אָבער געשטאַנען אַלע
זיינע באַקאַנטע פונדערווייטנס, און די פרויען,
וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט פון גליל, און האָבן
דאָס צוגעזעען.

50 און זע, אַ געוויסער מאַן מיטן נאָמען יוסף, וועל־
51 כער איז געווען אַ יועץ, אַן איש טוב וצדיק, (ער איז
נישט געווען איינשטימיק מיט זייער עצה און
מיט זייער טון) פון הרמתים, אַ יידישע שטאָט,
52 וועלכער האָט געהאָפט אויף דעם קעניגרייך פון
ג־ט; ער איז געגאַנגען צו פילאַטוסן און האָט
53 געבעטן פון אים ישועס גוף. און האָט אים
אַראָפּגענומען, אים איינגעוויקלט אין אַ ליילעך,
און געלייגט אין אַ קבר, אויסגעהאַקט אין אַ
פעלזן, וואו עס איז נאָך קיינמאָל קיינער נישט
54 געלייגט געוואָרן. און דער טאָג איז געווען ערב

שבת, און דער שבת האָט שוין געהאַלטן ביים צופאַלן.
55 די פרויען אָבער, וואָס האָבן אים באַגלייט פון גליל,
זענען נאָכגעגאַנגען, און האָבן געזען דאָס קבר,
און וויאַזוי זיין קערפּער איז געלייגט געוואָרן.
56 און האָבן זיך אומגעקערט, און צוגעגרייט בשמים
און זאַלבן.
און שבת האָבן זיי גערוט לויט דעם געבאָט (פון
דער תורה).

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

1 און דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, ווען עס האָט
אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, זענען זיי געקומען
צום קבר, ברענגענדיק די בשמים, וואָס זיי האָבן
2 צוגעגרייט. זיי האָבן אָבער געפונען דעם שטיין
3 אַראָפּגעקייקלט פונם קבר; און זענען אַריינ־
געגאַנגען, און האָבן נישט געפונען דעם גוף פון
4 דעם האַר ישוע. און עס איז געשען, בשעת
זיי זענען אַזוי געווען מבולבל וועגן דעם, זע,
צוויי מענער זענען געשטאַנען נעבן זיי אין
5 שטראַלנדיקע קליידער; און ווי זיי האָבן זיך דער־
שראָקן און געבייגט די פּנימער צו דער ערד,
האָבן די דאָזיקע געזאָגט צו זיי: וואָס זוכט איר
6 דעם לעבעדיקן צווישן די טויטע? ער איז דאָ נישטאָ,
נאָר איז אויפגעשטאַנען! דערמאָנט זיך ווי ער
האָט גערעדט צו אייך, בשעת ער איז נאָך געווען
7 אין גליל, און געזאָגט, אַז דער בן־אדם מוז
איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון זינדיקע
מענטשן, און ווערן געקרייציקט, און דעם דריטן
8 טאָג ווידער אויפשטיין. און זיי האָבן זיך דערמאָנט
9 זיינע ווערטער, און האָבן זיך אומגעקערט פונם

קבר, און דערציילט אַלע די דאָזיקע זאַכן צו די
10 עלף, און צו אַלע איבעריקע· און דאָס זענען געווען
מרים פון מגדלה, און יוחנה, און מרים, יעקבֿס
מוטער; און די איבעריקע מיט זיי האָבן דאָס געזאָגט
11 צו די שליחים· און די דאָזיקע רייד זענען
זיי פאַרגעקומען ווי פּוסטע מעשׂיות, און האָבן
12 זיי נישט געגלויבט· נאָר פּעטרוס האָט זיך אויפֿ־
געהויבן און איז אַהינגעלאָפֿן צום קבר; און איינ־
בייגנדיק זיך, זעט ער די תּכריכים ליגן אַליין; און
ער איז אַוועק צו זיך אַהיים, וואונדערנדיק זיך
איבער דעם, וואָס איז געשען·

13 און זע, צוויי פון זיי זענען דעם זעלבּיקן טאָג
געווען אויפֿן וועג אין אַ דאָרף אַריין מיטן נאָמען
עמאוס, וואָס איז געלעגן זעכציק אַקער־פעלד פון
14 ירושלים· און האָבן געשמועסט צווישן זיך וועגן
15 אַלעם דעם, וואָס איז פאַרגעקומען· און עס איז
געשען, בשעת זיי האָבן געשמועסט און געהאַלטן
אַ וויכוח, האָט ישוע אַליין גענענט, און איז מיטגע־
16 גאַנגען מיט זיי· זייערע אויגן אָבער זענען געהאַלטן
17 געוואָרן, כדי זיי זאָלן אים נישט דערקענען· און
ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס פאַר אַ ווערטער
זענען דאָס, וואָס איר רעדט איינער מיט דעם
אַנדערן אונטערוועגנס? און זיי זענען געבליבן
18 שטיין מיט באַטריבטע פּנימער· און דער איינער
מיטן נאָמען קלעאָפּאַס, האָט ענטפערנדיק געזאָגט
צו אים: ביסטו דער איינציקער פרעמדער אין
ירושלים, און ווייסט נישט וואָס עס איז דאָרט
19 געשען אין די דאָזיקע טעג? און ער האָט צו
זיי געזאָגט: וואָס? און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
דאָס פון ישוע הנוצרי, וואָס איז געווען אַ נביא,
מעכטיק אין טאַט און אין וואָרט פאַר ג־ט און דעם

20 גאַנצן פאָלק; און וויאַזוי אונזערע הויפּט־כּהנים
און שׂרים האָבן אים איבערגעגעבן, אַז ער זאָל
פאַרמשפּט ווערן צום טויט, און האָבן אים געקריי־
21 ציקט. מיר אָבער האָבן געהאָפט, אַז ער איז דאָס,
וועלכער האָט געזאָלט אויסלייזן דאָס (פאָלק)
ישׂראל. און אויסער דעם איז שוין הייַנט דער
דריטער טאָג, זינט די דאָזיקע זאַכן זענען געשען.
22 נאָר אַפילו אייניקע פרויען, וואָס געהערן צו אונז,
האָבן אונז איבערראַשט, קומענדיק אינדערפרי
23 צום קבר; און ווען זיי האָבן נישט געפונען זייַן
גוף, זענען זיי געקומען, און האָבן געזאָגט, אַז זיי
האָבן אויך געזען אַ דערשייַנונג פון מלאכים,
24 וועלכע האָבן געזאָגט, אַז ער לעבט. און אייניקע
פון די אונזעריקע זענען אַוועק צום קבר, און האָבן
עס געפונען פונקט אַזוי, ווי די פרויען האָבן געזאָגט,
25 אים (אַליין) אָבער האָבן זיי נישט געזען. און ער
האָט צו זיי געזאָגט: אָ, איר נאַראָנים און
וואָס דאָס האַרץ איז אייַך שווער צו גלייבן אַלץ,
26 וואָס די נביאים האָבן גערעדט! צי האָט דען דער
משיח נישט געדאַרפט ליידן די דאָזיקע זאַכן, און
27 אַרייַנגיין אין זייַן הערלעכקייט אַרייַן? און
אָנהויבנדיק פון (תּורת)־משה און פון אַלע נביאים,
האָט ער אויסגעטייטשט פאַר זיי אין אַלע שריפטן
28 דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צו אים. און זיי האָבן
זיך דערנענטערט צו דעם דאָרף, וואואַהין זיי זענען
געגאַנגען, און ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט
29 געוואָלט גיין ווייטער. און זיי זענען צוגעשטאַנען
צו אים, און האָבן געזאָגט: בלייַב בייַ אונז, ווייל
עס האַלט שוין באַלד בייַם אָוונט, און דער טאָג
האָט זיך שוין געבייגט! און ער איז אַרייַנגעגאַנגען
30 צו בלייַבן בייַ זיי. און עס איז געשען, בשעתן

אַנידערזעצן זיך צוזאַמען מיט זיי צום טיש,
האָט ער גענומען דאָס ברויט, געמאַכט אַ ברכה,
31 האָט עס צעבראָכן און געגעבן צו זיי. און זייערע
אויגן זענען אויפגעעפנט געוואָרן, און זיי האָבן
אים דערקענט; און ער איז פון זיי פאַרשוואונדן.
32 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: צי
האָט דען נישט אונזער האַרץ געברענט אין אונז,
בשעת ער האָט מיט אונז גערעדט אויפן וועג, ווי
ער האָט אונז אויפגעעפנט די כתבי (הקודש)?
33 און זיי זענען אויפגעשטאַנען אין דער זעלביקער
שעה און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים, און
האָבן געפונען די עלף פאַרזאַמלט, און די, וואָס
34 זענען געווען מיט זיי; וועלכע האָבן געזאָגט: דער
האַר איז באמת אויפגעשטאַנען, און האָט זיך באַוויזן
35 צו שמעונען! און זיי אַליין האָבן דערציילט, וואָס
עס איז געשען אויפן וועג, און וויאַזוי ער איז
פון זיי דערקענט געוואָרן ביים ברעכן דאָס ברויט.
36 און בשעת זיי האָבן גערעדט פון די דאָזיקע זאַכן,
איז ער אַליין געשטאַנען אין דער מיט צווישן זיי,
37 און זאָגט צו זיי: שלום עליכם! זיי אָבער האָבן
געציטערט און מורא געהאַט, מיינענדיק, אַז זיי
38 זעען אַ גייסט. און ער האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס
זענט איר אַזוי דערשראָקן, און פאַרוואָס שטייגן
39 אויף ספקות אין אייער האַרץ? קוקט אויף מיינע
הענט און אויף מיינע פיס, אַז איך בין עס אַליין!
רירט מיך אָן און זעט! ווייל אַ גייסט האָט נישט קיין
40 פלייש און ביין, ווי איר זעט, אַז איך האָב. און ווי
ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיי געוויזן די הענט
41 און די פיס. און בשעת זיי האָבן נאָך אַלץ נישט
געגלויבט פאַר פרייד, און זיך געוואונדערט,
האָט ער צו זיי געזאָגט: צי האָט איר דאָ עפעס

42 צו עסן? האָבן זיי אים געגעבן אַ שטיק געבראָ־
43 טענעם פיש. און ער האָט עס גענומען, און געגעסן
פאַר זייערע אויגן.
44 און ער האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זענען מיינע
ווערטער, וואָס איך האָב צו אייך גערעדט, בשעת
איך בין נאָך געווען מיט אייך, אַז אַלץ מוז
דערפילט ווערן, וואָס עס שטייט געשריבן אין
תורת־משה, און אין די נביאים, און אין תהלים.
45 דעמלט האָט ער אויפגעעפנט זייער
פאַרשטאַנד, משיג־צו־זיין די כתבי (הקודש);
46 און האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי שטייט געשריבן,
אַז דער משיח זאָלליידן, און אויפשטיין פון די
47 טויטע דעם דריטן טאָג, און אַז אין זיין נאָמען זאָל
אויסגערופן ווערן אַ תשובה צו דער פאַרגעבונג
פון זינד צווישן אַלע פעלקער,—אָנהויבנדיק פון
48 ירושלים. איר זענט עדות פון די דאָזיקע זאַכן.
49 און זע, איך שיק אויף אייך די הבטחה פון מיין
פאָטער; איר אָבער בלייבט אין דער שטאָט, ביז
איר וועט אָנגעקליידט ווערן מיט גבורה פון אויבן.
50 און ער האָט זיי אַרויסגעפירט ביז נאָנט קיין
בית היני, און האָט אויפגעהויבן זיינע הענט, און
51 זיי געבענטשט. און עס איז געשען, בשעת דעם
בענטשן זיי, האָט ער זיך פון זיי אָפגעשיידט, און
52 איז אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין. און זיי
האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים מיט גרויס
53 פרייד; און זענען תמיד געווען אין בית המקדש,
לויבנדיק ג־ט.

# די גוטע בשורה לויט יוחנן

1 אינם אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס
וואָרט איז געווען בײַ ג־ט, און דאָס וואָרט איז
2 געווען ג־ט. דאָס דאָזיקע איז געווען אין אָנהויב
3 בײַ ג־ט. אַלץ איז דורך אים באַשאַפֿן געוואָרן;
און אַ חוץ דורך אים איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן
4 קיין זאַך, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן. אין אים איז
געווען לעבן; און דאָס לעבן איז געווען דאָס ליכט
5 פֿון די מענטשן. און דאָס ליכט שײַנט אין דער
פֿינסטערניש; און די פֿינסטערניש האָט עס נישט
גובר געווען.

6 עס איז געווען אַ מענטש, פֿון ג־ט געשיקט, זײַן
7 נאָמען איז געווען יוחנן. דער דאָזיקער איז געקומען
פֿאַר אַן עדות, כּדי עדות צו זאָגן וועגן דעם
8 ליכט, אַז אַלע זאָלן גלויבן דורך אים. ער איז נישט
געווען דאָס ליכט, נאָר (איז געקומען) כּדי עדות
9 צו זאָגן וועגן דעם ליכט. דאָס איז געווען דאָס
אמתע ליכט, וואָס באַלײַכט יעדן מענטשן, וועלכער
10 קומט אין דער וועלט אַרײַן. ער איז געווען אין
דער וועלט, און די וועלט איז דורך אים באַשאַפֿן
געוואָרן, און די וועלט האָט אים נישט געקענט.
11 צו זײַן אייגנטום איז ער געקומען, און די זײַניקע
12 האָבן אים נישט אויפֿגענומען. וויפֿל אָבער עס
האָבן אים יאָ אָנגענומען, האָט ער זיי געגעבן מאַכט
צו ווערן ג־טס קינדער, צו די, וואָס גלויבן אין זײַן
13 נאָמען: וועלכע זענען געבוירן געוואָרן נישט פֿון
בּלוט, נישט פֿון דעם ווילן פֿון דעם פֿלייש, אויך
14 נישט פֿון דעם ווילן פֿון אַ מאַן, נאָר פֿון ג־ט. און
דאָס וואָרט איז געוואָרן בּשׂר (ודם) און האָט גע־

וואוינט צווישן אונז, און מיר האָבן געזעען זיין
כבוד, אַ הערלעכקייט ווי פון אַ בן יחיד ביי זיין
15 פאָטער, פול מיט חסד און אמת. יוחנן האָט
עדות געזאָגט וועגן אים, און אויסגערופן, אַזוי צו
זאָגן: ער איז עס, וועגן וועמען איך האָב געזאָגט:
דער, וואָס קומט נאָך מיר, איז געווען פאַר מיר,
16 ווייל ער איז געווען פאָרויס פאַר מיר. און פון
זיין פולקייט האָבן מיר אַלע באַקומען, און (טאַקע)
17 חסד איבער חסד. ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן
דורך משהן, דער חסד און דער אמת זענען געקומען
18 דורך ישוע המשיחן. קיינער האָט קיינמאָל נישט
געזעען ג־ט; (נאָר) דער בן־יחיד וועלכער איז
אינם שויס פון דעם פאָטער, האָט (אים) באַקאַנט
געמאַכט.

19 און דאָס דאָזיקע איז יוחנן׳ס עדות־זאָגן, ווען
די יידן פון ירושלים האָבן געשיקט צו אים כהנים
20 און לוויים, כדי אים צו פרעגן: ווער ביסטו? און
ער האָט מודה געווען, און נישט געלייקנט; און
21 האָט מודה געווען: איך בין נישט דער משיח. און
זיי האָבן אים געפרעגט: טאָ ווער דען? צי ביסטו
אליהו? און ער זאָגט: איך בין עס נישט. צי ביסטו
22 דער נביא? און ער האָט געענטפערט: ניין. האָבן
זיי דעריבער געזאָגט: ווער זשע ביסטו? כדי מיר זאָלן
געבן אַן ענטפער צו די, וואָס האָבן אונז געשיקט.
23 וואָס זאָגסטו וועגן דיר אַליין? האָט ער געזאָגט:
איך בין אַ קול פון איינעם וואָס שרייט אין דער
מדבר: מאַכט גלייך דעם וועג פון דעם האַר, אַזוי ווי
24 ישעיה הנביא האָט געזאָגט. (ישעיהו מ׳, ג׳.) און די
25 שליחים זענען געווען פון די פרושים. און זיי
האָבן אים געפרעגט, און געזאָגט צו אים: טאָ
פאַרוואָס ביסטו טובל, אויב דו ביסט נישט דער

משיח, אויך נישט אליהו, און נישט דער נביא?
26 האָט יוחנן זיי געענטפערט, אַזוי צו זאָגן: איך בין
טובל מיט וואַסער: אין אייער מיט שטייט (איינער),
27 וועמען איר קענט נישט, דער, וואָס קומט נאָך מיר,
וועמען איך בין נישט ווערט אויפצובינדן דאָס
28 שנירל פון זיין שוך. דאָס איז געשען אין בית
היני, אויף יענער זייט ירדן, וואו יוחנן פלעגט
טובל זיין.

29 צומאָרגנס זעט ער ישוען קומען צו אים, און
זאָגט: זע, ג־טס לאַם, וואָס נעמט אַוועק די זינד
30 פון דער וועלט! ער איז דאָס, פון וועמען איך האָב
געזאָגט: נאָך מיר קומט אַ מאַן, וועלכער איז געווען
פאַר מיר; ווייל ער איז געווען פאָרויס פאַר מיר.
31 און איך האָב אים נישט געקענט; נאָר כדי ער זאָל
אַנטפּלעקט ווערן צו ישראל, דערפאַר בין איך
32 געקומען, טובל זייענדיק מיט וואַסער. און יוחנן
האָט עדות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געזען
דעם גייסט אַראָפּנידערן פון הימל ווי אַ טויב;
33 און בלייבן אויף אים. און איך האָב אים נישט
געקענט; נאָר דער, וואָס האָט מיך געשיקט טובל
צו זיין מיט וואַסער, האָט צו מיר געזאָגט: אויף
וועמען דו וועסט זען דעם גייסט אַראָפּשוועבן, און
בלייבן אויף אים, דער דאָזיקער איז עס, וועלכער
34 איז טובל מיט דעם רוח הקודש. און איך האָב
געזען, און האָב עדות־געזאָגט, אַז ער איז דער
בן אלקים.

35 צומאָרגנס איז יוחנן ווידער געשטאַנען, און
36 צוויי פון זיינע תלמידים; און דערזעענדיק ישוען
ווי ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט:
37 זעט, דאָס (איז) ג־טס לאַם! און די צוויי תלמי־
דים זיינע האָבן אים געהערט רעדן, און האָבן

38 נאָכגעפאָלגט ישוען· און אויסדרייענדיק זיך און
זעענדיק זיי נאָכפאָלגען, האָט ישוע צו זיי
געזאָגט: וואָס באַגערט איר? האָבן זיי געזאָגט
צו אים: רבי (דאָס הייסט, לערער) וואו וואוינ־
39 סטו? זאָגט ער צו זיי: קומט און זעט· זענען
זיי דעריבער געקומען און האָבן געזעען וואו ער
האָט געוואוינט; און זענען בײַ אים פאַרבליבן
יענעם טאָג· עס איז געווען אַרום דער צענטער
40 שעה· איינער פון די צוויי, וואָס האָבן געהערט
פון יוחנן און האָבן אים נאָכגעפאָלגט, איז געווען
41 אַנדריי, דער ברודער פון שמעון פעטרוס· דער
דאָזיקער געפינט צוערשט זיין אייגענעם ברודער
שמעון און זאָגט צו אים: מיר האָבן געפונען דעם
42 משיח, (דאָס הייסט פאַרטייטשט, געזאַלבטער)· ער
האָט אים געברענגט צו ישוען· ישוע האָט אַ בליק
געטון אויף אים און געזאָגט: דו ביסט שמעון בן
יונה; דו זאָלסט הייסן כיפא, (פאַרטייטשט אויף
יידיש, פעלזן)·
43 צומאָרגנס האָט ער געוואָלט אַרויסגיין קיין גליל,
און געפינט פיליפּוס; און ישוע זאָגט צו אים:
44 פאָלג מיר נאָך· און דער פיליפּוס איז געווען פון
בית־צידה, פון דער שטאָט פון אַנדריי און פעטרוס·
45 פיליפּוס געפינט נתנאלן און זאָגט צו אים: אים,
פון וועמען משה האָט געשריבן אין דער תורה, און
די נביאים, האָבן מיר געפונען, ישוע בן יוסף פון
46 נצרת· און נתנאל האָט צו אים געזאָגט: פון נצרת
קען דען זיין עפעס גוטס? זאָגט פיליפּוס צו אים:
47 קום און זע· ישוע האָט געזעען נתנאלן קומען צו
אים, און זאָגט וועגן אים: אָט איז אַן אמתער ישראל,
אין וועמען עס איז נישט פאַראַן קיין כיטרעקייט·
48 זאָגט נתנאל צו אים: פונוואַנען קענסטו מיך? האָט

ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: איידער
נאָך פיליפוס האָט דיך גערופן, האָב איך דיך געזעען,
בשעת דו ביסט נאָך געוועזן אונטער דעם פייגנבוים.
49 האָט נתנאל אים געענטפערט: רבי, דו ביסט דער
50 בן אלקים; דו ביסט דער מלך פון ישראל. האָט
ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: ווייל איך
האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב דיך געזעען אונטער
דעם פייגנבוים, גלויבסטו? גרעסערע זאַכן ווי די
51 דאָזיקע וועסטו זעען. און זאָגט צו אים: באמת,
באמת זאָג איך אייך: איר וועט זעען דעם הימל
אָפן, און די מלאכים פון ג־ט אַרויפגיין און אַראָפּ־
קומען אויף דעם בן־אדם.

## קאַפּיטל צוויי

1 און דעם דריטן טאָג איז געווען אַ חתונה אין
קנה פון גליל; און ישועס מוטער איז דאָרטן
2 געווען, און אויך ישוע און זיינע תלמידים זענען
3 פאַרבעטן געוואָרן אויף דער חתונה. און ווען עס
האָט אויסגעפעלט וויין, זאָגט ישועס מוטער צו
4 אים: זיי האָבן נישט קיין וויין. און ישוע זאָגט צו
איר: וואָס האָב איך מיט דיר, אשה? מיין שעה איז
5 נאָך נישט געקומען. זאָגט זיין מוטער צו די סאַר־
6 ווערס: וואָס ער וועט אייך זאָגן, זאָלט איר טון. און
דאָרטן זענען געווען אַוועקגעשטעלט זעקס שטיינ־
ערנע וואַסערגעפעסן, לויטן מנהג פון וואַשן זיך
ביי יידן, יעדעס איינע האָט אַנטהאַלטן צו צוויי
7 אָדער דריי עמער. זאָגט ישוע צו זיי: פילט אָן די
געפעסן מיט וואַסער. און זיי האָבן די דאָזיקע
8 אָנגעפילט ביז אַרויף. און ער זאָגט צו זיי: איצט
שעפּט אָן און טראָגט עס צו דעם, וואָס זיצט אויבנאָן.

9 און זיי האָבן עס געטראָגן. ווי אָבער דער, וואָס
איז געזעסן אויבנאָן האָט טועם געווען דאָס וואַסער,
וואָס איז געוואָרן וויין, און האָט נישט געוואוסט
פונוואַנען עס איז—די סאַרווערס אָבער, וואָס האָבן
געשעפּט דאָס וואַסער, האָבן יאָ געוואוסט—רופט
10 דער, וואָס איז געזעסן אויבנאָן דעם חתן, און זאָגט
צו אים: יעדער מענטש שטעלט קודם כל אַוועק
דעם גוטן וויין, און ווען מען האָט זיך שוין אָנגעטרונקען, דעמלט דעם ערגערן; און דו האָסט באַהאַלטן
11 דעם גוטן וויין ביז איצט. דעם דאָזיקן אָנהויב פון
די נסים האָט ישוע געמאַכט אין קנה פון גליל, און
האָט אַנטפּלעקט זיין הערלעכקייט, און זיינע תלמידים
האָבן אין אים געגלויבט.
12 נאָך דעם איז ער אַראָפּגעגאַנגען קיין כפר נחום,
ער און זיין מוטער און די ברידער און זיינע תלמידים,
און זענען דאָרט פאַרבליבן נישט קיין סך טעג.
13 און דער יידישער פסח איז געווען נאָנט, און
14 ישוע איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים. און
האָט געפונען אין בית המקדש די פאַרקויפער פון
רינדער און שאָף און טויבן, און די געלט־וועקסלער
15 זיצן. און ער האָט געמאַכט אַ קאַנטשיק פון שטריקלעך און אַלעמען אַרויסגעטריבן פונם בית המקדש
מיט די שאָף און די רינדער; און אויסגעשיט דאָס
געלט פון די אויסבייטער און די טישן אומגעקערט;
16 און צו די, וואָס האָבן פאַרקויפט טויבן, האָט ער
געזאָגט: נעמט די דאָזיקע אַוועק פונדאַנען; מאַכט
נישט פון מיין פאָטערס הויז אַ הויז פון מסחר.
17 זיינע תלמידים האָבן זיך דערמאָנט, אַז עס שטייט
געשריבן:
דער אייפער פון דיין הויז האָט מיך פאַרצערט.
(תהלים סט, י.)

18 די יידן האָבן דעריבער געענטפערט און געזאָגט
צו אים: וואָס פאַר אַ צייכן ווייזט דו אונז, אַז דו
19 טוסט די דאָזיקע זאַכן? האָט ישוע געענטפערט
און געזאָגט צו זיי: צעשטערט דעם דאָזיקן היכל,
20 און אין דריי טעג וועל איך אים אויפשטעלן. אַזוי
האָבן די יידן געזאָגט: זעקס און פערציק יאָר איז
דער דאָזיקער היכל געבויט געוואָרן, און דו שטעלסט
21 אים אויף אין דריי טעג? ער אָבער האָט גערעדט
22 וועגן דעם היכל פון זיין אייגענעם גוף. דעריבער,
ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע, האָבן
זיך זיינע תלמידים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס
דאָזיקע געזאָגט; און האָבן געגלויבט אין דער
(הייליקער) שריפט און אין דעם וואָרט, וואָס ישוע
האָט געזאָגט.

23 און בעת ער איז געווען אין ירושלים דעם יום
טוב פסח, האָבן אַ סך געגלויבט אין זיין נאָמען,
24 זעענדיק די נסים, וואָס ער האָט געטון. ישוע
אַליין אָבער האָט זיך זיי נישט פאַרטרויט, ווייל
25 ער האָט אַלעמען געקענט, און נישט נייטיק געהאַט,
אַז עמיצער זאָל עדות זאָגן וועגן דעם מענטשן;
וואָרום ער אַליין האָט געוואוסט וואָס עס איז
אין אַ מענטשן.

## קאַפּיטל דריי

3

1 און עס איז געווען אַ מאַן פון די פּרושים, ער
2 האָט געהייסן נקדימון, אַ שר ביי יידן; דער
דאָזיקער איז געקומען צו אים ביינאַכט, און האָט
צו אים געזאָגט: רבי, מיר ווייסן, אַז דו ביסט אַ
לערער, געקומען פון ג־ט; וואָרום קיינער קען
נישט טון די דאָזיקע נסים, וואָס דו טוסט, אויב
3 ג־ט איז נישט מיט אים. האָט ישוע געענטפערט

און געזאָגט צו אים: באמת, באמת זאָג איך דיר:
אויב אײנער װערט נישט װידער געבוירן, קען
ער נישט זעען דאָס קעניגרייך פון ג-ט. זאָגט 4
נקדימון צו אים: װיאַזוי קען אַ מענטש געבוירן
װערן, זייענדיק אַ זקן? צי קען ער דען אַ צווייט
מאָל אַרײנגײן אין זיין מוטערס לייב און געבוירן
װערן? האָט ישוע געענטפערט: באמת, באמת זאָג 5
איך דיר: אויב אײנער װערט נישט געבוירן
פון װאַסער און פון גייסט, קען ער נישט אַרײנגײן
אין דעם קעניגרייך פון ג-ט. דאָס, װאָס איז 6
געבוירן פון דעם פלייש, איז פלייש; און דאָס,
װאָס איז געבוירן פון גייסט, איז גייסט.
װאונדער דיך נישט, װייל איך האָב דיר געזאָגט: 7
איר מוזט װידער געבוירן װערן. דער װינט 8
בלאָזט, װאו ער װיל, און דו הערסט זיין קול,
נאָר װייסט נישט, פונװאַנען ער קומט און
װואַהין ער גייט; פונקט אַזוי איז יעדער אײנער
װאָס איז געבוירן פון דעם גייסט. נקדימון האָט 9
געענטפערט און געזאָגט צו אים: װיאַזוי קען דאָס
געשעען? האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו 10
אים: דו ביסט אַ רבי בישראל, און װייסט דאָס
נישט? באמת, באמת זאָג איך דיר: װאָס מיר װייסן, 11
דאָס רעדן מיר, און װאָס מיר האָבן געזעען, דערפון
זאָגן מיר עדות: און איר נעמט אונזער עדות־זאָגן
נישט אָן. אויב איך האָב צו אייך גערעדט פון 12
ערדישע זאַכן, און איר גלויבט נישט, װיאַזוי װעט
איר גלויבן, װען איך װעל צו אייך רעדן פון
הימלישע זאַכן? און קיינער איז נישט אַרויפגעגאַ־ 13
גאַנגען אין הימל אַרײן, אַ חוץ דער, װעלכער איז
אַראָפּגעקומען פון הימל, דער בן־אדם, װאָס איז
אין הימל. און װי משה האָט אויפגעהויבן די 14

שלאַנג אין דער מדבר, אַזוי מוז דער בן־אדם
15 אויפגעהויבן ווערן; כדי יעדער איינער, וואָס
16 גלויבט אין אים, זאָל האָבן אייביק לעבן. וואָרום
ג־ט האָט אַזוי ליב געהאַט די וועלט, אַז ער האָט
געגעבן זיין בן־יחיד, כדי יעדער איינער, וואָס
גלויבט אין אים, זאָל נישט פאַרלוירן ווערן, נאָר
17 האָבן אייביק לעבן. וואָרום ג־ט האָט נישט
געשיקט זיין זון אין דער וועלט אַריין, כדי צו
משפטן די וועלט, נאָר כדי די וועלט זאָל דורך אים
18 געראַטעוועט ווערן. דער, וואָס גלויבט אין אים,
ווערט נישט געמשפט; דער, וואָס גלויבט נישט,
איז שוין געמשפט געוואָרן, ווייל ער האָט נישט
געגלויבט אין דעם נאָמען פון דעם בן־יחיד פון
19 ג־ט. און דאָס איז דאָס משפט: דאָס ליכט איז
געקומען אין דער וועלט אַריין, און די מענטשן
האָבן ליבער געהאַט די פינסטערניש ווי דאָס ליכט;
20 ווייל זייערע מעשים זענען געווען בייז. וואָרום
יעדער איינער, וואָס טוט שלעכטס, האָט פיינט
דאָס ליכט, און קומט נישט צו דעם ליכט, כדי זיינע
21 מעשים זאָלן נישט אויפגעדעקט ווערן. דער אָבער,
וואָס טוט דעם אמת, קומט צום ליכט, כדי זיינע
מעשים זאָלן אַנטפּלעקט ווערן, אַז זיי ווערן געטון
אין ג־ט.

22 נאָך דעם איז ישוע אַוועק מיט זיינע תלמידים
צום לאַנד יהודה, און איז דאָרטן פאַרבליבן מיט
23 זיי, און האָט טובל געווען. און אויך יוחנן האָט
טובל געווען אין עינון, נאָענט ביי שלם, ווייל
דאָרטן איז געווען אַ סך וואַסער; און מען פלעגט
24 קומען און זיך לאָזן טובל זיין. וואָרום יוחנן איז
נאָך נישט געווען אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.
25 און עס איז געקומען צו אַ מחלוקה צווישן די תלמידים

26 פון יוחנן און אַ יידן וועגן טהרה· און זיי זענען
געקומען צו יוחנן, און האָבן געזאָגט צו אים: רבי,
ער, וואָס איז געווען מיט דיר אויף יענער זייט
ירדן, וועגן וועמען דו האָסט עדות געזאָגט, אָט־זע,
ער טובלט, און אַלע קומען צו אים· האָט יוחנן
27 געענטפערט און געזאָגט: קיין מענטש קען זיך
גאָרנישט נעמען, אויב עס איז אים נישט געגעבן
28 געוואָרן פון הימל· איר אַליין זענט מיינע עדות,
אַז איך האָב געזאָגט: איך בין נישט דער משיח,
נאָר אַז איך בין געשיקט געוואָרן פאַר אים·
29 ווער עס האָט די כלה, דער איז דער חתן; אָבער
דער פריינט פון דעם חתן, וואָס שטייט און הערט
זיך צו צו אים, טוט מיט שמחה זיך פרייען איבער
דעם חתנס קול; אָט די דאָזיקע פרייד מיינע איז
30 דערפילט· ער מוז וואַקסן, איך אָבער—פאַרמינערט
ווערן·
31 דער, וואָס קומט פון אויבן, איז איבער אַלעמען:
דער, וואָס איז פון דער ערד, איז פון דער ערד,
און רעדט פון דער ערד; דער, וואָס קומט פון
32 הימל, איז איבער אַלעמען· וואָס ער האָט געזען
און געהערט, דערפון זאָגט ער עדות; און זיין עדות־
33 זאָגן נעמט קיינער נישט אָן· ווער עס נעמט יאָ אָן
זיין עדות־זאָגן, דער האָט צוגעחתמעט, אַז ג־ט איז
34 אמת· וואָרום ער, וועמען ג־ט האָט געשיקט, רעדט
די ווערטער פון ג־ט; וואָרום ער גיט נישט דעם
35 גייסט מיט אַ מאָס· דער פאָטער האָט ליב דעם זון,
36 און האָט אַלץ געגעבן אין זיין האַנט אַריין· דער,
וואָס גלויבט אין דעם זון, האָט אייביק לעבן; ווער
אָבער עס געהאָרכט נישט דעם זון, דער וועט נישט
זען קיין לעבן, נאָר ג־טס צאָרן בלייבט אויף אים·

## קאַפּיטל פיר

4

1 ווען דעריבער דער האַר האָט זיך דערוואוסט,
אַז די פּרושים האָבן געהערט, אַז ישוע מאַכט און
2 איז טובל מער תּלמידים ווי יוחנן—הגם ישוע אַליין
3 האָט נישט געטובלט, נאָר זיינע תּלמידים—, האָט
ער פאַרלאָזט דאָס לאַנד יהודה, און איז ווידער
4 אַוועק קיין גליל. און האָט געמוזט אַדורכגיין
5 דורך שומרון. און אַזוי קומט ער אין אַ שטאָט
פון שומרון, וועלכע מען רופט סוכר, נאָענט בּיי
דעם פעלד, וואָס יעקב האָט געגעבן צו זיין זון
6 יוסף; און דאָרט איז געווען יעקבס בּרונעם. און
זייענדיק מיד פון דער נסיעה, האָט ישוע זיך אַזוי
אַנידערגעזעצט בּיים בּרונעם; עס איז געווען אַרום
7 דער זעקסטער שעה. קומט אַ פרוי פון שומרון שעפּן
וואַסער; זאָגט ישוע צו איר: גיב מיר צו טרינקען.
8 וואָרום די תּלמידים זיינע זענען אַוועקגעגאַנגען
9 אין שטאָט אַריין, כּדי איינצוקויפן שפּייז. זאָגט
דעריבּער צו אים די שומרונישע פרוי: וויאַזוי
בּעטסטו, אַ ייד, צו טרינקען פון מיר, וואָס איך
בּין אַ שומרונישע פרוי? וואָרום יידן האָבן נישט
10 קיין מגע־משא מיט שומרונים. האָט ישוע
געענטפערט און געזאָגט צו איר: אויב דו וואָלסט
געקענט די מתּנה פון ג־ט, און ווער דער איז, וואָס
זאָגט צו דיר: גיב מיר צו טרינקען, וואָלסטו אים
געבעטן, און ער וואָלט דיר געגעבן לעבּעדיק וואַסער.
11 זאָגט די פרוי צו אים: האַר, דו האָסט נישט מיט
וואָס אָנצושעפּן, און דער בּרונעם איז טיף;
12 פונוואַנען זשע האָסטו דאָס לעבּעדיקע וואַסער? צי
בּיסטו דען גרעסער ווי אונזער פאָטער יעקב, וועלכער

האָט אונז געגעבן דעם ברונעם, און אַליין פון
אים געטרונקען, און זיינע זין און זיינע סטאַדעס?
13 האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו איר: יעדער
איינער, וואָס טרינקט פון דעם דאָזיקן וואַסער,
14 וועט ווידער דאָרשטיק ווערן; ווער אָבער עס וועט
טרינקען פון דעם וואַסער, וואָס איך וועל אים געבן,
דער וועט ביז אויף אייביק מער נישט דאָרשטיק
ווערן; נאָר דאָס וואַסער, וואָס איך וועל אים געבן,
וועט ווערן אין אים אַ וואַסער קוואַל, וואָס שפּרודלט
15 צום אייביקן לעבן. זאָגט די פרוי צו אים: האַר,
גיב מיר דאָס דאָזיקע וואַסער, כדי איך זאָל נישט
דורשטן, און נישט דאַרפן אַהערקומען אָנצושעפּן.
16 זאָגט ישוע צו איר: גיי רוף דיין מאַן, און קום אַהער.
17 האָט די פרוי געענטפערט און געזאָגט: איך האָב
נישט קיין מאַן. זאָגט ישוע צו איר: דו האָסט
18 ריכטיק געזאָגט: איך האָב נישט קיין מאַן; וואָרום
דו האָסט שוין געהאַט פינף מענער, און ער, וועמען
דו האָסט איצט, איז נישט דיין מאַן; דאָס דאָזיקע
19 האָסטו אמת געזאָגט. זאָגט די פרוי צו אים: האַר,
20 איך זע, אַז דו ביסט אַ נביא. אונזערע אָבות האָבן
זיך געבוקט (צו ג-ט) אויף דעם דאָזיקן באַרג;
און איר זאָגט, אַז אין ירושלים איז דאָס אָרט, וואו
21 מען דאַרף זיך בוקן (צו ג-ט). זאָגט ישוע צו איר:
גלויב מיר, אשה, אַז עס קומט אַ שעה, ווען נישט
אויף דעם דאָזיקן באַרג, נישט אין ירושלים וועט
22 איר זיך בוקן צום פאָטער. איר בוקט זיך צו וואָס
איר ווייסט נישט, מיר ווייסן יאָ צו וועמען מיר
23 בוקן זיך; ווייל די ישועה איז פון די יידן. נאָר עס
קומט אַ שעה, און איז שוין איצט, ווען די וואָר-
האַפטיקע דינער פון גאָט, וועלן זיך בוקן צום פאָטער
אין גייסט און אין דער וואָרהייט; וואָרום דער

פֿאָטער זוכט אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך בוקן צו אים.
24 ג-ט איז אַ גייסט, און די, וואָס בוקן זיך צו אים,
מוזן זיך בוקן אין גייסט און אין דער וואָרהייט.
25 זאָגט צו אים די פֿרוי: איך ווייס, אַז דער משיח
קומט, (וואָס הייסט געזאַלבטער) ווען ער וועט
26 קומען, וועט ער אונז אַלץ זאָגן. זאָגט צו איר ישוע:
איך בין עס, וואָס רעדט מיט דיר.
27 און ביי דעם דאָזיקן זענען זיינע תלמידים
אָנגעקומען, און האָבן זיך געוואונדערט, אַז ער
רעדט מיט אַ פֿרוי; דאָך האָט קיינער נישט געזאָגט:
וואָס ווילסטו? אָדער: פֿאַרוואָס רעדסטו מיט איר?
28 און די פֿרוי האָט איבערגעלאָזט איר וואַסער־קרוג,
און איז אַוועק אין שטאָט אַריין, און זאָגט צו
29 די מענטשן: קומט, זעט אַ מענטשן, וועלכער האָט
מיר געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געטון; איז דאָס
30 נישט אפשר דער משיח? זענען זיי אַרויסגעגאַנגען
אויס דער שטאָט, און זענען געקומען צו אים.
31 דערווייל האָבן אים די תלמידים געבעטן, אַזוי צו
32 זאָגן: רבי, עס. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: איך
האָב אַ שפּייז צו עסן, וואָס איר קענט זי נישט.
33 האָבן די תלמידים דעריבער געזאָגט איינער צום
אַנדערן: צי האָט אים דען עמיצער געברענגט עפּעס
34 צו עסן? זאָגט ישוע צו זיי: מיין שפּייז איז, אַז איך
זאָל טון דעם רצון פֿון דעם, וועלכער האָט מיך
35 געשיקט, און צו ענדיקן זיין ווערק. צי זאָגט איר
דען נישט: נאָך פֿיר חדשים, און עס קומט דער
שניט? זע, איך זאָג אייך: הייבט אויף אייערע אויגן
און זעט די פֿעלדער, אַז זיי זענען שוין ווייס צום
36 שניט. דער שניטער באַקומט אַ שכר, און זאַמלט
איין פּירות צום אייביקן לעבן, כדי דער פֿאַרזייער
37 און דער שניטער זאָלן זיך פֿרייען צוזאַמען. וואָרום

אין דעם דאָזיקן (פאַל) איז דאָס שפּריכוואָרט אמת:
38 איינער זייעט, אַן אַנדערער שניידט. איך האָב אייך
געשיקט צו שניידן, וואָס איר האָט נישט באַאַרבעט;
אַנדערע האָבן געאַרבעט, און איר זענט אַריינגעקומען אין זייער אַרבעט אַריין.
39 און פון יענער שטאָט האָבן אַ סך שומרונים
געגלויבט אין אים דורך דעם וואָרט פון דער
פרוי, וואָס האָט עדות געזאָגט: ער האָט מיר
40 געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געטון. און ווי די
שומרונים זענען געקומען צו אים, האָבן זיי אים
געבעטן צו בלייבן ביי זיי; און ער איז דאָרט געבליבן
41 צוויי טעג. און אַ סך מער האָבן געגלויבט
42 דורך זיין וואָרט, און האָבן געזאָגט צו דער פרוי:
מיר גלויבן מער נישט צוליב דיין רעדן, וואָרום
מיר אַליין האָבן אים געהערט; און ווייסן, אַז ער
איז באמת דער משיח, דער גואל פון דער וועלט.
43 און אין צוויי טעג אַרום איז ער פון דאָרטן
44 אַרויסגעגאַנגען קיין גליל. וואָרום ישוע אַליין
האָט עדות געזאָגט, אַז אַ נביא האָט נישט קיין
45 כבוד אין זיין אייגן היימלאַנד. ווען דעריבער
ער איז געקומען קיין גליל, האָבן די לייט פון גליל
אים אויפגענומען, ווייל זיי האָבן געזען אַלץ,
וואָס ער האָט געטון אין ירושלים דעם יום טוב;
וואָרום זיי אַליין זענען אויך אַרויפגעגאַנגען אויף
יום טוב.
46 און ער איז ווידעראַמאָל געקומען קיין קנה פון
גליל, וואו ער האָט געמאַכט פון דעם וואַסער וויין.
און עס איז געווען אַ געוויסער קעניגלעכער באַאַמטער, וועמעס זון איז געלעגן קראַנק אין כפר
47 נחום. ווי דער דאָזיקער האָט געהערט, אַז ישוע
איז אָנגעקומען פון יהודה קיין גליל, איז ער אַוועק

צו אים, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין
און היילן זיין זון; ווייל ער האָט געהאַלטן ביים
48 שטאַרבן. און ישוע האָט געזאָגט צו אים: אויב איר
זעט נישט קיין אותות ומופתים, ווילט איר בשום
49 אופן נישט גלויבן. זאָגט דער קעניגלעכער באַ־
אַמטער צו אים: האַר, קום אַראָפּ, איידער מיין
50 קינד שטאַרבט. זאָגט ישוע צו אים: גיי, דיין זון
לעבט! דער מענטש האָט געגלויבט אין דעם וואָרט,
וואָס ישוע האָט צו אים געזאָגט, און איז געגאַנגען.
51 און בשעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען, האָבן אים זיינע
קנעכט באַגעגנט, און געזאָגט, אַז זיין ייִנגל
52 לעבט. ער האָט זיך דעריבער נאָכגעפרעגט ביי
זיי די שעה, אין וועלכער עס איז אים בעסער
געוואָרן. האָבן זיי אים געזאָגט: נעכטן אין דער
זיבעטער שעה האָט דאָס פיבער אים פאַרלאָזט.
53 דער פאָטער האָט דעריבער געוואוסט, אַז עס איז
געווען אין יענער שעה, איז וועלכער ישוע האָט
צו אים געזאָגט: דיין זון לעבט; און ער האָט
54 געגלויבט און דאָס גאַנצע הויז זיינס. דאָס דאָזיקע
איז שוין דאָס צווייטע נס, וואָס ישוע האָט געטון,
ווען ער איז געקומען פון יהודה קיין גליל.

## קאַפּיטל פינף

**5**

1 באָך דעם איז געווען אַ ייִדישער יום טוב, און
ישוע איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים.
2 און אין ירושלים ביים שער הצאן איז דאָ אַ טייך,
וואָס הייסט אויף לשון־קודש בית חסדא, און האָט
3 פינף זאַלן. אין די דאָזיקע איז געלעגן אַ מאַסע
קראַנקע, בלינדע, לאָמע און שווינדזיכטיקע, (וואָס
האָבן געוואַרט, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך באַוועגן;

4 וואָרום פון צייט צו צייט פלעגט אַראָפּקומען אַ
מלאך פון דעם האַר (גאָט) אין דעם טייך אַריין
און באַוועגן דאָס וואַסער; דעריבער ווער עס
איז אַרייַנגעגאַנגען דער ערשטער נאָך דער באַוועַ־
גונג פונם וואַסער, דער איז געזונט געוואָרן, פון
5 יעדער קראַנקהייט וואָס ער האָט נאָר געהאַט. און
דאָרט איז געווען אַ מענטש, וואָס איז קראַנק געווען
6 אַכט און דרייסיק יאָר לאַנג. ווען ישוע האָט געזעען
דעם דאָזיקן ליגן, און האָט זיך דערוואוסט, אַז ער
ליגט שוין דאָרט אַ לאַנגע צייט, זאָגט ער צו
7 אים: ווילסט געזונט ווערן? האָט דער חולה
אים געענטפערט: האַר, איך האָב נישט קיין מענטשן,
מיך אַרייַנצוואַרפן אין טייך אַריין, ווען דאָס
וואַסער ווערט באַוועגט; נאָר בשעת איך קום, גייט
8 אַן אַנדערער אַראָפּ פאַר מיר. זאָגט ישוע צו אים:
9 שטיי אויף, נעם דיין בעט און גיי. און גלייך איז
דער מענטש געזונט געוואָרן, און האָט גענומען
זיין בעט, און איז אַרומגעגאַנגען. און יענער טאָג
איז געווען אַ שבת.

10 די יידן האָבן דעריבער געזאָגט צום געהיילטן:
עס איז שבת, און דו טאָרסט נישט טראָגן דאָס בעט.
11 ער אָבער האָט זיי געענטפערט: דער, וואָס האָט מיך
געזונט געמאַכט, האָט צו מיר געזאָגט: נעם דיין
12 בעט און גיי. האָבן זיי אים געפרעגט: ווער איז
דער מענטש, וואָס האָט צו דיר געזאָגט: נעם און
13 גיי? און דער, וואָס איז געהיילט געוואָרן, האָט נישט
געוואוסט, ווער עס איז; וואָרום ישוע האָט זיך
אַוועקגעקערט, מחמת עס איז געווען אַ המון מענטשן
14 אויף דעם אָרט. שפּעטער האָט ישוע אים געפונען
אין בית המקדש, און צו אים געזאָגט: זע, דו
ביסט געזונט געוואָרן; זינדיק נישט מער, כדי קיין

15 ערגערס זאָל דיר נישט געשעען· איז דער מענטש
אַוועקגעגאַנגען, און האָט געזאָגט צו די יידן, אַז
עס איז ישוע, וואָס האָט אים געזונט געמאַכט·
16 און צוליב דעם האָבן די יידן גערודפט ישוען, ווייל
17 ער האָט עס געטון אין שבת· ישוע אָבער האָט
זיי געענטפערט: מיין פאָטער אַרבעט ביז אַצונד,
18 און איך אַרבעט אויך· דערפאַר טאַקע האָבן די
יידן נאָך מער געזוכט אים צו טייטן, ווייל נישט
נאָר האָט ער מחלל שבת געווען, נאָר האָט געזאָגט,
אַז ג-ט איז זיין פאָטער, מאַכנדיק זיך גלייך צו
ג-ט·
19 ישוע האָט דעריבער געענטפערט און געזאָגט צו
זיי:
באמת, באמת זאָג איך אייך: דער זון קען פון זיך
אַליין גאָרנישט טון, אַ חוץ דאָס, וואָס ער זעט דעם
פאָטער טון; וואָרום וואָס ער טוט, דאָס טוט אויך
20 דער זון אויף אַן ענלעכן אופן· וואָרום דער פאָטער
האָט ליב דעם זון, און ווייזט אים אַלץ, וואָס ער
אַליין טוט; און גרעסערע מעשים ווי די דאָזיקע
וועט ער אים ווייזן, כדי איר זאָלט זיך וואונ־
21 דערן· וואָרום ווי דער פאָטער וועקט אויף די
טויטע און מאַכט לעבעדיק, אַזוי אויך מאַכט דער
22 זון לעבעדיק וועמען ער וויל· וואָרום דער פאָטער
משפט נישט קיינעם, נאָר האָט איבערגעגעבן דאָס
23 גאַנצע משפט צום זון, כדי אַלע זאָלן אָפּגעבן
כבוד דעם זון, ווי זיי גיבן אָפּ כבוד דעם פאָטער·
ווער עס גיט נישט אָפּ כבוד דעם זון, דער גיט
נישט אָפּ כבוד דעם פאָטער, וואָס האָט אים געשיקט·
24 באמת, באמת זאָג איך אייך: ווער עס הערט מיין
וואָרט, און גלויבט אין אים, וואָס האָט מיך געשיקט,
דער האָט אייביק לעבן, און קומט נישט צום משפט,

נאָר איז שוין אַריבער פון טויט אין לעבן
25 אַריין. באמת, זאָג איך אייך: עס קומט אָן
אַ שעה, און איז שוין, ווען די מתים וועלן הערן
דאָס קול פון דעם בן אלקים; און די, וואָס הערן
26 עס, וועלן לעבן. וואָרום ווי דער פאָטער האָט לעבן
אין זיך אַליין, אַזוי האָט ער אויך געגעבן דעם זון,
27 צו האָבן לעבן אין זיך אַליין; אויך האָט ער אים
געגעבן רשות צו טון משפט, ווייל ער איז דער בן־
28 אדם. וואונדערט זיך נישט איבער דעם; ווייל אַ
שעה קומט אָן, אין וועלכער אַלע, וואָס זענען אין
29 די קברים, וועלן הערן זיין קול, און וועלן אַרויס־
קומען; די, וואָס האָבן געטון (מעשים) טובים, צו
דער אויפשטייאונג פון לעבן; אָבער די, וואָס האָבן
געטון (מעשים) רעים, צו דער אויפשטייאונג פון
משפט.
30 איך קען פון מיר אַליין גאָרנישט טון; ווי איך
הער, אַזוי משפט איך; און מיין משפט איז גערעכט,
ווייל איך זוך נישט מיין ווילן, נאָר דעם רצון פון
31 דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. אויב איך זאָג עדות
וועגן מיר אַליין, איז מיין עדות־זאָגן נישט אמת.
32 אַן אַנדערער איז עס, וואָס זאָגט עדות וועגן מיר;
און איך ווייס, אַז וואָרהאַפטיק איז דאָס עדות־
33 זאָגן, וואָס ער זאָגט וועגן מיר. איר האָט געשיקט
צו יוחנן, און ער האָט עדות־געזאָגט אויף דעם אמת.
34 איך אָבער נעם נישט אָן דאָס עדות־זאָגן פון אַ מענ־
טשן, נאָר דאָס זאָג איך, כדי איר זאָלט געראַטעוועט
35 ווערן. ער איז געווען דאָס ברענענדיקע און שיינענ־
דיקע ליכט; און איר האָט זיך געוואָלט משמח זיין
36 לפי שעה אין זיין ליכט. איך אָבער האָב דאָס עדות־
זאָגן, וואָס איז גרעסער ווי יוחנן׳ס; וואָרום די
מעשים, וואָס דער פאָטער האָט מיר געגעבן, כדי

איך זאָל זיי פאַרענדיקן, די זעלביקע מעשים,
וואָס איך טו, זאָגן־עדות וועגן מיר, אַז דער פאָטער
37 האָט מיך געשיקט. און דער פאָטער, וואָס האָט
מיך געשיקט, האָט עדות־געזאָגט וועגן מיר.
נישט האָט איר, ווען עס איז, געהערט זיין קול,
38 נישט האָט איר זיין געזעען געשטאַלט. און זיין
וואָרט האָט איר נישט וואוינען אין אייך, ווייל איר
גלויבט נישט אין דעם דאָזיקן, וועמען ער האָט
39 געשיקט. איר פאָרשט (דאָך) אין די כתבי (הקודש),
ווייל איר מיינט, אַז אין זיי האָט איר אייביק לעבן;
40 און זיי זענען עס, וואָס זאָגן־עדות וועגן מיר. און
איר ווילט נישט קומען צו מיר, כדי איר זאָלט
41 האָבן לעבן. כבוד פון מענטשן נעם איך נישט אָן.
42 נאָר איך קען אייך, אַז איר האָט נישט די ליבע פון
43 ג־ט אין זיך. איך בין געקומען אין דעם נאָמען פון
מיין פאָטער, און איר נעמט מיך נישט אויף; ווען
אַן אַנדערער וועט קומען אין זיין אייגענעם נאָמען,
44 וועט איר אים יאָ אויפנעמען. וויאַזוי קענט איר
גלויבן, איר, וואָס נעמט אָן כבוד איינער פונם
אַנדערן, און דעם כבוד, וואָס קומט פון דעם
45 איינציקן ג־ט, זוכט איר נישט? מיינט נישט אַז
איך וועל אייך מקטרג זיין ביי דעם פאָטער;
אייער מקטרג איז משה, אויף וועמען איר האָט
46 געהאָפט. ווייל וואָלט איר געגלויבט משהן,
וואָלט איר אויך מיר געגלויבט, וואָרום ער האָט
47 געשריבן וועגן מיר. אויב אָבער איר גלויבט נישט
זיינע שריפטן, וויאַזוי זשע וועט איר גלויבן מיינע
רייד? (דברים יח, טו.)

## קאַפּיטל זעקס

1 נאָך דעם איז ישוע אַוועק אויף דער אַנדערער
2 זייט פון דעם ים פון גליל, ביי טבריה. און אַ
גרויסער המון מענטשן האָט אים נאָכגעפאָלגט,
ווייל זיי האָבן געזעען די נסים, וואָס ער האָט געטון
3 מיט די קראַנקע. און ישוע איז אַרויפגעגאַנגען
אויף דעם באַרג, און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט
4 צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. און עס איז געווען
5 נאָנט צום יידישן יום טוב פסח. און ווי ישוע
האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזעען, אַז אַ
גרויסער המון מענטשן קומט צו אים, זאָגט ער צו
פיליפוסן: פונוואַנען זאָלן מיר קויפן ברויט, כדי זיי
6 זאָלן האָבן צו עסן? דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט,
אויספּרואוונדיק אים; וואָרום ער אַליין האָט
7 געוואוסט, וואָס ער וועט טון. פיליפוס האָט אים
געענטפערט: צוויי הונדערט דינרים ברויט וועט
פאַר זיי נישט גענוגן, אַז יעדער איינער זאָל בלויז
8 נעמען אַ שטיקל. זאָגט צו אים איינער פון זיינע
תלמידים, אַנדריי דער ברודער פון שמעון פעטרוס:
9 עס איז דאָ דאָ אַ יינגל, וואָס האָט פינף גערשטן־
ברויט און צוויי פישלעך; נאָר וואָס איז דאָס פאַר
10 אַזויפיל (לייט)? האָט ישוע געזאָגט: מאַכט די
מענטשן זיך אַנידערזעצן. און אויף דעם אָרט איז
געווען אַ סך גראָז. די מענער האָבן זיך דעריבער
אַנידערגעזעצט, אין צאָל אַן ערך פינף טויזנט.
11 דאַן האָט ישוע גענומען די ברויטן, האָט געמאַכט
אַ ברכה און זיי צעטיילט צו די, וואָס האָבן
זיך אַנידערגעזעצט; דעסגלייכן אויך פון די פישלעך,
12 וויפל זיי האָבן געוואָלט. און ווען זיי זענען זאַט

געוואָרן, זאָגט ער צו זיינע תלמידים: נעמט צונויף
די איבערגעבליבענע ברעקלעך, כדי עס זאָל
13 גאָרנישט פאַרלוירן ווערן. אַזוי האָבן זיי צונויפ־
געזאַמלט און אָנגעפילט צוועלף קערב פון די
ברעקלעך פון די פינף גערשטנברויטן, וואָס זענען
14 איבערגעבליבן צו די, וואָס האָבן געגעסן. ווען
דעריבער די מענטשן האָבן געזעען דאָס נס, וואָס
ער האָט געטון, האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז באמת
דער נביא, וועלכער דאַרף קומען אין דער וועלט
אַריין.
15 דעריבער ווי ישוע האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי
ווילן קומען און אים כאַפּן, כדי אים צו מאַכן
פאַר אַ קעניג, האָט ער זיך ווידער צוריקגעצויגן
אויף דעם באַרג אַרויף איינער אַליין.
16 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, זענען זיינע
17 תלמידים אַראָפּגעגאַנגען צום ים; און זענען איינ־
געשטיגן אין אַ שיפל און אַריבערגעפאָרן אויף דער
אַנדערער זייט ים קיין כפר נחום. און עס איז שוין
געווען פינסטער, און ישוע איז נאָך נישט געהאַט
18 געקומען צו זיי. און דער ים האָט זיך אויפגעהויבן,
19 ווייל עס האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. און
ווען זיי האָבן געהאַט געראָדערט אַן ערך פינף און
צוואָנציק אָדער דרייסיק סטאַדיען, האָבן זיי געזעען
ישוען אַרומגיין אויפן ים, און זיך דערנעענטערן
20 צום שיפל; און זיי האָבן מורא געהאַט. ער אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: איך בין עס; האָט נישט קיין מורא!
21 און זיי האָבן געוואָלט אים נעמען אין שיפל אַריין,
און גלייך איז דאָס שיפל געקומען צום לאַנד, וואוהין
זיי זענען געפאָרן.
22 צומאָרגנס האָט דער המון מענטשן, וואָס איז
געשטאַנען אויף יענער זייט ים, געזעען, אַז עס איז

דאָרט נישט געווען קיין אַנדער שיפל אַ חוץ איינס,
און אַז ישוע איז נישט איינגעשטיגן מיט זיינע
תלמידים אין דעם שיפל, נאָר זיינע תלמידים
23 אַליין זענען אַוועקגעפאָרן; עס זענען אָבער אָנגעי
קומען שיפלעך פון טבריה נאָנט צום אָרט, וואו זיי
האָבן געגעסן דאָס ברויט, נאָך דעם ווי דער האַר
24 האָט געמאַכט אַ ברכה· ווען דעריבער דער המון
מענטשן האָט געזעען, אַז ישוע איז דאָרטן נישטאָ,
נישט די תלמידים זיינע, זענען זיי איינגעשטיגן אין
די שיפלעך, און זענען געקומען קיין כפר נחום, און
25 האָבן געזוכט ישוען· און געפינענדיק אים אויף
דער אַנדערער זייט ים, האָבן זיי געזאָגט צו אים:
26 רבי, ווען ביסטו דאָ אַהער געקומען? האָט ישוע
זיי געענטפערט און געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך
אייך: איר זוכט מיך, נישט ווייל איר האָט געזעען
נסים נאָר ווייל איר האָט געגעסן פון די ברויטן
27 און זענט זאַט געוואָרן· אַרבעט נישט פאַר דער
שפּייז, וואָס ווערט פאַרדאָרבן, נאָר פאַר דער שפּייז,
וואָס בלייבט צום אייביקן לעבן, וואָס דער בן־אדם
וועט אייך געבן; וואָרום אויף אים האָט ג־ט דער
28 פאָטער געלייגט זיין חותם· האָבן זיי געזאָגט צו
אים: וואָס זאָלן מיר טון, כדי מיר זאָלן עוסק זיין
29 אין די מעשים פון ג־ט? האָט ישוע געענטפערט
און געזאָגט צו זיי: דאָס דאָזיקע איז דאָס ווערק
פון ג־ט, אַז איר זאָלט גלויבן אין אים, וועמען ער
30 האָט געשיקט· האָבן זיי געזאָגט צו אים: וואָס פאַר
אַ נס טוסטו דען, אַז מיר זאָלן זעען און דיר גלויבן?
31 וואָס טוסטו? אונזערע עלטערן האָבן געגעסן מן
אין דער מדבר, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: ברויט
32 פונם הימל האָט ער זיי געגעבן צו עסן· האָט ישוע
צו זיי געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך אייך: נישט

משה האָט אײַך געגעבן דאָס ברויט פֿונם הימל;
נאָר דער פֿאָטער מײַנער גיט אײַך דאָס אמתע
33 ברויט פֿונם הימל. וואָרום דאָס ברויט פֿון ג־ט איז
ער, וואָס קומט אַראָפּ פֿונם הימל און גיט לעבן צו דער
34 וועלט. האָבן זײ דעריבער געזאָגט צו אים: האַר,
35 גיב אונדז תּמיד דאָס דאָזיקע ברויט. האָט ישוע צו
זײ געזאָגט: איך בין דאָס ברויט פֿון לעבן; דער,
וואָס קומט צו מיר, וועט קײנמאָל נישט הונגערן,
און דער, וואָס גלויבט אין מיר, וועט קײנמאָל
36 נישט דורשטן. איך האָב אײַך אָבער געזאָגט, אַז
איר האָט מיך געזעען און דאָך גלויבט איר נישט.
37 אַלץ, וואָס דער פֿאָטער גיט מיר, וועט קומען צו
מיר; און דעם, וואָס קומט צו מיר, וועל איך בשום
38 אופֿן נישט אַרויסוואַרפֿן אינדרויסן. ווײַל איך בין
אַראָפּגעקומען פֿון הימל, נישט כּדי איך זאָל טון
מײַן ווילן, נאָר דעם רצון פֿון אים, וואָס האָט מיך
39 געשיקט. און דאָס דאָזיקע איז דער רצון פֿון
אים, וואָס האָט מיך געשיקט, אַז פֿון אַלעם, וואָס
ער האָט מיר געגעבן, זאָל איך גאָרנישט פֿאַרלירן,
נאָר איך זאָל עס אויפֿשטעלן אין דעם לעצטן טאָג.
40 וואָרום דאָס דאָזיקע איז מײַן פֿאָטערס רצון, אַז
יעדער אײנער, וואָס זעט דעם זון און גלויבט אין
אים, זאָל האָבן אײביק לעבן; און איך וועל אים
אויפֿשטעלן אין דעם לעצטן טאָג.

41 די ייִדן האָבן דעריבער געמורמלט קעגן אים,
ווײַל ער האָט געזאָגט: איך בין דאָס ברויט, וואָס
42 איז אַראָפּגעקומען פֿונם הימל. און זײ האָבן געזאָגט:
צי איז דען דער דאָזיקער נישט ישוע בן יוסף,
וועמעס פֿאָטער און מוטער מיר קענען? וויאַזוי
זאָגט ער דאָס איצט: איך בין אַראָפּגעקומען פֿון
43 הימל? האָט ישוע געענטפֿערט און געזאָגט צו זײ:

44 מורמלט נישט צווישן זיך. קיינער קען נישט קומען
צו מיר, אויב דער פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט,
ציט אים נישט; און איך וועל אים אויפשטעלן אין
45 דעם לעצטן טאָג. עס שטייט געשריבן אין די
נביאים: און אַלע וועלן זיין געלערנט פון ג־ט.
יעדער איינער, וואָס האָט געהערט פון דעם פאָטער
46 און האָט געלערנט, קומט צו מיר. נישט אַז עמיצער
האָט געזעען דעם פאָטער, אַ חוץ דער, וואָס איז
פון ג־ט; דער דאָזיקער האָט געזעען דעם
47 פאָטער. באמת, באמת זאָג איך אייך: דער מאמין
48 האָט אייביק לעבן. איך בין דאָס ברויט פון לעבן.
49 אייערע עלטערן האָבן געגעסן מן אין דער מדבר,
50 און זענען געשטאָרבן. דאָס דאָזיקע איז דאָס ברויט,
וואָס קומט אַראָפּ פון הימל, אַז ווער עס עסט
51 דערפון, זאָל נישט שטאַרבן. איך בין דאָס לעבעדיקע
ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון הימל; אויב
עמיצער וועט עסן פון דעם דאָזיקן ברויט, וועט
ער לעבן ביז אויף אייביק; און דאָס ברויט, וואָס
איך וועל געבן, איז מיין פלייש, פאַר דעם לעבן
פון דער וועלט.

52 די יידן האָבן זיך דעריבער געאָמפּערט איינער
מיטן אַנדערן, און געזאָגט: וויאַזוי קען דער דאָזיקער
53 אונז געבן זיין פלייש צו עסן? האָט ישוע צו זיי
געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך אייך: אויב איר
וועט נישט עסן דאָס פלייש פון דעם בן־אדם און
טרינקען זיין בלוט, האָט איר נישט קיין לעבן אין
54 זיך. ווער עס עסט מיין פלייש און טרינקט מיין
בלוט, דער האָט אייביק לעבן; און איך וועל אים
55 אויפשטעלן אין דעם לעצטן טאָג. וואָרום מיין
פלייש איז וואָרהאַפטיקע שפּייז, און מיין בלוט
56 איז וואָרהאַפטיק געטראַנק. דער, וואָס עסט מיין

פלייש און טרינקט מיין בלוט, בלייבט אין מיר,
57 און איך אין אים. ווי דער לעבעדיקער פאָטער
האָט מיך געשיקט, און איך לעב דורך דעם פאָטער,
אַזוי דער, וואָס עסט מיך, וועט לעבן דורך מיר.
58 דאָס דאָזיקע איז דאָס ברויט, וואָס איז אַראָפּגע־
קומען פון הימל; נישט ווי אייערע עלטערן האָבן
געגעסן, און זענען געשטאָרבן; ווער עס עסט דאָס
59 דאָזיקע ברויט, דער וועט לעבן אייביק. דאָס האָט
ער געזאָגט, בשעת ער האָט געלערנט אין דער
שול אין כפר נחום.
60 און אַ סך פון זיינע תלמידים האָבן געזאָגט, ווען
זיי האָבן עס געהערט: דאָס דאָזיקע איז אַ האַרב
61 וואָרט; ווער קען עס הערן? ווייסנדיק אָבער
אין זיך אַליין, אַז זיינע תלמידים האָבן געמורמלט
וועגן דעם, האָט ישוע צו זיי געזאָגט: דאָס
62 דאָזיקע מאַכט אייך שטרויכלען? און וואָס וועט
זיין, ווען איר וועט זעען דעם בן־אדם אַרויפ־
63 גיין, וואו ער איז פריער געווען? דער גייסט איז
עס, וואָס מאַכט לעבעדיק; דאָס פלייש נוצט צו
גאָרנישט; די ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט
64 צו אייך, זענען גייסט, און זענען לעבן. נאָר
צווישן אייך זענען פאַראַן אייניקע, וועלכע גלויבן
נישט. וואָרום ישוע האָט געוואוסט פונם אָנהויב
אָן, ווער עס זענען די, וואָס גלויבן נישט, און ווער
65 עס איז, וואָס וועט אים פאַרראַטן. און ער האָט
געזאָגט: דערפאַר האָב איך אייך געזאָגט: קיינער
קען נישט קומען צו מיר, אויב עס איז אים נישט
באַשערט געוואָרן פון מיין פאָטער.
66 פון דעמלט אָן האָבן אַ סך פון זיינע תלמידים
זיך צוריקגעצויגן, און זענען מיט אים מער נישט
67 אַרומגעגאַנגען. ישוע האָט דעריבער געזאָגט צו

68 די צוועלף: צי ווילט איר אויך אַוועקגיין? האָט
שמעון פּעטרוס אים געענטפערט: האַר, צו וועמען
זאָלן מיר גיין? דו האָסט די ווערטער פון אייביקן
69 לעבן. און מיר גלויבן און ווייסן, אַז דו ביסט דער
70 קדוש אלקים. האָט ישוע זיי געענטפערט: צי האָב
איך דען נישט אייך—די צוועלף—אויסדערוויילט?
71 און איינער פון אייך איז אַ טייוול. און ער האָט
גערעדט פון יהודה בן שמעון איש־קריות; וואָרום
דער דאָזיקער האָט אים געזאָלט פאַרראַטן, איינער
פון די צוועלף.

## קאַפּיטל זיבן

7

1 און נאָך דעם איז ישוע אַרומגעגאַנגען אין גליל;
וואָרום ער האָט נישט געוואָלט אַרומגיין אין
(לאַנד) יהודה, ווייל די יידן האָבן געזוכט אים צו
2 טייטן. און עס איז געווען נאָנט פאַר דעם יידישן
3 יום טוב סוכות, אַזוי האָבן זיינע ברידער צו אים
געזאָגט: הייב דיך אויף פונדאַנען, און גיי קיין
יהודה, כדי אויך דיינע תלמידים זאָלן זעען דיינע
4 מעשים, וואָס דו טוסט. וואָרום קיינער טוט גאָרנישט
אין פאַרבאָרגעניש, און זוכט דאָך עפנטלעך באַקאַנט
צו זיין. אויב דו טוסט די דאָזיקע זאַכן, זיי דיך
5 מתגלה צו דער וועלט. וואָרום אַפילו זיינע ברידער
6 האָבן נישט געגלויבט אין אים. ישוע האָט דעריבער
צו זיי געזאָגט: מיין צייט איז נאָך נישט געקומען;
7 אייער צייט אָבער איז תמיד גרייט. אייך קען די
וועלט נישט האַסן; מיך אָבער האַסט זי יאָ, ווייל
איך זאָג עדות וועגן איר, אַז אירע מעשים זענען
8 בייז. זייט איר עולה רגל אויף יום טוב; איך גיי
נאָך נישט אַרויף אויף דעם יום טוב, ווייל מיין
9 צייט איז נאָך נישט דערפילט געוואָרן. און ווען

ער האָט דאָס געזאָגט צו זיי, איז ער פאַרבליבן
אין גליל.
10 נאָך דעם אָבער ווי זיינע ברידער זענען אַרויפ־
געגאַנגען אויף יום טוב, איז ער דעמלט אַליין
אויך אַרויפגעגאַנגען, נישט עפנטלעך, נאָר ווי
11 אין פאַרבאָרגן. און די יידן האָבן אים געזוכט
בשעת דעם יום טוב, און האָבן געזאָגט: וואו איז
12 ער? און עס איז געוואָרן אַ גרויסע מחלוקה איבער
אים צווישן די מאַסן; אַ טייל האָבן געזאָגט: ער
איז אַ גוטער מענטש; אַנדערע אָבער האָבן געזאָגט:
13 ניין, ער פאַרפירט נאָר דעם עולם. דאָך האָט קיינער
נישט גערעדט וועגן אים בפרהסיא, אויס מורא
פאַר די יידן.
14 און ווען עס איז שוין געווען אין מיטן יום טוב,
איז ישוע אַרויפגעגאַנגען אין בית המקדש אַריין
15 און האָט געלערנט. און די יידן האָבן זיך געוואונ־
דערט און געזאָגט: וויאַזוי איז דער דאָזיקער אַ
16 יודע־ספר, נישט האָבנדיק געלערנט? האָט ישוע זיי
דעריבער געענטפערט, און געזאָגט: די לערנונג
מיינע איז נישט מיין, נאָר דעמס, וואָס האָט מיך
17 געשיקט. ווען עמיצער וויל טון זיין רצון, וועט
ער וויסן וועגן דער לערנונג, צי זי איז פון
18 ג־ט, אָדער איך רעד פון מיר אַליין. ווער עס
רעדט פון זיך אַליין, דער זוכט זיין אייגענעם
כבוד; ווער אָבער עס זוכט דעם כבוד פון אים,
וואָס האָט אים געשיקט, דער דאָזיקער איז
וואָרהאַפטיק, און קיין אומגערעכטיקייט איז אין
19 אים נישט פאַראַן. צי האָט משה (רבינו) אייך דען
נישט געגעבן די תורה? און (דאָך) האַלט קיינער
פון אייך די תורה נישט. פאַרוואָס זוכט איר מיך
20 צו טייטן? האָט דער המון מענטשן געענטפערט:

דו האָסט אַ בייזן גייסט; ווער זוכט דיך צו טייטן?
21 האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו זיי: איין
זאַך האָב איך געטון, און איר אַלע וואונדערט
22 זיך. משה האָט אייך געגעבן די מילה—נישט
דאָס זי איז פון משהן, נאָר פון די אבות—און איר
23 זענט מל אַ מענטשן אין שבת. אויב דער מענטש
ווערט געמלט אין שבת, כדי מען זאָל נישט עובר
זיין אויף תורת משה, זענט איר צאָרנדיק אויף מיר,
ווייל איך האָב אַ גאַנצן מענטשן געזונט געמאַכט
24 אין שבת? משפּט נישט לויט דעם אויסערלעכן
שיין, נאָר אַ גערעכט משפּט זאָלט איר משפּטן.
25 אייניקע פון די לייט פון ירושלים האָבן דעריבער
געזאָגט: צי איז ער דען נישט דער, וועמען
26 מען זוכט צו טייטן? און זע, ער רעדט בפרהסיא,
און מען זאָגט אים גאָרנישט. קען עס זיין, אַז
אונזערע שרים ווייסן באמת, אַז ער איז דער
27 משיח? מיר קענען דאָך דעם דאָזיקן, פונוואַנען
ער איז: אַבער ווען דער משיח וועט קומען,
ווייסט קיינער נישט פונוואַנען ער איז. ישוע
28 האָט דעריבער אויסגעשריגן אינם בית המקדש,
בשעת ער האָט געלערנט, און געזאָגט: איר קענט
מיך, און איר ווייסט, פונוואַנען איך בין: און פון
מיר אַליין בין איך נישט געקומען; נאָר וואָרהאַפטיק
איז דער, וואָס האָט מיך געשיקט, וועמען איר
29 קענט נישט. איך קען אים, ווייל איך בין פון אים;
30 און ער האָט מיך געשיקט. זיי האָבן דעריבער
געזוכט אים צו כאַפּן; און קיינער האָט נישט אַרויפ־
געלייגט אויף אים די האַנט, ווייל זיין שעה איז
31 נאָך נישט געקומען. און אַ סך פון דעם המון
מענטשן האָבן געגלויבט אין אים, און געזאָגט:
ווען משיח וועט קומען, צי וועט ער דען

טון מער נסים, ווי דער דאָזיקער האָט געטון?
32 די פּרושים האָבן געהערט דעם המון דאָס
שטילערהייט רעדן וועגן אים; און די הויפּט־
כהנים און די פּרושים האָבן געשיקט משרתים,
33 כדי זיי זאָלן אים כאַפּן. ישוע האָט דעריבער
געזאָגט: נאָך אַ קליינע ווײלע בין איך מיט אײך,
34 און איך גיי צו אים, וואָס האָט מיך געשיקט. איר
וועט מיך זוכן, און נישט געפינען; און וואו איך בין,
35 (דאָרט אַהין) קענט איר נישט קומען. די יידן האָבן
דעריבער געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואו וועט
דאָס דער דאָזיקער גיין, אַז מיר זאָלן אים נישט
געפינען? נישט וועט ער דען גיין צו די, וואָס זענען
צעשפּרייט צווישן די גריכן, און לערנען די גריכן?
36 וואָס זאָל דאָס דאָזיקע וואָרט באַטייטן, וואָס ער
האָט געזאָגט: איר וועט מיך זוכן און נישט געפינען
און: וואו איך בין, קענט איר נישט קומען?
37 און אין דעם לעצטן טאָג, דעם גרויסן טאָג פון
דעם יום טוב, איז ישוע געשטאַנען און האָט אויס־
געשריגן, אַזוי צו זאָגן: אויב עמיצער איז דאָרשטיק,
38 זאָל ער קומען צו מיר און טרינקען. דער, וואָס
גלויבט אין מיר, לויט ווי די שריפט (כתבי הקודש)
זאָגט, וועלן פון זיין לייב פליסן טייכן פון לעבעדיק
39 וואַסער. דאָס דאָזיקע אָבער האָט ער געזאָגט וועגן
דעם רוח (הקודש), וואָס די מאמינים אין אים,
האָבן געזאָלט מקבל־זיין; וואָרום דער גייסט איז
נאָך נישט געהאַט געגעבן געוואָרן, ווייל ישוע איז
40 נאָך נישט געוועזן פאַרהערלעכט. און אייניקע פון
דעם המון, וואָס האָבן געהערט די דאָזיקע ווערטער,
41 האָבן געזאָגט: דאָס איז באמת דער נביא! אַנדערע
האָבן געזאָגט: דאָס איז דער משיח! אַנדערע האָבן
געזאָגט: ניין, דער משיח קומט דאָך נישט אַרויס

42 פון גליל? צי האָט דען נישט דער פסוק געזאָגט,
אַז פון דער זרע דוד און פון בּית לחם דעם
דאָרף, וואו דוד איז געווען, קומט דער משיח?
43 (ב שמואל ז, יב; מיכה ה, א.) עס איז דעריבּער געוואָרן
44 אַ מחלוקה צווישן דעם המון צוליב אים. אייניקע
פון זיי האָבּן אים געוואָלט כאַפּן, נאָר קיינער
האָט נישט אַרויפגעלייגט די הענט אויף אים.
45 און די משרתים זענען צוריקגעקומען צו די הויפּט־
כהנים און סופרים, און זיי האָבּן צו זיי געזאָגט:
46 פאַרוואָס האָט איר אים נישט געבּרענגט? האָבּן די
משרתים געענטפערט: עס האָט נאָך קיינמאָל קיין
מענטש נישט אַזוי גערעדט, ווי דער דאָזיקער מענטש
47 רעדט. די פּרושים האָבּן דעריבּער געענטפערט
צו זיי: זענט איר אויך פאַרפירט געוואָרן?
48 צי האָט דען עמיצער פון די שרים געגלויבּט אין
49 אים, אָדער (עמיצער) פון די פּרושים? נאָר דער
דאָזיקער המון, וואָס קען נישט די תורה, פאַרשאָלטן
50 זענען זיי. זאָגט נקדימון צו זיי (דער, וואָס
איז פריער געקומען צו אים, און איז געווען
51 איינער פון זיי): צי משפּט דען אונזער תורה דעם
מענטשן, איידער מען האָט אים קודם כל אויס־
געהערט, און מען ווייסט וואָס ער האָט געטון?
52 האָבּן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: צי בּיסטו
אויך פון גליל? פאָרש און זע, אַז פון גליל שטייט
53 נישט אויף קיין נביא. (און יעדער איינער איז
זיך אַהיימגעגאַנגען.)

## קאַפּיטל אַכט

1 (א)און ישוע איז אַוועקגעגאַנגען צום הר הזיתים.
2 און אינדערפרי איז ער ווידער געקומען אין
בית המקדש אַריין, און דער גאַנצער עולם איז
געקומען צו אים; און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט,
3 און זיי געלערנט. און די סופרים און די פרושים
האָבן געברענגט אַ פרוי, וואָס מען האָט זי געכאַפּט
אין דער מעשה פון זנות; און אַנידערשטעלנדיק
4 זי אין דער מיט, האָבן זיי צו אים געזאָגט: רבי,
די דאָזיקע פרוי איז געכאַפּט געוואָרן אין זנות,
5 בשעת מעשה. און אין דער תורה האָט אונז משה
(רבינו) געבאָטן, אַזעלכע (פרויען) צו שטייניקן;
6 וואָס זשע זאָגסטו? און דאָס דאָזיקע האָבן
זיי געזאָגט, אויספרואווגדיק אים, כדי זיי זאָלן
האָבן עפּעס, אים אָנצוקלאָגן. ישוע אָבער האָט
זיך אַראָפּגעבויגן, און געשריבן מיטן פינגער אויף
7 דער ערד. און ווי זיי האָבן אָנגעהאַלטן מיט
זייער פרעגן אים, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און
צו זיי געזאָגט: דער פון אייך, וואָס איז אָן אַ חטא,
זאָל זיין דער ערשטער צו וואַרפן אויף איר אַ
8 שטיין. און ווידער האָט ער זיך איינגעבויגן און
9 געשריבן אויף דער ערד. ווי אָבער זיי האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען איינער נאָכן
אַנדערן, אָנהויבנדיק פון די זקנים ביז צו די
לעצטע; און ישוע איז איבערגעבליבן איינער
10 אַליין, און די פרוי שטייענדיק אין דער מיט. און
ישוע האָט זיך אויפגעשטעלט, און צו איר געזאָגט:
אשה, וואו זענען זיי, דיינע באַשולדיקער? האָט דיך
11 קיינער נישט פאַרמשפּט? האָט זי געזאָגט: קיינער

נישט, הער. האָט ישוע געזאָגט: אַפילו איך פאַר־
משפט דיך נישט; גיי, און פון איצט אָן זינדיק
נישט מער.
12 דאַן האָט ישוע ווידער צו זיי גערעדט, אַזוי צו
זאָגן: איך בין דאָס ליכט פון דער וועלט; דער,
וואָס פאָלגט מיר נאָך, וועט אויך קיין פאַל נישט
וואַנדלען אין דער פינסטערניש, נאָר וועט האָבן
13 דאָס ליכט פון לעבן. די פרושים האָבן דעריבער
צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עדות וועגן דיר אַליין;
14 דיין עדות־זאָגן איז נישט אמת. האָט ישוע געענט־
פערט און געזאָגט צו זיי: און ווען אַפילו איך זאָג
עדות וועגן מיר אַליין, איז דאָך מיין עדות־זאָגן
אמת; ווייל איך ווייס פונוואַנען איך בין געקומען,
און וואוהין איך גיי; איר אָבער ווייסט נישט
15 פונוואַנען איך קום, אָדער וואוהין איך גיי. איר
משפט לויטן פלייש; איך משפט נישט קיינעם.
16 און אויב איך משפט יאָ, איז מיין משפט אמת;
ווייל איך בין נישט אַליין, נאָר איך און דער פאָטער,
17 וואָס האָט מיך געשיקט. און אַפילו אין דער תורה
אייערער שטייט געשריבן, אַז דאָס עדות־זאָגן
18 פון צוויי מענטשן איז אמת. איך בין עס, וואָס זאָגט
עדות וועגן מיר אַליין, און דער פאָטער, וואָס האָט
19 מיך געשיקט, זאָגט אויך עדות וועגן מיר. זיי האָבן
דעריבער געזאָגט צו אים: וואו איז דיין פאָטער?
האָט ישוע געענטפערט: נישט איר קענט מיך,
נישט דעם פאָטער מיינעם; אויב איר וואָלט
מיך געקענט, וואָלט איר אויך געקענט מיין פאָטער.
20 די דאָזיקע ווערטער האָט ער גערעדט אינם בית
האוצר, בשעת ער האָט געלערנט אין בית המקדש;
און קיינער האָט אים נישט געכאַפּט, ווייל זיין שעה
איז נאָך נישט געקומען.

21 און ער האָט ווידער צו זיי געזאָגט: איך גיי
אַוועק, און איר וועט מיך זוכן, און איר וועט שטאַרבן
אין אייער זינד; וואוּהין איך גיי, קענט איר נישט
22 קומען. די יידן האָבן דעריבער געזאָגט: נישט וועט
ער זיך אַ מעשה אָנטון? ווייל ער זאָגט: וואוּהין
23 איך גיי, קענט איר נישט קומען. און ער האָט צו
זיי געזאָגט: איר זענט פון אונטן, איך בין פון אויבן;
איר זענט פון דער וועלט, איך בין נישט פון דער
24 וועלט. דערפאַר האָב איך אייך געזאָגט, אַז איר
וועט שטאַרבן אין אייערע זינד; וואָרום אויב איר
וועט נישט גלויבן, אַז איך בין עס, וועט איר שטאַרבן
25 אין אייערע זינד. זיי האָבן דעריבער געזאָגט צו
אים: ווער ביסטו דען? האָט ישוע צו זיי געזאָגט:
דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט פון אָנהויב אָן.
26 איך האָב אַ סך צו זאָגן וועגן אייך און צו משפּטן;
נאָר דער, וואָס האָט מיך געשיקט, איז אמת; און
וואָס איך האָב געהערט פון אים, דאָס רעד איך צו
27 דער וועלט. און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז
28 ער האָט צו זיי גערעדט פון דעם פאָטער. דאַן
האָט ישוע געזאָגט: ווען איר וועט אויפהויבן דעם
בן־אדם, דעמלט וועט איר וויסן, אַז איך בין עס,
און אַז פון מיר אַליין טו איך קיין זאַך נישט;
נאָר ווי דער פאָטער האָט מיך געלערנט, אַזוי
29 רעד איך דאָס. און דער, וואָס האָט מיך געשיקט,
איז מיט מיר; ער האָט מיך נישט איבערגעלאָזט
אַליין; ווייל וואָס איז וואוילגעפעליק פאַר אים,
30 דאָס טו איך אַלעמאָל. און בשעת ער האָט דאָס
גערעדט, האָבן אַ סך געגלויבט אין אים.
31 דאַן האָט ישוע געזאָגט צו די יידן, וואָס האָבן
געגלויבט אין אים: אויב איר וועט בלייבן אין מיין
32 וואָרט, זענט איר באמת מיינע תלמידים; און איר

וועט דערקענען דעם אמת, און דער אמת וועט
33 אייך באַפרייען. האָבן זיי אים געענטפערט: מיר
זענען אברהמס זאָמען, און זענען קיינמאָל נישט
געווען פאַרשקלאַפט צו קיינעם; וויאַזוי זשע
34 זאָגסטו: איר וועט ווערן פריי? האָט ישוע זיי
געענטפערט: באמת, באמת זאָג איך אייך: יעדער
איינער, וואָס טוט זינד, איז אַ קנעכט פון דער זינד.
35 און דער קנעכט בלייבט נישט אייביק אין הויז,
36 דער זון אָבער בלייבט יאָ אייביק. דעריבער אויב
דער זון וועט אייך באַפרייען, וועט איר וויקלעך
37 זיין פריי. איך ווייס, אַז איר זענט אברהמס זאָמען;
באָר איר זוכט מיך צו טייטן, ווייל מיין וואָרט געפינט
38 נישט קיין אָרט אין אייך. איך רעד דאָס, וואָס
איך האָב געזעען ביי מיין פאָטער, און איר טוט
אויך דאָס, וואָס איר האָט געהערט ביי אייער פאָטער.
39 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: אברהם
איז אונזער פאָטער. זאָגט ישוע צו זיי: אויב איר
זענט קינדער פון אברהם, טוט די מעשים פון אברהם.
40 איצט אָבער זוכט איר מיך צו טייטן, אַ מענטשן,
וואָס האָט אייך געזאָגט דעם אמת, וועלכן איך האָב
געהערט ביי ג-ט. דאָס דאָזיקע האָט אברהם נישט
41 געטון. איר טוט די מעשים פון אייער פאָטער.
האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר זענען נישט געבוירן
געוואָרן פון זנות; מיר האָבן איין פאָטער—ג-ט.
42 האָט ישוע צו זיי געזאָגט: אויב ג-ט וואָלט טאַקע
געווען אייער פאָטער, וואָלט איר מיך ליב געהאַט;
וואָרום איך בין אַרויסגעגאַנגען און בין געקומען
פון ג-ט; וואָרום פון מיר אַליין בין איך נישט
43 געקומען, נאָר ער האָט מיך געשיקט. פאַרוואָס
פאַרשטייט איר נישט מיין רעדן? ווייל איר קענט
44 נישט הערן דאָס וואָרט מיינס. איר זענט פון אייער

פאָטער, דעם שטן, און די שלעכטע גליסטונגען פון
אייער פאָטער ווילט איר טון. ער איז געווען אַ
רוצח פון אָנהויב אָן, און איז נישט געשטאַנען אין
דעם אמת, ווייל עס איז קיין אמת אין אים נישט
פאַראַן. ווען ער רעדט שקר, רעדט ער פון דעם,
וואָס איז זיין אייגן, ווייל ער איז אַ ליגנער, און
45 דער פאָטער פון שקר. אָבער ווייל איך זאָג
46 דעם אמת, גלויבט איר מיר נישט. ווער פון אייך
באַשולדיקט מיך וועגן אַ חטא? אויב איך זאָג דעם
47 אמת, פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט? ווער עס
איז פון ג-ט, דער הערט די ווערטער פון ג-ט;
צוליב דעם הערט איר נישט, ווייל איר זענט נישט
48 פון גאָט. די יידן האָבן געענטפערט, און געזאָגט
צו אים: צי זאָגן מיר דען נישט ריכטיק, אַז דו
49 ביסט אַ שומרוני, און האָסט אַ בייזן גייסט? האָט
ישוע געענטפערט: איך האָב נישט קיין בייזן גייסט,
נאָר איך גיב אָפּ כבוד צו מיין פאָטער, און איר
50 זענט מיך מבזה. איך אָבער זוך נישט מיין כבוד.
51 עס איז פאַראַן איינער, וואָס זוכט און משפּט. באמת,
באמת זאָג איך אייך: אויב עמיצער וועט אָפּהיטן
מיין וואָרט, וועט ער בשום אופן נישט זעען דעם
52 טויט אויף אייביק. האָבן די יידן צו אים געזאָגט:
איצט ווייסן מיר, אַז דו האָסט אַ בייזן גייסט. אברהם
איז געשטאָרבן, און די נביאים; און דו זאָגסט: אויב
עמיצער וועט אָפּהיטן מיין וואָרט, וועט ער בשום
אופן נישט טועם זיין פונם טויט אויף אייביק.
53 ביסטו דען גרעסער פון אברהם אבינו, וועלכער
איז געשטאָרבן? אויך די נביאים זענען געשטאָרבן;
54 פאַר וועמען מאַכסטו דיך? ישוע האָט געענטפערט:
אויב איך פאַרהערלעך מיך אַליין, איז מיין
כבוד גאָרנישט. עס איז מיין פאָטער, וועלכער

פאַרהערלעכט מיך, וועגן וועמען איר זאָגט, אַז ער
55 איז אייער ג־ט; און איר האָט אים דאָך נישט דער־
קענט, איך אָבער קען אים יאָ; און אויב איך זאָל
זאָגן, אַז איך קען אים נישט, וועל איך זיין אַ ליגנער
גלייך צו אייך; נאָר איך קען אים, און היט אָפּ
56 זיין וואָרט. אברהם, אייער פאָטער, האָט זיך גע־
פריידט, אַז ער זאָל זעען מיין טאָג, און האָט געזעען,
57 און זיך משמח געווען. די יידן האָבן דעריבער
געזאָגט צו אים: דו ביסט נאָך נישט פופציק
יאָר אַלט, און האָסט שוין געזעען אברהמען?
58 האָט ישוע צו זיי געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך
59 אייך: איידער אברהם איז געווען, בין איך. זיי
האָבן דעריבער אויפגעהויבן שטיינער, כדי אים
צו באַוואַרפן; ישוע אָבער האָט זיך פאַרבאָרגן,
און איז אַרויסגעגאַנגען אויס דעם בית המקדש.

## קאַפּיטל ניין

1 און פאַרבייגייענדיק האָט ער געזעען אַ מענטשן,
2 אַ בלינדן פון דער געבורט אָן. און זיינע
תלמידים האָבן אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן:
רבי, ווער האָט געזינדיקט, דער דאָזיקער אָדער
זיינע עלטערן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן
3 בלינד? האָט ישוע געענטפערט: נישט ער האָט
געזינדיקט, נישט די עלטערן זיינע; נאָר כדי די
מעשים פון ג־ט זאָלן אַנטפּלעקט ווערן אין אים.
4 מיר מוזן טון די מעשים פון אים, וואָס האָט מיך
געשיקט, כל־זמן עס איז טאָג; די נאַכט קומט אָן,
5 ווען קיינער קען נישט אַרבעטן. בשעת איך בין
אין דער וועלט, בין איך דאָס ליכט פון דער
6 וועלט. דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויסגעשפּיגן אויף

דער ערד און געמאַכט ליים פון דעם שפייעכץ און
7 אים באַשמירט די אויגן מיט דעם ליים, און האָט
צו אים געזאָגט: גיי, וואַש דיך אין טייך שילוח,
(פאַרטייטשט הייסט עס, געשיקט). ער איז דעריבער
אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך געוואַשן, און איז
8 צוריקגעקומען זעעודיק. און די שכנים, און די,
וואָס האָבן אים פריער געזעען, אַז ער איז געווען אַ
בעטלער, האָבן געזאָגט: צי איז עס דען נישט דער,
9 וואָס איז געזעסן און געבעטלט? אַנדערע האָבן
געזאָגט: ער איז עס; אַנדערע האָבן געזאָגט: ניין,
נאָר ער איז ענלעך צו אים. יענער האָט געזאָגט:
10 איך בין עס. האָבן זיי צו אים געזאָגט: וויאַזוי זשע
11 זענען דיינע אויגן געעפנט געוואָרן? יענער האָט
געענטפערט: דער מענטש, וועמען מען רופט ישוע,
האָט געמאַכט ליים, און אָנגעשמירט מיינע אויגן,
און צו מיר געזאָגט: גיי צום שילוח און וואַש דיך;
און איך בין געגאַנגען און האָב מיך געוואַשן, און
12 בין זעענדיק געוואָרן. האָבן זיי צו אים געזאָגט: וואו
איז ער? זאָגט ער: איך ווייס נישט.

13 נעמען זיי און פירן צו די פרושים דעם,
14 וואָס איז פריער געווען בלינד. און דער טאָג איז
געווען אַ שבת, ווען ישוע האָט געמאַכט דאָס ליים,
15 און אים געעפנט זיינע אויגן. דעריבער האָבן אויך
די פרושים אים ווידער געפרעגט, וויאַזוי ער איז
זעענדיק געוואָרן. און ער האָט צו זיי געזאָגט:
ער האָט אַרויפגעלייגט ליים אויף מיינע אויגן, און
16 איך האָב מיך געוואַשן, און איך זע. האָבן אייניקע
פון די פרושים געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש איז
נישט פון ג״ט, ווייל ער היט נישט אָפּ שבת. און
אַנדערע האָבן געזאָגט: וויאַזוי קען אַ מענטש, אַ
חוטא, טון אַזעלכע נסים? און עס איז געוואָרן אַ

17 מחלוקה צווישן זיי. און ווידער האָבן זיי געזאָגט צום
בלינדן: וואָס זאָגסטו וועגן אים, אַז ער האָט דיר
געעפנט דיינע אויגן? ער אָבער האָט געזאָגט: ער
18 איז אַ נביא. די יידן האָבן דעריבער נישט געגלויבט
וועגן אים, אַז ער איז געווען בלינד, און איז זעענדיק
געוואָרן, ביז זיי האָבן גערופן די עלטערן פון דעם
19 זעענדיק־געוואָרענעם, און זיי געפרעגט, אַזוי צו
זאָגן: צי איז דער דאָזיקער אייער זון, וואָס איר
זאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן בלינד? וויאַזוי
20 זשע זעט ער איצט? האָבן זיינע עלטערן געענט־
פערט און געזאָגט: מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער
איז אונזער זון, און אַז ער איז געבוירן געוואָרן
21 בלינד; וויאַזוי אָבער ער זעט איצט, ווייסן מיר
נישט; אָדער ווער עס האָט אים געעפנט זיינע אויגן,
ווייסן מיר נישט; פרעגט אים, ער איז אַ דערוואַק־
22 סענער, ער וועט רעדן פאַר זיך אַליין. דאָס האָבן
זיינע עלטערן געזאָגט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט
פאַר די יידן: וואָרום די יידן האָבן שוין געהאַט
אָפגעמאַכט, אַז ווען עמיצער וועט אים אָנערקענען
פאַר דעם משיח, זאָל ער געלייגט ווערן אין חרם
23 אַריין. דערפאַר האָבן זיינע עלטערן געזאָגט: ער
24 איז אַ דערוואַקסענער, פרעגט אים. זיי האָבן דערי־
בער צום צווייטן מאָל גערופן דעם מענטשן, וואָס
איז געווען בלינד, און געזאָגט צו אים: גיב אָפ
כבוד צו ג־ט; מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער מענטש
25 איז אַ חוטא. האָט יענער געענטפערט: צי ער איז
זינדיק ווייס איך נישט; איין זאַך ווייס איך יאָ, אַז
26 איך בין געווען בלינד און איצט זע איך. זיי האָבן
דעריבער געזאָגט צו אים: וואָס האָט ער דיר געטון?
27 וויאַזוי האָט ער געעפנט דיינע אויגן? האָט ער זיי
געענטפערט: איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, און

איר האָט זיך נישט צוגעהערט; פאַרוואָס ווילט איר
נאָכאַמאָל הערן? צי ווילט איר אויך ווערן זיינע
28 תלמידים? און זיי האָבן אים געזידלט, און
געזאָגט: דו ביסט יענעמס תלמיד, מיר אָבער זענען
29 משהס תלמידים· מיר ווייסן, אַז ג־ט האָט גערעדט
צו משהן; אָבער וואָס שייך דעם דאָזיקן, ווייסן
30 מיר נישט, פונוואַנען ער איז· האָט דער מענטש
געענטפערט און געזאָגט צו זיי: אָט אין דעם דאָזיקן
ליגט דאָך דער חידוש, אַז איר ווייסט נישט פונוואַנען
ער איז, און ער האָט מיר געעפנט מיינע אויגן·
31 מיר ווייסן, אַז ג־ט דערהערט נישט קיין חוטאים;
נאָר אויב עמיצער איז אַ ירא־שמים און טוט זיין
32 רצון, דעם דאָזיקן דערהערט ער יאָ· פון אייביק
אָן איז עס נישט געהערט געוואָרן, אַז עמיצער
זאָל האָבן געעפנט די אויגן פון אַ בלינד געבוי־
33 רענעם· אויב דער דאָזיקער וואָלט נישט געווען
פון ג־ט, וואָלט ער גאָרנישט געקענט טון·
34 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: דו
ביסט אינגאַנצן געבוירן געוואָרן אין זינד, און דו
לערנסט אונז? און האָבן אים אַרויסגעוואָרפן
אינדרויסן·

35 ישוע האָט געהערט, אַז זיי האָבן אים אַרויס־
געוואָרפן; און געפינענדיק אים, האָט ער געזאָגט:
36 צי גלויבסטו אין דעם בן־אדם? יענער האָט געענט־
פערט און געזאָגט: און ווער איז עס, האַר, אַז איך
37 זאָל גלויבן אין אים? האָט ישוע געזאָגט צו אים:
דו האָסט אים געזעען, און דער, וואָס רעדט מיט
38 דיר, איז עס· און ער האָט געזאָגט: האַר, איך
39 גלויב! און האָט זיך געבוקט צו אים· און ישוע האָט
געזאָגט: צום משפט בין איך געקומען אין דער וועלט
אַריין, כדי די, וואָס זעען נישט, זאָלן זעען, און די

40 זעענדיקע זאָלן ווערן בלינד. און אייניקע פון די
פּרושים, וואָס זענען געווען מיט אים, האָבן דאָס
געהערט, און האָבן געזאָגט צו אים: צי זענען מיר
41 אויך בלינד? האָט ישוע צו זיי געזאָגט: אויב איר
וואָלט געווען בלינד, וואָלט איר נישט געהאַט קיין
חטא; איצט אָבער זאָגט איר: מיר זעען; דערפאַר
בלייבט אייער זינד.

## 10 קאַפּיטל צען

1 באמת, באמת זאָג איך אייך: דער, וואָס קומט
נישט אַריין דורך דער טיר אינעם הויף פון די
שאָף, נאָר שטייגט אַריין דורך ערגעץ אַנדערשוואו,
2 יענער איז אַ גנב און אַ גזלן. דער אָבער וואָס קומט
אַריין דורך דער טיר, איז דער פּאַסטוך פון די
3 שאָף. פאַר אים עפנט דער שומר; און די שאָף
הערן זיין קול, און ער רופט זיינע שאָף ביים נאָמען,
4 און פירט זיי אַרויס. און ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט
אַלע זיינע אייגענע, גייט ער פאָרויס פאַר זיי, און
די שאָף פאָלגן אים נאָך, ווייל זיי קענען זיין קול.
5 אַ פרעמדן אָבער וועלן זיי בשום אופן נישט נאָכ־
פאָלגן, נאָר וועלן אַנטלויפן פון אים, ווייל זיי
6 קענען נישט דאָס קול פון פרעמדע. דאָס דאָזיקע
משל האָט ישוע געזאָגט צו זיי; אָבער זיי האָבן
נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז, וואָס ער האָט
צו זיי גערעדט.
7 ישוע האָט דעריבער ווידער צו זיי געזאָגט:
באמת, באמת זאָג איך אייך: איך בין די טיר פון
8 די שאָף. אַלע, וואָס זענען געקומען פאַר מיר,
זענען גנבים און גזלנים; אָבער די שאָף האָבן זיי
9 נישט געהערט. איך בין די טיר; ווער עס וועט

אַריינגיין דורך מיר, דער וועט געראַטעוועט ווערן;
און וועט אַריינגיין און אַרויסגיין, און געפינען
10 פּאַשע. דער גנב קומט נישט אַ חוץ כדי צו
גנבענען און הרגענען און צו פאַרדאַרבן; איך בין
געקומען, כדי זיי זאָלן האָבן לעבן, און אַז זיי
11 זאָלן האָבן אַ שפע. איך בין דער גוטער פּאַסטוך;
דער גוטער פּאַסטוך איז זיך מוסר נפש פאַר
12 די שאָף. דער געדונגענער, און דער, וואָס איז
נישט קיין פּאַסטוך, צו וועמען עס געהערן נישט
די שאָף, זעט דעם וואָלף קומען, און פאַרלאָזט די
שאָף, און אַנטלויפט; און דער וואָלף פאַרציקט און
13 צעשפּרייט זיי; ער אַנטלויפט, ווייל ער איז אַ געדונ־
גענער, און עס קימערט אים נישט וועגן די שאָף.
14 איך בין דער גוטער פּאַסטוך, און איך קען די מייניקע,
15 און די מייניקע קענען מיך, ווי דער פאָטער
קען מיך, און איך קען דעם פאָטער; און מיין לעבן
16 לייג איך אַנידער פאַר די שאָף. און אַנדערע שאָף
האָב איך, וואָס זענען נישט פון דעם דאָזיקן הויף;
זיי מוז איך אויך פירן, און זיי וועלן הערן מיין
קול; און עס וועט ווערן איין סטאַדע, איין פּאַסטוך.
17 דערפאַר האָט דער פאָטער מיך ליב, ווייל איך לייג
אַנידער מיין לעבן, כדי איך זאָל עס ווידער נעמען.
18 קיינער נעמט עס נישט אַוועק פון מיר, נאָר פון
מיר אַליין לייג איך עס אַנידער. איך האָב רשות
עס אַנידערצולייגן, און האָב רשות עס ווידער
צו נעמען. דאָס דאָזיקע געבאָט האָב איך באַקומען
פון מיין פאָטער.
19 ווידער איז געוואָרן אַ מחלוקה צווישן די יידן
20 צוליב די דאָזיקע ווערטער. און אַ סך פון זיי האָבן
געזאָגט: ער האָט אַ בייזן גייסט, און איז אַראָפּ פון
21 זינען; פאַרוואָס הערט איר אים? אַנדערע האָבן

געזאָגט: דאָס זענען נישט די רייד פון אַ באַזע־
סענעם מיט אַ בייזן גייסט. צי קען דען אַ בייזער
גייסט עפענען די אויגן פון בלינדע?
22 עס איז דעמלט געווען חנוכה אין ירושלים; עס
23 איז געווען ווינטער, און ישוע איז געגאַנגען אינם
בית המקדש אין אולם של שלמה אַרויף און אַראָפּ.
24 און די יידן האָבן אים אַרומגערינגלט, און האָבן
געזאָגט צו אים: ביז ווען ווילסטו אויסציען אונזער
נשמה? אויב דו ביסט דער משיח, זאָג אונז אָפן.
25 האָט ישוע זיי געענטפערט: איך האָב אייך שוין
געזאָגט, און איר גלויבט נישט; די מעשים, וואָס
איך טו אין מיין פאָטערס נאָמען, זיי זאָגן עדות
26 וועגן מיר. נאָר איר גלויבט נישט, ווייל איר זענט
27 נישט פון מיינע שאָף. מיינע שאָף הערן מיין
קול, און איך קען זיי, און זיי פאָלגן מיר נאָך;
28 און איך גיב זיי אייביק לעבן: און זיי וועלן
קיינמאָל נישט פאַרלוירן ווערן, און קיינער וועט
29 זיי נישט אַרויסרייסן פון מיינע הענט. מיין פאָטער,
וואָס האָט זיי מיר געגעבן, איז גרעסער ווי אַלע;
און קיינער קען זיי נישט אַרויסרייסן פון מיין
30 פאָטערס האַנט. איך און דער פאָטער זענען מיר
31 איינס. האָבן די יידן ווידער אויפגעהויבן שטיינער,
32 כדי אים צו שטייניקן. ישוע האָט זיי געענטפערט:
אַ סך מעשים טובים האָב איך אייך געוויזן פון דעם
פאָטער; צוליב וועלכער פון די דאָזיקע מעשים,
33 שטייניקט איר מיך? האָבן די יידן אים געענטפערט:
פאַר מעשים־טובים שטייניקן מיר דיך נישט, נאָר
פאַר חלול השם, און ווייל דו, זייענדיק אַ מענטש,
34 מאַכסט דיך פאַר ג־ט. האָט ישוע זיי געענטפערט:
צי שטייט דען נישט געשריבן אין אייער תורה:
איך האָב געזאָגט: איר זענט געטער? (תהלים פב, ו.)

35 אויב ער האָט זיי גערופן געטער, צו וועמען ג־טס
וואָרט איז געקומען—און די שריפט קען נישט בטל
36 ווערן—, זאָגט איר אויף אים, וועמען דער פּאָטער
האָט געהייליקט, און געשיקט אין דער וועלט אַריין:
דו לעסטערסט; ווייל איך האָב געזאָגט: איך בין
37 דער בן אלקים? אויב איך טו נישט די מעשים פון
38 מיין פּאָטער, זאָלט איר מיר נישט גלויבן. אויב
אָבער איך טו יאָ, אפילו ווען איר ווילט מיר נישט
גלויבן, גלויבט די מעשים, כדי איר זאָלט וויסן
און פאַרשטיין, אַז דער פּאָטער איז אין מיר, און
39 איך בין אין דעם פּאָטער. דעריבער האָבן זיי ווידער
געזוכט אים צו כאַפּן, און ער איז אַרויס פון זייער
האַנט.

40 און ער איז ווידער אַוועק קיין עבר הירדן, צו
דעם אָרט, וואו יוחנן פלעגט צום ערשט טובל זיין,
41 און איז דאָרט פאַרבליבן. און אַ סך זענען געקומען
צו אים, און האָבן געזאָגט: יוחנן האָט טאַקע נישט
געטון קיין נס, נאָר אַלץ, וואָס יוחנן האָט געזאָגט
42 וועגן דעם דאָזיקן (ישוע), איז אמת. און אַ סך
האָבן דאָרט געגלויבט אין אים.

## קאַפּיטל עלף

1 און עס איז איינער געלעגן קראַנק, אלעזר פון
בית היני, דאָס דאָרף פון מרים און איר שוועס־
2 טער מרתא. און די מרים איז עס געווען, וואָס
האָט געזאַלבט דעם האַר מיט מירע, און אים
אָפּגעווישט זיינע פיס מיט אירע האָר, וועמעס
3 ברודער אלעזר איז געלעגן קראַנק. די שוועסטער
האָבן דעריבער געשיקט צו אים, אַזוי צו זאָגן:
האַר, זע, ער וועמען דו האָסט ליב, ליגט קראַנק.

4 און ווען ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט:
די דאָזיקע קראַנקהייט איז נישט צום טויט, נאָר צום
כבוד פון ג־ט, כדי דער בן אלקים זאָל פאַרהערלעכט
5 ווערן דורך איר· און ישוע האָט ליב געהאַט מרתאן
6 און איר שוועסטער און אלעזרן· און ווען ער האָט
געהערט, אַז ער ליגט קראַנק, איז ער דעמלט
נאָך פאַרבליבן צוויי טעג אויף דעם אָרט, וואו ער
7 איז געווען· דערנאָך האָט ער ערשט געזאָגט צו די
8 תלמידים: לאָמיר ווידער גיין קיין יהודה· זאָגן
די תלמידים צו אים: רבי, איצט האָבן די יידן דיך
געזוכט צו שטייניקן, און דו גייסט ווידער דאָרטן
9 אַהין? האָט ישוע געענטפערט: צי האָט דען נישט
דער טאָג צוועלף שעה? ווער עס גייט אַרום בייטאָג,
דער שטרויכלט נישט, ווייל ער זעט דאָס ליכט
10 פון דער דאָזיקער וועלט· ווער אָבער עס גייט
אַרום ביינאַכט, דער שטרויכלט, ווייל דאָס ליכט
11 איז נישט אין אים· דאָס האָט ער גערעדט, און נאָך
דעם זאָגט ער צו זיי: אלעזר, אונזער פריינט איז
אַנטשלאָפן געוואָרן; נאָר איך גיי, כדי אים אויפצו־
12 וועקן פון שלאָף· די תלמידים האָבן דעריבער
געזאָגט צו אים: אויב ער איז אייגעשלאָפן, וועט
13 ער געזונט ווערן· ישוע אָבער האָט גערעדט וועגן
זיין טויט; און זיי האָבן געמיינט, אַז ער רעדט וועגן
14 דעם רואיקן שלומער פון שלאָף· דעריבער האָט
ישוע דעמלט צו זיי געזאָגט גאַנץ אָפן: אלעזר איז
15 געשטאָרבן· און איך פריי מיך צוליב אייך, אַז איך
בין דאָרטן נישט געווען, כדי איר זאָלט גלויבן;
16 נאָר לאָמיר גיין צו אים· דאַן האָט תומא, וואָס מען
האָט אים גערופן דידימוס, געזאָגט צו זיינע חברים
תלמידים: לאָמיר אויך גיין, כדי מיר זאָלן שטאַרבן
מיט אים·

17 און אַהין קומענדיק, האָט ישוע אים געפונען
18 שוין ליגן זינט פיר טעג אין קבר. און בית היני
איז געווען נאָנט צו ירושלים, אַן ערך פיפצן אַקער־
19 פעלד ווייט; און אַ סך יידן זענען אַרויסגעקומען צו
מרתאן און מרים, כדי זיי מנחם־אָבל צו זיין וועגן
20 דעם ברודער זייערן. און ווי מרתא האָט געהערט,
אַז ישוע קומט, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען;
21 מרים אָבער איז געבליבן זיצן אין הויז. און מרתא
האָט געזאָגט צו ישוען: האַר, אויב דו וואָלסט דאָ
22 געווען, וואָלט מיין ברודער נישט געשטאָרבן. און
אַפילו איצט ווייס איך, אַז אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר
23 בעטן ביי ג־ט, וועט ג־ט דיר געבן. זאָגט ישוע
24 צו איר: דיין ברודער וועט אויפשטיין. זאָגט מרתא
צו אים: איך ווייס, אַז ער וועט אויפשטיין אין דער
25 אויפשטייאונג אין דעם לעצטן טאָג. האָט ישוע
געזאָגט צו איר: איך בין די אויפשטייאונג און דאָס
לעבן; ווער עס גלויבט אין מיר, אפילו ווען ער איז
26 שוין געשטאָרבן, וועט ער לעבן, און יעדער איינער,
וואָס לעבט און גלויבט אין מיר, וועט אויף
אייביק נישט שטאַרבן. צי גלויבסטו דאָס דאָזיקע?
27 זאָגט זי צו אים: יאָ, האַר, איך גלויב, אַז דו ביסט
דער משיח, דער בן אלקים, וואָס זאָל קומען אין דער
28 וועלט אַריין. און האָבנדיק דאָס געזאָגט, איז זי
אַוועקגעגאַנגען, און האָט גערופן איר שוועסטער
שטילערהייט, און געזאָגט צו איר: דער רבי איז
29 דאָ און רופט דיך. און ווי יענע האָט עס געהערט,
איז זי גיך אויפגעשטאַנען, און געקומען צו אים.
30 און ישוע איז נאָך נישט אַריינגעגאַנגען אין
דאָרף אַריין, נאָר איז נאָך געווען אויף דעם
31 אָרט, וואו מרתא האָט אים באַגעגנט. און די
יידן, וואָס זענען מיט איר געווען אינעם הויז, און

האָבן זי געטרייסט, זעענדיק, אַז מרים האָט זיך
גיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן
איר נאָכגעפאָלגט, מיינענדיק, אַז זי גייט צום
32 קבר, כדי דאָרט צו וויינען· און ווי מרים איז
אַהינגעקומען, וואו ישוע איז געווען, און האָט אים
געזעען, איז זי אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע פיס,
און האָט צו אים געזאָגט: אויב דו וואָלסט דאָ געווען,
33 וואָלט דער ברודער מיינער נישט געשטאָרבן· און
ווי ישוע האָט זי געזעען וויינען און די יידן, וואָס
זענען מיטגעקומען מיט איר, אויך וויינען, האָט ער
אַ זיפץ געטאָן אין זיין גייסט, און זיך מצער געווען,
34 און געזאָגט: וואו האָט איר אים געלייגט? זאָגן זיי
35 צו אים: האַר, קום און זע· ישוע האָט פאַרגאָסן
36 אַ טרער· די יידן האָבן דעריבער געזאָגט: אָט זעט,
37 ווי ער האָט אים ליב געהאַט! אייניקע אָבער פון
זיי האָבן געזאָגט: צי האָט ער, וואָס האָט אויפגע־
עפנט די אויגן פון דעם בלינדן, דען נישט
געקענט מאַכן, אַז אויך דער (אלעזר) זאָל
38 נישט שטאַרבן? און ווידער אַ זיפץ טוענדיק אין
זיך אַליין, קומט ישוע צום קבר· און עס איז
געווען אַ הייל, און אַ שטיין איז געלעגן אויף
39 איר· זאָגט ישוע: נעמט אַוועק דעם שטיין· זאָגט
מרתא, די שוועסטער פון דעם געשטאָרבענעם, צו
אים: האַר, עס שפּירט זיך שוין פון אים, וואָרום
40 ער ליגט שוין פיר טעג· זאָגט ישוע צו איר: צי
האָב איך דיר דען נישט געזאָגט, אַז אויב דו וועסט
41 גלויבן, וועסטו זעען דעם כבוד פון ג־ט? און זיי
האָבן אַוועקגענומען דעם שטיין· און ישוע האָט
אויפגעהויבן די אויגן (צום הימל) אַרויף און געזאָגט:
פאָטער, איך דאַנק דיר, אַז דו האָסט מיך דערהערט·
42 און איך האָב געוואוסט, אַז דו הערסט מיך תמיד;

נאָר צוליב דעם המון, וואָס שטייט אַרום, האָב
איך עס געזאָגט, כדי זיי זאָלן גלויבן, אַז דו
43 האָסט מיך געשיקט. און האָבנדיק דאָס געזאָגט,
האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול: אלעזר,
44 קום אַרויס. און דאָס מת איז אַרויסגעקומען, און
זיינע הענט און פיס זענען געווען אַרומגעוויקלט
מיט תכריכים; און זיין פּנים איז געווען פאַרבונדן
מיט אַ טיכל. זאָגט ישוע צו זיי: בינדט אים אויף,
און לאָזט אים גיין.

45 און אַ סך פון די יידן, וואָס זענען געקומען צו
מרים, זעענדיק וואָס ער האָט געטון, האָבן
46 געגלויבט אין אים. אייניקע אָבער פון זיי זענען
אַוועקגעגאַנגען צו די פּרושים, און האָבן זיי דער־
ציילט, וואָס ישוע האָט געטון.

47 די הויפּטכהנים און די פּרושים האָבן דעריבער
צוזאַמענגעבּרענגט דאָס סנהדרין, און געזאָגט:
וואָס זאָלן מיר טון? ווייל דער דאָזיקער מענטש
48 טוט אַ סך נסים! אויב מיר וועלן אים אַזוי לאָזן,
וועלן אַלע גלויבן אין אים, און די רוימער
וועלן קומען און אַוועקנעמען אונזער לאַנד און
49 פאָלק. נאָר איינער פון זיי, קיפא, זייענדיק כהן
גדול אין יענעם יאָר, האָט צו זיי געזאָגט: איר
50 ווייסט גאָרנישט, און באַרעכנט אַפילו נישט, אַז
עס טויג פאַר אייך, אַז איין מענטש זאָל שטאַרבן
פאַרן פאָלק, און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל נישט
51 פאַרלוירן גיין. דאָס דאָזיקע אָבער האָט ער פון
זיך אַליין נישט געזאָגט, נאָר ווייל ער איז געווען
כהן גדול אין יענעם יאָר, האָט ער געזאָגט נבואות,
52 אַז ישוע וועט שטאַרבן פאַר דעם פאָלק; און נישט
בלויז פאַר דעם פאָלק אַליין, נאָר כדי אויך די
צעשפּרייטע קינדער פון ג־ט זאָל ער איינזאַמלען

53 אינאײנעם· און פון יענעם טאָג אָן האָבן זײ זיך
באַראָטן, אים צו טײטן·
54 ישוע איז דעריבער מער נישט אַרומגעגאַנגען
עפנטלעך צווישן די יידן, נאָר איז אַוועק פון דאָרטן
צו דער געגנט נאָנט פון דער מדבר, אין אַ שטאָט,
וואָס מען רופט זי עפרים, און איז דאָרט פאַרבליבן
55 מיט די תלמידים· און עס איז געווען נאָנט פאַר
דעם יידישן פסח, און אַ סך זענען אַרויפגעגאַנגען
קיין ירושלים פון דער געגנט אויף פסח, כדי זיך
56 צו הייליקן· און האָבן געזוכט ישוען, און געזאָגט
איינער צום אַנדערן שטייענדיק אין בית המקדש:
וואָס מײנט איר? אַז ער קומט נישט אויף יום
57 טוב? און די הויפּט־כהנים און די פרושים האָבן
אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווען עמיצער ווייסט·
וואו ער שטייט איין, זאָל ער עס צו וויסן געבן,
כדי זײ זאָלן אים כאַפּן·

## קאַפּיטל צוועלף

12

1 און זעקס טעג פאַר פסח איז ישוע געקומען קיין
בית היני, וואו אלעזר איז געווען, וועמען ישוע
2 האָט אויפגעוועקט פון די טויטע· מען האָט דעריבער
דאָרטן פאַר אים געמאַכט אַ סעודה, און מרתא האָט
באַדינט; אלעזר אָבער איז געווען איינער פון די,
3 וואָס זענען געזעסן מיט אים ביים טיש· און מרים
האָט גענומען אַ פונט לויטערן, קאָסטבאַרן נרד־
זאַלבאייל, און געזאַלבט (דערמיט) די פיס פון ישוען,
און אָפּגעווישט זיינע פיס מיט אירע האָר; און
דאָס הויז האָט זיך אָנגעפילט מיט דעם ריח פון
4 דעם זאַלבאייל· אָבער יהודה איש קריות, איינער

פון זיינע תלמידים, דער, וואָס האָט אים געזאָלט
5 פאַרראַטן, האָט געזאָגט: פאַרוואָס האָט מען נישט
פאַרקויפט דעם דאָזיקן זאַלבאייל פאַר דריי הונדערט
דינרים און געגעבן (דאָס געלט) צו אָרומעלייט?
6 און דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט, נישט ווייל ער
האָט זיך געדאגהט וועגן די אָרומעלייט; נאָר ווייל
ער איז געווען אַ גנב, און געהאַט די פושקע און
פלעגט אונטערשלאָגן, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט.
7 ישוע האָט דעריבער געזאָגט: לאָז זי צופרידן,
צום טאָג פון מיין קבורה האָט זי עס באַהאַלטן.
8 וואָרום די אָרומעלייט האָט איר תמיד ביי זיך, מיך
אָבער האָט איר נישט אַלעמאָל.

9 און אַ גרויסער המון יידן האָט זיך דערוואוסט,
אַז ער געפינט זיך דאָרטן; און זיי זענען געקומען
נישט בלויז צוליב ישוען, נאָר אויך כדי צו
זעען אלעזרן, וועמען ער האָט אויפגעוועקט פון
10 די טויטע. די הויפּטכהנים אָבער האָבן זיך באַראָטן,
11 אַפילו אלעזרן צו טייטן; ווייל אַ סך פון די יידן
זענען צוליב אים אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געגלויבט
אין ישוען.

12 צומאָרגנס האָט דער המון עם, וואָס איז געקומען
אויף יום טוב, געהערט, אַז ישוע קומט קיין ירושלים,
13 האָבן זיי גענומען פּאַלמענצווייגן, און זענען אַרויס
אים אַנטקעגנצוגיין, און האָבן געשריגן:

הושענא,
ברוך הבא בשם ה׳, מלך ישראל!

(תהלים קיח, כה.)

(געבענטשט איז דער, וואָס קומט אינם נאָמען
14 פון דעם האַר ג-ט, דער מלך פון ישראל). און
געפינענדיק אַ יונג אייזעלע, האָט זיך ישוע
דערויף אַרויפגעזעצט, ווי עס שטייט געשריבן:

15 פֿאָרכט דיך נישט, דו טאָכטער פֿון ציון,
זע, דיין מלך קומט,
רייטנדיק אויף אַ יונג אייזעלע. (זכריה ט, ט.)
16 דאָס האָבן זיינע תּלמידים צום ערשט נישט פֿאַר־
שטאַנען; נאָר ווען ישוע איז שוין געווען פֿאַרהער־
לעכט, האָבן זיי זיך דעמלט דערמאָנט, אַז עס איז
געווען געשריבן וועגן אים, און אַז דאָס האָט מען
17 געטון צו אים. און די מאַסע מענטשן, וואָס איז
געווען מיט אים, ווען ער האָט אלעזרן אַרויסגערופֿן
פֿונם קבר, און אים אויפֿגעוועקט פֿון די טויטע,
18 האָט עדות געזאָגט וועגן אים. צוליב דעם טאַקע
איז דער עולם אים אַנטקעגנגעגאַנגען, ווייל זיי
האָבן געהערט, אַז ער האָט געטון דאָס דאָזיקע נס.
19 דעריבער האָבן די פּרושים געזאָגט איינער צום
אַנדערן: איר זעט, אַז איר פּועלט גאָרנישט; זע,
די גאַנצע וועלט לויפֿט אים שוין נאָך!
20 און עס זענען געווען אייניקע גריכן צווישן די,
וואָס האָבן עולה רגל געווען, כּדי זיך צו בּוקן דעם
21 יום טוב; און זיי זענען צוגעקומען צו פֿיליפּוסן, וואָס
האָט געשטאַמט פֿון בית צידה אין גליל, און האָבן
אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: האַר, מיר ווילן זען
22 ישוען. קומט פֿיליפּוס און זאָגט עס צו אַנדריי;
קומט אַנדריי מיט פֿיליפּוסן און זאָגן עס צו ישוען.
23 ישוע אָבער האָט זיי געענטפֿערט, אַזוי צו זאָגן:
עס איז געקומען די שעה, אַז דער בן־אדם זאָל
24 פֿאַרהערלעכט ווערן. באמת, באמת זאָג איך אייך:
אויב דאָס קערנדל ווייץ פֿאַלט אין דער ערד אַריין
און שטאַרבט נישט, בלייבט עס אַליין; אויב אָבער
25 עס שטאַרבט יאָ, ברענגט עס אַ סך פּירות. דער,
וואָס האָט ליב זיין נפֿש, פֿאַרלירט עס; און דער,
וואָס האָט פֿיינט זיין נפֿש אין דער דאָזיקער וועלט,

26 וועט עס אָפּהיטן צום אייביקן לעבן· אויב עמיצער
דינט מיך, זאָל ער מיר נאָכפאָלגן; און וואו איך
בין, דאָרט וועט אויך מיין דינער זיין; אויב עמיצער
דינט מיך, וועט דער פאָטער אים אָפּגעבן כבוד·
27 איצט איז מיין נפש באַאומרואיקט; און וואָס זאָל
איך זאָגן? פאָטער, זיי מיך מציל פון דער דאָזיקער
שעה? אָבער צוליב דעם בין איך דאָך געקומען צו
28 דער דאָזיקער שעה· פאָטער, פאַרהערלעך דיין
נאָמען! און עס איז געקומען אַ קול פון הימל:
איך האָב שוין פאַרהערלעכט און וועל ווידער
29 פאַרהערלעכן· דער המון מענטשן, וואָס איז געשטאַ־
נען און זיך צוגעהערט, האָט געזאָגט, עס האָט
געדונערט; אַנדערע האָבן געזאָגט: אַ מלאך האָט
30 גערעדט צו אים· האָט ישוע געענטפערט און
געזאָגט: נישט צוליב מיר איז דאָס דאָזיקע קול
31 געקומען, נאָר צוליב אײַך· איצט איז דאָס משפט
פון דער דאָזיקער וועלט; איצט וועט דער שר פון
דער דאָזיקער וועלט אַרויסגעוואָרפן ווערן איב־
32 דרויסן· און איך, ווען איך וועל אויפגעהויבן ווערן
33 פון דער ערד, וועל ציען אַלעמען צו מיר· דאָס
דאָזיקע האָט ער געזאָגט, מרמז צו זיין, מיט וואָס
34 פאַר אַ טויט ער גייט שטאַרבן· דער עולם האָט
דעריבער געענטפערט צו אים: מיר האָבן געהערט
פון דער תורה, אַז דער משיח בלייבט אויף אייביק; און
וויאַזוי זשע זאָגסטו: דער בן־אדם מוז אויפגעהויבן
35 ווערן? ווער איז דאָס דער דאָזיקער בן־אדם? האָט
ישוע צו זיי געזאָגט: נאָך אַ קליינע ווײַלע איז דאָס
ליכט צווישן אייך· וואַנדלט זשע אינם ליכט בשעת
איר האָט עס, כדי די פינסטערניש זאָל אייך נישט
איבערפאַלן; און דער, וואָס וואַנדלט אין דער פינס־
36 טערניש, ווייסט נישט וואו ער גייט· בשעת איר

האָט דאָס ליכט, גלויבט אינם ליכט, כדי איר זאָלט
ווערן קינדער פונם ליכט.

דאָס האָט ישוע גערעדט, און איז אַוועקגעגאַנגען,
37 און האָט זיך פאַרבאָרגן פון זיי. און הגם ער האָט
געטון פאַר זיי אַזויפיל נסים, האָבן זיי (אַלץ) נישט
38 געגלויבט אין אים; כדי דאָס וואָרט פון ישעיהו
הנביא זאָל מקוים ווערן, וואָס ער האָט געזאָגט:

אָ האַר, ווער האָט געגלויבט אונזער שמועה?
און אויף וועמען האָט זיך אַנטפּלעקט דער אָרעם
פון האַר (גאָט)? (ישעיהו נג, א.)

39 דערפאַר האָבן זיי נישט געקענט גלויבן, ווייל ישעיהו
האָט ווידער געזאָגט:

40 און ער האָט בּלינד געמאַכט זייערע אויגן,
האַרט געמאַכט זייער האַרץ,
כדי זיי זאָלן נישט זעען מיט די אויגן,
און באַנעמען מיטן האַרץ,
און תשובה טון,
און איך זאָל זיי היילן. (ישעיהו ו, ט, י.)

41 דאָס האָט ישעיהו געזאָגט, ווייל ער האָט געזעען
42 זיין כבוד, און גערעדט וועגן אים. דאָך האָבן
אַ סך אַפילו פון די שרים געגלויבט אין אים,
נאָר צוליב די פּרושים האָבן זיי עס נישט מודה
געווען, כדי זיי זאָלן נישט געלייגט ווערן אין חרם
43 אַריין; וואָרום זיי האָבן ליבער געהאַט דעם כבוד
פון מענטשן, ווי דעם כבוד פון ג-ט.

44 און ישוע האָט אויסגערופן און געזאָגט: דער,
וואָס גלויבט אין מיר, גלויבט נישט אין מיר, נאָר
45 אין דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. און דער, וואָס
זעט מיך, זעט דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. איך
46 בין געקומען אַ ליכט אין דער וועלט אַריין, כדי
יעדער איינער, וואָס גלויבט אין מיר, זאָל נישט

47 בלייבן אין דער פינסטערניש· און אויב עמיצער
הערט מיינע רייד, און היט זיי נישט, וועל
איך אים נישט משפטן; וואָרום איך בין נישט
געקומען, כדי איך זאָל משפטן די וועלט, נאָר כדי איך
48 זאָל ראַטעווען די וועלט· דער, וואָס וואַרפט מיך אָפּ
און נעמט נישט אָן מיינע רייד, האָט שוין זיין שופט;
דאָס וואָרט, וואָס איך האָב גערעדט, דאָס וועט אים
49 משפטן אין דעם לעצטן טאָג· ווייל איך האָב פון
מיר אַליין נישט גערעדט; נאָר ער, וואָס האָט מיך
געשיקט, דער פאָטער אַליין, האָט מיר געגעבן אַ
געבאָט, וואָס איך זאָל זאָגן, און וואָס איך זאָל
50 רעדן· און איך ווייס, אַז זיין געבאָט איז אייביק
לעבן· דעריבער וואָס איך רעד, רעד איך אַזוי,
ווי דער פאָטער האָט צו מיר גערעדט·

## קאַפּיטל דרייצן

1 און פאַר דעם יום טוב פסח, אַזוי ווי ישוע האָט
געוואוסט, אַז זיין שעה איז געקומען, כדי ער
זאָל אַוועקגיין פון דער דאָזיקער וועלט צום פאָטער,
האָבנדיק געליבט זיינע אייגענע, וואָס זענען אין
דער וועלט, האָט ער זיי ליב געהאַט ביז צום סוף·
2 און בשעת דער סעודה אין אָוונט, נאָך דעם ווי דער
שטן האָט שוין געהאַט געלייגט אין האַרצן
פון יהודה בן שמעון איש קריות, אַז ער זאָל אים
3 פאַרראַטן, (ישוע) ווייסנדיק, אַז דער פאָטער האָט
אים אַלץ איבערגעגעבן אין די הענט אַריין, און אַז
4 ער איז געקומען פון ג~ט און גייט צו ג~ט, איז ער
5 אויפגעשטאַנען פונם טיש, און האָט אַוועקגעלייגט
די מלבושים, און נעמענדיק אַ האַנטוך, האָט ער זיך
אַרומגעגאַרטלט· נאָך דעם האָט ער אַריינגעגאָסן

וואַסער אינם בעקן און אָנגעהויבן צו וואַשן
די תלמידימס פיס און אָפּצוואווישן מיטן האַנטוך,
6 מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט. אַזוי
קומט ער צו שמעון פעטרוסן. זאָגט ער צו אים:
7 האַר, דו זאָלסט מיר וואַשן די פיס? האָט ישוע
געענטפערט און געזאָגט צו אים: וואָס איך טו,
ווייסטו נישט אַצונד, שפּעטער אָבער וועסטו זיך
8 דערוויסן. זאָגט פעטרוס צו אים: דו זאָלסט מיר
בשום אופן קיינמאָל נישט וואַשן מיינע פיס. האָט
ישוע אים געענטפערט: אויב איך וואַש דיך נישט,
9 האָסטו נישט קיין חלק מיט מיר. זאָגט שמעון
פעטרוס צו אים: האַר, נישט בלויז מיינע פיס,
10 נאָר אַפילו מיינע הענט און דעם קאָפּ! זאָגט ישוע
צו אים: דער געוואַשענער דאַרף נישט מער ווי
אָפּצוואַשן די פיס, ווייל ער איז אינגאַנצן ריין; און
11 איר זענט ריין, אָבער נישט אַלע. וואָרום ער האָט
געוואוסט, ווער עס וועט אים פאַרראַטן; דערפאַר
האָט ער געזאָגט: נישט אַלע זענט איר ריין.
12 און ווען ער האָט שוין געהאַט געוואַשן זייערע
פיס, און גענומען זיינע מלבושים, און זיך ווידער
אַנידערגעזעצט, האָט ער צו זיי געזאָגט: צי ווייסט
13 איר וואָס איך האָב געטון צו אייך? איר רופט מיך
רבי און האַר, און ריכטיק זאָגט איר, וואָרום איך
14 בין עס. דעריבער אויב איך, דער האַר און רבי,
האָב אייך געוואַשן אייערע פיס, זענט איר אויך
15 מחויב צו וואַשן איינער דעם אַנדערן די פיס. וואָרום
איך האָב אייך געגעבן אַ בײַשפּיל, כדי, ווי איך
האָב געטון צו אייך, אַזוי זאָלט איר אויך טון.
16 באמת, באמת זאָג איך אייך: אַ קנעכט איז נישט
גרעסער ווי זיין האַר, אויך איז אַ שליח נישט
17 גרעסער ווי דער, וואָס האָט אים געשיקט. אויב

איר ווייסט דאָס, געבענטשט זענט איר, אויב איר
18 טוט עס. נישט וועגן אייך אַלע רעד איך; וואָרום
איך ווייס וועמען איך האָב אויסדערוויילט; נאָר
כדי דער פסוק זאָל מקוים ווערן:

דער, וואָס עסט מיין ברויט, האָט אויפגעהויבן
זיין טריט קעגן מיר. (תהלים מא, י.)

19 שוין איצט זאָג איך עס אייך, איידער עס געשעט,
כדי ווען עס וועט געשעען, זאָלט איר גלויבן, אַז
20 איך בין עס. באמת, באמת זאָג איך אייך: ווער עס
בעמט אויף דעם, וועמען איך שיק, דער נעמט מיך
אויף; און ווער עס נעמט מיך אויף, דער נעמט
אויף אים, וואָס האָט מיך געשיקט.

21 דאָס זאָגנדיק, האָט ישוע זיך באַאומרואיקט אין
זיין גייסט, און האָט עדות געזאָגט, און גערעדט:
באמת, באמת זאָג איך אייך: איינער פון אייך
22 וועט מיך פאַרראַטן. די תלמידים האָבן דעריבער
געקוקט איינער אויפן אַנדערן, מסופק וועגן
23 וועמען ער זאָגט עס. און איינער פון זיינע
תלמידים, וועמען ישוע האָט (באַזונדערס) ליב
געהאַט, איז געווען אָנגעלענט אויף ישועס ברוסט.
24 האָט שמעון פעטרוס געוואונקען צו דעם דאָזיקן,
און צו אים געזאָגט: זאָג ווער עס איז, וועגן
25 וועמען ער רעדט. בייגנדיק זיך אַזוי צו ישועס
ברוסט, זאָגט יענער צו אים: האַר, ווער איז עס?
26 ישוע האָט געענטפערט: יענער איז עס, פאַר וועמען
איך וועל איינטונקען דעם ביסן און אים געבן. און
איינטונקענדיק דעם ביסן, נעמט ער און גיט אים צו
27 יהודה בן שמעון איש קריות. און נאָך דעם ביסן
איז דער שטן דעמלט אַריין אין אים. ישוע האָט
דעריבער צו אים געזאָגט: וואָס דו טוסט, טו גיך.
28 און קיינער אַרום דעם טיש האָט נישט פאַר־

שטאַנען, פאַרוואָס ער האָט דאָס געזאָגט צו אים.
29 וואָרום אייניקע האָבן געמיינט, ווייל יהודה האָט
געהאַט די פּושקע, זאָגט ישוע צו אים: קויף איין,
וואָס מיר ברויכן אויף יום טוב; אָדער אַז ער זאָל
30 עפּעס געבן צו די אָרומעלייט. און ווי ער האָט
געהאַט גענומען דעם ביסן, איז ער גלייך אַרויס־
געגאַנגען; און עס איז געווען נאַכט.
31 און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ישוע
געזאָגט: איצט איז דער בן־אדם פאַרהערלעכט,
32 און ג־ט איז פאַרהערלעכט אין אים; און אויב ג־ט
איז פאַרהערלעכט אין אים, וועט ג־ט אים פאַרהער־
לעכן אין זיך אַליין, און באַלד וועט ער אים
33 פאַרהערלעכן. קינדער, נאָך אַ קורצע צייט בין
איך מיט אייך. איר וועט מיך זוכן, און ווי
איך האָב געזאָגט צו די יידן: וואוּאַהין איך גיי,
קענט איר נישט קומען, אַזוי זאָג איך אויך אייך
34 איצט. אַ נייע מצווה גיב איך אייך, אַז איר זאָלט
ליב האָבן איינער דעם אַנדערן; ווי איך האָב אייך
ליב געהאַט, אַזוי זאָלט איר אויך ליב האָבן איינער
35 דעם אַנדערן. דורך דעם דאָזיקן וועלן אַלע דער־
קענען, אַז איר זענט מיינע תלמידים, אויב איר וועט
האָבן ליבע איינער פאַר דעם אַנדערן.
36 זאָגט שמעון פּעטרוס צו אים: האַר, וואוּאַהין גייסטו?
האָט ישוע געענטפערט: וואוּאַהין איך גיי, קענסטו
מיר איצט נישט נאָכפאָלגן, שפּעטער אָבער וועסטו
37 מיר נאָכפאָלגן. זאָגט פּעטרוס צו אים: האַר, פאַרוואָס
קען איך דיר איצט נישט נאָכפאָלגן? מיין לעבן וועל
38 איך אַנידערלייגן פאַר דיינעטוועגן. ענטפערט ישוע:
דיין לעבן וועסטו אַנידערלייגן פאַר מיינעטוועגן?
באמת, באמת זאָג איך דיר: איידער נאָך דער האָן
וועט קרייען, וועסטו מיך דריי מאָל פאַרלייקענען!

## קאַפּיטל פערצן

1 זאָל אייער האַרץ זיך נישט באַאומרואיקן; איר
2 גלויבט אין ג־ט, גלויבט אויך אין מיר. אין מיין
פאָטערס הויז איז דאָ אַ סך וואוינונגען; וואָלט
עס נישט אַזוי געווען, וואָלט איך עס אייך געזאָגט;
3 ווייל איך גיי צוגרייטן אַן אָרט פאַר אייך. און
ווען איך גיי און גרייט צו אַן אָרט פאַר אייך,
וועל איך ווידער קומען, און אייך נעמען צו
4 מיר, כדי וואו איך בין, זאָלט איר אויך זיין. און
וואוהין איך גיי, ווייסט איר, און איר קענט דעם
5 וועג. זאָגט תומא צו אים: האַר מיר ווייסן נישט
וואוהין דו גייסט; און וויאַזוי קענען מיר וויסן
6 דעם וועג? זאָגט צו אים ישוע: איך בין דער וועג
און דער אמת און דאָס לעבן; קיינער קומט נישט
7 צום פאָטער, אַ חוץ דורך מיר. אויב איר וואָלט
מיך געקענט, וואָלט איר אויך געקענט מיין פאָטער;
און פון איצט אָן קענט איר אים און האָט אים
8 געזען. זאָגט פיליפוס צו אים: האַר, ווייז אונז
דעם פאָטער, און עס וועט זיין גענוג פאַר אונז.
9 זאָגט ישוע צו אים: אַזאַ לאַנגע צייט בין איך שוין
מיט אייך, און דו קענסט מיך נישט, פיליפוס? ווער
עס האָט מיך געזען, דער האָט געזען דעם פאָטער;
10 און וויאַזוי זאָגסטו: ווייז אונז דעם פאָטער? צי
גלויבסטו דען נישט, אַז איך בין אין דעם פאָטער
און דער פאָטער איז אין מיר? די ווערטער, וואָס
איך רעד צו אייך, רעד איך נישט פון מיר אַליין;
נאָר דער פאָטער, וואָס וואוינט אין מיר, טוט זיינע
11 מעשים. גלויבט מיר, אַז איך בין אין דעם פאָטער
און דער פאָטער אין מיר; און אויב נישט,

12 גלויבט צוליב די מעשים אַליין. באמת, באמת זאָג
איך אייך: דער, וואָס גלויבט אין מיר, די מעשים
וואָס איך טו, וועט ער אויך טון; און גרעסערע ווי
די דאָזיקע וועט ער טון, ווייל איך גיי צו דעם
13 פאָטער. און וואָס איר וועט נאָר בעטן אין מיין
נאָמען, וועל איך דאָס דאָזיקע טון, כדי דער פאָטער
14 זאָל פאַרהערלעכט ווערן אין דעם זון. אויב איר
וועט מיך עפּעס בעטן אין מיין נאָמען, וועל איך
15 עס טון. אויב איר האָט מיך ליב, זאָלט איר האַלטן
16 מיינע געבאָטן! און איך וועל בעטן דעם פאָטער,
און ער וועט אייך געבן אַן אַנדערן פּרקליט,
17 כדי ער זאָל זיין מיט אייך אויף אייביק; דעם גייסט
פון אמת, וואָס די וועלט קען אים נישט אויפנעמען,
מחמת זי זעט אים נישט און קען אים נישט; איר
קענט אים יאָ, ווייל ער בלייבט ביי אייך און וועט
18 זיין אין אייך. איך וועל אייך נישט איבערלאָזן
19 ווי יתומים; איך וועל קומען צו אייך. נאָך אַ קליינע
וויילע און די וועלט זעט מיך מער נישט, איר אָבער
זעט מיך; ווייל איך לעב, וועט איר אויך לעבן.
20 אין יענעם טאָג וועט איר וויסן, אַז איך בין אין
מיין פאָטער, און איר זענט אין מיר, און איך בין
21 אין אייך. ווער עס האָט מיינע געבאָטן און האַלט
זיי, דער איז עס, וואָס האָט מיך ליב; און דער,
וואָס האָט מיך ליב, וועט זיין געליבט פון מיין
פאָטער, און איך וועל אים ליב האָבן, און וועל מיך
22 אַנטפּלעקן צו אים. זאָגט צו אים יהודה, נישט דער
איש קריות: האַר, וואָס איז געשען, אַז דו וועסט
דיך אַנטפּלעקן צו אונז און נישט צו דער וועלט?
23 האָט ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: אויב
עמיצער האָט מיך ליב, וועט ער האַלטן מיין וואָרט;
און מיין פאָטער וועט אים ליב האָבן; און מיר וועלן

קומען צו אים און מאַכן אַ וואוינונג (פאַר אונז)
24 ביי אים. ווער עס האָט מיך נישט ליב, דער האַלט
נישט מיינע ווערטער; און דאָס וואָרט, וואָס
איר הערט, איז נישט מיין, נאָר פון דעם פאָטער,
וואָס האָט מיך געשיקט.
25 דאָס האָב איך צו אייך גערעדט, זייענדיק ביי
26 אייך. דער פּרקליט אָבער, דער רוח הקודש,
וועמען דער פאָטער וועט שיקן אין מיין נאָמען, ער
וועט אייך אַלץ לערנען, און אייך דערמאָנען
27 אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. שלום לאָז
איך איבער מיט אייך; מיין שלום גיב איך אייך;
נישט ווי די וועלט גיט, גיב איך אייך. זאָל זיך
אייער האַרץ נישט באַאומרואיקן, און זאָל עס נישט
28 ווערן פאַרצאָגט. איר האָט געהערט, אַז איך האָב
אייך געזאָגט: איך גיי אַוועק, און קום (ווידער)
צו אייך. אויב איר וואָלט מיך ליב געהאַט, וואָלט
איר זיך געפריידט, אַז איך גיי צו דעם פאָטער,
29 ווייל דער פאָטער איז גרעסער פון מיר. און איצט
האָב איך עס אייך געזאָגט, איידער עס געשעט,
30 כדי איר זאָלט גלויבן, ווען עס וועט געשעען. איך
וועל מער נישט רעדן קיין סך מיט אייך; וואָרום דער
שר פון דער וועלט קומט; און אין מיר האָט ער
31 גאָרנישט; נאָר כדי די וועלט זאָל וויסן, אַז איך
האָב ליב דעם פאָטער, און ווי דער פאָטער האָט
מיר געבאָטן, אַזוי טו איך. שטייט אויף; לאָמיר
אַוועקגיין פונדאַנען.

## קאַפּיטל פיפצן

15

1 איך בין דער וואָרהאַפטיקער ווייַנשטאָק, און
2 מיין פאָטער איז דער גערטנער. יעדע צווייג
אין מיר, וואָס ברענגט נישט קיין פירות, נעמט ער
אַוועק; און יעדע, וואָס ברענגט יאָ פירות, רייניקט
3 ער, כדי זי זאָל ברענגען מער פירות. איר זענט
שוין ריין, דורך דעם וואָרט, וואָס איך האָב צו אייך
4 גערעדט. בלייבט אין מיר, און איך אין אייך.
ווי די צווייג קען נישט ברענגען קיין פירות פון
זיך אַליין, אויב זי בלייבט נישט אינם ווייַנשטאָק,
אַזוי (קענט) איר נישט, אויב איר בלייבט נישט אין
5 מיר. איך בין דער ווייַנשטאָק; איר זענט די צווייגן;
ווער עס בלייבט אין מיר, און איך אין אים, דער
ברענגט אַ סך פירות; ווייל אָן מיר קענט איר
6 גאָרנישט טון. אויב עמיצער בלייבט נישט אין
מיר, ווערט ער אַרויסגעוואָרפן אינדרויסן, ווי די
צווייג, און ווערט פאַרדאַרט; און מען זאַמלט זיי
איין און וואַרפט זיי אין פייער אַריין, און זיי
7 ווערן פאַרברענט. אויב איר בלייבט אין מיר, און
מיינע ווערטער בלייבן אין אייך, מעגט איר בעטן
וואָס איר ווילט נאָר, און עס וועט אייך געטון ווערן.
8 אין דעם דאָזיקן ווערט מיין פאָטער פאַרהערלעכט,
אַז איר זאָלט ברענגען אַ סך פירות; און זיין
9 מיינע תלמידים. ווי דער פאָטער האָט מיך
ליב געהאַט, אַזוי האָב איך אייך ליב געהאַט;
10 פאַרבלייבט אין דער ליבע מיינער! אויב איר וועט
האַלטן מיינע געבאָטן, וועט איר בלייבן אין מיין
ליבע, ווי איך האָב געהאַלטן די געבאָטן פון
מיין פאָטער, און בלייב אין דער ליבע זיינער.

11 דאָס האָב איך גערעדט צו אייך, כדי מיין פרייד
זאָל זיין אין אייך, און אייער פרייד זאָל ווערן
12 פול. דאָס דאָזיקע איז מיין געבאָט, אַז איר זאָלט
ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, ווי איך האָב
13 אייך ליב געהאַט. קיינער האָט נישט קיין גרעסערע
ליבע ווי די דאָזיקע, אַז ער זאָל אַנידערלייגן זיין
14 לעבן פאַר זיינע פריינט. איר זענט מיינע פריינט,
15 ווען איר טוט, וואָס איך באַפעל אייך. איך רוף
אייך מער נישט קנעכט, ווייל דער קנעכט ווייסט
נישט וואָס זיין האַר טוט; איך רוף אייך אָבער
פריינט, ווייל אַלץ, וואָס איך האָב געהערט ביי
16 מיין פאָטער, האָב איך אייך צו וויסן געטון. נישט
איר האָט מיך אויסדערוויילט, נאָר איך האָב אייך
אויסדערוויילט, און אייך באַשטימט, אַז איר זאָלט
גיין און ברענגען פירות, און אַז אייערע פירות זאָלן
בלייבן; כדי וואָס איר וועט בעטן דעם פאָטער אין
17 מיין נאָמען, זאָל ער אייך געבן. דאָס באַפעל איך
אייך, כדי איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.
18 אויב די וועלט האַסט אייך, ווייסט איר, אַז זי האָט
19 מיך, קודם כל, געהאַסט פאַר אייך. אויב איר וואָלט
געווען פון דער וועלט, וואָלט די וועלט ליב געהאַט
דאָס, וואָס איז איר אייגנס; ווייל אָבער איר זענט
נישט פון דער וועלט, נאָר איך האָב אייך
אויסדערוויילט פון דער וועלט, צוליב דעם האָט
20 די וועלט אייך פיינט. געדענקט דאָס וואָרט, וואָס
איך האָב אייך געזאָגט: אַ קנעכט איז נישט
גרעסער ווי זיין האַר. אויב מען האָט מיך גערודפט,
וועט מען אייך אויך רודפן; אויב מען האָט
געהאַלטן מיין וואָרט, וועט מען אויך אייערס האַלטן.
21 אָבער דאָס אַלץ וועט מען אייך טון צוליב מיין
נאָמען, ווייל זיי קענען נישט אים, וואָס האָט מיך

22 געשיקט. אויב איך וואָלט נישט געקומען און גערעדט
צו זיי, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין זינד; איצט
אָבער האָבן זיי נישט קיין אויסרייד פאַר זייער
23 זינד. ווער עס האָט מיך פיינט, דער האָט אויך
24 פיינט דעם פאָטער מיינעם. אויב איך וואָלט נישט
געטון צווישן זיי די מעשים, וואָס קיין אַנדערער
האָט נישט געטון, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין
זינד; איצט אָבער האָבן זיי געזען (די דאָזיקע)
25 און האָבן מיך דאָך פיינט און דעם פאָטער מיינעם.
נאָר (דאָס געשעט), כדי עס זאָל מקוים ווערן דאָס
וואָרט, וואָס שטייט געשריבן אין זייער תורה:
מיט אַ שנאת חנם האָבן זיי מיך פיינט געהאַט.
(תהלים לה, יט.)

26 ווען אָבער דער פּרקליט וועט קומען, וועמען
איך וועל שיקן צו אייך פון מיין פאָטער, דעם גייסט
פון אמת, וואָס קומט אַרויס פון דעם פאָטער, וועט
27 ער עדות־זאָגן וועגן מיר; און איר וועט אויך עדות־
זאָגן, ווייל איר זענט געווען מיט מיר פון אָנהויב
אָן.

## קאַפּיטל זעכצן

16

1 דאָס האָב איך צו אייך גערעדט, כדי איר זאָלט
2 נישט נכשול ווערן. מען וועט אייך לייגן
אין חרם אַריין; יאָ, עס קומט אָן אַ שעה, אַז
יעדער איינער, וואָס וועט אייך הרגענען, וועט מיינען,
3 ער דינט ג־ט מיט דעם. און דאָס וועלן זיי טון,
ווייל זיי האָבן נישט געקענט דעם פאָטער, און
4 נישט מיך. און דאָס האָב איך גערעדט צו אייך,
כדי ווען די שעה וועט קומען, זאָלט איר זיך דער־
מאָנען דערין, אַז איך האָב עס אייך געזאָגט. אין
אָנהויב אָבער האָב איך עס אייך נישט געזאָגט, ווייל

5 איך בין געווען מיט אייך· און איצט גיי איך צו אים,
וואָס האָט מיך געשיקט; און קיין איינער פון אייך
6 פרעגט מיך נישט: וואוהין גייסטו? נאָר ווייל איך
האָב דאָס גערעדט צו אייך, האָט עצבות אָנגעפילט
7 אייער האַרץ· איך זאָג אייך אָבער דעם אמת: עס
איז גוט פאַר אייך, אַז איך גיי אַוועק; וואָרום אויב
איך זאָל נישט אַוועקגיין, וועט דער פּרקליט
בשום אופן נישט קומען צו אייך; און אויב איך גיי
8 יאָ, וועל איך אים שיקן צו אייך· און ווען ער וועט
קומען, וועט ער איבערצייגן די וועלט וועגן זינד
9 און וועגן צדקות און וועגן משפט: וועגן זינד,
10 ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט אין מיר; און
וועגן צדקות, ווייל איך גיי צום פאָטער, און
11 איר וועט מיך מער נישט זעען; און וועגן משפט,
ווייל דער שר פון דער דאָזיקער וועלט איז געמשפט
12 געוואָרן· נאָך אַ סך האָב איך אייך צו זאָגן, נאָר
13 איר קענט עס איצט נישט דערטראָגן· דאָך ווען
ער וועט קומען, דער גייסט פון אמת, וועט ער אייך
פירן אין דעם גאַנצן אמת אַריין; וואָרום ער וועט
נישט רעדן פון זיך אַליין, נאָר אַלץ, וואָס ער הערט,
וועט ער רעדן; און ער וועט אייך אָנזאָגן דאָס,
14 וואָס דאַרף ערשט קומען· ער וועט מיך פאַרהערלעכן,
ווייל ער וועט באַקומען פון דעם, וואָס איז מיין און
15 וועט עס אייך דערקלערן· אַלץ, וואָס דער פאָטער
האָט, איז מיין; דערפאַר האָב איך געזאָגט, אַז ער
נעמט פון דעם, וואָס איז מיין, און וועט עס אייך
16 אָנזאָגן· נאָך אַ קליינע וויילע, און איר זעט מיך
מער נישט; און ווידער אַ קליינע וויילע, און איר
17 וועט מיך יאָ זעען· אייניקע פון זיינע תלמידים האָבן
דעריבער געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס איז
דאָס דאָזיקע, וואָס ער זאָגט אונז: אַ קליינע וויילע,

אונ איר זעט מיך נישט; אונ ווידער אַ קליינע ווײַלע,
אונ איר וועט מיך יאָ זעען? אונ: ווייל איך גיי צו דעם
18 פאָטער? דעריבער האָבן זיי געזאָגט: וואָס איז
דאָס דאָזיקע, וואָס ער זאָגט: אַ קליינע ווײַלע?
19 מיר פאַרשטייען נישט, וואָס ער רעדט. ישוע האָט
געמערקט, אַז זיי ווילן אים פרעגן, אונ ער האָט צו
זיי געזאָגט: איר פרעגט זיך נאָך, איינער ביים
אַנדערן, וועגן דעם דאָזיקן, וואָס איך האָב געזאָגט:
אַ קליינע ווײַלע, אונ איר זעט מיך נישט, אונ ווידער
20 אַ קליינע ווײַלע, אונ איר וועט מיך זעען? באמת,
באמת זאָג איך אייך: איר וועט וויינען אונ
קלאָגן, אָבער די וועלט וועט זיך פרייען; איר וועט
זיין טרויעריק, נאָר אייער טרויער וועט ווערן אַ
21 שמחה· אַ פרוי, ווען זי גייט צו קינד, איז טרויעריק,
ווייל איר שעה איז געקומען; ווען אָבער זי האָט
געבוירן דאָס קינד, געדענקט זי מער נישט די
אַנגסט, צוליב דער פרייד, אַז אַ מענטש איז געבוירן
22 געוואָרן אין דער וועלט אַריין· אַזוי האָט איר אויך
איצט צער; איך וועל אייך אָבער ווידער זעען, אונ
אייער הארץ וועט זיך פרייען, אונ די שמחה אייערע
23 וועט קיינער נישט אַוועקנעמען פונ אייך· אונ אינ
יענעם טאָג וועט איר מיך גאָרנישט מער פרעגן·
באמת, באמת זאָג איך אייך: וואָס איר וועט באַר
בעטן דעם פאָטער וועט ער אייך געבן אין מיין
24 נאָמען· ביז אַצונד האָט איר גאָרנישט געבעטן אין
מיין נאָמען; בעט, אונ איר וועט באַקומען, כדי
אייער פרייד זאָל ווערן פול·
25 די דאָזיקע זאַכן האָב איך גערעדט צו אייך אין
משלים; עס קומט אָן אַ שעה, ווען איך וועל
מער נישט רעדן צו אייך אין משלים, נאָר
26 אייך אָנזאָגן אָפן וועגן דעם פאָטער· אין יענעם

טאָג וועט איר בעטן אין מיין נאָמען; און איך זאָג
אייך נישט, אַז איך וועל בעטן דעם פֿאָטער פֿאַר
27 אייערטוועגן; וואָרום דער פֿאָטער אַליין האָט אייך
ליב, ווייל איר האָט מיך ליב, און גלויבט, אַז
28 איך בין אַרויסגעקומען פֿון ג־ט. איך בין אַרויס־
געקומען פֿון דעם פֿאָטער, און בין געקומען אין
דער וועלט אַריין; ווידער פֿאַרלאָז איך די וועלט,
29 און גיי צו דעם פֿאָטער. זאָגן זיינע תּלמידים: זע,
איצט רעדסטו אָפֿן, און זאָגסט נישט קיין משל.
30 איצט ווייסן מיר, אַז דו ווייסט אַלץ, און דאַרפֿסט
נישט, אַז עמיצער זאָל דיך פֿרעגן; דורך דעם
גלויבן מיר, אַז דו ביסט אַרויסגעקומען פֿון ג־ט.
31 האָט ישוע זיי געענטפֿערט: איצט גלויבט איר?
32 זע, עס קומט אַ שעה, און איז שוין אָנגעקומען, אַז איר
זאָלט צעשפּרייט ווערן, יעדער איינער צו די זייניקע,
און מיך וועט איר איבערלאָזן איינעם אַליין; און
איך בין (דאָך) נישט איינער אַליין, ווייל דער
33 פֿאָטער איז מיט מיר. דאָס האָב איך גערעדט צו
אייך, כּדי אין מיר זאָלט איר האָבן שלום. אין דער
וועלט האָט איר צרות; נאָר זייט געטרייסט; איך
האָב מנצח געווען די וועלט.

## 17 קאַפּיטל זיבעצן

1 דאָס האָט ישוע גערעדט; און אויפֿהייבנדיק
זיינע אויגן צום הימל, האָט ער געזאָגט: פֿאָטער,
עס איז געקומען די שעה; פֿאַרהערלעך דיין
2 זון, כּדי דער זון זאָל דיך פֿאַרהערלעכן; ווי
דו האָסט אים געגעבן מאַכט איבער יעדן בשר
(ודם), כּדי ער זאָל געבן אייביק לעבן צו אַלעמען,
3 וואָס דו האָסט אים געגעבן. און דאָס איז דאָס

אייביקע לעבן, אַז זיי זאָלן דיך קענען, דעם איינציק
אמתן ג־ט, און ישוע המשיחן, וועמען דו האָסט
4 געשיקט. איך האָב דיך פאַרהערלעכט אויף דער
ערד, איך האָב פאַרענדיקט דאָס ווערק, וואָס דו
5 האָסט מיר געגעבן צו טון. און איצט, פאָטער,
פאַרהערלעך דו מיך, מיט דער הערלעכקייט, וואָס
איך האָב געהאַט ביי דיר, איידער די וועלט איז
6 (באַשאַפן) געוואָרן. איך האָב אַנטפּלעקט דיין
נאָמען צו די מענטשן, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן
אויס דער וועלט; דיין זענען זיי געווען, און דו
האָסט זיי מיר געגעבן; און זיי האָבן געהאַלטן דיין
7 וואָרט. איצט ווייסן זיי, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר
8 געגעבן, איז פון דיר; ווייל די ווערטער, וואָס דו
האָסט מיר געגעבן, האָב איך זיי געגעבן; און
זיי האָבן זיי אָנגענומען, און באמת דערקענט,
אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דיר; און האָבן
9 געגלויבט, אַז דו האָסט מיך געשיקט. איך בעט
דיך פאַר זייערטוועגן; איך בעט נישט פאַר דער
וועלט, נאָר פאַר די, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן,
10 ווייל זיי זענען דיין; און אַלץ, וואָס איז מיין, איז
דיין, און דיינס איז מיין; און איך בין פאַרהערלעכט
11 אין זיי. און איך בין מער נישט אין דער וועלט,
און זיי זענען אין דער וועלט, און איך קום צו דיר.
הייליקער פאָטער, באַהיט זיי אין דיין נאָמען, וואָס
דו האָסט מיר געגעבן, כדי זיי זאָלן זיין איינס,
12 אַזוי ווי מיר! בשעת איך בין געווען מיט זיי, האָב
איך זיי באַהיט אין דיין נאָמען, וועלכן דו האָסט
מיר געגעבן; און האָב געוואַכט (איבער זיי),
און קיינער פון זיי איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען,
אָ חוץ דער בן האבדון (פאַרלוירענער זון), כדי דער
13 פסוק זאָל מקוים ווערן. איצט אָבער גיי איך צו

דיר; און דאָס זאָג איך אין דער וועלט, כדי זיי
14 זאָלן האָבן מיין פרייד שלימותדיק אין זיך. איך
האָב זיי געגעבן דיין וואָרט; און די וועלט האָט
זיי פיינט, ווייל זיי זענען נישט פון דער וועלט,
15 פונקט ווי איך בין נישט פון דער וועלט. איך בעט
נישט, אַז דו זאָלסט זיי אַרויסנעמען אויס דער
וועלט, נאָר אַז דו זאָלסט זיי אָפּהיטן פון בייז.
16 זיי זענען נישט פון דער וועלט, פונקט ווי איך בין
17 נישט פון דער וועלט. הייליק זיי אין דעם אמת;
18 דיין וואָרט איז אמת. ווי דו האָסט מיך געשיקט אין
דער וועלט אַריין, אַזוי האָב איך זיי געשיקט אין
19 דער וועלט אַריין. און פאַר זייערטוועגן הייליק
איך מיך, כדי זיי זאָלן זיין געהייליקט אין דעם
20 אמת. און נישט נאָר פאַר די דאָזיקע אַליין בעט
איך, נאָר אויך פאַר יענע, וואָס וועלן גלויבן
21 אין מיר דורך זייער וואָרט, כדי אַלע זאָלן זיין
איינס; ווי דו, פאָטער, אין מיר, און איך אין
דיר, אַז אויך זיי זאָלן זיין אין אונז; כדי די וועלט
22 זאָל גלויבן, אַז דו האָסט מיך געשיקט. און
דעם כבוד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב
איך זיי געגעבן, כדי זיי זאָלן זיין איינס פונקט ווי
23 מיר זענען איינס. איך אין זיי, און דו אין מיר, כדי
זיי זאָלן ווערן שלימותדיק אין איינעם, כדי די
וועלט זאָל וויסן, אַז דו האָסט מיך געשיקט, און
האָסט זיי ליב געהאַט, פונקט אַזוי ווי דו האָסט מיך
24 ליב געהאַט. פאָטער, איך וויל, אַז וואו איך בין,
זאָלן אויך זיין מיט מיר די, וועלכע דו האָסט מיר
געגעבן, כדי זיי זאָלן זעען מיין כבוד, וואָס
דו האָסט מיר געגעבן; ווייל דו האָסט מיך ליב
געהאַט פון פאַר דער גרינדונג פון דער וועלט.
25 גערעכטער פאָטער, די וועלט האָט דיך נישט געקענט,

איך אָבער האָב דיך יאָ געקענט; און די דאָזיקע
26 ווייסן, אַז דו האָסט מיך געשיקט; און איך האָב צו
זיי באַקאַנט געמאַכט דיין נאָמען, און וועל אים
באַקאַנט מאַכן, כדי די ליבע, מיט וועלכער דו
האָסט מיך ליב געהאַט, זאָל זיין אין זיי, און איך
אין זיי.

## קאַפיטל אַכצן

18

1 האָבנדיק דאָס געזאָגט, איז ישוע אַרויסגעגאַנגען
צוזאַמען מיט זיינע תלמידים איבער דעם שטראָם
קדרון, וואו עס איז געווען אַ גאָרטן, אין וועלכן
2 ער איז אַריינגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים. און
אויך יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט געקענט
דאָס אָרט, ווייל אַ סך מאָל איז ישוע זיך דאָרטן
3 צוזאַמענגעקומען מיט די תלמידים זיינע. און
יהודה האָט באַקומען די אָפטיילונג (סאָלדאַטן) און
משרתים פון די הויפט־כהנים און פרושים, און איז
אַהינגעקומען מיט פאַקלען און לאָמפן און כלי זין.
4 און ישוע האָט געוואוסט אַלץ, וואָס וועט קומען
אויף אים; און איז אַרויסגעגאַנגען און האָט צו זיי
5 געזאָגט: וועמען זוכט איר? האָבן זיי אים געענט־
פערט: ישוען, דעם נוצרי! זאָגט ער צו זיי: איך
בין עס! און יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, איז
6 געשטאַנען מיט זיי. און ווי ישוע האָט צו זיי געזאָגט:
איך בין עס! זענען זיי געגאַנגען הינטערוויילעכס
7 און זענען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד. און ער
האָט זיי ווידער געפרעגט: וועמען זוכט איר? און
8 זיי האָבן געזאָגט: ישוען, דעם נוצרי! האָט ישוע
געענטפערט: איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך
בין עס! און אויב איר זוכט מיך, לאָזט די
9 דאָזיקע גיין; כדי עס זאָל מקוים ווערן דאָס

וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט: די, וואָס דו האָסט
מיר געגעבן, פון זיי האָב איך קיין איינעם נישט
10 פאַרלוירן. און שמעון פעטרוס, האָבנדיק אַ שווערד,
האָט זי אַרויסגעצויגן, און געשלאָגן דעם כהן גדולס
קנעכט און אים אָפּגעהאַקט דאָס רעכטע אויער.
11 און דער קנעכט האָט געהייסן מלכוס. ישוע האָט
דעריבער געזאָגט צו פעטרוסן: לייג אַריין די שווערד
אין דער שייד. דעם בעכער, וואָס דער פאָטער
האָט מיר געגעבן, זאָל איך אים דען נישט
טרינקען?
12 און די אָפּטיילונג (סאָלדאַטן) מיט דעם אָפיציר און
די משרתים פון די יידן האָבן געכאַפּט ישוען און אים
13 געבונדן, און אים קודם כל אַוועקגעפירט צו חנן;
וואָרום ער איז געווען דער שווער פון קיפא, וועלכער
14 איז געווען כהן גדול אין יענעם יאָר. און עס איז
געווען קיפא, וואָס האָט געראַטן די יידן, אַז עס
איז גוט איין מענטש זאָל שטאַרבן פאַר דעם פאָלק.
15 און שמעון פעטרוס און אַן אַנדערער תלמיד האָבן
נאָכגעפאָלגט ישוען. און יענער תלמיד איז געווען
באַקאַנט מיט דעם כהן גדול, און ער איז אַריינגעגאַנגען
16 מיט ישוען אין הויף פון דעם כהן גדול. פעטרוס
אָבער איז געשטאַנען ביי דער טיר אינדרויסן. דער
אַנדערער תלמיד, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט דעם
כהן גדול, איז דעריבער אַרויסגעגאַנגען און האָט
גערעדט מיט דער טיר־וועכטערין, און אַריינגעפירט
17 פעטרוסן. און די מויד, די טיר־וועכטערין, האָט
געזאָגט צו פעטרוסן: צי ביסטו דען נישט אויך פון
די תלמידים פון דעם דאָזיקן מענטש? זאָגט ער:
18 איך בין נישט. און די קנעכט און די משרתים זענען
געשטאַנען און האָבן זיך געוואַרעמט ביי אַ פייער,
וואָס זיי האָבן געמאַכט פון האָלצקוילן, ווייל עס

איז געווען קאַלט; און פּעטרוס איז אויך געווען
מיט זיי, שטייענדיק און וואַרעמענדיק זיך.
19 און דער כהן גדול האָט אויסגעפרעגט ישוען
20 וועגן זיינע תלמידים און וועגן זיין לערנונג. האָט
ישוע אים געענטפערט: איך האָב גערעדט בפרהסיא
אין דער וועלט; איך האָב תמיד געלערנט אין שול
און אינעם בית המקדש, וואו אַלע יידן קומען זיך
צונויף, און אין פאַרבאָרגעניש האָב איך גאָרנישט
21 גערעדט. וואָס פרעגסטו מיך? פרעג די צוהערער
וואָס איך האָב צו זיי גערעדט; זע, זיי ווייסן, וואָס
22 איך האָב געזאָגט. און בשעת ער האָט אַזוי גערעדט,
האָט איינער פון די משרתים, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען, געגעבן ישוען אַ פּאַטש, זאָגנדיק: אָט אַזוי
23 ענטפערסטו דעם כהן גדול? האָט ישוע אים געענט-
פערט: אויב איך האָב שלעכט גערעדט, זאָג עדות
וועגן דעם שלעכטן; אויב אָבער (איך האָב גערעדט)
24 גוט, וואָס שלאָגסטו מיך? און חנן האָט אים אַוועק-
געשיקט אַ געבונדענעם צו קיפא דעם כהן גדול.
25 שמעון פּעטרוס אָבער איז געשטאַנען און זיך
געוואָרעמט. און מען האָט צו אים געזאָגט: צי
ביסטו דען נישט אויך פון זיינע תלמידים? האָט ער
26 געלייקנט און געזאָגט: איך בין נישט! זאָגט צו
אים איינער פון דעם כהן גדולס קנעכט, וואָס איז
געווען אַ קרוב פון דעם, וועמען פּעטרוס האָט
אָפּגעהאַקט דאָס אויער: צי האָב איך דיך דען נישט
27 געזען אינעם גאָרטן מיט אים? פּעטרוס האָט דעריבער
ווידער געלייקנט; און גלייך האָט אַ האָן געקרייעט.
28 דאַן האָט מען ישוען אַוועקגעפירט פון קיפא צום
פּרעטאָריום; און עס איז געווען פרי; און זיי זענען
נישט אַריינגעגאַנגען אין פּרעטאָריום, כדי זיי זאָלן
זיך נישט מטמא זיין, נאָר זאָלן (קענען) עסן דאָס

29 קרבן פסח׃ פּילאַטוס איז דעריבער אַרויסגעגאַנגען
צו זיי אינדרויסן, און געזאָגט: וואָס פאַר אַ באַשול־
דיקונג ברענגט איר קעגן דעם דאָזיקן מענטשן?
30 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט צו אים: אויב
דער דאָזיקער וואָלט נישט געווען טון קיין בייז,
וואָלטן מיר אים נישט איבערגעגעבן צו דיר׃
31 פּילאַטוס האָט דעריבער צו זיי געזאָגט: נעמט איר
אים, און משפּט אים לויט אייער תורה׃ האָבן די
יידן צו אים געזאָגט: מיר האָבן נישט קיין רשות
32 עמיצן צו טייטן; כדי עס זאָל דערפילט ווערן
ישועס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, מרמז
זייענדיק, מיט וועלכן טויט ער גייט שטאַרבן׃
33 פּילאַטוס איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין פּרעטאָר־
יום אַריין, און האָט גערופן ישוען, און געזאָגט
34 צו אים: צי ביסט דו דער מלך פון די יידן? האָט
ישוע געענטפערט: זאָגסטו דאָס דאָזיקע פון דיר
אַליין, אָדער האָבן אַנדערע עס דיר געזאָגט וועגן
35 מיר? פּילאַטוס האָט געענטפערט: בין איך דען אַ
ייד? דאָס פאָלק דיינס און די הויפּט־כהנים האָבן
דאָך דיך איבערגעגעבן צו מיר; וואָס האָסטו געטון?
36 האָט ישוע געענטפערט: מיין מלכות איז נישט
פון דער דאָזיקער וועלט; אויב מיין מלכות וואָלט
יאָ געווען פון דער דאָזיקער וועלט, וואָלטן מיינע
משרתים געקעמפט, כדי איך זאָל נישט איבערגעגעבן
ווערן צו די יידן; איצט אָבער איז מיין מלכות
37 נישט פונדאַנען׃ פּילאַטוס האָט דעריבער צו אים
געזאָגט: אויב אַזוי ביסטו טאַקע אַ מלך? האָט ישוע
געענטפערט: דו זאָגסט עס, אַז איך בין אַ מלך׃
דערצו בין איך געבוירן געוואָרן און דערצו בין
איך געקומען אין דער וועלט אַריין, כדי איך זאָל
עדות זאָגן אויף דעם אמת׃ יעדער איינער, וואָס

איז פון דעם אמת, הערט מיין קול. זאָגט פּילאַטוס
צו אים: וואָס איז דער אמת?
38 און האָבנדיק דאָס געזאָגט, איז ער ווידער אַרויס־
געגאַנגען צו די יידן, און זאָגט צו זיי: איך געפין
39 נישט קיין שום שולד אין אים! עס איז אָבער אַ
מנהג בײַ אייך, אַז איך זאָל אייך אָפּלאָזן איינעם
אויף פּסח; צי ווילט איר איך זאָל אייך
40 אָפּלאָזן דעם מלך פון די יידן? און זיי האָבן
ווידער אַ געשריי געטון, אַזוי צו זאָגן: נישט דעם
דאָזיקן, נאָר בר־אַבאָן! און דער בר־אַבאָ איז
געווען אַ רויבער.

## קאַפּיטל ניינצן

1 דעמלט האָט פּילאַטוס גענומען ישוען און אים
2 געלאָזט שמייסן. און די זעלנער האָבן געפלאָכטן
אַ קרוין פון דערנער, און זי אַרויפגעזעצט אויף זיין
קאָפּ, און האָבן אים אָנגעטון אַ פּורפּור־מלבוש.
3 און זענען געקומען צו אים און געזאָגט: שלום
דיר, מלך פון די יידן! און האָבן אים געגעבן פּעטש.
4 און פּילאַטוס איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן
און האָט צו זיי געזאָגט: זע, איך פיר אים אַרויס
צו אייך, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך געפין נישט
5 קיין שום שולד אין אים. און ישוע איז אַרויסגעקומען
אינדרויסן, טראָגנדיק די דערנער קרוין און דאָס פּור־
פּור־מלבוש. און ער (פּילאַטוס) זאָגט צו זיי: זע,
6 דער מענטש! ווען די הויפּט־כהנים און זייערע משרתים
האָבן אים געזען, האָבן זיי אַ געשריי געטון, אַזוי
צו זאָגן: קרייציק אים, קרייציק אים! זאָגט פּילאַטוס
צו זיי: נעמט איר און קרייציקט אים, וואָרום איך
7 געפין נישט אין אים קיין שולד. האָבן די יידן אים
געענטפערט: מיר האָבן אַ תורה, און לויט דער

תורה איז ער חייב מיתה, ווייל ער האָט זיך געמאַכט
8 פאַר ג-טס זון· און ווען פּילאַטוס האָט געהערט דאָס
דאָזיקע וואָרט, האָט ער זיך נאָך מער געפאָרכטן;
9 און איז ווידער אַריינגעגאַנגען אינם פּרעטאָריום
און האָט געזאָגט צו ישוען: פונוואַנען ביסטו?
ישוע אָבער האָט אים נישט געגעבן קיין ענטפער·
10 פּילאַטוס זאָגט דעריבער צו אים: צו מיר רעדסטו
נישט? ווייסטו דען נישט, אַז איך האָב מאַכט דיך
צו באַפרייען, און האָב מאַכט דיך צו קרייציקן?
11 האָט ישוע געענטפערט: דו וואָלסט נישט געהאַט
קיין שום מאַכט קעגן מיר, אויב עס וואָלט דיר
נישט געגעבן געוואָרן פון אויבן: דערפאַר האָט אַ
גרעסערע זינד דער, וואָס האָט מיך איבערגעגעבן
12 צו דיר· פון דעמלט אָן האָט פּילאַטוס געזוכט אים
צו באַפרייען; די יידן אָבער האָבן געשריגן, אַזוי צו
זאָגן: אויב דו באַפרייסט דעם דאָזיקן, ביסטו נישט
דעם קיסרס פריינט; (וואָרום) יעדער איינער, וואָס
מאַכט זיך פאַר אַ מלך, ווידערשפעניקט קעגן קיסר·
13 ווען זשע פּילאַטוס האָט געהערט די דאָזיקע
ווערטער, האָט ער אַרויסגעפירט ישוען, און
זיך אַנידערגעזעצט אויף דער טריבונאַל-שטול,
אויף דעם אָרט, וואָס הייסט ליטאָסטראָטאָס, און
14 אויף לשון-קודש גבתא (אויספלאַסטערונג)· און עס
איז געווען ערב פסח, אַרום דער זעקסטער שעה·
און ער האָט געזאָגט צו די יידן: זע, אייער
15 מלך! און זיי האָבן אַ געשריי געטון: אַוועק, אַוועק,
קרייציק אים! זאָגט פּילאַטוס צו זיי: דעם מלך
אייערן זאָל איך קרייציקן? האָבן די הויפּט-כהנים
געענטפערט: מיר האָבן נישט קיין מלך אַחוץ
16 דעם קיסר! האָט ער דעמלט אים איבערגעגעבן
צו זיי, אַז ער זאָל געקרייציקט ווערן·

17 זיי האָבן דעריבער גענומען ישוען; און טראָגנדיק
אַליין זיין בוים(שמואל [ב] יח:ט), איז ער אַרויסגעגאַנגען צו אַן
אָרט, וואָס הייסט דאָס אָרט פון אַ שאַרבן, אויף
18 לשון־קודש הייסט עס גלגלתא; וואו זיי האָבן אים
געקרייציקט, און מיט אים אַנדערע צוויי, אויף
19 ביידע זייטן, און ישוען אין דער מיט· און פּילאַטוס
האָט אויך געשריבן אַ טיטל און אים אַרויפגעזעצט
אויפן בוים(שמואל [ב] יח:ט), און עס איז געווען געשריבן: ישוע
20 הנוצרי מלך היהודים· און אַ סך פון די יידן האָבן
געלייענט דעם דאָזיקן טיטל, ווייל דאָס אָרט, וואו
ישוע איז געקרייציקט געוואָרן, איז געווען נאָנט
צו דער שטאָט; און עס איז געווען געשריבן אויף
21 לשון־קודש, לאַטייניש און גריכיש· און די הויפּט־
כהנים פון די יידן האָבן געזאָגט צו פּילאַטוסן: שרייב
נישט: דער מלך פון די יידן; נאָר אַז ער האָט
22 געזאָגט: איך בין דער מלך פון די יידן· האָט
פּילאַטוס געענטפערט: וואָס איך האָב געשריבן,
האָב איך געשריבן!
23 און די זעלנער, ווען זיי האָבן געקרייציקט
ישוען, האָבן גענומען זיינע מלבושים, און געמאַכט
פיר חלקים, פאַר יעדן זעלנער אַ חלק, און אויך
דאָס אויבערמלבוש· און דאָס אויבערמלבוש איז
נישט געווען גענייט, נאָר אינגאַנצן געוועבט פון
24 אויבן (ביז אַראָפּ)· זיי האָבן דעריבער געזאָגט
איינער צום אַנדערן: לאָמיר עס נישט צערייסן,
נאָר וואַרפן גורל וועגן דעם, וועמעס עס זאָל
זיין; כדי דער פּסוק זאָל מקוים ווערן:

זיי האָבן צעטיילט מיינע קליידער צווישן זיך,
און אויף מיין לבוש האָבן זיי געוואָרפן גורל·
(תהלים כב, יט·)

25 און די דאָזיקע זאַכן האָבן די זעלנער געטון· און

ביים בוים (שמואל יהוש) 3 פון ישוען זענען געשטאַנען זיין מוטער
און זיין מוטערס שוועסטער, מרים דאָס ווייב פון
קלאָפּאַס, און מרים פון מגדלה· און ווען ישוע 26
האָט געזעען זיין מוטער און דעם תלמיד, וועלכן ער
האָט ליב געהאַט, שטיין דערנעבן, זאָגט ער צו דער
מוטער: אשה, זע, דיין זון! דערנאָך זאָגט ער 27
צו דעם תלמיד: זע, דיין מוטער! און פון יענער
שעה האָט יענער תלמיד זי גענומען צו זיך·

נאָך דעם, אַזויווי ישוע האָט געוואוסט, אַז אַלץ 28
האָט זיך שוין געענדיקט, כדי דער פסוק זאָל מקוים
ווערן, זאָגט ער: איך בין דאָרשטיק! דאָרט איז 29
געשטאַנען אַ געפעס פול מיט עסיק· און זיי האָבן
אַרויפגעלייגט אויף אַן אזוב־שטענגל אַ שוואָם
אָנגעפילט מיט עסיק און אים דערלאַנגט צום
מויל· און ווען ישוע האָט גענומען דעם עסיק, 30
האָט ער געזאָגט: עס איז געענדיקט, און האָט
געבייגט דעם קאָפּ און אויפגעגעבן די נשמה·

און ווייל עס איז געווען ערב שבת, כדי די גופים 31
זאָלן נישט בלייבן דעם שבת אויפן בוים (שמואל יהוש) 3—וואָרום
יענער שבת איז געווען שבת הגדול—האָבן די
יידן געבעטן פּילאַטוסן, אַז מען זאָל צעברעכן די
ביינער פון די גופים, און זיי אַראָפּנעמען· זענען געקו־ 32
מען די זעלנער און האָבן דעם ערשטן צעבראָכן די
ביינער און דעם אַנדערן, וואָס איז געקרייציקט
געוואָרן מיט אים· קומענדיק אָבער צו ישוען, 33
ווי זיי האָבן געזעען, אַז ער איז שוין געשטאָרבן,
האָבן זיי אים נישט צעבראָכן די ביינער· נאָר 34
איינער פון די זעלנער האָט אים אַדורכגעשטאָכן
די זייט מיט אַ שפּיז; און גלייך איז אַרויסגעקומען
בלוט און וואַסער· און דער, וואָס האָט עס געזעען, 35
האָט עדות געזאָגט, און זיין עדות־זאָגן איז וואָר;

און ער ווייסט, אַז ער זאָגט דעם אמת, כדי
36 איך איר זאָלט גלויבן. וואָרום דאָס איז געשעען,
כדי דער פסוק זאָל דערפילט ווערן:
קיין ביין זאָלט איר אים נישט צעברעכן.
(שמות יב, מו.)
37 און ווידער אַן אַנדערער פסוק זאָגט:
זיי וועלן קוקן אויף אים, וועמען זיי האָבן
אַדורכגעשטאָכן. (זכריהו יב, י.)
38 און נאָך דעם האָט יוסף הרמתי, וועלכער איז
געוועזן אַ פאַרבאָרגענער תלמיד פון ישוען, אויס
מורא פאַר די יידן, געבעטן פּילאַטוסן, אַז ער
זאָל מעגן אַוועקנעמען ישועס גוף; און פּילאַטוס
האָט עס דערלויבט. ער איז דעריבער געקומען
39 און האָט אַוועקגענומען זיין גוף. און נקדימון איז
אויך געקומען, (דער, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל
געקומען צו ישוען ביינאַכט) ברענגענדיק צו טראָגן
אַ געמישטע זאַלב פון מירע און אַלאָע, אַן ערך
40 הונדערט פונט. און זיי האָבן גענומען ישועס
גוף און אים איינגעוויקלט אין תכריכים מיט די
געווירצן לויט דעם מנהג ביי יידן מקבר צו
41 זיין. און אויף דעם אָרט, וואו ער איז געקרייציקט
געוואָרן, איז געוועזן אַ גאָרטן, און אין דעם גאָרטן
אַ ניי קבר, אין וועלכן עס איז נאָך קיינמאָל קיינער
42 נישט געלייגט געוואָרן. און דאָרטן—צוליב דעם
ערב שבת ביי יידן, ווייל דאָס קבר איז געוועזן
נאָנט—האָבן זיי געלייגט ישוען.

## קאַפּיטל צוואַנציק

20

און דעם ערשטן טאָג פֿון דער וואָך אינדערפֿרי, 1
בשעת עס איז נאָך געווען פֿינסטער, קומט מרים
פֿון מגדלה צום קבר, און זעט דעם שטיין
אַוועקגענומען פֿון קבר. לויפֿט זי דעריבער 2
און קומט צו שמעון פּעטרוסן און צום אַנדערן
תּלמיד, וועמען ישוע האָט ליב געהאַט, און זאָגט צו
זיי: מען האָט אַוועקגענומען דעם האַר פֿון דעם
קבר אַרויס, און מיר ווייסן נישט, וואו מען האָט
אים געלייגט. און פּעטרוס איז אַרויסגעגאַנגען און 3
דער אַנדערער תּלמיד, און זענען אַוועק צום קבר.
און ביידע זענען געלאָפֿן צוזאַמען; און דער 4
אַנדערער תּלמיד איז געלאָפֿן פֿאָרויס, גיכער ווי
פּעטרוס און איז דער ערשטער אָנגעקומען צום
קבר. און איינבייגנדיק זיך, האָט ער געזען 5
די תּכריכים ליגן; ער איז אָבער נישט אַרייַנגע־
גאַנגען. דאַן קומט אויך שמעון פּעטרוס, נאָכפֿאָלגנ־ 6
דיק אים, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין קבר אַרייַן;
און זעט די תּכריכים ליגן, און דאָס טיכל, וואָס 7
איז געווען אויף זייַן קאָפּ, איז נישט געלעגן צוזאַמען
מיט די תּכריכים, נאָר באַזונדער צונויפֿגעוויקלט
אויף איין אָרט. און דעמלט איז אויך דער אַנדערער 8
תּלמיד אַרייַנגעגאַנגען, ער, וואָס איז געקומען דער
ערשטער צום קבר, און האָט געזען און געגלויבט.
וואָרום זיי האָבן נאָך נישט פֿאַרשטאַנען די שריפֿט, 9
אַז ער מוז אויפֿשטיין פֿון די טויטע. און די תּלמידים 10
זענען ווידער אַוועק צו זיך אַהיים.

מרים אָבער איז געשטאַנען אינדרויסן ביים קבר 11
וויינענדיק; און בשעת די האָט געוויינט, האָט זי

12 זיך אַראָפּגעבויגן צום קבר, און זעט צוויי מלאכים
אין ווייסן זיצן, איינעם צוקאָפּנס און איינעם צופוסנס,
13 וואו ישועס גוף איז געלעגן. און יענע זאָגן צו
איר: אשה, וואָס וויינסטו? זאָגט זי צו זיי: ווייל
מען האָט אַוועקגענומען דעם האַר מיינעם, און
איך ווייס נישט, וואו מען האָט אים געלייגט.
14 דאָס זאָגנדיק, האָט זי זיך אויסגעדרייט הינטער
זיך, און זעט ישוען שטיין, און האָט נישט
15 געוואוסט, אַז עס איז ישוע. זאָגט ישוע צו איר:
אשה, וואָס וויינסטו? וועמען זוכסטו? און מיינענדיק,
אַז ער איז דער גערטנער, זאָגט זי צו אים: האַר,
אויב דו האָסט אים אַוועקגעטראָגן, זאָג מיר, וואו
דו האָסט אים געלייגט, און איך וועל אים אַוועק־
16 נעמען. זאָגט ישוע צו איר: מרים! זי האָט זיך
אויסגעדרייט און זאָגט צו אים: אויף לשון־קודש:
17 רבוני! (דאָס הייסט לערער!) זאָגט ישוע צו איר:
ריר מיך נישט אָן; וואָרום איך בין נאָך נישט
אַרויפגעגאַנגען צום פאָטער; נאָר גיי צו מיינע
ברידער און זאָג זיי, איך גיי אַרויף צו מיין פאָטער
און אייער פאָטער, און צו מיין ג־ט און אייער ג־ט.
18 קומט מרים פון מגדלה און דערציילט די תלמידים,
אַז זי האָט געזעען דעם האַר, און דאָס האָט ער איר
געזאָגט.
19 און אין יענעם טאָג אין אָוונט, דעם ערשטן
פון דער וואָך, בשעת די טירן זענען געווען
פאַרשלאָסן, וואו די תלמידים האָבן זיך געפונען,
אויס מורא פאַר די יידן, איז ישוע געקומען און
האָט זיך געשטעלט אין דער מיט, און זאָגט צו זיי:
20 שלום עליכם! און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט
ער זיי געוויזן די הענט און די זייט. און די תלמידים
21 האָבן זיך געפריידט, זעענדיק דעם האַר. און

ישוע האָט ווידער צו זיי געזאָגט: שלום עליכם!
ווי דער פּאָטער האָט מיך געשיקט, אַזוי שיק איך
22 אייך. און דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויף זיי
געאָטעמט, און זאָגט צו זיי: זייט מקבל דעם
23 רוח הקודש! וועמען איר וועט מוחל זיין די
זינד, וועט עס זיי זיין פאַרגעבן געוואָרן; וועמען
איר וועט צוריקהאַלטן, וועלן זיי זיין צוריק־
געהאַלטן.

24 אָבער תומא, איינער פון די צוועלף, וועמען מען
האָט גערופן דידומאָס, איז נישט געווען צוזאַמען
25 מיט זיי, ווען ישוע איז געקומען. האָבן די אַנדערע
תלמידים דעריבער געזאָגט צו אים: מיר האָבן
געזעען דעם האַר! ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט:
אויב איך וועל נישט זעען דעם צייכן פון די נעגל
אין זיינע הענט, און אַריינשטעקן מיין פינגער אויף
דעם אָרט פון די נעגל, און אַריינטון מיין האַנט
אין זיין זייט, וועל איך בשום אופן נישט
גלויבן!

26 און אין אַכט טעג אַרום זענען זיינע תלמידים
ווידער געווען אינעווייניק (אינם הויז), און תומא
איז געווען מיט זיי. קומט ישוע, בשעת די טירן
זענען געווען פאַרשלאָסן, און האָט זיך געשטעלט
27 אין דער מיט און געזאָגט: שלום עליכם! דאַן זאָגט
ער צו תומאָ: שטרעק אויס דיין פינגער אַהער און
זע מיינע הענט; און שטרעק אויס דיין האַנט און
טו זי אַריין אין מיין זייט, און זיי נישט אומ־
28 גלויביק, נאָר זיי אַ מאמין! האָט תומאָ געענטפערט
29 און געזאָגט צו אים: מיין האַר און מיין ג־ט! זאָגט
ישוע צו אים: ווייל דו האָסט מיך געזעען, גלויבסטו?
וואויל איז די, וואָס האָבן נישט געזעען און גלויבן
דאָך!

30 און נאָך אַ סך אַנדערע נסים האָט ישוע געטון
פאַר זיינע תלמידים, וואָס שטייען נישט געשריבן
31 אין דעם דאָזיקן ספר. און די דאָזיקע זענען געשריבן
געוואָרן, כדי איר זאָלט גלויבן, אַז ישוע איז דער
משיח, דער בן אלקים, און אַז גלויבנדיק, זאָלט
איר האָבן לעבן אין זיין נאָמען.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק 21

1 נאָך דעם האָט ישוע זיך ווידער באַוויזן צו די
תלמידים ביים ים פון טבריה; און האָט זיך
2 באַוויזן אויף אַזאַ אופן: עס זענען געווען צוזאַמען
שמעון פּעטרוס און תומאָ, וואָס מען האָט אים
גערופן דידומאָס, און נתנאל פון קנה אין גליל, און
זבדיס זין, און אַנדערע צוויי פון זיינע תלמידים.
3 זאָגט שמעון פּעטרוס צו זיי: איך גיי פאַנגען פיש!
זאָגן זיי צו אים: מיר וועלן אויך קומען מיט דיר.
און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען איינגעשטיגן
אינם שיפל; און אין יענער נאַכט האָבן זיי גאָרנישט
4 געכאַפּט. און ווען עס איז שוין געווען אינדערפרי,
איז ישוע געשטאַנען ביים ברעג; דאָך האָבן די
5 תלמידים נישט געוואוסט, אַז עס איז ישוע. און
ישוע זאָגט צו זיי: קינדער, צי האָט איר נישט
עפּעס צו עסן? האָבן זיי אים געענטפערט: ניין!
6 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: וואַרפט אַריין די
נעץ אויף דער רעכטער זייט פונם שיפל, און איר
וועט געפינען. און זיי האָבן אַריינגעוואָרפן און
האָבן זי מער נישט געקענט אַרויסציען, צוליב דער
7 מאַסע פיש. זאָגט יענער תלמיד, וועלכן ישוע האָט
ליב געהאַט, צו פּעטרוסן: עס איז דער האַר! און ווי
שמעון פּעטרוס האָט געהערט, אַז עס איז דער האַר,

האָט ער זיך אָנגעגורט זיין אויבערמלבוש—וואָרום
ער איז געווען נאַקעט—און האָט זיך אַריינגעוואָרפן
אין ים אַריין. די אַנדערע תלמידים אָבער זענען 8
געקומען אינעם שיפל, וואָרום זיי זענען נישט געווען
ווייט פון דער יבשה, נאָר אַן ערך צוויי הונדערט
איילן, שלעפנדיק די נעץ מיט פיש. און ווען זיי 9
זענען אַרויסגעשטיגן אויפן לאַנד, זעען זיי אַ פייער
פון קוילן אָנגעלייגט און אַ פיש ליגן דערויף און
ברויט. זאָגט ישוע צו זיי: ברענגט אַהער פון די 10
פיש, וואָס איר האָט איצט געכאַפּט. איז שמעון 11
פּעטרוס איינגעשטיגן און האָט אַרויסגעצויגן די
נעץ אויף דער יבשה, פול מיט גרויסע פיש, הונדערט
דריי און פופציק, און הגם עס איז געווען אַזויפיל,
האָט זיך די נעץ דאָך נישט צעריסן. זאָגט ישוע צו 12
זיי: קומט, עסט אָנבייסן! און קיינער פון די תלמידים
האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט אים צו פרעגן:
ווער ביסטו? ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז
דער האַר. קומט ישוע און נעמט דאָס ברויט און 13
גיט עס זיי, און אויך אַזוי דעם פיש. דאָס דאָזיקע 14
איז שוין דאָס דריטע מאָל ווי ישוע האָט זיך באַוויזן
צו די תלמידים, נאָך דעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען
פון די טויטע.

און ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן אָנבייסן, זאָגט ישוע 15
צו שמעון פּעטרוסן: שמעון בן יונה, צי האָסטו
מיך ליב מער ווי די דאָזיקע? זאָגט ער צו
אים: יאָ, האַר, דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב.
זאָגט ער צו אים: פּאַשע מיינע לעמער. ווידער 16
צום צווייטן מאָל זאָגט ער צו אים: שמעון בן יונה,
צי האָסטו מיך ליב? זאָגט ער צו אים: יאָ, האַר, דו
ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב. זאָגט ער צו אים:
פּאַשע מיינע שאָף. צום דריטן מאָל זאָגט ער צו 17

אים: שמעון בן יונה, צי האָסטו מיך ליב? איז
פּעטרוס טרויעריק געוואָרן, ווייל ער האָט צו אים
געזאָגט צום דריטן מאָל: צי האָסטו מיך ליב? און
ער האָט צו אים געזאָגט: האַר, דו ווייסט אַלץ; דו
ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב. זאָגט ישוע צו אים:
18 פּאַשע מײַנע שעפעלעך. באמת, באמת זאָג איך
דיר: ווען דו ביסט געווען יונג, האָסטו דיך אַרומ־
געגאַרטלט און ביסט געגאַנגען, וואו דו האָסט
געוואָלט; אָבער ווען דו וועסט אַלט ווערן, וועסטו
אויסשטרעקן דײַנע הענט, און אַן אַנדערער וועט
דיך אַרומגאַרטלען און פירן, וואוּהין דו וועסט
19 נישט וועלן. און דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט,
מרמז זײַענדיק, מיט וואָס פאַר אַ טויט ער וועט
פאַרהערלעכן ג־ט. און נאָך דעם ווי ער האָט
דאָס געזאָגט, זאָגט ער צו אים: פאָלג מיר נאָך!
20 אויסדרייענדיק זיך, זעט פּעטרוס דעם תלמיד
נאָכפאָלגן, וועלכן ישוע האָט ליב געהאַט און וועלכער
האָט זיך אויך אָנגעלענט אויף ישועס ברוסט ביי
דער סעודה, און האָט געזאָגט: האַר, ווער איז עס,
21 וואָס פאַרראַט דיך? און ווען פּעטרוס האָט אים
דערזעען, זאָגט ער צו ישוען: האַר, און וואָס וועגן
22 דעם דאָזיקן? זאָגט ישוע צו אים: אויב איך וויל
ער זאָל בלייבן, ביז איך קום, וואָס גייט דאָס דיך אָן?
23 דו פאָלג מיר נאָך. און דאָס דאָזיקע וואָרט איז
אַרויסגעגאַנגען צווישן די ברידער, אַז יענער תלמיד
וועט נישט שטאַרבן; ישוע אָבער האָט נישט געזאָגט
צו אים, אַז ער וועט נישט שטאַרבן, נאָר: אויב
איך וויל, אַז ער זאָל בלייבן ביז איך קום, וואָס
גייט דאָס דיך אָן?
24 דאָס איז דער תלמיד, וואָס זאָגט עדות וועגן די
דאָזיקע זאַכן, און האָט זיי געשריבן; און מיר ווייסן,

25 אַז זיין עדות־זאָגן איז אמת. עס זענען אָבער
פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס ישוע האָט
געטון, וועלכע, אויב זיי זאָלן באַשריבן ווערן,
איינע נאָך דער אַנדערער, בין איך מיך משער,
אַז אין דער וועלט וואָלט נישט געווען גענוג
אָרט פאַר די ספרים, וואָס וואָלטן אָנגעשריבן
געוואָרן.

# די שליחים־געשיכטע

1 דעם ערשטן באַריכט האָב איך געמאַכט, אָ
טעאָפילוס, וועגן אַלעם, וואָס ישוע האָט אָנגע־
2 הויבן צו טון און צו לערנען, ביז צום טאָג, ווען
ער איז אַרויפגענומען געוואָרן, נאָך דעם ווי ער
האָט דורך דעם רוח הקודש געבאָטן די שליחים,
3 וועלכע ער האָט אויסדערוויילט; צו וועמען נאָך
זיין ליידן ער האָט זיך באַוויזן לעבעדיק דורך אַ
סך זיכערע באַווייזן, דערשיינענדיק צו זיי במשך
פון פערציק טעג און רעדנדיק וועגן דעם, וואָס
4 האָט אַ שייכות צום קעניגרייך פון ג־ט; און ווען
זיי זענען געווען פאַרזאַמלט, האָט ער זיי באַפוילן
נישט אַוועקצוגיין פון ירושלים, נאָר צו וואַרטן
אויף דער הבטחה פונם פאָטער, וועלכע—האָט ער
5 געזאָגט—איר האָט געהערט פון מיר; ווייל יוחנן
האָט געטובלט מיט וואַסער, איר אָבער וועט געטובלט
ווערן מיט דעם רוח הקודש נישט אין פיל טעג אַרום.
6 דעריבער, ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען,
האָבן זיי אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: האַר, צי
וועסטו אין דער דאָזיקער צייט ווידער אויפריכטן
7 דאָס מלכות צו ישראל? האָט ער צו זיי געזאָגט:
עס איז נישט אייער זאַך צו וויסן די צייטן אָדער
זמנים, וועלכע דער פאָטער האָט פעסטגעזעצט
8 אין זיין מאַכט. נאָר איר וועט באַקומען גבורה,
ווען דער רוח הקודש וועט קומען אויף אייך; און
וועט זיין מיינע עדות אין ירושלים און אין
גאַנץ יהודה און אין שומרון און ביז צום עק פון
9 דער ערד. און האָבנדיק דאָס געזאָגט, איז ער
אַרויפגענומען געוואָרן, און זיי האָבן עס געזעען, און

אַ וואָלקן האָט אים אַוועקגענומען פון זייערע אויגן.
10 און ווי זיי האָבן אַזוי פעסט געקוקט צום הימל,
בשעת ער איז אַוועק אַרויף, זע, בײַ זיי זענען
11 געשטאַנען צוויי מענער אין ווייסע קליידער; וועלכע
האָבן אויך געזאָגט: איר מענער פון גליל, וואָס
שטייט איר און קוקט אַרויף צום הימל? דער דאָזיקער
ישוע, וואָס איז אַרויפגענומען געוואָרן פון אײַך
אין הימל אַרײַן, וועט אויף אַזאַ אופן קומען, ווי
איר האָט אים געזען אַרויפגיין אין הימל אַרײַן.
12 דעמלט האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושלים
פונם באַרג, וואָס הייסט הר הזיתים, וועלכער איז
13 נאָנט פון ירושלים אַ שטח אַ תחום שבת. און ווען זיי
זענען אַרײַנגעקומען, זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אין
דער אויבערשטוב, וואו פעטרוס און יוחנן און יעקב
און אַנדריי, פיליפוס און תומא, בר תלמי און מתי,
יעקב בן חלפי און שמעון הקנאי און יהודה בן
14 יעקב האָבן געוואוינט. די אַלע האָבן איינשטימיק
אָנגעהאַלטן אין תפילה־טון, צוזאַמען מיט די פרויען,
און מרים ישועס מוטער און מיט זיינע ברידער.
15 און אין די דאָזיקע טעג איז פעטרוס אויפגע־
שטאַנען אין דער מיט פון די ברידער און האָט געזאָגט
—אַן עולם אַן ערך הונדערט און צוואָנציק זענען
16 דערבײַ געווען פאַרזאַמלט—: ברידער, עס האָט
געמוזט דערפילט ווערן דער פסוק, וואָס דער רוח
הקודש האָט פאָרויסגעזאָגט דורך דודס מויל וועגן
יהודהן, וועלכער איז געוואָרן אַ וועגווייזער פאַר
17 די, וואָס האָבן געפאַנגען גענומען ישוען. ווייל ער
איז געווען געציילט מיט אונז און האָט באַקומען
18 זיין חלק אין דער דאָזיקער עבודה. דער דאָזיקער
האָט זיך דערוואָרבן אַ פעלד פאַרן שכר פון זיין
רשעות, און איז אַנידערגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ

און איז צעפּלאַצט געוואָרן אין דער מיט, און אַלע
19 זיינע געדערעם זענען אַרויס. און דאָס דאָזיקע
איז באַקאַנט געוואָרן צו אַלע איינוואוינער אין
ירושלים, אַזוי, אַז אין זייער אייגענעם דיאַלעקט
ווערט יענץ פעלד אָנגערופן חקל דמא, דאָס הייסט
20 אַ פעלד פון בלוט. וואָרום עס שטייט געשריבן
אין ספר תהלים:

זאָל זיין וואוינונג ווערן אַ מדבר,
און זאָל זיך קיין איינוואוינער נישט געפינען
אין איר;

און:

זיין אויפזיכט זאָל אַן אַנדערער איבערנעמען.

(תהלים סט, כו; קט, ח.)

21 עס איז דעריבער נויטווענדיק, אַז איינער פון די
דאָזיקע מענער, וואָס האָבן אונדז באַגלייט די גאַנצע
צייט, אין וועלכער דער האַר ישוע איז אַריינגע־
22 גאַנגען און אַרויסגעגאַנגען צווישן אונדז, אָנהויבנדיק
פון יוחנן'ס טבילה ביז צום טאָג, ווען ער איז פון
אונדז אַרויפגענומען געוואָרן, זאָל זיין אַן עדות מיט
23 אונדז פון זיין תחית המתים. און זיי האָבן געשטעלט
צוויי, יוספן, וועמען מען האָט גערופן בר שבא,
און האָט געהאַט דעם צונאָמען יוסטוס, און מתיה.
24 און האָבן תפילה־געטון און געזאָגט: דו, אָ האַר,
וואָס קאָנסט אַלעמענס הערצער, ווייז וועלכן דו
25 האָסט אויסדערוויילט פון די דאָזיקע צוויי, איינעם,
וואָס זאָל איבערנעמען דאָס אָרט פון דער דאָזיקער
עבודה און שליחות, פון וועלכער יהודה איז אָפּגע־
26 פאַלן, כדי צו גיין אויף זיין אייגן אָרט. און האָבן
געוואָרפן גורל פאַר זיי, און דאָס גורל איז אויס־
געפאַלן אויף מתיה; און ער איז צוגערעכנט
געוואָרן צו די עלף שליחים.

## קאַפּיטל צוויי

1 און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון שבועות,
זענען אַלע געווען פֿאַרזאַמלט אויף איין
2 אָרט. און פּלוצלונג איז געוואָרן אַ רעש פון הימל,
ווי פון אַ גיכן און געוואַלדיקן שטורמווינט,
און האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז, וואו זיי
3 זענען געזעסן. און עס האָבן זיך באַוויזן צו זיי
צעטיילטע צונגען ווי פון פייער, און האָבן זיך
4 געזעצט אויף יעדן איינעם פון זיי. און אַלע זענען
פול געוואָרן מיט דעם רוח הקודש און האָבן אָנגע־
הויבן רעדן אויף אַנדערע לשונות, לויט ווי דער
גייסט האָט זיי געגעבן זיך אויסצודריקן.
5 און אין ירושלים האָבן געוואוינט יידן, יראי־
6 שמים, פון אַלע פעלקער אונטערן הימל. און ווען
דאָס דאָזיקע קול (פונם רעש) איז געקומען, האָט
זיך דער המון עם פֿאַרזאַמלט און איז צוטומלט
געוואָרן, ווייל יעדער איינער האָט זיי געהערט
7 רעדן אויף זיין אייגן לשון. און זיי זענען דערשטוינט
געוואָרן און האָבן זיך געוואונדערט, אַזוי צו זאָגן:
אָט זעט, צי זענען דען נישט אַלע די דאָזיקע, וואָס
8 רעדן, מענטשן פון גליל? און וויאַזוי (איז עס, אַז)
מיר הערן יעדער איינער אין אונזער אייגענער
שפּראַך, אין וועלכער מיר זענען געבוירן געוואָרן?
9 פּערסיער און מעדער און עלאַמיטן, און די איינ־
וואוינער פון ארם נהרים, יהודה, קפּודקיה, פּאָנטוס
10 און (קליין) אַזיען, פריגיען און פּאַמפיליען, מצרים
און די טיילן פון ליביען ביי קירענע, און די געקומענע
11 פון רוים, יידן און גרים, קרעטער און אַראַבער;
מיר הערן זיי רעדן אויף אונזערע לשונות (וועגן)

12 די גרויסע מעשים פון ג־ט· און אַלע זענען
געוואָרן אויסער זיך און צוטומלט, און האָבן
געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס זאָל דאָס באַטייטן?
13 אַנדערע אָבער, אָפּשפּאָטנדיק, האָבן געזאָגט: זיי
זענען פול מיט זיסן וויין·
14 אָבער פּעטרוס, אויפשטעלנדיק זיך צוזאַמען
מיט די עלף, האָט אויפגעהויבן זיין קול און צו
זיי געזאָגט: איר מענער פון יהודה און אַלע איינ־
וואוינער פון ירושלים, זייט דאָס וויסן, און
15 נייגט אייערע אויערן צו מיינע ווערטער· וואָרום
די דאָזיקע זענען נישט, ווי איר מיינט, שכור, ווייל
16 עס איז (איצט בלויז) די דריטע שעה פון טאָג· נאָר
דאָס איז, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם
נביא יואל:
17 און עס וועט געשעען אין די לעצטע טעג, זאָגט
ג־ט,
איך וועל אויסגיסן פון מיין גייסט אויף יעדן
בשר (ודם);
און אייערע זין און אייערע טעכטער וועלן
נבואות זאָגן,
און אייערע יונגעלייט וועלן זען חזיונות,
און אייערע זקנים וועלן חלומען חלומות,
18 און אפילו אויף מיינע קנעכט און דינסטן
וועל איך אויסגיסן פון מיין גייסט אין יענע
טעג,
און זיי וועלן נבואות זאָגן·
19 איך וועל געבן מופתים אויבן אין הימל
און אותות אונטן אויף דער ערד,
בלוט און פייער און אַ וואָלקן רויך·
20 די זון וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין פינסטערניש
און די לבנה—אין בלוט,

איידער עס וועט קומען דער גרויסער און
מוראדיקער טאָג פון דעם האַר.
21 און עס וועט געשעען, אַז יעדער איינער, וואָס
וועט אָנרופן דעם נאָמען פון דעם האַר,
וועט געראַטעוועט ווערן. (יואל ג, א־ה.)
22 מענער פון ישראל, הערט די דאָזיקע ווערטער:
ישוע הנוצרי, אַ מאַן, וואָס איז צו אייך געוויזן
געוואָרן פון ג־ט דורך גבורות, מופתים און אותות,
וועלכע ג־ט האָט געטון דורך אים אין אייער מיט,
23 ווי איר ווייסט עס אַליין, דעם דאָזיקן, וואָס איז
איבערגעגעבן געוואָרן לויט ג־טס אויסדריקלעכער
עצה און פאָרויסוויסן, האָט איר גענומען און דורך
די הענט פון רשעים געקרייציקט און אומגעברענגט;
24 אים האָט ג־ט אויפגעוועקט, אויפלייזנדיק די יסורים
פון טויט, ווייל עס האָט נישט געקענט זיין, אַז ער
25 זאָל פון אים געהאַלטן ווערן. וואָרום דוד (המלך)
זאָגט אויף אים:
געזעען האָב איך דעם האַר תמיד פאַר מיר,
דען ער איז אויף מיין רעכטער האַנט,
כדי איך זאָל מיך נישט וואַקלען.
26 דערפאַר האָט מיין האַרץ זיך משמח געווען
און מיין צונג האָט זיך געפריידט,
און עס וועט נאָך מיין לייב רוען אויף האָפנונג;
27 ווייל דו וועסט נישט איבערלאָזן מיין נפש אין
שאול־(תחתיה),
דו וועסט אויך נישט דערלאָזן דיין הייליקן צו
זעען פאַרדאַרבונג.
28 דו האָסט מיר באַקאַנט געמאַכט די וועגן פון
לעבן,
דו וועסט מיך זאַט מאַכן מיט פרייד פאַר דיין
פנים. (תהלים טז, ח־יא.)

29 ברידער, לאָזט מיך רעדן צו אייך מיט אַ פּתחון־פּה
וועגן דעם שטאַמפאָטער דוד, אַז ער איז נפטר געוואָרן
און מען האָט אים באַגראָבן, און זיין קבר איז ביי
30 אונז ביז צום היינטיקן טאָג. זייענדיק אָבער אַ נביא
און וויסנדיק, אַז מיט אַ שבועה האָט ג־ט אים צוגעז־
שוואוירן, צו מאַכן זיצן אויף זיין טראָן (איינעם
פון דער פרוכט פון זיינע לענדן, (תהלים קלב, יא;
31 תהלים פט, ד, ה; שמואל ב, ז, יב־יג.) פאָרויסזעענדיק דאָס,
האָט ער גערעדט בנוגע דעם משיחס תחית המתים,
אַז ער איז נישט איבערגעלאָזט געוואָרן אין שאול,
און אַז זיין פלייש האָט נישט געזעען פאַרדאַרבונג.
32 דעם דאָזיקן ישוע האָט ג־ט אויפגעשטעלט, פון
33 וועלכן מיר אַלע זענען עדות. דעריבער, אַזוי ווי
ער איז דערהויבן געוואָרן צו ג־טס רעכטער
האַנט און האָט באַקומען די הבטחה פונם פאָטער
וואָס שייך דעם רוח הקודש, האָט ער דאָס אויס־
34 געגאָסן, וואס איר זעט איצט און הערט. וואָרום
דוד איז נישט אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין,
דען ער אַליין זאָגט:

דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זיץ אויף מיין רעכטער זייט,
35 ביז איך וועל מאַכן דיינע פיינט
אַ פוסבענקעלע צו דיינע פיס. (תהלים קי, א.)

36 דעריבער זאָל דאָס גאַנצע בית ישראל זיכער וויסן,
אַז דעם דאָזיקן ישוע, וועמען איר האָט געקרייציקט,
האָט ג־ט געמאַכט סײַ פאַר האַר סײַ פאַר משיח.
37 און ווי זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי עס זיך
גענומען צום האַרצן, און געזאָגט צו פעטרוסן און
צו די איבעריקע שליחים: ברידער, וואָס זאָלן מיר
38 טון? און פעטרוס האָט צו זיי געזאָגט: טוט תשובה,
און זאָל יעדער איינער פון אייך זיך לאָזן טובל זיין

אינם נאָמען פון ישוע המשיחן צו דער פאַרגעבונג
פון אייערע זינד, און איר וועט באַקומען די מתּנה
39 פון דעם רוח הקודש. וואָרום די הבטחה איז צו
אייך און צו אייערע קינדער, און צו אַלע, וואָס
זענען פון ווייטן, וועלכע דער האַר אונזער ג־ט
40 וועט רופן. און מיט נאָך אַ סך אַנדערע רייד האָט
ער עדות געזאָגט און זיי מזהיר געווען, זאָגנדיק:
ראַטעוועט זיך פון דעם דאָזיקן פאַרקרומטן דור.
41 און די, וואָס האָבן אָנגענומען זיין וואָרט, האָבן זיך
געלאָזט טובל זיין, און עס זענען צוגעקומען יענעם
42 טאָג אַן ערך דריי טויזנט נפשות. און זיי האָבן
שטענדיק עוסק געווען אין דער לערנונג פון די
שליחים און אין דער חברותאשאַפט, אין ברויט־
ברעכן און אין די תּפילות.

43 און עס איז געקומען אַ מורא אויף יעדן נפש, און
אַ סך מופתים און אותות זענען געשען דורך
44 די שליחים. און אַלע מאמינים זענען געווען צוזאַמען,
45 און האָבן אַלץ געהאַט געמיינזאַם; און האָבן
פאַרקויפט זייער האָב און גוטס און עס צעטיילט
צו אַלעמען, לויט ווי יעדער איינער האָט זיך
46 געבייטיקט. און טאָג אויס טאָג איין האָבן זיי זיך
געפלייסט צו זיין אין בית המקדש, און געבראָכן
ברויט פון הויז צו הויז, און געגעסן זייער שפּייז
47 מיט שמחה און אויפריכטיקייט פונם האַרצן, לויבנ־
דיק ג־ט און געפינענדיק חן ביים גאַנצן פאָלק. און
יעדן טאָג האָט דער האַר מוסיף געווען צו זיי די,
וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן.

## קאַפּיטל דריי

1 און פעטרוס און יוחנן זענען אַרויפֿגעגאַנגען אין
בית המקדש אַריין אין דער שעה פֿון תפילה,
2 דער ניינטער. און אַ מאַן, אַ לאָמען פֿון זיין מוטערס
לייב, האָט מען געבּרענגט צו טראָגן, וועלכן מען
פֿלעגט אַנידערזעצן יעדן טאָג ביים טויער פֿון בית
המקדש, וואָס האָט געהייסן שער המהודר, צו בעטן
נדבות פֿון די, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין בית
3 המקדש אַריין. דערזעענדיק פעטרוסן און יוחנן,
וועלכע האָבן געהאַלטן ביים אַריינגיין אין בית
4 המקדש, האָט ער (זיי) געבעטן אַ נדבה. פעטרוס
אָבער האָט אויף אים אַ בליק געטון מיט יוחנן און
5 געזאָגט: קוק אויף אונדז. און ער האָט געווענדט
זיין פּנים צו זיי, האָפֿנדיק עפּעס פֿון זיי צו באַקומען.
6 פעטרוס אָבער האָט געזאָגט: זילבער און גאָלד
האָב איך נישט, נאָר וואָס איך האָב יאָ, דאָס
גיב איך דיר. אין דעם נאָמען פֿון ישוע המשיח
7 אויס נצרת, שטיי אויף און גיי. און ער האָט אים
אָנגעכאַפּט ביי דער רעכטער האַנט און אים אויפֿ־
געשטעלט; און אין אַן אויגנבליק זענען זיינע פֿיס
8 און קנעכלעך געשטאַרקט געוואָרן. און ער איז
אויפֿגעשפּרונגען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט,
און איז אַרומגעגאַנגען; און איז אַריינגעגאַנגען מיט
זיי אין בית המקדש אַריין, אַרומגייענדיק און
9 שפּרינגענדיק און לויבנדיק ג־ט. און דאָס גאַנצע
פֿאָלק האָט אים געזען אַרומגיין און לויבן ג־ט.
10 און מען האָט אים דערקענט, אַז דאָס איז דער, וואָס
פֿלעגט זיצן אויף נדבות ביים שער המהודר פֿון בית
המקדש, און זיי זענען פֿול געוואָרן מיט שטוינען

און פאַרוואונדערונג איבער דעם, וואָס איז אים
געשעען.
11 און בשעת ער האָט זיך געהאַלטן צו פעטרוסן און
יוחנן, איז דער גאַנצער עולם זיך צוזאַמענגעלאָפן
צו זיי צו דעם זאַאַל, וואָס האָט געהייסן אולם של
12 שלמה, אויסער זיך פון שטוינען. און זעענדיק
דאָס, האָט פעטרוס געענטפערט דעם עולם: איר
מענער פון ישראל, וואָס וואונדערט איר זיך איבער
דער דאָזיקער זאַך? אָדער וואָס קוקט איר אַזוי
אויף אונז, גלייך ווי מיט אונזער אייגענעם כח
אָדער פרומקייט האָבן מיר אים געמאַכט אַרומ־
13 גיין? דער ג־ט פון אברהם און יצחק און יעקב,
דער ג־ט פון אונזערע אבות, האָט פאַרהערלעכט
זיין קנעכט ישוע, וועמען איר האָט איבערגעגעבן,
און פאַרלייקנט פאַר פילאַטוסן, ווען ער האָט באַ־
14 שלאָסן אים צו באַפרייען. איר אָבער האָט פאַרלייקנט
דעם קדוש און צדיק, און פאַרלאַנגט אַז אַ מאַן
15 אַ רוצח זאָל אייך באַגנעדיקט ווערן, און האָט
געטייט דעם שר החיים, וועמען ג־ט האָט אויפ־
געוועקט פון די טויטע, פון וואָס מיר זענען עדות.
16 און דורך דער אמונה אין זיין נאָמען, האָט זיין
נאָמען געשטאַרקט דעם דאָזיקן, וואָס איר זעט
(דאָ) און קענט; און דער גלויבן, וואָס איז דורך
אים, האָט אים געגעבן די פולע געזונטהייט פאַר
17 אייך אַלעמען. און איצט, ברידער, איך ווייס, אַז
איר האָט עס געטון נישטוויסנדיקערהייט, ווי אויך
18 אייערע שרים. אָבער ג־ט האָט אויף אַזאַ אופן
דערפילט, וואָס ער האָט פאָרויסגעזאָגט דורך דעם
מויל פון אַלע נביאים, אַז זיין משיח וועט ליידן.
19 דעריבער טוט תשובה און קערט אייך אום, כדי
אייערע זינד זאָלן אויסגעמעקט ווערן, אַז עס זאָלן

קומען צייטן פון דערקוויקונג פון דעם פנים פון
20 דעם האַר, און אַז ער זאָל אייך שיקן דעם
21 פאָרויסבאַשטימטן משיח ישוע, וועמען דער הימל
מוז אויפנעמען ביז צו דער צייט, ווען אַלץ וועט
צוריקגעשטעלט ווערן, פון וועלכן ג־ט האָט גערעדט
פון אייביק אָן דורך דעם מויל פון זיינע הייליקע
22 נביאים. וואָרום משה (רבינו) האָט געזאָגט:

אַ נביא, גלייך צו מיר, וועט דער האַר ג־ט
אויפשטעלן צו אייך, פון צווישן אייערע
ברידער; אים זאָלט איר הערן לויט אַלעם,
23 וואָס ער וועט צו אייך רעדן; און עס וועט
זיין, אַז יעדעס נפש, וואָס וועט יענעם נביא
נישט הערן, זאָל פאַרטיליגט ווערן פון דעם
פאָלק. (דברים יח, טו, יט.)

24 און אַלע נביאים פון שמואל אָן און די, וואָס זענען
געווען נאָך אים, וואָס האָבן גערעדט, האָבן אויך
25 אָנגעזאָגט די דאָזיקע טעג. איר זענט די קינדער
פון די נביאים, און פון דעם בונד (ברית), וואָס
ג־ט האָט געמאַכט מיט אייערע אבות, ווען ער האָט
געזאָגט צו אברהמען:

און דורך דיין זאָמען וועלן געבענטשט ווערן
אַלע משפחות פון דער ערד. (בראשית כב, יח.)

26 צו אייך קודם כל האָט ג־ט אויפגעשטעלט זיין
קנעכט און אים געשיקט אייך צו בענטשן, ווען
יעדער איינער פון אייך וועט זיך אָוועקקערן פון
זיינע (מעשים) רעים.

## קאַפּיטל פיר

1 און בשעת זיי האָבן גערעדט צום עולם, זענען
אויף זיי געקומען די כהנים און דער מיליטער־
רישער הויפּטמאַן פונם בית המקדש און די
2 צדוקים, ווייל זיי זענען געווען זער אויפגעבראַכט
צוליב דעם, וואָס זיי לערנען דאָס פאָלק און זאָגן
3 אָן תחית המתים דורך ישוען. און האָבן אַרויפ־
געלייגט די הענט אויף זיי, און זיי איינגעזעצט
אין תפיסה ביז אינדערפרי; וואָרום עס איז שוין
4 געווען אָוונט. אַ סך אָבער וואָס האָבן געהערט
דאָס וואָרט, האָבן געגלויבט; און די צאָל פון די
מענער איז געווען אַן ערך פינף טויזנט.

5 און עס איז געשען, אינדערפרי זענען זיך צונויפ־
געקומען זייערע שרים און די זקנים און די סופרים
6 אין ירושלים און חנן דער כהן גדול, און קיפא און
יוחנן און אַלעקסאַנדער, און אַלע, וואָס זענען
7 געווען פון דעם כהן גדולס משפחה. און מען
האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין דער מיט, און
געפרעגט: מיט וועלכן כח, אָדער מיט וועלכן
8 שם האָט איר דאָס געטון? דעמלט איז פּעטרוס
פול געוואָרן מיט דעם רוח הקודש און האָט
געזאָגט צו זיי: איר שרים פונם פאָלק און
9 זקנים פון ישראל, אויב מען איז אונז הייַנט
חוקר ודורש וועגן דער טובה צום קראַנקן
מענטשן, דורך וואָס ער איז געהיילט געוואָרן,
10 זאָלט איר אַלע וויסן און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל,
אַז אין דעם נאָמען פון ישוע המשיח אויס נצרת,
וועמען איר האָט געקרייציקט, וועמען ג־ט האָט
אויפגעוועקט פון די טויטע, דורך דעם דאָזיקן שטייט

11 דער מאַן געזונט פאַר אייך. ער איז דאָס דער
שטיין, וואָס איר, די בוימייסטערס, האָט פאַרוואָרפן,
12 וועלכער איז געוואָרן צום הויפּט פונם ווינקל. און
עס איז נישט פאַראַן קיין ישועה אין קיין אַנדערן;
וואָרום עס איז נישטאָ אונטערן הימל קיין אַנדערער
נאָמען, וואָס איז געגעבן געוואָרן צווישן מענטשן,
דורך וועלכן מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן.
13 און ווען זיי האָבן געזען דעם מוט פון פּעטרוסן
און יוחנן, און האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען
אומגעלערנטע און איינפאַכע מענטשן, האָבן זיי
זיך געוווּנדערט, און דערקענט, אַז זיי זענען
14 געווען מיט ישוען. און זעענדיק דעם מענטשן,
וואָס איז געהיילט געוואָרן, שטיין מיט זיי, האָבן
15 זיי נישט געהאַט וואָס אַקעגנצורעדן. נאָר
באַפעלנדיק זיי אַרויסצוגיין אינדרויסן פון סנהדרין,
האָבן זיי זיך באַראָטן איינער מיטן אַנדערן, אַזוי
16 צו זאָגן: וואָס זאָלן מיר טון מיט די דאָזיקע
מענטשן? וואָרום אַז אַ באַקאַנט נס איז דורך
זיי געשען, איז קלאָר צו אַלע איינוואוינער
פון ירושלים, און מיר קענען עס נישט אָפּלייקע־
17 נען. נאָר כדי עס זאָל זיך נישט נאָך מער
פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק, לאָמיר זיי מזהיר
זיין מער נישט צו רעדן צו קיינעם אין
18 דעם דאָזיקן נאָמען. און האָבן זיי גערופן, און
באַפוילן אינגאַנצן נישט צו רעדן און נישט צו
19 לערנען אין דעם נאָמען פון ישוע. פּעטרוס אָבער
און יוחנן האָבן ענטפערנדיק געזאָגט צו זיי: משפּט
איר, צי עס איז גערעכט פאַר ג־ט אייך מער צו
20 געהאָרכן ווי ג־ט (אַליין); וואָרום מיר קענען נישט
אַנדערש ווי רעדן דאָס, וואָס מיר האָבן געזען
21 און געהערט. און זיי האָבן נאָכאַמאָל זיי געוואָרנט,

און אָפּגעלאָזט, נישט געפינענדיק עפּעס, פאַרוואָס
זיי צו באַשטראָפן, צוליב דעם פאָלק; ווייל אַלע
האָבן געלויבט ג-ט איבער דעם, וואָס איז געשעען.
22 וואָרום דער מענטש איז געווען עלטער ווי
פערציק יאָר, צו וועמען עס איז געטון געוואָרן
דאָס דאָזיקע נס פון רפואה.
23 און ווערנדיק באַפרייט, זענען זיי געקומען צו
זייערע אייגענע און האָבן דערציילט אַלץ, וואָס
די הויפט־כהנים און די זקנים האָבן צו זיי
24 געזאָגט. און ווען זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן
אַלע צוזאַמען אויפגעהויבן זייער קול צו ג-ט,
און געזאָגט: אָ האַר, דו ביסט עס, וואָס האָט
באַשאַפן דעם הימל און די ערד און דעם ים, און
25 אַלץ, וואָס איז אין זיי; דו האָסט געזאָגט דורך
דעם רוח־הקודש דורך דעם מויל פון אונזער פאָטער
דוד, דיין קנעכט:

פאַרוואָס צאָרנען די גוים,
און די פעלקער טראַכטן אויס פוסטקייטן?
26 די מלכים פון דער ערד האָבן זיך אויפגעשטעלט,
און די פירשטן האָבן זיך אינאיינעם פאַרזאַמלט,
קעגן דעם האַר און קעגן זיין משיח.
(תהלים ב, א־ב.)

27 וואָרום באמת אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיך
פאַרזאַמלט קעגן דיין הייליקן קנעכט ישוע, וועמען
דו האָסט געזאַלבט, הורדוס און פאָנטיוס פילאַטוס
28 מיט די גוים און די פעלקער ישראל, צו טון
וואָס דיין האַנט און עצה האָט פאָרויס גוזר געווען,
29 אַז עס זאָל געשעען. און איצט, אָ האַר, קוק אויף
זייערע דראָהונגען, און גיב דיינע קנעכט צו
30 רעדן דיין וואָרט מיט אַ פולן פתחון־פה, בשעת
דו טוסט אויסשטרעקן דיין האַנט צו היילן, און צו

טון אותות און מופתים דורך דעם נאָמען פון דיין
31 הייליקן קנעכט ישוע. און בעת זיי האָבן תפילה־
געטון, האָט דאָס אָרט געציטערט, אין וועלכן זיי
זענען געווען פאַרזאַמלט; און אַלע זענען פול געוואָרן
מיט דעם רוח הקודש, און האָבן גערעדט דאָס
וואָרט פון ג־ט מיט אַ פתחון־פה.

32 און בײַ דעם רוב מאמינים איז געווען איין
האַרץ און איין גייסט, און קיינער האָט נישט געזאָגט,
אַז עפּעס פון זיין באַזיץ איז זיין אייגנס; נאָר אַלץ
33 איז בײַ זיי געווען געמיינשאַפטלעך. און מיט
גרויס גבורה האָבן די שליחים אָפּגעגעבן דאָס
עדות־זאָגן פון דעם האַר ישועס אויפשטיין (תחית
המתים); און גרויס חסד איז געווען אויף זיי אַלעמען.
34 און עס איז נישט געווען קיין נויטליידנדער צווישן
זיי, ווייל אַלע, וואָס האָבן פאַרמאָגט פעלדער אָדער
הייזער, האָבן (די דאָזיקע) פאַרקויפט, און גע־
35 בּרענגט די פּרייזן פון די פאַרקויפטע זאַכן און
אַנידערגעלייגט בײַ די פיס פון די שליחים; און עס
איז צעטיילט געוואָרן צו יעדן איינעם, לויט זיינע
באַדערפענישן.

36 און יוסף, וואָס האָט געקריגן פון די שליחים דעם
ביינאָמען בר נבא (דאָס הייסט, זון פון טרייסט),
37 אַ לוי, געבוירן אין ציפּערן, באַזיצנדיק אַ
פעלד, האָט עס פאַרקויפט, און געבּרענגט דאָס
געלט, און עס אַנידערגעלייגט בײַ די פיס פון די
שליחים.

## קאַפּיטל פֿינף

5

1 אַ געוויסער מאַן אָבער מיטן נאָמען חנניה, מיט
שפירה זיין ווייב, האָט פאַרקויפט אַ פאַרמעגן,
2 און אַראָפּגענומען פון דעם פרייז, מיטן וויסן פון
זיין ווייב, און אַ חלק געברענגט און אַנידער־
3 געלייגט ביי די פיס פון די שליחים. פעטרוס אָבער
האָט געזאָגט: חנניה, פאַרוואָס האָט דער שטן
אָנגעפילט דיין האַרץ, צו לייקענען צום רוח הקודש
4 און אַראָפּצונעמען פונם פרייז פון פעלד? צי
איז עס דען נישט געווען דיין אייגנס, ווען דו
האָסט עס געהאַט? און נאָכן פאַרקויפן, צי איז עס
דען נישט געווען אין דיין רשות? פאַרוואָס האָסטו
באַשלאָסן אין דיין האַרצן די דאָזיקע זאַך? דו האָסט
5 נישט געלייקנט פאַר מענטשן, נאָר פאַר ג-ט. און
ווען חנניה האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, איז
ער אַנידערגעפאַלן און אויסגעגאַנגען; און אַ גרויסע
מורא איז געקומען איבער אַלע, וואָס האָבן דאָס
6 געהערט. און די יונגעלייט זענען אויפגעשטאַנען,
האָבן אים אָנגעטון תכריכים, און אים אַרויס־
געטראָגן און קובר געווען.

7 און נאָך אַ פאַרלויף פון אַן ערך דריי שעה איז
זיין ווייב אַריינגעקומען, נישט וויסנדיק וואָס עס
8 איז געשען. און פעטרוס האָט איר געענטפערט:
זאָג מיר, צי האָט איר פאַר כך־וכך אַוועקגעגעבן
דאָס פעלד? און זי האָט געזאָגט: יאָ, פאַר כך־וכך.
9 האָט פעטרוס צו איר געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר
איינגעשטימט צווישן זיך אויסצופרואוון דעם גייסט
פון דעם האַר? אָט זע, די פיס פון די, וואָס האָבן
באַגראָבן דיין מאַן, זענען ביי דער טיר, און זיי

10 וועלן דיך (אויך) אַרויסטראָגן. און זי איז גלייך
אַנידערגעפאַלן צו זיינע פיס און אויסגעגאַנגען;
און די יונגעלייט זענען אַריינגעקומען און האָבן זי
געפונען אַ טויטע, און, אַרויסטראָגנדיק, האָבן זיי
11 זי קובר געווען ביי איר מאַן. און עס איז געקומען
אַ גרויסע מורא איבער דער גאַנצער קהילה און
איבער אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט.
12 און דורך די הענט פון די שליחים זענען געשען
אַ סך אותות און מופתים צווישן דעם פאָלק; און
אַלע זענען געווען צוזאַמען אין דעם אולם של
13 שלמה. פון די איבריקע אָבער האָט קיינער זיך
נישט אונטערגעשטעלט צו באַהעפטן צו זיי, נאָר
14 דאָס פאָלק האָט זיי געהאַלטן זער טייער; און די
מאמינים אינם האַר האָבן זיך פיל פאַרמערט, מאַסן
15 מענער און אויך פרויען; אַזוי, אַז מען פלעגט
אַרויסטראָגן קראַנקע אויף די גאַסן, און זיי
געלייגט אויף בעטן און געלעגערס, כדי ווען
פעטרוס וועט קומען, זאָל ווייניקסטנס זיין שאָטן
16 פאַלן אויף עמיצן פון זיי. און אַ המון מענטשן
איז זיך צוזאַמענגעקומען אין ירושלים פון די שטעט
אַרום, ברענגענדיק צו טראָגן שלאַפע און געפלאָגטע
פון אומריינע גייסטער, וועלכע זענען אַלע געהיילט
געוואָרן.
17 און דער כהן גדול איז אויפגעשטאַנען און אַלע,
וואָס זענען געווען מיט אים (דאָס איז די כיתה פון
די צדוקים), און זענען פול געוואָרן מיט קנאה,
18 און האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויף די שליחים,
און זיי איינגעזעצט אין דער שטאָטישער תפיסה.
19 און אַ מלאך פון דעם האַר (ג-ט) האָט ביינאַכט
אויפגעעפנט די טירן פון דעם געפענקעניש, און
20 זיי אַרויסגעפירט, און געזאָגט: גייט, שטעלט זיך

און רעדט אין בית המקדש צום פאָלק אַלע רייד
21 פון דעם דאָזיקן לעבן. און ווען זיי האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי אינדערפרי אַריינגעגאַנגען
אין בית המקדש אַריין און האָבן געלערנט. אָבער
דער כהן גדול איז געקומען און די, וואָס
זענען געווען מיט אים, און האָבן צונויפגערופן דאָס
סנהדרין און אַלע זקנים פון די בני ישראל, און
געשיקט צו דער תפיסה, מען זאָל זיי ברענגען.
22 און די משרתים זענען אַהינגעגאַנגען און האָבן זיי
נישט געטראָפן אין תפיסה, און האָבן זיך אומגע־
23 קערט און דערציילט, אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן
געפונען דאָס געפענקעניש פעסט פאַרשלאָסן און די
וועכטער שטיין ביי די טירן; אָבער אויפעפנענדיק,
האָבן מיר אינעווייניק קיינעם נישט געפונען.
24 און ווי דער מיליטערישער הויפטמאַן פונם בית
המקדש און די הויפט־כהנים האָבן געהערט די
דאָזיקע ווערטער, זענען זיי פאַרצווייפלט געוואָרן
איבער זיי, וואָס עס וועט פון דעם דאָזיקן
25 ווערן. דאַן איז עמיצער געקומען און זיי דער־
ציילט: זע, די מענער, וועמען איר האָט איינ־
געזעצט אין תפיסה, זענען אינם בית המקדש, און
26 שטייען און לערנען דאָס פאָלק. דעמלט איז דער
מיליטערישער הויפטמאַן אַוועק צוזאַמען מיט די
משרתים, און זיי געברענגט, (דאָך) נישט מיט
געוואַלד; וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן
27 פאָלק, מען זאָל זיי נישט שטייניקן. און האָבן זיי
28 געברענגט און אַוועקגעשטעלט פאַרן סנהדרין. און
דער כהן גדול האָט זיי געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: האָבן
מיר אייך נישט שטרענג באַפוילן, נישט צו לערנען
אין דעם דאָזיקן נאָמען, און זע, איר האָט אָנגעפילט
ירושלים מיט אייער לערנונג, און ווילט איר ברענגען

29 אויף אונז דאָס בלוט פון דעם דאָזיקן מענטשן? און
פעטרוס און די שליחים האָבן ענטפערנדיק געזאָגט:
30 ג־ט מוז מען מער געהאָרכן ווי מענטשן. דער ג־ט
פון אונזערע אבות האָט אויפגעוועקט ישוען, וועמען
איר האָט גענומען און אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים.
31 אים האָט ג־ט דערהייכט מיט זיין רעכטער האַנט,
(צו זיין) אַ שר און אַ גואל, צו געבן צו ישראל
32 תשובה און סליחת חטאים. און מיר זענען עדות
פון די דאָזיקע ווערטער, און דער רוח הקודש,
וועלכן ג־ט האָט געגעבן צו די, וואָס געהאָרכן
אים.
33 און הערנדיק דאָס, האָט עס זיי געשטאָכן אין
34 זייערע הערצער, און זיי האָבן געוואָלט זיי טייטן.
נאָר עס איז אויפגעשטאַנען אַ געוויסער מאַן אינם
סנהדרין, אַ פרוש, וואָס האָט געהייסן גמליאל, אַ תנא,
הויך געאַכט ביים גאַנצן פאָלק, און האָט באַפוילן מען
35 זאָל די מענטשן אַרויספירן אויף אַ ווײלע. דאַן
האָט ער געזאָגט צו זיי: מענער פון ישראל, זייט
פאָרזיכטיק וואָס שייך די דאָזיקע מענטשן, וואָס
36 איר גייט טון. וואָרום פאַר די דאָזיקע טעג איז
אויפגעשטאַנען תודס, זאָגנדיק, אַז ער איז עפּעס; צו
וועמען עס האָבן זיך באַהאָפטן אין צאָל אַן ערך פיר
הונדערט מענטשן; ער איז געהרגעט געוואָרן; און
אַלע, וואָס האָבן אים געפאָלגט, זענען צעשפּרייט
37 און צונישט געוואָרן. נאָך דעם איז אויפגעשטאַנען
יהודה הגלילי, אין די טעג פון דער רעגיסטרירונג,
און האָט פאַרפירט נאָך זיך אַן אָנגעזעענעם טייל
פונם פאָלק; אויך ער איז פאַרלוירן געוואָרן, און
אַלע, וואָס האָבן אים געהאָרכט, זענען צעשפּרייט
38 געוואָרן. און איצט זאָג איך אייך: האַלט זיך צוריק
פון די דאָזיקע מענטשן, און לאָזט זיי אָפּ; ווייל אויב

די דאָזיקע עצה אָדער די דאָזיקע זאַך איז פון
39 מענטשן, וועט זי צעשטערט ווערן· נאָר אויב זי
איז פון ג־ט, וועט איר זיי נישט קענען שטערן;
טאָמער וועט איר געפונען ווערן קעמפנדיק אויך
40 קעגן ג־ט· און זיי האָבן אים געהאָרכט; און רופנדיק
די שליחים און שלאָגנדיק זיי מלקות, האָבן זיי
באַפוילן, אַז זיי זאָלן נישט רעדן אין ישועס נאָמען,
41 און האָבן זיי אָפּגעלאָזט· און זיי זענען אַוועק־
געגאַנגען פון פאַר דעם סנהדרין, פרייענדיק זיך וואָס
זיי האָבן זוכה געווען מבזה צו ווערן צוליב דעם
42 נאָמען· און יעדן טאָג, סײַ אין בית המקדש סײַ
פון הויז צו הויז, האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו
לערנען און אָנצוזאָגן די בשורה פון דעם משיח ישוע

## קאַפּיטל זעקס

1 און אין די דאָזיקע טעג, ווען די תלמידים האָבן
זיך געמערט, איז געוואָרן אַ געמורמל פון די
העלעניסטן קעגן די עברים, מחמת אין דער טאָג
טעגלעכער באַדינונג זענען זייערע אלמנות פאַרנאַכ־
2 לעסיקט געוואָרן· און די צוועלף האָבן גערופן
דעם עולם תלמידים, צו זיך און געזאָגט: עס טויג
נישט, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן ג־טס וואָרט און
3 זיך פאַרנעמען מיט דינען בײַ טישן· נאָר זוכט זיך
אויס, ברידער, צווישן אײַך זיבן מענער, וואָס האָבן
אַ גוטן נאָמען און זענען פול מיט דעם רוח הקודש
און מיט חכמה, זיי וועלן מיר באַשטימען איבער
4 דעם דאָזיקן ענין; מיר אָבער וועלן אָנהאַלטן אין
5 תפילה און אין דער עבודה פון דעם וואָרט· און
דאָס וואָרט איז געפעלן דעם גאַנצן עולם; און מען
האָט אויסדערוויילט סטעפאַנוסן, אַ מאַן פול מיט

אמונה און מיט דעם רוח הקודש, און פיליפוסן און
פּראָכאָרוסן און ניקאַנאָר און טימאָן און פּאַרמענאַס,
6 און ניקאָלאַאָסן, אַ גר פון אַנטיוכיאָ. זיי האָט
מען געשטעלט פאַר די שליחים; און מתפּלל־
זייענדיק, האָבן זיי אַרויפגעלייגט די הענט אויף
זיי.
7 און ג־טס וואָרט איז געוואַקסן, און די צאָל
תלמידים אין ירושלים האָט זיך שטאַרק פאַרמערט,
אַפילו אַ גרויסע מאַסע פון די כהנים איז געוואָרן
געהאָרכזאַם צום גלויבן.
8 און סטעפאַנוס, פול מיט גנאָד און גבורה, האָט
געטון גרויסע אותות און מופתים צווישן דעם פאָלק.
9 עס זענען אָבער אויפגעשטאַנען אייניקע פון דעם
בית־הכנסת, וואָס האָט געהייסן די שול פון די
ליבערטינער, און קירענער און אַלעקסאַנדרענער
און פון די (לייט) פון קיליקיען און אַזיען; און
10 האָבן געהאַלטן אַ וויכוח מיט סטעפאַנוסן, און
זיך נישט געקענט אַקעגנשטעלן דער חכמה און
11 דעם גייסט, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. האָבן
זיי דעמלט אונטערגעשטעלט מענער, וואָס האָבן
געזאָגט: מיר האָבן אים געהערט רעדן לעסטערנ־
12 דיקע ווערטער קעגן משהן און ג־ט. און האָבן
אויפגעהעצט דאָס פאָלק און די זקנים און די
סופרים, און זענען אויפגעשטאַנען און אים
געכומען מיט געוואַלד, און אַוועקגעפירט צום
13 סנהדרין, און געשטעלט פאַלשע עדות, וואָס
האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש הערט נישט
אויף צו רעדן ווערטער קעגן דעם דאָזיקן מקום
14 קדוש און דער תורה; וואָרום מיר האָבן אים
געהערט זאָגן, אַז דער דאָזיקער ישוע, דער
נוצרי, וועט צעשטערן דאָס אָרט און ענדערן

די חוקים, וועלכע משה האָט אונז איבערגעגעבן.
15 און אַלע, וואָס זענען געזעסן אין סנהדרין, האָבן
מיט שפּאַנונג געקוקט אויף אים, און געזעען זיין
פּנים ווי (עס וואָלט געווען) דאָס פּנים פון אַ
מלאך.

## קאַפּיטל זיבן

1 און דער כהן גדול האָט געזאָגט: צי איז עס טאַקע
2 אַזוי? ער אָבער האָט געזאָגט:
בּרידער און פאָטערס, הערט! דער ג־ט פון
כבוד האָט זיך באַוויזן צו אונזער פאָטער אברהם,
בשעת ער איז געווען אין ארם נהרים, איידער ער
3 האָט געוואוינט אין חרן, און געזאָגט צו אים:
גיי אַרויס פון דיין לאַנד און פון דיין משפחה, און
גיי אין דעם לאַנד אַריין, וואָס איך וועל דיר ווייזן.
4 איז ער דעמלט אַרויסגעגאַנגען אויס דעם לאַנד
פון די כשדים און האָט געוואוינט אין חרן, און פון
דאָרטן, נאָך דעם ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבן,
האָט ער אים אַריבערגעבּרענגט אין דעם דאָזיקן
5 לאַנד אַריין, אין וועלכן איר וואוינט איצט. און
האָט אים דרינען נישט געגעבן קיין ירושה,
אַפילו נישט אַן אָרט, וואו אַ פוס אַנידערצושטעלן,
נאָר עס אים צוגעזאָגט צו געבן פאַר אַ באַזיץ
און צו זיין זאָמען נאָך אים, בשעת ער האָט נאָך
6 נישט געהאַט קיין קינד. און ג־ט האָט צו אים אַזוי
גערעדט: אַז דיין זאָמען וועט זיין אַ גר אין
אַ פרעמד לאַנד, און מען וועט זיי פאַרקנעכטן און
7 פּייניקן פיר הונדערט יאָר לאַנג. און דאָס פאָלק,
וואָס וועט זיי פאַרקנעכטן, וועל איך משפטן, האָט
ג־ט געזאָגט, און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין און
8 מיך דינען אויף דעם דאָזיקן אָרט. און האָט

אים געגעבן דעם בונד (ברית) פון מילה; און
אַזוי האָט ער (אברהם) געבוירן יצחקן און אים מל
געווען דעם אַכטן טאָג, און יצחק האָט געבוירן
9 יעקבן, און יעקב—די צוועלף ראשי האבות. און
די ראשי האבות, מקנא זייענדיק יוספן, האָבן אים
פאַרקויפט קיין מצרים; און ג-ט איז געווען מיט
10 אים, און האָט אים מציל געווען פון אַלע זיינע
צרות, און אים געשענקט חן און חכמה פאַר פרעהן,
דעם מלך פון מצרים; און ער האָט אים באַשטימט
פאַר אַ מושל איבער מצרים און איבער זיין
11 גאַנץ הויז. און עס איז געוואָרן אַ הונגער איבער
גאַנץ מצרים און כנען, און אַ גרויסע צרה, און
אונזערע עלטערן האָבן נישט געפונען קיין שפייז.
12 ווען אָבער יעקב האָט געהערט, אַז עס איז דאָ ווייץ
אין מצרים, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אַרויס־
13 געשיקט אונזערע פאָטערס. און דאָס אַנדערע מאָל
האָט יוסף זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער,
און יוספס אָפּשטאַמונג איז באַקאַנט געוואָרן צו
14 פרעהן. און יוסף האָט געשיקט און גערופן זיין
פאָטער יעקב און די גאַנצע משפחה, פינף און
15 זיבציק נפשות. און יעקב האָט אַראָפּגענידערט
קיין מצרים, און איז געשטאָרבן און אונזערע
16 פאָטערס, און מען האָט זיי אַריבערגעברענגט קיין
שכם און געלייגט אין דעם קבר, וואָס אברהם האָט
געקויפט פאַר אַ געלט־פרייז פון חמורס זין אין
17 שכם. און אַזוי־ווי עס האָט זיך דערנענטערט די
צייט פון דער הבטחה, וועגן וועלכער ג-ט האָט
צוגעשוואוירן צו אברהמען, איז דאָס פאָלק געוואַקסן
18 און זיך פאַרמערט אין מצרים, ביז איבער מצרים
איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדערער קעניג, וועלכער
19 האָט נישט געקענט יוספן. דער דאָזיקער האָט

געהאַנדלט מיט כיטרעקייט קעגן אונזער פאָלק,
און געפּייניקט אונזערע עלטערן, אַז זיי זאָלן
אַרויסוואַרפן זייערע נייגעבוירענע קינדער, כדי
20 זיי זאָלן נישט בלייבן לעבן. אין דער צייט איז
משה געבוירן געוואָרן, און געווען שיין פאַר ג־ט,
און איז דריי חדשים לאַנג געפּלעגט געוואָרן אין
21 זיין פאָטערס הויז. און ווען מען האָט אים אַרויס־
געוואָרפן, האָט פּרעהס טאָכטער אים גענומען און
22 דערצויגן פאַר זיך פאַר אַ זון. און משה איז
געלערנט געוואָרן אין יעדער חכמה פון די
מצריים, און געווען אַ גבור אין זיינע ווערטער
23 און מעשים. און ווען ער איז אַלט געוואָרן
פערציק יאָר, איז אים געקומען אויפן האַרצן צו
24 באַזוכן זיינע ברידער די קינדער ישראל. און
זעענדיק איינעם ליידן אַן עוולה, האָט ער זיך
אָנגענומען און נוקם געווען פאַר דעם געליטע־
25 נעם, דערשלאָגנדיק דעם מצרי. און האָט געמיינט,
אַז זיינע ברידער וועלן פאַרשטיין, אַז ג־ט
גיט זיי ישועה דורך זיין האַנט, זיי אָבער האָבן
26 נישט פאַרשטאַנען. און דעם אַנדערן טאָג האָט ער
זיך באַוויזן צו זיי, בשעת זיי האָבן זיך געקריגט,
און האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן זיי,
און געזאָגט: מענער, איר זענט (דאָך) ברידער,
פאַרוואָס טוט איר אַן עוולה איינער דעם אַנדערן?
27 און דער, וואָס האָט באַעוולט זיין חבר, האָט אים
אָפּגעשטויסן, זאָגנדיק: ווער האָט דיך געשטעלט פאַר
28 אַ שר און אַ שופט איבער אונז? צי ווילסטו מיך
הרגענען, אַזוי, ווי דו האָסט נעכטן געהרגעט דעם
29 מצרי? איז משה אַנטלאָפן איבער דעם דאָזיקן
וואָרט און געווען אַ פרעמדער אינם לאַנד פון
30 מדין, וואו ער האָט געבוירן צוויי זין. און ווען

פערציק יאָר זענען דערפילט געוואָרן, האָט זיך
אַ מלאך באַוויזן צו אים אין דער מדבר ביים באַרג
31 סיני אין אַ פלאַם פייער פון דעם סנה· און
זעענדיק עס, האָט משה זיך געוואונדערט איבער
דער דערשיינונג; און בשעת ער איז צוגעגאַנגען,
זי צו באַטראַכטן, איז געקומען דאָס קול פונם האַר
32 (ג־ט): איך בין דער ג־ט פון דיינע אבות, דער ג־ט
פון אברהם, און דער ג־ט פון יצחק, און דער ג־ט
פון יעקב· און משה האָט געציטערט און זיך נישט
33 אונטערגעשטעלט צו קוקן· און דער האַר האָט צו
אים געזאָגט: נעם אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס,
וואָרום דאָס אָרט, אויף וועלכן דו שטייסט, איז
34 הייליקע ערד· זעען האָב איך געזען דאָס ליידן פון
מיין פאָלק, וועלכעס איז אין מצרים, און האָב
געהערט זייער זיפצן, און בין אַראָפּגענידערט זיי
אויסצולייזן; און איצט קום, איך וועל דיך שיקן
35 קיין מצרים· דעם דאָזיקן משה, וועמען זיי האָבן
פאַרלייקנט, זאָגנדיק: ווער האָט דיך געשטעלט פאַר
אַ שר און אַ שופט? אים האָט ג־ט געשיקט ווי
אַ שר און גואל, דורך דער האַנט פון דעם מלאך,
36 וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים אין דעם סנה· ער
האָט זיי אַרויסגעפירט, טוענדיק אותות און
מופתים אינם לאַנד מצרים און אינם ים־סוף און
37 אין דער מדבר פערציק יאָר לאַנג· דאָס איז דער
משה, וועלכער האָט געזאָגט צו די קינדער ישראל:
אַ נביא וועט דער האַר אייער ג־ט אייך אויפ־
שטעלן פון אייערע ברידער, גלייך צו מיר; אים
38 זאָלט איר הערן· (דברים יח, טו·) ער איז עס, וואָס
איז געווען אין דער עדה אין דער מדבר מיט דעם
מלאך, וועלכער האָט גערעדט צו אים אויפן באַרג
סיני, און מיט אונזערע עלטערן; ער האָט באַקומען

39 דברים חיים צו געבן צו אונז; צו וועמען אונזערע
פּאָטערס האָבן נישט געוואָלט זיין געהאָרכזאַם,
נאָר האָבן אים אָפּגעשטויסן און אין זייערע הערצער
40 זיך געקערט קיין מצרים, און געזאָגט צו אהרנען:
מאַך אונז געטער, וואָס זאָלן גיין פאַר אונז; וואָרום
דער דאָזיקער משה, וועלכער האָט אונז אַרויס־
געפירט אויס דעם לאַנד מצרים, ווייסן מיר נישט
41 וואָס עס איז געשען צו אים. און האָבן געמאַכט
אַ קאַלב אין יענע טעג, און געבראַכט אַ קרבן
צום אָפּגאָט און זיך געפריידט מיט די מעשים פון
42 זייערע הענט. און ג־ט האָט זיך אַוועקגעקערט און
זיי איבערגעגעבן צו דינען די הערשאַרן פון הימל,
אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אינם ספר פון די נביאים:
צי האָט איר מיר (דען) מקריב געווען זבחים און
מנחות
פערציק יאָר אין דער מדבר, אָ בית ישראל?
43 און איר האָט אויפגענומען דאָס געצעלט פון
מולך
און דעם שטערן פון דעם ג־ט רמפן (ראָמפאַן),
די בילדער, וואָס איר האָט געמאַכט,
זיך צו בוקן צו זיי.
און איך וועל אייך פאַרטרייבן אויף יענער זייט
בבל. (ירמיהו ז, יח; יט, יג; עמוס ה, כה־כז.)
44 דאָס משכן העדות איז געווען ביי אונזערע עלטערן
אין דער מדבר, אַזוי ווי ער האָט באַפוילן, וועלכער
האָט גערעדט צו משהן, אַז ער זאָל עס מאַכן לויט
45 דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט געזען. וועלכעס
אונזערע עלטערן מיט יהושוע האָבן גענומען און
אויך אַריינגעבראַכט אין דעם אייגנטום פון די
פעלקער, וואָס ג־ט האָט אַרויסגעטריבן פון פאַר
אונזערע עלטערנס פנים, ביז צו די טעג פון דוד;

46 וועלכער האָט געפונען חן ביי ג־ט, און האָט געבעטן
47 צו געפינען אַ געצעלט פאַר דעם ג־ט פון יעקב.
48 שלמה אָבער האָט געבויט פאַר אים אַ הויז. נאָר
דער אויבערשטער וואוינט נישט אין (הייזער),
וואָס זענען פון הענט געמאַכט, ווי דער נביא
זאָגט:

49 דער הימל איז מיין טראָן,
און די ערד—דאָס פוסבענקעלע פאַר מיינע פיס;
וואָס פאַר אַ הויז וועט איר מיר בויען?
זאָגט דער האַר (ג־ט);
אָדער וועלכעס איז דאָס אָרט פון מיין מנוחה?
50 צי האָט דען נישט מיין האַנט געמאַכט די
דאָזיקע אַלע זאַכן? (ישעיהו סו, א־ב.)

51 איר האַרטנעקיקע און (וואָס האָבן) נישט־געמלטע
הערצער און אויערן, איר שטעלט זיך תמיד אַקעגן
דעם רוח הקודש; ווי די עלטערן אייערע, אַזוי איר.
52 וועמען פון די נביאים האָבן אייערע עלטערן
נישט גערודפט? און האָבן געטייט די, וואָס האָבן
פאָרויסגעזאָגט וועגן דעם קומען פון דעם צדיק,
וועמעס מוסרים און רוצחים איר זענט איצט געוואָרן;
53 איר, וועלכע האָבן מקבל געווען די תורה דורך דער
פאַרמיטלונג פון מלאכים, און האָבן זי (דאָך) נישט
געהאַלטן!

54 און הערנדיק דאָס, האָט עס זיי געשטאָכן
אין זייערע הערצער, און זיי האָבן געקריצט
55 מיט די ציין אויף אים. און ער, זייענדיק פול
מיט דעם רוח הקודש, האָט אַרויפגעבליקט צום
הימל, און געזעען דעם כבוד פון ג־ט, און
56 ישוען שטיין אויף ג־טס רעכטער זייט, און האָט
געזאָגט: אָט זע איך די הימלען געעפנט און דעם
בן־אדם שטיין אויף דער רעכטער זייט פון ג־ט.

57 און זיי האָבן אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול
און זיך פאַרשטאָפט די אויערן, און אַלע איב־
58 איינעם האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, און
אים אַרויסגעשטויסן אויסער דער שטאָט און
געשטייניקט; און די עדות האָבן אַוועקגעלייגט
זייערע מלבושים ביי די פיס פון אַ יונגנמאַן,
59 וואָס האָט געהייסן שאול. און האָבן געשטייניקט
סטעפאַנוסן, בשעת ער האָט אויסגערופן און
60 געזאָגט: האַר ישוע, נעם אויף מיין גייסט. און
האָט אַנידערגעקניט און אַ געשריי געטון מיט אַ
הויך קול: האַר, רעכן זיי נישט צו די דאָזיקע זינד.
און דאָס זאָגנדיק, איז ער איינגעשלאָפן.

## קאַפיטל אַכט

1 און שאול האָט מסכים געווען צו זיין טויט. און
יענעם טאָג האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסע
רדיפה אויף דער קהלה אין ירושלים; און אַלע
זענען צעשפרייט געוואָרן איבער די געגנטן פון
יהודה און שומרון, מיטן אויסנאַם פון די שליחים.
2 און גאָטספאָרכטיקע לייט האָבן גענומען סטעפאַנוסן
און אים קובר געווען, און געמאַכט אַ גרויס
3 הספד אויף אים. שאול אָבער האָט חרוב געמאַכט
די קהלה, איז אַריינגעגאַנגען אין יעדן הויז, און
געשלעפט מענער און פרויען און זיי איבער־
געגעבן אין תפיסה אַריין.
4 און די, וואָס זענען צעשפרייט געוואָרן, זענען
5 אַרומגעגאַנגען מבשר זייענדיק דאָס וואָרט. און
פיליפוס איז אַראָפגעגאַנגען אין דער שטאָט
שומרון אַריין, און האָט אויסגערופן צו זיי
6 דעם משיח. און די מאַסן האָבן אַלע איינאיינעם

פאַרנומען מיט פלייס פיליפּוסנס רייד, הערנדיק
און זעענדיק די אותות, וואָס ער האָט געטון.
7 וואָרום פון אַ סך פון די, וואָס האָבן געהאַט
אומריינע גייסטער, זענען (די דאָזיקע) אַרויס,
שרייענדיק מיט אַ הויך קול, און אַ סך פּאַראַליזשירטע
8 און לאָמע זענען געהיילט געוואָרן. און עס איז
געוואָרן אַ גרויסע שמחה אין יענער שטאָט.
9 און אַ געוויסער מאַן מיטן נאָמען שמעון, וועלכער
פלעגט זיך פריער אָפּגעבן מיט כשוף אין דער
שטאָט און האָט דערשטוינט דאָס פאָלק פון שומרון,
10 אויסגעבנדיק זיך פאַר עפּעס גרויס; וואָס צו אים
האָבן זיך אַלע צוגעהערט, פון קליין ביז גרויס,
און געזאָגט: דער דאָזיקער (מאַן) איז די קראַפט פון
11 ג-ט, וואָס מען רופט די גרויסע. און זיי האָבן זיך
צוגעהערט צו אים, ווייל במשך פון אַ לענגערער
צייט האָט ער זיי דערשטוינט מיט די כישופים.
12 ווען אָבער זיי האָבן געגלויבט פיליפּוסן, וועלכער
האָט זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה וועגן דעם
קעניגרייך פון ג-ט און דעם נאָמען פון ישוע
המשיח, האָבן זיי זיך געלאָזט טובל־זיין, מענער
13 און פרויען. און דער שמעון אַליין האָט אויך
געגלויבט; און ווערנדיק געטובלט, האָט ער זיך
באַהאַפטן צו פיליפּוסן, און זעענדיק אותות און
גרויסע מופתים געשעען, האָט ער זיך שטאַרק
געוואונדערט.
14 און ווען די שליחים אין ירושלים האָבן געהערט,
אַז שומרון האָט אָנגענומען ג-טס וואָרט, האָבן זיי
15 געשיקט צו זיי פּעטרוסן און יוחנן; וועלכע,
אַראָפּקומענדיק, האָבן מתפלל געווען פאַר זיי,
16 אַז זיי זאָלן באַקומען דעם רוח הקודש. וואָרום
דער רוח הלודש איז נאָך נישט געהאַט געפאַלן

אויף קיין איינעם פון זיי; זיי זענען בלויז געווען
17 געטובלט אינם נאָמען פון דעם האַר ישוע. דאַן
האָבן זיי אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיי, און זיי
18 האָבן באַקומען דעם רוח הקודש. און ווי שמעון
האָט געזען, אַז דער רוח הקודש איז געגעבן געוואָרן
דורך דעם אַרויפלייגן די הענט פון די שליחים,
19 האָט ער געבראַכט געלט צו זיי, און געזאָגט:
גיט מיר אויך די דאָזיקע מאַכט, כדי ווען איך וועל
אַרויפלייגן די הענט אויף עמיצן, זאָל ער באַקומען
20 דעם רוח הקודש. פעטרוס אָבער האָט צו אים
געזאָגט: דיין זילבער זאָל בלייבן בײַ דיר צו (דיין)
פאַרדאַרבונג, ווייל דו האָסט בדעה געהאַט צו
21 קויפן די מתנה פון ג־ט מיט געלט. דו האָסט נישט
קיין חלק און נישט קיין נחלה אין דער דאָזיקער
זאַך, וואָרום דיין האַרץ איז נישט אויפריכטיק פאַר
22 ג־ט. דעריבער טו תשובה פון דער דאָזיקער
שלעכטסקייט דיינער, און טו תפילה צום האַר (ג־ט),
אפשר וועט דיר פאַרגעבן ווערן די מחשבה פון דיין
23 האַרץ. וואָרום איך זע, אַז דו ביסט אין דער גאַל
24 פון ביטערקייט און אין דעם בונד פון רשעות. און
שמעון האָט ענטפערנדיק געזאָגט: זייט איר מתפלל
פאַר מיר צום האַר (ג־ט), אַז קיין זאַך זאָל נישט
קומען אויף מיר, פון וועלכע איר האָט גערעדט.

25 און עדות־זאָגנדיק און רעדנדיק דאָס וואָרט פונם
האַר, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושלים, און
אָנגעזאָגט (אונטערוועגנס) די גוטע בשורה אין פיל
שומרונישע דערפער.

26 און אַ מלאך פון האַר (ג־ט) האָט גערעדט צו
פיליפוסן, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, און גיי קיין
דרום זייט אויף דעם וועג, וואָס פירט אַראָפּ פון
27 ירושלים קיין עזה; דער זעלביקער איז וויסט. און

ער איז אויפגעשטאַנען, און געגאַנגען; און זע,
אַ מאַן, אַן עטיאָפּיער, אַ סריס, אַ הויפּבעאַמטער
ביי קאַנדאַקע, קעניגין פון די עטיאָפּיער,—ער איז
געווען איבער אַלע אירע אוצרות,—איז געקומען
28 זיך צו בוקן (פאַר ג־ט) אין ירושלים; און
אומקערנדיק זיך (אַהיים), און זיצנדיק אויף זיין
רייטוואָגן, האָט ער געליינט (דאָס ספר פון)
29 דעם נביא ישעיה· און דער גייסט האָט געזאָגט
צו פיליפּוסן: גיי צו, און באַהעפט דיך צו דעם
30 דאָזיקן רייטוואָגן· און פיליפּוס איז צוגעלאָפן, און
געהערט אים לייענען דאָס (ספר פון) ישעיה הנביא,
און האָט געזאָגט: צי פאַרשטייסטו וואָס דו לייענסט?
31 האָט ער געזאָגט: וויאַזוי זאָל איך קענען, ווען
קיינער לערנט מיך נישט? און האָט געבעטן
פיליפּוסן איינצושטייגן און זיך אַנידערצוזעצן מיט
32 אים· און דער תוכן פון דער שריפט, וואָס ער האָט
געליינט איז געווען דאָס דאָזיקע:

ווי אַ שאָף צו דער שחיטה איז ער געפירט
געוואָרן;
און ווי אַ לאַם פאַר זיין שערער איז שטום,
אַזוי האָט ער נישט אויפגעמאַכט זיין מויל;
33 אין זיין דערנידעריקונג איז זיין משפט אַוועק־
גענומען געוואָרן;
און ווער וועט באַרעכענען זיין דור?
ווייל זיין לעבן איז אַוועקגענומען געוואָרן פון
דער ערד· (ישעיהו נג, ז־ח·)

34 און דער סריס האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו
פיליפּוסן: איך בעט דיך, וועגן וועמען רעדט דאָס
דער נביא? וועגן זיך אַליין אָדער וועגן אַן
35 אַנדערן? און פיליפּוס האָט אויפגעמאַכט זיין
מויל, און אָנהויבנדיק פון דער דאָזיקער שריפט,

האָט ער אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פון ישוען·
36 און ווי זיי זענען אַזוי געפאָרן אויפן וועג, זענען
זיי געקומען צו אַ וואַסער; און דער סריס האָט
געזאָגט: זע, אַ וואַסער; וואָס שטערט מיר
37 געטובלט צו ווערן? האָט פיליפוס צו אים געזאָגט:
אויב דו גלויבסט מיטן גאַנצן האַרצן, מעגסטו· און
ער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: איך גלויב, אַז ישוע
38 המשיח איז דער בן אלקים· און האָט באַפוילן
אָפצושטעלן דעם רייטוואָגן, און ביידע זענען
אַראָפגעגאַנגען אין וואַסער אַריין, פיליפוס און
39 דער סריס; און ער האָט אים געטובלט· און ווען
זיי זענען אַרויסגעשטיגן פונם וואַסער, האָט דער
גייסט פון דעם האַר פאַרטראָגן פיליפוסן, און דער
סריס האָט אים שוין מער נישט געזעען, און אַ
פריילעכער איז ער זיך געפאָרן אויף זיין וועג·
40 פיליפוס אָבער האָט זיך געפונען אין אַשדוד; און
איז אַרומגעגאַנגען און האָט אָנגעזאָגט די גוטע
בשורה אין אַלע שטעט, ביז ער איז געקומען קיין
קיסריה·

## קאַפיטל ניין

1 שאול אָבער האָט נאָך אַלץ געאָטעמט מיט
דראָהונג און רציחה קעגן די תלמידים פון
2 דעם האַר, און איז געגאַנגען צום כהן גדול, און
ביי אים געבעטן בריוו צו די שולן אין דמשק, כדי
ווען ער וועט געפינען אייניקע, וואָס האַלטן זיך
ביי דעם דרך, סיי מענער סיי פרויען, זאָל ער זיי
3 ברענגען אין קייטן קיין ירושלים· און בשעת ער
איז געפאָרן, איז געשעען, אַז ווען ער האָט זיך
דערנענטערט צו דמשק, האָט פלוצלונג אַ ליכט
4 פון הימל אים אַרומגעשטראַלט; און ער איז אַנידער־

געפאַלן אויף דער ערד, און געהערט אַ קול,
וואָס האָט געזאָגט צו אים: שאול, שאול, וואָס
5 פאַרפאָלגסטו מיך? האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו,
האַר? און ער (האָט געזאָגט): איך בין ישוע, וועמען
6 דו פאַרפאָלגסט. נאָר שטיי אויף, און גיי אַריין אין
דער שטאָט, און עס וועט דיר געזאָגט ווערן, וואָס
7 דו זאָלסט טון. און די לייט, וואָס האָבן מיטגערייזט
מיט אים, זענען געבליבן שטיין אָן לשון, הערנדיק
8 דאָס קול, און נישט זעענדיק קיינעם. און שאול
האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד; און הגם די
אויגן האָבן זיך אים אויפגעמאַכט, האָט ער דאָך
גאָרנישט געזעען; און מען האָט אים אָנגענומען
9 ביי דער האַנט, און אַריינגעפירט קיין דמשק. און
דריי טעג איז ער געווען אָן ראיה; און האָט נישט
געגעסן און נישט געטרונקען.
10 און אין דמשק איז געווען אַ געוויסער תלמיד
מיטן נאָמען חנניה; און דער האַר האָט צו אים
געזאָגט אין אַ חזיון: חנניה! און ער האָט געזאָגט:
11 אָט בין איך, האַר! און דער האַר האָט צו אים
געזאָגט: שטיי אויף, און גיי צו דער גאַס, וואָס מען
רופט זי די גלייכע, און זוך אין יהודהס הויז שאולן
מיטן צונאָמען הטרסי, וואָרום זע, ער טוט תפילה,
12 און האָט געזעען אין אַ חזיון אַ מאַן, וועלכער הייסט
חנניה, אַריינקומען און אַרויפלייגן די הענט אויף
13 אים, כדי ער זאָל ווידער זעען. האָט חנניה געענטפערט:
האַר, איך האָב געהערט פון פילע וועגן דעם
דאָזיקן מאַן, וויפל שלעכטס ער האָט געטון צו
14 דיינע קדושים אין ירושלים; אויך דאָ האָט ער
רשות פון די הויפט־כהנים צו בינדן אַלע, וואָס
15 רופן אָן דיין נאָמען. דער האַר אָבער האָט צו אים
געזאָגט: גיי, ווייל ער איז פאַר מיר אַ כלי חפץ,

צו טראָגן מיין נאָמען פאַר די אומות און מלכים
16 און קינדער ישראל; וואָרום איך וועל אים ווייזן
17 וואָס ער וועט מוזן ליידן צוליב מיין נאָמען. און
חנניה איז אַוועק, און אַריינגעגאַנגען אין דעם
הויז, האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף אים
און געזאָגט: ברודער שאול, דער האַר האָט
מיך געשיקט, ישוע, וואָס האָט זיך צו דיר
באַוויזן אויפן וועג, אויף וועלכן דו ביסט געפאָרן,
כדי דו זאָלסט ווידער זעען און פול ווערן
18 מיט דעם רוח הקודש. און גלייך זענען אַראָפ־
געפאַלן פון זיינע אויגן עפעס ווי שופן, און ער
19 האָט ווידער געזעען, און איז אויפגעשטאַנען און
זיך געלאָזט טובל־זיין; און האָט גענומען שפייז
און זיך געשטאַרקט.

און ער איז געווען אייניקע טעג מיט די תלמידים
20 אין דמשק. און האָט גלייך אויסגערופן אין די
21 שולן, אַז ישוע איז דער בן אלקים. און אַלע,
וואָס האָבן (אים) געהערט, זענען דערשטוינט
געוואָרן, און האָבן געזאָגט: צי איז ער דען נישט דער
דאָזיקער, וואָס פלעגט פאַרטיליקן אין ירושלים
די, וועלכע האָבן אָנגערופן דעם דאָזיקן נאָמען? און
איז אַהערגעקומען פאַר דעם זעלביקן צוועק, כדי
זיי אַוועקצופירן אין קייטן צו די הויפטכהנים?
22 שאול אָבער האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, און
האָט צומישט די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין
דמשק, אויפווייזנדיק, אַז דער דאָזיקער איז דער
משיח.

23 און ווען עס זענען פאַרביי אַ סך טעג, האָבן די
24 יידן זיך באַראָטן אים אומצוברענגען; נאָר זייער
פאַרשווערונג איז באַקאַנט געוואָרן צו שאולן. און
זיי האָבן אפילו באַוואַכט די טויערן בייטאָג און

25 ביינאַכט, כדי אים צו טייטן. זיינע תלמידים אָבער
האָבן אים גענומען ביינאַכט, און אַראָפּגעלאָזט
פון דער שטאָטמויער, אַראָפּנידערנדיק אים אין אַ
קאָרב.

26 און ווען ער איז געקומען קיין ירושלים, האָט
ער געפּרואווט זיך צו באַהעפטן צו די תלמידים;
און אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אים, נישט
27 גלויבנדיק, אַז ער איז אַ תלמיד. בר־נבא אָבער
האָט אים גענומען, און אַוועקגעפירט צו די שליחים,
און זיי דערציילט, וויאַזוי ער האָט געזען דעם
האַר אויפן וועג, און אַז ער האָט צו אים גערעדט,
און ווי ער האָט מיט פּתחון־פה גערעדט אין
28 דמשק אין ישועס נאָמען. און ער איז געווען מיט
29 זיי, אַ יוצא ונכנס אין ירושלים, אויפטרעטנדיק
מיט פּתחון־פה אין דעם האַרס נאָמען; און האָט
גערעדט און זיך מתוכח געווען מיט גריכישע
יידן; זיי אָבער האָבן געזוכט אים אַ מעשה
30 אָנצוטון. און ווי די ברידער האָבן זיך דערוואוסט,
האָבן זיי אים אַראָפּגעפירט קיין קיסריה און
אים אַוועקגעשיקט קיין טרסוס.

31 און די קהילה איבער גאַנץ יהודה און גליל און
שומרון האָט געהאַט שלום. איז דערבויט געוואָרן;
האָט געוואַנדלט אין דער פורכט פון דעם האַר; און
דורך דער טרייסט פון דעם רוח הקודש האָט זי זיך
פאַרמערט.

32 און עס איז געשען, בשעת פּעטרוס איז געגאַנגען
פון אָרט צו אָרט, איז ער אויך געקומען צו די
33 קדושים, וואָס האָבן געוווינט אין לוד. און דאָרטן
האָט ער געפונען אַ געוויסן מענטשן מיטן נאָמען
ענעאַס, וועלכער איז שוין געלעגן אַכט יאָר לאַנג
צו בעט; ווייל ער איז געווען פּאַראַליזירט.

34 און פּעטרוס האָט צו אים געזאָגט: ענעאַס, ישוע
המשיח מאַכט דיך געזונט; שטיי אויף און מאַך
דיר דאָס בעט! און ער איז גלייך אויפגע־
35 שטאַנען. און אַלע איינוואוינער פון לוד און שרון
האָבן אים געזען און האָבן זיך געקערט צום האַר
(אין גלויבן).
36 און אין יפו איז געווען אַ תלמידה מיטן נאָמען
טביתא, אויף אַ (גריכישער) איבערזעצונג האָט
מען זי גערופן דאָרקאַס; זי איז געווען פול מיט
מעשים טובים און צדקות, וואָס זי האָט געטון.
37 און עס איז געשען אין יענע טעג, (דאָס) זי איז
קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און מען האָט זי
אָפּגעוואַשן און געלייגט אין אַן אויבערשטיבל.
38 און אַזוי ווי לוד איז נאָענט ביי יפו, ווייל די תלמידים
האָבן געהערט, אַז פּעטרוס געפינט זיך דאָרטן,
האָבן זיי געשיקט צוויי מענער צו אים און געבעטן:
39 זוים דיך נישט צו קומען צו אונז. און פּעטרוס
איז אויפגעשטאַנען און מיטגעגאַנגען מיט זיי.
ווען ער איז אַהינגעקומען, האָבן זיי אים אַרויפ־
געפירט אין אויבערשטיבל אַריין; און אַלע אלמנות
האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, וויינענדיק
און ווייזנדיק אים העמדער און קליידער, וואָס
דאָרקאַס האָט געמאַכט, ווען זי איז נאָך געווען מיט
40 זיי. פּעטרוס אָבער האָט אַלעמען אַרויסגעשיקט
אינדרויסן, האָט געבייגט די קניען און תפילה
געטון, און זיך דאַן געווענדט צום קערפּער און
געזאָגט: טביתא, שטיי אויף! און זי האָט אויפגע־
מאַכט אירע אויגן, און זעענדיק פּעטרוסן, האָט זי
41 זיך אויפגעזעצט. און ער האָט איר געגעבן די
האַנט און זי אויפגעשטעלט, און גערופן די קדושים
און די אלמנות, און זי אַוועקגעשטעלט פאַר

42 זיי אַ לעבעדיקע. און דאָס איז באַקאַנט געוואָרן
איבער גאַנץ יפו, און אַ סך האָבן געגלויבט אין
43 דעם האַר. און עס איז געשען, אַז במשך פון
מערערע טעג איז ער איינגעשטאַנען אין יפו ביי
אַ געוויסן שמעון, אַ גאַרבער.

## קאַפּיטל צען

10

1 און עס איז געווען אַ מאַן אין קיסריה מיטן נאָמען
קאָרנעליוס, אַן אָפיציר פון דער אָפּטיילונג,
2 וואָס האָט געהייסן די איטאַליענישע, אַ פרומער
(מענטש) און אַ ירא־שמים מיט זיין גאַנץ בני־
בית, טוענדיק פיל צדקה צום פאָלק און תמיד
3 מתפלל־זייענדיק צו ג־ט. ער האָט באַשיינפערלעך
געזען אין אַ חזיון, ווי אַרום דער ניינטער שעה
פונם טאָג איז אַ מלאך פון ג־ט אַרייַנגעקומען
4 צו אים, און צו אים געזאָגט: קאָרנעליוס! און ער
האָט אַ בליק געטון אויף אים און זיך געפאָרכטן,
און געזאָגט: וואָס איז עס, האַר? און ער האָט צו
אים געזאָגט: דיינע תפילות און דיינע צדקות זענען
5 אַרויפגעקומען לזכרון פאַר ג־ט. און איצט שיק
מענער קיין יפו און לאָז רופן שמעונען, וועלכן
6 מען רופט פעטרוס; ער שטייט איין ביי אַ געוויסן
7 שמעון, אַ גאַרבער, וועמעס הויז איז ביים ים. און
ווי דער מלאך, וואָס האָט גערעדט צו אים, איז אַוועק,
האָט ער גערופן צוויי פון זיינע דינער, און אַ גאָטס־
פאָרכטיקן זעלנער פון די, וועלכע זענען תמיד ביי
8 אים געווען; און האָט זיי אַלץ דערקלערט, און זיי
אַוועקגעשיקט קיין יפו.

9 און אויף צומאָרגנס, בשעת זיי זענען געווען אויפן
וועג, און האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט,

איז פּעטרוס אַרויפֿגעשטיגן אויפֿן דאַך, תּפֿילה צו
10 טון, אַרום דער זעקסטער שעה; און איז הונגעריק
געוואָרן, און געוואָלט (עפּעס) טועם זיין; נאָר
בשעת מען האָט צוגעגרייט (דאָס עסן), איז געפֿאַלן
11 אויף אים אַן עקסטאַז; און ער האָט געזעען דעם
הימל אויפֿגעמאַכט, און עפּעס אַ געפֿעס אַראָפּקומען,
ווי אַ גרויס לײַלעך, אָנגעבונדן אויף די פֿיר עקן,
12 און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד; אין וועלכן עס
האָבן זיך געפֿונען אַלע פֿירפֿיסיקע חיות און שרצים
13 פֿון דער ערד און פֿייגל פֿון הימל. און עס איז
געקומען אַ קול צו אים: שטיי אויף, פּעטרוס, שחט
14 און עס. פּעטרוס אָבער האָט געזאָגט: האַר, בשום
אופֿן נישט, ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געגעסן
15 וואָס איז טמא און טריפֿה. און ווידער איז אַ קול
געקומען צו אים צום צווייטן מאָל: וואָס ג־ט האָט
ריין געמאַכט, דאָס זאָלסטו נישט (רופֿן) טמא.
16 און דאָס איז געשעען דריי מאָל; און גלייך איז
דאָס געפֿעס אַרויפֿגענומען געוואָרן אין הימל אַריין.
17 און בשעת פּעטרוס האָט נישט געוואוסט וויאַזוי
זיך צו דערקלערן, וואָס עס קען זיין די דערשיינונג,
וועלכע ער האָט געזעען, זע, די מענער, וואָס
זענען געשיקט געוואָרן פֿון קאָרנעליוסן, האָבנדיק זיך
נאָכגעפֿרעגט וועגן שמעונס הויז, זענען געשטאַנען
18 ביים טויער, און האָבן גערופֿן און געפֿרעגט, צי
שמעון, וועמען מען רופֿט פּעטרוס, שטייט דאָ איין.
19 און בשעת פּעטרוס האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם
חזיון, האָט דער גייסט צו אים געזאָגט: זע, דריי
20 מענער זוכן דיך. נאָר שטיי אויף, גיי אַראָפּ, און
פֿאָר מיט זיי, צווייפֿל גאָרנישט; ווייל איך האָב זיי
21 געשיקט. און פּעטרוס איז אַראָפּגעגאַנגען צו די
מענער, און האָט געזאָגט: אָט בין איך, וועמען

איר זוכט: וואָס פאַר אַ סבה איז עס, צוליב וועלכער
22 איר זענט געקומען? האָבן זיי געזאָגט: קאָרנעליוס,
אַן אָפיציר, אַן איש צדיק און ירא־שמים, און וואָס
האָט אַ גוטן שם ביים גאַנצן יידישן פאָלק, האָט
באַקומען אַ באַפעל פון אַ הייליקן מלאך, צו שיקן
דיך רופן אין זיין הויז אַריין, און צו הערן רייד פון
23 דיר. דעמלט האָט פעטרוס זיי אַריינגערופן און
אויפגענומען גאַסטפריינטלעך.

און צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען און איז
אַוועק מיט זיי, און אייניקע פון די ברידער אין
24 יפו זענען מיטגעגאַנגען מיט אים. און דעם
אַנדערן טאָג זענען זיי אַריינגעקומען קיין קיסריה.
קאָרנעליוס אָבער האָט שוין געוואַרט אויף זיי,
האָבנדיק צוזאַמענגערופן זיינע קרובים און די
25 אינטימע פריינט. און עס איז געשען, בשעת
פעטרוס איז אַריינגעקומען, אַז אַנטקעגנגייענדיק
אים, איז קאָרנעליוס אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע
26 פיס און האָט זיך געבוקט. פעטרוס אָבער האָט אים
אויפגעהויבן, און געזאָגט: שטיי אויף; איך אַליין
27 בין אויך נאָר אַ מענטש. און רעדנדיק מיט אים,
איז ער אַריינגעגאַנגען, און האָט געפונען אַ סך
28 צונויפגעקומענע; און האָט צו זיי געזאָגט: איר
ווייסט אַליין ווי עס איז אסור פאַר אַ יידן זיך צו
באַהעפטן אָדער צו קומען צו איינעם פון אַ פרעמד
פאָלק; נאָר ג־ט האָט מיר געוויזן, קיין מענטשן
29 נישט צו רופן געמיין אָדער טמא. היות איך בין
גערופן געוואָרן, בין איך דערפאַר געקומען אָן
ווייגערונג. איך פרעג דעריבער, צוליב וואָס האָט
30 איר מיך געלאָזט רופן? און קאָרנעליוס האָט געזאָגט:
מיט פיר טעג צוריק ביז צו דער דאָזיקער שעה,
דער ניינטער, האָב איך תפילה געטון אין מיין הויז;

און זע פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן אין שיינ־
31 ענדיקע מלבושים, און האָט געזאָגט: קאָרנעליוס,
דיין תפילה איז דערהערט געוואָרן, און דיינע
32 צדקות זענען דערמאָנט געוואָרן פאַר ג״ט. שיק
דעריבער קיין יפו, און לאַד איין שמעונען, וועלכן
מען רופט פעטרוס; ער שטייט איין אינם הויז פון
33 שמעון, אַ גאַרבער, ביים ים. דעריבער האָב איך
גלייך געשיקט צו דיר; און דו האָסט גוט געטון,
וואָס ביסט געקומען. און איצט זענען מיר אַלע דאָ
פאַר ג״ט, כדי צו הערן אַלץ, וואָס איז דיר באַפוילן
34 געוואָרן פונם האַר. און פעטרוס, האָט אויפגעמאַכט
זיין מויל און געזאָגט:

אויף אַן אמת בין איך משיג, אַז ג״ט איז נישט
35 קיין נושא פנים; נאָר אין יעדן פאָלק, ווער עס
פאָרכט זיך פאַר אים און טוט צדקה, איז אָנגענומען
36 ביי אים. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געשיקט צו די
קינדער ישראל, מבשר זייענדיק שלום דורך ישוע
המשיחן—ער איז האַר איבער אַלע—קענט איר;
37 און איר קענט די זאַך, וואָס איז געשעען
איבערן גאַנצן (לאַנד) יהודה, וועלכע האָט זיך אָנגע־
הויבן פון גליל נאָך דער טבילה, וואָס יוחנן האָט
38 אויסגערופן—ווי ג״ט האָט געזאַלבט ישוען פון
נצרת מיט דעם רוח הקודש און מיט גבורה; וועל־
כער איז אַרומגעגאַנגען, טוענדיק גוטס און היילנדיק
39 אַלע, וואָס זענען געווען אונטער דער מאַכט פונם
שטן, ווייל ג״ט איז געווען מיט אים. און מיר זענען
עדות וועגן אַלעם, וואָס ער האָט געטון אין דעם
לאַנד יהודה און אין ירושלים; אים האָבן זיי אויך
אומגעבראַכט, אויפהענגענדיק אים אויף אַ האָלץ.
40 דעם דאָזיקן האָט ג״ט אויפגעוועקט דעם דריטן
טאָג, און אים געגעבן אַנטפלעקט צו ווערן, (דאָך)

41 נישט צום גאַנצן פאָלק, נאָר צו עדות, וועלכע
זענען פאָרויס אויסדערוויילט געוואָרן פון ג־ט,
צו אונז, וואָס האָבן געגעסן און געטרונקען מיט
42 אים נאָך זיין אויפשטיין פון די טויטע. און ער האָט
אונז באַפוילן אויסצורופן צום פאָלק און עדות־
צו־זאָגן, אַז ער איז דער פון ג־ט באַשטימטער
43 שופט פון די לעבעדיקע און טויטע. אויף אים
זאָגן אַלע נביאים עדות, אַז יעדערער, וואָס גלויבט
אין אים, וועט דורך זיין נאָמען באַקומען די פאַר־
געבונג פון זינד.

44 בשעת פעטרוס האָט נאָך גערעדט די דאָזיקע
ווערטער, איז דער רוח הקודש געפאַלן אויף אַלע,
45 וואָס האָבן געהערט דאָס וואָרט. און די געמלטע
(ד׳ ה׳ די יידישע) מאמינים, וועלכע זענען מיט־
געקומען מיט פעטרוסן, האָבן געשטוינט, אַז
אַפילו אויף די גוים איז אויסגעגאָסן געוואָרן די
46 מתנה פון דעם רוח הקודש. וואָרום זיי האָבן זיי
געהערט רעדן מיט לשונות און אָפּגעבן כבוד צו
47 ג־ט. דעמלט האָט פעטרוס געענטפערט: צי קען
דען עמיצער פאַרווערן דאָס וואַסער, אַז עס זאָלן
נישט געטובלט ווערן די דאָזיקע, וועלכע האָבן
48 באַקומען דעם רוח הקודש, ווי מיר? און ער האָט
זיי באַפוילן זיך צו לאָזן טובל זיין אין דעם נאָמען
פון ישוע המשיחן. דעמלט האָבן זיי אים געבעטן,
נאָך צו פאַרבלייבן אייניקע טעג.

## קאַפּיטל עלף

1 און די שליחים און די ברידער, וועלכע זענען
געווען אין יהודה, האָבן געהערט, אַז אויך די
2 גוים האָבן אָנגענומען ג־טס וואָרט. און ווען פּעטרוס
איז אַרויפגעקומען קיין ירושלים, האָבן די געמלטע
3 זיך געצאַנקט מיט אים, זאָגנדיק: דו ביסט אַריינ־
געגאַנגען צו ערלים, און האָסט געגעסן מיט זיי.
4 פּעטרוס אָבער האָט אָנגעהויבן און זיי דערציילט
5 כסדר, אַזוי צו זאָגן: איך בין געווען אין דער שטאָט
יפו און האָב תפילה געטון, און אין אַן עקסטאַז האָב
איך געזען אַ חזיון, עפּעס אַ געפעס איז אַראָפּ־
געקומען ווי אַ גרויס ליילעך, אַראָפּגעלאָזט פון
הימל ביי די פיר עקן; און עס איז געקומען צו מיר;
6 אין וועלכן איך האָב זיך איינגעקוקט און באַמערקט,
און געזען די פירפיסיקע (בהמות) פון דער ערד
און די חיות און שרצים און די פייגל פון הימל.
7 און האָב געהערט אַ קול זאָגן צו מיר: שטיי
8 אויף, פּעטרוס, שחט און עס. איך אָבער האָב
געזאָגט: בשום אופן נישט, האַר, ווייל קיין שום
טמא אדער טריפה זאַך איז (נאָך) קיינמאָל נישט
9 אַריינגעגאַנגען אין מיין מויל. און צום צווייטן
מאָל האָט אַ קול פון הימל מיר געענטפערט: וואָס
ג־ט האָט ריין געמאַכט, זאָלסטו נישט מטמא זיין.
10 דאָס דאָזיקע איז געשען דריימאָל, און אַלץ איז
ווידער אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין.
11 און זע, אין אַן אויגנבליק זענען געשטאַנען דריי
מענטשן ביים הויז, אין וועלכן מיר זענען געווען,
וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון קיסריה צו מיר.
12 און דער גייסט האָט געזאָגט צו מיר, איך זאָל מיט־

גיין מיט זיי, און זיך גאָרנישט ווייגערן. און די
דאָזיקע זעקס ברידער זענען מיטגעגאַנגען מיט
מיר, און מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם
13 מאַנס הויז; און ער האָט אונז דערציילט, ווי ער
האָט געזעען דעם מלאך אין זיין הויז שטיין און
זאָגן: שיק קיין יפו און ברענג שמעונען, וועמען
14 מען רופט פעטרוס, וועלכער וועט רעדן צו דיר
ווערטער, דורך וועלכע דו וועסט געהאָלפן ווערן
15 און דיין גאַנץ הויז. און ווען איך האָב אָנגעהויבן
צו רעדן, איז דער רוח הקודש געפאַלן אויף זיי,
16 פונקט אַזוי ווי אין אָנהויב אויף אונז. און איך האָב
מיך דערמאָנט דעם האַרס וואָרט, ווי ער האָט
געזאָגט: יוחנן האָט טאַקע געטובלט מיט וואַסער,
איר אָבער וועט געטובלט ווערן מיט דעם רוח
17 הקודש. דעריבער אויב ג־ט האָט זיי געגעבן
די זעלביקע מתנה, ווי אויך צו אונז, די
מאמינים אין דעם האַר ישוע המשיח, ווער בין
18 איך, וואָס זאָל קענען פאַרווערן ג־ט? און
הערנדיק דאָס, זענען זיי שטיל געוואָרן און האָבן
געלויבט ג־ט, אַזוי צו זאָגן: באמת, ג־ט האָט
אויך צו גוים געגעבן די תשובה, (וואָס פירט) צום
לעבן.
19 און די, וועלכע זענען צעשפּרייט געוואָרן צוליב
דער רדיפה, וואָס איז געשען איבער סטעפאַנוסן,
זענען אַוועק ביז פעניציען און ציפערן און אַנטיאָ־
כיען, נישט רעדנדיק דאָס וואָרט צו קיינעם אַ חוץ
20 בלויז צו יידן. עס זענען אָבער געווען אייניקע
פון זיי, מענער פון ציפערן און קירענע, וואָס, ווען
זיי זענען געקומען קיין אַנטיאָכיען, האָבן גערעדט
אַפילו צו גריכן, אָנזאָגנדיק די גוטע בשורה פון
21 דעם האַר ישוע. און די האַנט פון דעם האַר איז

געווען מיט זיי, און אַ גרויסע צאָל האָבן געגלויבט
22 און זיך געקערט צום האַר. און די זאַך וועגן
זיי איז געהערט געוואָרן אין די אויערן פון דער
קהילה, וועלכע איז געווען אין ירושלים, און
זיי האָבן אַרויסגעשיקט בר־נבאן קיין אַנטיאָכיען;
23 וועלכער האָט זיך געפריידט, ווען ער איז אַהינ־
געקומען און געזעען דעם חסד פון ג־ט; און
האָט אַלעמען מזהיר געווען, זיך צו באַהעפטן
24 צום האַר מיט אַן אַנטשלאָסן האַרץ; ווייל ער איז
געווען אַן איש טוב און אָנגעפילט מיט דעם רוח
הקודש און מיט אמונה; און אַן אָנגעזעענער המון
מענטשן האָט זיך אונטערטעניק געמאַכט צום האַר.
25 און ער איז אַרויסגעגאַנגען קיין טאַרסוס אויפ־
26 צוזוכן שאולן; און געפינענדיק אים, האָט ער
אים אַוועקגעפירט קיין אַנטיאָכיען. און עס איז
געשען, במשך פון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי זיך פאַר־
זאַמלט אין דער קהלה און געלערנט אַ גרויסן
עולם מענטשן; און צוערשט אין אַנטיאָכיען האָט
מען די תלמידים גערופן (משיחיים) קריסטן.

27 אין די דאָזיקע טעג זענען אַראָפּגעקומען נביאים
28 פון ירושלים קיין אַנטיאָכיען. און איינער פון זיי
מיטן נאָמען אַגאַבוס איז אויפגעשטאַנען און האָט
געוויזן דורך דעם רוח הקודש, אַז עס וועט זיין אַ
גרויסער הונגער אין דער גאַנצער וועלט; וואָס
29 איז געקומען אין די טעג פון קלוידיוס. און די
תלמידים האָבן באַשלאָסן, אַז יעדער איינער פון
זיי, לויט זיינע מעגלעכקייטן, זאָל שיקן צו דער
אונטערשטיצונג פון די ברידער, וועלכע וואוינען
30 אין יהודה. דאָס האָבן זיי אויך געטון, שיקנדיק עס
צו די זקנים דורך דער האַנט פון בר־נבא און שאול.

## קאַפּיטל צוועלף

1 און אַרום יענער צייט האָט דער קעניג הורדוס
אויסגעשטרעקט די הענט צו פּייניקן אייניקע
2 פון דער קהלה· און האָט געטייט יעקבן, יוחנן׳ס
3 בּרודער, מיט דער שווערד· און זעענדיק, אַז עס
איז געפעלן די יידן, האָט ער געמערט צו אַרעסטירן
פּעטרוסן אויך· און עס זענען (דעמלט) געווען די
4 טעג פונם חג המצות· און נעמענדיק אים געפאַנגען,
האָט ער אים איינגעזעצט אין תפיסה, איבער־
געבנדיק אים צו פיר אָפּטיילונגען זעלנער, יעדע
פון פיר מאַן, צו היטן, האָבנדיק בדעה נאָך פסח
5 אים אַרויסצופירן פאַרן פאָלק· פּעטרוס איז
דעריבער באַוואַכט געוואָרן אין דעם געפענקעניש,
און די קהלה האָט זער ערנסט מתפלל געווען פאַר
6 אים צו ג־ט· און ווען הורדוס האָט אים שוין געזאָלט
אַרויספירן, איז פּעטרוס יענע נאַכט געשלאָפן צווישן
צוויי זעלנער, מיט צוויי קייטן געבונדן; און לייט
אויף דער וואַך בּיי דער טיר האָבן געהיטן די תפיסה·
7 און זע, אַ מלאך פונם האַר איז געקומען, און אַ
ליכט האָט אויפגעלויכטן אין דער קאַמער; און ער
האָט אַ קלאַפּ געטון פּעטרוסן אויף דער זייט און אים
אויפגעוועקט, און געזאָגט: שטיי אויף געשווינט·
און די קייטן זענען אים אַראָפּגעפאַלן פון די
8 הענט· און דער מלאך האָט צו אים געזאָגט: גאַרטל
דיך אונטער און טו אָן דיינע שיך· און ער האָט
אַזוי געטון· און ער האָט צו אים געזאָגט: היל דיך
9 איין אין דיין מלבוש און פאָלג מיר נאָך· און
ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט נאָכגעפאָלגט;
און בּישט געוואוסט, אַז עס איז אמת, וואָס איז

געשעען דורך דעם מלאך, נאָר האָט געמיינט, ער
10 זעט אַ חזיון. און ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען
די ערשטע וואַך און די צווייטע, זענען זיי געקומען
צו דעם אייזערנעם טויער, וואָס פירט אין דער
שטאָט אַריין; פון זיך אַליין האָט עס זיך אויפֿ־
געמאַכט פאַר זיי; און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען
אינדרויסן און זענען אַדורכגעגאַנגען איין גאַס; און
פלוצלונג האָט זיך דער מלאך אָפּגעשיידט פון אים.
11 און קומענדיק צו זיך, האָט פּעטרוס געזאָגט: איצט
ווייס איך בּאמת, אַז דער האַר האָט אַרויסגעשיקט
זיין מלאך און מיך מציל געווען פון דער האַנט פון
הורדוס און דעם גאַנצן פלאַן פון יידישן פאָלק.
12 און ער האָט זיך מישב געווען, און איז אַוועק צום
הויז פון מרים, די מוטער פון יוחנן, וועמען מען
האָט גערופן מאַרקוס, וואו אַ סך זענען געווען
13 פאַרזאַמלט און האָבן תפילה געטון. און ווען ער
האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונם טויער, איז
אַ דינסטמיידל—זי האָט געהייסן ראָדאַ—אַרויס־
14 געקומען הערן. און דערקענענדיק פּעטרוסנס קול,
האָט זי אויס פרייד אים נישט אויפגעמאַכט דאָס
טויער, נאָר איז אַריינגעלאָפן און האָט דערציילט,
15 אַז פּעטרוס שטייט בּיים טויער. זיי אָבער האָבן
צו איר געזאָגט: דו בּיסט משוגע. און זי האָט זיך
געהאַלטן בּיי אירס, אַז עס איז אַזוי (ווי זי האָט
געזאָגט). האָבן זיי געזאָגט: עס איז זיין מלאך.
16 פּעטרוס אָבער האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן, און
ווען זיי האָבן אויפגעעפנט און אים דערזעען, זענען
17 זיי דערשטוינט געוואָרן. און ער האָט זיי געגעבן
אַ צייכן מיט דער האַנט, זיי זאָלן שווייגן, און
זיי דערציילט, וויאַזוי דער האַר האָט אים אַרויס־
געפירט פון תפיסה. און האָט געזאָגט: זאָגט עס

יעקבן און די ברידער. און אַרויסגייענדיק, איז ער
18 אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט. ווען אָבער עס איז
געוואָרן טאָג, איז געוואָרן נישט קיין קליינע בהלה
צווישן די זעלנער, וואָס האָט עס געקענט געשען
19 מיט פּעטרוסן? הורדוס אָבער, זוכנדיק אים און
נישט געפינענדיק, האָט אויסגעפאָרשט די שומרים,
און געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיי אַוועקפירן געטייט
צו ווערן. און איז אַראָפּגעגאַנגען פון יהודה קיין
קיסריה און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן.
20 און ער איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף
די לייט פון צור און צידון, און אַלע צוזאַמען זענען
געקומען צו אים, און נאָך דעם ווי זיי האָבן איבער־
גערעדט בלאַסטוסן, דעם שר איבער דעם מלכס
שלאָפצימער, האָבן זיי געבעטן צו מאַכן שלום,
צוליב דעם וואָס זייער לאַנד איז גענערט געוואָרן
21 פון דעם קעניגס לאַנד. און אין אַ פעסטגעזעצטן
טאָג האָט הורדוס, געקליידט אין קעניגלעכע
מלבושים, זיך אַנידערגעזעצט אויפן טראָן און
22 געהאַלטן אַ רעדע פאַר זיי. און דאָס פאָלק האָט
געשריגן: עס איז דאָס קול פון אַ ג־ט און נישט
23 פון קיין מענטשן! און פלוצלונג האָט אַ מלאך פון
דעם האַר אים אַ שלאָג געטון, דערפאַר וואָס ער
האָט נישט אָפּגעגעבן דעם כבוד צו ג־ט; און
ווערנדיק אויפגעפרעסן פון ווערעם, איז ער אויס־
געגאַנגען.
24 ג־טס וואָרט אָבער איז געוואַקסן און זיך
25 פאַרמערט. און בר־נבא און שאול האָבן זיך אומגע־
קערט פון ירושלים, האָבנדיק דערפילט זייער
שליחות, און מיטנעמענדיק דעם יוחנן, וועמען מען
האָט גערופן מאַרקוס.

## קאַפּיטל דרייצן

13

1 און עס זענען געווען אין אַנטיאָכיען, אין דער
דאָרטיקער קהילה, נביאים און מלמדים, בר־נבא
און שמעון, וואָס האָט געהייסן ניגער, און לוקיוס
דער קירענער און מנחם, וועלכער איז דערצויגן
געוואָרן צוזאַמען מיט הורדוסן דעם טעטראַרך,
2 און שאולן. און בשעת זיי האָבן געדינט גאָט און
געפאַסט, האָט דער רוח הקודש געזאָגט: שיידט
מיר אָפּ בר־נבאן און שאולן צו דער אַרבעט, צו
3 וועלכער איך האָב זיי גערופן. דעמלט, נאָכן תענית
און תפילה טון, האָבן זיי אַרויפגעלייגט די הענט
אויף זיי, און זיי אַוועקגעשיקט.
4 און ווערנדיק אַרויסגעשיקט דורך דעם רוח
הקודש, זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען קיין סעלעאוציען,
און פון דאָרטן האָבן זיי זיך אַוועקגעשיפט קיין
5 ציפּערן. און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין סאַלאַמיס,
האָבן זיי אָנגעזאָגט ג־טס וואָרט אין די יידישע
שולן; און האָבן אויך געהאַט יוחנן אַלס משרת.
6 און ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע אינזל
ביז פאַפוס, האָבן זיי געפונען אַ געוויסן מאַן, אַ
כישוף־מאַכער, אַ ייד, אַ פאַלשער נביא, מיטן
7 נאָמען בר־ישוע, וועלכער איז געווען ביי דעם
פּראָקאָנסול סערגיוס פּוילוס, אַ פאַרנונפטיקער מאַן.
דער דאָזיקער האָט גערופן צו זיך בר־נבאן און
8 שאולן און פאַרלאַנגט צו הערן ג־טס וואָרט. נאָר
עלימאַס, דער כישוף־מאַכער, (וואָרום דאָס איז די
אַראַביש־גריכישע באַטייטונג פון זיין נאָמען) האָט
זיך זיי אַקעגנגעשטעלט, זוכנדיק אַוועקצוקערן דעם
9 פּראָקאָנסול פון דער אמונה. שאול אָבער, וועלכער

הייסט אויך פוילוס, אָנגעפילט מיט דעם רוח הקודש,
10 האָט שאַרף געקוקט אויף אים, און געזאָגט: דו,
וועלכער ביסט פול מיט יעדער כיטרעקייט און
נידערטרעכטיקייט, דו זון פון דעם טייוול, שונא
פון יעדער גערעכטיקייט, צי וועסטו נישט אויפהערן
צו פאַרקרימען די רעכטע וועגן פון דעם האַר
11 (ג־ט)? און איצט אָט־זע, די האַנט פון דעם האַר איז
אויף דיר, און דו וועסט זיין בלינד, וועסט נישט
זעען די זון ביז אויף אַ צייט. און אין אַן אויגנבליק
איז אויף אים געפאַלן אַ טונקלקייט און אַ פינס־
טערניש, און ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט געזוכט
(אַזעלכע, וואָס) זאָלן אים פירן ביי דער האַנט.
12 און דעמלט, ווי דער פראָקאָנסול האָט געזען וואָס
איז פאָרגעקומען, האָט ער געגלויבט, שטוינענדיק
איבער דער לערנונג פון דעם האַר.
13 און פוילוס און זיינע באַגלייטער האָבן זיך אָוועק־
געשיפט פון פאַפוס און זענען געקומען קיין פערגאַ
אין פאַמפיליען, און יוחנן האָט זיך אָפגעטיילט
14 פון זיי און אומגעקערט קיין ירושלים. זיי אָבער
זענען ווייטער געגאַנגען פון פערגאַ, און זענען
געקומען קיין אַנטיאָכיען אין (לאַנד) פיסידיען; און
שבת זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין דער שול און האָבן
15 זיך אַנידערגעזעצט. און נאָכן לייענען די תורה
און די נביאים, האָבן די גבאים פון דער שול געשיקט
צו זיי, אַזוי צו זאָגן: ברידער, אויב איר האָט עפעס
16 אַ וואָרט פון מוסר פאַר דעם עולם, זאָגטס. און
פוילוס האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ צייכן
מיט דער האַנט, און געזאָגט: אנשי ישראל, און איר,
17 וואָס האָבן מורא פאַר ג־ט, הערט! דער ג־ט פון
דעם דאָזיקן פאָלק ישראל האָט אויסדערוויילט
אונזערע אבות און דאָס פאָלק דערהייכט בשעת

זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינם לאַנד מצרים,
און מיט אַ הויכן אָרעם זיי אַרויסגעפירט פון
18 דאָרטן. און כמעט פערציק יאָר לאַנג האָט ער זיי
19 געטראָגן אין דער מדבר. און פאַרטיליקנדיק זיבן
פעלקער אינם לאַנד כנען, האָט ער זיי געמאַכט
ירשענען דאָס לאַנד זייערס, אַן ערך פיר הונדערט
20 און פיפציק יאָר לאַנג. און דערנאָך זיי געגעבן
21 שופטים ביז שמואל הנביא. און פון דעמלט אָן
האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ מלך, און ג־ט האָט זיי
געגעבן שאולן, דעם זון פון קיש, אַ מאַן פון דעם
22 שבט בנימין, במשך פון פערציק יאָר. און ווען ער
האָט אים אַראָפּגעזעצט, האָט ער זיי אויפגעשטעלט
דודן פאַר אַ מלך, וועגן וועמען ער האָט עדות
געזאָגט: איך האָב געפונען דודן, דעם בן ישי, אַ
מאַן נאָך מיין האַרץ, וועלכער וועט טון יעדן רצון
23 מיינעם. פון דעם דאָזיקנס זאָמען, לויט אַ הבטחה,
האָט ג־ט געברענגט צו ישראל אַ גואל—ישוע
24 (ישעיהו יא, א), וואָס פאַר זיין קומען האָט יוחנן
אויסגערופן אַ טבילה פון תשובה צום גאַנצן פאָלק
25 ישראל. און ווען יוחנן האָט געהאַלטן ביים ענדיקן
זיין לויף, האָט ער געזאָגט: וואָס איר מיינט איך בין,
דאָס בין איך נישט; נאָר זע, עס קומט נאָך מיר דער,
וועמען איך בין נישט ווערט אויפצובינדן די שיך
26 פון זיינע פיס. ברידער, קינדער פון אברהמס שטאַם
און די, צווישן אייך, וואָס האָבן מורא פאַר ג־ט,
צו אונז איז דאָס וואָרט פון דער דאָזיקער ישועה
27 געשיקט געוואָרן. וואָרום די איינוואוינער פון
ירושלים און זייערע שרים, פאַרמשפּטנדיק אים,
ווען זיי האָבן נישט דערקענט, האָבן דערפילט
די רייד פון די נביאים, וואָס ווערן געלייענט יעדן
28 שבת. און הגם זיי האָבן נישט געפונען קיין טויט־

שולד אין אים, האָבן זיי דאָך פאַרלאַנגט פון פּילאַ־
29 טוסן, אַז ער זאָל אומגעבּרענגט ווערן. און ווען
זיי האָבן אויסגעפירט אַלץ, וואָס שטייט געשריבן
וועגן אים, האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פון דעם
30 האָלץ און אים אַריינגעלייגט אין אַ קבר. ג־ט אָבער
31 האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע; און ער האָט
זיך באַוויזן במשך פון אַ סך טעג צו די, וואָס זענען
אַרויפגעגאַנגען צוזאַמען מיט אים פון גליל קיין
ירושלים, און זיי זענען איצט זיינע עדות צום פאָלק.
32 און מיר זאָגן אייך אָן די גוטע בשורה, אַז די הבטחה,
33 וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די אבות, די דאָזיקע
(הבטחה) האָט ג־ט מקיים געווען צו אונז, זייערע
קינדער, דערמיט וואָס ער האָט אויפגעוועקט ישוען,
ווי עס שטייט אויך געשריבן אין דעם צווייטן
(קאַפּיטל) תהלים: דו ביסט מיין זון, איך האָב דיך
34 היינט געבוירן. און אַז ער האָט אים אויפגעוועקט
פון די טויטע, כדי ער זאָל זיך מער נישט אומקערן
צו פאַרדאַרבונג, האָט ער אַזוי געזאָגט:

איך וועל אייך געבן די הייליקע און באַגלויבטע
חסדים פון דודן. (ישעיהו נה, ג.)

35 דערפאַר זאָגט ער אויך אויף אַן אַנדער שטעלע:

דו וועסט נישט געבן דיין חסיד צו זען פאַר־
דאַרבונג. (תהלים טז, י.)

36 וואָרום דוד, נאָך דעם ווי ער האָט געדינט זיין דור
לויט ג־טס עצה, איז איינגעשלאָפן, און איז געלייגט
געוואָרן צו זיינע אבות און האָט געזען פאַרדאַרבונג;
37 ער אָבער, וועמען ג־ט האָט אויפגעוועקט, האָט
38 נישט געזען קיין פאַרדאַרבונג. דעריבער זאָלט איר
וויסן זיין, ברידער, אַז דורך דעם דאָזיקן ווערט
39 אייך אָנגעזאָגט די פאַרגעבונג פון זינד; און יעדער,
וואָס גלויבט אין אים, ווערט גערעכטפערטיקט פון

אַלעם, פון וואָס איר האָט נישט געקאָנט גערעכט־
40 פערטיקט ווערן דורך תורת משה. גיט זשע אַכטונג,
אַז עס זאָל נישט קומען אויף אייך דאָס, וואָס איז
געזאָגט געוואָרן אין די נביאים:

41 זעט, איר פאַראַכטער, און וואונדערט זיך און
פאַרגייט,
ווייל איך טו אַ ווערק אין אייערע טעג,
אַ ווערק, וואָס איר וועט נישט גלויבן, ווען
עמיצער וועט עס אייך דערציילן. (חבקוק א, ה.)

42 און בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען (פון שול),
האָט מען זיי געבעטן, אַז דעם קומענדיקן שבת זאָלן
43 די זעלביקע רייד גערעדט ווערן צו זיי. און ווען
קהל איז זיך צעגאַנגען, האָבן אַ סך פון די יידן
און פון די פרומע גרים נאָכגעפאָלגט פוילוסן און
בר־נבאן, וועלכע האָבן גערעדט צו זיי און זיי
מזהיר געווען צו פאַרבלייבן אין דעם חסד פון ג־ט.
44 און דעם פאָלגענדיקן שבת איז כמעט די גאַנצע
שטאָט זיך צוזאַמענגעקומען, צו הערן ג־טס וואָרט.
45 און ווי די יידן האָבן געזען די מאַסן מענטשן,
זענען זיי פול געוואָרן מיט קנאה און האָבן אַקעגנ־
גערעדט דעם, וואָס פוילוס האָט געזאָגט, און האָבן
46 געלעסטערט. און רעדנדיק אָפן מיט פתחון־פה,
האָבן פוילוס און בר־נבא געזאָגט: עס איז געווען
נויטיק, אַז צו אייך זאָל קודם כל גערעדט ווערן
ג־טס וואָרט; נאָר ווייל איר פאַרשטויסט עס און
האַלט זיך נישט פאַר ראוי אויף דעם אייביקן
47 לעבן, זע, ווענדן מיר זיך צו די גוים. וואָרום
אַזוי האָט אונז דער האַר באַפוילן:

איך האָב דיך געזעצט פאַר אַ ליכט צו די פעלקער,
אַז דו זאָלסט זיין אַ ישועה ביז צום סוף פון
דער ערד. (ישעיהו מט, ו.)

48 און ווי די גוים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי
זיך געפריידט און ערלעך געהאַלטן דאָס וואָרט
פון דעם האַר; און אַזויפיל האָבן געגלויבט
וויפל עס זענען געווען באַשטימט צום אייביקן
49 לעבן. און דאָס וואָרט פון דעם האַר האָט זיך
50 פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. די יידן
אָבער האָבן אונטערגעהעצט די פרומע און אָנגע־
זעענע פרויען און די פאָרנעמע לייט פון דער שטאָט,
און האָבן אויפגעוועקט אַ רדיפה אויף פּוילוסן און
בר־נבאן, און זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע גרענעצן.
51 און זיי האָבן אָפּגעשאָקלט דעם שטויב פון זייערע
פיס קעגן זיי, און זענען אַוועק קיין איקאָניען.
52 און די תלמידים זענען געוואָרן פול מיט פרייד
און מיט דעם רוח הקודש.

## קאַפּיטל פערצן

1 און דאָס זעלביקע איז געשעען אין איקאָניען.
זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער יידישער שול
און האָבן אַזוי גערעדט, אַז עס האָט געגלויבט פון
2 יידן און גריכן אַ גרויסער המון. די אומגלויביקע
יידן אָבער האָבן אויפגעהעצט און פאַרביטערט
3 די זעלן פון די גוים קעגן די ברידער. דעריבער
האָבן זיי דאָרטן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט,
רעדנדיק מיט פתחון־פה פון דעם האַר, וועלכער
האָט מעיד געווען אויף דעם וואָרט פון זיין חסד,
געבנדיק, אַז עס זאָלן געשעען אותות און מופתים
4 דורך זייערע הענט. און די מאַסע פון דער שטאָט
האָט זיך געשפּאָלטן, אַ טייל זענען געווען מיט די
5 יידן, און אַ טייל מיט די שליחים. און ווי עס איז
געמאַכט געוואָרן אַ פיינטלעכער פאַרזוך מצד די

גוים און די יידן, מיט זייערע ראשים, זיי צו
6 טון שלעכטס און צו שטייניקן, האָבן זיי זיך
7 דערפון דערוואוסט, און זענען אַנטלאָפן אין די
שטעט אַריין פון ליקאַאָניען, ליסטראַ און דערבע
און דער געגנט אַרום; און האָבן דאָרטן אָנגעזאָגט
די גוטע בשורה.

8 און אין ליסטראַ פלעגט זיצן אַ מאַן, אַ שלאַפער
אויף די פיס, לאָם פון זיין מוטערס לייב, וועלכער איז
9 קיינמאָל נישט אַרומגעגאַנגען. דער דאָזיקער האָט
זיך צו געהערט צו פוילוסן רעדן, וואָס, ווען קוקנדיק
אויף אים און זעענדיק, אַז ער האָט אמונה גענעזן
10 צו ווערן, האָט געזאָגט מיט אַ הויך קול: שטעל
דיך גלייך אויף דיינע פיס! און ער האָט אַ שפרונג
11 געטון און איז אַרומגעגאַנגען. און די המונים,
זעענדיק וואָס פוילוס האָט געטון, האָבן אויפ־
געהויבן זייער קול אויף דעם ליקאַאָנישן לשון,
אַזוי צו זאָגן: די געטער אין געשטאַלט פון מענטשן
12 האָבן אַראָפגענידערט צו אונדז. און האָבן גערופן
בר נבאן צעאוס (יופיטער) און פוילוסן הערמעס
(מערקוריוס), ווייל ער איז געווען דער הויפט־
13 רעדנער. און דער כהן פון צעאוס, וועמעס (טעמפל)
איז געווען אויסער דער שטאָט, האָט געבראַכט צו
פירן אָקסן און גירלאַנדן צו די טויערן, און געוואָלט
14 מקריב זיין מיט די מאַסן. הערנדיק אָבער
דערפון, האָבן די שליחים, פוילוס און בר נבא,
צעריסן זייערע קליידער און זענען אַרויסגעלאָפן
צווישן דעם המון מענטשן, שרייענדיק און
15 זאָגנדיק: מענער, פאַרוואָס טוט איר דאָס? אויך
מיר זענען מענטשן מיט געפילן ענלעך צו אייך, און
זאָגן אייך אָן אַ בשורה טובה, זיך אָפצוקערן פון
די דאָזיקע נישטיקייטן צום לעבעדיקן ג־ט, וועלכער

האָט באַשאַפן הימל און ערד און דעם ים און אַלץ,
16 וואָס (געפינט זיך) אין זיי; וועלכער האָט אין
פאַרגאַנגענע דורות געלאָזט אַלע פעלקער וואַנדלען
17 אין זייערע אייגענע דרכים. און דאָך האָט ער זיך
נישט איבערגעלאָזט אָן אַן עדות, מחמת ער האָט
געטון גוטס, געבנדיק אייך רעגן פון הימל און
פרוכטבאַרע צייטן, און אָנגעפילט אייערע הערצער
18 מיט שפּייז און מיט שמחה. און דאָס זאָגנדיק,
האָבן זיי קוים איינגעהאַלטן די מאַסן מענטשן, נישט
מקריב צו זיין צו זיי.
19 עס זענען אָבער געקומען יידן פון אַנטיאָכיען און
איקאָניען און איבערערעדנדיק די מאַסן און שטיי־
ניקנדיק פּוילוסן, האָבן זיי אים אַרויסגעשלעפּט
אויסער דער שטאָט, מיינענדיק, אַז ער איז טויט.
20 ווען אָבער די תלמידים האָבן זיך אַרומגע־
שטעלט אַרום אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן און
איז אַריינגעגאַנגען אין דער שטאָט אַריין; און
אויף צומאָרגנס איז ער אַרויס צוזאַמען מיט
21 בר נבאָן קיין דערבע. און האָבן אָנגעזאָגט די
גוטע בשורה אין יענער שטאָט, און געוואונען אַן
אָנגעזעענע צאָל תלמידים, און זיך אומגע־
קערט קיין ליסטראַ און קיין איקאָניען און קיין
22 אַנטיאָכיען, שטאַרקענדיק די זעלן פון די תלמידים,
און מזהיר־זייענדיק זיי צו בלייבן אין דער אמונה,
און אַז דורך פיל צרות מוזן מיר אַריינקומען
23 אין דעם מלכות פון ג־ט. און אויסדערוויילנדיק
פאַר זיי זקנים אין יעדער קהילה, און תפילה
טוענדיק מיט פאַסטן, האָבן זיי זיי איבערגעלאָזט
אויף דעם באַראָט פון דעם האַר, אין וועמען זיי
24 האָבן געגלויבט. און זענען אַדורכגעגאַנגען פּיסיד־
25 יען, און זענען געקומען קיין פּאַמפיליען. און

האָבן גערעדט דאָס וואָרט אין פּערגאַ, און זענען
אַראָפּ קיין אַטאַליאַ; און פון דאָרטן זיך אַוועק־ 26
געשיפט קיין אַנטיאָכיען, פונוואַנען זיי זענען
איבערגעגעבן געוואָרן צו ג־טס חסד צו (טון) די
אַרבעט, וואָס זיי האָבן דערפילט. און אָנקומענדיק 27
אַהין, האָבן זיי צוזאַמענגעברענגט די קהלה, און
דערציילט אַלץ, וואָס ג־ט האָט מיט זיי געטון,
און אַז ער האָט אויפגעעפנט פאַר די גוים אַ טיר
פון אמונה. און האָבן פאַרברענגט נישט קיין 28
קליינע צייט צוזאַמען מיט די תלמידים.

## קאַפּיטל פיפצן

און אייניקע זענען אַראָפּגעקומען פון (דעם לאַנד) 1
יהודה און האָבן געלערנט די ברידער (אַזוי צו
זאָגן): אויב איר וועט זיך נישט לאָזן מל זיין כדת
משה, קענט איר נישט געראַטעוועט ווערן. און 2
ווען עס איז געוואָרן אַ מהומה און נישט קיין
קליינע מחלוקה צווישן פוילוסן און בר נבאן מיט
זיי, האָט מען באַשלאָסן, אַז פוילוס און בר נבא
און אייניקע אַנדערע פון זיי זאָלן אַרויפגיין קיין
ירושלים צו די שליחים און זקנים וועגן דער
דאָזיקער שאלה. און ווערנדיק באַגלייט פון דער 3
קהלה, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען פעניציען און
שומרון, און האָבן דערציילט וועגן דער באַקערונג
פון די גוים, און פאַרשאַפט אַ גרויסע פרייד צו
אַלע ברידער. אָנקומענדיק אָבער קיין ירושלים, 4
זענען זיי אויפגענומען געוואָרן פון דער קהלה
און די שליחים און די זקנים, און האָבן דערציילט
אַלץ, וואָס ג־ט האָט מיט זיי געטון. נאָר עס זענען 5
אויפגעשטאַנען אייניקע מאמינים פון דער כיתה

פון די פּרושים, וועלכע האָבן געזאָגט: מען מוז
זיי (די גוים) מל זיין, און אָנזאָגן אָפּצוהיטן תורת
משה.

6 און די שליחים און די זקנים זענען זיך צוזאַמענ־
7 געקומען, אַריינצוקוקן אין דעם דאָזיקן ענין. און
ווען עס איז געוואָרן אַ גרויסע מחלוקה, האָט פּעטרוס
זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו זיי: ברידער,
איר ווייסט, אַז פון די פריעסטע טעג אָן האָט ג־ט
(מיך) אויסדערוויילט צווישן אייך, כדי דורך מיין
מויל זאָלן די גוים הערן דאָס וואָרט פון דער בשורה
8 טובה און זאָלן גלויבן. און ג־ט, וועלכער קען די
הערצער, האָט מעיד געווען צו זיי, געבנדיק זיי
9 דעם רוח הקודש פּונקט אַזוי ווי אויך אונז; און
נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אונז און
זיי, רייניקנדיק זייערע הערצער דורך דער
10 אמונה. פּאַרוואָס זשע פּרואווט איר איצט אויס
ג־ט, מיטן אַרויפלייגן אויף דעם האַלז פון די
תלמידים אַן עול, וואָס נישט אונזערע עלטערן,
11 נישט מיר אַליין האָבן געקענט דערטראָגן? ניין,
נאָר דורך דעם חסד פון דעם האַר ישוע גלויבן
מיר דערלייזט צו ווערן אויף דעם זעלביקן אופן
ווי יענע.

12 און דער גאַנצער עולם האָט געשוויגן; און
זיך צוגעהערט צו בר נבאן און פּוילוסן, וועלכע
האָבן דערציילט וואָס פאַר אותות און מופתים
ג־ט האָט געטון צווישן די גוים דורך זיי. און נאָך
13 דעם ווי זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט יעקב
געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:
14 ברידער, הערט זיך צו צו מיר; שמעון האָט (אונז)
דערציילט, וויאַזוי ג־ט האָט צום ערשט געבליקט,
צו נעמען פון צווישן די גוים אַ פאָלק צו זיין נאָמען.

15 און צו דעם דאָזיקן שטימען איין די ווערטער פון
די נביאים, ווי עס שטייט געשריבן:

16 נאָך דעם וועל איך מיך אומקערן
און ווידער אויפבויען דאָס איינגעפאַלענע
געצעלט פון דוד,
און די חורבות דערפון וועל איך ווידער אויפ־
בויען
און עס ווידער אויפשטעלן גלייך;
17 כדי די איבערגעבליבענע מענטשן זאָלן זוכן
דעם האַר,
און אַלע פעלקער, וואָס מיין נאָמען ווערט
גערופן אויף זיי,
זאָגט דער האַר, וועלכער טוט די דאָזיקע זאַכן,
18 וואָס זענען באַקאַנט פון אייביק אָן.
(עמוס ט, יא־יב.)

19 דערפאַר באַשליס איך, מען זאָל נישט מחמיר זיין
אויף די, וואָס קערן זיך צו ג־ט פון צווישן די
20 גוים; נאָר צו שרייבן צו זיי, זיך אָפּצוהאַלטן פון
באַפלעקונגען פון די אָפּגעטער, און פון זנות,
און פון (דעם פלייש פון אַ בהמה), וואָס איז דער
21 וואָרגן געוואָרן, און פון בלוט. וואָרום משה האָט
פון לאַנגע דורות אָן אין יעדער שטאָט די, וואָס
דרשענען אים, מחמת (זיין תורה) ווערט געלייענט
אין די שולן יעדן שבת.

22 דעמלט איז עס וואוילגעפעלן די שליחים און
די זקנים מיט דער גאַנצער קהלה צו שיקן אויס־
דערוויילטע מענער פון זייער מיט קיין אַנטיאָכיען
מיט פּוילוסן און בר נבאן: (נעמלעך,) יהודהן, וואָס
מען האָט אים גערופן בר־שבא, און סילאָ,
23 מענער מנהיגים צווישן די ברידער; שרייבנדיק
דורך זייער האַנט: די שליחים און די זקנים און

בּרידער צו די בּרידער, וועלכע זענען פון די
אומות העולם, און געפינען זיך אין אַנטיאָכיען און
24 סיריען און ציליציען, שלום! אַזוי ווי מיר האָבן
געהערט, אַז אייניקע פון אונז האָבן אייך בּאַאומ־
רואיקט מיט ווערטער, וואָס פאַרשאַפן אייך עגמת
25 נפש; ווען מיר האָבן עס נישט בּאַפוילן,
איז עס אונז וואוילגעפעלן, האָבּנדיק געקומען
צו אַ הסכם, צו שיקן צו אייך אויסדערוויילטע
מענער צוזאַמען מיט אונזערע געליבּטע בּר נבּא
26 און פּוילוס, מענטשן, וואָס האָבן זיך מוסר נפש
געווען פאַר דעם נאָמען פון אונזער האַר ישוע
27 המשיח· מיר האָבן דעריבּער געשיקט יהודהן און
סילאָן, און זיי וועלן אייך וואָרט־ווערטלעך דערציילן
28 דאָס זעלבּיקע· וואָרום עס איז וואוילגעפעלן דעם
רוח הקודש און אונז, נישט אַרויפצולייגן אויף אייך
קיין ווייטערע משא, אַ חוץ די דאָזיקע נויטווענדיקע
29 זאַכן; זיך אָפּצוהאַלטן פון קרבּנות צו אָפּגעטער
און פון בּלוט און (פון פלייש פון בּהמות) דערוואָר־
געגבּע און פון זנות, פון וועלכע אויב איר וועט זיך
אָפּהיטן, וועט אייך גיין גוט· שלום צו אייך·
30 און אַזוי זענען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן און
זענען אַראָפּ קיין אַנטיאָכיען, האָבּן פאַרזאַמלט דעם
31 עולם און איבּערגעגעבּן דעם בּריוו· און איבּער־
לייענענדיק אים, האָבּן זיי זיך געפריידט איבּער
32 דער נחמה· און יהודה און סילאָ, וועלכע זענען
אַליין אויך געווען נביאים, האָבּן געטרייסט די
בּרידער מיט פיל ווערטער, און זיי געשטאַרקט·
33 און נאָך דעם ווי זיי האָבּן פאַרבּראַכט אַ געוויסע
צייט, זענען זיי אַוועקגעלאָזט געוואָרן בּשלום פון
34 די בּרידער צו די, וואָס האָבּן זיי געשיקט· (סילאָן
אָבּער איז עס וואוילגעפעלן, דאָרטן איבּערצובּלייבּן·)

35 און פּוילוס און בר נבא זענען פאַרבליבן אין אַנטיאָכ־
יען, לערנענדיק און אָנזאָגנדיק מיט נאָך אַ סך
אַנדערע דאָס וואָרט פון דעם האַר.
36 און אין אייניקע טעג אַרום האָט פּוילוס געזאָגט צו
בר נבאן: לאָמיר זיך אומקערן און באַזוכן די ברידער
אין אַלע שטעט, אין וועלכע מיר האָבן אָנגעזאָגט
דאָס וואָרט פון דעם האַר, (און זעען) ווי עס דער־
37 גייט זיי. בר נבא אָבער האָט געוואָלט מיטנעמען
אויך דעם יוחנן, וועמען מען האָט גערופן מאַרקוס.
38 נאָר פּוילוס האָט עס נישט געהאַלטן פאַר טויגבאַר
מיטצונעמען דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט
פון זיי פון פּאַמפיליען, און איז נישט מיטגעגאַנגען
39 מיט זיי צו דער אַרבעט. און עס איז געקומען צו
אַ פאַרביטערונג, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט
איינער פון אַנדערן, און בר נבא האָט גענומען
40 מאַרקוסן און זיך אַוועקגעשיפט קיין ציפּערן; און
פּוילוס האָט אויסדערוויילט סילאָן און איז אַוועק־
געגאַנגען, ווערנדיק איבערגעגעבן פון די ברידער
41 צו דעם חסד פון דעם האַר. און איז אַדורכגעגאַנגען
סיריען און ציליציען און האָט געשטאַרקט די
קהלות.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און ער איז געקומען אויך קיין דערבע און ליסטראַ,
און זע, דאָרטן איז געווען אַ געוויסער תּלמיד,
מיטן נאָמען טימאָטעוס, אַ זון פון אַ יידישער גלויביק
געוואָרענער פרוי, זיין פאָטער אָבער איז געווען אַ
2 גריך; און ער האָט געהאַט אַ גוטן שם ביי די ברידער
3 אין ליסטראַ און איקאָניען. אים האָט פּוילוס געוואָלט
האָבן מיט זיך אַרויסצוגיין, אויף דער נסיעה, און
האָט גענומען און אים מל געווען צוליב די יידן,

וואָס האָבן זיך געפונען אין יענע מקומות; וואָרום
אַלע האָבן געוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ
4 גריך. און ווי זיי זענען געגאַנגען איבער די שטעט,
האָבן זיי איבערגעגעבן צו זיי אָפּצוהיטן די חוקים,
וואָס זענען באַשלאָסן געוואָרן פון די שליחים און
5 זקנים אין ירושלים. און אַזוי זענען די קהלות
געשטאַרקט געוואָרן אין דער אמונה און האָבן זיך
פאַרמערט אין צאָל פון טאָג צו טאָג.
6 און זיי זענען אַדורכגעגאַנגען פריגיען און דאָס
לאַנד גאַלאַטיען, ווייל עס איז זיי פאַרווערט געוואָרן
פון דעם רוח הקודש צו רעדן דאָס וואָרט אין אַזיען;
7 אָנקומענדיק אָבער קיין מיסיען, האָבן זיי פאַרזוכט
צו רייזן קיין ביטיניען, און דער גייסט פון ישוען
8 האָט זיי נישט געלאָזט; זענען זיי, פאַרבייגייענדיק
9 מיסיען, אַראָפּגעקומען קיין טראָאַס. און אַ חזיון
האָט זיך באַוויזן צו פּוילוסן ביינאַכט: אַ מאַצע־
דאָניער איז געשטאַנען און האָט אים געבעטן און
געזאָגט: קום אַריבער קיין מאַצעדאָניען און העלף
10 אונז. און נאָך דעם ווי ער האָט געזען דעם חזיון,
האָבן מיר גלייך געזוכט אַרויסצוגיין קיין מאַצע־
דאָניען, אַרויסדרינגענדיק, אַז גאָט האָט אונז גערופן
אָנצוזאָגן צו זיי די גוטע בשורה.
11 מיר האָבן דעריבער געזעגלט פון טראָאַס און
זענען געפאָרן אין אַ גראָדער ריכטונג קיין סאַמאָ־
טראַציען, און דעם אַנדערן טאָג קיין נעאַפּאָליס;
12 און פונדאַנען קיין פיליפּי, וואָס איז די ערשטע
שטאָט פון דעם טייל מאַצעדאָניען, אַ (רוימישע)
קאָלאָניע. און אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן מיר
13 פאַרברענגט אייניקע טעג. און דעם טאָג פון שבת
זענען מיר אַרויסגעגאַנגען אויסער דעם טויער צו
אַ טייך, וואו מיר האָבן זיך משער געווען, אַז עס

איז אַ בית התפילה; און האָבן זיך אַנידער־
געזעצט און גערעדט מיט די פרויען, וואָס זענען
14 זיך צונויפֿגעקומען. און אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי,
מיטן נאָמען לידיאַ, אַ פאַרקויפערין פון פורפור,
אויס דער שטאָט טיאַטירא, האָט זיך צוגעהערט;
וואָס דער האַר האָט איר אויפגעמאַכט דאָס האַרץ
15 צו פאַרנעמען די רייד פון פוילוסן. און ווען זי איז
געטובלט געוואָרן, און איר הויזגעזינט, האָט זי (אונדז)
געבעטן, אַזוי צו זאָגן: אויב איר האַלט מיך פאַר
אַ גלויביקע אינעם האַר, קומט און שטייט איין אין
מיין הויז. און האָט אונדז שטאַרק געבעטן.

16 און עס איז געשען, בשעת מיר זענען געגאַנגען
צום בית התפילה, אַז אַ דינסטמיידל, וואָס האָט
געהאַט אַ גייסט פון וואָרזאָגן, האָט אונדז באַגעגנט;
וואָס פלעגט אַריינגעברענגען אירע בעלי בתים אַ סך
17 פאַרדינסט פון איר וואָרזאָגן. די זעלביקע האָט
נאָכגעפאָלגט פוילוסן און אונדז, און געשריגן, אַזוי
צו זאָגן: די דאָזיקע מענטשן זענען קנעכט פון
דעם אַלערהעכסטן ג־ט, וועלכע זאָגן אייך אָן
18 אַ וועג פון רעטונג. דאָס האָט זי אָבער
געטון במשך פון פיל טעג. און פוילוס איז דערפון
טרויעריק געוואָרן, און האָט זיך אַ קער געטון
און געזאָגט צום גייסט: איך באַפעל דיר אינעם
נאָמען פון ישוע המשיחן אַרויסצוגיין פון איר.
און ער איז אַרויס פון איר אין דער זעלביקער
שעה.

19 און זעענדיק, אַז די האָפנונג פון זייער
פאַרדינסט איז פאַרשוואונדן, האָבן אירע בעלי
בתים געכאַפט פוילוסן און סילאָן, און זיי געשלעפט
20 אין מאַרק אַריין צו די מושלים, און ברענגענדיק
זיי צו די פרעטאָרן, האָבן זיי געזאָגט: די דאָזיקע

מענטשן, וואָס זענען יידן, שטערן די רו פון אונזער
21 שטאָט, און לערנען מנהגים, וועלכע מיר טאָרן נישט
אָננעמען, אויך נישט האַלטן, ווייל מיר זענען
22 רוימער· און דער המון איז אויפגעשטאַנען קעגן
זיי, און די פּרעטאָרן האָבן פון זיי אַראָפּגעריסן די
מלבושים, און באַפוילן מען זאָל זיי שמייסן מיט
23 ריטער· און באַלייגנדיק זיי מיט אַ סך שלעק,
האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, באַפעלנ־
24 דיק דעם שומר זיי גוט צו היטן; וועלכער, באַקו־
מענדיק אַזאַ באַפעל, האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם
אינערן געפענקעניש און פאַרפעסטיקט זייערע פיס
25 אין דעם שטאָק· אַרום האַלבער נאַכט אָבער בעת
פוילוס און סילא האָבן תפילה געטון און געזונגען
צו ג־ט, און די געפאַנגענע האָבן זיך צוגעהערט
26 צו זיי, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ גרויסע ערד ציי־
טערניש, אַזוי, אַז די פונדאַמענטן פון דער תפיסה
זענען דערשיטערט געוואָרן, און אין אַן אויגנבליק
האָבן זיך אַלע טירן אויפגעעפנט, און אַלעמענס
27 קייטן זענען לויז געוואָרן· און ווי דער תפיסה־שומר
האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געזעען די טירן
פון דער תפיסה אָפן, האָט ער אַרויסגעצויגן
זיין שווערד און זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען,
מיינענדיק, אַז די געפאַנגענע זענען אַנטלאָפן·
28 פוילוס אָבער האָט אויסגערופן מיט אַ הויך קול,
אַזוי צו זאָגן: טו דיר נישט קיין מעשה אָן,
29 וואָרום מיר זענען אַלע דאָ· און ער האָט פאַרלאַנגט
אַ ליכט, איז אַריינגעשפרונגען, און ציטערנדיק
איז ער אַנידערגעפאַלן פאַר פוילוסן און סילאָן,
30 און האָט זיי אַרויסגעפירט אינדרויסן, און געזאָגט:
מיינע האַרן, וואָס זאָל איך טון, כדי גע־
31 ראַטעוועט צו ווערן? און זיי האָבן געזאָגט: גלויב

אין דעם האַר ישוע, און דו וועסט געראַטעוועט
32 ווערן און (אויך) דיין הויזגעזינט. און האָבן גערעדט
צו אים גאָטס וואָרט און צו אַלעמען אין זיין הויז.
33 און ער האָט זיי גענומען אין יענער שעה פון דער
נאַכט און זיי אָפּגעוואַשן די שלעק; און זיך
גלייך געלאָזט טובל זיין, ער אַליין און אַלע זיינע
34 בני־בית. און האָט זיי אַריינגעפירט אין זיין הויז,
און געדעקט אַ טיש (פאַר זיי), און זיך זער
געפריידט מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט, אַז ער איז
געוואָרן אַ מאמין אין ג־ט.

35 און ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָבן די פּרעטאָרן*
געשיקט די ליקטאָרן†, אַזוי צו זאָגן: לאָז אַרויס
36 יענע מענטשן. און דער תפיסה־שומר האָט דערציילט
די דאָזיקע ווערטער צו פּוילוסן: די פּרעטאָרן האָבן
געשיקט, אַז מען זאָל אייך אָפּלאָזן; קומט זשע איצט
37 אַרויס, און גייט אייך לשלום. פּוילוס אָבער האָט
צו זיי געזאָגט: זיי האָבן אונז געשלאָגן עפנטלעך
מיט ריטער, אָן אַ משפט, אונז, וואָס מיר זענען רוי־
מישע מענטשן, און אונז אַריינגעוואָרפן אין תפיסה
אַריין, און איצט וואַרפן זיי אונז אַרויס שטילער־
הייט? אַזוי נישט, נאָר טאַקע זיי אַליין זאָלן קומען און
38 אונז אַרויספירן. און די ליקטאָרן האָבן דערציילט
די דאָזיקע רייד צו די פּרעטאָרן, און זיי האָבן
39 מורא געהאַט, הערנדיק, אַז זיי זענען רוימער. און
זענען געקומען און זיי מפייס געווען, און האָבן זיי
אַרויסגעפירט און געבעטן, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין
40 פון דער שטאָט. און ווי זיי זענען אַרויס פון דעם
געפענקעניש, זענען זיי אַריינגעגאַנגען צו לידיאַן;
און זעענדיק זיך מיט די ברידער, האָבן זיי זיי גע־
טרייסט, און זענען אַרויסגעגאַנגען.

* פּרעטאָר, שופט

† ליקטאָר, פּאָליציסט

## קאַפּיטל זיבעצן

1 און רייזנדיק דורך אַמפּיפּאָליס און אַפּאָלאָניע,
זענען זיי געקומען קיין טעסאַלאָניקאַ, וואו עס
2 איז געווען אַ יידישע שול. און לויט זיין געוואוינ־
הייט איז פּוילוס אַריינגעגאַנגען צו זיי, און במשך
פון דריי שבתים האָט ער זיך מיט זיי מתווכח געווען
3 פון די כתבי (הקודש), אויפעפענדיק און דער־
ווייזנדיק, אַז דער משיח האָט געדאַרפט ליידן און
אויפשטיין פון די טויטע, און אַז דער דאָזיקער
ישוע, וועלכן איך זאָג אייך אָן, איז דער משיח.
4 און אייניקע פון זיי האָבן זיך איבערצייגט, און
זיך באַהאָפטן צו פּוילוסן און סילאָן; און פון די
יראת־שמימדיקע גריכן אַ גרויסער עולם, און פון
5 די פּאָרנעמע פרויען נישט ווייניקע. די יידן אָבער
זענען געוואָרן אייפערזיכטיק און האָבן גענומען
אייניקע פאַרשוינען פון דעם גאַסנגעזינדל, און
איינגעזאַמלט אַ המון, און געמאַכט אַ מהומה אין
דער שטאָט; און שטעלנדיק זיך אַרום יאַזאָנס הויז,
האָבן זיי געזוכט זיי אַרויסצוברענגען פאַרן פאָלק.
6 און ווי זיי האָבן זיי נישט געפונען, האָבן זיי
אַרויסגעשלעפּט יאַזאָנען און אייניקע ברידער צו
די מנהיגים פון דער שטאָט, שרייענדיק: די דאָזיקע
לייט, וועלכע האָבן אויפגעבראַכט די וועלט, זענען
7 אויך אַהערגעקומען; וועמען יאַזאָן האָט אויפגע־
נומען; און זיי אַלע האַנדלען קעגן דעם קיסרס
געזעצן, זאָגנדיק, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדערער
8 קעניג, ישוע. און האָבן צעָרנדיק געמאַכט דעם
המון און די שטאָט־מנהיגים, ווען זיי האָבן דאָס
9 געהערט. און באַקומענדיק אַ פאַרזיכערונג פון

יאַזאָנען און פֿון די איבעריקע, האָבן זיי אָפּגע־
לאָזט.
10 און די ברידער האָבן גלייך אַרויסגעשיקט פּוילוסן
און סילאַן בייַנאַכט קיין בערעאַ; און ווען זיי זענען
אַהינגעקומען, זענען זיי אַרייַנגעגאַנגען אין דער
11 יידישער שול אַרייַן. און די דאָזיקע (יידן) זענען
געווען איידעלער ווי די אין טעסאַלאָניקאַ, ווייל זיי
האָבן אָנגענומען דאָס וואָרט מיט יעדער גרייטווילי־
קייט, און טאָג טעגלעך געפּאָרשט די כתבי (הקודש),
12 צי עס איז אַזוי. דעריבער האָבן אויך אַ סך פֿון זיי
געגלויבט, און נישט ווייניקע פֿון די פּאָרנעמע
13 גריכישע פֿרויען און מענער. נאָר ווי די יידן פֿון
טעסאַלאָניקאַ האָבן זיך דערוואוסט, אַז אויך אין
בערעאַ איז ג־טס וואָרט אָנגעזאָגט געוואָרן פֿון
פּוילוסן, זענען זיי אויך אַהינגעקומען, אויפֿ־
14 רעגנדיק און אויפֿהעצנדיק די מאַסן. און דעמלט
האָבן די ברידער גלייך אַרויסגעשיקט פּוילוסן צו
גיין ביז צום ים; און סילאַ און טימאָטעוס זענען
15 דאָרטן איבערגעבליבן. און פּוילוסנס באַגלייטער
האָבן אים געפֿירט ביז אַטען, און באַקומענדיק אַ
באַפֿעל צו סילאַ און טימאָטעוסן, אַז זיי זאָלן
קומען צו אים ווי צום געשווינדסטן, זענען זיי
אַוועקגעגאַנגען.
16 און בשעת פּוילוס האָט געוואַרט אויף זיי אין
אַטען, האָט זיך זיין גייסט פֿאַרביטערט אין אים,
זעענדיק ווי די שטאָט איז פֿול מיט אָפּגעטער.
17 דעריבער פֿלעגט ער רעדן מיט די יידן אין שול
און מיט די יראת־שמימדיקע (גריכן), און יעדן טאָג
אויפֿן מאַרק מיט די לייט, וועמען ער האָט געטראָפֿן.
18 און אויך אייניקע פֿון די עפּיקורעישע און סטאָאישע
פֿילאָזאָפֿן האָבן זיך געפּלפּולט מיט אים. און אייניקע

האָבן געזאָגט: וואָס וויל דער דאָזיקער פּלאַפּלער
זאָגן? אַנדערע אָבער (האָבן געזאָגט): ער שיינט
אויס צו זיין אַ מגיד פון פרעמדע געטער—ווייל ער
האָט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פון ישוען און
19 תחית המתים׃ און האָבן אים גענומען און אַוועק־
געפירט צום אַרעאָפּאַגוס, און געזאָגט: צי קענען מיר
וויסן, וואָס פאַר אַ נייע לערנונג עס איז די דאָזיקע,
20 פון וועלכער דו רעדסט? וואָרום דו בּרענגסט עפּעס
פרעמדע זאַכן צו אונזערע אויערן; מיר ווילן דערייַ־
21 בּער וויסן, וואָס דאָס זאָל זיין׃ און אַלע אַטענער
און די פרעמדע, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט, פּלעגן
פאַרבּרענגען די צייט נישט מיט קיין שום אַנדערס
ווי אָדער מיט זאָגן אָדער מיט הערן עפּעס נייעס׃
22 און פּוילוס האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין דער מיט
פונם אַרעאָפּאַגוס און געזאָגט:
מענער פון אַטען, פון אַלעם זע איך ווי איר זענט
23 פול מיט געטער־פורכט׃ וואָרום פאַרבּייגייענדיק
און זעענדיק אייערע הייליקטימער, האָבּ איך אויך
געפונען אַ מזבח, אויף וועלכן עס איז געווען אויפ־
געשריבן: צום אומבּאַקאַנטן ג־ט׃ זעט, דאָס דאָזי־
קע, וואָס איר קענט נישט און דינט, זאָג איך אייך אָן׃
24 דער ג־ט, וועלכער האָט בּאַשאַפן די וועלט און
אַלץ, וואָס איז אין איר, ער, וואָס איז האַר פון
הימל און ערד, וואוינט נישט אין טעמפּלען האַנט־
25 געמאַכטע; ער ווערט אויך נישט בּאַדינט פון מענטש־
לעכע הענט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געדאַרפט,
וואָרום ער גיט אַלעמען לעבן און אָטעם און אַלץ;
26 און האָט פון איין בּלוט געמאַכט אַלע מענטשלע־
כע פעלקער, צו וואוינען אויף דער גאַנצער
אויבּערפלאַך פון דער ערד, בּאַשטימענדיק פעסטגע־
27 זעצטע צייטן און די גרענעצן פון זייער וואוינונג;

כדי זיי זאָלן זוכן ג־ט, אפשר וועלן זיי אים דערפילן
און געפינען, הגם ער איז נישט ווייט פון יעדן איינעם
28 פון אונז; וואָרום אין אים לעבן מיר און באַוועגן
זיך און האָבן אַ קיום, אַזויווי אויך אייניקע פון
אייערע פּאָעטן האָבן געזאָגט: וואָרום אַן אָפּשטאַם
29 פון אים זענען מיר· זייענדיק דעריבער פון ג־טס
אָפּשטאַמונג, געשיקט עס זיך נישט (פאַר אונז)
צו מיינען, אַז די גאָטהייט איז ענלעך צו גאָלד
אָדער זילבער אָדער שטיין, צו אַ בילד פון מענטש־
30 לעכער קונסט און דערפינדונג· און אויף די
צייטן פון אומוויסן האָט ג־ט אַוועקגעקוקט, איצט
אָבער באַפעלט ער אַלע מענטשן אומעטום, תשובה צו
31 טון; ווייל ער האָט פעסטגעזעצט אַ טאָג, אין וועלכן
ער וועט משפטן די וועלט מיט גערעכטיקייט דורך
אַ מאַן, וועמען ער האָט באַשטימט דערצו; און האָט
אַלעמען געגעבן אַ פאַרזיכערונג, אויפוועקנדיק
אים פון די טויטע·

32 און ווי זיי האָבן געהערט פון תחית המתים, האָבן
אַ טייל זיך אויסגעלאַכט; אַנדערע אָבער האָבן
געזאָגט: מיר וועלן דיך הערן נאָכאַמאָל וועגן דער
33 דאָזיקער זאַך· און אַזוי איז פּוילוס אַרויסגעגאַנגען
34 פון זייער מיט· אייניקע מענער אָבער האָבן זיך
באַהאָפטן צו אים, און געגלויבט, צווישן וועלכע
(עס האָבן זיך) אויך (געפונען) דיאָניזיוס, דער
אַרעאָפּאַגיטיקער, און אַ פרוי, מיטן נאָמען דאַמאַריס,
און אַנדערע מיט זיי·

## קאַפּיטל אַכצן

18

1 נאָך דעם איז ער אַרויסגעגאַנגען פון אַטען, און
2 איז געקומען קיין קאָרינט. און האָט געפונען
אַ געוויסן יידן מיטן נאָמען עקילס, געבוירן אין
פּאָנטוס, נאָר וואָס אָנגעקומען פון איטאַליען, מיט
פּריסקילאַ זיין פרוי, צוליב דעם, וואָס קלאודיוס האָט
באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן רוים; און ער
3 איז געגאַנגען צו זיי. און ווייל ער איז געווען פונם
זעלביקן פאַך, איז ער ביי זיי פאַרבליבן, און זיי
האָבן געאַרבעט, וואָרום זיי זענען געווען געצעלטנ־
4 מאַכער פון דער מלאכה. און יעדן שבת האָט ער
גערעדט אין שול, און געזוכט איבערצוצייגן יידן
און גריכן.
5 ווי אָבער סילאָ און טימאָטעוס זענען אָנגעקומען
פון מאַצעדאָניען, האָט פּוילוס זיך אינגאַנצן געוויד־
מעט דעם וואָרט, עדות־זאָגנדיק צו יידן, אַז ישוע
6 איז דער משיח. ווען אָבער זיי האָבן זיך אַקעגנ־
געשטעלט און געלעסטערט, האָט ער אָפּגעשאָקלט
די מלבושים און געזאָגט צו זיי: אייער בלוט אויף
אייער קאָפּ; איך בין ריין; פון איצט אָן וועל איך
7 גיין צו די אומות־העולם. און איז אַוועקגעגאַנגען
פון דאָרטן, און איז אַריינגעגאַנגען אין הויז פון אַ
געוויסן (מאַן), מיטן נאָמען טיציוס יוסטוס, אַ
יראת־שמימדיקער (גר), וועמעס הויז איז געווען
8 ביי דער שול. קריספּוס אָבער, דער גבאי פון דער
שול, האָט געגלויבט אין דעם האַר צוזאַמען מיט
זיין גאַנץ הויזגעזינט; און אַ סך פון די קאָרינטער,
וועלכע האָבן געהערט, האָבן געגלויבט און זיך
9 געלאָזט טובל זיין. און דער האַר האָט געזאָגט

צו פּוילוסן דורך אַ חזיון ביינאַכט: האָב נישט
10 קיין מורא, נאָר רעד, און שווייַג נישט; ווייל איך בין
מיט דיר, און קיינער וועט דיך נישט אָנרירן, דיר
שלעכטס צו טון; מחמת איך האָב אַ גרויס פאָלק
11 אין דער דאָזיקער שטאָט. און ער האָט (דאָרטן)
זיך אויפגעהאַלטן אַ יאָר מיט זעקס חדשים, לערנענ־
דיק צווישן זיי דאָס וואָרט פון ג־ט.

12 ווען אָבער גאַליאָן איז געווען פּראָקאָנסול פון
אַכאַיאַ, האָבן די יידן זיך איינשטימיק אויפגעשטעלט
קעגן פּוילוסן, און אים געפירט צו דער געריכטס־
13 שטול, און געזאָגט: דער דאָזיקער מאַן רעדט איבער
14 די מענטשן צו דינען ג־ט להיפך דער תורה. און
ווי פּוילוס האָט געוואָלט אויפעפענען זיין מויל,
האָט גאַליאָן געזאָגט צו די יידן: אויב עס וואָלט טאַקע
געווען עפּעס אַן עוולה אָדער אַ בייזע געמיינהייט,
יידן, פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט געווען געדולדיק
15 מיט אייך; אויב אָבער עס זענען שאלות וועגן
ווערטער און נעמען אין דער תורה אייערער, זעט
איר אַליין דערצו; קיין שופט פון די דאָזיקע זאַכן
16 וויל איך נישט זיין. און האָט זיי פאַרטריבן פון
17 דער ריכטער־שטול. און אַלע האָבן געכאַפּט
סאָסטענעסן, דעם גבאי פון שול, און אים געשלאָגן
פאַר דער ריכטער־שטול; און גאַליאָן האָט זיך נישט
אָנגענומען.

18 און פאַרבלייבנדיק נאָך דאָרטן אַ סך טעג, האָט
פּוילוס זיך געזעגנט מיט די ברידער, און איז
אַוועקגעפאָרן מיט דער שיף קיין סיריען, און
מיט אים פּריסקילאַ און עקילס; נאָכן אָפּגאָלן זיך
דעם קאָפּ אין קענכרעאַ, ווארום ער האָט געהאַט
19 געטון אַ נדר. און זיי זענען געקומען קיין עפעזוס,
און ער האָט זיי דאָרטן איבערגעלאָזט; אַליין

אָבער איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער שול און
20 האָט גערעדט צו די יידן. און ווען זיי האָבן
אים געבעטן צו בלייבן אויף אַ לענגערער צייט,
21 האָט ער נישט איינגעשטימט; נאָר האָט זיך געזעגנט
און געזאָגט: איך וועל ווידער קומען צו אייך, אם
ירצה השם, און האָט זיך אַוועקגעשיפט פון עפעזוס.
22 און קומענדיק קיין קיסריה, איז ער אויסגעשטיגן
און האָט אָפּגעגעבן שלום דער קהלה, און איז אַראָפּ
23 קיין אַנטיאָכיען. און נאָך דעם ווי ער האָט (דאָרטן)
פאַרברענגט אַ געוויסע צייט, איז ער אַוועק, און איז
אַדורכגעגאַנגען כסדר די געגנט פון גאַלאַטיען און
פריגיען, שטאַרקנדיק אַלע תלמידים.
24 און אַ געוויסער ייד, מיטן נאָמען אַפּאָלאָס,
געבוירן אין אַלעקסאַנדריען, אַ געלערנטער מאַן,
מעכטיק אין די כתבי (הקודש), איז געקומען קיין
25 עפעזוס. דער דאָזיקער איז געווען געלערנט אין
דעם וועג פון דעם האַר; און זייענדיק אייפריק
אין גייסט, האָט ער גערעדט און געלערנט גענוי
וואָס שייך ישוען, הגם ער האָט בלויז געקענט
26 די טבילה פון יוחנן; און האָט אָנגעהויבן צו רעדן
מיט פתחון־פה אין שול. ווי אָבער פריסקילאַ און
עקילס האָבן אים געהערט, האָבן זיי אים גענומען
צו זיך, און אים נאָך גענויער קלאָר געמאַכט
27 דעם וועג פון ג־ט. וועלנדיק אָבער גיין קיין
אַכאַיאַ, האָבן די ברידער אים צוגעגעבן מוט,
און געשריבן צו די תלמידים, אַז מען זאָל אים
אויפנעמען; און ווען ער איז אַהינגעקומען, האָט ער
פיל געהאָלפן די, וואָס האָבן געגלויבט דורך דעם
28 חסד; וואָרום מיטן גאַנצן כח האָט ער געהאַלטן
וויכוחים מיט די יידן, אויפווייזנדיק עפנטלעך פון
די כתבי (הקודש), אַז ישוע איז דער משיח.

## קאַפּיטל ניינצן

19

און עס איז געשען, בשעת אַפּאָלאָס איז געווען 1
אין קאָרינט, איז פּוילוס, נאָכן אַדורכגיין די
איבלענדישע טיילן פון (קליין) אַזיען, געקומען
קיין עפעזוס; און ווען ער האָט (דאָרט) געפונען
אייניקע תלמידים, האָט ער צו זיי געזאָגט: צי 2
האָט איר מקבל געווען דעם רוח הקודש, ווען
איר זענט געוואָרן מאמינים? האָבן זיי געזאָגט
צו אים: מיר האָבן אַפילו נישט געהערט, אויב עס
געפינט זיך אַ רוח הקודש· האָט ער געזאָגט: אויף 3
וואָס דען האָט איר זיך געטובלט? און זיי האָבן
געזאָגט: אויף דער טבילה פון יוחנן· האָט פּוילוס 4
געזאָגט: יוחנן האָט געטובלט אַ טבילה פון תשובה,
זאָגנדיק צום פאָלק, אַז זיי זאָלן גלויבן אין דעם,
וועלכער וועט קומען נאָך אים, דאָס הייסט אין
ישוען· און הערנדיק דאָס, האָבן זיי זיך געלאָזט 5
טובל זיין אין דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע·
און ווי פּוילוס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי די 6
הענט, איז דער רוח הקודש געקומען אויף זיי;
און זיי האָבן גערעדט מיט לשונות און נבואות־
געזאָגט· און זיי אַלע זענען געווען אַן ערך צוועלף 7
מענער·

און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שול, און האָט 8
גערעדט מיט פּתחון־פּה במשך פון דריי חדשים,
האַלטנדיק וויכוחים און איבערצייגנדיק בנוגע דעם 9
מלכות פון ג־ט· ווען אָבער אייניקע האָבן האַרט
געמאַכט זייערע הערצער און נישט געגלויבט, רעדנ־
דיק שלעכטס לגבי דעם דרך פאַר דעם עולם, איז
ער אַוועק פון זיי, און האָט אָפּגעשיידט די תלמידים,

10 און טאָג טעגלעך גערעדט אין דער שולע פון אַ געוויסן
טיראַנוס. דאָס דאָזיקע איז אָנגעגאַנגען צוויי יאָר
לאַנג, אַזוי, אַז אַלע איינוואוינער פון (קליין) אַזיען,
11 יידן און גריכן, האָבן געהערט דאָס וואָרט פון דעם
האַר. און ג־ט האָט געטון אויסערגעוויינלעכע וואונ־
12 דער דורך די הענט פון פּוילוסן; אַזוי, אַז מען פלעגט
אַוועקטראָגן פון זיין לייב טיכלעך אָדער פאַרטיכער
צו די שלאַפע, און די חולאתן האָבן זיי פאַרלאָזט,
13 און די בייזע גייסטער זענען אַרויס. און אייניקע פון
די יידישע וואַנדערער, בעלי־שם, האָבן אונטער־
גענומען אָנצורופן דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע
אויף די, וואָס האָבן געהאַט בייזע גייסטער, אַזוי
צו זאָגן: איך באַשווער אייך ביי ישוען, וועמען
14 פּוילוס רופט אויס! און די, וואָס האָבן דאָס געטון
זענען געווען זיבן בנים פון געוויסן סקעוואַ, אַ ייד,
15 איינער פון די גרויסע כהנים. און דער בייזער
גייסט האָט געענטפערט און געזאָגט צו זיי: ישוען
קען איך, פּוילוסן קען איך אויך; ווער אָבער זענט
16 איר? און דער מענטש, אין וועמען עס איז געווען
דער בייזער גייסט, האָט אויף זיי אַ שפּרונג געטון,
און איבערגעוועלטיקט צוויי פון זיי, און זיי
(אַזוי) בייגעקומען, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון יענעם
17 הויז נאַקעט און פאַרוואונדעט. און דאָס דאָזיקע
איז באַקאַנט געוואָרן צו אַלע יידן און גריכן, וועלכע
האָבן געוואוינט אין עפעזוס; און אַ מורא איז געפאַלן
אויף זיי אַלע, און דעם האַר ישועס נאָמען איז
18 דערהייכט געוואָרן. און אַ סך פון די, וואָס האָבן
געגלויבט, זענען געקומען און זיך מתוודה געווען
און דערציילט פון זייערע (פריערדיקע) מעשים.
19 און אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט
כישוף, האָבן צוזאַמענגעברענגט זייערע ביכער,

אוּן זײ פֿאַרבּרענט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן; אוּן
מען האָט בּאַרעכנט זײער ווערט, אוּן געפֿונען (אַז
עס האָט בּאַטראָפֿן) פֿיפֿציק טויזנט שטיק זילבּער.
20 אַזוי מעכטיק איז געוואַקסן דאָס וואָרט פֿון דעם
האַר אוּן האָט זיך געשטאַרקט.
21 אוּן נאָך דעם ווי די דאָזיקע זאַכן זענען געשעען,
האָט פּוילוס פֿאָרגענומען אין זײן גײסט, אַז ווען
ער וועט האָבּן אַדורכגעגאַנגען מאַצעדאָניען אוּן
אַכאַיאַ, צו פֿאָרן קײן ירושלים, אוּן האָט געזאָגט:
נאָך דעם ווי איך וועל דאָרטן זײן, מוז איך אויך
22 זען רוים. אוּן אַוועקשיקנדיק קײן מאַצעדאָניען
צוויי פֿון די, וואָס האָבּן אים בּאַדינט, טימאָטעוסן
אוּן עראַסטוסן, איז ער אַלײן נאָך פֿאַרבּליבּן אַ
געוויסע צײט אין (קלײן) אַזיען.
23 אוּן אַרום יענער צײט איז געשעען נישט קײן
24 קלײנע מהומה וועגן דעם (משיחישן) דרך. וואָרום אַ
געוויסער מאַן, מיטן נאָמען דימעטריוס, אַ זילבּער־
שמיד, וועלכער פֿלעגט מאַכן זילבּערנע טעמפּלען פֿון
אַרטעמיס, אוּן געבּן די האַנטווערקער נישט קײן
25 קלײנעם פֿאַרדינסט; האָט זײ פֿאַרזאַמלט אוּן די
(אַנדערע) בּעלי מלאכות פֿון אַזעלכע זאַכן, אוּן
געזאָגט: מענער, איר ווײסט, אַז פֿון דער דאָזיקער
26 אַרבּעט האָבּן מיר אוּנזער וואוילשטאַנד. אוּן איר
זעט אוּן הערט, אַז נישט נאָר אין עפֿעזוס, נאָר כמעט
אין גאַנץ (קלײן) אַזיען האָט דער דאָזיקער פּוילוס
איבּערגערעדט אוּן אָפּגעקערט אַן אָנגעזעענעם
המון מענטשן, זאָגנדיק, אַז דאָס זענען נישט קײן
27 געטער, וואָס ווערן געמאַכט מיט הענט; אוּן עס
איז אַ סכּנה, אַז נישט בּלויז אוּנזער פֿאַך וועט ווערן
צו שפּאָט, נאָר אַפֿילו דער טעמפּל פֿון דער גרויסער
געטין אַרטעמיס וועט פֿאַר נישט געאַכט ווערן;

און עס קען נאָך זיין, אַז עס וועט אַוועקגענומען
ווערן די מאַיעסטעט פון איר, וועמען גאַנץ (קליין)
28 אַזיען און די באַוואוינטע וועלט דינט. און ווי זיי
האָבן דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן פול מיט
צאָרן, און האָבן געשריגן, אַזוי צו זאָגן: גרויס איז
29 די אַרטעמיס פון די עפעזער! און די שטאָט איז
פול געוואָרן פון דער מהומה; און אַלע צוזאַמען
האָבן געשטורמט צום טעאַטער, מיטשלעפנדיק
גאַיוסן און אַריסטאַרכוסן, מאַצעדאָניער, פּוילוסנס
30 באַגלייטער אויף דער נסיעה. ווי אָבער פּוילוס
האָט געוואָלט אַריינגיין צווישן דעם פאָלק, האָבן
31 די תלמידים אים נישט געלאָזט. און אויך אייניקע
פון די הויכע באַאַמטע פון (קליין) אַזיען, זייענדיק
זיינע פריינט, האָבן געשיקט צו אים, און געבעטן
ער זאָל זיך נישט איינשטעלן צו קומען אין טעאַטער
32 אַריין. און זיי האָבן געשריגן, אַ טייל איין זאַך,
אַנדערע עפּעס אַנדערש, וואָרום די פאַרזאַמלונג
איז געווען צעטומלט; און די מערסטע האָבן נישט
געוואוסט, צוליב וועלכן זיי זענען זיך צוזאַמענ־
33 געקומען. און פון דעם המון האָט מען אַרויס־
געשלעפּט אַלעקסאַנדערן, וועמען די יידן האָבן
געשטופּט פאָרויס. און אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט
אַ צייכן מיט דער האַנט, און געוואָלט האַלטן אַ
34 פאַרטיידיקונג רעדע פאַרן פאָלק. דערוויסנדיק זיך
אָבער, אַז ער איז אַ ייד, האָבן אַלע געשריגן מיט איין
קול במשך פון כמעט צוויי שעה: גרויס איז אַרט־
35 עמיס (די־געטין) פון די עפעזער! און דער שטאָט־
שרייבער, באַרואיקנדיק דעם המון מענטשן, האָט
געזאָגט: אָ מענער פון עפעזוס, צי געפינט זיך
דען עמיצער צווישן מענטשן, וואָס ווייסט נישט,
אַז די שטאָט פון די עפעזער איז די טעמפּל־היטערין

פון דער גרויסער אַרטעמיס און פון איר בילד,
36 וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל? דעריבער, אַזוי
ווי מען קען די דאָזיקע זאַכן נישט סותר־זיין, האָט
איר זיך געזאָלט פאַרהאַלטן רואיק, און גאָרנישט
37 טון אין איילעניש. וואָרום איר האָט אַהערגעברענגט
די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען נישט קיין
טעמפּל־רויבער, נישט קיין לעסטערער פון אונזער
38 געטין. דעריבער, אויב דימעטריוס און די האַנט־
ווערקער מיט אים האָבן טאַקע עפּעס אַ טענה קעגן
עמיצן, ווערן (דאָך) געהאַלטן עפנטלעכע טעג פון
משפּטים, און עס זענען דאָ פּראָקאָנסולן; זאָלן זיי
39 אָנקלאָגן איינס דאָס אַנדערע. אויב אָבער איר
זוכט עפּעס אַנדערש, וועט עס געלייזט ווערן אויף
40 דער געזעצלעכער פאַרזאַמלונג. וואָרום מיר זענען
אויך אין אַ סכנה, אָנגעקלאָגט צו ווערן וועגן אַ
מרידה צוליב דער הייַנטיקער מעשה, ווייל עס
איז נישטאָ קיין סבה, מיט וועלכער מיר זאָלן
קענען פאַרענטפערן דאָס דאָזיקע צוזאַמענגעלויף.
41 און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער פאַנאַנ־
דערגעלאָזט די פאַרזאַמלונג.

## קאַפּיטל צוואַנציק

1 און נאָך דעם ווי די מהומה האָט זיך איינגעשטילט,
האָט פּוילוס געשיקט נאָך די תלמידים און
גערעדט טרייסטווערטער צו זיי, האָט זיך געזעגנט
און איז אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין מאַצעדאָניען.
2 און אַדורכגייענדיק יענע פּראָווינצן, און טרייס־
טנדיק זיי (ד״ה די דאָרטיקע מאמינים) מיט אַ סך
3 ווערטער, איז ער געקומען קיין גריכנלאַנד. און
איז (דאָרט) פאַרבליבן במשך פון דריי חדשים;

און היות אַ פאַרשווערונג איז געמאַכט געוואָרן
פון די יידן קעגן אים, ווען ער האָט בדעה געהאַט
זיך אַוועקצושיפן קיין סיריען, האָט ער באַשלאָסן
4 זיך אומצוקערן איבער מאַצעדאָניען. און ביז
(קליין) אַזיען האָבן אים באַגלייט סאָפּאַטרוס בן
פּורוס פון בעריאַ; און פון די טעסאַלאָניקער,
אַריסטאַרכוס און סעקונדוס; און גאַיוס פון דערבע,
און טימאָטעוס; און טיכיקוס און טראָפימוס, פון
5 (קליין) אַזיען. די דאָזיקע אָבער זענען געגאַנגען
פאָרויס, און האָבן געוואַרט אויף אונדז אין טראָאַס.
6 און נאָך פסח זענען מיר אַוועקגעפאָרן מיט דער
שיף פון פיליפּיען, און זענען אין פינף טעג אַרום
געקומען צו זיי קיין טראָאַס, וואו מיר זענען פאַר־
בליבן זיבן טעג.
7 און דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, ווען מיר
זענען זיך צונויפגעקומען צו ברעכן ברויט, האָט
פּוילוס געדרשנט צו זיי, האָבנדיק בדעה צומאָרגנס
אָפּצופאָרן; און האָט מאַריך געווען די דרשה
8 ביז האַלבער נאַכט. און עס זענען געווען אַ סך
לאָמפּן אין דער אויבערשטוב, וואו מיר זענען
9 געווען פאַרזאַמלט. און אויפן פענסטער איז געזעסן
אַ געוויסער בחור, מיטן נאָמען עוטיכוס, (וועלכער
איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף; און בשעת
פּוילוס האָט נאָך אַלץ פאַרצויגן מיט זיין דרשענען,
האָט דער שלאָף אים בייגעקומען, און ער איז
אַראָפּגעפאַלן פונם דריטן שטאָק, און מען האָט
10 אים אויפגעהויבן אַ טויטן. פּוילוס אָבער איז
אַראָפּגעגאַנגען, און איז אַרויפגעפאַלן אויף אים,
און אַרומנעמענדיק אים, האָט ער געזאָגט: באַאומ־
רואיקט זיך ניט, וואָרום די נשמה זיינע איז (נאָך)
11 אין אים. און איז אַרויפגעגאַנגען, האָט געבראָכן

דאָס ברויט, און (אַליין) טועם געווען, און נאָך
לאַנג מיט זיי גערעדט, ביז עס איז געוואָרן טאָג,
12 און אַזוי איז ער אַוועקגעגאַנגען. און דאָס יונגל
האָט מען געבראַכט צופירן אַ לעבעדיקן, און זיי
האָבן זיך נישט ווייניק געטרייסט.

13 מיר אָבער זענען געגאַנגען פאָרויס צו דער שיף,
און האָבן זיך אַוועקגעשיפט קיין אַסוס, כדי דאָרטן
אויפצונעמען פוילוסן; וואָרום אַזוי האָט ער באַפוילן,
14 ווייל אַליין האָט ער געוואָלט גיין צופוס. און ווען
ער האָט זיך מיט אונז געטראָפן אין אַסוס, האָבן
מיר אים אויפגענומען, און זענען געקומען קיין
15 מיטילענע. און ווייטער פאָרנדיק פון דאָרטן, זענען
מיר דעם נעכסטן טאָג אָנגעקומען אַנטקייגנאיבער
כיוס; און דעם אַנדערן טאָג זענען מיר געקומען
קיין סאַמאָס; און דעם פאָלגנדיקן טאָג זענען מיר
16 געקומען קיין מילעטוס. וואָרום פוילוס האָט באַשלאָסן
פאַרבייצופאָרן עפעזוס, כדי ער זאָל נישט דאַרפן
פאַרלירן קיין צייט אין (קליין) אַזיען; ווייל ער
האָט זיך געאיילט, ווי ווייט מעגלעך פאַר אים, צו
זיין אין ירושלים אויף שבועות.

17 און פון מילעטוס האָט ער געשיקט קיין עפעזוס,
18 און געלאָזט רופן די זקנים פון דער קהלה. און
ווען זיי זענען געקומען צו אים, האָט ער צו זיי
געזאָגט:

איר ווייסט אַליין, וויאַזוי איך האָב מיך אויפ־
געפירט צווישן אייך די גאַנצע צייט, פון דעם
ערשטן טאָג אָן, ווען איך בין געקומען קיין אַזיען,
19 דינענדיק דעם האַר מיט יעדער הכנעהדיקייט און
מיט טרערן און נסיונות, וועלכע זענען געקומען
20 אויף מיר דורך די פאַרשווערונגען פון יידן; ווי
איך האָב גאָרנישט פאַרהוילן פון אייך פון דעם,

וואָס איז נוצלעך, אַז איך זאָל עס נישט האָבן געזאָגט
צו אייך, און אייך געלערנט, סײַ עפנטלעך סײַ פון
21 הויז צו הויז, עדות זאָגנדיק צו יידן און צו
גריכן וועגן תשובה צו ג־ט און אמונה אין אונזער
22 האַר ישוע המשיח׃ און זע, איצט, געבונדן אינם
גייסט, גיי איך קיין ירושלים, נישט וויסנדיק, וואָס
23 עס וועט מיך דאָרטן באַגעגענען, אַ חוץ דעם, וואָס
דער רוח הקודש איז מעיד צו מיר אין יעדער
שטאָט, אַזוי צו זאָגן, אַז עס וואַרטן אויף מיר קייטן
24 און צרות׃ נאָר איך האַלט, אַז מיין לעבן איז נישט
ווערט די רייד, אַזוי טייער איז עס פאַר מיר, אויב
איך זאָל נאָר קענען פאַרענדיקן דעם לעבנס־לויף
מיינעם, און די עבודה, וואָס איך האָב באַקומען
פון דעם האַר ישוע, עדות צו זאָגן פון דער גוטער
25 בשורה פון ג־טס חסד׃ און זע, איצט ווייס איך,
אַז איר וועט מער קיינמאָל נישט זעען מיין פּנים,
איר אַלע, צווישן וועמען איך בין אַרומגעגאַנגען,
26 אויסרופנדיק דאָס קעניגרייך פון ג־ט׃ דערפאַר
בין איך מעיד צו אייך דעם היינטיקן טאָג, אַז איך
27 בין ריין פון דעם בלוט פון אַלע (מענטשן)׃ וואָרום
איך האָב מיך נישט צוריקגעהאַלטן, אייך נישט
28 אָנצוזאָגן דעם גאַנצן ראַט־ווילן פון ג־ט׃ היט זשע
זיך און די גאַנצע סטאַדע, אויף וועלכער דער רוח
הקודש האָט אייך באַשטימט פאַר משגיחים, כדי
צו פּאַשען ג־טס קהלה, וועלכע ער האָט געקויפט
29 מיט זיין אייגן בלוט׃ איך ווייס, אַז נאָך מיין אַוועק־
גיין וועלן אַריינקומען צווישן אייך בייזע וועלף,
וואָס וועלן נישט האָבן קיין רחמנות אויף דער
30 סטאַדע; און פון אייך אַליין וועלן אויפשטיין מענער,
וואָס רעדן פאַרקערטע זאַכן, אָפּצונייגן די תלמידים
31 נאָך זיך׃ צוליב דעם זאָלט איר שטיין אויף דער

וואָך, געדענקענדיק, אַז במשך פון דריי יאָר האָב
איך נישט אויפגעהערט, ביי טאָג און ביי נאַכט, צו
זאָגן מוסר צו יעדן איינעם פון אייך מיט טרערן.
32 און איצט לאָז איך אייך איבער אויף ג־טס באַראָט
און צום וואָרט פון זיין חסד, וועלכער האָט די
מאַכט אייך צו דערבויען און אייך צו געבן די ירושה
33 צווישן אַלע געהייליקטע. זילבער, אָדער גאָלד,
אָדער מלבושים, האָב איך פון קיינעם נישט באַגערט.
34 איר אַליין ווייסט, אַז די דאָזיקע הענט מיינע האָבן
מיר געדינט פאַר מיינע הצטרכותן און פאַר די
35 הצטרכותן פון מיינע באַגלייטער. אַלץ האָב איך
אייך געוויזן, אַז האָרעווענדיק אויף אַזאַ אופן,
דאַרף מען העלפן די שוואַכע, און געדענקען דעם
האַר ישועס ווערטער, ווייל ער אַליין האָט געזאָגט:
עס איז וויילער צו געבן ווי צו נעמען.
36 און נאָך דעם ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער
געבייגט זיינע קניען, און מתפלל־געווען מיט זיי
37 אַלעמען. און עס איז געוואָרן צווישן אַלע אַ שטאַרק
געוויין, און זיי זענען געפאַלן פּוילוסן אויפן
38 האַלז און האָבן אים געקושט, זייענדיק שמערצלעך
באַטריבט, אַם מערסטן איבער דעם וואָרט, וואָס ער
האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן מער נישט זעען זיין
פּנים.—און האָבן אים באַגלייט צו דער שיף.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

1 און עס איז געשען, ווען מיר האָבן זיך אָפּגע־
שיידט און זענען אַוועקגעפאָרן פון זיי, פאָרנדיק
אין אַ גראָדער ריכטונג, זענען מיר געקומען קיין
קאָס, און דעם נעכסטן טאָג קיין ראָדאָס, און פון
2 דאָרטן קיין פּאַטאַראַ; און אַזוי ווי מיר האָבן געפונען

אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין פעניציען, זענען
3 מיר איינגעשטיגן און אָפּגעפאָרן. און דערזעע־
נדיק די (אינזל) ציפּערן, און איבערלאָזנדיק
זי אויף לינקס, האָבן מיר זיך אַוועקגעשיפט קיין
סיריען, און זענען אָנגעקומען קיין צור; וואָרום
דאָרטן האָט די שיף געזאָלט אויסלאָדן איר פּראַכט.
4 און נאָך דעם ווי מיר האָבן אויפגעזוכט די תלמידים,
זענען מיר דאָרט פאַרבליבן זיבן טעג; און זיי האָבן
גערעדט צו פּוילוסן דורך דעם רוח (הקודש), נישט
5 אַרויפצוגיין קיין ירושלים. און ווען מיר האָבן
געהאַט געענדיקט די טעג, זענען מיר אַרויסגעגאַנגען
און אַוועקגעפאָרן; און אַלע האָבן אונז באַגלייט
מיט די פרויען און קינדער ביז אויסער דער שטאָט;
און מיר האָבן געקניט אויפן ים־ברעג און תפילה
6 געטון; דערנאָך האָבן מיר זיך געזעגנט איינס מיטן
אַנדערן, און זענען איינגעשטיגן אויף דער שיף,
זיי אָבער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.
7 און מיר האָבן פאַרענדיקט די ים־רייזע פון צור,
און זענען אָנגעקומען קיין פּטאָלעמייס; און אָפּגע־
געבנדיק שלום צו די ברידער, זענען מיר פאַר־
8 בליבן ביי זיי איין טאָג. און צומאָרגנס זענען מיר
אַרויסגעגאַנגען, און זענען געקומען קיין קיסריה;
און זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז פון
פיליפּוס דעם מבשר, איינער פון די זיבן, און
9 איינגעשטאַנען ביי אים. דער דאָזיקער (פיליפּוס)
האָט געהאַט פיר טעכטער בתולות, וועלכע האָבן
10 נבואות געזאָגט. און בשעת מיר זענען (דאָרט)
פאַרבליבן אַ סך טעג, איז אַראָפּגעקומען פונם
(לאַנד) יהודה אַ געוויסער נביא, מיטן נאָמען
11 אַגאַבוס. און קומענדיק צו אונז, האָט ער גענומען
פּוילוסנס גאַרטל, האָט זיך געבונדן די פיס און די

הענט, און געזאָגט: דאָס זאָגט דער רוח הקודש:
דעם מאַן, וועמעס גאַרטל דער איז, וועלן די יידן
אין ירושלים אַזוי בינדן, און (אים) איבערגעבן
12 אין גויאישע הענט אַריין· און ווען מיר האָבן דאָס
געהערט, האָבן מיר און די דאָרטיקע אים געבעטן,
13 אַז ער זאָל נישט אַרויפגיין קיין ירושלים· דעמלט
האָט פוילוס געענטפערט: וואָס טוט איר, וואָס איר
וויינט און צעברעכט מיר דאָס האַרץ? וואָרום איך
בין גרייט נישט בלויז געבונדן צו ווערן, נאָר אויך
צו שטאַרבן אין ירושלים פאַר דעם נאָמען פונם
14 האַר ישוע· און אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געלאָזט
איבעררעדן, האָבן מיר שטיל געשוויגן, אַזוי צו
זאָגן: זאָל געשען דעם האַרס רצון!
15 און נאָך די דאָזיקע טעג האָבן מיר איינגעפאַקט
אונזערע זאַכן, און זענען אַרויפגעגאַנגען קיין
16 ירושלים· און עס זענען אויך מיטגעגאַנגען מיט
אונז אייניקע פון די תלמידים פון קיסריה, מיט־
פירנדיק אַ געוויסן מנאַזאָן, פון ציפערן, אַן אַלטער
תלמיד, ביי וועמען מיר האָבן געזאָלט וואוינען·
17 און ווען מיר זענען געקומען קיין ירושלים, האָבן
18 די ברידער אונז אויפגענומען מיט שמחה· און
דעם נעכסטן טאָג איז פוילוס מיט אונז אַריינגע־
גאַנגען צו יעקבן, און אַלע זקנים זענען אַהינ־
19 געקומען· און אָפגעגעבנדיק זיי שלום, האָט
ער באַריכות דערציילט אַלץ, וואָס ג־ט האָט
געטון צווישן די אומות־העולם דורך זיין עבודה·
20 און הערנדיק דאָס, האָבן זיי געלויבט ג־ט;
און צו אים געזאָגט: דו זעסט, ברודער,
וויפל טויזנטער יידן עס זענען, וועלכע גלויבן,
21 און אַלע זענען קנאים פאַר דער תורה; און
מען האָט זיי דערציילט וועגן דיר, אַז דו

לערנסט אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך צווישן
די אומות־העולם, זיך אָפּצוקערן פון (תורת) משה,
זאָגנדיק, אַז זיי זאָלן נישט מל זיין די קינדער, און
זיך נישט נוהג זיין לויט די (יידישע) מנהגים.
22 וואָס זשע וועט זיין? אין יעדן פאַל וועלן זיי
23 (דאָך) הערן, אַז דו ביסט געקומען. טו דעריבער
דאָס, וואָס מיר וועלן דיר זאָגן: ביי אונז געפינען
זיך פיר מענער, וועלכע האָבן אַ נדר אויף זיך;
24 נעם די דאָזיקע און רייניק דיך מיט זיי, און באַצאָל
פאַר זיי, כדי זיי זאָלן זיך לאָזן אָפּגאָלן דעם קאָפּ;
און אַלע וועלן וויסן, אַז אין דעם, וואָס זיי האָבן
געהערט וועגן דיר, איז גאָר נישטאָ (קיין אמת),
נאָר אַז דו אַליין גייסט אויך אויפן דרך הישר,
25 און היטסט אָפּ די תורה. און וואָס שייך די גוישע
מאַמינים, האָבן מיר שוין געשריבן אַ בריוו, באַשליסנ־
דיק, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהיטן (צו עסן) פון קרבנות צו
אָפּגעטער און פון בלוט און פון דערוואָרגן (פלייש)
26 און פון זנות. פּוילוס האָט דעמלט גענומען די מענער,
האָט זיך גערייניקט מיט זיי דעם אַנדערן טאָג, און
איז אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש אַריין, און
געלאָזט וויסן די דערפילונג פון די טעג פון רייניקונג,
ביז עס זאָל געבראַנגט ווערן דאָס קרבן פאַר יעדן
איינעם פון זיי.
27 און ווי די זיבן טעג האָבן זיך שוין באַלד
געהאַט געענדיקט, האָבן יידן פון (קליין) אַזיען אים
דערזעען אין בית המקדש, און האָבן אויפגעהעצט
דעם גאַנצן המון, און אַרויפגעלייגט זייערע הענט
28 אויף אים, שרייענדיק, אנשי ישראל, העלפט: דער
דאָזיקער מענטש איז עס, וואָס לערנט אַלעמען
אומעטום קעגן דעם (יידישן) פאָלק און דער תורה
און דעם דאָזיקן מקום (קדוש), נאָכמער, ער האָט

אַפילו אַריינגעפירט גריכן אין בּית המקדש אַריין
29 און פאַרשוועכט דאָס דאָזיקע מקום־קדוש. וואָרום
זיי האָבּן פריער געהאַט געזעען טראָפימוסן דעם
עפעזער אין דער שטאָט מיט אים; און
געמיינט, אַז פּוילוס האָט אים אַריינגעפירט אין
30 בּית המקדש אַריין. און די גאַנצע שטאָט האָט זיך
בּאַוועגט, און עס איז געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף
פון פאָלק; און זיי האָבּן געכאַפּט פּוילוסן און אים
אַרויסגעשלעפּט אויסער דעם בּית המקדש; און
31 גלייך האָבּן זיך די טירן געשלאָסן. און ווי זיי האָבּן
אים געוואָלט טייטן, איז געקומען אַ שמועה צום
הויפּטמאַן פון דער אָפּטיילונג, אַז גאַנץ ירושלים
32 איז אין אַן אויפברויז. האָט ער גיך גענומען זעלנער
און אָפיצירן, און איז אַראָפּגעלאָפן צו זיי; און
דערזעענדיק דעם הויפּטמאַן און די זעלנער,
33 האָבּן זיי אויפגעהערט צו שלאָגן פּוילוסן. דאַן
איז דער הויפּטמאַן צוגעגאַנגען, האָט אים אַרעסטירט,
און בּאַפוילן מען זאָל אים בּינדן מיט צוויי קייטן,
און האָט געפרעגט, ווער ער איז, און וואָס ער האָט
34 געטון. און יעדער איינער אינם המון האָט עפּעס
אַנדערש געשריגן; און נישט קענענדיק זיך דערוויסן
אויף זיכער, צוליבּ דעם געטומל, האָט ער בּאַפוילן,
מען זאָל אים אַוועקפירן אין דער פעסטונג אַריין.
35 און ווען ער איז געקומען צו די טרעפּ, האָבּן די
זעלנער אים געטראָגן צוליבּ דעם געדרענג פון דעם
36 המון; וואָרום די פאָלקסמאַסע האָט נאָכגעפאָלגט,
שרייענדיק: אַוועק מיט אים!
37 און בּשעת פּוילוס האָט געזאָלט אַריינגעפירט
ווערן אין דער פעסטונג אַריין, האָט ער געזאָגט
צום הויפּטמאַן: צי איז עס מיר דערלויבּט עפּעס
צו זאָגן צו דיר? און ער האָט געזאָגט: דו קענסט

38 גריכיש? צי בּיסטו דען נישט דער מצרי, וועלכער
האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק געמאַכט אַ
מרידה, און אַרויסגעפירט אין דער מדבר אַריין
39 די פיר טויזנט מענער פון די סיקרים? האָט פּוילוס
געזאָגט: איך בּין אַ ייד פון טאַרסוס אין ציליציען,
אַ בּירגער פון אַן אָנגעזעענער שטאָט; בּעט איך
40 דיך, דערלויב מיר צו רעדן צום פאָלק. און ווען
ער האָט עס אים דערלויבּט, האָט פּוילוס זיך גע־
שטעלט אויף די טרעפּ, און געמאַכט אַ צייכן מיט
דער האַנט צום פאָלק; און אַז עס איז געוואָרן אַ
גרויסע שטילקייט, האָט ער גערעדט צו זיי אויף
לשון־קודש, אַזוי צו זאָגן:

## קאַפּיטל צוויי און צוואָנציק

1 ברידער און פאָטערס, הערט איצט אויס מיין
2 פאַרטיידיקונג פאַר אייך—און ווי זיי האָבּן
דערהערט, אַז ער רעדט צו זיי אויף לשון־קודש,
האָבּן זיי זיך נאָך רואיקער פאַרהאַלטן; און ער
3 האָט געזאָגט:—איך בּין אַ ייד, געבּוירן אין
טאַרסוס אין ציליציען, דערצויגן אָבּער בּין איך
געוואָרן (דאָ) אין דער דאָזיקער שטאָט, בּיי די
פיס פון (רבן) גמליאל, און מען האָט מיך פלייסיק
געלערנט די תורה פון אונזערע אבות, און אַ קנאי
בּין איך געווען פאַר ג־ט, ווי איר אַלע זענט עס
4 בּיים היינטיקן טאָג. און דעם דאָזיקן דרך האָבּ איך
גערודפט בּיז צום טויט, בּינדנדיק און איבּער־
5 געבּנדיק אין תפיסה אַריין מענער און פרויען. ווי
אַפילו דער כהן גדול וועט עס מיר עדות זאָגן און
דאָס גאַנצע בית הזקנים, פון וועמען איך האָט
בּאַקומען בּריוו צו די בּרידער, און בּין געגאַנגען

קיין דמשק צו ברענגען אויך די, וואָס זענען דאָרטן
געווען, געבונדן קיין ירושלים, כדי זיי זאָלן באַ־
6 שטראָפט ווערן. און עס איז געשען, בשעת איך בין
געווען אויפן וועג און האָב מיך דערנענטערט צו
דמשק, אַרום האַלבן טאָג האָט מיך פּלוצלונג אַרומ־
7 געלויכטן אַ גרויס ליכט פון הימל. און איך בין
אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, און האָב געהערט אַ
קול זאָגן צו מיר: שאול, שאול, וואָס פאַרפאָלגסטו
8 מיך? און איך האָב געענטפערט: ווער ביסטו, האַר?
און ער האָט צו מיר געזאָגט: איך בין ישוע הנוצרי,
9 וועמען דו פאַרפאָלגסט. און די, וואָס זענען מיט
מיר געווען, האָבן געזען דאָס ליכט, נאָר דאָס
קול, וואָס האָט גערעדט מיט מיר, האָבן זיי נישט
10 געהערט. און איך האָב געזאָגט: וואָס זאָל איך טון,
האַר? און דער האַר האָט צו מיר געזאָגט: שטיי
אויף, גיי קיין דמשק; און דאָרטן וועט דיר (שוין)
געזאָגט ווערן וועגן אַלעם, וואָס איז דיר באַשטימט
11 געוואָרן, צו טון. אַזויווי אָבער איך האָב נישט געקענט
זעען צוליב דעם גלאַנץ פון יענעם ליכט, בין איך
געקומען קיין דמשק, געפירט ביי דער האַנט פון די,
12 וואָס זענען מיט מיר געווען. און אַ געוויסער חנניה,
אַ גאָטספאָרכטיקער מאַן לויט דער תורה, וועלכער
האָט געהאַט אַ גוטן שם ביי אַלע יידן, וואָס האָבן דאָרט
13 געוואוינט, איז געקומען צו מיר, און שטעלנדיק
זיך דערנעבן, האָט צו מיר געזאָגט: ברודער שאול,
ווער ווידער זעענדיק! און אין דער זעלביקער שעה
14 האָב איך געקוקט אויף אים. און ער האָט געזאָגט:
דער ג־ט פון אונזערע אבות האָט דיך אויסדער־
ווײלט, צו וויסן זיין רצון און צו זעען דעם צדיק
15 און צו הערן אַ קול פון זיין מויל אַרויס. מחמת דו
וועסט זיין אַן עדות פאַר אים צו אַלע מענטשן פון

16 דעם, וואָס דו האָסט געזעען און געהערט. און
איצט וואָס צעגערסטו? שטיי אויף, לאָז דיך טובל
זיין, און וואַש אָפּ דיינע זינד, אָנרופנדיק זיין
17 נאָמען. און עס איז געשעען, בעת איך האָב מיך
אומגעקערט קיין ירושלים און האָב תפילה געטון
אין בית המקדש, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַן
18 עקסטאַז, און האָב אים געזעען זאָגן צו מיר: אייל
דיך, און גיי אַרויס געשווינט פון ירושלים, ווייל
זיי וועלן (דאָ) נישט אָננעמען דיין עדות־זאָגן וועגן
19 מיר. און איך האָב געזאָגט: האַר, זיי אַליין ווייסן
(דאָך), אַז איך פלעג איינזעצן אין תפיסה און שלאָגן
20 אין אַלע שולן די, וועלכע גלויבן אין דיר; און
בשעת דאָס בלוט פון דיין עדות סטעפאַנוס איז
פאַרגאָסן געוואָרן, בין איך אַליין געשטאַנען דערביי,
מסכים זייענדיק (דערצו), און אַכטונג געבנדיק
אויף די מלבושים פון די, וואָס האָבן אים געהרגעט.
21 און ער האָט צו מיר געזאָגט: גיי; ווייל איך וועל
דיך שיקן ווייט צו די אומות־העולם.
22 און זיי האָבן אים אויסגעהערט ביז צו דעם דאָזיקן
וואָרט; און האָבן אויפגעהויבן זייער קול, זאָגנדיק:
פאַרטיליג אַזאַ מענטשן פון דער ערד; וואָרום ער
23 איז נישט ווערט וואָס ער לעבט! און בשעת זיי
האָבן (אַזוי) געשריגן און אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים
24 (פון זיך) און געוואָרפן שטויב אינדערלופטן, האָט
דער הויפּטמאַן באַפוילן, ער זאָל אַריינגעפירט
ווערן אין דער פעסטונג אַריין, און האָט געהייסן,
מען זאָל אים אויספאָרשן מיט שמיץ, כדי זיך
צו דערוויסן, צוליב וועלכער סבה זיי האָבן
25 אַזוי געשריגן קעגן אים. ווי אָבער מען האָט אים
אויסגעצויגן צום שמייסן, האָט פוילוס געזאָגט צום
אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן: צי איז

איך דען דערלויבט צו שמייסן אַ מענטשן, וואָס איז אַ
רוימישער בירגער און וועלכער איז נישט פאַרמשפּט?
26 און ווי דער אָפיציר האָט דאָס געהערט, איז ער
צוגעגאַנגען צום הויפּטמאַן און אים דערציילט, אַזוי צו
זאָגן: וואָס גייסטו טון? דער דאָזיקער מענטש איז דאָך
27 אַ רוימער! און דער הויפּטמאַן איז צוגעקומען און
געזאָגט צו אים: זאָג מיר, דו ביסט (טאַקע) אַ רוימער?
28 האָט ער געזאָגט: יאָ. האָט דער הויפּטמאַן געענט־
פערט: פאַר אַ גרויסן פּרייז האָב איך מיר דערוואָרבן
די דאָזיקע בירגערשאַפט. און פּאולוס האָט געזאָגט:
איך אָבער בין געבוירן געוואָרן (אַ רוימער).
29 און די, וואָס האָבן אים געזאָלט אויספאָרשן,
זענען דעריבער גלייך אַוועקגעגאַנגען פון אים;
און דער הויפּטמאַן האָט זיך געפאָרכטן, דערוויסנדיק
זיך, אַז ער איז אַ רוימער, און אַז ער האָט אים
געלאָזט בינדן.
30 צומאָרגנס אָבער, וועלנדיק זיך דערוויסן אויף
זיכער, וועגן וואָס ער איז באַשולדיקט געוואָרן
פון די יידן, האָט ער אים באַפרייט פון די קייטן,
און באַפוילן, אַז די הויפּט־כהנים זאָלן זיך
צוזאַמענקומען און דאָס גאַנצע סנהדרין; און האָט
אַראָפּגעפירט פּאולוסן, און אים אַוועקגעשטעלט
פאַר זיי.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

23

1 און פּאולוס האָט זיך איינגעקוקט אויפן סנהדרין,
און געזאָגט: ברידער, איך האָב געוואַנדלט פאַר
ג־ט מיט אַ גאַנץ און גוט געוויסן ביז צום הייַנטיקן
2 טאָג. אָבער דער כהן גדול חנניה האָט באַפוילן די,
וואָס זענען דאָרט ביי אים געשטאַנען, אים צו שלאָגן
3 אויפן מויל. האָט פּאולוס דעמלט צו אים געזאָגט:

ג־ט וועט דיך שלאָגן, דו ווייס־געקאַלכטע וואַנט;
און דו זיצסט מיך צו משפטן לויט דער תורה,
און באַפעלסט מען זאָל מיך שלאָגן להיפך דער
4 תורה? אָבער די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען
האָבן געזאָגט: דעם כהן גדול פון גאָט זידלסטו?
5 האָט פּוילוס געזאָגט: ברידער, איך האָב נישט
געוואוסט, אַז עס איז דער כהן גדול; וואָרום עס
שטייט געשריבן: אַ נשיא ביי דיין פאָלק זאָלסטו
6 נישט פלוכן. (שמות כב, כז.) און ווייסנדיק, אַז איין טייל
איז צדוקים און די אַנדערע טייל פּרושים, האָט
פּוילוס אַ געשריי געטון אין דעם סנהדרין:
ברידער, איך בין אַ פּרוש בן פּרושים; וועגן
דער האָפנונג און תחית המתים ווער איך
7 געמשפּט! און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז
געוואָרן אַ מחלוקה פון די פּרושים מיט די צדוקים,
8 און די מאַסע האָט זיך געשפּאָלטן. וואָרום די
צדוקים זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין תחית המתים,
נישט קיין מלאך, נישט קיין גייסט; די פּרושים
9 אָבער זענען מודה אויף ביידע. און עס איז געוואָרן
אַ גרויס געשריי; און עס זענען אויפגעשטאַנען
אייניקע סופרים פון דעם צד פון די פּרושים, און
האָבן געהאַלטן אַ וויכוח, אַזוי צו זאָגן: מיר געפינען
נישט קיין שום שלעכטס אין דעם דאָזיקן מענטשן;
און (וואָס איז) אויב אַ גייסט אָדער אַ מלאך האָט צו
10 אים גערעדט? און ווען דאָס געצאַנק איז געוואָרן
(גאָר) גרויס, האָט דער הויפּטמאַן, מורא האָבנדיק,
אַז פּוילוס זאָל פון זיי נישט צעריסן ווערן,
באַפוילן דאָס מיליטער אַראָפּצוגיין און אים אַ כאַפּ
צו טון פון זייער מיט, און אַריינצופירן אין דער
פעסטונג אַריין.
11 און אין דער פאָלגענדיקער נאַכט איז דער האַר

געשטאַנען ביי אים, און געזאָגט: זיי שטאַרק; וואָרום
ווי דו האָסט עדות געזאָגט וועגן מיר אין ירושלים,
אַזוי דאַרפסטו אויך עדות זאָגן אין רוים.
12 און ווען עס איז געוואָרן טאָג האָבן די יידן געמאַכט
אַ פאַרשווערונג, און זיך געבונדן מיט אַ פייער־
לעכער שבועה, און געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט
עסן און נישט טרינקען ביז זיי וועלן נישט הרגענען
13 פּוילוסן. און עס זענען געווען מער ווי פערציק,
14 וועלכע האָבן געמאַכט די דאָזיקע שבועה. און זיי
זענען געקומען צו די הויפּט־כהנים און צו די זקנים,
און האָבן געזאָגט: מיט אַ פייערלעכער שבועה האָבן
מיר זיך געבונדן גאָרנישט טועם צו זיין, ביז מיר
15 וועלן נישט טייטן פּוילוסן. דעריבער לאָזט איצט
מיט דעם סנהדרין וויסן דעם הויפּטמאַן, אַז ער
זאָל אים אַראָפּברענגען צו אייך, פּונקט ווי איר
וואָלט געוואָלט גענויער אויספאָרשן וועגן אים;
און איידער ער וועט זיך דערנענטערן צו אייך,
16 זענען מיר גרייט אים אומצוברענגען. נאָר פּוילוסנס
שוועסטערזון האָט געהערט פון דער לויערונג,
און איז געקומען, און אַריינגעגאַנגען אין דער
פעסטונג אַריין, און האָט עס דערציילט פּוילוסן.
17 און פּוילוס האָט גערופן איינעם פון די אָפיצירן,
און געזאָגט: פיר דעם דאָזיקן יונגנמאַן צום הויפּט־
מאַן, וואָרום ער האָט אים עפּעס צו דערציילן.
18 און ער האָט אים גענומען און אַוועקגעפירט צום
הויפּטמאַן, און געזאָגט: דער אַרעסטאַנט פּוילוס
האָט מיך גערופן און געבעטן, איך זאָל ברענגען צו
דיר דעם דאָזיקן יונגנמאַן, וועלכער האָט עפּעס
19 צו דיר צו זאָגן. און דער הויפּטמאַן האָט אים
גענומען ביי דער האַנט, האָט אים אַוועקגעפירט
אויף אַ זייט, און (אים) געפרעגט: וואָס איז עס,

20 וואָס דו האָסט מיר צו דערציילן? האָט ער געזאָגט:
די יידן האָבן איינגעשטימט דיך צו בעטן, אַז דו
זאָלסט צומאָרגנס אַראָפּפירן פּוילוסן צום סנהדרין,
פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס גענויער אויס־
21 פאָרשן וועגן אים. דו זאָלסט דיך אָבער נישט לאָזן
איבעררעדן פון זיי, וואָרום מער ווי פערציק
(מענטשן) פון זיי לאָקערן אויף אים, און האָבן
זיך פייערלעך געשוואוירן, נישט צו עסן און נישט
צו טרינקען, ביז זיי וועלן אים נישט האָבן אומגע־
בּרענגט; און זענען איצט גרייט און וואַרטן (בּלויז)
22 אויף דיין הבטחה. און דער הויפּטמאַן האָט אַוועק־
געשיקט דעם יונגנמאַן, אָנזאָגנדיק אים: זאָלסט
קיינעמען נישט אויסזאָגן, אַז דו האָסט מיר דאָס
23 צו וויסן געטון. און האָט גערופן צוויי פון די
אָפיצירן, און געזאָגט: גרייט צו צוויי הונדערט
זעלנער, וואָס זאָלן גיין קיין קיסריה, און זיבעציק
רייטער, און צוויי הונדערט שפּיזנטרעגער, אין דער
24 דריטער שעה פון דער נאַכט; און (ער האָט בּאַפוילן)
זיי זאָלן צוגרייטן בּהמות, כּדי אַרויפצוזעצן
פּוילוסן און אים אַוועקפירן אין זיכערהייט צו
25 פעליקסן דעם גובערנאַטאָר. און האָט געשריבּן
אַ בּריוו, אויף דעם אופן:
26 קלוידיוס ליזיאַס צום נאָבּעלן גובערנאַטאָר
27 פעליקס, שלום. דער דאָזיקער מאַן איז געפאַנגען
געוואָרן פון די יידן, און זיי האָבן אים געוואָלט
טייטן; (נאָר) איך בּין געקומען מיטן מיליטער
און האָבּ אים אָפּגעראַטעוועט, דערוויסנדיק זיך,
28 אַז ער איז אַ רוימער. און וועלנדיק וויסן
די סבּה, פאַרוואָס זיי האָבן אים אָנגעקלאָגט,
האָבּ איך אים אַראָפּגעפירט צו זייער סנהדרין;
29 און האָבּ געפונען, אַז ער ווערט אָנגעקלאָגט וועגן

שאלות פון זייער תורה, און האָט נישט קיין
שום באַשולדיקונג, אַז ער זאָל זיין חייב מיתה
30 אָדער קייטן. ווי אָבער עס איז מיר געוויזן
געוואָרן, אַז עס וועט זיין אַ פאַרשווערונג אויף
דעם מאַן, האָב איך אים תיכּף געשיקט צו דיר,
באַפעלנדיק אויך די באַשולדיקער צו רעדן פאַר
דיר קעגן אים.
31 די זעלנער האָבן דעריבער גענומען פּוילוסן,
לויט ווי עס איז זיי באַפוילן געוואָרן, און
אים אַוועקגעפירט ביינאַכט קיין אַנטיפּאַטריס.
32 און צומאָרגנס, לאָזנדיק די רייטער גיין מיט אים,
האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דער פעסטונג
33 אַריין; און זיי זענען אַריינגעגאַנגען קיין קיסריה
און האָבן איבערגעגעבן דעם בריוו צום גובער־
נאַטאָר, און אויך אַוועקגעשטעלט פּוילוסן פאַר אים.
34 און נאָכן איבערלייענען, האָט ער אים געפרעגט
פון וועלכער פּראָווינץ ער איז; און דערפאַרנדיק,
35 אַז פון ציליציען, האָט ער געזאָגט: איך וועל דיך
אויסהערן, ווען די אָנקלאָגער דיינע וועלן אויך
(אַהער) קומען; און האָט באַפוילן, מען זאָל אים
באַוואַכן אין הורדוסנס פּאַלאַץ.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

1 און פינף טעג שפּעטער איז דער כהן גדול חנניה
אַראָפּגעקומען מיט אייניקע זקנים, און אַ רעדנער,
אַ געוויסער טערטולוס; און זענען דערשינען פאַרן
2 גובערנאַטאָר קעגן פּוילוסן. און ווען ער איז גערופן
געוואָרן, האָט טערטולוס אָנגעהויבן אים צו באַשול־
דיקן, זאָגנדיק: אַז מיר געניסן פיל פרידן דורך
דיר, און אַז אַ סך פאַרבעסערונגען זענען געטון

געוואָרן צו דעם דאָזיקן פאָלק דורך דיין השגחה,
3 (דאָס) אַנערקענען מיר אַלעמאָל און אומעטום,
אָ נאָבעלער פעליקס, מיט פיל דאַנקבאַרקייט.
4 נאָר כדי איך זאָל דיך נישט צופיל באַלעסטיקן, בעט
איך דיך אין דיין באַשיידנקייט אונז אויסצוהערן
5 בקיצור. וואָרום מיר האָבן געפונען דעם דאָזיקן
מאַן ווי אַ פעסט, און אַן אויפהעצער צו מחלוקות
צווישן אַלע יידן איבער דער גאַנצער באַוואוינטער
וועלט, אַ מנהיג פון דער כיתה פון די נוצרים;
6 וואָס ער האָט אויך געמאַכט אַ פאַרזוך מחלל צו זיין
דאָס בית המקדש; און מיר האָבן אים אַרעסטירט
7 און געוואָלט משפטן לויט אונזער תורה. נאָר ליזיאַס
דער הויפטמאַן איז געקומען און מיט געוואַלד
8 אים אַרויסגעריסן פון אונזערע הענט, באַפעלנדיק
זיינע באַשולדיקער צו קומען צו דיר; פון וועמען,
נאָך אַ חקירה ודרישה, דו וועסט זיך קענען דערוויסן,
אַלע די דאָזיקע זאַכן, וועגן וועלכע מיר באַשול־
9 דיקן אים. און די יידן האָבן מסכים געווען, זאָגנדיק,
אַז עס איז אַזוי.

10 און פוילוס האָט געענטפערט, נאָך דעם ווי דער
גובערנאַטאָר האָט אים געגעבן אַ צייכן צו רעדן.
וויסנדיק, אַז דו ביסט שוין פון כמה יאָרן אַ שופט
ביים דאָזיקן פאָלק, פאַרטיידיק איך מיך מיט גוטן
11 מוט; ווייל דו קענסט זיך דערוויסן, אַז עס איז נישט
מער ווי צוועלף טעג, זינט איך בין אַרויפגעגאַנגען
12 קיין ירושלים, זיך צו בוקן צו גאָט; און נישט האָבן
זיי מיך געפונען האַלטנדיק אַ וויכוח מיט עמיצן
אָדער מאַכנדיק אַ מחלוקה ביים המון אינעם בית
המקדש, נישט אין די שולן, נישט אין דער שטאָט.
13 און זיי קענען דיר אַפילו נישט באַווייזן דאָס, וועגן
14 וועלכן זיי באַשולדיקן מיך איצט. נאָר דאָס דאָזיקע

בין איך זיך פאַר דיר מתוודה, אַז לויט דעם
(משיחישן) דרך, וועלכן זיי רופן אַן כיתה, אַזוי־אָ דין
איך דעם ג־ט פון אונזערע אבות, גלויבנדיק אַלץ,
וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה און אין די
15 נביאים; און האָב אַ האָפנונג צו ג־ט, וועלכע
זיי אַליין דערוואַרטן, אַז עס וועט זיין אַ תחית
16 המתים פון צדיקים און רשעים. דעריבער באַמי
איך מיך תמיד צו האָבן אַ לויטער געוויסן פאַר
17 ג־ט און פאַר לייטן. און נאָך פיל יאָרן בין איך
געקומען צו ברענגען נדבות צו מיין פאָלק, און
18 קרבנות; מיט וועלכע זיי האָבן מיך געפונען, נאָך
דעם ווי איך האָב מיך געהייליקט אינעם בית המקדש,
נישט מיט קיין המון מענטשן און נישט מיט קיין
19 געטומל; נאָר עס זענען דאָ אייניקע יידן פון (קליין
אַזיען, וועלכע וואָלטן געדאַרפט דערשיינען פאַר דיר
און מאַכן אַ באַשולדיקונג, אויב זיי האָבן עפעס קעגן
20 מיר. אָדער זאָלן די דאָזיקע (מענטשן) אַליין זאָגן,
וואָס פאַר אַן אומגערעכטיקייט זיי האָבן געפונען
אין מיר, בשעת איך בין געשטאַנען פאַרן סנהדרין,
21 אַ חוץ וועגן דעם דאָזיקן איינעם וואָרט, וואָס איך
האָב אויסגעשריגן, שטייענדיק צווישן זיי: וועגן
תחית המתים ווער איך היינט געמשפט פון אייך.
22 פעליקס אָבער, קענענדיק דעם (משיחישן) דרך
גענויער, האָט זיי אָפגעלייגט, און געזאָגט: ווען
ליזיאַס דער הויפטמאַן וועט אַראָפקומען, וועל
23 איך אַנטשיידן אייער זאַך. און האָט באַפוילן דעם
אָפיציר אים צו היטן מיט מילדקייט, און נישט צו
שטערן קיינעם פון זיינע פריינט אים צו באַדינען.
24 און אין אייניקע טעג אַרום איז פעליקס געקומען
מיט זיין פרוי דרוסילאַ, וועלכע איז געווען אַ
יידישקע, און געלאָזט רופן פוילוסן, און אים

אויסגעהערט וועגן דער אמונה אינם משיח ישוע׃
25 און בשעת ער האָט גערעדט וועגן צדקות,
און פּרישות, און דעם משפּט לעתיד לבוא,
האָט פעליקס זיך געפאָרכטן, און געענטפערט:
איצט גיי דיר שוין; און ווען איך וועל האָבן אַ
געלעגנהייטלעכע צייט, וועל איך דיך ווידער לאָזן
26 רופן׃ צוגלייך האָט ער אויך געהאָפט, אַז עס וועט
אים געגעבן ווערן געלט פון פּוילוסן, כדי ער זאָל
אים באַפרייען, צוליב דעם האָט ער אויך עפטערס
27 געלאָזט שיקן נאָך אים און מיט אים גערעדט׃ און
ווען צוויי יאָר זענען פאַרפלאָסן, האָט פעליקס
באַקומען פּאָרציוס פעסטוסן צום נאָכפאָלגער; און
וועלנדיק אַרויסווייזן די יידן אַ חסד, האָט פעליקס
איבערגעלאָזט פּוילוסן אין תפיסה׃

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

1 און פעסטוס, קומענדיק אין דער פּראָווינץ אַריין,
איז אין דריי טעג אַרום אַרויפגעגאַנגען פון
2 קיסריה קיין ירושלים׃ און די הויפּט־כהנים און
די פאָרנעמסטע יידן זענען דערשינען פאַר אים
3 קעגן פּוילוסן, און האָבן אים געבעטן, פאַרלאַנ־
גענדיק אַ געפעליקייט קעגן אים (ד״ה פּוילוסן),
אַז ער זאָל אים לאָזן ברענגען קיין ירושלים; ווייל
זיי האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג אים צו הרגענען
4 אונטערוועגנס׃ פעסטוס אָבער האָט געענטפערט, אַז
פּוילוס בלייבט אונטער וואַך אין קיסריה, און אַליין
5 וועט ער אין גיכן אַרויספאָרן אַהין׃ דעריבער זאָלן
די באַפולמעכטיקטע צווישן אייך, האָט ער געזאָגט,
מיטאַראָפּקומען (מיט מיר), אויב עס איז דאָ עפּעס
אַן אומרעכט אין דעם מאַן, זאָלן זיי אים אָנקלאָגן׃

6 און נאָכן פאַרבלייבן בײַ זיי נישט מער ווי אַכט אָדער
צען טעג, איז ער אַראָפּ קיין קיסריה; צומאָרגנס
האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ריכטער־
שטול, און באַפוילן, מען זאָל ברענגען פּוילוסן.
7 און ווען ער איז געקומען, האָבן זיך די ייִדן, וועלכע
זענען אַראָפּגעקומען פון ירושלים, געשטעלט אַרום
אים, ברענגענדיק אַ סך און שווערע באַשולדי־
8 קונגען, וואָס זיי האָבן נישט געקענט באַווייזן; בעת
פּוילוס האָט זיך פאַרטיידיקט: נישט קעגן דער
ייִדישער תורה, נישט קעגן דעם בית המקדש, נישט
9 קעגן קיסר האָב איך עפּעס געזינדיקט. פעסטוס
אָבער, וועלנדיק געפינען חן בײַ די ייִדן, האָט
ענטפערנדיק פּוילוסן געזאָגט: צי ווילסטו אַרויפ־
גיין קיין ירושלים, און דאָרטן פון מיר געמשפּט
10 ווערן וועגן די דאָזיקע זאַכן? האָט פּוילוס געזאָגט:
איך שטיי פאַרן קיסרס טריבונאַל־שטול, וואו איך
דאַרף געמשפּט ווערן; ייִדן האָב איך נישט געטון
קיין שום עוולה, ווי אַפילו דו ווייסט עס גאַנץ גוט.
11 און אויב איך בין דאָך באַגאַנגען אַ פאַרברעך, און
האָב געטון עפּעס, פאַר וועלכן איך בין חייב מיתה,
ווייגער איך מיך נישט צו שטאַרבן; אויב אָבער
קיין זאַך איז נישט (אמת), פון וועלכע זיי באַשול־
דיקן מיך, קען מיך קיינער נישט איבערגעבן צו זיי.
12 איך אַפּעליר צום קיסר. דעמלט האָט פעסטוס זיך
באַראָטן מיט זײַנע יועצים, און האָט געענטפערט:
צום קיסר האָסטו אַפּעלירט, צום קיסר וועסטו גיין!
13 און נאָכן אָפּלויף פון אייניקע טעג, איז דער
קעניג אַגריפּאַ מיט בערעניקאַ געקומען קיין קיסריה
14 און האָבן באַגריסט פעסטוסן. און היות זיי האָבן
דאָרט פאַרבראַכט אַ סך טעג, האָט פעסטוס געלייגט
פאַרן קעניג פּוילוסנס זאַך, זאָגנדיק: פעליקס האָט

15 איבערגעלאָזט אַ געווויסן מאַן אין קייטן, וועגן
וועמען, ווען איך בין געקומען קיין ירושלים, די
יידישע הויפּט־כהנים און זקנים זענען דערשינען
פאַר מיר, פאַרלאַנגענדיק אַן אורטייל קעגן אים;
16 וועמען איך האָב געענטפערט, אַז עס איז נישט
דער מנהג ביי רוימער איבערצוגעבן אַ מענטשן
(צום טויט) איידער דער באַשולדיקטער האָט
די באַשולדיקער פאַר זיך פּנים אל פּנים, און
באַקומט אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרטיידיקן אויף
17 דער באַשולדיקונג. ווען דעריבער זיי זענען זיך
אַהער צוזאַמענגעקומען, האָב איך נישט געמאַכט
קיין אויפהאַלט, (נאָר גלייך) דעם אַנדערן טאָג
מיך געזעצט אויף דער ריכטער־שטול און באַפוילן,
18 מען זאָל ברענגען דעם מאַן. קעגן וועמען די
באַשולדיקער, אַוועקשטעלנדיק זיך, האָבן נישט
געבראַנגט קיין שום באַשולדיקונג פון פאַרברעכנס,
19 ווי איך האָב חושד געווען, נאָר האָבן געהאַט
געוויסע טענות צו אים וועגן זייער אייגענער
אמונה, און וועגן אַ געוויסן ישוע, וועלכער איז
געשטאָרבן, און וואָס פּוילוס זאָגט, אַז ער לעבט.
20 און איך, זייענדיק אין ספק בנוגע דער אויס־
פאָרשונג פון אַזעלכע שאלות, האָב געפרעגט,
צי ער וויל גיין קיין ירושלים און דאָרטן געמשפּט
21 ווערן וועגן די דאָזיקע זאַכן. אַזוי־ווי אָבער פּוילוס
האָט אַפּעלירט, צו בלייבן אין אַרעסט ביז צו דעם
קיסרס אַנטשיידונג, האָב איך באַפוילן, ער זאָל
באַוואַכט ווערן, ביז איך וועל אים שיקן צום קיסר.
22 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פעסטוסן: איך אַליין
וואָלט אויך געוואָלט הערן דעם מענטשן. צומאָרגנס,
האָט ער געזאָגט, וועסטו אים הערן.
23 צומאָרגנס דעריבער, ווען אַגריפּאַ איז געקומען

מיט בערעניקאַ מיט גרויס פּאַראַד, און זענען אַריינ־
געגאַנגען אינם געריכטסזאַל מיט די הויפּטלייט און
אָנגעזעענסטע מענער פון דער שטאָט, האָט פעסטוס
24 געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל ברענגען פּוילוסן. און
פעסטוס האָט געזאָגט: קעניג אַגריפּאַ, און איר אַלע
מענער, וועלכע זענען (דאָ) אָנוועזנד ביי אונז, איר
זעט דעם דאָזיקן (מענטשן), וועגן וועמען די גאַנצע
מאַסע פון די יידן האָט מיך געבעטן אין ירושלים
און אויך דאָ, שרייענדיק, אַז ער טאָר לענגער נישט
25 לעבן. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט
גאָרנישט געטון, פאַר וועלכן ער זאָל זיין חייב
מיתה; נאָר ווייל ער אַליין האָט אַפּעלירט צום
קיסר, האָב איך באַשלאָסן אים צו שיקן. איך האָב
26 אָבער נישט עפּעס געוויסעס צו שרייבן וועגן אים
צו מיין האַר. דערפאַר האָב איך אים געברענגט
פאַר אייך, און איבערהויפּט פאַר דיר, קעניג אַגריפּאַ,
כדי נאָך דער אויספאָרשונג זאָל איך האָבן וואָס
27 צו שרייבן. וואָרום עס שיינט מיר אויס נישט
לאָגיש, צו שיקן אַ געפאַנגענעם, און נישט
אָנצוגעבן די באַשולדיקונגען קעגן אים.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

1 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פּוילוסן: עס איז
דיר דערלויבט צו רעדן פאַר דיר אַליין. דעמלט
האָט פּוילוס אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך
פאַרטיידיקט:
2 איך שעץ מיך גליקלעך, אָ קעניג אַגריפּאַ, וואָס
איך דאַרף מיך היינט פאַרטיידיקן פאַר דיר וועגן
3 אַלעם, וואָס די יידן קלאָגן מיך אָן; איבערהויפּט
ווייל דו ביסט אַ קענער פון אַלע מנהגים און שאַלות

ביי יידן; דערפאַר בעט איך דיך, דו זאָלסט מיך
4 אויסהערן מיט געדולד. וואָס שייך מיין שטייגער לעבן
פון דער יוגנט אָן, וועלכער איז געווען פונם סאַמע
אָנהויב צווישן מיין פאָלק אין ירושלים, ווייסן אַלע
5 יידן, און קענען מיך שוין פון לאַנג, זיי זאָלן נאָר
ווילן עדות־זאָגן, אַז לויט דער שטרענגסטער כיתה
פון אונזער אמונה האָב איך געלעבט, אַ פרוש.
6 און איצט שטיי איך געמשפט צו ווערן צוליב דער
האָפנונג פון דער הבטחה, וועלכע ג־ט האָט געמאַכט
7 צו אונזערע אבות, צו וועלכער אונזערע צוועלף
שבטים, דינענדיק ג־ט בהתמדה יומם ולילה, האָפן
צו דערגרייכן. וועגן דער האָפנונג ווער איך
8 אָנגעקלאָגט פון די יידן, אָ קעניג! פאַרוואָס האַלט
מען עס ביי אייך פאַר אומגלויבלעך, אַז ג־ט וועקט
9 אויף טויטע? איך אַליין טאַקע האָב מיר געטראַכט,
אַז איך מוז אַ סך טון קעגן דעם נאָמען פון ישוע
10 הנוצרי. און האָב עס אויך געטון אין ירושלים;
און פיל פון די הייליקע האָב איך איינגעשלאָסן
אין תפיסות, האָבנדיק באַקומען מאַכט פון די הויפט־
כהנים; און ווען מען האָט זיי אומגעבראַכט האָב
11 איך צוגעשטימט דערצו. און אין אַלע שולן האָב
איך זיי אָפט באַשטראָפט, און זיי געצוואונגען צו
לעסטערן; און זייענדיק אויסערסט צאָרנדיק אויף
זיי, האָב איך זיי גערודפט אפילו ביז אין שטעט
12 חוץ לארץ. און בשעת איך בין געפאָרן וועגן דעם
קיין דמשק מיט רשות און אויפטראָג פון די הויפט־
13 כהנים, האָב איך אין מיטן טאָג געזען אונטערוועגנס,
אָ קעניג, אַ ליכט פון הימל, העלער ווי די זון, (וואָס
האָט מיך אַרומגעלויכטן און די, וואָס זענען געפאָרן
14 מיט מיר. און ווען מיר אַלע זענען אַנידערגעפאַלן
אויף דער ערד, האָב איך געהערט אַ קול, וואָס

האָט צו מיר געזאָגט אויף לשון־קודש: שאול,
שאול וואָס פאַרפאָלגסטו מיך? עס איז שווער
15 פאַר דיר צו שטויסן קעגן שפּיציקע שטעקנס. און
איך האָב געזאָגט: ווער ביסטו, האַר? און דער האַר
האָט געזאָגט: איך בין ישוע, וועמען דו פאַרפאָלגסט.
16 נאָר הויב דיך אויף, און שטעל דיך אויף דיינע
פיס; וואָרום פאַר דעם דאָזיקן האָב איך מיך צו דיר
באַוויזן, דיך צו מאַכן פאַר אַ דינער און עדות פון
דעם, וואָס דו האָסט געזעען פון מיר, און פון די
זאַכן, אין וועלכע איך וועל מיך צו דיר באַווייזן;
17 איך וועל דיך מציל זיין פון דעם (יידישן) פאָלק און
18 פון די גוים, צו וועלכע איך שיק דיך, אויפצועפענען
זייערע אויגן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן פון דער
פינסטערניש צום ליכט, און פון דער מאַכט פונם
שטן צו ג־ט, כדי זיי זאָלן באַקומען פאַרגעבונג
פון זינד, און אַ ירושה צווישן די, וועלכע זענען
19 געהייליקט געוואָרן דורך אמונה אין מיר. דערפאַר,
אָ קעניג אַגריפּאַ, בין איך נישט געוואָרן אומגעהאָרכ־
20 זאַם צו דעם חיזיון פון הימל; נאָר ערשטנס צו די
אין דמשק און אין ירושלים, און איבערן גאַנצן לאַנד
יהודה, און צו די אומות־העולם האָב איך געדרשנט,
אַז זיי זאָלן תשובה טון און זיך אומקערן צו ג־ט,
און טון מעשים (טובים), וואָס זענען ראוי פון
21 תשובה. צוליב דעם דאָזיקן האָבן מיך יידן געכאַפּט
אינם בית המקדש, און האָבן פאַרזוכט מיך צו טייטן.
22 דעריבער אַזוי־ווי איך האָב באַקומען די הילף, וואָס
איז פון ג־ט, שטיי איך ביז צום היינטיקן טאָג,
עדות־זאָגנדיק פאַר קליין און פאַר גרויס, און זאָג
נישט קיין שום זאַך אַ חוץ דאָס, וואָס די נביאים
און משה (רבינו) האָבן געזאָגט, אַז עס וועט געשעען:
23 אַז דער משיח וועט ליידן, און אַז ער, דער ערשטער

אויפצושטיין תחית המתים, וועט אָנזאָגן אַ ליכט
צום (יידישן) פאָלק און צו די גוים.
24 און בשעת ער האָט אַזוי גערעדט צו זיין פאַרטיי־
דיקונג, האָט פעסטוס געזאָגט מיט אַ הויך קול:
פוילוס, דו ביסט אַראָפּ פונם זינען; דאָס פילע
25 לערנען דערפירט דיך צו שגעון. פוילוס אָבער
האָט געזאָגט: איך בין נישט אַראָפּ פונם זינען, אָ
נאָבעלער פעסטוס, נאָר איך רעד ווערטער פון
26 אמת און פאַרנונפט. וואָרום וועגן די דאָזיקע זאַכן,
ווייסט דער קעניג, צו וועמען איך רעד אויך מיט
פתחון־פה; וואָרום איך בין בטוח, אַז פון די דאָזיקע
זאַכן איז אים גאָרנישט פאַרהוילן, ווייל עס איז
27 נישט געטון געוואָרן אין אַ ווינקל. קעניג אַגריפּאַ,
צי גלויבסטו די נביאים? איך ווייס, אַז דו גלויבסט!
28 און אַגריפּאַ (האָט געזאָגט) צו פוילוסן: עס פעלט
נישט קיין סך, און דו האָסט מיך איבערגערעדט
צו ווערן אַ משיחי! און פוילוס (האָט געזאָגט):
29 הלואי, זאָל ג־ט געבן, צי מיט ווייניק צי מיט אַ
סך, אַז נישט נאָר דו אַליין, נאָר אויך אַלע, וועלכע
הערן מיך הייגט, זאָלן ווערן אַזעלכע, ווי איך בין,
(נאָר) אָן די דאָזיקע קייטן.
30 און דער קעניג איז אויפגעשטאַנען און דער
גובערנאַטאָר און בערעניקאַ און די, וואָס זענען
31 געזעסן מיט זיי; און בשעתן אַוועקגיין, האָבן זיי
גערעדט איינס מיטן אַנדערן, אַזוי צו זאָגן: דער
דאָזיקער מענטש האָט גאָרנישט געטון, פאַר וועלכן
32 ער זאָל זיין חייב מיתה אָדער קייטן. און אַגריפּאַ
האָט געזאָגט צו פעסטוסן: דער דאָזיקער מענטש
וואָלט געקענט באַפרייט ווערן, אויב ער וואָלט
נישט אַפּעלירט צום קיסר.

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

1 און ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן
זיך אַוועקשיפן קיין איטאַליען, האָט מען איבער־
געגעבן פּוילוסן מיט אייניקע אַנדערע געפאַנגענע
צו אַן אָפיציר, מיטן נאָמען יוליוס, פון דער קיסר־
2 לעכער אָפטיילונג. און נאָכן איינשטייגן אויף אַ
שיף פון אַדראַמיציום, וועלכע האָט געזאָלט גיין
צו די מקומות פון די (קליין) אַזיאַטישע ים־בּרעגעס,
זענען מיר אָפגעפאָרן, און מיט אונז איז געווען
אַריסטאַרכוס, אַ מאַצעדאָניער פון טעסאַלאָניקאַ.
3 און דעם אַנדערן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין
צידון; און יוליוס האָט זיך באַצויגן מענטשלעך
צו פּוילוסן, און אים דערלויבט צו גיין צו זיינע
4 פריינט, כּדי צו קומען צו זיך. און פון דאָרטן
זענען מיר אַוועק און זיך פאַרבייגעשיפט (די
אינזל) ציפּערן, צוליב דעם, וואָס די ווינטן זענען
5 געווען קעגן אונז. און אַריבערפאָרנדיק דעם ים
בּיי ציליציען און פּאַמפיליען, זענען מיר געקומען
6 קיין מיראַ אין ליציען. און דאָרטן האָט דער אָפיציר
געפונען אַן אַלעקסאַנדריינישע שיף, וואָס איז געפאָרן
קיין איטאַליען, און האָט אונז אַרויפגעזעצט אויף
7 דער דאָזיקער. און במשך פון אַ סך טעג זענען מיר
געפאָרן פּאַמעלעך און זענען קוים אָנגעקומען קיין
קנידוס, און ווייל דער ווינט האָט אונז נישט
דערלאָזט, זענען מיר געפאָרן פאַרביי דער (אינזל)
8 קרעטאַ, אַנטקייגנאיבער סאַלמאָנע; און פאָרנדיק
מיט מי בּיים ים־בּרעג, זענען מיר געקומען צו אַן
אָרט, וואָס האָט געהייסן קאַלע לימענעס, נאָענט פון
דער שטאָט לאַזעאַ.

9 און ווען אַ סך צייט איז פאַרגאַנגען, און די
נסיעה איז שוין געוואָרן געפערלעך, צוליב דעם
וואָס אויך דער תענית (יום כיפור) איז שוין געווען
10 פאַרביי, האָט פּוילוס זיי געוואָרנט, זאָגנדיק צו
זיי: מענער, איך זע איין, אַז די רייזע וועט זיין
פאַרבונדן מיט סכנה און פיל שאָדן, נישט בלויז
פון דער לאָדונג און דער שיף, נאָר אויך פון אונזערע
11 לעבנס. דער אָפיציר אָבער האָט מער געגלויבט
דעם שטייערמאַן און דעם אייגנטימער פון דער שיף,
12 ווי פּוילוסנס ריידן. און היות דער פּאָרט איז נישט
געווען גערוים, דאָרטן איבערצואווינטערן, האָט
די מערהייט געראָטן פון דאָרטן אָוועקצופאָרן,
אפשר וועלן זיי קענען אָנקומען קיין פעניקס,—אַ
האַפן פון קרעטאַ, וועלכער ליגט (געשיצט) קעגן די
צפון־מערב און דרום־מערב ווינטן,—און איבער־
13 ווינטערן. און בשעת דער דרום־ווינט האָט זאַנפט
געבלאָזן, מיינענדיק אַז זיי האָבן דערגרייכט זייער
ציל, האָבן זיי אַרויפגעצויגן דעם אַנקער, און זענען
14 געפאָרן פאַרביי קרעטאַ, נאָנט ביים ברעג. נאָר
נישט לאַנג דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן קעגן
איר (דער שיף) אַ שטורמווינט, וועלכער הייסט
15 עוראַקלידאָן; און האָט אַ כאַפּ געטון די שיף, און
אַז זי האָט זיך שוין מער נישט געקענט אַקעגנשטעלן
דעם ווינט, האָבן מיר נאָכגעגעבן און זענען געטראָגן
16 געוואָרן (פון די כוואַליעס). און לויפנדיק אַזוי
הינטער אַן אינזעלע, וואָס האָט געהייסן קלודאַ,
איז עס אונז קוים געלונגען מיט גרויסער מי איינ־
17 צוהאַלטן דאָס (רעטונגס) שיפל; און ווען מען האָט
עס אַרויפגעצויגן, האָט מען באַנוצט הילפסמיטלען,
אונטערצוגאַרטלען די שיף; און פאָרכטנדיק זיך,
טאָמער וועט מען אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף

דער סירטע, האָט מען אַראָפּגעלאָזט די זעגל
18 און מען איז אַזוי געטריבן געוואָרן. און ווייל מיר
האָבן שווער געליטן פונם שטורמווינט, האָט מען
דעם אַנדערן טאָג אַרויסגעוואָרפן די לאָדונג;
19 און דעם דריטן טאָג האָט מען מיט די אייגענע
20 הענט אַרויסגעוואָרפן דאָס שיפסגעצייג. און אַזויווי
במשך פון מערערע טעג נישט די זון נישט די
שטערן האָבן זיך באַוויזן, און דער שטורם, נישט
קיין קליינער, איז (אויף אונז) געלעגן, איז סוף
כל סוף פאַרשוואונדן יעדע האָפנונג, אַז מיר זאָלן
21 געראַטעוועט ווערן. און היות מען האָט שוין לאַנג
נישט געהאַט געגעסן, האָט פּוילוס זיך געשטעלט
אין זייער מיט און געזאָגט: אָ מענער, איר האָט
מיך געדאַרפט הערן, זיך נישט אָוועקצושיפן פון
קרעטאַ, און איר וואָלט זיך איינגעשפּאָרט דאָס
22 דאָזיקע ליידן און דעם שאָדן. איצט אָבער פאָדער
איך אייך אויף, זיך צו שטאַרקן; וואָרום עס וועט
קיין נפש פון אייך נישט פאַרלוירן ווערן, אַ חוץ
23 די שיף. וואָרום אין דער דאָזיקער נאַכט איז ביי
מיר געשטאַנען אַ מלאך פון ג־ט, וועמעס איך בין
24 און וועמען איך דין, אַזוי צו זאָגן: פאָרכט דיך נישט,
פּוילוס; דו דאַרפסט שטיין פאַרן קיסר; און זע,
ג־ט האָט דיר געשענקט אַלע, וואָס פאָרן מיט דיר.
25 דערפאַר, מענער, האָט מוט; ווייל איך גלויב ג־ט,
אַז עס וועט זיין פּונקט אַזוי, ווי עס איז מיר געזאָגט
26 געוואָרן. מיר מוזן אָבער געוואָרפן ווערן אויף
עפּעס אַן אינזל.

27 און ווען עס איז געקומען די פערצענטע נאַכט,
און מיר זענען געטריבן געוואָרן איבער דעם אַדריאַ־
טישן ים, האָבן די שיפסלייט באַמערקט אַרום
האַלבער נאַכט, אַז זיי דערנענטערן זיך צו עפּעס

28 אַ יבשה; האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס זינקבליי
און געפונען צוואָנציק קלאַפטער (טיף); זענען
אַביסל ווייטער געפאָרן און ווידער געזונקען דאָס
בליי, און האָבן געפונען פיפצן קלאַפטער (טיף).
29 און מורא האָבנדיק, מיר זאָלן נישט פאַלן אויף
פעלזיקע ערטער, האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן פיר
אַנקערס פון דעם הינטערטייל פון דער שיף, און
30 תפילה געטון, אַז עס זאָל (שוין) ווערן טאָג. נאָר
ווי די שיפסלייט האָבן געזוכט צו אַנטלויפן
פון דער שיף, און האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט
דאָס (רעטונגס) שיפל אונטערן אויסרייד, אַז זיי
גייען אַראָפּלאָזן אַנקערס פון דעם פאָדערטייל,
31 האָט פּוילוס געזאָגט צום אָפיציר און צו די זעלנער:
אויב די דאָזיקע וועלן נישט איבערבלייבן אויף
דער שיף, קענט איר נישט געראַטעוועט ווערן.
32 האָבן די זעלנער דעמלט אָפּגעהאַקט די שטריק
33 פונם שיפל, און עס געלאָזט אַראָפּפאַלן. נאָר ביז
עס וועט נישט ווערן טאָג, האָט פּוילוס אַלעמען
געבעטן, צו נעמען עפּעס עסן, זאָגנדיק: היינט
איז (שוין) דער פערצענטער טאָג ווי איר וואַרט
אומגעגעסן, און האָט גאָרנישט טועם געווען.
34 דערפאַר בעט איך אייך, צו נעמען שפּייז, ווייל
דאָס דאָזיקע האָט צו טון מיט אייער רעטונג;
וואָרום קיינעם פון אייך וועט קיין איין האָר פונם
35 קאָפּ נישט פאַרלוירן ווערן. און האָבנדיק דאָס
געזאָגט, האָט ער גענומען ברויט, און געדאַנקט
ג־ט פאַר אַלעמען; און האָט עס צעבראָכן, און
36 אָנגעהויבן עסן. און אַלע האָבן זיך געשטאַרקט,
37 און אויך גענומען שפּייז. און מיר אַלע אין
דער שיף זענען געווען צוויי הונדערט און זעקס
38 און זיבעציק נפשות. און נאָך דעם ווי זיי האָבן

געגעסן צו דער זעט, האָבן זיי לייכטער געמאַכט
די שיף, און אַרויסגעוואָרפן דעם ווייץ אין ים
39 אַריין. ווען אָבער עס איז געוואָרן טאָג, האָבן
זיי נישט דערקענט דאָס לאַנד; האָבן אָבער
באַמערקט אַ בוכטע מיט אַ ברעג, און באַשלאָסן,
אויב מעגלעך אַרויפצופירן די שיף אויפן ברעג.
40 און האָבן אָפּגעהאַקט די אַנקערס, איבערלאָזנדיק
זיי אין ים, און צוגלייך האָבן זיי לויז געמאַכט די
בענדער פון די רודערס; און אַרויפגעצויגן דעם
זעגל קעגן ווינט, און זיך אַ לאָז געטון צום ברעג
41 צו. אַרויפפאַלנדיק אָבער אויף אַ זאַמד באַנק,
האָבן זיי אַרויפגעפירט די שיף אויפן גרונט; און
דער פאָדערטייל איז געבליבן פעסט, אומבאַוועגלעך,
דער הינטערטייל אָבער האָט זיך צעבראָכן דורך
42 דער געוואַלדיקייט פון די כוואַליעס. און די זעלנער
האָבן בדעה געהאַט צו טייטן די געפאַנגענע, כדי
קיינער זאָל נישט אַוועקשווימען און אַנטלויפן.
43 נאָר דער אָפיציר, וועלנדיק אָפּראַטעווען פוילוסן,
האָט זיי געשטערט אין דער עצה, און באַפוילן,
אַז יענע, וואָס קענען שווימען, זאָלן די ערשטע זיך
אַריינוואַרפן (אין ים אַריין) און קומען צום לאַנד;
44 און די איבריקע, ווער אויף ברעטער, ווער אויף
עפּעס (אַנדערש) פון דער שיף. און אַזוי איז עס
געשען, אַז אַלע האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער
יבשה אַרויף.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

1 און נאָך דעם ווי מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן,
האָבן מיר זיך דעמלט דערוואוסט, אַז די אינזל
2 הייסט מעליטאַ. און די באַרבאַרן האָבן אונז אַרויס־
געוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע מענטשלעכקייט;

וואָרום זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פייער און אונז
אַלעמען אויפגענומען צוליב דעם רעגן, וואָס האָט
געהאַלטן אין איין פאַלן און צוליב דער קעלט.
3 און פּױלוס האָט צונויפגעזאַמלט אַ בינטל ריטער
און עס אַרויפגעלייגט אויפן פייער, און אַ שלאַנג
איז אַרויסגעקומען, מחמת דער היץ, און האָט זיך
4 אָנגעהאָנגען אויף זייך האַנט. און ווי די באַרבאַרן
האָבן געזעען די חיה הענגען אויף זיין האַנט, האָבן
זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: דער דאָזיקער
מענטש איז זיכער אַ מערדער, וועלכער, הגם ער
איז אַנטרונען פונם ים, לאָזט אים דאָך די גערעכ־
5 טיקייט נישט לעבן. ער אָבער האָט אַראָפּגעשאָקלט
די חיה אין פייער אַריין, און עס האָט אים גאָרנישט
6 געשאַדט. און זיי האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט
געשוואָלן ווערן אָדער פּלוצלונג אַנידערפאַלן
טויט; ווי אָבער זיי האָבן לאַנג געוואַרט,
און געזען, אַז עס געשעט אים נישט קיין שום
שלעכטס, האָבן זיי געענדערט זייער מיינונג, און
געזאָגט, אַז ער איז אַ ג־ט.
7 און נאָענט פון יענעם אָרט איז געווען אַ גוט,
וואָס האָט געהערט צום ראש פון דער אינזל,
מיטן נאָמען פּובליוס; וועלכער האָט אונז
אויפגענומען און דריי טעג פריינטלעך באַקעס־
8 טיקט. און פּובליוסנס פאָטער איז (גראָד) געלעגן
קראַנק אויף אַ פיבער און דיזענטעריע; צו וועמען
פּױלוס איז אַריינגעגאַנגען און מתפלל געווען, און
אַרויפגעלייגנדיק די הענט אויף אים, האָט ער
9 אים געהיילט. און ווי דאָס דאָזיקע איז
געשען, זענען אויך די איבעריקע חולאים אויף
דער אינזל געקומען, און זיך געלאָזט היילן;
10 און האָבן אונז צוגעטיילט גרויס כבוד; און ווען

מיר זענען אַװעקגעפאָרן, האָבן זיי אונז מיטגעגעבן
אַלדאָס נויטיקע.
11 דריי חדשים שפּעטער זענען מיר אָפּגעפאָרן
אין אַן אַלעקסאַנדרישער שיף, װעלכע האָט
איבערגעװינטערט אויף דער אינזל; איר צייכן
12 איז געװען די צװילינג ברידער. און מיר זענען
געקומען קיין סיראַקוס, און זענען דאָרט פאַרבליבן
13 דריי טעג. פון דאָרטן זענען מיר אַרומגעפאָרן און
זענען געקומען קיין רעגיום; און איין טאָג דערנאָך
האָט זיך אויפגעהויבן אַ דרום־װינט, און דעם אַנדערן
14 טאָג זענען מיר געקומען קיין פּוטעאָלי, װאו מיר
האָבן געפונען ברידער, װעלכע האָבן אונז געבעטן
צו בלייבן ביי זיי זיבן טעג, און אַזוי זענען מיר
15 געקומען קיין רוים. און פון דאָרטן זענען די
ברידער, הערנדיק װעגן אונז, אונז אַקעגנגעקומען
ביז צום אַפּיוס פאָרום און טרעסטאַבערנע; זעענדיק
זיי, האָט פּױלוס אָפּגעגעבן אַ שבח צו ג־ט און זיך
געשטאַרקט.
16 און װען מיר זענען אַריינגעקומען קיין רוים,
האָט מען פּױלוסן דערלויבט צו װאוינען אַליין
מיט דעם זעלנער, װעלכער האָט אים באַװאַכט.
17 און עס איז געשען, אין דריי טעג אַרום האָט
ער צונויפגערופן די, װעלכע זענען געװען די
חשובסטע צװישן די יידן; און װען זיי זענען זיך
צונױפגעקומען, האָט ער צו זיי געזאָגט: ברידער,
הגם איך האָב גאָרנישט געטון קעגן אונזער פאָלק
אָדער די מנהגים פון אונזערע אבות, בין איך דאָך
איבערגעגעבן געװאָרן װי אַ געפאַנגענער צו די
18 רוימער אין די הענט אַריין, װעלכע, נאָך דעם װי
זיי האָבן מיך חוקר געװען, האָבן געװאָלט מיך
אָפּלאָזן, װייל עס איז מיר נישט געװען קיין טויט־

19 שולדי. נאָר אַזױװי די יידן האָבן זיך אַקייגנגעשטעלט,
בין איך געווען געצוואונגען צו אַפּעלירן צום קיסר;
נישט ווי איך וואָלט געהאַט עפּעס וואָס אָנצוקלאָגן
20 מיין פאָלק. און צוליב דער דאָזיקער סבה האָב
איך אייך גערופן, כדי אייך צו זעען און צו אייך
צו רעדן, וואָרום וועגן דער האָפנונג פון ישראל
21 בין איך געבונדן מיט דער דאָזיקער קייט. און זיי
האָבן צו אים געזאָגט: נישט מיר האָבן דערהאַלטן
בריוו פונם (לאַנד) יהודה וועגן דיר, נישט איז
עמיצער פון די ברידער געקומען, וועלכער האָט
דערציילט אָדער געזאָגט עפּעס שלעכטס אויף
22 דיר. מיר ווילן אָבער הערן פון דיר, וואָס דו
דענקסט; וואָרום וואָס שייך דער דאָזיקער כיתה,
איז אונדז באַקאַנט, אַז אומעטום רעדט מען קעגן
איר.

23 און נאָך דעם ווי זיי האָבן אים באַשטימט אַ טאָג,
זענען זיי געקומען צו אים אין גאַסטהויז אַריין
אין גרעסערער צאָל; וועמען ער האָט דערקלערט,
עדות־זאָגנדיק וועגן דעם קעניגרייך פון ג־ט, און
איפּוויייזנדיק וועגן ישוען פון תורת משה און
פון די נביאים, פון אינדערפרי ביז אין אָוונט.
24 און אַ טייל האָבן זיך געלאָזט איבערצייגן פון דעם
25 געזאָגטן, אַנדערע אָבער האָבן נישט געגלויבט. און
אַזױװי זיי זענען נישט געווען איינשטימיק צווישן
זיך, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען, נאָך דעם ווי פּוילוס
האָט נאָך געזאָגט איין וואָרט: גוט האָט דער רוח
הקודש גערעדט דורך דעם נביא ישעיה צו אייערע
26 עלטערן, אַזוי צו זאָגן:

גיי צו דעם דאָזיקן פאָלק און זאָג:
מיטן געהער וועט איר הערן און נישט משיג־זיין;
און קוקנדיק וועט איר קוקן און נישט זעען;

27 ווייל פעט געוואָרן איז דאָס האַרץ פון דעם
דאָזיקן פאָלק,
און מיט די אויערן הערן זיי שווער,
און די אויגן זייערע האָבן זיי געשלאָסן,
טאָמער וואָלטן זיי געזעען מיט די אויגן,
און מיט די אויערן געהערט,
און וואָלטן פאַרשטאַנען מיטן האַרצן און תשובה־
געטון,
און איך וואָלט זיי געהיילט. (ישעיהו ו, ט־י.)
28 דעריבער זייט וויסן, אַז די דאָזיקע ישועה פון ג־ט
ווערט געשיקט צו די אומות־העולם; און זיי וועלן
29 (זי) הערן. (און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, זענען
די יידן אַוועקגעגאַנגען, האַלטנדיק אַ גרויסן וויכוח
צווישן זיך.)
30 און ער איז פאַרבליבן גאַנצע צוויי יאָר אין זיין
אייגענער געדונגענער דירה, און אויפגענומען
31 אַלע, וואָס זענען אַריינגעקומען צו אים, האָט
אויסגערופן דאָס קעניגרייך פון ג־ט און געלערנט
פון דעם האַר ישוע המשיח גאַנץ אָפן, פון קיינעם
נישט געשטערט.

# דער בריוו צו די רוימער

1 פּוילוס, אַ קנעכט פון ישוע המשיחן, באַרופן צו
זיין אַ שליח, אָפּגעשיידט פאַר דער בשורה
2 טובה פון ג־ט, וועלכע ער האָט פון פריער צוגע־
זאָגט דורך זיינע נביאים אין די כתבי הקודש,
3 וועגן זיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער
4 זרע דוד לויטן פלייש, אַנטשיידן באַוויזן אַלס דער
בן אלקים מיט מאַכט, לויט דעם גייסט פון קדושה
דורך דעם אויפשטיין פון די טויטע—ישוע המשיח
5 אונזער האַר, דורך וועמען מיר האָבן מקבל־
געווען חסד און די שליחות צו דער געהאָרכ־
זאַמקייט פון דער אמונה צווישן אַלע פעלקער דורך
6 זיין נאָמען, צווישן וועלכע אויך איר זענט באַרופן
7 פון ישוע המשיחן; צו אַלע, וואָס זענען אין רוים,
געליבטע פון ג־ט, באַרופן (צו זיין) הייליקע: חסד
צו אייך און שלום פון ג־ט אונזער פאָטער און פון
דעם האַר ישוע המשיח.

8 קודם כל גיב איך אָפּ אַ שבח צו מיין ג־ט דורך ישוע
המשיחן פאַר אייך אַלע, ווייל אייער אמונה
9 ווערט געהערט אין דער גאַנצער וועלט. וואָרום
ג־ט, וועמען איך דין אין מיין גייסט אין דער בשורה
טובה פון זיין זון, איז מיין עדות ווי איך דערמאָן
10 אייך אָן אויפהער אין מיינע תפילות, בעטנדיק
אַלעמאָל, אַז עס זאָל מיר שוין געלינגען, אם ירצה
11 השם, צו אייך צו קומען. וואָרום מיין פאַרלאַנג
איז אייך צו זען, כדי אייך איבערצוגעבן עפּעס
12 אַ רוחניותדיקע מתנה צו אייער שטאַרקונג; דאָס
הייסט, איך זאָל מיטגעטרייסט ווערן אין אייך דורך
דער געמיינזאַמער אמונה, אייערער און מיינער.

13 און איך וויל נישט, ברידער, איר זאָלט זיין אומ־
וויסנד, אַז אָפטמאָל האָב איך שוין געוואָלט קומען
צו אייך (און בין ביז איצט געשטערט געוואָרן),
כדי איך זאָל האָבן פּירות אויך צווישן אייך, ווי
14 צווישן די איבעריקע פעלקער. איך בין אַ בעל חוב
צו גריכן און צו באַרבאַרן, צו חכמים און צו נאַראָנים.
15 אַזוי זשע בין איך גרייט לויט מיינע מעגלעכ־
קייטן אָנצוזאָגן די בשורה טובה אויך צו אייך אין
16 רוים. וואָרום איך שעם זיך נישט מיט דער בשורה
טובה פון דעם משיח, ווייל זי איז ג־טס גבורה
צו ישועה פאַר יעדן איינעם מאמין, דעם ייד
17 קודם־כל און אויך דעם גריך. וואָרום אין איר איז
ג־טס גערעכטיקייט אַנטפּלעקט געוואָרן פון גלויבן
צו גלויבן, ווי עס שטייט געשריבן: דער צדיק וועט
דורך זיין גלויבן לעבן. (חבקוק ב, ד.)
18 וואָרום ג־טס צאָרן אַנטפּלעקט זיך פון הימל אויף
יעדער רשעות און עולה פון מענטשן, וואָס האַלטן
19 דעם אמת אין אומגערעכטיקייט; ווייל דאָס וויסן
פון ג־ט איז באַקאַנט געמאַכט צו זיי, וואָרום ג־ט
20 האָט עס זיי מגלה געווען. וואָרום די אומזיכט־
באַרע זאַכן זיינע, זינט דער וועלטבאַשאַפונג,
ווערן זיכטבאַר דורך באַשאַפענע זאַכן, (נעמלעך) זיין
אייביקע קראַפט און ג־טהייט, כדי זיי זאָלן זיין אָן
21 אַ תירוץ: צוליב דעם, וואָס קענענדיק ג־ט, האָבן
זיי אים נישט פאַרהערלעכט אַלס ג־ט אָדער (אים)
געדאַנקט, נאָר האָבן זיך צו נאַר געמאַכט מיט זייער
דענקען און זייער זינלאָז האַרץ איז פאַרפינסטערט
22 געוואָרן. מיינענדיק, אַז זיי זענען קלוגע, האָבן זיי
23 זיך באַנאַרישט, און פאַרביטן די הערלעכקייט
פון דעם אומשטערבלעכן ג־ט מיט דער ענלעכקייט
פון דעם געשטאַלט פון אַ שטערבלעכן מענטשן און

פון פייגל און פון פיר פיסיקע און קריכנדיקע
ברואים·
24 דערפאַר האָט זיי ג־ט איבערגעגעבן אין די תאוות
פון זייערע הערצער, צו שמוציקייט, צו שענדן
25 זייערע קערפערס צווישן זיך אַליין; וועלכע האָבן
פאַרביטן דעם אמת פון ג־ט מיט אַ שקר און
פאַרערט און געדינט דאָס באַשאַפענע אַנשטאָט
דעם באַשעפער, הקדוש ברוך הוא לעולמים· אָמן·
26 צוליב דעם האָט ג־ט זיי איבערגעגעבן צו שענדלעכע
תאוות; וואָרום זייערע ווייבער האָבן פאַרביטן
דעם נאַטירלעכן געברויך מיט אַן אומנאַטירלעכן;
27 און אַזוי אויך די מענער, פאַרלאָזנדיק דעם
נאַטירלעכן געברויך פון דער פרוי, האָבן זיך אין
זייערע פאַרלאַנגען דערהיצט איינער מיט דעם
אַנדערן, מענער מיט מענער טוענדיק געמיינהייטן,
און האָבן דערהאַלטן אין זיך אַליין דעם געהעריקן
28 שכר פון זייער פאַרפירטקייט· און אַזוי ווי זיי האָבן
נישט געוואָלט האָבן ג־ט אין זייער וויסן, האָט ג־ט
זיי איבערגעגעבן צו אַ נידערטרעכטיקן פאַרשטאַנד,
29 צו טון דאָס, וואָס מען טוט נישט; זיי זענען אָנגעפילט
געוואָרן מיט יעדער רשעות, זנות, שלעכטס־
קייט, גיריקייט, בייזוויליקייט, פול מיט קנאה,
מערדעריי, צאַנקעריי, באַטרוג, בייזאַרטיקייט,
30 רכילות, מלשינים, פיינט פון ג־ט, עזות פּנימער,
פּרעכע, באַרימער, פּראָיעקטירער פון שלעכטס,
31 אומגעהאָרכזאַמע צו עלטערן, אומפאַרשטענדיקע,
טריילאָזע, אָן נאַטירלעכע געפילן, אומרחמנות־
32 דיקע; וועלכע, הגם וויסנדיק פון ג־טס משפט, אַז
די, וואָס טון די דאָזיקע זאַכן, זענען חייב מיתה,
האָבן זיי נישט נאָר די דאָזיקע זאַכן געטון, נאָר
זענען נאָך צופרידן מיט די, וואָס טון זיי·

## קאַפּיטל צוויי

דערפאַר ביסטו, אָ מענטש, ווער דו זאָלסט בישט 1
זיין, וואָס משפּטסט, אָן אַן אויסרייד; וואָרום מיט
וואָס דו משפּטסט דעם אַנדערן, פאַרמשפּטסטו דיך
אַליין, ווייל דו, וועלכער משפּטסט, טוסט די דאָזיקע
זאַכן; און מיר ווייסן אַז ג־טס משפּט איז לויט דעם 2
אמת אויף די, וואָס טון די דאָזיקע זאַכן. צי 3
מיינסטו דען, אָ מענטש, וואָס משפּטסט די, וואָס
טון די דאָזיקע זאַכן און טוסט זיי אַליין, אַז דו
וועסט אויסמיידן ג־טס משפּט? אָדער ביסטו מבזה 4
די עשירות פון זיין גוטסקייט, געדולד און
לאַנגמוטיקייט, נישט וויסנדיק, אַז די גוטסקייט
פון ג־ט זאָל דיך פירן צום תשובה טון? דו אָבער, 5
לויט דיין האַרטקייט און דיין נישט־תשובהדיקן
האַרץ, זאַמלסט דיר איין צאָרן אינם טאָג פון צאָרן
און אַנטפּלעקונג פון ג־טס גערעכטן משפּט, וואָס 6
וועט יעדן פאַרגעלטן לויט זיינע מעשים: (משלי כד, ב.)
צו די, וואָס זוכן מיט סבלנות דורך מעשים טובים— 7
הערלעכקייט, כבוד און אומשטערבלעכקייט, אייביק 8
לעבן; אָבער צו די ווידערשפּעניקע און וואָס זענען
אומגעהאָרכזאַם צום אמת באָר זענען געהאָרכזאַם צו
רשעות—צאָרן און גרימצאָרן; ליידן און אַנגסט אויף 9
יעדן מענטשלעכן נפש, וואָס טוט שלעכטס, קודם־כל
דעם ייד און אויך דעם גריך. אָבער הערלעכקייט און 10
כבוד און שלום צו יעדן, וואָס טוט גוטס, קודם־כל
דעם ייד און אויך דעם גריך; וואָרום ג־ט איז בישט 11
קיין נושא פּנים. (דברים י, יז.) וואָרום אַלע, וואָס 12
האָבן געזינדיקט אָן אַ תורה,* וועלן אויך אָן אַ תורה

* ד. ה. די גוים.

פאַרלוירן ווערן; און אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט
אונטער דער תורה, וועלן געמשפּט ווערן דורך דער
13 תורה; ווייל נישט די, וואָס הערן די תורה, זענען
גערעכט ביי ג־ט, נאָר די, וואָס טון (וואָס) די תורה
14 (זאָגט), וועלן גערעכטפערטיקט ווערן; וואָרום ווען
די גוים, נישט האָבנדיק די תורה, טון פון זייער טבע
לויט (ווי) די תורה (שרייבט פאָר), זיי, הגם נישט
האָבנדיק קיין תורה, זענען אַ תורה פאַר זיך אַליין.
15 זיי ווייזן, אַז דאָס טון (וואָס שטייט אין) דער תורה איז
געשריבן אויף זייערע הערצער, ווען זייער געוויסן
זאָגט עדות און זייערע געדאַנקען אָדער באַשולדיקן
16 זיך אָדער רעכטפערטיקן זיך קעגנזייטיק; אינם טאָג
ווען ג־ט וועט משפּטן די פאַרבאָרגענע זאַכן פון
מענטשן, לויט מיין בשורה טובה דורך דעם משיח
ישוע.
17 אָבער אויב דו רופסט דיך ייד און שטיצטסט דיך
18 אויף דער תורה און באַרימסט דיך מיט ג־ט, און
קענסט זיין רצון און, ווייסט אונטערצושיידן
צווישן גוטס און שלעכטס, זייענדיק געלערנט
19 אין דער תורה, און ביסט איבערצייגט, אַז דו
אַליין ביסט אַ פירער פון בלינדע—אַ ליכט
20 פאַר די, וואָס זענען אין דער פינסטער, אַ דערציער
פאַר די אומזיניקע, אַ דרדקא מלמד, האָבנדיק
די פאָרם פון וויסן און פון אמת אין דער תורה;
21 דעריבער דו, וואָס לערנסט אַן אַנדערן, פאַרוואָס
לערנסטו נישט דיך אַליין? דו שרייסט, מען זאָל נישט
22 גנבֿענען, און אַליין גנבֿעסטו! דו, וואָס זאָגסט, מען
זאָל נישט מזנה זיין, ביסטו מזנה! דו פאַראומוויר־
23 דיקסט די געצן, באַרויבסטו דעם געצן־טעמפּל? דו,
וואָס באַרימסט דיך מיט דער תורה, שענדסט דו
24 ג־ט דורך עובר זיין די תורה! וואָרום ג־טס נאָמען

ווערט דורך אייך געלעסטערט צווישן די פעלקער,
25 אַזוי ווי עס שטייט געשריבן. (ישעיה נב, ה.) וואָרום
דאָס געמלט זיין האָט טאַקע אַ ווערט, אויב דו טוסט
וואָס די תורה זאָגט; אָבער אויב דו ביסט עובר די
26 תורה איז דיין מילה געוואָרן אַן ערלה. דעריבער,
ווען דער נישט־געמלטער וועט אָפּהיטן די משפטים
פון דער תורה, צי וועט אים דען נישט זיין ערלה
27 פאַררעכנט ווערן צו מילה? און וועט דער מן־הטבע
נישט־געמלטער, וואָס איז מקיים די תורה, דיך נישט
משפטן, וואָס האָסט דאָס אות און די מילה און ביסט
28 עובר די תורה? ווייל נישט דער איז אַ ייד, וואָס
איז (אַ ייד) אויסערלעך, מילה איז אויך נישט דאָס,
וואָס איז בלויז אויסערלעך אינעם גוף; נאָר אַ ייד
29 איז דער, וואָס איז אינערלעך אַזעלכער, און מילה
איז אינעם האַרצן לויטן גייסט, נישט לויט דעם אות,
וועמעס לויב איז נישט פון מענטשן, נאָר פון ג־ט.

## קאַפּיטל דריי

1 דעריבער, וואָס פאַר אַ מעלה האָט דער ייד,
2 אָדער וואָס איז דער נוצן פון דער מילה? אַ סך
אויף יעדן פאַל:—קודם־כל טאַקע ווייל צו זיי (די
יידן) איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דאָס וואָס ג־ט האָט
3 גערעדט. און אויב אַ טייל האָבן נישט געגלויבט, וואָס
מאַכט עס דען אויס? צי מאַכט דען זייער אומגלויבן
4 צונישט די געטריישאַפט פון ג־ט? חס ושלום! זאָל
זיך ג־ט אַרויסווייזן אַלס וואָרהאַפטיק און יעדער
מענטש אַ ליגנער, ווי עס שטייט געשריבן:

כדי דו זאָלסט זיין גערעכט אין דיינע רייד
און זיגן ווען דו ווערסט געמשפּט.

(תהלים נא, ה.)

5 אויב אָבער אונזער רשעות ווייזט אויף די צדקות
פון ג־ט, וואָס וועלן מיר זאָגן? אַז ג־ט איז
אומגערעכט, ברענגענדיק צאָרן? איך רעד ווי
6 אַ מענטש. חס ושלום! ווייל אויב אַזוי, ווי וואָלט
7 ג־ט געקענט משפטן די וועלט? אויב אָבער דורך
מיין שקר האָט זיך דער אמת פון ג־ט געשטאַרקט
צו זיין כבוד, פאַרוואָס זאָל איך נאָך געמשפט
8 ווערן ווי אַ חוטא? און פאַרוואָס זאָלן מיר נישט
טאַקע—ווי די, וואָס באַליידיקן אונז באַהויפּטן, אַז
מיר זאָגן—טון דאָס שלעכטס, כדי דאָס גוטע זאָל
קומען? זייער משפט איז גערעכט.
9 דעריבער וואָס? צי האָבן מיר דען עפּעס אַ מעלה?
בשום אופן נישט! וואָרום מיר האָבן שוין פריער
באַוויזן, אַז סײַ דער ייד און סײַ דער גריך זענען
10 אַלע אונטער דער זינד; אַזוי ווי עס שטייט געשריבן:
עס איז נישט פאַראַן קיין צדיק, קיין איינער
11 נישט; עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרשטענ־
דיקער, עס איז נישט פאַראַן קיין איינער,
12 וואָס זוכט ג־ט; אַלע האָבן אָפּגענייגט, זיי
זענען צוזאַמען נוצלאָז געוואָרן; עס איז נישט
פאַראַן קיינער, וואָס טוט גוטס, ניין, נישט
13 איינער. זייער האַלז איז אַן אָפן קבר, מיט
זייערע צונגען האָבן זיי פאַררעטעריש געהאַנ־
דלט, שלאַנגענגיפט איז אונטער זייערע ליפּן;
14 וועמעס מויל איז פול מיט פלוך און ביטער־
15 קייט; זייערע פיס איילן צו פאַרגיסן בלוט;
16 צעשטערונג און ליידן זענען אויף זייערע
17 וועגן; און דעם וועג פון שלום האָבן זיי נישט
18 דערקענט; די מורא פאַר ג־ט איז נישט פאַר
זייערע אויגן. (תהלים. יד, ב־ד; ה, י; י, ח; קמ, ד;
ישעיה נט, ז, ח; תהלים לו, ב.)

19 מיר אָבער ווייסן, אַז וואָס די תורה זאָגט, איז
עס גערעדט געוואָרן צו די, וועלכע זענען אונטער
דער תורה, כדי יעדעס מויל זאָל פאַרשטאָפּט ווערן
און די גאַנצע וועלט זאָל זיין שולדיק פאַר ג״ט;
20 צוליב דעם, וואָס דורך די מעשים פון דער תורה
וועט קיין בשר (ודם) נישט גערעכטפערטיקט ווערן
פאַר אים; וואָרום דורך דער תורה קומט די פולע
דערקענטעניש פון זינד.
21 איצט אָבער האָט זיך, אויסער דער תורה, באַוויזן
די גערעכטיקייט פון ג״ט, וועגן וועלכער סאַי די
22 תורה סאַי די נביאים האָבן עדות געזאָגט: די גערעכ־
טיקייט פון ג״ט, דורך אמונה אין ישועַן דעם משיח,
פאַר אַלע, וואָס גלויבן ווייל עס איז נישטאָ
23 קיין חילוק; וואָרום אַלע האָבן געזינדיקט און
24 געפעלט אין דער הערלעכקייט פון ג״ט; און
ווערן גערעכטפערטיקט פריי דורך זיין חסד דורך
25 דער אויסלייזונג פונם משיח ישוע; וועמען ג״ט
האָט פון פריער באַשטימט אַלס אַ כפּורת (אָדער,
פאַרגעבונג) דורך אמונה אין זיין בלוט, כדי צו
ווייזן זיין גערעכטיקייט דורך דעם פאַרגעבן די
פון פריער באַגאַנגענע זינד, אין ג״טס לאַנגמוטי־
26 קייט; כדי צו ווייזן זיין גערעכטיקייט אין דער
איצטיקער צייט און אַז ער אַליין איז גערעכט און
דער גערעכטפערטיקער פון דעם, וואָס גלויבט אין
27 ישועַן. וואו זשע איז די באַרימערייַ? זי איז
אויסגעשלאָסן. דורך וואָס פאַר אַ תורה? צי פון
מעשים? ניין, נאָר דורך דער תורה פון אמונה.
28 וואָרום מיר דרינגען אַרויס, אַז אַ מענטש ווערט
גערעכטפערטיקט דורך אמונה אָן די מעשים פון
29 דער תורה. צי איז דען גאָט בלויז דער ג״ט פון די
יידן? צי איז ער דען נישט אויך (דער ג״ט) פון די

30 אומות־העולם? געוויס, אויך פון די אומות־העולם;
ווייל ג־ט איז איינער, וואָס וועט גערעכטפערטיקן
דעם געמלטן פון דער אמונה און דעם נישט־
31 געמלטן דורך אמונה. צי מאַכן מיר דען די תורה
בטל דורך דער אמונה? חס ושלום! נאָר מיר
באַשטעטיקן די תורה.

## קאַפּיטל פיר

1 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן וועגן אברהם אבינו?
2 וואָס האָט ער דען דערגרייכט לויטן פלייש? וואָרום
אויב אברהם איז גערעכטפערטיקט געוואָרן דורך
מעשים (טובים), האָט ער עפּעס, מיט וואָס זיך צו
3 באַרימען, אָבער נישט פאַר ג־ט. ווייל וואָס זאָגן
די כתבי (הקודש)? אברהם האָט געגלויבט ג־ט און
דאָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן צו גערעכטיקייט.
4 (בראשית טו, ו.) דעם אַרבעטער אָבער ווערט דער לוין
5 נישט פאַררעכנט אַלס חסד נאָר אַלס אַ חוב. אָבער
דעם, וואָס אַרבעט נישט, נאָר גלויבט אין אים, וואָס
מאַכט גערעכט דעם רשע, ווערט זיין אמונה אים
6 פאַררעכנט צו גערעכטיקייט. דוד רעדט אויך
אַזוי איבער דער גליקלעכקייט פון דעם מענטשן,
וועמען ג־ט פאַררעכנט גערעכטיקייט אָן ריקזיכט
אויף מעשים (טובים):

7 וואויל איז די, וועמעס אומגערעכטיקייטן
זענען פאַרגעבן געוואָרן און וועמעס זינד
8 זענען פאַרדעקט געוואָרן; וואויל איז דעם
מענטש, וועמען דער האַר גאָט רעכנט נישט
צו קיין זינד. (תהלים לב ב, ג.)

9 צי איז דען די דאָזיקע גליקלעכקייט פאַר דעם

געמלטן אַליין אָדער אויך פאַר דעם נישט־געמלטן?
וואָרום מיר זאָגן דאָך, אַז אברהמען איז דער גלויבן
10 פאַררעכנט געוואָרן אַלס גערעכטיקייט. וויאַזוי זשע
איז עס אים פאַררעכנט געוואָרן? זייענדיק געמלט,
אָדער איידער ער האָט זיך מל געווען? ניין, נישט
ווען ער איז שוין געווען געמלט, נאָר ווען ער איז
11 נאָך געווען אַן ערל; און דעם צייכן פון מילה האָט
ער באַקומען ווי אַ חתימה פון דער גערעכטיקייט
פון אמונה, וואָס ער האָט געהאַט איידער נאָך ער
האָט זיך מל געווען; כדי ער זאָל זיין דער פאָטער
פון אַלע נישט־געמלטע מאמינים, אַז עס זאָל אויך
12 זיי פאַררעכנט ווערן צו גערעכטיקייט; און דער
פאָטער פון די געמלטע, צו זיי, וואָס נישט נאָר זענען
זיי געמלט, נאָר גייען אין די פוסטריט פון דער
אמונה, וועלכע אברהם אבינו האָט געהאַט נאָך
13 איידער ער האָט זיך מל געווען. וואָרום די הבטחה,
אַז אברהם אָדער זיין זאָמען וועט ירשנען די וועלט,
איז נישט געווען דורך דער תורה, נאָר דורך
14 דער צדקות פון אמונה. וואָרום אויב נאָר די
תורה־לייט זענען יורשים, דאַן האָט די אמונה
15 פאַרלוירן די ווערט און די הבטחה איז בטל; ווייל
די תורה ווירקט צאָרן (שטראָף); און וואו עס
איז נישטאָ קיין תורה, דאָרט איז אויך נישט
16 פאַראַן קיין עבירה. צוליב דעם דורך אמונה,
כדי עס זאָל זיין לויט חסד, אַז די הבטחה זאָל
זיין פאַרזיכערט צו דעם גאַנצן זאָמען: נישט
נאָר צו די פון דער תורה אַליין, נאָר אויך צו די
פון דעם גלויבן פון אברהם, וועלכער איז אונזער
17 אַלעמענס פאָטער—ווי עס שטייט געשריבן: איך
האָב דיך באַשטימט פאַר אַ פאָטער פון פיל פעלקער
(בראשית יז, ה.)—פאַר ג־ט, וועמען ער האָט געגלויבט,

אַז ער מאַכט לעבעדיק די טויטע און רופט
דאָס נישט־עקזיסטירנדיקע פּונקט ווי עס וואָלט
18 שוין עקזיסטירט. וואָס, ווען עס איז נישט געווען קיין
גרונט פאַר האָפנונג, האָט דאָך געגלויבט אין
דער האָפנונג, אַז ער וועט ווערן אַ פאָטער פון פיל
פעלקער, ווי עס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן:
19 אַזוי וועט זיין דיין זאָמען. (בראשית טו, ה.) און איז
נישט שוואַך געוואָרן אין גלויבן, ווען ער האָט
נאָכגעדענקט איבער זיין אייגענעם שוין כמעט
טויטן גוף,—ער איז דעמלט אַלט געווען באַלד
הונדערט יאָר—און שרהס אָפּגעשטאָרבענער מוטער־
20 טראַכט; און האָט נישט געצווייפלט דורך אומגלויבן
אין ג־טס הבטחה, נאָר זיך געשטאַרקט אין
21 אמונה, אָפּגעבנדיק כבוד צו ג־ט, און זייענדיק
פולשטענדיק איבערצייגט, אַז ער איז אימשטאַנד
22 צו טון וואָס ער האָט צוגעזאָגט. דערפאַר איז
עס אים פאַררעכנט געוואָרן צו גערעכטיקייט.
23 נישט נאָר פאַר אים אַליין איז עס געשריבן געוואָרן,
24 עס איז אים פאַררעכנט געוואָרן, נאָר אויך פאַר
אונדזערטוועגן, וועמען עס וועט פאַררעכנט ווערן,
וואָס גלויבן אין אים, וועלכער האָט אויפגעוועקט
25 פון די טויטע ישוען אונדזער האַר, וועלכער איז
איבערגעגעבן געוואָרן (צום טויט) צוליב אונדזערע
עבירות און אויפגעוועקט געוואָרן פאַר אונדזער
גערעכטפערטיקונג.

## קאַפּיטל פינף

1 זייענדיק דעריבער גערעכטפערטיקט דורך אמונה,
האָבן מיר שלום מיט ג־ט דורך אונזער האַר
2 ישוע המשיח, דורך וועמען מיר האָבן אויך באַקומען
דעם צוגאַנג דורך אמונה צום דאָזיקן חסד, אין וועלכן
מיר שטייען; און לאָמיר זיך משמח זיין אין דער
3 האָפענונג פון דעם כבוד פון ג־ט. און נישט נאָר
דאָס, נאָר לאָמיר זיך אויך פרייען אין די צרות,
4 וויסנדיק אַז צרות פירן צו סבלנות; און סבלנות
5 צו דערפאַרונג, און די דערפאַרונג צו האָפענונג; די
האָפענונג אָבער אַנטוישט נישט, ווייל ג־טס ליבע איז
אויסגעגאָסן אין אונזערע הערצער דורך דעם רוח
6 הקודש, וועלכער איז אונז געגעבן געוואָרן. ווייל
ווען מיר זענען נאָך געווען שוואַך, איז דער משיח, אין
דער געהעריקער צייט, געשטאָרבן פאַר די רשעים.
7 וואָרום זעלטן וועט זיך עמיצער אונטערנעמען
צו שטאַרבן פאַר אַ צדיק; דאָך פאַר אַ גוטן מענטשן
8 וועט אפשר ווער האָבן דעם מוט צו שטאַרבן. אָבער
ג־ט באַווייזט זיין ליבע צו אונז, אַז משיח איז פאַר
אונז געשטאָרבן, ווען מיר זענען נאָך געווען חוטאים.
9 אויף וויפל זשע מער, זייענדיק איצט גערעכט־
פערטיקט דורך זיין בלוט, וועלן מיר געראַטעוועט
10 ווערן דורך אים פונם צאָרן. וואָרום אויב מיר, זייענ־
דיק שונאים, זענען פאַראייינבאַרט געוואָרן מיט ג־ט
דורכן טויט פון זיין זון, אויף וויפל מער, זייענדיק שוין
פאַראייינבאַרט, וועלן מיר געראַטעוועט ווערן דורך
11 זיין לעבן; נישט נאָר דאָס, נאָר מיר זענען זיך
משמח אין ג־ט דורך אונזער האַר ישוע המשיח, דורך
וועמען מיר האָבן איצט באַקומען די פאַראייינבאַרונג.

12 דערפֿאַר, אַזויווי דורך איין מענטשן איז די זינד
געקומען אין דער וועלט אַריין, און דורך דער זינד
דער טויט, און אַזוי איז דער טויט אָדורכגעדרונגען
צו אַלע מענטשן, ווייל אַלע האָבן געזינדיקט;
13 וואָרום ביז דער תורה איז די זינד שוין געווען
אין דער וועלט, אָבער זינד ווערט נישט
פֿאַררעכנט, ווען עס איז נישטאָ קיין געזעץ.
14 דאָך האָט דער טויט געקעניגט פֿון אדמען ביז
משהן אויך אויף די, וואָס האָבן נישט געזינדיקט
ענלעך צו דער עבֿירה פֿון אדם, וועלכער איז אַ
פֿאָרבילד פֿון אים, וואָס האָט געזאָלט קומען.
15 אָבער נישט ווי די עבֿירה, אַזוי איז די מתנה.
וואָרום, אויב דורך דער עבֿירה פֿון דעם איינעם
זענען די פֿילע געשטאָרבן, וויפֿל מער זענען
ג־טס חסד און די מתנה דורך דעם איינעם
מענטשן, ישוע המשיח, איבערגעפֿלאָסן צו די פֿילע!
16 און נישט אַזוי ווי דורך דעם איינעם, וואָס האָט
געזינדיקט, איז די מתנה; וואָרום דאָס משפּט איז
געקומען דורך איינעם צו פֿאַראורטיילונג, אָבער
די מתנה איז צו גערעכטפֿערטיקונג פֿון אַ
17 סך זינד. ווייל אויב דורך דער עבֿירה פֿון
דעם איינעם, האָט דער טויט געהערשט דורך
דעם דאָזיקן איינעם, וויפֿל מער וועלן די, וואָס
זענען מקבל די שפֿע פֿון חסד און דער מתנה
פֿון גערעכטיקייט, הערשן אין לעבן דורך דעם
18 איינעם—ישוע המשיח. דעריבער, אַזויווי דורך
איין עבֿירה איז געקומען די פֿאַראורטיילונג אויף
אַלע מענטשן, אַזוי אויך דורך איין טאַט פֿון צדקות,
איז געקומען די גערעכטפֿערטיקונג פֿון לעבן צו אַלע
19 מענטשן. וואָרום אַזויווי דורך דער ווידערשפּע־
ניקייט פֿון דעם איינעם מענטשן זענען אַ סך

געמאַכט געוואָרן פאַר חוטאים, אַזוי אויך דורך
דער געהאָרכזאַמקייט פון דעם איינעם (ישוע) וועלן
20 אַ סך געמאַכט ווערן פאַר צדיקים. די תורה
אָבער איז אַריינגעקומען, כדי די עבירות זאָלן
זיך פאַרמערן; און וואו די זינד האָט זיך פאַרמערט,
21 איז דער חסד נאָך מער איבערגעפלאָסן, כדי, ווי
די זינד האָט געהערשט אינם טויט, אַזוי זאָל דער
חסד הערשן דורך צדקות צום אייביקן לעבן
דורך ישוען דעם משיח אונזער האַר.

## קאַפיטל זעקס

1 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? זאָלן מיר בלייבן אין
דער זינד, כדי דער חסד זאָל זיך פאַרמערן?
2 חס ושלום! וויאַזוי וועלן מיר, וואָס זענען גע־
3 שטאָרבן צו דער זינד, נאָך לעבן אין איר? אָדער
ווייסט איר נישט, אַז מיר אַלע, וואָס זענען געטובלט
געוואָרן צום משיח ישוע, זענען געטובלט געוואָרן
4 צו זיין טויט? מיר זענען דעריבער נקבר געוואָרן
מיט אים דורך דער טבילה צום טויט, כדי,
ווי משיח איז אויפגעוועקט געוואָרן פון די
טויטע דורך דעם כבוד פונם פאָטער, אַזוי זאָלן
5 אויך מיר וואַנדלען באַנייטע אין לעבן. וואָרום
אויב מיר זענען צוזאַמען געפלאַנצט געוואָרן אין
דער ענלעכקייט פון זיין טויט, וועלן מיר אויך זיין
6 אין דער ענלעכקייט פון זיין תחית המתים, וויסנדיק
דאָס דאָזיקע, אַז אונזער אַלטער מענטש איז צוזאַמען
מיט אים געקרייציקט געוואָרן, כדי דער זינדיקער
גוף זאָל פאַרניכטעט ווערן און מיר זאָלן מער נישט
7 זיין פאַרשקלאַפט צו דער זינד; וואָרום דער געשטאָר־
8 בענער איז גערעכטפערטיקט פון דער זינד. אָבער

אויב מיר זענען געשטאָרבן מיט משיחן, גלויבן מיר,
9 אַז מיר וועלן אויך לעבן מיט אים; וויסנדיק, אַז
משיח, זייענדיק אויפגעשטאַנען פון די טויטע,
שטאַרבט מער נישט; דער טויט האָט נישט מער
10 קיין שליטא איבער אים. וואָרום שטאַרבנדיק, איז
ער געשטאָרבן צו דער זינד איינמאָל פאַר אַלעמאָל,
11 אָבער לעבנדיק, לעבט ער צו ג־ט. אַזוי זאָלט איר
זיך אויך באַטראַכטן ווי טויט צו דער זינד, אָבער
לעבעדיק צו ג־ט אינם משיח ישוע אונזער האַר.
12 זאָל זשע די זינד נישט קעניגן אין אייער
שטערבלעכן קערפּער צו געהאָרכן זיינע תאוות;
13 אויך זאָלט איר נישט איבערגעבן אייערע אברים
ווי כלי־זין פון רשעות צו זינד, נאָר גיט אייך
איבער צו ג־ט, ווי לעבעדיק פון די טויטע און
אייערע אברים ווי כלי־זין פון צדקות צו ג־ט.
14 ווייל די זינד וועט נישט קעניגן איבער אייך,
וואָרום איר זענט נישט אונטער דער תורה, נאָר
אונטער דעם חסד.
15 דעריבער וואָס? זאָלן מיר זינדיקן, ווייל מיר
זענען נישט אונטער דער תורה נאָר אונטער
16 דעם חסד? חס ושלום! צי ווייסט איר דען נישט, אַז
וועמען איר גיט זיך איבער ווי קנעכט צו געֿ
האָרכן, זענט איר קנעכט (פון דעם), וועמען איר
געהאָרכט: אָדער פון זינד צום טויט, אָדער פון
17 געהאָרכזאַמקייט צו צדקות? אָבער געלויבט זיי
ג־ט, אַז איר וואָס זענט געווען קנעכט פון דער
זינד, זענט געוואָרן געהאָרכזאַם פונם האַרצן
צו דעם פאָרבילד פון דער לערנונג, וואָס איז אייך
18 איבערגעגעבן געוואָרן; און זייענדיק באַפרייט פון
דער זינד, זענט איר משועבד געוואָרן צו צדקות.
19 איך רעד מענטשלעך צוליב דער שוואַכקייט פון

אייער פלייש; וואָרום ווי איר האָט איבער־
געגעבן אייערע אברים ווי קנעכט צו טומאה און
רשעות ביז רשעות, אַזוי אויך איצט זאָלט איר
איבערגעבן אייערע אברים ווי קנעכט צו צדקות
ביז קדושה. וואָרום ווען איר זענט געווען קנעכט 20
פון זינד זענט איר געווען פריי פון צדקות.
וואָס פאַר אַ פרוכט האָט איר דען דעמלט געהאַט? 21
זאַכן, מיט וועלכע איר שעמט זיך איצט; ווייל
דער סוף זייערער איז דער טויט. אָבער איצט, 22
זייענדיק באַפרייט פון דער זינד און משועבד צו
ג־ט, האָט איר אייער פרוכט צו קדושה און
צום סוף דאָס אייביקע לעבן. וואָרום דער שכר 23
פון זינד איז דער טויט, אָבער דאָס אייביקע
לעבן איז ג־טס מתנה אינם משיח ישוע אונזער
האַר.

## קאַפּיטל זיבן

אָדער צי ווייסט איר נישט, ברידער,—וואָרום 1
איך רעד צו די, וואָס קענען די תורה—אַז די
תורה הערשט איבער דעם מענטשן כל זמן ער לעבט?
וואָרום די פאַרהייראַטע פרוי איז מן התורה געבונדן 2
צום מאַן ביים לעבן; ווען אָבער דער מאַן שטאַרבט,
איז זי פטור פונם געזעץ פון מאַן. דעריבער, 3
ווען ביים מאַנס לעבן זי וועט זיך איבערגעבן
צו אַן אַנדערן מאַן, וועט זי גערופן ווערן נואפת;
אָבער אויב דער מאַן שטאַרבט, איז זי פריי
פון דעם געזעץ, און נישט קיין נואפת, ווען זי
ווערט (דאָס ווייב) פון אַן אַנדערן מאַן. אַזוי אויך, 4
ברידער מיינע, זענט איר טויט געמאַכט געוואָרן צו
דער תורה דורך דעם גוף פונם משיח, אַז איר זאָלט
געהערן צו אַן אַנדערן, צו דעם אויפגעשטאַנענעם

פון די טויטע, כדי מיר זאָלן ברענגען פּירות
5 צו ג־ט. וואָרום ווען מיר זענען געווען אינם
פליישׁ, האָבן די זינדיקע תאוות, וואָס זענען דורך
דער תורה, געווירקט אין אונזערע אברים צו
6 ברענגען פּירות צו דעם טויט. איצט אָבער זענען
מיר פּטור פון דער תורה, זייענדיק געשטאָרבן וואָס
שייך דעם, צו וועלכן מיר זענען געווען געבונדן,
כדי מיר זאָלן דינען אין דער באַנייאונג פונם גייסט,
און נישט לויט דער אַלטקייט פונם אות.
7 וואָס וועלן מיר דעריבער זאָגן? אַז די תורה איז
זינד? חס ושלום! נאָר ווען נישט דורך דער תורה,
וואָלט איך נישט געוואוסט פון דער זינד; ווייל, וואָלט
די תורה נישט געזאָגט: דו זאָלסט נישט גלוסטן,
(שמות כ, יז.) וואָלט איך פון גלוסטן נישט געוואוסט;
8 און די זינד, געפינענדיק אַ סבה דורך דעם געבאָט,
האָט אויפגעוועקט אין מיר יעדע תאווה; וואָרום אָן
9 אַ געזעץ איז די זינד טויט. און אַמאָל האָב איך
געלעבט אָן אַ געזעץ; איז געקומען דאָס געבאָט,
האָט די זינד אויפגעלעבט, און איך בין גע־
10 שטאָרבן; און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס
געבאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין צום לעבן, איז מיר
11 געוואָרן צום טויט; וואָרום די זינד, געפינענדיק
אַ סבה אינם געבאָט, האָט מיך פאַרפירט און דאַדורך
12 מיך געטייט. אַזוי אַרום איז די תורה הייליק, און
13 דאָס געבאָט איז הייליק און גערעכט און גוט. צי
איז דען דאָס גוטע געוואָרן פאַר מיר דער טויט?
חס ושלום! נאָר די זינד, כדי זי זאָל דערשיינען
אַלס זינד, ווירקנדיק פאַר מיר דעם טויט דורך
דעם גוטן;—כדי דורך דעם געבאָט זאָל זיך אַרויס־
14 ווייזן ווי זער זינדיק זינד איז. וואָרום מיר ווייסן,
אַז די תורה איז רוחניותדיק; אָבער איך בין גשמיות־

15 דיק און פאַרקויפט אונטער דער זינד· וואָרום
איך ווייס נישט וואָס, איך טו; ווייל איך טו נישט דאָס,
וואָס איך וויל, נאָר וואָס איך האַס, דאָס טו איך·
16 און אויב איך טו דאָס, וואָס איך וויל נישט, בין
17 איך מודה, אַז די תורה איז גוט· און איצט בין איך
עס מער נישט, וואָס טוט דאָס, נאָר די זינד, וואָס
18 וואוינט אין מיר· וואָרום איך ווייס, אַז אין מיר,
דאָס הייסט אין מיין פלייש, וואוינט נישט קיין שום
גוטס; ווייל ביי מיר איז פאַראַן דער רצון, אָבער
19 דאָס ווירקן דאָס גוטע—נישט· וואָרום דאָס גוטע,
וואָס איך וויל, טו איך נישט; נאָר דאָס שלעכטע,
20 וואָס איך וויל נישט, דאָס טו איך יאָ· אָבער אויב
איך טו דאָס, וואָס איך וויל נישט, ווירק איך עס
נישט מער, נאָר די זינד, וואָס וואוינט אין מיר·
21 אַזוי אַרום געפין איך דאָס געזעץ, ווען איך וויל
טון דאָס גוטע, אַז דאָס שלעכטע איז ביי מיר·
22 וואָרום לויט מיין אינערלעכן מענטשן פריי איך
23 מיך מיט דער תורה פון ג־ט; איך זע אָבער אין מיינע
אברים אַן אַנדער געזעץ, וואָס האַלט מלחמה מיט
דעם געזעץ פון מיין פאַרשטאַנד, וואָס נעמט מיך
געפאַנגען צום געזעץ פון זינד, וואָס איז אין מיינע
24 אברים· אָ, איך עלנטער מענטש! ווער וועט מיך
25 באַפרייען פונם גוף פון דעם דאָזיקן טויט? געלויבט
זיי ג־ט, דורך ישוען דעם משיח אונזער האַר· אַזוי
אַרום דין איך אַליין מיטן פאַרשטאַנד די תורה פון
ג־ט, אָבער מיטן גוף דעם געזעץ פון זינד·

## קאַפּיטל אַכט

8

1 אַזוי אַרום איז נישטאָ מער קיין שום פֿאַראורטיילונג
2 פֿאַר די, וואָס זענען אינם משיח ישועי. ווייל
די תורה פֿונם גייסט פֿון לעבן אין משיח ישוע האָט
דיך באַפֿרייט פֿונם געזעץ פֿון זינד און טויט.
3 וואָרום וואָס די תורה האָט נישט געקענט טון, ווייל
זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורכן פֿלייש, האָט ג־ט,
שיקנדיק זיין אייגענעם זון אין דעם געשטאַלט פֿון
זינדיק פֿלייש און וועגן דער זינד, פֿאַראורטיילט די
4 זינד אינם פֿלייש; כדי די צדקות פֿון דער תורה
זאָל דערפֿילט ווערן אין אונז, וואָס וואַנדלען נישט
5 לויטן פֿלייש נאָר לויטן גייסט. וואָרום די, וואָס
זענען לויטן פֿלייש, דענקען פֿון פֿליישלעכע זאַכן,
אָבער די, וואָס זענען לויטן גייסט, גייסטלעכע זאַכן.
6 וואָרום דאָס טראַכטן פֿון דעם פֿלייש איז דער טויט,
אָבער דאָס טראַכטן פֿונם גייסט איז לעבן און
7 שלום; ווייל דאָס טראַכטן פֿונם פֿלייש איז שנאה
צו ג־ט, מחמת עס אונטערטעניקט זיך נישט
צו ג־טס תורה און עס קען אויך טאַקע נישט;
8 און די, וואָס זענען אינם פֿלייש, קענען נישט געפֿעלן
9 ג־ט. אָבער איר זענט נישט אינם פֿלייש נאָר
אינם גייסט, אויב ג־טס גייסט וואוינט באמת אין
אייך. און אויב עמיצער האָט נישט משיחס גייסט,
10 געהערט דער דאָזיקער נישט צו אים. אויב אָבער
משיח איז יאָ אין אייך, איז דער גוף טויט דורך זינד,
11 אָבער דער גייסט איז לעבן דורך צדקות. און אויב
דער גייסט פֿון אים, וואָס האָט אויפֿגעוועקט ישוען
פֿון די טויטע, וואוינט אין אייך, וועט ער, וואָס
האָט אויפֿגעוועקט משיח ישוען, אויך לעבעדיק

מאַכן אייערע שטערבלעכע גופים דורך זיין גייסט,
וואָס וואוינט אין אייך.
12 צוליב דעם, ברידער, זענען מיר בעלי חוב, נישט
13 צום פלייש, צו לעבן לויטן פלייש; וואָרום אויב
איר לעבט לויטן פלייש, מוזט איר שטאַרבן;
אויב אָבער איר וועט דורכן גייסט אָפּטייטן די
14 מעשים פונם גוף, וועט איר לעבן. וואָרום אַלע,
וואָס ווערן געפירט פון ג־טס גייסט, זענען ג־טס
15 קינדער. ווייל איר האָט נישט באַקומען דעם גייסט
פון קנעכטשאַפט ווידער מורא צו האָבן, נאָר איר
האָט באַקומען דעם גייסט פון קינדשאַפט, דורך וועלכן
16 מיר רופן: אַבאָ, טאַטע־פאָטער. אָט דער זעלביקער
גייסט זאָגט עדות צוזאַמען מיט אונזער גייסט, אַז
17 מיר זענען ג־טס קינדער. און אויב קינדער, זענען
מיר אויך יורשים, יורשים פון ג־ט, מיטיורשים
פונם משיח; אויב מיר ליידן ווירקלעך מיט אים,
כדי מיר זאָלן אויך צוזאַמען פאַרהערלעכט ווערן.
18 וואָרום איך האַלט, אַז די ענויים פון דער איצטיקער
צייט זענען נישט ווערט דעם כבוד, וואָס וועט
19 אַנטפּלעקט ווערן צו אונז. וואָרום די ערנסטע
בענקשאַפט פון דער באַשאַפונג וואַרט אויפן
20 אַנטפּלעקט ווערן פון ג־טס קינדער. וואָרום די
באַשאַפונג איז אונטערטעניק געוואָרן צו הבל־הבלים,
נישט פרייוויליק, נאָר דורך אים, וואָס האָט זי
21 אונטערטעניק געמאַכט, מיט אַ האָפנונג. אַז אויך
די באַשאַפונג אַליין וועט באַפרייט ווערן פון דער
פאַרקנעכטונג פון פאַרדאַרבונג, צו דער פרייהייט
22 פון דעם כבוד פון ג־טס קינדער. וואָרום מיר
ווייסן, אַז די גאַנצע באַשאַפונג זיפצט און האָט
23 געבורטסווייען ביז איצט. און נישט נאָר דאָס, נאָר
מיר אַליין, וואָס האָבן די ביכורים פונם גייסט,

זיפצן אין זיך, וואַרטנדיק אויף דער קינדשאַפט,
24 (נעמלעך), די אויסלייזונג פון אונזער גוף. וואָרום
מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן אין דער האָפנונג;
אַ האָפנונג אָבער, וואָס מען זעט, איז נישט קיין
האָפנונג; ווייל ווער האָפט עס אויף דעם, וואָס ער
25 זעט? אָבער אויב מיר האָפן אויף דעם, וואָס מיר
זעען נישט, וואַרטן מיר דערויף מיט סבלנות.

26 און אויף אַזאַ אופן קומט אונז אויך דער גייסט
צו הילף אין אונזער שוואַכקייט; ווייל מיר ווייסן
נישט וויאַזוי תפילה צו טון ווי עס געהער צו זיין,
נאָר דער גייסט אַליין, איז אַ מליץ־יושר פאַר אונז
27 מיט אומאויסדריקבאַרע זיפצן; און דער, וואָס פאָרשט
די הערצער, ווייסט דאָס טראַכטן פונם גייסט, ווייל
ער איז זיך משתדל פאַר די קדושים לויט ג־טס
28 רצון. און מיר ווייסן, אַז פאַר אַלע, וואָס האָבן
ליב ג־ט, ווירקט אַלץ צוזאַמען צום גוטן, צו
29 די, וואָס זענען גערופן לויט זיין ציל. ווייל
וועמען ער האָט פון פריער געקאָנט, זיי האָט ער
פון פריער באַשטימט צו זיין ענלעך צום בילד פון
זיין זון, אַז ער זאָל זיין דער בכור צווישן אַ סך
30 ברידער; און וועמען ער האָט פאָרויסבאַשטימט,
זיי האָט ער אויך גערופן; און וועמען ער האָט
גערופן, זיי האָט ער אויך גערעכטפערטיקט; און
וועמען ער האָט גערעכטפערטיקט, די דאָזיקע האָט
ער אויך פאַרהערלעכט.

31 וואָס זאָלן מיר דעריבער זאָגן צו דעם אַלעם?
אויב ג־ט איז מיט אונז, ווער קען זיין קעגן אונז?
32 ער, וואָס האָט נישט געשפּאָרט זיין אייגענעם זון,
נאָר אים געגעבן פאַר אונז אַלעמען, וויאַזוי זשע
וועט ער נישט מיט אים אונז אַלץ געבן פריי?
33 ווער וועט פאַרקלאָגן ג־טס אויסדערוויילטע? ג־ט

34 איז דער גערעכטפערטיקער; ווער וועט פאַראור־
טיילן? משיח ישוע איז עס וועלכער איז געשטאָרבן,
און נאָכמער, ער איז אויפגעשטאַנען, וועלכער איז
אויף ג־טס רעכטער זייט, און איז זיך אויך משתדל
35 פאַר אונז. ווער וועט אונז אָפּשיידן פון דעם משיחס
ליבע? עבויים, אָדער אַנגסט, אָדער פאַרפאָלגונג,
אָדער הונגער, אָדער נאַקעטקייט, אָדער סכנה,
36 אָדער אַ שווערד? ווי עס שטייט געשריבן:

פאַר דיינעטוועגן ווערן מיר געטייט דעם גאַנצן
טאָג לאַנג, מיר זענען גערעכנט ווי שאָף צו
דער שחיטה. (תהלים מד, כג.)

37 אָבער אין דעם אַלעם זענען מיר נאָך מער ווי
גובר דורך אים, וואָס האָט אונז ליב געהאַט.
38 וואָרום איך בין בטוח, אַז נישט דער טויט,
נישט דאָס לעבן, נישט מלאכים, נישט מושלים,
נישט די קעגנוואַרט, נישט די צוקונפט, נישט
39 ממשלות, נישט הויכקייט, נישט טיפעניש, נישט
קיין שום אַנדער באַשעפעניש וועט זיין אימשטאַנד
אונז צו שיידן פון ג־טס ליבע אינם משיח ישוע
אונזער האַר.

## קאַפּיטל ניין

9

1 איך זאָג דעם אמת אינם משיח, איך זאָג נישט
קיין שקר, מיין געוויסן זאָגט מיר עדות דורך
2 דעם רוח הקודש, אַז מיין טרויער איז גרויס און
דער ווייטאָק אין מיין האַרצן אָן אַן אויפהער.
3 איך וואָלט געוואָלט זיין אין חרם פונם משיח
פאַר מיינע ברידער, מיינע קרובים לויטן פלייש;
4 וועלכע זענען בני ישראל, וועמען עס געהערן
די קינדשאַפט און דער כבוד און די בונדן און
5 מתן תורה און די עבודה און די הבטחות; צו

זיי געהערן די אבות, און פון זיי איז לויטן פלייש
דער משיח, וואָס איז איבער אַלע, ג־ט זיי
6 געלויבט אויף אייביק. אמן. אָבער דאָס באַטייט
נישט, אַז ג־טס וואָרט איז צונישט געוואָרן.
וואָרום נישט אַלע זענען ישראל, וואָס זענען
7 פון ישראל; אויך נישט, ווייל זיי שטאַמען פון
אברהמען זענען אַלע קינדער, נאָר: אין יצחקן
8 וועט דיר גערופן ווערן זאָמען. (בראשית כא, יב.) דאָס
באַטייט, אַז נישט די קינדער פונם פלייש זענען
ג־טס קינדער, נאָר די קינדער פון דער הבטחה
9 ווערן פאַררעכנט ווי זאָמען. וואָרום דאָס איז
דאָס וואָרט פון דער הבטחה: לויט דער דאָזיקער
צייט וועל איך קומען, און צו שרהן וועט זיין אַ זון.
10 (בראשית יח, יד.) און נישט נאָר דאָס, נאָר רבקה ווען
זי איז מעוברת געוואָרן פון איינעם, יצחק אבינו—
11 איידער זיי זענען נאָך געבוירן געוואָרן און
האָבן נאָך נישט געהאַט געטון עפּעס גוטס אָדער
שלעכטס, כדי ג־טס צוועק זאָל באַשטיין לויט
12 זיין אויסדערוויילן, נישט דורך מעשים (טובים),
נאָר דורך אים, וואָס רופט—איז איר געזאָגט
געוואָרן: דער גרעסערער וועט דינען דעם קלענערן.
13 (בראשית כה, כג.) ווי עס שטייט געשריבן: יעקבן
האָב איך ליב געהאַט, אָבער עשיון האָב איך
געהאַסט. (מלאכי א, ב, ג.)

14 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז ביי ג־ט גיבט
15 אומגערעכטיקייט? חס ושלום! וואָרום צו משהן האָט
ער געזאָגט: איך וועל זיין באַרמהערציק צו וועמען
איך בין באַרמהערציק, און וועל מיך דערבאַרמען
אויף וועמען איך דערבאַרם מיך. (שמות לג, יט.)
16 אַזוי אַרום איז עס נישט אָפּהענגיק פון דעם, וואָס
וויל און נישט פון דעם, וואָס לויפט, נאָר פון דעם

17 אל־רחום. ווארום דער פסוק זאָגט צו פּרעהן:
טאַקע דעריבער האָב איך דיך אויפגעשטעלט,
אַז איך זאָל ווייזן אין דיר מיין כח, אַז מיין
נאָמען זאָל באַקאַנט ווערן אין דער גאַנצער
18 ערד. (שמות ט, טז.) אַזוי אַרום איז ער באַרמהערציק
צו וועמען ער וויל, וועמען אָבער ער וויל, פאַר־
האַרטעוועט ער.

19 דו וועסט מיר דעריבער זאָגן: טאָ פאַרוואָס
באַשולדיקט ער נאָך? ווארום ווער שטעלט זיך
20 אַנטקייגן זיין רצון? אָבער, מענטש, ווער ביסטו,
וואָס האָסט אַ טענה קעגן ג־ט? וועט דען אַ געמאַכטע
זאַך זאָגן צו דעם בעל־מלאכה: פאַרוואָס האָסטו
21 מיך אַזוי געמאַכט? (ישעיהו מה, ט.) אָדער, צי האָט דען
נישט דער טעפּער אַ רשות איבערן ליים צו מאַכן
פון דער זעלביקער מאַסע אַ געפעס צו כבוד און
22 אַ געפעס צו אומכבוד? און אויב ג־ט, ווילנדיק
ווייזן זיין צאָרן און באַקאַנט מאַכן זיין קראַפט,
האָט מיט פיל געדולד דערטראָגן געפעסן פון
צאָרן, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צום פאַר־
23 דאַרבן; און כדי באַקאַנט צו מאַכן די עשירות פון
זיין כבוד אויף די געפעסן פון באַרמהערציקייט,
וועלכע ער האָט פאָרויס צוגעגרייט צו כבוד,
24 וועלכע ער האָט אויך גערופן, (נעמלעך) אונז,
25 נישט נאָר פון יידן נאָר אפילו פון גוים? ווי ער
זאָגט אויך אין הושע:

איך וועל רופן דאָס, וואָס איז נישט מיין פאָלק,
מיין פאָלק, און די נישט־געליבטע, געליבטע.
26 און עס וועט זיין, אַז אויף דעם אָרט, וואו עס
איז געזאָגט געוואָרן צו זיי: איר זענט נישט
מיין פאָלק, אַז דאָרט וועלן זיי גערופן ווערן
קינדער פונם לעבעדיקן ג־ט. (הושע ב, כה.)

27 און ישעיה רופט אויס איבער ישראל:
אויב די צאָל פון די בני ישראל וועט זיין ווי
דאָס זאַמד פונם ים, וועט דאָך (נאָר) אַן איבער־
28 בלייבונג געראַטעוועט ווערן; וואָרום דער
האַר וועט אויספירן זיין וואָרט אויף דער ערד,
וועט עס ענדיקן און באַשרענקען.
(ישעיהו י, כב, כג.)

29 און ווי ישעיה האָט געזאָגט פריער:
אויב דער האַר צבאות וואָלט אונז נישט איבער־
געלאָזט זאָמען, וואָלטן מיר געוואָרן ווי סדום,
און גלייך געוואָרן צו עמורה. (ישעיהו א, ט.)
30 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז די גוים, וועלכע
האָבן נישט נאָכגעפאָלגט צדקות, האָבן דערגרייכט
31 צדקות, אָבער די צדקות פון אמונה; און ישראל,
נאָכפאָלגנדיק אַ תורה פון צדקות, האָט צו דער
32 תורה נישט דערגרייכט. פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן
זי געזוכט נישט דורך אמונה נאָר דורך מעשים,
האָבן זיי געשטרויכלט ביים שטיין פון שטרויכלונג;
33 ווי עס שטייט געשריבן:
אָט לייג איך אין ציון אַן אבן־נגף און אַ
פעלזן פון שטרויכלונג; און יעדער, וואָס
וועט גלויבן אין אים, וועט נישט פאַרשעמט
ווערן. (ישעיהו ח, יד, טו; כח, טז.)*

## קאַפיטל צען

10

1 ברידער, דער באַגער פון מיין האַרצן און מיין
2 תפילה צו ג־ט איז פאַר זייער ישועה. וואָרום
איך זאָג זיי עדות, אַז זיי האָבן אַ קנאות פאַר
3 ג־ט, אָבער נישט לויט דערקענטעניש. וואָרום

* לויטן תרגום השבעים.

נישט קענענדיק די צדקות פון ג־ט און זוכנדיק
אויפצושטעלן זייער אייגענע, האָבן זיי זיך נישט
אונטערטעניק געמאַכט צו דער צדקות פון ג־ט.
4 וואָרום דער סוף פון דער תורה איז דער משיח צו
5 צדקות פאַר יעדן איינעם, וואָס גלייבט. וואָרום משה
שרייבט איבער דער צדקות פון דער תורה, אַז דער
מענטש, וואָס וועט זי טון, וועט דורך איר לעבן.
6 (ויקרא יח, ה.) אָבער די צדקות פון אמונה זאָגט אַזוי:
זאָג נישט אין דיין האַרצן, ווער וועט אַרויפגיין אין
7 הימל אַריין? דאָס הייסט, אַראָפּצוברענגען משיחן,
אויך נישט: ווער וועט אַראָפּנידערן אין דער
טיפעניש? דאָס הייסט, אַרויפצוברענגען משיחן פון
8 די טויטע. נאָר וואָס זאָגט זי? דאָס וואָרט איז נאָנט
צו דיר, עס איז אין דיין מויל, אין דיין האַרצן; דאָס
הייסט, דאָס וואָרט פון אמונה, וואָס מיר רופן אויס;
9 ווייל אויב דו וועסט באַקענען מיט דיין מויל ישוען
אַלס האַר, און גלייבן מיט דיין האַרץ, אַז ג־ט
האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע, וועסט
10 געראַטעוועט ווערן. וואָרום מיטן האַרץ גלייבט
מען צו צדקות, און מיטן מויל באַקענט מען צו
11 ישועה. וואָרום דער פסוק זאָגט:

יעדער, וואָס גלייבט אין אים, וועט נישט ווערן
צו שאַנד. (ישעיהו כח, טז.)

12 וואָרום עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ייִד
און גריך, ווייל דער זעלביקער האַר פון אַלע
13 איז רייך צו אַלע, וואָס רופן צו אים; וואָרום
יעדער איינער, וואָס וועט אָנרופן דעם האַרס
14 נאָמען, וועט געראַטעוועט ווערן. (יואל ג, ה.) וויאַזוי
זשע זאָלן זיי אָנרופן אים, אין וועמען זיי האָבן נישט
געגלייבט? און וויאַזוי זאָלן זיי גלייבן אין אים,
פון וועמען זיי האָבן נישט געהערט? און וויאַזוי

15 זאָלן זיי הערן אָן אַ בעל־דרשן? און וויאַזוי זאָל
מען דרשענען, אויב מען ווערט נישט געשיקט? ווי
עס שטייט געשריבן:

ווי שיין זענען די פיס פון די, וואָס ברענגען אַ
בשורה פון גוטע זאַכן. (ישעיהו נב, ז.)

16 אָבער נישט אַלע האָבן געהאָרכט דער בשורה
טובה; וואָרום ישעיה זאָגט:

האַר, ווער האָט געגלויבט וואָס מיר האָבן
געהערט? (ישעיהו נג, א.)

17 אַזוי אַרום איז דער גלויבן פון הערן, און דאָס הערן
18 דורך משיחס וואָרט. אָבער איך זאָג: האָבן זיי דען
נישט געהערט? געוויס:

זייער קלאַנג איז אַרויסגעגאַנגען איבער דער
גאַנצער ערד, און ביז צו די עקן פון דער
באַוואויטער וועלט—זייערע ווערטער.
(תהלים יט, ה.)

19 אָבער איך זאָג: צי האָט דען ישראל נישט געוואוסט?
שוין משה זאָגט:

איך וועל אייך מאַכן אייפערן מיט דעם, וואָס
איז נישט קיין פאָלק, מיט אַ נאַריש פאָלק
וועל איך אייך דערצערנען. (דברים לב, כא.)

20 ישעיה אָבער פאַסט מוט און זאָגט:

איך בין געפונען געוואָרן פון די, וואָס האָבן
מיך נישט געזוכט, איך בין אַנטפּלעקט געוואָרן
צו די, וואָס האָבן נישט געפרעגט נאָך מיר.
(ישעיהו סה, א.)

21 אָבער וועגן ישראל זאָגט ער:

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אויסגעשטרעקט מיינע
הענט צו אַ ווידערשפעניק און אַקעגנרעדנדיק
פאָלק. (ישעיהו סה, ב.)

## קאַפּיטל עלף

11

1 איך זאָג דעריבער, האָט דען ג־ט פאַרשטויסן
זיין פאָלק? חס ושלום! וואָרום אויך איך
בין אַ בן ישראל, פון אברהמס זאָמען, פונם שבט
2 בנימין. ג־ט האָט נישט פאַרשטויסן זיין פאָלק,
וועלכעס ער האָט געקאָנט פון פריער. אָדער
צי ווייסט איר נישט, וואָס דער פסוק זאָגט וועגן
אליהו, ווען ער ווענדט זיך צו ג־ט קעגן ישראל,
זאָגנדיק:

3 אָ האַר, זיי האָבן געטייט דיינע נביאים, זיי
האָבן צעשטערט דיינע מזבחות, און איך
בין איבערגעבליבן איינער אַליין, און זיי זוכן
מיין נפש. (מלכים א יט, יד.)

4 אָבער וואָס זאָגט אים דאָס קול פון ג־ט?
איך האָב מיר איבערגעלאָזט זיבן טויזנט מענער,
וואָס האָבן נישט געבויגן קיין קני צום בעל.
(מלכים א יט, יח.)

5 דעריבער אויך אַזוי אין דער איצטיקער צייט איז
דאָ אַן איבערבלייבונג לויט דער אויסוואַל פון חסד.
6 אויב אָבער דורך חסד, איז נישט מער פון מעשים;
ווייל חסד וואָלט דאַן נישט מער געווען חסד.
7 וואָס דען? וואָס ישראל זוכט, דאָס האָט ער
נישט דערגרייכט, אָבער די אויסדערוויילטע האָבן
עס יאָ דערגרייכט, און די איבריקע זענען פאַרהאַר־
8 טעוועט געוואָרן; ווי עס שטייט געשריבן:

ג־ט האָט זיי געגעבן אַ גייסט פון טיפן שלאָף,
אויגן, נישט צום זען, און אויערן, נישט
צום הערן, ביז צום הייטיקן טאָג.
(ישעיהו כט, ח; דברים כט, ג.)

9 און דוד זאָגט:
זאָל זייער טיש ווערן צו אַ נעץ, און צו אַ
פּאַנגמיטל, און צו אַ שטרויכלונג, און אַ
10 פאַרגעלטונג צו זיי; זאָלן זייערע אויגן פינס־
טער ווערן, נישט צו זעען, און זייער רוקן
בויג אַלעמאָל אַראָפּ. (תהלים סט, כג־כד.)
11 דעריבער זאָג איך, האָבן זיי דען געשטרויכלט,
כדי זיי זאָלן פאַלן? חס ושלום! נאָר דורך זייער
איבערטרעטונג איז די ישועה געקומען צו די
12 גוים, כדי זיי אייפעריק צו מאַכן. אָבער אויב זייער
איבערטרעטונג איז געוואָרן דאָס עשירות פון דער
וועלט און זייער היזק דאָס עשירות פון די פעלקער,
וויפל מער זייער פולקייט!
13 איך זאָג אָבער צו אייך גוים, אויף וויפל איך
בין דער שליח צו די גוים—איך פאַרהערלעך
14 מיין עבודה—אויב איך זאָל נאָר קענען ווי עס איז
אייפעריק מאַכן די, וואָס זענען מיין פלייש (און בלוט)
15 און ראַטעווען אַ טייל פון זיי. וואָרום אויב זייער
פאַרוואָרפן ווערן איז די (סבה פון) פאַראייבאַרונג
פאַר דער וועלט, וואָס וועט שוין זיין זייער אויפגע־
16 נומען ווערן, אויב נישט לעבן פון די טויטע? און
אויב די תרומה איז הייליק, איז דאָס טייג אויך
הייליק; און אויב דער וואָרצל איז הייליק, זענען
17 די צווייגן אויך הייליק. און אויב אייניקע פון די
צווייגן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, דו אָבער, זייענדיק
אַ ווילדער אייל־בירט־בוים, ביסט צוגעזעצט געוואָרן
צווישן זיי און ביסט געוואָרן מיט זיי אַן אָנטייל־
נעמער פונם וואָרצל פון דעם איילבירטבוים און
18 זיין פעטקייט, באַרים זשע דיך נישט קעגן די
צווייגן; באַרימסטו דיך אָבער שוין יאָ, (געדענק
זשע, אַז) נישט דו טראָגסט דעם וואָרצל, נאָר דער

19 וואָרצל דיך. וועסט דעריבער זאָגן: די צווייגן
זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, כדי איך זאָל צוגעזעצט
20 ווערן. גוט, דורך אומגלויבן זענען זיי אָפּגעבראָכן
געוואָרן, און דו שטייסט דורך גלויבן. האַלט זשע
21 דיך נישט גרויס, נאָר האָב מורא; וואָרום אויב
ג־ט האָט נישט געשוינט די נאַטירלעכע צווייגן,
22 וועט ער אויך דיך נישט שוינען! זע דעריבער די
גוטסקייט און שטרענגקייט פון ג־ט: אויף די געפאַלע־
נע—שטרענגקייט, אָבער אויף דיר—גוטסקייט פון
ג־ט, אויב דו וועסט בלייבן אין דער גוטסקייט;
23 אַנישט וועסטו אויך אָפּגעהאַקט ווערן. און יענע,
אויב זיי וועלן נישט בלייבן אינם אומגלויבן, וועלן
אויך צוגעזעצט ווערן; וואָרום ג־ט קען זיי ווידער
24 צוזעצן. וואָרום אויב דו ביסט אויסגעשניטן געוואָרן
פון אַן איילבירט־בוים, וואָס איז בטבע ווילד, און
אומנאַטירלעך צוגעזעצט געוואָרן צו אַ גוטן אייל־
בירט־בוים, אויף וויפל מער וועלן די דאָזיקע אויף
אַ נאַטירלעכן אופן צוגעזעצט ווערן צו זייער איי־
גענעם איילבירט בוים?!

25 וואָרום איך וויל נישט, ברידער, אַז איר זאָלט
נישט וויסן דעם דאָזיקן סוד, כדי איר זאָלט
זיך נישט האַלטן פאַר קיין חכמים, אַז אַ טיילווייזע
פאַרהאַרטונג איז געקומען איבער ישראל, ביז די
פולקייט פון די אומות־העולם וועט אַריינקומען;
26 און אַזוי וועט כל ישראל ווערן דערלייזט, ווי
עס שטייט געשריבן:

דער גואל וועט קומען פון ציון, ער וועט אָפּ־
27 ווענדן גאָטלאָזיקייט, פון יעקבֿ. און דאָס איז
מיין בונד מיט זיי, ווען איך וועל זיי מוחל
זיין זייערע זינד. (ישעיהו נט, כ־כא; תהלים יד, ז.)

28 וואָס שייך דער בשורה טובה, זענען זיי שונאים צוליב

אייך, אָבער וואָס שייך דער בחירה זענען זיי
29 געליבטע צוליב די אבות· ווארום ג־ט האָט נישט
30 קיין חרטה אויף זיינע מתנות און רוף· וואָרום
אַזויווי איר זענט אַמאָל געווען אומגעהאָרכזאַם
צו ג־ט, איצט אָבער האָט איר באַקומען רחמים
31 דורך זייער אומגעהאָרכזאַמקייט, אַזוי זענען אויך
זיי איצט אומגעהאָרכזאַם געוואָרן, כדי דורך
די רחמים צו אייך זאָלן זיי איצט אויך דערלאַנגען
32 רחמים· וואָרום ג־ט האָט אַלעמען איינגעשלאָסן
אין דער אומגעהאָרכזאַמקייט, כדי ער זאָל זיין
רחמנותדיק צו אַלעמען·

33 אָ, וואָס פאַר אַ טיפקייט פון רייכטום און חכמה
און וויסן פון ג־ט! ווי אומבאַגרייפלעך זענען
זיינע משפטים און אומאויספאָרשבאַר זיינע דרכים!

34 וואָרום ווער האָט געוואוסט די מחשבה פון
דעם האַר? אָדער ווער איז געווען זיין ראַט־
35 געבער? אָדער ווער האָט אים פריער געגעבן,
און עס זאָל אים צוריקגעגעבן ווערן?

(ישעיהו מ, יג·)

36 אַז אַלץ איז פון אים און דורך אים און צו אים;
אים זיי כבוד אויף אייביק· אמן·

## קאַפּיטל צוועלף

1 איך בעט אייך דעריבער, ברידער, דורך די
רחמים פון ג־ט, אַז איר זאָלט געבענען
אייערע גופים ווי אַ לעבעדיק, הייליק קרבן,
וואָס איז וואוילגעפעלן צו ג־ט, וואָרום דאָס איז
2 אייער פאַרנונפטיקע עבודה· און פאַסט זיך נישט צו
צו דער דאָזיקער וועלט, נאָר פאַרענדערט זיך דורך
דער באַנייאונג פון אייער פאַרשטאַנד, כדי פעסטצו־

שטעלן וואָס עס איז ג־טס גוטער און וואוילגעפע־
לענער און פאָלקאָמענער רצון.
3 וואָרום איך רעד צו יעדן צווישן אייך, דורך
דעם חסד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, נישט צו
דענקען פון זיך העכער ווי עס געהער צו זיין, נאָר
צו דענקען באַשיידן, יעדער איינער לויט דער מאָס
אמונה, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פון ג־ט.
4 וואָרום ווי אין איין גוף האָבן מיר אַ סך אברים,
און נישט אַלע אברים האָבן די זעלביקע אויפגאַבע,
5 אַזוי זענען מיר, די פילע, איין גוף אינם משיח, און
יעדער באַזונדער גלידער איינער פונם אַנדערן.
6 און האָבנדיק פאַרשיידענע מתנות לויט דעם חסד,
וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן, אויב נבואה, (לאָמיר
7 נבואות זאָגן) לויט דער מאָס פון אונדזער אמונה; אויב
באַדינען, אין דער באַדינונג; אויב אַ לערנער, אין
8 דער לערנונג; אויב אַ מוכיח, אינם מוסר זאָגן;
דער געבער, מיט פרייגעביקייט, דער מנהיג, מיט
9 פלייס; דער גומל־חסד מיט מונטערקייט. זאָל די
ליבע זיין אָן פאַלשקייט; האָט פיינט דאָס שלעכטס,
10 באַהעפט זיך צו דעם גוטן. האָט ליב איינער דעם
אַנדערן מיט ברידערלעכער ליבע; אינם צוטיילן
כבוד, זאָל יעדער איינער פריער אין זינען האָבן דעם
11 אַנדערן; ווערט נישט אָפּהענטיק אין פלייסיקייט,
12 זייט אייפעריק אינם גייסט; דינט דעם האַר; אין
דער האָפענונג, זייט פריילעך; אין אַ צרה, זייט
13 געדולדיק; אינם תפילה טון, האַלט אָן; שפּענדעט
פאַר די נויטן פון די הייליקע, פלייסיקט אייך צו
14 זיין מכניסי־אורחים. בענטשט די, וואָס רודפן
15 אייך; בענטשט, שעלט נישט. פריידט זיך מיט די,
16 וואָס פרייען זיך, וויינט מיט די, וואָס וויינען. האָט
אחדות צווישן זיך. טראַכט נישט פון הויכע

זאַכן, נאָר לאָזט זיך אַראָפּ צו די נידריקע·
17 האַלט זיך נישט פאַר קיין חכמים· צאָלט נישט
אָפּ קיינעמען מיט שלעכטס פאַר שלעכטס· טראַכט
איבער די זאַכן, וואָס זענען גוט פאַר אַלע
18 מענטשן· אויף וויפל עס ליגט אין אייך, אויב
מעגלעך, זעט צו לעבן בשלום מיט אַלע מענטשן·
19 געליבטע, זייט זיך נישט נוקם, נאָר מאַכט אָן אָרט
פאַר דעם צאָרן, וואָרום עס שטייט געשריבן: ביי מיר
איז נקמה, איך וועל פאַרגעלטן, זאָגט דער האַר
20 גאָט· (דברים לב׳ לה׳) דעריבער, אויב דיין שונא איז
הונגעריק, גיב אים צו עסן; אויב ער איז דורשטיק,
גיב אים צו טרינקען; וואָרום טוענדיק דאָס דאָזיקע,
זאַמלסטו פייערדיקע קוילן אויף זיין קאָפּ· (משלי כה׳
21 כא־כב׳) ווער נישט באַזיגט פונם שלעכטן, נאָר זיי
גובר דאָס שלעכטע מיט דעם גוטן·

## קאַפּיטל דרייצן

13

1 זאָל יעדער איינער זיך אונטערטעניקן צו די
העכערע ממשלות, וואָרום עס איז נישטאָ קיין
ממשלה, אַ חוץ פון ג־ט, און די עקזיסטירנדיקע
2 ממשלות זענען באַשטימט געוואָרן פון ג־ט· אַזוי
אַרום ווער עס איז מורד קעגן דער מאַכט,
דער שטעלט זיך אַקעגן ג־טס אָרדנונג; און די
מורדים, וועלן איבער זיך באַקומען אַ משפּט·
3 וואָרום די מושלים זענען נישט קיין שרעק פאַר
דעם, וואָס טוט גוטס, נאָר פאַר דעם, וואָס טוט
שלעכטס· ווילסטו אָבער נישט מורא האָבן פאַר
דער מאַכט? דאַן טו דאָס גוטע, און דו וועסט האָבן
4 פון איר אַ לויב; וואָרום זי איז ג־טס דינערין
פאַר דיינעטוועגן צום גוטן· ווען אָבער דו טוסט

דאָס שלעכטע, דאַן האָב מורא; וואָרום נישט אומזיסט
טראָגט זי די שווערד; וואָרום זי איז ג־טס דינערין
אויסצופירן צאָרן (שטראָף) אויף דעם, וואָס טוט
5 שלעכטס. דערפאַר מוז מען זיך אונטערטעניקן,
נישט נאָר צוליב דעם צאָרן, נאָר אויך צוליב
6 דעם געוויסן. וואָרום דערפאַר צאָלט איר אויך
שטייערן, ווייל זיי (די מאַכטהאָבער) זענען גאָטס
משרתים און פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער זאַך.
7 גיט אָפּ יעדן איינעם דאָס, וואָס איר זענט מחויב:
שטייער, צו וועמען שטייער געהערט, צאָל, צו
וועמען צאָל געהערט, מורא דעם, וועמען מורא
געהערט, כבוד, צו וועמען כבוד געהערט.

8 זייט קיינעם גאָרנישט שולדיק, אַ חוץ ליב צו האָבן
איינער דעם אַנדערן; וואָרום דער, וואָס האָט ליב
9 דעם אַנדערן, האָט מקיים געווען די תורה. וואָרום
דו זאָלסט נישט מזנה זיין, דו זאָלסט נישט מאָרדן,
דו זאָלסט נישט גנבענען, דו זאָלסט נישט גלוסטן,
(שמות כ, יג־יז) און יעדעס אַנדערע געבאָט, זענען
צוזאַמענגעפאַסט אין דעם דאָזיקן וואָרט: דו זאָלסט ליב
10 האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. (ויקרא יט, יח.) די ליבע
טוט דעם נאָענטן קיין שום שלעכטס נישט; דעריבער
איז די ליבע די דערפילונג פון דער תורה.

11 און דאָס דאָזיקע זאָלט איר טון, קענענדיק די
צייט, אַז די שעה איז שוין אָנגעקומען, אויפ־
צושטיין פון שלאָף; וואָרום איצט איז אונזער
ישועה נענטער, ווי ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו
12 גלויבן. די נאַכט איז פאַרגאַנגען און דער טאָג
האָט זיך דערנענטערט; לאָמיר זשע אַראָפּוואַרפן
די מעשים פון דער פינסטערניש און אָנטון די
13 כלי־זין פונם ליכט. לאָמיר וואַנדלען באַשיידן,
ווי בייטאָג, נישט פרעסנדיק און זויפנדיק, נישט

אין זנות און פאַרשייטקייט, נישט אין געצאַנק און
14 אין קנאה· נאָר טוט אָן דעם האַר ישוע המשיח, און
זעט, אַז אייער זאָרגן פאַרן קערפּער זאָל נישט
דערפירן צום באַפרידיקן די תאוות·

## קאַפּיטל פערצן

1 דעם שוואַכן אין דער אמונה זאָלט איר מקרב־זיין,
נאָר נישט צו האַלטן וויכוחים איבער צווייפל־
2 האַפטע מיינונגען· איינער גלויבט, אַז ער מעג
אַלץ עסן, דער שוואַכער אָבער עסט בלויז גרינצייג·
3 דער, וואָס עסט, זאָל נישט מבזה־זיין דעם, וואָס
עסט נישט; און דער, וואָס עסט נישט, זאָל נישט
משפּטן דעם, וואָס עסט יאָ; וואָרום ג־ט האָט אים
4 מקבל־געווען· ווער ביסטו, וואָס משפּטסט אַ פרעמדן
קנעכט? ער שטייט אָדער פאַלט פאַר זיין אייגענעם
האַר! ער וועט אָבער אויפגעשטעלט ווערן, וואָרום
5 דער האַר איז אימשטאַנד אים אויפצושטעלן· איינער
מאַכט אַ חילוק צווישן איין טאָג און אַן אַנדערן,
און אַן אַנדערער האַלט אַלע טעג פאַר גלייך; זאָל
יעדער זיין גאַנץ זיכער ביי זיך אין דער מחשבה·
6 דער, וואָס האַלט (אַ געוויסן) טאָג, האַלט ער אים
פאַר דעם האַר; און דער, וואָס עסט, עסט פאַר
דעם האַר, וואָרום ער דאַנקט דאָך ג־ט דערפאַר;
און דער, וואָס עסט נישט, עסט נישט פאַר דעם
7 האַר; און דאַנקט אויך ג־ט דערפאַר· וואָרום קיינער
פון אונז לעבט נישט פאַר זיך אַליין, און קיינער
8 שטאַרבט נישט פאַר זיך אַליין· וואָרום ווען מיר
לעבן, לעבן מיר צום האַר, און ווען מיר שטאַרבן,
שטאַרבן מיר צום האַר: דעריבער, צי מיר לעבן צי
9 מיר שטאַרבן, זענען מיר דעם האַרס· וואָרום פאַר

דעם דאָזיקן צוועק איז משיח געשטאָרבן און
לעבעדיק געוואָרן, כּדי ער זאָל זיין האַר איבער טויטע
10 און לעבעדיקע. אָבער דו, פאַרוואָס משפּטסטו דיין
ברודער? אָדער דו, פאַרוואָס ביסטו מבזה דיין
ברודער? וואָרום מיר אַלע וועלן שטיין פאַר גאָטס
11 כּסא־המשפּט. וואָרום עס שטייט געשריבן:

> אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער האַר ג־ט, צו
> מיר וועט זיך בייגן יעדע קני, און יעדע צונג
> וועט לויבן גאָט. (ישעיהו מה, כג.)

12 אַט אַזוי אַרום וועט יעדער איינער פון אונדז מוזן
אָפּגעבן אַ דין וחשבון צו ג־ט פאַר זיך אַליין.
13 טוט זשע מער נישט משפּטן איינער דעם אַנדערן.
נאָר האַלט ליבער דאָס פאַר רעכט, נישט צו
לייגן קיין מכשול אָדער אַ פּאַסטקע פאַר דעם
14 ברודער. איך ווייס, און בין בטוח אינעם האַר ישוע,
אַז וועזנטלעך איז קיין זאַך נישט טמא; אַ
חוץ פאַר אים, וואָס באַטראַכט עפּעס ווי טמא,
15 פאַר אים איז עס טמא. וואָרום אויב דיין ברודער
ווערט מצער דורך אַ מאכל, (וואָס דו עסט), וואַנדלסטו
מער נישט לויט דער ליבע. זאָל יענער, פאַר וועמען
משיח איז געשטאָרבן, נישט פאַרלוירן ווערן דורך
16 דיין שפּייז! זאָל דעריבער אייער גוטס נישט ווערן
17 קיין סבה צו לעסטערונג; וואָרום דאָס קעניגרייך
פון ג־ט באַשטייט נישט אין אכילה און שתיה, נאָר
אין צדקות און שלום און שמחה אינעם רוח הקודש.
18 וואָרום דער, וואָס דינט דעם משיח אינעם דאָזיקן, איז
וווילגעפעלן צו ג־ט און איז באַוויליקט ביי
19 מענטשן. לאָמיר זשע זיך נאָכיאָגן נאָך די זאַכן
פון שלום און נאָך די זאַכן, דורך וועלכע מיר
20 וועלן דערבויען איינער דעם אַנדערן. צעשטערט
נישט ג־טס זאַך צוליב אַ מאַכל. אַלץ איז טהור; נאָר

עס איז שלעכט פאַר דעם מענטשן, וואָס ווען ער
21 עסט עס, ווערט ער אַ מכשול (פאַר אַן אַנדערן). עס
איז גוט נישט צו עסן קיין פלייש, און נישט צו
טרינקען קיין וויין, און נישט צו טון דאָס, דורך
22 וועלכן דיין ברודער שטרויכלט. די אמונה, וואָס דו
האָסט, האָב דיר פאַר ג־ט. וואויל איז דעם, וואָס
פאַרמשפט זיך נישט אַליין דערמיט, וואָס ער דער־
לויבט זיך. דער אָבער, וואָס איז מסופק, ווען ער עסט,
איז פאַרמשפט ווייל ער טוט עס נישט פון אמונה;
און אַלץ, וואָס איז נישט פון אמונה איז אַ חטא.

## קאַפיטל פיפצן

1 מיר, די שטאַרקע, האָבן אַ חוב, סובל צו זיין די
שוואַכקייטן פון די שוואַכע, און נישט זיך אַליין
2 צו באַפרידיקן. זאָל יעדער איינער פון אונז זוכן
צו געפעלן זיין חבר צום גוטן, צו דערבויאונג.
3 וואָרום משיח האָט אויך נישט געזוכט זיך אַליין
צו געפעלן, נאָר ווי עס שטייט געשריבן:

די חרפות, וואָס דיינע באַליידיקער האָבן דיר
אָנגעטון, זענען געפאַלן אויף מיר.

(תהלים סט, י.)

4 וואָרום אַלץ, וואָס איז פון פריער געשריבן, איז
געשריבן געוואָרן פאַר אונזער באַלערנונג, כדי
דורך סבלנות און דער טרייסט פון די כתבי (הקודש)
5 זאָלן מיר האָבן די האָפנונג. און דער ג־ט פון
סבלנות און פון נחמה זאָל אייך געבן, אַז איר
זאָלט האָבן צווישן זיך איין מחשבה לויט דעם
6 משיח ישוע; כדי איר זאָלט איינשטימיק, מיט
איין מויל, אָפגעבן כבוד דעם ג־ט און פאָטער פון
אונזער האַר ישוע המשיח.

7 דערפאַר זאָלט איר מקרב־זיין איינער דעם אַנדערן,
וויאויך דער משיח האָט אונדז מקרב־געווען, צו
8 ג־טס כבוד. וואָרום איך זאָג, משיח איז געבוירן
געוואָרן צו זיין אַ משרת פון די געמלטע צוליב
9 דעם אמת פון ג־ט, כדי צו באַשטעטיקן די הבטחות
צו די אָבות, און כדי די אומות־העולם זאָלן אָפּגעבן
כבוד צו ג־ט פאַר זיינע רחמים, ווי עס שטייט
געשריבן:

דערפאַר וועל איך דיך לויבן צווישן די פעלקער,
און צו דיין נאָמען זינגען. (תהלים יח, נ.)

10 און ווידער ווערט געזאָגט:

פריידט זיך, איר גוים, מיט זיין פאָלק.
(דברים לב, מג.)

11 און ווידער:

לויבט דעם האַר (ג־ט), איר אַלע גוים, און גיט
אים אַ שבח, אַלע פעלקער. (תהלים קיז, א.)

12 און ווידער ישעיהו זאָגט:

עס וועט זיין דער וואָרצל פון ישי, און דער,
וואָס שטייט אויף צו הערשן איבער די גוים;
צו אים וועלן די פעלקער האָפן. (ישעיהו יא, א, י.)

13 און דער ג־ט פון האָפנונג זאָל אייך אָנפילן מיט
יעדער שמחה און שלום אינם גלויבן, כדי איר זאָלט
זיין רייך אין דער האָפנונג דורך דער גבורה פונם
רוח הקודש.

14 מיינע ברידער, איך אַליין בין בטוח וועגן אייך,
אַז איר זענט פול מיט גוטסקייט, אָנגעפילט מיט
יעדן וויסן, און זענט אימשטאַנד צו זאָגן שטראָף־
15 רייד איינער דעם אַנדערן. איך אָבער האָב געשריבן
צו אייך, טיילווייז דרייסט, אַזוי ווי אייך צו
דערמאָנען דורך דעם חסד, וואָס איז מיר געגעבן
16 געוואָרן פון ג־ט, צו זיין אַ קנעכט פונם משיח

ישוע צו די אומות־העולם, דינענדיק ווי אַ כהן
אין דער בשורה טובה פון ג־ט, כדי דאָס קרבן
פון די אומות־העולם זאָל ווערן באַוויליקט, געהיי־
17 ליקט דורך דעם רוח הקודש. איך האָב דעריבער
עפּעס, מיט וואָס זיך צו באַרימען אינעם משיח
ישוע, מיט די ענינים, וואָס זענען שייך ג־ט.
18 וואָרום איך וועל מיך נישט אונטערשטעלן צו רעדן
פון עפּעס אַ חוץ פון דעם, וואָס משיח האָט
געווירקט דורך מיר, צו ברענגען די אומות־העולם צו
19 געהאָרכזאַמקייט, אין וואָרט און בפּועל־ממש, מיט
דער גבורה פון אותות און מופתים, מיט דער גבורה
פונעם רוח הקודש, אַזוי, אַז איך האָב פון ירושלים
און דער געגנט אַרום ביז איליריקיען אומעטום
פולשטענדיק אָנגעזאָגט די בשורה טובה פונעם משיח;
20 פלייסנדיק מיך אַזוי, אָנצוזאָגן די בשורה טובה וואו
משיחס נאָמען איז נאָך נישט געווען באַקאַנט, כדי
איך זאָל נישט בויען אויף אַן אַנדערנס יסוד,
21 נאָר ווי עס שטייט געשריבן:

> זיי, וועמען עס איז נישט דערציילט געוואָרן
> וועגן אים, וועלן זען, און די, וואָס האָבן נישט
> געהערט, וועלן פאַרשטיין. (ישעיהו נב, טו)

22 צוליב וועלכן איך בין טאַקע מערערע מאָל גע־
23 שטערט געוואָרן צו קומען צו אייך. אָבער איצט,
שוין נישט האָבנדיק קיין אָרט אין די דאָזיקע מקומות
24 און לעכצנדיק יאָרנלאַנג צו קומען צו אייך, וועל
איך צו אייך קומען, ווען איך וועל זיין אויפן וועג
קיין שפּאַניען. וואָרום איך האָף אייך צו זען
אויף דער דורכרייזע, און פון אייך געשיקט צו ווערן
דאָרטן אַהין, ווען איך וועל מיך צום ערשט אַביסל
25 זעטיקן פון אייך; איצט אָבער פאָר איך קיין ירושלים,
26 צו דינען די קדושים. וואָרום עס איז מאַקעדאָניען

אונ אַכאַיאַ וואוילגעפעלן צו מאַכן אַ געמיינזאַמע
נדבה לטובת די אָרומע צווישן די קדושים אין
27 ירושלים. וואָרום עס איז זיי וואוילגעפעלן, און
זיי זענען זייערע בּעלי חוב. ווייל אויבּ די אומות־
העולם האָבּן אַ חלק אין זייערע רוחניותדיקע זאַכן,
זענען זיי מחויבּ זיי צו דינען אין גשמיותדיקע זאַכן.
28 דעריבּער ווען איך וועל האָבּן געענדיקט דאָס
דאָזיקע, און האָבּנדיק פאַרחתמעט פאַר זיי די
דאָזיקע פרוכט, וועל איך אַדורכרייזן אייער לאַנד
29 קיין שפּאַניען. און איך ווייס, אַז קומענדיק צו אייך,
וועל איך קומען מיט דער פולקייט פון משיחס בּרכה.
30 איך בּעט אייך אָבּער, בּרידער, דורך אונזער האַר
ישוע המשיח און דורך דער ליבּע פונם גייסט, אַז
איר זאָלט מיטקעמפן מיט מיר אין אייערע תּפילות
31 פאַר מיר צו ג־ט, כדי איך זאָל ניצול ווערן פון די
ווידערשפּעניקע אין יהודה, און אַז מיין דינסט אין
32 ירושלים זאָל זיין אַנגענעם צו די קדושים; כּדי
איך זאָל קומען מיט שמחה צו אייך, אם ירצה השם,
33 און זיך אָפּרוען בּיי אייך. און דער ג־ט פון שלום
זאָל זיין מיט אייך אַלעמען. אמן.

## קאַפּיטל זעכצן

16

1 איך דערמאָן צו אייך צום גוטן אונזער שוועסטער
פעבּע, וועלכע איז אויך אַ משמש׳טע אין דער
2 קהלה פון קענקרעאַ, כּדי איר זאָלט זי אַזוי אויפ־
נעמען אינם האַר ווי עס שטייט אָן פאַר קדושים, אַז
איר זאָלט איר העלפן אין אַלעם, אין וואָס זי וועט
אייך נאָר בּרויכן; וואָרום זי איז אויך געווען אַ
העלפערין פאַר פילע, און פאַר מיר אַליין.
3 גיט אָפּ שלום פּריסקאַן און אַקווילאַן, מיינע מיטאַר־

4 בעטער אינם משיח ישוע, וועלכע האָבן געלייגט
זייער אייגענעם האַלז פאַר מיין לעבן; וועמען נישט
נאָר איך בין דאַנקבאַר, נאָר אויך אַלע קהלות פון די
5 אומות־העולם; און גיט אָפ שלום דער קהלה אין זייער
הויז און גיט אָפ שלום מיין געליבטן עפאַנעטוס,
וואָס איז די ערשטע פרוכט צום משיח אין אַזיען.
6 גיט אָפ שלום מרימען, וועלכע האָט פיל געאַרבעט
7 פאַר אייערטוועגן. גיט אָפ שלום אַנדראָניקוסן און
יוניוסן, מיינע קרובים און מיינע מיטגעפאַנגענע,
וועלכע זענען באַרימט צווישן די שליחים, און זענען
8 שוין געווען אינם משיח פאַר מיר. גיט אָפ שלום
9 אַמפליאַטוסן, מיין געליבטן אינם האַר. גיט אָפ שלום
אורבאַנוסן, אונזער מיטאַרבעטער אינם משיח, און
10 מיין געליבטן סטאַכיס. גיט אָפ שלום אַפעלעסן, דעם
אויסגעפרוואוטן (מאמין) אינם משיח. גיט אָפ שלום
דעם הויזגעזינט פון אַריסטאָבולוס. גיט אָפ שלום
11 מיין קרוב העראָדיאָן. גיט אָפ שלום די פון דעם
הויזגעזינד פון נאַרציסוס, וואָס זענען אינם האַר.
12 גיט אָפ שלום טריפיינאַ און טריפאָסאַ, וואָס האָבן
שווער געאַרבעט אינם האַר. גיט אָפ שלום די
געליבטע פערסיס, וועלכע האָט זער פיל געאַרבעט
13 אינם האַר. גיט אָפ שלום רופוסן, דעם אויסדער־
14 ווײלטן אינם האַר, און די מוטער זיינע און מיינע.
גיט אָפ שלום אַסינקריטוסן, פלעגאָנען, הערמעסן,
פאַטראָבאַסן, הערמאַסן, און די ברידער ביי זיי.
15 גיט אָפ שלום פילאָלאָגוסן און יוליאַן, נערעאוסן און
זיין שוועסטער, אויך אָלימפאַסן, און אַלע הייליקע,
16 וואָס זענען מיט זיי. גיט אָפ שלום איינער דעם
אַנדערן מיט אַ הייליקן קוש. אַלע קהלות פונם
משיח גיבן אייך אָפ שלום.
17 און איך בעט אייך, ברידער, אַכטונג צו געבן

אויף די, וואָס מאַכן אָן מחלוקות און מכשולים להיפך
צו דעם לערנען, וואָס איר זענט געלערנט געוואָרן;
18 און מיידט זיי אויס. וואָרום אַזעלכע מענטשן דינען
נישט אונזער האַר משיח, נאָר זייער אייגענעם בויך;
און דורך שיינע און גלאַטע רייד פאַרפירן זיי די
19 הערצער פון די פשוטע מענטשן. וואָרום אייער
געהאָרכזאַמקייט איז אַלעמען באַקאַנט. דעריבער פריי
איך מיך איבער אייך; נאָר איך וויל, אַז איר זאָלט
זיין חכמים וואָס שייך דעם גוטן און תמימים וואָס
20 שייך דעם שלעכטן. און דער ג־ט פון שלום וועט
אין גיכן צעטרעטן דעם שטן אונטער אייערע פיס.
זאָל דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח זיין
מיט אייך אַלעמען.

21 טימאָטעאוס, מיין מיטאַרבעטער, און לוקיוס און
יאַזאָן און סאָסיפּאַטער, מיינע קרובים, גיבן אייך
22 אָפּ שלום. איך, טערציוס, דער שרייבער פון דעם
23 בריוו, גיב אייך אָפּ שלום אינם האַר. גאַיוס,
וועמעס גאַסטפריינטשאַפט איך און די גאַנצע קהלה
געניסן, גיט אייך אָפּ שלום. עראַסטוס, דער שטאָט־
פאַרוואַלטער און קוואַרטוס דער ברודער, גיבן אייך
24 אָפּ שלום. דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח
זאָל זיין מיט אייך אַלעמען. אמן.

25 צו אים אָבער, וואָס קען אייך שטאַרקן לויט מיין
בשורה טובה און דעם רוף פון ישוע המשיחן, לויט
דער אַנטפּלעקונג פון דעם סוד, וואָס איז געווען
26 פאַרשוויגן פון אייביקע צייטן אָן, איז אָבער איצט
נתגלה געוואָרן, און דורך די שריפטן פון די
נביאים אויף באַפעל פונם אייביקן ג־ט באַקאַנט
געמאַכט צו אַלע פעלקער צו דער געהאָרכזאַמקייט
27 פון דער אמונה; צו ג־ט דעם איינציקן חכם זאָל זיין
כבוד דורך ישוע המשיחן לעלמי עולמים! אמן.

# דער ערשטער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די קאָרינטער

1 פּוילוס, אַ באַרופענער שליח פונם משיח ישוע,
דורך ג־טס רצון, און סאָסטענעס, דער ברודער,
2 צו דער קהלה פון ג־ט, וועלכע איז אין קאָרינט,
צו די געהייליקטע אינם משיח ישוע, צו די באַרופענע
קדושים, צוזאַמען מיט אַלע, וואָס רופן אָן דעם
נאָמען פון אונזער האַר ישוע המשיח אויף יעדן
3 אָרט, זייער (האַר) און אונזערער: חסד צו אייך און
שלום פון ג־ט, אונזער פאָטער, און פון דעם האַר
ישוע המשיח.

4 איך דאַנק ג־ט תמיד פאַר אייך, פאַר דעם חסד
פון ג־ט, וואָס איז אייך געגעבן געוואָרן אינם משיח
5 ישוע; אַז אין אַלעם זענט איר רייך געוואָרן אין
6 אים, אין יעדן וואָרט און אין יעדן וויסן; לויט ווי
דאָס עדות־זאָגן פונם משיח האָט זיך געגרונטפעס־
7 טיקט אין אייך; אַזוי, אַז איר זענט נישט הינטער־
שטעליק געבליבן אין קיין שום מתנה; וואַרטנדיק
אויף דער אַנטפּלעקונג פונם האַר אונזערן ישוע
8 המשיח, וועלכער וועט אייך אויך גרונטפעס־
טיקן ביז צו סוף, (כדי איר זאָלט זיין) אומשולדיק
9 אין דעם טאָג פון אונזער האַר ישוע המשיח. יאָ, ג־ט
איז געטריי, דורך וועמען איר זענט גערופן געוואָרן
צו דער חברותאשאַפט פון זיין זון ישוע המשיח
דעם האַר אונזערן.

10 איך בעט אייך אָבער, ברידער, דורך דעם נאָמען
פון אונזער האַר ישוע המשיח, אַז איר זאָלט אַלע
רעדן (איינס און) דאָס זעלביקע, און אַז עס זאָלן

ניט זיין צווישן אייך קיין מחלוקות; נאָר אַז איר
זאָלט זיין באַפעסטיקט אין דעם זעלביקן זין און
11 אין דער זעלביקער מחשבה. וואָרום וועגן אייך,
ברידער, בין איך געוואָר געוואָרן דורך כלאָעס
(בני בית), אַז עס זענען דאָ שטרייטיקייטן ביי אייך.
12 און איך זאָג דאָס, ווייל יעדער איינער פון אייך
זאָגט: איך בין פון פּוילוסן*; און איך פון אַפּאָ־
לאָסן; און איך פון כיפא; און איך פון דעם משיח.
13 צי איז דען דער משיח צעטיילט געוואָרן? איז
פּוילוס פאַר אייך געקרייציקט געוואָרן? אָדער זענט
איר געטובלט געוואָרן אין דעם נאָמען פון פּוילוסן?
14 איך דאַנק ג־ט, וואָס איך האָב קיינעם פון אייך
ניט טובל געווען אַ חוץ קריספּוסן און גאַיוסן;
15 כדי קיינער זאָל ניט זאָגן, אַז איר זענט
16 געטובלט געוואָרן אין מיין נאָמען. און איך האָב
אויך געטובלט די בני־בית פון סטעפאַנוסן;
ווייטער ווייס איך ניט, צי איך האָב טובל געווען
17 עמיצן אַנדערש. וואָרום דער משיח האָט מיך ניט
געשיקט טובל־צו־זיין, נאָר אָנצוזאָגן די גוטע
בשורה; ניט מיט קיין געקליגלט וואָרט, כדי
משיחס בוים זאָל ניט אַנטקרעפטיקט ווערן.
18 וואָרום דאָס וואָרט פונם בוים איז נאַרישקייט
צו די, וועלכע ווערן פאַרלוירן; פאַר אונז אָבער,
וואָס ווערן געראַטעוועט, איז עס ג־טס גבורה.
19 וואָרום עס שטייט געשריבן:

איך וועל צוניט מאַכן די חכמה פון די חכמים,
און וועל פאַרוואַרפן דעם פאַרשטאַנד פון די
פאַרשטאַנדיקע. (ישעיהו כט, יד.)

20 וואו איז דער חכם? וואו דער סופר? וואו דער בעל
וויכוח פון דער דאָזיקער וועלט? צי האָט דען ג־ט

* ד. ה. פּוילוס איז מיין רבי או״ו.

נישט צו נאַר געמאַכט די חכמה פון דער וועלט?
21 וואָרום אַזויווי אין דער חכמה פון ג־ט האָט די
וועלט נישט דערקענט ג־ט דורך חכמה, האָט ג־ט
באַוויליקט דורך דער נאַרישקייט פון דרשנען צו
22 ראַטעווען די, וואָס גלויבן. און בעת יידן פאַרלאַנגען
23 אותות און גריכן זוכן חכמה, רופן מיר אויס אַ משיח
אַ געקרייציקטן, פאַר יידן טאַקע אַ מכשול, און פאַר
24 גריכן אַ נאַרישקייט; אָבער פאַר די גערופענע אַליין,
סײַ יידן סײַ גריכן, משיח די גבורה פון ג־ט און די
25 חכמה פון ג־ט. ווייל ג־טס נאַרישקייט איז קליגער
ווי מענטשן; און ג־טס שוואַכקייט שטאַרקער ווי
מענטשן.

26 וואָרום איר זעט (דאָך) אייער באַרופונג, ברידער,
אַז עס איז נישטאָ (צווישן אייך) קיין סך חכמים
לויט דעם פלייש, נישט פיל מעכטיקע, נישט פיל
27 איידעלע; נאָר די נאַרישע זאַכן פון דער וועלט
האָט ג־ט אויסדערוויילט, כדי צו פאַרשעמען די
חכמים; און די שוואַכע זאַכן פון דער וועלט האָט
ג־ט אויסדערוויילט, כדי צו פאַרשעמען די שטאַרקע;
28 און דאָס נישט איידעלע פון דער וועלט, און דאָס
פאַראַכטעטע האָט ג־ט אויסדערוויילט, אַפילו דאָס,
וואָס איז נישט, כדי מבטל צו זיין דאָס, וואָס איז יאָ;
29 אַזוי, אַז קיין בשר (ודם) זאָל זיך נישט באַרימען
30 פאַר ג־ט. פון אים אָבער זענט איר אינם משיח
ישוע, וועלכער איז פאַר אונז געוואָרן חכמה פון
31 ג־ט, און צדקות און קדושה, און גאולה; כדי, ווי
עס שטייט געשריבן: ווער עס באַרימט זיך, דער
זאָל זיך באַרימען אינם האַר (ג־ט). (ירמיהו ט, כג.)

## קאַפּיטל צוויי

1 און איך, ברידער, קומענדיק צו אייך, בין נישט
געקומען מיט הויכער מליצה אָדער חכמה, אייך
2 אָנצוזאָגן דאָס עדות פון ג־ט. וואָרום איך האָב
מיר פאָרגענומען גאָרנישט צו וויסן צווישן אייך,
אַ חוץ ישוע המשיחן, און אים אַלס געקרייציקט.
3 און בין געווען ביי אייך אין שלאַפקייט און אין
4 פורכט און אין גרויס ציטערניש. און דאָס וואָרט
מיינס און מיין דרשענען זענען נישט געווען מיט
איבעררעדנדיקע ווערטער פון חכמה, נאָר מיט
5 דערווייזונג פון גייסט און גבורה, כדי אייער אמונה
זאָל נישט זיין אין מענטשלעכער חכמה, נאָר אין
דער גבורה פון ג־ט.
6 חכמה אָבער רעדן מיר צווישן די שלימותדיקע,
דאָך נישט די חכמה פון עולם־הזה, אויך נישט פון
די מושלים פון דער דאָזיקער וועלט, וועלכע ווערן
7 פאַרלוירן; נאָר מיר רעדן די חכמה פון ג־ט אין אַ
סוד, די פאַרבאָרגענע (חכמה), וועלכע ג־ט האָט
פון פאַרצייטנס פאָרויסבאַשטימט פאַר אונזער כבוד
8 וועגן; וואָס קיינער פון די מושלים פון דער
דאָזיקער וועלט האָט זי נישט געקענט; ווייל וואָלטן
זיי זי יאָ געקענט, וואָלטן זיי נישט געקרייציקט
9 דעם האַר פון כבוד; נאָר ווי עס שטייט געשריבן:
וואָס אויג האָט נישט געזען,
און אויער האָט נישט געהערט,
און עס איז נישט געקומען אויף אַ מענטשנס
האַרצן,
דאָס האָט ג־ט צוגעגרייט פאַר די, וועלכע האָבן
אים ליב. (ישעיהו סד, ג.)

10 צו אונז אָבער האָט ג־ט עס אַנטפּלעקט דורך זיין
גייסט; וואָרום דער גייסט פאָרשט אַלץ אויס, אַפילו
11 די טיפענישן פון ג־ט. וואָרום ווער צווישן מענטשן
ווייסט וואָס (עס טוט זיך) אין אַ מענטשן, אויב נישט
דעם מענטשנס גייסט אין אים? אויך אַזוי ווייסט
קיינער נישט וואָס עס איז אין ג־ט, אַ חוץ ג־טס
12 גייסט. און מיר האָבן נישט באַקומען דעם גייסט
פון דער וועלט, נאָר דעם גייסט, וואָס איז פון ג־ט;
כדי מיר זאָלן וויסן, וואָס עס איז אונז געשענקט
13 געוואָרן פון ג־ט. דערפון רעדן מיר אויך מיט
ווערטער, וועלכע נישט מענטשלעכע חכמה לערנט,
נאָר וועלכע דער רוח הקודש לערנט; פאַרגלייכ־
14 נדיק רוחניותדיקע זאַכן מיט רוחניותדיקע. דער
באַטירלעכער מענטש אָבער נעמט נישט אָן דאָס
(וואָס קומט) פון ג־טס גייסט; ווייל עס איז אַ נאַריש־
קייט פאַר אים; און ער קען עס (גאָר) נישט פאַר־
שטיין ווייל עס מוז געמשפּט ווערן אויף אַ
15 רוחניותדיקן אופן. דער רוחניותדיקער (מענטש)—
(איש הרוח)—אָבער משפּט אַלץ, און ווערט אַליין
16 פון קיינעם נישט געמשפּט. וואָרום ווער האָט
געקענט דעם גייסט פון דעם האַר (ג־ט), אַז ער
זאָל אים (עפּעס) לערנען? מיר אָבער האָבן דעם
גייסט פונם משיח. (ישעיהו מ׳, יג.)

## קאַפּיטל דריי

1 און איך, ברידער, האָב נישט געקענט רעדן צו
אייך ווי צו רוחניותדיקע (מענטשן) נאָר ווי צו
פליישלעכע, ווי צו זייגעדיקע קינדער אינם משיח.
2 מילך האָב איך אייך געגעבן צו טרינקען, נישט
קיין מאכל; וואָרום איר האָט עס נישט געקענט

פאַרטראָגן; און אַפילו איצט קענט איר עס נאָך
3 אויך נישט פאַרטראָגן; ווייל איר זענט נאָך אַלץ
פליישלעך; וואָרום כל־זמן עס איז דאָ צווישן אייך
קנאה און קריגעריי, זענט איר דען נישט פליישלעך
4 און וואַנדלט ווי (פשוטע) מענטשן? וואָרום ווען
איינער זאָגט: איך בין פון פוילוסן; און אַן אַנדערער:
איך בין פון אַפאָלאָסן: זענט איר (דען) נישט
5 (פשוטע) מענטשן? וואָס איז דען אַפאָלאָס? און
וואָס פוילוס? נאָר משרתים, דורך וועלכע איר
האָט געגלויבט; און יעדער איינער, ווי דער האַר
6 האָט אים געגעבן. איך האָב געפלאַנצט, אַפאָלאָס
האָט באַוואַסערט; ג־ט אָבער האָט געמאַכט וואַקסן.
7 אַזוי אַרום איז שוין דער פלאַנצער גאָרנישט, און
דער באַוואַסערער גאָרנישט; נאָר ג־ט, וועלכער
8 מאַכט וואַקסן. דער פלאַנצער און דער באַוואַסערער
זענען איינס; און יעדער וועט באַקומען זיין אייגענעם
9 שכר לויט זיין אייגענער פראַצע. וואָרום מיר זענען
ג־טס מיטאַרבעטער: ג־טס אַקערפעלד, ג־טס בנין
זענט איר.

10 לויט דעם חסד פון ג־ט, וואָס איז מיר געגעבן
געוואָרן, האָב איך ווי אַ קלוגער בוימייסטער געלייגט
אַ יסוד; אַן אַנדערער אָבער בויט (דערויף). זאָל
זשע יעדער אַכטונג געבן, וויאַזוי ער טוט דערויף
11 בויען. וואָרום קיינער קען נישט לייגן קיין אַנדערן
יסוד, אַ חוץ דעם, וואָס ליגט (שוין), וועלכער
12 איז ישוע המשיח. אויב אָבער עמיצער בויט
אויף דעם דאָזיקן יסוד גאָלד, זילבער, טייערע
13 שטיינער, האָלץ, היי, שטרוי, וועט יעדנס אַרבעט
אַנטפלעקט ווערן; וואָרום דער טאָג וועט עס מאַכן
(באַשיינפערלעך) קלאָר, ווייל עס וועט זיך אַנט־
פלעקן דורך פייער; און דאָס פייער אַליין וועט אויס־

פּרובירן יעדנס אַרבעט, פון וואָס פאַר אַ מין זי איז.
14 וועט עמיצנס אַרבעט, וואָס ער האָט דערויף געבויט,
15 בלייבן (שטיין), וועט ער באַקומען אַ שכר. וועט
עמיצנס אַרבעט פאַרברענט ווערן, וועט ער ליידן
שאָדן; אַליין אָבער וועט ער ניצול ווערן; דאָך
ווי דורך פייער.

16 צי ווייסט איר (דען) נישט, אַז איר זענט ג־טס
היכל, און אַז דער גייסט פון ג־ט וואוינט אין אייך?
17 אויב עמיצער צעשטערט ג־טס היכל, וועט ג־ט אים
צעשטערן; ווייל ג־טס היכל איז הייליק, און איר
זענט עס.

18 זאָל זיך קיינער נישט באַטריגן. אויב עמיצער
צווישן אייך מיינט, אַז ער איז אַ חכם אין דער
וועלט, זאָל ער ווערן צו נאַר, כדי ער זאָל ווערן
19 קלוג. וואָרום די חכמה פון דער דאָזיקער וועלט
20 איז טפשות ביי ג־ט; ווייל עס שטייט געשריבן: ער
פאַנגט די חכמים אין זייער כיטרעקייט; (איוב ה׳, יג.) און
ווידער: דער האַר ווייסט די מחשבות פון די חכמים,
21 אַז זיי זענען פוסט. (תהלים צד, יא.) זאָל זיך דערפאַר
קיינער נישט באַרימען מיט מענטשן. וואָרום אַלץ
22 איז אייערס, צי פּוילוס, צי אַפּאָלאָס, צי כיפא, צי
די וועלט, צי דאָס לעבן, צי דער טויט, צי דאָס
23 קעגנווערטיקע, צי דאָס צוקונפטיקע: אַלץ געהערט
צו אייך, און איר צום משיח, און דער משיח צו ג־ט.

## קאַפּיטל פיר

4

1 אזוי זשע זאָל אונז (יעדער) מענטש באַטראַכטן,
ווי משרתים פונם משיח און ווי פאַרוואַלטער פון
2 די סודות פון ג־ט. דאַ איבעריקנס ווערט פאַרלאַנגט
ביי פאַרוואַלטער, אַז יעדער איינער זאָל געפונען

3 ווערן געטריי. פֿאַר מיר אָבער איז עס אַ קלייניקייט
געמשפט צו ווערן פֿון אייך, אָדער פֿון אַ מענטשלעכן
יום (הדין); אַפֿילו אַליין משפט איך מיך אויך נישט.
4 ווייל איך ווייס גאָרנישט קעגן מיר אַליין; נאָר מיט
דעם דאָזיקן בין איך (נאָך) נישט גערעכטפֿערטיקט;
עס איר אָבער דער האַר, וועלכער איז מיך דן.
5 דערפֿאַר זאָלט איר גאָרנישט משפטן פֿאַר דער
צייט, ביז דער האַר וועט קומען, וועלכער
וועט אויך באַלויכטן די פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון דער
פֿינסטערניש און אַנטפלעקן די פֿאַרלאַנגען פֿון די
הערצער; און דעמלט וועט יעדער איינער באַקומען
זיין לויב פֿון ג־ט.

6 און דאָס, ברידער, האָב איך אָנגעווענדט אויף
מיר אַליין און אויף אַפאָלאָסן צוליב אייך; כדי איר
זאָלט אין אונדז לערנען (וואָס עס באַטייט): נישט
העכער פֿון דעם, וואָס עס שטייט געשריבן! כדי
קיינער זאָל זיך נישט אויפֿבלאָזן פֿאַר דעם איינעם
7 קעגן דעם אַנדערן. וואָרום ווער מאַכט דיך אויס־
געצייכנטער? און וואָס (אַזוינס) האָסטו, וועלכעס
דו האָסט נישט באַקומען? אויב אָבער דו האָסט
(עס שוין יאָ) באַקומען, וואָס באַרימסטו זיך, ווי דו
8 וואָלסט עס נישט מקבל געווען? שוין, איר זענט
שוין זאַט געוואָרן, איר זענט שוין רייך געוואָרן,
איר קעניגט שוין אָן אונדז; און הלוואַי וואָלט
איר געקעניגט, כדי מיר זאָלן מיטקעניגן מיט
9 אייך. וואָרום עס שיינט מיר אויס, אַז ג־ט האָט
אונדז, די שליחים, אויסגעשטעלט אַלס (סאַמע)
לעצטע, ווי פֿאַרמשפטע צום טויט; ווייל מיר
זענען געוואָרן אַ ספעקטאַקל פֿאַר דער וועלט און
10 פֿאַר מלאכים און פֿאַר מענטשן. מיר (זענען) די
נאַראָנים צוליב משיחן, איר אָבער (זענט) חכמים

אינם משיח; מיר—שוואַכע, איר אָבער—גבורים;
11 איר האָט כבוד, מיר אָבער (ווערן) מבזה· ביז
צו דער איצטיקער שעה הונגערן מיר און דורשטן,
און זענען נאַקעט, און ווערן געשלאָגן און
12 האָבן נישט קיין היים; און האָרעווען, אַרבעטנדיק
מיט (אונזערע) אייגענע הענט; שעלט מען אונז,
בענטשן מיר, ווערן מיר גערודפט, האַלטן מיר
13 אויס; באַליידיקט מען אונז, רעדן מיר זיסע רייד;
ווי דאָס אויסקערעכץ פון דער וועלט זענען מיר
געוואָרן, אַלעמענס אָפּפאַל ביז אַצונד·
14 נישט אייך צו פאַרשעמען שרייב איך דאָס, נאָר,
ווי געליבטע קינדער מיינע, אייך צו זאָגן מוסר·
15 וואָרום ווען אַפילו איר וואָלט געהאַט צען טויזנט
מדריכים אינם משיח, האָט איר אָבער נישט געהאַט
קיין סך פאָטערס; ווייל אינם משיח ישוע האָב איך
16 אייך געבוירן דורך דער בשורה טובה· דעריבער
17 בעט איך אייך, זייט מיינע נאָכפאָלגער· אָט צוליב
דעם האָב איך געשיקט צו אייך טימאָטעוסן,
וועלכער איז מיין געליבט און געטריי קינד אינם
האַר, וואָס וועט אייך דערמאָנען מיינע דרכים
אינם משיח ישוע, ווי אַזוי איך לערן אומעטום אין
18 יעדער קהלה· אייניקע האָבן זיך אויפגעבלאָזן,
19 גלייך ווי איך וואָלט נישט געקומען צו אייך· איך
וועל אָבער באַלד קומען צו אייך, אם ירצה השם,
און וועל אויסגעפינען, נישט די רייד פון די
20 אויפגעבלאָזענע, נאָר די גבורה זייערע· וואָרום
דאָס קעניגרייך פון ג־ט איז נישט אין וואָרט, נאָר
21 אין גבורה· וואָס ווילט איר? זאָל איך קומען צו
אייך מיט אַ רוט, אָדער מיט ליבע און מיט דעם
גייסט פון ענווה?

## קאַפּיטל פינף

1 אומעטום הערט מען וועגן זנות ביי אייך, און
אַזאַ זנות, וואָס (טרעפט זיך) אפילו נישט ביי די
גוים, אַז עמיצער זאָל האָבן דעם פאָטערס ווייב.
2 און איר זענט אויפגעבלאָזן? האָט איר נישט
ליבער געדאַרפט טרויערן, כדי דער, וועלכער טוט
אַזאַ מעשה, זאָל אַוועקגענומען ווערן פון אייער
3 מיט? וואָרום איך, הגם ווייט פון אייך וואָס שייך
דעם גוף, אָבער מיט אייך אינם גייסט, האָב שוין
געמשפט, גלייך ווי איך וואָלט געווען אָנוועזנד,
4 דעם, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע אַזוי געטון, אַז
אין דעם נאָמען פון אונזער האַר ישוע, בשעת איר
וועט זיך צוזאַמענקומען און מיין גייסט מיט אייך מיט
דער גבורה פון דעם האַר אונזערן ישוע, איבערצו־
5 געבן אַזאַ מענטשן צום שטן צו דער פאַרדאַרבונג
פונם פלייש, כדי דער גייסט זאָל ניצול ווערן אינם
6 טאָג פון דעם האַר. אייער באַרימען זיך איז נישט
גוט. צי ווייסט איר דען נישט, אַז אַ קליין ביסל
7 חמץ מאַכט זויער דאָס גאַנצע טייג? רוימט זשע
אויס דאָס אַלטע חמץ, כדי איר זאָלט ווערן אַ ניי
טייג; אַזוי ווי איר זענט מצות. וואָרום אויך
אונזער (קרבן) פסח איז מקריב געוואָרן, דער
8 משיח; לאָמיר זשע אַזוי האַלטן יום טוב, נישט מיטן
אַלטן חמץ, אויך נישט מיטן חמץ פון רשעות
און בייז, נאָר מיט די מצות פון לויטערקייט
און אמת.
9 איך האָב אייך געשריבן אין אַ בריוו, אַז איר
10 זאָלט זיך נישט מישן מיט זונים; דאָך (הייסט
דאָס נישט) בכלל נישט מיט די זונים פון דער

וועלט, אָדער מיט די געלטגייציקע און גזלנים,
אָדער געצנדינער; ווייל איר וואָלט דאַן געדאַרפט
11 אַרויסגיין פון דער וועלט; איצט אָבער האָב איך
אייך געשריבן, אַז איר זאָלט זיך נישט מישן, ווען
עמיצער, וועלכער רופט זיך ברודער, איז אַ נואף,
אָדער אַ געלטגייציקער, אָדער אַ געצנדינער, אָדער
אַ לעסטערער, אָדער אַ שכור, אָדער אַ גזלן; מיט
12 אַזעלכן זאָלט איר אַפילו נישט עסן צוזאַמען. וואָרום
וואָס האָט עס צו טון מיט מיר צו משפטן די, וואָס
זענען אויסערהאַלב (פון דער קהלה)? איר משפט
דאָך אַפילו נישט די, וועלכע זענען אינעווייניק!
13 די אָבער אינדרויסן וועט ג־ט משפטן. רוימט אויס
דעם שלעכטן מענטשן פון צווישן אייך.

## קאַפּיטל זעקס

1 ווי וואַגט עס דער פון אייך, וואָס האָט עפּעס קעגן
אַן אַנדערן, זיך צו לאָדענען פאַר די רשעים,
2 און נישט פאַר די קדושים? אָדער ווייסט איר נישט,
אַז די קדושים וועלן משפטן די וועלט? און אויב
די וועלט וועט געמשפט ווערן דורך אייך, צי
זענט איר דען נישט ראוי צו משפטן אין קלייני־
3 קייטן? צי ווייסט איר דען נישט, אַז מיר וועלן
משפטן מלאכים? אַ פשיטא שוין וואָס איז נוגע
4 דיני ממונות! און איר, אויב איר האָט עפּעס
(צו אַנטשיידן) וואָס שייך, דיני ממונות זעצט
איר די נישט־אָנגעזעענע אין דער קהלה פאַר
5 שופטים? צו אייער חרפה זאָג איך עס. אַזוי,
עס געפינט זיך טאַקע נישט קיין איין חכם צווישן
אייך, וועלכער וואָלט געקאָנט אויסגלייכן צווישן
6 ברודער און ברודער? נאָר אַ ברודער משפט

זיך מיט אַ ברודער, און דאָס דאָזיקע (טוט ער) פאַר
7 די אומגלויביקע! איבערהויפּט איז עס שוין אַ ירידה
פאַר אייך, אַז איר האָט צווישן זיך משפּטים. פאַר־
וואָס ליידט איר נישט ליבער אַן עוולה? פאַרוואָס
8 לאָזט איר זיך נישט ליבער באַרויבן? נאָר איר
אַליין טוט עוולות און באַרויבט, און דאָס דאָזיקע
9 (טוט איר צו) ברידער! אָדער ווייסט איר נישט,
אַז רשעים וועלן נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פון
ג־ט? באַטריגט זיך נישט אַליין: נישט קיין זונים,
נישט קיין געצנדינער, נישט קיין נואָפים, נישט
קיין בעלי־תאוות, נישט קיין מענטשנשענדער,
10 נישט קיין גנבים, נישט קיין (געלט) גיריקע, נישט
קיין זויפער, נישט קיין לעסטערער, נישט קיין
רויבער, וועלן ירשענען דאָס קעניגרייך פון ג־ט.
11 און אַזעלכע זענען אייניקע פון אייך געווען; נאָר
איר זענט געוואַשן געוואָרן, נאָר איר זענט געהייליקט
געוואָרן, נאָר איר זענט גערעכטפערטיקט געוואָרן
אין דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע המשיח און אין
דעם גייסט פון אונזער ג־ט.
12 אַלץ איז מיר מותּר; אָבער נישט אַלץ איז
גוט (פאַר מיר). אַלץ איז מיר מותּר; אָבער איך
13 וויל פון גאָרנישט ווערן באַהערשט. מאכלים
פאַרן בויך, און דער בויך פאַר די מאכלים; ג־ט וועט
אָבער דאָס און יענע פאַרניכטן. דער גוף איז
נישט פאַר זנות, נאָר פאַר דעם האַר; און דער האַר
14 פאַר דעם גוף; און ג־ט האָט אויפגעוועקט דעם
האַר (פון די טויטע), און וועט אונז אויך אויפוועקן
15 דורך זיין גבורה. צי ווייסט איר דען נישט, אַז
אייערע גופים זענען אברים פון דעם משיח? זאָל
איך זשע נעמען די אברים פון משיח און זיי
מאַכן פאַר די אברים פון אַ זונה? חס ושלום!

16 אָדער ווייסט איר נישט, אַז דער, וואָס באַהעפט
זיך מיט אַ זונה, איז איין גוף (מיט איר)?
וואָרום ער זאָגט: די צוויי וועלן זיין איין פליישׁ·
17 (בראשית ב׳ כד׳) דער אָבער, וועלכער באַהעפט זיך מיט
18 דעם האַר, איז איין גייסט (מיט אים)· אַנטרינט זשע
פון זנות· יעדע זינד, וואָס אַ מענטש באַגייט, איז
אויסער דעם גוף; דער אָבער, וועלכער איז מזנה,
19 זינדיקט קעגן זיין אייגענעם גוף· אָדער ווייסט
איר נישט, אַז אייער גוף איז אַ היכל פאַר דעם
רוח הקודש, וועלכער איז אין אייך, וועמען איר
האָט פון ג־ט? און איר געהערט נישט צו זיך אַליין,
20 וואָרום איר זענט טייער געקויפט געוואָרן; דעריבער
זאָלט איר אָפּגעבן כבוד צו ג־ט אין אייער גוף!

## 7 קאַפּיטל זיבן

1 און וואָס שייך דעם, וואָס איר האָט געשריבן; עס
איז גוט פאַר אַ מענטשן נישט אָנצורירן אַ פרוי·
2 נאָר צוליב זנות זאָל יעדער (מאַן) האָבן זיין אייגן
3 ווייב, און יעדע פרוי איר אייגענעם מאַן· זאָל דער
מאַן אָפּגעבן זיין חוב צו דער פרוי; און פונקט אַזוי
4 די פרוי דעם מאַן· די פרוי האָט נישט קיין דעה
צו זאָגן איבער איר אייגן לייב, נאָר דער מאַן;
און פונקט אַזוי האָט דער מאַן נישט קיין דעה צו
5 זאָגן איבער זיין אייגן לייב, נאָר די פרוי· שיידט
זיך נישט אָפּ איינס פונם אַנדערן, אַ חוץ אויב איר
זענט מרוצה דערויף ביז צו אַ געוויסער צייט, כדי
איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט תפילה, און קומט זיך
ווידער צונויף, כדי דער שטן זאָל אייך נישט
ברענגען צו קיין נסיון דורך אייער נישט־אייג־
6 געהאַלטנקייט· און דאָס דאָזיקע זאָג איך בדרך

7 רשות, נישט ווי אַ געבאָט· איך וואָלט געוואָלט,
אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין ווי איך בין אַליין· נאָר
יעדער איינער האָט זיין אייגענע מתנה פון ג־ט,
דער אַזוי, און דער אַזוי·
8 און צו די נישט־חתונה־געהאַטע און צו די אלמנות
זאָג איך: עס איז גוט פאַר זיי צו בלייבן אַזוי, ווי איך
9 בין· נאָר אויב זיי קענען זיך נישט איינהאַלטן, זאָלן
זיי חתונה האָבן; וואָרום עס איז בעסער חתונה־צו־
10 האָבן ווי צו ברענען (פון תאווה)· און די פאַרהייראַטע
זאָג איך אָן, נישט איך, נאָר דער האַר, אַז אַ פרוי זאָל
11 זיך נישט אָפשיידן פונם מאַן; נאָר אויב זי האָט זיך
געשיידט, זאָל זי בלייבן נישט־פאַרהייראַט, אָדער
זיך איבערבעטן מיטן מאַן; און אַ מאַן זאָל נישט
12 פאַרלאָזן זיין ווייב· צו די איבעריקע אָבער זאָג
איך, נישט דער האַר, אויב אַ ברודער האָט אַן
אומגלויביק ווייב, און זי איז מסכים צו וואוינען
13 מיט אים, זאָל ער זי נישט פאַרלאָזן· און אויב אַ
פרוי האָט אַן אומגלויביקן מאַן, און ער שטימט
איין מיט איר צו וואוינען, זאָל זי נישט פאַרלאָזן
14 דעם מאַן· וואָרום דער אומגלויביקער מאַן ווערט
געהייליקט דורך דער פרוי, און די אומגלויביקע
פרוי ווערט געהייליקט דורך דעם ברודער; ווייל ווען
נישט, וואָלטן אייערע קינדער געווען טמאים, זיי
15 זענען איצט אָבער הייליק· אויב אָבער דער אומ־
גלויביקער וויל זיך שיידן, זאָל ער זיך שיידן:
אין אַזעלכע פאַלן איז דער ברודער אָדער די שוועס־
טער נישט קנעכטיש־געבונדן; דען ג־ט האָט אייך
16 גערופן (צו לעבן) בשלום· וואָרום וואָס ווייסטו,
פרוי, אפשר וועסטו ראַטעווען דעם מאַן? אָדער
וואָס ווייסטו, מאַן, אפשר וועסטו ראַטעווען דיין
17 ווייב? נאָר ווי דער האַר האָט יעדן צוגעטיילט, ווי

ג־ט האָט יעדן באַרופן, אַזוי זאָל ער זיך נוהג־זיין·
18 און אַזוי באַפעל איך אין אַלע קהלות· איז דער
באַרופענער אַ געמלטער? זאָל ער נישט ווערן
אומגעמלט, איז עמיצער באַרופן געוואָרן אַלס אַן
19 ערל? זאָל ער זיך נישט מל זיין· די מילה איז
גאָרנישט, און די ערלה איז גאָרנישט; נאָר דאָס
20 אָפּהיטן די מצוות פון ג־ט· זאָל יעדער איינער
בלייבן אין דער דאָזיקער באַרופונג, אין וועלכער
21 ער איז באַרופן געוואָרן· ביסטו באַרופן געוואָרן
אַלס אַ קנעכט? מאַך דיר נישט קיין דאגות דעריבער;
נאָר אויב דו קענסט באַפרייט ווערן, נוץ עס ליבער
22 אויס· וואָרום ווער עס איז באַרופן געוואָרן אינם
האַר אַלס אַ קנעכט, דער איז דעם האַרס אַ באַפריי־
טער (מענטש); פּונקט אַזוי איז דער, וועלכער איז
באַרופן געוואָרן אַלס אַ פרייער (מענטש), אַ קנעכט
23 פונם משיח· איר זענט טייער געקויפט געוואָרן;
24 ווערט זשע נישט קיין קנעכט פון מענטשן· ברידער,
זאָל יעדער איינער פאַרבלייבן אין דעם שטאַנד,
אין וועלכן ער איז באַרופן געוואָרן פאַר ג־ט·
25 און וואָס שייך בתולות, האָב איך נישט קיין געבאָט
פון דעם האַר; איך גיב נאָר מיין מיינונג, ווי
אַזעלכער, וואָס האָט דערלאַנגט רחמים דורך
26 דעם האַר, צו זיין געטריי· איך האַלט דעריבער
דאָס דאָזיקע פאַר גוט צוליב דער איצטיקער
שווערער צייט, אַז עס איז גוט פאַר אַ מענטשן
27 אַזוי צו בלייבן: ביסטו געבונדן צו אַ פרוי? זוך
נישט פריי צו ווערן· ביסטו פריי געוואָרן פון אַ
28 פרוי? זוך נישט קיין ווייב· און ווען דו זאָלסט
אַפילו חתונה־האָבן, האָסטו (אויך) נישט געזינדיקט;
און ווען די בתולה האָט חתונה, האָט זי (אויך)
נישט געזינדיקט· אַזעלכע וועלן אָבער האָבן צרות

אינם לייב; און איך וויל עס אייך איינשפּאָרן.
29 איך זאָג אָבער דאָס דאָזיקע, ברידער: די צייט איז
קורץ, כדי פון איצט אָן זאָלן די, וועלכע האָבן
30 פרויען, זיין, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט; און די
וויינענדיקע, ווי זיי וואָלטן נישט געוויינט; און די,
וועלכע זענען זיך משמח, ווי זיי וואָלטן זיך נישט
משמח געווען; און די, וועלכע קויפן איין, ווי זיי
31 וואָלטן גאָרנישט פאַרמאָגט; און די, וועלכע געברויכן
די וועלט, ווי זיי וואָלטן זי נישט געברויכט; וואָרום
דאָס געשטאַלט פון דער דאָזיקער וועלט פאַרגייט.
32 און איך וויל איר זאָלט זיין אָן דאגות. דער נישט־
פאַרהייראַטער קימערט זיך פאַר די זאַכן פונם האַר,
וויאַזוי ער זאָל וואוילגעפעלן דעם האַר; דער
33 חתונה־געהאַטער קימערט זיך וועגן די זאַכן פון
דער וועלט, וויאַזוי ער זאָל וואוילגעפעלן זיין ווייב;
34 און ער איז צעטיילט. און די נישט־פאַרהייראַטע
פרוי און די בתולה זאָרגט זיך פאַר די זאַכן פונם
האַר, כדי זי זאָל זיין הייליק סײַ אינם קערפּער סײַ
אינם גייסט; די חתונה־געהאַטע (פרוי) אָבער זאָרגט
זיך וועגן די זאַכן פון דער וועלט, וויאַזוי זי זאָל
35 וואוילגעפעלן דעם מאַן. און איך זאָג דאָס דאָזיקע
פאַר אייער אייגענעם נוצן; נישט כדי צו וואַרפן
אַ נעץ אויף אייך, נאָר ווי עס איז בכבודיק, און
איר זאָלט קענען דינען דעם האַר אומגעשטערט.
36 אויב אָבער עמיצער מיינט, אַז ער טוט אָן זיין
בתולה אַ חרפּה, אויב זי זאָל פאַרבייגיין אירע רייפע
יאָרן, און עס איז אַזוי אַרום אַ חוב, זאָל ער טון,
וואָס ער וויל; ער באַגייט נישט קיין זינד; זיי מעגן
37 חתונה־האָבן. ווער אָבער עס שטייט פעסט אין
זיין האַרצן, ווייל ער איז נישט געצוואונגען, און
האָט מאַכט איבער זיין אייגענעם ווילן, און האָט דאָס

דאָזיקע באַשלאָסן אין זיין אייגענעם האַרצן אָפּצוהיטן
38 זיין בתולה, טוט ער וואויל. אַזוי אַרום אויך דער,
וועלכער מאַכט־חתונה זיין בתולה, טוט וואויל; און
דער, וועלכער מאַכט זי נישט חתונה, וועט טון
39 בעסער. אַ פֿרוי איז געבונדן כל־זמן דער מאַן
אירער לעבט; און ווען איר מאַן שטאַרבט, איז זי
פֿריי חתונה צו האָבן מיט וועמען זי וויל; נאָר אינם
40 האַר. ווײַלער אָבער איז איר, לויט מיין מיינונג,
ווען זי בלייבט אַזוי; און מיר שיינט אויס, אַז אויך
איך האָב דעם גייסט פֿון ג־ט.

## קאַפּיטל אַכט

1 און וואָס שייך קרבנות צו אָפּגעטער: ווייסן מיר, אַז
מיר אַלע האָבן דערקענטעניש. די דערקענטעניש
2 בלאָזט אויף, די ליבע אָבער בויט אויף. אויב איינער
רעדט זיך איין, אַז ער קען עפּעס, ווייסט ער נאָך
3 נישט, וויאַזוי ער דאַרף קענען; ווער אָבער עס האָט
4 ליב ג־ט, דער איז פֿון אים דערקענט. דעריבער,
וועגן דעם עסן פֿון קרבנות צו אָפּגעטער, ווייסן
מיר, אַז אַן אָפּגאָט איז גאָרנישט אין דער וועלט,
און אַז עס איז נישטאָ קיין ג־ט אַ חוץ דעם איינעם.
5 און ווען אַפֿילו עס געפֿינען זיך אַזויגערו־
פֿענע געטער, צי אין הימל, צי אויף דער ערד,
ווי עס זענען טאַקע פֿאַראַן אַ סך געטער און אַ סך
6 האַרן, דאָך פֿאַר אונדז—נאָר איין ג־ט, דער פֿאָטער,
פֿון וועמען אַלץ איז, און מיר פֿאַר אים; און איין
האַר, ישוע המשיח, דורך וועמען אַלץ איז, און מיר
7 דורך אים. די (דאָזיקע) דערקענטעניש איז אָבער
נישט אין אַלעמען; נאָר אייניקע, אין דער געוואוינ־
הייט ביז איצט צום אָפּגאָט, עסן עס ווי אַ קרבן צו

אָפּגעטער; און ווייל זייער געוויסן איז שוואַך,
8 ווערט עס באַפלעקט. שפּייז אָבער ברענגט אונז
נישט נענטער צו ג־ט; נישט מיר פאַרלירן, ווען
מיר עסן נישט, נישט מיר געווינען, ווען מיר עסן
9 יאָ. זעט אָבער אַז די דאָזיקע פרייהייט אייערע זאָל
נישט ווערן קיין מכשול פאַר די שוואַכע. וואָרום
10 אויב עמיצער זעט דיך, וועלכער האָסט דערקענ־
טעניש, זיצן (ביים טיש) אין דעם געצנטעמפּל, צי
וועט דען נישט דאָס געוויסן פון דעם, וואָס איז
שוואַך, זיך דערמוטיקן צו עסן פון די קרבנות צו די
11 אָפּגעטער? און דורך דיין דערקענטעניש ווערט דער
12 שוואַכער פאַרלוירן, דער ברודער, פאַר וועמען דער
משיח איז געשטאָרבן. און זינדיקנדיק אַזוי קעגן די
ברידער, און פאַרוואונדנדיק זייער שוואַך געוויסן,
13 זינדיקט איר קעגן דעם משיח. דערפאַר, אויב אַ מאכל
פאַרפירט מיין ברודער צום שטרויכלען, וועל איך
אויף אייביק בשום אופן מער נישט עסן קיין
פלייש, כדי איך זאָל נישט פאַרפירן מיין ברודער
צום שטרויכלען.

## קאַפּיטל ניין

1 צי בין איך דען נישט פריי? צי בין איך דען נישט
קיין שליח? צי האָב איך דען נישט געזעען
אונזער האַר ישוע? צי זענט איר דען נישט מיין
2 ווערק אינעם האַר? אויב פאַר אַנדערע בין איך נישט
קיין שליח, דאָך פאַר אייך בין איך יאָ; וואָרום די
3 חתימה פון מיין שליחות זענט איר אינעם האַר. מיין
פאַרטיידיקונג פאַר די, וועלכע משפּטן מיך, איז
4 דאָס: צי האָבן מיר דען נישט קיין רשות צו עסן
5 און צו טרינקען? צי האָבן מיר דען נישט קיין רשות

ארומצופירן אַ שוועסטער אַלס אַ ווייב? ווי אויך
די איבריקע שליחים און די ברידער פון דעם האַר
6 און כיפא· אָדער בין איך עס אַליין און בר־נבא,
וואָס מיר האָבן נישט קיין רשות נישט צו אַרבעטן?
7 ווען דינט עס אַ זעלנער אויף זיינע אייגענע הוצ־
אות? ווער פלאַנצט עס אַ וויינגאָרטן, און עסט נישט
זיין פרוכט? אָדער ווער פּאַשעט אַ סטאַדע, און
8 עסט נישט פון דער מילך פון דער סטאַדע? איך
רעד דאָס פּשוט ווי אַ מענטש? צי זאָגט עס דען נישט
9 אַפילו די תורה? וואָרום אין תורת משה שטייט
געשריבן: דו זאָלסט נישט פאַרשליסן אַן אָקס דאָס
מויל, ווען ער דרעשט· (דברים כה, ד·) צי זאָרגט זיך
10 דען ג־ט (נאָר) פאַר אָקסן? אָדער זאָגט ער עס
פאַר אונזערטוועגן בכלל? יאָ, פאַר אונזערטוועגן
איז עס געשריבן געוואָרן; ווייל דער אַקערער דאַרף
אַקערן מיט האָפנונג, און דער דרעשער מיט האָפנונג
11 צו האָבן אַ חלק· אויב מיר האָבן אייך פאַרזייט
רוחניותדיקע זאַכן, איז עס אַזאַ גרויסע זאַך, אויב
12 מיר זאָלן שניידן אייערע גשמיותדיקע זאַכן? אויב
אַנדערע האָבן אַ חלק איבם רשות איבער אייך,
האָבן מיר דען נישט מער (רשות)? מיר אָבער האָבן
נישט אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רשות, נאָר מיר
שטייען אַלץ אויס, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשאַפן
קיין שום שטערונג פאַר דער בשורה טובה פונם
13 משיח· צי ווייסט איר דען נישט, אַז די, וועלכע
באַשעפטיקן זיך מיט הייליקע עבודות, עסן פון די
זאַכן אין בית המקדש, און די, וועלכע באַדינען
14 ביים מזבח, האָבן אַ חלק אין מזבח? און אַזוי האָט
אויך דער האַר מתקן געווען פאַר די, וועלכע זאָגן
אָן די בשורה טובה, צו לעבן פון דער בשורה טובה·
15 איך אָבער האָב מיך נישט באַנוצט מיט קיינס פון

די דאָזיקע זאַכן; און האָב דאָס נישט געשריבן,
כדי מען זאָל עס אַזוי טון לגבי מיר; וואָרום עס
איז מיר ליבער צו שטאַרבן, ווי עמיצער זאָל
16 צונישט מאַכן מיין רום· וואָרום אויב איך זאָג אָן
די גוטע בשורה, האָב איך נישט מיט וואָס זיך צו
באַרימען, ווייל עס ליגט אויף מיר אַ חוב; וואָרום
וויי איז מיר, ווען איך זאָג נישט אָן די גוטע
17 בשורה! וואָרום אויב איך טו דאָס דאָזיקע פריי־
וויליק, האָב איך אַ שכר; אויב אָבער נישט־גערן—
18 איז עס אַ פאַרוואַלטונג מיר אָנפאַרטרויט· וואָס
זשע איז מיין שכר? אַז אָנזאָגנדיק די בשורה
טובה, זאָל איך פאָרלייגן די בשורה טובה בחנם,
און נישט מאַכן קיין געברויך פון מיין רשות אין
19 דער גוטער בשורה· וואָרום זייענדיק פריי פון
אַלעמען, האָב איך מיך געמאַכט פאַר אַלעמענס
קנעכט, כדי איך זאָל מער (מענטשן) געווינען·
20 און צו יידן בין איך געוואָרן ווי אַ ייד, כדי איך
זאָל געווינען יידן; צו די, וואָס זענען אונטער
דער תורה, ווי אונטער דער תורה, נישט זייענדיק
אַליין אונטער דער תורה, כדי איך זאָל געווינען
21 די, וואָס זענען אונטער דער תורה; צו די, וואָס
זענען אָן אַ תורה, ווי אָן אַ תורה, דאָך נישט
זייענדיק ווי אָן אַ תורה פאַר ג־ט, נאָר אין דער
תורה פון דעם משיח, כדי איך זאָל געווינען די,
22 וואָס זענען אָן אַ תורה· איך בין געוואָרן צו די
שוואַכע אַ שוואַכער, כדי איך זאָל געווינען די
שוואַכע; איך בין געוואָרן אַלץ צו אַלעמען, כדי
23 אויף יעדן אופן זאָל איך ראַטעווען אייניקע· און
אַלץ טו איך צוליב דער גוטער בשורה, כדי איך זאָל
24 האָבן אַ חלק אין איר· צי ווייסט איר דען נישט,
אַז די, וואָס לויפן אויף דער אַרענע, לויפן טאַקע

אַלע, איינער אָבער דערלאַנגט דעם פּריז? אַזוי זאָלט
25 איר לויפן, כדי איר זאָלט עס באַקומען. און יעדער
וועטקעמפער באַהערשט זיך אין אַלעם. און זיי
(טון עס) כדי זיי זאָלן באַקומען אַ פאַרדאַרבלעכע
26 קרוין; מיר אָבער אַן אומפאַרדאַרבלעכע. דעריבער
לויף איך אַזוי, נישט ווי אין דער פינסטער; אַזוי
קעמף איך, נישט ווי איינער, וואָס שלאָגט די לופט;
27 נאָר איך אונטערדריק מיין גוף און האַלט אים אין
קנעכטשאַפט, כדי בשעת איך דרשן צו אַנדערע,
זאָל איך אַליין נישט פאַרוואָרפן ווערן.

## קאַפּיטל צען

10

1 וואָרום איך וויל נישט פון אייך פאַרהוילן, ברידער,
אַז אַלע אונזערע פאָטערס זענען געווען אונטער
דעם וואָלקן, און אַלע זענען אַריבערגעגאַנגען דעם
2 ים; און אַלע זענען געטובלט געוואָרן צו משהן אין
3 דעם וואָלקן און אין דעם ים; און אַלע האָבן געגעסן
4 די זעלביקע רוחניותדיקע שפייז; און אַלע האָבן
געטרונקען דאָס זעלביקע רוחניותדיקע געטראַנק;
וואָרום זיי האָבן געטרונקען פון דעם רוחניותדיקן
פעלזנשטיין, וועלכער האָט זיי באַגלייט; און דער
5 פעלזנשטיין איז געווען דער משיח. נאָר אין די
מערסטע פון זיי האָט ג־ט נישט געהאַט קיין וואויל־
געפעלן; וואָרום זיי זענען אומגעקומען אין דער מדבר.
6 און די דאָזיקע זאַכן זענען געשעען אַלס פאַרבילדער
פאַר אונזערטוועגן, כדי מיר זאָלן נישט גלוסטן צום
7 בייזן, ווי יענע האָבן געגלוסט. און איר זאָלט אויך
נישט זיין קיין געצנדינער, ווי אַ טייל פון זיי; ווי
עס שטייט געשריבן: דאָס פאָלק האָט זיך אַנידער־
געזעצט צו עסן און טרינקען, און זענען אויפ־

געשטאַנען צו שפילן. (שמות לב, ו.) און לאָמיר אויך 8
נישט מזנה זיין, ווי אַ טייל פון זיי האָבן מזנה־געווען,
און עס זענען געפאַלן אין איין טאָג דריי און צוואָנציק
טויזנט. לאָמיר אויך נישט אויספרואוון דעם האַר 9
(גאָט), ווי אַ טייל פון זיי האָבן אויסגעפרואווט, און
זענען אומגעקומען פון די שלאַנגען. מורמלט אויך 10
נישט, ווי אַ טייל פון זיי האָבן געמורמלט, און
זענען אומגעקומען דורך דעם משחית. דאָס אַלץ 11
איז צו יענע געשעען פאַר אַ פאָרבילד, און עס
איז געשריבן געוואָרן ווי אַ מוסר פאַר אונזערט־
וועגן, צו וועמען די וועלט־צייטן האָבן דערגרייכט
זייער ציל. דעריבער דער, וואָס מיינט, אַז ער שטייט, 12
זאָל אַכטונג געבן, אַז ער זאָל נישט פאַלן. קיין 13
נסיון האָט אייך נישט אָנגעכאַפט, אַ חוץ וואָס איז
(ריין) מענטשלעך; ג־ט אָבער איז געטריי, וועלכער
וועט אייך נישט לאָזן אויסגעפרואווט ווערן איבער
אייערע כוחות; נאָר צוזאַמען מיט דעם נסיון וועט
ער אויך מאַכן אַן אויסוועג, כדי איר זאָלט קענען
ביישטיין.

דערפאַר, געליבטע מיינע, זאָלט איר אַנטלויפן 14
פון געצנדינסט. איך רעד ווי צו פאַרשטאַנדיקע; 15
משפט איר אַליין, וואָס איך זאָג. דער כוס פון 16
ברכה, אויף וועלכן מיר מאַכן אַ ברכה, צי איז ער
דען נישט חברותאשאַפט מיט דעם בלוט פון דעם
משיח? דאָס ברויט, וואָס מיר ברעכן, צי איז עס דען
נישט חברותאשאַפט מיט דעם גוף פון דעם משיח?
ווייל עס איז איין ברויט, זענען מיר, די פילע, איין 17
גוף; וואָרום מיר אַלע האָבן אַ חלק אין דעם איינעם
ברויט. קוקט אויף ישראל לויטן פלייש: צי זענען 18
דען נישט די, וועלכע עסן די קרבנות, אָנטיילנעמער
אין דעם מזבח? וואָס זשע איז עס דען וואָס 19

איך זאָג? אַז אַ קרבן צו אַן אָפּגאָט איז עפּעס? אָדער
20 אַז דער אָפּגאָט (אַליין) איז עפּעס? נאָר אַז וואָס
די גוים זענען מקריב, זענען זיי מקריב צו טייוולאָנים
און נישט צו ג־ט; און איך וויל נישט, אַז איר זאָלט
21 קומען אין חברותאשאַפט מיט טייוולאָנים. איר
קענט נישט טרינקען דעם כוס פון דעם האַר און
דעם בעכער פון טייוולאָנים; איר קענט נישט
טיילנעמען ביים טיש פון דעם האַר און ביים
22 טיש פון טייוולאָנים. אָדער זאָלן מיר דערצערנען
דעם האַר? צי זענען מיר דען שטאַרקער פון אים?
23 אַלץ איז מותּר; נישט אַלץ אָבער טויג. אַלץ
24 איז מותּר; נישט אַלץ אָבער בויט אויף. זאָל
קיינער נישט זוכן דאָס זייניקע, נאָר יענעמס (טובה).
25 אַלץ, וואָס מען פאַרקויפט אין דער יאַטקע, זאָלט
איר עסן, און נישט חוקר זיין צוליב דעם געוויסן;
26 וואָרום די ערד איז דעם האַרס (ג־טס), און איר
27 פולקייט. (תהלים כד, א.) און אויב עמיצער פון די
אומגלויביקע וועט אייך פאַרבעטן אויף אַ סעודה, און
איר ווילט גיין, זאָלט איר עסן אַלץ, וואָס מען וועט
אַוועקשטעלן פאַר אייך, און נישט נאָכפרעגן צוליב
28 דעם געוויסן. אויב אָבער עמיצער וועט צו אייך זאָגן:
דאָס דאָזיקע איז אַ געצנקרבן—זאָלט איר עס נישט
עסן צוליב יענעם, וועלכער האָט עס אייך דערמאָנט,
29 און צוליב דעם געוויסן: געוויסן, זאָג איך אָבער,
נישט דיין אייגנס נאָר דעם אַנדערנס; וואָרום
פאַרוואָס זאָל מיין פרייהייט געמשפּט ווערן פון אַן
30 אַנדערנס געוויסן? אויב איך געניס עפּעס מיט אַ
ברכה, הלמאַי זאָל אַרויסגיין אַ שם רע אויף מיר
31 וועגן דעם, אויף וועלכן איך מאַך אַ ברכה? דעריבער,
אויב איר עסט אָדער טרינקט, אָדער וואָס איר
32 זאָלט נישט טון, טוט אַלץ צו ג־טס כבוד. זייט

נישט קיין מכשול פאַר יידן, נישט פאַר גריכן און
נישט פאַר דער קהלה פון ג־ט; אַזוי ווי אויך איך 33
(באַמי זיך) צו געפעלן אַלעמען אין אַלעם, נישט
זוכנדיק מיין אייגענעם נוצן, נאָר דעם (נוצן) פון אַ
סך (אַנדערע), כדי זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן.

## קאַפּיטל עלף

זייט מיינע נאָכפאָלגער, אַזוי, ווי אויך איך בין 1
פונעם משיח.
איך לויב אייך, ברידער, וואָס איר געדענקט מיך 2
אין אַלעם, און איר האַלט פעסט די קבלות, ווי
איך האָב זיי אייך איבערגעגעבן. איך וויל אייך 3
אָבער לאָזן וויסן, אַז דער קאָפּ פון יעדן מאַן איז
דער משיח; און דער קאָפּ פון דער פרוי איז דער
מאַן; און דער קאָפּ פון דעם משיח איז ג־ט. יעדער 4
מאַן, ווען ער טוט תפילה אָדער זאָגט נבואות און
זיין קאָפּ איז צוגעדעקט, פאַרשעמט זיין קאָפּ. און 5
יעדע פרוי, ווען זי טוט תפילה אָדער זאָגט נבואות
און איר קאָפּ איז אָפּגעדעקט, פאַרשעמט איר קאָפּ;
וואָרום עס איז איינס און דאָס זעלביקע ווי זי וואָלט
זיך אָפּגעגאָלט. וואָרום אויב אַ פרוי פאַרהילט 6
זיך נישט, זאָל זי זיך אויך אָפּשערן; און אויב עס
איז אַ בזיון פאַר אַ פרוי זיך אָפּצושערן אָדער
אָפּצוגאָלן (די האָר), זאָל זי זיך פאַרהילן. וואָרום 7
דער מאַן טאַקע איז נישט מחויב זיך צו פאַרדעקן
דעם קאָפּ, ווייל ער איז ג־טס בילד און כבוד; די
פרוי אָבער איז דער כבוד פון דעם מאַן. וואָרום 8
נישט דער מאַן איז פון דער פרוי, נאָר די פרוי
פון דעם מאַן; אויך איז דער מאַן נישט באַשאַפן 9
געוואָרן צוליב דער פרוי, נאָר די פרוי צוליב דעם

10 מאַן; דערפאַר איז די פרוי מחויב צו האָבן (אַ צייכן
פון מאַנס) הערשאַפט אויפן קאָפּ פאַר די מלאכים׳ס
11 וועגן. דאָך איז נישט די פרוי אָן דעם מאַן, נישט
12 דער מאַן אָן דער פרוי אינם האַר. ווייל ווי די
פרוי איז פון דעם מאַן, אַזוי איז דער מאַן אויך
13 דורך דער פרוי; אַלץ אָבער איז פון ג־ט. משפּט
איר בּיי זיך אַליין: איז עס שיין, אַז אַ פרוי זאָל
14 תּפילה טון צו ג־ט אומפאַרהילטערהייט? צי לערנט
דען אייך נישט די נאַטור אַליין, אַז אויב אַ מאַן
האָט לאַנגע האָר, איז עס אַן אומכבוד פאַר אים?
15 אַ פרוי אָבער, אויב זי האָט לאַנגע האָר, איז עס איר
פּראַכט; ווייל די לאַנגע האָר זענען איר געגעבן
16 געוואָרן ווי אַ שלייער. אויב אָבער עמיצער האָט
בּדעה צו זיין אַ ליבּהאָבער פון מחלוקות, האָבן מיר
נישט אַזאַ געוואוינהייט, די קהלות פון ג־ט אויך
נישט.
17 און אָנזאָגנדיק אייך דאָס דאָזיקע, לויב איך אייך
נישט, ווייל איר קומט זיך צונויף נישט צום בּעסערן,
18 נאָר צום ערגערן. וואָרום ערשטנס הער איך, אַז
ווען איר פאַרזאַמלט זיך אין דער קהלה, זענען
פאַראַן מחלוקות צווישן אייך; און אַ טייל דערפון
19 גלויב איך. וואָרום עס איז נויטווענדיק, אַז עס
זאָלן זיין בּיי אייך כּתּות, כּדי די אויסגעפּרואווטע
20 זאָלן באַקאַנט ווערן צווישן אייך. און ווען
איר קומט זיך צוזאַמען, איז עס נישט כּדי צו עסן
21 די סעודה פון דעם האַר; וואָרום יעדער איינער
נעמט פאָרויס זיין אייגן מאָלצייט בּשעת דעם עסן;
און איינער איז הונגעריק, און אַן אַנדערער איז
22 שכור. צי האָט איר דען נישט קיין הייזער, (וואו)
צו עסן און טרינקען? אָדער זענט איר מבזה די
קהלה פון ג־ט? און פאַרשעמט די, וואָס האָבן נישט?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זאָל איך אייך לויבן?
פאַר דעם לויב איך אייך נישט. וואָרום איך האָב 23
עס בקבלה פון דעם האַר, וואָס איך האָב אייך
אויך איבערגעגעבן, אַז דער האַר ישוע האָט
אין דער נאַכט, אין וועלכער ער איז איבערגעגעבן
געוואָרן, גענומען ברויט; און מאַכנדיק אַ ברכה, 24
האָט ער עס צעבראָכן און געזאָגט: דאָס
איז מיין גוף, וועלכער ווערט געבראָכן פאַר
אייערטוועגן; טוט דאָס דאָזיקע לזכרון פון
מיר. אויך אַזוי דעם בעכער נאָך דער סעודה, 25
זאָגנדיק: דער דאָזיקער כוס איז דער נייער
בונד אין מיין בלוט; דאָס טוט יעדעס מאָל,
ווען איר טרינקט (דערפון), לזכרון פון מיר.
וואָרום יעדעס מאָל, ווען איר עסט דאָס ברויט 26
און טרינקט דעם דאָזיקן כוס, זאָגט איר אָן דעם
האַרס טויט, ביז ער וועט קומען. פאָלגלעך, 27
ווער עס עסט דאָס ברויט אָדער טרינקט דעם
כוס פון דעם האַר אומווירדיק, דער פאַרזינדיקט
זיך קעגן דעם גוף און דעם בלוט פון דעם
האַר. נאָר זאָל זיך אַ מענטש אַליין אויספרואוון, 28
און אַזוי עסן פון דעם ברויט און טרינקען פון דעם
כוס. וואָרום ווער עס עסט און טרינקט אומווירדיק, 29
דער עסט און טרינקט אַ משפט פאַר זיך, ווייל ער
האָט נישט געמאַכט קיין הבדל צווישן דעם האַרס
גוף. צוליב דעם געפינען זיך צווישן אייך אַ סך 30
שלאַפע און קראַנקע, און נישט ווייניקע זענען
איינגעשלאָפן (דעם שלאָף פון טויט). אויב אָבער 31
מיר וואָלטן זיך אַליין אויסגעפאָרשט, וואָלטן מיר
נישט געמשפט געוואָרן. ווערן מיר אָבער געמשפט 32
פון דעם האַר, ווערן מיר געציכטיקט, כדי מיר
זאָלן נישט פאַרמשפט ווערן צוזאַמען מיט דער

33 וועלט. דערפאַר, ברידער מײַנע, ווען איר קומט
זיך צונויף צו עסן, וואַרט איינער אויף דעם אַנדערן.
34 און אויב עמיצער איז הונגעריק, זאָל ער עסן
אינדערהיים, כדי איר זאָלט זיך נישט צוזאַמענ־
קומען צו אַ משפט. און דאָס איבריקע וועל איך
מתקן זײַן, ווי נאָר איך וועל קומען.

## קאַפּיטל צוועלף

12

1 און וואָס שייך (מתנות) פֿונם גייסט, ברידער,
2 וויל איך נישט, איר זאָלט זײַן אומוויסנדי. איר
ווייסט (דאָך), אַז ווען איר זענט געווען גוים, ווי
איר האָט זיך געלאָזט פֿירן צו שטומע אָפּגעטער,
3 און מען האָט אײַך געפֿירט. דערפֿאַר לאָז איך אײַך
וויסן, אַז קיינער, וועלכער רעדט דורך ג־טס גייסט,
זאָגט נישט: פֿאַרפֿלוכט זאָל זײַן ישוע; און קיינער
קען נישט זאָגן: ישוע איז האַר, אַ חוץ דורך דעם
רוח הקודש.
4 די מתנות אָבער זענען פֿאַרשיידן, נאָר דער
5 גייסט איז דער זעלביקער. און די עבודות זענען
פֿאַרשיידן, דאָך איז עס דער זעלביקער האַר.
6 און די ווירקונגען, זענען פֿאַרשיידן אָבער דער
זעלביקער ג־ט, וועלכער ווירקט אַלץ אין אַלעם.
7 יעדן איינעם אָבער ווערט געגעבן די אַנטפּלעקונג
8 פֿון דעם רוח (הקודש) צום נוצן. וואָרום איינעם
ווערט געגעבן דורך דעם גייסט אַ וואָרט פֿון חכמה;
און אַן אַנדערן אַ וואָרט פֿון דערקענטעניש, לויט
9 דעם זעלביקן גייסט; אַן אַנדערן אמונה אין דעם
זעלביקן גייסט; און אַן אַנדערן מתנות פֿון רפֿואות,
10 דורך דעם איינעם גייסט; און אַן אַנדערן צו
טון וואונדער; און אַן אַנדערן, נבֿואה; און אַן

אַנדערן, אונטערצושיידן גייסטער; אַן אַנדערן,
מינים לשונות; און אַן אַנדערן, פֿאַרטייטשונג
פֿון די לשונות; דאָס אַלץ אָבער ווירקט איין און 11
דער זעלביקער רוח (הקודש), וועלכער טיילט אויס
יעדן איינעם באַזונדער, ווי ער וויל.

וואָרום ווי דער גוף איז איינער, און האָט אַ 12
סך אברים, און די אַלע אברים פֿונם קערפּער, (הגם)
זיי זענען אַ סך, זענען איין גוף; אַזוי אויך איז דער
משיח. וואָרום אין איין גייסט זענען מיר אַלע 13
געטובלט געוואָרן צו איין גוף, סײַ יידן סײַ גריכן,
סײַ קנעכט סײַ פֿרייע (מענטשן); און מיר זענען
אַלע אָנגעטרונקען געוואָרן מיט איין גייסט. דען 14
דער גוף איז נישט איין אבר, נאָר אַ סך. אויב דער 15
פֿוס זאָל זאָגן: ווײַל איך בין נישט קיין האַנט, געהער
איך נישט צום קערפּער, געהערט ער דען נישט
צוליב דעם צום קערפּער? און אויב דאָס אויער 16
זאָל זאָגן: ווײַל איך בין נישט קיין אויג, געהער איך
נישט צום קערפּער; צי געהערט עס דען נישט צוליב
דעם צום קערפּער? אויב דער גאַנצער גוף וואָלט 17
געווען אַן אויג, וואו וואָלט געווען דער חוש השמיעה?
און אויב ער וואָלט אינגאַנצן געווען שמיעה, וואו
וואָלט געווען דער חוש הריח? איצט אָבער האָט 18
ג-ט געזעצט די אברים, יעדעס איינע פֿון זיי אין
דעם גוף אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. און אויב 19
אַלע וואָלטן געווען איין אבר, וואו וואָלט געווען
דער גוף? איצט אָבער זענען עס טאַקע אַ סך אברים, 20
נאָר איין גוף. און דאָס אויג קען נישט זאָגן צו דער 21
האַנט: איך דאַרף דיך נישט האָבן; אָדער ווידער דער
קאָפּ צו די פֿיס: איך דאַרף אײַך נישט האָבן! נאָר 22
להיפּך, די אברים פֿונם גוף, וואָס שיינען אויס צו
זיין די שוואַכערע, זענען (גראָד) נויטווענדיק.

23 און די (טיילן) פונם גוף, וועלכע מיר האַלטן
פאַר נישט אַזוי איידל, די דאָזיקע באַקליידן מיר
מיט מער כבוד; און אונזערע נישט־אָנשטענדיקע
24 צירן מיר אַמערסטן; אונזערע אָנשטענדיקע אָבער
דאַרפֿן עס נישט; יאָ, ג־ט האָט (אַזוי) צוזאַמענ־
געזעצט דעם גוף, אַז ער האָט צוגעטיילט מער כבוד
25 צו דעם ווייניקער וויכטיקן (אבר), כדי עס זאָל
נישט זיין קיין מחלוקה אינם גוף; נאָר אַז די אברים
26 זאָלן פאַרזאָרגן איינס דאָס אַנדערע. און אויב איין
אבר ליידט, ליידן אַלע אברים מיט; און אויב איין
אבר באַקומט כבוד, פרייען זיך אַלע אברים מיט.
27 און איר זענט משיחס גוף, און אברים יעדער באַזונ־
28 דער. און ג־ט האָט אייניקע באַשטימט אין דער
קהלה, ערשטנס שליחים, צווייטנס נביאים, דריטנס
מלמדים, דערנאָך וואונדער, דערנאָך מתנות פון
29 רפואה, הילף, פאַרוואַלטונג, מינים לשונות. צי
זענען דען אַלע שליחים? צי זענען דען אַלע נביאים?
צי זענען דען אַלע מלמדים? צי (טון) דען אַלע
30 וואונדער? צי האָבן דען אַלע די מתנות פון רפואות?
צי רעדן דען אַלע מיט לשונות? צי פאַרטייטשן דען
31 אַלע? שטרעבט אָבער צו דערגרייכן די גרעסערע
מתנות.

און נאָך אַ דרך, אַן אויסגעצייכנטערן, ווייז איך
אייך.

## קאַפיטל דרייצן

13

1 אויב איך רעד שוין מיט די לשונות פון
מענטשן און מלאכים, האָב אָבער נישט קיין
ליבע, בין איך אַ שאַלנדיק קופער אָדער אַ
2 קלינגענדיקער צימבל. און ווען איך האָב נבואה
און קען אַלע סודות און יעדע דערקענטעניש;

און האָב אַפּילו די גאַנצע אמונה, אַזש צו קענען
איבערשטעלן בערג, האָב אָבער נישט קיין ליבע,
3 בין איך גאָרנישט· און ווען איך טייל אויס מיין
גאַנץ פאַרמעגן צו שפּייזן די הונגעריקע, און
ווען איך גיב איבער מיין גוף צום פאַרברענען,
האָב אָבער נישט קיין ליבע, העלפט עס מיר
4 גאָרנישט· די ליבע איז סבלנותדיק, גנעדיק; די
ליבע איז נישט מקנא; די ליבע באַרימט זיך
5 נישט, בלאָזט זיך נישט אָן; פירט זיך נישט
אויף אומבאַשיידן, זוכט נישט דאָס איריקע,
דערצערנט זיך נישט, טראַכט נישט קיין בייז·
6 פריידט זיך נישט אויף קיין עוולה, נאָר פריידט זיך
7 יאָ מיט דעם אמת; זי פאַרדעקט אַלץ; גלויבט
8 אַלץ, האָפט אַלץ; טראָגט אַלץ איבער· די ליבע
גייט קיינמאָל נישט אונטער; נאָר אויב עס זענען
פאַראַן נבואות, וועלן זיי בטל ווערן; אויב
לשונות, וועלן זיי אויפהערן; אויב דערקענטעניש,
9 וועט זי אָפּגעשאַפט ווערן· וואָרום מיר דערקענען
טיילווייז, און אונזער נבואות־זאָגן איז טיילווייז;
10 ווען אָבער דאָס שלימותדיקע וועט קומען, וועט דאָס
11 טיילווייזע בטל ווערן· ווען איך בין געווען אַ קינד,
האָב איך גערעדט ווי אַ קינד, האָב פאַרשטאַנען ווי
אַ קינד, האָב געטראַכט ווי אַ קינד; ווען אָבער איך
בין געוואָרן אַ מאַן, האָב איך אַוועקגעלייגט די
12 קינדישע זאַכן· וואָרום איצט זעען מיר אין אַ
שפּיגל, און אין רעטענישן; דעמלט אָבער פּנים
אל פּנים; איצט דערקען איך טיילווייז, דעמלט אָבער
וועל איך דערקענען, פּונקט אַזוי ווי איך בין אויך
13 דערקענט· און איצט בלייבט אמונה, האָפענונג,
ליבע, די דאָזיקע דריי; אָבער דאָס גרעסטע פון
די דאָזיקע איז די ליבע·

## קאַפּיטל פערצן

14

1 שטרעבט נאָך דער ליבע; און אייפערט אויף
די רוחניותדיקע מתנות, נאָר ליבער, אַז איר
2 זאָלט נבואות־זאָגן. ווארום דער, וואָס רעדט אויף אַן
(אומבאַקאַנט) לשון, רעדט נישט צו מענטשן, נאָר
צו ג־ט; ווייל קיינער איז נישט משיג, און ער רעדט
3 סודות אינם גייסט. דער אָבער, וועלכער זאָגט־
נבואות, רעדט צו מענטשן צו דערבויאונג, און מוסר,
4 און טרייסט. ווער עס רעדט אויף אַ לשון, דער
דערבויט זיך אַליין; און דער, וואָס זאָגט־נבואות,
5 דערבויט די קהלה. און איך וויל, אַז איר זאָלט אַלע
רעדן מיט לשונות, אָבער נאָך מער, אַז איר זאָלט
נבואות־זאָגן; און גרעסער איז דער, וואָס זאָגט
נבואות, ווי דער, וואָס רעדט מיט לשונות, אַ חוץ
אַז ער זאָל אויך פאַרטייטשן, כדי די קהלה זאָל
6 באַקומען דערבויאונג. און איצט, ברידער, ווען
איך זאָל קומען צו אייך, רעדנדיק מיט לשונות,
וואָס וועל איך אייך (דערמיט) העלפן, אויב איך וועל
נישט רעדן צו אייך, צי דורך אַן אַנטפּלעקונג,
אָדער דורך דערקענטעניש, אָדער מיט נבואה, אָדער
7 לערנונג? יאָ, אַפילו די נישט־לעבעדיקע זאַכן, וואָס
געבן אַרויס אַ קלאַנג, זאָל עס זיין די פלייט אָדער
די האַרפע, ווען זיי מאַכן נישט קיין חילוק אין די
טענער, וויאַזוי וועט מען דערקענען, וואָס מען
8 שפּילט אויף דער פלייט אָדער האַרפע. ווארום ווען
דער טרומייט זאָל געבן אַן אומדייטלעכן טאָן, ווער
9 וועט זיך צוגרייטן צו דער מלחמה? און אויך אַזוי
איר, ווען איר זאָלט נישט געבן דורך דער צונג אַ
לייכט פאַרשטענדלעך וואָרט, ווי אַזוי וועט מען

ווייסן, וואָס עס ווערט גערעדט? איר וועט דאָך
10 רעדן (סתם) אינדערלופטן. עס זענען פאַראַן ווער
ווייס וויפל מינים קולות אין דער וועלט, און קיינס
11 איז נישט אָן אַ זין. ווען דעריבער איך ווייס נישט
די באַטייטונג פון דעם קול, וועל איך זיין פאַר
דעם רעדנער אַ פרעמדער, און דער רעדנער
12 וועט פאַר מיר זיין אַ פרעמדער. אויך אַזוי
איר, ווייל איר אייפערט אַזוי נאָך רוחניותדיקע
מתנות, זוכט, אַז איר זאָלט האָבן אַ שפע פאַר דער
13 אויפבויאונג פון דער קהלה. דערפאַר זאָל דער,
וואָס רעדט אויף אַ לשון, תפילה־טון, אַז ער זאָל
14 פאַרטייטשן. וואָרום אויב איך בין מתפלל אויף אַ
לשון, איז מיין גייסט מתפלל, מיין פאַרשטאַנד אָבער
15 בלייבט אָן פירות. ווי זשע זאָל עס זיין? איך
וועל תפילה־טון מיט דעם גייסט, און וועל
אויך תפילה־טון מיטן שכל; איך וועל זינגען
מיט דעם גייסט, און וועל אויך זינגען מיטן
16 פאַרשטאַנד. ווייל ווען דו מאַכסט אַ ברכה מיטן
גייסט, וויאַזוי וועט דער, וועלכער פאַרנעמט
דאָס אָרט פון אַ נישט־געלערנטן, זאָגן אמן אויף
דיין ברכה? ער ווייסט דאָך נישט וואָס דו זאָגסט.
17 וואָרום דו מאַכסט טאַקע אַ ברכה ווי עס געהער צו
זיין, נאָר דער אַנדערער איז נישט אויפגעבויט.
18 איך דאַנק ג־ט, אַז איך רעד מיט לשונות מער ווי
19 איר אַלע; נאָר אין דער קהלה וויל איך (ליבער)
רעדן פינף ווערטער מיט מיין פאַרשטאַנד, כדי
איך זאָל אויך אַנדערע לערנען, ווי צען טויזנט
ווערטער אויף אַן (אומבאַקאַנט) לשון.

20 ברידער, זייט נישט קיין קינדער מיטן פאַרשטאַנד;
נאָר וואָס שייך בייז זייט זייגעדיקע קינדער,
מיטן פאַרשטאַנד אָבער דערוואַקסענע (מענטשן).

21 אין דער תורה שטייט געשריבן: מיט אַנדערע
לשונות און מיט אַנדערע לעפצן וועל איך רעדן
צום דאָזיקן פאָלק; און אַפילו אַזוי וועלן זיי מיך
נישט הערן, זאָגט דער האַר (גאָט). (ישעיהו כח, יא־יב.)
22 אַזוי אַרום זענען (שוין) די לשונות ווי אַ צייכן,
נישט צו די מאמינים, נאָר צו די אומגלויביקע; די
נבואה אָבער איז נישט פאַר די אומגלויביקע, נאָר
23 פאַר די, וועלכע גלויבן. ווען דעריבער די גאַנצע
קהלה פאַרזאַמלט זיך, און אַלע רעדן מיט
לשונות, און עס קומען אַריין הדיוטים אָדער
אומגלויביקע, צי וועלן זיי דען נישט זאָגן,
24 אַז איר זענט משוגע? ווען אָבער אַלע זאָגן
נבואות, און עס קומט אַריין עמיצער אַן אומגלוי־
ביקער אָדער אַ הדיוט, ווערט ער פון אַלעמען
25 געמוסרט, פון אַלעמען (ריכטיק) געמשפט; די
פאַרבאָרגענע זאַכן פון זיין האַרצן ווערן אַנטפּלעקט;
און אַזוי אַרום, פאַלנדיק אויפן פּנים, וועט ער
זיך בוקן צו ג־ט, מודה זייענדיק, אַז ג־ט איז
באמת צווישן אייך.

26 וואָס זשע איז עס, ברידער? ווען איר פאַרזאַמלט
אייך, האָט יעדער איינער אַ מזמור, אַ לערנונג,
אַן אַנטפּלעקונג, אַ לשון, אַ פאַרטייטשונג; זאָל
27 אַלץ געטון ווערן צו דערבויאונג. אויב עמיצער
וויל רעדן מיט אַ לשון, זאָל עס זיין צווייענווייז,
אָדער העכסטנס זאַלבעדריט, און איינער נאָכן
28 אַנדערן; און איינער זאָל פאַרטייטשן; ווען אָבער
עס געפינט זיך נישט קיין פאַרטייטשער, זאָל מען
שווייגן אין דער קהלה; און רעדן צו זיך אַליין
29 און צו ג־ט. נביאים אָבער זאָלן רעדן צוויי
אָדער דריי, און די אַנדערע זאָלן באַאורטיילן.
30 און ווען עס וועט עפּעס אַנטפּלעקט ווערן צו אַן

אַנדערן, וועלכער זיצט (דאָרטן), זאָל דער ערשטער
31 שווייגן. וואָרום איר קענט אַלע נבואות־זאָגן,
איינער נאָכן אַנדערן, כדי אַלע זאָלן לערנען און
32 אַלע געטרייסט ווערן; און די גייסטער פון די נביאים
33 זענען אונטערטעניק צו די נביאים; וואָרום ג־ט איז
נישט קיין ג־ט פון אומאָרדנונג, נאָר פון שלום.
34 ווי אין אַלע קהלות פון די קדושים, אַזוי זאָלן
די פרויען שווייגן אין די קהלות; וואָרום זיי
האָבן נישט קיין רשות צו רעדן, נאָר זאָלן זיין
אונטערטעניק, פונקט ווי אויך די תורה זאָגט.
35 און אויב זיי ווילן עפעס לערנען, זאָלן זיי פרעגן
זייערע אייגענע מענער אינדערהיים; וואָרום עס
איז אַ חרפה פאַר אַ פרוי צו רעדן אין דער קהלה.
36 וואָס? איז ג־טס וואָרט פון אייך אַרויסגעגאַנגען?
אָדער איז עס נאָר צו אייך אַליין אָנגעקומען?
37 אויב עמיצער מיינט, אַז ער איז אַ נביא אָדער
באַשענקט מיט גייסט, זאָל ער דערקענען (אין דעם),
וואָס איך שרייב צו אייך, אַז עס איז דעם האַרס
38 געבאָט. אויב אָבער עמיצער ווייסט עס נישט, זאָל
ער נישט וויסן.
39 דעריבער, ברידער מיינע, אייפערט צו זאָגן־
נבואות, און שטערט נישט צו רעדן מיט לשונות.
40 אַלץ אָבער זאָל געטון ווערן בכבודיק און אין
אָרדנונג.

## קאַפיטל פיפצן

1 און איך לאָז אייך וויסן, ברידער, (נאָכאַמאָל) די
גוטע בשורה, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט,
וועלכע איר האָט אויך אָנגענומען, און אין וועלכער
2 איר שטייט פעסט, דורך וועלכער איר ווערט אויך
געראַטעוועט; אויב איר האַלט דאָס וואָרט, וואָס

איך האָב אייך אָנגעזאָגט; אַ חוץ, אַז איר האָט
3 אומזיסט געגלויבט· וואָרום קודם כל האָב איך
אייך איבערגעגעבן, וואָס אויך איך האָב מקבל־
געווען, אַז משיח איז געשטאָרבן פאַר אונזערע זינד
4 לויט די כתבי (הקודש); (ישעיהו נג, ה־יב.) און אַז ער
איז נקבר געוואָרן; און אַז ער איז אויפגעשטאַנען
דעם דריטן טאָג לויט די כתבי (הקודש); (תהלים טז, י.)
5 און אַז ער האָט זיך באַוויזן צו כיפאן; שפּעטער צו
6 די צוועלף; דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו מער
ווי פינף הונדערט ברידער אויף איינמאָל, דאָס רוב
פון וועלכע לעבט נאָך ביז איצט, אייניקע אָבער
7 זענען שוין איינגעשלאָפן; שפּעטער האָט ער זיך
8 באַוויזן צו יעקבן; נאָך דעם צו אַלע שליחים; און
צו לעצט נאָך אַלעמען האָט ער זיך באַוויזן אויך
צו מיר, וואָס איך בין גלייך צו אַ מפּיל קינד·
9 וואָרום איך בין דער סאַמע קלענסטער פון די
שליחים, און בין נישט ווערט גערופן צו ווערן
שליח, ווייל איך האָב פאַרפאָלגט די קהלה
10 פון ג־ט· נאָר דורך ג־טס חסד בין איך, וואָס
איך בין; און זיין חסד צו מיר איז נישט געווען
אַרויסגעוואָרפן; נאָר איך האָב געהאָרעוועט מער
פון זיי אַלעמען; דאָך נישט איך, נאָר ג־טס חסד,
11 וואָס איז מיט מיר· דעריבער צי איך, צי זיי, אַזוי
דרשענען מיר, און אַזוי האָט איר געגלויבט·
12 אויב אָבער פון משיח ווערט געדרשנט, אַז ער איז
אויפגעשטאַנען פון די טויטע, וויאַזוי זאָגן דאָס
אייניקע צווישן אייך, אַז עס איז נישטאָ קיין תחית
13 המתים? און אויב עס איז נישטאָ קיין תחית המתים,
איז אויך משיח נישט אויפגעשטאַנען; און אויב
14 משיח איז נישט אויפגעשטאַנען, איז טאַקע אונזער
דרשנען פוסט, און אייער אמונה איז אויך לעער·

15 און מיר געפינען זיך אויך ווי פאַלשע עדות פון ג־ט;
ווייל מיר האָבן עדות געזאָגט קעגן ג־ט, אַז ער האָט
אויפגעוועקט דעם משיח; וועמען ער האָט נישט
אויפגעוועקט, אויב די טויטע ווערן טאַקע נישט
16 אויפשטיין. וואָרום אויב די טויטע ווערן נישט
אויפשטיין, איז אויך משיח נישט אויפגעשטאַנען;
17 און אויב משיח איז נישט אויפגעשטאַנען, איז אייער
אמונה אָן אַ זין; און איר זענט נאָך אין אייערע
18 זינד. אין דעם פאַל זענען אַפילו די איינגעשלאָפענע
19 אין דעם משיח פארלוירן געוואָרן. אויב מיר האָבן
געזעצט אונזער האָפנונג אויף דעם משיח בלויז
אויף דעם דאָזיקן לעבן, זענען מיר די עלנטסטע פון
אַלע מענטשן.

20 איצט אָבער איז משיח יאָ אויפגעשטאַנען פון
די טויטע, אַלס די ראשית בכורים פון די איינ־
21 געשלאָפענע. וואָרום ווי דער טויט איז געקומען
דורך אַ מענטשן, אַזוי איז אויך תחית המתים דורך
22 אַ מענטשן. וואָרום ווי אין אדם (הראשון) שטאַרבן
אַלע, אַזוי ווערן אויך אין דעם משיח אַלע לעבעדיק
23 געמאַכט ווערן. און יעדער איינער אין זיין סדר:
משיח אַלס ערשטלינג, דאַן די, וועלכע זענען
24 דעם משיחס, ביי זיין קומען. נאָך דעם דער קץ,
ווען ער וועט איבערגעבן דאָס קעניגרייך צו
ג־ט דעם פאָטער; ווען ער וועט בטל מאַכן
יעדע ממשלה און יעדע הערשאַפט און מאַכט.
25 וואָרום ער דאַרף קעניגן, ביז ער וועט לייגן אַלע
26 זיינע פיינט אונטער זיינע פיס. (תהלים ק״י, א׳) דער
לעצטער שונא אָפגעשאַפט צו ווערן, איז דער טויט.
27 וואָרום אַלץ האָט ער געלייגט אונטער זיינע
פיס. און ווען ער זאָגט, אַז אַלץ איז געלייגט, איז
קלאָר, אַז עס איז מיט דעם אויסנאַם פון אים,

28 װעלכער האָט אַלץ געלײגט אונטער אים. און װען
אַלץ װעט זײַן געלײגט אונטער אים, דעמלט װעט
אױך דער זון אַלײן זיך אונטערטעניקן צו אים,
װעלכער האָט אַלץ געלײגט אונטער אים, כּדי ג־ט
זאָל זײַן אַלץ אין אַלעם.
29 װען נישט, װאָס װעלן טון די, װעלכע זענען זיך
טובֿל פֿאַר די טױטע? אױב די טױטע װעלן גאָרנישט
אױפֿשטײן, פֿאַרװאָס זאָל מען זיך נאָך טובֿל זײַן
30 פֿאַר זײערטװעגן? און פֿאַרװאָס שטײען מיר אין
31 סכּנה יעדע שעה? איך שטאַרב טאָג טעגלעך, איך
שװער עס בײַ אײַער באַרימונג, ברידער, װאָס איך
32 האָב אינם משיח ישוע דעם האַר אונזערן. אױב
איך האָב געקעמפֿט פּשוט װי אַ מענטש מיט די
װילדע חיות אין עפֿעזוס, װאָס נוצט עס מיר? אױב
די טױטע שטײען נישט אױף, לאָמיר עסן און
טרינקען, װאָרום מאָרגן שטאַרבן מיר! (ישעיהו כב, יג.)
33 באַטריגט זיך נישט אַלײן; געמײנע רײד פֿאַרדאַרבן
34 גוטע מידות. װערט ניכטערן װי עס געהער צו זײַן,
און זינדיקט נישט; װאָרום אײניקע (צװישן אײַך)
קענען נישט ג־ט; צו אײַער חרפּה זאָג איך עס.
35 נאָר עמיצער װעט זאָגן: װיאַזױ שטײען די טױטע
אױף? און מיט װאָס פֿאַר אַ קערפּער קומען זײ?
36 דו נאַר, װאָס דו פֿאַרזײסט, װערט נישט
37 לעבעדיק געמאַכט, װען עס שטאַרבט נישט; און
װאָס דו פֿאַרזײסט, פֿאַרזײסט דו נישט דעם קערפּער,
װאָס װעט זײַן, נאָר בלױז אַ קערנדל, פֿילײַכט פֿון
38 װײץ, אָדער פֿון עפּעס אַנדערש. ג־ט אָבער גיט
אים אַ גוף, װי ער װיל, און יעדן אײנעם זאָמען
39 זײַן אײגענעם קערפּער. נישט יעדעס פֿלײש איז
(אײן און) דאָס זעלביקע פֿלײש; נאָר אַן אַנדערש
(איז דאָס פֿלײש) פֿון מענטשן, און אַן אַנדערש איז

דאָס פלייש פון בהמות, און אַן אַנדערס איז דאָס
פלייש פון עופות, און אַן אַנדערס פון פיש. און 40
עס זענען פאַראַן גופים הימלישע און גופים
ערדישע; נאָר דער כבוד פון די הימלישע איז אַן
אַנדערער, און פון די ערדישע אַן אַנדערער. די 41
זון האָט אַן אַנדערן גלאַנץ, און די לבנה האָט אַן
אַנדערן גלאַנץ, און די שטערן האָבן אַן אַנדערן
גלאַנץ; וואָרום איין שטערן אונטערשיידט זיך פון
אַן (אַנדערן) שטערן מיטן גלאַנץ. פונקט אַזוי איז 42
אויך תחית המתים. עס ווערט פאַרזייט אין פאַרדאַרב־
לעכקייט, עס שטייט אויף אין אומפאַרדאַרבלעכ־
קייט. עס ווערט פאַרזייט אין אומכבוד, עס שטייט 43
אויף אין הערלעכקייט; עס ווערט פאַרזייט אין שלאַפ־
קייט, עס שטייט אויף מיט גבורה; עס ווערט פאַרזייט 44
אַ נאַטירלעכער גוף, עס שטייט אויף אַ רוחניות־
דיקער גוף. אויב עס איז פאַראַן אַ נאַטירלעכער
גוף, איז אויך פאַראַן אַ רוחניותדיקער. און אַט 45
אַזוי שטייט טאַקע געשריבן: דער ערשטער מענטש,
אדם, איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זעל; (בראשית ב׳, ז׳.)
דער אדם האחרון צו אַ לעבעדיק־מאַכנדיקן גייסט.
אָבער דער ערשטער איז נישט דער רוחניותדיקער, 46
נאָר דער נאַטירלעכער; דערנאָך דער רוחניותדיקער.
דער ערשטער מענטש איז פון דער ערד, ערדיש; דער 47
צווייטער מענטש איז מן השמים. ווי דער ערדישער 48
איז, אַזוי זענען אויך די ערדישע; און ווי דער
הימלישער איז, אַזוי זענען אויך די הימלישע.
און ווי מיר האָבן געטראָגן דאָס געשטאַלט פון דעם 49
ערדישן, אַזוי וועלן מיר אויך טראָגן דאָס געשטאַלט
פון דעם הימלישן.

און דאָס דאָזיקע זאָג איך, ברידער, אַז בשר ודם 50
קען נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פון ג־ט; אויך

ווערט דאָס פאַרדאַרבלעכע נישט ירשענען די
51 אומפאַרדאַרבלעכקייט. אָט זאָג איך אייך אַ סוד:
נישט אַלע וועלן מיר איינשלאָפן, נאָר מיר וועלן
52 אַלע פאַרענדערט ווערן. אין אַ רגע, אין אַן אויגנ־
בליק, ביים לעצטן שופר; וואָרום מען וועט בלאָזן
שופר, און די טויטע וועלן אויפשטיין אומ־
פאַרדאַרבלעכע, און מיר וועלן פאַרענדערט ווערן.
53 וואָרום דאָס דאָזיקע פאַרדאַרבלעכע מוז זיך אָנ־
קליידן מיט אומפאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע
שטערבלעכע מוז אָנקליידן אומשטערבלעכקייט.
54 ווען אָבער דאָס דאָזיקע פאַרדאַרבלעכע וועט
אָנקליידן אומפאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע
שטערבלעכע וועט אָנקליידן אומשטערבלעכקייט,
וועט דעמלט מקוים ווערן דאָס וואָרט, וואָס שטייט
געשריבן:

פאַרשלונגען איז דער טויט אין זיג:
55 אָ טויט, וואו איז דיין נצחון?
אָ טויט, וואו איז דיין גיפטיקער ביס?
(ישעיהו כה, ח; הושע יג, יד.)

56 דער גיפטיקער ביס פונם טויט איז די זינד;
57 און דער כח פון דער זינד איז די תורה;
אָבער אַדאַנק זיי ג־ט, וועלכער גיט אונז דעם
58 נצחון דורך אונזער האַר ישוע המשיח. דערפאַר,
געליבטע ברידער מיינע, זייט פעסט, אומבאַוועגלעך,
און מערט אייך תמיד אין דער זאַך פון דעם האַר,
ווייל איר ווייסט, אַז אייער פּראַצע איז נישט
אומזיסט אינם האַר.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און וואָס שייך דער געלטזאַמלונג פאַר די קדושים
(אין ירושלים), ווי איך האָב באַפוילן די קהלות
פון גאַלאַטיען, פּונקט אַזוי זאָלט איר אויך טון.
2 יעדן ערשטן טאָג פון דער וואָך, זאָל יעדער איינער
פון אייך אָוועקלייגן (עפּעס) פאַר זיך און אָפּשפּאָרן,
אויף וויפל ער האָט מצליח געווען, כדי ווען איך
וועל קומען, זאָלן דעמלט נישט געמאַכט ווערן קיין
3 זאַמלונגען. און ווען איך וועל אָנקומען, וועל
איך שיקן מיט בריוו די דאָזיקע, וועלכע איר וועט
האַלטן פאַר ראוי אַוועקצוטראָגן אייער נדבה קיין
4 ירושלים; און אויב עס וועט זיין ווערט די מי, אַז איך
5 זאָל אויך פאָרן, וועלן זיי פאָרן מיט מיר. און איך
וועל קומען צו אייך, ווען איך וועל האָבן אַדורכגע־
גאַנגען מאַצעדאָניען; וואָרום איך גיי איבער מאַצע־
6 דאָניען; ביי אייך אָבער וועל איך אפשר איבערבלייבן,
אָדער אַפילו איבערווינטערן, כדי איר זאָלט מיך
7 באַגלייטן, וואו איך זאָל נאָר רייזן. וואָרום איך וויל
אייך איצט נישט זען אויף דער דורכרייזע; ווייל
איך פאַרהאָף צו בלייבן ביי אייך אַ געוויסע צייט, אם
8 ירצה השם. אין עפעזוס אָבער וועל איך בלייבן ביז
9 שבועות; וואָרום אַ גרויסע טיר פון טעטיקייט איז
מיר געעפנט געוואָרן, און עס זענען דאָ אַ סך קעגנער.
10 ווען אָבער טימאָטעוס וועט קומען, זאָלט איר
זען, אַז ער זאָל זיין ביי אייך אָן מורא; ווייל ער
11 טוט דעם האַרס ווערק, ווי איך אַליין; דעריבער
זאָל אים קיינער נישט מבזה זיין. נאָר איר זאָלט
אים אַוועקשיקן בשלום, כדי ער זאָל קומען צו מיר;
וואָרום איך וואַרט אויף אים מיט די ברידער.

12 און וואָס שייך דעם ברודער אַפּאָלאָס, האָב איך
איִם זער פיל געבעטן צו קומען צו אייך מיט די
ברידער; און ער האָט בכלל איצט נישט געוואָלט
קומען; נאָר ער וועט קומען, ווען ער וועט האָבן אַ
געלעגנהייטלעכע צייט.
13 וואַכט, שטייט פעסט אין דער אמונה, זייט מענער,
14 שטאַרקט זיך. זאָלן אַלע אייערע (מעשים) געטון
ווערן מיט ליבע.
15 און איך בעט אייך, ברידער, איר קענט (דאָך)
סטעפאַנאַסן׳ס הויז, אַז עס איז געווען די ערשטע
פרוכט פון אַכאַיאַ, און זיי האָבן זיך געווידר־
16 מעט צו דער עבודה לטובת די קדושים, אַז
איר אויך זאָלט זיך אונטערטעניקן צו אַזעלכע,
און צו יעדן, וואָס אַרבעט מיט און באַמיט זיך.
17 און איך פריי מיך אויף דעם אָנקומען פון סטע־
פאַנאַסן און פאָרטונאַטוסן און אַכאַיקוסן, ווייל וואָס
עס פעלט מיר פון אייער צד, האָבן זיי ממלא געווען.
18 וואָרום זיי האָבן דערפרישט מיין גייסט און אייערן;
דעריבער זאָלט איר אָפּגעבן אַנערקענונג צו אַזעלכע.
19 די קהלות פון (קליין) אַזיען געבן אייך אָפּ שלום.
זער פיל אין דעם האַר געבן אייך אָפּ שלום אייך
אַקווילאַ און פריסקאַ, צוזאַמען מיט דער קהלה
אין זייער הויז. אַלע ברידער געבן אייך אָפּ שלום.
20 גיט אָפּ שלום איינער דעם אַנדערן מיט דעם
21 הייליקן קוש. דער גרוס פון מיר, פּוילוס, מיט מיין
22 אייגענער האַנט. אויב עמיצער האָט נישט ליב
23 דעם האַר, זאָל ער זיין אין חרם. מרן אתא.* זאָל
24 דער חסד פון דעם האַר ישוע זיין מיט אייך. מיין
ליבע איז מיט אייך אַלעמען אינם משיח ישוע. אמן.

* אונזער האַר איז געקומען אָדער: מרנא תא—קום האַר!

# דער צווייטער בריוו פונם שליח פּוילוס צו די קאָרינטער

1 פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע דורך ג־טס
רצון, און טימאָטעוס, דער ברודער, צו דער
קהלה פון ג־ט, וועלכע געפינט זיך אין קאָרינט,
צוזאַמען מיט אַלע הייליקע, וואָס זענען אין גאַנץ
2 אַכאַיאַ: חסד צו אייך און שלום פון ג־ט, אונזער
פאָטער, און פון דעם האַר ישוע המשיח.
3 געלויבט איז דער ג־ט און פאָטער פון אונזער האַר
ישוע המשיח, דער אָב הרחמים און ג־ט פון יעדער
4 נחמה; וועלכער טרייסט אונז אין אַלע אונזערע
צרות, כדי מיר זאָלן קענען טרייסטן די, וואָס
געפינען זיך אין וועלכער נישט איז צרה, מיט דער
טרייסט, מיט וועלכער מיר אַליין ווערן געטרייסט
5 פון ג־ט. ווייל פונקט ווי דעם משיחס ליידן
פאַרמערן זיך אויף אונז, אַזוי פאַרמערט זיך אויך
6 דורך דעם משיח אונזער נחמה. און ליידן מיר
צרות, איז עס פאַר אייער טרייסט און ישועה; ווערן
מיר געטרייסט, איז עס פאַר אייער טרייסט, וואָס
באַווייזט זיך ווירקזאַם אין דערטראָגן סבלנותדיק
די זעלביקע עינוים, וועלכע מיר אַליין ליידן אויך;
7 און אונזער האָפנונג וועגן אייך שטייט פעסט, ווייל
מיר ווייסן, אַז ווי איר זענט אָנטיילנעמער אין
די ליידן, אַזוי וועט איר אויך זיין (אָנטיילנעמער)
8 אין דער נחמה. וואָרום מיר ווילן נישט, אַז איר
זאָלט נישט וויסן, ברידער, וועגן דער צרה, וואָס
איז אונז געשעען אין (קליין) אַזיען, אַז זער פיל
איבער די כוחות זענען מיר געדריקט געוואָרן, אַזוי,

אַז מיר האָבן זיך געגנצלעך מיאש געווען אַפילו
9 פונעם לעבן; יאָ, מיר אַליין האָבן געהאַט אין זיך
דעם אורטייל פון טויט, כדי מיר זאָלן נישט האָבן
קיין בטחון אויף זיך אַליין, נאָר אויף ג־ט, וועלכער
10 איז מחיה מתים; וועלכער האָט אונז מציל געווען
פון אַזאַ גרויסן טויט, און וועט מציל זיין; צו וועמען
מיר האָבן געהאָפט, אַז ער וועט נאָך מציל זיין;
11 בשעת איר טוט אויך מיטהעלפן מיט אייער תפילה
טון פאַר אונז; כדי פאַר דער מתנה, וואָס איז אונז
געגעבן געוואָרן פון אַ סך פּערזאָנען, זאָלן אַ סך
אָפּגעבן אַ שבח פאַר אונזערטוועגן.
12 וואָרום אָט דאָס דאָזיקע איז אונזער באַרימונג,
דאָס עדות־זאָגן פון אונזער געוויסן, אַז אין קדושה
און אין אויפריכטיקייט פאַר ג־ט, נישט אין פלייש־
לעכער חכמה נאָר אין גאָטס חסד, האָבן מיר גע־
וואַנדלט אין דער וועלט, און דער עיקר ביי אייך.
13 וואָרום מיר שרייבן אייך נישט עפּעס אַנדערש,
נאָר ווי איר לייענט אָדער פאַרשטייט, און איך בין
בטוח, אַז איר וועט עס פאַרשטיין ביז צום סוף;
14 אַזוי ווי איר האָט אונז שוין טיילווייז פאַרשטאַנען,
אַז מיר זענען אייער רום, ווי איר זענט אויך
אונזער (רום) אין דעם טאָג פון אונזער האַר ישוע.
15 און אין דעם דאָזיקן בטחון האָב איך צום ערשט
געוואָלט קומען צו אייך, כדי איר זאָלט האָבן אַ
16 צווייפאַכן חסד, און דורך אייך צו גיין קיין מאַצע־
דאָניען, און ווידער פון מאַצעדאָניען צו קומען צו
אייך, און פון אייך באַגלייט צו ווערן צו דעם (לאַנד)
17 יהודה. און וועלנדיק דאָס דאָזיקע, האָב איך דען
אַרויסגעוויזן לייכטזיניקייט? אָדער די זאַכן, וועלכע
איך פּלאַן, צי פּלאַן איך דען לויטן פלייש, כדי עס
זאָל זיין ביי מיר (אין דער זעלביקער צייט) דאָס

18 יאָ, יאָ און דאָס ניין, ניין? נאָר ג־ט איז
געטריי, אַז אונזער וואָרט צו אייך איז נישט יאָ
19 און ניין. וואָרום דער בן אלקים, ישוע המשיח,
וועלכער איז דורך אונז געדרשנט געוואָרן צווישן
אייך, דורך מיר און סילוואַנוסן און טימאָטעוסן,
איז נישט געווען יאָ און ניין; נאָר עס איז (תמיד)
20 געווען יאָ אין אים; וואָרום וויפל הבטחות פון ג־ט
עס איז פאַראַן, אין אים איז דאָס יאָ; דערפאַר איז
אויך דורך אים דער אמן, צו ג־טס כבוד דורך אונז.
21 און דער, וועלכער האָט אונז צוזאַמען מיט אייך גע־
גרונטפעסטיקט אין דעם משיח און אונז געזאַלבט, איז
22 ג־ט, וועלכער האָט אונז אויך געחתמעט און געגעבן
אין אונזערע הערצער דעם ערבון פון דעם גייסט.
23 איך אָבער רוף ג־ט אַלס עדות אויף מיין נשמה,
אַז כדי אייך צו שוינען בין איך נאָך נישט געקומען
24 קיין קאָרינט. נישט אַז מיר הערשן איבער אייער
אמונה, נאָר מיר זענען מיטהעלפער פון אייער
שמחה; וואָרום איר שטייט פעסט אין דער אמונה.

## קאַפּיטל צוויי

1 און איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט דאָס דאָזיקע,
נישט ווידער צו קומען צו אייך מיט עצבות.
2 וואָרום אויב איך מאַך אייך טרויעריק, ווער זשע
איז עס, וואָס איז מיך משמח, אויב נישט דער,
3 וועלכער איז טרויעריק איבער מיר? און אָט
דאָס האָב איך געשריבן, כדי ווען איך וועל
קומען, זאָל איך נישט האָבן קיין טרויער פון די,
וואָס איך דאַרף זיך פרייען מיט זיי; זייענדיק בטוח
אויף אייך אַלעמען, אַז מיין שמחה איז אייער אַלע־
4 מענס שמחה. וואָרום פון גרויס דריקונג און האַרץ־

קלעמעניש האָב איך צו אייך געשריבן און מיט
אַ סך טרערן, נישט כדי אייך מצער צו זיין, נאָר
כדי איר זאָלט דערקענען די ליבע, וואָס איך
האָב אין אַ שפעדיקער מאָס לגבי אייך.
5 נאָר אויב עמיצער האָט באַטריבט, האָט ער
באַטריבט נישט מיך, נאָר טיילווייז אייך אַלע—
6 כדי איך זאָל (אים) נישט צו שווער באַלאַסטן—פאַר
אַזעלכן איז גענוג די שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען
7 פון דער מערהייט; אַזוי, אַז להיפך איר זאָלט אים
ליבער מוחל זיין און טרייסטן, כדי דער זעלביקער
זאָל נישט פאַרזינקען אין איבערמאָסיקן צער.
8 דערפאַר בעט איך אייך, איר זאָלט באַשטעטיקן
9 אים (אַרויסצואווייזן) ליבע. ווארום פאַר דעם
דאָזיקן צוועק האָב איך געשריבן, כדי איך זאָל
וויסן אייער אויספּרואוואונג, צי איר זענט געהאָרכ־
10 זאַם אין אַלעם. און וועמען איר זענט מוחל, בין
איך אויך (מוחל); ווארום וואָס איך האָב אויך
מוחל געווען, האָב איך עס מוחל געווען צוליב אייך
11 פאַר דעם משיח, כדי מיר זאָלן נישט באַטריגט ווערן
פונם שטן, ווארום זיינע איינפאַלן זענען אונז נישט
אומבאַקאַנט.
12 און ווען איך בין געקומען קיין טראָאַס פאַר
דער גוטער בשורה פון דעם משיח, און אַ טיר איז
13 מיר געעפנט געוואָרן אין דעם האַר, האָב איך נישט
געהאַט קיין מנוחה אין מיין גייסט, ווייל איך האָב
נישט געפונען מיין ברודער טיטוס; נאָר האָב מיך
געזעגנט מיט זיי און בין אַוועק קיין מאַצעדאָניע.
14 אַ דאַנק אָבער צו ג־ט, וועלכער גיט אונז תמיד
דעם נצחון אין דעם משיח, און אַנטפּלעקט דורך
אונז אומעטום דעם ריח נחוח פון זיין דערקענ־
15 טעניש. ווייל מיר זענען אַ ריח נחוח פון דעם משיח

פאַר ג־ט, צווישן די, וואס ווערן געראַטעוועט,
16 און צווישן די, וואָס ווערן פאַרלוירן; צו די טאָקע
אַ ריח מות צום טויט; און צו די אַ ריח חיים
צום לעבן. און ווער איז ראוי צו דעם דאָזיקן?
17 וואָרום מיר זענען נישט ווי אַ סך אַנדערע, וואָס
מאַכן שאַכער־מאַכער מיט ג־טס וואָרט; נאָר ווי פון
אַ לויטער האַרץ, נאָר ווי פון ג־ט פאַר ג־ט רעדן
מיר אים משיח.

## קאַפיטל דריי

1 צי הויבן מיר שוין ווידער אָן זיך אַליין צו רעקאָ־
מענדירן? אָדער נויטיקן מיר זיך, ווי אייניקע
(אַנדערע), אין רעקאָמענדירונגס־בריוו צו אייך,
2 אָדער פון אייך? איר זענט אונזער בריוו, געשריבן
אויף אונזערע הערצער, באַקאַנט און געלייענט
3 פון אַלע מענטשן; ווייל איר האָט זיך אַרויסגעוויזן,
אַז איר זענט משיחס אַ בריוו דורך אונז אויס־
געפערטיקט, נישט מיט טינט, נאָר מיט דעם גייסט
פון דעם לעבעדיקן ג־ט; נישט אויף שטיינערנע
לוחות, נאָר אויף פליישערנע לוחות פון הערצער.
4 און אַזאַ בטחון האָבן מיר דורך דעם משיח צו ג־ט;
5 נישט אַז פון זיך אַליין זענען מיר פעאיק צו דענקען
ווי עפּעס וואָלט געווען פון אונז אַליין; נאָר אונזער
6 באַפעאיקונג איז פון ג־ט, וועלכער האָט אונז אויך
פעאיק געמאַכט (צו זיין) דינער פונם נייעם בונד,
נישט פונם אות, נאָר פונם גייסט; וואָרום דער
בוכשטאַב טייט, דער גייסט אָבער מאַכט לעבעדיק.
7 און אויב די עבודה פון דעם טויט, מיט אותיות
אויסגעקריצט אויף שטיינער, איז געווען מיט
הערלעכקייט, אַזוי, אַז די בני ישראל האָבן נישט
געקענט בליקן אויף משהס פנים צוליב דער הערלעכ־

קייט פון זיין פּנים, וואָס האָט דאָך געהאַלטן ביים
8 פאַרגיין. (שמות לד, כט־לה.) וויאַזוי זשע וועט דען
נישט די עבודה פונם גייסט זיין מיט מער הער־
9 לעכקייט? וואָרום אויב די עבודה פון פאַראור־
טיילונג האָט געהאַט הערלעכקייט, וויפל מער
שטייגט איבער די עבודה פון גערעכטיקייט אין
10 הערלעכקייט! וואָרום אפילו דאָס הערלעכע איז
גאָרנישט געווען הערלעך אין דער מאָס צוליב
11 דער איבערוועלטיקנדיקער הערלעכקייט. וואָרום
אויב דאָס, וואָס פאַרגייט איז געווען מיט הער־
לעכקייט, אַ סך מער מיט הערלעכקייט איז דאָס,
וואָס האָט אַ קיום.

12 האָבנדיק דעריבער אַזאַ האָפענונג, געברויכן מיר
13 פיל פּתחון־פּה אינעם רעדן, און נישט ווי משה,
וועלכער האָט אָנגעטון אַ מסוה אויף זיין פּנים, כדי
די בני ישראל זאָלן נישט בליקן אויף דעם סוף פון
14 דעם, וואָס האָט דאָך געזאָלט אויפהערן; נאָר זייערע
מחשבות זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן; וואָרום
ביז צום היינטיקן טאָג בלייבט די זעלביקע מסוה
נישט אָפּגעדעקט ביים לייענען דעם ברית הישנה
(תנ״ך), ווייל זי ווערט אַוועקגענומען (נאָר) אינעם
15 משיח. יאָ ביז דעם היינטיקן טאָג, ווען (תורת) משה
ווערט געלייענט, ליגט אַ מסוה אויף זייער האַרץ.
16 ווען אָבער (דאָס יידישע פאָלק) וועט זיך אומקערן
צום האַר, וועט די מסוה אַוועקגענומען ווערן. דער
17 האַר אָבער איז דער גייסט; און וואו עס איז דער
18 גייסט פון דעם האַר, דאָרטן איז פרייהייט. און מיר
אַלע, אָפּשפּיגלענדיק מיט אַן אָפּגעדעקט פּנים די
הערלעכקייט פון דעם האַר, ווערן אומגעוואַנדלט
אין דעם זעלביקן בילד פון הערלעכקייט צו הער־
לעכקייט, אַזוי ווי פון דעם האַר, וועלכער איז
גייסט.

## קאַפּיטל פיר

1 דערפאַר, האָבנדיק אָט די דאָזיקע עבודה, אַזויווי
מיר האָבן דערלאַנגט רחמים, פאַלן מיר נישט
2 אַראָפּ ביי זיך; נאָר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון
די פאַרבאָרגענע זאַכן פון שאַנדע, נישט וואַנד־
לענדיק מיט כיטרעקייט, און נישט פאַרפעלשנדיק
ג־טס וואָרט, נאָר מיט דער באַשיינפּערלעכקייט
פון דעם אמת רעקאָמענדירן מיר זיך צו יעדן
3 מענטשנס געוויסן פאַר ג־ט. אויב אָבער אונזער
גוטע בשורה איז דאָך פאַרהוילן, איז זי פאַרהוילן
4 פון די, וועלכע ווערן פאַרלוירן; פאַר די אומגלויי־
ביקע, וואָס דער ג־ט פון דער דאָזיקער וועלט
האָט אין זיי פאַרבלענדט די געדאַנקען, כדי עס זאָל
זיי נישט אויפגיין דאָס ליכט פון דער גוטער בשורה
פון דער הערלעכקייט פון דעם משיח, וועלכער איז
5 דאָס בילד פון ג־ט. וואָרום מיר דרשענען נישט זיך
אַליין, נאָר דעם משיח ישוע אַלס האַר, און אונז
6 אַליין ווי אייערע קנעכט צוליב ישוען. ווייל דער
ג־ט, וועלכער האָט געזאָגט: פון חושך זאָל אַרויס־
שיינען ליכט! האָט געלויכטן אין אונזערע הערצער
אַריין, כדי צו געבן ליכט פון דער דערקענטעניש
פון דעם כבוד פון ג־ט אין דעם פּנים פון
משיח.

7 מיר האָבן אָבער דעם דאָזיקן אוצר אין ערדענע
כלים, כדי די איבערמאָסיקע קראַפט זאָל זיין
8 פון ג־ט, און נישט פון אונז; פון אַלע זייטן ווערן
מיר געדריקט, אָבער נישט דערדריקט; מיר זענען
9 פאַרדאגהט, זענען זיך אָבער נישט מיאש; מיר ווערן
גערודפט, אָבער נישט פאַרלאָזן; מיר ווערן אַנידער־

10 געוואָרפן, אָבער קומען נישט אום; תמיד טראָגן
מיר אַרום אין אונזער לייב דאָס שטאַרבן פון ישוען,
כדי דאָס לעבן פון ישוען זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין
11 אונזער גוף. וואָרום מיר, די לעבעדיקע, ווערן צו
יעדער צייט איבערגעגעבן צום טויט צוליב ישוען, כדי
ישועס לעבן זאָל זיך אַנטפּלעקן אין אונזער שטערב־
12 לעך פלייש. אַזוי אַרום ווירקט דער טויט אין
13 אונז, דאָס לעבן אָבער אין אייך. און האָבנדיק דעם
זעלביקן גייסט פון אמונה, לויט וועלכן עס שטייט
געשריבן: איך האָב געגלויבט, דערפאַר האָב איך
גערעדט; (תהלים קטז, י) גלויבן מיר אויך, און
14 דעריבער רעדן מיר; וויסנדיק, אַז דער וועלכער האָט
אויפגעוועקט דעם האַר ישוע (פון די טויטע), וועט
אונז אויך אויפוועקן צוזאַמען מיט ישוען און שטעלן
15 מיט אייך. וואָרום אַלץ איז פאַר אייערטוועגן,
כדי דער חסד, פאַרפילפאַכנדיק זיך דורך אַ סך,
זאָל פאַרמערן דעם שבח צום כבוד פון ג־ט.
16 דערפאַר פאַלן מיר נישט אַראָפּ ביי זיך; נאָר אויב
אַפילו אונזער אויסערלעכער מענטש ווערט פאַר־
דאַרבן, ווערט אָבער אונזער אינערלעכער מענטש
17 באַנייט פון טאָג צו טאָג. וואָרום אונזער לייכטע
און צייטווייליקע באַדריקונג פאַרשאַפט אונז,
מער און מער איבער דער מאָס, אַ משא
18 פון אייביקן כבוד; ווייל מיר קוקן נישט אויף די
זאַכן, וואָס מען קען זען, נאָר אויף די, וואָס מען
קען נישט זען; ווייל זאַכן, וואָס מען זעט, זענען
לפי שעה, אָבער די זאַכן, וואָס מען זעט נישט, זענען
אייביקע.

## קאַפיטל פינף

1 וואָרום מיר ווייסן, אַז ווען דאָס געצעלט, אונזער
ערדיש הויז, וועט צעשטערט ווערן, האָבן מיר
אַ בנין פון ג־ט, אַ הויז, נישט מיט הענט געמאַכט,
2 אַן אייביקס, אין הימל. וואָרום אין דעם דאָזיקן
זיפצן מיר, בענקענדיק אָנגעקליידט צו ווערן מיט
3 אונזער וואוינונג, וואָס איז פון הימל; און אויב
מיר וועלן טאַקע אָנגעקליידט ווערן, וועלן מיר
4 נישט געפונען ווערן נאַקעטע. וואָרום מיר, וואָס
זענען אין דעם דאָזיקן געצעלט, זיפצן אונטער אַ
משא, ווייל מיר ווילן נישט ווערן אויסגעטון,
נאָר אָנגעטון כדי דאָס שטערבלעכע זאָל איינ־
5 געשלונגען ווערן פון דעם לעבן. און דער,
וועלכער האָט אונדז צוגעגרייט דערצו, איז ג־ט,
וואָס האָט אונדז אויך געגעבן דעם ערבון פון
6 דעם גייסט. דעריבער זענען מיר תמיד געטרייסט
און ווייסן, אַז כל־זמן מיר וואוינען אינעם גוף, זענען
7 מיר נישט אינדערהיים ביי דעם האַר. ווייל מיר
8 וואַנדלען אין גלויבן, נישט אין זען. מיר זענען
געטרייסט, און ווילן ליבער אויסוואַנדערן פון דעם גוף
9 און זיין אינדערהיים ביים האַר. דערפאַר שטרעבן
מיר אויך, צי מיר זענען אינדערהיים צי מיר זענען
ווייט, צו זיין וואוילגעפעלן פאַר אים. וואָרום מיר
10 אַלע מוזן דערשיינען פאַר משיחס כסא־המשפט,
כדי יעדער איינער זאָל באַקומען דאָס, וואָס ער
האָט געטון אין דעם גוף, גוטס אָדער שלעכטס.
11 דעריבער, ווייסנדיק פון דער מורא פאַר דעם
האַר, זוכן מיר איבערצוצייגן מענטשן, פאַר ג־ט
אָבער זענען מיר אַנטפלעקט; און איך האָף, אַז

מיר זענען אויך אַנטפּלעקט אין אייערע געוויסנס.
12 מיר רעקאָמענדירן זיך נישט ווידער צו אייך, נאָר
גיבן אייך אַ געלעגנהייט זיך צו רימען מיט אונז,
כדי איר זאָלט האָבן עפּעס קעגן די, וועלכע
באַרימען זיך מיטן פּנים און נישט מיטן האַרצן.
13 וואָרום אויב מיר זענען אַראָפּ פון זינען, איז עס
פאַר ג־ט; זענען מיר ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, איז
14 עס פאַר אייערטוועגן. וואָרום די ליבע פון דעם
משיח צווינגט אונז, וועלכע משפּטן אַזוי, אַז אויב
15 איינער איז געשטאָרבן פאַר אַלעמען, זענען אַלע
געשטאָרבן; און ער איז געשטאָרבן פאַר אַלעמען,
כדי די לעבעדיקע זאָלן מער נישט לעבן פאַר זיך
אַליין, נאָר פאַר דעם, וועלכער איז פאַר זיי גע־
16 שטאָרבן און אויפגעשטאַנען. דערפאַר פון איצט אָן
קענען מיר קיינעם נישט לויטן פלייש; און אויב
אַפילו מיר האָבן געקענט משיחן לויטן פלייש, קענען
17 מיר אים שוין נישט מער. דערפאַר, אויב עמיצער
איז אינעם משיח, איז ער אַ נייע באַשאַפונג; דאָס אַלטע
איז פאַרגאַנגען, זע, אַלץ איז געוואָרן ניי! און דאָס
18 אַלץ איז פון ג־ט, וועלכער האָט אונז פאַראייבנבאַרט
מיט זיך אַליין דורך דעם משיח און אונז געגעבן די
19 עבודה פון פאַראייבנבאַרונג; ווייל ג־ט איז געווען אינעם
משיח, פאַראייבנבאַרנדיק די וועלט מיט זיך אַליין,
נישט צורעכנענדיק זיי זייערע זינד, און האָט
געלייגט אין אונז דאָס וואָרט פון דער פאַראייבנבאַרונג.
20 מיר זענען דעריבער אַמבאַסאַדאָרן פאַר דעם משיח,
ווי ג־ט וואָלט דורך אונז מזהיר געווען; מיר בעטן
אין משיחס נאָמען, פאַראייבנבאַרט זיך מיט ג־ט!
21 וואָרום דעם, וועלכער האָט נישט געוואוסט פון קיין
חטא, האָט ער געמאַכט צו זינד פאַר אונזערטוועגן;
כדי מיר זאָלן ווערן ג־טס גערעכטיקייט אין אים.

## קאַפּיטל זעקס

1 און מיטאַרבעטנדיק מיט אים, זענען מיר אייך
אויך מזהיר, אַז איר זאָלט נישט מקבל־זיין
2 דעם חסד פון ג־ט אומזיסט! וואָרום ער זאָגט:
אין אַן עת רצון האָב איך דיך דערהערט,
און אין אַ טאָג פון ישועה האָב איך דיר געהאָלפן;
(ישעיהו מט, ח.)
זע, איצט איז די באַוויליקטע צייט; אָט איצט איז
3 דער טאָג פון ישועה; נישט געבנדיק קיינעם קיין
מכשול אין עפּעס, כדי אונזער עבודה זאָל נישט
4 ווערן צו שאַנד; נאָר אין אַלעם פאָרשטעלנדיק זיך
ווי דינער פון ג־ט, אין גרויסער סבלנות, אין
5 צרות, אין נויטן, אין אַנגסטן, אין שלעק, אין תפיסות,
אין מהומות, אין אַרבעט, אין נאַכט־וואַכן, אין
6 תעניתים, אין לויטערקייט, אין דערקענטעניש אין
לאַנגמוטיקייט, אין מילדקייט, אינם רוח הקודש, אין
7 נישטצבועקישער ליבע, אין דעם וואָרט פון אמת,
אין דער גבורה פון ג־ט; דורך די כלי־זין פון
8 גערעכטיקייט אויף רעכטס און לינקס, דורך כבוד
און בזיון, דורך אַ שם רע און אַ שם טוב; ווי פאַרפי־
9 רער און דאָך וואָרהאַפטיקע; ווי אומבאַקאַנטע און
דאָך באַקאַנט; ווי שטאַרבנדיקע און, זע, מיר לעבן;
10 ווי געציכטיקטע, און דאָך נישט געטייטע; ווי טרויע־
ריקע, אָבער תמיד פריילעך; ווי אָרומעלייט, וועלכע
מאַכן אָבער אַ סך רייך; ווי אַזעלכע, וואָס האָבן
גאָרנישט, און באַזיצן דאָך אַלץ.
11 אונזער מויל האָט זיך אויפגעמאַכט צו אייך, אָ
12 קאָרינטער, אונזער האַרץ איז ברייט געוואָרן. אייך
איז נישט ענג אין אונז, איר אָבער זענט ענג־

13 געוואָרן אין אייערע אייגענע געדערעם. (גיט אונז
אָבער די זעלביקע פאַרגעלטונג—ווי צו קינדער
רעד איך—ווערט אַליין אויך ברייטהאַרציק.
14 ווערט נישט איינגעשפּאַנט אין קיין פרעמדן יאָך
מיט אומגלויביקע; וואָרום וואָס פאַר אַ חברותאשאַפט
האָט צדקות מיט רשעות? אָדער וואָס פאַר אַ געמיינ־
15 שאַפט האָט ליכט מיט פינסטערניש? און וואָס פאַר
אַן איינקלאַנג גיבט עס צווישן משיח און בליעל?
אָדער וואָס פאַר אַ חלק האָט דער מאמין מיט דעם
16 אומגלויביקן? און וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָט ג־טס
היכל מיט אָפּגעטער? וואָרום מיר זענען דער היכל
פון דעם לעבעדיקן ג־ט; ווי ג־ט האָט געזאָגט:

איך וועל וואוינען צווישן זיי און וואַנדלען;
און וועל זיין זייער ג־ט, און זיי וועלן זיין מיין
פאָלק. (ויקרא כו, יא־יב; יחזקאל לז, כז.)

17 דעריבער:

גייט אַרויס פון זייער מיט,
און זונדערט אייך אָפּ, זאָגט דער האַר (גאָט),
און רירט נישט אָן קיין טמא זאַך;
(ישעיהו נב, יא; ירמיהו נא, מה.)

און איך וועל אייך אויפנעמען,
18 און וועל זיין צו אייך אַ פאָטער,
און איר וועט זיין צו מיר זין און טעכטער,
(ירמיהו לא, ח; לב, לח; ל, כה.)

זאָגט דער האַר (ג־ט), דער אַלמעכטיקער.

## קאַפּיטל זיבן

1 דעריבער, האָבנדיק די דאָזיקע הבטחות, געליב־
טע, לאָמיר זיך רייניקן פון יעדער באַפלע־
קונג פון דעם פלייש און פון דעם גייסט, פאַר־
פאָלקאָמענענדיק קדושה אין דער מורא פון ג־ט.
2 גיט אונדז אַן אָרט אין אייערע הערצער; מיר האָבן
קיינעם נישט געטון קיין עולה, קיינעם נישט געטון
3 קיין שאָדן, קיינעם נישט אָפּגענאַרט. איך זאָג עס נישט,
כדי (אייך) צו פאַרמשפּטן; וואָרום איך האָב שוין
פריער געזאָגט, אַז איר זענט אין אונדזערע הערצער,
כדי צוזאַמען (מיט אייך) צו שטאַרבן און צוזאַמען
4 צו לעבן. גרויס איז מיין בטחון בנוגע אייך, גרויס
איז מיין באַרימען זיך וועגן אייך: איך בין פול מיט
נחמה, איך פליס איבער מיט שמחה אין אַלע אונ־
זערע צרות.
5 וואָרום אַפילו ווען מיר זענען געקומען קיין
מאַצעדאָניען, האָבן מיר נישט געהאַט קיין מנוחה
פאַר אונדזער לייב, נאָר זענען געקוועלט געוואָרן
פון אַלע זייטן; פונדרויסן קאַמפן, אינעווייניק
6 מורא. נאָר ג־ט, וועלכער טרייסט די שפלדיקע,
7 האָט אונדז געטרייסט מיט טיטוסעס אָנקומען; און
נישט בלויז מיט זיין אָנקומען, נאָר אויך מיט דער
נחמה, מיט וועלכער ער איז געטרייסט געוואָרן
ביי אייך. און ער האָט אונדז דערציילט פון אייער
בענקשאַפט, פון אייער עצבות, פון אייער אייפער
פאַר מיר, אַזוי, אַז איך האָב מיך נאָך מער גע־
8 פריידט. ווייל אַפילו אויב איך האָב אייך באַטריבט
מיט דעם בריוו, טו איך נישט קיין חרטה האָבן דערויף,
הגם איך האָב עס יאָ באַדויערט; ווייל איך זע, אַז

יענער בריוו האָט אייך באַטריבט נאָר לפי שעה·
9 איצט פריי איך מיך, נישט ווייל איר זענט געווען
טרויעריק, נאָר ווייל איר זענט געווען טרויעריק
צו תשובה; וואָרום איר זענט טרויעריק געוואָרן
לויט גאָט, כדי איר זאָלט נישט ליידן שאָדן דורך
10 אונדז אין קיין שום זאַך· וואָרום די עצבות לויט
גאָט איז גורם תשובה צו ישועה, נישט צום באַדויערן;
די עצבות אָבער פון דער וועלט איז גורם דעם
11 טויט· וואָרום זע, דאָס זעלביקע טרויערן לויט
גאָט, וואָס פאַר אַ פלייס עס האָט אויסגעווירקט
אין אייך, צו דערצו התנצלות, צאָרן, יראה,
באַגער, אייפער, באַשטראָפונג! אין אַלעם האָט
12 איר זיך אַרויסגעוויזן ריין אין דער זאַך· דעריבער,
הגם איך האָב געשריבן צו אייך, (האָב איך עס
געטון) נישט צוליב דעם, וועלכער האָט געטון
אַן עוולה, אויך נישט צוליב דעם, וועלכער איז
באַעוולט געוואָרן, נאָר כדי אייער פלייס פאַר
אונדזערטוועגן זאָל זיך אַנטפלעקן צו אייך פאַר
13 ג־ט· דערפאַר האָבן מיר זיך געטרייסט; און אין
אונדזער טרייסט האָבן מיר זיך נאָך פיל, פיל מער
געפריידט איבער טיטוסנס שמחה, ווייל זיין גייסט
14 איז פון אייך אַלעמען דערקוויקט געוואָרן· ווייל
אויב איך האָב מיך עפעס באַרימט פאַר אים וועגן
אייך, בין איך נישט פאַרשעמט געוואָרן; נאָר
ווי מיר האָבן צו אייך אַלץ גערעדט וואָרהאַפטיק,
אויך אַזוי איז אונדזער באַרימען זיך פאַר טיטוסן
15 וואָר געוואָרן· און זיין הערצלעכע ליבע איז זער
גרויס צו אייך, ווען ער דערמאָנט זיך אייער
אַלעמענס געהאָרכזאַמקייט, ווי איר האָט אים אויפ־
16 גענומען מיט יראה און מיט ציטערן· איך פריי מיך,
אַז איך קען מיך אין אַלעם פאַרלאָזן אויף אייך·

## קאַפּיטל אַכט

1 און מיר לאָזן אייך וויסן, ברידער, דעם חסד
פון ג־ט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין די קהלות
2 פון מאַצעדאָניען; אַז אין אַ גרויסן נסיון פון צרות,
האָט די שפע פון זייער פרייד און זייער טיפע
אָרומקייט איבערגעפלאָסן צו אַן עשירות פון זייער
3 מילדהאַרציקייט. ווייל לויט זייערע כוחות, יאָ,
איך זאָג עדות, איבער זייערע כוחות, האָבן זיי מנדב
4 געווען, בעטנדיק אונז מיט פיל תחנונים פאַר דעם
חסד און חברותאשאַפט פון דער עבודה לטובת די
5 קדושים; און נישט ווי מיר האָבן געהאָפט, נאָר
זיך אַליין האָבן זיי קודם כל געגעבן צום האַר, און
6 צו אונז דורך ג־טס רצון, אַז מיר האָבן מזהיר־געווען
טיטוסן, אַז ווי ער האָט פריער אָנגעהויבן, אַזוי
זאָל ער אויך פאַרענדיקן אין אייך אויך דעם
7 דאָזיקן חסד. יאָ, ווי איר האָט אין אַלעם אַ שפע,
אין אמונה און אין וואָרט און אין וויסן און אין
יעדן פלייס און אין אייער ליבע צו אונז, אַזוי
זאָלט איר האָבן אַ שפע אַפילו אין דעם דאָזיקן
8 חסד. איך זאָג עס נישט ווי אַ געבאָט, נאָר איך
פּרוביר אויס דורך דעם פלייס פון אַנדערע
9 אויך די עכטקייט פון אייער ליבע. וואָרום איר
קענט דעם חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח, אַז
הגם ער איז געווען רייך, דאָך פאַר אייערטוועגן
איז ער געוואָרן אָרום, כדי דורך זיין אביונות זאָלט
10 איר ווערן רייך. און אין דעם דאָזיקן גיב איך
מיין מיינונג; וואָרום דאָס איז נוצלעך פאַר
אייך, וועלכע האָבן מיט אַ יאָר צוריק אָנגעהויבן
11 נישט בלויז צו טון נאָר אויך צו באַגערן. איצט

אָבער פאַרענדיקט אויך דאָס טון; אַז פונקט
ווי איר האָט געהאַט דעם חשק צום וועלן, אַזוי זאָל
אויך זיין די פאַרענדיקונג פון דעם, וואָס איר האָט.
12 וואָרום אויב דער גוטער ווילן איז דאָ, איז עס
אָנגענומען לויט דעם, וויפל איינער האָט, נישט
13 לויט דעם, וואָס ער האָט נישט. וואָרום (איך זאָג)
עס נישט, כדי אַנדערע זאָלן האָבן אַ דערלייכטערונג
און איר זאָלט האָבן באַדריקונג, נאָר אויס גלייכ־
14 הייט: אין דער איצטיקער צייט זאָל אייער שפע
זיין פאַר זייער נויטבאַדאַרפטיקייט, כדי אויך
זייער שפע זאָל זיין פאַר אייער נויטבאַדאַרפטיקייט,
15 אַזוי, אַז עס זאָל זיין גלייכהייט; ווי עס שטייט
געשריבן: דער, וואָס האָט פיל (געזאַמלט), האָט
נישט געהאַט איבעריק, און דער, וואָס האָט ווייניק
(געזאַמלט) האָט נישט געהאַט נויט. (שמות טז, יח.)
16 אַ דאַנק אָבער צו ג־ט, וועלכער גיט די זעלביקע
17 זאָרג אין טיטוסנס האַרץ פאַר אייערטוועגן. ווייל
ער האָט טאַקע אָנגענומען אונזער בקשה; נאָר
זייענדיק זער אייפריק, איז ער פרייוויליק אַוועק
18 צו אייך. און מיר האָבן מיטגעשיקט מיט אים דעם
ברודער, וועמעס לויב אין דער גוטער בשורה
19 (גייט) איבער אַלע קהלות; נישט בלויז דאָס, נאָר
ער איז אַפילו אויסדערוויילט געוואָרן פון די
קהלות אַלס אונזער רייזע־באַגלייטער אין שייכות
מיט דעם דאָזיקן חסד, וואָס ווערט פון אונז
באַזאָרגט צו דעם כבוד פון דעם האַר אַליין, און
20 צו אונזער דערמונטערונג. אויסמיידנדיק דאָס
דאָזיקע, אַז קיינער זאָל נישט רעדן קיין שלעכטס
אויף אונז וואָס שייך דער דאָזיקער רייכער
21 מתנה, וואָס ווערט פון אונז באַזאָרגט; וואָרום מיר
באַמיען זיך (צו טון) גוטס נישט בלויז פאַר דעם

האַר, נאָר אויך פאַר מענטשן· און האָבן מיט־ 22
געשיקט מיט זיי אונזער ברודער, וועמען מיר
האָבן אָפט אויסגעפרואווט אין אַ סך זאַכן, אַז ער איז
פלייסיק, איצט אָבער פיל פלייסיקער צוליב זיין
גרויסן בטחון אין אייך· און וואָס שייך טיטוסן, 23
איז ער מיין חבר און מיטאַרבעטער צווישן אייך;
און וואָס שייך אונזערע ברידער, זענען זיי
שליחים פון קהלות, משיחס כבוד· ווייזט זשע 24
זיי אַרויס פאַר די קהלות דעם באַווייז פון
אייער ליבע, און פון אונזער באַרימען זיך וועגן
אייך·

## קאַפּיטל ניין

וואָרום וואָס שייך דער עבודה פאַר די קדושים, 1
איז עס איבעריק פאַר מיר צו שרייבן צו אייך;
וואָרום איך קען אייער גוטן ווילן, צוליב וועלכן 2
איך באַרים מיך מיט אייך פאַר די מאַצעדאָניער, אַז
אַכאַיאַ איז שוין געווען גרייט פון פאַראַיאָרן;
און אייער אייפריקייט האָט דערוועקט זער פיל פון
זיי· איך האָב אָבער געשיקט די ברידער, כדי אונזער 3
באַרימען זיך מיט אייך זאָל נישט זיין אומזיסט אין
דער דאָזיקער זאַך, כדי, ווי איך האָב געזאָגט,
איר זאָלט זיין צוגעגרייט, טאָמער וועלן קומען 4
מאַצעדאָניער מיט מיר און אייך געפינען נישט
צוגעגרייט, וועלן מיר פאַרשעמט ווערן—איך
וויל נישט זאָגן: איר—אין דעם דאָזיקן בטחון·
איך האָב עס דעריבער געהאַלטן פאַר נויטווענדיק 5
צו בעטן די ברידער, אַז זיי זאָלן גיין פאָרויס צו
אייך, און פון פריער צוגרייטן אייער שוין לאַנג־
צוגעזאָגטע ברכה, אַז די דאָזיקע זאָל זיין גרייט ווי
אַ ברכה, און נישט ווי אַן אויספרעסונג·

6 (באַדענקט אייך) אָבער דאָס דאָזיקע: ווער עס פאַר־
זייט מיט אַ קאַרגער האַנט, דער וועט אויך האָבן
אַ קאַרגן שניט; און דער, וועלכער זייעט מיט ברכה,
7 וועט אויך שניידן מיט ברכה. יעדער איינער (זאָל
טון) ווי ער האָט זיך פאָרגענומען אין האַרצן, נישט
מיט באַדויערן אָדער אויס צוואַנג; וואָרום אַ פריילעכן
8 געבער האָט ג־ט ליב! און ג־ט קען אייך משפיע
זיין יעדן חסד, כדי איר, האָבנדיק תמיד אין אַלעם
גענוג, זאָלט זיך פיל מערן צו כלערליי מעשים
9 טובים; ווי עס שטייט געשריבן:

ער האָט צעשפרייט, ער האָט געגעבן צו די
אָרומעלייט;
זיין גערעכטיקייט בלייבט אויף אייביק.

(תהלים קיב, ט.)

10 און דער, וועלכער גיט זאָמען דעם זייער און ברויט
צום עסן, וועט געבן און פאַרפילפאַכן אייער זאָמען,
און מאַכן וואַקסן די פרוכט פון אייער צדקה;
11 כדי איר זאָלט אין אַלעם רייך ווערן צו יעדער
וואוילטעטיקייט, וועלכע ווירקט אַ שבח צו ג־ט
12 דורך אונז. ווייל דאָס אָפּריכטן פון דער דאָזיקער
עבודה נישט נאָר פילט אָן די נויטן פון די
קדושים, נאָר עס פאַרמערט זיך אויך דורך פיל
13 דאַנק צו ג־ט; און צוליב דעם באַווייז פון דער
דאָזיקער עבודה לויבן זיי ג־ט פאַר דער געהאָרכ־
זאַמקייט פון אייער באַקענונג צו דער גוטער
בשורה פונם משיח, און פאַר דער אויפריכטיקייט
פון דער חברותאשאַפט לגבי זיי און לגבי אַלעמען;
14 און זיי אַליין, דורך תפילות פאַר אייערטוועגן,
בענקען זער נאָך אייך צוליב דעם שפּעדיקן חסד
15 פון ג־ט אויף אייך. אַ שבח צו ג־ט פאַר זיין
אומאויסשפּרעכלעכער מתנה!

## 10 קאַפּיטל צען

1 און איך אַליין, פּוילוס, בעט אייך דורך דער
עניוותדיקייט און באַשיידנקייט פון דעם משיח,
איך, וואָס פּנים אל פּנים בין אַ שפּל־רוח צווישן
אייך, פונדערווייטנס אָבער מוטיק לגבי אייך:
2 איך בעט, אַז ווען איך וועל זיין אַנוועזנד, זאָל
איך נישט מוזן זיין מוטיק מיט דעם בטחון, מיט
וועלכן איך האָב בדעה אַרויסצוטרעטן קעגן
אייניקע, וואָס באַטראַכטן אונז ווי מיר וואָלטן
3 געוואַנדלט לויטן פלייש. וואָרום הגם מיר וואַנדלען
אינם פלייש, פירן מיר דאָך נישט מלחמה לויטן
4 פלייש; ווייל די כלי־זין פון אונזער מלחמה זענען
נישט פליישלעך, נאָר מעכטיק פאַר ג־ט צום צע־
5 שטערן פעסטונגען. מיר וואַרפן אום תחבולות, און
יעדע הויכקייט, וואָס דערהייבט זיך קעגן דער דער־
קענטעניש פון ג־ט, און נעמען געפאַנגען יעדע מחשבה
6 צו דער געהאָרכזאַמקייט פונם משיח, און שטייען
גרייט זיך אָפּצורעכענען מיט יעדער ווידערשפּע־
ניקייט, ערשט ווען אייער געהאָרכזאַמקייט וועט
7 ווערן פולשטענדיק. איר קוקט אויפן פּנים? אויב
עמיצער איז ביי זיך זיכער, אַז ער געהערט צום
משיח, זאָל ער זיך ווידער דאָס באַדענקען,
אַז ווי ער געהערט צום משיח, אַזוי געהערן
8 מיר אויך. וואָרום ווען איך זאָל מיך אַפילו אַביסל
מער באַרימען מיט אונזער רשות, וואָס דער האַר
האָט אונז געגעבן צו אייער אויפבויאונג, און נישט
צו אייער צעשטערונג, וועל איך נישט פאַרשעמט
9 ווערן; כדי איך זאָל נישט אויסזעען ווי איך וואָלט
10 אייך געוואָלט אָפּשרעקן דורך מיינע בריוו. ווייל

מען זאָגט: די בריוו טאַקע זענען וואָגיק און
שטאַרק; אָבער ער אַליין איז שוואַך, און זיין
11 רעדן—פאַרעכטלעך. זאָל אַזעלכער דאָס באַרע־
כענען, אַז וואָס מיר זענען פונדערווייטנס דורך
דעם וואָרט פון בריוו, דאָס זענען מיר אויך
12 בפועל (ממש) ווען אָנוועזנדי. וואָרום מיר וואָגן
נישט זיך צו פאַררעכענען אָדער פאַרגלייכן מיט
אייניקע, וואָס לויבן זיך אַליין; נאָר מעסטנדיק
זיך מיט זיך אַליין און פאַרגלייכנדיק זיך מיט
13 זיך אַליין, זענען זיי אומפאַרשטאַנדיקע. מיר
אָבער וועלן זיך נישט באַרימען אָן אַ מאָס, נאָר
לויט דעם מאָסשטאַב, וועלכן ג־ט האָט אונז אויס־
געטיילט, ווי אַ מאָס צו דערגרייכן אַפילו ביז צו
14 אייך. וואָרום מיר שטרעקן זיך נישט צופיל אויס,
ווי מיר וואָלטן נישט דערלאַנגט צו אייך; וואָרום
מיר זענען דאָך געקומען אויך צו אייך אין דער
15 גוטער בשורה פון דעם משיח; נישט באַרימענדיק
זיך אָן אַ מאָס אין דער אַרבעט פון אַנדערע, אָבער
האָבנדיק די האָפנונג, בשעת אייער אמונה וואַקסט,
אַז מיר וועלן פאַרגרעסערט ווערן אין אייך
16 לויט אונזער מאָסשטאַב צו אַ שפע, אָנצוזאָגן די
גוטע בשורה אין (לענדער, וועלכע) ליגן אויסער
אייך, און זיך נישט צו באַרימען וואָס שייך דעם,
וואָס איז שוין פאַרטיק אין אַן אַנדערנס גבול.
17 ווער אָבער עס באַרימט זיך, דער זאָל זיך באַרימען
18 אינם האַר (ג־ט). (ירמיהו ט, כג.) וואָרום נישט דער,
וואָס לויבט זיך אַליין, איז אָנגענומען, נאָר דער,
וועמען דער האַר לויבט.

## קאַפּיטל עלף

1 הלואַי וואָלט איר אַביסל אויסגעהאַלטן מיין
נאַרישקייט; און דאָך האַלט איר עס אויס פון
2 מיר. וואָרום איך אייפער פאַר אייך מיט אַ געט־
לעכער אייפערזוכט, ווייל איך האָב אייך פאַרקנסט
צו איין מאַן, ווי אַ לויטערע בתולה פאַרצושטעלן
3 פאַר דעם משיח. איך פאָרכט מיך אָבער, טאָמער,
ווי די שלאַנג האָט פאַרפירט חוהן מיט איר כיטרע־
קייט, וועלן אייערע געדאַנקען פאַרדאָרבן ווערן פון
דער אויפריכטיקייט און לויטערקייט לגבי דעם
4 משיח. וואָרום אויב דער, וועלכער קומט, דרשנט
אַן אַנדערן ישוע, וואָס מיר האָבן נישט געדרשנט,
אָדער איר זענט מקבל אַן אַנדערן גייסט, וועלכן
איר האָט נישט מקבל געווען, אָדער אַן אַנדערע
גוטע בשורה וואָס איר האָט נישט אָנגענומען,
5 דערטראָגט איר (אים) וואויל. וואָרום איך מיין,
אַז איך בין גאָרנישט הינטערשטעליק די גרעסטע
6 שליחים. און אויב אַפילו איך בין פּראָסט אין רעדן,
אָבער נישט אין וויסן; נאָר אויף יעדן אופן האָבן
7 מיר זיך אַנטפּלעקט אין אַלעם צו אייך. אָדער האָב
איך דערמיט געטון אַ זינד, דערנידעריקנדיק
זיך אַליין, כדי איר זאָלט דערהייכט ווערן, ווייל
איך האָב אייך אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פון
8 ג־ט בחינם? אַנדערע קהלות האָב איך באַרויבט,
9 נעמענדיק שכירות, כדי אייך צו דינען; און בשעת
איך בין געווען ביי אייך און האָב געליטן נויט, בין
איך קיינעם נישט געפאַלן צו לאַסט; וואָרום די
ברידער, וואָס זענען געקומען פון מאַצעדאָניען,
האָבן פול אָנגעפילט מיין נויט; און אין אַלעם האָב

איך מיך געהיטן נישט (צו זיין) קיין לאַסט פאַר
10 אייך, און וועל מיך נאָך היטן. אַזוי געוויס ווי
משיחס אמת איז אין מיר, אַז די דאָזיקע באַרימונג
וועט מיר קיינער נישט פאַרווערן אין די געגנטן
11 פון אַכאַיאַ. פאַרוואָס? ווייל איך האָב אייך נישט
12 ליב? ג־ט ווייסט. נאָר וואָס איך טו, וועל איך אויך
טון, כדי איך זאָל אָפשניידן די געלעגנהייט פון די,
וואָס זוכן אַ געלעגנהייט; כדי אין דעם, מיט וועלכן
זיי באַרימען זיך, זאָלן זיי געפונען ווערן אויך אַזוי,
13 ווי מיר. וואָרום אַזעלכע (מענטשן) זענען פאַלשע
שליחים, באַטריגערישע אַרבעטער, וואָס פאַרשטעלן
14 זיך פאַר שליחים פון דעם משיח. און עס איז נישט
קיין וואונדער; ווייל דער שטן אַליין פאַרקליידט
15 זיך פאַר אַ מלאך פון ליכט. עס איז דעריבער נישט
קיין גרויסע זאַך, אויב אַפילו זיינע משרתים פאַר־
קליידן זיך ווי משרתים פון צדקות; וועמעס סוף
וועט זיין לויט זייערע מעשים.
16 ווידער זאָג איך: זאָל מיך קיינער נישט האַלטן
פאַר אַ נאַר; און אויב דאָך, טאָ זאָלט איר
זשע מיך אויפנעמען ווי אַ נאַר, כדי איך
17 זאָל מיך אויך אַביסל באַרימען. וואָס איך רעד,
רעד איך נישט לויט דעם האַר, נאָר ווי אין
נאַרישקייט, אין דער דאָזיקער כוונה פון באַרימונג.
18 ווייל אַ סך באַרימען זיך לויט דעם פלייש, וועל
19 איך מיך אויך (אַזוי) באַרימען. וואָרום איר פאַר־
טראָגט גערן די נאַראָנים, זייענדיק (אַליין) חכמים.
20 וואָרום איר פאַרטראָגט עס, ווען איינער פאַר־
שקלאַפט אייך, ווען איינער עסט אייך אויף, ווען
איינער נעמט אייך (געפאַנגען), ווען איינער דער־
הייבט (זיך), ווען איינער שלאָגט אייך אין פנים
21 אַריין. צו אונזער חרפה זאָג איך עס, גלייך ווי

מיר וואָלטן שוואַך געוואָרן· נאָר מיט וועלכן
עמיצער איז שטאָלץ, איך רעד נאַרישקייט, (דערמיט)
22 וועל איך אויך זיין שטאָלץ· זיי זענען עברים?
איך בין אויך· זיי זענען ישראלים? איך אויך·
23 זיי זענען אברהמס זאָמען? איך אויך· זיי זענען
משיחס דינער?—איך רעד ווי פון זינען אַראָפּ—איך
נאָך מער; אַ סך מער אין אַרבעט, אַ סך מער אין
תפיסות, אין שלעק איבער דער מאָס, פילמאָל אין
24 סכנות־נפשות· פון יידן האָב איך פינף מאָל באַקומען
25 פערציק שלעק ווייניקער איינעם· דריי מאָל האָט
מען מיך געשמיסן מיט ריטער, איינמאָל בין איך
געשטייניקט געוואָרן, דריי מאָל האָב איך געליטן
שיפברוך, אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָב איך פאַרברענגט
26 אין דער טיפעניש (פון ים); אַ סך מאָל אונטערוועגנס,
אין סכנות פון טייכן, אין סכנות פון גזלנים, אין
סכנות פון (מיין אייגן) פאָלק, אין סכנות פון גוים,
אין סכנות אין שטאָט, אין סכנות אין דער מדבר,
אין סכנות אויפן ים, אין סכנות צווישן פאַלשע
27 ברידער; אין פראַצע און האָרעוואַניע, אָפטמאָל
אָן שלאָף ביינאַכט, אין הונגער און אין דורשט,
אָפטמאָל אין תעניתים, אין קעלט און נאַקעט (און
28 בלויז)· אַ חוץ די אויסערלעכע זאַכן, (נאָך דאָס),
וואָס קומט אויף מיר טאָג טעגלעך—די דאגה פאַר
29 אַלע קהלות· ווער איז שלאַף, און איך בין נישט
שלאַף? ווער ווערט פאַרפירט צום שטרויכלען?
30 און איך צינד מיך נישט אָן? אויב איך מוז מיך
באַרימען, וועל איך מיך באַרימען מיט מיין שלאַפ־
31 קייט· דער ג־ט און פאָטער פון דעם האַר ישוע,
ער, וועלכער איז געלויבט אויף אייביק, ווייסט,
32 אַז איך זאָג נישט קיין שקר· אין דמשק האָט דער
גובערנאַטאָר פון דעם קעניג אַרעטאַס באַוואַכט די

33 שטאָט דמשק, כדי מיך צו כאַפּן; און מען האָט מיך
אַראָפּגעלאָזט דורך אַ פענסטער אין אַ קאָרב איבער
דער מויער, און איך בין אַנטרינען פון זיינע
הענט.

## קאַפּיטל צוועלף

1 איך מוז מיך באַרימען, הגם עס נוצט נישט; איך
וועל אָבער קומען צו חזיונות און אַנטפּלעקונגען
2 פון דעם האַר. איך קען אַ מענטשן אין דעם משיח,
וואָס פאַר פערצן יאָר—צי אינעם גוף, ווייס איך נישט,
צי אויסער דעם גוף, ווייס איך נישט; ג־ט ווייסט—
איז דער זעלביקער אַרויפגענומען געוואָרן ביז
3 צום דריטן הימל; און איך ווייס, אַז דער זעלביקער
מענטש—צי אינעם גוף, צי אויסער דעם גוף, ווייס
4 איך נישט; ג־ט ווייסט—איז אַרויפגענומען געוואָרן
אין גן עדן אַריין, און האָט געהערט אומאויס־
שפּרעכלעכע ווערטער, וואָס קיין מענטש טאָר נישט
5 אַרויסרעדן. מיט אַזעלכן וועל איך מיך באַרימען;
אָבער מיט מיר אַליין וועל איך מיך נישט באַרימען,
6 אַ חוץ מיט די שלאַפקייטן מיינע. וואָרום ווען איך
זאָל מיך וועלן באַרימען, וועל איך נישט זיין קיין
נאַר; ווייל איך וועל זאָגן דעם אמת; איך פאַרמייד
עס אָבער, כדי עס זאָל מיך קיינער נישט האַלטן
פאַר מער ווי ער זעט מיך, אָדער הערט פון מיר.
7 און צוליב דער אויסערגעוועגלעכער גרויסקייט
פון די אַנטפּלעקונגען—כדי איך זאָל מיך נישט
צופיל דערהייכן, איז מיר געגעבן געוואָרן אַ דאָרן
אין דעם לייב, אַ שליח פונם שטן, אַז ער זאָל מיך
שלאָגן מיט דער פויסט, כדי איך זאָל מיך נישט
8 צופיל דערהייכן. פאַר דעם דאָזיקן האָב איך דריי
מאָל געבעטן דעם האַר, אַז ער זאָל זיך אָפּטון פון מיר.

9 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מײַן חסד איז גענוג
פֿאַר דיר, וואָרום מײַן קראַפֿט ווערט שלימותדיק
אין שוואַכקייט. אַמליבסטן וועל איך מיך דעריבער
מער באַרימען מיט מײַנע שלאַפֿקייטן, כּדי משיחס
10 גבֿורה זאָל רוען אויף מיר. דערפֿאַר האָב איך אַ
וווילגעפֿעלן אין שלאַפֿקייטן, אין חרפּות, אין
נויטן, אין רדיפֿות, אין אַנגסטן, פֿון משיחס וועגן;
וואָרום ווען איך בין שלאַף, דעמלט בין איך אַ גיבור.
11 איך האָב מיך געמאַכט צו נאַר: איר האָט מיך
געצוואונגען (דערצו); וואָרום איך וואָלט געדאַרפֿט
געלויבט ווערן פֿון אײַך; ווײַל איך בין אין קיין זאַך
נישט הינטערשטעליק די גרעסטע שליחים, הגם
12 איך בין גאָרנישט. די צייכנס פֿון אַ שליח זענען
דאָך געווירקט געוואָרן צווישן אײַך אין יעדער
13 סבלנות, אין אותות און מופֿתים און גבֿורות. וואָרום
מיט וואָס זענט איר נידריקער געשטעלט געוואָרן
אין פֿאַרגלײַך מיט די איבעריקע קהלות, אַ חוץ
וואָס איך בין אײַך נישט געפֿאַלן צו לאַסט? זײַט
מיר מוחל די דאָזיקע עוולה.
14 אָט בין איך שוין גרייט צו קומען צו אײַך צום
דריטן מאָל; און וועל אײַך נישט פֿאַלן צו
לאַסט, ווײַל איך זוך נישט אײַערס, נאָר אײַך;
וואָרום די קינדער זענען נישט מחויב אײַנצוזאַמלען
אוצרות פֿאַר די עלטערן, נאָר די עלטערן פֿאַר
15 די קינדער. איך אָבער וועל העכסט גערן אויסלייגן
(וואָס איך האָב) און אויסגעלייגט ווערן פֿאַר אײַערע
נפֿשות. אויב איך האָב אײַך אַזוי שפּעדיק ליב, בין
16 איך ווייניקער געליבט? נאָר זאָל עס זײַן אַזוי,
איך האָב אײַך פֿאָרט נישט באַלעסטיקט; נאָר ווײַל
איך בין כיטרע, האָב איך אײַך געפֿאַנגען מיט
17 כיטרעקייט. צי האָב איך אײַך דען אויסגענוצט

דורך עמיצן פון די, וועמען איך האָב געשיקט צו
18 אייך? איך האָב געבעטן טיטוסן, און האָב מיטגע־
שיקט דעם ברודער. צי האָט טיטוס אייך אויס־
גענוצט? צי האָבן מיר דען נישט געוואַנדלט אין דעם
זעלביקן גייסט? צי נישט אין די זעלביקע פוסטריט?
19 שוין לאַנג האַלט איר זיך ביי דער מיינונג, אַז
מיר פאַרטיידיקן זיך פאַר אייך. פאַר ג־ט רעדן מיר
אינם משיח. אַלץ אָבער, געליבטע מיינע, איז פאַר
20 אייער אויפבויאונג. וואָרום איך האָב מורא, טאָמער,
קומענדיק, וועל איך אייך נישט געפינען אַזוי ווי
איך וויל; און איך זאָל געפונען ווערן אַזוי, ווי איר
ווילט נישט; טאָמער וועט זיין געצאַנק, קנאה, רוגז,
מחלוקת, לשון הרע, רכילות, גאווה, אומרועו;
21 טאָמער, ווען איך וועל קומען, וועט מיין ג־ט מיך
דערנידעריקן פאַר אייך, און איך וועל טרויערן
איבער אַ סך, וועלכע האָבן שוין פריער געהאַט געזינ־
דיקט און נישט תשובה געטון אויף זייער אומזויי־
בערקייט און זנות און פאַרשייטקייט, וואָס זיי האָבן
געטריבן.

## קאַפּיטל דרייצן

13

1 דאָס דאָזיקע איז דאָס דריטע מאָל, אַז איך קום
צו אייך. דורך דעם מויל פון צוויי אָדער דריי
2 עדות זאָל יעדעס וואָרט באַשטעטיקט ווערן. איך
האָב פאָרויסגעזאָגט, און זאָג פאָרויס, ווי בשעת
איך בין געווען ביי אייך דאָס צווייטע מאָל, און
איצט פונדערווייטנס, צו די, וואָס האָבן פריער
געזינדיקט און צו די אַלע איבעריקע, אַז ווען איך
3 וועל ווידער קומען, וועל איך נישט שוינען; ווייל
איר פאַרלאַנגט אַ באַווייז, אַז דורך מיר רעדט דער
משיח, וועלכער איז נישט שוואַך לגבי אייך, נאָר אַ

4 גבור צווישן אייך; וואָרום הגם ער איז געקרייציקט
געוואָרן אויס שוואַכקייט, לעבט ער אָבער דורך
ג־טס גבורה. וואָרום אויך מיר זענען שוואַך אין אים,
נאָר מיר וועלן לעבן מיט אים דורך ג־טס גבורה
5 לגבי אייך. זוכט אייך אַליין אונטער, צי איר זענט
אין דער אמונה; פּרובירט אייך אַליין אויס. אָדער
ווייסט איר נישט אַליין, אַז ישוע המשיח איז אין
6 אייך? אַ חוץ אויב איר זענט פאַרוואָרפענע. איך
האָף אָבער, אַז איר וועט זיך דערוויסן, אַז מיר זענען
7 נישט קיין פאַרוואָרפענע. מיר זענען מתפּלל צו
ג־ט, אַז איר זאָלט נישט טון קיין שום שלעכטס;
נישט כדי מיר זאָלן זיך אַרויסווייזן אַלס באַוויליקטע,
נאָר כדי איר זאָלט טון דאָס גוטע, און מיר זאָלן
8 זיין ווי פאַרוואָרפענע. וואָרום מיר קענען גאָרנישט
9 (טון) קעגן דעם אמת, נאָר פאַר דעם אמת. וואָרום
מיר פרייען זיך, ווען מיר זענען שוואַך און איר
זענט שטאַרק; דאָס דאָזיקע ווינטשן מיר אויך, איר
10 זאָלט ווערן שלימותדיק. צוליב דעם שרייב איך דאָס
פונדערווייטנס, כדי ווען איך וועל זיין ביי אייך,
זאָל איך מיך נישט מוזן אומגיין שטרענג, לויט
דער מאַכט, וואָס דער האַר האָט מיר געגעבן צום
אויפבויען און נישט צום צעשטערן.
11 צולעצט, ברידער, פריידט זיך, זייט שלימותדיק,
טרייסט זיך, האָט אחדות אין אייער מחשבה, לעבט
בשלום; און דער ג־ט פון ליבע און שלום וועט זיין מיט
12 אייך. גיט אָפּ שלום איינער דעם אַנדערן מיט אַ
הייליקן קוש.
13 אַלע קדושים געבן אייך אָפּ שלום
14 זאָל דער חסד פון דעם האַר ישוע המשיח און די
ליבע פון ג־ט און די חברותאשאַפט פון דעם רוח
הקודש זיין מיט אייך אַלעמען. אמן.

# דער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די גאַלאַטער

1 פּוילוס, אַ שליח, נישט פון מענטשן, נישט דורך אַ
מענטשן, נאָר דורך ישוע המשיחן, און ג~ט דעם
פּאָטער, וועלכער האָט אים אויפגעוועקט פון די
2 טויטע, און אַלע ברידער, וואָס זענען מיט מיר,
3 צו די קהלות פון גאַלאַטיען: חסד צו אייך און
שלום פון ג~ט אונזער פּאָטער, און פון דעם האַר
4 ישוע המשיח, וועלכער האָט זיך געגעבן פאַר אונזערע
זינד, כדי אונז אַרויסצוראַטעווען פון דער איצ־
טיקער בייזער וועלט, לויט דעם רצון פון ג~ט און
5 אונזער פּאָטער; צו וועמען זאָל זיין כבוד לעלמי
עולמים· אמן·
6 איך וואונדער מיך, וואָס אַזוי געשווינט בייגט
איר זיך אָפּ פון דעם, וועלכער האָט אייך גערופן
אין דעם חסד פונם משיח, צו אַן אַנדערש־אַרטיקער
7 בשורה; וואָס איז נישט קיין אַנדערע, אַ חוץ וואָס
עס געפינען זיך אייניקע (לייט), וואָס באַאומרואיקן
אייך און ווילן פאַרדרייען די גוטע בשורה פון דעם
8 משיח· נאָר אַפילו ווען מיר (אַליין), אָדער אַ
מלאך פון הימל, זאָל אייך אָנזאָגן אַ בשורה אויסער
דער, וואָס מיר האָבן אייך אָנגעזאָגט, זאָל ער זיין
9 אין חרם· אַזוי ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, און
איך זאָג עס איצט ווידער: אויב עמיצער זאָגט
אייך אָן אַ בשורה אַ חוץ דער, וואָס איר האָט אָנגע־
10 נומען, זאָל ער זיין אין חרם· וואָרום זוך איך דען
איצט צו געווינען מענטשן, אָדער ג~ט? אָדער זוך
איך צו געפינען חן ביי מענטשן? אויב איך וואָלט

נאָך געזוכט צו געפינען חן ביי מענטשן, וואָלט איך
נישט געווען משיחס קנעכט.

11 וואָרום איך מאַך אייך באַקאַנט, ברידער, אַז די
גוטע בשורה, וואָס ווערט אָנגעזאָגט פון מיר, איז
12 נישט לויט אַ מענטשן. ווייל נישט האָב איך זי
באַקומען פון אַ מענטשן, נישט האָט מען מיך זי
אויסגעלערנט, נאָר (זי איז) דורך אַן אַנטפּלעקונג
13 פון ישוע המשיחן. וואָרום איר האָט דאָך געהערט
פון מיין התנהגות אַמאָל אין יידנטום, אַז איבער
דער מאָס האָב איך פאַרפאָלגט די קהלה פון
14 ג־ט און זי וויסט געמאַכט; און בין איבער־
געשטיגן אין יידנטום אַ סך מיינסגלייכן אין יאָרן
צווישן מיין פאָלק, זייענדיק אַ זער גרויסער קנאַי
15 פאַר דער מסורה פון מיינע אבות. ווען אָבער עס
איז וואוילגעפעלן דעם, וועלכער האָט מיך אָפּגע־
שיידט פון מיין מוטערס לייב און דורך זיין חסד
16 מיך גערופן, צו אַנטפּלעקן זיין זון אין מיר, כדי
איך זאָל אים אָנזאָגן צווישן די אומות־העולם: האָב
17 איך גלייך מיך נישט באַראָטן מיט בשר ודם, און בין
אַפילו נישט אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים צו די,
(וואָס זענען געווען) שליחים פאַר מיר, נאָר בין
אַוועק קיין אַראַביען, און האָב מיך ווידער אומגע־
קערט קיין דמשק.

18 שפּעטער, אין דריי יאָר אַרום, בין איך אַרויפ־
געגאַנגען קיין ירושלים זיך צו באַקענען מיט כיפא,
19 און בין פאַרבליבן ביי אים פיפצן טעג. און קיין
אַנדערן פון די שליחים האָב איך נישט געזען,
20 אַ חוץ יעקבן, דעם האַרס ברודער. וואָס אָבער
איך שרייב צו אייך, אָט פאַר ג־ט, אַז איך זאָג
21 נישט קיין שקר. נאָך דעם בין איך אַוועק אין די
22 געגנטן פון סיריען און ציליציען. און בין אָבער

געווען אומבאַקאַנט צו די קהלות אין יהודה,
23 וועלכע זענען אינם משיח; זיי האָבן נאָר בלויז
געהערט: דער, וואָס האָט אונז אַמאָל פאַרפאָלגט,
זאָגט איצט אָן די אמונה, וועלכע ער האָט פריער
24 צעשטערט; און האָבן פאַרהעלעכט ג־ט צוליב
מיר.

## קאַפּיטל צוויי

1 דאַן, נאָך פערצן יאָר, בין איך ווידער אַרויפ־
געגאַנגען קיין ירושלים מיט בר־נבאן, מיטגע־
2 מענדיק מיט מיר אויך טיטוסן. איך בין אָבער
אַרויפגעגאַנגען לויט אַן אַנטפּלעקונג; און האָב
פאָרגעלייגט פאַר זיי די גוטע בשורה, וואָס איך
רוף אויס צווישן די אומות־העולם, און בפרט פאַר
די חשובים, כדי איך זאָל נישט לויפן אומזיסט, אָדער
3 האָבן געלאָפן. דאָך אַפילו טיטוסן, וועלכער איז
געווען מיט מיר, הגם אַ גריך, האָט מען נישט
4 געצוואונגען זיך צו לאָזן מל זיין; אָבער מחמת די
פאַלשע ברידער, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט,
וועלכע זענען אַריינגעקומען אויסצושפּיאָנירן אונ־
זער פרייהייט, וואָס מיר האָבן אינם משיח ישוע,
5 כדי זיי זאָלן אונז פאַרקנעכטן; צו וועמען מיר האָבן
אַפילו אויף קיין איין שעה נישט נאָכגעגעבן מיט
הכנעה; כדי דער אמת פון דער גוטער בשורה זאָל
6 פאַרבלייבן ביי אייך. אָבער פון די, וואָס האָבן
פאַר עפּעס געגאָלטן,—עס מאַכט מיר גאָרנישט
אויס, וואָס זיי זענען אַמאָל געווען: ג־ט איז נישט
קיין נושא פנים פון אַ מענטשן—מיר האָבן די חשובים
7 גאָרנישט צוגעלייגט; נאָר להיפך, ווען זיי האָבן
געזעען, אַז מיר איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די גוטע
בשורה צו די ערלים, פּונקט אַזוי, ווי פּעטרוסן

8 צו די געמלטע—וואָרום דער, וועלכער האָט קרעפ־
טיק געווירקט אין פעטרוסן אין דער שליחות צו
די געמלטע, האָט אויך קרעפטיק געווירקט אין
9 מיר צווישן די גוים—, און דערקענענדיק דעם חסד,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, האָבן יעקב און
כיפא און יוחנן, וואָס זענען פאַררעכנט פאַר זײַלן,
מיר געגעבן און בר־נבאן די רעכטע האַנט פון
חברותאשאַפט, אַז מיר זאָלן (גיין) צו די אומות־
10 העולם, און זיי צו די געמלטע; רק, אַז מיר זאָלן
געדענקען די אָרומעלייט, וואָס איך האָב מיך אויך
געפּלייסט דאָס זעלבע צו טון.
11 ווען אָבער כיפא איז געקומען קיין אַנטיאָכיען,
האָב איך מיך אים אַקעגנגעשטעלט פנים אל פנים,
12 ווייל ער איז געווען שולדיק. וואָרום פריער,
איידער עס זענען אָנגעקומען אייניקע (לייט) פון
יעקבן, האָט ער געגעסן מיט די גוים; ווען אָבער זיי
זענען געקומען, האָט ער זיך דערווײַטערט און
אָפּגעשיידט (פון זיי), מורא האָבנדיק פאַר די געמלטע.
13 און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אויך די איבריקע
יידן פאַרשטעלט, אַזוי, אַז אַפילו בר־נבא איז
14 פאַרפירט געוואָרן פון זייער צביעות. נאָר ווען
איך האָב געזען, אַז זיי גייען נישט ריכטיק לויט
דעם אמת פון דער בשורה טובה, האָב איך געזאָגט
צו כיפאן פאַר אַלעמען: אויב דו, זייענדיק אַ ייד,
לעבסט גויש און נישט יידיש, וואָס צווינגסטו די
15 גוים זיך אויפצופירן ווי יידן? מיר זענען בטבע
16 יידן, און נישט קיין חוטאים פון די גוים, און ווייל
מיר ווייסן, אַז קיין מענטש ווערט נישט גערעכט־
פערטיקט דורך מעשים פון דער תורה, נאָר דורך
דער אמונה פונעם משיח ישוע, האָבן מיר אויך
געגלייבט אין דעם משיח ישוע, כדי מיר זאָלן

גערעכטפערטיקט ווערן דורך אמונה אינם משיח,
און נישט דורך מעשים פון דער תורה; ווייל
דורך מעשים פון דער תורה וועט קיין בשר (ודם)
17 נישט גערעכטפערטיקט ווערן. אויב אָבער, זוכנדיק
גערעכטפערטיקט צו ווערן אינם משיח, מיר אַליין
ווערן אויך געפונען ווי חוטאים, איז דען משיח
18 אַ משרת פון זינד? חס ושלום! וואָרום אויב איך בוי
ווידער אויף דאָס, וואָס איך האָב צעשטערט, ווייז
19 איך מיך אַרויס פאַר אַ פושע. וואָרום איך בין
געשטאָרבן צו דער תורה דורך דער תורה, כדי
20 איך זאָל לעבן פאַר ג־ט. מיט משיחן בין איך געקריי־
ציקט געוואָרן, און לעב שוין נישט מער, נאָר
משיח לעבט אין מיר; און וואָס איך לעב איצט אינם
פלייש, לעב איך אין אמונה פון דעם בן אלקים,
וועלכער האָט מיך ליב געהאַט און זיך געגעבן
21 פאַר מייגעטוועגן. איך בין נישט מבטל דעם חסד
פון ג־ט; וואָרום אויב גערעכטפערטיקונג (איז)
דורך דער תורה, דאַן איז משיח געשטאָרבן אומ־
זיסט.

## קאַפּיטל דריי

3

1 אָ אומפאַרשטענדיקע גאַלאַטער! ווער האָט אייך
פאַרכשופט, אייך, פאַר וועמעס אויגן ישוע
המשיח איז פריער געמאָלט געוואָרן אַלס געקריי־
2 ציקט? בלויז דאָס דאָזיקע וויל איך לערנען פון
אייך: צי דורך מעשים פון דער תורה האָט איר
באַקומען דעם רוח (הקודש), אָדער דורך דער
3 שמועה פון גלויבן? אַזוי אומפאַרשטענדיק זענט
איר? אָנהויבנדיק מיט דעם גייסט, לאָזט איר
4 איצט אויס מיט דעם פלייש? אַזויפיל האָט
איר געליטן אומזיסט? אויב עס איז ווירקלעך

5 אומזיסט· און ער, וועלכער גיט אייך דעם גייסט און
טוט אויף צווישן אייך גבורות, (צי טוט ער עס דען)
דורך מעשים פון דער תורה, אָדער דורך דער
6 שמועה פון אמונה? פונקט אַזוי ווי אברהם האָט
געגלויבט ג־ט, און עס איז אים צוגערעכנט געוואָרן
7 פאַר גערעכטיקייט· (בראשית טו, ו·) דעריבער זאָלט איר
וויסן זיין, אַז די, וועלכע זענען פון אמונה, זענען
8 בני אברהם· און ווייל דער פסוק האָט פאָרויסגעזעען,
אַז ג־ט וועט גערעכטפערטיקן די גוים דורך אמונה,
האָט ער פאָרויס אָנגעזאָגט די בשורה צו אברהמען:

אין דיר וועלן געבענטשט ווערן אַלע פעלקער·
(בראשית יח, יח; יב, ג·)

9 אַזוי אַרום ווערן די, וואָס זענען פון אמונה, גע־
10 בענטשט צוזאַמען מיט אברהמען דעם מאמין· וואָרום
אַלע, וואָס זענען פון די מעשים פון דער תורה,
זענען אונטער אַ קללה; ווייל עס שטייט געשריבן:

פאַרשאָלטן איז יעדער איינער, וועלכער פאַר־
בלייבט נישט אין אַלעם, וואָס עס שטייט
געשריבן אין דער ספר תורה, עס צו טון·
(דברים כז, כו·)

11 נאָר אַז דורך דער תורה ווערט קיינער נישט
גערעכטפערטיקט פאַר ג־ט איז באַשיינפערלעך
קלאָר; ווייל:

דער צדיק וועט דורך אמונה לעבן; (חבקוק ב, ד·)

12 די תורה אָבער איז נישט פון אמונה; נאָר: ווער
עס טוט זיי, דער וועט דורך זיי לעבן· (ויקרא יח, ה·)
13 משיח האָט אונז אויסגעקויפט פון דער קללה פון
דער תורה, ווערנדיק אַ קללה פאַר אונזערטוועגן;
ווייל עס שטייט געשריבן:

פאַרשאָלטן איז יעדער איינער, וועלכער הענגט
אויף אַ האָלץ; (דברים כא, כג·)

14 כדי די ברכה פון אברהמען זאָל קומען צו די פעלקער
אין ישוע המשיחן; כדי מיר זאָלן באַקומען די
הבטחה פון דעם גייסט דורך דער אמונה·
15 ברידער, איך רעד (פשוט) ווי אַ מענטש: אַפילו
אַ מענטשנס באַשטעטיקטע צוואה איז קיינער נישט
16 מבטל אָדער זעצט (עפּעס) צו (דערצו)· און צו
אברהמען זענען געזאָגט געוואָרן די הבטחות און
צו זיין זאָמען· ער זאָגט נישט: און צו זאָמענס,
ווי וועגן אַ סך; נאָר ווי אויף אַ יחיד: און צו דיין
17 זאָמען, וועלכער איז דער משיח· איך זאָג אָבער
דאָס דאָזיקע: אַ בונד (ברית), פאָרויס־באַשטעטיקט
פון ג־ט, קען די תורה, וועלכע איז געקומען פיר
הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער, נישט אָפּשאַפן,
18 אַז די הבטחה זאָל בטל ווערן· וואָרום אויב די
ירושה איז דורך דער תורה, איז זי מער נישט
דורך דער הבטחה; ג־ט אָבער האָט זי אברהמען
19 געשענקט דורך אַ הבטחה· וואָס זשע איז די
תורה? זי איז צוגעלייגט געוואָרן צוליב די זינד,
ביז דער זאָמען וועט קומען, אויף וועמען די הבטחה
באַציט זיך; זי (די תורה) איז פאַראָרדנט געוואָרן
דורך מלאכים אין דער האַנט פון אַ פאַרמיטלער·
20 דער פאַרמיטלער אָבער איז נישט פון איינעם;
21 ג־ט אָבער איז איינער· צי איז דען דעריבער די
תורה קעגן די הבטחות פון ג־ט? חס ושלום! וואָרום
וואָלט אַ תורה געגעבן געוואָרן, וועלכע וואָלט
געווען בכח לעבעדיק צו מאַכן, וואָלט באמת די
22 גערעכטיקייט געווען מן התורה· דער פסוק האָט
אָבער אַלעמען איינגעשלאָסן אונטער דער זינד,
כדי די הבטחה דורך אמונה אין ישוע המשיחן זאָל
געגעבן ווערן צו די, וועלכע גלויבן· (תהלים יד, א־ג·)
23 פריער אָבער, איידער די אמונה איז געקומען,

זענען מיר געווען אונטער דער וואַך פון דער תורה,
איינגעשלאָסן פאַר דער אמונה, וואָס האָט געזאָלט
24 אַנטפּלעקט ווערן. אַזוי אַרום איז די תורה געוואָרן
אונזער דערציערין פאַר דעם משיח, כדי מיר זאָלן
25 גערעכטפערטיקט ווערן דורך אמונה. און אַז די
אמונה איז שוין געקומען, זענען מיר מער נישט
26 אונטער אַ דערציער. וואָרום אַלע זענט איר ג־טס
27 קינדער דורך אמונה אין ישוע המשיחן. וואָרום
איר אַלע, וועלכע זענען געטובלט געוואָרן צום
28 משיח, האָבן זיך מתלבש געווען מיט משיחן. עס
גיבט מער נישט ייד נישט גריך, עס גיבט מער
נישט קנעכט נישט פרייער (מענטש), עס גיבט
מער נישט זכר און נקבה; וואָרום אַלע זענט איר
29 איינס אינם משיח ישוע. און אויב איר געהערט
צום משיח, זענט איר ווירקלעך אברהמס זאָמען—
יורשים לויט דער הבטחה.

## קאַפּיטל פיר

1 איך זאָג אָבער, אַז כל זמן דער יורש איז אַ קינד,
אונטערשיידט ער זיך מיט גאָרנישט פון אַ קנעכט,
2 הגם ער איז האַר פון אַלעם; נאָר איז אונטער
אפּוטרופּסים און פאַרוואַלטער, ביז צו דער צייט
3 פאַרויסגעזעצט פון דעם פאָטער. פּונקט אַזוי אויך
מיר, בשעת מיר זענען געווען קינדער, זענען מיר
געווען אין קנעכטשאַפט אונטער די עלעמענטאַרע
4 כללים פון דער וועלט; ווען אָבער עס איז געקומען
די דערפילונג פון דער צייט, האָט ג־ט אַרויס־
געשיקט זיין זון, געבוירן פון אַ פרוי, געבוירן
5 אונטער דער תורה, כדי אויסצולייזן די, וואָס
זענען אונטער דער תורה, כדי מיר זאָלן באַקומען

6 דאָס רעכט פון קינדער. און ווייל איר זענט קינדער,
האָט ג־ט אַרויסגעשיקט דעם גייסט פון זיין זון
אין אונזערע הערצער אַריין, וואָס רופט: אבא,
7 טאַטע־פאָטער! דערפאַר ביסטו מער נישט קיין
קנעכט, נאָר אַ זון; און אויב אַ זון, (דאַן) אויך אַ
יורש דורך ג־ט.
8 נאָר דעמלט, ווען איר האָט נישט געקענט ג־ט,
האָט איר געדינט צו די, וואָס מן הטבע זענען נישט
9 קיין געטער; איצט אָבער, קענענדיק ג־ט, יאָ נאָך
מער, דערקענט פון ג־ט, וויאַזוי קערט איר זיך
עפּעס ווידער אום צו די שוואַכע און אָרעמע
אָנהויב־יסודות, צו וועלכע איר ווילט ווידער,
10 אויפסניי זיין אין קנעכטשאַפט? טעג היט איר אָפּ
11 און חדשים און זמנים און יאָרן. איך האָב מורא
פאַר אייך, טאָמער האָב איך געפּראַצעוועט צווישן
אייך אומזיסט.
12 איך בעט אייך, ברידער, זייט ווי איך בין, ווייל
איך בין אויך ווי איר זענט. איר האָט מיך גאָרנישט
13 באַעוולט; נאָר איר ווייסט, אַז צוליב אַ שלאַפקייט
אינעם לייב האָב איך אייך דאָס ערשטע מאָל אָנגע־
14 זאָגט די גוטע בשורה; און אייער נסיון אין מיין
לייב האָט איר נישט מבזה געווען און נישט פאַר־
וואָרפן, נאָר ווי אַ מלאך פון ג־ט האָט איר מיך
15 אויפגענומען, ווי דעם משיח ישוע. און וואו איז
(אַהינגעקומען) אייער געבענטשטקייט? וואָרום איך
זאָג אייך עדות, אַז אויב עס וואָלט נאָר מעגלעך
געווען, וואָלט איר זיך אַרויסגענומען די אויגן
16 און מיר געגעבן. בין איך דערפאַר געוואָרן אייער
17 שונא, ווייל איך האָב אייך געזאָגט דעם אמת? זיי
זענען אייפעריק וועגן אייך, נישט צום גוטן; זיי
ווילן נאָר אייך אויסשליסן, כדי איר זאָלט זיין

18 אייפריק וועגן זיי. עס איז אָבער אַ גוטע זאַך
תמיד צו אייפערן צום גוטן, און נישט נאָר בשעת
19 מיין אָנוועזנהייט ביי אייך. קינדער מיינע, פאַר
וועמען איך לייד ווידער געבורטסווייען, ביז משיח
20 וועט נישט געווינען אין אייך געשטאַלט, איך וואָלט
איצט געוואָלט זיין ביי אייך, און ענדערן מיין קול;
ווייל איך בין אין ספק וועגן אייך.

21 זאָגט מיר, איר, וועלכע ווילן זיין אונטער דער
תורה, צי הערט איר נישט (וואָס) די תורה (זאָגט)?
22 וואָרום עס שטייט געשריבן, אַז אברהם האָט געהאַט
צוויי זין, איינעם פון דער דינסטמויד און איינעם
23 פון דער פרייער (פרוי). נאָר דער פון דער דינסט־
מויד איז געבוירן געוואָרן לויטן פלייש, דער
אָבער פון דער פרייער (פרוי) דורך דער הבטחה.
24 די זאַכן זענען אַ משל; וואָרום דאָס זענען צוויי
בריתות (בונדן), איינער פונם באַרג סיני, וואָס
מאַכט געבוירן צו קנעכטשאַפט, דאָס איז הגר.
25 און הגר איז דער באַרג סיני אין אַראַביען, און איז
גלייך צום איצטיקן ירושלים, וואָרום זי איז אין
26 קנעכטשאַפט מיט אירע קינדער. אָבער דאָס ירו־
שלים של מעלה איז פריי, דאָס איז אונזער מוטער.
27 וואָרום עס שטייט געשריבן:

פריי דיך, דו עקרה, וועלכע האָט נישט געבוירן,
ברעך אויס אין געזאַנג, און שריי, אָ דו, וועלכע
האָט נישט קיין געבורטסווייען;
ווייל פיל מער זענען די קינדער פון דער
פאַרלאָזטער,
ווי פון דער, וועלכע האָט דעם מאַן. (ישעיהו נד, א.)

28 איר אָבער, ברידער, ווי יצחק, זענט קינדער
29 פון דער הבטחה. נאָר פונקט ווי דעמלט האָט
דער געבוירענער לויטן פלייש גערודפט דעם

30 (געבוירענעם) לויטן גייסט, אַזוי אויך איצט. נאָר
וואָס זאָגט דער פסוק? טרייב אַרויס די דינסטמויד
מיט איר זון; וואָרום דער זון פון דער דינסטמויד
וועט נישט ירשענען מיט דעם זון פון דער פרייער
31 (פרוי). (בראשית כא, י) דעריבער, ברידער, זענען
מיר נישט קינדער פון דער דינסטמויד, נאָר פון
דער פרייער (פרוי).

## קאַפּיטל פינף

1 צו דער פרייהייט האָט משיח אונז פריי געמאַכט;
שטייט זשע פעסט, און לאָזט זיך נישט ווידער
איינשפּאַנען אין אַ יאָך פון קנעכטשאַפט.
2 אָט איך, פּאולוס, זאָג אייך, אַז אויב איר לאָזט
3 זיך מל זיין, העלפט אייך משיח גאָרנישט. נאָכאַמאָל
זאָג איך עדות צו יעדן מענטשן, וואָס לאָזט זיך מל
זיין, אַז ער איז מחויב צו האַלטן די גאַנצע תורה.
4 איר האָט זיך אָפּגעריסן פונעם משיח, איר, וועלכע
ווילן גערעכטפערטיקט ווערן דורך דער תורה; איר
5 זענט אָפּגעפאַלן פון דעם חסד. וואָרום מיר וואַרטן
אינעם גייסט אויף דער האָפנונג פון גערעכטיקייט
6 דורך אמונה. וואָרום אין משיח ישוע נישט די
מילה נישט די ערלה גילט עפּעס, נאָר אמונה,
7 וואָס ווירקט דורך ליבע. איר זענט גוט געלאָפן;
ווער האָט אייך געהינדערט, אַז איר זאָלט נישט
8 געהאָרכן דעם אמת? די איינרעדונג איז נישט פון
9 דעם, וועלכער רופט אייך. אַ קליין ביסל חמץ
10 מאַכט זויער דאָס גאַנצע טייג. איך בין בטוח וועגן
אייך אין דעם האַר, אַז איר וועט גאָרנישט אַנדערש
דענקען; דער אָבער, וואָס באַטריבט אייך, וועט
11 טראָגן זיין משפּט, ווער עס זאָל נישט זיין. איך

אָבער, ברידער, אויב איך דרשן נאָך די מילה,
פאַרוואָס ווער איך נאָך אַלץ גערודפט? דאַן האָט דאָך
12 דאָס מכשול פון דעם בוים (שמואל ב יח:ט) אויפגעהערט! הלואַי
זאָלן די, וואָס פאַרפירן אייך, זיך (אינגאַנצן) מסרס
זיין.
13 וואָרום איר, ברידער, זענט גערופן געוואָרן צו
פרייהייט; בלויז די פרייהייט זאָל נישט ווערן קיין
תירוץ פאַר דעם פלייש, נאָר דינט דורך ליבע
14 איינער דעם אַנדערן. וואָרום די גאַנצע תורה איז
דערפילט אין איין וואָרט, אין דעם: דו זאָלסט ליב
15 האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. (ויקרא יט, יח.) אויב אָבער
איר בייסט און פרעסט זיך איינס דאָס אַנדערע, גיט
אַכטונג, איר זאָלט נישט פאַרצערט ווערן איינער
פונם אַנדערן.
16 איך זאָג אָבער: וואַנדלט אינם גייסט און דערפילט
17 נישט די תאוות פונם פלייש. וואָרום דאָס פלייש
גלוסט קעגן דעם גייסט, און דער גייסט קעגן דעם
פלייש; די דאָזיקע שטעלן זיך אַקעגן איינס דאָס
אַנדערע, כדי איר זאָלט נישט טון וואָס איר ווילט.
18 אויב אָבער איר ווערט געפירט פונם גייסט, זענט
19 איר נישט אונטער דער תורה. באַשיינפּערלעך,
(קלאָר) אָבער זענען די מעשים פון דעם פלייש,
וועלכע זענען זנות, טומאה, אויסגעלאַסנקייט,
20 עבודה זרה, כישוף, שנאה, צאַנקעריי, אייפ־
21 ערזוכט, צאָרן, קריגעריי, מחלוקת, כיתות, קנאה,
שכרות, פרעסעריי, און דאָס גלייכן; וואָס איך זאָג
אייך אָן פאָרויס, ווי איך האָב אייך (שוין) פריער
געזאָגט, אַז די, וואָס טון די דאָזיקע זאַכן, וועלן
22 נישט ירשענען דאָס קעניגרייך פון ג־ט. די פירות
אָבער פון דעם גייסט זענען ליבע, שמחה, שלום,
23 סבלנות, פריינטלעכקייט, גוטסקייט, אמונה, ענווה,

איינגעהאַלטנקייט; קעגן אַזעלכע זאַכן איז נישט
24 פֿאַראַן קיין תורה. די אָבער, וואָס געהערן צום
משיח ישוע האָבן געקרייציקט דאָס פֿלייש צוזאַמען
מיט די גלוסטונגען און תאוות.
25 אויב מיר לעבן דורכן גייסט, לאָמיר אויך וואַנד־
26 לען אינעם גייסט. לאָמיר זיך נישט יאָגן נאָך פּוסטן
כבוד, צו דערצערנען איינער דעם אַנדערן און
מקנא צו זיין איינער דעם אַנדערן.

## קאַפּיטל זעקס

1 ברידער, ווען אַפֿילו אַ מענטש ווערט געכאַפּט
אין עפּעס אַן עבֿירה, זאָלט איר, די אנשי הרוח,
אַזעלכן ווידער אויפֿשטעלן אין אַ גייסט פֿון ענווה;
אַכטונג געבנדיק אויף דיר אַליין, טאָמער וועסטו
2 אויך קומען צו אַ נסיון. טראָגט איינער דעם
אַנדערנס לאַסטן, און אויף אַזאַ אופֿן וועט איר מקיים
3 זיין די תורה פֿון דעם משיח. וואָרום אויב עמיצער
מיינט, אַז ער איז עפּעס, ווען ער איז גאָרנישט,
4 באַטריגט ער זיך אַליין. נאָר זאָל יעדער איינער
אויספּרובירן זיין אייגן טון, און דעמלט וועט ער
האָבן דעם רום בלויז פֿאַר זיך אַליין, און נישט
5 קעגן דעם אַנדערן. וואָרום יעדער איינער וועט
טראָגן זיין אייגענע משׂא.
6 דער, וועלכער ווערט געלערנט אין וואָרט, זאָל
7 זיך טיילן מיט זיין מלמד אין אַלעם גוטן. נאַרט
זיך נישט אַליין אָפּ; ג־ט לאָזט נישט אָפּשפּאָטן
פֿון זיך; וואָרום וואָס אַ מענטש וועט זייען,
8 דאָס דאָזיקע וועט ער אויך שניידן. ווייל דער,
וועלכער זייעט אויף זיין פֿלייש, וועט פֿון דעם
פֿלייש שניידן פֿאַרדאַרבונג; דער אָבער, וועלכער

זייעט אויף דעם גייסט, וועט פון דעם גייסט
9 שניידן אייביק לעבן. לאָמיר נישט ווערן מיד צו טון
גוטס; וואָרום מיר וועלן שניידן אין דער געהעריקער
10 צייט, אויב מיר וועלן נישט מאַט ווערן. דעריבער,
אַזוייווי מיר האָבן אַ געלעגנהייט, לאָמיר טון גוטס
צו אַלעמען, און איבערהויפּט צום הויזגעזינט פון
אונזער אמונה.

11 זעט מיט וואָס פאַר אַ גרויסע אותיות איך האָב
געשריבן צו אייך מיט מיין (אייגענער) האַנט.
12 אַלע, וואָס ווילן מאַכן אַ שיין פּנים אינם פלייש,
צווינגען אייך זיך צו לאָזן מל זיין; בלויז כדי זיי
זאָלן נישט גערודפט ווערן פאַרן בוים (שמואל ב יח:ט) פון משיח.
13 וואָרום אַפילו די געמלטע אַליין היטן נישט אָפּ די
תורה; נאָר זיי ווילן, אַז איר זאָלט זיך מל זיין,
14 כדי זיי זאָלן זיך באַרימען מיט אייער פלייש. פאַר
מיר אָבער פאַרמיטן זאָל עס זיין זיך צו באַרימען,
אַ חוץ מיט דעם בוים (שמואל ב יח:ט) פון דעם האַר אונזערן ישוע
המשיח, דורך וועלכן די וועלט איז געקרייציקט
15 פאַר מיר, און איך פאַר דער וועלט. וואָרום נישט
מילה נישט ערלה איז עפּעס, נאָר אַ נייע באַשאַפונג.
16 און וויפל עס וועלן וואַנדלען לויט דעם דאָזיקן כלל,
שלום אויף זיי און רחמים, און אויף דעם ישראל
פון ג־ט.

17 איבריקנס זאָל מיר קיינער (מער נישט) פאַרשאַפן
קיין מידיקייט, וואָרום איך טראָג אין מיין גוף די
צייכנס פון דעם (האַר) ישוע.

18 דער חסד פון דעם האַר אונזערן ישוע המשיח
(זאָל זיין) מיט אייער גייסט, ברידער. אמן.

# דער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די עפעזער

1 פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע דורך ג־טס
רצון צו די קדושים, וואָס געפינען זיך אין
עפעזוס און צו די מאמינים אינם משיח ישוע:
2 חסד צו אייך און שלום פון ג־ט אונזער פאָטער,
און פון דעם האַר ישוע המשיח׃
3 געלויבט זאָל זיין דער ג־ט און פאָטער פון אונזער
האַר ישוע המשיח, וואָס האָט אונז געבענטשט מיט
יעדער רוחניותדיקער ברכה אין די הימלישע ערטער
4 אינם משיח; לויט ווי ער האָט אונז אויסדערוויילט
אין אים איידער נאָך די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן,
אַז מיר זאָלן זיין הייליק און אָן אַ פעלער פאַר אים
5 אין ליבע; פאָרויסבאַשטימענדיק אונז צו זיין קינדער
צו אים דורך ישוע המשיחן לויט דעם וואוילגעפעלן
6 פון זיין רצון, צום לויב פון דעם כבוד פון זיין חסד,
מיט וועלכן ער האָט אונז באַגנעדיקט אין זיין
7 געליבטן זון; אין וועמען מיר האָבן די ישועה דורך
זיין בלוט, די פאַרגעבונג פון (אונזערע) זינד, לויט
8 דער עשירות פון זיין חסד, וואָס ער האָט פאַרמערט
לגבי אונז אין יעדער חכמה און פאַרנונפטיקייט,
9 באַקאַנט מאַכנדיק צו אונז דעם סוד פון זיין רצון,
לויט זיין וואוילגעפעלן, וואָס ער האָט פון פריער
10 באַשלאָסן אין אים, כדי אין דער פאַרוואַלטונג פון
דער פולקייט פון די צייטן איינצוזאַמלען אינם
משיח אַלץ, וואָס איז אויף די הימלען און אויף דער
11 ערד; אין אים, אין וועמען אויך מיר זענען געוואָרן
יורשים, פאָרויס באַשטימט לויט דער כוונה פון
אים, וואָס ווירקט אַלץ לויט דער עצה פון זיין רצון;
12 כדי מיר זאָלן זיין צום לויב פון זיין כבוד, מיר,

וואָס האָבן פון פריער געהאָפט אין דעם משיח;
13 אין וועמען אויך איר, האָבנדיק געהערט דאָס וואָרט
פון אמת—די גוטע בשורה פון אייער ישועה,—אין
וועמען אויך ווערנדיק מאמינים, איר זענט פאַר־
חתמעט געוואָרן דורך דעם גייסט פון דער הבטחה—
14 דעם רוח הקודש, וועלכער איז דער ערבון פון
אונזער ירושה, ביז צו דער אויסלייזונג פון דעם
עם סגולה, צום לויב פון זיין כבוד.
15 צוליב דעם אויך איך, האָבנדיק געהערט פון
אייער גלויבן אין דעם האַר ישוע און דער ליבע
16 צו אַלע הייליקע, הער נישט אויף אָפּצוגעבן אַ שבח
פאַר אייך, ווען איך דערמאָן אייך אין מיינע תפילות;
17 אַז דער ג־ט פון אונזער האַר ישוע המשיח, דער
פאָטער פון כבוד, זאָל אייך געבן אַ גייסט פון
חכמה און פון אַנטפּלעקונג אין דער דערקענ־
18 טעניש פון אים; אַז די אויגן פון אייער האַרץ זאָלן
דערלויכטן ווערן, כדי איר זאָלט וויסן וואָס איז
די האָפענונג פון זיין רוף, און עשירות פון זיין
19 הערלעכער ירושה אין די הייליקע, און ווי איבער־
שטייגדיק גרויס זיין מאַכט איז לגבי אונז, די
מאמינים, לויט דער ווירקונג פון זיין מעכטיקן
20 כח, וועלכן ער האָט ווירקזאַם געמאַכט אין דעם
משיח, ווען ער האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע
און אים אַנידערגעזעצט אויף זיין רעכטער זייט
21 אין די הימלען, העכער פון יעדער הערשאַפט און
ממשלה און מאַכט און רעגירונג און יעדן נאָמען,
וואָס ווערט גערופן, נישט נאָר אין דער דאָזיקער
22 וועלט, נאָר אויך לעולם הבא; און אַלץ האָט ער
געלייגט אונטער זיינע פיס און אים אַליין געגעבן
23 ווי אַ ראש איבער אַלעם צו דער קהלה, וועלכע
איז זיין גוף, זיין פולקייט, וואָס פילט אָן אַלץ
אין אַלעם.

## קאַפּיטל צוויי

1 און אייך, וואָס איר זענט געווען טויט אין אייערע
2 עבירות און חטאים, אין וועלכע איר האָט אַמאָל
געוואַנדלט לויט דעם צייטלויף פון דער וועלט,
לויט דעם שר פון דער מאַכט פון דער לופט, פון דעם
גייסט, וואָס ווירקט איצט אין די קינדער פון
3 ווידערשפעניקייט—צווישן וועלכע מיר האָבֿן אויך
אַמאָל געלעבט אין די תאוות פון אונזער פלייש,
טוענדיק דעם ווילן פון דעם פלייש און פון דעם
פאַרשטאַנד, און לויט דער נאַטור זענען מיר געווען
קינדער פון צאָרן פונקט אַזוי ווי אַפילו די אַנדערע;—
4 ג־ט אָבֿער, זייענדיק רייך אין רחמים, האָט צוליבֿ
זיין גרויסער ליבֿע, מיט וועלכער ער האָט אונז
5 ליבֿ געהאַט, אַפילו ווען מיר זענען געווען טויט
אין די עבירות, אונז לעבעדיק געמאַכט צוזאַמען
מיט דעם משיח—מיט חסד זענט איר געראַטעוועט
6 געוואָרן—, און האָט אונז אויפגעוועקט און אונז
אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט דעם משיח ישוע
7 אין די הימלישע ערטער; כדי צו ווייזן אין די
קומענדיקע וועלטצייטן די שפע פון דער עשירות
פון זיין חסד אין גוטסקייט לגבי אונז אינם משיח
8 ישוע: וואָרום מיט חסד זענט איר געראַטעוועט
געוואָרן דורך אמונה, און דאָס נישט פון אייך
9 אַליין, עס איז אַ מתנה פון ג־ט; נישט פון מעשים
(טובֿים), כדי קיינער זאָל זיך נישט באַרימען;
10 וואָרום מיר זענען זיין ווערק, באַשאַפן אינם משיח
ישוע צו מעשים טובֿים, וועלכע ג־ט האָט פאָרויס
צוגעגרייט, אַז מיר זאָלן וואַנדלען אין זיי.
11 צוליבֿ דעם זאָלט איר געדענקען, אַז אַמאָל זענט

איר געווען גוים אינם פלייש, וואָס זענען גערופן
געוואָרן ערלים פון די, וואָס הייסן נמולים—אַ מילה
12 אינם פלייש, אַ מיט הענט געמאַכטע—אַז צו יענער
צייט זענט איר געווען אָן אַ משיח, אויסגעשלאָסענע
פון דעם בירגער־רעכט פון ישראל און פרעמדע
וואָס שייך די בריתות (געטלעכע בונדן) פון דער
הבטחה, אָן אַ האָפנונג און אָן ג־ט אין דער וועלט.
13 איצט אָבער אינם משיח ישוע איר, וואָס זענט אַמאָל
געווען ווייט, זענט געוואָרן נאָענט דורך דעם
14 בלוט פון דעם משיח. ווארום ער איז אונזער שלום,
וועלכער האָט געמאַכט די ביידע איינס און האָט
צעשטערט די אָפּשיידנדיקע מחיצה, די שנאה,
15 מיט זיין אייגן לייב, בטל מאַכנדיק די תורה פון
מצוות און חוקות; כדי אין זיך אַליין צו באַשאַפן
פון די צוויי איין נייעם מענטשן, (און אַזוי) מאַכנדיק
16 שלום; און צו פאַראיינבאַרן די ביידע אין איין
גוף צו ג־ט דורך דעם בוים, טייטנדיק די שנאה
17 דורך אים; און איז געקומען און מבשר געווען
שלום צו אייך, די ווייטע און שלום צו אייך,
18 די נאָענטע; ווייל דורך אים האָבן מיר, די ביידע,
דעם צוטריט אין איין גייסט צום פאָטער.
19 דעריבער זענט איר אַזוי אַרום מער נישט קיין
גרים און נכרים, נאָר איר זענט מיטבירגער פון
20 די קדושים און ג־טס בני־בית, אויפגעבויט אויף
דעם יסוד פון שליחים און נביאים, בשעת משיח
21 ישוע אַליין איז דער ווינקלשטיין; אין וועמען די
גאַנצע געביידע איז צוזאַמענגעפּאַסט און וואַקסט
22 אויס צו אַ בית המקדש אין דעם האַר (גאָט); אין
וועמען אויך איר ווערט מיטגעבויט פאַר אַ וואוינונג
פון ג־ט אינם גייסט.

## קאַפּיטל דריי

1 צוליב דעם בין איך, פּוילוס, דער געפאַנגענער
2 פון דעם משיח ישוע פאַר אייך גוים,—אויב איר
האָט געהערט פון דער פאַרוואַלטונג פון ג־טס חסד,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פאַר אייערטוועגן,
3 אַז לויט אַן אַנטפּלעקונג איז מיר נתגלה
געוואָרן דער סוד, ווי איך האָב אייך שוין פריער
4 געשריבן בקיצור, כדי לייענענדיק עס, זאָלט איר
קענען פאַרשטיין מיין השגה אין דעם סוד
5 פון דעם משיח, וואָס איז אין אַנדערע דורות
נישט נתגלה געוואָרן צו די מענטשנקינדער
ווי עס איז איצט אַנטפּלעקט צו זיינע הייליקע,
6 שליחים און נביאים אינם גייסט, אַז די גוים
זענען מיטיורשים און מיטגלידער און מיט־
אַנטיילנעמער פון דער הבטחה אינם משיח ישוע
7 דורך דער בשורה טובה, פון וועלכער איך בין געוואָרן
אַ משרת לויט דער מתנה פון ג־טס חסד, וואָס איז
מיר געגעבן געוואָרן לויט דער ווירקונג פון זיין
8 גבורה; מיר, דעם קלענסטן פון אַלע קדושים, איז
געגעבן געוואָרן דער דאָזיקער חסד, אָנצוזאָגן צו
די גוים די בשורה פון משיחס נישט־אויספאָרשבאַרער
9 עשירות; און אַלעמען צו באַלויכטן, וואָס עס איז
דער ערך פון דעם סוד, וועלכער איז פון אייביקע
צייטן אָן געווען פאַרבאָרגן אין ג־ט דעם באַשעפער
10 פון אַלעם; כדי איצט זאָל נתגלה ווערן צו די
ממשלות און מאַכטן אין די הימלישע ערטער
דורך דער קהלה די פילפאַכיקע חכמה פון ג־ט,
11 לויט דעם אייביקן באַשלוס, וואָס ער האָט געמאַכט
12 אין דעם משיח ישוע, דעם האַר אונזערן; אין וועמען

מיר האָבן דעם פּתחון פּה און דעם צוטריט מיט
13 בטחון דורך אמונה אין אים. דערפאַר בעט איך
מיך ביי אייך, איר זאָלט נישט אַנטמוטיקט ווערן
דורך מײַנע צרות פאַר אייערטוועגן, וועלכע זענען
אַ כבוד פאַר אייך.

14 צוליב דעם בויג איך מיינע קני פאַר דעם פאָטער,
15 פון וועמען אַלע משפחות אין הימל און אויף דער
16 ערד ווערן אָנגערופן (מיט אַ נאָמען), אַז ער זאָל
אייך געבן לויט דער עשירות פון זיין כבוד, מיט
גבורה געשטאַרקט צו ווערן אין דעם אינערלעכן
17 מענטשן דורך זיין גייסט; אַז דורך אמונה זאָל דער
משיח וואוינען אין אייערע הערצער; אַז איר
זאָלט זיין איינגעוואָרצלט און געגרונטפעסטיקט
18 אין ליבע, כדי איר זאָלט קענען משיג זיין
צוזאַמען מיט אַלע קדושים די ברייט און די לענג
19 און די הויך און די טיפעניש, און צו דערקענען
דעם משיחס ליבע, וואָס שטייגט איבער דערקענ־
טעניש, כדי איר זאָלט אָנגעפילט ווערן מיט יעדער
שפע פון ג־ט.

20 און צו אים, וואָס איז אימשטאַנד צו טון פיל מער
איבער אונזער בעטן אָדער טראַכטן, לויט דעם כח,
21 וואָס ווירקט אין אונז, צו אים זאָל זיין כבוד
אין דער קהלה און אינם משיח ישוע לדור דור
לעלמי עולמים. אמן.

## קאַפּיטל פיר

1 דעריבער בעט איך אייך, איך, דער געפאַנ־
גענער אינם האַר, אַז איר זאָלט וואַנדלען ווי
עס שטייט אָן דעם רוף, מיט וועלכן איר זענט
2 גערופן געוואָרן, מיט יעדער הכנעה און עניוות־

דיקייט, מיט סבלנות, דערטראָגנדיק איינער דעם
3 אַנדערן אין ליבע, און זייט פלייסיק אָפּצוהיטן די
אחדות פון דעם גייסט אין דעם קנופּ פון שלום:
4 איין גוף און איין גייסט, ווי איר זענט אויך
גערופן געוואָרן אין איין האָפענונג פון אייער רוף;
5 6 איין האַר, איין אמונה, איין טבילה; איין ג־ט און
פאָטער פון אַלעמען, וועלכער איז איבער אַלעמען
7 און דורך אַלעמען און אין אַלעמען. נאָר יעדן
איינעם פון אונז איז דער חסד געגעבן געוואָרן
8 לויט דער מאָס פון דעם משיחס מתנה. דערפאַר
זאָגט ער:

ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהויך,
האָט ער געפאַנגענשאַפט גענומען געפאַנגען
און געגעבן מתנות צו די מענטשן. (תהלים סח, יט.)

9 און דאָס ער איז אַרויפגעגאַנגען, וואָס באַטייט עס,
אויב נישט אַז ער איז אויך אַראָפּגעגאַנגען אין די
10 נידריקסטע טיילן פון דער ערד? דער, וואָס איז
אַראָפּגעגאַנגען, איז דער זעלביקער, וואָס איז אַרויפ־
געגאַנגען העכער פון אַלע הימלען, כדי אַלץ ממלא
11 צו זיין. און האָט געגעבן אייניקע פאַר שליחים,
און אייניקע פאַר נביאים, און אייניקע פאַר מבשרים,
12 און אייניקע פאַר פאַסטוכער און מלמדים; צו דער
פאַרפאָלקאָמונג פון די הייליקע פאַר דעם טון
פון דער עבודה, צום אויפבויען פון דעם משיחס
13 גוף, ביז מיר אַלע וועלן דערגרייכן צו דער אחדות
פון אמונה און דערקענטעניש פון דעם בן אלקים,
צום פאָלקאָמענעם מענטשן, צו דער מאָס פון דעם
14 וואוקס פון משיחס פולקייט; כדי מיר זאָלן מער
נישט זיין קיין קינדער, פון כוואַליעס געשטויסן
און אַרומגעטראָגן פון יעדן ווינט פון לערנונג,
דורך דער באַטריגערישקייט פון מענטשן, דורך

15 כיטרעקייט פון באַטרוג צו פאַרפירן; נאָר, זאָגנדיק
דעם אמת אין ליבע, לאָמיר אין אַלעם וואַקסן אין
16 אים, וואָס איז דער קאָפּ, דער משיח, פון וועמען
דער גאַנצער גוף, זייענדיק צוזאַמענגעפּאַסט און
צוזאַמענגעבונדן, דורך אַלע געלענקען, וואָס (איינס)
העלפט (דאָס אַנדערע), וואָס לויט דעם כח אין מאָס
פון יעדן אבר באַזונדער, מאַכט וואַקסן דעם גוף,
זיך אויפצובויען אין ליבע.

17 דאָס דאָזיקע זאָג איך דעריבער און באַשווער
אייך אינם האַר, אַז איר זאָלט זיך מער נישט אויפ־
פירן, ווי די גוים פירן זיך אויף אין דער נישטי־
18 קייט פון זייער שכל, וועלכע זענען פאַרפינסטערט
אין זייער פאַרשטאַנד, פאַרפרעמדט פון דעם לעבן
פון ג־ט, צוליב דעם אומוויסן, וואָס איז אין זיי, דורך
19 דער פאַרטעמפּטקייט פון זייער האַרץ; האָבנדיק
פאַרלוירן יעדעס געפיל, האָבן זיי זיך איבער־
געגעבן צו פאַרשייטקייט, צו טון יעדע אומזויבער־
20 קייט אין (שייכות מיט) געלטגייציקייט. איר אָבער
21 האָט נישט אַזוי געלערנט דעם משיח; אויב איר האָט
באמת פון אים געהערט און זענט געלערנט געוואָרן
22 אין אים, —ווי דער אמת איז אין ישוען—, אַז וואָס
שייך דעם פריערדיקן וואַנדל זאָלט איר אָפּטון
דעם אַלטן מענטשן, וועלכער גייט צו גרונט פון
23 די פאַרפירערישע תאוות, און באַנייט ווערן
24 אינם גייסט פון אייער פאַרשטאַנד. און זאָלט זיך
אָנקליידן דעם נייעם מענטשן, וואָס איז באַשאַפן
געוואָרן לויט (דעם צלם) אלקים אין צדקות און
קדושה פונם אמת.

25 דערפאַר טוט אָפּ פון אייך דעם שקר און רעדט
דעם אמת, יעדער איינער מיט זיין חבר, ווייל מיר
26 זענען אברים איינער פונם אַנדערן. צאָרנט און

זינדיקט נישט· זאָל די זון נישט אונטערגיין אויף
27 אייער רוגז; און גיט נישט דעם שטן קיין אָרט·
28 זאָל דער גנב מער נישט גנבענען, נאָר ליבער זאָל
ער אַרבעטן, טועגדיק גוטס מיט זיינע אייגענע
הענט, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו געבן דעם, וואָס
29 האָט נויט· זאָל קיין געמיין וואָרט נישט אַרויסקומען
פון אייער מויל אַרויס, נאָר וואָס איז גוט, וואו
נויטיק, צום אויפבויען, כדי עס זאָל געבן חן
30 צו די, וואָס הערן עס· און באַטריבט נישט ג־טס
רוח הקודש, אין וועמען איר זענט פאַרחתמעט
31 געוואָרן ביז צום טאָג פון דער גאולה· יעדע
ביטערקייט, און כעס און צאָרן און געשריי און
לעסטערונג זאָלט איר אָפּטון פון אייך, צוזאַמען
32 מיט יעדער רשעות; ווערט אָבער גוט איינער צום
אַנדערן, באַרמהערציק, זייט זיך מוחל איינער
דעם אַנדערן, ווי אויך ג־ט אינם משיח האָט אייך
מוחל געווען·

## קאַפּיטל פינף 5

1 זייט דעריבער אין די דרכים פון ג־ט, ווי געליבטע
2 קינדער; און וואַנדלט אין ליבע, ווי אויך דער
משיח האָט אייך ליב געהאַט און זיך איבערגעגעבן
פאַר אונז אַלס אַ קרבן און זבח צו ג־ט פאַר אַ
3 ריח־ניחוח· זנות אָבער און יעדע אומזויבערקייט
אָדער גייציקייט זאָל אַפילו נישט דערמאָנט
ווערן ביים נאָמען צווישן אייך, ווי עס שטייט
4 אָן פאַר הייליקע; אויך נישט קיין נבול־פה און
נאַרישע רייד אָדער צווידייטיקע וויצן, וואָס פּאַסן
זיך נישט; נאָר ליבער (זאָלט איר אָפּגעבן) אַ שבח·
5 וואָרום דאָס דאַזיקע זאָלט איר וויסן זיין, אַז קיין

בואף אָדער אומזויבערער (מענטש) אָדער געלט־
גייציקער, וואָס איז ווי אַ געצנדינער, האָט נישט
קיין נחלה אין דעם מלכות פון דעם משיח און ג־ט.
6 זאָל אײַך קיינער נישט פאַרפירן מיט פוסטע רייד;
וואָרום דורך די דאָזיקע קומט ג־טס צאָרן אויף
7 די קינדער פון ווידערשפעניקייט. ווערט דעריבער
8 נישט קיין מיטאָנטיילנעמער מיט זיי; וואָרום אַמאָל
זענט איר געווען פינסטערניש, איצט אָבער (זענט
איר) ליכט אין דעם האַר, פירט זשע זיך אויף ווי
9 קינדער פונם ליכט—וואָרום די פירות פון דעם
ליכט באַשטייען אין יעדער גוטסקייט און גערעכטי־
10 קייט און וואָרהאַפטיקייט—, און פּרובירט אויס וואָס
עס איז וואוילגעפעלן פאַר דעם האַר (ג־ט); און
11 האָט נישט קיין חברותאשאַפט מיט די אומפּרוכט־
באַרע מעשים פון דער פינסטערניש, נאָר ליבער
12 זאָלט איר זיי שטראָפן; וואָרום עס איז אַפילו אַ
חרפה צו רעדן פון דעם, וואָס זיי טון אין פאַרבאָר־
13 געניש. און אַלץ, וואָס ווערט געשטראָפט פונם
ליכט, ווערט אַנטפלעקט, ווייל אַלץ, וואָס ווערט
14 אַנטפלעקט, איז ליכט. דערפאַר זאָגט ער:

וואַך אויף, דו שלאָפנדיקער,
און שטיי אויף פון די טויטע,
און דער משיח וועט דיך באַלויכטן! (ישעיהו ס, א.)

15 גיט זשע גוט אַכטונג וויאַזוי איר וואַנדלט,
16 נישט ווי נאַראָנים, נאָר ווי חכמים; אויסקויפנדיק
17 די צייט, ווייל די טעג זענען בייז. צוליב דעם זאָלט
איר נישט זיין נאַריש, נאָר איר זאָלט פאַרשטיין
18 וואָס דעם האַר (ג־טס) רצון איז. און שכורט זיך
נישט אָן מיט וויין, אין וועלכן עס איז צעלאָזנקייט,
19 נאָר ווערט אָנגעפילט מיט דעם גייסט; רעדנדיק
איינער מיט דעם אַנדערן מיט שירות ותשבחות

און רוחניותדיקע שירים, און זינגט און שפּילט אין
20 אייער האַרץ צום האַר; גיט אַלעמאָל אָפּ אַ שבח צו
ג־ט און דעם פאָטער פאַר אַלעם אין דעם נאָמען
21 פון אונזער האַר ישוע המשיח; און אונטערטעניקט
זיך איינס צום אַנדערן אין דער יראה פונם
משיח.
22 זאָלן די פרויען זיין (אונטערטעניק) צו זייערע
23 אייגענע מענער ווי צום האַר, ווייל דער מאַן
איז דער קאָפּ פון דער פרוי, ווי אויך דער
משיח איז דער קאָפּ פון דער קהלה; ער אַליין
24 איז דער רעטער פונם גוף. נאָר ווי די קהלה
איז אונטערטעניק צום משיח, אויך אַזוי זאָלן די
25 פרויען (זיין) צו די מענער אין אַלעם. איר מענער,
האָט ליב אייערע פרויען, ווי אויך דער משיח
האָט ליב געהאַט די קהלה, און זיך אַוועק־
26 געגעבן פאַר איר, כדי ער זאָל זי הייליקן, האָבנדיק
זי טהור־געמאַכט דורך דער טבילה פון וואַסער
27 מיט דעם וואָרט, כדי ער זאָל אַוועקשטעלן פאַר
זיך די קהלה אַ הערלעכע, וואָס האָט נישט קיין
פלעק אָדער קנייטש אָדער עפּעס דאָס גלייכן, נאָר
28 אַז זי זאָל זיין הייליק און אָן אַ פעלער. אויך אַזוי
זענען די מענער מחויב ליב צו האָבן זייערע פרויען ווי
זייערע אייגענע קערפּערס. ווער עס האָט ליב זיין
29 אייגענע פרוי, דער האָט זיך אַליין ליב; וואָרום קיינער
האָט נאָך קיינמאָל נישט פיינט געהאַט זיין אייגן
לייב, נאָר ער שפּייזט עס און פלעגט עס אַזוי, ווי
30 אויך דער משיח די קהלה; ווייל מיר זענען גלידער
31 פון זיין גוף. דערפאַר וועט אַ מענטש פאַרלאָזן דעם
פאָטער און די מוטער, און זיך באַהעפטן מיט זיין ווייב,
32 און די צוויי וועלן זיין איין פלייש. (בראשית ב, כד.)
דאָס דאָזיקע איז אַ גרויסער סוד, איך רעד אָבער

33 פון דעם משיח און דער קהלה· דאָך זאָל אויך
יעדער איינער פון אייך, איינער ווי דער אַנדערער,
אַזוי ליב האָבן זיין ווייב, ווי זיך אַליין; און די
פרוי זאָל האָבן ערעפורכט פאַרן מאַן·

## קאַפּיטל זעקס

1 קינדער, געהאָרכט אייערע עלטערן אינם האַר,
2 וואָרום דאָס איז יושרדיק· האַלט ערלעך
דיין פאָטער און מוטער, דאָס איז דאָס ערשטע
3 געבאָט מיט אַ הבטחה; כדי עס זאָל דיר גיין וואויל,
און דו זאָלסט לעבן לאַנג אויף דער ערד· (דברים ה׳,
4 טז·) און איר, טאַטעס, דערצערנט נישט אייערע
קינדער, נאָר דערציט זיי אין דעם חינוך און
אין דעם מוסר פון דעם האַר·
5 איר קנעכט, געהאָרכט די, וואָס לויטן פלייש
זענען אייערע האַרן, מיט מורא און ציטערניש
אין דער איינפאַכקייט פון אייער האַרץ, ווי דעם
6 משיח; דינענדיק נישט בלויז פאַרן אויג, ווי איר וואָלט
געוואָלט מענטשן געפעלן, נאָר ווי משיחס קנעכט,
7 וואָס טון ג־טס רצון פונם האַרצן; דינט מיט גוטן
8 ווילן, ווי דעם האַר און נישט פאַר מענטשן; וויסנ־
דיק, אַז וואָס פאַר אַ גוטס יעדער איינער וועט
נישט טון, וועט ער דאָס זעלביקע באַקומען פונם
9 האַר, סײַ קנעכט סײַ פרייער מענטש· און איר
האַרן, טוט די זעלביקע זאַכן לגבי זיי, אויפהערנדיק
צו דראָען, ווייל איר ווייסט, אַז זייער האַר און
אייערער איז אין הימל, און פאַר אים גיבט נישט
קיין נושא־פנים זיין·
10 צום סוף, ווערט שטאַרק אינם האַר און אין
11 דעם כח פון זיין גבורה· טוט אָן די כלי־זין

פון ג~ט, כדי איר זאָלט קענען ביישטיין די
12 כיטרעקייטן פון דעם שטן. ווייל דער קאַמף
פאַר אונז איז נישט קעגן בלוט און פלייש,
נאָר קעגן די ממשלות, קעגן די מאַכטן, קעגן
די וועלטהערשער פון דער דאָזיקער חשכה,
קעגן די רוחות רעות אין די הימלישע ערטער.
13 צוליב דעם נעמט אייך די כלי־זין פון ג~ט,
כדי איר זאָלט זיך קענען אַקעגנשטעלן אין דעם
בייזן טאָג, און האָבנדיק אַלץ געטון, צו בלייבן
14 שטיין. דעריבער זאָלט איר שטיין מיט אייערע
לענדן אַרומגעגאַרטלט מיט אמת, און אָנגעטון
15 מיט דעם פאַנצער פון צדקות, און אייערע פיס
באַשוכט מיט גרייטקייט פאַר דער גוטער בשורה
16 פון שלום; און איבער אַלעם נעמט דעם שילד
פון אמונה, מיט וועלכן איר וועט זיין בכוח אויס־
צולעשן אַלע ברענענדיקע פיילן פון דעם בייזן
17 (שטן). און דעם העלם פון ישועה זאָלט איר נעמען,
און די שווערד פון דעם גייסט, וואָס איז ג~טס
18 וואָרט; מתפלל זייענדיק צו יעדער צייט אינם גייסט
מיט תפילות און תחנונים, און צו דעם צוועק
וואַכנדיק מיט יעדער התמדה און געבעט פאַר אַלע
19 קדושים, און פאַר מיר, אַז עס זאָל מיר געגעבן
ווערן אַ וואָרט ביים אויפמאַכן מיין מויל, כדי מיט
אַ פתחון פה מגלה־צו־זיין דעם סוד פון דער
20 גוטער בשורה, פאַר וועלכער איך בין אַ שליח (אַן
אַמבאַסאַדאָר) אין קייטן, אַז דערין זאָל איך רעדן
אַזוי מוטיק, ווי עס איז מיין חוב.
21 און כדי אויך איר זאָלט וויסן וואָס מיט מיר
געשעט און וואָס איך טו, וועט טיכיקוס, דער
געליבטער ברודער און געטרייער משרת אינם
22 האַר, אייך אַלץ צו־וויסן טון. אים האָב איך געשיקט

צו אייך טאַקע צוליב דעם דאָזיקן, כדי איר זאָלט
זיך דערוויסן ווי עס דערגייט אונז, און אַז ער זאָל
טרייסטן אייערע הערצער·
23 שלום צו די ברידער, און ליבע מיט אמונה פון
ג-ט דעם פאָטער און פון דעם האַר ישוע המשיח·
24 זאָל דער חסד זיין מיט אַלע, וואָס האָבן ליב דעם
האַר אונזערן ישוע המשיח מיט אַן אומפאַרדאַרב־
לעכער ליבע· אמן·

# דער בריוו צו די פיליפער

1 פּוילוס און טימאָטעוס, קנעכט פונם משיח ישוע,
צו אַלע הייליקע אינם משיח ישוע, וועלכע
געפינען זיך אין פיליפּיען, מיט די משגיחים און
2 שמשים: חסד צו אייך און שלום פון ג־ט אונזער
פאָטער, און פון דעם האַר ישוע המשיח.
3 איך דאַנק מיין ג־ט אַזוי אָפט ווי איך דערמאָן
4 מיך אין אייך, אַלעמאָל אין אַלע מיינע תפילות
פאַר אייך אַלעמען—תפילה־טוענדיק מיט פרייד—,
5 צוליב אייער חברותאשאַפט אין דער בשורה טובה
6 פון דעם ערשטן טאָג אָן ביז איצט; זייענדיק בטוח
אין דער דאָזיקער זאַך, אַז ער (ג־ט), וואָס האָט
אָנגעהויבן אַ גוטע אַרבעט אין אייך, וועט זי פאַרפאָל־
7 קאָמענען ביז צום טאָג פונם משיח ישוע; ווי עס
איז רעכט פאַר מיר דאָס דאָזיקע צו דענקען וועגן
אייך אַלע, ווייל איר האָט מיך אין אייער האַרץ,
און אַלע זענט איר אָנטיילנעמער מיט מיר אין
דעם חסד און אין מיינע קייטן, אין דער פאַרטיידי־
קונג און אין דער באַפעסטיקונג פון דער בשורה
8 טובה. וואָרום ג־ט איז מיין עדות, ווי איך בענק
נאָך אייך אַלעמען אין דער באַרמהאַרציקייט פונם
9 משיח ישוע. און בין מתפלל אויף דעם דאָזיקן,
אַז אייער ליבע זאָל זיך אַלץ שטאַרקן מער און מער
10 אין דערקענטעניש און יעדער פאַרשטאַנדיקייט, כדי
אונטערשיידן די פאַרשיידענע זאַכן, כדי איר זאָלט
זיין לויטער און וואָס דערפירן נישט צום שטרויכ־
11 לען ביז צום טאָג פונם משיח, אָנגעפילט מיט
דער פרוכט פון צדקות, וועלכע איז דורך ישוע
המשיחן, צו ג־טס כבוד און לויב.

12 און איך וויל אייך מודיע־זיין, ברידער, אַז דאָס,
וואָס איז מיר געשעען, איז גאָר נאָך מער אויס־
געפאַלן צום פאָרטשריט פון דער בשורה טובה,
13 אַזוי, אַז מיינע קייטן צוליב משיחן זענען אַנטפּלעקט
געוואָרן אין דעם גאַנצן פּרעטאָריום און אין אַלע
14 אַנדערע (ערטער); און דאָס רוב פון די ברידער
אינם האַר איז דערמוטיקט געוואָרן דורך מיינע
קייטן, מיט נאָך מער מוט, אומדערשראָקן צו
15 רעדן גאָטס וואָרט. אייניקע טאַקע צוליב קנאה
און געצאַנק, און אַנדערע פון גוטן ווילן דרשענען
16 דעם משיח; די דאָזיקע טון עס פון ליבע, וויסנדיק,
אַז איך בין באַשטימט געוואָרן צום פאַרטיידיקן
17 די בשורה טובה; אָבער יענע מיט אומריינע מאָטיוון
מאַכן באַקאַנט דעם משיח, נישט אויפריכטיקערהייט,
18 צילנדיק צוצולייגן אַ צרה צו מיינע קייטן. דעריבער
וואָס? נאָר על כל פנים, צי אַלס אַן אויס־
רייד אָדער באמת, משיח ווערט אויסגערופן:
און אין דעם דאָזיקן פריי איך מיך, און וועל מיך
19 נאָך פרייען. וואָרום איך ווייס, אַז דאָס דאָזיקע
וועט אויספאַלן צו מיין ישועה, דורך אייער
מתפלל זיין און דורך דער הילף פון ישוע המשיחס
20 גייסט, לויט מיין ערנסטער דערוואַרטונג און
בטחון, אַז איך וועל אין גאָרנישט פאַרשעמט
ווערן, נאָר אין יעדער מוטיקייט, ווי אַלעמאָל,
אַזוי אויך איצט, וועט משיח פאַרהערלעכט ווערן
אין מיין לייב, סײַ דורכן לעבן און סײַ דורכן
21 טויט. וואָרום פאַר מיר איז משיח דאָס לעבן און
22 דאָס שטאַרבן—אַ געווינס. נאָר אויב צו לעבן אין
דעם פלייש, איז דאָס דאָזיקע פאַר מיר פרוכט פון
אַרבעט; און איך ווייס נישט וואָס אויסצודערוויילן.
23 און פון ביידע זייטן בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט,

האָבנדיק דעם פאַרלאַנג נפטר צו ווערן און צו זיין
24 מיט משיחן, ווייל עס איז פיל בעסער; צו בלייבן
אָבער אינם פלייש איז פיל נויטיקער פאַר אייערט־
25 וועגן. און דאָס דאָזיקע ווייס איך גאַנץ געוויס, אַז
איך וועל בלייבן און זיין מיט אייך אַלעמען צו
26 אייער שטאַרקונג און שמחה פון גלויבן; כדי אייער
באַרימען זיך אינם משיח ישוע זאָל פאַרמערט ווערן
דורך מיין קומען צו אייך נאָכאַמאָל.
27 נאָר פירט זיך אויף ווי עס שטייט אָן דער בשורה
טובה פונם משיח, כדי צי איך קום און זע אייך,
אָדער קום נישט און הער וועגן אייך, אַז איר שטייט
אין איין גייסט, און קעמפט צוזאַמען מיט איין נפש
28 פאַר דער אמונה פון דער בשורה טובה, און אין
גאָרנישט אָנגעשראָקן פון די קעגנער: וועלכעס
איז צו זיי אַ באַווייז פון פאַרלוירן ווערן, צו אייך
אָבער פון רעטונג, און דאָס דאָזיקע איז פון
29 ג־ט; ווייל צו אייך איז געגעבן געוואָרן פון וועגן
דעם משיח, נישט נאָר צו גלויבן אין אים, נאָר
30 אויך צו ליידן פאַר אים; האָבנדיק דעם זעלביקן
קאַמף, וועלכן איר האָט געזען אין מיר, און איצט
הערט איר איז אין מיר.

## קאַפּיטל צוויי

1 אויב דעריבער עס געפינט זיך וועלכע נישט איז
טרייסט אין דעם משיח, אויב אַ מיטגעפיל פון
ליבע, אויב אַ חברותאשאַפט פון דעם גייסט, אויב
2 רחמים און באַרמהערציקייט, מאַכט מיין שמחה
פול, אַז איר זאָלט דענקען דאָס זעלביקע, האָבנדיק
די זעלביקע ליבע, זייענדיק אייניק, האָבנדיק
3 איין מחשבה; גאָרנישט טוענדיק דורך צאַנקעריי

אָדער פוסטער גאווה, נאָר עניוותדיקערהייט האַלט־
נדיק איינער דעם אַנדערן ווי גרעסער פון זיך
4 אַליין; נישט אַכטונג געבנדיק נאָר אויף זיין
אייגנס, נאָר אויך אויף יענעמס. זאָל ביי אייך
5 זיין די זעלביקע מחשבה, וואָס איז געווען אין
6 דעם משיח ישוע, וועלכער, זייענדיק אין דעם
געשטאַלט פון ג־ט, האָט עס נישט באַטראַכט
פאַר אַ חזקה פעסטצוהאַלטן גלייך צו זיין צו ג־ט,
7 נאָר האָט זיך אויסגעלעערט, נעמענדיק אויף זיך
דאָס געשטאַלט פון אַ קנעכט, ווערנדיק ענלעך צו
8 מענטשן; און געפונען ווערנדיק אין מענטשלעכער
פאָרם, האָט ער זיך נידריק געמאַכט און איז געוואָרן
געהאָרכזאַם ביז צום טויט—דעם טויט אויפן בוים(שמואל [illegible])
9 דערפאַר טאַקע האָט אויך ג־ט אים זער דערהייכט,
און אים געשענקט דעם נאָמען, וואָס איז איבער
10 יעדן נאָמען, כדי אין דעם נאָמען ישוע זאָל זיך
בייגן יעדע קני, וואָס איז אין הימל און אויף דער
11 ערד און אונטער דער ערד, און יעדע צונג זאָל
מודה זיין, אַז ישוע המשיח איז האַר, צום כבוד פון
ג־ט דעם פאָטער.

12 דעריבער, מיינע געליבטע, ווי איר זענט תמיד
געווען געהאָרכזאַם, נישט נאָר אין מיין אָנוועזנ־
הייט (ביי אייך), נאָר פיל מער איצט אין מיין
אָפּוועזנהייט, אַזוי אַרבעט אויס אייער אייגענע
13 ישועה מיט יראה און מיט ציטערניש; וואָרום ג־ט
איז עס, וואָס ווירקט אין אייך סײַ צו וועלן סײַ
14 צו טון לויט זיין רצון. טוט אַלץ אָן מורמלען און
15 וויכּוחים, כדי איר זאָלט זיין אָן שולד און אָן פאַלשקייט,
קינדער פון ג־ט אָן אַ מום אין דער מיט פון אַ
פאַרקרומט און אַ פאַרדרייט דור, צווישן וועלכע
16 איר שיינט ווי ליכט אין דער וועלט, פעסט־

האַלטנדיק דאָס וואָרט פון לעבן, מיר צום רום אינם
טאָג פון דעם משיח, אַז איך בין נישט אומזיסט
17 געלאָפן און האָב נישט אומזיסט געפּראַצעוועט.
נאָר אויב איך זאָל אַפילו אויסגעגאָסן ווערן אויף
דעם קרבן און עבודה פון אייער אמונה, פריי איך
18 מיך, און פריי מיך מיט אייך אַלע צוזאַמען; און
איבער דעם דאָזיקן זאָלט איר זיך אויך פרייען
און מיטפרייען מיט מיר.

19 און איך האָף אין דעם האַר ישוע צו שיקן
טימאָטעוסן צו אייך אין גיכן, כדי איך זאָל זיך
אויך פילן באַרואיקט, דערוויסנדיק זיך ווי עס
20 דערגייט אייך. וואָרום איך האָב נישט קיינעם,
וואָס איז גלייך צו אים אין גייסט, וועלכער זאָל
21 ווירקלעך פאַר אייך זאָרגן. וואָרום אַלע זוכן זייערע
אייגענע עסקים, נישט דאָס, וואָס איז שייך ישוע
22 המשיחן. איר אָבער ווייסט זיין אויסגעפּרואווטקייט,
אַז ווי אַ קינד צו זיין פאָטער, אַזוי האָט ער געאַרבעט
23 ווי אַ קנעכט מיט מיר אין דער בשורה טובה. האָף
איך דעריבער אים צו שיקן, אַזוי גיך ווי נאָר
איך וועל זיך דערוויסן, וואָס מיט מיר וועט געשעען,
24 און האָב בטחון אין דעם האַר, אַז איך אַליין
25 וועל אויך באַלד קומען צו אייך. איך האָב אָבער
געהאַלטן פאַר נייטיק צו שיקן צו אייך עפּאַפראָ־
דיטוסן, מיין ברודער און מיטאַרבעטער און מיטקעמ־
26 פער, אייער שליח און דינער אין מיין נויט; ווייל
ער האָט געבענקט נאָך אייך אַלעמען, און זיך
שטאַרק מצער געווען צוליב דעם, וואָס איר האָט
27 געהערט, אַז ער איז קראַנק געווען; וואָרום ער איז
טאַקע געווען טויטקראַנק; נאָר ג־ט האָט זיך
מרחם געווען אויף אים, און נישט נאָר אויף אים
אַליין, נאָר אויך אויף מיר, כדי איך זאָל נישט

28 האָבן טרויער אויף טרויער. איך האָב אים דעריבער
מער איילנדיק געשיקט, כדי איר זאָלט זיך פרייען,
ווידער זעענדיק אים, און איך זאָל זיין אָן זאָרג.
29 זייט זשע אים מקבל אין דעם האַר מיט יעדער
שמחה; און טיילט צו כבוד אַזעלכע ווי ער איז;
30 ווייל צוליב דעם ווערק פון משיח איז ער
געקומען נאָענט צום טויט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן
כדי צו דערפילן דאָס, וואָס האָט געפעלט אין
אייער באַדינונג פאַר מיר.

## קאַפּיטל דריי

1 ווייטער, ברידער מיינע, פריידט זיך אינעם האַר.
צו שרייבן צו אייך די זעלביקע זאַכן איז פאַר
מיר נישט קיין לאַסט, פאַר אייך אָבער איז עס אַ
פאַרזיכערונג.
2 היט זיך פאַר די כלבים, היט זיך פאַר די שלעכטע
אַרבעטער, היט זיך פאַר דער קערפּערלעכער
3 באַשניידונג; וואָרום מיר זענען די (פון דער אמתער)
באַשניידונג, וואָס דינען ג־ט דורכן גייסט, וואָס
באַרימען זיך אינעם משיח ישוע, און האָבן נישט
4 קיין בטחון אויף דעם גשמיותדיקן; הגם איך וואָלט
אויך געקענט האָבן בטחון אויף דעם גשמיותדיקן;
אויב אַן אַנדערער מיינט, ער קען האָבן בטחון אויף
5 דעם גשמיותדיקן, קען איך פיל מער; מיך האָט מען
מל געווען דעם אַכטן טאָג, איך בין פונעם פאָלק
ישראל, פונעם שבט בנימין, אַן עברי פון די עברים,
6 אַ פּרוש לויט דער תורה; לויט דער קנאות—אַ
רודף פון דער קהלה; וואָס שייך דער צדקות,
7 וועלכע קומט פון דער תורה, אָן אַ מום. נאָר די
זאַכן, וואָס זענען פאַר מיר געווען אַ געווינס, זיי

האָב איך באַטראַכט ווי אַ פאַרלוסט פאַר משיחס
8 וועגן. יאָ, איך באַטראַכט טאַקע אַלץ ווי אַ
פאַרלוסט פון וועגן דער דערהויבנקייט פון דער
דערקענטעניש פונעם משיח ישוע מיין האַר, צוליב
וועמען איך האָב אַלץ פאַרלוירן, און איך באַטראַכט
9 אַלץ ווי מיסט, כדי איך זאָל געווינען משיחן, און
געפינען ווערן אין אים, נישט מיט מיין (אייגענער)
צדקות, וועלכע איז פון דער תורה, נאָר מיט דער,
וואָס איז דורך גלויבן אינעם משיח,—ג־טס צדקות,
10 וועלכע קומט דורך אמונה; אַז איך זאָל אים קענען,
און די מאַכט פון זיין אויפשטיין (תחית המתים),
און די חברותאשאַפט פון זיינע עינויים, ענלעך־
11 ווערנדיק צו זיין טויט; אפשר וועל ציך ווי עס
12 איז דערגרייכן צו תחית המתים. נישט אַז איך האָב
שוין דערגרייכט, אָדער בין שוין פאָלקאָם געוואָרן;
נאָר איך יאָג נאָך, אפשר וועל איך אויך דערגרייכן,
ווי איך בין דערגרייכט געוואָרן פונעם משיח ישוע.
13 ברידער, איך האַלט מיך נישט ווי איך וואָלט
שוין דערגרייכט, נאָר איין זאַך (טו איך): איך
פאַרגעס דאָס, וואָס פון הינטן, און שטרעק מיך
14 אויס נאָך דעם, וואָס איז פאַר מיר, איך יאָג מיך
צום ציל נאָך דעם שכר פון ג־טס הויכער באַרופונג
15 אינעם משיח ישוע. דעריבער, אַזעלכע וואָס זענען
שוין שלימותדיק, לאָמיר דענקען דאָס דאָזיקע; און
אויב איר דענקט אַנדערש וועגן עפּעס, אויך דאָס
16 דאָזיקע וועט ג־ט אייך אַנטפּלעקן; דאָך, לאָמיר
וואַנדלען לויט דעם, וואָס מיר האָבן שוין דער־
גרייכט.

17 ברידער, זייט מיינע מיטנאָכפאָלגער; און פאַרקוקט
זיך אויף די, וואָס וואַנדלען אַזוי, ווי איר האָט
18 אונדז פאַר אַ ביישפּיל. וואָרום אַ סך וואַנדלען,

וועגן וועמען איך האָב אייך מערערע מאָל געזאָגט,
און איצט זאָג איך אייך וויינענדיק, אַז זיי זענען
19 די שונאים פון משיחס בוים (שמואל ב׳ יח:ט)׃ זייער סוף איז פאַר־
דאַרבונג, זייער ג־ט איז דער בויך, און זייער רום
איז אין זייער חרפּה, זיי דענקען (נאָר) פון ערדישע
20 זאַכן. וואָרום אונזער בירגער־רעכט איז אין הימל,
פונוואַנען מיר דערוואַרטן אויך דעם גואל, דעם
21 האַר ישוע המשיח, וועלכער וועט איבעראַנדערשן
דעם גוף פון אונזער שפלות, גלייך צו ווערן צום
גוף פון זיין כבוד, לויט דער קראַפט, מיט וועלכער
ער קען אַלץ אונטערטעניקן צו זיך אַליין.

## קאַפּיטל פיר

1 דערפאַר, ברידער מיינע געליבטע, נאָך וועמען
איך בענק (אַזוי), מיין פרייד און מיין קרוין,
שטייט אַזוי פעסט אינם האַר, געליבטע מיינע.
2 איך בין מזהיר די עוואָדיאַ, און בין מזהיר
די סינטיכע, אַז זיי זאָלן זיין אייניק אין זייערע
3 געדאַנקען אינם האַר. יאָ, און דיך בעט איך אויך,
געטרייער סיזיגוס*, העלף זיי, וועלכע האָבן מיט
מיר מיטגעאַרבעט אין דער בשורה טובה, מיט
קלעמענסן און די איבעריקע מיטאַרבעטער מיינע,
וועמעס נעמען זענען אינם ספר החיים.
4 פרייט זיך אַלעמאָל אינם האַר; נאָכאַמאָל זאָג
5 איך: פרייט זיך. זאָל אייער באַשיידנקייט באַקאַנט
6 ווערן צו אַלע מענטשן. דער האַר איז נאָענט. זאָרגט
נישט וועגן קיין שום זאַך; נאָר אין אַלעם, דורך

* סיזיגוס באַטייט אויף גריכיש: מיטאַרבעטער. מען קען לייענען דאָס וואָרט ווי אַ נאָמען און ווי אַ שם תואר; מסתמא איז עס געווען דער נאָמען פונם דאָזיקן מיטאַרבעטער.

תפילה און תחנונים מיט דאַנק, זאָלן אייערע פאַר־
7 לאַנגען באַקאַנט ווערן צו ג־ט. און דער שלום
פון ג־ט, וואָס איז העכער פון יעדער פאַרנונפט,
וועט באַוואַכן אייערע הערצער און אייערע מחשבות
אינם משיח ישוע.
8 צום סוף, ברידער, אַלץ וואָס איז נאָר אמת,
בכבודיק, גערעכט, לויטער, ליבלעך, האָט אַ גוטן
שם; אויב אַ טוגנט און אויב עפּעס צום לויבן,
9 זאָלט איר דערפון באַטראַכטן. די זאַכן, וועלכע
איר האָט געלערנט און אָנגענומען און געהערט און
געזען אין מיר, די דאָזיקע זאָלט איר טון: און
דער ג־ט פון שלום וועט זיין מיט אייך.
10 און איך האָב מיך זער געפריידט אינם האַר, אַז
איר האָט ווידעראַמאָל באַלעבט אייער זאָרגן פאַר
מיר; איר האָט מיך טאַקע תמיד אין זינען געהאַט,
11 נאָר עס האָט אייך געפעלט אַ געלעגנהייט. נישט
אויס נויט זאָג איך דאָס; וואָרום איך האָב געלערנט,
אין וואָס פאַר אַ מעמד איך זאָל מיך נישט געפינען,
12 אויסצוקומען מיט דעם, וואָס איך האָב. איך ווייס
(וואָס עס איז) צו זיין דערנידעריקט, און
ווייס (וואָס עס איז) צו האָבן אַ שפע; איך האָב
געלערנט אין אַלץ און אין אַלעם, סאַי זאַט צו זיין
סאַי צו ליידן הונגער, סאַי צו האָבן אַ שפע סאַי
13 צו ליידן נויט. איך קען אַלץ (פאַרטראָגן) דורך
14 אים, וועלכער שטאַרקט מיך. דאָך האָט איר גוט
געטון דערמיט, וואָס איר האָט געהאַט חברותאשאַפט
15 מיט מיר אין מיין ליידן. און אַפילו איר, פיליפער,
ווייסט, אַז אין אָנהויב פון דער בשורה טובה, ווען
איך האָב פאַרלאָזט מאַצעדאָניען, האָט קיין איין
קהלה מיט מיר נישט געהאַט קיין חברותאשאַפט
וואָס שייך דער פראַגע פון געבן און נעמען, אַחוץ

16 איר אַליין; אַז אַפילו אין טעסאַלאָניקאַ האָט איר
מיר געשיקט איינמאָל און אַ צווייטמאָל פאַר
17 מיינע באַדערפענישן· נישט אַז איך בין אויסן די
מתנה; נאָר איך זוך די פּרוכט, וואָס זאָל זיך
18 פאַרמערן צו אייער חשבון· איצט האָב איך פון
אַלעם און (אַפילו נאָך) אַ שפע; איך בין אָנגעפילט,
האָבנדיק באַקומען פון עפּאַפראָדיטוסן דאָס, וואָס
איר האָט געשיקט, אַ געשמאַקן ריח, אַ קרבן, וואָס
19 איז אָנגענעם און וואוילגעפעלן צו ג־ט· און מיין
ג־ט וועט אָנפילן אַלע אייערע נויטן לויט זיין
20 עשירות אין כבוד אינם משיח ישוע· און צו
ג־ט אונזער פאָטער זאָל זיין דער כבוד לעלמי
עולמים· אמן!

גיט אָפּ שלום אַלע הייליקע אינם משיח ישוע·
21 די ברידער, וואָס זענען מיט מיר געבן אייך
22 אָפּ שלום· אַלע הייליקע געבן אייך אָפּ שלום, נאָר
גאַנץ באַזונדערס די פון קיסרס הויז·
23 זאָל דער חסד פון דעם האַר ישוע המשיח זיין
מיט אייער גייסט· אמן!

# דער בריוו פון דעם שליח פּולוס צו די קאָלאָסער

1 פּוילוס, אַ שליח פון דעם משיח ישוע דורך ג־טס
2 רצון, און טימאָטעוס דער ברודער, צו די
הייליקע און געטרייע ברידער אינעם משיח, וועלכע
געפינען זיך אין קאָלאָסע: חסד צו אייך און שלום
פון ג־ט אונזער פאָטער.

3 מיר דאַנקען ג־ט דעם פאָטער פון אונזער האַר
ישוע המשיח, און זענען תמיד מתפלל פאַר
4 אייך, ווייל מיר האָבן געהערט פון אייער אמונה
אין דעם משיח ישוע און פון דער ליבע, וואָס איר
5 האָט צו אַלע הייליקע, צוליב דער האָפנונג, וועלכע
ליגט פאַר אייך באַהאַלטן אין הימל, וועגן וועלכער
איר האָט פריער געהערט אין דעם וואָרט פון אמת
6 פון דער גוטער בשורה, וואָס איז געקומען צו אייך,
ווי אויך אין דער גאַנצער וועלט, און פרוכפערט
זיך און מערט זיך, פונקט ווי אויך ביי אייך פון
דעם טאָג אָן, ווען איר האָט געהערט און דערקענט
7 ג־טס חסד אויף אַן אמת; לויט ווי איר האָט געלערנט
פון עפּאַפראַסן אונזער געליבטן מיטקנעכט, וועלכער
איז אַ געטרייער משרת פון דעם משיח פאַר אייערט־
8 וועגן, און וועלכער האָט אונז אויך קלאָר געמאַכט
אייער ליבע אינעם גייסט.

9 דערפאַר אויך מיר, פון דעם טאָג אָן, ווען מיר
האָבן עס געהערט, הערן מיר נישט אויף תפילה
צו טון פאַר אייערטוועגן און צו בעטן, אַז איר זאָלט
אָנגעפילט ווערן מיט דער דערקענטעניש פון זיין
רצון אין יעדער חכמה און רוחניותדיקער פאַרשטאַנ־

10 דיקייט, צו וואַנדלען ווי עס איז ראוי פאַר דעם האַר,
צו יעדער וואוילגעפעליקייט, און זיין פרוכטבאַר
אין אַלע מעשים טובים און וואַקסן אין דער דער־
11 קענטעניש פון ג־ט; געשטאַרקט מיט יעדן כח
לויט דער מאַכט פון זיין הערלעכקייט, צו יעדער
12 סבלנות און לאַנגמוטיקייט מיט שמחה; און זאָלט
דאַנקען דעם פאָטער, וועלכער האָט אונז מזכה
געווען צו דעם חלק פון דער ירושה פון די הייליקע
13 אין ליכט, וועלכער האָט אונז מציל געווען פון
דער ממשלה פון פינסטערניש, און אונז אַריבער־
געפירט אין דעם מלכות אַריין פון זיין געליבטן
14 זון; אין וועמען מיר האָבן די ישועה, די פאַרגעבונג
15 פון אונזערע זינד; וועלכער איז דאָס געשטאַלט
פון דעם אומזיכטבאַרן ג־ט, דער בכור פון דער
16 גאַנצער באַשאַפונג; ווייל אין אים איז באַשאַפן
געוואָרן אַלץ, וואָס איז אין הימל און אויף דער
ערד, די זיכטבאַרע זאַכן און די אומזיכטבאַרע,
סאַי טראָנען, סאַי הערשאַפטן, סאַי מאַכטן, סאַי
ממשלות; אַלץ איז דורך אים באַשאַפן געוואָרן,
17 און פאַר זיינעטוועגן; און ער איז פאַר אַלעם, און
18 אַלץ האָט אַ קיום אין אים. און ער איז דער קאָפּ
פון דעם גוף, די קהלה; ער איז דער אָנהויב,
דער בכור פון די טויטע, כדי ער זאָל זיין אין אַלעם
19 דער ערשטער. ווייל עס איז (גאָט) וואוילגעפעלן,
20 אַז אין אים זאָל וואוינען די גאַנצע פולקייט; און
דורך אים צו פאַראייינבאַרן אַלץ מיט זיך אַליין,
האָבנדיק געמאַכט שלום דורך דעם בלוט פון זיין
בוים —דורך אים, סאַי דאָס, וואָס אויף דער ערד,
21 סאַי דאָס, וואָס אין הימל. און אייך, וואָס איר זענט
אַמאָל געווען פאַרפרעמדט און שונאים מיטן פאַר־
22 שטאַנד אין אייערע מעשים רעים, האָט ער איצט

פאַראייגבאַרט אין דעם גוף פון זיין פלייש דורך
דעם טויט, כדי אייך פאַרצושטעלן פאַר אים הייליק
23 און אָן אַ מום און אומשולדיק; אויב איר וועט נאָר
פאַרבלייבן אין דער אמונה, געגרונטפעסטיקט
און פעסט, און אומבאַוועגט פון דער האָפנונג
פון דער גוטער בשורה, וועלכע איר האָט געהערט,
וועלכע איז אויסגערופן געוואָרן אין דער גאַנצער
באַשאַפונג אונטערן הימל; פון וועלכער איך פוילוס
בין געוואָרן אַ משרת·
24 איצט פריי איך מיך אין מיינע יסורים פאַר
אייערטוועגן, און איך פיל אָן וואָס עס פעלט נאָך
פון די חבלי המשיח אין מיין לייב פאַר זיין גוף,
25 וואָס איז די קהלה; וועמעס משרת איך בין
געוואָרן לויט ג־טס פלאַן, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט
26 געוואָרן פאַר אייך, צו דערפילן ג־טס וואָרט, דעם
סוד, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן פון אייביקע צייטן
און פון דורות—איצט אָבער איז ער אַנטפלעקט צו
27 זיינע הייליקע, צו וועלכע ג־ט האָט געוואָלט לאָזן
וויסן, וואָס איז דאָס עשירות פון דער הערלעכקייט
פון דעם דאָזיקן סוד צווישן די אומות־העולם; דאָס
איז משיח אין אייך, די האָפנונג פון הערלעכקייט;
28 פון אים דרשענען מיר, מזהיר זייענדיק יעדן מענטשן
און לערנענדיק יעדן מענטשן מיט יעדער חכמה, כדי
מיר זאָלן פאַרשטעלן יעדן מענטשן ווי שלימותדיק
29 אינעם משיח; פאַר דעם צוועק באַמי איך מיך אויך
און קעמף לויט זיין כח, וואָס ווירקט אין מיר מיט
גבורה·

## קאַפּיטל צוויי

1 וואָרום איך וויל אייך מודיע זיין, וואָס פאַר אַ
גרויסן קאַמף איך פיר פאַר אייערטוועגן, און
פאַר די אין לאַאָדיצעאַ, און פאַר אַלע, וואָס האָבן
2 נישט געזעען מיין פנים אינם פלייש; כדי זייערע
הערצער זאָלן געטרייסט ווערן, צונויפגעקניפּט אין
ליבע און צו דער גאַנצער עשירות פון דער פולער
געוויסהייט פונם פאַרשטאַנד, כדי זיי זאָלן וויסן
3 דעם סוד פון ג־ט און פון דעם משיח, אין וועמען
עס זענען פאַרבאָרגן אַלע אוצרות פון חכמה און
4 דערקענטעניש. דאָס דאָזיקע זאָג איך, כדי קיינער
זאָל אייך נישט איבעררעדן מיט גלאַטע רייד.
5 וואָרום הגם איך בין ווייט (פון אייך) אינם פלייש,
דאָך אינם גייסט בין איך צוזאַמען מיט אייך,
פרייענדיק זיך און זעענדיק אייער אָרדנונג און די
פעסטקייט פון אייער אמונה אין דעם משיח.

6 דעריבער, ווי איר האָט אָנגענומען משיח ישוען
דעם האַר, אַזוי זאָלט איר וואַנדלען אין אים,
7 איינגעוואָרצלט און אויפגעבויט אין אים, און
געגרונטפעסטיקט אין דער אמונה, לויט ווי איר
זענט געלערנט געוואָרן, און מיט אַ שפע פון
ליבע.

8 גיט אַכטונג, אַז עס זאָל אייך קיינער נישט
נעמען געפאַנגען דורך דער פילאָזאָפיע און פוסטן
באַטרוג, לויט דער קבלה פון מענטשן, לויט
די יסודותדיקע כללים פון דער וועלט, און נישט
9 לויט משיחן; ווייל אין אים וואוינט די גאַנצע פול־
10 קייט פון דער גאָטהייט קערפּערלעך, און איר זענט
אָנגעפילט אין אים, וועלכער איז דער קאָפּ פון יעדער

11 ממשלה און מאַכט; אין וועמען איר זענט אויך געמלט
געוואָרן מיט אַ באַשניידונג נישט מיט הענט געמאַכט,
דורך אויסטון זיך פון דעם גוף פון פלייש, אין דער
12 באַשניידונג פון דעם משיח; בעת איר זענט נקבר
געוואָרן מיט אים אין דער טבילה, אין וועלכער איר
זענט אויך מיטאויפגעשטאַנען דורך דעם גלויבן
אין דער קראַפט פון ג־ט, וועלכער האָט אים אויפ־
13 געוועקט פון די טויטע. און אייך, וואָס זענען
געווען טויט אין זינד און אין דעם ערלה־
צושטאַנד פון אייער לייב, אייך האָט ער לעבעדיק
געמאַכט מיט אים, מוחל־זייענדיק אונז אַלע
14 עבירות; אויסמעקנדיק דאָס כתב מיט די געזעצן,
וואָס איז געווען קעגן אונז, וואָס איז געווען פיינט־
לעך צו אונז, און האָט עס אַוועקגענומען פון
15 אונזער מיט, צונאָגלענדיק עס צום בוים (שמאל יחיט) ב; און
אַנטוואָפנענדיק די מאַכטן און ממשלות, האָט ער זיי
געמאַכט עפנטלעך צו שפּאָט, טריומפירנדיק איבער
זיי אין אים.
16 דעריבער זאָל אייך קיינער נישט משפּטן וועגן
מאכל און משקה, אָדער וואָס שייך אַ יום טוב,
17 אָדער ראשי חדשים, אָדער שבתים; וועלכע זענען
אַ שאָטן פון די זאַכן לעתיד לבוא, דער (עצם) גוף
18 אָבער איז פון דעם משיח. זאָל אייך קיינער נישט
באַרויבן אייער שכר דורך אַ שפלות פון זיך אַליין
און אַ דינען צו מלאכים, אַריינמישנדיק זיך מיט
דעם, וואָס ער האָט געזעען, און איז בחינם אויפ־
19 געבלאָזן מיט זיין גשמיותדיקן שכל, און האַלט זיך
נישט ביי דעם קאָפּ, פון וועלכן דער גאַנצער
גוף, דורך די געלענקען און פאַרבינדונגען,
פאַרזאָרגט און צוזאַמענגעהאַלטן, וואַקסט מיט דעם
וואוקס פון ג־ט.

20 אויב איר זענט געשטאָרבן מיט משיחן לגבי די
יסודותדיקע כללים פון דער וועלט, פאַרוואָס,
ווי לעבנדיק אין דער וועלט, אונטערטעניקט איר
21 זיך צו געזעצן: נעם נישט אין דער האַנט אַריין,
22 זיי נישט טועם, ריר נישט אָן,—דאָס אַלץ ווערט
פאַרדאָרבן דורכן געברויך—לויט די מצוות און
23 לערנונגען פון מענטשן? אַזעלכעס האָט נאָר דעם
שיין פון חכמה אין אַ דינען פון דעם ווילן און
אין אַ שפלות און אין אַ פּייניקן דאָס לייב, עס
האָט אָבער נישט קיין ווערט, (עס דינט בלויז)
צו דער באַפרידיקונג פון דעם פלייש.

## קאַפּיטל דריי

1 דעריבער, אויב איר זענט אויפגעשטאַנען צוזאַמען
מיט דעם משיח, זאָלט איר זוכן דאָס, וואָס איז
אויבן, וואו דער משיח זיצט צו ג־טס רעכטער זייט.
2 טראַכט פון דעם, וואָס איז אויבן, נישט פון דעם,
3 וואָס איז אויף דער ערד. וואָרום איר זענט גע־
שטאָרבן, און אייער לעבן איז פאַרבאָרגן מיט דעם
4 משיח אין ג־ט. ווען דער משיח, אונזער לעבן,
וועט נתגלה ווערן, וועט איר דעמלט אויך נתגלה
ווערן מיט אים אין כבוד.
5 טייט דעריבער אָפּ אייערע אברים, וועלכע
זענען אויף דער ערד: זנות, טומאה, ליידנשאַפט,
בייזע תאווה, און די געלטגייציקייט, וואָס איז
6 עבודה זרה; צוליב וועלכע דער גרימצאָרן פון
ג־ט קומט אויף די קינדער פון ווידערשפּעניקייט;
7 אין וועלכע זאַכן איר האָט אויך געוואַנדלט אַמאָל,
8 ווען איר האָט געלעבט אין די דאָזיקע. איצט אָבער
טוט אויך אָפּ (פון זיך) דאָס אַלץ: רוגז, כעס,

רשעות, לעסטערונג, שענדלעכע רייד פון אייער
9 מויל; זאָגט נישט קיין שקר איינס דעם אַנדערן,
ווייל איר האָט אויסגעטון (פון זיך) דעם אַלטן
10 מענטשן מיט זיינע מעשים, און האָט אָנגעטון דעם
נייעם, וועלכער ווערט באַנייט צו דערקענטעניש
11 לויט דעם בילד פון זיין בורא; וואו עס איז נישטאָ
קיין גריך און ייִד, מילה און ערלה, באַרבאַר,
סקיטער, קנעכט, פרייער (מענטש), נאָר משיח איז
אַלץ און אין אַלעם.
12 קליידט זיך אָן דעריבער, ווי אויסדערוויילטע
פון ג־ט, הייליקע און געליבטע, מיט אַ האַרץ
פון רחמנות, גוטסקייט, מיט אַ נידעריק געמיט,
13 ענווה, סבלנות; פאַרטראָגט אייער דעם אַנדערן
און זייט זיך מוחל, ווען עמיצער האָט עפּעס פאָרצו־
וואַרפן אַן אַנדערן; פּונקט ווי אויך דער האַר
האָט אייך מוחל געווען, אַזוי (זאָלט) איר אויך
14 (טון); און איבער אַלעם (זאָלט איר אָנטון) ליבע,
15 וואָס איז דער בונד פון שלימות. און זאָל אין
אייערע הערצער הערשן דער שלום פון דעם משיח,
צו וועלכן איר זענט גערופן געוואָרן אין איין
16 גוף, און זייט דאַנקבאַר. זאָל משיחס וואָרט
וואוינען בשפע אין אייך, אין יעדער חכמה;
לערנט און זייט מזהיר אייער דעם אַנדערן מיט
מזמורים, געזאַנגען און רוחניותדיקע שירים, און
זינגט מיט דאַנק אין אייערע הערצער צו גאָט.
17 און אַלץ, וואָס איר טוט, סײַ אין וואָרט סײַ
אין טאַט, (זאָלט איר טון) אַלץ אין דעם נאָמען
פונם האַר ישוע, דאַנקענדיק ג־ט דעם פאָטער
דורך אים.
18 איר פרויען, אונטערטעניקט זיך צו אייערע
19 מענער, ווי עס שטייט אָן אינם האַר. איר מענער,

האָט ליב אייערע ווייבער, און פאַרביטערט זיך
נישט קעגן זיי. קינדער, זייט געהאָרכזאַם צו אייערע 20
עלטערן אין אַלעם, וואָרום דאָס דאָזיקע איז וואויל־
געפעלן פאַר דעם האַר. טאַטעס, דערצערנט נישט 21
אייערע קינדער, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם
מוט. איר קנעכט, זייט געהאָרכזאַם אין אַלעם צו 22
אייערע האַרן לויטן פלייש, נישט צו דינען נאָר
פאַרן אויג, ווי די, וועלכע זענען אויסן חן ביי
מענטשן, נאָר מיט אַן אויפריכטיקייט פון דעם
האַרצן, פאָרכטנדיק זיך פאַר דעם האַר; און וואָס 23
איר וועט טון, זאָלט איר טון מיטן גאַנצן האַרצן,
ווי פאַר דעם האַר, און נישט פאַר מענטשן, וויסנ־ 24
דיק, אַז פון דעם האַר וועט איר באַקומען דעם
שכר פון דער ירושה; וואָרום איר דינט דעם האַר
משיח! און ווער עס טוט אַן עוולה, וועט ער 25
באַקומען דעם (עונש פאַר דער) עוולה, וואָס ער
האָט געטון, און עס גיבט נישט קיין נושא־פּנים
זיין.

## קאַפּיטל פיר

איר האַרן, גיט אייערע קנעכט דאָס, וואָס איז 1
גערעכט און יושרדיק, און זייט וויסן, אַז אויך
איר האָט אַ האַר אין הימל.
האַלט אָן אין מתפּלל־זיין, און וואַכט אין דעם 2
מיט דאַנק; תּפילה־טוענדיק צוגלייך אויך פאַר אונז, 3
אַז ג־ט זאָל אויפעפענען אַ טיר פאַר דעם וואָרט,
צו רעדן דעם סוד פון משיח, צוליב וועמען איך
בין אויך געבונדן; כדי איך זאָל עס מגלה זיין, 4
ווי איך דאַרף רעדן. וואַנדלט אין חכמה לגבי די, 5
וואָס זענען אין דרויסן, אויסקויפנדיק די צייט.
אייער וואָרט זאָל תּמיד זיין מיט חן, געווירצט 6

מיט זאַלץ, כדי איר זאָלט וויסן וויאַזוי איר האָט
יעדן איינעם צו ענטפערן.
7 אַלץ, וואָס מיך באַטרעפט, וועט טיכיקוס דער
געליבטער ברודער און געטרייער משרת און מיין
8 מיטקנעכט אינם האַר אייך צו וויסן טון, וועמען
איך האָב געשיקט צו אייך פאַר דעם זעלביקן צוועק,
כדי איר זאָלט וויסן ווי עס דערגייט אונז, און ער
9 זאָל טרייסטן אייערע הערצער, צוזאַמען מיט
אָנעסימוסן, דעם געטרייען און געליבטן ברודער,
וועלכער איז פון אייך. זיי וועלן אייך אַלץ מודיע
זיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר.
10 עס גיט אייך אָפּ שלום אַריסטאַרכוס דער מיטגע־
פאַנגענער מיינער, און מאַרקוס בר־נבאס שוועסטערב־
זון (וועגן וועמען איר האָט באַקומען באַפעלן; אויב
11 ער וועט קומען צו אייך, זאָלט איר אים אויפנעמען),
און ישוע, וועלכער ווערט גערופן יוסטוס, וואָס זענען
פון די געמלטע; די דאָזיקע זענען מיינע איינציקע
מיטאַרבעטער אין דעם קעניגרייך פון ג־ט, וועלכע
12 זענען געוואָרן פאַר מיר אַ נחמה. עס גיט אייך אָפּ
שלום עפּאַפראַס, וועלכער איז פון אייך, אַ קנעכט פון
דעם משיח ישוע, תמיד ראַנגלענדיק זיך פאַר אייערט־
וועגן אין זיינע תפילות, כדי איר זאָלט שטיין פאָלקאָם
און פעליק געוויס אין דעם גאַנצן רצון פון ג־ט.
13 וואָרום איך זאָג עדות וועגן אים, אַז ער גיט זיך
פיל מי פאַר אייך און פאַר די אין לאַאָדיצעאַ און
14 אין היעראַפּאָליס. עס גיט אייך אָפּ שלום לוקאַס דער
15 געליבטער רופא, און דעמאַס. גיט אָפּ שלום די ברידער
אין לאַאָדיצעאַ, און נימפאַסן, און די קהלה אין
16 זיין הויז. און ווען דער בריוו וועט ביי אייך פאָרגע־
לייענט ווערן, מאַכט, אַז ער זאָל אויך געלייענט
ווערן אין דער קהלה אין לאַאָדיצעאַ; און אַז איר

זאָלט איר לייענען דעם בריוו פון לאַאָדיצעאַ.
17 און זאָגט אַרכיפּוסן: גיב אַכטונג אויף דער עבודה,
וואָס דו האָסט באַקומען אינעם האַר, אַז דו זאָלסט
זי דערפילן.
18 דער גרוס מיט מיין אייגענער האַנט, פון (מיר)
פּוילוס. געדענקט מיינע קייטן. זאָל דער חסד
זיין מיט אייך. אמן.

# א דער ערשטער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די טעסאַלאָניקער

1 פּוילוס און סילוואַנוס און טימאָטעוס צו דער
קהלה פון די טעסאַלאָניקער אין ג־ט דעם
פאָטער און דעם האַר ישוע המשיח: חסד צו אייך
און שלום.
2 מיר דאַנקען ג־ט תמיד פאַר אייך אַלעמען, געדענ־
3 קענדיק אייך אין אונזערע תפילות; אָן אויפהער
דערמאָנען מיר די פעולה פון אייער אמונה און
די באַמיאונג פון אייער ליבע און די סבלנות פון
אייער האָפנונג אויף אונזער האַר ישוע המשיח,
4 פאַר אונזער ג־ט און פאָטער; וויסנדיק, ברידער,
5 געליבטע פון ג־ט, פון אייער אויסדערוויילונג, ווייל
די גוטע בשורה אונזערע איז נישט געקומען צו
אייך בלויז אין וואָרט אַליין, נאָר אויך מיט גבורה
און מיט דעם רוח הקודש און פולער געוויסהייט;
לויט ווי איר ווייסט, וואָס פאַר (אַ מענטשן) מיר
6 זענען געווען צווישן אייך צוליב אייך. און איר
זענט געוואָרן אונזערע נאָכפאָלגער און פון דעם
האַר, אָננעמענדיק דאָס וואָרט אין פיל צרות, מיט
7 שמחה פון דעם רוח הקודש; אַזוי, אַז איר זענט
געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַלע מאמינים אין מאַצע־
8 דאָניען און אין דעם (לאַנד) אַכאַיאַ. וואָרום פון
אייך איז דאָס וואָרט פון דעם האַר אַרויסגעגאַנגען
נישט בלויז קיין מאַצעדאָניען און אַכאַיאַ, נאָר אויף
יעדן אָרט האָט זיך אייער אמונה צו גאָט פאַר־
בּרייטערט, אַזוי, אַז מיר דאַרפן גאָרנישט רעדן
9 דערפון. וואָרום זיי אַליין דערציילן פון אונז,

וואָס פאַר אַן אַריינגאַנג מיר האָבן געהאַט ביי אייך;
און וויאַזוי איר האָט זיך געקערט צו ג־ט פון אייערע
אָפגעטער, צו דינען דעם לעבעדיקן און אמתן ג־ט,
10 און צו דערוואַרטן זיין זון פון הימל, וועמען ער האָט
אויפגעוועקט פון די טויטע, ישוען, וועלכער איז
אונז מציל פון דעם צאָרן, וואָס קומט·

## קאַפּיטל צוויי

1 וואָרום איר אַליין, ברידער, ווייסט, אַז אונזער
2 אַריינגאַנג צו אייך איז נישט געווען אומזיסט; נאָר
האָבנדיק געליטן און געהאַט אויסצושטיין חרפּות
אין פיליפּי, ווי איר ווייסט, האָבן מיר זיך דערמו־
טיקט אין אונזער ג־ט אָנצוזאָגן צו אייך די גוטע
3 בשורה פון ג־ט אונטער גרויס געראַנגל· וואָרום
אונזער לערנונג איז נישט אויס באַטרוג, נישט אויס
אומלויטערע (כוונות) אויך נישט מיט כיטרעקייט;
4 נאָר ווי ג־ט האָט אונז אויסגעפּרובירט, אונז צו
געטרויען די גוטע בשורה, רעדן מיר אַזוי, נישט
ווי וואוילצוגעפעלן מענטשן, נאָר ג־ט, וועלכער
5 פּרובירט אויס אונזערע הערצער· ווייל ווי איר
ווייסט, זענען מיר קיינמאָל נישט געקומען מיט
חניפהדיקע רייד, אויך נישט מיט אַן אויסרייד פון
6 גייציקייט, ג־ט איז אַן עדות; אויך נישט זוכנדיק
כבוד פון מענטשן, צי פון אייך צי פון אַנדערע,
(הגם) מיר וואָלטן געקענט אויפטרעטן מיט ווערדע
7 ווי שליחים פונם משיח· מיר זענען אָבער געווען
מילד אין אייער מיט, ווי אַ פלעגערין דערבערנדיק
8 אירע קינדער; אַזוי האָט עס אונז געצויגן צו אייך,
אַז מיר האָבן געוואָלט זיך טיילן מיט אייך, נישט
בלויז מיט דער גוטער בשורה פון ג־ט, נאָר אַפילו

מיט אונזער אייגן לעבן, ווייל איר זענט אונז ליב
9 געוואָרן. וואָרום איר געדענקט (דאָך), ברידער,
אונזער מי און מאַטער: אַרבעטנדיק ביינאַכט און
בייטאָג, כדי נישט צו פאַלן צולאַסט עמיצן פון
אייך, האָבן מיר אייך געדרשנט די גוטע בשורה
10 פון ג־ט. איר זענט עדות, און ג־ט אויך, ווי הייליק
און גערעכט און אָן אַ פעלער מיר האָבן זיך אויפֿ־
11 געפירט צווישן אייך מאמינים; ווי איר ווייסט,
אַז יעדן איינעם פון אייך, ווי אַ פאָטער זיינע
12 קינדער, האָבן מיר מזהיר געווען און דערמוטיקט,
און אייך באַשוואוירן צו וואַנדלען ווי עס איז ראוי
פאַר ג־ט, וועלכער רופט אייך צו זיין קעניגרייך
און כבוד.

13 און צוליב דעם דאַנקען מיר אויך ג־ט
אָן אויפהער, אַז באַקומענדיק ג־טס וואָרט, וואָס
איר האָט געהערט פון אונז, האָט איר עס אויפגעֿ־
נומען נישט אַלס אַ וואָרט פון מענטשן, נאָר ווי עס
איז אינדעראמתן, דאָס וואָרט פון ג־ט, וועלכער
14 ווירקט אויך אין אייך, וואָס גלויבן. וואָרום איר,
ברידער, זענט געוואָרן נאָכפאָלגער פון די קהלות
פון ג־ט, וועלכע זענען אין (לאַנד) יהודה אינם
משיח ישוע; ווייל דאָס זעלביקע האָט איר געליטן
15 פון אייערע לאַנדסלייט, ווי זיי פון די יידן, וועלכע
האָבן אַפילו געטייט דעם האַר ישוע און די נביאים,
און אונז האָבן זיי אַרויסגעיאָגט, און זענען נישט
וואוילגעפעלן ביי ג־ט, און זענען דערווידער אַלע
16 מענטשן; זיי פאַרווערן אונז צו רעדן צו די גוים,
אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן, כדי תמיד אָנצופילן
זייערע זינד; דער צאָרן אָבער איז געקומען אויף
זיי ביז צום סוף.

17 מיר אָבער, ברידער, נאָך דעם ווי מיר זענען פון

אייך פאַריתומט געוואָרן לפי שעה, פונם פנים,
נישט אין האַרצן, האָבן מיר זיך פיל מער
באַמיט צו זעען אייער פנים מיט גרויס פאַרלאַנג;
ווייל מיר האָבן געוואָלט קומען צו אייך; טאַקע
18 איך, פוילוס, און איינמאָל און אַ צווייטמאָל; און
19 דער שטן האָט אונז געשטערט. וואָרום וואָס איז
אונזער האָפנונג, אָדער פרייד, אָדער קרוין פון
באַרימונג? צי זענט איר עס דען נישט, פאַר אונזער
20 האַר ישוע ביי זיין אָנקומען? יאָ, איר זענט אונזער
כבוד און שמחה.

## קאַפיטל דריי

1 דערפאַר, נישט קענענדיק עס לענגער אויס־
האַלטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן אַליין
2 אין אַטען; און האָבן געשיקט טימאָטעוסן דעם
ברודער אונזערן און ג־טס מיטאַרבעטער אין דער
גוטער בשורה פון דעם משיח, אייך צו שטאַרקן און
3 טרייסטן וועגן אייער אמונה, כדי קיינער זאָל זיך
נישט וואַקלען אין די דאָזיקע צרות; וואָרום איר
4 ווייסט אַליין, אַז דערצו זענען מיר באַשטימט. וואָרום
אַפילו ווען מיר זענען געווען ביי אייך, האָבן מיר
אייך פאָרויסגעזאָגט, אַז מיר וועלן ליידן צרות;
5 און אַזוי איז עס געשען, ווי איר ווייסט. צוליב
דעם, ווען איך האָב עס שוין לענגער נישט געקענט
דערטראָגן, האָב איך אויך געשיקט זיך צו דערוויסן
וועגן אייער אמונה, טאָמער האָט אייך דער אויס־
פרואווער אויסגעפרואווט, און אונזער מי איז
6 געוואָרן צו גאָרנישט. איצט אָבער ווען טימאָטעוס
איז געקומען צו אונז פון אייך, און אונז אָנגעזאָגט
די גוטע בשורה וועגן אייער אמונה און ליבע, און

אַז איר געדענקט אונז שטענדיק צום גוטן, בענ־
7 קענדיק אונז צו זען, ווי מיר אייך, זענען מיר
דעריבער געטרייסט געוואָרן, ברידער, מיט אייך,
אין יעדער באַדריקונג און צרה אונזערער, דורך
8 אייער אמונה; ווייל איצט לעבן מיר, ווען איר
9 שטייט פעסט אינם האַר. וואָרום וואָס פאַר אַ שבח
קענען מיר אָפּגעבן צו ג־ט פאַר אייך, פאַר דער
גאַנצער שמחה, מיט וועלכער מיר פרייען זיך צוליב
10 אייך פאַר אונזער ג־ט? ביינאַכט און בייטאָג טון
מיר זער זער פיל מתפּלל זיין, אַז מיר זאָלן זען
אייער פּנים און פאַרפאָלקאָמענען דאָס, וואָס פעלט
(נאָך) אין אייער אמונה.
11 און זאָל אונזער ג־ט און פאָטער אַליין און אונזער
12 האַר ישוע אונז פירן אויף דעם וועג צו אייך; און
אייך זאָל דער האַר מערן און איבערפליסן אין דער
ליבע איינער צום אַנדערן און צו אַלעמען, ווי אויך
13 אונז צו אייך; כדי ער זאָל באַפעסטיקן אייערע
הערצער, (צו זיין) אָן אַ מום אין קדושה פאַר ג־ט
און אונזער פאָטער, ביים ווידערקומען פון אונזער
האַר ישוע מיט אַלע זיינע קדושים.

## קאַפּיטל פיר

1 און ווייטער, ברידער, בעטן מיר און זענען אייך
מזהיר אינם האַר ישוע, אַז ווי איר האָט מקבל
געווען פון אונז, וויאַזוי איר דאַרפט וואַנדלען און
וואוילגעפעלן צו ג־ט—און איר וואַנדלט טאַקע
2 אַזוי—, אַז איר זאָלט עס פיל פאַרמערן. וואָרום
איר ווייסט (דאָך) וואָס פאַר אַ געבאָטן מיר האָבן
3 אייך געגעבן דורך דעם האַר ישוע. וואָרום דאָס
דאָזיקע איז ג־טס רצון, אייער הייליקונג, אַז איר

4 זאָלט זיך אָפּהאַלטן פון זנות; אַז יעדער איינער
פון אייך זאָל וויסן ווי צו האַלטן זיין אייגענע כלי
5 אין קדושה און מיט כבוד, נישט אין ליידנשאַפטלעכע
6 תאוות, ווי די גוים, וועלכע קענען נישט ג־ט; און
אַז קיינער זאָל נישט עובר זיין און באַטריגן דעם
ברודער זיינעם אין דער זאַך; ווייל דער האַר איז
זיך נוקם אין אַלע די דאָזיקע פאַלן, ווי מיר
האָבן עס אייך פריער געזאָגט און אויסדריקלעך
7 געוואָרנט. וואָרום ג־ט האָט אונדז נישט גערופן
8 צו טומאה, נאָר צו קדושה. דעריבער דער,
וואָס פאַראַכט עס, פאַראַכט נישט אַ מענטשן, נאָר
ג־ט, וועלכער גיט אונדז אויך דעם רוח הקודש.

9 און וואָס שייך ברידערלעכער ליבע, באַדאַרפט
איר נישט, מען זאָל שרייבן צו אייך, ווייל איר
אַליין זענט געלערנט פון ג־ט, ליב צו האָבן איינער
10 דעם אַנדערן; וואָרום איר טוט עס אויך צו אַלע
ברידער אין גאַנץ מאַצעדאָניען. נאָר מיר בעטן
11 אייך, אַז איר זאָלט נאָך פיל מער טון, און שטרעבן
צו פירן אַ שטיל לעבן, און טון דאָס אייעריקע,
און אַרבעטן מיט אייערע אייגענע הענט, פונקט
12 אַזוי ווי מיר האָבן אייך געבעטן, כדי איר זאָלט
וואַנדלען ווי עס שטייט אָן לגבי די אין דרויסן, און
נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

13 און מיר ווילן נישט איר זאָלט זיין אומוויסנד,
ברידער, וועגן די, וועלכע זענען איינגעשלאָפן,
כדי איר זאָלט נישט טרויערן, ווי די אַנדערע, וואָס
14 האָבן נישט קיין האָפענונג. וואָרום ווי מיר גלויבן,
אַז ישוע איז געשטאָרבן און אויפגעשטאַנען,
אַזוי וועט ג־ט ברענגען די איינגעשלאָפענע אין
15 ישוען צוזאַמען מיט אים. וואָרום דאָס דאָזיקע
זאָגן מיר אייך אין אַ וואָרט פון דעם האַר, אַז מיר,

די לעבעדיקע, וואָס בלייבן איבער ביז צום קומען
פון דעם האַר, וועלן בשום אופן נישט פֿאַרויסגיין
16 די איינגעשלאָפֿענע; ווייל דער האַר אַליין וועט
אַראָפּנידערן פון הימל, מיט אַ שאַל, מיט דעם קול פון
דעם שר המלאכים, און מיט דעם שופר פון ג־ט;
און די טויטע אינם משיח וועלן אויפשטיין קודם כל;
17 דאַן מיר, די לעבעדיקע, וועלכע זענען איבער־
געבליבן, וועלן צוזאַמען מיט זיי אַרויפגעכאַפּט ווערן
אין די וואָלקנס, צו באַגעגענען דעם האַר אין דער
לופט; און אַזוי וועלן מיר תמיד זיין מיט דעם האַר.
18 דערפאַר זאָלט איר טרייסטן איינער דעם אַנדערן
מיט די דאָזיקע ווערטער.

## קאַפּיטל פינף

1 און וואָס שייך די צייטן און זמנים, ברידער,
דאַרפט איר נישט, אַז מען זאָל שרייבן צו אייך.
2 וואָרום איר אַליין ווייסט גאַנץ גענוי, אַז דער טאָג
פון דעם האַר קומט ווי אַ גנב אין דער נאַכט.
3 בשעת מען וועט זאָגן: שלום און שלוה, וועט דעמלט
פלוצלונג קומען אויף זיי זייער בראָך, ווי ווייען
אויף אַ קימפּעטאָרין, און זיי וועלן בשום אופן
4 נישט אַנטרונען. איר אָבער זענט נישט אין דער
פינסטערניש, אַז דער טאָג זאָל אייך איבערראַשן
5 ווי אַ גנב; וואָרום אַלע זענט איר קינדער פונם
ליכט און קינדער פונם טאָג; מיר זענען נישט פון
דער נאַכט, אויך נישט פונם חושך; דעריבער
6 לאָמיר נישט שלאָפן ווי די אַנדערע, נאָר וואַכן
7 און זיין ניכטער. וואָרום די, וואָס שלאָפן, שלאָפן
ביינאַכט; און די, וואָס שכורן זיך אָן, שכורן זיך
8 אָן ביינאַכט. נאָר ווייל מיר זענען פונם טאָג, לאָמיר

זיין ניכטער, לאָמיר זיך אָנקליידן מיט דעם פּאַנצער
פון אמונה און ליבע, און, אַלס אַ העלם, די האָפנונג
9 פון ישועה. ווייל ג־ט האָט אונז נישט באַשטימט
צו גרימצאָרן, נאָר צום דערווערבן רעטונג דורך
10 דעם האַר אונזערן ישוע המשיח, וועלכער איז
געשטאָרבן פאַר אונזערטוועגן, כדי סאַי צי מיר
וואַכן סאַי צי מיר שלאָפן, זאָלן מיר לעבן
11 צוזאַמען מיט אים. טרייסט זשע זיך און בויט
אויף איינער דעם אַנדערן, ווי איר טוט עס
אויך.

12 מיר בעטן אייך אָבער, ברידער, אַז איר זאָלט
קענען די, וועלכע באַמיען זיך צווישן אייך,
און זענען אייערע פאָרשטייער אינם האַר און
13 רעדן צו אייך דברי מוסר, און איר זאָלט זיי
צוטיילן זער פיל כבוד מיט ליבע צוליב זייער אַרבעט.
14 האָט שלום צווישן זיך. און מיר זענען אייך מזהיר,
ברידער, איר זאָלט וואָרענען די אומרואיקע, שטאַרקן
די ווייכהאַרציקע, אונטערלענען די שוואַכע, זיין
15 גרויסמוטיק לגבי אַלעמען. זעט, אַז קיינער זאָל
נישט אָפּצאָלן קיינעמען שלעכטס פאַר שלעכטס;
נאָר תמיד זאָלט איר נאָכיאָגן דאָס גוטע איינער
16 פאַר דעם אַנדערן און פאַר אַלעמען. פריידט זיך
17 18 תמיד; טוט תפילה אָן אויפהער; זייט דאַנקבאַר
פאַר אַלעם; וואָרום דאָס איז ג־טס רצון אינם
19 משיח ישוע פאַר אייערטוועגן. לעשט נישט דעם
20 21 גייסט; פאַראַכט נישט נבואות־(זאָגן); פּרובירט אַלץ
22 אויס, האַלט פעסט דאָס גוטע; דערווייטערט זיך
פון בייז אין יעדער געשטאַלט.

23 און דער ג־ט פון שלום אַליין זאָל אייך הייליקן
דורך און דורך; און זאָל אייער גאַנצער גייסט און
נפש און גוף אָפּגעהיטן ווערן אָן אַ מום ביי דעם

24 ווידערקומען פון אונזער האַר ישוע המשיח· באַ־
גלויבט איז דער, וועלכער רופט אייך, וועלכער
וועט עס אויך טון·
25 ברידער, זייט מתפלל פאַר אונז·
26 גיט אָפּ שלום אַלע ברידער מיט אַ הייליקן קוש·
27 איך באַשווער אייך ביי דעם האַר, אַז דער בריוו זאָל
איבערגעלייענט ווערן פאַר אַלע ברידער·
28 דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח זאָל זיין
מיט אייך·

# ב דער צווייטער בריוו פונם שליח פּוילוס צו די טעסאַלאָניקער

1 פּוילוס און סילוואַנוס און טימאָטעוס צו דער
קהלה פון די טעסאַלאָניקער אין ג־ט אונזער
2 פאָטער און אין האַר ישוע המשיח; חסד צו
אייך און שלום פון ג־ט דעם פאָטער און דעם
האַר ישוע המשיח.
3 מיר זענען מחויב תמיד צו דאַנקען ג־ט פאַר אייך,
ברידער, ווי עס פּאַסט זיך, ווייל אייער גלויבן
וואַקסט זער, און די ליבע פון יעדן איינעם פון אייך
4 אַלעמען מערט זיך לגבי די אַנדערע, אַזוי, אַז מיר
אַליין באַרימען זיך מיט אייך אין די קהלות פון
ג־ט, איבער אייער סבלנות און אמונה אין אַלע
אייערע רדיפות און צרות, וואָס איר טראָגט איבער;
5 עס איז אַ באַווייז פון ג־טס גערעכטן משפּט; כדי
איר זאָלט גערעכנט ווערן ראוי צום קעניגרייך פון
6 ג־ט, פאַר וועלכן איר ליידט אויך; ווייל עס איז
דאָך אַ גערעכטע זאַך ביי ג־ט צו פאַרגעלטן צרות
7 צו די, וועלכע טון אייך אָן צרות, און צו אייך, די
געפּייניקטע, מנוחה מיט אונז ביי דער אַנטפּלעקונג
פון דעם האַר ישוע פון הימל מיט די מלאכים פון
8 זיין מאַכט אין אַ פלאַם פייער, געבנדיק אַ נקמה־
פאַרגעלטונג די, וואָס קענען נישט ג־ט און זענען
נישט געהאָרכזאַם צו דער גוטער בשורה פון אונזער
9 האַר ישוע; די דאָזיקע וועלן ליידן אַ שטראָף, אַן
אייביקע פאַרדאַרבונג פון דעם פּנים פון דעם האַר און
10 פון דער הערלעכקייט פון זיין מאַכט, ווען ער וועט
קומען פאַרהערלעכט צו ווערן אין זיינע קדושים,

און באַוואונדערט צו ווערן אין אַלע מאמינים—
ווייל אונזער עדות־זאָגן איז פון אייך געגלויבט
11 געוואָרן—אין יענעם טאָג. דערפאַר טון מיר
אייך תמיד מתפלל זיין פאַר אייערטוועגן, כדי אונזער
ג־ט זאָל אייך מאַכן ראוי פון דעם רוף, און
דערפילן מיט מאַכט יעדן באַגער (אייערן) צום
12 גוטן און (יעדע) טאַט פון אמונה; כדי דער
נאָמען פון אונזער האַר ישוע זאָל פאַרהערלעכט
ווערן אין אייך, און איר אין אים, לויט דעם חסד
פון אונזער ג־ט און דעם האַר ישוע המשיח.

## קאַפּיטל צוויי

1 מיר בעטן אייך אָבער, ברידער, וועגן דעם קומען
פון אונזער האַר ישוע המשיח און אונזער
2 פאַרזאַמלען זיך ביי אים, אַז איר זאָלט זיך נישט
לאָזן גיך באַוועגן אין אייער פאַרשטאַנד, און נישט
דערשרעקן, נישט דורך קיין גייסט, נישט דורך
קיין וואָרט, נישט דורך קיין בריוו ווי פון אונז,
גלייך ווי דער טאָג פון דעם האַר וואָלט שוין דאָ
3 געווען; זאָל אייך קיינער נישט פאַרפירן בשום
אופן; ווייל (ער וועט נישט קומען) אויב עס וועט
נישט קודם כל קומען די אָפּקערונג (פון אמונה),
און דער מענטש פון זינד וועט אַנטפּלעקט ווערן,
4 דער בן־האבדון, וועלכער שטעלט זיך אַקעגן
און דערהייכט זיך איבער אַלעם, וואָס מען
רופט ג־ט אָדער עבודה; אַזוי, אַז ער וועט זיך
אַנידערזעצן אין דעם היכל פון ג־ט, באַווייזנדיק
5 זיך, אַז ער איז ג־ט. צי געדענקט איר דען נישט,
אַז בשעת איך בין נאָך געווען ביי אייך, האָב איך
6 אייך דאָס געזאָגט? און איצט ווייסט איר, וואָס

עס האַלט אָפּ, אַז ער זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין זיין
7 געהעריקער צייט׃ וואָרום דער סוד פון רשעות
ווירקט שוין; בלויז דער, וועלכער שטערט איצט,
8 מוז אַוועקגענומען ווערן פון דער מיט׃ און דעמלט
וועט אַנטפּלעקט ווערן דער רשע, וועמען דער האַר
ישוע וועט אומברענגען מיט דעם אָטעם פון זיין
מויל און אים פאַרניכטן מיט דער דערשיינונג פון
9 זיין קומען; וואָס זיין קומען איז לויט דער
ווירקונג פון דעם שטן מיט פיל גבורה און פאַלשע
10 אותות און מופתים, און מיט יעדער פאַרפירעריש־
קייט פון אומגערעכטיקייט פאַר די, וואָס ווערן
פאַרלוירן, ווייל זיי האָבן נישט אָנגענומען די
11 ליבע פון אמת, כדי געראַטעוועט צו ווערן׃ און
צוליב דעם שיקט זיי ג־ט אַ קרעפטיקן באַטרוג,
12 אַז זיי זאָלן גלויבן דעם שקר; כדי אַלע זאָלן
געמשפּט ווערן, וועלכע האָבן נישט געגלויבט
דעם אמת, נאָר האָבן געהאַט אַ וואוילגעפעלן אין
רשעות׃

13 מיר אָבער זענען מחויב תמיד צו דאַנקען ג־ט פאַר
אייך, ברידער, געליבטע פון ג־ט, ווייל פון אָנהויב
אָן האָט ג־ט אייך אויסדערוויילט צו ישועה אין
דער קדושה פונם גייסט און אין דער אמונה פון
14 אמת; צו וועלכער ער האָט אייך אויך גערופן
דורך אונזער גוטער בשורה, צום דערווערבן די
הערלעכקייט פון אונזער האַר ישוע המשיח׃
15 שטייט זשע פעסט, ברידער, און האַלט די
קבלות, וועלכע איר זענט געלערנט געוואָרן,
סאַי דורך אונזער וואָרט, סאַי דורך אונזערס אַ
בריוו׃

16 און אונזער האַר ישוע המשיח אַליין און ג־ט
דער פאָטער אונזערער, וועלכער האָט אונז ליב

געהאַט און אונז געגעבן אַן אייביקע נחמה און אַ
17 גוטע האָפֿנונג אין זיין חסד, זאָל טרייסטן אייערע
הערצער און (אייך) שטאַרקן אין כלערליי מעשים־
טובים און יעדן גוטן וואָרט.

## קאַפּיטל דריי

3

1 איבריקנס, ברידער, זייט מתפלל פאַר אונז, אַז
דאָס וואָרט פון דעם האַר זאָל לויפן און פאַרהער־
2 לעכט ווערן, ווי ביי אייך; און אַז מיר זאָלן
ניצול ווערן פון פאַרדאָרבענע און בייזע מענטשן;
3 וואָרום נישט אַלע האָבן די אמונה. געטריי אָבער
איז דער האַר, וועלכער וועט אייך שטאַרקן און
4 אָפּהיטן פון בייז. און מיר זענען בטוח וועגן אייך
אינעם האַר, אַז וואָס מיר געביטן אייך, דאָס טוט איר
5 און וועט עס טון. און זאָל דער האַר לייטן אייערע
הערצער צו דער ליבע פון ג־ט און צו דער סבלנות
פון דעם משיח.
6 און מיר באַפעלן אייך, ברידער, אין דעם נאָמען
פון דעם האַר ישוע המשיח, אַז איר זאָלט זיך
אָפּשיידן פון יעדן ברודער, וואָס פירט אַן אומאָרנט־
לעך לעבן און נישט לויט דער קבלה, וועלכע איר
7 האָט באַקומען פון אונז. וואָרום איר אַליין ווייסט,
ווי איר דאַרפט אונז נאָכטון; ווייל מיר האָבן
זיך נישט אויפגעפירט אומאָרנטלעך צווישן אייך;
8 מיר האָבן ביי קיינעם נישט געגעסן קיין ברויט
אומזיסט, נאָר מיט מי און מאַטער, אַרבעטנדיק
ביינאַכט און ביי טאָג, כדי מיר זאָלן נישט פאַלן
9 קיינעם פון אייך צו לאַסט; נישט ווייל מיר האָבן
נישט קיין רעכט, נאָר כדי מיר אַליין זאָלן זיך אייך
10 געבן פאַר אַ ביישפיל, אונז נאָכצוטון. וואָרום

אַפילו ווען מיר זענען געווען ביי אייך, האָבן מיר
אייך דאָס דאָזיקע באַפוילן, אַז ווער עס וויל נישט
11 אַרבעטן, דער זאָל אויך נישט עסן· וואָרום מיר הערן,
אַז אייניקע צווישן אייך פירן זיך אויף אומאָרנטלעך,
זיי אַרבעטן נישט, נאָר מישן זיך אין פרעמדע
12 עסקים· אַזעלכע אָבער באַפעלן מיר און וואָרנען
אינם האַר ישוע המשיח, אַז זיי זאָלן אַרבעטן שטיל
13 און עסן זייער אייגן ברויט· איר אָבער, ברידער,
14 ווערט נישט מיד צו טון מעשים־טובים· און אויב
עמיצער איז נישט געהאָרכזאַם צו אונזער וואָרט
דורך דעם בריוו, זאָלט איר דעם דאָזיקן פאַרציי־
כענען, און זיך נישט מישן מיט אים, כדי ער זאָל
15 זיך שעמען· דאָך זאָלט איר אים נישט באַטראַכטן
ווי קיין שונא, נאָר שטראָפט אים ווי אַ ברודער·
16 און דער האַר פון שלום אַליין זאָל אייך תמיד
געבן שלום און בכל אופן· זאָל דער האַר זיין
מיט אייך אַלעמען·

17 דער גרוס פון מיר, פּוילוס, מיט מיין אייגענער
האַנט, וואָס איז אַ סימן אין יעדן בריוו; אַזוי שרייב
18 איך· זאָל דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח
זיין מיט אייך אַלעמען!

# דער עדשטער בריוו פֿון דעם שליח פּוילוס צו טימאָטעוסן

1 פּוילוס, אַ שליח פֿונם משיח ישוע לויט דעם
געבאָט פֿון ג־ט אונזער רעטער, און דעם משיח
2 ישוע אונזער האָפֿנונג, צו טימאָטעוסן, מיין וואָר־
האַפֿטיקן זון אין דער אמונה: חסד, רחמים, און
שלום פֿון ג־ט דעם פֿאָטער און פֿון דעם משיח
ישוע דעם האַר אונזערן.
3 ווי איך האָב דיך געבעטן צו פֿאַרבלייבן אין
עפֿעזוס, ווען איך בין געגאַנגען קיין מאַצעדאָניען,
כדי דו זאָלסט באַפֿעלן אייניקע (לייט), נישט צו
4 לערנען אַנדערע לערנונגען, און זיך נישט צו
פֿאַרנעמען מיט לעגענדעס און יחוס־בריוו אָן אַ סוף,
וועלכע פֿירן צו וויכוחים מער ווי צו דערבויאונג
5 פֿון גאָט אין דער אמונה; (אַזוי זאָלסטו טון.) דער
תכלית אָבער פֿון דער מצווה איז ליבע אויס אַ
לויטער האַרץ און גוט געוויסן און אויפֿריכטיקער
6 אמונה; פֿון וועלכע אייניקע האָבן אָפּגעניגט, און
7 זיך געקערט צו פּוסטע רייד, ווילנדיק זיין תורה־
מלמדים, הגם זיי פֿאַרשטייען גאָרנישט, נישט וואָס
8 זיי זאָגן, נישט וואָס זיי באַהויפּטן. מיר אָבער ווייסן,
אַז די תורה איז גוט, ווען עמיצער באַנוצט זי
9 לויט דער תורה, וויסנדיק דאָס דאָזיקע, אַז די
תורה איז נישט געזעצט געוואָרן פֿאַר דעם צדיק,
נאָר פֿאַר די רשעים און ווידערשפּעניקע, פֿאַר די
גאָטלאָזע און חוטאים, פֿאַר די טמאים און אומווירד־
דיקע, פֿאַר די, וואָס שלאָגן פֿאָטער און מוטער,
10 רוצחים, פֿאַר זונים, שוכבי זכר, מענטשנכאַפּער,

ליגנער, וואָס שווערן פאַלש, און וואָס נאָר
11 עס איז להיפך צו דער געזונטער לערנונג; לויט
דער גוטער בשורה פון הערלעכקייט פון דעם
געבענטשטן ג־ט, וועלכע איז מיר אָנפאַרטרויט
געוואָרן.
12 איך דאַנק אים, וועלכער האָט מיך שטאַרק געמאַכט,
משיח ישוע אונזער האַר, ווייל ער האָט מיך
געהאַלטן פאַר באַגלויבט, באַשטימענדיק מיך צו
13 (זיין) דינסט; מיך, וואָס איך בין פריער געווען אַ
לעסטערער און אַ פאַרפאָלגער און אַן אָפּשפּאָטער;
דאָך האָט ער זיך דערבאַרעמט אויף מיר, ווייל
איך האָב עס געטון נישטווויסנדיקערהייט אין
14 אומגלויבן; און דער חסד פון אונזער האַר האָט זיך
זער פיל געמערט (אין מיר) מיט אמונה און ליבע,
15 וואָס איז אין דעם משיח ישוע. באַגלויבט איז דאָס
וואָרט, און ראוי אינגאַנצן אָנגענומען צו ווערן,
אַז משיח ישוע איז געקומען אין דער וועלט אַריין
צו ראַטעווען חוטאים, פון וועלכע איך בין דער
16 ערשטער; נאָר דערפאַר האָט ער אויף מיר
רחמנות געהאַט, כדי אין מיר קודם־כל זאָל ישוע
המשיח אַרויסווייזן זיין גאַנצע סבלנות, פאַר אַ
ביישפּיל פאַר יענע, וועלכע וועלן ערשט גלויבן
17 אין אים צום אייביקן לעבן. אָבער דעם מלך פון
אייביקייט, דעם אומפאַרדאַרבלעכן, אומזיכטבאַרן,
דעם איינציקן ג־ט, זאָל זיין כבוד און הערלעכקייט
לעלמי עולמים. אמן.
18 דאָס דאָזיקע געבאָט לייג איך פאַר דיר, מיין זון
טימאָטעוס, לויט די נבואות, וואָס זענען פריער
געגאַנגען אויף דיר, אַז דו זאָלסט קעמפן דורך די
19 דאָזיקע דעם גוטן קאַמף, האָבנדיק אמונה און אַ
גוט געוויסן, וועלכעס אייניקע האָבן אַוועקגעשטויסן

פון זיך און געליטן שיפבּרוך בנוגע דער אמונה;
20 צווישן וועלכע איז הימענעוס און אַלעקסאַנדער,
וועלכע איך האָב איבערגעגעבן צום שטן, כּדי זיי
זאָלן געציכטיקט ווערן נישט צו לעסטערן.

## קאַפּיטל צוויי

1 איך בין דעריבער מזהיר, אַז קודם כל זאָלן
תחנונים, תפילות, בקשות, דאַנק, געטון ווערן פאַר
2 אַלע מענטשן; פאַר מלכים און אַלע מושלים, כדי
מיר זאָלן פירן אַ שטיל און רואיק לעבן אין
3 פולער גאָטספאָרכטיקייט און ערווירדיקייט. דאָס
דאָזיקע איז גוט און אָנגענומען פאַר ג־ט אונזער
4 גואל, וועלכער וויל, אַז אַלע מענטשן זאָלן געראַ־
טעוועט ווערן, און קומען צו דער דערקענטעניש
5 פונם אמת. וואָרום עס איז (דאָ) איין ג־ט, און איין
פאַרמיטלער צווישן ג־ט און מענטשן, דער מענטש,
6 משיח ישוע, וועלכער האָט זיך געגעבן פאַר אַן
אויסלייזונג פאַר אַלעמען; דאָס עדות־זאָגן דערפון
7 זאָל געגעבן ווערן אין דער געהעריקער צייט; פאַר
וועלכן איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס אָנזאָגער
און שליח (דעם אמת זאָג איך, איך לייקן נישט) אַ
מלמד פון די אומות־העולם אין דער אמונה און אמת.
8 דעריבער וויל איך, אַז די מענער זאָלן תפילה
טון אויף יעדן אָרט, אויפהויבנדיק הייליקע הענט
9 אָן צאָרן און געצאַנק. אויך אַזוי די פרויען
זאָלן זיך צירן מיט באַשיידענע קליידער, מיט
שעמעוודיקייט און צניעותדיקייט; נישט מיט פלעכטן
די האָר, נישט מיט גאָלד, אָדער פערל, אָדער
10 טייערע מלבושים; נאָר מיט מעשים טובים, ווי
עס פאַסט פאַר פרויען, וואָס דערקלערן זיך פאַר

יראת־שמים. אַ פרוי זאָל לערנען שטילערהייט 11
מיט פולער הכנעה. און איך גיב נישט קיין פרוי 12
רשות צו לערנען (מיט אַנדערע), אויך נישט צו
הערשן איבער אַ מאַן, נאָר צו זיין שטיל. וואָרום 13
אדם איז צום ערשט באַשאַפן געוואָרן, שפעטער
חוה; און אדם האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן; 14
נאָר די פרוי, לאָזנדיק זיך פאַרפירן, איז געקומען
צו אַן עבירה; זי וועט אָבער דערלייזט ווערן דורך 15
געבוירן קינדער, אויב זיי וועלן בלייבן אין דער
אמונה און ליבע און קדושה מיט צניעותדיקייט.

## קאַפיטל דריי

עס איז אַ באַגלויבט וואָרט: אויב איינער שטרעבט 1
צו דער שטעלע פון אַ משגיח, באַגערט ער אַ
גוטע זאַך. דער משגיח דאַרף דעריבער זיין אָן אַ 2
פעלער, אַ מאַן פון איין פרוי, ניכטער, באַשיידן,
אַן ענו, אַ מכניס אורח, געשיקט צו לערנען; נישט 3
קיין טרינקער, נישט קיין שלעגער; נאָר מילד,
נישט קיין בעל מחלוקת, נישט קיין געלטליבהאָבער;
וואָס הערשט וואויל מיט זיין אייגן הויז, האַלטנדיק 4
זיינע קינדער אין אונטערטעניקייט, מיט פולער
ערווירדיקייט (אויב אָבער איינער ווייסט נישט ווי 5
צו הערשן איבער זיין אייגן הויז, וויאַזוי זשע
וועט ער זאָרגן איבער דער קהלה פון ג־ט?);
נישט קיין נייער תלמיד, כדי ער זאָל נישט ווערן 6
אויפגעבלאָזן און אַריינפאַלן אין דעם משפט פון
שטן. און ער דאַרף אויך האָבן אַ גוטן שם פון די 7
אינדרויסן, כדי ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין קיין
חרפה און אין דעם שטנס נעץ. אויך אַזוי מוזן די 8
שמשים זיין ערווירדיקע (לייט), נישט קיין טאָפל־

צונגיקע, נישט קיין ליבהאָבער פון פיל ווייַן, נישט
9 גענייגט נאָך שענדלעכן געווין; וואָס האַלטן דעם
10 סוד פון דער אמונה אין אַ לויטער געוויסן. און
זאָלן די דאָזיקע קודם כל ווערן אויסגעפּרובירט;
שפּעטער זאָלן זיי דינען ווי שמשים, אויב זיי זענען
11 אָן אַ פּעלער. אויך אַזוי דאַרפן די פרויען זיין
ערווירדיק, נישט קיין רכילות־רעדנערינס, ניכטער,
12 געטריי אין אַלעם. שמשים זאָלן זיין מענער פון
איין פרוי, וואָס הערשן גוט איבער זייערע קינדער
13 און איבער זייערע אייגענע הייזער; וואָרום אויב
זיי האָבן גוט געדינט אַלס שמשים, דערווערבן
זיי זיך אַ גוטע שטופּע און גרויס פּתחון־פּה אין
דער אמונה, וואָס איז אינם משיח ישוע.
14 דאָס שרייב איך דיר, האָפנדיק צו דיר צו קומען
15 אין גיכן, און אויב איך וועל מיך פאַרזוימען, כדי
דו זאָלסט וויסן וויאַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן אין
ג־טס הויז, וועלכעס איז די קהלה פון דעם לעבע־
דיקן ג־ט, דער זייל און פונדאַמענט פונם אמת.
16 און נישט אָפּצולייקענען גרויס איז דער סוד פון
יראת־שמים: ער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אינם
פלייש, איז גערעכטפערטיקט געוואָרן אינם גייסט,
האָט זיך באַוויזן צו מלאכים, איז אָנגעזאָגט געוואָרן
צו די גוים, געגלויבט אין דער וועלט, אַרויפגע־
נומען געוואָרן אין הערלעכקייט.

## קאַפּיטל פיר

1 דער גייסט אָבער זאָגט אויסדריקלעך, אַז אין
שפּעטערע צייטן וועלן אייניקע אָפּפאַלן פון דער
אמונה, האַלטנדיק זיך צו פאַרפירערישע גייסטער
2 און טייוולאָנישע לערנונגען דורך דער צביעות פון

ליגנער, וואָס טראָגן אין זייער אייגן געוויסן אַ
צייכן אויסגעבערענט ווי מיט אַ גליענדיק אייזן,
פאַרווערנדיק חתונה צו האָבן, און (באַפעלנדיק) מען 3
זאָל זיך צוריקהאַלטן פון (געוויסע) מאכלים, וועלכע
ג־ט האָט באַשאַפן צום געניסן מיט דאַנק פאַר די
מאמינים און וואָס האָבן דערקענט דעם אמת. ווייל 4
איטלעכעס באַשעפעניש פון ג־ט איז גוט, און
גאָרנישט איז אָפּצוּוואַרפן, אויב מען נעמט עס נאָר
אָן מיט אַ ברכה, וואָרום עס ווערט געהייליקט דורך 5
ג־טס וואָרט און דורך תפילה.

אויב דו וועסט פאָרלייגן די דאָזיקע זאַכן פאַר 6
די ברידער, וועסטו זיין אַ גוטער משרת פון דעם
משיח ישוע, דערצויגן אין די ווערטער פון דער
אמונה און פון דער גוטער לערנונג, וועלכער דו
האָסט שוין נאָכגעפאָלגט; נאָר די געמיינע און אַלט 7
ווייבערישע לעגענדעס זאָלסטו אויסמיידן. איב
דיך אָבער צו יראת־שמים; וואָרום די קערפער־ 8
לעכע איבונג ברענגט ווייניק נוצן; יראת־שמים
אָבער איז נוצלעך צו אַלעם, האָבנדיק אַ הבטחה
אויף דעם איצטיקן לעבן און אויף (עולם) הבא.
באַגלויבט איז דאָס וואָרט, און ווערט אינגאַנצן 9
אָנגענומען צו ווערן; וואָרום פאַר דעם דאָזיקן 10
באַמיען מיר זיך און ווערן באַליידיקט, ווייל מיר
האָבן געזעצט אונזער האָפנונג אויף דעם לעבעדיקן
ג־ט, וועלכער איז דער העלפער פון אַלע מענטשן,
הויפּטזאַכלעך פון די מאמינים. דאָס זאָלסטו באַפעלן 11
און לערנען.

זאָל קיינער נישט מבזה זיין דיין יוגנט, נאָר זיי 12
אַ ביישפיל פאַר די מאמינים, אין וואָרט, אין אויפ־
פירונג, אין ליבע, אין גלויבן, אין לויטערקייט.
ביז איך וועל קומען, גיב אַכטונג אויף דעם 13

לייענען, אויף דעם מוסר־זאָגן, אויף דער לערנונג.
14 פאַרנאַכלעסיק נישט אין דיר די מתנה פון חסד,
וועלכע איז דיר געגעבן געוואָרן דורך אַ נבואה,
15 מיט סמיכה פון די הענט פון די זקנים. זאָרג
וועגן די דאָזיקע זאַכן; באַשעפטיק דיך מיט זיי,
כדי דיין פאָרטשריט זאָל זיין באַשיינפּערלעך קלאָר
16 פאַר יעדן (איינעם). גיב אַכטונג אויף דיר אַליין
און אויף דער לערנונג. פאַרבלייב אין זיי; וואָרום
טוענדיק דאָס דאָזיקע, וועסטו ראַטעווען דיך אַליין,
און די, וועלכע הערן דיך.

## קאַפּיטל פינף

1 אויף אַ זקן זאָלסטו דיך נישט בייזערן, נאָר זיי
אים מזהיר, ווי אַ פאָטער; די יונגערע (מענער),
2 ווי ברידער; אַלטע פרויען, ווי מוטערס; די יונגערע,
3 ווי שוועסטערס, אין פולער לויטערקייט. גיב אָפּ
כבוד צו אלמנות, וועלכע זענען ווירקלעך אלמנות.
4 אויב אָבער אַ געוויסע אלמנה האָט קינדער אָדער
אייניקלעך, זאָלן זיי קודם כל לערנען צו זיין
גאָטספאָרכטיק אין זייער אייגן הויז און אָפּצוצאָלן
גוטס צו די עלטערן; וואָרום דאָס דאָזיקע
5 איז אָנגענומען פאַר ג־ט. די ווירקלעכע אלמנה
אָבער און פאַראיינזאַמטע האָט בטחון אויף
ג־ט, און האַלט אָן מיט תחינות און תפילות
6 ביינאַכט און בייטאָג. און די, וועלכע לעבט אין
7 תענוגים, איז לעבעדיק טויט. דאָס זאָלסטו באַפעלן,
8 כדי זיי זאָלן זיין אָן אַ פעלער. אויב אָבער עמיצער
זאָרגט נישט פאַר זיינע קרובים, און איבערהויפּט
פאַר זיינע בני בית, האָט ער פאַרלייקנט די אמונה,
9 און איז ערגער פון אַן אומגלויביקן. אַלס אַן אלמנה

זאָל פאַררעכנט ווערן די, וואָס איז נישט ווייניקער
ווי זעכציק יאָר אַלט, דאָס ווייב פון איין מאַן,
10 וועגן וועלכער מען זאָגט עדות אויף אירע מעשים
טובים, צי זי האָט דערצויגן קינדער, אויפגע־
נומען אורחים, געוואַשן די פיס פון די קדושים,
געהאָלפן די ליידנדיקע, נאָכגעפאָלגט כלערליי
11 מעשים־טובים. די יונגערע אלמנות אָבער זאָלסטו
נישט אָננעמען; וואָרום ווען זיי לעבן אין פאַרגע־
12 ניגנס קעגן דעם משיח, ווילן זיי חתונה האָבן; זיי
פאַרדינען אַ משפט, ווייל זיי האָבן פאַרוואָרפן
13 זייער ערשטן גלויבן. און אין דער זעלביקער
צייט לערנען זיי צו זיין פויל, אַרומגייענדיק
פון הויז צו הויז; און נישט בלויז צו זיין פויל,
נאָר זענען אויך פלוידעריינס און מישן זיך אין
יענעמס געשעפטן, רעדנדיק וואָס מען דאַרף נישט.
14 איך וויל דעריבער, אַז די יונגע זאָלן חתונה האָבן,
געבוירן קינדער, פירן אַ הויז, און נישט געבן
דעם קעגנער קיין שום געלעגנהייט צו לעסטערן;
15 וואָרום אייניקע האָבן זיך שוין אַוועקגעקערט נאָך
16 דעם שטן. אויב אַ גלויביקע (פרוי) האָט אלמנות
ביי זיך, זאָל זי זיי פאַרזאָרגן, און נישט פאַלן
צו לאַסט דער קהלה; כדי צו קענען פאַרזאָרגן
די ווירקלעכע אלמנות.

17 די זקנים, וועלכע הערשן גוט, זאָלן באַטראַכט ווערן
ווי ראוי אַ טאָפלטן כבוד, איבערהויפט די, וועלכע
באַמיען זיך אין וואָרט און אין דער לערנונג.
18 וואָרום דער פסוק זאָגט: אַן אָקס ביים דרעשן
זאָלסטו נישט פאַרבינדן דאָס מויל. (דברים כה, ד.) און:
19 דער אַרבעטער איז ווערט דעם לוין זיינעם. קעגן
אַ זקן זאָלסטו נישט אָננעמען קיין אָנקלאָג, אַחוץ
אין דער קעגנוואַרט פון צוויי אָדער דריי עדות.

20 די חוטאים זאָלסטו שטראָפן פאַר אַלעמען, כדי
21 אַפילו די איבריקע זאָלן מורא האָבן. איך באַשווער
דיך פאַר ג־ט און דעם משיח ישוע און די
אויסדערוויילטע מלאכים, אַז דו זאָלסט אָפהיטן
די דאָזיקע זאַכן אָן פאָראורטייל, און גאָרנישט
22 טון מיט פאַרטייאישקייט. גיב קיינעם נישט קיין
סמיכת ידים צו גיך, באַטייליק דיך נישט אין די
23 זינד פון אַנדערע; האַלט דיך ריין. טרינק נישט
מער קיין וואַסער, נאָר געברויך אַ ביסל וויין
צוליב דיין מאָגן און די אָפטע שלאַפקייטן דיינע.
24 די חטאים פון אייניקע מענטשן זענען באַשיינפערלעך
קלאָר, און גייען פאָרויס צום משפט; אַנדערע
25 מענטשן אָבער פאָלגן זיי נאָך. און אויך אַזוי די
מעשים טובים זענען באַשיינפערלעך קלאָר פאָרויס,
און די, וואָס זענען נישט אַזוי, קענען דאָך נישט
פאַרבאָרגן ווערן.

## קאַפיטל זעקס 6

1 אַלע, וואָס זענען קנעכט אונטערן יאָך, זאָלן
באַטראַכטן זייערע האַרן ווי ראוי פון יעדן
כבוד, כדי ג־טס נאָמען און די לערנונג זאָלן נישט
2 געלעסטערט ווערן. און די, וועלכע האָבן האַרן
מאמינים, זאָלן זיי נישט מבזה זיין, ווייל זיי זענען
ברידער, נאָר זאָלן זיי נאָך מער דינען, ווייל זיי
זענען מאמינים און געליבטע, וועלכע האָבן אַ
חלק אין דער מתנה (פון גאָט). דאָס זאָלסטו לערנען
און מזהיר זיין.
3 אויב עמיצער לערנט אַנדערש און שטימט נישט
איין מיט געזונטע ווערטער, די (ווערטער) פון
דעם האַר אונזערן ישוע המשיח, און דער לערנונג,
4 וועלכע איז לויט יראת־שמים, איז ער אויפ־

געבלאָזן, ווייסט גאָרנישט, נאָר קרענקט אויף
שאלות און מחלוקת איבער ווערטער, פון וועלכע
עס קומען אַרויס קנאה, געצאַנק, לעסטערונגען,
5 בייזע חשדים, וויכוחים פון מענטשן מיט אַ
פאַרדאָרבענעם פאַרשטאַנד און וואָס עס פעלט זיי
דער אמת, וועלכע מיינען, אַז יראת־שמים איז אַ מיטל
6 צום געווין. יראת־שמים אָבער מיט צופרידנקייט
7 איז אַ גרויס געווינס; וואָרום מיר האָבן גאָרנישט
אַריינגעבראַכט אין דער וועלט, און קענען
8 גאָרנישט אַרויסטראָגן; האָבנדיק אָבער שפּייז און
מלבושים, לאָמיר זיין צופרידן מיט די דאָזיקע.
9 אָבער די, וואָס ווילן רייך ווערן, פאַלן אַריין אין
אַ נסיון און אין אַ נעץ און אין פיל אומזיניקע און
שעדלעכע פאַרלאַנגען, וועלכע דערטרענקען די
10 מענטשן אין אונטערגאַנג און פאַרדאַרבונג. וואָרום
דער שורש פון אַלעם שלעכטן איז די ליבע צו
געלט; וואָס אייניקע האָבן געגלוסט און זענען
פאַרפירט געוואָרן פון דער אמונה און האָבן זיך
אַליין געקוועלט מיט אַ סך יסורים.

11 דו אָבער, ג־טס מענטש, אַנטרין פון די דאָזיקע
זאַכן, און יאָג נאָך צדקות, יראת־שמים, אמונה,
12 ליבע, סבלנות, ענווה. קעמף דעם גוטן קאַמף
פון דער אמונה, כאַפּ אָן דאָס אייביקע לעבן, צו
וועלכן דו ביסט גערופן געוואָרן און האָסט באַקענט
13 די גוטע באַקענונג פאַר אַ סך עדות. איך באַפעל
דיר פאַר ג־ט, וועלכער מאַכט אַלץ לעבעדיק, און
פאַר משיח ישוע, וועלכער האָט עדות געזאָגט
14 פאַר פאָנטיוס פילאַטוסן די גוטע באַקענונג, אַז דו
זאָלסט אָפּהיטן דאָס געבאָט אָן אַ פלעק און אָן אַ
פעלער, ביז צום נתגלה־ווערן פון אונזער האַר ישוע
15 המשיח, וואָס עס וועט ווייזן אין דער געהעריקער

צייט דער געבענטשטער און איינציק מעכטיקער,
16 דער מלך המלכים און אדון האדונים, וואָס נאָר ער
אַליין האָט אומשטאַרבלעכקייט, און וואוינט אין אַ
ליכט, צו וועלכן מען קען נישט דערגרייכן, וועמען
קיין מענטש האָט נישט געזען און קאָן נישט זען;
כבוד צו אים און די אייביקע מאַכט. אמן.
17 די עשירים אין דער איצטיקער וועלט זאָלסטו
באַפעלן, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערהייבן, און אַז
זיי זאָלן נישט זעצן זייער בטחון אויף אומזיכערע
עשירות, נאָר אויף דעם לעבעדיקן ג־ט, וועלכער
18 גיט אונדז אַלץ די והותר צום געניסן; אַז זיי זאָלן
טון גוטס, רייך ווערן אין מעשים טובים, זיין גוטע
19 געבער, גרייט צו העלפן; אָנזאַמלענדיק זיך אַן
אוצר ווי אַ גוטן יסוד אויף לעתיד לבוא, כדי זיי
זאָלן דערלאַנגען דאָס אמתע לעבן.
20 אָ טימאָטעוס, היט אָפּ דעם פּקדון, אויסמיידנדיק
געמיינע און פּוסטע רייד און די קעגנערישע מיינונ־
21 גען פון דער פאַלש־גערופענער דערקענטעניש; צו
וועלכער אייניקע האָבן זיך דערקלערט און האָבן
פאַרבלאָנדזשעט פון דער אמונה.
זאָל דער חסד זיין מיט אייך.

# דער צווייטער בריוו פון דעם שליח
# פּוילוס צו טימאָטעוסן

פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע, דורך ג־טס 1
רצון, לויט דער הבטחה פון דעם לעבן, וואָס
איז אינם משיח ישוע, צו טימאָטעוסן, מיין געליבטן 2
זון: חסד, רחמים און שלום פון ג־ט דעם פאָטער
און דעם משיח ישוע אונזער האַר.
איך דאַנק ג־ט, וועמען איך דין פון מיינע אבות 3
אָן מיט אַ לויטער געוויסן, אַז אָן אויפהער האָב
איך דיך אין זכרון אין מיינע תפילות, ביינאַכט און
בייטאָג. איך בענק דיך צו זען, געדענקענדיק 4
דיינע טרערן, כדי איך זאָל אָנגעפילט ווערן מיט
שמחה, ווען איך דערמאָן מיך אין דיין אויפריכ־ 5
טיקער אמונה, וואָס האָט קודם כל געוואוינט אין
דיין עלטערמוטער לוידאַ און אין דיין מוטער
עוניקע, און האָב מיך איבערצייגט, אַז אויך
אין דיר. צוליב דער סבה דערמאָן איך דיך, אַז דו 6
זאָלסט ווידער אונטערפאָכן (ביז צו אַ פלאַם) די
מתנה, פון ג־ט, וועלכע איז אין דיר דורך דער 7
סמיכה פון מיינע הענט. וואָרום ג־ט האָט אונז
נישט געגעבן קיין גייסט פון פחד, נאָר פון גבורה 8
און ליבע און פאַרנונפט. דעריבער זאָלסטו
דיך נישט שעמען מיט דעם עדות־זאָגן פון
אונזער האַר, און אויך נישט מיט מיר, זיין געפאַנ־
גענעם; נאָר דערטראָג די ליידן פאַר דער גוטער
בשורה לויט דער קראַפט פון ג־ט, וועלכער האָט 9
אונז געראַטעוועט און גערופן מיט אַ הייליקן רוף,
נישט לויט אונזערע מעשים, נאָר לויט זיין אייגענער

עצה און חסד. וואָס איז אונז געשענקט געוואָרן
10 אינם משיח ישוע פאַר אייביקע צייטן, און איז איצט
אַנטפלעקט געוואָרן דורך דער דערשיינונג פון
אונזער גואל משיח ישוע, וועלכער האָט צונישט
געמאַכט דעם טויט און געברענגט צום ליכט דאָס
לעבן און די אומפאַרדאַרבלעכקייט דורך דער
11 גוטער בשורה, פאַר וועלכער איך בין באַשטימט
געוואָרן אַלס אַן אַנזאָגער, און שליח, און מלמד פון
12 די אומות־העולם. צוליב דער סבה לייד איך טאַקע
די דאָזיקע זאַכן; דאָך שעם איך מיך נישט; וואָרום
איך ווייס אין וועמען איך האָב געגלויבט, און האָב
מיך איבערצייגט, אַז ער איז אימשטאַנד אָפּצוהיטן
13 מיין פקדון ביז צו יענעם טאָג. האַלט דיך ביים
פאָרבילד פון געזונטע ווערטער, וועלכע דו האָסט
געהערט פון מיר, אין גלויבן און אין ליבע, וואָס
14 איז אין משיח ישוע. היט אָפּ דעם גוטן פקדון דורך
דעם רוח הקודש, וועלכער וואוינט אין אונז.
15 דאָס דאָזיקע ווייסטו, אַז פון מיר האָבן זיך אָפּגע־
קערט אַלע, וואָס געפינען זיך אין (קליין) אַזיען,
צווישן וועלכע עס זענען פיגעלוס און הערמאָגענעס.
16 זאָל דער האַר שענקען רחמים צו דעם הויזגעזינט
פון אָנעסיפאָרוס; ווייל אַ סך מאָל האָט ער מיך
דערקוויקט, און זיך נישט געשעמט מיט מיינע
17 קייטן, נאָר קומענדיק קיין רוים, האָט ער מיך
18 פלייסיק אויפגעזוכט און געפונען—זאָל אים דער
האַר (ישוע) געבן, אַז ער זאָל געפינען רחמים ביים
האַר (ג־ט) אין יענעם טאָג—און וויפל ער האָט
מיר געדינט אין עפעזוס, ווייסטו גאַנץ גוט.

## קאַפּיטל צוויי

1 דעריבּער דו, מיין זון, שטאַרק דיך אין דעם חסד,
2 וואָס איז אין משיח ישוע. און וואָס דו
האָסט געהערט פון מיר פאַר אַ סך עדות, דאָס גיב
איבּער צו בּאַגלויבּטע מענטשן, וועלכע וועלן
3 זיין פעאיק צו לערנען אויך אַנדערע. לייד
4 מיט ווי אַ גוטער זעלנער פונם משיח ישוע. קיין
זעלנער פאַרוויקלט זיך נישט אין די עסקים פון
דעם לעבּן; כּדי ער זאָל וואוילגעפעלן דעם אָפיציר,
5 וואָס האָט אים גענומען צום מיליטער. און ווען
עמיצער ראַנגלט זיך ווי אַן אַטלעט, ווערט ער
נישט געקריינט, אויבּ ער האָט זיך נישט געראַנגלט
6 לויט דעם געזעץ. דער ערדאַרבּעטער, וואָס
פּראַצעוועט, זאָל צום ערשט געניסן פון די פּירות.
7 פאַרשטיי וואָס איך זאָג; וואָרום דער האַר וועט
8 דיר געבּן חכמה אין יעדער זאַך. געדענק ישוע
המשיחן, וועלכער איז אויפגעשטאַנען פון די
טויטע, איז פון דער זרע דוד, לויט מיין גוטער
9 בּשורה; פאַר וועלכער איך לייד אַזש בּיז קייטן,
ווי אַ פאַרבּרעכער; נאָר ג־טס וואָרט איז נישט
10 געבּונדן. דערפאַר טראָג איך אַלץ איבּער צוליבּ
די אויסדערוויילטע, כּדי זיי אויך זאָלן דערגרייכן
די ישועה אינם משיח ישוע מיט אייבּיקן כּבוד. עס
11 איז אַ בּאַגלויבּט וואָרט: וואָרום אויבּ מיר זענען
געשטאָרבּן צוזאַמען מיט אים, וועלן מיר אויך
12 לעבּן צוזאַמען מיט אים; אויבּ מיר האָבּן סבלנות,
וועלן מיר אויך קעניגן צוזאַמען מיט אים; אויבּ
מיר וועלן אים פאַרלייקענען, וועט ער אויך
13 אונז פאַרלייקענען; אויבּ מיר גלויבּן נישט, בּלייבּט

ער (אַלץ) געטריי; וואָרום ער קען זיך נישט
פאַרלייקענען.
14 דאָס ברענג אַלע צום זכרון, באַשווערנדיק זיי פאַר
גאָט, זיך נישט צו צאַנקען איבער ווערטער, וואָס
נוצט צו גאָרנישט, (בלויז) צום פאַרדאַרבן די
15 צוהערער. גיב דיר די מי, זיך פאָרצושטעלן פאַר
ג־ט ווי אַן אויסגעפּרואוועטער אַרבעטער, וועלכער
דאַרף זיך נישט שעמען, וואָס טיילט אויס ריכטיק
16 דאָס וואָרט פון אמת. מייד אָבער אויס די אומוויר־
דיקע און פוסטע רייד; וואָרום זיי דערפירן נאָך
17 צו אַ סך מער רשעות, און זייער וואָרט צעפרעסט
ווי אַ קרעבס־געשוויר; פון זיי זענען הימענעאוס
18 און פילעטוס, וועלכע האָבן אָפּגענייגט פון דעם
אמת, זאָגנדיק, אַז עס איז שוין געווען תחית המתים;
19 און קערן איבער די אמונה פון אייניקע. דאָך
ג־טס שטאַרקער יסוד שטייט פעסט, האָבנדיק
דעם דאָזיקן חותם: דער האַר קען די, וועלכע זענען
זיין, און: זאָל זיך אָפּקערן פון אומגערעכטיקייט
יעדער איינער, וואָס רופט אָן דעם האַרס נאָמען.
20 אין אַ גרויס הויז געפינען זיך נישט בלויז גאָלדענע
און זילבערנע כלים, נאָר אויך הילצערנע און ליי־
מענע; און די ערשטע צו כבוד און די לעצטע
21 צו אומכבוד. ווען דעריבער עמיצער וועט זיך
לייטערן פון די דאָזיקע, וועט ער זיין אַ כלי צו
כבוד, געהייליקט, נוצלעך פאַר דעם האַר, גרייט
22 צו כלערליי מעשים־טובים. אַנטלויף אָבער פון
די יוגנטלעכע תאוות, און יאָג נאָך צדקות, אמונה,
ליבע, שלום מיט די, וועלכע רופן אָן דעם האַר
23 אויס אַ לויטער האַרץ. אָבער נאַרישע און קינ־
דישע מחלוקת זאָלסטו אויסמיידן, וויסנדיק, אַז זיי
24 ברענגען אַרויס קריגערייען. דעם האַרס אַ קנעכט

אָבער זאָל זיך נישט צאַנקען, נאָר זיין פריינטלעך
לגבי אַלעמען, פעאיק צו לערנען (אַנדערע), אַ
25 סבלן, וואָס זאָגט מיט ענִיוותדיקייט שטראָפרייד צו
26 די ווידערשפעניקע; אפשר וועט ג־ט זיי שענקען
תשובה, צום דערקענען דעם אמת, און ווידער
ניכטער צו ווערן אויס דעם שטנס פאַסטקע אַרויס,
וואָס ער האָט זיי געפאַנגען צו זיין ווילן.

## קאַפּיטל דריי

1 דאָס דאָזיקע אָבער זאָלסטו וויסן, אַז אין די
2 לעצטע טעג וועלן קומען שווערע צייטן. וואָרום
די מענטשן וועלן זיין ליבהאָבער פון זיך אַליין,
ליבהאָבער פון געלט, באַרימער, חוצפהדיק, לעס־
טערער, אומגעהאָרכזאַם צו עלטערן, אומדאַנקבאַר,
3 גאָטלאָז, אוממענטשלעך, נישט געניגט מוחל צו זיין,
טייוולאָנים, נישט איינגעהאַלטן, אכזרים, שונאים
4 פון גוטס, פאַררעטעריש, לייכטזיניק, אָנגעבלאָזן,
וואָס האָבן ליב פאַרגעניגנס מער ווי זיי האָבן ליב
5 ג־ט; וואָס האָבן אַ געשטאַלט פון יראת־שמים,
פאַרלייקענען אָבער די קראַפט דערפון; אויך פון די
6 דאָזיקע קער דיך אָפּ. וואָרום פון די דאָזיקע זענען
די, וואָס גנבענען זיך אַריין אין הייזער און נעמען
געפאַנגען נאַרישע ווייבלעך, וועלכע זענען באַלאָדן
מיט זינד און ווערן פאַרפירט פון פאַרשיידענע
7 תאוות, וואָס תמיד לערנען זיי, און קענען קיינמאָל
נישט קומען צו דער דערקענטעניש פון דעם אמת.
8 און פונקט ווי יאַנעס און יאַמברעס האָבן זיך אַקעגנ־
געשטעלט משה (רבנו), אַזוי שטעלן זיך אויך די
דאָזיקע אַקעגן דעם אמת; מענטשן מיט אַ פאַרדאָר־
בענעם פאַרשטאַנד, פאַרוואָרפן וואָס שייך דער אמונה.

9 זיי וועלן אָבער ווייטער נישט קומען; וואָרום זייער
נאַרישקייט וועט ווערן באַשיינפערלעך קלאָר פאַר
10 אַלעמען, ווי עס איז אויך געשעען מיט יענע. דו
אָבער האָסט נאָכגעפאָלגט מיין לערנונג, מיין אויפפי־
רונג, מיין מיינונג, מיין אמונה, מיין לאַנגמוטיקייט,
11 מיין ליבע, מיין סבלנות, מיינע פאַרפאָלגונגען,
עינוים, וועלכע זענען געקומען אויף מיר אין
אַנטיאָכיען, אין איקאָניום, אין ליסטראַ; וואָס פאַר
אַ רדיפות איך האָב איבערגעטראָגן; און פון אַלע
12 האָט מיך דער האַר מציל געווען. יאָ, אַלע, וועלכע
ווילן לעבן גאָטספאָרכטיק אין משיח ישוע,
13 וועלן פאַרפאָלגט ווערן. שלעכטע מענטשן אָבער
און באַטריגער וועלן ווערן ערגער און ערגער,
14 וועלן פאַרפירן און פאַרפירט ווערן. דו אָבער בלייב
אין דעם, וואָס דו האָסט געלערנט, און וואָס איז
דיר אָנפאַרטרויט געוואָרן, וויסנדיק פון וועמען
15 דו האָסט עס געלערנט, און ווייל פון קינדווייז
אויף האָסטו געקענט די כתבי הקודש, וועלכע
קענען דיך מאַכן קלוג צו ישועה דורך אמונה, וואָס
16 איז אין משיח ישוע. אַלע כתבי (הקודש) זענען
באַזעלט פון ג־טס גייסט, און זענען נוצלעך צו
לערנונג, צו מוסר, אַרויפצופירן אויפן דרך הישר,
17 צו דערציאונג אין צדקות; כדי דער מענטש פון ג־ט
זאָל זיין שלימותדיק, פעליק צוגעגרייט צו כלערליי
מעשים־טובים.

## קאַפּיטל פיר

4

1 איך באַשווער דיך פאַר ג־ט און פאַר משיח ישוע,
וועלכער וועט משפטן די לעבעדיקע און די
טויטע, און פאַר זיין דערשיינונג און זיין מלכות;
2 רוף אויס דאָס וואָרט; טרעט אויף אין געלעגענער

צייט, אין אומגעלעגענער צייט; זאָג מוסר, שריי
אָן, זײַ מזהיר, מיט פֿולער געדולד און לערנונג.
3 וואָרום עס וועט זײַן אַ צייט, ווען זיי וועלן נישט
פֿאַרטראָגן קיין געזונטע לערנונג; נאָר וועלן זיך
אײַנזאַמלען לערער לויט זייערע אייגענע גלוסט־
4 טיקייטן, האָבנדיק קיצלדיקע אויערן; און וועלן
אָפּקערן זייער אויער פֿון דעם אמת, און זיך
5 ווענדן צו לעגענדעס. דו אָבער זײַ ניכטער אין
אַלעם, דערטראָג ליידן, טו די אַרבעט פֿון אַ
מבשר, זײַ ממלא דײַן עבודה. וואָרום איך
6 ווער שוין געברענגט ווי אַ קרבן נסך, און די
7 צייט פֿון מײַן פּטירה איז געקומען. איך האָב
געקעמפֿט דעם גוטן קאַמף, האָב פֿאַרענדיקט
8 דעם וועטלויף, די אמונה אָפּגעהיטן; פֿון איצט
אָן ליגט פֿאַר מיר אַוועקגעלייגט די קרוין
פֿון צדקות, וועלכע דער האַר, דער שופֿט צדק,
וועט מיר געבן אין יענעם טאָג; און נישט בלויז
מיר אַליין, נאָר אויך אַלעמען, וועלכע האָבן ליב
געהאַט זײַן בתגלה ווערן.
9 אײַל דיך באַלד צו קומען צו מיר; וואָרום
10 דעמאַס האָט מיך פֿאַרלאָזן, ליב האָבנדיק עולם
הזה, און איז אַוועק קיין טעסאַלאָניקאַ; קרעסצענס
11 קיין גאַלאַטיען, טיטוס קיין דאַלמאַטיען. לוקאַס
אַליין איז מיט מיר. נעם מאַרקוסן און ברענג
(אים) מיט דיר, וואָרום ער איז מיר זער נוצלעך
12 צו דער עבודה. טיכיקוסן אָבער האָב איך
13 אַוועקגעשיקט קיין עפֿעזוס. דעם רייזעמאַנטל,
וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין טראָאַס בײַ קאַר־
פּוסן, ברענג (מיט), ווען דו קומסט, און די ספֿרים,
14 איבערהויפּט די פּאַרמעטן. אַלעקסאַנדער דער
קופּערשמיד האָט מיר געטון פֿיל בייז; דער האַר

15 וועט אים פאַרגעלטן לויט זיינע מעשים; פון וועמען
אויך דו זאָלסט דיך אויסהיטן, וואָרום ער האָט זיך
16 זער אַקייגנגעשטעלט אונזערע רייד. ביי מיין
ערשטער פאַרטיידיקונג איז קיינער נישט געשטאַ־
גען ביי מיר, נאָר אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט; זאָל
17 עס זיי נישט צוגערעכנט ווערן! דער האַר אָבער
איז געשטאַנען ביי מיר, און האָט מיך געשטאַרקט,
כדי די בשורה זאָל באַשטעטיקט ווערן דורך מיר,
און אַלע גוים זאָלן זי הערן; און איך בין ניצול
18 געוואָרן פון דעם לייבס מויל. דער האַר וועט מיך
מציל זיין פון יעדער מעשה רע, און מיך ראַטעווען
אין זיין מלכות שמים אַריין; צו אים זאָל זיין דער
כבוד לעלמי עולמים. אמן.

19 גיב אָפ שלום פריסקאַן און אַקווילאַן און די (בני
20 בית פון אָנעסיפאָרוס. עראַסטוס איז פאַרבליבן אין
קאָרינט; טראָפימוסן אָבער האָב איך איבערגעלאָזן
21 קראַנק אין מילעטוס. אייל דיך צו קומען פאַר דעם
ווינטער. עס געבן דיר אָפ שלום עובולוס און
פודענס און לינוס און קלודיאַ און אַלע ברידער.

22 זאָל דער האַר זיין מיט דיין גייסט. דער חסד
מיט אייך.

# דער בריוו פוי דעם שליח פּוילוס צו טיטוסן

1 פּוילוס, אַ קנעכט פון גאָט און אַ שליח פון ישוע
המשיחן, לויט דער אמונה פון די אויסדערווײלטע
פון ג־ט, און דער דערקענטעניש פונם אמת, וואָס
2 איז לויט יראת־שמים, אין דער האָפנונג אויף
אייביק לעבן, וואָס ג־ט, וועלכער זאָגט נישט קיין
שקר, האָט פאַרשפּראָכן פון אייביקע צייטן אָן,
3 און אין דער געהעריקער צייט אַנטפּלעקט זײַן
וואָרט אין דעם אויסרופן, וואָס איז מיר אָנפאַר־
טרויט געוואָרן לויט אַ געבאָט פון ג־ט אונזער
4 רעטער;—צו טיטוסן, מײַן וואָרהאַפטיקן זון לויט
אונזער געמיינזאַמער אמונה: חסד און שלום פון
ג־ט דעם פאָטער און משיח ישוע אונזער רעטער.
5 דערפאַר האָב איך דיך איבערגעלאָזט אין קרעטאַ,
כדי דו זאָלסט ברענגען אין אָרדנונג, וואָס עס
פעלט נאָך, און באַשטימען זקנים אין יעדער
6 שטאָט, ווי איך האָב דיר באַפוילן; אויב איינער
איז אָן אַ פעלער, דער מאַן פון איין ווייב, האָט
גלויביקע קינדער, וועמען מען באַשולדיקט נישט
7 אין צעלאָזנקייט, אָדער אומגעהאָרכזאַמקייט. וואָרום
דער משגיח דאַרף זײַן אָן אַ פעלער, אַלס ג־טס
פאַרוואַלטער; נישט אײַנגעעקשנט, נישט קיין רגזן,
נישט קיין שכור, נישט קיין שלעגער, נישט געניגט
8 צו שענדלעכן געווין; נאָר אַ מכניס אורח, וואָס
האָט ליב גוטס, פאַרשטענדיק, אַ צדיק, אַ קדוש,
9 אײַנגעהאַלטן, וואָס האַלט זיך ביים באַגלויבטן
וואָרט לויט דער לערנונג, כדי ער זאָל זײַן אימ־

שטאַנד סאַי מזהיר צו זיין אין דער געזונטער לערנונג,
סאַי צו רעדן שטראָפרייד צו די קעגנער·
10 וואָרום עס זענען פאַראַן אַ סך ווידערשפעניקע,
פּלאַפּלער און באַטריגער, מערסטנס די פון די
געמלטע, וועמען מען דאַרף פאַרשטאָפּן דאָס מויל;
11 וועלכע קערן איבער גאַנצע הייזער און לערנען וואָס
12 טויג נישט צוליב שענדלעכן געווין· איינער פון זיי,
זייער אייגענער נביא, האָט געזאָגט: די קרעטער
זענען תמיד ליגנער, חיות רעות, פוילע פרעסערס·
13 דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן איז אמת· צוליב דער סבה
זאָלסטו זיי שאַרף זאָגן מוסר, כדי זיי זאָלן זיין
14 געזונט אין דער אמונה, און זיך נישט האַלטן צו
יידישע לעגענדעס און מצוות פון מענטשן, וועלכע
15 קערן אָפּ פון דעם אמת· פאַר די ריינע (מענטשן)
איז אַלץ טהור; פאַר די אָבער, וועלכע זענען טמא
און אומגלויביק איז קיין זאַך נישט טהור; נאָר זייער
16 פאַרשטאַנד און געוויסן איז טמא· זיי זאָגן, אַז זיי
קענען ג־ט, פאַרלייקענען אים אָבער מיט זייערע
מעשים, זייענדיק אומווירדיקע און ווידערשפעניקע
און וואָס טויגן נישט צו קיין שום מעשים טובים·

## קאַפּיטל צוויי

1 דו אָבער רעד וואָס עס פּאַסט פאַר דער געזונטער
2 לערנונג· אַז זקנים זאָלן זיין ניכטער, אויפריכ־
טיק, פאַרשטענדיק, געזונט אין דער אמונה, אין
3 ליבע, אין סבלנות· אַז די זקנות זאָלן דעסגלייכן זיך
אויפפירן, ווי עס פּאַסט פאַר קדושה, נישט רעדן
קיין רכילות, נישט זיין פאַרשקלאַפּט צו אַ סך וויין,
4 נאָר לערערינס פון גוטס; כדי זיי זאָלן מאַכן די
יונגע פרויען פאַרשטענדיק, ליב צו האָבן זייערע

5 מענער, ליב צו האָבן זייערע קינדער, זאָלן זיין
צנועות, לויטער, אַכטונג געבן אויפן הויז, גוט,
אונטערטעניק צו זייערע אייגענע מענער, כדי
6 ג־טס וואָרט זאָל נישט געלעסטערט ווערן; דעסגלייכן
זאָלסטו מזהיר זיין די יונגעלייט, אַז זיי זאָלן זיין
7 פאַרשטענדיק; אין אַלעם זאָלסטו דיך אַליין האַלטן
פאַר אַ פאָרבילד פון מעשים טובים, (אַרויסווייזנדיק
אין דער לערנונג אומפאַרדאָרבנקייט, ווירדיקן
8 ערנסט, אַ געזונט וואָרט, וואָס קען נישט באַשולדיקט
ווערן; כדי דער קעגנער זאָל זיך פאַרשעמען, נישט
האָבנדיק קיין שום שלעכטס צו זאָגן פון אונז.
9 קנעכט זאָלן זיין אונטערטעניק צו זייערע האַרן און
10 וואוילגעפעליק אין אַלעם; נישט אַקייגנרעדן, נישט
גנבענען, נאָר אַרויסווייזן יעדע גוטע געטריישאַפט,
כדי זיי זאָלן באַצירן די לערנונג פון ג־ט אונזער
11 רעטער אין אַלעם. וואָרום ג־טס חסד איז דער־
12 שינען, ברענגענדיק די ישועה צו אַלע מענטשן, און
לערנט אונז, אַז פאַרלייקענענדיק רשעות און
די וועלטלעכע תאוות, זאָלן מיר לעבן צניעות־
דיק, און גערעכט, און גאָטספאָרכטיק אין דער
13 דאָזיקער וועלט, און וואַרטן אויף דער געבענטש־
טער האָפנונג און דערשיינונג פון דעם כבוד פון
דעם גרויסן ג־ט און אונזער גואל משיח ישוע,
14 וועלכער האָט זיך געגעבן פאַר אונזערטוועגן, כדי
אונז אויסצולייזן פון יעדער רשעות און צו לייטערן
פאַר זיך אַן עם סגולה, וואָס אייפערט פאַר מעשים
טובים.
15 די דאָזיקע זאַכן זאָלסטו זאָגן, און מזהיר זיין און
שטראָפן מיט יעדער שטרענגקייט. קיינער זאָל
דיך נישט מבזה זיין.

## קאַפּיטל דריי

1 דערמאָן זיי צו זיין אונטערטעניק צו מושלים
און ממשלות, צו זיין געהאָרכזאַם, צו זיין גרייט
2 צו כלערליי מעשים־טובים, נישט צו רעדן קיין
שלעכטס אויף קיינעמען, נישט צו זיין קריגעריש,
נאָר באַשיידן, אַרויסווייזנדיק יעדע עניוותדיקייט
3 צו אַלע מענטשן. וואָרום מיר אַליין זענען אויך
אַמאָל געווען אָן פאַרשטאַנד, ווידערשפּעניק, האָבן
געבלאָנדזשעט, געדינט צו פאַרשיידענערליי תאוות
און פאַרגעניגנס, געפירט אַ לעבן פון קנאה
שנאה, (געווען) פאַרהאַסט, האָבן פיינט געהאַט
4 איינס דאָס אַנדערע. ווען אָבער עס האָט זיך באַוויזן
די גוטסקייט פון ג־ט אונזער רעטער, און זיין
5 ליבע צו מענטשן, נישט דורך מעשים פון צדקות,
וואָס מיר האָבן געטון, נאָר לויט זיין באַרמהערציג־
קייט האָט ער אונז דערלייזט, דורך דער טבילה
פון ווידערגעבורט און באַנייאונג פון דעם רוח
6 הקודש, וועלכן ער האָט רייכלעך אויסגעגאָסן אויף
7 אונז דורך ישוע המשיחן אונזער גואל; כדי זייענדיק
גערעכטפערטיקט דורך זיין חסד, זאָלן מיר ווערן
8 יורשים לויט דער האָפנונג פון אייביקן לעבן. עס
איז אַ באַגלויבט וואָרט, און איך וויל, אַז וועגן די
דאָזיקע זאַכן זאָלסטו רעדן מיט באַשטימטהייט,
כדי די, וועלכע האָבן געגלויבט אין ג־ט, זאָלן
האָבן אין זינען, עוסק צו זיין אין מעשים טובים—
9 דאָס איז שיין און גוט פאַר מענטשן; נאַרישע
מחלוקת אָבער און יחוס־בריוו און צאַנקעריי און
קריגערייען וועגן דער תורה זאָלסטו אויסמיידן,
10 ווייל זיי זענען אומנוצלעך און פּוסט. אַ מענטשן

וועלכער ברענגט אַריין כיתות, מייד אויס נאָך אַן
איינמאָליקער אָדער צווייִמאָליקער וואָרנונג, וויסנ־
11 דיק, אַז אַזעלכער איז פאַרקערט און זינדיקט,
און איז פון זיך אַליין פאַראורטיילט.

12 ווען איך וועל שיקן אַרטעמאַסן צו דיר אָדער
טיכיקוסן, זאָלסטו דיך איילן צו קומען צו מיר קיין
13 ניקאָפּאָליס; וואָרום איך האָב באַשלאָסן דאָרטן
איבערצווינטערן. זענאַסן, דעם בעל תורה, און
14 אַפּאָלאָסן שיק געשווינט פאָרויס, כדי עס זאָל זיי
גאָרנישט פעלן. און זאָלן אויך אונזערע (לייט)
לערנען עוסק־צו־זיין אין מעשים טובים, אויף
וואָס מען דאַרף נייטיק האָבן, כדי זיי זאָלן
נישט זיין אומפרוכטבאַר.

עס געבן דיר אָפּ שלום אַלע, וואָס זענען מיט
15 מיר. גיב אָפּ שלום צו די, וועלכע האָבן אונז ליב
אין דער אמונה.

זאָל דער חסד זיין מיט אייך אַלעמען.

# דער בריוו פון פּוילוס דעם שליח צו פילעמאָן

1 פּוילוס, אַ געפאַנגענער פונם משיח ישוע, און
טימאָטעוס דער ברודער, צו פילעמאָן דעם
2 געליבטן (מאַן) און אונזער מיטאַרבעטער, און צו
אַפּפיאַ אונזער שוועסטער, און צו אַרכיפּוסן
אונזער מיטזעלנער, און צו דער קהלה אין דיין
3 הויז: חסד צו אייך און שלום פון ג-ט אונזער
פאָטער און פון דעם האַר ישוע המשיח.
4 איך דאַנק ג-ט אין יעדער צייט, דערמאָנענדיק
5 דיך אין מיינע תפילות, ווייל איך האָב געהערט
פון דיין ליבע און דער אמונה, וואָס דו האָסט צום
6 האַר ישוע און צו אַלע הייליקע; כדי די חברותאשאַפט
פון דיין אמונה זאָל ווערן ווירקזאַם אין דער דערקענ-
טעניש פון אַלעם גוטן, וואָס איז אין אונז, צום
7 משיח. וואָרום איך האָב געהאַט אַ גרויסע פרייד
און טרייסט איבער דיין ליבע, ווייל די הערצער
פון די קדושים זענען דערקוויקט געוואָרן דורך
דיר, מיין ברודער.
8 דעריבער, הגם איך האָב די פולע פרייהייט אינם
9 משיח דיר צו באַפעלן וואָס איז רעכט, (דאָך) צוליב
דער ליבע, וועל איך ליבער בעטן, אַזעלכער בין
איך, פּוילוס דער זקן, און איצט אויך אַ געפאַנגענער
10 פונם משיח ישוע; איך בעט דיך פאַר מיין זון, וועלכן
איך האָב געבוירן אין מיינע קייטן, פאַר אָנעסימוסן,
11 וואָס אַמאָל איז ער פאַר דיר געווען אומנוצלעך,
איצט אָבער זער נוצלעך סײַ פאַר דיר סײַ פאַר
12 מיר; איך האָב אים צוריקגעשיקט צו דיר, אים

13 אַליין, דאָס הייסט מיין האַרץ; איך האָב אים גערן
געוואָלט האַלטן ביי מיר, כדי ער, אַלס דיין פאַר־
טרעטער, זאָל מיר דינען אין די קייטן פון דער גוטער
14 בשורה; אָן דיין וויסן אָבער האָב איך גאָרנישט
געוואָלט טון; כדי דיין טובה זאָל נישט זיין געצוואונ־
15 גען, נאָר פון גוטן ווילן. וואָרום אפשר האָט ער
זיך צוליב דעם אָפּגעשיידט (פון דיר) לפי שעה,
16 כדי דו זאָלסט אים באַקומען אויף אייביק; נישט
מער ווי אַ קנעכט, נאָר העכער פון אַ קנעכט, ווי אַ
געליבטן ברודער, איבערהויפּט פאַר מיר, און
וויפל מער פאַר דיר סײַ אין דעם פלייש סײַ אין
17 דעם האַר. אויב דעריבער דו האַלטסט מיך פאַר
18 אַ חבר, נעם אים אויף ווי מיך אַליין. און אויב ער
האָט דיך עפּעס באַעוולט, אָדער איז דיר שולדיק,
19 רעכן דאָס דאָזיקע מיר צו; איך, פּוילוס, האָב עס
געשריבן מיט מיין אייגענער האַנט, איך וועל עס
אָפּצאָלן; הגם איך זאָג דיר נישט, אַז דו ביסט אַפילו
20 דיך אַליין מיר שולדיק. יאָ, מיין ברודער, לאָז
מיך אַ הנאה האָבן פון דיר אינעם האַר; דערקוויק
21 מיין האַרץ אין דעם משיח. איבערצייגט פון דיין
געהאָרכזאַמקייט, האָב איך געשריבן צו דיר, ווייל
22 איך ווייס, אַז דו וועסט טון מער ווי איך זאָג. און
אין דער זעלביקער צייט גרייט אויך צו פאַר מיר
אַ גאַסטשטיבל; וואָרום איך האָף, אַז דורך אייערע
תפילות, וועל איך געשענקט ווערן צו אייך.
23 עפּאַפראַס, מיין מיטגעפאַנגענער אינעם משיח
24 ישוע, לאָזט דיר אָפּגעבן שלום, (אויך) מאַרקוס,
אַריסטאַרכוס, דעמאַס, לוקאַס, מיינע מיטאַרבעטער.
25 זאָל דער חסד פון דעם האַר ישוע המשיח זיין
מיט אייער גייסט.

# דער בריוו צו די יידן

## (מאמינים אינם משיח)

1 נאָכדעם ווי ג-ט האָט פאַרצייטנס אין פיל פאַלן
און אויף פאַרשיידענע אופנים גערעדט צו
2 אונזערע אבות אין די נביאים, האָט ער אין די
דאָזיקע לעצטע טעג גערעדט צו אונז אינם זון,
וועמען ער האָט באַשטימט פאַר אַ יורש פון אַלעם,
דורך וועמען ער האָט אויך באַשאַפן די וועלטן,
3 וועלכער, זייענדיק די אָפּשפּיגלונג פון זיין הערלעכ־
קייט און דאָס אויסדריקלעכע געשטאַלט פון זיין
וועזן, און טראָגנדיק אַלץ מיט דעם וואָרט פון זיין
מאַכט, ווען ער האָט געמאַכט אַ ריייניקונג פון
אונזערע זינד דורך זיך אַליין, האָט זיך אַנידער־
געזעצט אויף דער רעכטער זייט פון דער (געט־
4 לעכער) מאַיעסטעט אין די הויכקייטן; ווערנדיק
אויף אַזויפיל דערהויבענער פון די מלאכים אויף
וויפל דער נאָמען, וועלכן ער האָט גע־ירשנט, איז
5 פאָרטרעפלעכער פון זיי. וואָרום צו וועמען פון די
מלאכים האָט ער ווען נישט איז געזאָגט:

דו ביסט מיין זון, איך האָב דיך היינט געבוירן?

און ווידער: (תהלים ב׳ ז׳.)

איך וועל זיין צו אים אַ פאָטער,
און ער וועט זיין צו מיר אַ זון? (שמואל ב׳ ז׳ יד׳.)

6 און ווידער, ווען ער ברענגט אַריין דעם בכור אין
דער וועלט, זאָגט ער:

און זאָלן זיך צו אים בוקן אַלע מלאכים פון
ג-ט. (תהלים צז׳ ז׳.)

7 און בנוגע די מלאכים זאָגט ער:

ער מאַכט זיינע מלאכים־ווינטן
און זיינע משרתים—אַ פלאַם פייער; (תהלים קד׳ ד׳.)

8 אָבער אין באַצוג אויף דעם זון:
דיין טראָן, אָ ג-ט, איז פון אייביקייט ביז אייבי־
קייט, און אַ סצעפּטער פון יושר איז דער
9 סצעפּטער פון דיין קעניגרייך. דו האָסט ליב
געהאַט גערעכטיקייט און געהאַסט רשעות,
צוליב דעם האָט דיך ג-ט דיין גאָט געזאַלבט
מיטן אייל פון פרייד איבער דיינע חברים.
(תהלים מה, ז, ח.)

10 און
דו, האַר, האָסט אין אָנהויב געגרונטפעסטיקט
די ערד, און די הימלען זענען די ווערק פון
11 דיינע הענט; זיי וועלן פאַרלוירן ווערן, אָבער
דו בלייבסט; און אַלע וועלן אַלט ווערן, ווי
12 אַ קלייד, און ווי אַ מאַנטל וועסטו זיי איינ־
וויקלען און זיי וועלן פאַרוואַנדלט ווערן,
אָבער דו ביסט (אַלעמאָל) דער זעלביקער,
און דיינע יאָרן וועלן ער נישט אויפהערן.
(תהלים קב כו-כח.)

13 אָבער צו וועמען פון די מלאכים האָט ער ווען נישט
איז געזאָגט:
זיץ אויף מיין רעכטער זייט, ביז איך וועל
אַנידערלייגן דיינע פיינט פאַר אַ פוסבענקעלע
צו דיינע פיס? (תהלים קי, א.)

14 צי זענען זיי דען נישט אַלע רוחות משרתים, וואָס
ווערן געשיקט צו דינען די, וועלכע וועלן ירשענען
די גאולה?

## קאַפּיטל צוויי

1 צוליב דעם מוזן מיר לייגן מער אַכט אויף די
זאַכן, וואָס מיר האָבן געהערט, טאָמער וועלן
2 מיר אָפּפאַלן. וואָרום אויב דאָס וואָרט, וואָס איז

גערעדט געוואָרן דורך מלאכים, איז געווען פעסט,
און יעדע עבירה און ווידערשפּעניקייט האָט באַקומען
3 אַ גערעכטע פאַרגעלטונג, ווי אַזוי זשע וועלן מיר
אַנטרינען (אַ שטראָף) פאַרנאַכלעסיקנדיק אַזאַ
גרויסע ישועה? וועלכע איז מתחילת אָנגעזאָגט
געוואָרן דורך דעם האַר און באַשטעטיקט געוואָרן
4 צו אונז דורך די, וואָס האָבן אים געהערט, בשעת
ג״ט האָט דערויף מעיד געווען מיט אותות און מופתים
און מיט פאַרשיידענע גבורות און מתנות פון רוח
הקודש, וואָס ער האָט אויסגעטיילט לויט זיין רצון.
5 וואָרום די צוקונפטיקע וועלט, פון וועלכער מיר
רעדן, האָט ער נישט אונטערטעניק געמאַכט אונטער
6 מלאכים. נאָר עמיצער האָט אין אַ געוויסער שטעלע
עדות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

וואָס איז אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענ־
קען? אָדער דער זון פון אַ מענטש, אַז דו
7 זאָלסט אַכטונג געבן אויף אים? דו האָסט
אים אַביסל קלענער געמאַכט פון מלאכים,
מיט כבוד און הערלעכקייט אים געקריינט,
און אים געשטעלט איבער די מעשים פון
8 דיינע הענט: אַלץ האָסטו אונטערטעניק
געמאַכט אונטער זיינע פיס.

(תהלים ח, ה־ז.)

וואָרום אונטערטעניקנדיק אַלץ צו אים, האָט ער
נישט איבערגעלאָזט קיין זאַך, וואָס איז אים נישט
אונטערטעניק. נאָר איצט זעען מיר נאָך נישט אַלץ
9 אונטערטעניק צו אים. מיר זעען אָבער ישוען,
אים, וואָס איז אַביסל קלענער געמאַכט פון מלאכים
דורך די יסורים פון טויט, געקריינט מיט כבוד און
הערלעכקייט, אַז ער זאָל, דורך ג״טס חסד, טועם
10 זיין דעם טויט פאַר יעדן (מענטשן). ווייל עס איז

געוועזן פּאַסנד פאַר אים, פאַר וועמען אַלץ איז און
דורך וועמען אַלץ איז, פירנדיק אַ סך זין צו הערלעכ־
קייט, שלימותדיק צו מאַכן דורך ליידן דעם שר פון
11 זייער ישועה. וואָרום דער, וואָס מאַכט הייליק
און די, וואָס ווערן געהייליקט, זענען אַלע פון
איינעם; צוליב וועלכער סבה ער שעמט זיך נישט
12 זיי צו רופן ברידער, זאָגנדיק:

איך וועל דערציילן דיין נאָמען צו מיינע ברידער,
אין מיטן דער עדה וועל איך צו דיר זינגען.
(תהלים כב, כג.)

13 און ווידער:

איך וועל האָפן צו אים. (ישעיהו ח, יז.)

און ווידער:

אָט בין איך און די קינדער, וואָס ג־ט האָט מיר
געגעבן. (ישעיהו ח, יח.)

14 דעריבער, אַזוי ווי די קינדער נעמען אָן אָנטייל
אין פלייש און בלוט, האָט ער אויך ענלעך אָנטייל
גענומען אין זיי, כדי דורך דעם טויט זאָל ער צונישט
מאַכן דעם, וואָס האָט די מאַכט פון טויט, דאָס
15 הייסט דעם שטן, און באַפרייען די דאָזיקע, וועלכע
זענען דורך דער מורא פאַרן טויט געוועזן אונטער־
געוואָרפן צו קנעכטשאַפט אַלע טעג פון זייער
16 לעבן. וואָרום ער נעמט זיך באמת נישט אָן פאַר קיין
מלאכים, נאָר פאַר אברהמס זאָמען נעמט ער זיך יאָ
17 אָן. צוליב וועלכן ער האָט געמוזט אין אַלעם ענלעך
ווערן צו זיינע ברידער, כדי ער זאָל ווערן רחמנותדיק
און אַ געטרייער כהן־גדול אין די זאַכן, וואָס האָבן
אַ שייכות צו ג־ט, מכפּר צו זיין פאַר די זינד פונם
18 פאָלק. ווייל דערמיט, וואָס ער אַליין האָט געליטן,
זייענדיק אין אַ נסיון, קען ער העלפן די, וואָס
געפינען זיך אין אַ נסיון.

## קאַפּיטל דריי

1 דעריבער, הייליקע ברידער, חברים אינעם הימלישן
רוף, טראַכט איבער דעם שליח און כוהן גדול
2 פון אונזער אמונה, ישועַ, וואָס איז געווען
געטריי צו אים, וועלכער האָט אים באַשטימט, פּונקט
3 ווי אויך משה אין זיין גאַנץ הויז. וואָרום ער איז
ראוי געווען אויף מער כבוד ווי משה, פּונקט ווי דער,
וואָס האָט געבויט אַ הויז, האָט מער כבוד ווי דאָס
4 הויז אַליין. וואָרום יעדעס הויז איז פון עמיצן
געבויט געוואָרן, אָבער דער, וואָס האָט אַלץ געבויט
5 איז ג-ט. און משה איז טאַקע געווען געטריי אין
זיין גאַנץ הויז ווי אַ דינער, פאַר אַן עדות פון די
6 זאַכן, וואָס האָבן געזאָלט גערעדט ווערן; אָבער
משיח, ווי אַ זון איבער זיין הויז; וועמעס הויז מיר
זענען, אויב מיר וועלן האַלטן פעסט דעם בטחון
7 און דעם רום פון דער האָפנונג ביז צום סוף. דעריי־
בער, אַזוי ווי דער רוח הקודש זאָגט:

היינט, אויב איר וועט הערן זיין קול,
8 זאָלט איר נישט האַרט מאַכן אייערע הערצער
ווי אין מריבה,
אין דעם טאָג פון אויספּרואוון אין דער מדבר,
9 וואו אייערע אבות האָבן מיך אויסגעפּרואווט
מיט נסיונות
און געזעען מיינע מעשים פערציק יאָר לאַנג.
10 דעריבער האָב איך געצאָרנט אויף דעם דאָזיקן
דור,
און געזאָגט: תמיד גייען זיי אַרום מיט אַ בלאָנ־
דזשענדיקן האַרץ,
און האָבן נישט געקענט מיינע וועגן;

11 אַזוי האָב איך געשוואוירן אין מיין צאָרן,
אַז זיי זאָלן נישט אַריינקומען אין מיין מנוחה
אַריין. (תהלים צה, ז־יא.)

12 גיט זשע אַכטונג, בּרידער, טאָמער איז פּאַראַן אין
איינעם פון אייך אַ בייז און אומגלויביק האַרץ,
13 אָפּצוקערן פון דעם לעבעדיקן ג־ט; נאָר זייט מזהיר
איינער דעם אַנדערן יעדן טאָג כל־זמן עס הייסט נאָך
היום (היינט), כדי קיין איינער פון אייך זאָל נישט
פאַרהאַרטעוועט ווערן דורך דער פאַרפירעריש־
14 קייט פון דער זינד; וואָרום מיר זענען געוואָרן
אָנטיילנעמער אין דעם משיח, ווען מיר האַלטן
פעסט דעם אָנהויב פון דעם בטחון ביז צום סוף;
15 אַזוי ווי עס איז געזאָגט געוואָרן:
היינט אויב איר וועט הערן זיין קול,
זאָלט איר נישט האַרט מאַכן אייערע הערצער
ווי אין מריבה.

16 וואָרום ווער זענען די, וואָס האָבן געהערט און
האָבן געקריגט? צי דען נישט אַלע, וואָס זענען
17 אַרויסגעגאַנגען פון מצרים דורך משהן? און קעגן
וועמען האָט ער געצאָרנט פערציק יאָר לאַנג? צי
דען נישט קעגן די, וואָס האָבן געזינדיקט, וועמעס
18 פגרים זענען געפאַלן אין דער מדבר? און צו
וועמען האָט ער געשוואוירן, אַז זיי וועלן נישט
אַריינקומען אין זיין מנוחה, אויב נישט צו די
19 ווידערשפעניקע? און מיר זעען, אַז צוליב אומ־
גלויבן האָבן זיי נישט געקענט אַריינקומען.

## קאַפּיטל פיר

4

1 לאָמיר דעריבער זיך פאָרכטן, טאָמער, בשעת עס בלייבט פאַר אונז אַ הבטחה, אַריינצוקומען אין זיין מנוחה, ווייזט זיך אַרויס, אַז עמיצער פון
2 אייך בלייבט הינטערשטעליק. וואָרום אויך אונז, פּונקט ווי צו יענע, איז אַ בשורה טובה אָנגעזאָגט געוואָרן; נאָר דאָס געהערטע וואָרט האָט זיי גאָרנישט גענוצט, ווייל עס איז נישט געווען
3 פאַרבונדן מיט אמונה ביי די צוהערער. וואָרום מיר, די מאמינים, קומען אַריין אין דער מנוחה, ווי ער האָט געזאָגט:

אַזוי האָב איך געשוואוירן אין מיין צאָרן,
אַז זיי וועלן נישט אַריינקומען אין מיין מנוחה;

הגם די מעשים זענען געווען פאַרענדיקט פונם
4 אָנהויב פון דער וועלט. וואָרום וועגן דעם זיבעטן טאָג האָט ער אין אַ געוויסער שטעלע אַזוי געזאָגט:

און דעם זיבעטן טאָג האָט ג-ט גערוט פון אַלע
זיינע ווערק; (בראשית ב, ב.)

5 און אין דער דאָזיקער שטעלע ווידער:

זיי וועלן נישט אַריינקומען אין מיין מנוחה.

6 דעריבער, אַזוי ווי עס איז געבליבן פאַר אייניקע אַריינצוקומען אין דער מנוחה, און די, צו וועמען די בשורה טובה איז צום ערשט אָנגעזאָגט געוואָרן,
7 זענען נישט אַריינגעקומען דורך אומגלויבן, האָט ער ווידער באַשטימט אַ טאָג, אַ היום, זאָגנדיק דורך דודן נאָך אַ לאַנגער צייט; לויט ווי עס איז פריער געזאָגט געוואָרן:

היינט אויב איר וועט הערן זיין קול,
זאָלט איר נישט האַרט מאַכן אייערע הערצער.

8 וואָרום אויב יהושע וואָלט זיי געהאַט פאַר־
שאַפט מנוחה, וואָלט ער שפעטער נישט גערעדט
9 פון אַן אַנדערן טאָג. אַזוי אַרום בלייבט נאָך אַ
10 מנוחת־שבת פאַר ג־טס פאָלק. וואָרום דער, וואָס
איז אַריינגעקומען אין זיין מנוחה, האָט אויך גערוט
פון זיינע ווערק, ווי ג־ט פון זיינע.
11 לאָמיר זשע זיך פלייסן אַריינצוקומען אין
יענער מנוחה, כדי קיינער זאָל נישט פאַלן לויט
דעם זעלביקן ביישפיל פון ווידערשפעניקייט.
12 וואָרום ג־טס וואָרט איז לעבעדיק און ענערגיש
און שאַרפער ווי יעדע צווייִשאַרפיקע שווערד און
דרינגט אַדורך ביז צום אָפשיידן פון נפש און גייסט,
מאַרך און ביין, און באַאורטיילט די מחשבות און
13 צילן פון דעם האַרצן. און פאַר אים איז נישט
פאַראַן קיין באַהאַלטענע באַשעפעניש, נאָר אַלץ
איז בולט און אויפגעדעקט פאַר זיינע אויגן, פאַר
וועמען מיר וועלן אָפגעבן דין־וחשבון.
14 דעריבער, האָבנדיק אַ דערהויבענעם כהן־גדול,
וואָס איז אַדורכגעגאַנגען די הימלען, ישוען דעם
15 בן אלקים, לאָמיר האַלטן פעסט אונדזער אני־מאמין.
וואָרום מיר האָבן נישט קיין כהן־גדול, וואָס קען
נישט מיטפילן מיט אונדזערע שוואַכקייטן, נאָר וואָס
איז אין אַלעם אויף אַן ענלעכן אופן אויסגעפרוווט
16 געוואָרן, דאָך אָן אַ חטא. לאָמיר זשע קומען מיט
אַ פתחון־פה צום טראָן פון חסד, כדי מיר זאָלן דער־
לאַנגען רחמים און געפינען חסד אַלס אַ הילף אין
דער ריכטיקער צייט.

## קאַפּיטל פינף

1 וואָרום יעדער כהן־גדול, וואָס איז גענומען פון
מענטשן, איז באַשטימט פאַר מענטשן אין די
זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו ג־ט, כדי מקריב
2 צו זיין מנחות און זבחים פאַר זינד; קען מיטפילן
מיט די אומוויסנדע און בלאָנדזשענדיקע, ווייל
3 אויך ער איז אַרומגערינגלט מיט שוואַכקייט; און
צוליב דעם מוז ער, פונקט ווי פאַר דעם פאָלק,
אַזוי אויך פאַר זיך אַליין מקריב זיין פאַר זינד.
4 און קיינער נעמט נישט פאַר זיך דעם דאָזיקן כבוד,
נאָר דער, וואָס איז באַרופן פון ג־ט, פונקט ווי אויך
5 עס איז אויך געווען דער פאַל מיט אהרנען. אַזוי האָט
דער משיח זיך אויך אַליין נישט פאַרהערלעכט, צו
ווערן אַ כהן־גדול, נאָר ער, וואָס האָט צו אים געזאָגט:

דו ביסט מיין זון, איך האָב דיך היינט געבוירן;
(תהלים ב, ז.)

6 ווי ער זאָגט אויך אויף אַן אַנדער שטעלע:

דו ביסט אַ כהן אויף אייביק לויט דער אָרדנונג
פון מלכי־צדק. (תהלים קי, ד.)

7 וועלכער, אין די טעג פון זיין פלייש, האָט מקריב
געווען תפילות און תחנונים מיט גרויס געשריי און
מיט טרערן צו אים, וואָס האָט אים געקענט מציל
זיין פון טויט און איז דערהערט געוואָרן צוליב
8 זיין גאָטספאָרכטיקייט. און הגם ער איז געווען אַ זון,
האָט ער דאָך געלערנט געהאָרכזאַמקייט דורך די זאַכן,
9 וועלכע ער האָט געליטן; און ווערנדיק שלימותדיק,
איז ער געוואָרן די סבה פון אן אייביקער ישועה צו
10 די אַלע, וואָס געהאָרכן אים; ווערנדיק אָנגערופן פון
ג־ט כהן־גדול לויט דער אָרדנונג פון מלכי־צדק.

וועגן וועמען מיר האָבן אַ סך צו זאָגן און וואָס 11
איז שווער צו דערקלערן, ווייל איר זענט געוואָרן
פויל צו הערן. וואָרום נאָך דער צייט האָט איר 12
שוין באַדאַרפן זיין מלמדים, נויטיקט איר זיך גאָר,
אַז מען זאָל אייך ווידער לערנען וואָס עס
זענען די יסודותדיקע כללים פון דעם אָנהויב פון
ג-טס אַנטפּלעקונגען, און זענט געוואָרן אַזעלכע,
וואָס נויטיקן זיך אין מילך, נישט אין שטאַרקע
מאכלים. וואָרום יעדער, וואָס דערנערט זיך פון 13
מילך איז אומדערפאַרן וואָס שייך דעם וואָרט פון
צדקות; וואָרום ער איז אַ זויגנדיק קינד. שטאַרקע 14
מאכלים אָבער זענען פאַר דערוואַקסענע, וועלכע
האָבן דורך געברויך אויסגעאיבטע חושים, אונטער־
צושיידן צווישן גוטס און שלעכטס.

## קאַפּיטל זעקס

דערפאַר, איבערלאָזנדיק דעם אָנהויב פון משיחס 1
וואָרט, לאָמיר זיך דערנענטערן צו שלימות, נישט
לייגנדיק נאָכאַמאָל דעם יסוד פון תשובה פון טויטע
מעשים און פון אמונה אין ג-ט, פון דער לערנונג 2
פון טבילות, פון סמיכת ידים, תחית המתים און 3
פון אייביקן משפט. און דאָס דאָזיקע וועלן מיר
טון, אם ירצה השם. וואָרום עס איז אוממעגלעך 4
פאַר די, וואָס זענען איינמאָל דערלויכט געוואָרן
און האָבן טועם געווען פון דער הימלישער מתנה,
און זענען געוואָרן אָנטיילנעמער אינם רוח הקודש,
און האָבן טועם געווען דאָס גוטע וואָרט פון ג-ט, 5
און די כוחות פון דער קומענדיקער וועלט, און 6
זענען אָפּגעפאַלן, זיי ווידער צו באַנייען צו תשובה,
ווייל זיי קרייציקן אויפסניי צו זיך אַליין דעם בן

7 אלקים און מאַכן אים צו שאַנד בפרהסיא. וואָרום
די ערד, וועלכע טרינקט דעם רעגן, וואָס קומט אָפט
אויף איר און גיט אַרויס גרינצייג, וואָס איז גוט
פאַר די, וועלכע באַארבעטן זי, באַקומט אַ ברכה
8 פון ג־ט; אָבער אויב זי גיט אַרויס דערנער און
שטעכלקעס, איז זי פאַרשטויסן און נאָנט צו אַ
קללה; איר סוף איז פאַרברענט צו ווערן.

9 מיר אָבער זענען זיכער, געליבטע, וועגן בעסערס
ביי אייך און וואָס איז נענטער צו ישועה, הגם מיר
10 רעדן אַזוי; וואָרום ג־ט איז נישט אומגערעכט צו
פאַרגעסן אייערע מעשים און די ליבע, וועלכע
איר האָט אַרויסגעוויזן צו זיין נאָמען דערמיט,
וואָס איר האָט באַדינט די קדושים און באַדינט
11 זיי נאָך. נאָר מיר באַגערן, אַז יעדער איינער
פון אייך זאָל אַרויסווייזן די זעלביקע אייפריקייט
12 צו דער דערפילונג פון דער האָפנונג ביז
צום סוף; כדי איר זאָלט נישט ווערן שטומפּיק,
נאָר זיין נאָכפאָלגער פון די, וואָס דורך אמונה
און סבלנות זענען געוואָרן יורשים פון די
הבטחות.

13 וואָרום ווען ג־ט האָט געמאַכט די הבטחה צו
אברהמען, אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין
גרעסערן, ביי וועמען צו שווערן, האָט ער געשוואוירן
14 ביי זיך אַליין, און געזאָגט:

בענטשנדיק, וועל איך דיך בענטשן און פאַר־
מערנדיק, וועל איך דיך פאַרמערן. (בראשית כב, יז.)

15 און אַזוי, אויסהאַלטנדיק געדולדיק, האָט ער דער־
16 גרייכט די הבטחה. וואָרום מענטשן שווערן ביי אַ
גרעסערן, און די שבועה, ווי אַ באַשטעטיקונג, איז
17 ביי זיי דער סוף אין יעדן סכסוך. און ג־ט, ווילנדיק
נאָכמער אַרויסווייזן צו די יורשים פון דער הבטחה,

די נישטפאַרענדערלעכקייט פון זיין עצה, האָט
צוגעלייגט דערצו אַ שבועה, כדי דורך צוויי אומפאַר־ 18
ענדערלעכע זאַכן, אין וועלכע עס איז אוממעגלעך
פאַר ג־ט צו לייקענען, זאָלן מיר האָבן אַ שטאַרקע
טרייסט, מיר, וואָס זענען אַנטרונען, כדי אָנצונעמען
די האָפנונג, וואָס איז געלייגט געוואָרן פאַר אונזערט־
וועגן, וועלכע איז ווי אַ פעסטער און זיכערער 19
אַנקער פאַר אונזער נשמה און דרינגט אַריין אינע־
ווייניק פונם פרוכת; וואואַהין ישוע, אַלס איינער 20
וואָס לויפט פאָרויס, איז פאַר אונזערטוועגן אַריינ־
געגאַנגען, ווערנדיק אַ כהן־גדול אויף אייביק לויט
דער אָרדנונג פון מלכי־צדק. (תהלים קי, ד.)

## קאַפיטל זיבן

7

וואָרום דער דאָזיקער מלכי־צדק, קעניג פון שלם, 1
אַ כהן פון ג־ט דעם אויבערשטן, וואָס איז
אַנטקעגנגעגאַנגען אברהמען, ווען ער האָט זיך
אומגעקערט פונם שלאָגן די מלכים און אים
געבענטשט, צו וועמען אברהם האָט אויסגעטיילט 2
מעשר פון אַלעם;—ערשטנס באַטייט זיין נאָמען
קעניג פון גערעכטיקייט און דערנאָך אויך מלך
שלם, דאָס הייסט קעניג פון פרידן; (בראשית יד, יח־כ.)
אָן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער, אָן אַ יחוס, האָט נישט 3
קיין אָנהויב פון טעג און נישט קיין סוף פון לעבן,
אָבער ענלעך צום בן אלקים, בלייבט אַ כהן אויף
אייביק.

נו, באַטראַכט ווי גרויס עס איז געווען דער דאָזיקער 4
מענטש, צו וועמען אברהם אבינו האָט געגעבן מעשר
פון דעם בעסטן. און די, פון די בני לוי, וואָס האָבן 5
באַקומען די כהונה, האָבן אַ מצוה פון דער תורה, צו

נעמען מעשר פון פאָלק, דאָס הייסט זייערע ברידער,
הגם זיי קומען אַרויס פון אברהמס לענדן; אָבער ער,
6 וואָס שטאַמט נישט אָפּ פון זיי, האָט גענומען מעשר
פון אברהמען און געבענטשט אים, וואָס האָט געהאַט
7 די הבטחות. און עס איז דאָך אָן ווידערשפּרוך,
אַז דער קלענערער ווערט געבענטשט פונם גרעסערן.
8 און דאָ נעמען שטערבלעכע מענטשן מעשרות, דאָרטן
אָבער איינער, וועגן וועמען עס ווערט עדות געזאָגט,
אַז ער לעבט. און, עס איז אַזוי צו זאָגן, דורך
9 אברהמען האָט אויך לוי, ער, וואָס נעמט מעשר,
10 געגעבן מעשר; וואָרום ער איז נאָך דאַן געווען אין
די לענדן פון זיין פאָטער, ווען מלכּי־צדק איז אים
אַנטקייגנגעגאַנגען.

11 דעריבער, אויב די שלימות וואָלט טאַקע געווען
דורך דער כהונה פון די לויים, אונטער וועלכער
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום פאָלק, צו וואָס
איז נאָך נויטיק, אַז אַן אַנדערער כהן־גדול זאָל
אויפשטיין לויט דער אָרדנונג פון מלכּי־צדק, און
נישט גערופן ווערן לויט דער אָרדנונג פון אהרן?
12 וואָרום מיט דער ענדערונג אין דער כהונה מוז
13 אויך זיין אַן ענדערונג אין דער תורה. ווייל ער,
פון וועמען די דאָזיקע זאַכן זענען געזאָגט געוואָרן,
האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדער שבט, פון וועלכן
14 קיינער האָט נישט געדינט ביים מזבח. וואָרום עס
איז קלאָר, אַז אונזער האַר האָט געשטאַמט פון
יהודה, וועגן וועלכן שבט משה האָט גאָרנישט
15 געזאָגט וואָס שייך כהנים. און עס איז נאָכמער
קלאָר, אויב אַן אַנדערער כהן שטייט אויף לויט
16 דער ענלעכקייט פון מלכּי־צדק, וועלכער איז נישט
געוואָרן לויט אַ געזעץ פון אַ פליישלעך געבאָט,
נאָר לויט דער קראַפט פון אַן אומענדלעך לעבן;

17 וואָרום עס איז עדות געזאָגט געוואָרן וועגן
אים:

דו ביסט אַ כהן אויף אייביק, לויט דער אָרדנונג
פון מלכי־צדק.

18 וואָרום עס געשעט טאַקע, אַז אַ פריערדיק געבאָט
ווערט בטל צוליב זיין שוואַכקייט און נוצ־
19 לאָזיקייט. וואָרום די תורה האָט קיין זאַך נישט
פאָלקאָם געמאַכט, נאָר דאָס אַריינפירן פון אַ
גרעסערער האָפנונג, דורך וועלכער מיר דער־
20 נענטערן זיך צו ג־ט. און אויף אַזויפיל איז
21 דאָס נישט געשען אָן אַ שבועה, וואָרום זיי
טאַקע זענען געוואָרן כהנים אָן אַ שבועה, אָבער
ער מיט אַ שבועה דורך אים, וואָס האָט צו אים
געזאָגט:

דער האַר האָט געשוואוירן, און וועט נישט
קיין חרטה האָבן:
דו ביסט אַ כהן אויף אייביק;

22 אַזוי איז ישוע געוואָרן אַן ערב פון אַ בעסערן בונד.
23 און יענע אָבער זענען געוואָרן מערצאָליקע כהנים
צוליב דעם, וואָס דער טויט האָט זיי געשטערט
24 צו בלייבן; אָבער ער, צוליב דעם וואָס ער בלייבט
אויף אייביק, האָט אַ כהונה, וואָס הערט נישט אויף.
25 פאָלגלעך קען ער אויך פאָלקאָם דערלייזן די, וואָס
קומען צו ג־ט דורך אים, וואָרום ער לעבט אייביק,
כדי מתפלל צו זיין פאַר זיי.

26 וואָרום פאַר אונז איז געווען פאַסנד אַזאַ כהן־
גדול, (וואָס איז) הייליק, אומשולדיק, לויטער,
אָפּגעזונדערט פון חוטאים און דערהייכט איבער
27 די הימלען; וועלכער נויטיקט זיך נישט טאָג אויס
טאָג איין, ווי יענע כהנים גדולים, קודם כל מקריב
צו זיין קרבנות פאַר אייגענע זינד, דערנאָך פאַר

די זינד פונם פאָלק; דאָס דאָזיקע האָט ער געטון
איינמאָל פאַר אַלעמאָל, מקריב זייענדיק זיך אַליין.
28 וואָרום די תורה האָט באַשטימט פאַר כהנים גדולים
מענטשן, וואָס האָבן געהאַט שוואַכקייט; אָבער דאָס
וואָרט פון דער שבועה, וואָס איז שפּעטער ווי די
תורה, באַשטימט דעם זון, וואָס איז געמאַכט פאָלקאָם
אויף אייביק.

## קאַפּיטל אַכט

1 נו, דאָס איז דער סך הכל פון דעם געזאָגטן: מיר
האָבן אַזאַ כהן־גדול, וועלכער האָט זיך אַנידער־
געזעצט אויף דער רעכטער זייט פון כסא־הכבוד
פון דער (געטלעכער) מאַיעסטעט אין די הימלען,
2 אַ דינער פונם הייליקטום און פון דעם אמתן משכן,
וואָס דער האַר (ג־ט) האָט געבויט און נישט
3 קיין מענטש. וואָרום יעדער כהן־גדול איז באַשטימט
מקריב צו זיין מנחות און קרבנות; דערפאַר איז
נויטווענדיק, אַז אויך ער זאָל האָבן וואָס מקריב
4 צו זיין. דעריבער, אויב ער וואָלט געווען אויף דער
ערד, וואָלט ער גאָרנישט געווען קיין כהן, ווייל
עס זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען מקריב
5 מנחות לויט דער תורה; וועלכע דינען צו אַ בילד
און אַ שאָטן פון הימלישע זאַכן, לויט ווי משה איז
באַפוילן געוואָרן, ווען ער האָט געזאָלט פאַרענדיקן
דאָס משכן; וואָרום ער האָט צו אים געזאָגט: זע,
דו זאָלסט אַלץ מאַכן לויט דעם מוסטער, וואָס איז
6 דיר געוויזן געוואָרן אויפן באַרג. אָבער איצט האָט
ער דערגרייכט אַ בעסערע עבודה אויף אַזויפיל,
אויף וויפל אויך דער ברית, פון וועלכן ער איז
דער פאַרמיטלער, איז גרעסער, וועלכער איז
7 פעסטגעזעצט אויף גרעסערע הבטחות. וואָרום

אויב יענער ערשטער (בונד) וואָלט געווען אָן אַ
פגם, וואָלט נישט געזוכט געוואָרן קיין אָרט פאַר
8 אַ צווייטן. ווייל ווען מאַכנדיק פאָרוואורפן צו זיי,
זאָגט ער:

אָט קומען טעג, זאָגט דער האַר (ג־ט)
און איך וועל מאַכן מיט דעם בית ישראל און בית יהודה אַ נייעם בונד,
9 נישט לויט דעם בונד, וועלכן איך האָב געמאַכט מיט זייערע אבות
אינם טאָג, ווען איך האָב זיי אָנגענומען ביי דער האַנט
זיי אַרויסצופירן פון מצרים,
ווייל זיי זענען נישט פאַרבליבן אין מיין בונד
און איך האָב זיי פאַרוואָרפן, זאָגט דער האַר (ג־ט).
10 וואָרום דאָס איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט דעם בית ישראל
נאָך יענע טעג, זאָגט דער האַר (ג־ט):
איך וועל געבן מיינע געזעצן אין זייער פאַרשטאַנד,
און אויף זייער האַרץ וועל איך זיי שרייבן;
און וועל זיין זייער ג־ט,
און זיי וועלן זיין מיין פאָלק.
11 און וועלן מער נישט לערנען יעדער איינער זיין חבר,
און יעדער איינער דעם ברודער זיינעם, אַזוי צו זאָגן:
דערקען דעם האַר (ג־ט),
ווייל אַלע וועלן מיך קענען,
פון דעם קלענסטן ביז צום גרעסטן פון זיי;

12 ווייל איך וועל זיין רחמנותדיק אויף זייערע
אומגערעכטיקייטן,
און זייערע זינד וועל איך מער נישט געדענקען.
(ירמיהו לא, ל־לג.)

13 און דערמיט, וואָס ער זאָגט אַ נייעם, האָט ער אַלט
געמאַכט דעם ערשטן (בונד, ברית); דאָס אַלטע און
פאַרעלטערטע אָבער איז נאָענט פאַרשוואונדן צו
ווערן.

## קאַפּיטל ניין

1 אָבער אויך דער ערשטער (בונד) האָט געהאַט
2 דינים פון עבודה און אַ וועלטלעך מקדש. וואָרום
אַ משכן איז געבויט געוואָרן: דאָס ערשטע, אין
וועלכן עס איז געווען די מנורה און דער שולחן
און דאָס לחם הפנים; וואָס האָט געהייסן קודש;
3 און פון אינעווייניק פון צווייטן פרוכת אַ משכן,
4 וואָס האָט געהייסן קדשי קדשים, וואָס האָט אַנט־
האַלטן דעם גאָלדענעם מזבח פון קטורת און דעם
ארון הברית, וואָס איז אינגאַנצן געווען באַדעקט
מיט גאָלד, אין וועלכן (עס איז געווען) אַ גאָלדענער
קרוג, וואָס האָט אַנטהאַלטן מן, און אהרנס שטעקן,
5 וואָס האָט געבליט, און די לוחות הברית, און פון
אויבן, (איבער דעם ארון) די כרובים פון הערלעכ־
קייט, וואָס האָבן באַשאָטנט דאָס כפורת, וועגן וועלכן
6 עס איז איצט נישט צו רעדן אייגצלהייטלעך. און
דאָס דאָזיקע איז געווען אַזוי אייגגעאָרדנט, אַז אין
ערשטן (אויסנווייניקסטן) משכן זענען די כהנים
7 אַלעמאָל אַריינגעגאַנגען, טוענדיק די עבודה; אָבער
אין דעם צווייטן, נאָר דער כהן־גדול אַליין, איין
איינציק מאָל אין יאָר, נישט אָן בלוט, וואָס ער
איז מקריב פאַר זיך און פאַר די שגגות פון פאָלק;

8 דערמיט ווייזט דער רוח הקודש אויף, אַז דער וועג
צום קדשי קדשים איז נאָך נישט געוועזן אַנטפּלעקט,
בשעת דאָס ערשטע משכן האָט געהאַט אַ קיום;
9 וואָס איז אַ משל פֿאַר דער איצטיקער צייט; אין
וועלכן מען איז מקריב מנחות און זבחים, וועלכע
קענען נישט לויט דעם געוויסן שלימותדיק מאַכן דעם,
10 וואָס ריכט אָפּ די עבודה, נאָר זענען, מיט שפּייזן
און געטראַנקען און פֿאַרשיידענע טבילות, פֿלייש־
לעכע דינים, און אַרויפֿגעלייגט ביז צו דער צייט
פֿון עולם התּיקון.
11 אָבער משיח, קומענדיק ווי אַ כהן־גדול פֿון די
צוקונפֿטיקע גוטע זאַכן, דורך דעם גרעסערן און
מער פֿאָלקאָמענעם משכן, דעם נישט מיט הענט
געמאַכטן, דאָס הייסט נישט פֿון דער דאָזיקער
12 באַשאַפֿונג, אויך נישט מיט דעם בלוט פֿון בעק
און קעלבער, נאָר מיט זיין אייגן בלוט, איז אַרייַנ־
געגאַנגען איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אינם קדשי קדשים,
13 און געפֿונען אַן אייביקע ישועה. וואָרום אויב
דאָס בלוט פֿון בעק און רינדער און דאָס אַש פֿון אַ
יונגער קו, ווערנדיק געשפּריצט אויף טמאים, מאַכט
14 הייליק צום רייניקן דאָס לייב, אויף וויפֿל מער
וועט דאָס בלוט פֿון דעם משיח, וואָס האָט זיך מקריב
געווען, דורך דעם אייביקן גייסט, אָן אַ מום צו
ג־ט, רייניקן אייער געוויסן פֿון טויטע מעשים צו
15 דינען דעם לעבעדיקן ג־ט? און צוליב דעם איז
ער דער פֿאַרמיטלער פֿון דעם נייעם בונד, כּדי
נאָכדעם ווי זיין טויט איז געוואָרן פֿאַר אַן אויס־
לייזונג פֿון די פֿאַרברעכנס, וואָס זענען אונטער
דעם ערשטן בונד, זאָלן די גערופֿענע באַקומען די
16 אייביקע ירושה. וואָרום וואו עס איז דאָ אַ צוואה,
דאָרט מוז געשען דער טויט פֿון דעם, וואָס האָט

17 געמאַכט די צוואה׃ ווייל אַ צוואה טרעט ערשט
אַריין אין קראַפט, ווען מען איז שוין געשטאָרבן,
אַנדערש האָט זי נישט קיין מאַכט ווען דער, וואָס
18 האָט געמאַכט די צוואה, לעבט׃ דעריבער איז אויך
דער ערשטער בונד נישט איינגעווייט געוואָרן אָן
19 בלוט׃ וואָרום משה, האָבנדיק געזאָגט אַלע געבאָטן
פון דער תורה צום גאַנצן פאָלק, האָט גענומען
דאָס בלוט פון די קעלבער און פון די בעק מיט
וואַסער און רויטער וואָל און אזוב און באַשפּריצט
20 דאָס ספר און דאָס גאַנצע פאָלק, זאָגנדיק:
דאָס דאָזיקע איז דאָס בלוט פון דעם בונד,
וואָס ג-ט האָט אייך באַפוילן׃ (שמות כד, ח׃)
21 און אויך דאָס משכן און אַלע כלים פון דער עבודה
האָט ער אויף אַן ענלעכן אופן באַשפּריצט מיט
22 בלוט׃ און לויט דער תורה ווערט כמעט אַלץ געריי־
ניקט מיט בלוט; און אָן בלוט־פאַרגיסונג גיבט נישט
קיין פאַרגעבונג׃
23 דעריבער איז עס טאַקע געווען נויטווענדיק, אַז
די מוסטערן פון די הימלישע זאַכן זאָלן גערייניקט
ווערן מיט די דאָזיקע, אָבער די הימלישע זאַכן
24 אַליין מיט בעסערע קרבנות, ווי די דאָזיקע׃ וואָרום
דער משיח איז נישט אַריינגעגאַנגען אין אַ הייליק־
טום, וואָס איז געווען געמאַכט פון מענטשלעכע
הענט, אַ בילד פון דעם אמתן; נאָר ממש אין הימל
אַריין, איצט צו דערשיינען פאַר ג-טס פנים פאַר
25 אונזערטוועגן; נישט כדי מערערע מאָל זיך אַליין
מקריב צו זיין, ווי דער כהן־גדול גייט אַריין אין
דעם קדשי קדשים יאָר איין יאָר אויס מיט פרעמד
26 בלוט; ווייל אויב אַזוי, וואָלט ער באַדאָרפן מערערע
מאָלליידן זינט דעם אָנהויב פון דער וועלט; איצט
אָבער ביים סוף פון די צייטאַלטער איז ער דער־

שינען צו פאַרטיליקן די זינד דורך דעם קרבן פון
27 זיך אַליין. און ווי עס איז בגזר געוואָרן פאַר
מענטשן איינמאָל צו שטאַרבן און נאָכדעם דער
28 יום־הדין; אַזוי איז אויך דער משיח איינמאָל מקריב
געוואָרן, צו טראָגן די זינד פון פילע, און אַ צווייט
מאָל וועט ער דערשיינען אָן זינד צו די, וואָס
דערוואַרטן אים, צו ישועה.

## קאַפּיטל צען

1 וואָרום די תורה, האָבנדיק נאָר אַ שאָטן פון די
צוקונפטיקע גוטע זאַכן, נישט דאָס בילד פון די
זאַכן אַליין, קען קיינמאָל נישט מאַכן שלימותדיק די,
וואָס קומען מיט די קרבנות, וואָס מען איז מקריב
2 אָן אויפהער יאָר איין יאָר אויס. ווייל אין קעגנפאַל
וואָלט מען דען נישט אויפגעהערט זיי צו ברענגען?
צוליב דעם וואָס די, וועלכע ריכטן אָפּ די עבודה,
זייענדיק איינמאָל גערייניקט געוואָרן, וואָלטן
3 מער נישט געהאַט קיין געוויסן פון זינד. נאָר אין
די דאָזיקע (קרבנות) איז פאַראַן אַ יערלעכע דער־
4 מאָנונג פון זינד. ווייל דאָס בלוט פון רינדער און
בעק האָט נישט דעם כח אַוועקצונעמען זינד.
5 דערפאַר, אַריינקומענדיק אין דער וועלט, זאָגט ער:

אַ זבח און אַ מנחה האָסטו נישט פאַרלאַנגט,
נאָר אַ גוף האָסטו מיר צוגעגרייט;
6 עולות און קרבנות פאַר זינד זענען דיר נישט
וואוילגעפעלן.
7 דעמלט האָב איך געזאָגט: אָט בין איך געקומען,
אין דער מגילת־ספר שטייט געשריבן וועגן מיר,
צו טון דיין רצון, אָ ג־ט! (תהלים מ׳, ז־ט.)

8 זאָגנדיק פריער אַ זבח און אַ מנחה און עולות און

קרבנות פֿאַר זינד האָסטו נישט פֿאַרלאַנגט, נישט
זענען זיי דיר וואוילגעפֿעלן, וועלכע זענען מקריב
9 געוואָרן לויט דער תורה, האָט ער דאַן געזאָגט:
אָט בין איך געקומען צו טון דיין רצון. ער האָט
אָפּגעשאַפֿט דאָס ערשטע, כדי דאָס צווייטע צו
10 באַשטעטיקן, אין וועלכן רצון מיר זענען געהייליקט
געוואָרן דורך דעם מקריב זיין פֿון דעם קערפּער
11 פֿון ישוע המשיחן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל. און
איטלעכער כהן שטייט טאָג אויס טאָג איין, דינענדיק
און מקריב זייענדיק די זעלביקע קרבנות, וועלכע
12 קענען קיינמאָל נישט אַוועקנעמען זינד; ער אָבער,
האָבנדיק מקריב געווען איין קרבן פֿאַר זינד, האָט
זיך אויף אייביק אַנידערגעזעצט אויף ג־טס רעכטער
13 זייט; וואַרטנדיק פֿון דעמלט אָן ביז זיינע פֿיינט
וועלן געלייגט ווערן ווי אַ פֿוסבענקעלע צו זיינע
14 פֿיס. וואָרום ער האָט מיט איין קרבן שלימותדיק
געמאַכט אויף אייביק די, וואָס זענען געהייליקט
15 געוואָרן. און אויך דער רוח הקודש זאָגט עדות
צו אונז; וואָרום נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט:

16 דאָס איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט זיי
נאָך יענע טעג, זאָגט דער האַר (ג־ט),
איך וועל געבן מיין תורה אין זייערע הערצער
און אויף זייער פֿאַרשטאַנד וועל איך זי שרייבן;
17 און זייערע זינד און זייערע חטאים
וועל איך מער נישט געדענקען.

(ירמיהו לא, לב־לג.)

18 און וואו עס איז פֿאַראַן אַ פֿאַרגעבונג פֿון די דאָזיקע,
דאָרט גיבט מער נישט קיין קרבן פֿאַר זינד.
19 דעריבער, ברידער, האָבנדיק פּתחון־פּה אַריינצו־
גיין אינם קדשי קדשים דורך דעם בלוט פֿון ישוען,
20 אַ וועג, וועלכן ער האָט פֿאַר אונז איינגעווייט, אַ

בייעם און לעבעדיקן דורך דעם פּרוכת, דאָס הייסט
21 זיין פלייש, און (האָבנדיק) אַ כהן־גדול איבער
22 דעם הויז פון ג-ט, לאָמיר קומען מיט אַן אויפריכטיק
האַרץ אין דער פולקייט פון אמונה מיט אונזערע
הערצער געריייניקט פון אַ בייז געוויסן און מיט
23 גופים געוואַשענע אין ריין וואַסער; לאָמיר האַלטן
פעסט, נישט־געוואַקלט, די אמונה פון דער האָפנונג;
24 ווייל געטריי איז דער, וואָס האָט צוגעזאָגט; און
לאָמיר נאָכדענקען איינער פון דעם אַנדערן, צו
25 וועקן צו ליבע און צו מעשים טובים; נישט צו
פאַרנאַכלעסיקן אונזער פאַרזאַמלען זיך, ווי עס איז
די געוווינהייט פון אייניקע; נאָר לאָמיר מזהיר
זיין איינער דעם אַנדערן, און דאָס אויף אַזויפיל
מער אויף וויפל איר זעט דעם טאָג זיך דערנענטערן.

26 וואָרום אויב מיר זינדיקן במזיד, נאָכדעם ווי
מיר האָבן באַקומען די דערקענטעניש פונם אמת,
27 בלייבט מער נישט קיין קרבן פאַר זינד, נאָר אַ
שרעקלעך וואַרטן אויף דעם משפט און אייפריקן
פייער, וואָס וועט פאַרצערן די ווידערשפעניקע.
28 עמיצער, וואָס איז עובר תורת משה, מוז אָן רחמנות
שטאַרבן אויפן עדות זאָגן פון צוויי אָדער דריי;
29 וואָס פאַר אַ האַרבערע שטראָף איז ווערט דער,
וואָס האָט דעם בן אלקים געטרעטן מיט די פיס
און געהאַלטן פאַר טמא דאָס בלוט פון דעם בונד,
דורך וועלכן ער איז געהייליקט געוואָרן, און
30 געלעסטערט דעם גייסט פון חסד. וואָרום מיר
קענען אים, וואָס האָט געזאָגט: צו מיר געהערט
נקמה, איך וועל באַצאָלן. און ווידער, דער האַר
(גאָט) וועט משפטן זיין פאָלק. (דברים לב, לה, לו.)
31 עס איז שרעקלעך אַריינצופאַלן אין די הענט פון
דעם לעבעדיקן ג־ט. (דברים ד, כד.)

32 דערמאָנט זיך אָבער די ערשטע טעג, אין וועלכע
דאָס ליכט איז אייך אויפגעגאַנגען, דעם קאַמף פון
33 ליידן, וואָס איר האָט דערטראָגן; טיילווייז זענט
איר געוואָרן אַ ספּעקטאַקל דורך חרפּות און צרות,
און טיילווייז דורכן נעמען אַן אָנטייל מיט די, וואָס
34 זענען אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן. וואָרום איר האָט
געהאַט מיטלייד מיט די געפאַנגענע און מיט פרייד
אָנגענומען דאָס אויסרויבן פון אייער האָב און גוטס,
וויסנדיק, אַז איר האָט אַ גרעסער פאַרמעגן, וואָס
35 האָט אַ קיום. וואַרפט זשע נישט אַוועק אייער
36 בטחון, וועלכער האָט אַ גרויסן שכר. וואָרום איר
נויטיקט זיך אין סבלנות, כדי ווען איר וועט האָבן
געטון ג־טס רצון, זאָלט איר באַקומען די הבטחה.
37 וואָרום נאָך אַ קליינע, קליינע ווײַלע,
דער, וואָס קומט, וועט קומען און זיך נישט
זוימען.
38 און מײַן צדיק וועט דורך אמונה לעבן;
און אויב ער וועט זיך צוריקציִען, האָט מײַן
נפש נישט קיין וואוילגעפעלן אין אים.
(חבקוק ב, ג־ד.)
39 מיר אָבער זענען נישט פון די, וואָס ציִען זיך צוריק
צו פאַרדאַרבונג, נאָר וואָס דורך אמונה ראַטעווען
זייער נפש.

## קאַפּיטל עלף

1 אמונה אָבער איז דער בטחון פון די זאַכן, אויף
2 וועלכע מען האָפט, אַן איבערצייגונג פון זאַכן,
וואָס מען זעט נישט. וואָרום דורך דער דאָזיקער
3 האָבן די זקנים באַקומען אַן עדות. דורך אמונה זענען
מיר משיג, אַז די וועלטן זענען געמאַכט געוואָרן דורך
אַ וואָרט פון ג־ט, אַזוי, אַז דאָס געזעענע איז נישט

4 געוואָרן פון דעם, וואָס דערשיינט. דורך אמונה
האָט הבל מקריב געווען אַ בעסער קרבן צו ג־ט ווי
קין, דורך וועלכן ער האָט דערהאַלטן אַן עדות, אַז ער
איז אַ צדיק, ווען ג־ט האָט עדות געזאָגט אויף זיינע
מתנות; און דורך וועלכן הגם ער איז געשטאָרבן
5 רעדט ער דאָך נאָך אַלץ. דורך אמונה איז חנוך
אַוועקגענומען געוואָרן, אַז ער זאָל נישט זעען
דעם טויט, און איז נישט געפונען געוואָרן, ווייל
ג־ט האָט אים אַוועקגענומען; וואָרום איידער ער
איז אַוועקגענומען געוואָרן, האָט ער באַקומען דאָס
6 עדות, אַז ער איז געווען וואוילגעפעלן צו ג־ט; אָן
אמונה אָבער איז נישט מעגלעך אים וואוילצו־
געפעלן; ווייל דער, וואָס דערנענטערט זיך צו
ג־ט מוז גלויבן, אַז ער איז, און אַז ער וועט זיין
7 אַ גומל־שכר צו די, וואָס זוכן אים. דורך אמונה
האָט נח, ווען ער איז געוואָרנט געוואָרן איבער נאָך
נישט געזעענע זאַכן, מיט יראת שמים געבויט אַ
תיבה צו ראַטעווען זיין הויזגעזינט; דורך וועלכער
ער האָט פאַראורטיילט די וועלט און איז געוואָרן אַ
8 יורש פון דער צדקות, וואָס איז פון אמונה. דורך
אמונה האָט אברהם געהאָרכט, ווען ער איז גערופן
געוואָרן, אַרויסצוגיין צו אַן אָרט, וואָס ער
האָט געזאָלט באַקומען פאַר אַ ירושה; און איז אַרויס־
9 געגאַנגען, נישט וויסנדיק, וואוהין ער גייט. דורך
אמונה האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין דעם לאַנד
פון דער הבטחה ווי אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד,
וואוינענדיק אין געצעלטן מיט יצחקן און יעקבן,
10 די מיטיורשים פון דער זעלביקער הבטחה; וואָרום
ער האָט געהאָפט אויף דער שטאָט, וואָס האָט
פעסטע יסודות, וועמעס אַרכיטעקט און בוימייס־
11 טער איז ג־ט. דורך אמונה האָט אויך שרה באַקומען

די קראַפט טראָגנדיק צו ווערן און צו געבוירן,
הגם זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַ טיפע עלטער,
ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז דער, וואָס האָט צוגעזאָגט,
12 איז באַגלויבט; אַלס פועל יוצא זענען אויך פון
איינעם, שוין כמעט אַ טויטן, געבוירן געוואָרן אַזוי
פיל, ווי די מאַסע שטערן פון הימל און ווי דאָס זאַמד
ביים ברעג ים—נישט צום איבערציילן. (בראשית כב, יז.)
13 זיי אַלע זענען געשטאָרבן אין גלויבן און האָבן
נישט באַקומען די הבטחות, נאָר בלויז זיי
געזעען פונדערווייטנס, און זיך געפריידט מיט זיי,
און האָבן מודה געווען, אַז זיי (אַליין) זענען פרעמדע
14 און וואַנדערער אויף דער ערד. וואָרום די, וואָס
זאָגן אַזעלכעס, מאַכן קלאָר, אַז זיי זוכן אַ היימ-
15 לאַנד. און וואָלטן זיי אין זינען געהאַט יענץ לאַנד,
פון וועלכן זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, וואָלטן זיי
16 געהאַט גענוג געלעגנהייט זיך צוריקצוקערן. זיי
באַגערן אָבער איצט אַ בעסערס, דאָס הייסט אַ
הימליש (לאַנד); צוליב וואָס ג-ט שעמט זיך נישט
מיט זיי, גערופן צו ווערן זייער ג-ט; וואָרום ער
האָט צוגעגרייט פאַר זיי אַ שטאָט.
17 דורך אמונה האָט אברהם מקריב געווען יצחקן,
ווען ער איז אויסגעפרואווט געוואָרן; דער, וואָס
האָט אָנגענומען די הבטחות, האָט געברענגט צו
18 (דער עקידה) זיין בן יחיד; צו וועמען עס איז געזאָגט
געוואָרן: אין יצחקן וועט דיר גערופן ווערן זאָמען;
19 רעכענענדיק, אַז ג-ט איז אימשטאַנד אים אויפצו-
וועקן אויך פון די טויטע; פונוואַנען ער האָט אים
20 טאַקע צוריקבאַקומען בדרך משל. דורך אמונה
האָט אויך יצחק געבענטשט יעקבן און עשיון וועגן
21 צוקונפטיקע זאַכן. דורך אמונה האָט יעקב ביים
שטאַרבן געבענטשט יעדן פון יוספס זין, און

זיך געבוקט, (אָנגעלענט) אויפן קאָפ פון זיין
שטעקן.* דורך אמונה האָט יוסף ביים שטאַרבן 22
דערמאָנט די קינדער ישראל פון זייער אַרויסגיין
(פון מצרים); און זיי באַפוילן וועגן זיינע ביינער.
דורך אמונה איז משה באַהאַלטן געוואָרן פון 23
זיינע עלטערן דריי חדשים לאַנג, ווייל זיי האָבן
געזעען, אַז ער איז אַ שיין קינד, און האָבן זיך נישט
געשראָקן פאַר דעם קעניגס באַפעל. דורך אמונה 24
האָט משה, ווען ער איז גרויס געוואָרן, זיך אָפגע־
זאָגט צו הייסן פרעהס טאָכטערס זון, אויסוויילנדיק 25
אַ סך ליבער צו ליידן מיט ג־טס פאָלק, ווי אַ הנאה
צו האָבן אויף אַ געוויסער צייט פון דעם פאַרגעניגן
פון זינד, האַלטנדיק די חרפה פונם משיח פאַר אַ 26
גרעסער עשירות ווי די אוצרות פון מצרים, ווייל
ער האָט געבליקט אויף דער שכר־פאַרגעלטונג.
דורך אמונה האָט ער פאַרלאָזט מצרים, נישט 27
שרעקנדיק זיך פאַר דעם קעניגס גרימצאָרן; וואָרום
ער האָט זיך געשטאַרקט, ווי ער וואָלט געזעען אים,
וואָס איז נישט זעבאַר. דורך אמונה האָט ער געמאַכט 28
דעם פסח און דאָס שפריצן דאָס בלוט, כדי דער
משחית פון די בכורים זאָל זיי נישט אָנרירן. דורך 29
אמונה זענען זיי אַריבערגעגאַנגען דעם רויטן ים,
ווי אויף טרוקענער ערד, וואָס די מצריים
האָבן פאַרזוכט און זענען דערטרונקען געוואָרן.
דורך אמונה זענען די מויערן פון יריחו איינגעפאַלן, 30
נאָכדעם ווי מען האָט זיי אַרומגערינגלט זיבן טעג.
דורך אמונה איז רחב הזונה נישט אומגעקומען מיט 31
די אומגלויביקע, ווייל זי האָט אויפגענומען די
מרגלים בשלום. און וואָס נאָך זאָל איך זאָגן? וואָרום 32

* אַזוי שטייט אין תרגום־השבעים.

עס וועט מיר פעלן צייט צו דערציילן וועגן גדעון,
ברק, שמשון, יפתח, דוד און שמואל און די נביאים;
33 וועלכע האָבן דורך אמונה איינגענומען קעניגרייכן,
געטון גערעכטיקייט, דערגרייכט הבטחות, פאַר־
34 שטאָפּט די מײַלער פון לייבן, אויסגעלאָשן די קראַפט
פון פייער, אַנטלאָפן פון דער שאַרף פון דער שווערד,
שטאַרק געוואָרן פון שוואַכקייט, געוואָרן גבורים
אין מלחמה, געמאַכט פרעמדע חיילות אַנטלויפן.
35 פרויען האָבן צוריקבאַקומען זייערע טויטע דורך
תחית המתים; און אַנדערע זענען געפּייניקט געוואָרן,
נישט אָננעמענדיק קיין באַפרייאונג, כדי זיי זאָלן
36 דערגרייכן אַ בעסער תחית המתים; און אַנדערע
זענען אויסגעפּרואווט געוואָרן דורך שפּאָט און
37 שלעק און אויך דורך קייטן און תפיסה; זיי זענען
געשטייניקט געוואָרן, אויסגעפּרואווט געוואָרן,
אַדורכגעזעגט געוואָרן, געשטאָרבן דעם טויט פון
דער שווערד, אַרומגעגאַנגען אין שאָפּן און אין ציגן
פעל, געווען אין נויט, אונטערגעדריקט, שלעכט
38 באַהאַנדלט, וואָס די וועלט איז זיי נישט ווערט
געווען; זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין מדבריות און
אויף בערג, אין היילן און אין די לעכער פון דער
39 ערד. און זיי אַלע, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן
אַן עדות דורך אמונה, האָבן נישט מקבל געווען די
40 הבטחה, ווייל ג־ט האָט פאָרויסגעזעען עפּעס בעסערס
פאַר אונדז, כדי זיי זאָלן נישט ווערן שלימותדיק אָן
אונדז.

## קאַפּיטל צוועלף

1 דעריבער אויך מיר, האָבנדיק אַרום זיך אַזאַ
וואָלקן פון עדות־(מאַרטירער), לאָמיר אָפּטון
פון זיך יעדע לאַסט און די זינד, וואָס רינגלט אונז
אַזוי לייכט אַרום, און לאָמיר לויפן סבלנותדיק דעם
2 וועטלויף, וואָס ליגט פאַר אונז, ריכטנדיק אונזער
בליק אויף ישוען, דעם אָנהויבער און פאַרענדיקער
פון אונזער אמונה, וואָס פאַר דער פרייד, וועלכע
איז געלייגט געוואָרן פאַר אים, האָט ער דערטראָגן
דעם בוים (שמואל ח:ט ב) פאַראַכטנדיק די חרפּה, און זיך אַנידער־
געזעצט אויף דער רעכטער זייט פון גאָטס כסא־
3 הכבודי. וואָרום באַטראַכט אים, וואָס איז אויסגע־
שטאַנען אַזאַ ווידערשפּרוך פון חוטאים קעגן אים,
כדי איר זאָלט נישט מיד און מאַט ווערן אין אייערע
4 זעלן. איר האָט נאָך אַלץ נישט זיך אַנטקייגנגע־
5 שטעלט ביז בלוט, קעמפנדיק מיט דער זינד; און
האָט פאַרגעסן די וואָרנונג, וועלכע רעדט צו אייך
ווי צו זין:

מיין זון, פאַראַכט נישט דעם מוסר פון דעם
האַר (גאָט),
פאַל נישט ביי זיך אַראָפּ, ווען דו ווערסט פון
אים געשטראָפט;
6 וואָרום וועמען דער האַר (גאָט) האָט ליב, דעם
מוסרט ער,
און שלאָגט יעדן זון, וועמען ער נעמט אָן.
(משלי ג׳ יא־יב.)

7 אויב איר האַלט אויס מוסר, באַציט זיך ג־ט צו
אייך ווי צו זין; וואָרום וואָס פאַר אַ זון איז דאָס,
8 וועמען דער פאָטער מוסרט נישט? אָבער אויב

איר זענט יאָ אָן מוסר, פון וועלכן אַלע זענען
אָנטיילנעמער, אַזוי זענט איר ממזרים און נישט קיין
9 זין· מיר האָבן דאָך אויך געהאַט לייבלעכע פאָטערס,
וואָס האָבן אונז באַשטראָפט, און מיר האָבן זיי
אָפּגעגעבן כבוד; צי זאָלן מיר דען נישט פיל מער
זיך אונטערטעניקן צו דעם פאָטער פון די גייסטער
10 און לעבן? וואָרום במשך טאָקע פון ווייניקע טעג
האָבן זיי אונז געציכטיקט און לויט זייער אײַנזעען;
ער אָבער פאַר אונזער נוצן, כדי מיר זאָלן האָבן אַ
11 חלק אין זיין קדושה· יעדע באַשטראָפונג אין איר
צייט שיינט טאָקע אויס צו זיין נישט קיין פרייד
נאָר אַ טרויער; שפּעטער אָבער גיט זי די פרידלעכע
פּרוכט פון גערעכטיקייט צו די, וואָס זענען אויס־
געאיבט דורך איר·
12 דערפאַר זאָלט איר אויפריכטן די הענט, וואָס
הענגען אַראָפּ און די קניען, וואָס זענען שוואַך
13 געוואָרן; און גלייכע שטעגלעך זאָלט איר מאַכן
פאַר אייערע פיס, כדי דאָס לאָמע זאָל זיך נישט
14 אָפּנייגן, נאָר גיכער זאָל עס געהיילט ווערן· יאָגט
נאָך שלום מיט אַלעמען און די הייליקונג, אָן וועלכער
15 קיינער וועט נישט זעען דעם האַר; און גיט אַכטונג,
אַז קיינער זאָל נישט אָפּפאַלן פון ג־טס חסד, אַז
קיין ביטערע וואָרצל זאָל נישט אויפוואַקסן צו
באַטריבן און אַז דורך איר זאָלן אַ סך טמא ווערן;
16 אַז עס זאָל נישט זיין קיין נואף אָדער לעסטערער,
ווי עשיו, וואָס האָט פאַר אַן איין אײנציקע שפּייז
17 אַוועקגעגעבן זיין בכורה· וואָרום איר ווייסט, אַז
אַפילו שפּעטער, ווען ער האָט געוואָלט ירשענען
די ברכה, איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן; וואָרום ער
האָט נישט געפונען קיין מעגלעכקייט פון תשובה,
הגם ער האָט זי געזוכט מיט טרערן·

18 וואָרום איר זענט נישט געקומען צו קיין באַרג,
וואָס מען קען אָנרירן און וואָס ברענט מיט פייער,
און צו טונקלקייט און צו פינסטערניש און שטורם,
19 און דעם קול פון אַ שופר און אַ קול פון ווערטער,
וואָס די צוהערער האָבן געבעטן, אַז קיין וואָרט
20 זאָל מער צו זיי נישט גערעדט ווערן, וואָרום זיי
האָבן נישט געקענט דערטראָגן דאָס, וואָס איז
געבאָטן געוואָרן: אַפילו אויב אַ בהמה וועט אָנרירן
21 דעם באַרג, זאָל מען זי שטייניקן; און, די דער־
שיינונג איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז משה האָט
22 געזאָגט; איך בין פול מיט מורא און ציטער; נאָר
איר זענט געקומען צום הר ציון און צו דער שטאָט
פונם לעבעדיקן ג־ט, דעם הימלישן ירושלים און
23 צו צענער טויזנטער פון מלאכים, צו אַ פייערלעכער
עדה און קהלה פון בכורים, וואָס זענען איינגעשריבן
אין הימל, און צו ג־ט (זענט איר געקומען), דעם
שופט פון אַלעמען, און צו די גייסטער פון צדיקים
24 מושלמים, און צו ישוען דעם פאַרמיטלער פונם
נייעם בונד (ברית חדשה), און צום בלוט פון באַ־
25 שפריצן, וואָס רעדט בעסערס ווי הבל (בלוט). היט
זשע זיך, נישט צו פאַראַכטן דעם, וואָס רעדט.
וואָרום אויב יענע זענען נישט ניצול געוואָרן, וואָס
האָבן פאַראַכט דעם, וואָס האָט גערעדט אויף דער
ערד, אויף וויפל וויניקער וועלן מיר (ניצול ווערן),
וואָס וועלן זיך אָפקערן פון אים, וואָס (רעדט) פון
26 הימל, וועמעס קול האָט אַמאָל געמאַכט ציטערן
די ערד; און איצט האָט ער מבטיח־געווען, זאָגנדיק:
נאָכאַמאָל וועל איך מאַכן ציטערן נישט בלויז
די ערד, נאָר אויך דעם הימל. (חגי ב, ו)
27 און דאָס וואָרט נאָכאַמאָל מאַכט קלאָר די פאַרענ־
דערונג פון זאַכן, וואָס ציטערן אַלס זאַכן געשאַפענע,

28 כדי די, וואָס ציטערן נישט, זאָלן בלייבן. דערפאַר,
ווייל מיר באַקומען אַ מלכות, וואָס קען נישט דער־
שיטערט ווערן, לאָמיר האָבן דאַנקבאַרקייט, דורך
וועלכער מיר זאָלן דינען וואוילגעפעליק צו ג־ט
29 מיט יראה און מיט פחד; וואָרום אונזער ג־ט איז
אַ פאַרצערנדיק פייער.

## קאַפּיטל דרייצן

1 זאָל די ברידערלעכע ליבע בלייבן. פאַרגעסט
2 נישט די גאַסט־פריינטלעכקייט; וואָרום דאַדורך
האָבן אייניקע מכניס־אורח געווען מלאכים נישט־
3 וויסנדיקערהייט. געדענקט די געפאַנגענע, ווי איר
אַליין וואָלט געווען מיטגעפאַנגענע, און די ליידנ־
דיקע, אַזוי ווי איר זענט אויך נאָך אין דעם גוף.
4 די הייראַט זאָל געהאַלטן ווערן טייער פון אַלעמען
און דאָס בעט—נישט באַפלעקט; וואָרום די זונים און
5 נואפים וועט ג־ט משפטן. אייער וואַנדל—אָן געלט־
גייציקייט; זייט צופרידן מיט דעם, וואָס איר האָט;
וואָרום ער אַליין האָט געזאָגט:

איך וועל דיך אויף קיין פאַל נישט פאַרוואַרפן,
איך וועל אויך אויף קיין פאַל דיך נישט פאַר־
לאָזן. (דברים לא, ו.)

6 אַזוי, אַז מיר קענען זאָגן בטחון־פול:
דער האַר (גאָט) איז מיין העלפער,
איך וועל מיך נישט שרעקן;
וואָס וועט אַ מענטש מיר טון? (תהלים קיח, ו.)

7 געדענקט אין אייערע מנהיגים, וועלכע האָבן צו
אייך גערעדט ג־טס וואָרט; און טוט זיי נאָך אין
אמונה; קוקט זיך צו צו דעם אויסגאַנג פון זייער
8 אַרט לעבן. ישוע המשיח איז דער זעלביקער נעכטן,

9 און היינט, און אויף אייביק. לאָזט זיך נישט אַרומ־
טרייבן פון פאַרשיידענע און פרעמדע תורות; עס
איז גוט, אַז דאָס האַרץ זאָל באַפעסטיקט ווערן
מיט חסד, נישט מיט מאכלים; פון וועלכע די, וואָס
זענען זיך מיט זיי נוהג, האָבן קיין פעולה נישט
10 געהאַט. מיר האָבן אַ מזבח, פון וועלכן די דינער
11 פונם משכן האָבן נישט קיין רעכט צו עסן. וואָרום
די קערפערס פון די בהמות, וועמעס בלוט דער
כהן־גדול האָט אַריינגעבראַכט פאַר זינד אין דעם
הייליקטום אַריין, ווערן פאַרברענט מחוץ למחנה.
12 דערפאַר האָט אויך ישוע געליטן מחוץ לשער,
כדי צו הייליקן דאָס פאָלק דורך זיין אייגן בלוט.
13 לאָמיר דעריבער אַרויסגיין צו אים אויסער דער
14 מחנה און טראָגן זיין חרפּה. וואָרום דאָ האָבן מיר
נישט קיין בלייבנדיקע שטאָט, נאָר די צוקונפטיקע
15 זוכן מיר. לאָמיר דעריבער תמיד מקריב זיין דורך
אים אַ קרבן פון לויב צו ג־ט, דאָס הייסט די פּירות
16 פון ליפּן, וואָס זענען מתוודה צו זיין נאָמען. און
פאַרגעסט נישט צו טון גוטס און אויסצוטיילן (צו
אָרומעלייט); וואָרום אַזעלכע קרבנות זענען וואויל־
17 געפעליק צו ג־ט. זייט געהאָרכזאַם צו אייערע
מנהיגים און אונטערטעניקט זיך (צו זיי); וואָרום
זיי וואַכן איבער אייערע זעלן, ווי זיי וואָלטן געהאַט
אָפּצוגעבן אַ חשבון; כדי זיי זאָלן דאָס טון מיט
פרייד און נישט זיפצנדיק, מחמת דאָס דאָזיקע איז
פאַר אייך אָן אַ נוצן.

18 זייט מתפלל פאַר אונזערטוועגן; וואָרום מיר
זענען זיכער, אַז מיר האָבן אַ גוט געוויסן, און עס
איז אונזער פאַרלאַנג אין אַלעם צו פירן אַן ערלעך
19 לעבן. נאָכמער בעט איך אייך צו טון דאָס דאָזיקע,
כדי איך זאָל גיכער צוריקגעגעבן ווערן צו אייך.

20 און דער ג־ט פון שלום, וואָס האָט צוריקגעברענגט
פון די טויטע דעם גרויסן פּאַסטוך פון די שאָף
ישוען אונזער האַר, דורך דעם בלוט פון דעם
21 אייביקן בונד, זאָל אייך מאַכן שלימותדיק אין אַלע
מעשים־טובים, צו טון זיין רצון, ווירקנדיק אין
אייך דאָס, וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר אים דורך
ישוע המשיחן, צו וועמען זאָל זיין כבוד לעלמי
עולמים. אמן.

22 און איך בעט אייך, ברידער, אַז איר זאָלט אָננעמען
דאָס וואָרט פון שטראָף־רייד, וואָרום איך האָב
23 געשריבן צו אייך אַ קורצן בריוו. איר זאָלט וויסן
זיין, אַז אונזער ברודער טימאָטעוס איז באַפרייט
געוואָרן, מיט וועמען, אויב ער וועט קומען אין
גיכן, איך וועל אייך זעען.

24 גיט אָפּ שלום אַלע אייערע מנהיגים און אַלע
קדושים. די, וואָס זענען פון איטאַליען, געבן אייך
אָפּ שלום.

25 זאָל דער חסד זיין מיט אייך אַלעמען. אמן.

# יעקבס בריוו

יעקב, אַ קנעכט פון ג-ט און דעם האַר ישוע המשיח, 1
צו די צוועלף שבטים אין גלות: שלום!
נעמט עס אָן פאַר אַ גרויסע פרייד, מיינע ברידער, 2
ווען איר פאַלט אַריין אין כלערליי נסיונות,
ווייסנדיק, אַז די אויספּרוּוואונג פון אייער אמונה 3
ברענגט צו סבלנות. זאָל אָבער די סבלנות האָבן 4
אַ שלימותדיקע פעולה, כדי איר זאָלט זיין
שלימותדיק און גאַנץ, עס זאָל אייך גאָרנישט פעלן.
אויב אָבער עמיצן פון אייך פעלט חכמה, זאָל 5
ער בעטן ביי ג-ט, וועלכער גיט שפּעדיק יעדן
איינעם און מאַכט נישט צו שאַנד, און עס וועט אים
געגעבן ווערן. נאָר זאָל ער בעטן מיט בטחון, 6
גאָרנישט צווייפלענדיק; וואָרום דער צווייפלער איז
געגליכן צו אַ כוואַליע פונם ים, וואָס ווערט געטראָגן
און געטריבן פונם ווינט. וואָרום יענער מענטש 7
זאָל זיך (אַפילו) נישט פאַרשטעלן, אַז ער וועט
עפּעס באַקומען ביי דעם האַר. אַ מאַן מיט צוויי 8
(אַנטקעגנגעזעצטע) דעות איז נישט פעסט אין
קיינעם פון זיינע וועגן.
זאָל דער שפלדיקער ברודער אָבער זיך באַרימען 9
מיט זיין גדלות; און דער עשיר מיט זיין שפלות; 10
ווייל ווי אַ בלום פון דעם גראָז וועט ער פאַרגיין.
וואָרום די זון שיינט אויף מיט איר היץ, און פאַר־ 11
וועלקט דאָס גראָז, און די בלום פאַלט דערפון אַראָפּ,
און די חנעוודיקייט פון זיין געשטאַלט ווערט פאַר־
דאָרבן; פּונקט אַזוי וועט דער רייכער פאַרוועלקן
אין זיינע וועגן.
וואויל דעם מאַן, וועלכער טראָגט איבער אַ נסיון; 12

ווייל ווען ער איז אויסגעפרואווט, וועט ער באַקומען
די קרוין פון לעבן, וואָס דער האַר האָט צוגעזאָגט
13 די, וועלכע האָבן אים ליב. זאָל קיינער נישט זאָגן,
ווען ער ווערט אויסגעפרואווט: איך ווער אויס־
געפרואווט פון ג־ט; וואָרום ג־ט קען נישט אויס־
געפרואווט ווערן מיט שלעכטס, און ער אַליין
14 פרואווט קיינעם נישט אויס; יעדער איינער אָבער
ווערט אויסגעפרואווט, ווען ער ווערט גערייצט
15 פון זיינע אייגענע תאוות און געלאָקט. דאַן ווערט
די תאווה מעוברת און טוט געבוירן זינד; און
די זינד, ווען זי איז געוואָרן רייף, געווינט דעם
16 טויט. בלאָנדזשעט נישט, ברידער מיינע געליבטע.
17 יעדע גוטע גאָב און יעדע שלימותדיקע מתנה איז
פון אויבן, און קומט אַראָפּ פון דעם פאָטער פון
ליכט, ביי וועמען עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרענ־
18 דערונג אָדער אַ שאָטן פון אַ שנוי. פון זיין אייגענעם
רצון האָט ער אונז געבוירן דורך דעם וואָרט פון
אמת, כדי מיר זאָלן זיין אַן אַרט ביכורים (ערשטע
פרוכט) פון זיינע באַשעפענישן.
19 דאָס ווייסט איר, ברידער מיינע געליבטע.
באַר זאָל יעדער מענטש זיין גיך צום הערן,
פּאַמעלעך צום רעדן, פּאַמעלעך צום ווערן אין
20 כעס; וואָרום אַ מענטשנס צאָרן איז נישט פועל די
21 גערעכטיקייט פון ג־ט. דעריבער, אָפּטוענדיק (פון
זיך) יעדע אומזויבערקייט און איבערפלוס פון
שלעכטסקייט, נעמט אָן מיט ענווה דאָס פאַרפלאַנצטע
וואָרט, וואָס איז בכוח צו ראַטעווען אייערע נשמות.
22 זייט אָבער טוער פונם וואָרט, און נישט בלויז
23 הערער, וואָס פאַרפירן זיך אַליין. ווייל אויב עמיצער
איז אַ הערער פונם וואָרט, און נישט קיין טוער,
איז דער דאָזיקער געגליכן צו אַ מאַן, וועלכער

24 קוקט אויף זיין לייבלעך פנים אין אַ שפיגל; וואָרום
ער האָט געקוקט אויף זיך און איז אַוועקגעגאַנגען;
25 און גלייך פאַרגעסן, ווי ער האָט אויסגעזעען. דער
אָבער, וועלכער האָט אַריינגעקוקט אין דער שלימות־
דיקער תורה, די תורה פון פרייהייט, און פאַר־
בלייבט דערין, נישט זייענדיק קיין הערער, וואָס
פאַרגעסט, נאָך אַ טוער בפועל (ממש), איז וואויל
26 דעם דאָזיקן אין זיין טון. אויב עמיצער מיינט,
אַז ער איז פרום, און האַלט נישט זיין צונג
אין דער צוים, נאָר באַטריגט זיין האַרץ, איז
27 דעם דאָזיקנס פרומקייט פוסט. אַ לויטערע
און אומבאַפלעקטע פרומקייט פאַר אונזער ג־ט
און פאָטער איז די דאָזיקע: השגחה צו געבן אויף
יתומים און אלמנות אין זייערע צרות, און זיך צו
האַלטן אומבאַפלעקט פון דער וועלט.

## קאַפיטל צוויי

2

1 ברידער מיינע, נישט מיט נושא־פנים־זיין זאָלט
איר האַלטן די אמונה פון אונזער האַר ישוע
2 המשיח, דעם האַר פון הערלעכקייט. וואָרום ווען
עס קומט אַריין אין אייער שול אַ מאַן מיט
גאָלדענע פינגערלעך, פיינע מלבושים, און עס
קומט אויך אַריין אַן אָרעמאַן אין פאַרבלאָטיקטע
3 קליידער; און איר קוקט זיך אום אויף דעם,
וועלכער טראָגט די פיינע מלבושים, און זאָגט:
זעץ דיך דאָ אַנידער אויף דעם בעסטן אָרט; און
דעם אביון זאָגט איר: דו שטיי דאָרטן, אָדער
4 זעץ דיך אַנידער אונטן אויף מיין פוסבענקל; צי
מאַכט איר דען נישט קיין אונטערשייד צווישן
אייך אַליין, און ווערט שופטים מיט בייזע

5 מחשבות? הערט זיך צו, געליבטע ברידער מיינע,
צי האָט דען ג־ט נישט אויסדערוויילט די אביונים
אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן זיין עשירים אין
אמונה און יורשים פון דעם מלכות, וואָס ער האָט
6 צוגעזאָגט די, וואָס האָבן אים ליב! איר אָבער
האָט פאַרשעמט דעם אָרעמאַן· די רייכע לייט,
צי דריקן זיי דען אייך נישט אונטער, און זיי אַליין,
7 צי שלעפּן זיי אייך דען נישט צום בית דין? צי
לעסטערן זיי דען נישט אַליין דעם גוטן נאָמען,
8 וואָס איז גערופן געוואָרן איבער אייך? דאָך אויב
איר זענט מקיים דאָס קעניגלעכע געזעץ לויט
דעם פסוק: דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך
9 אַליין, (ויקרא יט, יח·) טוט איר וואויל; אויב אָבער איר
זענט נושא־פּנים, טוט איר אַ זינד, און ווערט פאַר־
10 משפט פון דער תורה, ווי פּושעים· וואָרום ווער עס
וועט האַלטן די גאַנצע תורה, וועט אָבער שטרויכ־
לען אין איין זאַך, האָט ער זיך פאַרשולדיקט אין
11 אַלעם· וואָרום דער, וועלכער האָט געזאָגט: לא תנאף
(זאָלסט נישט נואפן) האָט אויך געזאָגט: לא תרצח
(זאָלסט נישט מאָרדן); ווען אָבער דו נואפסט נישט,
באַגייסט אָבער אַ מאָרד, ביסטו געוואָרן אַ פּושע
12 אין דער תורה· (שמות כ, יג־יד·) רעדט אַזוי, און טוט
אַזוי, ווי (מענטשן, וואָס) דאַרפן געמשפט ווערן
13 דורך דער תורה פון פרייהייט· וואָרום דאָס משפט
איז אומרחמנותדיק אויף דעם, וועלכער האָט
נישט אַרויסגעוויזן קיין רחמנות; באַרמהערציקייט
טריאומפירט איבער דעם משפט·

14 וואָס נוצט עס, ברידער מיינע, ווען איינער זאָגט,
ער האָט אמונה, נאָר קיין מעשים האָט ער נישט?
15 צי קען אים דען די אמונה העלפן? אויב אַ ברודער
אָדער אַ שוועסטער זענען נאַקעט, און עס פעלט

16 זיי די טאָג טעגלעכע שפּייז, און עמיצער פון אייך
זאָגט צו זיי: גייט אייך לשלום, וואַרעמט זיך אָן
און זעטיקט זיך; איר גיט זיי אָבער נישט דאָס
17 נויטווענדיקע פאַרן גוף, וואָס נוצט עס? אויך אַזוי
די אמונה, אויב זי האָט נישט קיין מעשים, איז זי
18 טויט פאַר זיך אַליין. נאָר עמיצער וועט זאָגן: דו
האָסט אמונה, און איך האָב מעשים; ווייז מיר דיין
אמונה אָן די מעשים, און איך וועל דיר ווייזן מיין
19 אמונה דורך די מעשים. גלויבסט, אַז עס איז
פאַראַן איין ג־ט? דו טוסט וואויל! אַפילו די טייוו־
20 לאָנים גלויבן עס און ציטערן. דו ווילסט אָבער וויסן,
אָ פּוסטער מענטש, אַז גלויבן אָן מעשים איז טויט?
21 צי איז דען נישט אברהם אבינו גערעכטפערטיקט
געוואָרן דורך מעשים, מקריב זייענדיק יצחקן
22 זיין זון אויף דער עקידה? זעסט, אַז די אמונה
האָט מיטגעווירקט מיט זיינע מעשים, און דורך
23 די מעשים איז די אמונה געוואָרן שלימותדיק; און
עס איז דערפילט געוואָרן דער פסוק, וואָס זאָגט:
און אברהם האָט געגלויבט ג־ט, און עס איז אים
פאַררעכנט געוואָרן צו גערעכטיקייט; (בראשית טו, ו.)
און ער איז גערופן געוואָרן אַ פריינט פון ג־ט.
24 (ישעיהו מא, ח.) איר זעט, אַז אַ מענטש ווערט
גערעכטפערטיקט דורך מעשים, און נישט דורך
25 אמונה אַליין. און אויף אַן ענלעכן אופן איז דען
רחב הזונה נישט גערעכטפערטיקט געוואָרן דורך
מעשים, ווען זי האָט אויפגענומען די שליחים און
זיי אַוועקגעשיקט אויף אַן אַנדערן וועג? (יהושע ו, כה.)
26 וואָרום פונקט ווי אַ גוף אָן אַ נשמה איז טויט,
אויך אַזוי איז די אמונה אָן מעשים טויט.

## קאַפּיטל דריי

1 זאָלן נישט פיל פון אייך ווערן רבנים, ברידער
מיינע, וויסנדיק, אַז מיר וועלן באַקומען אַ האַרבער
2 משפּט. וואָרום אין אַ סך זאַכן שטרויכלען מיר
אַלע. אויב עמיץ שטרויכלט נישט אין קיין וואָרט,
איז ער אַ שלימותדיקער מענטש, בכח צו
3 האַלטן אַפילו דעם גאַנצן גוף אין דער צוים. און
אויב מיר לייגן אַריין ציימלעך אין די מיילער פון
די פערד, כדי זיי צו מאַכן געהאָרכזאַם צו אונז,
4 פירן מיר אויך דעם גאַנצן קערפּער זייערן. אָט
אויך די שיפן, הגם זיי זענען אַזוי גרויס און
ווערן געטריבן פון שטאַרקע ווינטן, ווערן דאָך
געלענקט פון דעם קלענסטן רודער, וואוהין דער
5 שטייערמאַן וויל. פּונקט אַזוי איז אויך די צונג
אַ קליין אבר, און באַרימט זיך מיט גרויסע זאַכן.
זע, וואָס פאַר אַ גרויסן וואַלד אַ קליין פייערל קען
6 אָנצינדן! אויך די צונג איז אַ פייער; ווי אַ וועלט
פון אומגערעכטיקייט שטייט זי צווישן אונזערע
אברים, זי באַפלעקט דעם גאַנצן קערפּער און צינדט
אָן דעם לויף פון לעבן און ווערט (אַליין) אָנגעצונדן
7 פונעם גיהנום. וואָרום יעדן מין חיות און עופות,
שרצים און באַשעפענישן אין ים, איז דער מענטש־
8 לעכער מין כובש און האָט כובש געווען; די צונג
אָבער קען קיין מענטש נישט באַצווינגען; אַן אומ־
רואיק שלעכטס, פול אָנגעפילט מיט דעם סם המות.
9 מיט איר לויבן מיר דעם האַר (ג־ט) און פאָטער;
און מיט איר פלוכן מיר די מענטשן, וועלכע זענען
10 באַשאַפן געוואָרן אין ג־טס געשטאַלט. פון דעם
זעלביקן מויל קומט אַרויס אַ ברכה און אַ קללה.

11 ברידער מיינע, אַזוי דאַרף עס נישט זיין. צי
שפרודלט דען דער קוואַל פון דער זעלביקער
עפענונג דאָס זיסע (וואַסער) און דאָס ביטערע?
12 צי קען דען, ברידער מיינע, אַ פייגנבוים ברענגען
איילבירטן, אָדער אַ ווייַנשטאָק פייגן? אויך קען
אַ געזאַלצענער (קוואַל) נישט געבן קיין זיס וואַסער.
13 ווער איז אַ חכם און אַ פאַרשטאַנדיקער צווישן
אייך? זאָל ער אַרויסווייזן זיינע מעשים דורך זיין
14 גוטן וואַנדל מיט עניוותדיקייט פון חכמה. אויב אָבער
איר האָט ביטערע קנאה און צאַנקעריי אין אייער
האַרץ, זאָלט איר זיך נישט באַרימען, און נישט
15 זאָגן ליגנט קעגן דעם אמת. די דאָזיקע חכמה קומט
נישט אַראָפ פון אויבן, נאָר איז ערדיש, גשמיותדיק,
16 טייוולאָניש. וואָרום וואו עס איז פאַראַן קנאה און
צאַנקעריי, דאָרטן איז מהומה און אַלדאָס בייז.
17 די חכמה אָבער, וואָס איז פון אויבן, איז קודם כל
לויטער, דאַן פרידלעך, באַשיידן, נאָכגעביק, פול
מיט רחמים און גוטע פירות, אומפאַרטייאיש, נישט־
18 צבועקיש. און די פרוכט פון גערעכטיקייט ווערט
געזייעט אין שלום פאַר די, וואָס מאַכן שלום.

## קאַפּיטל פיר

1 פונוואַנען זשע זענען מלחמות און פונוואַנען זענען
קריגערייען ביי אייך? צי דען נישט פונדאַנען,
פון אייערע תאוות, וואָס קעמפן אין די אברים
2 אייערע? איר גלוסט, און האָט נישט; איר הרגעט
און זענט מקנא, און קענט עס נישט דערגרייכן;
איר קריגט זיך אַרום און האַלט מלחמה; איר האָט
3 נישט צוליב דעם, וואָס איר בעט נישט. איר בעט
יאָ און באַקומט נישט, ווייל איר בעט שלעכט, כדי

4 איר זאָלט עס פאַרצערן אין אייערע תאוות. איר
נואפות, צי ווייסט איר דען נישט, אַז די ליבע
פון עולם־הזה, איז פײנטשאַפט פאַר ג־ט? דעריי־
בער, ווער עס וויל זיין אַ ליבהאָבער פון דער
5 וועלט, דער ווערט אַ שונא פון ג־ט. אָדער
מיינט איר, אַז אומזיסט זאָגט דער פסוק: צו קנאה
גלוסט דער גייסט, וועלכן ער האָט געמאַכט
6 וואוינען אין אונז? גרעסער אָבער איז דער
חסד, וועלכן ער גיט. דערפאַר זאָגט ער: ג־ט
שטעלט זיך אַקעגן די שטאָלצע, די נידריקע
7 אָבער גיט ער חן. (משלי ג׳, לד׳) אונטערטעניקט זשע
זיך צו ג־ט; און שטעלט זיך אַקעגן דעם שטן, און
8 ער וועט אַנטלויפן פון אייך. דערנענטערט זיך צו
ג־ט, און ער וועט זיך דערנענטערן צו אייך. רייניקט
אייערע הענט, איר חוטאים, און מאַכט לויטער
9 אייערע הערצער, איר צווייהערציקע. פייניקט
זיך און טרויערט און וויינט; זאָל אייער געלעכטער
פאַרקערט ווערן צו געוויין, און אייער שמחה צו
10 טרויער. דערנידעריקט אייך פאַר גאָט, און ער
וועט אייך דערהייכן.

11 באַרעדט נישט איינער דעם אַנדערן, ברידער.
ווער עס באַרעדט אַ ברודער אָדער משפט זיין
ברודער, דער באַרעדט די תורה און משפט די
תורה; אויב אָבער דו משפטסט די תורה, ביסטו
שוין נישט קיין עוסק אין דער תורה, נאָר אַ שופט.
12 איינער איז דער געזעצגעבער און שופט, דער,
וועלכער איז בכוח צו ראַטעווען און צו פאַרדאַרבן;
ווער אָבער ביסטו, וואָס משפטסט דיין חבר?

13 איצט קומט איר, וועלכע זאָגן: היינט אָדער
מאָרגן וועלן מיר פאָרן אין דער און דער שטאָט
אַריין און דאָרטן פאַרבלייבן אַ יאָר און האַנד־

14 לען און פאַרדינען; און איר ווייסט דאָך נישט,
וואָס מאָרגן וועט זיין! וואָס איז אייער לעבן? וואָרום
איר זענט אַ דאַמף, וואָס באַווייזט זיך אויף אַ ווײַלע
15 און שפּעטער ווערט ער פאַרשוואונדן· אָנשטאָט
דעם זאָלט איר זאָגן: אם ירצה השם—און מיר וועלן
לעבן, וועלן מיר טון די דאָזיקע זאַך אָדער יענע·
16 און איצט באַרימט איר זיך מיט אייער גאוה; יעדע
17 אַזעלכע באַרימערײַ איז בייז· דעריבער ווער עס
ווייסט צו טון גוטס, און טוט עס נישט, איז עס פאַר
אים אַ זינד·

## קאַפּיטל פינף

1 איצט קומט איר, די עשירים; וויינט און קלאָגט
אויף אייערע צרות, וועלכע קומען (אויף
2 אייך)· אייער רייכקייט איז פאַרפוילט געוואָרן,
3 און אייערע מלבושים זענען מילביק· אייער
גאָלד און זילבער איז פאַרזשאַווערט; און זייער
זשאַווער וועט זיין פאַר אַן עדות צו אייך, און עס
וועט פאַרצערן אייערע לייבער ווי פייער· איר
האָט אייך איינגעזאַמלט אוצרות אין די לעצטע
4 טעג· זע, דער לוין פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן
איינגעזאַמלט דעם שניט פון אייערע פעלדער,
(דער לוין), וועלכער איז פון אייך צוריקגעהאַלטן,
שרייט; און די געשרייען פון די שניטער זענען
אַרייַנגעקומען אין די אויערן פון דעם האַר, (דעם
5 ג~ט פון) צבאות· איר האָט געלעבט אין תענוגים
אויף דער ערד און זיך אָנגעטון פאַרגעניגנס; איר
האָט געפּאַשעט אייערע הערצער ווי אינם טאָג
6 פון דער שחיטה· איר האָט פאַרמשפּט, איר האָט
געהרגעט דעם צדיק; ער שטעלט זיך אייך נישט
אַקעגן·

7 זייט געדולדיק דעריבער, ברידער, ביז צום קומען
פון דעם האַר. זע, דער ערדאַרבעטער וואַרט אויף
דער טייערער פרוכט פון דער ערד, און האָט געדולד
מיט איר, ביז זי באַקומט דעם פריען און שפּעטן
8 רעגן. זייט אויך געדולדיק; שטאַרקט זיך די הערצער
אייערע; ווייל דעם האַרס קומען האָט זיך שוין
9 דערנענטערט. זיפצט נישט, ברידער, איינער קעגן
דעם אַנדערן; כדי איר זאָלט נישט געמשפּט ווערן;
10 אָט שטייט (שוין) דער שופט פאַר די טירן. נעמט
אייך אַלס אַ ביישפּיל, ברידער, פון ליידן ביז און
פון געדולד, די נביאים, וועלכע האָבן גערעדט אין
11 דעם נאָמען פון דעם האַר (ג־ט). זע, מיר האַלטן
פאַר געבענטשט די, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן
סבלנותדיק; איר האָט (דאָך) געהערט פון איובס
סבלנות, און געזען דעם סוף פון דעם האַר, אַז דער
האַר (ג־ט) איז אַ רחום וחנון. (איוב מב, י־יב.)

12 נאָר פריער פאַר אַלעם, שווערט נישט, ברידער
מיינע, נישט ביים הימל, נישט ביי דער ערד, נישט
ביי קיין שום אַנדערער שבועה; נאָר זאָל אייער
יאָ זיין יאָ, און אייער ניין זאָל זיין ניין; כדי איר
זאָלט נישט פאַלן אונטער אַ משפּט.

13 ליידט עמיצער צווישן אייך? זאָל ער תפילה טון.
איז עמיצער אין גוטער שטימונג? זאָל ער זינגען
14 שירות ותשבחות. איז עמיצער שלאַף ביי אייך?
זאָל ער לאָזן רופן צו זיך די זקנים פון דער קהלה;
און זאָלן זיי תפילה טון איבער אים, זאַלבנדיק אים
15 מיט אייל אין דעם נאָמען פון דעם האַר; און די
תפילה פון אמונה וועט ראַטעווען דעם חולה, און
דער האַר וועט אים אויפשטעלן; און אויב ער האָט
געהאַט געטון אַ זינד, וועט עס אים פאַרגעבן ווערן.
16 זייט זיך דעריבער מתוודה אייערע זינד איינער

צום אַנדערן, און טוט תפילה איינער פאַרן אַנדערן,
כדי איר זאָלט געהיילט ווערן. די תפילה פון אַ
17 צדיק האָט אַ גרויסן כח און פועלט זער פיל. אליהו
(הנביא) איז געווען אַ מענטש גלייך צו אונז, און
האָט מתפלל געווען אַ תפילה, אַז עס זאָל נישט
רעגענען; און עס האָט נישט גערעגנט אויף דער
18 ערד דריי יאָר און זעקס חדשים לאַנג. און ער האָט
ווידער תפילה געטון; און דער הימל האָט געגעבן
רעגן, און די ערד האָט אַרויסגעשפּראָצט איר
פרוכט. (א מלכים יז, א; יח, א.)

19 ברידער מיינע, אויב איינער צווישן אייך וועט
פאַרבלאָנדזשען פון דעם אמת, און עמיצער וועט
20 אים אומקערן, זאָלט איר וויסן זיין, אַז ווער עס
קערט אום אַ חוטא פון זיין פאַלשן וועג, דער איז
מציל זיין נפש פונם טויט און וועט פאַרדעקן אַ
מאַסע זינד.

# דער ערשטער בריוו פון דעם שליח פּעטרוס

1 פּעטרוס, אַ שליח פון ישוע המשיחן, צו די אויס־
דערוויילטע תושבים אין די תפוצות פון פּאָנטוס,
גאַלאַטיען, קאַפּאַדאָציען, אַזיען און ביטיניען,
2 לויט דעם פאָרויסוויסן פון ג־ט דעם פאָטער, אין
הייליקונג פון דעם גייסט, צו געהאָרכזאַמקייט און
באַשפּריצונג מיט דעם בלוט פון ישוע המשיחן:
חסד צו אייך און שלום זאָל זיך פיל פאַרמערן.
3 געלויבט זאָל זיין דער ג־ט און פאָטער פון
אונזער האַר ישוע המשיח, וועלכער האָט לויט זיינע
גרויסע רחמים אונז ווידערגעבוירן צו אַ לעבע־
דיקער האָפנונג דורך ישוע המשיחס אויפשטיין פון
4 די טויטע, צו אַן אומפאַרדאַרבלעכער און אומבאַ־
פלעקטער ירושה, און וואָס פאַרוועלקט נישט, וועלכע
5 איז באַהאַלטן אין הימל פאַר אייערטוועגן, וואָס
איר ווערט אָפּגעהיטן אין ג־טס מאַכט דורך דעם
בטחון צו אַ ישועה גרייט אַנטפּלעקט צו ווערן אין
6 דער צייט פון קץ. מיט דעם זאָלט איר זיך פרייען,
איר, וואָס זענט איצט אויף אַ קליינער ווילע טרויע־
ריק, ווען עס מוז זיין, אין פאַרשיידענערליי נסיונות,
7 כדי די אויספּרובירונג פון אייער אמונה זאָל געפונען
ווערן פיל מער ווערט ווי גאָלד, וואָס פאַרגייט, הגם
עס ווערט אויסגעפּרובירט דורך פייער, פאַר אַ
לויב און הערלעכקייט און כבוד ביי דער אַנטפּלע־
8 קונג פון ישוע המשיחן; וועמען איר האָט נישט
געזעען און האָט דאָך ליב; און איצט, נישט זעענדיק
אים, נאָר גלויבנדיק אין אים, פריידט איר זיך מיט
אַ שמחה, וואָס איז אומאויסשפּרעכלעך און הערלעך;

9 באַקומענדיק דעם ציל פון אייער אמונה, די ישועה
10 פאַר אייערע נשמות. וואָס שייך וועלכער ישועה
עס האָבן חוקר ודורש געווען די נביאים, וואָס
האָבן נבואות געזאָגט וועגן דעם חסד (באַשטימט)
11 פאַר אייערטוועגן; חוקר זייענדיק אויף וועלכער
אָדער וואָס פאַר אַ צייט משיחס גייסט אין זיי
האָט אָנגעוויזן, בשעת ער האָט פאָרויס עדות־
געזאָגט פון די ליידן (וואָס האָבן געזאָלט קומען)
12 אויף משיחן און די הערלעכקייטן נאָך דעם. צו
זיי איז עס אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז נישט פאַר
זיך אַליין, נאָר פאַר אייערטוועגן האָבן זיי
געדינט די דאָזיקע זאַכן, וואָס זענען אייך איצט
אָנגעזאָגט געוואָרן דורך די, וועלכע האָבן אייך
געברענגט די גוטע בשורה דורך דעם רוח הקודש,
וואָס איז געשיקט געוואָרן פון הימל; זאַכן, אין
וועלכע מלאכים גאַרן אַריינצוקוקן.
13 דעריבער, אונטערגאַרטלענדיק די לענדן פון אייער
פאַרשטאַנד, זאָלט איר זיין ניכטער, און האָפן גענצ־
לעך אויף דעם חסד, וואָס ווערט אייך געברענגט אין
14 דער אַנטפּלעקונג פון ישוע המשיחן; ווי געהאָרכ־
זאַמע קינדער זאָלט איר נישט געשטאַלטן אייער לעבן
לויט די תאוות, אין וועלכע איר זענט געווען אַמאָל אין
15 אייער אומוויסן; נאָר ווי דער, וועלכער האָט אייך
גערופן, איז הייליק, אַזוי זאָלט איר אַליין אויך
16 ווערן הייליק אין אַלע אייערע דרכים; דערפאַר
שטייט געשריבן: הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין
17 הייליק. (ויקרא יא, מד.) און אויב איר רופט אָן פאָטער
דעם, וואָס משפט לויט יעדן (מענטשנס) מעשים אָן
נושא־פנים־צו־זיין, זאָלט איר וואַנדלען מיט יראה
18 בשעת אייער אויפהאַלטן זיך (דאָ); וויסנדיק, אַז
נישט מיט פאַרדאַרבלעכע זאַכן, מיט זילבער אָדער

גאָלד, זענט איר אויסגעלייזט געוואָרן פון אייער
נישטיקן וואַנדל, וואָס איז אייך איבערגעגעבן
19 געוואָרן פון אייערע עלטערן; נאָר מיט דעם טייערן
בלוט פון דעם משיח, ווי פון אַ לעמעלע אָן אַ מום
20 און אָן אַ פלעק; (שמות ה, ז־יג.) וואָס איז פאָרויס־
באַשטימט געוואָרן פאַר דער גרינדונג פון דער וועלט,
אָבער אַנטפּלעקט געוואָרן ביים סוף פון די צייטן
פאַר אייערטוועגן, וואָס גלויבן דורך אים אין ג־ט,
21 וועלכער האָט אים אויפגעוועקט פון די טויטע און
אים געגעבן כבוד; כדי אייער אמונה און בטחון זאָל
22 זיין אויף ג־ט. און האָבנדיק געלייטערט אייערע
נפשות אין דער געהאָרכזאַמקייט פון דעם אמת צו
אַן אויפריכטיקער ברידערלעכער ליבע, זאָלט איר
ערנסט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן פונם האַרצן
23 אַרויס; ווי ווידערגעבוירענע, נישט פון אַ פאַר־
דאַרבלעכן זאָמען, נאָר פון אַן אומפאַרדאַרבלעכן,
24 דורך ג־טס לעבעדיק און בלייבנדיק וואָרט. ווייל:

יעדעס פלייש איז ווי גראָז,
און יעדע פראַכט דערפון איז ווי אַ בלום פונם
גראָז.
פאַרטרוקנט ווערט דאָס גראָז,
און די בלום פאַלט אַראָפּ;
25 דעם האַר (ג־טס) וואָרט אָבער בלייבט אויף
אייביק. (ישעיהו מ, ח.)

און דאָס דאָזיקע איז דאָס וואָרט, וואָס איז אייך
אָנגעזאָגט געוואָרן ווי אַ גוטע בשורה.

## קאַפּיטל צוויי

1 דעריבער, אָפּטוענדיק פון זיך יעדע רשעות און
יעדע פאַלשקייט און צביעות און קנאה און
2 יעדע לשון הרע, ווי נאָר וואָס געבוירענע עופהלעך,
זאָלט איר באַגערן די פאַרנונפטיקע, נישט־געפעלש־
טע מילך, כדי איר זאָלט אויפוואַקסן דורך דער
3 זעלביקער צו ישועה, אויב איר האָט טועם
4 געווען, אַז דער האַר איז גוט; צו וועמען איר קומט,
צו דעם לעבעדיקן שטיין, וואָס פון מענטשן טאַקע
איז ער פאַרשטויסן, ביי ג־ט אָבער אויסדערוויילט,
5 קאָסטבאַר, און איר אַליין, ווי לעבעדיקע שטיינער,
בויט אייך אויף צו אַ רוחניותדיק הויז, פאַר אַ הייליק־
ער כהונה, מקריב־צו־זיין רוחניותדיקע קרבנות, וואָס
זענען וואויל־אָנגענומען ביי ג־ט דורך ישוע המשיחן.
6 דערפאַר שטייט אין פסוק:

זע, איך לייג אין ציון אַ פונדאַמענט־שטיין, אַן
אויסדערוויילטן, אַ קאָסטבאַרן,
און ווער עס גלויבט אין אים וועט נישט ווערן
צו שאַנדן. (ישעיהו כח, טז.)

7 פאַר אייך דעריבער, וואָס גלויבן, איז ער טייער;
פאַר די אומגלויביקע אָבער:

דער שטיין, וועלכן די בויער האָבן פאַרשטויסן,
דער דאָזיקער איז געוואָרן צום הויפט פונם
ווינקל; (תהלים קיח, כב.)

8 און:

און אַן אבן נגף און צור מכשול. (ישעיהו ח, יד.)

זיי שטרויכלען, ווייל זיי גלויבן נישט אין דעם
וואָרט, צו וועלכן זיי זענען אויך געזעצט געוואָרן.
9 איר אָבער זענט אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ מלכות

פון כהנים, אַ הייליקע אומה, אַן עם סגולה, כדי
איר זאָלט אויסדערציילן די מידות פון אים, וועלכער
האָט אייך גערופן פונם חושך אַרויס אין זיין וואונ־
10 דערלעך ליכט אַריין; (שמות יט, ה־ו) (אייך), וואָס איר
זענט אַמאָל נישט געווען קיין פאָלק, איצט אָבער
זענט איר ג־טס פאָלק; וואָס אַמאָל האָט איר נישט
באַקומען קיין רחמים, איצט אָבער האָט איר יאָ
באַקומען רחמים. (הושע ב, כה.)

11 געליבטע, איך בעט אייך ווי גרים און תושבים,
האַלט זיך צוריק פון די פליישלעכע תאוות, וועלכע
12 האַלטן מלחמה קעגן דער נשמה; פירט אַ גוטן וואַנדל
צווישן די גוים, כדי אין דעם, אין וועלכן זיי רעדן
אָפּ פון אייך ווי פון רשעים, דאָך, זעענדיק אייערע
מעשים טובים, זאָלן זיי אָפּגעבן כבוד צו ג־ט אינם
טאָג פון רעכנשאַפט.

13 אונטערטעניקט זיך צו יעדער מענטשלעכער
אָרדנונג צוליב דעם האַר; סאַי צום מלך, ווי צו
14 אַן אויבערהאַר; סאַי צו גובערנאַטאָרן, ווי צו שליחים
פון אים צו באַשטראָפן פאַרברעכער און צום לויב
15 פון די, וועלכע טון גוטס. ווייל אַזוי איז עס ג־טס
רצון, אַז מיט אייער טון גוטס זאָלט איר ברענגען
צום שווייגן דאָס אומוויסן פון נאַרישע מענטשן;
16 אַלס פרייע (מענטשן) און דאָך נישט ווי איר וואָלט
געהאַט די פרייהייט ווי אַ צודעק פאַר שלעכטס,
17 נאָר ווי ג־טס קנעכט. גיט אַלעמען אָפּ כבוד. האָט
ליב די ברודערשאַפט. האָט מורא פאַר ג־ט. גיט
אָפּ כבוד דעם קעניג.

18 איר קנעכט, זייט אונטערטעניק צו אייערע האַרן
מיט יעדער פאָרכטיקייט; נישט בלויז צו די גוטע
און באַשיידענע אַליין, נאָר אויך צו די שלעכטע.
19 וואָרום דאָס דאָזיקע איז אַ חסד, ווען צוליב דעם

געוויסן פאַר ג־ט, מען דערטראָגט צער, ליידנדיק
20 אומיושרדיק. וואָרום וואָס פאַר אַ כבוד איז עס,
אויב איר פאַרזינדיקט זיך און מען גיט אייך שלעק,
און איר זענט געדולדיק? נאָר אויב טוענדיק גוטס
ליידט איר און זענט געדולדיק, (אָט) דאָס איז אַ
21 חסד ביי ג־ט. וואָרום דערצו זענט איר באַרופן
געוואָרן; ווייל אויך משיח האָט געליטן פאַר אייערט־
וועגן, און איבערגעלאָזט אַ ביישפּיל פאַר אייך, כדי
22 איר זאָלט נאָכפאָלגן זיינע פוסטריט; וועלכער האָט
קיין חטא נישט געטון, נישט איז געפונען געוואָרן
23 אַ פאַלשקייט אין זיין מויל; וועלכער, ווערנדיק
געזידלט, האָט נישט צוריקגעזידלט; ליידנדיק,
האָט נישט געדראָאט, נאָר זיך איבערגעגעבן צום
24 שופט צדק; וועלכער האָט אַליין אַרויפגעטראָגן
אונזערע זינד אין דעם קערפער זיינעם אויף דעם
בוים(שמואל ח׳ ט׳) כדי מיר, אָפּשטאַרבנדיק וואָס שייך די זינד,
זאָלן לעבן צו צדקות; דורך וועמעס וואונדן
25 איר זענט געהיילט געוואָרן. וואָרום איר זענט
געווען ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, נאָר איצט האָט
איר זיך אומגעקערט צום פאַסטוך און משגיח פון
אייערע נשמות. (ישעיהו נג, ה־ט.)

## קאַפּיטל דריי

1 אויך אַזוי, איר פרויען, זייט אונטערטעניק צו
אייערע אייגענע מענער; כדי אַפילו אויב
אייניקע זענען אומגעהאָרכזאַם צום וואָרט, זאָלן זיי
געוואונען ווערן אָן אַ וואָרט דורך דעם וואַנדל
2 פון זייערע ווייבער, צוקוקנדיק זיך אויף אייער
3 לויטערן וואַנדל מיט יראה. זאָל אייער צירונג
זיין נישט דאָס אויסנווייניקסטע, מיט פלעכטן די

האָר און מיט אָנטון זיך גאָלדענע זאַכן, אָדער מיט
4 אָנקליידן זיך (טייערע) מלבושים; נאָר דער פאַרבאָר־
גענער מענטש פון דעם האַרצן, מיט דער אומ־
פאַרדאַרבלעכער (צירונג) פון אַן עניוותדיקן און
5 שטילן גייסט, וואָס איז זער טייער פאַר ג־ט. וואָרום
אַזוי אָ האָבן זיך אויך אַמאָל געצירט די הייליקע
פרויען, וועלכע האָבן געהאָפט אויף ג־ט, און זענען
6 געווען אונטערטעניק צו זייערע אייגענע מענער; ווי
שרה האָט געהאָרכט אברהמען, און אים גערופן האַר;
וועמעס טעכטער איר זענט געוואָרן, ווען איר טוט
גוטס און שרעקט זיך נישט אָפּ פון קיין שום פחד.
7 אויך אַזוי, איר מענער, וואוינט מיט זיי מיט
פאַרשטאַנד, צוטיילנדיק כבוד צו דער פרוי ווי
צו דער שוואַכערער כלי. אַזויווי זיי זענען אויך
מיטיורשים אין דעם חסד פון לעבן, כדי אייערע
תפילות זאָלן נישט געשטערט ווערן.
8 און צום סוף, האָט אַלע איין מחשבה, האָט מיט־
לייד, זייט ברידערלעך, באַרמהערציק, האַלט זיך
9 נידריק; צאָלט נישט אָפּ מיט שלעכטס פאַר שלעכטס,
אָדער זידלוואָרט פאַר זידלוואָרט, נאָר להיפך:
בענטשט; ווייל דערצו זענט איר באַרופן געוואָרן,
10 כדי איר זאָלט ירשענען אַ ברכה. וואָרום:

ווער עס וויל ליב האָבן דאָס לעבן
און זעען גוטע טעג,
זאָל ער אָפּהאַלטן זיין צונג פון בייז,
און זיינע לעפצן פון רעדן פאַלשקייט;
11 זאָל ער זיך אָפּנייגן פון שלעכטס און טון גוטס,
זאָל ער זוכן שלום און נאָכיאָגן אים.
12 ווייל די אויגן פון דעם האַר (ג־ט) זענען אויף
די צדיקים
און זיינע אויערן צו זייער געבעט;

דאָס פּנים אָבער פון דעם האַר איז קעגן די,
וואָס טון בייז. (תהלים לד, יג־יז.)

13 און ווער וועט אייך טון שלעכטס, ווען איר וועט
14 אייפערן פאַר דעם גוטן? נאָר אויב אַפילו
איר זאָלט ליידן צוליב גערעכטיקייט, איז וואויל
אייך; און פאַר זייער מורא זאָלט איר זיך נישט
15 פאָרכטן, נישט זאָלט איר זיך דערשרעקן; דעם
האַר אָבער דעם משיח זאָלט איר הייליקן אין אייערע
הערצער; זייט תמיד גרייט אויף אַן ענטפער צו
יעדן איינעם, וועלכער פרעגט אייך וועגן דער
סבה פון דער האָפנונג אין אייך, נאָר מיט עניוות־
16 דיקייט און מיט יראה; האָט אַ גוט געוויסן, כּדי
אין וואָס מען רעדט אָפּ פון אייך, זאָלן צושאַנד
ווערן די, וואָס באַליידיקן אייער גוטן וואַנדל אינם
17 משיח. וואָרום עס איז בעסער, אויב דאָס איז ג־טס
רצון, צו ליידן פאַר טון גוטס, ווי פאַר טון שלעכטס.
18 ווייל אַפילו משיח איז איינמאָל געשטאָרבן פאַר
אונזערע זינד, דער צדיק פאַר די רשעים, כּדי ער
זאָל אונז ברענגען צו ג־ט; און איז געטייט
געוואָרן לויט דעם פלייש, אָבער לעבעדיק געמאַכט
19 געוואָרן אין דעם גייסט; אין וועלכן ער איז אויך
געגאַנגען און אויסגערופן צו די רוחות אין געפענ־
20 קעניש, וואָס זענען אַמאָל געווען ווידערשפּעניק,
ווען ג־טס סבלנות האָט געוואַרט אין די טעג פון
נוחן, בעת עס איז צוגעגרייט געוואָרן די תיבה, אין
וועלכער ווייניקע, דאָס הייסט אַכט נפשות, זענען
21 געראַטעוועט געוואָרן דורך דעם וואַסער; דאָס איז
אויך אַ קעגנבילד פון דער טבילה, וואָס דערלייזט
אייך איצט, נישט דאָס אָפּטון אומריינקייט פונם
לייב, נאָר דער פאַרלאַנג אויף אַ גוט געוויסן לגבי
ג־ט, דורך דעם אויפשטיין (פון די טויטע) פון

22 ישוע המשיחן; וועלכער איז אויף ג־טס רעכטער
האַנט, נאָך דעם ווי ער איז אַרויף אין הימל אַריין;
צו אים זענען אונטערטעניק מלאכים און ממשלות
און מאַכטן.

## קאַפּיטל פיר

1 דעריבער, ווי משיח האָט געליטן אינעם לייב,
אַזוי זאָלט איר זיך אויך באַוואָפּענען מיט דער
זעלביקער מחשבה; ווייל דער, וואָס האָט געליטן
2 אינעם לייב, האָט אויפגעהערט מיט זינד; כדי נישט
מער צו לעבן לויט די תאוות פון מענטשן, נאָר
לויט ג־טס רצון די נאָך איבערגעבליבענע צייט
3 אינעם גוף. וואָרום עס איז גענוג, אַז אין דער פאַר־
גאַנגענער צייט האָבן מיר געהאַנדלט לויטן ווילן
פון די גוים, וואַנדלענדיק אין פאַרשייטקייט, תאוות,
זויפן וויין, הוליאַנקעס, שכרות און אין פאַר־
4 ברעכערישע עבודה־זרות; אין וועלכע זיי וואונדערן
זיך, וואָס איר לויפט מער נישט צוזאַמען מיט זיי
אין דער זעלביקער אויסגעלאַסענער פרעסעריי,
5 און זיי לעסטערן; זיי וועלן אָפּגעבן אַ חשבון צו אים,
וועלכער איז גרייט צו משפטן די לעבעדיקע און
6 די טויטע. וואָרום דערפאַר איז די גוטע בשורה
אָנגעזאָגט געוואָרן אויך צו די מתים, כדי זיי זאָלן
געמשפט ווערן אינעם לייב ווי מענטשן, זאָלן אָבער
לעבן אינעם גייסט לויט ג־ט.
7 אָבער דער קץ פון אַלעם האָט זיך דער־
נענטערט; זייט דעריבער פאַרנונפטיק און ניכטערן
8 צו תפילות; קודם כל זאָלט איר האָבן אַ שטאַרקע
ליבשאַפט איינער פאַר דעם אַנדערן; ווייל ליבע
9 פאַרדעקט אַ מאַסע זינד; (משלי י׳, יב׳.) זייט גאַסט־
10 פריינטלעך איינער צום אַנדערן אָן געמורמל; דינט

איינער דעם אַנדערן, לויט דער מתנה, וואָס
יעדערער האָט באַקומען, ווי גוטע פאַרוואַלטער פון
11 ג־טס פאַרשיידנאַרטיקן חסד; אויב עמיצער רעדט,
(זאָל ער רעדן) ווי ג־טס רייד; אויב איינער
באַדינט, (זאָל ער עס טון) ווי אויס דער קראַפט,
וועלכע ג־ט גיט; כדי אין אַלעם זאָל ג־ט פאַרהער־
לעכט ווערן דורך ישוע המשיחן, וועמען עס געהערט
כבוד און מאַכט לעלמי עולמים. אמן.
12 געליבטע, וואונדערט זיך נישט איבער דעם
קאַלכאַויוון, וואָס איז געקומען, ווי אַ נסיון אויף
אייך, גלייך ווי אַ פרעמדע זאַך וואָלט אייך געטראָפן;
13 נאָר לויט ווי איר זענט אָנטיילנעמער אין די ליידן
פון דעם משיח, זאָלט איר זיך פרייען; כדי אין
דער אַנטפּלעקונג פון זיין כבוד זאָלט איר זיך
14 פרייען און משמח זיין. אויב איר ווערט געזידלט
צוליב דעם נאָמען פונם משיח, איז וואויל אייך;
ווייל דער (גייסט) פון כבוד און דער גייסט פון
15 ג־ט רוט אויף אייך. נאָר זאָל קיינער פון אייך
נישט ליידן ווי אַ רוצח, אָדער גנב, אָדער רשע,
אָדער ווי איינער, וואָס מישט זיך אַריין אין יענעמס
16 געשעפטן; אויב אָבער (עמיצער ליידט) אַלס אַ
משיחי, זאָל ער זיך נישט שעמען; נאָר אָפּגעבן
17 כבוד צו ג־ט אין דעם דאָזיקן נאָמען. ווייל
עס איז שוין צייט, אַז דאָס משפט זאָל זיך אָנהויבן
פון ג־טס הויז; און אויב פון אונז קודם כל, וואָס
וועט שוין זיין דער סוף פון די ווידערשפעניקע צו
18 ג־טס בשורה טובה? און אויב דער צדיק ווערט
קוים געראַטעוועט, וואו וועט דער רשע און חוטא
19 אַהינקומען? דערפאַר זאָלן אויך די, וועלכע ליידן
לויט ג־טס ווילן, פאַרטרויען זייערע נשמות צום
געטרייען באַשעפער, טוענדיק גוטס.

## קאַפּיטל פינף

1 די זקנים דעריבּער צווישן אייך בּין איך מזהיר,
וואָס איך בּין אויך אַ זקן און אַן עדות פון דעם
משיחס ליידן, ווי אויך אַן אָנטיילנעמער אין דעם
2 כבוד, וואָס דאַרף אַנטפּלעקט ווערן: פּאַשעט
גאָטס סטאַדע, וואָס איז בּיי אייך, געבּנדיק
השגחה, נישט געצוואונגענערהייט, נאָר אויס גוטן
ווילן, לויט (דעם רצון פון) ג־ט; און נישט צוליבּ
3 שענדלעכע פאַרדינסטן, נאָר מיט מונטערקייט; און
אויך נישט ווי איר וואָלט געהערשט איבּער די
ירושות, נאָר ווערט פאָרבּילדער פאַר דער סטאַדע.
4 און ווען דער הויפּט־פּאַסטוך וועט דערשיינען,
וועט איר בּאַקומען די קרוין פון כבוד, וואָס פאַר־
5 וועלקט נישט. פּונקט אַזוי, איר יונגערע, אונ־
טערטעניקט זיך צו די זקנים, און אַלע זאָלט איר
זיך אָנקליידן מיט עניוותדיקייט איינער לגבּי דעם
אַנדערן; ווייל ג־ט שטעלט זיך אַקייגן די שטאָלצע,
6 די נידריקע אָבּער גיט ער חן. (משלי ג, לד.) דער־
נידעריקט זיך דעריבּער אונטער ג־טס מעכטיקער
האַנט, כדי ער זאָל אייך דערהייכן אין דער געהע־
7 ריקער צייט! וואַרפט אַלע אייערע דאגות אויף אים,
8 ווייל ער זאָרגט פאַר אייערטוועגן. זייט ניכטער,
זייט וואַכזאַם; אייער שונא, דער שטן, גייט אַרום
ווי אַ בּרומענדיקער לייבּ, זוכנדיק וועמען איינצו־
9 שלינגען; שטעלט זיך אים אַנטקייגן, פעסט אין
דער אמונה, און זייט וויסן, אַז די זעלבּיקע עינוים
ווערן דערפילט אין אייערע בּרידער אין דער
10 וועלט. און דער ג־ט פון יעדן חסד, וועלכער האָט
אייך גערופן צו זיין אייבּיקן כבוד אינם משיח,

גאָך דעם ווי איר האָט געליטן אַביסל, ער אַליין
וועט אייך מאַכן שלימותדיק, שטאַרקן, קרעפטיקן,
11 גרונטפעסטיקן· צו אים זאָל זיין די הערשאַפט
לעלמי עולמים· אמן·

12 דורך סילוואַנוסן, דעם געטרייען ברודער, אַזוי
רעכן איך, האָב איך אייך קורץ געשריבן, אייך
מזהיר צו זיין און עדות־צו־זאָגן, אַז דאָס איז
דער וואָרהאַפטיקער חסד פון ג־ט, אין וועלכן איר
13 שטייט· עס גיט אייך אָפּ שלום די מיטאויסדערוויילט־
14 טע קהלה אין בבל און מאַרקוס דער זון מיינער· גיט
אָפּ שלום איינער דעם אַנדערן מיט אַ קוש פון ליבע·

שלום צו אייך אַלעמען, וועלכע זענען אינם משיח·
אמן·

# דער צווייטער בריוו פון דעם שליח פעטרוס

1 שמעון פעטרוס, אַ קנעכט און שליח פון ישוע
המשיחן, צו די, וועלכע האָבן מקבל געווען
די זעלביקע טייערע אמונה, ווי מיר, אין דער
צדקות פון אונזער ג-ט און פון דעם גואל
2 ישוע המשיח: חסד צו אייך און שלום זאָל זיך פיל
פאַרמערן אין דער דערקענטעניש פון ג-ט און
3 פון אונזער האַר ישוע; ווייל זיין געטלעכע קראַפט
האָט אונז געשאָנקען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום
לעבן און צו יראת שמים, דורך דער דערקענטעניש
פון דעם, וועלכער האָט אונז גערופן דורך זיין
4 אייגענעם כבוד און טוגנט; דורך וועלכע ער
האָט אונז געשענקט די טייערסטע און גרעסטע
הבטחות; כדי דורך די דאָזיקע זאָלט איר ווערן
אָנטיילנעמער אין דער געטלעכער נאַטור, אַנטרי־
נענדיק פון דער פאַרדאַרבונג, וואָס איז אין דער
5 וועלט דורך תאווה· און צוליב דעם זעלביקן טאַקע,
אָנווענדנדיק יעדן פלייס, זאָלט איר צולייגן אין
דער אמונה אייערער די טוגנט; און צו דער טוגנט
6 דאָס וויסן; און צום וויסן די איינגעהאַלטנקייט;
און צו דער איינגעהאַלטנקייט די סבלנות; און
7 צו סבלנות יראת־שמים; און צו יראת־שמים די
ברידערלעכקייט; און צו דער ברידערלעכקייט די
8 ליבע· וואָרום ווען די דאָזיקע זאַכן זענען פאַראַן
ביי אייך און פאַרמערן זיך, לאָזן זיי אייך נישט
ווערן פויל און נישט אומפרוכטבאַר אין דער דער־
קענטעניש פון דעם האַר אונזערן ישוע המשיח·
9 וואָרום דער, וועמען עס פעלן די דאָזיקע (מידות

טובות), איז בלינד, קורצזיכטיק, און האָט פאַר־
געסן די רייניקונג פון זיינע אַלטע חטאים.
10 דערפאַר, ברידער, פלייסיקט זיך נאָך מער פעסט
צו מאַכן אייער רוף און אויסדערוויילונג; וואָרום
אויב איר וועט דאָס טון, וועט איר קיינמאָל נישט
11 שטרויכלען; וואָרום אָט אַזוי וועט אייך רייכלעך
געגעבן ווערן דער אַריינגאַנג אין דעם אייביקן
מלכות פון אונזער האַר און גואל ישוע המשיח.
12 דערפאַר וועל איך תמיד זיין גרייט אייך צו דער־
מאָנען וועגן די דאָזיקע זאַכן, הגם איר קענט זיי און
זענט געגרונטפעסטיקט אין דעם אמת, וועלכער איז
13 ביי (אייך). און איך האַלט עס פאַר רעכט, כל־זמן איך
בין אין דעם דאָזיקן געצעלט, אייך צו דערוועקן מיט
14 אַ דערינערונג; ווייל איך ווייס, אַז אין גיכן וועל
איך אָפּלייגן מיין געצעלט, ווי אויך אונזער האַר
15 ישוע המשיח האָט עס מיר קלאָר געמאַכט. און איך
וועל מיך פלייסיק באַמיען, אַז נאָך מיין פטירה
זאָלט איר זיין אימשטאַנד צו געדענקען די דאָזיקע
16 זאַכן צו יעדער צייט. וואָרום מיר האָבן נישט
נאָכגעפאָלגט קיין אויסגעקליגלטע לעגענדעס, ווען
מיר האָבן אייך באַקאַנט געמאַכט די גבורה פון
אונזער האַר ישוע המשיח און זיין קומען, נאָר מיר
זענען געווען עדות, וואָס האָבן געזען מיט די
17 אייגענע אויגן זיין כבוד. וואָרום ער האָט
באַקומען פון ג־ט דעם פאָטער כבוד און הערלעכ־
קייט, ווען אַזאַ קול איז אַראָפּגעקומען צו אים פון
דער מאַיעסטעטישער הערלעכקייט: דער דאָזיקער
איז מיין געליבטער זון, אין וועמען איך האָב אַ
18 וואוילגעפעלן; און מיר האָבן געהערט דאָס דאָזיקע
קול קומען פון הימל, בשעת מיר זענען געווען מיט
19 אים אויף דעם הייליקן באַרג. און פעסטער איז

דאָס נבואהשע וואָרט, וואָס מיר האָבן; און איר
וועט טון גוט, האַלטנדיק זיך דערצו, ווי צו אַ ליכט,
וואָס שיינט אויף אַ טונקל אָרט, ביז עס וועט נישט
אייַנברעכן דער טאָג און דער מאָרגנשטערן וועט
20 אויפגיין אין אייַערע הערצער; וויסנדיק דאָס דאָזיקע
קודם כל, אַז קיין נבואה פון די כתבי (הקודש)
21 קען נישט האָבן קיין פריוואַטן פירוש. וואָרום
קיינמאָל איז נאָך נישט געברענגט געוואָרן קיין
נבואה פון אַ מענטשנס ווילן; נאָר געטריבן פון
רוח הקודש, האָבן מענטשן גערעדט פון ג־ט.
(שמואל ב כג, ג.)

## קאַפיטל צוויי

1 עס זענען אָבער אויך געווען פאַלשע נביאים צווישן
דעם פאָלק, ווי עס וועלן אויך זיין צווישן אייך
פאַלשע מלמדים, וועלכע וועלן בשתיקה אַרייַנפירן
פאַרדאַרבלעכע כתות, און פאַרלייקענען דעם
האַר, וואָס האָט זיי אָפגעקויפט, און ברענגען
2 אויף זיך אַ גיכע פאַרדאַרבונג. און אַ סך
וועלן נאָכפאָלגן זייערע אויסגעלאַסנקייטן, דורך
וועלכע דער וועג פון אמת וועט ווערן געלעסטערט.
3 און אויס געלטגיריקייט וועלן זיי אייך פאַרקויפן
מיט באַטריגערישע רייד; דאָס משפט אויף זיי פון
לאַנג אָן זוימט זיך נישט און די פאַרדאַרבונג זייערע
4 דרימלט נישט. וואָרום אויב ג־ט האָט נישט געשוינט
די מלאכים, וועלכע האָבן געזינדיקט, נאָר האָט זיי
איבערגעגעבן אין היילן פון חשכה אין דער אונ־
5 טערוועלט, אָפגעהיטן צו ווערן צום משפט; און ווען
ער האָט נישט פאַרשוינט די אַלטע וועלט, נאָר
האָט באַהיט נוחן, אַ מבשר פון גערעכטיקייט,
מיט זיבן אַנדערע, בשעת ער האָט אַראָפגעשיקט

6 דאָס מבול אויף אַ וועלט פון רשעים; און מאַכנדיק
צו אַש די שטעט סדום און עמורה, האָט ער זיי
געמשפּט מיט אַן איבערקערונג, זעצנדיק זיי אַלס
7 אַ ביישפּיל פאַר רשעים להבא; און האָט מציל
געווען דעם צדיק לוט, וועלכער איז געקוועלט
געוואָרן דורך דער פאַרשייטער אויפפירונג פון די
8 שענדלעכע מענטשן;—וואָרום ער, דער צדיק,
וואוינענדיק צווישן זיי, האָט געפּלאָגט זיין גערעכט
נפש מיט וואָס ער האָט געזען און געהערט טאָג
9 אויס טאָג איין פון זייערע בייזע מעשים—אַזוי
ווייסט דער האר מציל צו זיין די גאָטספאָרכטיקע
פון אַ נסיון, רשעים אָבער צו באַהאַלטן צו באַ־
10 שטראָפונג אינם יום הדין; און איבערהויפּט די,
וועלכע גייען נאָך שמוציקע תאוות פון דעם פלייש,
און פאַראַכטן אויבערהערשאַפט; עזות פּנימער,
פרעכע, זיי ציטערן נישט צו לעסטערן מאַכטן;
11 וואָס מלאכים, גרעסער ווי זיי אין כח און גבורה,
ברענגען נישט קיין לעסטערנדיק משפט קעגן זיי
12 פאַר דעם האר. זיי אָבער, ווי אומפאַרשטאַנדיקע
חיות, בטבע געבוירן דערצו, געפאַנגען און אומגע־
ברענגט צו ווערן, לעסטערן דאָס, וואָס זיי פאַר־
שטייען נישט, זיי וועלן אומקומען אין זייער פאַר־
13 דאָרבנקייט, ליידנדיק דעם שכר פון אומגערעכ־
טיקייט; (זיי), וואָס האַלטן עס פאַר אַ תענוג זיך
צו לאָזן וואוילגיין בייטאָג, (זענען) פלעקן און
פעלערן, שכורן זיך אָן מיט זייערע פאַרפירעריש־
14 קייטן, עסנדיק (און טרינקענדיק) מיט אייך;
האָבן אויגן פול מיט זנות און נישט געזעטיקטע
פון זינד; לאָקן צו זיך נישט געפעסטיקטע נפשות;
האָבן אַן אויסגעאיבט האַרץ צו געלטגייציקייט;
15 זענען קינדער פון אַ קללה; פאַרלאָזנדיק דעם דרך

הישר, האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט, און נאָכגעפאָלגט
אין דעם וועג פון בלעם בן בעור, וואָס האָט ליב
16 געהאַט דעם שכר פון אומגערעכטיקייט; ער האָט
אָבער געהאַט אַ שטראָף פאַר זיין אייגענעם חטא;
אַ שטומע בהמה אין געשפּאַן, רעדנדיק מיט אַ
מענטשלעך קול, האָט פאַרווערט דאָס משוגעת פון
17 דעם נביא. די דאָזיקע זענען ברונימער אָן וואַסער,
און וואָלקנדלעך געטריבן פון אַ שטורמווינט; פאַר
זיי איז אָנגעגרייט די טונקלקייט פון דעם חושך.
18 וואָרום רעדנדיק שטאָלצע רייד אָן אַ זין, לאָקן זיי
מיט די תאוות פון דעם לייב דורך פאַרשייטקייט
די יעניקע, וואָס זענען קוים אַנטרונען פון די, וועלכע
19 וואַנדלען אַרום אין בלאָנדזשעניש; בשעת זיי זענען
זיי מבטיח פרייהייט, זענען זיי אַליין קנעכט פון
פאַרדאַרבונג; וואָרום פון וועמען איינער ווערט
בייגעקומען, צו דעם ווערט ער אויך פאַרשקלאַפט.
20 וואָרום אויב נאָך דעם ווי זיי זענען אַנטרונען פון
די באַפלעקונגען פון דער וועלט דורך דער דערקענ־
טעניש פון אונזער האַר און גואל ישוע המשיח,
זענען זיי ווידער פאַרוויקלט אין די דאָזיקע
און זענען בייגעקומען געוואָרן, איז זייער סוף
21 ערגער ווי דער אָנהויב. וואָרום עס וואָלט געווען
בעסער פאַר זיי ניט צו האָבן דערקענט דעם וועג
פון גערעכטיקייט, ווי, נאָכן דערקענען, זיך אומצו־
קערן פון דעם הייליקן געבאָט, וואָס איז איבער־
22 געגעבן געוואָרן צו זיי. ביי זיי האָט זיך באַשטעטיקט
דאָס וואָרהאַפטיקע שפּריכוואָרט: אַ הונט האָט זיך
אומגעקערט צו דעם, וואָס ער האָט אויסגעבראָכן,
און אַן אָפּגעוואַשן חזיר זיך צו וואַלגערן אין בלאָטע!
(משלי כו, יא.)

## קאַפּיטל דריי

1 דאָס דאָזיקע, געליבטע, איז שוין דער צווייטער
בריוו, וואָס איך שרייב אייך; אין וועלכע איך
דערוועק דורך אַ דערינערונג אייער לויטערן פאַר־
2 שטאַנד; צו געדענקען די ווערטער, וואָס די הייליקע
נביאים האָבן פריער גערעדט, און דאָס געבאָט פון
אונזער האַר און רעטער דורך די שליחים אייערע;
3 דאָס דאָזיקע זאָלט איר וויסן, קודם כל, אַז אין די
לעצטע טעג וועלן קומען אָפּשפּעטער מיט שפּאָט,
וואַנדלענדיק לויט זייערע אייגענע גלוסטונגען,
4 און וועלן זאָגן: וואו איז די הבטחה פון זיין קומען?
וואָרום זינט די אבות זענען איינגעשלאָפן, בלייבט
5 אַלץ ווי ביים אָנהויב פון דער באַשאַפונג! וואָרום
בכיוון פאַרגעסן זיי דאָס דאָזיקע, אַז שוין פאַרצייטנס
זענען געווען הימלען, און אַז אַן ערד איז אַנט־
שטאַנען אויס וואַסער און דורך וואַסער, דורך ג־טס
6 וואָרט; דורך וועלכע די דעמלטיקע וועלט איז
7 אונטערגעגאַנגען אין אַ וואַסער פון מבול; די
איצטיקע הימלען אָבער און די ערד ווערן אויפ־
באַוואָרט דורך דעם זעלביקן וואָרט און ווערן
באַהאַלטן פאַר דעם פייער צום יום הדין און דעם
אונטערגאַנג פון מענטשן רשעים.

8 פאַרגעסט אָבער נישט אין דעם דאָזיקן, געליבטע,
אַז איין טאָג ביים האַר איז ווי טויזנט יאָר, און
9 טויזנט יאָר ווי איין טאָג. דער האַר זוימט זיך נישט
מיט דער הבטחה, ווי אייניקע האַלטן עס פאַר אַ
פאַרזוימונג; נאָר ער איז געדולדיק צו אייך, ווייל
ער וויל נישט עמיצער זאָל פאַרלוירן ווערן, נאָר
10 אַז אַלע זאָלן קומען צו תשובה. דער טאָג פון דעם
האַר וועט אָבער קומען ווי אַ גנב; אין דעם זעלביקן

טאָג וועלן די הימלען פאַרגיין מיט אַ רעש, און די
יסודות וועלן זיך צעשמעלצן פון היץ, און די ערד
און די מעשים אויף איר וועלן פאַרברענט ווערן.
11 אַזוי ווי אַלע די דאָזיקע זאַכן וועלן צעגיין אויף
אַזאַ אופן, הייַנט וואָס פאַר אַ (מענטשן) דאַרפט איר
שוין זיין אין אַ הייליקן וואַנדל און אין יראת־שמים,
12 דערוואַרטנדיק און צוואַיילנדיק דאָס קומען פון
גאָטס טאָג, דורך וועלכן די הימלען וועלן פאַרברענט
ווערן און צעגיין, און די יסודות וועלן צעשמאָלצן
13 ווערן פון היץ! לויט זיין הבטחה אָבער דערוואַרטן
מיר אַ בייעם הימל און אַ בייע ערד, אין וועלכע
גערעכטיקייט וואוינט. (ישעיהו סה, יז־כה.)
14 דערפאַר, געליבטע, ווייל איר דערוואַרט די
דאָזיקע זאַכן, זאָלט איר זיך פלייסן געפונען צו
ווערן אין שלום, אָן אַ פלעק און אָן אַ מום פאַר
15 אים. און רעכנט די געדולד פון אונזער האַר ווי אַ
ישועה; לויט ווי אונזער געליבטער ברודער פוילוס
האָט אייך געשריבן, לויט דער חכמה, וואָס איז
16 אים געגעבן געוואָרן, ווי אויך אין אַלע בריוו, ווען
ער רעדט אין זיי דערפון; אין וועלכע עס זענען
פאַראַן אייניקע שווערפאַרשטענדלעכע זאַכן, וואָס
די אומגעלערנטע און אומבאַפעסטיקטע פאַר־
דרייען, ווי אויך די איבעריקע כתבי (הקודש), צו
17 זייער אייגענער פאַרדאַרבונג. און איר, געליב־
טע, וויסנדיק עס פאָרויס, זאָלט זיך אָפּהיטן,
כדי איר זאָלט נישט מיטגעריסן ווערן דורך דער
פאַרפירונג פון בייזע לייט, און נישט אַוועקפאַלן
18 פון אייער אייגענעם פעסטן שטאַנד. נאָר וואַקסט
אין דעם חסד און דערקענטעניש פון אונזער האַר
און גואל ישוע המשיח. כבוד צו אים סײַ איצט
סײַ אין דעם טאָג פון אייביקייט. אמן.

# דער ערשטער בריוו פון דעם
# שליח יוחנן

1 דאָס, וואָס איז געווען פונם אָנהייב אָן, וואָס מיר
האָבן געהערט, וואָס מיר האָבן געזעען מיט
אונזערע אויגן, וואָס מיר האָבן באַטראַכט און
אונזערע הענט האָבן אָנגערירט, וועגן דעם וואָרט
2 פון לעבן—און דאָס לעבן איז אַנטפלעקט געוואָרן,
און מיר האָבן געזעען און זאָגן־עדות און זאָגן אייך
אָן דאָס אייביקע לעבן, וואָס איז געווען ביי
3 דעם פאָטער און האָט זיך באַוויזן צו אונז—וואָס
מיר האָבן געזעען און געהערט, דאָס זאָגן מיר אייך
אָן, כדי אויך איר זאָלט האָבן חברותאשאַפט מיט
אונז; און אונזער חברותאשאַפט איז מיט דעם פאָטער
4 און מיט זיין זון ישוע המשיח; און דאָס שרייבן
מיר, כדי אונזער שמחה זאָל ווערן פול.

5 און דאָס דאָזיקע איז די שמועה, וואָס מיר האָבן
געהערט פון אים און זאָגן אייך אָן, אַז ג־ט איז
ליכט, און קיין שום חושך איז אין אים נישט פאַראַן.
6 ווען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן חברותאשאַפט מיט אים,
און וואַנדלען אין דער פינסטערניש, זאָגן מיר
7 ליגנט, און טון נישט דעם אמת; ווען אָבער מיר
וואַנדלען אין דעם ליכט, ווי ער איז אין דעם ליכט,
האָבן מיר חברותאשאַפט איינער מיט דעם אַנדערן,
און דאָס בלוט פון ישוע, זיין זון, לייטערט אונז
8 פון יעדן חטא. ווען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן נישט
קיין חטא, באַטריגן מיר זיך אַליין, און דער אמת
9 איז נישט אין אונז. ווען מיר זעגען זיך מתוודה
אויף אונזערע זינד, איז ער געטריי און גערעכט

אַז ער זאָל אונז מוחל זיין די זינד און אונז לייטערן
10 פון יעדער אומגערעכטיקייט· (משלי כח׳ יג׳) ווען מיר
זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געזינדיקט, מאַכן מיר אים
פאַר אַ ליגנער, און זיין וואָרט איז נישט אין אונז·

## קאַפּיטל צוויי

1 קינדער מיינע, דאָס שרייב איך אייך, כדי איר
זאָלט נישט זינדיקן· און ווען עמיצער
זינדיקט יאָ, האָבן מיר אַ מליץ (יושר) ביי דעם
2 פאָטער, ישוע המשיחן, דעם צדיק; און ער איז
דאָס (קרבן) כפרה פאַר אונזערע זינד, און נישט נאָר
פאַר אונזערע אַליין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער
3 וועלט· און דורך דעם ווייסן מיר, אַז מיר
4 קענען אים: ווען מיר היטן אָפּ זיינע געבאָטן· ווער
עס זאָגט: איך קען אים, און היט נישט אָפּ זיינע
געבאָטן, דער איז אַ ליגנער, און דער אמת איז
5 נישט אין אים; ווער אָבער עס היט יאָ אָפּ זיין וואָרט,
ווערט ג־טס ליבע באמת פאַרפאָלקאָמט אין אים·
דורך דעם ווייסן מיר, אַז מיר זענען אין אים:
6 ווער עס זאָגט, אַז ער בלייבט אין אים, דער איז
מחויב צו וואַנדלען אַזוי, ווי ער האָט געוואַנדלט·
7 געליבטע, איך שרייב אייך נישט קיין ניי געבאָט,
נאָר אַן אַלט געבאָט, וואָס איר האָט געהאַט פון
אָנהויב אָן; דאָס אַלטע געבאָט איז דאָס וואָרט, וואָס
8 איר האָט געהערט· ווידער שרייב איך אייך אַ ניי
געבאָט, וואָס איז אמת אין אים און אין אייך; ווייל
די פינסטערניש פאַרגייט, און דאָס וואָרהאַפטיקע
9 ליכט שיינט שוין· ווער עס זאָגט, אַז ער איז אין
דעם ליכט, און האָט פיינט דעם ברודער זיינעם,
10 דער איז (נאָך) אין דער פינסטערניש ביז איצט· ווער

עס האָט ליב זיין ברודער, דער בלייבט אין דעם
ליכט, און קיין מכשול איז אין אים נישט פאַראַן.
11 ווער אָבער עס האַסט זיין ברודער, דער איז אין
דער פינסטערניש, און וואַנדלט אין דער פינ־
סטערניש, און ווייסט נישט וואו אַהין ער גייט, ווייל
די פינסטערניש האָט אים פאַרבלענדט די אויגן.
12 איך שרייב צו אייך, קינדער, ווייל די זינד זענען
13 אייך פאַרגעבן געוואָרן צוליב זיין נאָמען. איך
שרייב צו אייך, יונגעלייט, ווייל איר האָט גובר
געווען דעם בייזן (שטן). איך האָב געשריבן צו
14 אייך, קינדער, ווייל איר קענט דעם פאָטער. איך
האָב געשריבן צו אייך, פאָטערס, ווייל איר קענט
אים, וועלכער איז פון אָנהויב אָן. איך האָב גע־
שריבן צו אייך, יונגעלייט, ווייל איר זענט שטאַרק,
און ג־טס וואָרט פאַרבלייבט אין אייך, און איר האָט
15 גובר געווען דעם בייזן (שטן). האָט נישט ליב די
וועלט, אויך נישט די זאַכן, וואָס זענען אין דער וועלט.
אויב איינער האָט ליב די וועלט, איז דעם פאָטערס
16 ליבע נישט אין אים. ווייל אַלץ, וואָס געפינט זיך אין
דער וועלט, די גלוסטיקייט פון דעם פלייש און די
תאווה פון די אויגן און דער שטאָלץ פון לעבן, איז
נישט פון דעם פאָטער, נאָר פון דער וועלט. און די
17 וועלט פאַרגייט און די גלוסטיקייט דערפון; ווער אָבער
עס טוט ג־טס רצון, דער האָט אַ קיום אויף אייביק.
18 קינדער, עס איז די לעצטע שעה; און ווי איר
האָט געהערט, אַז דער אַנטי־משיח קומט, אַזוי
זענען איצט פאַראַן אַ סך קעגנער פונם משיח;
דערפאַר ווייסן מיר, אַז עס איז די לעצטע שעה.
19 פון אונז זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, נאָר זיי זענען
נישט געווען פון אונז; וואָרום אויב זיי וואָלטן
געווען פון אונז, וואָלטן זיי געבליבן מיט אונז;

נאָר (זיי זענען אַרויסגעגאַנגען) כּדי זיי זאָלן
באַקאַנט ווערן, אַז זיי אַלע זענען נישט פֿון אונז׃
20 און איר האָט אַ זאַלבונג פֿון דעם קדוש, און איר
21 אַלע ווייסט עס׃ איך האָב אײַך נישט געשריבן,
ווייל איר קענט נישט דעם אמת, נאָר ווייל איר
קענט אים, און ווייל (איר ווייסט, אַז) קיין שקר איז
22 נישט אויס דעם אמת׃ ווער איז דער ליגנער, אויב
נישט דער, וועלכער לייקנט אָפּ, אַז ישוע איז דער
משיח? דער דאָזיקער איז דער אַנטי־משיח, וועלכער
23 פֿאַרלייקנט דעם פֿאָטער און דעם זון׃ יעדער,
וועלכער פֿאַרלייקנט דעם זון, האָט אויך נישט
דעם פֿאָטער; ווער עס באַקענט דעם זון, דער האָט
24 דעם פֿאָטער אויך׃ זאָל בלייבן אין אײַך דאָס, וואָס
איר האָט געהערט פֿון אָנהייב אָן׃ אויב עס וועט
בלייבן אין אײַך דאָס, וואָס איר האָט געהערט פֿון
אָנהייב אָן, וועט איר אויך בלייבן אין דעם זון און
25 אין דעם פֿאָטער׃ און דאָס דאָזיקע איז די הבטחה,
וועלכע ער האָט אונדז צוגעזאָגט׃ דאָס אייביקע
26 לעבן׃ דאָס האָבן איך אײַך געשריבן וועגן די,
27 וואָס פֿאַרפֿירן אײַך׃ און איר, די זאַלבונג, וואָס
איר האָט באַקומען פֿון אים, בלייבט אין אײַך, און
איר דאַרפֿט נישט, אַז עמיצער זאָל אײַך לערנען;
נאָר ווי זײַן זאַלבונג לערנט אײַך וועגן אַלעם,
און איז וואָרהאַפֿטיק, און נישט קיין שקר, און
ווי זי האָט אײַך געלערנט, אַזוי זאָלט איר בלייבן
28 אין אים׃ און איצט, קינדער, בלייבט אין אים;
כּדי ווען ער וועט נתגלה ווערן, זאָלן מיר האָבן
אַ פּתחון פּה, און זיך נישט דאַרפֿן שעמען פֿאַר אים
29 בײַ זײַן אָנקומען׃ אויב איר ווייסט, אַז ער איז
גערעכט, זאָלט איר וויסן, אַז אַפֿילו יעדער איינער,
וואָס טוט עוסק זײַן אין צדקות איז געבוירן פֿון אים׃

## קאַפּיטל דריי

1 זעט וואָס פאַר אַ ליבע דער פאָטער האָט אונז
געשענקט, אַז מיר זאָלן גערופן ווערן ג־טס
קינדער; און מיר זענען עס. דערפאַר קען אונז די
וועלט נישט, ווייל זי האָט אים נישט געקענט.
2 געליבטע, איצט זענען מיר ג־טס קינדער, און עס
איז נאָך נישט אַנטפּלעקט געוואָרן, וואָס מיר וועלן
זיין. מיר ווייסן אָבער, אַז ווען ער וועט נתגלה ווערן,
וועלן מיר זיין גלייך צו אים; ווייל מיר וועלן אים
3 זען אַזוי, ווי ער איז. און יעדער איינער, וועלכער
האָט די דאָזיקע האָפענונג אויף אים, לייטערט זיך
4 אַזוי, ווי ער איז לויטער. יעדער איינער, וועלכער
טוט זינד, איז עובר די תורה; און זינד איז דאָס
5 עובר־זיין אויף דער תורה. און איר ווייסט, אַז ער
איז אַנטפּלעקט געוואָרן, כדי ער זאָל אַוועקנעמען
אונזערע זינד; און אין אים איז נישטאָ קיין חטא.
6 יעדער איינער, וועלכער בלייבט אין אים, זינדיקט
נישט; ווער עס זינדיקט, דער האָט אים נישט געזען,
7 און אים נישט געקענט. קינדער, זאָל אייך קיינער
נישט פאַרפירן; ווער עס טוט עוסק זיין אין צדקות,
8 דער איז אַ צדיק, ווי ער איז אַ צדיק; ווער עס
טוט זינד, דער איז פון דעם שטן; ווייל דער שטן
זינדיקט פון אָנהויב אָן. דערצו איז דער בן
אלקים אַנטפּלעקט געוואָרן, כדי ער זאָל צעשטערן
9 די מעשים פון דעם שטן. יעדער איינער, וועלכער
איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט, טוט נישט קיין זינד,
ווייל זיין זאָמען בלייבט אין אים; און ער קען נישט
זינדיקן, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט.
10 דורך דעם דאָזיקן ווערן אַנטפּלעקט די קינדער פון

ג־ט, און די קינדער פון דעם שטן: יעדער איינער,
וועלכער טוט נישט עוסק זיין אין צדקות, איז נישט
פון ג־ט, און דער, וואָס האָט נישט ליב זיין ברודער·
11 ווייל דאָס דאָזיקע איז די שמועה, וועלכע איר האָט
געהערט פון אָנהויב אָן: אַז מיר זאָלן ליב האָבן
12 איינער דעם אַנדערן; נישט ווי קין, וועלכער איז
געווען פון דעם בייזן און האָט געהרגעט זיין ברודער·
און פאַרוואָס האָט ער אים געהרגעט? ווייל זיינע
מעשים זענען געווען בייז, זיין ברודערס (מעשים)
אָבער זענען געווען גערעכט· (בראשית ד׳ ד־ח·)
13 וואונדערט זיך נישט, ברידער, אויב די וועלט
14 האָט אייך פיינט· מיר ווייסן אַז מיר זענען אַריבער־
געגאַנגען פון טויט צום לעבן, ווייל מיר האָבן
ליב די ברידער· ווער עס האָט נישט ליב, דער
15 פאַרבלייבט אין דעם טויט· יעדער איינער, וועלכער
האַסט דעם ברודער זיינעם, איז אַ רוצח; און איר
ווייסט, אַז קיין מענטשנמערדער האָט נישט דאָס
16 אייביקע לעבן בלייבנד אין אים· דורך דעם דאָזיקן
האָבן מיר דערקענט די ליבע: ווייל ער האָט אַנידער־
געלייגט זיין לעבן פאַר אונזערטוועגן; און מיר
זענען אויך מחויב אַנידערצולייגן אונזערע לעבנס
17 פאַר די ברידער· ווער אָבער עס האָט נכסים אין
דער וועלט, און זעט זיין ברודער האָבן נויט, און
פאַרשליסט זיין האַרץ קעגן אים, וויאַזוי זשע בלייבט
18 ג־טס ליבע אין אים? קינדער, לאָמיר נישט ליב
האָבן מיט ווערטער, אויך נישט מיט דער צונג,
19 נאָר בפועל ממש און באמת· דורך דעם דאָזיקן
וועלן מיר דערקענען, אַז מיר זענען פון דעם אמת,
20 און וועלן באַרואיקן אונזער האַרץ פאַר אים, אַז
ווען אונזער האַרץ פאַרשולדיקט אונז, איז ג־ט
21 גרעסער ווי אונזער האַרץ, און ווייסט אַלץ· גע־

ליבטע, ווען אונזער האַרץ פאַרשולדיקט אונז נישט,
22 האָבן מיר אַ פּתחון פּה פאַר ג־ט; און וואָס מיר
בעטן, דאָס באַקומען מיר פון אים, ווייל מיר היטן אָפּ
זיינע געבאָטן, און טון דאָס, וואָס איז וואוילגעפעלן
23 פאַר אים. און אָט דאָס דאָזיקע איז זיין געבאָט, אַז
מיר זאָלן גלויבן אין דעם נאָמען פון זיין זון ישוע
המשיח, און ליב האָבן איינער דעם אַנדערן,
24 ווי ער האָט אונז געגעבן אַ געבאָט. און ווער עס
היט זיינע געבאָטן, דער בלייבט אין אים, און ער
אין אים. און דורך דעם דאָזיקן דערקענען מיר,
אַז ער בלייבט אין אונז: דורך דעם גייסט, וועלכן
ער האָט אונז געשענקט.

## קאַפּיטל פיר

1 געליבטע, גלויבט נישט יעדן גייסט, נאָר פּרובירט
אויס די גייסטער, צי זיי זענען פון ג־ט; ווייל
אַ סך פאַלשע נביאים זענען אַרויסגעגאַנגען אין
2 דער וועלט אַריין. דורך דעם דאָזיקן דערקענט
איר ג־טס גייסט: יעדער גייסט, וואָס איז מודה,
אַז ישוע איז געקומען אינם פלייש, איז פון ג־ט;
3 און יעדער גייסט, וואָס באַקענט נישט ישוען, איז
נישט פון ג־ט; און דער דאָזיקער איז דער (גייסט)
פון דעם אַנטי־משיח, וואָס איר האָט געהערט, אַז ער
4 קומט; און איז שוין איצט אין דער וועלט. קינדער,
איר זענט פון ג־ט, און האָט זיי מנצח געווען;
ווייל גרעסער איז דער, וועלכער איז אין אייך,
5 ווי דער, וועלכער איז אין דער וועלט. זיי זענען
פון דער וועלט; צוליב דעם רעדן זיי פון דער וועלט,
6 און די וועלט הערט זיי. מיר זענען פון ג־ט; ווער
עס קען ג־ט, דער הערט אונז; ווער עס איז נישט

פון גאָט, דער הערט אונז נישט· דורך דער דאָזיקער
זאַך דערקענען מיר דעם גייסט פון אמת און דעם
גייסט פון באַטרוג·
7 געליבטע, לאָמיר ליב האָבן איינער דעם אַנדערן;
ווייל די ליבע איז פון ג־ט; און יעדער איינער,
וועלכער האָט ליב, איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט
8 און קען ג־ט· ווער עס האָט נישט ליב, דער האָט
9 נישט דערקענט ג־ט, ווייל ג־ט איז ליבע· דורך
דעם דאָזיקן האָט זיך אַרויסגעוויזן ג־טס ליבע צו
אונז: אַז ג־ט האָט געשיקט זיין בן יחיד אין דער
10 וועלט אַריין, כדי מיר זאָלן לעבן דורך אים· אין
דעם דאָזיקן באַשטייט די ליבע, נישט אַז מיר האָבן
ליב געהאַט ג־ט, נאָר אַז ער האָט אונז ליב געהאַט,
און געשיקט זיין זון אַלס אַ (קרבן) כפרה פאַר
11 אונזערע זינד· געליבטע, אויב ג־ט האָט אונז
אַזוי ליב, זענען מיר אויך מחויב ליב צו האָבן
12 איינער דעם אַנדערן· ג־ט האָט קיינער קיינמאָל
נישט געזען; ווען מיר האָבן ליב איינער דעם
אַנדערן, בלייבט ג־ט צווישן אונז, און זיין ליבע
13 ווערט פאַרפאָלקאָמט אין אונז; דורך דעם דאָזיקן
ווייסן מיר, אַז מיר בלייבן אין אים, און ער אין
14 אונז: ווייל ער האָט אונז געגעבן פון זיין גייסט· און
מיר האָבן געזען און זאָגן עדות, אַז דער פאָטער
האָט געשיקט דעם זון אַלס רעטער פון דער
15 וועלט· ווער עס וועט מודה זיין, אַז ישוע איז דער
בן אלקים, בלייבט ג־ט אין אים, און ער אין ג־ט·
16 און מיר האָבן דערקענט און גלויבן אין דער
ליבע, וואָס ג־ט האָט צו אונז· ג־ט איז ליבע; און
ווער עס בלייבט אין דער ליבע, דער בלייבט אין
17 ג־ט, און ג־ט בלייבט אין אים· דורך דעם דאָזיקן
איז די ליבע פאַרפאָלקאָמט ביי אונז: וואָס

מיר האָבן אַ פּתחון פּה אין דעם יום הדין; ווייל
ווי ער איז, אַזוי זענען מיר אויך אין דער
18 דאָזיקער וועלט· מורא עקזיסטירט נישט אין דער
ליבע; נאָר די פאָלקאָמענע ליבע טרייבט אַרויס
מורא, ווייל מורא האָט (צו טון מיט) עונש; דער
אָבער, וועלכער האָט מורא, ווערט נישט פאַר־
19 פאָלקאָמט אין דער ליבע· מיר האָבן ליב, ווייל ער
20 קודם־כל האָט אונז ליב געהאַט· ווען עמיצער
זאָגט: איך האָב ליב ג־ט, און האָט פיינט
זיין ברודער—איז ער אַ ליגנער; וואָרום ווער עס
האָט נישט ליב זיין ברודער, וועמען ער זעט,
דער קען נישט ליב האָבן ג־ט, וועמען ער
21 זעט נישט· און דאָס דאָזיקע געבאָט האָבן מיר
פון אים: אַז ווער עס האָט ליב ג־ט, דער זאָל אויך
ליב האָבן זיין ברודער·

## קאַפּיטל פינף

5

1 יעדער איינער, וועלכער גלויבט, אַז ישוע איז
דער משיח, דער איז געבוירן פון ג־ט; און יעדער
איינער, וועלכער האָט ליב דעם, וואָס האָט געבוירן,
האָט אויך ליב דעם, וואָס איז געבוירן געוואָרן
2 פון אים· דורך דעם דאָזיקן דערקענען מיר, אַז
מיר האָבן ליב גאָטס קינדער, ווען מיר האָבן ליב
3 ג־ט און טון זיינע געבאָטן· וואָרום דאָס דאָזיקע
איז די ליבע צו ג־ט: אַז מיר זאָלן אָפּהיטן זיינע
געבאָטן; און זיינע געבאָטן זענען נישט שווער·
4 ווייל אַלץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון ג־ט, איז
מנצח די וועלט; און דאָס דאָזיקע איז דער נצחון,
5 וואָס האָט באַזיגט די וועלט: אונזער אמונה· און
ווער איז עס, וועלכער איז מנצח די וועלט, אויב

ניִשט דער, וועלכער גלויבט, אַז ישוע איז דער בן
6 אלקים? ער איז עס, וועלכער איז געקומען דורך
וואַסער און בלוט, ישוע המשיח; ניִשט בלויז מיט
דעם וואַסער אַליין, נאָר מיט דעם וואַסער און מיט
7 דעם בלוט. און עס איז דער גייסט, וואָס זאָגט עדות,
8 ווייל דער גייסט איז דער אמת. ווייל עס זענען
דריי, וועלכע זאָגן עדות: דער גייסט, און דאָס
וואַסער, און דאָס בלוט; און די דריי זענען אייניק.
9 אויב מיר נעמען אָן דאָס עדות־זאָגן פון מענטשן,
אַזוי איז גרעסער דאָס עדות־זאָגן פון ג־ט; ווייל דאָס
דאָזיקע איז דאָס עדות־זאָגן פון ג־ט, וואָס ער האָט
10 עדות־געזאָגט וועגן זיין זון. ווער עס גלויבט אין
דעם בן אלקים, דער האָט דאָס עדות אין זיך
אַליין; ווער עס גלויבט ניִשט ג־ט, דער האָט אים
געמאַכט פאַר אַ ליגנער, ווייל ער האָט ניִשט גע־
גלויבט אין דעם עדות, וואָס ג־ט האָט עדות־געזאָגט
11 וועגן זיין זון. און דאָס דאָזיקע איז דאָס עדות:
אַז ג־ט האָט אונז געגעבן אייביק לעבן; און דאָס
12 דאָזיקע לעבן איז אין דעם זון זיינעם. ווער עס
האָט דעם זון, דער האָט דאָס לעבן; ווער עס האָט
ניִשט דעם בן אלקים, דער האָט ניִשט דאָס לעבן.
13 די דאָזיקע זאַכן האָב איך אייך געשריבן, כדי איר
זאָלט וויסן, אַז איר האָט אייביק לעבן; די, וועלכע
14 גלויבן אין דעם נאָמען פון דעם בן אלקים. און דאָס
איז דער בטחון, וואָס מיר האָבן צו אים: אַז ווען
מיר בעטן עפּעס לויט זיין רצון, הערט ער אונז;
15 און אויב מיר ווייסן, אַז ער הערט אונז, וועגן וואָס
מיר בעטן, ווייסן מיר, אַז מיר האָבן די בקשות,
16 וועלכע מיר האָבן געבעטן פון אים. ווען עמיצער
זעט זיין ברודער זינדיקן אַ חטא, וואָס איז ניִשט
צום טויט, זאָל ער בעטן (פאַר זייבעטוועגן), און

ער (ג־ט) וועט אים געבן לעבן, פאַר די, וועלכע
זינדיקן נישט צום טויט. עס איז פאַראַן אַ זינד
צום טויט; נישט פאַר יענער זאָג איך, אַז ער
17 זאָל בעטן! יעדע עוולה איז אַ חטא; און עס איז
פאַראַן אַ זינד נישט צום טויט.

18 מיר ווייסן, אַז יעדער איינער, וועלכער איז
געבוירן געוואָרן פון ג־ט, זינדיקט נישט; נאָר דער,
וואָס איז געבוירן פון ג־ט, היט זיך אָפּ, און דער
19 נישט־גוטער רירט אים נישט אָן. מיר ווייסן, אַז מיר
זענען פון ג־ט, און די גאַנצע וועלט ליגט אין דער
20 (מאַכט) פונם נישט־גוטן. און מיר ווייסן, אַז דער
בן אלקים איז געקומען און אונז געשענקט אַ פאַר־
שטאַנד, כדי מיר זאָלן דערקענען דעם וואָרהאַפטיקן;
און מיר זענען אין דעם וואָרהאַפטיקן, אין זיין זון
ישוע המשיח. דאָס איז דער וואָרהאַפטיקער ג־ט
21 און דאָס אייביקע לעבן. קינדער, היט זיך אָפּ
פון די אָפּגעטער.

# דער צווייטער בריוו פון דעם
# שליח יוחני

1 דער זקן צו דער אויסדערוויילטער האַרינטע און
צו אירע קינדער, וועלכע איך האָב באמת ליב;
און נישט בלויז איך אַליין, נאָר אויך אַלע, וואָס
2 האָבן דערקענט דעם אמת; צוליב דעם אמת, וואָס
בלייבט אין אונז, און וועט זיין מיט אונז ביז אויף
3 אייביק: חסד, רחמים, שלום, זאָל זיין מיט אונז,
פון ג־ט דעם פאָטער, און פון ישוע המשיחן דעם
זון פון דעם פאָטער, אין וואָרהאַפטיקייט און אין
ליבע.

4 איך האָב מיך זער געפריידט, אַז איך האָב געפונען
(אייניקע) פון דיינע קינדער וואַנדלען אינם אמת,
לויט ווי מיר האָבן באַקומען אַ געבאָט פון דעם
5 פאָטער. און איצט בעט איך דיך, האַרינטע, נישט
ווי איך וואָלט דיר געשריבן אַ ניי געבאָט, נאָר
דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט פון אָנהויב אָן,
6 אַז מיר זאָלן ליב האָבן איינס דאָס אַנדערע. און
דאָס דאָזיקע איז די ליבע: אַז מיר זאָלן וואַנדלען
לויט זיינע געבאָטן. דאָס דאָזיקע איז דאָס געבאָט,
ווי איר האָט געהערט פון אָנהויב אָן, אַז איר זאָלט
7 וואַנדלען דערין. ווייל אַ סך פאַרפירער זענען
אַרויסגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין, וועלכע זענען
נישט מודה, אַז ישוע המשיח איז געקומען אינם
פליישי. דאָס איז דער פאַרפירער און אַנטי־משיח.
8 היט זיך, אַז איר זאָלט נישט פאַרלירן, וואָס
מיר האָבן דערוואָרבן, נאָר נעמט אָפּ אַ פולן
9 שכר. יעדער איינער, וועלכער איז עובר און

בלייבט נישט אין דער לערנונג פון דעם משיח,
האָט נישט ג־ט; ווער עס בלייבט יאָ אין דער לערנונג,
10 דער האָט סײַ דעם פּאָטער סײַ דעם זון. אויב
איינער קומט צו אייך און ברענגט נישט די דאָזיקע
לערנונג, זאָלט איר אים נישט אויפנעמען אין הויז
11 אַריין, און נישט אָפּגעבן קיין שלום; וואָרום ווער
עס גיט אים אָפּ שלום, דער האָט אַ חלק אין זײַנע
בייזע מעשים.

12 האָבנדיק אַ סך צו שרייבן צו אייך, האָב איך עס
(אָבער) נישט געוואָלט (טון) מיט פּאַפּיר און טינט;
נאָר איך האָף צו קומען צו אייך און צו רעדן מויל
13 צו מויל, כדי אונזער פרייד זאָל זײַן פול. עס געבן
דיר אָפּ שלום די קינדער פון דײַן שוועסטער, דער
אויסדערוויילטער.

# דער דריטער בריוו פון דעם שליח יוחנן

1 דער זקן צו גאַיוסן דעם געליבטן, וועמען איך
האָב באמת ליב.

2 געליבטער, איך טו תפילה, אַז אין אַלעם זאָלסטו
מצליח זיין, און זיין געזונט, אַזוי, ווי עס גייט גוט
3 דיין נשמה. וואָרום איך האָב מיך זער געפריידט,
ווען ברידער זענען געקומען און האָבן עדות געזאָגט
וועגן דעם אמת אין דיר, וויאַזוי דו וואַנדלסט אין
4 דער וואָרהייט. קיין גרעסערע פרייד האָב איך
נישט, ווי צו הערן, אַז מיינע קינדער וואַנדלען
אין דעם אמת.

5 געליבטער, דו האַנדלסט געטריי אין דעם, וואָס
דו טוסט פאַר די ברידער און פאַר די אורחים,
6 וועלכע האָבן עדות געזאָגט וועגן דיין ליבע פאַר
דער קהלה; דו וועסט טון גוט, אויב דו וועסט זיי
7 ווייטער שיקן ווי עס איז ראוי פאַר גאָט; וואָרום
פאַר זיין נאָמען וועגן זענען זיי אַרויסגעגאַנגען,
8 נישט אָננעמענדיק קיין זאַך פון די גוים. מיר זענען
דעריבער מחויב אויפצונעמען אַזעלכע, כדי מיר
זאָלן ווערן מיטאַרבעטער אין דעם אמת.

9 איך האָב עפעס געשריבן צו דער קהלה; נאָר
דיאָטרעפעס, וועלכער האָט ליב צו זיין ביי זיי אַ
10 ראש, נעמט אונז נישט אָן. דערפאַר, ווען איך וועל
קומען, וועל איך אים דערמאָנען די מעשים, וואָס
ער טוט, באַרעדנדיק אונז מיט בייזע רייד; און
נישט צופרידן מיט דעם, נעמט ער אַליין נישט
אויף די ברידער, און פאַרווערט יענע, וואָס ווילן

(עס טון), און טרייבט זיי אַרויס פון דער קהלה׃
11 געליבטער, טו נישט נאָך דאָס שלעכטע, נאָר דאָס
גוטע׃ ווער עס טוט גוטס, דער איז פון ג־ט; ווער
עס טוט שלעכטס, דער האָט נישט געזעען ג־ט׃
12 וועגן דעמעטריוסן האָבן אַלע (גוט) עדות געזאָגט,
אַפילו דער אמת אַליין; און אויך מיר זאָגן עדות;
און דו ווייסט, אַז אונזער עדות־זאָגן איז וואָר־
האַפטיק׃
13 איך האָב געהאַט אַ סך צו שרייבן צו דיר; נאָר
איך וויל עס דיר נישט שרייבן מיט טינט און פעדער;
14 איך האָף אָבער דיך צו זעען אין גיכן, און (דעמלט)
15 וועלן מיר רעדן מויל צו מויל׃ שלום צו דיר׃
(אונזערע) פריינט געבן דיר אָפּ שלום׃ גיב אָפּ
שלום די פריינט יעדן ביים נאָמען׃

# יהודהס בריוו

1

1 יהודה, אַ קנעכט פון ישוע המשיחן און אַ ברודער
פון יעקבן, צו די גערופענע, געליבטע אין ג־ט
דעם פאָטער, און באַוואָרט פאַר ישוע המשיחן:
2 רחמים צו אייך און שלום און ליבע זאָל זיך פיל
פאַרמערן.
3 געליבטע, בשעת איך האָב מיך זער געפלייסט,
צו שרייבן צו אייך וועגן אונזער געמיינזאַמער
ישועה, האָב איך מיך געפילט געדרונגען צו שרייבן
צו אייך, מזהיר זייענדיק, אַז איר זאָלט קעמפן
פאַר דער אמונה, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל
4 איבערגעגעבן געוואָרן צו די קדושים. וואָרום עס
האָבן זיך אַריינגעגנבעט אייניקע לייט, וועלכע
זענען שוין פון לאַנג אָנגעשריבן געוואָרן צום
דאָזיקן משפט, רשעים, וואָס פאַרקערן דעם חסד פון
אונזער ג־ט צו פאַרשייטקייט, און פאַרלייקענען
דעם איינציקן מושל און אונזער האַר ישוע המשיח.
5 איך וויל אייך אָבער דערמאָנען, הגם איר
האָט זיך עס אַלץ שוין אַמאָל דערוואוסט, אַז
דער האַר (גאָט), האָבנדיק אויסגעלייזט דאָס
פאָלק אויס דעם לאַנד מצרים, האָט דערנאָך
6 פאַרטיליקט די אומגלויביקע. און מלאכים, וועלכע
האָבן נישט אָפּגעהיטן זייער ממשלה, נאָר
פאַרלאָזט זייער וואוינונג, האָט ער אויפ־
באַוואָרט אונטער דער פינסטערניש מיט אייביקע
7 קייטן צום משפט אין דעם גרויסן טאָג. ווי
סדום און עמורה און די שטעט אַרום זיי,
מזנה זייענדיק אויף אַן ענלעכן אופן ווי די
דאָזיקע, און נאָכגייענדיק פרעמד פלייש, זענען

געזעצט געוואָרן אַלס אַ ביישפּיל, ליידנדיק
8 דעם עונש פון אייביקן פייער. און דאָך זענען די
דאָזיקע בעלי חלומות אויף אַזאַ אופן מטמא דאָס
פליש, זענען מבזה ממשלות און לעסטערן
9 מאַיעסטעטן. און מיכאל דער שר המלאכים, ווען
ער האָט געהאָט אַ סכסוך מיט דעם שטן און זיך
געקריגט וועגן משהס גוף, האָט זיך נישט אונטער־
געשטעלט צו ברענגען אַן אָנקלאָג פון לעסטערונג
אויף אים, נאָר האָט געזאָגט: זאָל דער האַר אָנשרייען
10 אויף דיר! די דאָזיקע אָבער לעסטערן דאָס, וואָס
זיי ווייסן נישט; וואָס אָבער זיי פאַרשטייען פון דער
נאַטור, ווי נאַרישע בהמות, אין דעם פאַרדאַרבן זיי
11 זיך אַליין. ווי איז צו זיי, ווייל זיי זענען געגאַנגען
אויף קינס דרך, און האָבן זיך געוואָרפן אויף בלעמס
פאַרפירונג פאַר אַ לוין, און זענען אומגעקומען
12 אין דער ווידערשפעניקייט פון קורחן! די דאָזיקע
זענען אונטערוואַסער פעלזנס אויף אייערע ליבעס־
מאָלצייטן, לאָזן זיך וואוילגיין מיט אייך, פאַשעב־
דיק זיך אָן מורא; וואָלקנס אָן וואַסער, געטראָגן
פון די ווינטן; האַרבסטיקע ביימער אָן פירות,
צוויימאָל געשטאָרבענע און אויסגעוואָרצלטע;
13 ווילדע ים־כוואַליעס, וואָס שוימען אַרויס זייערע
אייגענע חרפות; בלאָנדזשענדע שטערן, פאַר וועמען
די טונקלקייט פון דעם חושך איז אויפבאַוואָרט
14 אויף אייביק. און אויף די דאָזיקע האָט אויך נבואות
געזאָגט חנוך, דער זיבעטער פון אדם, אַזוי צו
זאָגן: זע, דער האַר איז געקומען מיט זיינע צענער־
15 טויזנטער קדושים, צו טון משפט קעגן אַלעמען, און
צו שטראָפן אַלע רשעים וועגן אַלע זייערע מעשים
פון רשעות, וואָס זיי האָבן רשעותדיק געטון, און
וועגן אַלע האַרטע זאַכן, וועלכע גאָטלאָזע זינדער

16 האָבן גערעדט אַקעגן אים. די דאָזיקע זענען מורמ־
לער, און וואָס באַקלאָגן זיך (נאָר), בשעת זיי גייען
נאָך זייערע תאוות, און זייער מויל רעדט שטאָלצע
זאַכן, און זענען נושא־פנים צוליב שוחד.
17 איר אָבער, געליבטע, געדענקט די ווערטער,
וואָס זענען פאָרויסגעזאָגט געוואָרן פון די שליחים
18 פון דעם האַר אונזערן ישוע המשיח; ווייל זיי האָבן
אייך געזאָגט: אין דער לעצטער צייט וועלן זיין
אָפשפעטער, וועלכע וואַנדלען לויט זייערע רשעות־
19 דיקע תאוות. די דאָזיקע זענען די, וועלכע זונדערן
זיך אָפ, בעלי גוף, וועלכע האָבן נישט דעם גייסט.
20 איר אָבער, געליבטע, דערבויענדיק זיך אין אייער
הייליקסטער אמונה, און תפילה־טוענדיק אינם
21 רוח הקודש, זאָלט זיך אָפהיטן אין ג־טס ליבע, און
האָפן אויף דער באַרמהערציקייט פון אונזער האַר
22 ישוע המשיח צום אייביקן לעבן. און זייט רחמנות־
23 דיק אויף די יעניקע, וואָס זענען מסופק; ראַטעוועט
זיי, און זייט זיי מציל פונם פייער; און ווידער איבער
אַנדערע זאָלט איר זיך מרחם זיין מיט מורא;
האַסנדיק אפילו דאָס קלייד באַפלעקט פונם לייב.
24 און צו אים, וועלכער איז מעכטיק אייך אָפצוהיטן
פון שטרויכלען, און אייך פאָרצושטעלן פאַר זיין
25 כבוד אָן אַ מום מיט פרייד, דעם איינציקן ג־ט
אונזער רעטער, דורך ישוע המשיחן דעם האַר
אונזערן, זאָל זיין כבוד, הערלעכקייט, קראַפט און
מאַכט, פאַר יעדער אייביקייט, און איצט, און אויף
אַלע אייביקייטן. אמן.

# די אַנטפּלעקונג פון יוחנן

1 די אַנטפּלעקונג פון ישוע המשיחן, וועלכע ג־ט
האָט אים געגעבן, צו ווייזן צו זיינע קנעכט,
וואָס עס דאַרף געשעען אין גיכן; און ער האָט
געשיקט און עס צו וויסן געטון דורך זיין מלאך צו
2 זיין קנעכט יוחנן, וועלכער האָט עדות־געזאָגט אויף
ג־טס וואָרט און אויף דעם עדות פון ישוע המשיחן,
3 אַלץ, וואָס ער האָט געזען. וואויל דעם לייענער
און די, וואָס הערן די ווערטער פון דער נבואה
און היטן אָפּ וואָס שטייט געשריבן דערין; וואָרום
די צייט איז נאָענט.

4 יוחנן צו די זיבן קהלות אין (קליין) אַזיען: חסד
צו אייך און שלום פון אים, וועלכער איז און איז
געווען און וועט קומען; און פון די זיבן גייסטער,
5 וואָס זענען פאַר זיין כסא־הכבוד; און פון ישוע
המשיחן, וועלכער איז דער באַגלויבטער עדות,
דער בכור פון די מתים, און דער הערשער איבער
די מלכים פון דער ערד. צו אים, וועלכער האָט
אונדז ליב, און האָט אונדז אויסגעלייזט פון אונדזערע
6 זינד דורך זיין אייגן בלוט, און אונדז געמאַכט פאַר
אַ קעניגרייך, כוהנים צו ג־ט און זיין פאָטער; צו
אים זאָל זיין דער כבוד און די מאַכט לעלמי עולמים.
7 אמן. זע, ער קומט מיט די וואָלקנס; (דניאל ז, יג.) און
יעדעס אויג וועט אים זען, און די, וועלכע האָבן אים
אַדורכגעשטאָכן; (זכריה יב, י.) און עס וועלן קלאָגן
איבער אים אַלע משפחות פון דער ערד. יאָ, אמן.
8 איך בין אלף און תיו, זאָגט דער האַר גאָט, וועלכער
איז און איז געווען און קומט, דער אַלמעכטיקער.
9 איך יוחנן, אייער ברודער און מיטאָנטיילנעמער

אין די יסורים און מלכות און סבלנות פון ישוען,
בין געווען אויף דער אינזל, וואָס הייסט פּאַטמאָס,
צוליב ג־טס וואָרט און דעם עדות־זאָגן פון ישוען.
10 איך בין געווען אינם גייסט אין דעם טאָג פון דעם
האַר, און האָב געהערט הינטער מיר אַ הויך קול, ווי
11 פון אַ שופר, אַזוי צו זאָגן: וואָס דו זעסט, דאָס שרייב
אין אַ ספר און שיק עס צו די זיבן קהלות: קיין
עפעזוס און קיין סמירנאַ און קיין פּערגאַמוס און
קיין טיאַטיראַ און קיין סאַרדעס און קיין פילאַדעל־
12 פיאַ און קיין לאַאָדיצעאַ. און איך האָב מיך אומגע־
קערט, צו זען דאָס קול, וואָס האָט גערעדט מיט
מיר. און אומקערנדיק זיך, האָב איך געזען זיבן
13 מנורות פון גאָלד; און אין דער מיט פון די מנורות
איינעם, גלייך צום בן־אדם, אָנגעטון אין אַ לאַנגן
מאַנטל, און אַרומגעגאַרטלט אַרום דער ברוסט מיט
14 אַ גאָלדענעם גאַרטל. און זיין קאָפּ און זיינע האָר
זענען געווען ווייס, ווי ווייסע וואָל, ווי שניי; און
15 זיינע אויגן, ווי אַ פלאַם פייער; (דניאל ז, ט.) און זיינע
פיס, ווי פיין קופּער, בשעת עס גליט אין אויוון; און
16 זיין קול, ווי דאָס גערויש פון אַ סך וואַסערן. און האָט
געהאַט אין זיין רעכטער האַנט זיבן שטערן; און
פון זיין מויל גייט אַרויס אַ שאַרפע צווייִשניידיקע
שווערד; און זיין פּנים האָט געשיינט ווי די זון
17 אין איר מאַכט. און ווען איך האָב אים געזען,
בין איך אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע פיס, ווי אַ מת.
און ער האָט געלייגט זיין רעכטע האַנט אויף מיר, און
געזאָגט: האָב נישט קיין מורא; איך בין דער ערשטער
18 און דער לעצטער, און דער לעבעדיקער; איך בין
געווען טויט, און אָט לעב איך לעלמי עולמים, און
האָב דעם שליסל פון טויט און פון שאול־תחתיה.
19 שרייב דעריבער וואָס דו האָסט געזען, און וואָס

20 איז, און וואָס וועט געשעענ נאָך דעם; דעם סוד פון
די זיבן שטערן, וועלכע דו האָסט געזעען אויף מיין
רעכטער האַנט, און די זיבן גאָלדענע מנורות. די
זיבן שטערן זענען מלאכים פון די זיבן קהלות;
און די זיבן מנורות זענען די זיבן קהלות.

## קאַפּיטל צוויי

1 צו דעם מלאך פון דער קהלה אין עפעזוס שרייב:
דאָס זאָגט דער, וועלכער האַלט די זיבן שטערן
אין זיין רעכטער האַנט, וועלכער גייט אַרום אינמיטן
2 פון די זיבן גאָלדענע מנורות: איך קען דיינע מעשים,
און דיין מי און סבלנות, און אַז דו קענסט נישט
דערטראָגן די רשעים, און האָסט אויסגעפּרואווט
די, וועלכע רופן זיך שליחים און זענען עס נישט,
3 און האָסט זיי אויסגעפונען פאַר ליגנער; און האָסט
געדולד און האָסט סובל געווען צוליב מיין נאָמען
4 און ביסט נישט געוואָרן מיד. נאָר איך האָב עפּעס
קעגן דיר, אַז דו האָסט פאַרלאָזן דיין ערשטע ליבע.
5 געדענק זשע פונוואַנען דו ביסט אָפּגעפאַלן, און
טו תשובה, און טו דיינע ערשטע מעשים; און אויב
נישט, וועל איך קומען און אַוועקשטויסן דיין מנורה
פון איר אָרט, אויב דו וועסט נישט תשובה־טון.
6 נאָר דאָס דאָזיקע האָסטו, אַז דו האָסט פיינט די
מעשים פון די ניקאָלאַאיטן, וועלכע אויך איך האָב
7 פיינט. ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס
דער גייסט זאָגט צו די קהלות. דעם, וואָס איז
מנצח, אים וועל איך געבן צו עסן פון דעם עץ החיים,
וואָס איז אינעם גן עדן פון ג־ט. (בראשית ב׳, ט; ג׳, כד.)

8 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין סמירנאַ
שרייב:

דאָס זאָגט דער ערשטער און דער לעצטער,
וועלכער איז געווען טויט און איז לעבעדיק געוואָרן:
9 איך קען דיין צרה און אביונות—דאָך ביסטו רייך—
און די לעסטערונג פון יענע, וועלכע זאָגן, אַז זיי
זענען יידן, און זענען עס נישט, נאָר זענען אַ בית
10 הכנסת פונם שטן. האָב נישט מורא, וואָס דו גייסט
ליידן; זע, דער טייוול וועט אַריינוואַרפן אייניקע פון
אייך אין תפיסה אַריין, כדי איר זאָלט אויסגע־
פּרואווט ווערן; און איר וועט האָבן צרות צען טעג.
זיי געטריי ביז צום טויט, און איך וועל דיר געבן
11 די קרוין פון לעבן. ווער עס האָט אויערן, דער
זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו די קהלות.
דער, וואָס איז מנצח, וועט בשום אופן נישט
ליידן פון צווייטן טויט.
12 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין פּערגאַמוס
שרייב:
דאָס זאָגט דער, וועלכער האָט די שאַרפע צוויי־
13 שניידיקע שווערד: איך ווייס, וואו דו וואוינסט:
דאָרטן, וואו עס איז דעם שטנס טראָן; און האַלטסט
פעסט מיין נאָמען, און האָסט נישט אָפּגעלייקנט
מיין אמונה, אפילו אין די טעג פון אַנטיפּאַס, מיין
געטרייען עדות, וואָס איז געטייט געוואָרן ביי אייך,
14 וואו דער שטן וואוינט. נאָר איך האָב אייניקע זאַכן
קעגן דיר: אַז דו האָסט דאָרטן די, וואָס האַלטן
פעסט די לערנונג פון בלעם, וועלכער האָט געלערנט
בלקן צו וואַרפן אַ מכשול פאַר די בני ישראל, צו
עסן פון קרבנות צו אָפּגעטער און מזנה־צו־זיין.
15 פונקט אַזוי האָסטו אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן פעסט
די לערנונג פון די ניקאָלאַאיטן אויף אַן ענלעכן
16 אופן. דעריבער טו תשובה; און אויב נישט, וועל
איך קומען צו דיר געשווינט, און וועל מלחמה־האַלטן

17 מיט זיי מיט דער שווערד פון מיין מויל. ווער עס
האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט
צו די קהלות. דעם, וואָס איז מנצח, וועל איך
געבן צו עסן דעם פאַרבאָרגענעם מן, און וועל אים
געבן אַ ווייסן שטיין, און אויף דעם שטיין אַ נייעם
נאָמען אויפגעשריבן, וואָס קיינער ווייסט נישט,
אַ חוץ דער, וועלכער באַקומט (אים).

18 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין טיאַטיראַ
שרייב:

דאָס זאָגט דער בן אלקים, וועלכער האָט אויגן,
ווי אַ פלאַם פייער, און זיינע פיס זענען גלייך צו
19 פיין קופּער: איך קען דיינע מעשים, און דיין ליבע
און אמונה און עבודה און סבלנות, און אַז דיינע
20 לעצטע מעשים זענען מער ווי די ערשטע. נאָר
איך האָב עפּעס קעגן דיר, אַז דו טאָלערירסט די
אשה איזבל, וועלכע רופט זיך נביאה; און לערנט
און פאַרפירט מיינע קנעכט מזנה צו זיין און צו
21 עסן פון קרבנות צו אָפּגעטער. און איך האָב איר
געגעבן צייט, כדי זי זאָל תשובה טון; און זי וויל
22 נישט טון תשובה פון איר זנות. זע, איך וואַרף זי
אויף אַ בעט, און די, וואָס זענען מיט איר מזנה,
אין אַ גרויסער צרה אַריין, ווען זיי וועלן נישט
23 תשובה טון פון אירע מעשים. און אירע קינדער
וועל איך אומברענגען מיט דעם טויט; און אַלע
קהלות וועלן וויסן, אַז איך בין דער, וועלכער
פאָרשט אויס די נירן און הערצער; און וועל
24 אייך געבן יעדן איינעם לויט אייערע מעשים. צו
אייך אָבער זאָג איך, צו די איבריקע אין טיאַטיראַ,
צו אַזעלכע, וואָס האָבן נישט די דאָזיקע (פאַלשע)
לערנונג, וועלכע קענען נישט די טיפענישן פון דעם
שטן, ווי מען זאָגט; איך וועל נישט וואַרפן אויף

25 אייך קיין אַנדערע לאַסט. דאָך וואָס איר האָט,
26 דאָס האַלט פעסט ביז איך וועל קומען. און דער,
וואָס איז מנצח און דער, וואָס היט אָפּ מיינע מעשים,
27 אים וועל איך געבן מאַכט איבער די גוים; און ער
וועט הערשן איבער זיי מיט אַן אייזערנער רוט, ווי
די כלים פון אַ טעפּער ווערן צעבראָכן; (תהלים ב, ט.)
ווי אויך איך האָב באַקומען פון מיין פאָטער; און
28 וועל אים געבן דעם מאָרגנשטערן. ווער עס האָט
אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו
די קהלות.

## קאַפּיטל דריי

1 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין סאַרדעס
שרייב:
דאָס זאָגט דער, וועלכער האָט די זיבן גייסטער
פון ג־ט, און די זיבן שטערן: איך קען דיינע מעשים,
אַז דו האָסט אַ נאָמען, אַז דו לעבסט, און ביסט טויט.
2 זיי וואַך, און שטאַרק די איבעריקע, וואָס האַלטן ביים
שטאַרבן: וואָרום איך האָב נישט געפונען דיינע
3 מעשים שלימותדיק פאַר מיין ג־ט. געדענק זשע
וויאַזוי דו האָסט מקבל־געווען און געהערט, און
היט עס אָפּ, און טו תשובה. אויב דעריבער דו
וועסט נישט וואַכן, וועל איך קומען, ווי אַ גנב, און
דו וועסט נישט וויסן, אין וועלכער שעה איך וועל
4 קומען איבער דיר. נאָר דו האָסט אין סאַרדעס
אייניקע נעמען, וועלכע האָבן נישט באַפלעקט זייערע
מלבושים; און זיי וועלן וואַנדלען מיט מיר אין ווייסן;
5 ווייל זיי זענען ראוי. דער, וואָס איז מנצח, וועט
אַזוי זיין אָנגעקליידט אין ווייסע מלבושים; און איך
וועל בשום אופן נישט אויסמעקן זיין נאָמען פון
דעם ספר החיים, און וועל באַקענען זיין נאָמען

פאַר דעם פאָטער מיינעם און פאַר זיינע מלאכים·
6 ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער
גייסט זאָגט צו די קהלות·
7 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין פילאַדעל־
פיאַ שרייב:
דאָס זאָגט דער הייליקער, דער וואָרהאַפטיקער,
דער, וועלכער האָט דעם שליסל פון דוד, דער,
וועלכער עפנט אויף, און קיינער שליסט נישט צו; און
וועלכער פאַרשליסט און קיינער מאַכט נישט אויף:
8 (ישעיהו כב, כב·) איך קען דיינע מעשים· אָט האָב איך
געגעבן פאַר דיר אַן אָפענע טיר, וואָס קיינער וועט
זי נישט קענען צושליסן; ווייל דו האָסט ווייניק
קראַפט, און האָסט אָפּגעהיטן מיין וואָרט, און נישט
9 פאַרלייקנט מיין נאָמען· זע, איך גיב פון דער שול פון
דעם שטן די, וועלכע זאָגן וועגן זיך, אַז זיי זענען
יידן, און זענען עס נישט, נאָר זאָגן ליגנט; אָט וועל
איך זיי מאַכן קומען און זיך בוקן פאַר דיינע פיס,
און זיי וועלן וויסן, אַז איך האָב דיך ליב געקריגן·
10 ווייל דו האָסט אָפּגעהיטן דאָס וואָרט פון מיין סבלנות,
וועל איך דיך אויך אָפּהיטן פון דער שעה פון נסיון,
וואָס גייט קומען איבער דער גאַנצער באַוואוינטער
וועלט, אויסצופּרואוון די איינוואוינער אויף דער
11 ערד· איך קום גיך; האַלט פעסט, וואָס דו האָסט,
כדי קיינער זאָל נישט אַוועקנעמען דיין קרוין·
12 דעם, וואָס איז מנצח, וועל איך מאַכן פאַר אַ
זייל אין דעם היכל פון מיין ג־ט, און ער וועט מער
נישט אַרויסגיין (פון דאָרטן); און איך וועל אויפ־
שרייבן אויף אים דעם נאָמען פון מיין ג־ט, און דעם
נאָמען פון דער שטאָט פון מיין ג־ט, דאָס נייע
ירושלים, וואָס נידערט אַראָפּ פון הימל פון מיין
13 ג־ט, און מיין נייעם נאָמען· ווער עס האָט

אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו
די קהלות·

14 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין לאַאָדיצעאַ
שרייב:

דאָס זאָגט דער אמן, דער באַגלויבטער און וואָר־
האַפטיקער עדות, דער אָנהויב פון ג־טס יצירה:
15 איך קען דיינע מעשים, אַז דו ביסט נישט קאַלט,
נישט הייס; הלואי וואָלסט דו געווען קאַלט אָדער
16 הייס· אָט אַזוי, ווייל דו ביסט לוילעך, און נישט
הייס, און נישט קאַלט, וועל איך דיך אויסשפּייען
17 פון מיין מויל· ווייל דו זאָגסט: איך בין רייך און
האָב דערוואָרבן אַן עשירות, און דאַרף גאָרנישט
האָבן, און ווייסט נישט, אַז דו ביסט עלנט און
18 יעמערלעך און אָרום און בלינד און בלויז; איך עצה
דיר צו קויפן ביי מיר גאָלד, וואָס איז געלייטערט
געוואָרן אין פייער, כדי דו זאָלסט ווערן רייך;
און ווייסע קליידער, כדי דו זאָלסט דיך אָנטון, און
די חרפּה פון דיין נאַקעטקייט זאָל זיך נישט אַנט־
פּלעקן; און אויגנזאַלב, צו זאַלבן דיינע אויגן, כדי
19 דו זאָלסט זען· וועלכע איך האָב ליב, די שטראָף
איך און ציכטיק; זיי זשע אייפעריק און טו תשובה·
20 אָט שטיי איך פאַר דער טיר און קלאַפּ; ווען עמיצער
וועט הערן מיין קול און עפענען די טיר, וועל איך
אַריינקומען צו אים און עסן מיט אים די סעודה,
21 און ער מיט מיר· ווער עס איז מנצח, דעם וועל
איך געבן צו זיצן מיט מיר אויף מיין כסא־הכבוד,
ווי אויך איך האָב מנצח געווען און מיך אַנידער־
געזעצט מיט מיין פאָטער אויף זיין כסא־הכבוד·
22 ווער עס האָט אויערן, דער זאָל הערן, וואָס דער
גייסט זאָגט צו די קהלות·

## קאַפּיטל פיר

1 נאָך דעם האָב איך געזעען, און אָט אַ טיר איז
געשטאַנען אָפן אין הימל, און דאָס ערשטע קול,
וואָס איך האָב געהערט, ווי פון אַ שופר רעדן מיט
מיר, האָט געזאָגט: קום אַרויף אַהער, און איך וועל
דיר ווייזן, וואָס עס דאַרף געשעען נאָך די דאָזיקע
2 זאַכן. גלייך בין איך געווען אינם גייסט; און זע, אַ
כסא־הכבוד איז געשטאַנען אין הימל און אויף דעם
3 כסא־הכבוד איז איינער געזעסן; און דער זיצנדיקער
איז געווען ענלעך אינם אויסזעען צו אַ יאַספּיס שטיין
און צו אַ רובין; און אַ רעגנבויגן איז געווען אַרום
און אַרום דעם כסא־הכבוד, און די מראה דערפון
איז געווען ענלעך צו אַ סמאַראַגד. (יחזקאל א, כו־כח.)
4 און אַרום דעם כסא־הכבוד זענען געווען פיראונ־
צוואָנציק טראָנען; און אויף די טראָנען האָב איך
געזעען פיראונצוואָנציק זקנים זיצן, אָנגעטון אין
ווייסע קליידער; און אויף זייערע קעפּ גאָלדענע
5 קרוינען. און פון דעם כסא־הכבוד גייען אַרויס
בליצן און קולות און דונערן. און פאַר דעם כסא־
הכבוד ברענען זיבן פייער פאַקלען, וואָס זענען די
6 זיבן גייסטער פון ג־ט; און פאַר דעם כסא־הכבוד,
אַזויווי אַ גלעזערנער ים, גלייך צו קריסטאָל; און
אינמיטן פון דעם כסא־הכבוד און אַרום דעם כסא־
הכבוד פיר חיות, פול מיט אויגן פון פאָרנט און
7 פון הינטן. און די ערשטע חיה איז געווען ענלעך
צו אַ לייב, און די צווייטע חיה איז געווען ענלעך צו
אַן אָקס, און די דריטע חיה האָט דאָס פּנים ווי אַ
מענטש, און די פערטע חיה איז געווען ענלעך צו
8 אַ פליענדיקן אָדלער. (יחזקאל א, י.) און די פיר חיות

האָבן, יעדע אײנע פֿון זײ, צו זעקס פֿליגל, אַרום
און אַרום און פֿון אינעװײניק פֿול מיט אױגן; און
זײ האָבן נישט קײן רו בײטאָג און בײנאַכט, זאָגנדיק:
הײליק, הײליק, הײליק, איז דער האַר ג־ט, דער
אַלמעכטיקער, װעלכער איז געװען און װעלכער
9 איז און װעלכער קומט! (ישעיהו ו׳, א־ג.) און װען
די חיות געבן אָפּ כּבוד און ערע און ליב צו דעם,
װעלכער זיצט אױף דעם כּסא־הכּבוד, דעם, װעלכער
10 לעבט לעלמי עולמים, פֿאַלן די פֿיראונצװאָנציק
זקנים אַנידער פֿאַר אים, װעלכער זיצט אױף דעם
כּסא־הכּבוד, און בוקן זיך צו אים, װעלכער לעבט
לעלמי עולמים, און װאַרפֿן אַנידער זײערע קרױנען
11 פֿאַר דעם כּסא־הכּבוד, און זאָגן: ראױ ביסטו, אָ האַר
אונזער גאָט, אָנצונעמען כּבוד און ערע און מאַכט;
װײל דו האָסט אַלץ באַשאַפֿן, און דורך דײן רצון
זענען זײ דאָ און באַשאַפֿן געװאָרן.

## קאַפּיטל פֿינף

1 און איך האָב געזען אױף דער רעכטער זײט
פֿון אים װעלכער זיצט אױף דעם כּסא־הכּבוד
אַ ספֿר, געשריבן פֿון אינעװײניק און פֿון הינטן,
2 פֿאַרזיגלט מיט זיבן חתימות. און האָב געזען אַ
שטאַרקן מלאך אױסרופֿן מיט אַ הױך קול: װער איז
װערט אױפֿצומאַכן דאָס ספֿר און צו צעברעכן
3 זײנע חתימות? און קײנער האָט נישט געקענט
אין הימל, נישט אױף דער ערד, נישט אונטער
דער ערד, אױפֿעפֿענען דאָס ספֿר, נישט קוקן דערױף.
4 און איך האָב אַ סך געװײנט, װײל קײנער איז נישט
געפֿונען געװאָרן ראױ אױפֿצומאַכן דאָס ספֿר, נישט
5 צו קוקן דערױף; און אײנער פֿון די זקנים האָט צו

מיר געזאָגט: וויין ניט; זע, דער לייב פון דעם שבט
יהודה, (בראשית מט, ט־י.) דער שורש דוד, (ישעיהו יא, א, י.)
האָט מנצח געווען, אויפצועפענען דאָס ספר און זיינע
6 זיבן חתימות. און האָב געזעען אינמיטן פון דעם
כסא־הכבוד און די פיר חיות, און אינמיטן פון די
זקנים, אַ לעמעלע שטיין, ווי געשחטן, האָבנדיק
זיבן הערנער און זיבן אויגן, וועלכע זענען
די זיבן גייסטער פון ג־ט, געשיקט איבער דער
7 גאַנצער ערד. און עס איז געקומען, און האָט
גענומען דאָס ספר אויס דער רעכטער האַנט פון
8 דעם, וועלכער זיצט אויף דעם כסא־הכבוד. און
ווען עס האָט גענומען דאָס ספר, זענען די פיר
חיות און די פירונצוואַנציק זקנים אַנידערגעפאַלן
פאַר דעם לעמעלע, האָבנדיק יעדער איינער אַ
האַרפע, און גאָלדענע בעקנס אָנגעפילט מיט קטורת,
9 וואָס זענען די תפילות פון די קדושים. און זיי האָבן
געזונגען אַ ניי ליד, אַזוי צו זאָגן: ראוי ביסטו צו
נעמען דאָס ספר און צו עפענען זיינע חתימות;
ווייל דו ביסט געשחטן געוואָרן, און האָסט אויס־
געקויפט פאַר ג־ט מיט דיין אייגן בלוט (מענטשן)
10 פון יעדן שבט און לשון און פאָלק און אומה, און
זיי געמאַכט פאַר אַ קעניגרייך צו אונזער ג־ט און
פאַר כוהנים; און זיי וועלן קעניגן אויף דער ערד.
11 און האָב געזעען, און געהערט אַ קול פון אַ סך
מלאכים, אַרום און אַרום פון דעם כסא־הכבוד און
פון די חיות און די זקנים; און זייער צאָל איז געווען
צען טויזנט מאָל צען טויזנט און טויזנטער מאָל
12 טויזנט; (דניאל ז, י.) און זיי האָבן געזאָגט מיט אַ הויך
קול: ראוי איז דאָס לעמעלע, דאָס געשחטענע, צו
נעמען די מאַכט און עשירות און חכמה און שטאַר־
13 קייט און ערע און כבוד און לויב! און יעדעס

באַשעפעניש, וואָס איז אין הימל, און אויף דער
ערד, און אונטער דער ערד, און אויפן ים, און וואָס
איז אין זיי, אַלע האָב איך געהערט זאָגן: צו אים,
וועלכער זיצט אויף דעם כסא־הכבוד, און צו דעם
לעמעלע, זאָל זיין די ליב און די ערע און דער
כבוד און די הערשאַפט לעלמי עולמים! (דניאל ז, יג־יד.)
14 און די פיר חיות האָבן געזאָגט: אמן! און די זקנים
זענען אַנידערגעפאַלן און האָבן זיך געבוקט.

## קאַפּיטל זעקס

1 און איך האָב געזעען, ווען דאָס לעמעלע האָט
געעפנט איינע פון די זיבן חתימות, און
האָב געהערט איינע פון די פיר חיות זאָגן, ווי מיט
2 דעם קול פון אַ דונער: קום! און איך האָב געזעען,
און אָט אַ ווייס פערד, און דער, וואָס איז געזעסן
דערויף, האָט געהאַט אַ פיילנבויגן; און עס איז אים
געגעבן געוואָרן אַ קרוין; און ער איז אַרויסגעגאַנגען
אַ זיגער, און כדי מנצח צו זיין.
3 און ווען ער האָט געעפנט די צווייטע חתימה,
4 האָב איך געהערט די צווייטע חיה זאָגן: קום! און עס
איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַנדער פערד, פייער־רויט;
און דעם, וואָס איז געזעסן דערויף, איז געגעבן
געוואָרן אַוועקצונעמען דעם שלום פון דער ערד,
און אַז מען זאָל זיך הרגענען איינס דאָס אַנדערע;
און עס איז אים געגעבן געוואָרן אַ גרויסע שווערד.
5 און ווען ער האָט געעפנט די דריטע חתימה, האָב
איך געהערט די דריטע חיה זאָגן: קום! און האָב
געזעען, און אָט אַ שוואַרץ פערד; און דער, וואָס
איז געזעסן דערויף, האָט געהאַט אַ וואָגשאָל אין
6 זיין האַנט. און איך האָב געהערט אַזוי ווי אַ קול

אײנמיטן פון די פיר חיות זאָגן: אַ מאָס װײץ פאַר
אַ דינר, און דרײ מאָס גערשטן פאַר אַ דינר; און
דאָס אײל און דעם װײן זאָלסטו נישט שעדיקן.

7 און װען ער האָט געעפנט די פערטע חתימה,
האָב איך געהערט דאָס קול פון דער פערטער חיה
8 זאָגן: קום! און האָב געזען, און אָט אַ בלײך־גרין
פערד; און דער, װאָס איז געזעסן דערויף, זײן
נאָמען איז דער טויט; און דאָס שאול־תחתיה איז
אים נאָכגעגאַנגען. און עס איז זײ געגעבן געװאָרן
רשות איבער אַ פערט חלק פון דער ערד, צו
טײטן מיט דער שװערד, און מיט הונגער, און מיט
דעם טויט, און דורך די װילדע חיות פון דער ערד.

9 און װען ער האָט געעפנט די פינפטע חתימה, האָב
איך געזען אונטער דעם מזבח די נשמות פון די
געשחטענע צוליב ג־טס װאָרט און צוליב דאָס
10 עדות, װאָס זײ האָבן געהאַט; און זײ האָבן געשריגן
מיט אַ הויך קול, אַזױ צו זאָגן: ביז װען, אָ האַר,
הײליקער און װאָרהאַפטיקער, װעסטו נישט משפטן
און זיך נישט נוקם זײן פאַר אונזער בלוט פון די
11 אײנװױנער אויף דער ערד? און עס איז זײ געגעבן
געװאָרן, יעדן אײנעם, אַ װײס קלײד; און עס איז
זײ געזאָגט געװאָרן, אַז זײ זאָלן נאָך רוען אַ קלײנע
צײט, ביז עס װעט זיך אָנפילן (די צאָל) אויך
פון זײערע מיטקנעכט און זײערע ברידער, װעלכע
װעלן אומגעבראַכט װערן, װי זײ.

12 און איך האָב געזען, װען ער האָט געעפנט די
זעקסטע חתימה, און עס איז געװאָרן אַ גרויסע
ערדציטערניש; און די זון איז געװאָרן שװאַרץ
װי אַ זאַק פון האָר, און די גאַנצע לבנה איז געװאָרן
13 װי בלוט; (יואל ב׳, י׳) און די שטערן פון דעם הימל זענען
אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, װי אַ פײגנבױם

וואַרפט אַראָפּ זייַנע אומצייַטיקע פּירות, ווען גע־
14 טרייסלט פון אַ גרויסן שטורמווינט. און דער הימל
איז פאַרשוואונדן, ווי אַ מגילה ווערט צונויפגעוויקלט;
און אַלע בערג און אינזלען זענען אַוועקגעשטויסן
15 געוואָרן פון זייערע ערטער. (ישעיהו לד, ד.) און די
מלכים פון דער ערד, און די גרויסע לייט, און די
הויפּטלייט, און די עשירים, און די מעכטיקע, און
אַלע קנעכט און פרייע מענטשן, האָבן זיך פאַרבאָרגן
16 אין די היילן און צווישן די פעלזן פון די בערג; און
האָבן געזאָגט צו די בערג און פעלזן: פאַלט אויף
אונז, און פאַרבאָרגט אונז פון דעם פּנים פון דעם,
וועלכער זיצט אויפן כסא־הכבוד, און פון דעם צאָרן
17 פון דעם לעמעלע! (ישעיהו ב, יט־כא.) ווייל עס איז
געקומען דער גרויסער טאָג פון זייער צאָרן; און
ווער איז בכוח בייצושטיין? (מלאכי ג, ב.)

## קאַפּיטל זיבן

## 7

1 נאָך דעם האָב איך געזען פיר מלאכים שטיין
אויף די פיר עקן פון דער ערד, האַלטנדיק די
פיר ווינטן פון דער ערד, כדי אויף דער ערד זאָל
נישט בלאָזן קיין ווינט, נישט אויפן ים, נישט אויף
2 קיין שום בוים. און האָב געזען אַן אַנדערן
מלאך אַרויפשטייגן פון מזרח זייט פון דער זון,
האָבנדיק די חתימה פון דעם לעבעדיקן ג־ט,
און האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול צו
די פיר מלאכים, וואָס עס איז זיי געגעבן געוואָרן
3 צו שעדיקן די ערד און דעם ים, אַזוי צו זאָגן:
שעדיקט נישט די ערד, נישט דעם ים, נישט די
בוימער, ביז מיר וועלן חתמענען די קנעכט פון
4 אונזער ג־ט אויף זייערע שטערנס. און האָב געהערט

די צאָל פון די געחתמטע, הונדערט פיר און פערציק
טויזנט, געחתמעט פון אַלע שבטים פון די קינדער
ישראל:

5 פון דעם שבט יהודה, צוועלף טויזנט געחתמטע;
פון דעם שבט ראובן, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט גד, צוועלף טויזנט;
6 פון דעם שבט אשר, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט נפתלי, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט מנשה, צוועלף טויזנט;
7 פון דעם שבט שמעון, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט לוי, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט יששכר, צוועלף טויזנט;
8 פון דעם שבט זבולון, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט יוסף, צוועלף טויזנט;
פון דעם שבט בנימין, צוועלף טויזנט געחתמטע.

9 נאָך דעם האָב איך געזעען, און אָט אַ גרויסער
המון, וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט איבער־
ציילן, פון אַלע גוים און שבטים און אומות און
לשונות, שטיין פאַר דעם כסא־הכבוד און פאַר
דעם לעמעלע, אָנגעקליידט אין ווייסע קליידער,
10 מיט פּאַלמענצווייגן אין זייערע הענט; און האָבן
געשריגן מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן: די ישועה
איז בײַ אונזער ג־ט, וועלכער זיצט אויף דעם
11 כסא־הכבוד, און בײַ דעם לעמעלע. און אַלע מלאכים
זענען געשטאַנען אַרום און אַרום דעם כסא־הכבוד
און אַרום די זקנים און די פיר חיות; און זענען
אַנידערגעפאַלן פאַר דעם כסא־הכבוד אויף זייערע
12 פּנימער, און זיך געבוקט צו ג־ט, זאָגנדיק: אמן;
די לויב און דער כבוד און די חכמה און דער דאַנק
און די ערע און די מאַכט און די קראַפט געהערן
13 צו אונזער ג־ט לעלמי עולמים. אמן. און איינער

פון די זקנים האָט געענטפערט זאָגנדיק צו מיר:
ווער זענען די דאָזיקע אָנגעקליידטע אין ווייסע
קליידער, און פונוואַנען זענען זיי אַהערגעקומען?
14 און איך האָב געזאָגט צו אים: מיין האַר, דו ווייסט
עס. און ער האָט מיר געזאָגט: די דאָזיקע זענען
עס, וועלכע זענען געקומען פון דער גרויסער צרה,
און האָבן געוואַשן זייערע קליידער און זיי ווייס
15 געמאַכט אין דעם בלוט פון דעם לעמעלע. דערפאַר
זענען זיי פאַר ג־טס כסא־הכבוד; און דינען אים
טאָג און נאַכט אין זיין היכל; און דער, וואָס זיצט
אויף דעם כסא־הכבוד, וועט געבן זיין געצעלט
16 איבער זיי. זיי וועלן מער נישט הונגערן, און זיי וועלן
מער נישט דורשטן; די זון וועט זיי נישט שלאָגן,
17 נישט קיין היץ; (ישעיהו מט, י.) ווייל דאָס לעמעלע,
וואָס איז דאָרטן אינמיטן פון דעם כסא־הכבוד, וועט
זיי פאַשען און פירן צו די קוואַלן פון וואַסער פון לעבן;
און ג־ט וועט אָפּווישן יעדע טרער פון זייערע אויגן.
(ישעיהו כה, ה.)

## קאַפּיטל אַכט

8

1 און ווען ער האָט געעפנט די זיבעטע חתימה,
איז געוואָרן אַ שטילקייט אין הימל אַן ערך אַ
2 האַלבע שעה. און איך האָב געזעען די זיבן מלאכים,
וועלכע שטייען פאַר ג־ט; און עס איז זיי געגעבן
געוואָרן זיבן שופרות.
3 און אַן אַנדערער מלאך איז געקומען, און האָט
זיך אַנידערגעשטעלט ביי דעם מזבח, האָבנדיק
אַ גאָלדענע פייערפאַן, און עס איז אים געגעבן
געוואָרן קטורת אַ סך, כדי ער זאָל עס מקריב זיין
מיט די תפילות פון אַלע קדושים אויף דעם גאָל־
דענעם מזבח, וואָס איז פאַר דעם כסא־הכבוד.

4 און דער רויך פון דעם קטורת, מיט די תפילות פון
די קדושים, איז אַרויפגעשטיגן פאַר ג-ט אויס דער
5 האַנט פון דעם מלאך. און דער מלאך האָט גענומען
די פייערפאַן, און זי אָנגעפילט מיט פייער פון דעם
מזבח, און עס אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד; און
עס זענען געקומען דונערן און קולות און בליצן
און אַן ערדציטערניש.

6 און די זיבן מלאכים, וועלכע האָבן געהאַט די
זיבן שופרות, האָבן זיך צוגעגרייט צום בלאָזן.

7 און דער ערשטער האָט געבלאָזן, און עס איז
געקומען האָגל און פייער, אויסגעמישט מיט בלוט,
און איז געוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד; און
אַ דריטל פון דער ערד איז פאַרברענט געוואָרן,
און אַ דריטל פון די ביימער איז פאַרברענט געוואָרן,
און יעדעס גרינע גרעזל איז פאַרברענט געוואָרן.

8 און דער צווייטער מלאך האָט געבלאָזן, און עס
איז געווען ווי אַ גרויסער פייער-פלאַמענדיקער באַרג
וואָלט געוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין, און אַ דריטל
9 פון דעם ים איז געוואָרן בלוט; און אַ דריטל פון די
לעבעדיקע באַשעפענישן אין ים איז אויסגעשטאָרבן;
און אַ דריטל פון די שיפן איז צעשטערט געוואָרן.

10 און דער דריטער מלאך האָט געבלאָזן, און עס
איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַ גרויסער שטערן,
פלאַקערנדיק ווי אַ פאַקל, און איז געפאַלן אויף
אַ דריטל פון די טייכן און אויף די קוואַלן וואַסער;
11 און דער נאָמען פון דעם שטערן הייסט ווערמוט;
און אַ דריטל פון די וואַסערן איז געוואָרן ווערמוט;
און אַ סך מענטשן זענען געשטאָרבן פון די וואַסערן,
ווייל זיי זענען געווען ביטער.

12 און דער פערטער מלאך האָט געבלאָזן, און אַ
דריטל פון דער זון איז געפּלאָגט געוואָרן, און אַ

דריטל פון דער לבנה, און אַ דריטל פון די שטערן, כּדי אַ דריטל פון זיי זאָל זיך פֿאַרפֿינסטערן, און דער טאָג זאָל ניט שײַנען זײַן דריט חלק, און די נאַכט אויך אַזוי.

13 און איך האָב געזען, און געהערט אַן אָדלער, פֿליענדיק אינמיטן הימל, זאָגן מיט אַ הויך קול: וויי! וויי! וויי צו די אײַנוואוינער אויף דער ערד, וועגן די איבעריקע קולות פון דעם שופֿר פון די דרײַ מלאכים, וועלכע וועלן נאָך בלאָזן.

## קאַפּיטל נײַן

9

1 און דער פֿינפֿטער מלאך האָט געבלאָזן, און איך האָב געזען אַ שטערן אַראָפּפֿאַלן פון הימל אויף דער ערד; און עס איז אים געגעבן געוואָרן

2 דער שליסל פון דעם ברונעם פון אָפּגרונט. און ער האָט אויפֿגעמאַכט דעם ברונעם פון דעם אָפּ־גרונט; און עס איז אַרויפֿגעשטיגן אַ רויך אויס דעם ברונעם, ווי דער רויך פון אַ געוואַלטיקן קאַלכ־אויוון; און די זון און די לופֿט זענען פֿאַרפֿינסטערט

3 געוואָרן דורך דעם רויך פונם ברונעם. און פון דעם רויך זענען אַרויסגעגאַנגען היישרעקן אויף דער ערד; און עס איז זיי געגעבן געוואָרן מאַכט,

4 ווי די עקדעסן פון דער ערד האָבן מאַכט. און עס איז זיי אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן ניט שעדיקן דאָס גראָז פון דער ערד, ניט קיין שום גרינוואַרג, ניט קיין בוים, אַ חוץ יענע מענטשן, וועלכע האָבן ניט ג־טס חתימה

5 אויף זייערע שטערנס. און עס איז זיי געגעבן געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיי ניט טייטן, נאָר פּײַניקן פֿינף חדשים לאַנג; און זייער ווייטאָק

איז געווען ווי דער ווייטאָק פון אַן עקדעס,
6 ווען ער בייסט אַ מענטשן. און אין יענע טעג
וועלן די מענטשן זוכן דעם טויט, און אים
בשום אופן נישט געפינען; און וועלן גלוסטן
צו שטאַרבן, און דער טויט וועט פון זיי אַנטלויפן.
7 און דאָס געשטאַלט פון די היישרעקן איז געווען
ענלעך צו פערד גרייט צו אַ מלחמה; און אויף
זייערע קעפּ ווי קרוינען גלייך צו גאָלד, און זייערע
8 פּנימער, ווי די פּנימער פון מענטשן. און זיי
האָבן געהאַט האָר, ווי די האָר פון פרויען, און די
ציין זייערע זענען געווען ווי די ציין פון לייבן.
9 און זיי האָבן געהאַט פּאַנצערס, ווי פּאַנצערס פון
אייזן; און דאָס גערויש פון זייערע פליגל איז געווען
ווי דאָס גערויש פון רייטוועגן, בשעת אַ סך פערד
10 לויפן אין אַ מלחמה. און זיי האָבן וויידלען, ווי
עקדעסן און שטעכלקעס, און אין זייערע וויידלען
ליגט זייער מאַכט, צו שעדיקן די מענטשן פינף
11 חדשים לאַנג. זיי האָבן איבער זיך אַ מלך, דעם
מלאך פונם תהום; אויף לשון־קודש הייסט ער
אבדון, און אויף גריכיש האָט ער דעם נאָמען
אַפּאָליאָן (פאַרדאַרבער).

12 דער ערשטער וויי איז אַריבער; אָט קומען נאָך
צוויי ווייען נאָך דעם.

13 און דער זעקסטער מלאך האָט געבלאָזן, און איך
האָב געהערט אַ קול פון די פיר הערנער פון
14 דעם גאָלדענעם מזבח, וואָס שטייט פאַר ג־ט,
זאָגנדיק צום זעקסטן מלאך, וועלכער האָט
געהאַט דעם שופר: בינד אויף די פיר מלאכים,
וואָס זענען געבונדן ביים גרויסן טייך פרת.
15 און עס זענען אויפגעבונדן געוואָרן די פיר מלאכים,
וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צו דער שעה

און טאָג און חודש און יאָר, כדי זיי זאָלן אומ־
16 בּרענגען אַ דריטל פון די מענטשן. און די צאָל פון
די חיילות רייטער איז געווען צוויימאָל צענטויזנט־
מאָל צען טויזנט; איך האָב געהערט זייער צאָל.
17 און אַזוי אָ האָב איך געזען אין דעם חיזיון די
פערד, און די, וואָס זענען געזעסן אויף זיי,
האָבן געהאַט פּאַנצערס פייער־רויטע און תכלת־
בּלאָע און שוועבּל־געלבּע; און די קעפּ פון די
פערד זענען געווען ווי קעפּ פון לייבן, און אויס
זייערע מיילער גייט אַרויס פייער און רויך און
18 שוועבּל. דורך די דריי מגפות איז אומגעקומען אַ
דריטל פון די מענטשן, פון דעם פייער און דעם
רויך און דעם שוועבּל, וואָס גייען אַרויס פון זייערע
19 מיילער. וואָרום די מאַכט פון די פערד ליגט אין
זייער מויל און אין זייערע ווידלען; ווייל זייערע
ווידלען זענען גלייך צו שלאַנגען, און האָבן קעפּ;
20 און מיט די דאָזיקע טון זיי שאָדן. און די איבּריקע
מענטשן, וועלכע זענען נישט אומגעקומען אין די
דאָזיקע מגפות, האָבן נישט תשובה געטון פון די
מעשים פון זייערע הענט, אַז זיי זאָלן זיך נישט
בּוקן צו טייוולאָנים, און אָפּגעטער פון גאָלד
און זילבּער און קופּער און שטיין און האָלץ, וואָס
קענען נישט זען, נישט הערן, נישט אַרומגיין;
21 און האָבן נישט תשובה געטון פון זייערע רציחות,
נישט פון זייערע כּשופים, נישט פון זייער זנות,
נישט פון זייערע גנבות.

## קאַפּיטל צען

סן

1 און איך האָב געזעען אַן אַנדערן געוואַלטיקן מלאך
אַראָפּנידערן פון הימל, איינגעהילט אין אַ
וואָלקן; און דער רעגנבויגן איז געווען איבער זיין
קאָפּ, און זיין פּנים איז געווען ווי די זון, און זיינע
2 פיס, ווי זיילן פייער; און אין זיין האַנט האָט ער
געהאַט אַ קליין ספרל אָפן; און האָט געשטעלט זיין
רעכטן פוס אויפן ים, און דעם לינקן אויף דער
3 יבשה; און האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך
קול, אַזויווי אַ לייב ברומט; און ווען ער האָט
געהאַט געשריגן, האָבן די זיבן דונערן גערעדט
4 מיט זייערע קולות. און ווען די זיבן דונערן האָבן
געהאַט גערעדט, האָב איך געוואָלט שרייבן; און
האָב געהערט אַ קול פון הימל זאָגן: פאַרחתמע וואָס
די זיבן דונערן האָבן גערעדט, און שרייב עס נישט.
5 און דער מלאך, וועלכן איך האָב געזעען שטיין
אויפן ים און אויף דער יבשה, האָט אויפגעהויבן זיין
6 רעכטע האַנט צום הימל, און געשוואוירן ביי דעם,
וועלכער לעבט לעלמי עולמים, וועלכער האָט
באַשאַפן דעם הימל און וואָס עס געפינט זיך דערין,
און די ערד און וואָס עס איז אויף איר, און דעם
ים און וואָס עס געפינט זיך אין אים, אַז עס וועט
7 מער נישט זיין קיין צייט; נאָר אין די טעג פון דעם
קול פון דעם זיבעטן מלאך, ווען ער וועט בלאָזן,
וועט פאַרענדיקט ווערן דער סוד פון ג-ט, ווי
ער האָט מבשר געווען צו זיינע קנעכט, די נביאים.
8 (דניאל יב׳ ו־ז׳) און דאָס קול, וואָס איך האָב געהערט
פון הימל, האָט ווידער גערעדט מיט מיר, און
געזאָגט: גיי, נעם דאָס אָפענע ספרל פון דער האַנט

פון דעם מלאך, וועלכער שטייט אויפן ים און אויף
9 דער יבשה. און איך בין אַהינגעגאַנגען צום מלאך, און
האָב צו אים געזאָגט: גיב מיר דאָס ספרל. און ער
האָט צו מיר געזאָגט: נעם און עס עס אויף; און עס
וועט דיר ביטער מאַכן אין בויך, נאָר אין דיין מויל
10 וועט עס זיין זיס ווי האָניק. (יחזקאל ב׳, ט; ג׳, ג׳.) און איך
האָב גענומען דאָס ספרל אויס דער האַנט פון דעם
מלאך, און האָב עס אויפגעגעסן; און עס איז געווען
אין מיין מויל אַזוי זיס, ווי האָניק, און ווען איך האָב
עס אויפגעגעסן, איז מיר געוואָרן ביטער אין בויך.
11 און מען האָט מיר געזאָגט: דו מוזט ווידער נבואות
זאָגן איבער אַ סך פעלקער און אומות און לשונות
און מלכים.

## קאַפּיטל עלף

1 און מען האָט מיר געגעבן אַ טראָסטשינע,
גלייך צו אַ מאָסשטאַב; און מיר געזאָגט: שטיי
אויף, און מעסט דעם היכל פון ג־ט, און דעם
2 מזבח, און די, וועלכע בוקן זיך דרינען. און
דעם חצר אין דרויסן פונם היכל זאָלסטו אויס־
לאָזן, און אים נישט מעסטן, ווייל ער איז געגעבן
געוואָרן צו די גוים; און די הייליקע שטאָט וועלן
3 זיי צעטרעטן צוויי און פערציק חדשים לאַנג. און
איך וועל געבן מיינע צוויי עדות, און זיי וועלן
נבואות זאָגן טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק
4 טעג לאַנג, אָנגעטון אין זעק. די דאָזיקע זענען די
צוויי איילבירטבוימער און די צוויי מנורות, וואָס
5 שטייען פאַר דעם רבונו של עולם. און אויב עמיצער
וויל זיי שאָדן טון, גייט אַרויס אַ פייער פון זייער
מויל און פאַרצערט זייערע שונאים; און אויב
עמיצער וועט זיי וועלן שאָדן טון, מוז ער אַט אַזוי

6 אומקומען. די דאָזיקע האָבן די מאַכט צו פאַר־
שליסן דעם הימל, כדי עס זאָל נישט פאַלן
קיין רעגן אין די טעג פון זייער נבואה; און האָבן
מאַכט איבער די וואַסערן, צו פאַרוואַנדלען זיי
צו בלוט, און צו שלאָגן די ערד מיט יעדער
7 פּלאָג, ווי אָפט זיי ווילן באַר. און ווען זיי
וועלן פאַרענדיקן זייער עדות זאָגן, וועט די חיה,
וואָס קומט אַרויף אויס דעם תהום, מלחמה האַלטן
8 מיט זיי, און זיי מנצח זיין, און זיי טייטן. און זייערע
לייבער וועלן ליגן אויף דער גאַס פון דער גרויסער
שטאָט, וואָס, רוחניותדיק גערעדט, הייסט סדום און
מצרים, וואו אויך זייער האַר איז געקרייציקט
9 געוואָרן. און (לייט) פון פעלקער און שבטים און
לשונות און אומות קוקן אויף זייערע גופים דריי
מיט אַ האַלבן טאָג לאַנג, און דערלאָזן נישט, אַז
מען זאָל לייגן זייערע גופים אין אַ קבר אַריין.
10 און די איינוואוינער אויף דער ערד פרייען זיך
איבער זיי, און זענען זיך משמח; און וועלן זיך
שיקן מתנות איינער דעם אַנדערן; ווייל די דאָזיקע
צוויי נביאים האָבן געפּייניקט די איינוואוינער
11 אויף דער ערד. און נאָך דריי און אַ האַלבן טאָג
איז אַריינגעגאַנגען אין זיי אַ גייסט פון לעבן פון
ג־ט, און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס;
און אַ גרויסע מורא איז געפאַלן אויף די, וואָס
12 האָבן זיי געזען. און האָבן געהערט אַ הויך קול
פון הימל זאָגן צו זיי: קומט אַרויף אַהער! און
זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין אין
אַ וואָלקן; און זייערע שונאים האָבן זיי געזען.
13 און אין יענער שעה איז געוואָרן אַ גרויסע ערד־
ציטערניש, און אַ צענטל פון דער שטאָט איז
איינגעפאַלן; און אין דער ערדציטערניש זענען

אומגעקומען זיבן טויזנט מענטשן; און די איבריקע
זענען פול געוואָרן מיט מורא, און האָבן אָפּגעגעבן
כבוד צום ג־ט פון הימל.

14 דער צווייטער וויי איז אַריבער; אָט קומט דער
דריטער וויי אין גיכן.

15 און דער זיבעטער מלאך האָט געבלאָזן; און עס
זענען געקומען הויכע קולות אין הימל, אַזוי צו
זאָגן: דאָס מלכות פון דער וועלט איז געוואָרן
(דאָס מלכות) פון אונזער האַר און פון זיין משיח;
און ער וועט קעניגן לעלמי עולמים. (דניאל ז, יג־יד.)

16 און די פיר און צוואָנציק זקנים, וועלכע זיצן אויף
זייערע טראָנען פאַר ג־ט, זענען אַנידערגעפאַלן
אויף זייערע פנימער און האָבן זיך געבוקט צו ג־ט,

17 און געזאָגט: מיר דאַנקען דיר, האַר ג־ט, אַלמעכ־
טיקער, וועלכער ביסט און ביסט געווען; ווייל דו
האָסט גענומען דיין גרויסע ממשלה און קע־

18 ניגסט. און די פעלקער זענען געוואָרן צאָרנדיק,
און דיין צאָרן איז געקומען, און די צייט פון די
מתים, געמשפט צו ווערן, און צו געבן דעם שכר
צו דיינע קנעכט די נביאים, און צו די קדושים,
און די, וועלכע פאָרכטן זיך פאַר דיין נאָמען, די
קליינע און די גרויסע, און צו פאַרדאַרבן די
פאַרדאַרבער פון דער ערד.

19 און עס האָט זיך אויפגעמאַכט דער היכל פון ג־ט
אין הימל, און אין זיין היכל האָט זיך באַוויזן דער
ארון הברית; און עס זענען געקומען בליצן און
קולות און דונערן און אַן ערדציטערניש און אַ
געוואַלטיקער האָגל.

## קאַפּיטל צוועלף

1 און אַ גרויס מופת האָט זיך באַוויזן אין הימל:
אַ פרוי געקליידט מיט דער זון, און די לבנה
אונטער אירע פיס, און אויף איר קאָפּ אַ קרוין
2 פון צוועלף שטערן; און זי איז מעוברת און
שרייט פון ווייען און שמאַרצן (גייענדיק) צו קינד.
3 און אַן אַנדערער צייכן האָט זיך באַוויזן אין הימל;
און אָט אַ גרויסע שלאַנג, פייער־רויט, מיט זיבן
קעפּ און צען הערנער, און אויף די קעפּ אירע
4 זיבן דיאַדעמען. און איר ווידל ציט אַראָפּ אַ
דריט חלק פון די שטערן פון הימל, און האָט
זיי געשליידערט אויף דער ערד; און די שלאַנג
האָט זיך געשטעלט פאַר דער פרוי, וועלכע האָט
געהאַלטן ביים געבוירן, כדי ווען זי וועט האָבן
איר קינד, זאָל זי (די שלאַנג) עס איינשלינגען.
5 און זי האָט געהאַט אַ בן זכר, וועלכער וועט הערשן
איבער אַלע פעלקער מיט אַן אייזערנער רוט; (תהלים
ב׳, ח־ט.) און איר קינד איז אַרויפגעכאַפּט געוואָרן צו
6 ג־ט און צו זיין כסא הכבוד. און די פרוי איז אַנטרו־
נען אין דער מדבר אַריין, וואו זי האָט געהאַט אַן אָרט
צוגעגרייט פון ג־ט, כדי מען זאָל זי דאָרט דערנערן
טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק טעג.
7 און עס איז געוואָרן אַ מלחמה אין הימל: מיכאל
און זיינע מלאכים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט דער
שלאַנג; אויך די שלאַנג און אירע מלאכים האָבן
8 מלחמה געהאַלטן; און האָבן נישט גובר געווען,
און זייער אָרט האָט זיך מער נישט געפונען אין
9 הימל. און די גרויסע שלאַנג איז אַראָפּגעוואָרפן
געוואָרן, דער נחש הקדמוני, וואָס הייסט טייוול

און שטן, וועלכער האָט פאַרפירט די גאַנצע באַ־
וואוינטע וועלט; ער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן
אויף דער ערד, און זיינע מלאכים זענען אַראָפּ־
10 געוואָרפן געוואָרן מיט אים. און איך האָב געהערט
אַ הויך קול אין הימל זאָגן: איצט איז געקומען די
ישועה און די מאַכט און דאָס מלכות פון אונזער
ג־ט, און די ממשלה פון זיין משיח; ווייל אַראָפּ־
געוואָרפן איז געוואָרן דער קטיגור פון אונזערע
ברידער, וועלכער האָט זיי פאַרקלאָגט פאַר אונזער
11 ג־ט טאָג און נאַכט. און זיי האָבן אים מנצח געווען
דורך דעם בלוט פון דעם לעמעלע, און דורך דעם
וואָרט פון זייער עדות־זאָגן; און האָבן נישט ליב
12 געהאַט זייער לעבן ביז צום טויט. צוליב דעם
פריידט זיך, איר הימלען, און איר, וועלכע וואוינט
אין זיי. וויי צו דער ערד און צום ים! ווייל דער
טייוול האָט אַראָפּגענידערט צו אייך, האָבנדיק אַ
געוואַלטיקן צאָרן, וויסנדיק, אַז ער האָט בלויז אַ
קליינע צייט.

13 און ווען די שלאַנג האָט געזען, אַז זי איז אַראָפּ־
געוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד, האָט זי פאַר־
פאָלגט די פרוי, וועלכע האָט געבוירן דעם זכר.
14 און די צוויי פליגל פון דעם גרויסן אָדלער זענען
געגעבן געוואָרן דער פרוי, כדי זי זאָל אַוועקפליען
אין דער מדבר אַריין אויף איר אָרט, וואו זי ווערט
געשפּייזט אַ צייט און צייטן און אַ האַלבע צייט,
15 ווייט פון דעם פּנים פון דער שלאַנג. און די
שלאַנג האָט אויסגעשפּיגן פון איר מויל הינטער
דער פרוי וואַסער, ווי אַ שטראָם, כדי זי זאָל מיט־
16 געריסן ווערן פון דעם שטראָם. און די ערד איז
געקומען דער פרוי צו הילף, און די ערד האָט
אויפגעמאַכט איר מויל, און איינגעשלונגען דעם

שטראָם, וואָס די שלאַנג האָט אויסגעשפּיגן פון איר
17 מויל. און די שלאַנג איז געוואָרן צאָרנדיק אויף
דער פרוי, און איז אַוועק מלחמה־האַלטן מיט די
איבריקע פון איר זאָמען, וואָס היטן אָפּ ג־טס געבאָטן
און האָבן דאָס עדות פון ישוען.
18 און זי (די שלאַנג) האָט זיך געשטעלט אויף דעם
זאַמד ביים ים.

## קאַפּיטל דרייצן

13

1 און איך האָב געזעען אַ חיה אַרויפשטייגן אויס
דעם ים, האָבנדיק צען הערנער און זיבן
קעפּ, און אויף אירע הערנער צען דיאַדעמען,
2 און אויף אירע קעפּ נעמען פון לעסטערונג. און
די חיה, וואָס איך האָב געזעען, איז געווען ענלעך
צו אַ לעמפּערט, און אירע פיס, ווי פון אַ בער, און
איר מויל, ווי דאָס מויל פון אַ לייב; און די שלאַנג
האָט איר געגעבן איר גבורה און איר טראָן און
3 גרויסע ממשלה. און איינער פון אירע קעפּ, ווי
פאַרוואונדעט צום טויט; און איר טויטלעכע מכה
האָט זיך אויסגעהיילט; און די גאַנצע ערד האָט
נאָכגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף דער חיה;
4 און מען האָט זיך געבוקט צו דער שלאַנג, ווייל זי
האָט געגעבן די ממשלה צו דער חיה; אויך האָט מען
זיך געבוקט צו דער חיה, אַזוי צו זאָגן: ווער איז
גלייך צו דער חיה? און ווער קען מלחמה־האַלטן
5 מיט איר? און עס איז איר געגעבן געוואָרן אַ מויל,
וואָס רעדט גרויסע זאַכן און לעסטערונגען; און
עס איז איר געגעבן געוואָרן מאַכט צו טון (אירע
6 מעשים) צוויי און פערציק חדשים לאַנג. און זי
האָט געעפנט איר מויל צו לעסטערונגען אַקעגן
ג־ט, צו לעסטערן זיין נאָמען און זיין משכן און

7 די, וועלכע וואוינען אין הימל· און עס איז איר
געגעבן געוואָרן צו פירן אַ מלחמה קעגן די קדושים,
און זיי מנצח צו זיין; און עס איז איר געגעבן
געוואָרן ממשלה איבער יעדן שבט און פאָלק און
8 לשון און אומה· (דניאל ז, כא, כה) און עס וועלן זיך
בוקן צו איר אַלע איינוואוינער פון דער ערד,
וועמעס נאָמען איז נישט פאַרשריבן אין דעם ספר
החיים פון דעם לעמעלע, וואָס איז געשחטן געוואָרן
9 זינט בריאת העולם· אויב עמיצער האָט אַן אויער, זאָל
10 ער הערן· אויב איינער נעמט געפאַנגען, וועט ער
גיין אין געפאַנגענשאַפט; אויב איינער טייט מיט
דער שווערד, מוז ער אַליין געטייט ווערן מיט דער
שווערד· דאָ אָ איז די סבלנות און דער גלויבן פון
די קדושים·

11 און איך האָב געזעען אַן אַנדערע חיה אַרויפ־
שטייגן פון דער ערד; און זי האָט געהאַט צוויי
הערנער, ענלעך צום לעמעלע, און גערעדט ווי אַ
12 שלאַנג· און איבט אויס יעדע ממשלה פון דער
ערשטער חיה פאַר איר און מאַכט די ערד און די,
וואָס וואוינען אויף איר, אַז זיי זאָלן זיך בוקן
צו דער ערשטער חיה, וואָס איר טויטלעכע
13 מכה האָט זיך אויסגעהיילט· און טוט גרויסע
מופתים, אַז אַפילו פייער פון הימל מאַכט זי אַראָפּ־
14 נידערן אויף דער ערד פאַר די מענטשן· און
פאַרפירט די איינוואוינער אויף דער ערד דורך
די מופתים, וואָס זענען איר געגעבן געוואָרן צו
טון פאַר דער חיה; און זאָגט צו די איינוואוינער
אויף דער ערד, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ בילד צו
דער חיה, וואָס האָט די וואונד פון דער שווערד
15 און איז (געבליבן) לעבן· און עס איז איר
געגעבן געוואָרן אַריינצוגעבן אָטעם אין דעם בילד

פון דער חיה, כדי דאָס בילד פון דער חיה זאָל
אויך רעדן, און מאַכן, אַז אַלע, וואָס וועלן זיך
נישט בוקן צום בילד פון דער חיה, זאָלן געטייט
16 ווערן. און זי מאַכט אַלעמען, די קליינע און די
גרויסע, סײַ די רייכע סײַ די אָרומע, סײַ די
פרייע סײַ די קנעכט, אַז זיי זאָלן זיך געבן אַ סימן
אויף זייער רעכטער האַנט אָדער אויף זייער שטערן;
17 און אַז קיינער זאָל נישט קענען קויפן אָדער פאַר־
קויפן, אויב ער האָט נישט דעם סימן, דעם נאָמען
18 פון דער חיה, אָדער די צאָל פון איר נאָמען. דאָ
איז די חכמה. ווער עס האָט פאַרשטאַנד, דער זאָל
באַרעכענען די צאָל פון דער חיה; וואָרום עס איז
די צאָל פון אַ מענטשן; און איר צאָל איז זעקס
הונדערט זעקס און זעכציק.

## קאַפּיטל פערצן

1 און איך האָב געזען, און אָט דאָס לעמעלע איז
געשטאַנען אויף דעם הר ציון, און מיט אים
הונדערט פיר און פערציק טויזנט, וועלכע האָבן
געהאַט זײַן נאָמען און זײַן פאָטערס נאָמען אויף־
2 געשריבן אויף זייערע שטערנס. און איך האָב
געהערט אַ קול פון הימל, ווי דאָס גערויש פון אַ
סך וואַסערן, און ווי דאָס קול פון אַ געוואַלטיקן
דונער; און דאָס קול, וואָס איך האָב געהערט, איז
געווען ווי פון האַרפנשפילער שפילנדיק אויף
3 זייערע האַרפעס; און זיי זינגען אַ נייעם שיר
פאַר דעם כסא הכבוד און פאַר די פיר חיות
און זקנים; און קיינער האָט נישט געקענט לערנען
דעם שיר, אַחוץ די הונדערט פיר און פערציק טויזנט,
4 די אויסגעקויפטע פון דער ערד. די דאָזיקע זענען

עס, וואָס האָבן זיך נישט באַפלעקט מיט קיין
פרויען; וואָרום זיי זענען (ווי) בתולות. די דאָזיקע
פאָלגן נאָך דאָס לעמעלע, וואו עס גייט נאָר. די
דאָזיקע זענען אויסגעקויפט געוואָרן פון צווישן
די מענטשן, ווי ביכורים פאַר ג־ט און פאַר דעם
5 לעמעלע; און אין זייער מויל איז נישט געפונען
געוואָרן קיין שקר; וואָרום זיי זענען אָן אַ מום.
6 און איך האָב געזען אַן אַנדערן מלאך פליען
אינמיטן הימל, האָבנדיק אַן אייביקע גוטע
בשורה אָנצוזאָגן צו די, וועלכע וואוינען אויף
דער ערד און צו יעדער אומה און שבט און לשון
7 און פאָלק. און האָט געזאָגט מיט אַ הויך קול:
האָט מורא פאַר ג־ט, און גיט אים אָפּ כבוד, ווייל
עס איז געקומען די שעה פון זיין משפט; און
בוקט זיך צום באַשעפער פון הימל און ערד און
ים און קוואַלן וואַסער.
8 און אַן אַנדערער, אַ צווייטער מלאך, האָט נאָכ־
געפאָלגט, זאָגנדיק: געפאַלן, געפאַלן איז בבל, די
גרויסע, וועלכע האָט אָנגעטרונקען אַלע פעלקער
מיט דעם צאָרנוויין פון איר זנות.
9 און אַן אַנדערער מלאך, אַ דריטער, האָט זיי
נאָכגעפאָלגט, זאָגנדיק מיט אַ הויך קול: אויב איינער
בוקט זיך צו דער חיה און איר בילד, און נעמט אָן
דעם סימן אויף זיין שטערן אָדער אויף זיין האַנט,
10 וועט ער אויך טרינקען פון ג־טס צאָרנוויין, וואָס
איז אָנגעגאָסן נישט אויסגעמישט אין דעם בעכער
פון זיין צאָרן, און געפּייניקט ווערן אין פייער
און שוועבל פאַר די הייליקע מלאכים און פאַר
11 דעם לעמעלע; און דער רויך פון זייער פּייניקונג
שטייגט אַרויף לעלמי עולמים; און עס האָבן נישט
קיין מנוחה ביי טאָג און ביינאַכט די, וועלכע בוקן

זיך צו דער חיה און איר בילד, און ווער עס נעמט
12 אָן דעם סימן פון איר נאָמען. דאָ איז די סבלנות
פון די קדושים, וועלכע היטן אָפּ ג־טס געבאָטן
און די אמונה פון ישוען.
13 און איך האָב געהערט אַ קול פון הימל, אַזוי צו
זאָגן: שרייב: וואויל איז די טויטע, וועלכע שטאַרבן
אין דעם האַר, פון איצט אָן! יאָ—זאָגט דער גייסט—
כדי זיי זאָלן האָבן מנוחה פון זייער מי; וואָרום
זייערע מעשים פאָלגן זיי נאָך.
14 און איך האָב געזען, און אָט אַ ווייסער וואָלקן,
און אויף דעם וואָלקן איז געזעסן איינער, ענלעך
צום בן־אדם, האָבנדיק אויף זיין קאָפּ אַ גאָלדענע
קרוין, און אין דער האַנט זיינער אַ שאַרף
15 שניידמעסער. און אַן אַנדערער מלאך איז אַרויס־
געגאַנגען פון דעם היכל, שרייענדיק מיט אַ הויך
קול צו אים, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן:
שיק דיין שניידמעסער, און שנייד; ווייל עס איז
(שוין) געקומען די שעה צו שניידן, מחמת דער
שניט פון דער ערד איז צייטיק געוואָרן. (יואל ד, יג.)
16 און דער, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן, האָט
געוואָרפן זיין שניידמעסער אויף דער ערד; און די
ערד איז געשניטן געוואָרן.
17 און אַן אַנדערער מלאך איז אַרויסגעגאַנגען פון
דעם היכל אין הימל, און אויך ער האָט געהאַט אַ
18 שאַרף שניידמעסער. און אַן אַנדערער מלאך איז
אַרויסגעגאַנגען פון דעם מזבח, דער, וואָס האָט געהאַט
ממשלה איבער דעם פייער; און האָט גערופן מיט
אַ הויך קול צו דעם, וועלכער האָט געהאַט דאָס
שאַרפע שניידמעסער, אַזוי צו זאָגן: שיק דיין שאַרף
שניידמעסער, און זאַמל איין די הענגלעך וויינ־
טרויבן פון דעם וויינשטאָק פון דער ערד; ווייל

19 זיינע טרויבן זענען (שוין) רייף. און דער מלאך האָט
געוואָרפן זיין שניידמעסער אויף דער ערד און האָט
געשניטן די ווייַנטרויבן פון דעם ווייַנשטאָק פון דער
ערד און זיי געוואָרפן אין דעם גרויסן קעלטער פון
20 ג־טס צאָרן. און דער קעלטער איז געטרעטן געוואָרן
אויסערהאַלב דער שטאָט, און בלוט איז אַרויס־
געפלאָסן פון דעם קעלטער, ביז צו די ציימלעך פון
די פערד, אַ שטח פון טויזנט זעקס הונדערט אַקער
פעלד.

## קאַפּיטל פופצן

15

1 און איך האָב געזען אַן אַנדער מופת אין הימל,
גרויס און וואונדערבאַר: זיבן מלאכים, וועלכע
האָבן געהאַט די זיבן לעצטע מכות, ווייל מיט די
דאָזיקע האָט זיך פאַרענדיקט ג־טס צאָרן.
2 און איך האָב געזען, ווי אַ קריסטאָלענעם ים
געמישט מיט פייער; און די, וואָס האָבן גובר
געווען די חיה און איר בילד און די צאָל פון
איר נאָמען; און זיי זענען געשטאַנען ביים קריס־
3 טאָלענעם ים, האָבנדיק האַרפּעס פון ג־ט. און
זיי זינגען דאָס ליד פון משה (רבינו) ג־טס
קנעכט, און דאָס ליד פון דעם לעמעלע, אַזוי צו
זאָגן: גרויס און וואונדערבאַר זענען דיינע מעשים,
האַר, ג־ט, אַלמעכטיקער; גערעכט און אמת זענען
4 דיינע דרכים, דו קעניג פון די פעלקער! ווער וועט
נישט מורא האָבן פאַר דיר, אָ האַר, און נישט
אָפּגעבן כבוד צו דיין נאָמען? ווייל דו אַליין ביסט
הייליק; יאָ, אַלע גוים וועלן קומען און זיך בוקן
פאַר דיר; ווייל דיינע גערעכטע משפטים זענען
אַנטפּלעקט געוואָרן.
5 און נאָך דעם האָב איך געזען, און עס האָט זיך

אויפגעמאַכט דער היכל פון דעם משכן העדות אין
הימל; און עס זענען אַרויסגעקומען פון דעם היכל 6
די זיבן מלאכים, וועלכע האָבן די זיבן פּלאָג, אָנגעטון
אין ריינע לייוונט, וואָס האָט געגלאַנצט, און אַרומ־
געגאַרטלט אַרום דער ברוסט מיט גאַרטלען פון
גאָלד. און איינע פון די פיר חיות האָט געגעבן 7
די זיבן מלאכים זיבן גאָלדענע געפעסן, פול
מיט דעם צאָרן פון ג־ט, וועלכער לעבט לעולמי
עולמים. און דער היכל האָט זיך אָנגעפילט מיט 8
רויך פון דער הערלעכקייט פון ג־ט און פון זיין
קראַפט; און קיינער האָט נישט געקענט אַריינגיין
אין דעם היכל אַריין, ביז עס וועלן פאַרענדיקט
ווערן די זיבן פּלאָג פון די זיבן מלאכים.

## קאַפּיטל זעכצן 16

און איך האָב געהערט אַ הויך קול פון דעם 1
היכל זאָגן צו די זיבן מלאכים: גייט, און לעערט
אויס די זיבן געפעסן פון ג־טס צאָרן אויף דער
ערד!

און דער ערשטער איז אַוועק, און האָט אויס־ 2
געגאָסן זיין געפעס אויף דער ערד; און עס זענען
געקומען בייזע און ווייטאָקדיקע געשווירן אויף
די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דעם סימן פון
דער חיה און וואָס האָבן זיך געבוקט צו איר
בילד.

און דער צווייטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס 3
אויף דעם ים; און עס איז געוואָרן צו בלוט, ווי
פון אַ מת; און עס איז אָפּגעשטאָרבן יעדעס לעבע־
דיקע באַשעפעניש, וואָס איז געווען אין ים.

און דער דריטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס 4

אויף די טייכן און קוואַלן וואַסערן; און זיי זענען
5 געוואָרן צו בלוט. און איך האָב געהערט דעם מלאך
פון די וואַסערן זאָגן: דו ביסט גערעכט, וואָס ביסט
און ביסט געווען, דער הייליקער, מחמת דו האָסט
6 אַזוי געמשפּט; דען זיי האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט
פון קדושים און נביאים, און בלוט האָסטו זיי געגעבן
7 צו טרינקען; זיי זענען עס ווערט. און איך האָב
געהערט דעם מזבח זאָגן: יאָ, האַר, ג-ט אַלמעכ-
טיקער, וואָרהאַפטיק און גערעכט זענען דײַנע
משפטים!

8 און דער פערטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס
אויף דער זון; און עס איז איר געגעבן געוואָרן
9 אָפּצוזענגען די מענטשן מיט פייער. און די מענטשן
זענען אָפּגעזענגט געוואָרן מיט אַ געוואַלטיקער
היץ, און האָבן געלעסטערט דעם נאָמען פון ג-ט,
וואָס האָט די מאַכט איבער די דאָזיקע מכות; און
האָבן נישט תשובה געטון, אָפּצוגעבן כבוד צו
אים.

10 און דער פינפטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס
אויף דעם טראָן פון דער חיה; און איר מלכות איז
פאַרפינסטערט געוואָרן; און זיי האָבן זיך צעביסן
11 זייערע צונגען פון שמאַרץ, און געלעסטערט דעם
ג-ט פון הימל פאַר זייערע יסורים און פאַר
זייערע געשווירן; און האָבן נישט תשובה געטון
פון זייערע מעשים.

12 און דער זעקסטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס
אויף דעם גרויסן טייך, דעם טייך פּרת; און זיין
וואַסער איז אויסגעטרוקנט געוואָרן, כדי עס זאָל
צוגעגרייט ווערן דער וועג פאַר די מלכים פון דעם
13 אויפגאַנג פון דער זון. און איך האָב געזען פון
דעם מויל פון דער שלאַנג און פון דעם מויל פון

דער חיה און פון דעם מויל פון דעם פאַלשן נביא
14 אַרויסגיין דריי אומריינע רוחות, ווי פרעש; וואָרום
זיי זענען טייוולאָנישע גייסטער, וועלכע טון אותות
(ומופתים); און גייען צו די מלכים פון דער גאַנצער
באַוואוינטער וועלט, זיי איינצוזאַמלען צו דער
מלחמה פון דעם גרויסן טאָג פון ג-ט, דעם אַלמעכ־
15 טיקן.—זע, איך קום ווי אַ גנבֿ! וואויל איז דעם,
וועלכער וואַכט און היט אָפּ זיינע מלבושים, כדי
ער זאָל נישט אַרומגיין נאַקעט, און מען זאָל נישט
16 זעען זיין שאַנד!—און זיי האָבן זיי איינגעזאַמלט
אויף אַן אָרט, וואָס הייסט אויף לשון קודש הר
מגידון.

17 און דער זיבעטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס
אין דער לופטן; און עס איז אַרויסגעקומען אַ הויך
קול אויס דעם היכל, פון דעם כסא הכבוד, זאָגנדיק:
18 עס איז געשען! און עס זענען געקומען בליצן
און קולות און דונערן; און עס איז געוואָרן אַ
געוואַלטיקע ערדציטערניש, וואָס אַזעלכעס איז
נישט געשען זינט עס איז געווען אַ מענטש אויף
דער ערד, אַזאַ ערדציטערניש, אַזוי געוואַלטיק.
19 און די גרויסע שטאָט איז (צעריסן) געוואָרן אויף
דריי חלקים, און די שטעט פון די גוים זענען איינ־
געפאַלן; און בבל די גרויסע איז געדענקט געוואָרן
פאַר ג-ט, אַז ער זאָל איר געבן דעם בעכער פון
20 צאָרנוויין פון זיין גרימצאָרן. און יעדע אינזל איז
פאַרשוואונדן, און די בערג האָבן זיך מער נישט
21 געפונען. און אַ גרויסער האָגל, ווי אַ צענטנער
שווער, איז געפאַלן פון הימל אויף די מענטשן;
און די מענטשן האָבן געלעסטערט ג-ט צוליב דער
מכה פון האָגל; ווייל די דאָזיקע מכה איז געווען
שרעקלעך גרויס.

## קאַפּיטל זיבעצן 17

1 און עס איז געקומען איינער פון די זיבן מלאכים,
ווּעלכע האָבן געהאַט די זיבן געפעסן, און האָט
גערעדט מיט מיר, אַזוי צו זאָגן: קום, איך וועל
דיר ווייזן דאָס משפּט פון דער גרויסער זונה, וואָס
2 זיצט אויף פיל וואַסערן; מיט וועלכער די מלכים
פון דער ערד האָבן מזנה געווען, און די איינוואוינער
פון דער ערד האָבן זיך אָנגעשכורט מיט דעם וויין
3 פון איר זנות. און ער האָט מיך אַוועקגעפירט אינם
גייסט אין אַ מדבר אַריין; און איך האָב געזען אַ
פרוי זיצן אויף אַ שאַרלאַך־רויטער חיה, פול מיט
נעמען פון לעסטערונג, און מיט זיבן קעפּ און צען
4 הערנער. און די פרוי איז געווען אָנגעטון אין
פּורפּור און שאַרלאַך, און אויסגעצירט מיט גאָלד
און איידלשטיינער און פּערל, און האָט געהאַט אַ
גאָלדענעם בעכער אין איר האַנט, פול פון אומוויר־
דיקייטן און די אומזויבערקייטן פון איר זנות,
5 און אויף איר שטערן איז געווען אויפגעשריבן אַ
נאָמען, אַ סוד: בבל די גרויסע, די מוטער פון די
זונות און פון די אומווירדיקייטן פון דער ערד.
6 און איך האָב געזען די פרוי שכור מיט דעם בלוט
פון די קדושים, און מיט דעם בלוט פון ישועס עדות.
און זעענדיק זי, בין איך נשתומם געוואָרן מיט אַ
7 גרויסער דערשטוינונג. און דער מלאך האָט צו
מיר געזאָגט: פאַרוואָס ביסטו נשתומם געוואָרן?
איך וועל דיר אויסזאָגן דעם סוד פון דער פרוי,
און פון דער חיה, וואָס טראָגט זי און וואָס האָט די
8 זיבן קעפּ און די צען הערנער. די חיה, וואָס דו
האָסט געזען, איז געווען, און איז (מער) נישטאָ,

און וועט אַרויפשטייגן אויס דעם תהום און גיין צו
פאַרדאַרבונג. און די איינוואוינער אויף דער ערד,
וועמעס נאָמען איז נישט פאַרשריבן אין דעם ספר
החיים פון בריאת העולם אָן, וועלן זיך וואונדערן,
ווען זיי וועלן זעען די חיה, אַז זי איז געווען און
9 איז (מער) נישטאָ און וועט ווידער זיין. דאָ איז
דער זין, וואָס האָט חכמה: די זיבן קעפּ זענען זיבן
10 בערג, אויף וועלכע די פרוי זיצט; און זענען זיבן
מלכים; פינף זענען געפאַלן, איינער איז דאָ, דער
אַנדערער איז נאָך נישט געקומען; און ווען ער
11 וועט קומען, מוז ער בלייבן אַ קורצע צייט. און
די חיה, וואָס איז געווען און איז (מער) נישטאָ,
איז אַליין אויך דער אַכטער, און איז פון די זיבן;
12 און גייט צו פאַרדאַרבונג. און די צען הערנער,
וואָס דו האָסט געזען, זענען צען מלכים, וועלכע
האָבן נאָך נישט באַקומען קיין קעניגרייך; נאָר זיי
באַקומען ממשלה ווי מלכים מיט דער חיה אויף איין
13 שעה. די דאָזיקע האָבן איין מיינונג, און געבן
14 זייער כוח און ממשלה צו דער חיה. זיי וועלן
מלחמה האַלטן מיט דעם לעמעלע, און דאָס לעמעלע
וועט זיי מנצח זיין, ווייל עס איז האַר איבער האַרן,
און קעניג איבער קעניגן; און די, וועלכע זענען מיט
אים, זענען גערופענע און אויסדערוויילטע און געט־
15 טרייע. און ער זאָגט צו מיר: די וואַסערן, וואָס דו
האָסט געזען, וואו די זונה זיצט, זענען פעלקער און
16 און המונים מענטשן און אומות און לשונות. און די
צען הערנער, וואָס דו האָסט געזען, און די חיה,
זיי וועלן האַסן די זונה, און וועלן זי מאַכן וויסט
און נאַקעט, און וועלן פאַרצערן איר פלייש, און
17 זי פאַרברענען אין פייער. וואָרום ג־ט האָט
עס זיי געגעבן אין זייערע הערצער אַריין, צו טון

זיין עצה, און צו מאַכן איין דעה, און צו געבן
זייער קעניגרייך צו דער חיה, ביז ג-טס ווערטער
18 וועלן דערפילט ווערן. און די פרוי, וואָס דו האָסט
געזען, איז די גרויסע שטאָט, וואָס האָט אַ
מלכות איבער די מלכים פון דער ערד.

## קאַפּיטל אַכצן

18

1 באָך דעם האָב איך געזען אַן אַנדערן מלאך אַראָפּ־
קומען פון הימל, האָבנדיק גרויס מאַכט; און די
ערד איז דערלויכט געוואָרן פון זיין הערלעכקייט.
2 און ער האָט אַ געשריי געטון מיט אַ שטאַרק קול,
אַזוי צו זאָגן: געפאַלן, געפאַלן איז בבל די גרויסע,
און געוואָרן איז זי אַ וואוינונג פאַר טייוולאָנים,
און אַ געפענקעניש פאַר יעדן אומריינעם גייסט,
און אַ תפיסה פאַר איטלעכן אומריינעם און העס־
3 לעכן פויגל! מחמת פון דעם צאָרנווייןפון איר
זנות זענען געפאַלן אַלע פעלקער; און אַלע מלכים
פון דער ערד האָבן מזנה געווען מיט איר, און פון
דער שפע פון אירע תענוגים זענען די סוחרים פון
דער ערד רייך געוואָרן.
4 און איך האָב געהערט אַן אַנדער קול פון הימל
זאָגן: קומט אַרויס פון איר, אָ מיין פאָלק, כדי
איר זאָלט נישט האָבן קיין אָנטייל אין אירע זינד,
און אַז איר זאָלט נישט באַקומען פון אירע מכות;
5 ווייל אירע חטאים האָבן דערגרייכט ביז צום
הימל, און ג-ט האָט זיך דערמאָנט אירע אומגע־
6 רעכטיקייטן. פאַרגעלט איר, ווי זי האָט אייך
פאַרגאָלטן, און מאַכט עס כפלי כפלים לויט אירע
מעשים; אין דעם בעכער, אין וועלכען זי האָט
7 געמישט, זאָלט איר מישן טאָפּלט פאַר איר! אויף

וויפל זי האָט זיך פאַרהערלעכט און געלאָזט וואויל־
גיין, אויף אַזויפיל זאָלט איר איר געבן ליידן און
פּיין; ווייל אין איר האַרץ זאָגט זי: איך טראָן אַ
קעניגין, און בין נישט קיין אלמנה, און טרויער
8 וועל איך אויף קיין פאַל נישט זעען. דעריבער אין
איין טאָג וועלן זיי קומען, די מכות אירע, דער
טויט און פּיין און הונגער; און זי וועט פאַר־
ברענט ווערן אין פייער; ווייל שטאַרק איז דער האַר
9 ג־ט, וועלכער משפט זי. און וויינען און קלאָגן
וועלן איבער איר די מלכים פון דער ערד, וועלכע
האָבן מיט איר מזנה געווען און זיך געלאָזט וואויל־
גיין, ווען זיי וועלן קוקן אויף דעם רויך פון איר
10 פייער; פונדערווייטנס וועלן זיי בלייבן שטיין צוליב
דער מורא פון אירע ליידן, און וועלן זאָגן: וויי, וויי,
די שטאָט די גרויסע, בבל, די שטאָט די שטאַרקע!
11 מחמת אין איין שעה איז איר משפט געקומען. און
די סוחרים פון דער ערד וויינען און קלאָגן איבער
איר, ווייל קיינער קויפט נישט מער זייער סחורה;
12 סחורה פון גאָלד און פון זילבער און פון טייערע
שטיינער און פון פּערל און פון פיינע לייוונט און
פון פּורפּור און פון זיידנס און פון שאַרלאַך, און
יעדעס שמעקעדיקע האָלץ און כלערליי כלים פון
העלפאַנטביין און אַלע געפעסן פון קאָסטבאַר האָלץ
13 און פון קופּער און אייזן און מאַרמאָרשטיין, און
צימערינג און באַלזאַם און רויך־געווירצן און מירע
און ווייררויך און וויין און בוימל און זעמלמעל און
ווייץ און לאַסט־בהמות און שאָף, און פערד און
14 וועגנס, און שקלאַפן און מענטשלעכע נפשות. און
דאָס אויבסט, וואָס דיין זעל האָט געגלוסט, איז
אַוועק פון דיר, און איטלעכע פּראַכט און גלאַנץ
איז דיר פאַרלוירן געגאַנגען, און מען וועט זיי

15 בשום אופן מער נישט געפונען. די דאָזיקע סוחרים,
וואָס זענען פון איר רייך געוואָרן, וועלן שטיין
פונדערווייטנס צוליב דער אימה פון אירע ליידן, און
16 וועלן וויינען און טרויערן, זאָגנדיק: וויי, וויי, די
גרויסע שטאָט, וואָס איז געווען אָנגעטון אין
זיידנס און פורפור און שאַרלאַך, און אויסגעצירט
מיט גאָלד און קאָסטבאַרע שטיינער און פערל!
17 אַז אין איין (איינציקער) שעה איז אַזאַ עשירות
חרוב געוואָרן. און יעדער שיפסקאַפּיטאַן, און
יעדער איינער, וואָס פאָרט (פון אָרט) צו אָרט אויף
אַ שיף, און רודערער, און אַלע, וועלכע אַרבעטן
18 אויפן ים, זענען געשטאַנען פונדערווייטנס, און
האָבן געשריגן, זעענדיק דעם רויך פון איר שרפה,
אַזוי צו זאָגן: ווער (צווישן שטעט) איז גלייך צו
19 דער גרויסער שטאָט? און האָבן געוואָרפן שטויב
אויף זייערע קעפּ, און געשריגן, וויינענדיק און
קלאָגנדיק, אַזוי צו זאָגן: וויי, וויי, דו גרויסע
שטאָט! אין וועלכער עס זענען רייך געוואָרן
אַלע, וואָס האָבן געהאַט שיפן אויפן ים, פון איר
וואוילשטאַנד! אַז אין איין (איינציקער) שעה איז
20 זי חרוב געוואָרן. פריי דיך איבער איר, אָ הימל,
און די קדושים, און די שליחים, און די נביאים;
ווייל ג־ט האָט געמשפט אייער משפט אויף
איר.
21 און אַ שטאַרקער מלאך האָט אויפגעהויבן אַ שטיין,
ווי אַ גרויסער מילשטיין, און אים געוואָרפן אין
ים אַריין, זאָגנדיק: מיט אַזאַ אימפּעט אָ וועט
בבל, די גרויסע שטאָט, צעוואָרפן ווערן, און
22 זיך שוין מער נישט געפינען! און קיין קלאַנג פון
האַרפנשפּילער און זינגער און שפּילער אויף אַ
פלייט און טרומייטערער וועט שוין מער נישט

געהערט ווערן אין דיר; און קיין קינסטלער פון
קיין שום קונסט וועט אין דיר מער נישט געפונען
ווערן; און דאָס גערויש פון אַ מיל וועט מער נישט
23 געהערט ווערן אין דיר; און דאָס ליכט פון אַ לייכטער
וועט מער נישט שײַנען אין דיר; און דאָס קול פון
אַ חתן און אַ כלה וועט מער נישט געהערט ווערן
אין דיר; מחמת דײַנע קויפלײַט זענען געווען די
פירשטן פון דער ערד; ווײַל דורך דײַן כּישוף
24 זענען פאַרפירט געוואָרן אַלע פעלקער. און אין
איר איז געפונען געוואָרן דאָס בּלוט פון די נביאים
און קדושים, און פון אַלע הרוגים אויף דער ערד.

## קאַפּיטל ניינצן 19

1 נאָך דעם האָב איך געהערט ווי אַ הויך קול פון
אַ גרויסן המון מענטשן אין הימל זאָגן: הללויה!
די ישועה און דער כבוד און די מאַכט געהערן צו
2 אונזער ג-ט; ווײַל וואָרהאַפטיק און גערעכט זענען
זײַנע משפּטים; דען ער האָט געמשפּט די גרויסע
זונה, וואָס האָט פאַרדאָרבן די ערד מיט איר
זנות, און זיך נוקם געווען פאַר דעם בּלוט פון
3 זײַנע קנעכט אויס איר האַנט. און אַ צווייטמאָל
האָבן זיי געזאָגט: הללויה! און דער רויך אירער
4 שטײַגט אַרויף לעלמי עולמים! און די פיר און
צוואָנציק זקנים זענען אַנידערגעפאַלן און די פיר
חיות און האָבן זיך געבּוקט צו ג-ט, וועלכער זיצט
אויף דעם כּסא הכבוד, און האָבן געזאָגט: אמן!
5 הללויה! און עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ קול פון דעם
כּסא־הכבוד, אַזוי צו זאָגן: לויבּט אונזער ג-ט, אַלע
זײַנע קנעכט, איר, וועלכע האָבן מורא פאַר אים,
6 די קליינע און די גרויסע. און איך האָב געהערט,

ווי אַ קול פון אַ גרויסן המון מענטשן, און ווי
דאָס ברויזן פון אַ סך וואַסערן, און ווי די שטימע
פון שטאַרקע דונערן, זאָגנדיק: הללויה! דען דער
האַר, אונזער ג־ט, דער אַלמעכטיקער, איז געוואָרן
7 מלך! לאָמיר זיך משמח זיין און פרייען, און אים
אָפּגעבן כבוד; ווייל עס איז געקומען די חתונה
פון דעם לעמעלע, און זיין ווייב האָט זיך צוגעגרייט.
8 און עס איז איר געגעבן געוואָרן, זיך אָנצוקליידן
אין פיינער לייוונט, גלאַנצנד און לויטער; וואָרום
די פיינע לייוונט איז די צדקות פון די קדושים.
9 און ער האָט צו מיר געזאָגט: שרייב: וואויל
איז די, וואָס זענען גערופן צו דעם חתונה־
מאָלצייט פון דעם לעמעלע! און ער האָט צו מיר
געזאָגט: די דאָזיקע זענען די וואָרהאַפטיקע ווערטער
10 פון ג־ט. און איך בין אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע
פיס, זיך צו בוקן צו אים. און ער האָט צו מיר
געזאָגט: גיב אַכטונג, טו דאָס נישט; איך בין דיינער
אַ מיטקנעכט און פון דיינע ברידער, וואָס האָבן
דאָס עדות פון ישוען; צו ג־ט זאָלסטו דיך בוקן;
וואָרום דאָס עדות פון ישוען, דאָס איז דער רוח
הנבואה.

11 און איך האָב געזען דעם הימל אָפן; און אָט אַ
ווייס פערד, און דער, וואָס איז דערויף געזעסן,
הייסט געטריי און וואָרהאַפטיק; און מיט גערעכטיקייט
12 משפט ער און פירט מלחמה. און זיינע אויגן זענען
ווי אַ פלאַם פייער, און אויף דעם קאָפּ זיינעם האָט
ער אַ סך קרוינען; און אַ נאָמען אויפגעשריבן,
13 וואָס קיינער קען נישט אַחוץ ער אַליין. און ער
גייט אָנגעטון אַ מלבוש, איינגעטונקט אין בלוט; און
14 זיין נאָמען הייסט מימרא דה׳ (ג־טס וואָרט). און
די הערשאַרן אין הימל האָבן אים נאָכגעפאָלגט אויף

ווייסע פערד, געקליידט אין פיינער לייוונט, לויטער
15 ווייס. און פון זיין מויל גייט אַרויס אַ שאַרפע
שווערד, כדי מיט איר זאָל ער שלאָגן די גוים; און
ער וועט הערשן איבער זיי מיט אַן אייזערנער רוט;
און ער טרעט דעם קעלטער פון דעם צאָרנוויין
16 פון דעם אַלמעכטיקן ג-טס גרימצאָרן. און האָט
אַ נאָמען אויף זיין קלייד און אויף זיין דיך אויפ־
געשריבן: מלך המלכים און אדון האדונים.
17 און איך האָב געזען אַ מלאך שטיין אין דער זון,
און ער האָט געשריגן מיט אַ הויך קול, אַזוי צו
זאָגן צו אַלע פייגל, וואָס פליען אינמיטן הימל:
קומט, זאַמלט אייך איין צו ג-טס גרויסער סעודה;
18 כדי איר זאָלט עסן דאָס פלייש פון מלכים און דאָס
פלייש פון הויפטלייט און דאָס פלייש פון גבורים
און דאָס פלייש פון פערד און פון זייערע רייטער,
און דאָס פלייש פון אַלע פרייע (מענטשן) און פון
קנעכט, פון קליין און פון גרויס!
19 און איך האָב געזען די חיה, און די מלכים פון
דער ערד און זייערע חיילות, פאַרזאַמלט צו פירן
מלחמה מיט דעם רייטער אויף דעם פערד און מיט
20 זיינע הערשאַרן. און די חיה איז געפאַנגען געוואָרן,
און מיט איר דער פאַלשער נביא, וואָס האָט
געטון די אותות (ומופתים) פאַר איר, מיט וועלכע
ער האָט פאַרפירט די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם
סימן פון דער חיה און זיך געבוקט צו איר בילד;
לעבעדיקערהייט זענען זיי ביידע אַריינגעוואָרפן
געוואָרן אין דעם טייך פון פייער, וואָס ברענט מיט
21 שוועבל; און די איבעריקע זענען געטייט געוואָרן מיט
דער שווערד, וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון
דעם רייטער אויפן פערד; און אַלע פייגל זענען
זאַט געוואָרן פון זייער פלייש.

## קאַפּיטל צוואַנציק

1 און איך האָב געזעען אַ מלאך אַראָפּנידערן פֿון
הימל, האָבנדיק דעם שליסל צום אָפּגרונט
2 און אַ גרויסע קייט אין זיין האַנט. און ער
האָט געכאַפּט די שלאַנג, דעם נחש הקדמוני, וואָס
איז דער טייוול (אַליין) און דער שטן, און
3 אים געבונדן אויף טויזנט יאָר, און אַרייַנ־
געוואָרפֿן אין תהום אַריין, און אים פֿאַרשלאָסן
און פֿאַרחתמט פֿון אויבן, כדי ער זאָל מער נישט
פֿאַרפֿירן די פֿעלקער, ביז די טויזנט יאָר וועלן
זיך ענדיקן; דערנאָך מוז ער לויז ווערן אויף אַ
קורצער צייט.
4 און איך האָב געזעען טראָנען, און מען האָט זיך
אַנידערגעזעצט אויף זיי, און דאָס משפט איז זיי
געגעבן געוואָרן; און די נשמות פֿון די, וואָס מען
האָט זיי אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ צוליב דעם עדות־זאָגן
פֿון ישוען און צוליב ג־טס וואָרט, און וועלכע האָבן
זיך נישט געבוקט צו דער חיה, נישט צו איר בילד,
און נישט אָנגענומען דעם סימן אויף זייער
שטערן און נישט אויף זייער האַנט; און זיי זענען
לעבעדיק געוואָרן, און האָבן געקעניגט צוזאַמען
5 מיט דעם משיח טויזנט יאָר. די איבעריקע מתים
זענען נישט לעבעדיק געוואָרן ביז די טויזנט יאָר
האָבן זיך געענדיקט. דאָס איז דאָס ערשטע תחית
6 המתים. געבענטשט און הייליק איז דער, וואָס
האָט אַ חלק אין דעם ערשטן אויפֿשטיין; איבער די
דאָזיקע האָט דער צווייטער טויט נישט קיין שליטא;
נאָר זיי וועלן זיין כוהנים פֿאַר ג־ט און פֿאַר דעם
משיח, און וועלן קעניגן מיט אים די טויזנט יאָר.

7 און ווען עס וועלן זיך ענדיקן די טויזנט יאָר,
וועט דער שטן אַרויסגעלאָזט ווערן פון זיין גע־
8 פענקעניש, און וועט אַרויסגיין צו פאַרפירן די
פעלקער אין די פיר עקן פון דער ערד, גוג און
מגוג, זיי איינצוזאַמלען צו דער מלחמה; זייער צאָל
9 איז ווי די צאָל פון דעם זאַמד ביים ים. און זיי
זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער ברייט פון דער
ערד און האָבן אַרומגערינגלט די מחנה פון די
קדושים און די געליבטע שטאָט; און אַ פייער האָט
אַראָפּגענידערט פון הימל, און זיי פאַרצערט. (יחזקאל
10 לח, ב, כב.) און דער טייוול, וואָס האָט זיי פאַרפירט,
איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינעם טייך פון פייער
און שוועבל, וואו (עס געפינען זיך) אויך די חיה און
דער פאַלשער נביא; און זיי וועלן געפּייניקט ווערן
בייטאָג און ביינאַכט לעלמי עולמים.

11 און איך האָב געזען אַ גרויסן ווייסן כסא־הכבוד,
און דעם, וועלכער איז געזעסן אויף אים; פאַר
זיין פּנים זענען ערד און הימל אַנטרונען; און קיין
12 אָרט האָט זיך מער נישט געפונען פאַר זיי. און
איך האָב געזען די טויטע, די גרויסע און די קליינע,
שטיין פאַר דעם כסא־הכבוד; און ספרים זענען
געווען אויפגעמאַכט; און אַן אַנדער ספר איז אויפ־
געמאַכט געוואָרן, דאָס איז דאָס ספר החיים (בוך
פון לעבן); און די מתים זענען געמשפּט געוואָרן
אויס דעם, וואָס שטייט געשריבן אין די ספרים,
13 לויט זייערע מעשים. און דער ים האָט אָפּגעגעבן
די טויטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אים; און
דער טויט און דאָס שאול־תחתיה האָבן אָפּגעגעבן
די מתים, וואָס זענען געווען אין זיי; און יעדער
איינער איז געמשפּט געוואָרן לויט זיינע מעשים.
14 און דער טויט און דאָס שאול־תחתיה זענען

אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טייך פון פייער·
דאָס איז דער צווייטער טויט—דער טייך פון פייער·
15 און ווער עס האָט זיך נישט געפונען איינגעשריבן
אין דעם ספר פון לעבן, דער איז אַריינגעוואָרפן
געוואָרן אין דעם טייך פון פייער·

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

1 און איך האָב געזעען אַ נייעם הימל און אַ נייע
ערד; וואָרום דער ערשטער הימל און די ערשטע
ערד זענען פאַרגאַנגען; און דער ים איז מער נישטאָ·
2 (ישעיהו סה, יז·) און די הייליקע שטאָט ירושלים האָב
איך געזעען אַראָפּנידערן ביי אויס דעם הימל פון ג-ט,
3 צוגעגרייט ווי אַ כלה אויסגעצירט פאַר איר מאַן· און
האָב געהערט אַ הויך קול פון דעם כסא־הכבוד,
אַזוי צו זאָגן: זע, דאָס משכן פון ג-ט איז מיט די
מענטשן, און ער וועט וואוינען צווישן זיי, און זיי
וועלן זיין זיינע פעלקער, און ג-ט אַליין וועט זיין
4 מיט זיי· און וועט אָפּווישן יעדע טרער פון זייערע
אויגן; און דער טויט וועט שוין מער נישט עקזיס־
טירן; עס וועט מער נישט זיין קיין טרויער, קיין
געשריי, קיין שמאַרץ; ווייל די ערשטע זאַכן
5 זענען פאַרביי· און דער, וועלכער זיצט אויפן
כסא־הכבוד, האָט געזאָגט: זע, איך מאַך אַלץ ניי!
נאָך האָט ער געזאָגט: שרייב! מחמת די דאָזיקע
6 ווערטער זענען באַגלויבט און וואָרהאַפטיק! און
האָט צו מיר געזאָגט: עס איז געשעען· איך
בין דער אלף און דער תיו, דער אָנהויב און דער
סוף· איך וועל געבן דעם דורשטיקן אויס דעם
7 קוואַל פון וואַסער פון לעבן אומזיסט· ווער עס
איז מנצח, דער וועט ירשענען די דאָזיקע זאַכן;

און איך וועל זיין צו אים פאַר אַ ג״ט, און ער וועט
8 זיין צו מיר אַ זון. די שרעקעוודיקע אָבער און
אומגלויביקע און אומווירדיקע און רוצחים און
זונים און מכשפים און געצנדינער און אַלע ליגנער,
זייער חלק וועט זיין אין דעם טייך, וואָס ברענט מיט
פייער און שוועבל; דאָס איז דער צווייטער טויט!
9 און עס איז געקומען איינער פון די זיבן מלאכים,
וועלכע האָבן געהאַט די זיבן געפעסן, וואָס זענען
געווען אָנגעפילט מיט די זיבן לעצטע מכות, און
האָט גערעדט מיט מיר, אַזוי צו זאָגן: קום, איך
10 וועל דיר ווייזן די כלה, דעם לעמעלעס ווייב. און
האָט מיך אַוועקגעפירט אינם גייסט אויף אַ גרויסן
און הויכן באַרג, און מיר געוויזן די הייליקע שטאָט
11 ירושלים, אַראָפּנידערן אויס דעם הימל פון ג״ט,
האָבנדיק ג״טס חן; איר ליכט איז געווען גלייך
צום טייערסטן שטיין, ווי אַ יאַספּיס שטיין,
12 לויטער קריסטאַל; האָבנדיק אַ גרויסע און הויכע
מויער, מיט צוועלף טויערן, און אויף די טויערן
צוועלף מלאכים; און נעמען זענען געווען אויפ־
געשריבן, וואָס זענען די נעמען פון די צוועלף
13 שבטים פון די קינדער ישראל; פון מזרח־זייט דריי
טויערן, און פון צפון־זייט דריי טויערן, און פון
דרום־זייט דריי טויערן, און פון מערב־זייט דריי
14 טויערן. און די מויער פון דער שטאָט האָט צוועלף
פונדאַמענטן, און אויף זיי זענען די צוועלף
נעמען פון די צוועלף שליחים פון דעם לעמעלע.
15 און דער, וואָס האָט מיט מיר גערעדט, האָט
געהאַט אַ מאָסשטאַב, אַ גאָלדענעם שטעקן, כדי
צו מעסטן די שטאָט און אירע טויערן און איר
16 מויער. און די שטאָט ליגט פירעקיק, און איר לענג
איז אַזוי־פיל ווי איר ברייט; און ער האָט געמאָסטן

די שטאָט מיט דעם שטעקן, צוועלף טויזנט סטאַ־
דיען; איר לענג און ברייט און הויך זענען גלייך.
17 און האָט געמאָסטן איר מויער, הונדערט און
פיר און פערציק איילן, ווי די מאָס פון אַ מענטשן,
18 דאָס הייסט פון אַ מלאך. און דער בוי פון איר מויער
איז יאַספּיס; און די שטאָט איז פון לויטער גאָלד,
19 ענלעך צו לויטער גלאָז. די פונדאַמענטן פון דער
מויער פון דער שטאָט זענען באַצירט מיט כלערליי
טייערע שטיינער. דער ערשטער פונדאַמענט, אַ
יאַספּיס; דער צווייטער, אַ סאַפּיר; דער דריטער,
20 אַ כאַלצעדאָן; דער פערטער, אַ סמאַראַגד; דער
פינפטער, אַ סאַרדאָניקס; דער זעקסטער, אַ רובין;
דער זיבעטער, אַ כריזאָליט; דער אַכטער, אַ בעריל;
דער ניינטער, אַ טאָפּאַז; דער צענטער, אַ כריזאָ־
פּראַס; דער עלעפטער, אַ היאַצינט; דער צוועלפ־
21 טער, אַן אַמעטיסט. און די צוועלף טויערן
זענען צוועלף פּערל, איטלעכעס איינע טויער איז
געווען פון איין פּערל; און די גאַס פון דער שטאָט
22 לויטער גאָלד, ווי דורכזיכטיק גלאָז. און קיין
היכל האָב איך אין איר נישט געזעען; וואָרום דער
האַר ג־ט, כביכול, און דאָס לעמעלע זענען איר
23 היכל. און די שטאָט דאַרף נישט האָבן די זון, נישט
די לבנה, זי צו באַלויכטן; וואָרום דער כבוד פון
ג־ט האָט געשיינט איבער איר, און דאָס לעמעלע
24 איז איר ליכט. (ישעיהו ס, יט.) און די פעלקער וועלן
וואַנדלען אין איר ליכט; און די מלכים פון דער ערד
25 ברענגען זייער הערלעכקייט צו איר. און אירע
טויערן וועלן נישט פאַרשלאָסן ווערן בייטאָג; וואָרום
26 עס וועט דאָרטן נישט זיין קיין נאַכט; און מען
וועט ברענגען צו איר דעם כבוד און די פּראַכט
27 פון די פעלקער; און עס וועט בשום אופן אין

איר נישט אַריינגיין קיין שום טמא זאַך, און ווער
עס טוט אומווירדיקייט און שקר; נאָר די,
וואָס זענען איינגעשריבן אין דעם לעמעלעס ספר
החיים·

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

1 און ער האָט מיר געוויזן אַ שטראָם פון וואַסער
פון לעבן, קלאָר ווי קריסטאַל, וואָס איז אַרויס־
געגאַנגען פון ג־טס כסא הכבוד און פון דעם לעמעלע,
2 אינמיטן פון איר גאַס· און פון דער זייט און פון
יענער זייט פון דעם טייך אַ בוים פון לעבן, וואָס
ברענגט צוועלף מאָל פּירות, און גיט יעדן חודש
זיין פרוכט; און די בלעטער פון דעם בוים זענען
3 פאַר אַ רפואה צו די פעלקער· און עס וועט מער
נישט זיין קיין פלוך; און ג־טס כסא־הכבוד און
דעם לעמעלעס וועט זיין אין איר; און זיינע קנעכט
4 וועלן אים דינען; און וועלן זעען זיין פּנים; און
5 זיין נאָמען וועט זיין אויף זייערע שטערנס· און
קיין נאַכט וועט מער נישט זיין; און מען דאַרף
נישט דאָס ליכט פון קיין לייכטער, נישט דאָס
ליכט פון דער זון; ווייל ג־ט דער האַר וועט לויכטן
איבער זיי; און זיי וועלן קעניגן לעלמי עולמים·
6 און ער האָט צו מיר געזאָגט: די דאָזיקע ווערטער
זענען באַגלויבט און וואָרהאַפטיק; און דער האַר,
דער ג־ט פון די גייסטער פון די נביאים, האָט
געשיקט זיין מלאך, צו ווייזן זיינע קנעכט, וואָס
7 עס דאַרף געשעען אינגיכן—און זע, איך קום
באַלד—וואויל איז דעם, וועלכער היט אָפּ די
ווערטער פון דער נבואה פון דעם דאָזיקן ספר·
8 און איך, יוחנן, בין דער, וואָס האָט געזעען און
געהערט די דאָזיקע זאַכן· און ווען איך האָב זיי

געהערט און געזעען, בין איך אַנידערגעפאַלן, כּדי
זיך צו בוקן פאַר די פיס פון דעם מלאך, וועלכער
9 האָט מיר זיי געוויזן. און ער האָט צו מיר געזאָגט:
גיב אַכטונג, טו דאָס נישט! איך בין דיין מיטקנעכט
און פון דיינע ברידער, די נביאים, און פון די, וואָס
היטן אָפּ די ווערטער, פון דעם דאָזיקן ספר; צו
ג־ט זאָלסטו דיך בוקן!
10 און ער האָט צו מיר געזאָגט: פאַרחתמע נישט די
ווערטער פון דער נבואה פון דעם דאָזיקן ספר;
11 וואָרום די צייט איז נאָענט. ווער עס טוט אומרעכט,
דער זאָל ווייטער טון אומרעכט; און דער טמא זאָל
ווייטער זיין טמא; און דער צדיק זאָל ווייטער
עוסק זיין אין צדקות; און דער קדוש זאָל זיך
12 ווייטער הייליקן! זע, איך קום באַלד; און מיין
שכר איז מיט מיר, צו פאַרגעלטן יעדן איינעם לויט
13 זיין טון. איך בין דער אלף און דער תיו, דער
ערשטער און דער לעצטער, דער אָנהויב און דער
14 סוף. וואויל איז די, וועלכע וואַשן זייערע קליידער,
כּדי זיי זאָלן האָבן רשות צום עץ החיים, און
זאָלן אַריינקומען דורך די טויערן אין דער
15 שטאָט אַריין. אינדרויסן זענען די כלבים און די
מכשפים און די זונים און די רוצחים און די געצנ־
דינער, און יעדער איינער, וועלכער האָט ליב און
איז עוסק אין שקר.
16 איך, ישוע, האָב געשיקט מיין מלאך, עדות צו
זאָגן צו אייך די דאָזיקע זאַכן פאַר די קהילות. איך
בין דער שורש און דער שטאַם פון דוד, (ישעיהו
17 יא, א, י.) דער העלער מאָרגנשטערן. און דער גייסט און
די כלה זאָגן: קום! און זאָל דער הערער זאָגן: קום!
און דער דורשטיקער זאָל קומען; און ווער עס וויל
זאָל נעמען פונם וואַסער פון לעבן אומזיסט.

18 איך זאָג עדות צו יעדן איינעם, וועלכער הערט
די ווערטער פון דער נבואה פון דעם דאָזיקן ספר:
ווען עמיצער וועט צולייגן צו זיי, וועט ג־ט אַרויפ־
לייגן אויף אים די מכות, וואָס שטייען געשריבן
19 אין דעם דאָזיקן ספר; און אויב עמיצער וועט אָוועק־
נעמען פון די ווערטער פון דעם ספר פון דער
דאָזיקער נבואה, וועט ג־ט אָוועקנעמען זיין חלק
פון דעם בוים פון לעבן און פון דער הייליקער
שטאָט, דערפון וואָס שטייט געשריבן אין דעם
דאָזיקן ספר.

20 דער עדות פון די דאָזיקע זאַכן זאָגט: יאָ, איך
קום באַלד. אמן; קום האַר ישוע!

21 דער חסד פון דעם האַר ישוע זאָל זיין מיט אייך
אַלעמען. אמן.